STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06271

# YISROEL IN KRIG

David Ben-Gurion

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ישראל אין קריג



ד. בן-גוריון

דוד
בן־גוריון

# ישראל אין קריג

אַרויסגעגעבן דורך דער
פועלי ציון אָרגאַניזאַציע
אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד
און די פיאָנערן פרויען

ניו יאָרק 1951

די העברעאישע אויסגאַבע פון בוך א. נ. „בהלחם ישראל״ איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך דער מפא״י אין ישראל און איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק דורך יהודה ארז.

די אידישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן דורך ישראל ריטאוו (ישראל). ל. שפיזמאַן האָט רעדאַגירט די אידישע איבערזעצונג און צוגעגרייט דאָס בוך צום דרוק.

אַלע רעכט פאַרבאַהאַלטן

*Copyright* 1951 *by*
MAPAI, ISRAEL

*Printed in the U.S.A. by*
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

253

לצבא הגנה לישראל —
בנאמנות ובאהבה.

— — — מְשַׁוֶּה רַגְלַי כָּאַיָּלוֹת,
וְעַל בָּמֹתַי יַעֲמִידֵנִי.
מְלַמֵּד יָדַי לַמִּלְחָמָה
וְנִחֲתָה קֶשֶׁת־נְחוּשָׁה זְרוֹעֹתָי.
וַתִּתֶּן־לִי מָגֵן יִשְׁעֶךָ,
וִימִינְךָ תִסְעָדֵנִי, וְעַנְוָתְךָ תַרְבֵּנִי.
תַּרְחִיב צַעֲדִי תַחְתָּי,
וְלֹא מָעֲדוּ קַרְסֻלָּי.
אֶרְדּוֹף אוֹיְבַי וְאַשִּׂיגֵם,
וְלֹא אָשׁוּב עַד כַּלּוֹתָם.
אֶמְחָצֵם וְלֹא יֻכְלוּ קוּם,
יִפְּלוּ תַּחַת רַגְלָי.
וַתְּאַזְּרֵנִי חַיִל לַמִּלְחָמָה,
תַּכְרִיעַ קָמַי תַּחְתָּי.
וְאֹיְבַי נָתַתָּה לִּי עֹרֶף
וּמְשַׂנְאַי אַצְמִיתֵם.

(תהלים י״ח, ל״ד–מ״א)

צו צבא הגנה לישראל —
מיט טרייסאפט און ליבע.

– – – ער מאַכט מיינע פיס גלייך ווי די הינדן,
און אויף מיינע הייכן טוט ער מיך שטעלן.
ער לערנט מיינע הענט צו מלחמה,
און אַ קופערנעם בויגן בייגן אַראָפּ מיינע אָרעמס.
און האָסט מיר געגעבן דעם שילד פון דיין הילף,
און דיין רעכטע האַנט לענט מיך אונטער,
און דיין מילדקייט טוט מיך גרייסן.
האָסט דערברייטערט מיין טריט אונטער מיר,
און ניט אויסגעגליטשט האָבן זיך מיינע קנעכלעך.
איך האָב געיאָגט מיינע פיינט און זיי דערגרייכט,
און זיך ניט אומגעקערט ביז איך האָב זיי פאַרלענדט.
איך האָב זיי צעהאַקט, אַז זיי קענען ניט אויפשטיין;
זיי זיינען געפאַלן אונטער מיינע פיס.
און האָסט מיך באַגורט מיט שטאַרקייט פאַר מלחמה,
האָסט געבייגט מיינע קעגנשטייער אונטער מיר.
און מיינע פיינט האָסטו געמאַכט מיטן נאַקן צו מיר,
און מיינע שונאים—זיי האָב איך פאַרשניטן.

(תהלים י״ח, ל״ד–מ״א)

# אינהאַלט:


אנשטאָט אַ הקדמה ........................... 11
די פאָרשטייענדע אויפגאַבן פון דער הגנה ............ 19
אַ בריוו צום הויך־קאָמיסאַר .................... 25
אין אויסנאַם־צושטאַנד ........................ 27
מיט כח און מיט פאַרשטאַנד ................... 30
צו אַן איבערברוך ........................... 41
די פּראָבלעמען פון זיכערקייט און פאַרטיידיקונג ........ 46
דער כח וועט דעצידירן ....................... 61
דער טאָפּלטער קאַמף ........................ 63
אונזערע קאַמף־וועגן ........................ 72
דער צוריקטריט פון אַמעריקע ................... 87
עס וועט באַשטימט ווערן אַ פאָלקס־פאַרוואַלטונג ......... 89
זיכערקייטס־רעזשים .......................... 90
וואָס לערנען מיר פון דעם פיר־חדשמדיקן געראַנגל ........ 95
די קאָמפּעטענצן פון דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג ........... 109
אַ בריוו צו די מיטגלידער פון דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג ...... 111
אַ ראַדיאָ־רעדע פון ערב פסח תש״ח ................ 113
אַן איבערזיכט פון דער לאַגע ................... 115
אם אשכחכם אנשי ירושלים ................... 123
וועלן מיר זיך קעגנשטעלן דער אינוואַזיע ? ............ 124
זיכערקייט און אומאָפּהענגיקייט .................. 128
דאָס ערשטע יאָר פון אידישער פרייהייט .............. 131
אַן איבערזיכט פון דער מיליטערישער און פּאָליטישער לאַגע 133
אַ ראַדיאָ־רעדע וועגן דער פייער־פּויזע .............. 145
אין די טעג פון דער פייער־פּויזע .................. 147
צו שלום און צו מלחמה ...................... 152
פון אַן אונטערערדישער הגנה צו אַ רעגולערער אַרמיי ...... 167
די שיף „אַלטאַלענאַ" ........................ 190
וועגן ירושלים ............................ 206
געשפּאַנט אַנטקעגן די קומנדיקע טעג ................ 211
מיטן פּנים צו די קומענדיקע טעג .................. 217
אַ פּאַן ................................ 228
כ׳ תמוז ................................ 229
די זאָרג פאַר דער משפחה פון דעם **זעלנער** ............ 234
ווי אַזוי וועט אויפגעשטעלט ווערן די **מדינה**............. 238
אַ היסטאָרישער איבערברוך .................... 245

# א י נ ה אַ ל ט


וי אַזוי וועלן מיר אויפנעמען די קומנדיקע טעג ........... 260
וועגן דאָס ספּעציפישע אין פּלמ״ח ...................... 278
דער מאָרד פון גראַף בערנאַדאָט און קאָלאָנעל סאראָ ....... 290
צום פאָלק ישראל ........................... 301
אַ קאָמבינירטער קאַמף .......................... 305
ראש השנה־וואונטשן צו צבא הגנה לישראל ........... 313
אַ בריוו צו אַ חבר אין פּלמ״ח .................... 315
גבורה, פאַרשטאַנד און וויזיע .................... 325
צו דער באַפרייאונג פון נגב ...................... 330
צום שלוס פון ערשטן יאָר פון אונזער לופט־אַרמיי ......... 331
די דרום־אַקציע ............................. 333
צו יונגע קאָמאַנדירן ........................... 343
אַן אַרמיי צו פאַרטיידיקן און צו בויען ................ 351
די רעהאַביליטאַציע פון די באַפרייטע זעלנער ............ 365
אַ פּאָליטישע איבערזיכט ........................ 372
צוויי דאַטומס ............................. 383
כביש הגבורה ............................. 387
קבוץ גליות אין דער אַרמיי ...................... 391
די נגב־אַקציע ............................. 395
אַנשטאָט אַ סך הכול .......................... 400
וועגן די זין, וואָס זענען געפאַלן .................. 408
די כראָנאָלאָגיע פון די געשעענישן .................. 410

# אנשטאָט אַ הקדמה

די ווערטער, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך, קומען ניט דערציילן די געשיכטע פון דער מלחמה פאַרן אויפקום פון ישראל. עס איז נאָך ניט געקומען די צייט צו שרייבן די געשיכטע פון דער מלחמה פון ישראל אין אונזערע טעג. פאָרלויפיק קען מען בלויז זאַמלען מאַטעריאַל, מען קען אויך מאַלן איינצעלנע געשעענישן אָדער געוויסע שטופן פון דעם דאָזיקן גראַנדיעזן ווערק. צוליב פאַרשיידענע מאָטיוון קען מען נאָך ניט פאַר־עפנטלעכן באַשטימטע וויכטיקע קאַפּיטלען פון דער קריגס־געשיכטע, ווי — למשל — דער אַנטשיידנדער קאַפּיטל פון אונזער אויסשטאַטונג און באַ־וואָפענונג אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט. אויך די געשיכטע פון אונזער כוחות־דיספּאָזיציע פאַר דער אינוואַזיע און נאָך איר, איז גלייכער פאָרלויפיק צו פאַרשווייגן. עס איז נאָך אויך צו־פרי צו דערציילן מיט אַלע פּרטים וועגן פאַרשיידענע מלחמה־אָפּעראַציעס, וועלכע מיר האָבן איני־ציִרט. מיר קענען נאָך ליידער ניט זען די מלחמה, אַלס אַ פאַרענדיקטע און אָפּגעשלאָסענע. קיינער פון אונזערע פיינד האָט נאָך ניט געשלאָסן קיין שלום־בונד, און פאַקטיש שטייען מיר נאָך דערווייל אין אַ פּאַוזע פון פייער־פויזע; מיר גלויבן, אַז די פייער־פויזע וועט לאַנג דויערן און וועט מיט זיך אין דער אמתן פאַרשטעלן אַ וואָפנשטילשטאַנד, אָבער דאָס גענוגט נאָך ניט כדי צו באַטראַכטן די מלחמה בלויז אַלס זאַך פון דער פאַרגאַנ־גענהייט.

דאָס זיינען ניט די איינציקע סיבות, וואָס האַלטן אָפּ פון שרייבן די געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־מלחמה. מיר האָבן נאָך ניט קיין געשריבענע געשיכטע פון דער הגנה. און אָן דער געשיכטע פון דער הגנה — איז אומ־מעגלעך צו שרייבן די געשיכטע פון דער מלחמה.

אמת, דער באַפרייאונגס־קריג איז ניט דאָס לעצטע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער הגנה — נאָר דאָס ערשטע קאַפּיטל אין דער נייער עפּאָכע פון דער געשיכטע פון פּאַטערלאַנד און דער נאַציע. עס איז פונדאַסניי אַנט־שטאַנען אַן עפּאָכע, אין וועלכער עס גיסן זיך צונויף אינאיינעם די גע־שיכטע פון דער אידישער אומה און די געשיכטע פון דעם אידישן פאַטער־לאַנד — הגם מיר זיינען נאָך ווייט פון אַ פולן צונויפגוס. די מלחמה פאַר אונזער זעלבסטשטענדיקייט איז אַן איבערברוך־פּונקט אין דער געשיכטע פונם פאָלק ישראל ניט ווייניקער פון דער מלחמה פון יהושע בן־נון אָדער די מלחמה פון די חשמונאים. די מלחמה איז אָבער ניט געווען קיין פּלוצימ־דיקע ווענדונג, וואָס איז געשען אין דער רגע פון אויסברוך, פּונקט ווי די מדינת־ישראל איז ניט אַנטשטאַנען דעם פערצנטן מאַי 1948 — אין דעם מאָמענט פון איר פּראָקלאַמירונג. דאָס קאָלאָניזאַטאָרישע ווערק פון דריי חלוצישע דורות, — פון די גרינדער פון פּתח־תקוה און ביז צו די וואַסער־

רערן־לייגער אין דעם נגב הצפוני, — דאָס לייגן דעם פונדאַמענט פון דער מדינה, און דער מאַניפעסט פון דעם 14־טן מאַי — האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ היסטאָרישן סך־הכל פון אַן אָרגאַנישער שאַפונג, וואָס איז געוואַקסן אין פאַרלויף פון זיבעציק יאָר און האָט פונדאָסניי אויסגעפאָרעמט אונזער נאַציאָנאַלן, ווירטשאַפטלעכן, קולטורעלן און אַדמיניסטראַטיוון אויפקום. אויך דער קאַמף פון ישראל קעגן זעקס אַראַבישע מדינות, איז ניט קיין פועל־יוצא פון אַ מאָמענטאַנער כוח־אויפפלאַקערונג — אַזאַ מין יש מאַין — אָדער פון אַן אויפברויז פון פאַרשטעלטע און באַהאַלטענע קוואַלן. די הגנה — מיט איר טעטיקייט, דערציאונג, פּלאַנירונג און אָרגאַניזאַציע — האָט אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן צוגעגרייט די יוגנט און דעם ישוב צו דער באַפרייאונגס־מלחמה. ניט קענענדיק די גאַנצע געשיכטע פון דער אידישער הגנה פון אירע ערשטע טעג אָן, און באַזונדערס פון זינט די טעג פון תל־חי און ווייטער — איז אוממעגלעך צו קענען און פאַרשטיין דעם סוד פון דער פענאָמענאַלער גבורה פון דער רעסטאַווריטער מדינת־ישראל אין איר שטעלן זיך קעגן די זעקס שכנותידיקע מדינות.

צבא הגנה לישראל האָט געהאַט אַן אויסשטאַטונג און אַ באַוואָפענונג, וואָס די אומלעגאַלע הגנה, אונטער אַ פרעמדער מאַכט, האָט אַזעלכע ניט געהאַט און ניט געקענט האָבן. — קיינער וועט ניט פאַרמינערן דעם אַנטשיידענעם ווערט פון דער אויסשטאַטונג, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם צבא הגנה לישראל אין זיין היסטאָרישן געראַנגל: האַרמאַטן, שווערע קוילנוואַרפער, קריגס־אַעראָפּלאַנען, באָמבערס, פאַנצער־אויטאָמאָבילן און טאַנקען, די צושטערערס אויפן ים, אַנטי־לופט און אַנטי־טאַנק־געווער און אַ. ז. וו., — אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען ניט געווען אין די הענט פון דער הגנה. אָן די דאָזיקע אַלע כלים וואָלטן מיר ניט אויסגעהאַלטן — אָבער ניט מיט זייער הילף האָבן מיר געזיגט. דעם פיינדס אויסשטאַטונג מיט כלערליי געווער האָט איבערגעשטיגן אונזער אויסשטאַטונג, און ניט דאָס האָט דעצידירט אין דעם קריג. **דעצידירט האָט דער מענטש**, וואָס אין זיינע הענט זיינען געגעבן געוואָרן דער האַרמאַט און דער אַעראָפּלאַן, דער טאַנק און דער ים־צושטערער. און **דעם דאָזיקן קעמפנדן מענטש** האָבן מיר באַקומען בירושה פון דער הגנה. און — הגנה מיינט — די אידישע מיליטערישע איינהייטן פון דער ערשטער און פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, גלייך ווי זי מיינט די איינהייטן פון חי״ש, פו״ש און פלמ״ח און אַלע אַנדערע הגנה־פאָרמאַציעס. די דאָזיקע אַלע כוחות האָבן זיך אין פאַרלויף פון יאָרן דערצויגן און געשולט אויף דער פאַרטיידיקונג פון תל־חי; חולדה, ירושלים און אַלע אַנדערע ישוב־פונקטן, וואָס זיינען אָנגעגריפן געוואָרן אין די טעג פון די „געשענישן" אין 1920, 1921, 1929, 1936—1939, און אין די טעג פון דעם געראַנגל מיטן רעזשים פון דעם ווייס־בוך; און אָן די דאָזיקע כוחות, גלייך ווי אָן דער קאַמפס־דערפאַרונג און אָן דער מיליטערישער צוגרייטונג, וואָס אונזערע באַטאַליאָנען האָבן באַקומען אין אַלענביס אָקופּאַציע־אַרמיי אין די יאָרן 1917—1918 או אין די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע אין דער

מלחמה קעגן היטלערן אין די יאָרן 1941—1945 — וואָלט ניט אַנטשטאַנען צבא הגנה לישראל און מיר וואָלטן ניט דערגרייכט דעם 4־טן מאַי 1948.

די אָפיציעלע אינוואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען האָט זיך אָנגעהויבן דעם פופצנטן מאַי, נאָך האַלבער נאַכט, ווען עס האָט זיך אָפיציעל פאַרענדיקט די מאַכט פון דער מאַנדאַט־רעגירונג. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט יענע נאַכט גערעדט צו אַמעריקע פון דער הגנה־ראַדיאָ־סטאַנציע אין תל־אביב, וואָס איז יענע נאַכט אַרויס פון דער „אונטערגרונט" און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ראַדיאָ־סטאַנציע פון די זיכערקייטס־כוחות אין ישראל (צבא־הגנה־לישראל האָט נאָך דאַן ניט עקזיסט־רט; ערשט דעם 31־טן מאַי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ טאָג־באַפעל צו דער אויפשטעלונג פון צה"ל). אין דער ראַדיאָ־אוידיציע האָב איך זיך אין קורצן אָפּגעשטעלט אויף דעם געראַנגל זינט דעם באַשלוס פון דער יו־ען (פאַראייניקטע פעלקער) פון דעם 29־טן נאָוועמבער; אויף דער מלחמה־דערקלערונג מצד די אַראַבישע מדינות — מיטגלידער אין דער יו־ען — קעגן ישראל און קעגן דעם אויטאָריטעט פון דער יו־ען; אויף די געפאַרן, וואָס שטייען אונז פאָר, און אויף אונזער גרייטקייט צום קאַמף, אויב אַפילו מען וועט מיט אונז מלחמה האַלטן אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט. אין דער צייט פון מיין רעדע זיינען פון מצרישע קריגס־אַעראָפּלאַנען געפאַלן די ערשטע לופט־באָמבעס — ניט ווייט פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע. דער רעש איז געווען אַ מוראדיק־שרעקלעכער, אָבער איך האָב זיך צוגעוואוינט צום דאָזיקן רעש אין די טעג פון דעם נאַצי־„בליץ" אין לאָנדאָן, זומער 1940 — האָב איך רואיק פאַרענדיקט מיין רעדע, דערציילנדיק, אַז אָט אין דעם מאָמענט איז תל־אביב באָמבאַרדירט געוואָרן דורך פיינדלעכע אַעראָפּלאַנען. באַלד נאָכן פאַרענדיקן די אוידיציע האָב איך געאיילט צום באָמבאַרדירטן פּלאַץ: דער תל־אביבער עראָדראָם און די עלעקטרי־סטאַנציע אויפן נאָמען פון רעדינג האָבן געדינט אַלס ציל פאַר דער ערשטער פיינדלעכער אַטאַקע. אומקערנדיק זיך פו אַעראָדראָם צו זיך אַהיים, האָב איך אונטערוועגס געזען די געזיכטער פון תל־אביבער איינוואוינער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אַלע פענסטער. דאָס איז געווען פאַרטאָג, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען. אין די געזיכטער פון די אַרויסקוקער האָב איך געזען זאָרג — איך האָב אָבער ניט געפונען קיין סימן פון בהלה און פחד. האָב איך געוואוסט ביי זיך אין האַרץ: די וועלן אויסהאַלטן. דער דאָזיקער אינערלעכער כוח איז געווען אַן אויסדרוק פון דעם בטחון, וואָס די הגנה האָט איינגעפלאַנצט אין דעם האַרץ פון דעם ישוב אין פאַרלויף פון די $5\frac{1}{2}$ מאָנאַטן פון זינט דעם 30־טן נאָוועמבער 1947 ביז צום 14־טן מאַי 1948; און דאָס איז געווען דער בטחון, וואָס די הגנה האָט איינגעפלאַנצט אין דעם האַרץ פון דעם ישוב אין די יאָרן ביז 1947. הגם דער ישוב איז געווען באַזאָרגט און האָט ניט געוואוסט צי האָבן מיר דאָס נויטיקע געווער — אַעראָפּלאַנען, האַרמאַטן און טאַנקען — האָט ער געהאַט צוטרוי צו דעם כוח פון דער הגנה און צו איר שטאַנדהאַפטיקייט. דער דאָזיקער צוטרוי האָט געשטאַמט פון דער איבערגעגעבנקייט

פון דער הגנה, פון איר פּריוויליקייטס־גייסט, פון איר געטריישאַפט און העלדישקייט אין פאַרלויף פון יאָרן, אַ סך יאָרן, אין אַלע עקן פון ישוב — אין שטאָט און אין דאָרף, אין עמק און אין גליל, אין שומרון און אין יהודה, אין דרום און אין נגב, אויפן באַרג און אין טאָל, אין די צענטרען פונם אידישן כוח און אין פאַרוואָרפענע איזאָלירטע פונקטן.

דער דאָזיקער צוטרוי פון דעם ישוב צו דער הגנה איז געווען אַ זיכערער שטיצפונקט אין די ביטערע און שרעקלעכע נסיון־טעג פון פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה און נאָך איר. גאָר ווייניק מענטשן האָבן געוואוסט, וואָס איז דער ווירקלעכער כוח פון דער הגנה אויפן געביט פון אויסשטאַטונג און טעכניק. אָבער אין יסוד פון דעם צוטרוי איז געלעגן דאָס, וואָס אַלע האָבן אינסטינקטיוו און טיף — אפשר אונטער דעם באַוואוסטזיין — געוואוסט, אַז דער הגנה־מענטש איז געטריי ביז צום סוף און אַז ער וועט קעמפן, שטרייטן און בייקומען ! דאָס דאָזיקע וויסן איז געווען באַגרינדעט און האָט ניט אַנטוישט.

---

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט — פון שטאַנדפּונקט פון דעם קעמפנדיקן מענטש — ווערט די געשיכטע פון דעם ישראל־קריג אַמגעטרייסטן און אַמטיפסטן פאַרצייכנט אין די זכרונות פון די פראָנט־לייט וועגן זייערע פערזענלעכע מעשים און איבערלעבונגען אין די אָפּעראַציעס און שלאַכטן, לויט ווי עס איז דורך זיי דערציילט געוואָרן אין זאַמלביכער און בראָשורן, געווידמעט דער פאַרטיידיקונג פון אַ געוויסן פּונקט אָדער אַ באַשטימטער קריגס־אָפּעראַציע ; צום ביישפּיל : „דער טאָג פון גזר" ; „עין־גב אין געראַנגל" ; „כנרת אין די טעג פון נסיון" ; („בשער") — וועגן דגניה בי אין די שלאַכטן ; „בפרוץ הסער" (מיטן אויסברוך פונם שטורם) — וועגן נגבה ; „על אם הדרך" (אין מיטן דעם וועג) — וועגן קרית ענבים ; „מעוז ציון" (די פעסטונג פון ציון) ; „קאַפּיטלעך פון דער הגנה־געשיכטע אין תל־אביב" ; „בסער ביום סופה" (מיט שטורם אין טאָג פון געוויטער) — וועגן דגניה אי ; „די מגילה פון דער אַלטער שטאָט" ; ניצנים אין באַלאַגערונג און אין געראַנגל" ; „קאַפּיטלען פון דעם ישראל־קריג" ; „די נגב־בריגאַדע אין קאַמף" ; „אין די פעלדער פון פלשת". — איך באַצייכן בלויז דאָס, וואָס איך האָב באַוויזן ביז איצט דורכצולעזן. און פילייכט מער ווי פון די זכרונות, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן לאחר המעשה, קען מען לערנען פון דער ירושה, וואָס איז פאַרבליבן פון די געפאַלענע קעמפער — פון געדאַנקען, בריוו, פאַרצייכענונגען, ליטעראַרישע און טעאָרעטישע שריפטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין דער קינדהייט און אין די יוגנט־יאָרן — צו עלטערן, חברים, חברות און צו זיך אַליין, צי נאָך זיצנדיק אויפן שולבאַנק אָדער באַטייליגנדיק זיך שוין אין דער אַרבעט פון דער ווירטשאַפט אָדער פון דער הגנה, — שריפטן פון הלל לביא, די ברידער אפרים און צבי גובאר, טוביה קושניר, שמואל קויפמאַן, רפי מאלעץ, זוהר דיין, בת־שבע אַלטשולער, איתמר גולני, יצחק לבנה, מודי אלון, חיים בן־דור, נועם גראָס־

מאַן, יצחק זמיר, דוד פּראַדקין, יהושע גלויבערמאַן, בילו אילון (־וואַר־כאַווסקי), נחום זרחי, בן־עמי, משה כהן (אויך דאָ רעכן איך אויס נאָר די שריפטן, וואָס זיינען דערגאַנגען צו מיר און איך האָב זיי אַליין געלעזן); דאָסגלייכן — די קאָלעקטיווע שריפטן וועגן די פינף און דרייסיק; „די, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן" — צום אָנדענק פון די קינדער פון נהלל; „לדמותם" (צו זייער געשטאַלט) — צום אָנדענק פון די קינדער פון תל־יוסף; „בנים" (זין) — צום אָנדענק פון די קינדער פון עין־חרוד; „די זיבן" — צום אָנדענק פון די היטער פון חולון; צו די אַלע דאַרף מען נאָך צוגעבן אַ סך שריפטן, וואָס זיינען געזאַמלט און וואָס זיינען ניט געזאַמלט געוואָרן, פון זין פון דאָרף און שטאָט, פון אַלע שיכטן און עדות, פון ארץ־ישראלדיקע און אויסלענדישע. דעם סוד פון אונזער נצחון — פאַר דער אינוואַזיע און נאָך דער אינוואַזיע — קען מען געפינען אין די ווערטער פון די קעמפער, — ווייל עס האָט געזיגט דער גייסט, וואָס שוועבט איבער זייערע ווערטער.

נאָר גאָר ווייניק פון דער דאָזיקער טראַגישער און פּרעכטיקער ירושה איז ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָבער אויך מיט דעם ביסל איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל — ניט פון שטיין און מאַרמאָר, נאָר פון אַן אומשטערבלעכן גייסט, צו פאַראייביקן די פּראַכט פון דער גבורה פון אַ נייעם דור אין ארץ ישראל — דער לעצטער דור פון פאַרשקלאַפונג און דער ערשטער צו גאולה. אין דעם אַרכיוו פון צבא־הגנה־לישראל און ביי די עלטערן געפינט זיך נאָך אַ סך רייכער מאַטעריאַל, וואָס ערשט נאָכדעם ווי מיר וועלן אים פאַרעפנטלעכן, וועלן מיר וויסן, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן אין דעם איצטיקן קריג, וואָס מיר רופן באַפרייאונגס־קריג, און מיר וועלן אויך וויסן, פונוואַנען די דאָזיקע אינגלעך האָבן געשעפּט זייער שטאַרקן גייסט, זייער איידעלע נשמה און זייער העלדישן אָרעם, און מיר וועלן וויסן די ברכה פון די עלטערן — די מאַמעס און די טאַטעס — וואָס האָבן זייער פאָלק געגעבן פרייהייטס־קעמפער. ווער איז גרעסער: די דאָזיקע העלדישע קינדער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַרן אויפקום פון ישראל — אָדער די דאָזיקע טייערע עלטערן, וואָס האָבן דערצויגן אַזאַ דור?

---

מיר ווייסן נאָך ניט, צי איז דער באַפרייאונגס־קריג פאַרענדיקט. אָנדערט־האַלבן יאָר נאָך די שלאַכטן (די לעצטע שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט דעם זיבעטן יאַנואַר 1949); נאָכן שליסן די וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן מיט פיר אַראַבישע מדינות, וואָס האָבן מיט אונז מלחמה געהאַלטן און וואָס געפינען זיך האַרט ביי אונזערע גרענעצן: מצרים, עבר־הירדן, סיריע און לבנון; העכער צוויי יאָר זינט מיר זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיק; נאָכדעם ווי סירוב מדינות אין דער וועלט האָבן אָנערקענט מדינת־ישראל און מיר זיינען געוואָרן אַ גלייכבאַרעכטיקטער און גלייכפליכטיקער מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער — נאָכדעם אַלעמען הענגט נאָך אַלץ די מלחמה־געפאַר איבער אונזער קאָפּ, ווייל די אַראַבישע מדינות און אַנדערע וועלט־כוחות האָבן ניט שלום געמאַכט מיט אונזער עקזיסטענץ,

האָבן ניט שלום געמאַכט מיט דער עקזיסטענץ פון אַ זעלבסטשטענדיק אידיש פאָלק, וואָס הערשט איבער זיין אוראַלט פּאָטערלאַנד.

די כוונה פון די ווערטער, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם דאָזיקן זאַמל־בוך, איז ניט אַזוי צו דערציילן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, ווי צו וואָרענען אין באַצוג צו דער צוקונפט; דאָס איז אויך געווען די כוונה פון די ווערטער בשעת זיי זיינען געזאָגט געוואָרן — מינדלעך אָדער שריפטלעך. כמעט אַלע ווערטער, וואָס זיינען געזאַמלט אין דאָזיקן בוך, זיינען בשעתם געזאָגט אָדער געשריבן געוואָרן אין באַצוג צום מאָרגן. דערווייל איז דער מאָרגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נעכטן, און די פּאָרבאַרייטונגען, אויפקלערונגען און אָרגאַניזירונגען, וואָס דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט זיך מיט זיי באַשעפטיקט אין די גורל־טעג, זיינען ווי אַריבערגעטראָגן געוואָרן צו דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער די זאָרג פאַר דער זיכערקייט פון ישראל איז געבליבן אַקטועל — אין דער פולער ערנסטקייט און דרינגלעכקייט. עס זיינען דאָ זאַכן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן — און דורכגעפירט געוואָרן ענד־גילטיק. דער איבערגאַנג פון הגנה אין אונטערגרונט, פון אַ ישוב וואָס איז אונטערגעוואָרפן אַ פרעמדער מאַכט, צו צבא הגנה וואָס איז סובאָרדינירט דער רעגירונג פון אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק, — אַן איבערגאַנג וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אינערלעכע שטערונגען און שטרויכלונגען, אַ סך ערנס־טערע און שווערערע פון די, וואָס זיינען באַקאַנט דער געזעלשאַפט און וואָס דער לעזער וועט אַרויסלייענען פון דעם דאָזיקן בוך, — דער דאָזיקער איבער־גאַנג איז פאַרענדיקט, און אין זיין גרעסטן טייל געהערט ער איצט צו דער גע־שיכטע. אָבער אַ געשפּאַנטע גרייטקייט קעגנאיבער דער אויסערלעכער געפאַר פאָדערט זיך היינט און מאָרגן ניט ווייניקער ווי נעכטן און אייערנעכטן. און מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז אונזערע פריערדיקע נצחונות זאָלן אונז פאַר־בלענדן און מאַכן אונז צו האָפערדיק. די מיטלען, צוגעגרייטקייט און די קריגס־וועגן און כוחות, וואָס האָבן אונז געניגט אין קריג פון 1948, וועלן בשום אופן ניט געניגן, אויב אונזערע שונאים וועלן אונז ווידער דערקלערן קריג. די גבורה־טראַדיציע פון דער הגנה און פון צבא הגנה לישראל איז זיכער אַ וויכטיקער קוואַל פון כוח און פעסטקייט, אָבער זי וועט אונז ניט ביישטיין אויב מיר וועלן קוקן אויף דער צוקונפט מיט די אויגן פון דעם נעכטן, אויב מיר וועלן זיך גרייטן צום מאָרגן מיט די מיטלען פון דעם נעכטן.

אויך דאָס ווערק פון עליה און קאָלאָניזאַציע איז ניט מער דאָס, וואָס עס איז געווען פאַרן אויפשטעלן די מדינה. דער אונטערשייד איז ניט נאָר אַ קוואַנטיטאַטיווער, עס איז אויך ניט נאָר אַן אונטערשייד אין טעמפּאָ, — נאָר אַ גאָר וועזנטלעכער אונטערשייד. די באַדינגונגען פון אונזער זיכערקייט ענדערן זיך אויך פון טאָג צו טאָג.

די ריזיקע און שנעלע ענדערונגען אין דעם געבוי פון דעם פאָלק און פון דעם לאַנד; די מעגלעכקייטן און שוואַכקייטן פון אַ מאַסן־עליה און פון אַ גרויסצוגיקער קאָלאָניזאַציע; די ענדערונגען און אומוואַנדלונגען אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון אונזערע שכנים, אין דער אָרגאַני־

זירונג פון זייערע זיכערקייט־כוחות, אין זייער אינדוסטריעלער און פּראָפעס־יאָנעלער אַנטוויקלונג און אין דער אָרגאַניזירונג פון זייערע דערציאונגס־און געזונטהייטס־דינסטן; די וואַקסנדיקע אינטערנאַציאָנאַלע שפּאַנונג אין דער וועלט און די שטרעבונגען פון וועלט־כוחות לגבי די לענדער פון דעם מיטעלן מזרח און מדינת ישראל; די אומאויפהערלעכע חדושים אין דער אַנטוויקלונג פון שוץ־ און אָנגריף־מיטלען און אין דעם מענטשנס הערשאַפט איבער די נאַטור־כוחות — דאָס אַלץ פאַרפליכטעט צו פּערמאַנענטע וואַכ־זאַמקייט און פרישקייט אין אונזער זיכערקייטס־געדאַנק און זיכערקייטס־פּלאַנירונג, און צו אַ טאָג־טעגלעכער קאָנטראָל, צי זיינען מיר גרייט צום נייעם מאָרגן.

דער געפערלעכסטער שונא פון דער זיכערקייט פון ישראל איז די פּסיכאָ־לאָגישע אינערציע פון די וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער זיכערקייט. די דאָזיקע פּשוטע גרונט־אידיי האָט מיט מיר אָנגעפירט זינט איך האָב אויפן 22־טן קאָנגרעס איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער זיכערקייט פון דעם ישוב. און דעם דאָזיקן פּשוטן גרונט־געדאַנק האָב איך זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין דעם באַוואוסטזיין פון אַלע חברים, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט מיר באַשעפטיקט מיט דער זיכערקייטס־אַרבעט ביז צו דער מלחמה, בשעת דער מלחמה און נאָך דער מלחמה.

די ווערטער, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך, זיינען אין זייער מערהייט אַ פּראָדוקט פון דעם דאָזיקן פּשוטן גרונט־אמת.

**ד. בן־גוריון**

ט׳ בתמוז תש״י — 1950 .24 .6

# די פאַרשטייענדע אויפגאַבן פון דער הגנה

(דירעקטיוון פאַרן שטאַב)

כדי צו עקזאַמינירן די קאַמף־פעאיקייט פון דער הגנה און פעסטצושטעלן איר אינערלעכע אָרדענונג, אויסשולונג און אויסשטאַטונג, דאַרף מען קלאָר דעפינירן אירע אויפגאַבן פאַר הייַנט און פאַר מאָרגן.

א.

מיט פערציק יאָר צוריק, ווען די אָרגאַניזאַציע „השומר" האָט צום ערשטן מאָל אין ישוב אויפגעשטעלט אַ באַוואָפנטן אידישן כוח, איז די אויפגאַבע געווען אָפּצוהיטן אין די קאָלאָניעס דאָס אידישע לעבן און פאַרמעגן פון אַראַבישע גנבים און רויבער. די דאָזיקע אויפגאַבע איז אויסגעפירט געוואָרן דורך פּראָפעסיאָנעלע שומרים, וואָס האָבן דערצו גע־ווידמעט זייער גאַנצע צייט, זיינען געווען אָרגאַניזירט אין לאַנד־מאַסשטאַב און אונטערגעוואָרפן אַ שטרענגער דיסציפּלין פון צענטראַל־קאָמיטעט, גע־שולט אין באַגיין זיך מיט אַ ביקס און רייטן אויף אַ פערד, געוואוסט ווי אַזוי אַרויסצורופן ביי די אַראַבישע שכנים רעספּעקט צום אידישן כוח און גע־וואַגטקייט, ווי אויך — ווי וויט מעגלעך — איינצוהאַלטן פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויפגעלעזט געוואָרן דער „השומר" און ס׳איז געשאַפן געוואָרן די „הגנה". איר אויפגאַבע איז געווען, צו באַשיצן די אידישע ישובים פון אַראַבישע אָנפאַלן, — ניט פון גנבים און רויבער, נאָר פון באַנדעס, געהעצטע און אָנגעפירטע דורך אַן אַראַבישן פּאָליטישן צענטער. די ערשטע צייט האָט די מאַנדאַט־מאַכט אָנערקענט — דירעקט און אומדירעקט — דאָס רעכט און באַדערפעניש פון אַ אידישער זעלבסט־שוץ. אָבער הגם ס׳האָבן עקזיסטירט לעגאַלע שוץ־כוחות — פּאָליציאַנטן און ספּעציעלע שוץ־לייט (נוטרים) — איז די הגנה ניט געווען לעגאַליזירט און זי האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דער פרעמדער מאַכט.

אין קעגנזאַץ צום „השומר" האָט זיך די הגנה באַזירט ניט אויף פּראָ־פעסיאָנעלע שומרים, נאָר אויף פרייוויליקע, וואָס פון צייט צו צייט גייען זיי דורך איבונגען און וואָס וואַרפן זיך אונטער אַ דיסציפּלין — ניט אַזאַ שטרענגע ווי אין „השומר". ווען ס׳איז נויטיק, דינען די פרייוויליקע אַלס לאָקאַלער גאַרניזאָן, וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפן דער הערשאַפט פון אַ לאַנד־צענטער.

ווען די אומרוען און דער אַראַבישער טעראָר האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָבן זיך אַלץ מער פאַרפעסטיקט די קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען פון די לאָקאַלע הגנה־אָרגאַניזאַציעס און ס׳איז ביסלעכווייז אַנטשטאַנען אַ צענטראַלע מאַכט, וואָס האָט געשאַפן דעם געהעריקן קאָנטאַקט צווישן די אָרטיקע אָפּ־

טיילונגען און האָט געזאָרגט פאַר די אַלגעמיינע באַדערפעניש פון דער „הגנה". די לעצטע צען יאָר האָבן מער ניט עקזיסטירט קיין סעפּאַראַטע לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען פון דער הגנה, דאָך איז די קאָמפּעטענץ פון דער צענטראַלער מאַכט פאַקטיש געבליבן באַגרענעצט.

אין דער צייט פון די אומרוען, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע מאָביליזירטע מיליטערישע איינהייט אונטערן נאָמען פו"ש (פלוגות־שדה: פעלד־אָפּטיילונגען), און אין אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ באַזונדערע, מאָביליזירטע שטורם־פאָרמאַציע, וואָס האָט זיך באַזירט אויף אַרבעט און אויף איבונגען, און וואָס האָט געלעבט פון אַרבעט און לאַנדווירטשאַפט, מיטן נאָמען — פלמ"ח (פלוגות־מחץ: שטורם־אָפּטיילונגען).

אין יאָר 1939, נאָכדעם ווי ס'איז געוואָרן אָנגענומען דער קורס פון פאַררעטערישן „ווייס־בוך", איז די הגנה געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נייער אויפגאַבע: צו שיצן די רעכט פונם אידישן פאָלק קעגן די אַטענטאַטן פון דער ווייס־בוך־רעגירונג. דער אַראַבישער פראָנט איז דאַן כמעט גענצלעך פאַרשוואונדן געוואָרן, — ניטאָ מער קיין אַראַבישע איבערפאַלן, אַפילו ניט קיין פּרואוו צו אַן איבערפאַל.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך די דאָזיקע נייע אויפגאַבע פון דער הגנה געקרייצט מיט אַ כמעט קעגנגעזעצטער אויפגאַבע: צוזאַמענצואַרבעטן מיט דער בריטישער אַרמיי אין קאַמף קעגן דעם שותפות'־דיקן נאַציִשן שונא, און ניט נאָר דורך בילדן אידישן מיליטערישע איינהייטן, נאָר אויך דורך דירעקטע הגנה־איינהייטן — און דורך פאַרשיידענע מיליטערישע אַקציעס אין ארץ ישראל און אין די שכנות'דיקע לענדער.

דער סוף פון דער מלחמה און די פאַרזעצונג פון דער ווייס־בוך־פּאָליטיק האָבן צוריקגעקערט די הגנה צום פּאָליטישן פראָנט, בעיקר דער פראָנט קעגן דער פאַרפעסטיקונג פון דעם אַנטיציוניסטישן רעזשים — אין עליה, קאָלאָניזאַציע און לאַנד־פּאָליטיק.

דער פּאָליטישער פראָנט אין אין פולן שוואונג; נאָכמער — ער ווערט אַלץ מער דראָענד. די אַנטי־ציוניסטישע און אַנטי־אידישע טענדענצן פון דער ווייס־בוך־רעגירונג האַלטן זיך אין איין פאַרשטאַרקן. און דאָ דערשיינט פונדאָסניי — און אין אַ גרעסערן פאַרנעם — דער אַראַבישער פראָנט. מיר זיינען געשטעלט געוואָרן ניט נאָר קעגן פּאָגראָם־פּלענער פון די אַראַבישע פירער אין לאַנד, נאָר אויך קעגן פיינטלעכער אַגרעסיע מצד די הערשער פון די אַראַבישע לענדער, און מיר דאַרפן זיך גרייטן צום דאָזיקן פראָנט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט און דרינגלעכקייט.

ב.

די ביידע פיינטלעכע פראָנטן — דער בריטישער און דער אַראַבישער — שפּייזן זיך איינער פון דעם אַנדערן. די אַנטי־ציוניסטישע פּאָליטיק פון דער מאַנדאַט־רעגירונג שטאַרקט די אַראַבישע פיינטשאַפט, אַקטיוויזירט זי

און נוצט זי אויס פאַר די אייגענע צוועקן. פון דער אַנדערער זייט וואַקסט די אַראַבישע אַגרעסיע, אַדאַנק דער מאָראַלישער, פּאָליטישער און מאַטעריעלער הילף, וואָס זי באַקומט פון דער בריטישער רעגירונג.

מען דאַרף אָבער אונטערשיידן צווישן די צוויי פראָנטן, און דער אונ־טערשייד איז אַ העכסט־וויכטיקער. דער שטרייט צווישן ציוניזם און דער ווייס־בוך־פּאָליטיק איז אין גרונט אַ פּאָליטישער, ניט קיין מיליטערישער; מיליטערישע אַקציעס, וועלכע ווערן פון צייט צו צייט אויפגעצוואונגען אין דעם דאָזיקן פּאָליטישן שטרייט, קומען בלויז אַלס אונטערשטיצונג פאַרן פּאָליטישן קאַמף. אין דעם דאָזיקן קאַמף איז די הגנה בלויז איינער פון די פאַקטאָרן אינערהאַלב דעם אידישן פאָלק; אַנטשיידן אָבער וועט נאָר די גע־זאַמטע אָנשטרענגונג פון דעם ישוב און פונם גאַנצן פאָלק — אויפן געביט פון קאָלאָניזאַציע, העפּלה (אומלעגאַלע איינוואַנדערונג), קאַמף, און פּאָליטישע אַקציע אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

אַנדערש איז עס אויפן פראָנט פון דער אַראַבישער אַגרעסיע. דאָ וועט די הגנה דינען אַלס עיקר׳דיקער און אַנטשיידנדער פאַקטאָר. אין פאַל פון אַ באַוואָפנטן אַראַבישן אָנגריף וועט קומען אין באַטראַכט בלויז אַן אַנטשיידונג פון כוח, אַ אידישע מיליטערישע אַנטשיידונג. אויב די הגנה וועט ניט זיין צוגעגרייט און צוגעפּאַסט צו דער דאָזיקער אויפגאַבע — וועט זי פאַרפעלן איר הויפּט־ציל, און די עצם־עקזיסטענץ פון דעם ישוב און פון דער ציוניס־טישער טאַט, וועט געשטעלט ווערן פאַר דער געפאַר פון פאַרניכטונג.

פאַרלויפיק זיינען קעגן אונז טעטיק רויבער־באַנדעס, וועמענס צוועק ס׳איז בלויז רויב; די מאָרד־פאַלן און גוואַלד־טאַטן, וואָס באַגלייטן צומאָל זייערע מעשים, האָבן נאָך ניט דערוויילע קיין פּאָליטישן ציל. אָבער דער מרחק צווישן רויבער און פאַגראָממשטשיקעס איז גאָר אַ קנאַפּער, אַזוי אַז די באַנדעס קענען זיך גאַנץ לייכט פאַרוואַנדלען אין אַ טעראָר־געצייג אין די הענט פון דעם מופטיס פּאָליטישער פירערשאַפט. די געפאַר, וואָס שטייט אונז פאַר אין דער נאָענטסטער צוקונפט, איז אַפילו אַ גרעסערע און אַ שווערערע: מיר דאַרפן נעמען אין אַכט די מעגלעכקייט פון אָפענע אָדער פאַרשטעלטע אַרויסטרעטונגען מצד די אַרמייען פון די אַראַבישע מדינות.

אין מצרים, איראַק, לבנון, סיריע און עבר־הירדן זיינען דאָ איבער הונדערט און צוואַנציק טויזנט סאָלדאַטן פון פאַרשיידענע פאָרמאַציעס, מיט פאַרשיידענע גראַדאַציעס פון געשולטקייט און באַוואָפענונג. דער פולקאָמסטער מיליטערישער כוח — סיי מצד זיין געשולטקייט און סיי מצד זיין אויסשטאַ־טונג — איז דער עבר־הירדן, וואָס ווערט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון ענגלאַנד און געפינט זיך איצט אונטער אַ הויכער בריטישער לייטונג. די דאָזיקע אַרמיי האָט מאָדערנע אַמוניציע און איר אויסשולונג שטייט אויף אַ הויכער מדרגה.

צוגרייטן די הגנה זי זאָל זיין בכוח צו קעמפן אויפן דאָזיקן געפערלעכן פראָנט און דערפאָלגרייך צו פאַרטיידיקן ניט נאָר די אידישע ישובים און דעם ישוב אַלס אַ גאַנצן, נאָר אויך, ווען ס׳וועט נויטיק זיין, דאָס לאַנד, און אונזער

ג.

נאַציאָנאַלע צוקונפט, — דאָס איז די ברענענדע אויפגאַבע פון די איצטיקע טעג.

אונזער מענטשן־מאַטעריאַל איז אין אַלגעמיין ניט נידעריקער ווי אין יעדן אַנדערן לאַנד, און מיט זיין מאָראַל און אינטעלעקט שטייגט ער אומ־געהויער איבער אונזערע אַראַבישע שכנים. אין דעם איז זיין עיקר׳דיקער איבערגעוויכט, און פּאַרלויפיק כמעט בלויז אין דעם. כדי פולקאָם צוצוגרייטן אים צו זיין טאָפּלטער אויפגאַבע — אויפן בריטישן ווי אויפן אַראַבישן פראָנט — מוז מען דורכאויס פאַרבעסערן זיין אויסשולונג, אָרגאַניזאַציע, פּלאַ־נירונג, ציוניסטישע און מיליטערישע דערציאונג, טאַט־גרייטקייט און שלאַג־פאַרטיקייט; מען דאַרף אים באַוואָפענען און אַפּראָוויזירן מיט אַן אַנט־שפּרעכנדער מיליטערישער און ווירטשאַפטלעכער אויסשטאַטונג, — סיי אין כמות און סיי אין איכות, וואָס זאָל אים מאַכן לייכט־באַוועגלעך און קאַמפּס־פעאיק אין יעדער שווערער סיטואַציע. מען דאַרף צופּאַסן זיין קאָנסטרוקציע צו די נייע אומשטענדן און צו די אַלץ־וואַקסנדע האַרבע באַדערפעניש, אויסנוצנדיק דערביי די גאַנצע מיליטערישע דערפאַרונג, וואָס מיר און אַנ־דערע האָבן דערוואָרבן אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווי אויך אויסנוצנדיק אַלע נייעסטע וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע דערגרייכונגען.

אונזער פאַרטיידיקונגס־פּלאַן דאַרף זיין אויסגערעכנט ניט בלויז כדי צו באַזיגן דעם פיינט, נאָר אויך צו באַזיגן אים שנעל ווי מעגלעך און מיט אַ מינימום פון קרבנות פון אונזער זייט. פון אייביק אָן איז שוין אונזער גורל אַזאַ, אַז מיר שטייען ווייניקע קעגן אַ סך; ניט נאָר אין גלות, נאָר אויך ווען מיר זיינען געזעסן אין אונזער פאָטערלאַנד. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט צוריקגעצויגן און ניט אונטערגעגעבן ווען דער שונא איז אונז איבער־געשטיגן אין צאָל, — מיר פלעגן זיך אָננעמען מיט גייסטיקער און פיזישער גבורה און פלעגן אים בייקומען. אין דעם וועט שטעקן אונזער כוח אויך אויף ווייטער; מיר דאַרפן זיך אָבער זייער באַמיען, אַז אונזערע פאַרלוסטן זאָלן זיין מינימאַלע. ביי אונזערע פיינט שפּילט די צאָל פון זייערע קרבנות קיין ראָלע ניט, — זיי ציילן דאָך מיליאָנען גאַנצע. פאַר אונז אָבער איז די פראַגע פון דער צאָל פון פאַרלוסטן כמעט אַזוי אַנטשיידנד ווי דער אַנטגילטיקער רעזולטאַט פון דעם קאַמף. בלויז דורך דער מאַקסימאַלער פאַרפול־קאָמונג פון דער שטורעם־קראַפט און ווירקזאַמקייט פון יעדן איינצלנעם זעלנער און פון דער אַרמיי, אַלס אַ גאַנצע, וועלן מיר דערגרייכן דעם טאָפּלטן ציל: זיגן אין קאַמף — מיט אַ מינימום פון קרבנות.

דער פּאָליטישער קאַמף און די זיכערקייט פון דעם ישוב און פון דעם לאַנד — אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט — פאָדערן די עקזיסטענץ פון דרייערליי מיליטערישע פאָרמאַציעס:

1. אַ גוט־געשולטע שטורעם־אַרמיי פאַר ספּעציעלע צוועקן.
2. אַן אָנגריף־אַרמיי, אין דער פאָרם פון רעגולערן מיליטער, אָפּצו־שטויסן יעדע מעגלעכע אַראַבישע אַטאַקע אין דער צוקונפט.

3. אַ טעריטאָריאַלע שוץ־אַרמיי פאַר זיכערקייטס־צוועקן אין דער קעגנוואַרט.

די דריי אַרמייען וועלן זיין אונטערגעוואָרפן אַן אויבערשטער מאַכט און אַ צענטראַלער מיליטערישער אָנפירונג, דערביי וועט מען דאַרפן צופּאַסן דעם געבוי, די אויסשולונג, אויסשטאַטונג און קאָנטראָל פון יעדער אַרמיי צו איר באַזונדערער אויפגאַבע.

די שוץ־אַרמיי וועט אויפהאַלטן איר איצטיקן טעריטאָריאַלן געבוי און וועט אין ראַם פון דער אויבערשטער דיסציפּלין פון דער הגנה, זיין אונטער־געוואָרפן דער ראַיאָן־קאָמאַנדע. די אָנגריף־אַרמיי וועט זיין אָרגאַניזירט אויף אַ מיליטערישן אופן, אין פולקן און אַנדערע גרויסע איינהייטן (בריגאַדעס) מיט קאָמאַנדעס און שטאַבן פון איינהייטן, וועלכע זיינען אונטערגעוואָרפן דער העכסטער קאָמאַנדע און דעם הויפּט־שטאַב. — די שטורם־אַרמיי וועט זיין צוגעפּאַסט צו ספּעציעלע אויפגאַבן.

אויף אָפּצוהיטן די זיכערקייט פון די ישובים און אָפּצושטויסן די באַנדעס, סיי פון רויבער און סיי פון פּאָגראָמשטשיקעס, דאַרפן זיין:

1. געצאָלטע פאַראַנטוואָרטלעכע שומרים.

2. די ספּעציעלע פּאָליציי פון די אידישע ישובים, וואָס טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער זיכערקייט פון די איינצלנע פּונקטן און פונם גאַנצן ראַיאָן, אין וועלכן זי איז טעטיק.

3. די גרופּן פון דער שטורם־אַרמיי און אנדערע איינהייטן, וועלכע ווערן גערופן ווען נויטיק פאַר געוויסע טעטיקייטן.

4. אַן אָרטיקער גאַרניזאָן, וואָס טראָגט הויפּטזעכלעך די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דער לאָקאַלער זיכערקייט.

די זיכערקייטס־אָרגאַנען ווערן אויפגעפּאַדערט, אויפן סאַמע עפעקטיווסטן אופן צו פאַרמיידן יעדע מעגלעכקייט פון אַן אָנגריף אויף אַ אידישן ישוב אָדער אויף אַן איינצלנעם איד און אָפּצושטויסן אויפן ענערגישסטן אופן יעדן אָנגריף־פּרואוו. — דערביי דאַרף מען זיך ווי ווייט מעגלעך אָפּהאַלטן פון בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט די אַראַבער און מען דאַרף אָפּהיטן די טראַ־דיציע פון „השומר״: אַרויסרופן ביי די שכנים אַ באַציאונג פון ערע צום אידישן כוח און שטאָלץ, פלעגנדיק גלייכצייטיק פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט די שכנים.

פאַר זיכערקייטס־צוועקן וועט דאָס לאַנד פאַרטיילט ווערן אין ראַיאָנען, און אין יעדן ראַיאָן וועט באַשטימט ווערן אַ מבט״ח (מפקד־בטחון: זיכער־קייטס־קאָמאַנדיר), וואָס וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שמירה און זיכערקייט אין אַלע פּונקטן פון זיין ראַיאָן.

דער מבט״ח וועט אָנפירן מיט דער ספּעציעלער פּאָליציי און מיטן חי״ם (חיל־מצב: גאַרניזאָן) פון זיין ראַיאָן, וועט אַכטונג געבן אויף די

שומרים; די גרופן פון דער שטורם־אַרמיי וועלן שטיין צו זיין דיספּאָזיציע אין פאַל פון צוזאַמענשטויסן אין זיין ראַיאָן.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט וועט געווידמעט ווערן, אויפצוהאַלטן די פולע נאָרמע פון דער ספּעציעלער ישובים־פּאָליציי, איר עפעקטיוו אויסצושולן און דערציען, און איר צו אַקטיוויזירן אַלס אַ כוח פאַר דער זיכערקייט פון די ישובים. די מני״ם (מ״נ — משמר נע: מאָבילע וואַך) דאַרפן קודם כל דינען די זיכערקייטס־אָרגאַנען אין זייער ראַיאָן, און דער מבט״ח דאַרף זאָרגן דערפאַר, אַז די נאָרמע פון די מני״ם זאָל זיין פול און אַז זייער אויסשולונג און טעטיקייט זאָלן אַנטשפּרעכן זייער אויפגאַבע.

די אָנגריף־אַרמיי וועט באַקומען אַ מאָדערנע מיליטערישע דערציאונג און וועט אָרגאַניזירט ווערן — אַנטשפּרעכנד צו די ספּעציפישע באַדינגונגען און אומשטענדן פון אונזער ווירקלעכקייט — אַזוי, אַז זי זאָל זיין אימשטאַנד ווען ס׳וועט נויטיק זיין, צו רעאַגירן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין אויף עווענטועלע פיינטלעכע אַרויסטרעטונגען מצד דער אַרמיי פון די שכנות׳דיקע לענדער. ס׳איז נויטיק אַ באַזונדערע פּערמאַנענטע אָנגעשטרענגטע טעטיקייט כדי פונדאַסניי צו מאָביליזירן די אידישע זעלנער, וואָס האָבן געדינט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, און באַזונדערס די זעלנער פון דער אידישער בריגאַדע.

אין דער נאָענטסטער צייט וועט די הויפּט־זאָרג זיין, אויסצובילדן קאַדרען פון קאָמאַנדירן (אָנהויבנדיק מיט אונטער־אָפיצירן און ענדיקנדיק מיט קאָלאָנעלן) אין אַ צאָל, וואָס זאָל דערמעגלעכן די מאַקסימאַלע מאָביליזאַציע פון מענטשן, פעאיקע צו פאַרטיידיקן זיך, ווי אויך אויפצושטעלן אַ באַשטימטע צאָל מוסטער־רעגימענטן: פלמ״ח־רעגימענטן און רעגימענטן פון דעמאָבי־ליזירטע זעלנער פון דער אידישער בריגאַדע און פון אַנדערע מיליטערישע איינהייטן פון דער צייט פון דער וועלט־מלחמה.

מען דאַרף אויפשטעלן אַ הויכשול פאַר אָפיצירן, וואָס זיין קורס זאָל דויערן ניט ווייניקער פון אַ יאָר און זאָל אויסבילדן קאָלאָנעלן און שטאַב־אָפיצירן. יונגע אָפיצירן, מיט אַ ספּעציעלער פאַרבאַרייטונג, וועלן געשיקט ווערן קיין אויסלאַנד צו פאַרפולקאָמען זיך.

מען דאַרף זיך צונויפרעדן מיט אַרבעטס־געבער און מיט אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אין שטאָט און אין דאָרף, און דערמעגלעכן יונגע אַרבעטער אין מאָביליזירונגס־עלטער, צו באַקומען עטלעכע פרייע טעג אין מאָנאַט אויף מיליטערישע איבונגען.

מען דאַרף תיכף ומיד מאָביליזירן אָפיצירן פון פאַרשיידענע ראַנגעס מיט מיליטערישער דערפאַרונג פון דער לעצטער וועלט־מלחמה — זיי זאָלן דינען ניט ווייניקער פון צוויי יאָר אין די הגנה־פאָרמאַציעס, און באַזונדערס אין די שטורם־ און אָנגריף־אַרמייען.

אין דער שטורם־אַרמיי דאַרף מען אויסברייטערן און פאַרפולקאָמען די ים־אָפטיילונג, ווי אויך אויפשטעלן גרופּעס פאַר ספּעציעלע אויפגאַבן.

מען דאַרף אויסברייטערן די יוגנט־רעגימענטן און אַריינגיסן אין זיי אויך לערן־יוגנט פון די נידעריקע קלאַסן און אויסער־שול־יוגנט.

ד.

די מיליטערישע פאַרטיידיקונג שעפּט ניט אויס דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער הגנה, — זי נעמט אַרום בלויז אירע אויסערלעכע אויפגאַבן. זי האָט אָבער אויך אַן אינערלעכע חלוציש אויפגאַבע: צו דינען אַלס אַ מאָראַלישער רוקן־ביין און פונדאַמענט פאַר אַ ציוניסטישן רעזשים אין ישוב.

כ״ה בכסלו תש״ח — 12. 8. 1947

# אַ בריוו צום הויך־קאָמיסאַר

די עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענץ האָט באַטראַכט די באַשלוסן פון דער רעגירונג, וואָס איר האָט מיר איבערגעגעבן אין אונזער נעכטיקן שמועס.

די עקזעקוטיווע באַגריסט דעם באַשלוס פון דער רעגירונג, צו עוואַקואירן די בריטישע און אַראַבישע פּאָליציי, ווי אויך אַלע מיליטערישע פאָרמאַציעס פון די ראַיאָנען פון תל־אביב, רמת גן און פתח תקוה — דעם פופצנטן דע־צעמבער. דער אידישער ישוב איז ווילִיק און איז גרייט צו פאַרפליכטן זיך אויפצוהאַלטן רו און אָרדענונג אין דעם דאָזיקן שטח. דער ישוב איז גרייט צו נעמען אויף זיך אַן ענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויך אין אַלע אַנדערע שטחים פון דער צוקונפטיקער אידישער מדינה, נאָכדעם ווי ס׳וועלן פון דאָרטן עוואַקואירט ווערן די רעגירונגס־כוחות.

אָבער דעם פאַקט, וואָס די רעגירונג זאָגט זיך אָפּ צו געבן געווער פאַר דער אידישער „פאָלקס־וואַך״ אין דער צייט וואָס זי שטעלט צו געווער דער אַראַבישער „פאָלקס־וואַך״, קען די עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענץ ניט אויספּאַסן אַנדערש, ווי אַן עוולה, וואָס טראָגט אין זיך זייער הארבע סכנות. מיר פּראָטעסטירן קעגן דעם דאָזיקן באַשלוס ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער אַנטהאַלט אין זיך אַן אָפענע דיסקרימינאַציע. — ווי ס׳איז אייער עקסע־לענץ באַקאַנט, האָבן אייניקע פון די אַראַבישע רעגירונגען און דער אַראַ־בישער העכסטער קאָמיטעט עפנטלעך דערקלערט קריג קעגן די אידן פון ארץ ישראל און דער צוקונפטיקער אידישער מדינה. די לעצטע וואָך האָט דער אַראַבישער קאָמיטעט פּראָקלאַמירט אַ דריי־טאָגיקן שטרייק, וואָס ווערט באַגלייט דורך דויערנדער בלוט־פאַרגיסונג. איינהייטן פון דעם אַראַבישן לעגיאָן סטאַציאָנירן אין ארץ ישראל, און אייניקע פון זיי — אין דירעקטער

שכנות מיט אידישע ישובים און אידישע שטעט. דאָקעגן געפינט זיך ניט אין לאַנד קיין שום אידישע מיליטערישע פאָרמאַציע פון דעם סאָרט. אונז האָט די רעגירונג געזאָגט, אַז זי טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער קאָמאַנדע און אויפפירונג פון דעם אַראַבישן לעגיאָן, אָבער דער בריטישער ראַדיאָ־זענדער .B.B.C אין דער בריטישער און אַראַבישער אוידיציע פונם 6־טן דעצעמבער, האָט פאַרעפנטלעכט די דעקלעראַציע פון פאַוזי אַל־מולכי, דער געזאַנדטער פון עבר־הירדן אין קאַיר, אַז: „אונזער מיליטער שטייט שוין אין קאַמף צווישן יפו און תל־אביב".

איך מוז אויך ציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו דער דערקלערונג פון ראפיק תמימי, נאָך זיין צוריקקער פון לבנון אין שפיץ פון אַ דעלעגאַציע פון דעם העכסטן אַראַבישן קאָמיטעט און פונם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין יפו (די דערקלערונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 6־טן דעצעמבער אין „פאַלעסטאַין"), אַז גאָר אַ סך געווער ווערט געשיקט מיט דער גרעסטער שנעלקייט, כדי ניט צו דערלאָזן אויסצופירן דעם באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער וועגן דער שאַפונג פון אַ אידישער מדינה אין ארץ ישראל. ער דערקלערט אויך, אַז עס גייט אָן אַ מאָביליזאַציע פון פרייוויליקע אין לבנון, אין סיריע און אין אַנדערע אַראַבישע לענדער. עס גייט ניט דורך קיין טאָג אָן איבערפאַלן אויף אידן אין די אומגעגנטן פון תל־אביב און ירושלים, אויפן שאָסיי תל־אביב־ירושלים, אין דרום און אין אַנדערע ערטער.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען מוז דער פאַקט פון פאַרטיילן רעגירונגס־געווער צווישן די אַראַבער, אויסגעטייטשט ווערן דורך די לעצטע אַלס קלאָרער באַווייז, אַז די רעגירונג שטיצט זיי אין זייער קאַמף, וועלכן זיי האָבן דער־קלערט קעגן אידן און קעגן דער אידישער מדינה. — דאָס וואָס די רעגירונג האָט פאַרזאָרגט מיט געווער די אידישע ספּעציעלע פּאָליציי מיט צען יאָר צוריק, ווען דער אַראַבישער טעראָר האָט דערגרייכט זיין העכסטער שטופע און די אידישע ישובים זיינען געווען טאָג און נאַכט אויסגעשטעלט אויף מערדערישע אָנפאַלן מצד אַראַבישע באַנדעס — קען ניט דינען אַלס פּרע־צעדענץ צוזושטעלן געווער צו די אַראַבער אין די איצטיקע טעג, ווען זיי האָבן דערקלערט קריג קעגן אידן.

ביים ליכט פון דעם אַלעמען פאָדערן מיר פון דער רעגירונג צו באַטראַכטן פונדאַסנייַ די פראַגע און די באַשלוסן: אָדער צו פאַרפליכטן די אַראַבער, אַליין צו באַזאָרגן מיט געווער זייער בירגער־וואַך אין די אַראַבישע שטעט, אַזוי ווי זי פאָדערט עס פון אונז, אָדער צו געבן געווער פאַר דער אידישער בירגער־וואַך, גלייך אַזוי ווי זי גיט פאַר דער אַראַבישער.

י"ט בטבת תש"ח — 1948 .1 .1

# אין אויסנאַם־צושטאַנד

(אַ דערקלערונג צו דער פּרעסע)

דער ישוב האָט זיך אָן וואַקלענישן אָפּגערופן אויף די ערשטע פאָדערונגען פון דעם אויסנאַם־צושטאַנד. דער קאַמפּיין פאַר פאָלקס־זיכערקייט איז שנעל דורכגעפירט געוואָרן און האָט געבראַכט מער ווי די דערוואַרטעטע רעזולטאַטן. די ציילונג פון די מיליטער־פאַרפליכטעטע איז דורכגעפירט געוואָרן לויטן באַפעל, און די יוגנט מאָביליזירט זיך אין די אַנטשפּרעכנדע רעגימענטן, אונטער די פענער. צענדליקער פאַרטיידיקער זיינען שוין געפאַלן אויפן מזבח פון אונזער עקזיסטענץ און זעלבסטשטענ־דיקייט אין אונזער פאָטערלאַנד. דער ישוב און דאָס אידישע פאָלק בויגן זייער קאָפּ פאַר די קברים פון זייערע העלדן־באַשיצער — מיט צער, טרויער שטאָלץ, אָן פּחד און נידערגעשלאָגנקייט. דאָס פאָלק ווייסט — אָן קיין שום זעלבסט־נאַרעריי — אַז די פייער־פּויזע הויבט זיך ערשט אָן און אַז עס וועלן זיך נאָך פון אונז לאַנג פאָדערן פיל גרעסערע און שווערערע אָנ־שטרענגונגען.

עס שטעקן נאָך טיף אין זכרון פון דעם ישוב די „געשעענישן" פון 1936—39 — די טעראָר־קאַמפּאַניע, וואָס האָט זיך קעגן אונז געפירט דריי יאָר נאָכאַנאַנד דורך פּאָגראָם־באַנדעס פון לאַנד און פון די דערבייאיקע לענדער — מיט דער הילף פון היטלער און מוסאָליני. פון דאַן אָן זיינען אין דער וועלט־מלחמה פאַרניכטעט געוואָרן די פּאַטערס פון נאַציזם און פאַשיזם; אָבער זייערע תלמידים און העלפער אין מיטעלן מזרח זיינען נאָך פריש און געזונט, זיי באַמיען זיך אויפצוהעצן קעגן אונז די אַראַבישע מאַסן אין לאַנד און אין די שכנות'דיקע לענדער, און זיי דערקלערן עפנטלעך, מיט טומלדיקע געשרייען, אַז זיי וועלן קעגן אונז קעמפן מיט אַלע מיטלען פון טעראָר און בלוט־פאַרגיסונג, כדי צוצורייסן דעם פּסק־דין פונם וועלט־געוויסן, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך די פאַראייניקטע פעלקער בנוגע דער צוריק־אויפשטעלונג פון דער אידישער מדינה.

מיר האָבן דאָ ניט צו טאָן מיט אַ פּשוטער רעפּעטיציע פון די געשעענישן פון 1936—39. מיר דאַרפן מיט אָפענע אויגן זען, וואָס עס קומט דאָ פאָר און וואָס עס שטייט נאָך אונז פאָר. עס איז אונז דאָס מאָל דערקלערט געוואָרן קריג, אַ ווילדער, געוויסנלאָזער און ערנלאָזער קריג: אַ קריג קעגן אונזער עצם עקזיסטענץ און זעלבסטשטענדיקייט, אַ קריג קעגן באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער צו פאַרריכטן — הגם בלויז טיילווייז — די היסטאָרישע עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן דעם אידישן פאָלק.

וועגן דער דאָזיקער עפנטלעכער מלחמה־דערקלערונג, וואָס האָט שוין גורם געווען אַז עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן צענדליקער אידן און דערביי

זיינען אומגעקומען הונדערטער אַראַבער, איז נאָך, וואַרשיינלעך, דערוויל ניט אינפאָרמירט געוואָרן דער בריטישער קאָלאָניען־מיניסטער און ניט זיינע משרתים אין אונזער לאַנד; זיי אונטערשיידן ניט צווישן אָנגרייפער און אָנגעגריפענע, און מיט כלומרשטער, צביעות׳דיקער נייטראַליטעט באַמיען זיי זיך צו אַנטוואָפענען די פאַרטיידיקער אין דער זעלבער צייט, ווען די אָנגרייפער רויבן אָן קיין שום אָפּהאַלט דאָס געווער און אַמוניציע פון דער רעגירונג. פאַר די אויגן פון דער פּאָליציי — אָפּט, אָן קיין שום שטערונג — ווערן באַגאַנגען רויב־און מאָרד־טאַטן און די מאַכט־אָרגאַנען האַלטן נאָך אַלץ אויף אין לאַנד מיט אַ מאָדנער, פאַרדעכטיקער עקשנות פרעמד אַראַביש מיליטער, — דעם אַראַבישן לעגיאָן, — שטערנדיק גלייכצייטיק מיט דער זעלבער עקשנות דער אידישער הגנה.

מיר ווילן ניט שלום מאַכן מיט דעם פאַרראַט פון דער מאַכט לגבי איר איינציקער און לעצטער פליכט, וואָס זי אַנערקענט נאָך כלומרשט: אָפּצוהיטן די זיכערקייט פון אַלע איינוואוינער פון לאַנד, כל זמן די דאָזיקע מאַכט געפינט זיך נאָך אין לאַנד. מיר ווילן דורכאויס פאָדערן אויסצופירן די דאָזיקע פליכט. אָבער מיר ווילן שטעלן אין געפאַר אונזער גאַנצע עקזיס־טענץ, אויב מיר ווילן זיך פאַרלאָזן אויף די הבטחות און דערקלערונגען פון די מאַכט־אָרגאַנען. ניט איין הבטחה, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן, איז פאַרשוועכט געוואָרן. די ווידער־אויפלעבונג פון דער אידישער מדינה, אונזער נאַציאָנאַלע צוקונפט, אונזער סאַמע פיזישע און ווירטשאַפטלעכע עקזיסטענץ הענגען אָפּ פון אונזער ווילן און מעגלעכקייט — צו גאַראַנטירן מיט אייגענע כוחות די זיכערקייט פונם ישוב. און מיר קענען עס באַווייזן.

עס איז אונז מיט גוואַלד אויפגעצוואונגען געוואָרן אַ פאַרטיידיקונגס־קריג. נעמען מיר אים אויף מיט אונזער גאַנצן כוח, און מיר ווילן ניט שפּאָרן קיין שום אָנשטרענגונג — סיי פיזישע, סיי ווירטשאַפטלעכע און סיי אָרגאַניזאַציאָנעלע — ביז עס וועט אויפגעריכט ווערן די אידישע מדינה און עס וועט גאַראַנטירט זיין איר זיכערקייט.

פאַרטיידיקן זיך ווילן מיר איצט אויך אַנדערש ווי אין די יאָרן 1936—39. מיר זיינען איצט פאַרפליכטעט צו פאַרטיידיקן: יעדן אידישן ישוב אין לאַנד; די אָנגעצייכנטע גרענעצן פון דער אידישער מדינה; די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער; יעדן פרידלעכן איינוואוינער פון דער אידישער מדינה — סיי אַ איד, סיי אַן ענגלענדער, סיי אַן אַראַבער אָדער ווער ס׳זאָל ניט זיין.

דאָסמאָל זיינען מיר ניט אַזוי איינזאַם, טראָץ דעם וואָס די מאַנדאַט־רעגירונג דרייט זיך אויס מיטן רוקן צו אונז און צו אירע אינטערנאַציאָ־נאַלע פאַרפליכטונגען, אפילו ערב איר פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דאָס וועלט־געוויסן, וואָס האָט אויפגעשיינט אין דעם פלענום פון די פאַראייניקטע פעל־קער דעם 29־טן נאָוועמבער — וועט ניט אַנטוישן. די מלחמה, וואָס היטלערס תלמידים אין מיטעלן מזרח האָבן דערקלערט קעגן אונז — איז אויך אַ מלחמה קעגן די פאַראייניקטע פעלקער. אַ גרויסע, איבערוויגנדע מערהייט פון די פאַראייניקטע פעלקער, מיט די צוויי גרעסטע וועלט־מאַכטן אין דער שפּיץ,

האָט זיך פֿאַרפּליכטעט אויפֿצוריכטן די אידישע מדינה, און דער דאָזיקער באַשלוס וועט ניט ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּוסט וואָרט.

דער נאַרישער פּאַרזוך מצד סענסאַציע־טרייבער, צו אידענטיפֿיצירן די ציוניסטישע באַוועגונג מיט איינעם פֿון די צדדים — אין „מערב״ אָדער אין „מזרח״ — נעגירט דעם באַלערנדן און פֿיל־באַדייטנדן פֿאַקט, וואָס ביידע „צדדים״, זיינען אין דעם פּלענום פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער געווען פֿאַר־אייניקט ביים געבן זייער אונטערשטיצונג פֿאַר אַ אידישער מדינה; אויף דער דאָזיקער אייניקייט באַזירט זיך די ציוניסטישע פּאָליטיק.

מיט רעכט, און ניט אָן אויסזיכטן, פֿאָדערן מיר די מאָראַלישע און מאַטעריעלע הילף פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער. די דאָזיקע הילף וועט אָבער ניט געגעבן ווערן אויב מיר אַליין וועלן ניט זאָרגן באַצייטנס און מיט דער פֿולער קראַפֿט פֿאַר אונזער פֿאַרטיידיקונג — אַ פֿאַרטיידיקונג וואָס זאָל זיין אַן עפֿעקטיווע, איניציאַטיוו־פֿולע און פֿאַרויס־זעענדיקע; מיר דאַרפֿן אַנט־פּלעקן אונזער אייגענעם כוח, און ווען און וואו ס׳איז נויטיק — אַ הויך־געשפּאַנטע שטורם־קראַפֿט, ווי אויך ראַציאָנעלע סטראַטעגיע און גלייכ־צייטיק — אָן אמת׳ן, אויפֿריכטיקן ווילן צו שלום — מיט אַלע פֿרידלעכע עלעמענטן.

מיר האָבן ניט געפֿירט און מיר וועלן ניט פֿירן קיין מלחמה מיטן אַראַ־בישן פֿאָלק, גלייך אַזוי ווי אין אונזער קעגנערשאַפֿט צו דער פֿאַרראַט־פּאָליטיק פֿון דעם ווייס־בוך האָבן מיר ניט געפֿירט קיין מלחמה מיטן ענגלישן פֿאָלק. מיר האָבן ניט פֿאַרגעסן און וועלן ניט פֿאַרגעסן דעם חסד פֿון דער באַלפֿור־דעקלעראַציע. פּונקט אַזוי איז ניט צושטערט געוואָרן און וועט ניט צושטערט ווערן אונזער אויסדריקלעכסטער ווילן צו לעבן בשלום און זיין גלייך מיטן אַראַבישן פֿאָלק. אויפֿן פֿאָן פֿון ציוניזם איז אָנגעשריבן: אַרבעט, שלום און פּראָגרעס. אָבער יעדע פֿאַרברעכערישע פֿאַרשווערונג און יעדן בלוט־אָנגריף וועלן מיר אָפּשטויסן מיט דער גאַנצער ענערגיע, האַרט־נעקיקייט, כוח און גערעכטיקייט־עמפּינדונג, וואָס אונזער פֿאַרטיידיקונג פֿאַר־מאָגט אין זיך.

עס וועט אונז ביישטיין ניט נאָר דאָס וועלט־געוויסן, — דאָס גאַנצע אידישע פֿאָלק אין די גלות־לענדער וועט אונז באַלד קומען צו הילף מיט האָב־און־גוטס און לייב־און־לעבן; אידישע יוגנט פֿון גאָר דער וועלט וועט אַהער קומען — סיי אויף צו בויען דאָס לאַנד און באַפֿרוכפּערן אירע וויסטענישן, און סיי אויף צו פֿאַרשטאַרקן אונזער כוח, צו פֿאַרטיידיקן און פֿעסט צו האַלטן דעם פֿראָנט.

דער ישוב און דאָס אידישע פֿאָלק וועלן זיך ניט צוריקציען פֿון קיין שום אָנשטרענגונג, ליידן און קרבנות אין דעם דאָזיקן פֿאַרטיידיקונגס־קריג — ביז עס וועט קומען דער נצחון און דער נצחון וועט קומען.

די דאָזיקע אָנשטרענגונגען, ליידן און קרבנות זיינען די געבורטס־ליידן פֿון דער אידישער מדינה און אידישער גאולה, — לאָמיר זיי נעמען אויף זיך באַהבה, מיט גלויבן און מסירת נפֿש.

כ"ו בטבת תש"ח — 1948 .8 .1

# מיט כח און מיט פאַרשטאַנד

(אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מפלגת פועלי ארץ ישראל (מפא"י)

אויפן פּאַרטיי־ראַט, אין אויגוסט, האָב איך גערעדט וועגן אונזערע פאַרשיידענע פראָנטן. איך דאַרף זיך דאָ צוריקקערן צו די דאָזיקע פראָנטן, און באַזונדערס צום אַראַבישן פראָנט. אין אויגוסט האָב איך געזאָגט, אַז דער דאָזיקער פראָנט איז ניט אַקטועל, און דאָך איז ער דער וויכטיקסטער און אָנטשיידנסטער. — דער דאָזיקער פראָנט איז איצט זייער טעטיק, אָבער עס שיינט מיר, אַז דאָס אידישע פאָלק און אַפילו דער ישוב דאָ אין לאַנד, האָבן נאָך ניט גענוג באַגריפן די ערנסטקייט פון דער לאַגע.

די "אומרוען" דויערן שוין 6 וואָכן. מיר געדענקען געשעענישן, וואָס האָבן געדויערט 3 יאָר, פון 1936 ביז 1939. מיר געדענקען די געשעענישן פון אויגוסט 1929, קורצערע אין צייט און שאַרפערע אין זייער כאַראַקטער: עס איז דאַן מיט איין קלאַפּ אומגעבראַכט געוואָרן אַ גאַנצע קהילה. ס'וואָלט אָבער גוט געווען, ווען אונזערע בעלי־זכרון וואָלטן מסוגל געווען אַ סך זאַכן צו פאַרגעסן און לערנען עפּעס נייעס. ווייל אונזער איצטיקע סיטואַציע איז גאָר אַן אַנדערע, און אונזער זכרון קען אונז בלויז פירן צו פאַרגלייכן, וואָס טראָגן אין זיך אומגליק. דאָס מאָל שטייען מיר פאַר עפּעס אַזעלכס, וואָס איז נאָך ניט געווען — ניט אין 1936, ניט אין 1929, ניט אין 1921 און ניט אין אַוועלכן ס'איז אַנדער יאָר. דאָס מאָל האָבן מיר צו טאָן ניט מיט "געשעענישן" און ניט מיט "אומרוען", נאָר פּראָסט־פּשוט מיט אַ מלחמה, — מיט אַ דערקלערטן קריג. אין אונזער דור און אויך פריער פלעגן זיין "ניט קיין דערקלערטע מלחמות", — די מלחמה אָבער, וואָס ווערט איצט געפירט קעגן אונז איז "אַ דערקלערטע". די אַראַבישע פאַרשטייער האָבן אָפן און דייטלעך דערקלערט אין לייק־סוקסעס, אין דער פּרעסע, אין די אַראַבישע פּאַרלאַמענטן, אַז זיי וועלן מלחמה האַלטן מיט אידן. און דאַסמאָל מעג מען זיי גלויבן.

יעדע מלחמה האָט פּאָליטישע צוועקן. — דער פּאָליטישער צוועק פון דער דאָזיקער מלחמה איז — די אַראַבישע הערשאַפט אין ארץ ישראל. דער דאָזיקער גרונט־ציל האָט 3 זייטן:

א) דאָס איז אַ מלחמה, צו פאַרטיליקן און חרוב מאַכן דעם ישוב. די אַראַבער ווייסן, אַז ס'קען ניט געמאָלט זיין קיין אַראַבישע הערשאַפט איבערן לאַנד, כל זמן עס עקזיסטירט דער אידישער ישוב, הגם ער איז אין דער מינדערהייט קעגן די אַראַבער. באַפעלט דערפאַר דער פּאָליטישער ציל, צו

אַנולירן דעם דאָזיקן פאַקט, דאָס הייסט — אָפּצומעקן דעם אידישן ישוב, און מיר טאָרן זיך ניט דערלויבן קיין אילוזיעס אין דער דאָזיקער הינזיכט.

ב) דאָס איז אַ מלחמה קעגן דער אויפשטעלונג פון אַ אידישער מדינה — אַפילו אין אַ טייל פון ארץ ישראל. די מלחמה דאַרף צונישט מאַכן דעם באַשלוס פונם פלענום פון דער יו״ען, פון דעם 29־טן נאָוועמבער. די געשיכטע לערנט אונז, אַז מען קען צונישט מאַכן אינטערנאַציאָנאַלע אַנטשיידונגען. לאָמיר זיך דערמאָנען די באַשלוסן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין באַצוג צו טערקיי. די באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך די גרויס־מאַכטן, וואָס האָבן געוואונען דעם קריג און האָבן כלומרשט געוועלטיקט איבער דער גאַנצער וועלט. איז געקומען מוסטאַפאַ־קעמאַל און האָט אַלץ איבערגעקערט קאַפּויער.

ג) אויב די דאָזיקע צוויי צילן וועלן ניט דערגרייכט ווערן, — מען וועט ניט פאַרניכטן דעם ישוב און מען וועט ניט פאַרמיידן די אויפשטעלונג פון אַ אידישער מדינה, — וועט די מלחמה זיין געווענדעט, צו פאַרשמעלערן די גרענעצן פון דער אידישער מדינה — אין נגב, אין גליל, און אפשר אויך אין חיפה און אין אַנדערע ערטער.

די מלחמה ווערט געפירט ניט בלויז קעגן אונז, נאָר אויך קעגן די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער. אָבער דער הויפּט־געוויכט פון דער מלחמה פאַלט נאַטירלעך אויף אונז.

דער ערשטער אַקט דויערט שוין 6 וואָכן. ס׳קען זיך נאָך ציען מאָנאַטן לאַנג, און פיליכט אַפילו יאָרן. פון די דאָזיקע ערשטע זעקס וואָכן קענען מיר נאָך ניט ציען קיין מסקנות; דאָך איז וויכטיק אַרומצורעדן די דאָזיקע ערשטע סטאַדיע, כדי מיר זאָלן זיך קלאָר מאַכן, וואָס עס שטייט אונז פאָר.

אין די דאָזיקע 6 וואָכן זיינען אומגעקומען מער פון 200 אידן. לויט דער אינפאָרמאַציע פון זיכערע קוואַלן זיינען אין דער זעלבער צייט גע׳הרג׳עט געוואָרן מער ווי צוויי מאָל אַזויפיל אַראַבער. פאַרלויפיק באַגרענעצן זיך די קאַמפן מיט יפו, חיפה און ירושלים, ווי אויך מיט די שאָסייען און מיטן נגב.

אין יפו און אין חיפה האָבן מיר ביז איצט געהאַט די אויבערהאַנט. מיר האָבן עס צו פאַרדאַנקען ניט בלויז אונזער מיליטערישן כוח, נאָר אויך דעם פאַקט, וואָס די ביידע שטעט זיינען אַרומגערינגלט מיט אידישע ישובים און זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַראַבישע אינזלען אינערהאַלב קאָמפּאַקטע אידישע שטחים, אַזוי אַז מיר קענען אין די צוויי שטעט איזאָלירן די אַראַבער און באַלאַגערן זיי. געוויסערמאסן ווערט דאָס געטאָן.

לויט זיכערע ידיעות זיינען שוין אַנטלאָפן פון חיפה פון 15 ביז 20 טויזנט אַראַבער. אַ סך אַראַבישע קראָמען זיינען געשלאָסן, און ס׳שיינט אַז נאָך פיל אַראַבער וועלן פאַרלאָזן די שטאָט. די אָרעמע שיכטן לויפן טיפער אין לאַנד, אין די ריין־אַראַבישע שטחים; די פאַרמעגלעכע — לויפן קיין אויסלאַנד. אין יפו איז די לאַגע פון די אַראַבער נאָך פיל ערגער. אין שטאָט הערשט אַ שרעקלעכע אַרבעטסלאָזיקייט, ס׳איז אַ שטימונג פון פּאַניק און מען לויפט פון שטאָט מאַסנוויז. די אַראַבער אַליין באַהויפּטן, אַז אין שטאָט איז

פולער כאַאָס. אָבער דאָס אַלץ הייסט נאָך ניט, אַז עס איז אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן דער אַראַבישער דראַנג צום קאַמף. טראָץ אַלעמען, האַלט אַן די מלחמה, און ס׳זיינען ניטאָ קיינע סימנים, אַז זי זאָל אויפהערן.

אַנדערש איז די לאַגע אין ירושלים. ניט ווייל מיר זיינען דאָ מיליטעריש שוואַכער, נאָר ווייל ירושלים — אין קעגנזאַץ צו יפו און חיפה — איז ניט אַרומגערינגלט מיט אידישע ישובים. דאָ און דאָרט, זיינען יאָ פאַראַן אידישע פונקטן — און זיי דינען אונז טאַקע אַלס שטיץ־ און שוץ־פונקטן — אָבער זיי דאַרפן און זיי שמידן צו צו זיך ניט ווייניק כוחות, וועלכע זיינען נויטיק פאַר ירושלים. אין די געגעבענע אומשטענדן זיינען מיר געצוואונגען צו פאַרטיידיקן די ישובים, וואָס זיינען צוזייט אַרום ירושלים.

אין דער נייער שטאָט זיינען מיר פאַרלויפיק די שטאַרקערע. די לאַגע איז אָבער שווער אין דער אַלטער שטאָט, וואו ס׳געפינט זיך אַ קליינער, דערשלאָגענער אידישער ישוב, — ביי טויזנט און זעקס הונדערט נפשות. אין דעם אידישן ישוב אין ירושלים מערקן זיך אויך סימנים פון שרעק און פאַניק, אָבער דאָך ניט אַזוי ווי צווישן די אַראַבער. אַ געוויסע צאָל אידן האָט פאַרלאָזן די ראַנד־געביטן פון ירושלים, און כמעט אַלע אידן זיינען אַנטלאָפן פון די אַראַבישע קוואַרטאַלן. אָבער ס׳איז קיין פאַרגלייך ניט מיט דער לאַגע פון די אַראַבער.

אַן אַראַבישער פירער האָט אָנפאַנג יאַנואַר אַזוי באַשריבן די לאַגע אין ירושלים:

„די לאַגע איז זייער אַ שווערע. די איינוואוינער זיינען אויפגעברויזט. זיי קומען צו די פירער און שעלטן — אויף רעכטס און אויף לינקס. אומעטום שטויסט מען זיך אָן אויף פאַרוואונדעטע. די שפּיטאַלן זיינען איבערפולט. קיין תכריכים זיינען ניטאָ. אין שטאָט הערשט אַנאַרכיע. דאָס מיליטער אַנט־וואָפנט די אַראַבער. די אַלטע שטאָט איז געבליבן אָן אַפּראָוויזאַציע. פון אַלע זייטן קוקן אַרויס אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג. מיר קענען בשום אופן ניט באַהערשן די סיטואַציע“.

אָבער פון דעם טאָרן מיר ניט לערנען, אַז ס׳איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן ביי די אַראַבער דער ווילן צום קאַמף.

אונזער שוואַכקייט אין ירושלים שטאַמט ניט פון דעם, וואָס אַרום איר איז ניטאָ קיין אידישע קאָלאָניזאַציע; ירושלים איז מיט איר אַפּראָוויזאַציע אוןווירטשאַפט אָפּהענגיק פון די פאַרט־שטעט. דאָס הייסט, אַז די עקזיסטענץ פון ירושלים איז אָפּהענגיק פון דער זיכערקייט פון טראַנספּאָרט. און דאָ — אויפן טראַנספּאָרט־פראָנט — איז זייער שלעכט. דאָס טראַנספּאָרט־פּראָבלעם איז פון די שווערסטע, די צענטראַלסטע אין אונזער פאַרטיידיקונג. ירושלים פילט יעדן טאָג דעם טעם פון די טראַנספּאָרט־שוועריקייטן. די אידישע ירושלים שטייט אויפן שוועל פון הונגער, אָבער די אַראַבער באַזיצן 4 שאָסייען: דעם מערב־שאָסיי — פון יפו (דורך באַב־אל־וואַד אָדער דורך ראַמאַלע); דער דרום־שאָסיי — פון חברון און בית לחם; דער מזרח־שאָסיי — פון יריחו,

און דער צפון־שאָסיי — פון שכם. די אידישע ירושלים פאַרמאָגט נאָר איין שאָסיי — פון תל־אביב קיין ירושלים.

אויך אין נגב איז די לאַגע אַ געשפּאַנטע. איך וויל באַמערקן מיט צער, אַז די צוזאַמענשטויסן אין נגב זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אַדאַנק אונזערס אַ פעלער. אונזערע בחורים זיינען אַריין אין אַן אַראַביש דאָרף, וואו זיי האָבן גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן און וואו זיי האָבן זיך אויפגעפירט אַזוי, ווי זיי האָבן זיך ניט באַדאַרפט אויפפירן. די לאַגע איז באַלד געוואָרן אַן אָנגעשטרענגטע. אין נגב עקזיסטירט ניט דאָס געוויינלעכע פּראָבלעם פון אָפּהיטן די אידישע ישובים. דאָס הארץ פון אידישן נגב איז די וואַסער־רער, און ס'איז זייער שווער איר אָפּצוהיטן. די וואַסער־רער ציט זיך אויף אַ לענג פון 200 קילאָמעטער, אַזוי אַז ס'איז גאָר לייכט איר צו שעדיקן — דער מרחק פון איין ישוב צו אַנדערן איז זייער אַ גרויסער.

אַנטשיידנד איז איצט אין נגב די שטעלונג פון דער רעגירונג.

איך קען ניט באַהויפּטן, אַז אונזער פּרעסע שפּיגלט ריכטיק אָפּ די לאַגע. די ידיעות, וואָס דערשיינען אין אונזער פּרעסע, זיינען איינזייטיק און שעפּן ניט אויס דעם גאַנצן אמת. איך זאָג דאָס דווקא ווייל איך שטיי אין אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט דער בריטישער רעגירונג און ווייל מיר זיינען אין קריג מיט די אַראַבער. מען דאַרף זאָגן דעם אמת און נאָר דעם אמת, — דאָס איז וויכטיק פאַר דער פירונג פון קריג.

דאַרף מען דערפאַר ניט לייקענען, אַז אין די געגעבענע אומשטענדן איז די לאַגע פון דער רעגירונג ניט קיין לייכטע און זי קען ניט זיין קיין לייכטע. מען קען בעצם איצט ניט רעדן וועגן דער רעגירונג, ווי וועגן אַ גאַנצע און איינהייטלעכע קערפּערשאַפט, ווייל עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די צופאַלונג פון ערב־עוואַקואַציע. צי עס וועט קומען די עוואַקואַציע צי ניין — אַ שטימונג פון ערב־עוואַקואַציע איז אָבער דאָ, און צוזאַמען דערמיט — סימנים פון כאַאָס. געוויסע רעגירונגס־לייט האַנדלען אַזוי, און אַנדערע — פּונקט פאַרקערט.

כדי צו אילוסטרירן די לאַגע, וועל איך פאַר אייך פאַרלייענען אַ באַריכט, וואָס איך האָב אָקאָרשט באַקומען פון נגב וועגן דעם, וואָס ס'איז דאָרט געשען פאַריקן דאָנערשטיק, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַגלייטונג פון אונזערע טראַנספּאָרטן. די באַגלייטונגס־פראַגע אין נגב איז זייער אַן ערנסטע.

„נאָך לענגערע פאַרהאַנדלונגען האָבן די מאַכט־אָרגאַנען מסכים געווען צו באַגלייטן אונזערע טראַנספּאָרטן, וואָס גייען פון ניר־עם צו דרום: איינער, לענג־אויס דעם ים־ברעג אין דער ריכטונג פון גבולות, און דער אַנדערער — דורך באר־שבע, צו בית־אשל און רביבים.

„דאָנערשטיק, דעם 1־טן יאַנואַר, 9:30 אינדערפרי, זיינען אָנגעקומען אויטאָמאָבילן מיט ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וואָס האָבן באַגלייט די טראַנספּאָרטן.

„איין טראַנספּאָרט, וואָס איז באַשטאַנען פון 10 משא־מאַשינען, אָנגעלאָדן מיט באַראַקן און מיט אַפּראָוויזאַציע, האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון גבולות. די וועגן זיינען אין אַלע ווינקלען, וואו מען האָט געקענט דערוואַרטן

צוזאַמענשטויסן, געווען געשיצט דורך מיליטערישע פּאַנצער־אויטאָס. אַ מי־ליטערישער אַעראָפּלאַן איז געפלויגן לענג־אויס דעם מאַרשרוט פונם טראַנס־פּאָרט.

„דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען בשלום און האָט זיך אויף צומאָרגנס צוריקגעקערט.

„דאָסמאָל איז די באַגלייטונג געווען שטאַרק און צופרידנשטעלנדיק. פאַר מער זיכערקייט האָבן זיך אונזערע חברים באַטייליקט אין דער באַגלייטונג.

„אַ צווייטער טראַנספּאָרט, וואָס איז אַרויס אין דער ריכטונג פון בית־אשל, איז אָנגעגריפן געוואָרן אין באר־שבע. איין קאָפּאָראַל פון דער אַרמיי איז גע׳הרג׳עט געוואָרן, און אַ צווייטער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. אונטער אַ האָגל פון קוילן איז דער טראַנספּאָרט בשלום אָנגעקומען קיין בית־אשל. איינער פון אונזערע בחורים איז לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָס ענגלישע מיליטער האָט זיך צוערשט געקווענקלט צו שיסן, האָט דאָך געענטפערט מיט פייער און האָט אונז געהאָלפן אַריינצוברענגען קיין בית־אשל אַן אויטאָ, וואָס איז באַשעדיקט געוואָרן און איז געבליבן שטעקן אין דרויסן.

„אַ צווייטער טייל פון דעם טראַנספּאָרט איז אונטער באַגלייטונג אָנגע־קומען קיין רביבים.

„דאָס מיליטער האָט פאַרבאָטן צוריקצופאָרן דורך באר־שבע און האָט צוגעזאָגט צוריקצוקערן דעם טראַנספּאָרט קיין ניר־עם: אויסמיידנדיק באר־שבע אָדער פאַרנדיק ביינאַכט".

איך האָב אויסגעקליבן דעם בעסטן פאַל אויף צו אילוסטרירן די אויפ־פירונג פון דער רעגירונג. ס׳איז מיר ניט באַקאַנט נאָך אַזאַ פאַל, ווען די רעגירונג זאָל זיך האָבן אַזוי אויפגעפירט. אַלנפאַלס צווייפל איך, צי עס וועט אַזוי לאַנג אָנהאַלטן. עס איז, בכלל, שווער פּינקטלעך צו דעפינירן די שטעלונג פון דער רעגירונג. ס׳שיינט מיר, אַז איך וועל זיין גאָר נאָענט צום אמת, אויב איך וועל זאָגן, אַז די רעגירונג — אין בעסטן פאַל — איז נייטראַל צווישן די אָנגרייפער און אָנגעגריפענע. די רעגירונג האָט טאַקע דערקלערט — פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין ענגלאַנד און אין דער וועלט, אַז כל זמן זי איז דאָ, וועט זי אָפּהיטן דאָס געזעץ און די אָרדענונג, אָבער אין דער אמת׳ן היט זי ניט אָפּ דאָס געזעץ און די אָרדענונג, — סיי דערפאַר, וואָס זי קען ניט, ווייל זי צופאַלט זיך, און סיי דערפאַר וואָס זי וויל ניט, ווייל זי באַנוצט זיך ניט אַפילו מיט דער מעגלעכקייט, וואָס זי האָט נאָך יאָ אין האַנט.

און די רעגירונגס־נייטראַליטעט לגבי דעם אָנגרייפער און אָנגעגריפענעם עקזיסטירט נאָר ווען די אָנגרייפער זיינען אַראַבער, און די אָנגעגריפענע — אידן. אָבער אין פאַרקערטע פאַלן — און ס׳זיינען געווען אַזעלכע — איז זי ניט נייטראַל.

די רעגירונג איז פול מיט שאָדן־פרייד לגבי דער לאַגע אין לאַנד. ס׳איז שאָדן־פרייד פון אַ באַנקראָטירטער רעגירונג, וואָס מיינט אַז דאָס וואָס ס׳קומט איצט פאָר אין לאַנד פאַרענטפערט פאַר דער וועלט איר באַנקראָט אין משך

פון 30 יאָר. — ס'איז אַ שאָדן־פרייד לגבי די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס זי האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו פאַרמיידן; דאָס איז שאָדן־פרייד אין באַצוג צו אַמעריקע; דאָס איז שאָדן־פרייד לגבי די אידן. ס'איז דאָ אויך ניט ווייניק שנאה צוליב דעם אידישן טעראָר פון די לעצטע צוויי יאָר. דאָס איז ניט שנאה צו אצ״ל, נאָר צום ישוב, צו די ישוב־אינסטאַנצן, וואָס האָבן ניט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט דער רעגירונג אין איר קאַמף קעגן דעם טעראָר. ס'זיינען געווען געציילטע טעג, ווען ס'האָט געשיינט, אַז די רעגירונג וויל זיך איבערבעטן מיט אונז, אָבער די לעצטע וואָכן איז ניטאָ אַפילו קיין סימן פון דאַזיקן ווילן. — ס'קען געמאָלט זיין — איך זאָג דאָס מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט, ווייל איך בין ניט אינגאַנצן זיכער אין דעם און איך האָב ניט קיין פאַקטן, וואָס זאָלן מיר דאָס דערווייזן, און דאָך האָב איך אַ גרונט פאַר אַ חשד, מיינענדיק דערביי אַז איך בין ניט קיין חושד בכשרים, — ס'קען, זאָג איך, גריילעך געמאָלט זיין, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרברעכערישער פּאָליטישער כוונה, אויפצוריכטן אַן אַראַבישע מדינה אין גאַנץ ארץ ישראל, מיט אַ שטיקל אויטאָנאָמיע פאַר אידן, לויט מאָריסאָנס פּלאַן; ס'קען דאָ אויך זיין אַן אַנדער כוונה: אַ ווייטגייענדיקע פאַרשמעלערונג פון די גרענעצן פון דער אידישער מדינה; אָדער: ווייניקסטנס איבערצולאָזן חיפה און דעם נגב אין די הענט פון די ענגלענדער.

די מסקנה פון דעם אַלעמען איז: ניט צו פאַרלאָזן זיך אויף דער רעגירונג. דער אמת איז, אַז די אַראַבער האָבן אונז דערקלערט קריג, און אַ דריטער צד אין לאַנד שמידט אונז די הענט. — ער שמידט די הענט מיט דעם וואָס ער זוכט ביי אונז געווער, וואָס ער גיט כלערליי פאַרלייכטערונגען די אַראַבער און ער דערמעגלעכט די אַראַבער — דירעקט צי אומדירעקט — צו דערווערבן געווער, שטערנדיק גלייכצייטיק אונז צו טאָן דאָס זעלבע.

און איצט וועגן אונזער קעגנער אַליין: די אַראַבער. מיר שטייען דאָס־מאָל, פיל מער ווי אין יאָר 1936, ניט נאָר קעגן די אַראַבער פון ארץ ישראל, נאָר אויך קעגן די אַראַבער פון די שכנות'דיקע לענדער. דאָס איז אַ פאַקט, אַן אַנטשיידנדיקער פאַקט.

פאָרלויפיק האָבן זיך אין קריג קעגן אונז אַריינגעצויגן בלויז די אַראַבער פון יפו, חיפה און ירושלים, און זיי צו הילף זיינען געקומען די אַראַבער פון שכם און לוד. טיילוויז האָבן זיך אַריינגעצויגן אין קריג אויך די בעדו־אינער פון נגב. דער דאָרפישער פעלאַך איז נאָך דערווייל רואיק. דאָס איז אַ וויכטיקער פאַקט, הגם ס'איז ניט זיכער צי עס איז אַ פערמאַנענטער פאַקט. מיר דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז דער פאַקט זאָל זיין, ווי ווייט מעגלעך, אַ דויערנדער. די פעלאַכן וועלן טאַקע פאָלגן ניט דווקא אונז, אָבער עפּעס קענען מיר דאָ אויפטאָן. מיר קענען פאַרלייכטערן דעם מופטי און מיר קענען אים שטערן. אָט האָט ער זיך פון דעם ערשטן מאָמענט אָן באַמיט אויפצוהעצן די פעלאַכן, אָבער פאָרלויפיק — טראָץ אַלע זיינע באַמיאונגען — איז עס אים ניט געלונגען.

ס׳איז דאָ נאָך אַ שטילער געביט: די אָרגאַנזשן־פּלאַנטאַציעס. אין דעם דאָזיקן געביט זיינען נאָך ביז היינט ניט איבערגעפּאַלן געוואָרן — ניט די אידישע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין אַן אַראַבישער סביבה, און ניט די אַראַבישע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין אַ אידישער סביבה. ס׳איז אַזוי ווי ס׳וואָלט עקזיסטירט אַ מין געהיימער אָפּמאַך, רואיק צו פאַרענדיקן דעם אָראַנזשן־סעזאָן. דאָס באַווייזט, אַז אויך מצד די אַראַבער פירט זיך די מלחמה לויט אַ באַשטימטן חשבון. מיר זיינען פאַראינטערעסירט אָפּצוהיטן די רו אומעטום, אויסער אין די צענטראַלע פּונקטן פון די באַנדעס. ס׳איז אָבער אָנצונעמען, אַז נאָכן סעזאָן וועלן זיך באַפרייען נייע כוחות צום קריג קעגן אונז.

אויך צווישן די אַראַבישע שטאָטישע עלעמענטן זיינען דאָ אונטערשיידן, וויכטיקע אונטערשיידן — הגם ניט קיין דעצידירנדע. אין חיפה און אין ירושלים עקזיסטירן גרעסערע קריסטלעכע געמיינדעס. די חיפה׳ער קריסטן זיינען פאַרבליבן נייטראַל, און זיי באַוואָפענען זיך בלויז פאַר זעלבסט־שוץ; זיי האָבן מורא פאַר די מוזולמענער. — אין ירושלים זיינען די קריסטן טעטיק אין דעם קאַמף קעגן אונז, און איינער פון די הויפּט־פירער אין ירושלים איז אַ קריסט. אָבער אין ירושלים, ווי אויך אין אייניקע אַנדערע ערטער, זיינען דאָ חילוקי־דעות צווישן די מוזולמענער אַליין. אין ירושלים זיינען דאָ די מופטי־לייט און ס׳איז דאָ אַן אָפּאָזיציע. אין דעם דריי־עק — שכם, טול־כרם, דזשענין — איז די אָפּאָזיציע גאַנץ שטאַרק, און זי האָט זיך באַוואוסט־זיניק ניט געשטעלט צום קאַמף. זיי לעבן אין איין שרעק פאַר דער הערשאַפט פון דעם מופטי. דאָך טאָרן מיר ניט פאַרגעסן, אַז נאָך אַלעמען זיינען זיי אַראַ־בער, און אויב די מלחמה וועט זיך מער פאַרשפּרייטן — וועלן זיי זיך אויך מאָביליזירן קעגן אונז.

מיר מוזן זיך, ווי ווייט מעגלעך, באַמיען ניט צו פּראָוואָצירן קעגן אונז די פּאַסיווע און נייטראַלע אַראַבישע עלעמענטן, הגם עס איז איצט ניט קיין לייכטע אויפגאַבע. מיר לעבן ניט מער אין יאָר 1936. מיר האָבן דאַן געקעמפט קעגן די טעראָריסטן און מיר האָבן זיך באַמיט, ניט אָנצוגרייפן אומשולדיקע אַראַבער. דאָס מאָל — איז עס קריג; און ס׳איז אוממעגלעך — איך שטרייך עס דורכויס אונטער — צו מאַכן אַן אינדיווידועלן אויסוואַל. אין קריג קען מען זיך ניט אָפּהיטן פון איבערצופאַלן אומשולדיקע מענטשן. אויב סאַלאַמע איז אַ פּאַלאַץ, פון וואַנען עס ווערט אָנגעגריפן תל־אביב, און מיר מוזן שלאָגן סאַלאַמע — וועלן מיר ניט קענען אונטערשיידן צווישן שולדיקע און אומשולדיקע. פאַרלויפיק קענען מיר בלויז אונטערשיידן צווישן געביטן: דאָרף און שטאָט, מופטי־געביטן און אָפּאָזיציע־געביטן.

אָבער מיר שטייען ניט נאָר קעגנאיבער די אַראַבער פון ארץ ישראל. וואָלטן מיר געהאַט צו טאָן בלויז מיט זיי, וואָלטן מיר געקענט אין אַ רעלאַטיוו־קורצער צייט ליקווידירן דעם קריג. ס׳איז אונז ניט שווער, צו שטעלן יפו און חיפה אויף די קני; אין ירושלים איז עס שווערער, אָבער ווען ניט די ענגלענדער וואָלטן מיר זיך אַן עצה געגעבן אויך דאָ. מיר וואָלטן זיך געקענט דורכרייסן אויך צו דער אַלטער שטאָט. ס׳איז טאַקע ניט לייכט, צו פאַרזיכערן

די קאַמוניקאַציע צווישן תל־אביב און ירושלים, ווייל דער וועג גייט דורך אַראַבישע שטחים — סיי אין טאָל, סיי אין פלאַכלאַנד און סיי אין די בערג. אָבער מיר וואָלטן אויך דאָס בייגעקומען. אויך מיר קענען פאַרשטאָפּן קאָמוניקאַציע־אַרטעריעס, און די אַראַבער זיינען איצט, ניט ווי מיט 10 יאָר צוריק, אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון מאָטאָר־טראַנספּאָרט. און הגם די אַראַבער האָבן איצט פיל מער געווער ווי אין יאָר 1936, — און איך האָב מורא, אַז זייער געווער האָט זיך פאַרמערט אין אַ גרעסערער מאָס ווי אונזער געווער, — צווייפל איך ניט, אַז ווען ניט די ענגלענדער און די אַראַבער פון דרויסן, וואָלטן מיר זיי לייכט באַזיגט און מיר וואָלטן זיי געצוואונגען זיך אונטערצוגעבן. איז נאָך אָבער דאָ אַן ענגלישע רעגירונג און ענגליש מיליטער, און ס׳זיינען דאָ אַראַבישע מדינות.

די אַראַבישע מדינות, לויט זייער שטעלונג היינט צו טאָג (איך שטרייך אונטער: היינט צו טאָג, ווייל די זאַכן זיינען ניט פאַרגליווערטע און זיי קענען זיך ענדערן), קען מען איינטיילן אין דריי גרופּן: 1) סיריע און איראַק; זיי זיינען די עקסטרעמסטע אין זייער פיינדשאַפט און אַגרעסיווקייט; און הגם ס׳איז אומנאַטירלעך — גייט מיט זיי צוזאַמען אויך לבנון. — 2) מצרים און סעודיה; זיי זיינען די מעסיקע, אָבער אויך זיי האָבן אונז דערקלערט קריג. — 3) אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך אַליין איז — עבר־הירדן.

אין סיריע געפינט זיך דער צענטער פון מיליטערישע איבונגען, פאַר די אַראַבער פון ארץ ישראל, ווי פאַר די אַראַבער פון אַנדערע לענדער, וואָס קומען אַהין כדי צוצוגרייטן זיך צום קריג קעגן אונז. — איראַק האָט אַן אַרמיי מיט אַ גאַנץ גוטער אויסשטאַטונג. ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך צו שיקן איראַקיש מיליטער צו די גרענעצן פון ארץ ישראל, אָבער עבר־הירדן האָט פּאַרלויפיק ניט דערלויבט קיין דורכגאַנג. ביז איצט נעמען נאָך מצרים און סעודיה ניט קיין אַקטיוון אָנטייל אין קריג. עבר־הירדן, ווי געזאָגט, איז אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך אַליין. עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער ס׳איז אַ פאַקט: עבר־הירדן פאַרמאָגט די בעסטע אַרמיי פון אַלע אַראַבישע לענדער, — סיי אין אַלגעמיינער קוואַליפיקאַציע, סיי אין אויסשולונג און סיי אין אויסשטאַטונג. אין גרעסטן טייל איז די דאָזיקע אַרמיי קאָנצענטרירט אין ארץ ישראל, — דאָס איז דער אַראַבישער לעגיאָן. דער הערשער פון עבר־הירדן וויל שלום און ער וואָלט געווען מסכים געווען צו די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער. ס׳איז נאָר אַ שאלה, ווי לאַנג וועט ער אָנהאַלטן די דאָזיקע שטעלונג, ווייל נאָך אַלעמען איז ער אַן אַראַבער און עס ווערט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלדיקער אַראַבישער דרוק. אויב ער וועט פאַרבלייבן ביי זיין איצטיקער שטעלונג, איז נאָך אַ שאלה, צי זיין אַרמיי וועט אים פאָלגן. סיריע און לבנון האָבן כמעט ניט קיין אַרמיי, און די איבעריקע אַראַבישע לענדער קווענקלען זיך נאָך, צו שיקן זייער מיליטער קיין ארץ ישראל. דער קריג, וואָס איז אונז דערקלערט געוואָרן, איז דאָך אויך אַ קריג קעגן די פאַראייניקטע פעלקער. דאָ דאַרפן מיר אָבער ניט פלעגן קיין אילוזיעס: מען מעג ניט פאָלגן די פאַראייניקטע פעלקער. דרום־אַפריקע

האָט געטאָן אַזוי, און די פּאַראייניקטע פעלקער קענען מיט איר גאַרניט מאַכן. ס'איז אָבער דאַקעגן גריילעך מעגלעך, אַז דאַסמאָל וועלן זיך די דאָזיקע מדינות גוט מיישב זיין, צי זאָלן זיי דערקלערן קריג און אָפן פאַר־טשעפּן זיך מיט דער יו־ען; די צוויי מעכטיקע גרויס־מאַכטן, אַמעריקע און רוסלאַנד, גייען דאַסמאָל צוזאַמען, זיי האָבן ביידע אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער אידישער מדינה. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז סיריע און איראַק זייענען קינסטלעכע מדינות, און אָן הילף און אונטערשטיצונג פון דרויסן וועלן זיי זיך לאַנג ניט קענען האַלטן. פאַרלויפיק איילן זיי זיך ניט צו שיקן אַן אַרמיי, — זיי שיקן אָבער באַוואָפנטע כוחות, און נאָך אַלעמען איז דאָס איינס און דאָס זעלבע.

דער אַראַבישער לעגיאָן דערשיינט לעצטנס אַלס בריטיש מיליטער — אַזוי האָט דערקלערט די רעגירונג — און ער געפינט זיך אונטער בריטישער קאָמאַנדע. ס'איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז נאָך דער עוואַקואַציע — אויב ס'וועט זיין אַן עוואַקואַציע — וועט דער לעגיאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַרמיי פון דער אַראַבישער ליגע.

אין דעם אַראַבישן לאַגער — ביי די אַראַבער פון ארץ ישראל, ווי ביי די אַראַבער פון די אַרומיקע לענדער — זייגען דאָ אינערלעכע ווידערשפּרוכן און פאַרשיידענע שוואַכקייטן, אָבער מיר טאָרן ניט בויען אונזער סטראַטעגיע אויף די דאָזיקע שוואַכקייטן און ווידערשפּרוכן.

און ס'איז דאָ אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַקטאָר: די פאַראייניקטע פעלקער. די שטעלונג פון דער יו־ען גיט אונז אַ באַדייטנדע מאָראַלישע אונטער־שטיצונג. מיר באַשטייען אויף דעם, אַז די יו־ען־קאָמיסיע זאָל קומען אַהער שנעל ווי מעגלעך און אַז איר אָנקומען זאָל פאַרשנעלערן דאָס אויפשטעלן דעם אידישן רעגירונגס־ראַט און די אידישע מיליץ — לויט די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער.

דאָס אַלץ איז אָבער ניט אָפּהענגיק בלויז פון אונז. עס קען געשען, און עס קען ניט געשען. דאַרפן מיר דעריבער גרייט זיין און פאַרלאָזן זיך קודם כל אויף אונזער אייגענעם כוח; דאָס הייסט — אויף אונזער כוח אין לאַנד. מיר וועלן זיך אויך שטיצן אויפן אידישן כוח אין דער וועלט, אָבער קודם כל — אויף זיך אַליין אין לאַנד.

לויט די באַשלוסן פון דער יו־ען איז דאָ אַ גאַנצע ריי פון טערמינען: איינער, ניט קיין באַשטימטער, איז דער טערמין, ווען די יו־ען־קאָמיסיע וועט קומען אַהער. דער צווייטער — און איך האָב מורא, אַז ס'וועט דערפון גאַרניט אַרויסקומען — איז דער טערמין פון 1־טן פעברואַר. דעם טאָג דאַרף ענגלאַנד, לויטן באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער, איבערגעבן אונז אַ פּאָרט, מיט אַ גענוגנדן הינטערלאַנד, כדי צו דערמעגלעכן אַ באַדייטנדע עליה. פאַרלויפיק האָבן מיר ניט קיין גרונט צו גלויבן, אַז ענגלאַנד וועט אויספירן דעם דאָזיקן באַשלוס און וועט פאַר אונז — אויף אַ געזעצלעכן אופן — אָפּרייניקן אַ פּאָרט.

און ס'איז דאָ אַ דריטער טערמין: ניט שפּעטער פונם 1־טן אַפּריל דאַרף אַנטשטיין אַ צייטווייליקער אידישער רעגירונגס־ראַט, וואָס וועט באַ־

קומען, אונטער דער קאָנטראָל פון דער יו־עו־קאָמיסיע, די פולע הערשאַפט איבער דעם באַשטימטן שטח.

דעם פערטן טערמין האָט באַשטימט ענגלאַנד אַליין: דער 15־טער מאַי; דעם טאָג דאַרף זיין די עוואַקואַציע, דאָס הייסט — די ליקווידירונג פונם מאַנדאַט. ווייס איך ניט, צי עס וועט מקוים ווערן, צי ניט.

דער פינפטער טערמין איז — דער 11־טער אויגוסט, ווען ענגלאַנד מוז ענדיקן דעם מאַנדאַט. אין דעם טאָג האָט די ענגלישע מאַכט איבער ארץ ישראל ניט מער קיין שום געזעצלעכע רעכט. דעם טאָג מוז אויך דאָס ענגלישע מיליטער פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

ס'איז נאָך דאָ אַ זעקסטער טערמין — דער 1־טער אָקטאָבער: דעם טאָג ווערן אויפגעשטעלט ביידע מדינות, אָדער איינע פון די צוויי מדינות.

די כוונה פון דער אַראַבישער מלחמה איז צו אַנולירן די דאָזיקע אַלע טערמינען — אַז עס זאָל ניט אַנטשטיין קיין אידישער רעגירונגס־ראַט, ס'זאָל ניט מאָביליזירט ווערן קיין אידישע מיליץ, ס'זאָל ניט פּראָקלאַמירט ווערן קיין אידישע מדינה.

מען קען ניט פאָרויסזען די אַנטוויקלונג פון פאַרפּלאָנטערטע ענינים, און די ענינים אין ארץ ישראל זיינען זייער פאַרפּלאָנטערט. אויב ס'וועט צושטאַנד קומען דער טערמין פונם 15־טן מאַי און דער ענגלישער מאַנדאַט וועט זיך אין יענעם טאָג ענדיקן, וועט זיך דאַן וואַרשיינלעך אָנפאַנגען די אמת'ע מלחמה, אָדער זי וועט זיך פאַרשפּרייטן און וועט קומען צו איר הויכפּונקט. און דאַן וועלן מיר שטיין פאַר אַ נסיון, פאַר וועלכן מיר זיינען ניט געשטאַנען טויזנטער יאָרן.

קודם כל וועלן מיר געפּרואווט ווערן אין דער אָפּשאַצונג פון דער ערנסטקייט פון דער סיטואַציע. צוגרייטונגען הויבן זיך אָן פון אַ ריכטיקער און קלאָרער אָריענטאַציע. נאָר מיטן תנאי אַז מיר זאָלן וויסן דעם גאַנצן אומפאַנג פון דער פאַרשטייענדער סכנה, וועלן מיר אין זיך געפינען די כוחות — און איך בין זיכער אַז מיר פאַרמאָגן פּאָטענציעלע כוחות — צו שטעלן זיך קעגן איר.

ווען ס'וועט אויסברעכן די ריכטיקע מלחמה, וועלן פאַר אונז שטיין פיר אומגעהויער שווערע פּראָבלעמען: א) דער נגב; ב) ירושלים; ג) קאָמוניקאַציע; ד) דער צפון.

דער נגב אונטערשיידט זיך געוואַלדיק פון אַלע אַנדערע טיילן פון לאַנד. אין נגב עקזיסטירט ניט קיין פראַגע, ווי אַזוי צו פאַרזיכערן די ישובים. דאָרטן זיינען כמעט קיין ישובים ניטאָ. דאָס פּראָבלעם פון נגב איז — פאַרטיידיקן אים, אַלס טייל פון דער אידישער מדינה. איך וועל עס דעפינירן ברוטאַל: די אָקופּאַציע פון נגב.

כ'האָב שוין געזאָגט, אַז דער ציל פון קריג קעגן אונז איז אַ דרייפאַכער, און איין ציל איז — די פאַרשמעלערונג פון אונזערע גרענעצן. קודם כל וויל מען אָפּהאַקן דעם נגב, און ס'איז ניט שווער, ווייל אין נגב זיינען קיין אידן ניטאָ. די פאַראייניקטע פעלקער האָבן אונז געגעבן דעם נגב כדי מיר

זאָלן אים קאָלאָניזירן. אָבער דאָס אַלץ וועט איצט אַנטשידן ווערן, ניט לויט פאָרמעלע באַשלוסן, נאָר — מיט כוח. אויב מיר וועלן בייצייטנס ניט שאַפן קיין באַוואָפנטן אידישן כוח פאַרן נגב — וועלן מיר אים וואַרשיינלעך פאַרלירן. יעדער פאַראַנענער אידישער ישוב אין נגב דאַרף דינען אַלס גאַרניזאָן, יעדער איד — אַלס זעלנער. מיר דאַרפן דאָרטן האָבן אַ כוח, וואָס זאָל קלעקן אויף צו הערשן איבערן גאַנצן נגב, — ניט נאָר איבער די וואַסער־רערן, ניט נאָר איבער די ווינציק פאַראַנענע ישובים דאָרט, נאָר איבער דער גאַנצער ברייט און לענג פון נגב. מיר דאַרפן זיך דעריבער פאַרזיכערן גענוגנדע באַוועגלעכקייט און זאָרגן פאַר גענוגנדע רעזערוון פון שפּייז־פּראָדוקטן, וואַסער, ברענ־שטאָף און טראַנספּאָרט. אויב מיר וועלן נאָר פאַרזיכערן די קאָמוניקאַציע מיטן נגב — וועט מען אים פון אונז ניט אַוועקנעמען.

די קאָמוניקאַציע מיטן נגב דאַרף מען פאַרזיכערן אין דער לופט און אויפן ים. ס׳איז ניט זיכער, צי וועלן מיר קענען אויפהאַלטן די קאָמוניקאַציע אויף דער יבשה. איצט פירט דער וועג דורך אַראַבישע ישובים. אויב דער קריג וועט זיך צופלאַקערן איבערן גאַנצן לאַנד, און דאָס דאַרף וועט זיך אויך באַטייליקן אין אים, וועט מען זיך באַלד באַמיען, איבערצורייסן אונזערע קאָמוניקאַציע־אַרטעריעס. דאַרפן מיר גרייט זיין, צו קענען גרייכן דעם נגב דורך לופט און ים.

דאָס צווייטע שווערע פּראָבלעם איז — ירושלים. אויך דאָ, ווי אין נגב, שטייט די פראַגע פון וואַסער. כל זמן די ענגלענדער זיינען דאָ — איז געמאָלט, אַז דאָס וואַסער פון ראש־העין זאָל נאָך שטראָמען קיין ירושלים, אָבער ס׳איז ניט זיכער, אַז מען וועט ניט שעדיקן די וואַסער־רערן, איבעררייסן דעם וואַסער־שטראָם און לאָזן ירושלים אויסשטאַרבן פון דורשט. די אַראַבישע ירושלים וועט ניט שווער געטראָפן ווערן, ווייל די אַראַבער האָבן וואַסער־רעזערוואַרן. אונזער ישוב אין ירושלים איז מער מאָדערן, און אַ סך קוואַרטאַלן און הייזער זיינען געבויט אָן די פרימיטיווע וואַסער־רעזערוואַרן. און צו ירושלים איז ניטאָ קיין ים־וועג; דורך דער לופט איז אויך ניט לייכט צוצוקומען צו איר, ווייל זי איז אַרומגערינגלט מיט בערג. וועט די שווערסטע פראַגע לגבי ירושלים זיין: קאָמוניקאַציע. דאָס איז אָבער ניט אויסער אונזערע מעגלעכקייטן. מיר וועלן דאַרפן איינעמען דעם גאַנצן שטח, וואָס פירט צו ירושלים.

ס׳קען גרייכלעך זיין, אַז די מלחמה וועט זיך אָנהויבן אין צפון און אַז אונזערע פיינד וועלן פּרובירן אָפּצורייסן פון אונז דעם גליל. אין סיריע מושטרירן זיך די אַראַבישע קעמפער און זיי וועלן זיך אַ לאָז טאָן אויפן גליל — דאַרפן מיר זאָרגן דערפאַר, אַז דער גליל זאָל זיך קענען האַלטן, אויב ער וועט אַפילו אָפּגעשניטן ווערן. מיר וועלן דאַרפן אויפהאַלטן אַ לופט־קאָמוניקאַציע מיט אונזערע ישובים אין גליל, און אויף וויפל די אַראַבער וועלן ניט באַהערשן דעם ים־ברעג — אויך אַ ים־קאָמוניקאַציע (דורך נהריה).

ס׳איז ניט דאָ דער פּלאַץ גענוי צו שילדערן דעם גאַנג פון דער פאַרשטייענדער מלחמה. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז ס׳וועט זיך פון אונז פאָדערן

אַן אומגעהויערע אָנשטרענגונג — סיי פיזיש און ווירטשאַפטלעך, סיי פינאַנ־ציעל און מאָראַליש. און מיר דאַרפן גרייט זיין אויך צו דורכפאַלן, אַפילו שווערע דורכפאַלן. ניט אַלע מאָל און ניט אומעטום וועלן מיר זיין די זיגער. מיר וועלן באַקומען אויך קלעפּ, און שווערע קלעפּ. און מיר דאַרפן זיין גייסטיק פאַרהאַרטעוועט. מיט גייסט אַליין קען מען ניט מלחמה האַלטן. מיר דאַרפן דערצו האָבן קודם כל אַ גרויסע אַרמיי און אַ סך כוח. אָבער אין דאָזיקן קריג וועט דער גייסט שפּילן אַן אַנטשיידנדע ראָלע.

מיר וועלן זיך גרייטן מיט אַלע מיטלען און מיט פולער ענערגיע צום קאַמף אויף טויט און אויף לעבן, — מיר וועלן אָבער אויך שטאַרקן יעדע טענדענץ צו שלום, וואָס וועט זיך נאָר אַנטפּלעקן צווישן די אַראַבער. אונזערע פּאָליטישע צילן אין דער מלחמה זיינען פאַרשיידענע. אונזער פּראָגראַם איז אויך איצט, ווי פאַרן אויסברוך פון די געשעענישן: זיכערקייט, די אידישע מדינה, אידיש־אַראַבישער בונד. און טאַקע לויט דער דאָזיקער אָרדענונג. די אָרדענונג איז ניט בלויז כראָנאָלאָגיש, זי איז אויך — לויט דער וויכטיקייט.

ס'איז ניט קיין לייכטע פּראָגראַם, הגם אַ קורצע. מען קען זי פאַרווירקלעכן. — ס'וועט זיך נאָר פאָדערן פון אונז די העכסטע מאָס פון צוויי זאַכן: כוח און פאַרשטאַנד.

ד' בשבט תש"ח — 1948 .15 .1

# צו אַן איבערברוך

(אויף אַ פאַרזאַמלונג פון הגנה־אַקטיוו אין תל־אביב)

... **א**יך מיין ניט, אַז איך דאַרף מלמד זכות זיין אויף עפּעס אָדער אויף עמיצן. ווי יעדער איינער פון די דאָ פאַרזאַמלטע, באַטראַכט איך זיך אַלס אַ מאָנער און אַ געמאָנטער. צו דער קריטיק, וואָס די חברים האָבן געלאָזט הערן, וואָלט איך געקענט ניט ווייניק צוגעבן אויך פון מיין זייט. איך צווייפל, צי איז דאָ איינער אין לאַנד, וואָס האָט אַ רעכט צו זאָגן: איך האָב ביז איצט געטאָן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפאָדערט פון מיר. מיר האָבן ניט גענוג געטאָן — ניט פאַר דער עליה, ניט פאַר דער קאָלאָני־זאַציע און ניט פאַר דער הגנה. אָבער אייניקע טענות פון די חברים באַווייזן, אַז וואָס אַנבעלאַנגט זיכערקייט, לעבן זיי נאָך אין דער פאַרגאַנגענהייט און זיי באַגרייפן ניט וואָס עס פאָדערט זיך פון אונז היינט צו טאָג.

מיר זעצן פאָר און וועלן פאַרזעצן די פאַרטיידיקונג פון יעדן ישוב, פון יעדן פונקט, ווי מיר פלעגן עס שטענדיק טאָן. אָבער די לאָקאַלע, סטאַטישע

פאַרטיידיקונג איז ניט מער דער עיקר פֿאַר אונז. אַ טראַדיציע פון 70 יאָר — אונזער זעלבסט־שוץ אין לאַנד הויבט זיך ניט אָן פון „השומר" — האָט אונז צוגעוואוינט צו פאַרטיידיקן זיך מיט אייגענע כוחות, און די זעלבע טראַדיציע האָט אונז צוגעוואוינט צו זען נאָר אָנגעגריפענע ישובים. ניט אין געדאַנק און ניט אין טאַט האָבן מיר געזאָרגט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. די זאָרג פאַר דער זיכערקייט פון לאַנד האָט געהערט דער רעגירונג, און „רעגירונג" האָט פאַר אַ אידן באַדייט — אַ פרעמדע רעגירונג. צייטנווייז פלעגן מיר קריטיקירן און פאַרדאַמען די טעטיקייט פון דער רעגירונג אויפן דאָזיקן געביט. אָבער באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק האָבן מיר געהאַלטן, אַז עס איז אַן עסק פאַר דער רעגירונג. און ס'איז מאָדנע צו הערן, ווי אַזוי חברים דענקען נאָך און רעדן אין די זעלבע קאַטעגאָריעס. — ס'האָט זיך נאָך טאַקע ניט געענדערט דיווירקלעכקייט — די רעגירונג איז נאָך אַ פרעמדע. אָבער אַך־און־ווי וועט זיין צו אונז, אויב אונזער געדאַנק און געפיל וועלן אויך ווייטער זיין באַהעפט צו דער דאָזיקער ווירקלעכקייט, וואָס האַלט זיך אין איין צופאַלן און וועלבע מיר ווילן — שנעל ווי מעגלעך — ליקווידירן. אויסער אונז איז ניטאָ ווער ס'זאָל נאָך זאָרגן פאַר אונזער זיכערקייט און עקזיסטענץ אין לאַנד. דעריבער דאַרפן מיר אַלץ זען מיט אַנדערע אויגן: ניט לאָקאַלע פאַרטיידיקונג, נאָר לאַנד־פאַרטיידיקונג; ניט סטאַטישע, נאָר דינאַמישע פאַרטיידיקונג; ניט די זיכערקייט פון איינצלנע פונקטן, נאָר פון דעם גאַנצן ישוב און פון דער קאָמוניקאַציע, — און אין גיכן — די זיכערקייט פון לאַנד, די גרענעצן, עליה און זעלבסטשטענדיקייט. מיר וועלן פון איצט־אָן דאַרפן פאַרטיידיקן שטחים, וואו ס'איז קיין איין איד ניטאָ. מיר וועלן דאַרפן אָפּהיטן די טעלעגראַף־ליניעס און עלעקטרי־סלופּעס, מיר וועלן דאַרפן פאַרזיכערן די פרייהייט פון באַוועגונג פון איין עק לאַנד צום אַנדערן. — אַלע באַגריפן אונזערע וועגן פאַרטיידיקונג פון די פאַרגאַנגענע יאָרן — אויך די פון 1936—1939 — זיינען שוין פאַרעלטערט און אָפּגעלעבט. אַוודאי וועלן מיר אויך דאַרפן פאַרטיידיקן יעדן איינציקן פונקט, אָבער מיר וועלן עס טאָן ניט ווי אין די צייטן פון די טערקן און דערנאָך פון די ענגלענדער — מיר וועלן ניט וואַרטן ביז ס'וועט קומען הילף פון דער רעגירונג.

די לאַגע האָט זיך גרונטזעצלעך געענדערט — ניט נאָר פּאָטענציעל, נאָר אויך פאַקטיש. אַלע אונזערע פאַרטיידיקונג־מיטלען און פאַרטיידיקונג־סיסטעמען זיינען פאַרעלטערט געוואָרן. מיר דאַרפן האָבן אַמוניציע — אַזאַ, וואָס מיר האָבן ביז איצט ניט געהאַט און וואָס די הגנה האָט זיך אין איר ניט געניטיקט. און קודם כל איז אונז נויטיק אַ נייע אויפפאַסונג אין אָפּשאַצן די לאַגע. דער לאָזונג איז: אם אין אני לי — מי לי! דער דאָזיקער אוראַלטער באַגריף האָט פאַרלאָרן זיין באַדייטונג אין דעם לעבן פון פאָלק, וואָס איז שוין טויזנטער יאָרן ניט זעלבסטשטענדיק. איצט דאַרפן מיר דעם דאָזיקן באַגריף באַנייען. די אידישע מדינה וועט קומען פון אינעווייניק, ניט פון דרויסן. אויב מיר וועלן זיך ניט באַטראַכטן אַלס פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר

אַלץ, אויב מיר וועלן פון זיך אַליין ניט פאָדערן אַלץ, אויב מיר אַליין וועלן ניט וועלן און ניט קענען פאַרטיידיקן דאָס גאַנצע לאַנד, און באַזונדערס די קאָמוניקאַציע־וועגן — וועט אונז ניט העלפן די פאַרטיידיקונג פון די איינצלנע פונקטן און מיר וועלן צו זעלבסטשטענדיקייט ניט דערגיין.

דער איבערגאַנג פון לאָקאַלער פאַרטיידיקונג צו פאַרטיידיקונג אין לאַנד־מאַסשטאַב פאָדערט אויך ניי געווער. מיר וועלן זיך מער ניט קענען באַנוגענען מיט ביקסן, מאָרטאַרס, קוילנוואַרפער און גראַנאַטן. מיר דאַרפן האָבן שווערע מאַשינען, האַרמאַטן, באָמבערס, קריגס־עראָפּלאַנען, מאָטאָריזירטער קריגס־טראַנספּאָרט אויף דער יבשה און קריגס־שיפן אויפן ים; און ניט ווייניקער פון דעם נויטיקן מיר זיך אין אַ נייער דערציאונג פון אונזער מענטשן־מאַטעריאַל. עס דעצידירן — ניט די ביקס, ניט דער האַרמאַט און ניט דער עראָפּלאַן — הגם זיי זיינען אומגעהויער וויכטיק, — עס דעצידירט דער מענטש, וואָס באַנוצט זיך מיט זיי. דער מענטש איז עס דער, וואָס דעצידירט אין מלחמה, ווי אין שלום. און די הגנה־דערציאונג, וואָס אונזערע מענטשן האָבן באַקומען, גענוגט ניט. מיר וועלן זיגן, ווייל אין אונזער מענטש ליגט באַהאַלטן אַ הויכע פּאָטענץ — אין היניזכט פון מאָראַל, פאַרשטאַנד, ווירט־שאַפטלעכקייט און מלחמה־פירונג. אָבער די דאָזיקע באַהאַלטענע פּאָטענץ וועט ניט אַקטיוויזירט ווערן אָן אַן אַנטשפּרעכנדער דערציאונג.

איך האָב דאָ אין זינען ניט נאָר פּראָפעסיאָנעלע און טעכנישע דער־ציאונג. אמת — דאָס אַליין איז אויך זייער וויכטיק. ס'איז נאָך ניט זיכער, אַז דער, וואָס קען זיך אַנטקעגנשטעלן אַ רויבער און אַ טעראָריסט, וועט זיך קענען אַן עצה געבן אויך מיט אַ געשולטן זעלנער. און דער וואָס קען קעמפן מיט אַ באַנדע — איז נאָך ניט קלאָר, צי וועט ער קענען שטיין קעגן אַן אָרגאַניזירטן כוח. דאַרפן מיר געבן אונזערע מענטשן אַ דערציאונג, וואָס זאָל זיי דערמעגלעכן צו שטיין אין קאַמף קעגן רעגולערע אַרמייען. אָבער כדי מיר זאָלן זיין אימשטאַנד דורכצופירן די דאָזיקע איבערקערעניש אין אונזער מיליטערישער דערציאונג, דאַרפן מיר דערציען אונזערע מענטשן אַזוי, אַז זיי זאָלן באַגרייפן די געפאַר אין איר נייעם אומפאַנג; אַז זיי זאָלן פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג עס פאָדערט זיך פון אונז.

דער ישוב, אַלס גאַנצער, איז נאָך פאַרלויפיק רואיק. אויסער די פיר־פינף הונדערט בחורים, וואָס רירן זיך ניט פון זייערע פּאָזיציעס אין דעם דרום־טייל פון תל־אביב — וואַכלאַנג, טאָג און נאַכט — און וואָס ווייזן אַרויס ביישפּיל־לאָזע טרייהייט און איבערגעגעבנקייט — לעבן נאָך די 180 טויזנט אידן פון תל־אביב לויט זייער געוויינלעכן לעבנס־שטייגער, ווי קיינמאָל גאָרניט. איך בין איבערצייגט, אַז אין תל־אביב און אין אַנדערע ערטער זיינען דאָ טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, וואָס זיינען פעאיק צו טאָן דאָס, וואָס ס'טוען איצט די פיר־פינף הונדערט, — אָבער זיי גיבן זיך ניט אָפּ קיין דין־וחשבון פון דער קריטישער סיטואַציע און זיי ווייסן ניט, וואָס עס פאָדערט זיך פון אונז.

איינער אַ חבר האָט דאָ געזאָגט, אַז פּילייכט דער גרעסטער קלאַפּ, וואָס מיר האָבן געקראָגן אין די לעצטע וואָכן איז דאָס, וואָס ביי די אַראַבער איז צושטערט געוואָרן די לעגענדע וועגן אידישן כוח. אויב ס׳איז געווען בלויז אַ לעגענדע — איז בעסער אַז זי זאָל צושטערט ווערן וואָס שנעלער. מיט קיין לעגענדעס וועלן מיר ניט געהאָלפן ווערן. איך גלויב אָבער, אַז דער וואונדערבאַרער אידישער כוח אין ארץ ישראל איז אַ ווירקלעכקייט, הגם פּאַרלויפיק אַ פּאָטענציעלע, ניט קיין פּאַקטישע ווירקלעכקייט. עס שטעקט אין אונז אַ גוואַלדיקער כוח, וואָס די אַראַבער זיינען אפילו ניט פעאיק, אָפּ־צושאַצן אים. ניט נאָר אַראַבער — קיין שום פרעמדער פאַרשטייט עס ניט. דער דאָזיקער כוח האָט זיך אַנטפּלעקט מיט 70 יאָר צוריק אין פּתח תקוה; מיט 50 יאָר צוריק — אין חדרה; מיט 40 יאָר צוריק — אין סעדזשערע; דאָס יאָר — אין נגב, — און ביז היינט האָט זיך אַנטפּלעקט בלויז אַ ברוכטייל פונם דאָזיקן כוח. ניין, ס׳איז ניט קיין לעגענדע. אָן אומגעהויערע כוחות וואָלט ניט אַנטשטאַנען דאָס ווערק, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין לאַנד. און די אַלע גראַנדיעזע כוחות, וואָס מיר האָבן אינוועסטירט אין דער שאַפונג פון אונזער ציוניסטיש ווערק אין משך פון זיבעציק יאָר, דאַרפן מיר איצט מאָביליזירן און וואַרפן — פול און שנעל — אויפן פראָנט פון אונזער פאַר־טיידיקונג.

דאָס איז מחייב אַ שאַרפן איבערברוך אויך אין אונזער געדאַנק און טאַט. איך פאַרמאַך ניט די אויגן אויף די שוועריקייטן פון אַזאַ איבערברוך. מענטשן געוואוינען זיך ניט אַפּ אַזוי לייכט פון דענק־געוואוינהייטן, און הגם ס׳איז ניטאָ קיין מער־רעוואָלוציאָנערע מחנה ווי אונזערע, איז אָבער אויך ניטאָ קיין מער־קאָנסערוואַטיווע פון איר: זי שיידט זיך ניט אַזוי לייכט פון אַן אידיי, וואָס זי האָט אַמאָל אַדאָפּטירט — אַפילו ווען ס׳איז שוין אַן אָפּגעלעבטע אידיי — און איז ניט מותר אַפילו אויף אַ געהייליקטע שאַלעכץ — כאָטש אַן אויסגעליידיקטע פון אינהאַלט.

אָט באַמי איך זיך שוין צוויי יאָר זינט דעם לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, צו צווינגען אונזער מחנה צו זען די זיכערקייטס־פּראָבלעמען אין זייער נייעם ליכט; ווי איך פאָדער אַ נייעם צוגאַנג צו די פאַרטיידיקונג־אויפגאַבן, — און כמעט קיינער הערט מיך ניט. און דאָך בין איך זיכער, אַז אונזער מחנה וועט ניט אַנטוישן, — זי דאַרף נאָר מיט אייגענעם שכל באַגרייפן די ערנסטקייט פון די געפאַרן און די גרויסקייט פון די אויפגאַבן.

ס׳איז אַ שאָד, וואָס מ׳קען ניט ברענגען אַלע איינוואוינער פון תל־אביב צו זייער דרום־פראָנט — צווישן שכונת־התקוה און סאַלאַמע. דאָס, וואָס עס קומט פאָר אויפן דאָזיקן פראָנט, שוואַכט ניט אָפּ אונזערע הענט. אָט האָט איר געזען, ווי אַזוי פיר הונדערט באַוואָפנטע אַראַבער פון סאַלאַמע שטורמען שכונת־התקוה — און אונזערע פערציק בחורים מאַכן פון זיי אַ תל און פאַר־יאָגן זיי. ניין, אונזער אינעווייניקסטער כוח איז ניט קיין לעגענדע. די אַראַ־בער ווייסן פון אים ניט; כ׳האָב מורא, אַז אויך אַ סך אונזעריקע קענען אים ניט אָפּשאַצן ווי געהעריק, אָבער ער עקזיסטירט און וועט זיך נאָך אַנטפּלעקן

אין פּולן גלאַנץ. — איך וואונדער זיך אויף די טענות, וואָס איך האָב דאָ געהערט, אַז עס ליגט אַ שווערער יאָך אויף די בחורים פון דער הגנה. דער דאָזיקער יאָך איז דאָך ניט מער ווי אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס שטייט אונז פאָר אין צוויי מאָנאַטן אַרום. און איך בין זיכער, אַז מיר וועלן זיך אַן עצה געבן אויך מיט דער דאָזיקער פאַרשטייענדיקער, אומגעהויער־שווערער אויפגאַבע: מיר וועלן קיין ברירה ניט האָבן.

אפשר וועט עס אין אייערע אויערן קלינגען משונה׳דיק: ס׳איז מיר קלאָר, אַז מען האָט אונז ביז איצט געפּיעשטשעט. מיר האָבן געהאַט אַ סך גרויסע דעראָבערונגען, און — בדרך כלל — אַן איבעריקע שוועריקייטן. מיר האָבן ביז איצט כמעט קיין דורכפאַלן ניט געהאַט. איך גלויב, אַז עס שטייען אונז איצט פאָר פיל גרעסערע דעראָבערונגען, ווי די וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט, — מיר וועלן אָבער אויך שטיין אין פייער־נסיונות, וואָס מיר האָבן נאָך אַזעלכע קיינמאָל ניט געהאַט, און עס וועלן זיך פון אונז פאָדערן אָנשטרענגונגען, וואָס מיר ווייסן ניט און זיינען זיך אַפילו ניט משער, ווי אומגעהויער גרויס זיי וועלן זיין.

איך בין געווען אין ירושלים — דעם 30־טן נאָוועמבער, 1947. אַלע אידישע איינוואוינער פון ירושלים האָבן געהוליעט און געטאַנצט. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען אַזאַ אידישע שמחה. און איך בין געווען פּיליכט דער איינציקער איד, וואָס האָט ניט געטאַנצט. ניט ווייל איך האָב אַנדערש אָפּגעשאַצט דעם באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער אָדער ווייל איך האָב ווינציקער פון אַנדערע געוואָלט אַ אידישע מדינה, נאָר ווייל איך האָב געוואוסט, וואָס ס׳שטייט אונז פאָר איידער מיר וועלן האָבן די מדינה און וואָס ס׳שטייט אונז פאָר נאָכדעם, ווי די מדינה וועט אויפגעשטעלט ווערן.

דאָס, וואָס ס׳געשעט פון דאַן אָן — איז ניט מער ווי אַ התחלה, אַ קליינע און אַ לייכטע התחלה. די אמת׳ע גרויסע, שרעקלעכע פאַרמעסטונג וועט נאָך ערשט קומען, און זי וועט ווערן אַלץ שווערער — פון חודש צו חודש, פון וואָך צו וואָך, פון טאָג צו טאָג. און פון טאָג צו טאָג וועט וואַקסן די אָנשטרענגונג, וואָס וועט זיך פאָדערן פון אונז, און ס׳וועט שווערער ווערן דער יאָך, וואָס וועט אַרויפגעלייגט ווערן אויף אונז. גלויב איך, אַז מיר וועלן עס אויסהאַלטן. עס איז ניט קיין מיסטישער גלויבן, — דאָס איז דער באַוואוסטזיין, וואָס שטראָמט פון יעדן קאַפּיטל אין אונזער לאַנגער געשיכטע, און דאָס איז די פערזענלעכע דערפאַרונג, וואָס איך האָב דערוואָרבן אין די פערציק יאָר פון מיין אַרבעט אין לאַנד.

מיר זיינען פאַרפליכטעט צו זען דעם פולן אמת פון אונזער סיטואַציע — און אָן פּחד. אָן פּחד — אין אַ טאָפּלטן זין: זען מיט אָפענע אויגן די אָנ־קומענדיקע גרויסע שרעקן וואָס גייען אויף אונז — און ניט פאַרציטערט ווערן.

י׳ בשבט תש״ח — 1948 .21 .1

# די פּראָבלעמען פון זיכערקייט און פאַרטיידיקונג

(אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ספּעציעל איינגעלאַדענע, אין בית־הבריאות, תל־אביב)

רבותי! איך וועל ניט אַנטדעקן קיין נייס, ווען איך וועל זאָגן, אַז די זיכערקייטס־פראַגע שטייט אין צענטער פון אונזער לעבן, און אַז דאָ שטייט אין קאָן אַלץ: די עקזיסטענץ פונם ישוב; דער גורל פון אידישן פאָלק, און אויך — די אויפשטעלונג פון דער אידישער מדינה. אָבער איך בין ניט זיכער, אַז יעדער איינער אין ישוב שאַצט געהעריק אָפּ די ערנסטקייט פון דער לאַגע, די פּאָליטישע און היסטאָרישע באַדייטונג פון די געשעענישן און דעם אומפאַנג פון די אָנשטערענגונגען, וואָס פאָדערן זיך פון אונז.

די מערהייט פון ישוב געדענקט נאָך די געשעענישן פון 1936—39. אַ סך געדענקען נאָך די געשעענישן פון 1920, 1921, 1929. ס׳זיינען דאָ אויך מערערע וואָס געדענקען נאָך, וואָס ס׳איז געשען מיט פערציק יאָר צוריק אין סעדזשערע און מסחה; וואָס ס׳איז געשען נאָך פאַר דעם אין מתולה און אין די ערשטע טעג פון פּתח תקוה. איז נויטיק איצט קודם כל, אונטער־צושטרייכן מיטן פולן נאָכדרוק, אַז די איצטיקע געשעענישן זיינען גאָר־גאָר אַנדערש פון אַלץ וואָס ס׳איז געשען ביז איצט — און ניט נאָר אין אומפאַנג, נאָר אויך וועזנטלעך. דאָס מאָל איז עס ניט קיין ענין פון סיכסוכים צווישן שכנים, פון רויבערייען אָדער פון פאַרזוכן אַנצואוואַרפן שרעק און טעראָרי־זירן, נאָר פּראָסט־פּשוט — מלחמה — אויף־לעבן־און־טויט, וואָס עס האָבן אונז דערקלערט די אַראַבישע ליגע און דער מופטי.

די מלחמה איז דערקלערט געוואָרן אויפן פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער — דורך די פאַרשטייער פון דער אַראַבישער ליגע און די שליחים פון דער אַראַבישער עקזעקוטיווע. דאָס הייסט ניט, אַז ס׳איז באַלד פון אָנהויב געמאַכט געוואָרן מיטן וויסן און הסכמה פון די אַראַבישע פעלקער און די אַראַבער פון ארץ ישראל. אדרבא, מען האָט קיינעם ניט געפרעגט. די אַראַבער פון ארץ ישראל, אין זייער איבערוויגנדער מערהייט, ווילן נאָך עד היום ניט גיין צום קריג — טראָץ דעם אַלץ־וואַקסנדיקן דרוק מצד דעם מופטי. ס׳איז אָנצונעמען, אַז מערערע פון זיי וועלן זיך אויך אין דער צוקונפט ניט אַזוי לייכט לאָזן פירן צום קריג. אָבער פאַרלאָזן זיך אויף דעם קען מען ניט. דער דרוק מצד דעם מופטי און זיינע באַנדעס, ווי אויך דער דרוק מצד די אַראַבישע הערשער, וועלכן העלפן אים, און דערצו נאָך — די האַלטונג פון דער מאַנדאַט־רעגירונג — דאָס אַלץ וועט וואַרשיינלעך שטויסן די אַראַבישע

מאַסן און אייניקע שכנות'דיקע מדינות — ווען אַפילו קעגן זייער ווילן — צום קריג.

פאַרמעל גענומען, זיינען אַלע אַראַבישע מדינות — מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער — אַנגאַזשירט אין קריג קעגן דער אויפריכטונג פון דער אידישער מדינה, און די ליגע־פאַרשטייער דריקן אַז אויפהער אויף עבר־הירדן, וואָס איז ניט קיין מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און וואָס האָט זיך ביז איצט אָפּגעהאַלטן פון עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם ישוב און קעגן דעם באַשלוס פון דער יו־ען, אַז זי זאָל אויך דערקלערן קריג. מען דאַרף אָבער אונטערשיידן צווישן דער אַראַבישער ליגע און די אַראַבישע מדינות, וואָס באַטייליקן זיך אין איר. די דאָזיקע מדינות זיינען פּאַקטיש ניט סוב־אָרדינירט דער ליגע, און ס'עקזיסטירט ניט קיין געמיינזאַמע פּאָזיטיווע ליניע, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע אַראַבישע מדינות. די ליגע דעצידירט ניט אין פראַגן פון אינערלעכער אָדער אויסערלעכער פּאָליטיק פון די מדינות. מצרים האָט געפירט אונטער־האַנדלונגען מיט ענגלאַנד — אָן דער ליגע. בלויז אין דער ארץ ישראל־פראַגע האָט דאָס ענגלישע אויסערן־מיניסטעריום איינגעלאַדן אַלע אַראַבישע לענדער קיין לאָנדאָן, אָבער אין די אונטערהאַנדלונגען מיט מצרים וועגן סודאַן און וועגן די בריטישע מיליטערישע אינטערעסן אין מצרים, האָט מען נאָך ניט משתף געווען קיין שום אַנדער אַראַבישע מדינה אָדער פאַר־שטייער פון דער ליגע. פּונקט אַזוי האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען צווישן ענגלאַנד און איראַק אָן דער באַטייליקונג פון די איבעריקע מדינות, און איצט פירן זיך אויך אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען מיט עבר־הירדן. און עס איז ניט נאָר דאָס, וואָס די דאָזיקע מדינות זיינען ניט קעגנזייטיק פאַר־בונדן אין זייער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק, נאָר עס צעטיילן זיי — קעגנזאַצן, סיכסוכים און פאַרדאַכטן. סיריע האָט מורא פאַר אַבדאַלאַ'ס פּראָיעקטן; איבן־סאַוד קוקט מיט אַ קרום אויג אויף דער האַשעמיטישער דינאַסטיע אין איראַק און אין עבר־הירדן; דער לבנון, וואָס געפינט זיך פּאַקטיש אונטער אַ מוסולמענישער מאַכט, ציטערט פאַר אַן אָפּאָזיציע פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט.

מען מעג באַהויפּטן, אַז דער איינציקער כוח, וואָס צעמענטירט די ליגע — אויף וויפל זי איז צעמענטירט — איז דער קאַמף קעגן אידן און ציוניזם. מערניט — ניט אַלע אַראַבישע מדינות באַטייליקן זיך אין דאָזיקן קאַמף מיט דער זעלבער שפּאַנונג. אין שפּיץ פון דער אַנטי־אידישער אַגרעסיע שטייט לעת עתה סיריע (און דער מוסולמענישער לבנון, וואָס איז איר אונטער־וואָרפן), און נאָך איר קומט איראַק.

אָבער די עקזיסטענץ פון פּערזענלעכע, דינאַסטישע און היסטאָרישע קעגנזאַצן צווישן די אַראַבישע מדינות דאַרף אונז ניט פאַרבלענדן די אויגן לגבי דער ערנסטקייט פון דער סכנה, ווייל עס קען גרייכעך געשען, אַז אַלע זאָלן זיי זיך פאַראייניקן קעגן אונז. דווקא דערפאַר, וואָס די ליגע האָט ביז איצט ניט באַוויזן און אַפילו ניט פּרובירט צו פאַרווירקלעכן קיין שום גע־

מיינזאַמע פּאָזיטיווע אונטערנעמונג — ניט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן און ניט אויפן אינערלעכן געביט; דווקא דערפאַר, וואָס קיינע פון די אַראַבישע מדינות האָט ביז איצט ניט באַוויזן און כמעט אַפילו ניט פּרובירט, אויסצוראָטן, אָדער וויינִיקסטנס באַדייטנד צו פאַרקלענערן די מנוולד׳דיקע אָרעמקייט פון די מאַסן, די עם־הארצות, די קראַנקהייטן, די עקספּלואַטאַציע און פאַר־שקלאַפונג — צרות פון וואָס עס ליידן אַלע אַראַבישע פעלקער, — און דווקא דערפאַר, וואָס ס׳איז זיי ניט געלונגען, צו לעזן די שווערע פּראָבלעמען פון מערערע מינדערהייטן אין איראַק, סיריע און לבנון — דווקא צוליב דעם אַלעמען איז וואַרשיינלעך, אַז זיי וועלן זיך פאַראייניקן קעגן אונז אידן; זיי וועלן דאַדורך אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון זייערע אינערלעכע שוועריקייטן און צרות. מען דאַרף נאָך דערצו צוגעבן די פּערמאַנענטע קאָנקורענץ צווישן די הערשנדע פּאַרטייען און גרופּן, וואָס רופן זיך פּאָליטישע פּאַרטייען, הגם קיינע פון זיי האָט ניט קיין שום דעמאָקראַטישע אונטערשטיצונג מצד די מאַסן; און פאַנאַנדערצובלאָזן פרעמדן־פיינדשאַפט איז אַלעמאָל אַ גוטע קאָרט בעת עס גייען אָן אינערלעכע קאָנקורענץ־קאַמפן פון קליקעס אין אַ לאַנד.

די האַלטונג פון ענגלאַנד שטעלט מיט זיך איצט פאַר אַ וויכטיקן פאַקטאָר לגבי דער שטעלונג פון די אַראַבער. ס׳איז באַקאַנט די אָפיציעלע שטעלונג פון ענגלאַנד אויפן פּלענום פון דער יו־ען. זי האָט דערקלערט, אַז זי וועט ניט קאָאָפּערירן אין דער פּאַרווירקלעכונג פון דעם באַשלוס פונם פּלענום פון דער יו־ען בנוגע ארץ ישראל, אָבער זי וועט אויך ניט שטערן. בעווינס רעגירונג איז טריי דעם ערשטן טייל פון דער דעקלעראַציע, און זי פאַרשווייגט דעם צווייטן טייל. ענגלאַנד טוט אַלץ וואָס זי איז ביכולת צו טאָן כדי צו שטערן דער רעאַליזירונג פון דעם באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער, פון דער וועלט־דעמאָקראַטיע, דעם באַשלוס, וואָס אויך אַלע ענגלישע דאָמיניאָנס האָבן אָנגענומען.

איינער פון די באַשלוסן פון דער יו־ען איז, אַז אַמשפּעטסטן דעם 1־טן פעברואַר 1948 איז ענגלאַנד מחויב אָפּצורייניקן אַ אידישן געביט מיט אַ פּאָרט, כדי צו דערמעגלעכן אַ באַדייטנדע אידישע עליה. ס׳איז היינט קלאָר, אַז די ענגלענדער וועלן עס ניט מקיים זיין.

אויסער דער קורצער צייט, ווען באַלפור — אין דער תקופה פון דער באַלפור־דעקלעראַציע — איז אַליין געווען אויסערן־מיניסטער, האָט זיך דאָס ענגלישע אויסערן־מיניסטעריום צו אונז קיינמאָל ניט באַציִגן פריינטלעך. אַפילו אין דער צייט, ווען ס׳האָט נאָך געהערשט די דעקלאַרירטע פּאָליטיק פון שטיצן דעם ציוניזם, די באַלפור־דעקלעראַציע און דעם מאַנדאַט — אַפילו דאַן, און ביז היינט צו טאָג, איז דאָס אויסערן־מיניסטעריום פיינדלעך גע־שטימט צו אונז. אין דער תקופה פונם ווייס־בוך איז אַוודאי די פריינטשאַפט צו אונז ניט געוואַקסן, אָבער נאָך קיינמאָל איז די קעגנערשאַפט צו אונז ניט געווען אַזוי שאַרף, ווי אין דער צייט פון עטלי־בעווין׳ס־רעגירונג. בעווין זעט אין דעם באַשלוס צו עטאַבלירן אַ אידישע מדינה — אַ פּערזענלעכע

באַליידיקונג, און ער וועט טאָן אַלץ וואָס ער וועט נאָר קענען, כדי צו אַנולירן דעם באַשלוס פון דער יו־ען. לאָמיר האָפן, אַז ער וועט דורכפאַלן אויך דאָס־מאָל, גלייך ווי ער איז דורכגעפאַלן מיט דער ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע און מיט זיין ווענדונג צו די פאַראייניקטע פעלקער.

עס זיינען דאָ כוחות שטאַרקערע פון בעווינען אַפילו אין ענגלאַנד, און שוין אָפּגערעדט — אין דער וועלט. אָבער מיר וועלן באַגיין אַ פעלער אויב מיר וועלן אונטערשעצן זיינע מעגלעכקייטן אָנצוטאָן אונז צרות, — און ער טוט און וועט אָנמאַכן צרות ניט נאָר אין ענגלאַנד, נאָר אויך אין אַמעריקע און אין די פאַראייניקטע פעלקער, און איבערהויפּט — אין דעם נאָענטן מזרח און אין ארץ ישראל. אויב ס'וועט אים ניט געלונגען איינגאַנצן ניט צו דערלאָזן אויפשטעלן די אידישע מדינה, וועט ער זיך באַמיען, ווייניקסטנס צו פאַרשמעלערן אירע גרענעצן — אין צפון צי אין דרום, צי אין ביידע.

וועגן דער רעגירונג ביי אונז אין לאַנד, איז דאָך אַוודאי ניטאָ אַ סך וואָס צו רעדן. זי שטעלט טאַקע ניט פעסט די פּאָליטישע ליניע — דאָס ווערט גע־מאַכט אין לאָנדאָן — אָבער פון די באַאַמטע דאָ אויפן אָרט הענגט אָפּ ניט ווינציק, און כל זמן עס וועט דאָ זיין אַן ענגלישע אַדמיניסטראַציע וועלן מיר האָבן מיט איר געגנוג צרות. וואָס אַן אמת, אין שפּיץ פון דער היגער רעגירונג שטייט אַן אַנשטענדיקער מענטש — ניט קיין פריינט און ניט קיין פיינד, ניט קיין פּראָ־ציוניסט, אָבער אַ מענטש, וואָס באַמיט זיך אַנשטענדיק צו דער־פילן זיין מיסיע, אָבער ניט ער אַליין מאַכט די זאַכן. אין בעסטן פאַל האַלט ער אָפּ אַ גזירה, אָבער די גענעראַלע ליניע און די הויפּט־טענדענץ פון דער רעגירונג זיינען — פיינדשאַפט און שטערונגען.

אין מיליטער און אין דער פּאָליציי זיינען דאָ יחידים, וואָס באַמיען זיך, מער־ווייניקער צו דערפילן זייערע פליכטן און שיצן די אָנגעגריפענע. איך געהער ניט צו די וואָס פאַרבאָטן צו פאַרצייכענען די דאָזיקע איינצלנע, זעל־טענע פאַקטן. איך ווייס ניט פאַרוואָס זאָלן מיר ניט פאַרצייכענען אַ פּאָזיטיוון פאַקט און פאַרוואָס זאָלן מיר ניט אָפּשאַצן כאָטש איין אַנשטענדיקן מענטשן, אויב ס'איז דאָ אַזעלכער אין דער רעגירונג; נאָר דער אמת איז, אַז אַזעלכע — סיי מענטשן און סיי פאַלן — זיינען גאָר זעלטענע. בדרך כלל, אויף וויפל עס ווייזט זיך אַרויס אַ ווילן — איז עס אַ שלעכטער ווילן, אַ פיינדלעכער. די רעגירונג — אַלס גאַנצע — העלפט, דירעקט און אומדירעקט, דער אַראַבישער אַגרעסיע: זי איז מפקיר רעגירונגס־געווער צו די באַנדעס; זי טוט גאָרניט קעגן קאָנטראַבאַנדע פון אַראַבישן געווער פון די שכנות'דיקע לענדער; זי עפנט די מזרח־ און צפון־גרענעצן פאַר די באַנדעס, וואָס קומען פון די אַראַבישע לענדער; זי שליסט די מערב־גרענעצן, אַריינצולאָזן אידישע עליה און אידיש געווער.

און עס איז נאָך דאָ דער וועלט־פאַקטאָר, די פאַראייניקטע פעלקער, וואו ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס וועגן אויפשטעלן די אידישע מדינה. איידער און בשעת ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, בין איך געווען איינער פון די, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט צו וואָרענען דעם ישוב, אַז

דער באַשלוס פון דער יו־ען איז נאָר אַ מאָראַלישער, פּאָליטישער און געזעץ־אַרטיקער, און אַז דיווירקלעכע, פּאַקטישע, עקזעקוטיווע דעציזיע וועט פאַלן דאָ און נאָר דאָ, און מיט אונזערע אייגענע כחות. אויף דער פּלענאַר־זיצונג פון ועד לאומי, וואָס איז פאָרגעקומען אין תל־אביב אייניקע טעג פאַרן אָננעמען דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דער יו־ען, האָב איך געזאָגט: „די צייט־שטרעקע, וואָס מיר דאַרפן דורכגיין פון היינט ביז צו דער גרינדונג פון דער מדינה, איז אפשר ניט קיין לאַנגע; וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילן 8־9 חדשים אין דער געשיכטע פון אַן אור־אַלט פאָלק? אָבער דוקא די דאָזיקע שטרעקע איז אַ דעצידירנדיקע; אין איר זיינען צונויפגעקנוילט די גרעסטע און שווערסטע געפאַרן, און אויב מיר וועלן ניט באַוויזן צו פאַרמיידן זיי אָדער צו באַזייטיקן זיי — וועלן מיר ניט דערגיין צו דער מדינה".

ווי איר ווייסט איז אויפן פּלענום פון דער יו־ען אָנגענומען געוואָרן אַ טאָפּלטער באַשלוס. צוערשט אַ נעגאַטיווע רעזאָלוציע: קעגן דער פאַר־וואַנדלונג פון גאַנץ ארץ ישראל אין אַן אַראַבישע מדינה (אָנגענומען געוואָרן מיט 29 שטימען קעגן 12); און דאַן — אַ פּאָזיטיווע רעזאָלוציע: צו גרינדן אַ אידישע מדינה (אָנגענומען מיט 35 שטימען קעגן 13).

אַלזאָ, די מלחמה, וואָס איז דערקלערט געוואָרן קעגן אונז, איז גלייכ־צייטיק אַ מלחמה־דערקלערונג קעגן די פאַראייניקטע פעלקער. און אונזער פאַרטיידיקונגס־מלחמה — און עס איז פון אונזער זייט אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה — ווערט געפירט ניט נאָר פאַר אונזער קיום, אונזער מדינה, נאָר אויך פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ און פאַר דער אויטאָריטעט פון דער יו־ען, — און דאָס אַליין האָט ניט קיין קליינע באַדייטונג אין דעם קאַמף. אָבער איך וויל ניט, אַז איר זאָלט דרינגען פון מיינע ווערטער, דאָס מיר וועלן זיכער קריגן אויך מאַטעריעלע הילף פון דער יו־ען. — ס'איז ניטאָ אַזאַ זיכערקייט. אפשר וועלן מיר קריגן, און אפשר ניט. מיר זיינען דערפאַר, אַז עס זאָל אַהערצו געשיקט ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלע עקספּעדיציע אויף צו העלפן צו פאַרווירקלעכן די באַשלוסן פון פּלענום פון דער יו־ען. פון דער יו־ען און פון די באַזונדערע יו־ען־מדינות פאָדערן מיר געווער און אַמוניציע — מיר זאָלן קענען פאַרטיידיקן זיך און די באַשלוסן פון דער יו־ען. אין דער ערשטער ריי פאָדערן מיר די אויפריכטונג פון אַ אידישער מיליץ, לויט ווי ס'איז באַשלאָסן געוואָרן דורך דער יו־ען; די מיליץ וועט דאַרפן אָפּהיטן די אינערלעכע זיכערקייט און די גרעניצן פון דער מדינה; אויך פאָדערן מיר, אַז ביזן 1־טן פעברואַר זאָל אונז איבערגעגעבן ווערן אַ גאַנצער ראַיאָן און אַ אידישער פּאָרט, כדי צו דערמעגלעכן אַ פאַרגרעסערטע עליה. — מיר טאָרן זיך אָבער ניט פאַרלאָזן אויף די אַלע פאָדערונגען, — מיר דאַרפן זיך שטיצן אויף זיך אַליין, אויף אונזער אייגענעם כוח, — דער כוח וועט דעצידירן.

ווי איר ווייסט, זיצט איצט די יו־ען־קאָמיסיע און מאַטערט זיך מיטן בינטל פון די ארץ ישראל־פּראָבלעמען: ירושלים, זיכערהייט, רעגירונגס־ראַט, מיליץ אאַז"וו.

דער סאַבאָטאַזש פון דער בריטישער רעגירונג, וואָס פון דעם 29־טן נאָוועמבער אָן האַלט ער אין איין שטייגן, ווי אויך די קעגנזאַצן צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם ראַטן־פאַרבאַנד, פאַרלייכטערן ניט דער קאָ־מיסיע אין איר טעטיקייט און העלפן אונז ניט צו באַקומען הילף, — דאַרפן מיר זיך גרייטן צום קריג, שטיצנדיק זיך אויף אונזערע אייגענע כוחות — כוחות פון דעם ישוב און פונם גאַנצן פאָלק.

מיר וועלן באַקומען אַ גרויסע מאָראַלישע און פּאָליטישע שטיצע מצד די באַשלוסן פון דער יו־ען. די דאָזיקע באַשלוסן צוימען אין אַ ניט־קליינער מאָס די שוואַרצע פּלענער פון דעם בריטישן אויסערן־מיניסטעריום און אויך די אַגרעסיווע אַקטן פון די אַראַבער. אָבער מיר וועלן איינשטעלן אונזער עקזיסטענץ, אויב מיר וועלן ניט מאָביליזירן אַלע אונזערע רעסורסן — מענטשלעכע, ווירטשאַפטלעכע, טעכנישע, פינאַנציעלע און מאָראַלישע — סיי פון ישוב און סיי פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, און אויב מיר וועלן זיך ניט אָפּגעבן אַ דין וחשבון, אַז דער גורל פון ישוב, פון פאָלק און פון דער אידישער מדינה הענגט אָפּ קודם כל און בעיקר פון אונז אַליין.

עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיר וועלן באַקומען אויסערלעכע מאַ־טעריעלע הילף, אָבער מיר קענען אויף איר אויסשטעלן בלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפל עס וועט אונז געלונגען, צו האַלטן זיך מיט אייגענע כוחות, אויף וויפל מיר וועלן דערווייזן דער וועלט, אַז מיר זיינען ניט אָפּהענגיק אויסשליסלעך פון אויסערלעכער הילף. אַפילו דער רבונו של עולם העלפט נאָר די, וואָס העלפן זיך אַליין. מיר דאַרפן קלאָר וויסן, אַז די גאַנצע געוויכט פון דער מלחמה וועט פאַלן אויף אונז אַליין, און מיר דאַרפן עס וויסן אָן כעס און אָן טענות צו דער וועלט, — ניט נאָר דערפאַר, וואָס דער כעס און די טענות וועלן אונז ניט העלפן, נאָר דערפאַר, וואָס עס איז אַן אומבאַגרינדע־טער כעס. עס איז נאַטירלעך, אַז דער געוויכט פון דער מלחמה זאָל פאַלן אויף אונז; עס איז אַ מלחמה פאַר אונזער פאָטערלאַנד, פאַר אונזער סואווע־רעניטעט, אונזער מדינה, אונזער עקזיסטענץ און צוקונפט, — מוז עס פאַלן אויף אונז, אויפן אידישן פאָלק און אויף זיין אַוואַנגאַרד — דעם ישוב. מיר דאַרפן נעמען אויף זיך דעם דאָזיקן יאָך באהבה; מיר דאַרפן זיך פרייליק מאָביליזירן — מיט לייב־און־לעבן, מיט האָב־און־גוטס, מיט דער ווירטשאַפט, וויסנשאַפט, טעכניק, — און ניט אָפּשרעקן זיך פאַר קיין שום קרבן.

מיר האָבן ניט געוואָלט פירן קיין קריג. דאָס, וואָס די פאַראייניקטע פעלקער האָבן באַשלאָסן צו געבן אונז, איז בלויז אַ טייל פון דעם וואָס ס׳איז אונז צוגעזאָגט געוואָרן און וואָס ס׳קומט אונז; וואָלטן מיר געמעגט באַקומען דעם דאָזיקן טייל וויניקסטנס אָן איבעריקע יסורים, — אָבער אויב ס׳איז נגזר געוואָרן, אַז מיר זאָלן מלחמה האַלטן — וועלן מיר עס טאָן אַנטשלאָסן און מיט אַן אייזערנעם ווילן; מיר וועלן וויסן, אַז מיר האָבן ניט באַקומען אונזער מדינה, אַלס אַ געשאַנק, אַלס אַ חסד, נאָר מיר האָבן זי אויפגעשטעלט מיט אייגענע כוחות, — און מיר האָבן גענוג כוח דערצו.

רבותי, מיר שטייען וואַרשיינלעך ביים סוף פון דער ערשטער שטופע פון דער מלחמה און ביים אָנהייב פון דער צווייטער שטופע. אין דער ערשטער שטופע — שוין צוויי מאָנאַטן — זיינען געווען בלויז איינצלנע פאַלן פון אָנגריפן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים — כפר יעבץ, כפר סולד, יחיעם, גוש עציון און אייניקע פונקטן אין נגב. בעיקר האָבן זיך די אָנגריפן קאָנ־צענטרירט אויף דער אידישער קאָמוניקאַציע צווישן תל־אביב און ירושלים, און איבערהויפט — אין די דריי שטעט: ירושלים, תל־אביב און חיפה. ס'איז שווער צו וויסן, צי וערט עס געטאָן לויט אַ פאָרויסגעזעענעם אַראַבישן פּלאַן. די מערהייט פון דעם אַראַבישן פאָלק — און בעיקר די פעלאַכן — באַטייליקן זיך נאָך עד היום ניט אין דעם קריג. די רעזולטאַטן פון די קאַמפן במשך די ערשטע צוויי מאָנאַטן זיינען ניט קיין אַנטשיידנדיקע, אָבער ס'לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף זיי.

ביז היינט צו טאָג איז קיין איין איינציקער אידישער פונקט ניט איינ־גענומען געוואָרן; עס איז ניט איבערגעריסן געוואָרן אונזער קאָמוניקאַציע, — זי איז נאָר שווער געטראָפן געוואָרן; עס זיינען פאָרגעקומען שלאַכטן אין די שטעט, אויף די וועגן, אין די בערג, און אומעטום זיינען מיר געווען אין דער מינדערהייט, קיינמאָל ניט מער ווי איינער קעגן דריי, און מערסטנ־טייל — איינער קעגן פינף; אין גוש עציון — נאָך וויניקער; און דאָך האָבן מיר אומעטום געהאַט די אויבערהאַנט, — וואָס אַן אמת — ניט אָן קרבנות. עס זיינען אויך באַגאַנגען געוואָרן פעלערן און עס זיינען אויך געווען דורכ־פאַלן, אָבער בדרך כלל זיינען אונזערע קעמפער געשטאַנען אויף דער גע־העריקער הויך, און פיליכט דאָס וויכטיקסטע — די מאָראַל פון אונזערע קעמפער איז שטענדיק זייער הויך געשטאַנען. אין יעדער איינער פון די דריי שטעט האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַנטשיידענע נצחונות, — אַפילו אין ירושלים, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון די גרויסע בלאָקן פון אידישער קאָ־לאָניזאַציע, וואָס איר עקזיסטענץ הענגט אָפּ פון אַריינפיר פון דרויסן, הענגט געגנצלעך אָפּ פון טראַנספּאָרט. אין ירושלים און אין די איבעריקע שטעט זיינען מיר אַרויס פון די קאַמפן מיט אַ מיליטערישן איבערגעוויכט; אומעטום האָבן די אַראַבער געליטן צושמעטערנדיקע מפּלות, און אין יפו — אַ פול־שטענדיקן חורבן.

מיר האָבן געהאַט פאַרלוסטן; פאַרהעלטענישמעסיק אפשר ניט פיל, אָבער פאַרלוסטן טייערע, טייערער פון גינגאָלד. דער ישוב און דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגן ניט קיין מער טייערן אוצר ווי אונזער יוגנט, און ס'איז ניטאָ קיין פאָלק אין דער וועלט, וואָס וואָלט ניט שטאָלצירט מיט אַזאַ יוגנט.

זינט עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די קאַמפן און ביז נעכטן פרי זיינען, לויט אונזערע ידיעות (אונזערע ידיעות זיינען פינקטלעך בלויז אויף וויפל זיי זיינען נוגע דעם אידישן סעקטאָר), גע'הרג'עט געוואָרן: 408 אידן, 950 אַראַבער, 47 ענגלענדער (זעלנער און פּאָליציאַנטן), 19 אַנדערע; צו־זאַמען — 1424 פּערזאָן. אין דעם זעלבן צייט־אָפּשניט זיינען פאַרוואונדעט

געוואָרן: 749 אידן, 1300 אַראַבער, 113 ענגלענדער, 13 — אַנדערע; צוזאַמען — 2,175 פּערזאָן.

אָבער די פאַרלוסטן סומירן זיך ניט בלויז מיט מענטשלעכע קרבנות. די ערשטע אַראַבישע איבערפאַלן זיינען געווען געווענדעט אויף צו פּאַראַליזירן דאָס אידישע לעבן אין די שטעט, אין די צענטערן פון דעם ישוב. געמיינט האָבן זיי בעיקר — תל־אביב, חיפה און ירושלים. עס איז אָבער געשען פּונקט פאַרקערט: עס איז שווער געטראָפן געוואָרן דאָס אַראַבישע לעבן אין די אַלע דריי שטעט.

לויט אַ געהיימען בריטישן ראַפּאָרט פון פאַר עטלעכע וואָכן, האָבן פון 15 ביז 20 טויזנט אַראַבער פאַרלאָזן חיפה; אַסך פון זיי פרעמדע, — אַראַבער פון מצרים, חורן, סיריע, — אָבער אויך ניט ווייניקער הי־געבוירענע, באַזונדערס פון די רייכע און פאַרמעגלעכע שיכטן. פון זינט ס׳איז געשריבן געוואָרן דער דאָזיקער בריטישער ראַפּאָרט איז די לאַגע פון די אַראַבער אין חיפה נאָך ערגער געוואָרן. זייער עקאָנאָמיש לעבן איז נאָך מער געטראָפן געוואָרן. דאָס אַנטלויפן פון שטאָט — דויערט. די נידערגעשלאָגנקייט — וואַקסט. מיט עטלעכע טעג צוריק, דעם 21־טן ד. מ., איז פון חיפה אַרויס אַ מוסולמעניש־קריסטלעכע דעלעגאַציע צום מופטי מיט דער פאָדערונג, צו באַזייטיקן פון חיפה אַלע אַראַבישע באַנדיטן; אויב ניט — וועט חיפה אינגאַנצן אויסגעליידיקט ווערן פון אירע אַראַבישע איינוואוינער, ווייל די אַראַבער זיינען ניט בכוח קעגנצושטעלן זיך די אידן. — אין יפו איז די לאַגע נאָך פיל ערגער. דאָרטן איז אַ פולשטענדיקער חורבן: אַראַבער אַנטלויפן מאַסנווייז, די שטאָט איז גענצלעך פאַראַרעמט געוואָרן, און עס הערשט אין איר אַנאַרכיע.

אָבער דאָס, וואָס ס׳איז פּילייכט אַמווייניקסטן באַקאַנט דעם אידישן ישוב, איז — די שווערע לאַגע פון די אַראַבער אין ירושלים. איך וויל פאַר אייך ציטירן אַ ראַפּאָרט פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע אַראַבישע פירער וועגן דער לאַגע אין ירושלים (דער ראַפּאָרט איז דאַטירט מיט אָנהייב־יאַנואַר):

„די לאַגע אין ירושלים איז זייער אַ שווערע. מיר ווערן אָנגעגריפן פון אַלע זייטן. ביז איצט פירט זיך נאָך די שלאַכט אַרום דעם קוואַרטאַל שייך־דזשעראַך. די איינוואוינער זיינען גוואַלדיק אויפגערעגט. די אַמוניציע, וואָס מיר באַקומען, טויג ניט. די שטימונג איז אַ געשפּאַנטע. פאַריקע נאַכט האָט מען באַמבאַרדירט דעם קוואַרטאַל קאַטאַמאָן; היינט פרי — שייך־דזשעראַך. אין שטאָט הערשט אַנאַרכיע. אין דער אַלטער שטאָט פעלט אויס אַפּראָוויזאַציע. מיר וועלן ניט קענען באַהערשן די סיטואַציע. איך קען ניט פאָרויסזאָגן, וואָס עס וועט געשען“.

מיט אַ וואָך שפּעטער זאָגט אַ צווייטער ירושלים׳ער מנהיג:

„עס שיינט מיר, אַז שייך־דזשעראַך איז פאַרשפּילט. אונזערע לייט זיינען קיין פּרוטה ניט ווערט. ס׳איז נאָך גוט, וואָס די אידן ווייסן ניט דעם אמת. עס איז ניטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן די פאַרשיידענע שטעט. עס גייט אונז

אין דעם, אַז די אידן זאָלן ניט וויסן דעם אמת וועגן שייך־דזשעראַך: זי איז געענצלעך אויסגעליידיקט און קיינער איז אין איר ניט פאַרבליבן. — די אידן טאָרן זיך וועגן דעם אַלעמען ניט דערוויסן״.

איך וויל נאָך צוגעבן אייניקע ווערטער וועגן דער איינציקער גרויסער שלאַכט, וואָס האָט זיך געפירט אויסערהאַלב דער שטאָט, — אין גוש עציון. ווי עס איז אייך באַקאַנט, זיינען דאָ אין דעם דאָזיקן בלאָק פיר פונקטן מיט אַן ערך 300 קאָלאָניסטן. אין דער שלאַכט זיינען מיר געשטאַנען — איינער אַנטקעגן פינף. און איך וועל ווידער ציטירן די ווערטער פון צוויי אַראַבער — איינער פון אַרום חברון, און דער צווייטער פון אַרום באר־שבע — וואָס יעדער איינער פון זיי דערציילט וועגן דעם, וואָס ער ווייסט פון דער שלאַכט אין גוש־עציון.

דער אַראַבער פון נגב — אַ שייך — דערציילט: „דער אַלאַרם־רוף אַרויסצוטרעטן קעגן כפר־עציון האָט זיך אָנגעהויבן לויט דער איניציאַטיוו פון די אַרומיקע דערפער. זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן האָבן אַ לייכטן קאַמף. ס׳איז ניטאָ קיין מאַכט און די וועלט איז הפקר — טאָ לאָמיר אַליין מאַכן אַ משפט. חברון און ירושלים זיינען געווען צווישן די, וואָס האָבן גע־רופן צום קאַמף. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן די דאָרף־עלטסטע פון דרום — ביז צו באר־שבע און בית גוברין, און פון צפון — ביז צו ראַמאַלע און איר אומגעגנט. עס האָבן זיך צונויפגענומען ביי 2000 שיסער, — יעדער איינער מיט פולער אַמוניציע. זיי האָבן פאַרלאָרן מער ווי הונדערט ביקסן. אין באר־שבע האָט מען באַגראָבן 12 גע׳הרג׳עטע, און דער רעגירונגס־שפיטאָל איז געווען אָנגעפּאַקט מיט פאַרוואונדעטע. עס זיינען דאָרטן געשען שענדלעכע זאַכן: קעמפער האָבן אַראָפּגעצויגן די מלבושים פון זייערע גע־הרג׳עטע חברים און האָבן זיי איבערגעלאָזן ליגן נאַקעטע. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אַוועקגערויבט זייער געלט. ביקסן האָט מען גערויבט איינער פון דעם אַנדערן״. דערנאָך גיט ער צו: „די קאַמפן אין כפר־עציון האָבן איבערגעלאָזן אַ טיפן רושם. נאָך 2־3 אַזעלכע צוזאַמענשטויסן — און דאָס לאַנד וואָלט זיך באַרואיקט״.

און איצט קומט אַ וויכטיק עדות־זאָגן. מיר האָבן אַלע געהערט מיט טיפן טרויער וועגן דער געפאַלענער אָפּטיילונג פון די 35, וואָס זיינען דעם 14־טן יאַנואַר געשיקט געוואָרן צו העלפן גוש־עציון. אָט וואָס עס דערציילט דער שייך פון נגב: „אינדערפרי האָבן זיך באַוויזן אידן נעבן צוריף. עס איז געווען נאָכדעם, וואָס ס׳איז געשען אין כפר־עציון. די פּאַניק נאָך דער מפלה אין כפר־עציון איז געווען גרויס, און אַ סך הונדערטער אַראַבער האָבן זיך צונויפגענומען, מלחמה צו האַלטן מיט די אידן. מען האָט אויף די אידן געשאָסן פון אַלע זייטן, און זיי האָבן געענטפערט מיט פייער און געקעמפט ביז עס איז אויסגעגאַנגען די אַמוניציע. דער לעצטער ביים־לעבן־פאַרבליבענער, אַ פאַר־וואונדעטער, האָט געוואָרפן אַ גראַנאַט אויף זיינע אָנפאַלער. ווען ער איז געבלי־בן אינגאַנצן אָן געווער, האָט ער נאָך געוואָרפן אַ שטיין, און דאַן האָט מען אים גע׳הרג׳עט. דאָס האָט דערציילט איינער, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן פון

דעם גראַנאַט, — מען האָט אים אָפּגעפירט אין דעם שפּיטאָל, אין באר־שבע". פאַרענדיקט האָט ער אַזוי: „ווען ס'איז אים נגזר געוואָרן צו שטאַרבן — זאָל ער כאָטש זוכה זיין צו שטאַרבן אַזוי ווי די דאָזיקע העלדן".

דער צווייטער אַראַבער, פון דער אומגעגנט פון חברון, דערציילט אַזוי: „עטלעכע טעג פאַר דעם אָנפאַל אויף כפר־עציון האָבן די חברונער — אונטער דער אָנפירערשאַפט פון עלי דזשאַבארי און נאָך צוויי אַנדערע — צוגעגרייט דעם אַלאַרם אויף מיטוואָך. עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט באַוואָפנטע און אומבאַוואָפנטע אַראַבער — פון באר־שבע אין דרום ביז צו שכם אין צפון, און פון פאַלודזשע אין מערב ביז צום ים־המלח אין מזרח; ס'זיינען געקומען טויזנטער אַראַבער. דאָרטן זיינען געווען ביי 3000 שיסער. קיין הויפּט־קאָמאַנדיר איז ניט געווען; יעדער שייך מיט זיינע לייט האָט פאַרנומען אַ באַזונדערן פּלאַץ. די אַלגעמיינע אויפגאַבע איז געווען, צו פאַרניכטן די פיר קיבוצים. יעדן איינעמס פּערזענלעכער צוועק איז געווען — צו פאַר־כאַפּן אַ ביקס און וואָס נאָר ס'לאָזט זיך. דער אָנפאַל האָט זיך אָנגעהויבן אינדערפרי; די אַראַבער האָבן אַרומגערינגלט די קיבוצים, און פון אַ מרחק פון 400 מעטער זיי באַשאָסן. די אידן האָבן געענטפערט נאָר דאַן ווען די אַראַבער האָבן זיך געפּרואווט צו דערנענטערן. אַזוי האָט עס געדויערט אייניקע שטונדן ביז עטלעכע צענדליק אידן — קיינער ווייסט ניט פון וואַנען — האָבן זיך פּלוצים באַוויזן און אָנגעגריפן די אַראַבער פון רוקן. עס איז באַלד צווישן די אַראַבער אויסגעבראָכן אַ גרויסע פּאַניק, דער גאַנצער פראָנט האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און אויסגעמישט, און עס זיינען געפאַלן עטלעכע הונדערט מענטשן — גע'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע. דאָס באַשיסן די קיבוצים האָט זיך כמעט איבערגעריסן, און אויף מאָרגן־פרי זיינען זיך צו־נויפגעלאָפן די קרובים פון די פאַרלוירענע, צונויפצונעמען די גע'הרג'עטע און די פאַרוואונדעטע. די נידערגעשלאָגנקייט צווישן די חברונער איז געווען אַ גרויסע, ווייל זיי זיינען געווען די הויפּט־איניציאַטאָרן און ווייל זיי האָבן געליטן די גרעסטע צאָל קרבנות. עס איז באַזונדערס שווער געווען דער מאָראַלישער קלאַפּ: מען האָט צונויפגענומען די בעסטע און שענסטע לייט פון דעם גאַנצן ראַיאָן, צוזאַמען מיט טויזנטער באַוואָפנטע, כדי אָנצוגרייפן און פאַרניכטן 4 אָפּגעשניטענע פונקטן, וואו ס'זיצן קינדער און אָפּגעלאָזענע מענטשן, — אַלץ איז גרייט צום זיכערן נצחון — און פּלוצים אַזאַ ביטערע אַנטוישונג! נאַטירלעך האָט מען אויסגעגאָסן דעם כעס אויף די, וואָס האָבן געהעצט צו דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג, און פון דער אַנדערער זייט זיינען פּאָפּולער געוואָרן די, וואָס האָבן געוואָרנט קעגן דעם גאַנצן אויפטו.

„פרייטיק צו נאַכט זיינען עטלעכע צענדליק אידן פאַרבייגעגאַנגען דעם דאָרף צוריף, האָבן אָנגעטראָפן אויף אַן אַלטן אַראַבער, האָבן אים געגריסט און געגאַנגען ווייטער. דער אַלטער האָט געאיילט אין דאָרף אַריין און דער־ציילט, אַז אידן קלייבן זיך אָנצוגרייפן דעם דאָרף. די אַראַבער פון דאָרף האָבן זיך באַלד צונויפגעזאַמלט און אַריין אין אַ שלאַכט מיט די אידן. — די אידן זיינען אַריין אין צוריף, דורכגעגאַנגען דעם דאָרף און געווענדעט

זיך אין דער ריכטונג פון דזשעבא; דאָרטן זיינען זיי אַריין אין וואַדי, וועלנדיק אַזוי אַרום דערגיין צו כפר־עציון. דערווייל זיינען זיך פון דער סביבה צונויפגעלאָפן הונדערטער אַלאַרמירטע אַראַבער און האָבן די גאַנצע נאַכט דאַקושעט די אידן. אין דערפרי האָבן זיך די אידן פּאַרפעסטיקט אין דער וואַדי, און די אַראַבער אויף די אַרומיקע בערגלעך. צוליב די באַדן־באַדינגונגען איז דאָס אידישע פייער ניט געווען עפעקטיוו, אָבער געשלאָגן האָבן זיי זיך ביז צום לעצטן מאַן. ווען די אַראַבער האָבן געמיינט, אַז אַלע אידן זיינען שוין אויסגע׳הרג׳עט, האָבן זיי זיך גענומען דערנענטערן, און דאַן האָט זיך אויפגעהויבן אַ שווער־פאַרוואונדעטער איד און געוואָרפן אַ באָמבע; די אַראַבער האָבן אויף אים געשאָסן און געטראָפן, — ער האָט אָבער געכאַפּט אַ שטיין און געפּרואווט צו וואַרפן אים אויף די אַראַבער, אָבער די כוחות האָבן אים פאַרלאָזן און ער איז אויסגעגאַנגען, האַלטנדיק דעם שטיין אין האַנט. אין דער דאָזיקער שלאַכט זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרן 7 אַראַבער און פאַרוואונדעט געוואָרן — 15. די שלאַכט אין וואַדי־דזשעבראַ, גלייך ווי די שלאַכט אין גוש־עציון, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן און טיפן איינדרוק אויף די אַראַבער: זיי האָבן זיך איבערצייגט אין דער קאַמפּס־פעאיקייט, מוטיקייט און שטאַלצקייט פון די אידישע קעמפער. באַזונדערס האָבן זיי זיך איבער־צייגט, אַז די מלחמה מיט די אידן איז ניט קיין שפּילעכל און זי וועט זיין ניט לייכט און ניט באַקוועם״.

און פונדעסטוועגן, כאָטש מיר האָבן כמעט אומעטום די אויבערהאַנט, און טראָץ דעם עקאָנאָמישן חורבן און די פּאַניק צווישן די אַראַבער, און ניט קוקנדיק אויף די שלום־פאַרזוכן אין חיפה און אין יפו (אפילו איצט ווערן נאָך געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ פרידלעכער רעגולירונג פון די באַציאונגען אין דעם גאַנצן אַראַנזשן־געביט, פון עזה ביז חיפה, — אַזאַ מין וואָפנשטילשטאַנד), — טראָץ דעם אַלעמען איז געפערלעך צו דרינגען, אַז דער קריגס־ברען און די קריגס־גרייטקייט פון די אַראַבער זיינען אָפּגע־שוואַכט געוואָרן. פאַרקערט — מיר שטייען ערשט אין אָנהייב, — און דער אָנהייב איז, בערך, אַ לייכטער. די זעלבע קוואַלן, פון וועלכע מיר שעפּן ידיעות וועגן דערשלאָגנקייט, אָפּהענטיקייט און פּאַניק, גיבן אונז אויך איבער וועגן וויטערדיקער מאָביליזירונג און נייער באַוואָפענונג, וועגן גרויסע אַראַבישע באַנדעס, וואָס גנב׳ענען זיך אַריין פון יענער זייט פון די גרעניצן, און וועגן ערנסטע צוגרייטונגען צו באַדייטנד־גרעסערע אָנגריפן. און עס איז גאָר קיין סתירה ניט צווישן די ביידע סאָרטן ידיעות — ס׳זיינען דאָ אַראַבער, וואָס האָבן געליטן, זיינען דורכגעפאַלן און זיי זיינען דערשלאָגן; און עס זיינען פאַראַן אַראַבער, וואָס אָט די אַלע זאַכן — ליידן, דורכפאַלן און דערשלאָגנקייט — אַרן זיי ניט, און זיי[illegible] דראַנג צוצוברעכן און פאַר־ניכטן דעם אידישן ישוב ווערט גאָרניט אָפּגעשוואַכט. און עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דוקא די דאָזיקע וועלן פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דעם אַראַבישן פאָלק; באַקומען זיי דאָך שטיצע ניט נאָר מצד די הערשער פון די שכנות׳דיקע מדינות, נאָר אויך מצד דער ענגלישער רעגירונג, מצד דער

פּאָליטיק פונם בריטישן אויסערן־מיניסטעריום איבערן גאַנצן מזרח, ווי אויך מצד דער שוואַכקייט, וואָס די פאַראייניקטע פעלקער ווייזן אַרויס.

וואָס מער עס דערנענטערט זיך די בריטישע עוואַקואַציע, וואָס מער עס שטייגט די צופאַלונג פון דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט — אַלץ מער קען די לאַגע ערגער ווערן. די נאָענטסטע מאָנאַטן וועט זיך די מלחמה וואַרשיינלעך פאַרשפּרייטן אויף נייע געביטן, עס וועלן זיך פאַרמערן די כוחות פון די פון־דער־פרעמד־אַנגעקומענע אַראַבער, עס וועט זיך אויך פאַרמערן זייער געווער, אויך זייער קריגס־טעכניק וועט זיך וואַרשיינלעך פאַרפולקאָמען, אַזוי, אַז אין 3—4 מאָנאַטן אַרום קען די מלחמה גריילעך דערגרייכן איר הויכ־פּונקט. דאַרפן מיר גרייט זיין.

איך וועל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף די פּרטים פון אונזערע פּלענער. איך וועל באַצייכענען בלויז דריי הויפּט־מאָמענטן:

א. מאָביליזאַציע. מיר דאַרפן מאָביליזירן אונזערע מענטשן, אויסשולן און אויסשטאַטן זיי — שנעל, עפעקטיוו, מיט דער פולער פּערזענלעכער, פינאַנציעלער, טעכנישער,ווירטשאַפטלעכער און מאָראַלישער מעגלעכקייט. אין דער לעצטער וועלט־מלחמה האָבן מיר מאָביליזירט העכער 30,000 פּער־זאָן. איך קען איצט ניט זאָגן, וויפל מיר האָבן שוין מאָביליזירט פאַר אונזער איצטיקער מלחמה און וויפל מיר וועלן נאָך מאָביליזירן. אפשר וועלן מיר ניט דאַרפן אַזויפיל, און אפשר וועלן מיר דאַרפן מאָביליזירן פיל, פיל מער, — סיי פון ישוב און סיי פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק. איך האָף, אַז באַלד נאָך דער עוואַקואַציע וועלן פון אַלע גלות־לענדער קומען אידישע בחורים — אויסגעאיבטע, קוואַליפיצירטע און מיליטעריש־דערפאַרענע; אָבער קודם כל דאַרפן מיר מאָביליזירן, אויסשולן און אויסשטאַטן אונזער אייגענעם מענטשן־מאַטעריאַל; מיר קענען ניט וואַרטן ביז דער עוואַקואַציע.

ב. מאָבילקייט. מיר דאַרפן אינטענסיפיצירן אונזער מאָבילן כוח און פאַרזיכערן אונזער קאָמוניקאַציע אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז געוויסע טיילן פון לאַנד וועלן אָפּגע־שניטן ווערן איינער פון דעם אַנדערן, און מיר מוזן באַצייטנס זאָרגן פאַר די פלעצער, צו וועלכע מיר וועלן ניט קענען צוקומען מיט דער יבשה, — אַז מיר זאָלן זיין אימשטאַנד צו שטיין מיט זיי אין פאַרבינדונג דורך דער לופט אָדער דורכן ים. מיר דאַרפן אויפריכטן אַן עפעקטיווע און שנעלע מאָבילע קראַפט, אַ געפּאַנצערטע און זיכערע — אויף דער יבשה, אין דער לופט און אויפן ים. מיר דאַרפן באַהערשן די לופט און דעם ים. צו ים־קאָמוניקאַציע וועלן מיר דאַרפן אָנקומען ניט נאָר לענג־אויס די ברעגן פון מיטללענדישן ים, נאָר אויך אין אילת.

ג. שטורם־טאַקטיק. מיר פירן אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה, און אַזאַ וועט זי פאַרבלייבן. אָבער די קריגס־טאַקטיק אונזערע וועט ניט זיין קיין דעפענסיווע. מיר ווילן ניט בלייבן זיצן אין אונזערע הייזער, אין אונזערע ישובים און וואַרטן ביז מען וועט קומען אָנצוגרייפן אונז און דאַן וועלן מיר די אָנפאַלער אָפּשטויסן. ניין, מיר וועלן קעגן די אָנפאַלער פירן אַן אָפענסיווע

וואו נאָר מיר וועלן זיי טרעפן. מיר וועלן ניט אַטאַקירן קיין ישוב, קיין ראַיאָן, קיין שום געביט, וואָס וועט בלייבן פריינטלעך אָדער נייטראַל, אָבער מיר וועלן זיך באַמיען צו שלאָגן יעדן פיינטלעכן, אַגרעסיוון אַראַבישן ישוב. אַן אַנגרייפנדיקער שטח צי אַן אַנגרייפנדיקע קערפערשאַפט איז ניט נאָר דער וואָס אַטאַקירט דירעקט, נאָר אויך דער וואָס גיט די אַנפאַלער געצייג, הילף און אַ מקום מקלט. אויב די אַראַבער מיינען, אַז די מלחמה וועט זיך קאָנצענטרירן בלויז אין אידישע ישובים און אידישע געביטן אָדער אַפילו, בכלל, בלויז אין ארץ ישראל — האָבן זיי אַ טעות. מיר מוזן געפינען אַ וועג — און איך גלויב אַז מיר וועלן אים געפינען — ווי אַזוי צו שלאָגן די אַנפאַלער אין אַלע זייערע צענטערן — סיי אין דעם אידישן געביט און סיי אין דעם אַראַבישן, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין די אַרומיקע לענדער.

מיר וועלן אָבער אָננעמען ניט בלויז מיליטערישע מיטלען. דאָס וואָס מיר רופן „רוקן", איז ניט ווינציקער וויכטיק ווי דאָס, וואָס מיר רופן פראָנט. איך וועל אויך דאָ ניט אַריינגיין אין קיין איינצלהייטן, איך וועל בלויז באַצייכענען 3־4 מאָמענטן:

א. ווירטשאַפטלעכע פאַרפעסטיקונג. דאָס איז דער וויכטיקסטער פרינציפּ אין אונזער אינערלעכער פאַרטיידיקונג. אָט אַזוי ווי עס איז אונז נויטיק אַ מיליטערישע הויפּט־קאָמאַנדע, גלייך אַזוי איז נויטיק אַן עקאָנאָמישע קאָמאַנדע, וואָס זאָל זאָרגן: פאַר די ווירטשאַפטלעכע באַדערפענישן; פאַר אַפּראָוויזאַציע — ניט נאָר פאַר די קעמפער, נאָר אויך פאַרן גאַנצן ישוב; פאַר רוי־שטאָף; פאַר קויף־פאַרקויף; פאַר באַשעפטיקונג; פאַר קאַמף קעגן ספעקולאַציע און פרייז־אויפשרויפונג; פאַר דער אינטענסיפיצירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטרי; פאַר דער אויסברייטערונג פון אונזערע מעגלעכקייטן לגבי דער אַבסאָרבירונג פון נייע עולים.

ב. קאָנצענטירטע הילף. מיר וועלן זי ברויכן אין אַ פיל־גרעסערער מאָס, ווי ביז איצט. דער יאָך, וואָס וועט אויף אונז ליגן מאָרגן, וועט זיין שווערער פון דעם היינטיקן, און דער איבערמאָרגנדיקער — שווערער פון דעם מאָרגנדיקן. און דער יאָך דאַרף אויף אַ גלייכן אופן פאַרטיילט ווערן צווישן אונז אַלעמען. מען דאַרף אויף אַ גלייכן אופן פאַרטיילן הן די ליידן און הן דעם יאָך; און גלייך הייסט — יעדער לויט זיין מעגלעכקייט. דער שטאַרקער און באַפעסטיקטער פונקט וועט דאַרפן העלפן דעם שוואַכן און איזאָלירטן. באַמיטלטע וועלן העלפן די מיטללאָזע; די רייכע און איינגעפונדעוועטע שטעט — תל־אביב און חיפה — וועלן העלפן ירושלים און צפת. ירושלים פאָדערט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, ווייל זי איז ניט סתם איינע פון די שטעט אין ארץ ישראל, נאָר זי איז דער סימבאָל פון גאַנץ ארץ ישראל, זי איז דאָס האַרץ פון דער אידישער געשיכטע.

ג. זאָרג פאַר די מאָביליזירטע און זייערע משפחות. מיר זיינען מיט אונזער מאָביליזאַציע דערגאַנגען צו אַלע שיכטן אין ישוב, און עס זיינען דאָ — צו אונזער אַלעמענס שאַנד — אַזעלכע, וואָס קענען ניט לייענען און שרייבן. אַ סך פון זיי זיינען פאַכלאָזע, אָדער וואָס זייער פאַך איז קיין פאַך

ניט. דער מאָביליזירטער דאַרף זיך צוריקקערן פון קריג אַ בעסערער מענטש, בעסער — פיזיש און גייסטיק, רייכער — אין בילדונג און פאַך־קענטעניש. איך בין אַמאָל געווען אַ זעלנער, — ווייס איך, אַז דער זעלנער פוסטעפּאַסעוועט דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט, — טאָ זאָל עס ביי אונז ניט זיין אַזוי. מיר דאַרפן אויסנוצן די פרייע צייט פון דעם זעלנער, מיר דאַרפן די אַנאַל־פאַבעטן געבן עלעמענטאַרע בילדונג און נוצלעכע פאַך־קענטעניש. און מיר מוזן זאָרגן הן פאַרן מאָביליזירטן און הן פאַר זיין פאַמיליע.

ד. געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די דאָזיקע פאָדערונג איז אַדרעסירט, אין דער ערשטער ריי, צו דער פּרעסע, אָבער אויך צו דער גאַנצער געזעלשאַפט. אַפילו אין איצטיקן קריגס־צושטאַנד איז עס מיין איבערצייגונג, אַז מען טאָר ניט אָנרירן די פרייהייט פון געדאַנק, וואָרט און קריטיק. אדרבא, דוקא איצט נויטיקן מיר זיך אין פרייער און גערעכטער קריטיק. אָבער דאָס געבאָט פון מאָמענט איז — פאַרזיכטיקייט. מיר דאַרפן אונזערע רייד וועגן און מעסטן, כדי ניט צו ליפערן ידיעות צום פיינט, ניט אַריינצוברענגען פּאַניק און צומישונג אין אונזער געזעלשאַפט, ניט אָפּצושוואַכן די הענט. ס׳שיינט גלייך ווי אַ געוויסער טייל פון אונזער פּרעסע וואָלט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אַ פיינטלעכע רעגירונג און אַראַבישע באַנדיטן, און עס ווערן אויף די שפּאַלטן פון דער דאָזיקער פּרעסע פאַרעפנטלעכט ידיעות און שילדערונגען, וואָס באַדראָען אונזער זיכערקייט. אָבער ניט נאָר די צייטונגען דאַרפן זיין פאַרזיכטיק אין זייערע רייד. יעדער איינער, וואָס רעדט אין טעלעפאָן, דאַרף געדענקען, אַז דער שונא קען אונטערהערן, און אויב ער וויל ניט, אַז דער שונא זאָל פון אים עפּעס הערן, מוז ער זיך אָפּ־האַלטן פון צו זאָגן עס אַפילו דעם טייערסטן חבר זיינעם. אויטאָ־פּאַסאַזשירן דאַרפן אויך פאַרזיכטיק זיין אין זייערע שמועסן, און מען טאָר זיך בכלל ניט פאַרנעמען מיט פאַרשפּרייטן פאַלשע, פּראָוואָקאַטיווע קלאַנגען.

מיר האָבן אין די פאַרגאַנגענע צוויי מאָנאַטן געהאַט אויך דורכפאַלן, און לאָמיר ביי זיך ניט גרויס זיין — עס קענען זיין אויך נייע דורכפאַלן, שווערע און ביטערע, און מיר דאַרפן גרייט זיין דערצו; איז אָט דאָ ווידער פאַראַן אַן אויפגאַבע פאַר דער פּרעסע, אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטלעכע קערפּער־שאַפטן און דערציער: צו שטאַרקן דעם גייסט, די מאָראַל פון דעם ישוב, ניט לאָזן אים איבערכאַפּן די מאָס — אין אויפרעגן און באַגייסטערן זיך פון טיילווייזע נצחונות, ווי אויך — אין אַראָפּלאָזן די הענט אין פאַל פון אַ פאַרבייגייענדיקן דורכפאַל. עס איז ניט קיין מלחמה אויף אַ טאָג און אונזער וועג וועט ניט זיין אויסגעבעטן דוקא מיט הצלחות און נצחונות. — איז די אויס־שמידונג פון אונזער מאָראַלישן כוח איז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי די אויס־שמידונג פון אונזער פיזישן כוח. עס שטייט אונדז פאַר אַ שווערער געראַנגל, פול מיט ליידן, און מיר מוזן אַלע גרייט זיין, די ליידן אויפצונעמען.

דאָס איז אַ געראַנגל, וואָס וועט אויף לאַנג־לאַנג באַשטימען דעם גורל פון דעם אידישן פאָלק. אין דעם געראַנגל פון די נאָענטסטע מאָנאַטן, פיליכט 7—8 מאָנאַטן, ליגט פאַרוויקלט די גאַנצע אידישע געשיכטע. אויף דער שוועל

פון אונזער זעלבסטשטענדיקייט, נאָך 1900 יאָר, האָט מען אונז אין אונזער פאָטערלאַנד דערקלערט אַ פאַרניכטונגס־קריג. יעדע מלחמה איז אַ שרעק־לעכער אומגליק — ניט נאָר פאַר די באַזיגטע, נאָר אויך פאַר די זיגער. מלחמה הייסט — בלוט־פאַרגיסונג, חורבן פון האָב־און־גוטס, פאַרניכטונג פון גייסטיקע און מאַטעריעלע ווערטן. מיר האָבן די מלחמה ניט געוואָלט, נאָר — האָט מען זי אונז אויפגעצוואונגען, וועלן מיר זי פירן אומדערשראָקן.

מלחמה איז — דער העכסטער עקזאַמען פאַר אַ פאָלק. קען אַ פאָלק ניט אויסהאַלטן דעם דאָזיקן עקזאַמען — מוז עס אונטערגיין. מלחמה — איז מער ווי אַן עקזאַמען פון כוח, אָדער אַן עקזאַמען פון ווילנס־קראַפט. מיר זיינען איצט געשטעלט געוואָרן פאַר דער העכסטער פּראָבע פון אונזער נאַציאָנאַלן ווילן. ניט אַ סך פעלקער האָבן אַרויסגעוויזן אין פאַרלויף פון דער געשיכטע אַזאַ עקשנות'דיקן און העראָאישן עקזיסטענץ־ווילן, ווי עס האָט אַרויסגעוויזן דאָס אידישע פאָלק, און עס איז פיליכט ניטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל אַזוי שווער און ביטער געפּרוּווט ווערן, ווי מיר אידן. מיר האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַרן גרעסטן פיזישן כוח. נאַפּאָלעאָנס באַקאַנטער מיליטערישער כלל, אַז די מאָראַלישע קראַפט איז וויכטיקער פון דער פיזישער, איז אַמבעסטן דערוויזן געוואָרן דורך דער אידישער געשיכטע.

מיר וועלן ניט קעמפן בלויז מיט גייסט; מיר וועלן זיך שלאָגן — בחיל ובכוח. אָבער דער „חיל" און דער „כוח" וועלן געלייטערט ווערן דורך דעם אומבויגזאַמען גייסט, דעם גייסט פונם אייביקן פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון אונטערגעבן זיך.

אין די לעצטע דורות האָבן מיר דעם גאַנצן ברען פון אונזער ליבע און דעם גאַנצן שטאָלץ פון אונזער איבערגעגעבנקייט אַריינגעטאָן אין בויען און שאַפן — ביים שיין פון דעם אידעאַל פון אויפקום און גאולה. די דאָזיקע ליבע און איבערגעגעבנקייט וועלן מיר איצט אַריינטאָן אין פאַרטיידיקן אונזער שאַפונג און אידעאַל.

אונזערע פאַרטיידיקער, — נוטרים און שאָפערן, וואָס שטייען טאָג־איין — טאָג־אויס אין דעם פייער־פראָנט, שטרעקן אויס — דורך טויזנטער יאָרן — זייערע הענט צו די אידישע העלדן פון אַלע דורות — צו רבי עקיבא און בר־כוכבא, צו די פאַרטיידיקער פון יודפת און מסדה, צו די מכבים, צו נחמיה בן־חכליה, צו יואב בן צרויה, צו דבורה הנביאה און ברק בן אבינועם, צו יהושע בן־נון.

מיר וועלן פירן די מלחמה ביז עס וועט אויפקומען די אידישע מדינה — מדינת ישראל — וואָס וועט אַרויסהייבן אונזער פאָטערלאַנד פון זיין חורבן, וועט צונויפנעמען די צעזייטע און צעשפּרייטע זין פון ישראל, וועט מאַכן שלום, איינפירן פּראָגרעס און שליסן אַן אויפריכטיקן בונד מיט אונזערע שכנים, און וועט פאַרנעמען איר פּלאַץ אַלס גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

וועלן מיר זיך ניט צוריקהאַלטן פון ליידן, קרבנות און העכסטע אָנ־שטרענגונגען — וועלן מיר דערגרייכן אונזער היסטאָרישן ציל.

# דער כוח וועט דעצידירן

(אויף אַן עקזעקוטיוו־זיצונג פון דער אידישער אַגענץ, תל־אביב)

— — — איך אונטערשעץ ניט דעם ווערט פון דעם פּאָליטישן שטרייט, און אין אַמעריקע איז דאָ איצט אַ סך וואָס צו טאָן, ווייל די איצטיקע פּאָליטישע טעטיקייט אין אַמעריקע איז אַ דעצידירנדיקע. עס איז אויך וויכטיק, טעטיק צו זיין אין דער יו־ען. דער פּאָזיטיווער באַשלוס פון דער יו־ען שטאַרקט אונז. אָבער ניט אונטערשעצנדיק דעם ווערט פון דער פּאָליטישער אַקציע — וואו זי זאָל ניט זיין — וויל איך אונטערשטרייכן, אַז דאָס מאָל וועט באַשטימען דער כוח, און דער שווער־פּונקט פון אונזער פאַרטיידיקונג ליגט פּראָסט־פּשוט אין באַוואָפנונג. דאָס איז זייער אַ ביטערער אויספיר פאַר אידן און עס איז גאָרניט קיין לייכטער אויספיר פאַר ציוניסטן, און דאָך מוז אַ ניכטערער אַנאַליז פון דער ווירקלעכקייט אומברחמנות׳דיק פירן צו דער מסקנה, אַז דעצידירן וועט דער כוח.

און אין דעם דאָזיקן כוח־פאַרמעסט, קענען מיר זיגן — בתנאי, אַז מיר זאָלן האָבן פיר זאַכן: טראַנספּאָרט־מיטלען, אַעראָפּלאַנען, שיפן און געווער. און אויף צו קריגן די דאָזיקע פיר זאַכן דאַרפן מיר האָבן געלט. עס איז אויסער יעדן ספק, אַז אין דער צווייטער רונדע, אָדער העכסטנס אין דער דריטער — וועלן די אַראַבער האָבן שווער געווער. די צווייטע רונדע וועט זיך אָנפאַנגען די נעכסטע טעג; די דריטע וועט קומען נאָך דער בריטישער עוואַקואַציע. די באַנדעס, וואָס שמוגלען זיך אַריין אין לאַנד דורך די גרעניצן, זיינען — לויט אונזערע ידיעות — ניט סתם באַנדעס, נאָר פאַרמאַציעס, וואָס האָבן דורכגעמאַכט מיליטערישע איבונגען, ביי וועלכע עס הערשט מיליטערישע דיסציפּלין און אַ מיליטערישער רעזשים און וועלכע פאַרמאָגן אַ מיליטערישע אויסשטאַטונג. לויט זייער אָרדנונג און אָפּראָוויזאַציע שטעלן זיי מיט זיך פאָר — אויב ניט טעאָרעטיש, איז פּאַקטיש — מיליטערישע איינהייטן. און זיי זיינען גוט באַוואָפנט. מיר האָבן ידיעות, אַז זיי באַזיצן טאַנקען און האַרמאַטן, און עס איז קיין שום צווייפל ניט, אַז אין דער צווייטער אָדער דריטער רונדע וועט מען דעם דאָזיקן שווערן געווער טעטיק מאַכן. מוזן מיר זיך אויך פאַרזאָרגן מיט שווער געווער. און עס איז ניט אין הימל. מיר מוזן האָבן קריגס־אַעראָפּלאַנען, — דאָס איז אפשר יאָ אין הימל, און דערפאַר איז עס לייכטער צו דערווערבן. מיר ברויכן ים־אויסשטאַטונג און טראַנספּאָרט־מיטלען. מיר האָבן עפּעס יאָ געטאָן, כדי צו קריגן די דאָזיקע זאַכן, הגם כל זמן די ענגלענדער הערשן איבער אונזער ים — איז עס אַ שווערע אויפגאַבע. דאָך איז עס ניט אויסגעשלאָסן, אַז צום פופצנטן מאַי זאָלן מיר זיין גוט באַוואָפנט און מיר זאָלן קענען זיך קעגנשטעלן די אַראַבישע אָנגריפן. — אַלץ איז אָפּהענגיק פון געלט, — און געלט — באַצייטנס. — —

נאָכן 15־טן מאַי וועלן מיר האָבן מיטלען, ווייל דער צאָל וועט זיין אין אונזערע הענט און ווייל מיר וועלן קענען אַרויפלייגן שטייערן. אָבער וואַרטן ביז דאַן קענען מיר ניט. אויף צו מאָרגן נאָכן 15־טן מאַי וועט זיך אָנהויבן דער גרויסער אָנגריף. די אַמוניציע, וואָס וועט דאַן אַרויסגעשיקט ווערן, וועט ניט אָנקומען צו דער צייט. אַזוי אַז די מיטלען, וואָס פאָדערן זיך פאַר אונזער אַמוניציע — זיי דעצידירן. וועלן מיר זיין באַוואָפנט — וועלן מיר אויסהאַלטן, וועלן מיר זיך קענען קעגנשטעלן דער גאַנצער אַראַבישער וועלט.

אויב מיר וועלן זיין ווי געהעריק באַוואָפנט און מיר וועלן וויסן, אַז מיר זיינען אימשטאַנד אַנטקעגנצושטעלן זיך — וועט אויך אַנדערש אויסזען אונזער פּאָליטישע אַקציע. מיר וועלן דאַן רעדן מיט אונזערע פּאַרטנערס, ניט זייענדיק אָפּהענגיק פון זייער חסד. זיינען מיר נאָר פאַרזאָרגט מיט וואָפן — זיינען מיר דאָ דער הויפּט־כוח, און ווער ס'איז אינטערעסירט אין אונזער לאַנד, איז שוין דאַן געוויסערמאָסן אָפּהענגיק אויך פון אונז, — מעג עס אַפילו זיין די מעכטיקסטע אימפּעריע. נאָך אַלעמען פאַרנעמען מיר דאָ איינעם פון די סטראַטעגיש־וויכטיקסטע פלעצער אין דער וועלט. און מיר זיינען — דאָ; און מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן. איז אויב מיר זיינען באַוואָפנט — דאַרפן מיר קיינעמס רחמים ניט, מיר זיינען ניט אָפּהענגיק פון וואָלן ערגעץ־וואו, מיר פאַרלאָזן זיך ניט בלויז אויפן יושר פון אונזערע קעגנער, נאָר מיר ווענדן זיך צו דער פּאָליטישער און מיליטערישער לאָגיק, — זיינען דאַן אויך די שאַנסן פון אונזער פּאָליטישער טעטיקייט גאָר אַנדערע. און כאָטש דער כוח וועט דעצידירן, און ניט די פּאָליטישע טעטיקייט, טאָר מען אויך איר ווערט ניט נעגירן. אויב די פּאָליטישע סיטואַציע וועט פאַרבעסערט ווערן, וועט עס אויך משפיע זיין אויפן מיליטערישן געראַנגל, — די ליידן און די קרבנות וועלן ניט זיין אַזעלכע שווערע. אין קאַמף וועלן פאַלן די בעסטע צווישן אונז, איז עס פאַר אונז באַזונדערס וויכטיק, אַז די קרבנות זאָלן זיין ווי מעגלעך ווייניקער, און וואָס בעסער די פּאָליטישע לאַגע — אַלץ ווייניקער קרבנות.

עס אינטערעסירט אונז איצט ניט, וואָס עס וועט פאָרקומען אין אַ יאָר אַרום. איך ווייס ניט, וואָס איז דער טייטש „אין אַ יאָר אַרום". דער גאַנצער דאַזיקער באַגריף עקזיסטירט איצט ניט פאַר מיר. די וויטסטע צוקונפט ליגט פאַר מיר אין — דריי מאָנאַטן אַרום. אויב אין דריי מאָנאַטן אַרום וועלן מיר ניט האָבן דאָס, וואָס ס'איז אונז נויטיק צו האָבן, וועט בכלל ניט זיין קיין „אין אַ יאָר אַרום". די היינטיקע רעדעכץ וועגן „אין אַ יאָר אַרום" איז איבעריק און שעדלעך.

דאָס, וואָס מען דאַרף טאָן — זאָל באַלד געטאָן ווערן, אויך אויפן פּאָלי־טישן געביט, אָבער בתנאי, אַז מען זאָל טאָן דעם עיקר, און דער עיקר איז — באַוואָפענונג, ווייל עס איז שוין אָנגעקומען די שטונדע, ווען דער כוח דע־צידירט. עס זיינען דאָ אַזעלכע שטונדן אין דער געשיכטע פון יעדן פאָלק. ניט מיר האָבן דאָס געוואָלט, אָבער אונזערע שונאים האָבן אונז קיין ברירה ניט איבערגעלאָזן. און אויב עס דאַרף דעצידירן דער כוח — טאָ זאָל אונזער כוח דעצידירן.

כ״ו בשבט תש״ח — 2. 6. 1948

# דער טאָפּלטער קאַמף

(אויף דער ראַט־סעסיע פון דער א״י־אַרבעטער־פּאַרטיי (מפא״י), אין בית העם, תל־אביב)

מאָביליזאַציע און קעגנזייטיקע הילף — דאָס זיינען די צוויי אויפגאַבן, וואָס שטייען אין צענטער פון אונזער ווירקלעכקייט, — און בײדע שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ פאַרבאַדינג צו אונזער עקזיסטענץ און צוקונפט, און זיי זיינען היינט וויכטיקער פון יעדער אַנדער זאַך.

מיר דאַרפן זיך מאָביליזירן — פיזיש און גייסטיק, מיט קאַפּיטאַל און אַרבעט, מיט וויסנשאַפט און טעכניק. מיר דאַרפן מיט דער פולער קראַפט אַקטיוויזירן דעם מענטשן־כוח פון דעם ישוב און פונם פאָלק, און אויך דעם ווירטשאַפטלעכן, מאַראַלישן און מאַטעריעלן כוח — אין דער שווערער און אכזריות׳דיקער פאַרטיידיקונגס־מלחמה, וואָס איז אונז אויפגעצוואונגען געוואָרן. מיר דאַרפן פאַרזיכערן דעם מאַקסימום פון קעגנזייטיקער הילף צווישן אַלע טיילן פון דעם ישוב.

דער גאַנצער ישוב דאַרף איצט פאַרוואַנדלט ווערן אין איין מאָביליזירטן לאַגער און אין איין צעמענטירטע משפּחה.

עס איז אונז דערקלערט געוואָרן קריג, און לויט דער מאָס פון דער סכנה וועט זיין די מאָס פון אונזערע אָנשטרענגונגען,ליידן און קרבנות; עס פאָדערט זיך פון יעדן איינעם פון אונז די העכסטע, געזאַמטע אָנשטרענגונג.

מיר דאַרפן קוקן דער פאַרשטייענדיקער סכנה גלייך אין די אויגן אַריין, און נאָר אַזוי וועלן מיר זיך איר קעגנשטעלן און איר גובר זיין.

עס איז אונז דערקלערט געוואָרן אַ טאָפּלטער קריג: 1) אַן אָפענער בלוט־קריג, דעקלאַרירט דורך הערשער און פּראָ־נאַציזישע פירער אין די אַראַבישע לענדער; 2) אַ פאַרשטעלטער צוויי־פּנים׳דיקער קריג מצד בעווינס רעגירונג, — און די בײדע מלחמות זיינען פאַרבונדן צווישן זיך.

שוין העכער 2 מאָנאַטן, ווי עס ווערן אויסגעפירט בלוטיקע אָנפאַלן אויף אונזער טראַנספּאָרט, אויף אונזערע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, אויף אונזערע שטעט. די מלחמה איז אונז דערקלערט געוואָרן, ניט פרעגנדיק דעם אַראַבישן פאָלק, וואָס אין זיין נאָמען — כלומרשט — ווערט זי געפירט. נאָכמער — ביז היינט צו טאָג ווידערשפעניקט די איבערוויגנדסטע מערהייט פונם אַראַבישן פאָלק און באַטייליקט זיך ניט אין דער מלחמה, טראָץ דעם אַלץ וואַקסנדיקן דרוק און טראָץ דעם טעראָר, וואָס ווערט געפירט לויט די אויסגעפּרוווטע נאַצישע מעטאָדן: רעליגיעזע העצע און ראַסן־העצע, פאַרשפּרייטונג פון ליגנס, בילבולים, גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, אויפבלאָזונג פון ני־

דעריקע אינסטינקטן, רויב־הבטחות, גוואַלד־טאַטן, — טראָץ דעם אַלעמען זאָגט זיך נאָך אַלץ אָפּ די מערהייט פון אַראַבער, אָנטיילצונעמען אין דעם קריג, הגם ער פירט זיך שוין איבער צוויי מאָנאַטן.

און דאָך איז די אַראַבישע אַגרעסיע ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פאַר־קערט — זי וועט נאָך אַלץ שטאַרקער ווערן. די שווערע פאַרלוסטן, וואָס די דאָזיקע אַגרעסיע האָט גורם געווען די אַראַבער, האָבן ניט משפיע געווען אויף די מלחמה־העצער, אויף דער פראָ־נאַצישער אַראַבישער פירערשאַפט דאָ און אין די שכנות'דיקע לענדער.

די גאַנצע עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער פירערשאַפט איז אָפּהענגיק פון דער מלחמה, און אויב עס איז איר ניט געלונגען ביז איצט איינצושפּאַנען דעם רוב פון די ארץ ישראל'דיקע אַראַבער אין דעם מלחמה־רייטוואָגן, מאָבי־ליזירט זי באַוואָפנטע באַנדעס פון סיריע, לבנון, איראַק און עבר־הירדן; יעדן טאָג באַקומען מיר ידיעות וועגן דער אינוואַזיע פון באַוואָפנטע כוחות פון צפון און מזרח, און מעגלעך — אויך פון דרום.

די דאָזיקע געפאַר, פאַר זיך אַליין, איז אויך ניט קיין קליינע, און זי איז אונז מחייב צו די גרעסטע אָנשטרענגונגען. אָבער די געפאַר האָלט נאָך אין איין וואַקסן, אַדאַנק דעם צווייטן קאַמף קעגן אונז — די פּאָליטישע אָפּגע־סיווע פון בעווינס רעגירונג. די דאָזיקע אָפּענסיווע — וואָס אַן אמת — פירט זיך שוין פון לאַנג. שוין העכער צוויי יאָר פירט זיך דורך בעווינען „אַ נידער־טרעכטיקע מלחמה קעגן די אידן" — לויט טשערטשילס אויסדרוק. די דאָזיקע אָפּענסיווע האָט זיך פאַרשטאַרקט נאָך דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דער יו־ען וועגן גרינדן אַ אידישע מדינה אין ארץ ישראל.

עטלי און בעווין פירן אויך די דאָזיקע מלחמה זייערע אָן אַ מאַנדאַט פון דעם ענגלישן פאָלק. אדרבא, זי ווערט געפירט אין קעגנזאַץ צו אַן אויס־דריקלעכן מאַנדאַט, וואָס די דאָזיקע רעגירונג האָט באַקומען פון אירע וויילער אין זומער פון יאָר 1945. ערב די לעצטע וואַלן האָט די לייבאָר־פּאַרטיי דע־קלאַרירט, אַז מען דאַרף לייזן דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם דורך גרינדן אַ אידישע מדינה און אַז מען דאַרף באַקומען די הסכמה פון אַמעריקע און רוסלאַנד צו דער גרינדונג פון אַ אידישער מדינה. נאָך די דאָזיקע וואַלן, וואָס האָבן געבראַכט עטלין און בעווינען צו דער מאַכט, האָט די רעגירונג פאַרלייקנט איר אייגענע פּאַרטייאישע וואַל־פּלאַטפאָרם, נעגירט די טראַדיציע פון דער בריטישער אַרבעטער־באַוועגונג און מבטל געמאַכט די אינטער־נאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען פון איר פאָלק, — זי האָט פאַרגעזעצט די פּאָליטיק פון דעם ווייס־בוך. אָנשטאָט צו קריגן די הסכמה פון אַמעריקע און רוסלאַנד צו דער גרינדונג פון אַ אידישער מדינה, באַמיען זיי זיך צונישט צומאַכן דעם באַשלוס פון אַמעריקע און רוסלאַנד, צו גרינדן זי. פריער האָט מען נאָך געפּרואווט אַרויסצובאַקומען די אונטערשטיצונג פון אַמעריקע פאַר דער פאַרוואַנדלונג פון ארץ ישראל אין אַ בריטישע קרוין־קאָלאָניע און אַן ענג־לישע מיליטערישע באַזע. מיט דעם צוועק האָט מען עס אויפגעריכט די ענגליש־אַמעריקאַנישע קאָמיסיע.

זיכער געדענקט איר די באַשולדיקונגען, וואָס אייניקע פון די מיטגלידער פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, האָבן פאָרגעוואָרפן בעווינען, אַז ער האָט גע־בראָכן די הבטחה וואָס ער האָט געגעבן דער קאָמיסיע: אויסצופירן די באַשלוסן פון דער קאָמיסיע — אויב זיי וועלן אָנגענומען ווערן איינשטימיק. ווען מען האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע באַשולדיקונג, האָט זי דאָס אויסערן מיניסטעריום אָפּגעוואָרפן אַלס אומבאַגרינדעטע, אָבער אין זיין לעצטער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 12־טן דעצעמבער פ. י., נאָך די באַשלוסן פון דער יו־ען, האָט בעווין מודה געווען, אַז ער האָט יאָ געגעבן אַזאַ התחיבות. ער האָט זיין נדר געבראָכן, ווארשיינלעך, צוליב דעם, וואָס די קאָמיסיע האָט אָנגענומען באַשלוסן, וועלכע ער האָט ניט דערוואַרט און וועלכע האָבן ניט געשטימט מיט די הבטחות, וואָס זיינע ראַטגעבער פון מיטעלן מזרח האָבן אים געגעבן...

נאָך זיין דורכפאַל מיט דער ענגליש־אַמעריקאַנישער קאָמיסיע, האָט בעווין געפּרואווט גיין אַן אַנדער וועג: ער האָט איבערגעוויזן דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם צו דער יו־ען, האָפנדיק אַז זיינע סאַטעליטן, צוזאַמען מיט ראַטן־רוסלאַנד, וואָס איז ביז דער וועלט־מלחמה געווען אַ קעגנערין פון ציוניזם, וועלן אים העלפן, צו פאַרפעסטיקן די פּאָליטיק פון „וויס־בוך".

די ארץ־ישראל־רעגירונג, — נאַטירלעך, לויט אָנווייזונגען פון לאָנדאָן, — האָט צוגעשטעלט דער יו־ען־קאָמיסיע, נאָך איר אָנקומען קיין ארץ ישראל, געהיימע מעמאָראַנדומס, אין וועלכע זי האָט זיך באַמיט צו באַגרינדן די נויטווענדיקייט, פאַרצוזעצן די וויס־בוך־פּאָליטיק. איז אָבער בעווין ווידער דורכגעפאַלן. די קאָמיסיע איז געקומען צו אַן אומדערוואַרטעטן פאַר בעווינען אויספיר — די ליקווידאַציע פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע און די לעזונג פון דער א״י־פּראַגע אויפן גרונט פון אַ פשרה: געבן סואווערענע זעלבסטשטענדיקייט הן די אידן און הן די אַראַבער — יעדן איינעם אין אַ טייל פון ארץ ישראל.

און דאָך האָט זיך בעווין נאָך אַלץ ניט אונטערגעגעבן. — אמת טאַקע, דער ענגלישער פאָרשטייער אין דער יו־ען, קאַדאגען, האָט דערקלערט אויפן יו־ען־פּלענום, איידער עס זיינען אָנגענומען געוואָרן די א״י־באַשלוסן: „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט ברענגט ניט אַרויף אויפן געדאַנק, צו שטערן דער פאַרווירקלעכונג פון וואָס פאַר אַ פּראָגראַם עס זאָל ניט זיין, אויב עס וועט נאָר באַשטעטיקט ווערן דורך דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער". — און נאָכדעם ווי דעם 29־טן נאָוועמבער איז גע־פּאַסט געוואָרן דער היסטאָרישער באַשלוס, האָט דער קאָלאָניע־מיניסטער דערקלערט אין דעם ענגלישן פאַרלאַמענט: „עס איז געזאָגט געוואָרן דעם פּלענום פון דער יו־ען, אַז ענגלאַנד וועט ניט מאַכן קיין שום אָבסטרוקציע קעגן די באַשלוסן, וואָס וועלן אָנגענומען ווערן; די רעגירונג פון זיין מאַיעס־טעט באַטראַכט די באַשלוסן פון דער יו־ען, אַלס באַשלוסן פון דעם בית־דין פון דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. דאָס איז ניט אַ הסכמה מיט אַ ווידערווילן. מיר האָבן ווירקלעך ניט בדעה צו שאַפן וועלכע

עס איז שווערקייטן פאַר דער יו־ען אָדער אַרויסצורופן אומאָרדענונג און טעראָר־אַקטן אין ארץ ישראל״. אָבער די דאָזיקע אַלע פּייערלעכע דעקלע־ראַציעס, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער זיינען פאַרשטערט און צונישט געמאַכט געוואָרן דורך בעווינען, גלייך אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון אַלע פריערדיקע פאַרפּליכטונגען פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי. די לאָנדאָנער רעגירונג האָט געוואוסט, אַז אַראַ־בישע פירער אין ארץ ישראל און אין די שכנות׳דיקע לענדער האָבן גע־סטראַשעט מיט בלוט־פאַרגיסונג און טעראָר־אַקטן אין פּראָטעסט קעגן די באַשלוסן פון דער יו־ען. דער קאָלאָניע־מיניסטער האָט אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן בשעת דער ארץ־ישראל־דעבאַטע אין בריטישן פּאַרלאַמענט, דעם 11־טן דעצעמבער, געזאָגט, אַז „צווישן די אַראַבער, אין ארץ ישראל און אין די אַנדערע אַראַבישע לענדער, זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס פאָדערן אַנצונעמען טעראָר־מיטלען״. אָבער ווען די טעראָר־אַקטן זענען ווירקלעך אויסגעבראָכן און נאָכדעם ווי זיי דויערן ביז היינט צו טאָג — האָט די רע־גירונג דערקלערט נייטראַליטעט און זי האַלט זיך ביי איר, הגם זי האַלט גלייכצייטיק אין איין טענה׳ן, אַז כל זמן דער מאַנדאַט איז ביי איר אין האַנט — איז זי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר געזעץ און אָרדענונג אין דעם גאַנצן לאַנד. און נאָכמער: די נייטראַליטעט גופא איז אַן איינזייטיקע, — זי גילט נאָר, ווען אַראַבער גרייפן אָן אידן, אָבער ניט, ווען די אידן רעאַגירן און ענטפערן אָפּ די אָנפאַלער. און די דאָזיקע „נייטראַליטעט״ איז באַגלייט געוואָרן, און ווערט נאָך אַלץ באַגלייט, דורך אַ פּאָליטישער אָפענסיווע קעגן דער אידישער מדינה, קעגן דעם אידישן ישוב, קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און קעגן די יו־ען־באַשלוסן — סיי אינערהאַלב ענגלאַנד, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און סיי אין די מזרח־לענדער. די ענגלישע רעגירונג שיקט אָפענערהייט — זי אַליין האָט עס געלאָזט וויסן — געווער קיין איראַק און עבר־הירדן, הגם זיי ווייסט גוט, אַז דאָס געווער ווערט איבערגעפירט קיין ארץ ישראל. באַ־וואָפנטע באַנדעס מאַכן אַן אינוואַזיע אויף אונז דורך דער צפון־גרעניץ און דורך עבר־הירדן פון מזרח, — און אַלס שומר אויף די גרעניצן האָט די רעגירונג באַשטימט דעם אַראַבישן לעגיאָן.

זוי געזאָגט, האָט די רעגירונג דערקלערט אויפן פּלענום פון דער יו־ען און אין דעם בריטישן פּאַרלאַמענט, אַז כל זמן זי אַדמיניסטרירט דאָס לאַנד און דער מאַנדאַט איז ביי איר אין האַנט, איז זי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער זיכערקייט אין לאַנד און פאַר דער אָפּהיטונג פון געזעץ און אָרדענונג. איז שוין אַריבער העכער צוויי חדשים, ווי מיר — און די גאַנצע וועלט מיט אונז — זען, ווי עס ווערט געבראָכן דאָס געזעץ און עס הערשט אַנאַרכיע אין לאַנד.

פאַרן אָננעמען און נאָכן אָננעמען די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער, האָט די רעגירונג דערקלערט, אַז זי וועט ניט קאָאָפּערירן אין דער פאַרווירקלעכונג פון די יו־ען־באַשלוסן, אָבער זי וועט אויך גאָרניט טאָן אַנטקעגן זיי, צו שטערן אָדער אָפּהאַלטן זיי. — אין איינעם פון די יו־ען־

באַשלוסן ווערט געזאָגט, אַז אַמשפּעטסטנס, דעם 1־טן פעברואַר, זאָל באַ־פרייט ווערן אַ אידישער פּאַרט און אַ הינטערלאַנד, וואָס זאָל גענוגן אויף צו דערמעגלעכן אַ באַדייטנדיקע עליה, אויסער דער פּענטענדיקער קוואָטע פונם ווייס־בוך. דער 1־טער פעברואַר איז שוין הינטער אונז, די יו־ען־קאָמיסיע האָט געפאָדערט פון ענגלאַנד, צו באַפרייען אַ אידישן פּאָרט — און עס הויבט זיך אַפילו ניט אָן. די רעגירונג האָט געבראָכן דעם באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער און פאַרשוועכט די אייגענע הבטחה. און עס איז שוין מער גאָר קיין סוד ניט, אַז די רעגירונג באַמיט זיך מיט אַלע וועגן און אומוועגן, צונישט צומאַכן די יו־ען־באַשלוסן וועגן דער אויפשטעלונג פון אַ אידישער מדינה. זי מאַכט עס אויפן פאָלגנדן אופן: פון איין זייט — באַשווערט זי די טעטיקייט פון דער יו־ען־עקזעקוטיוו־קאָמיסיע, זי פאַר־ווערט איר צו קומען קיין ארץ ישראל, זי פאַרווערט די רעגירונגס־באַאַמטע צו העלפן דער קאָמיסיע אין איר אַרבעט, זי וואַרפט אָן אַ פּחד אויף פאַרשיידענע פעלקער, און איבערהויפּט אויף אַמעריקע, כדי זיי זאָלן זיך צוריקציען פון זייער אונטערשטיצן די גרינדונג פון אַ אידישער מדינה; און פון דער אַנדערער זייט — שטיצט זי די בלוטיקע אָנפאַלן פון די אַראַבער — אויב ניט דירעקט איז אומדירעקט, דורך ליפערן געווער פאַר די שכנות׳דיקע לענ־דער, דורך דערמעגלעכן די אינוואַזיע פון באַוואָפנטע באַנדעס פון די אַראַ־בישע לענדער, דורך שטערן אויפצושטעלן אַ אידישע מיליץ, דורך ניט צולאָזן די צושטעלונג פון געווער פאַר דער הגנה און דורך כלומרשטער נייטראַליטעט לגבי די אָנפאַלן פון די אַראַבער אויף אידישע ישובים.

דאָס איז עס דער טאָפּלטער קאַמף, פאַר וועלכן מיר שטייען — אַ בלוט־געראַנגל און אַ פּאָליטישער שטרייט, און דער ציל פון דיביידע איז ניט צוצולאָזן די גרינדונג פון דער אידישער מדינה און אַנצוואוואַרפן אַן ענגליש־אַראַבישן רעזשים אויף די אידן פון ארץ ישראל.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז מיר האָבן ניט געוואָלט ניט דעם בלוט־סיכסוך מיט די אַראַבער און ניט די נייע פּאָליטישע מחלוקת מיט ענגלאַנד.

ווען קריטש דזשאָנס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אויפן פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער און האָט פּראָקלאַמירט די פּאָליטיק פון זיין רעגירונג, אַז זי וועט זיך ניט באַטייליקן אין דער פאַרווירקלעכונג פון די באַשלוסן, וואָס וועלן אָנגענומען ווערן דורך דער יו־ען, אָבער וועט אויך ניט שטערן און וועט זיך אונטערוואַרפן דעם עווענטועלן באַשלוס וועגן פאָדערן פון ענגלאַנד צו פאַרלאָזן אונזער לאַנד — האָב איך אויף דער סעסיע פון דער אספת הנבחרים, דעם 2־טן אָקטאָבער, פּראָקלאַמירט אונזער ווילן, צו זעגענען זיך מיט די ענגלענדער בכבוד. איך האָב געזאָגט: „אויב עס איז געקומען די צייט, אַז מיר זאָלן זיך זעגענען מיט ענגלאַנד, וואָלט געווען געוואונטשן, אַז מיר זאָלן זיך זעגענען בכבוד. מיר ווייסן, אַז עס איז דאָ ניט נאָר אַן ענגלאַנד פון בעווין, עס איז אויך געווען אַן ענגלאַנד פון באַלפור, עס איז געווען אַן ענגלאַנד פון וועדזשוואוד, עס איז געווען אַן ענגלאַנד פון ווינגייט; מיר דערוואַרטן ניט קיין שום הילף מצד דער

ענגלאַנד פון בעווין, מיר ווילן בלויז, אַז זי זאָל האַלטן וואָרט און ניט שטערן אונז, אַט אַזוי ווי זי האָט זיך מתחייב געווען פאַר די פאַראייניקטע פעלקער". אָבער אַפילו דער דאָזיקער דער אַזיקער באַשיידענער ווּנטש אונזערער איז ניט דערפילט געוואָרן, און בעווינס רעגירונג טוט אַלץ וואָס זי קען נאָר, כדי דורכצואוואָרפן דעם באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער און כדי, מיט דער הילף פון די באַנדעס פון די אַרומיקע לענדער, צו שטעלן דעם ישוב אויף די קני.

דאַרפן מיר פירן אַט דעם דאָזיקן טאָפּלטן קאַמף. מיר וועלן אים פירן אומדערשיטערט, — עס איז אַ לעבנס־גערעַנגל פאַרן אידישן פאָלק. און אויב מיר וועלן אים פירן מיט אונזער פולן כוח — וועלן מיר אַלעמען בייקומען.

מיר וועלן זיי בייקומען ניט מיט אַפּהענטיקייט און ניט מיט פוסטע רייד. אויף דער פּאָליטישער אָפּענסיווע פון דעם אויסערן־מיניסטעריום, וועלן מיר ענטפערן מיט אַ פּאָליטישער אָפּענסיווע אויפן העכסטן וועלט־פאָרום, אויפן פאָרום פון די פאַראייניקטע פעלקער. אָבער אויף דער בלוט־אָפּענ־סיווע פון די באַנדעס און פון די אַנדערע אַראַבישע באַוואָפנטע כוחות, וועלן מיר ענטפערן מיט שטורם־קלעפּ, וואָס וועלן זיך אַראָפּלאָזן אויף די קעפּ פון די אָנפאַלער, וואו נאָר מיר וועלן זיי טרעפן, און ניט דוקא אין דעם שטח פון דער אידישער מדינה, ווי אויך ניט דוקא אין דעם תחום פון ארץ ישראל. און אין דער דאָזיקער מלחמה וועלן מיר ניט זיין איינזאַם.

דאָס רעכט פון דעם אידישן פאָלק אויף סאוועריניטעט אין זיין פאָטער־לאַנד איז אָנערקענט געוואָרן דורכן פעלקער־טריבונאַל — די איבערוועגנדע מערהייט פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט געשטימט פאַר דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה אין 6־5 מאָנאַטן אַרום. אין דעם באַשלוס פון דער יו־ען איז אונז געגעבן געוואָרן בלויז אַ טייל פון דעם, וואָס עס איז אונז צוגעזאָגט געוואָרן און וואָס עס קומט אונז.

מיר האָבן פון סאַמע אָנהייב אָן מורא געהאַט, אַז די מאָראַלישע, יורידישע און פּאָליטישע אָנטשיידונג פון דער יו־ען וועט ניט גענוגן און אַז די פּאַקטישע אָנטשיידונג וועט זיין אין לאַנד — די אָנטשיידונג מיט כוח. ניט מיט כוח אַליין, אָבער ניט אָן כוח. דער אידישער כוח וועט דעצידירן, אויף וויפל צוויי דעצידירנדיקע מאָמענטן באַגלייטן אים: 1) עס איז קיין ברירה ניטאָ; 2) די אָנערקענונג פון אונזערע רעכט דורך דעם וועלט־פאָרום.

נאָך הונדערטער, הונדערטער יאָרן זיינען מיר געשטעלט געוואָרן פאַר אַ קאַמף, וואָס אַזעלכן האָבן מיר פיליכט געהאַט בלויז צוויי־דריי אין משך פון אונזער לאַנגער געשיכטע. מיר שטייען פאַרן העכסטן עקזאַמען, וואָס וועט באַשטימען אונזער גורל פאַר פיל, פיל דורות. און לאָמיר זיך דער־ווייטערן פון צוויי פּאָפּולערע, שעדלעכע קאָנצעפּציעס: די קאָנצעפּציע פון וואולגאַרן רעאַליזם, וואָס גלויבט, אַז דער איינציקער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דער געשיכטע, אין צווישנפעלקערלעכע באַציאונגען, איז דער פיזישער

כוח; און די קאָנצעפּציע פון נאַאיוון אידעאַליזם, וואָס האַלט, אַז „לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוח".

אונזער דור — אפשר מער פון אַ וועלכן עס איז אַנדער דור — האָט געזען די פאַרקערפּערונג פון דער פילאָזאָפיע פון כוח און גוואַלדטאַט, וואָס איז אין נאַצי־דייטשלאַנד אויפגעהויבן געוואָרן צו אַ מדרגה פון רעליגיע און מאַכט, און ס׳האָט געשיינט גלייך ווי די תורה פון כוח האָט געזיגט. עס האָט געשיינט, גלייך ווי דער נאַצישער כוח וועט איינבעמען די וועלט, ווינציקסטנס — גאַנץ אייראָפּע. דער דאָזיקער כוח איז צושמעטערט געוואָרן ווייל ער איז געשטאַנען אין סתירה מיט דער מאָראַלישער וועלט־אויפפאַסונג פונם רוב פון דער מענטשהייט. — אָבער מיר האָבן אויך געזען, אַז די ריטער פון גערעכטיקייט פון אַלע דורות, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו מאָבי־ליזירן כוח, צו באַשיצן זייערע גערעכטיקייט־געדאַנקען אַנטקעגן גוואַלדטאַט, זיינען אַלע זייערע אידייען פאַרבליבן אַבסטראַקטע און פרוכטלאָזע. אין דעם בעפאַרשטייענדיקן גערונגל וועלן מיר זיגן, אויב מיר וועלן באַווייזן צו מאָביליזירן דעם מאַקסימום פון באַוואָפנטער קראַפט, אויב מיר וועלן גלייכצייטיק באַוויזן, צו דערוועקן דעם וועלט־געוויסן, וואָס האָט אַנערקענט אונזער גערעכטיקייט, און מיר וועלן אויך אָפּהיטן די גערעכטיקייט פון אונזער ווערק.

אין דעם פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט זיך געטראָפן אַ מערקווירדיקער נס; ניט נאָר דער נס, וואָס עס איז אַנערקענט געוואָרן דאָס רעכט פונם אידישן פאָלק אויף זעלבסטשטענדיקייט אין זיין פאָטערלאַנד, נאָר אַ נס אין אַ נס: דאָס ערשטע מאָל נאָכן וועלט־קריג האָבן זיך אין דער פראַגע פון פאָלק ישראל און ארץ ישראל פאַראייניקט ריוואַליזירנדיקע מדינות, וואָס האָבן ניט געפונען קיין געמיינזאַמע שפּראַך אין קיין שום אינטערנאַ־ציאָנאַלער פראַגע. און גלייך אַזוי ווי ווייטע האָבן זיך דערנענטערט, האָבן זיך נאָענטע דערווייטערט. אַמעריקע און רוסלאַנד האָבן צוזאַמען באַשלאָסן, צו גרינדן אַ אידישע מדינה; ענגלאַנד און אירע דאָמיניאָנס זיינען זיך אין דער דאָזיקער פראַגע פאַנאַנדערגעגאַנגען. די אַראַבישע קעגנער פון דער אידישער זעלבסטשטענדיקייט האָבן זיך געשטיצט כמעט אויסשליסלעך אויף מוזולמענישע מדינות, — אַפילו בעווינס רעגירונג איז אָפּענערהייט ניט אַרויס פון גדר פון נייטראַליטעט און האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען, — דאַקעגן האָבן פאַר דעם פאָרשלאַג צו גרינדן אַ אידישע מדינה געשטימט אַלע בריטישע דאָמיניאָנס, אַלע סלאַווישע לענדער, אַלע אַמעריקאַנישע רע־פּובליקן, גאַנץ סקאַנדינאַוויע און מערב־אייראָפּע — מיט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און מיט דעם רוסישן ראַטנפאַרבאַנד אין שפּיץ פון זיי אַלעמען. פּלאַכזיניקע לייט האָבן זיך גע׳חקרנ׳ט און האָבן אויסגעפונען די מאָטיוון און די באַזונדערע אינטערעסן, וואָס האָבן באַוואויגן די אָדער יענע רעגירונג, אונטערצושטיצן די אידישע מדינה: סטראַטעגישע אויסרע־כענונגען, וואַל־חשבונות און ד. גל. — טוט די דאָזיקע לייכטוואָגיקע אויפקלערונג אויסשעפּן דעם היסטאָרישן אמת פון דער אָפּשטימונג מצד 35

מדינות, וואָס אונטערשיידן זיך אַזוי איינע פון דער אַנדערער מיט זייער אומפאַנג, פעסטקייט, רעזשים, געאָגראַפישע לאַגע, קאָנטאַקט מיט דער אידי־שער וועלט און מיט דער אַראַבישער ? וואָס פאַר אַ געמיינזאַמער אינטערעס האָט דאָ צונויפגעבראַכט צוזאַמען — גוואַטעמאַלע מיט נאָרוועגיע, טשעכאָ־סלאָוואַקיי מיט האָלאַנד, קאַנאַדע מיט דרום־אַפריקע, די פאַראייניקטע שטאַטן מיטן ראַטנפאַרבאַנד ? און דאָס אַלץ — טראָץ דעם אומגעהויערן דרוק, וואָס עס האָבן אויסגעאיבט 7 אַראַבישע מדינות און טראָץ דער אונטער־שטיצונג מצד דער גאַנצער מוזולמענישער וועלט — הינטער וועלכע עס באַ־האַלט זיך אויס ענגלאַנד ?

צוויי מאָמענטן זיינען געקומען צום אויסדרוק אין די אַנטשיידונגען פון דער יו־ען ; צוויי מאָמענטן, וואָס זיינען וועזנטלעך קעגנזעצלעך און דאָך ציען זיי זייער יניקה פון איין מקור : 1) די אַנערקענונג, וואָס די פעלקער האָבן געגעבן צו דער גערעכטיקייט פון אונזער שטרעבונג צו זעלבסטשטענ־דיקייט און שטאַטלעכער גלייכהייט ; אָן אַנערקענונג — באַגלייט דורך גע־וויסנסביסן לגבי די עוולות, וואָס זיינען קעגן אונז באַגאַנגען געוואָרן דורות־לאַנג, און באַזונדער אין אונזער איצטיקן דור ; אָן אַנערקענונג — פאַר־שטאַרקט דורכן געגנועם וויסן דעם פאַקט, דאָס אידישע זעלבסטשטענדיקייט עקזיסטירט שוין פון לאַנג אין לאַנד, — אויב ניט פאַקטיש, איז אין פאָטענץ ; 2) דער אוניווערסאַלער ווילן, ניט צו דערלאָזן אַז סיכסוכים צווישן פעלקער זאָלן אַנטשידן ווערן דורך כוח און דורך „ווער — וועמען", נאָר דורך דע־מאָקראַטישע באַשלוסן פון דעם פעלקער־בונד, ווייל נאָר דעמאָקראַטישע אינטערנאַציאָנאַלע באַשלוסן וועלן פאַרזיכערן דעם שלום אין דער וועלט און וועלן פאַרמיידן דעם ביטערסטן און שרעקלעכסטן אומגליק, וואָס לויערט אויף דער מענטשהייט — אַ דריטע וועלט־מלחמה.

פיליכט איז עס ניט קיין צופאַל, וואָס דוקא אין דער לעזונג פון דעם אידן־פּראָבלעם און דעם ארץ־ישראל־פּראָבלעם — דאָס טאָפּלטע פּראָבלעם, וואָס אַזויפיל פעלקער און מדינות זיינען פאַראינטערעסירט אין אים — איז צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט געוואָרן די אוניווערסאַלע אייניקונג פון די פעלקער, — די אייניקונג, וואָס האָט באַזיגט די מיינונגס־פאַרשידנהייטן און אינטערעסן־קעגנזאַצן אין אַזויפיל אַנדערע ענינים.

דער גערעַנגל אַרום דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה איז ניט מער קיין געראַנגל אַרום אַ טיילווייזן, לאָקאַלן ענין, די לעזונג פון אַ פּראָבלעם פון איינעם פון די לענדער אָדער איינעם פון די פעלקער, — עס איז אַ געראַנגל אַרום אַ גרונט־פּרינציפּ אין דער וועלט־אָרדענונג, — אַ פּרינציפּ, וואָס פון אים זיינען אָפּהענגיק די זיכערהייט און דער שלום אויף דער וועלט, וואָס צוליב אים איז געגרינדעט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, און וואָס זיין — דעם דאָזיקן פּרינציפּס — הצלחה אָדער מפּלה איז די הצלחה אָדער מפּלה פון דער יו־ען אַלס אַזעלכע. דער אינטערנאַציאָ־נאַלער כוח, וואָס שטייט הינטער דער פאַרווירקלעכונג פון די יו־ען־באַשלוסן וועגן דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה, איז פיל גרעסער און באַדייטנ־

דיקער פון דעם שטערנדן און דעסטרוקטיוון כוח, — און ער איז ניט קליין, — פון בעווינס רעגירונג.

דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרינציפּ — דער פּרינציפּ פון דער יו״ען — איז דער גרונטשטיין אין דער גרינדונג און עקזיסטענץ פון דער אידישער מדינה. יעדער פאַרזוך צו אידענטיפיצירן די אידישע מדינה אָדער דעם קאַמף פאַר איר אויפריכטונג מיט דעם אָדער יענעם בלאָק אינערהאַלב דער יו״ען — באַדראָט די מדינה און גראָבט אונטער דעם מאָראַליש־פּאָליטישן יסוד, אויף וועלכן עס וועט זיך האַלטן די עקזיסטענץ פון דער אידישער מדינה: דער גלויבן אין דער אייניקייט פון דער מענטשהייט, אין שלום צווישן פעלקער און אין אינטערנאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַציע. די אינטערנאַציאָנאַלע אייניקייט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער יו״ען אַרום דעם אויסטראָגן און געבורט פון דער אידישער מדינה, מוז געלייגט ווערן אין יסוד פון דעם פּאָליטישן קאַמף אַרום דער סאַמע גרינדונג פון דער מדינה, און אויף דער דאָזיקער אייניקייט וועט זיך באַזירן די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער אידישער מדינה — נאָך איר אַנטשטיין.

אינערהאַלב דעם אידישן פאָלק און אינערהאַלב דער אידישער מדינה מוזן נאַטירלעכערווייז זיין פאַרשיידענע אויפפאַסונגען — אויך קעגנגע־זעצטע — וועגן דער געוואונטשטער אָרדענונג אין דער וועלט, מוזן פאַר־שיידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעזשימען געפינען זייערע סימפּאַטיקער און קעגנער, חסידים און קריטיקער — אָט אַזוי ווי ביי אַנדערע פעלקער. אָבער די אידישע מדינה, אַלס אַ פּאָליטישע איינהייט, וועט ניט זיין טריי צו איר עצם עקזיסטענץ און איר מהות, אויב זי וועט ניט באַווייזן אָפּצוהיטן די גרויסע היסטאָרישע ירושה פון אונזערע נביאים, די ירושה, וואָס שטעלט מיט זיך אויך פאַר דעם באַגער און די וויזיע פון די בעסטע פאָרשטייער פון דער מענטשהייט אין אונזער צייט: דער גלויבן אין דער אייניקייט פון דער מענטשהייט, אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן שלום און אין דעם הומאַניטאַרן פּרינציפּ, אַז ניט כוח, נאָר דעמאָקראַטישע אַנטשיידונגען וועלן באַשטימען די באַציאונגען צווישן די פעלקער, גלייך אַזוי ווי זיי דאַרפן באַשטימען די אינערלעכע באַציאונגען אינערהאַלב יעדן באַזונדערן פאָלק.

אויף דער שפּראַך פון פּאָליטישן זשאַרגאָן הייסט עס: די אָריענטאַציע פון דער אידישער מדינה — ניט אויף איינעם פון די בלאָקן, נאָר אָריענטאַציע אויף די פאַראייניקטע פעלקער; דאָס שטיצן זיך — ניט אויף אַ נייער וועלט־מלחמה, נאָר אויף שלום אין דער וועלט און אינטערנאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַציע, טראָץ די פאַרשיידענע עקזיסטירנדיקע אָרדנונגען.

און אין דער זעלבער מאָס, וואָס די אידישע מדינה דאַרף האָבן די יו״ען — אין דער זעלבער, מעג מען פּיליכט זאָגן, מאָס דאַרף די יו״ען האָבן די אידישע מדינה. אין דער אויפריכטונג פון דער אידישער מדינה וועלן גע־פּרוּווט ווערן דער כוח, דער ווערט און די ממשות פון דער יו״ען און פון געדאַנק פון שלום און אינטערנאַציאָנאַלער זיכערקייט, וואָס ליגט אין יסוד פון דער יו״ען.

די דאָזיקע קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון אונזער מדינה און דער יו־ען פאַרפעסטיקט אונזער פּאָליטישן קאַמף, און מיט איר הילף וועלן מיר זיך קעגנשטעלן דער אָפּענסיווע פון בעווינס רעגירונג. אָבער ניט בלויז מיט דעם. די, וואָס גרייטן דעם אַטענטאַט אויף דער אידישער מדינה, שטעלן אונז פאַר אַ כוח־פּראָבע. מיר וועלן זיך ניט אָפּשרעקן, — מיר וועלן מאָביליזירן דעם כוח פון ישוב און דעם כוח פונם אידישן פאָלק — סיי די יו־ען וועט אונז העלפן מיט אַנ׳אינטערנאַציאָנאַלן כוח, און סיי — ניט.

מיט דער הילף פון די צוויי — די אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג פון אונזערע רעכט און אונזער באַוואָפנטער כוח — וועלן מיר גיין צום נצחון.

כ״ז בשבט תש״ח — 2. 7. 1948

# אונזערע קאַמפּס־וועגן

(פון דער דעבאַטע אויף דער ראַט־סעסיע פון מפא״י, תל־אביב)

— — — מען האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעלייגט אין דעם וויכוח און מען האָט גערעדט וועגן עליה, העפלה, קאָלאָניזאַציע, שכון, אַרבעטס־לוין, פאַראייניקונג, שפּאַלטונג, יוגנט־באַוועגונג און נאָך און נאָך. און אַשטייגער פאַר מיר, אַ מענטש וואָס איז פאַרטאָן אין איין זאַך, איז געוועזן זייער אינטערעסאַנט צו הערן די מיינונגען איבער די אַלע פראַגן. איך בין אָבער מודה, אַז איך בין איצט ניט מסוגל אויפצונעמען קיין שום זאַך — סיידן דורך די ברילן פון זיכערקייט. איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז קיינער פון אונז זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש אויסער זיכערקייטס־ענינים. אדרבא, מיר דאַרפן פאַרזעצן אונזער לעבנס־שטייגער, ווי ווייט מעגלעך — נאָרמאַל, און דאַדורך וועט די זיכערקייט בלויז געווינען. מיר מוזן ווייטער אָנגיין מיט דער עליה, העפלה, קאָלאָניזאַציע, שכון, עולים־אויפנעם און יוגנט־דערציאונג, — אָבער נאָר מיט איין תנאי: אין קאָאָרדי־נאַציע מיט די זיכערקייט־אינטערעסן.

און כדי איר זאָלט מיך ניט פאַלש פאַרשטיין, וועל איך צוגעבן, אַז ווי פריער, אַזוי איצט גלויב איך אין דריי גרונט־עלעמענטן, וואָס צוליב זיי איז ווערט צו לעבן און אויך גע׳הרג׳עט צו ווערן, און די דאָזיקע דריי עלעמענטן האָבן ניט פאַרלאָרן זייער ווערט און צוציאונגס־קראַפט אַפילו איצט, אין דער צייט פון קריגס־צושטאַנד; זיי זיינען: אַ אידישע מדינה, אַ אידיש־אַראַבישער בונד, סאָציאַליסטישע אָרדענונג. אָבער אין דעם לויפנדן מאָ־מענט אינטערעסיר איך זיך ניט — ניט מיט דער אידישער מדינה, ניט מיטן אידיש־אַראַבישן בונד און ניט מיטן סאָציאַליזם, — איך אינטערעסיר

זיך איינציק און אַליין מיט זיכערקייט. ווייל פון דעם הענגט אַלץ אָפּ. וועט זיין זיכערקייט — וועט אַלץ זיין; וועט ניט זיין קיין זיכערקייט — וועט גאָרניט ניט זיין. עס איז איינגעשרומפּט געוואָרן ניט נאָר דער אינטערעסן־קרייז, אַזוי אַז מען מוז אַלץ אויפנעמען אויס אַ שמאָלן ווינקל, — נאָר עס איז אויך איינגעשרומפּט געוואָרן דער צייט־קרייז. מיר אידן זיינען גע־וואוינט צו אומגעהויער־גרויסע צייט־דימענסיעס: הינטער אונז ליגן טויזנ־טער יאָרן, און פאַר אונז — די אומענדלעכקייט. טויזנט יאָר זיינען ביי אונז — איין טאָג. געשעענישן פון פאַר טויזנטער יאָרן לעבן אין אונזער זכרון גלייך, ווי זיי וואָלטן געשען אָקאָרשט נעכטן. איז בין איך מודה, אַז אין דעם איצטיקן אויסנאַם־מאָמענט האָט זיך פאַר מיר די געשיכטע איינ־געשרומפּט און איינגעוויקלט אין די 4־6 נעכסטע מאָנאַטן. איך בין ניט מסוגל צו טראַכטן וועגן אַ שפּעטערער תקופה און עס אינטערעסירט מיך ניט דאָס, וואָס עס איז געשען פאַראַיאָרן. מעגלעך, אַז מיינע אויגן זיינען קאַליע געוואָרן און איך בין געוואָרן קורצזיכטיק. אפשר בין איך מיר טועה. פילייכט זיינען מיינע שווערע חששות אומבאַגרינדעט. עס קען זיין, אַז כל זמן די ענגלענדער זיינען דאָ דאָ, וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג; אַז נאָך דער ענגלישער עוואַקואַציע וועט אַהערצו קומען די יו־ען־קאָמיסיע, וואָס וועט מיט זיך ברענגען אַן אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן כוח — און אַלץ וועט טאַקע זיין אין דער בעסטער אָרדענונג. אָבער דאָך גלויבט זיך מיר עפּעס ניט אין דעם, און איך האַלט עס פאַר אַן אומגליק און פאַרברעכן, צו פאַרלאָזן זיך אויף דעם. מיר דאַרפן זען אַלץ דאָס, וואָס עס איז אָפּהענגיק בלויז פון אונז אַליין, ווייל אַנטשיידן וועלן נאָר אונזער כוח און אונזערע מעשים. איך זאָג ניט, אַז מען דאַרף ניט שטיין אויף דער פּאָליטישער וואַך — אין לייק סוקסעס, אין פּראַג, אין וואַשינגטאָן, אין אַנדערע ערטער. אָבער פאַרלאָזן זיך קענען מיר נאָר אויף דאָס, וואָס מיר אַליין וועלן דאָ טאָן די נעכסטע 4־6 מאָנאַטן. אַלץ איז אָפּהענגיק פון אונזער קריגס־אָנשטרענגונג. די דאָזיקע אָנשטרענגונג איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרן, ווייל דער ישוב האָט נאָך ניט דערפילט די גאַנצע געפאַר. מיט בלויז לאָגישע באַווייזן קען מען, ווייזט אויס, ניט ברענגען אַ גאַנצע געזעלשאַפט צו אָנשטרענגונגען. אַפילו אַ סך פון די, וואָס זיי אַליין פאָדערן כלומרשט אָנשטרענגונגען, האָבן נאָך ניט אויפ־געפאַסט דעם אומפאַנג פון דער סכנה. די אָנשטרענגונג זאָל זיך אויסדריקן אין דריי זאַכן: אַרמיי, כוח, גייסט, — בחיל ובכוח וברוח. — בחיל — פּראָסט פשוט: די פולע מאָביליזירונג פון אַלע די, וואָס זיינען פעאיק צו טראָגן געווער. בכוח — הייסט אַמוניציע, שווערע און לייכטע, אויף דער יבשה, אין דער לופט און אויפן ים. אָבער די ביידע אָן גייסט פון גבורה וועלן גאָרניט אויפטאָן. די הויפּט־דאגה אין איצטיקן מאָמענט איז פאַר דער אַרמיי־אויס־שטאַטונג: אויטאָ־מאַשינען, אַעראָפּלאַנען, שיפלעך און שיפן און פייער־געווער, ווי ביקסן, מאַשינען־געווער, האַרמאַטן. איך וואָלט אייך געקענט וועגן דעם דערציילן איניקע זאָרג־פולע זאַכן גלייך אַזוי, ווי איך וואָלט גע־קענט דערציילן איניקע פריילעכע און דערמוטיקנדיקע זאַכן, אפשר אַפילו

— איבערראַשנדיקע. איך וועל ניט טאָן — ניט דאָס און ניט דאָס. אויף דעם דאָזיקן געביט דאַרף מען טאָן און טאָן, — טאָן וואָס עס לאָזט זיך און מער פון דעם, — און — שווייגן. עס איז גלייכער, אַז מען שווייגט. וואָס ווינציקער מיר וועלן רעדן — אַלץ בעסער. איך וועל אָבער באַרירן אייניקע פּראָבלעמען פון אונזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג: פּראָבלעמען אָרגאַניזאַציאָנעלע, פּאָלי־טישע און טעריטאָריעלע.

עס עקזיסטירט ביי אונז ניט קיין רעזשים פון זיכערקייט. מיר האַלטן נאָך אויף די פריערדיקע אָרדענונג — צוליב אינערציע און צוליב „וועסטעד אינטערעסטס", און מיר זעען ניט, אַז די באַדערפעניש פון זיכערקייט און זעלבסטשוץ פאַרפליכטן צו אַן אַנדער רעזשים. עס וועט ניט לייכט זיין, צו שאַפן דעם געוואונטשטן, נויטבאַדערפטיקן רעזשים. דער צושפּליטערטער ישוב, וואָס די פּאַרטיקולערע אינטערעסן פון באַזונדערע טיילן זיינען פאַר אים וויכטיקער פון די כלל־אינטערעסן, וועט ניט אַזוי גרינג מוותר זיין אויף די באַזונדערע אינטערעסן לטובת הכלל. יעדער פאַרזוך, אַנצוואַרפן אויפן ישוב אַן אַנדער רעזשים וועט זיך אַנשטויסן אָן אינערלעכע שוועריקייטן און פּאַרטיי־סיכסוכים — הגם די ענדערונגען מוזן קומען און וועלן קומען נאָכדעם, ווי דער גאַנצער ישוב וועט דערפילן דאָס, וואָס עס פילן די, וועלכע שטייען אויפן פראָנט — אין די פאַרשטעט פון תל־אביב, אין שכונת שמעון הצדיק אין ירושלים, אין וואַדי־רושמיע אין חיפה, אין נגב, אין גליל המערבי, אין גוש עציון. דער פאַקט אָבער, וואָס מיר האָבן ניט קיין זיכערקייט־רעזשים, שעדיקט פאַרלויפיק אונזערע זעלבסטשוץ־אָנ־שטרענגונגען.

היינט צו טאָג עקזיסטירן זעקס אינסטאַנצן, וואָס פאַרנעמען זיך — פאַראַנטוואָרטלעך צי אומפאַראַנטוואָרטלעך — מיט די זיכערקייטס־ענינים: 1) די עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענץ; 2) דער ועד לאומי; 3) די זיכערקייטס־קאָמיסיע, וואָס קומט זיך צונויף יעדע וואָך; 4) די אויסנאַם־קאָמיסיע, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך פאַרשטייער פון דער אַגענץ־עקזע־קוטיווע, פון ועד לאומי און פון אייניקע צווייט־ראַנגיקע אינסטיטוציעס; 5) דאָס פּרעזידיום פון מגבית ההתגיסות וההצלה (מאָביליזאַציע־ און רעטונגס־קאַמפּיין); 6) די הגנה־הויפּט־קאָמאַנדע. — דאָס איז אַביסל צופיל. איך האָב ניט געהערט פון אַזאַ מין אָרדענונג ערגעץ אַנדערשוואו אין דער וועלט. אין דער צייט, וואָס אַ פאָלק פירט מלחמה — אַזאַ מלחמה און אין אַזעלכע באַדינגונגען — עקזיסטירן זעקס פאַרשיידענע אינסטאַנצן, וואָס זיינען באַאויפטראַגט צו פאַרנעמען זיך מיט זיכערקייטס־ענינים. די דאָזיקע היפּער־פאַראַנטוואָרטלעכקייט באַדייט — אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר מוזן האָבן איין איינציקע אינסטאַנץ. איך וועל ניט ברויכן קלינגענדיקע פראַזן און וועל ניט זאָגן, אַז עס איז אונז נויטיק אַ „קריגס־קאַבינעט". אָבער וואָס עס איז אונז יאָ נויטיק איז אַ קאָמיסיע, — אַ באַגרענעצטע אין דער צאָל פון אירע מיטגלידער, — וואָס זאָל קאָנצענטרירן אין אירע הענט די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פירונג פון דעם ישוב. ביי דער

זייט פון דער דאָזיקער עקזעקוטיוו־קאָמיסיע זאָל זיין אַ ראַט פון — לאָמיר זאָגן — 30 פּערזאָן: פאַרטרעטער פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע, פון דער פאַרוואַלטונג פון ועד לאומי און פאַרטרעטער פון טעריטאָריאַלע בלאָקן (דער גליל, דער צענטראַלער ראַיאָן, ירושלים, דער נגב א. אַ. וו.). דער ראַט וועט זיך פאַרזאַמלען איין מאָל אין צוויי וואָכן, וועט אויסהערן דעם באַריכט, וועט באַהאַנדלען די לאַגע און וועט אָננעמען באַשלוסן אין פּרינציפּיעלע פראַגן. זאָל איך דאָס פאַרלייגן באַלד היינט — וועט זיך צעפלאַקערן אַ פּאָלעמיק פון רעכטס און פון לינקס און אינערהאַלב אַלע פּאַרטייען, און דער עפעקט וועט זיין פּונקט אַ פאַרקערטער. איך בין אָבער זיכער, אַז די צענטראַליזירונג וועט קומען, מוז קומען. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס פאַרלויפיק ליידן די ענינים.

מען דאַרף פאַרריכטן די לאַגע אויך אינעווייניק, אין דעם אינערלעכן רעזשים פון דער הגנה. די הגנה איז איינע פון די סאַמע טייערסטע ווערטן, וואָס זיינען ביי אונז געשאַפן געוואָרן. אין אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן איז ניטאָ קיין טייערער ווערקצייג. קיין שום אָרגאַניזאַציע אין דעם ישוב האָט אין זיך ניט איינגעזאַפּט אַזויפיל וואָלונטאַריזם, מסירות נפש און טייערע מענטשן־ווערטן, ווי די הגנה. עס איז ניט קיין צוואַנג־אָרגאַניזאַציע — אַלץ ווערט געטאָן פרייוויליק, אָבער דאָס מינערט ניט דאָס פליכט־באַוואוסטזיין. די חלוצישע און קולטור־ווערטן, אין זייער טיפסטן און פּרוכטבאַרסטן זין, האָבן אין דער הגנה דערגרייכט די העכסטע שטופע. די דאָזיקע ווערטן דאַרף מען ווייטער פלעגן, אָבער זיי אַליין וועלן אין די נייע באַדינגונגען ניט גענוגן. מיר מאָביליזירן איצט צוואַנציק טויזנט יוגנטלעכע; מאָרגן וועלן מיר מאָביליזירן דרייסיק טויזנט; דערנאָך — פערציק טויזנט, און עס איז נאָך ניט אַלץ. וועלן מיר דאַרפן האָבן הונדערט טויזנט — וועלן מיר מאָביליזירן הונדערט טויזנט. ווייל נאָר די פאָדערונגען פון זיכערקייט וועלן דעצידירן. מיר מאָביליזירן איצט ניט דוקא פרייוויליקע, ניט נאָר חלוצים, נאָר סתם יוגנטלעכע. צווישן די ניי־מאָביליזירטע זיינען דאָ ניט ווייניק אַנאַלפאַבעטן. שעמען דאַרפן מיר זיך מיט דעם — עס איז אָבער אַ פאַקט, און מיר טאָרן דעם פאַקט ניט באַהאַלטן. אָבער ניט דוקא די זיינען די ערגסטע; דאָס, וואָס עס שרעקט מיך אָפּ — איז חל ניט נאָר אויף זיי אַליין.

מענטשן, וואָס טראָגן געווער און באַזיצן אַ מאַכט, וואָס אַנדערע האָבן עס ניט, שטעלן מיט זיך פאָר שטענדיק אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר זיך אַליין. די, וועמען מען באַוואָפנט, לייגט מען אויף זיי אַרויף אַן אויפגאַבע — צו הרג'ענען און גע'הרג'עט צו ווערן. דאָס איז די אויפ־גאַבע פון אַ זעלנער און דאָס איז די אויפגאַבע פון אַ הגנה־מיטגליד. מען דאַרף זען די זאַכן מיט אָפענע אויגן — אין זייער גאַנצער ברוטאַלער גרויזאַמקייט. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין מלאכים. יעדער בשר ודם איז פעאיק אין געוויסע באַדינגונגען, אויסצונוצן דעם איבערפלוס פון זיין כוח, אויב ער איז נאָר ניט אין אַ ראַם, וואָס זאָל קענען פאַרמיידן די אויסנוצונג פון דאָזיקן כוח. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין

מיליטאַריסט, הגם איך האָב אַנטייל גענומען אין דער שאַפונג פון די אידישע רעגימענטן בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, הגם איך בין אַליין געווען אַ זעלנער און איך בין שטענדיק געווען אַן אָנהענגער פון אַ באַוואָפנטער אידישער קראַפט אין ארץ ישראל. אָבער איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן אַזוי ניט פיינט געהאַט מלחמה און מיליטאַריזם, ווי איך האָב זיי פיינט איצט — נאָכדעם ווי אויפן לעצטן קאָנגרעס איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן די דאָזיקע פליכט און נאָכדעם ווי איך האָב זיך אויפגעהערט צו באַשעפטיקן מיט אַלץ, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט זיכערקייטס־פראַגן. עס איז ניטאָ קיין גרעסערער און מער אוניווערסאַלער אומגליק, ווי — אַ מלחמה. אַן אומגליק ניט נאָר פאַר די באַזיגטע, נאָר אויך פאַר די זיגער. עס איז ניטאָ קיין גרעסערע פאַרשווענדעריי און קיין גרעסערער חורבן, ווי צוגרייטונגען צו מלחמה. עס ווערט חרוב פאַרמעגן, עס ווערן חרוב ווערטן, עס ווערט חרוב מענטשלעך לעבן.

עס מערקן זיך שוין באַזאָרגנדיקע צייכנס אינם לעבן פון דער הגנה — און מען דאַרף זיי אויסרייסן מיטן וואָרצל. דאָס לעבן פון אַ מענטש און דער כבוד פון אַ מענטש ווערן הפקר, שוין אָפּגערעדט פון פרעמדן אייגנטום. און עס איז גאָרניט קיין טרייסט, וואָס אין איצטיקן מאָמענט געשעט דאָס אַלץ בלויז אין די באַציאונגען מיט ניט־אידן. ווער עס איזדיעקעוועט זיך איבער ניט־אידן וועט זיך איזדיעקעווען איבער אידן אויך. עס איז ניט וויכטיק, ווער זיינען די קרבנות פון דער דאָזיקער באַציאונג, — די סכנה שטעקט אין דעם עצם פאַקט פון איזדיעקעווען זיך מצד אידישע מאָביליזירטע. מיר קענען ניט ווייטער אָנגיין מיט דער מאָביליזירונג פון באַוואָפנטע כוחות, סיידן מיר זאָלן זיי אַריינגעמען אין אַ ראַם פון אייזערנער דיסציפלין, ווי אין אַ רעגולערער אַרמיי. מיר דאַרפן אויפהאַלטן און פאַרשטאַרקן די ווערטן פון חברישקייט און חלוציזם אין די רייען פון דער הגנה, אָבער צו די דאָזיקע ווערטן מוז מען צוגעבן מיליטערישע דיסציפלין. איך בין דערשיטערט פון געוויסע מעשים, וואָס זיינען געטאָן געוואָרן דורך מאָביליזירטע, און ניט דוקא דורך די ערגסטע צווישן זיי. דער רעזשים, וואָס האָט אַמאָל געפּאַסט פאַר דער הגנה, גענוגט מער ניט. מיר ווילן זינדיקן ניט נאָר אַנטקעגן דער געזעלשאַפט, דעם ישוב, נאָר אויך אַנטקעגן די מאָביליזירטע אַליין, אויב צוזאַמען מיטן געווער, וואָס מיר גיבן זיי, וועלן מיר אויף זיי ניט אַרויפלייגן אַ האַרבע מיליטערישע דיסציפלין — ניט נאָר אין באַצוג צום באַנוצן זיך מיט געווער, נאָר אויך לגבי דעם זעלנערס אויפפירונג — ביז צו דער פאָרם פון קליידונג און די שטונדן פון שלאָפן און עסן. דער מאָביליזירטער מוז זיך אָנטאָן לויט אַ באַפעל, אויספירן זיין דינסט לויט אַ באַפעל, אָרדענען זיין צייט און באַציאונגען מיט מאָביליזירטע חברים און מיט דער ציווילער באַפעלקערונג — לויט באַפעלן און דירעקטיוון; אין קעגנפאַל — וועט ער שטרענג באַשטראָפט ווערן. עס איז נויטיק אַ באַזונדערע פאָרמאַציע, אַ מין מיליטערישע פּאָליציי, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף דער אויפפירונג פון די מאָביליזירטע. אָן דיסציפלין, שטראָפן

און געהעריקער אויפפּאַסונג, וועלן מיר ברענגען אַן אומגליק אויף דער באַפעלקערונג. אונזער עולם האָט ניט ליב קיין מיליטערישע פּאָליציי, אָבער באַנוצן זיך מיט געווער איז אויך ניט קיין אידעאַלע זאַך, איז אויב מיר זיינען געצוואונגען אָנצוטאָן געווער און באַנוצן זיך מיט אים — מוזן מיר זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס געווער זאָל דינען בלויז פאַר די צוועקן, פאַר וועלכע עס איז באַשטימט געוואָרן; און דאָס איז ניט גענוג, סיידן עס זאָל זיין אַן אייזערנע מיליטערישע דיסציפּלין און סיידן די באַוואָפנטע כוחות זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן אַ ציווילער מאַכט. עס איז אונז אויפגע־צוואונגען געוואָרן אַ מלחמה, — מוז זיין אַ מלחמה־רעזשים. דער ביז־איצטיקער הגנה־רעזשים וועט ניט אויסהאַלטן די מלחמה־פּראָבע. מיר וועלן ניט מלחמה האַלטן אָן אַן אַרמיי, און מיר וועלן ניט אויסהאַלטן קיין אַרמיי אָן אַ מיליטערישן רעזשים. מען קען זיך פון דער דאָזיקער נויטווענ־דיקייט ניט אַרויסדרייען מיט קיין שום תירוץ, ווי שיין און גרויסאַרטיק ער זאָל ניט קלינגען. מיר וועלן זיך אָפּזאָגן אַפילו פון דער ליבסטער טראַ־דיציע, אויב זי וועט ניט פּאַסן צו די מלחמה־באַדערפעניש. אויב מיר וועלן זיך ניט אַבסאָלוט אונטערוואַרפן די מלחמה־באַדערפענישן, וועלן מיר ניט זיגן.

עס איז נאָך דאָ דאָס פּראָבלעם פון אונזערע באַציאונגען מיט די ענגלענדער און אַראַבער. איך האָב דאַסמאָל ניט אין זינען אונזער באַציאונג צו דער ענגלישער רעגירונג — אין לאָנדאָן צי אין ירושלים, — איך האָב אין זינען דאָס בריטישע מיליטער אין ארץ ישראל. עס איז ניט קיין פראַגע וועגן בעווינען, צי איז ער גוט צי שלעכט, און צי האָבן מיר ליב די ענגלענדער צי ניט. מיר זיינען די אַלע לעצטע יאָרן געשטאַנען אין אַ פּאָליטישן קאַמף מיט דער מאַנדאַט־רעגירונג — און דער קאַמף צווישן אונז און ענגלאַנד דאַרף פאַרבלייבן אַ פּאָליטישער — און איך האָב ניט איינמאָל אויפגעקלערט, פאַרוואָס עס איז געמאָלט, אַז אין אַ פּאָליטישן געראַנגל צווישן אונז און ענגלאַנד דאָ אין לאַנד, זאָלן מיר האָבן די אויבערהאַנט, כאָטש ענגלאַנד איז אין דער גרויסער וועלט אַן אַ פאַרגלייך שטאַרקער פון אונז. אָבער מיר ווילן ניט און טאָרן ניט, אַריינטרעטן אין אַ מיליטערישן שטרייט מיט ענגלאַנד. מיר קענען זיך ניט „פאַרמעסטן" מיטן בריטישן מיליטער. מעגלעך, אַז עמיצער וואָלט יאָ געוואָלט, אַרויסצופירן קעגן אונז דאָס ענגלישע מילי־טער, — מיר אָבער ווילן עס ניט. איך זע ניט קיין שום פּחיתת־הכבוד אין דעם באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען ניט אימשטאַנד קעגנצושטעלן זיך דעם בריטישן מיליטער. מיר זיינען בייגעקומען ענגלאַנד — און מיר וועלן נאָך בייקומען — אויפן פּאָליטישן געביט. וועלן מיר זיך ביז צום סוף באַגרעניצן מיטן דאָזיקן געביט. אַפילו אונזערע „מיליטערישע" אַרויסטרע־טונגען זיינען פאַקטיש געווען ניט מער ווי פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס. מיר וועלן זיך אָפּהיטן פון צו פאַרפּלאָנטערן זיך מיטן מיליטער. די דאָזיקע פאַר־זיכטיקייט וועט ניט פאַרלייכטערן אונזערע צוגרייטונגען צום קריג, וואָס

די אַראַבער האָבן אונז דערקלערט, און דאָך וועלן מיר ניט גיין אויפן וועג פון זעלבסטמאָרד.

איך האָב זיך נעכטן — דאָ אויפן פּאַרטיי־ראַט — באַמיט, קורץ צו דעפינירן די שטעלונג פון דער ענגלישער רעגירונג, — די דאָזיקע דעפיניציע איז אָבער ניט חל אויף יעדן איינצלנעם זעלנער און אויף יעדן בריטישן באַאַמטן. עס זיינען דאָ קאָמאַנדירן, וואָס זיינען אונז ניט קיין פיינט; עס זיינען זאָגאָר דאָ אַזעלכע, וואָס העלפן אונז. און יעדע געגעבענע הילף איז וויכטיק. דאָס מיליטער וועט דעם 15־טן מאַי ניט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. בלויז דאָס באַאַמטנטום וועט זיך, וואַרשיינלעך, אין דעם טאָג אָפּטראָגן פון דאַנען. דאָס מיליטער וועט נאָך דאָ פאַרבלייבן ביז צום ערשטן אויגוסט. מיר מוזן זיך רעכענען מיטן דאָזיקן פאַקט. — אָט איז געווען אַ פאַל, אַז אַ בריטישע מיליטערישע קאָלומנע האָט אונז דערלאַנגט הילף אין נגב — און עס איז געווען אַ גאָר וויכטיקע הילף. עס איז איינמאָל געשען, אַז דאָס מיליטער האָט געהאָלפן אין גליל — און מיר האָבן האַרציק באַגריסט די דאָזיקע הילף. עס זיינען אויך דאָ איינצלנע פּאָליציאַנטן, וואָס העלפן אונז — און מיר שעצן ניט גרינג קיין שום הילף. פאַר־צווײ־וואָכן איז עפּעס געשען אין חיפה: די אַראַבער האָבן געוואָרפן אַ באָמבע אויף אַ אידישן אויטאָבוס, און די הגנה איז יענע נאַכט געווען טעטיק. און עס איז געווען אַ וויכטיקע „הילף" מצד דעם מיליטער: מיר האָבן אָפּגערעדט מיט זיי אַז זיי זאָלן זיך ניט מישן, און דאָס ניט מישן זיך איז געווען זייער וויכטיק פאַר אונז. די אַראַבישע באַנדעס האָבן באַקומען אַ פיינע לעקציע, און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס איז אַוועק אַ דעלעגאַציע צום מופטי, משפּיע צו זיין אויף אים, אַז עס זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן די אומרוען.

איך האָב בכוונה געבראַכט פּאָזיטיווע פאַלן, הגם די דאָזיקע פאַלן ענדערן ניט דעם עיקר־פאַקט, דאָס בדרך כלל איז די אַרמיי קעגן אונז און אַז עס איז איר אפילו לייכטער אַרויסצוטרעטן קעגן אונז איידער צו פאַרבלייבן נייטראַל. און דאָך — מוזן מיר זיך דערוויטערן פון יעדן געדאַנק וועגן אַ מיליטערישן „פאַרמעסטן זיך". אונזער מחלוקת מיט ענגלאַנד וועלן מיר ניט אַנטשיידן מיט מיליטערישן כוח. מיר מוזן אָננעמען באהבה די דאָזיקע פאַרויסזעצונג מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן.

אָבער דאָס פאַרבלייבן פונם בריטישן מיליטער אין לאַנד בינדט אונז די הענט. עס קען זיין, אַז געוויסערמאָסן שטערט עס אויך די אַראַבישע באַנדעס, אָבער דאָס פאַרמיידט ניט דאָס זאַמלען באַוואָפנטע כוחות, וועלכע וועלן מאַכן אַן אינוואַזיע אויף ארץ ישראל. ניט נאָר וואָס דאָס מיליטער פאַרמיידט ניט די אַקציע, וואָס ווערט געפירט אויף יענער זייט גרעניץ, נאָר זי האַלט אפילו ניט אָפּ דאָס אַריינשמוגלען זיך פון באַוואָפנטע באַנדעס פון די שכנות׳דיקע לענדער. דאָס, וואָס די רעגירונג באַהויפּטעט — אין ירושלים, אין לאָנדאָן און אין לייק־סוקסעס, אַז ענגלאַנד האָט ניט גענוג כוח דאָ אין לאַנד כדי אָפּצוהיטן די גרעניצן און פאַרזיכערן די אָרדענונג, איז דורכויס אומבאַגרינדעט. וואָלטן מיר אין אונזערע הענט געהאַט די

מאַכט און בלויז אַ קליינעם טייל פון דעם היגן בריטישן מיליטערישן כוח — וואָלטן מיר באַרואיקט דאָס לאַנד און מיר וואָלטן פאַרמיטן דאָס אַריינ־שמוגלען זיך פון די באַנדעס. מען קען אָפּהיטן אַלע דורכגאַנגען און בריקן — זייער צאָל איז גאָרניט אַזוי גרויס. די ענגלישע אַעראָפּלאַנען וואָלטן געקענט לייכט אַנטדעקן די קאָנצענטראַציע־פּונקטן פון די באַנדעס. עס זיינען דאָ אַעראָפּלאַנען, וואָס אַנטדעקן, אָבער ניט קיין בריטישע אַעראָפּלאַנען. איך בין אָבער זיכער, אַז אויך אַ בריטישער פליער וואָלט עס באַוויזן צו טאָן — ווען זיין רעגירונג וואָלט עס נאָר געוואָלט.

און דאָך, וואָס דאָס מיליטער זאָל אומדירעקט ניט טאָן קעגן אונז — האָבן מיר קיין שום אינטערעס ניט, אַרויסצורופן אים צום קאַמף קעגן אונז. דאָס געבאָט פון אונזער עקזיסטענץ איז — רעדוצירן אונזער מחלוקת מיט ענגלאַנד בלויז צו אַ פּאָליטישער ראַם.

אַנדערש זעט עס אויס אויפן אַראַבישן פראָנט. אין דעם קריג צווישן אונז און די אַראַבער וועט אַנטשיידן דער כוח. ניט ווייל מיר זיינען אַזוי האַפּערדיק צו גיין מלחמה האַלטן; אדרבא, מיר שטרעבן צו שלום, און ווי ווייט מיר וועלן קענען און וואו נאָר מיר וועלן קענען — וועלן מיר אָפּהיטן דעם שלום. מיר טאָרן אָבער אויף קיין רגע ניט פאַרגעסן, אַז עס איז אונז דערקלערט געוואָרן קריג, וועלן מיר שטייען פעסט ביז צום נצחון. עס איז אַ שוץ־קריג און עס וועט פאַרבלייבן אַ שוץ־קריג. דאָס הייסט ניט, אַז מיר בלייבן דוקא אין דעפענסיווע. אויך אין אַ שוץ־קריג איז דער בעסטער וועג — די אָפענסיווע, אָבער אונזערע אָנגריפן וועלן ניט זיין געווענדעט צו פאַרניכטן די אַראַבער, נאָר אָפּצושטויסן אָנגריפן און צוצושטערן די טייוולאָנישע פאַרניכטונגס־פּלענער, וואָס אונזערע שונאים גרייטן קעגן אונז.

די אַראַבישע פירער האַלטן, אַז זיי האָבן ניט, וואָס צו פאַרלירן אין דעם דאָזיקן קריג; זייער חשבון איז אַ פּשוטער: זיי ציילן 30־40 מיליאָן מענטשן, — איז וואָס איז דאָס פאַר אַ בייז, אויב עס וועלן אין די קאַמפן אומקומען טויזנטער אָדער אַפילו צענדליקער טויזנטער? — און אויב זיי וועלן פאַרשפּילן דעם קריג — וועלן זיי גאָרניט פאַרלירן, ווייל די יו־ען האָט דאָך שוין סיי־ווי־סיי באַשלאָסן, אויפצושטעלן אַ אידישע מדינה. און מער ווי די יו־ען האָט זיי געגעבן, וועלן דאָך די אידן ניט באַקומען. אָבער אויב פאַרקערט, אויב עס וועלן זיגן די אַראַבער — דאַן וועט דאָס גאַנצע לאַנד זיין אין זייערע הענט און זיי וועלן איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון די אידן.

אין דעם דאָזיקן אַראַבישן חשבון איז דאָ אַ סך אמת, אָבער אינגאַנצן ריכטיק איז ער ניט. זיי האָבן, וואָס צו פאַרלירן, און זיי האָבן שוין ניט ווייניק פאַרלוירן. זיי האָבן פאַרלוירן אין חיפה, אין יפו און אויך אין ירושלים. ווען איך קום איצט קיין ירושלים פיל איך, אַז איך בין אין אַ אידישער שטאָט. אַזאַ מין געפיל פלעג איך געוויינלעך האָבן בלויז אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פּונקט אונזערן אָדער אין תל־אביב. וואָס אַן אמת — ניט גאַנץ ירושלים איז אידיש, אָבער אַ גרויסן אידישן בלאָק האָבן מיר

שוין. פון דעם אַריינפאָר קיין ירושלים, דורך ליפתא־רוממה, דורך מחנה יהודה, רחוב המלך דזשאָרדזש און מאה שערים — זיינען מער קיין פרעמדע ניטאָ; הונדערט פּראָצענט אידן. פון זינט ירושלים איז חרוב געוואָרן דורך די רוימער — איז זי ניט געווען אַזוי אידיש, ווי איצט. אין אַ סך אַראַבישע פאָרשטעט אין מערב פון ירושלים זעט מען קיין אַראַבער ניט. איך מיין ניט, אַז דאָס וועט זיך ענדערן.

ווי מאָדנע עס זאָל ניט קלינגען, האָבן מיר פאַר דער דאָזיקער ענדערונג, ניט ווייניק צו דאַנקען דעם מופטי. די יונגע חברים וויל איך נאָך זאָגן, אַז אַפילו די הונדערט־פּראָצענטיק־אידישע תל־אביב איז אין אַ גרויסער מאָס אַ „מתנה" פון דעם מופטי. ביזן יאָר 1921 איז, אויסער די אַרבעטער־ווירטשאַפטן, ניט געווען קיין אָרט אין לאַנד, וואו אידישע אַרבעט זאָל זיין אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט. עס איז ניט געווען קיין איינציקער שטאָ־טישער רייך־אידישער ישוב, אַפילו ניט תל־אביב. בלויז די „געשעענישן" פון יאָר 1921 האָבן פאַרוואַנדלט תל־אביב אין אַ הונדערט־פּראָצענטיק אידי־שע שטאָט. די עלטערע חברים געדענקען נאָך זיכער דעם ויכוח, וואָס מיר האָבן דאַן געפירט מיט די „פּראַקטישע לייט" אין ישוב, וועלכע האָבן אונז געוואָלט איבערצייגן, אַז מיר טאָרן ניט בויען אַ רייך־אידישע שטאָט, ווייל מען טאָר ניט מוותר זיין אויפן מסחר מיט די יפו'ער אַראַבער. די מאָטיוון פון אונזער זייט וואָלטן אפשר ניט דעצידירט, ווען ניט די אַריינמישונג פון דעם מופטי. אויך דער תל־אביב'ער פּאָרט וואָלט ניט אויסגעבויט געוואָרן, ווען ניט דער מופטי, וואָס האָט פּרובירט אָפּצושניידן אונז דעם וועג צום יפו'ער פּאָרט, אין יאָר 1936. דער מופטי האָט אויך ניט קיין קליינעם חלק אין אונזער הצלחה אין לייק־סוקסעס. ווען דער מופטי וואָלט ניט אָנגענומען אַזאַ עקסטרעמע שטעלונג — גלייך ווי אונזערע רעוויזיאָניסטן — בין איך ניט זיכער, צי עס וואָלט זיך געפינען פינף און דרייסיק מדינות, וואָס זאָלן מסכים זיין צו אַלץ דאָס, וואָס זיי האָבן באַשלאָסן. בין איך אויך ניט זיכער, צי דער איצטיקער חשבון פון דער אַראַבישער פירערשאַפט, אַז זי האָט ניט וואָס צו פאַרלירן, איז אַ ריכטיקער. אויב מיר וועלן זיך פעסט האַלטן — קען נאָך טרעפן אויך אין אַנדערע גרויסע טיילן פון לאַנד דאָס, וואָס ס'האָט געטראָפן אין ירושלים, יפו און חיפה. מיר וועלן זיך האַלטן — אויב מיר וועלן וועלן. — מיר וועלן וועלן הייסט — אויב מיר וועלן מאַכן די העכסטע אָנשטרענגונג, אָט אַזוי ווי עס טוט אַ פאָלק, וואָס פירט אַ קריג אויף לעבן און טויט. אויב מיר וועלן זיך האַלטן — קען גרייליך טרעפן, אַז אין די נעכסטע זעקס צי אַכט צי צען מאָנאַטן פון דעם שטרייט זאָלן פאָרקומען גרויסע, זייער גרויסע, ענדערונגען אין לאַנד, און ניט אַלע — צו אונזער אומגונסטן. אַלנפאַלס וועלן פאָרקומען גרויסע ענדערונגען אין דעם צוזאַמענ־שטעל פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד.

מען האָט מיך געפרעגט: ווי וועלן מיר זיך האַלטן? וואָס פאַר אַ מיטלען באַזיצן מיר? ווי אַזוי וועלן מיר זיך באַוואָפענען? ווי אַזוי וועלן מיר זיך פאַרזאָרגן? ווי אַזוי וועלן מיר קענען שטיין קעגן אַן איבערוויגנדער

מערהייט? און וואָס וועלן מיר טאָן אין פאַל פון אַן אינוואַזיע? ניט אויף
אַלע פראַגן איז מעגלעך באַלד צו געבן אַ קלאָרן ענטפער, און ניט אַלע
ענטפערס קען מען אַרויסברענגען אין אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג. אָט האָבן
מיך געפרעגט חברים פון די ראַנד־געביטן, צי וועלן מיר פאַרגרעסערן די
צאָל מענטשן און צי וועלן מיר פאַרגרעסערן די צאָל פון לאַנדווירטשאַפטלעכע
פונקטן. אויך אויף די דאָזיקע פראַגן בין איך ניט פריי צו געבן אויספירלעכע
תשובות. איך וויל אָבער באַמערקן, אַז אין דער פאָרם פון אַוועקשטעלן
די פראַגן זע איך, ווי אַזוי די חברים רעדן נאָך מיט אַ שפּראַך פון פאַר
דריי חדשים. די דאָזיקע שפּראַך פּאַסט זיך מער ניט אַריין אין אונזע־
ווירקלעכקייט און באַדערפענישן. אויך איצט זיינען עליה און קאָלאָניזאַציע
דאָס סאַמע וויכטיקסטע — אָבער ביידע פאַרנעמען זיי ניט היינט זייער
פּאָזיציע פון דריי חדשים צוריק. איצט דעצידירן די זיכערקייט־אויסרעכע־
נונגען, און אויך לגבי עליה און קאָלאָניזאַציע מוזן מיר נעמען אין באַטראַכט
די דאָזיקע אויסרעכענונגען. ניט יעדע קאַטעגאָריע עולים שטאַרקט היינט
די זיכערקייט, און ניט אומעטום ברענגט די קאָלאָניזאַציע נוצן דער זיכער־
קייט. די באַדערפענישן פון דער זיכערקייט וועלן איצט קערעווען סיי די
עליה און סיי די קאָלאָניזאַציע.

די זיכערקייט איז מחייב אַן אַנדער פאַרטיילונג פון דער פאַראַנענער
באַפעלקערונג. כדי מיר זאָלן זיין אימשטאַנד אויסצוהאַלטן, דאַרפן מיר
באַפעלקערן אינגאַנצן ניט־באַפעלקערטע אָדער ניט־גענוג־באַפעלקערטע
שטחים. און מיר דאַרפן דאָס טאָן ניט נאָר אויפן חשבון פון דער עליה,
נאָר אויך אויפן חשבון פון די איבער־באַפעלקערטע אָדער שטאַרק־באַפעל־
קערטע פלעצער.

אין דער הינזיכט קען מען פאַרטיילן דאָס לאַנד אויף פיר ראַיאָנען:
1) דער מיטעלער ראַיאָן — פון דרום פון תל־אביב ביז צו דער עכו־
בוכטע; דאָס איז דער אַמגעדיכטסטן אידיש־באַפעלקערטער שטח, און דאָ
שאַפן מיר אויך איצט אַ באַדייטנדע מערהייט. 2) דער צפון־ראַיאָן — פון
טירת צבי און די עמק־ווירטשאַפטן ביז צו מטולה און חניתה; אין דעם
געביט זיינען מיר אַ מינדערהייט, און אונזער זיכערקייט איז דאָ ווייט ניט
גענוגנד. 3) דער דרום־ראַיאָן, — דאָ איז די לאַגע נאָך ערגער; אין דרום־
יהודה זיינען מיר אַן אומבאַדייטנדע מינדערהייט, און אין נגב איז כמעט
קיין ישוב ניטאָ. 4) ירושלים׳ער ראַיאָן: די שטאָט און די אַרומיקע ישובים.
אין שטאָט איז אַ אידישע מערהייט, אַן איבערוויגנדיקע, אָבער זי אונטער־
שיידעט זיך פון דער מערהייט אין חיפה. די אידישע מערהייט אין חיפה איז
— רעלאַטיוו און אַבסאָלוט־קלענער פון דער מערהייט אין ירושלים, אָבער
חיפה איז אַרומגערינגלט מיט אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, און
מיט אַזאַ הינטערלאַנד, איז די קליינע מערהייט אין חיפה ניט דוקא אַן אויס־
דרוק פון שוואַכקייט. דער אידישער רוב אין ירושלים איז אָבער אַרומגע־
רינגלט מיט אַן אַראַביש הינטערלאַנד, אין וועלכן עס געפינען זיך אידישע
„אינזלען". די דאָזיקע „אינזלען", — מוצא, קרית ענבים, מעלה־החמישה,

נוה־אילן — פון מערב, בית־הערבה און דאָס ים־המלח־ווערק — פון מזרח, נוה יעקב און עטרות — פון צפון, גוש־עציון — פון דרום, — גיבן אַ גרויסע אונטערשטיצונג פאַר ירושלים און פאַרשטאַרקן איר פאַרטיידיקונג, אָבער זיי שטעלן מיט זיך אויך פאַר געפאַר־פונקטן, ווייל זיי שמידן צו זיך צו אַ סך כוחות פון ירושלים און פון אַנדערע ערטער, כוחות וועלכע זיינען נויטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון ירושלים גופא.

די אומבאַפעלקערטע אָדער ווייניק־באַפעלקערטע שטחים מוזן שנעל פאַרשטאַרקט ווערן. מיר קענען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער עליה, ווייל ביז די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד וועלן קומען מיט דער לעגאַלער עליה ניט מער פון 1500 פערזאָן אַ מאָנאַט, און ניט אַלע וועלן זיי טויגן פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע. — די מעפּילים ווערן איבערגעפירט קיין ציפערן; חבר שאול איז גערעכט: דוקא אין די נאָענטסטע מאָנאַטן דאַרפן מיר אין דער פולער מאָס פאַרשטאַרקן די העפלה, אָבער פאַר אונזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג וועלן די מעפּילים ניט ברענגען קיין נוצן, ווייל מען וועט זיי דאָך אַרויסשיקן קיין ציפערן, און דאָרטן, אין ציפערן, האָבן מיר ניט קיין לאַנג־דיסטאַנץ־ביקסן צו שיסן פון זיי אויף די באַנדעס. — אָבער נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם מאַנדאַט — אויב נאָר די לאָנדאָנער רעגירונג האָט דאָ ניט קיין באַהאַלטענע בייזע כוונות — וועט זיך דער דאָזיקער קוואַל ברייט עפענען. דאָס וועט זיין אַ געטרייער קוואַל, צו שעפּן פון אים כוחות אויף צו באַפעלקערן די שטחים, וועלכע נויטיקן זיך אין פאַרשטאַרקונג. שיקן דעם מענטשן־מאַטעריאַל צו די אַנטשפּרעכנדיקע שטחים אין דער געהעריקער צייט — דאָס איז דער הויפּט־מיטל צו אונזער פעסטער האַלטונג. נאַטירלעך, די אַמוניציע פון איר זייט האָט אַ גוואַלדיקע באַדייטונג. וואָס מער אַמוניציע, וואָס אַ בעסערע און פולקאָמערע — אַלץ גרעסער וועט זיין אונזער כוח, — אָבער בעיקר שטיצט זיך אונזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג אויפן מענטשן־מאַטעריאַל.

נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם מאַנדאַט, וועט איינע פון די צענטראַלע פראַגן זיין די קאָמוניקאַציע־פראַגע, און ניט נאָר צווישן ירושלים און תל־אביב, נאָר אויך צווישן יעדן איינעם פונקט און דעם אַנדערן, און באַזונדערס צווישן תל־אביב און חיפה. איז ווידעראַמאָל: מיר דאַרפן זאָרגן פאַר טראַנספּאָרט־מיטלען, פאַר כלערליי כלים, און ניט נאָר אויף דער יבשה; אָבער אויך אין דער קאָמוניקאַציע וועט דער עיקר זיין — דער מענטשן־מאַטעריאַל. אויב מיר וועלן ניט באַפעלקערן די בערג פון ירושלים און די בערגלעך פון דער שפלה, צווייפל איך צי וועלן מיר קענען איינהאַלטן דעם קשר מיט ירושלים. עס פאַרשטייט זיך, אַז אָן פאַנצער־אויטאָס און אָן אַעראָ־פּלאַנען און נאָך זאַכן, וועלכע איך וועל דאָ ניט אויסרעכענען, וועלן די מענטשן ניט אויסהאַלטן. אָבער די אַעראָפּלאַנען און די פאַנצער־אויטאָס האָבן אַ ווערט בלויז ווען זיי ווערן געלאָזן אין גאַנג דורך לעבעדיקע מענטשן. עס איז נויטווענדיק, אַז מיר זאָלן זיין אויף די בערג, — אי וואָס — מיר האָבן דאָרט קיין ערד ניט? — די מלחמה וועט אונז געבן די ערד! די

באַגריפן „אונזערע" און „ניט אונזערע" גילטן בלויז אין צייט פון פרידן, — אין צייט פון קריג פאַרלירן זיי יעדע באַדייטונג.

אין ירושלים שטייען מיר פאַר אַ ספּעציפישער פראַגע: וואַסער. אויב מיר וועלן די נאָענטסטע צוויי מאָנאַטן ניט פאַרזאָרגן ירושלים מיט אַ וואַסער־רעזערוו ביז צו די צוקונפטיקע רעגנס — וועלן מיר איינשטעלן דאָס לעבן פון דער אידישער ירושלים. כל זמן עס איז נאָך דאָ צייט צו גראָבן ברונעמס און איינאָרדענען סאַדזעוויקעס, ברונעמער און סאַדזעוויקעס, ברונעמער און סאַדזעוויקעס, און אָנפילן זיי מיט וואַסער, רעגן־וואַסער און רערן־וואַסער — ביז עס זיינען נאָך דאָ רערן — דאַרף מען עס טאָן אָן אויפהער און אומדערמידלעך, ווייל אָן וואַסער קען מען אַפילו קיין געציילטע טעג ניט אויסהאַלטן.

און נאָך צוויי באַמערקונגען וועגן ירושלים:

טראָץ דער גרויסער דערשלאָגנקייט, וועלכע פילט זיך אין ירושלים, איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז מיר האָבן דאָ געהאַט גרויסע און וויכטיקע דערגרייכונגען. עס האָט זיך שוין געענדערט דאָס אויסזען פון אַ גרויסן טייל פון ירושלים. עס פאַרבלייבט אָבער איין פאַקט אַ טרויעריקער: די אַלטע שטאָט. די אידן פון דער אַלטער שטאָט — זייער צאָל איז ניט גרויס — זיינען די גאַנצע צייט באַלאַגערט. וואָלט אין ירושלים ניט געווען קיין בריטיש מיליטער — וואָלט די אַלטע שטאָט ניט געווען באַלאַגערט. און אריינלאָזן זיך אין אַ קריג מיטן בריטישן מיליטער — קענען מיר ניט.

אין ירושלים און אין איר אומגעגנט האָבן מיר געהאַט אויך שווערע דורכפאַלן. אַלע געדענקען מיר גוט דעם טאָג, ווען עס האָט אונז ווי אַ דונער געטראָפן די שרעקלעכע ידיעה וועגן די פינף און דרייסיק. עס האָט דאַן אויפגעציטערט דאָס האַרץ פון דעם ישוב — ניט נאָר דאָס האַרץ פון די מוטערס פון די פינף און דרייסיק. אויך איך בין איינער פון ישוב, האָט אויך מיין האַרץ אויפגעציטערט. אָבער אויסער דעם ציטער, איז מיין האַרץ באַפאַלן אויך אַ טיפע זאָרג: ווי וועט זיך האַלטן דער ישוב אויב עס וועט אויף אונז פאַלן נאָך אַ שווערערער קלאַפּ? — און ער וועט פאַלן, און ניט איינמאָל. ניט שטענדיק, ניט אין יעדן צוזאַמענשטויס וועלן מיר האָבן די אויבערהאַנט. עס וועלן פאַלן שווערע קלעפּ, און איך קען כמעט זען — ווען און וואו. — די דערשלאָגנקייט פון די אידן פון ירושלים באַאומרואיקט מיך, ווייל בדרך כלל זיינען מיר אין ירושלים ניט דורכגעפאַלן, הגם מיר האָבן געכאַפּט שווערע קלעפּ. אדרבא, מיר האָבן געהאַט וויכטיקע דעראָבערונגען. איז עס זייער שלעכט, וואָס אונזער עולם איז נאָך ניט גענוג פאַרהאַרטעוועט, באַזונדערס אין אָנבליק פון די נאָך פאַרשטייענדיקע שווערע איבערלעבונגען. אין דער אונטערשטער שורה וועט דעצידירן דער גייסט, — דער גייסט פון אונזערע מענטשן און זייער זעלישע שטאַנדהאַפטיקייט, — און מיר דאַרפן זאָרגן דערפאַר.

איך וועל זיך נאָך בקיצור אָפּשטעלן אויף איין גרויסן טעריטאָריעלן בלאָק — דעם גרעסטן אין לאַנד, וועמענס גאַנצע צוקונפט הענגט אָפּ פון אונזער פעאיקייט צו באַפעלקערן אים — דעם נגב. פון דעם דאָזיקן בלאָק

הענגט פילייכט אַף אונזער גאַנצער גורל אין לאַנד. אויב עס זיינען דאָ פּערס־פּעקטיוון פאַר גרויס־צוגיקער קאָלאָניזאַציע, אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע פון מיליאָנען מענטשן; אויב עס זיינען דאָ פּערספּעקטיוון פאַר אידישער מלוכה׳־שקייט, וואָס זאָל זיין אומאָפּהענגיק פון דעם חסד פון דער יו־עןּ, נאָר פון דעם אייגענעם אינערלעכן כוח, דעם כוח פון אַ קאָמפּאַקטן אידישן מאַסן־ישוב — איז עס בלויז אין דעם שטח, וואָס רופט זיך נגב. דאָס איז מער פון אַ העלפט פון מערב ארץ ישראל, דאָס איז אַכציק פּראָצענט פון דער אידישער מדינה, לויט דער יו־עןּ. דאָס איז דער איינציקער גרויסער בלאָק אין ארץ ישראל, וואָס קען זיין אידיש אַזוי ווי תל־אביב איז אידיש. אויפן דאָזיקן געביט קענען לעבן מיליאָנען אידן, און צווישן זיי צענדליקער טויזנ־טער אַראַבער — אויב מיר וועלן נאָר לעזן דאָס וואַסער־פּראָבלעם, און די מאָדערנע טעכניק צוזאַמען מיט חלוציזם זיינען אימשטאַנד צו לעזן דאָס וואַסער־פּראָבלעם און מאַכן דעם נגב בליענדיק. דער דאָזיקער געביט איז איצט דורכויס לידיק פון איינוואוינער, לידיק פון אידן. עס איז געווען אַ גרויסער אויפטו, ווען מיר האָבן אין איין טאָג אויפגעשטעלט 12 פּונקטן, אָבער דאָס זיינען טאַקע געווען ניט מער ווי פּונקטן, כמעט אין געאָמעטרישן זין פון וואָרט. אויף אַ שטח פון 12 מיליאָן דונאַם האָבן זיך געפונען 200־300 בחורים אונזערע. און איבער דעם דאָזיקן געביט פירט זיך דאָס איצט די מלחמה, אַלנפאַלס — בעווינס מלחמה, און אין אַ גרויסער מאָס אויך די מלחמה פון דער אַראַבישער ליגע. ווייל אויב עס איז שוין נגזר געוואָרן — טראַכטן זיי — אַז עס זאָל זיין אַ אידישע מדינה, טאָ זאָל כאָטש דער נגב זיין אויסערהאַלב דער דאָזיקער מדינה. און עס איז טאַקע לייכט צו פאַרמיידן די זאַך, ווייל אויפן דאָזיקן אומגעהויערן שטח איז דאָך כמעט קיין איד ניטאָ; די עטלעכע הונדערט בחורים אונזערע געפינען זיך אין צפון פון דעם נגב, ריכטיקער — אין דרום יהודה; און דער נגב גרעניצט זיך מיט דריי אַראַבישע מדינות: עבר הירדן, מצרים און סעודיה. פון די ערשטע צוויי מדינות טיילן אונז אָפּ יבשה־גרעניצן; פון איבן־סעוד — אַ ים־גרעניץ, אין דער אילת־בוכטע. ווער עס וויל צוקומען צו דער אילת־בוכטע מצד דעם ים, מוז דורכגיין די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון די דאָזיקע דריי מדינות. די אילת־בוכטע, וואָס געפינט זיך אויפן ברעג פון אונזער לאַנד, איז שמאָל און אין האַרט ביי די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון מצרים, סעודיה און עבר־הירדן. איז אָט דעם דאָזיקן נגב ווילן בעווין און די ליגע אַוועקנעמען פון אונז. און עס איז ניט שווער. אויך אין גליל זיינען מיר אַ מינדערהייט, אָבער אין גליל האָבן מיר אויסגעבויט ישובים, מיר האָבן געשאַפן ווירטשאַפטן, אונזערע מענטשן זיינען דאָרטן טיף פאַרוואָרצלט און אַלע ביז איינעם וועלן זיי קעמפן ווי די לייבן. די אַראַבער, הגם זייער צאָל אין גליל איז אַ גרויסע און דירעקט הינטער זיי געפינען זיך סיריע און דער לבנון, וועלן דאָרטן האָבן ניט קיין לייכטע אַרבעט. אין נגב אָבער דאַרפן זיי בכלל ניט מלחמה האַלטן מיט אונז. ביז איצט זיינען אין נגב געווען בלויז פּאָליציי־סטאַנציעס: אין אום־ראשראש נעבן אילת, אין עין חוצב אין דער וויסטעניש — פּערציק

קילאָמעטער פון סדום, אין אַסלודזש נעבן רביבים, און נאָך אין 2־3 פּונקטן. נאָך דער ענגלישער עוואַקואַציע וועלן די דאָזיקע פּאָליציי־פּונקטן פאַרלאָזן ווערן, און אויב אַבדאַללאַ וועט שיקן 500 מענטשן, און מצרים וועט שיקן אַ מיליטערישע אָפּטיילונג — וועלן זיי האָבן דעם גאַנצן נגב אין זייערע הענט.

אונזער מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך היינט צו טאָג אין נגב, גענוגט ניט. ווען מיר זאָלן אַפילו פאַרטאָפּלען און פאַרדרייפאַכן די צאָל — וועט אַלץ ניט סטאַיען. איצט קען מען נאָך אַהינצו שיקן מענטשן, אין אַ חודש אַרום וועט מען קענען שיקן נאָך מענטשן, און אפשר נאָך אויך אין צוויי חדשים אַרום. אָבער אויב מיר וועלן באַלד ניט מאַכן אַלע נויטיקע הכנות — וועלן מיר פאַרשפּעטיקן. מיר מוזן שטענדיק האָבן אין זינען, אַז דער נגב איז ניט גלייך צו אַלע אַנדערע טיילן פון לאַנד. ווען מיר שיקן נאָך מענטשן אין גליל אַריין, ניט צוגרייטנדיק פאַר זיי באַצייטנס דירות און וואַסער און אַפילו עסנוואַרג — וועלן זיי אונטערליידן, אָבער זיי וועלן זיך שוין איינאָרדענען. אַנדערש איז עס אין נגב. דאָ איז ניטאָ וואָס צו עסן, ס'איז ניטאָ קיין וואַסער, קיין שעלטער, קיין וועגן, קיין סימן פון אַ וואוינונג — גאָרניט. און די מענטשן, וואָס מיר וועלן שיקן אַהינצו, וועלן דאָס אַלץ ניט שלעפּן אויף די פּלייצעס. מען דאַרף אַלץ צוגרייטן באַצייטנס. אָבער עס איז ניט גענוג צו זאָרגן פאַר וואַסער, עסנוואַרג און וואוינונגען. מען דאַרף אויך צוגרייטן אַעראָדראָמען, מען דאַרף זאָרגן פאַר אַעראָפּלאַנען, פאַנצער־אויטאָס, און נאָך אַ סך אַזעלכע זאַכן, וואָס וואַלגערן זיך ביי אונז ניט.

פאַרלויפיק האָבן מיר בלויז אַ פאָדערשטע באַזע — די ישובים פון דרום און פון דעם צפון־טייל פון נגב. דער קאָלאָניזאַטאָרישער ווערט פון די וויניקע פּונקטן איז אפשר אַ קנאַפּער, אָבער אַלס פאָדערשטע באַזעס האָבן זיי אַ גוואַלדיקע באַדייטונג; און עס זיינען נאָך דאָ וואַסער־רערן, וואָס מען דאַרף זיי פאַרלענגערן. מען קען ניט לעבן אָן וואַסער. אין אונזער קאָלאָ־ניזאַציע אין נגב וועלן מיר דאַרפן פאַרגעסן אַ סך אַלטע זאַכן און אויסלערנען זיך אַ סך נייע זאַכן. מיט אָרטאָדאָקסאַלע מעטאָדן וועלן מיר דעם נגב ניט באַפעלקערן, הגם אונזערע אינסטיטוציעס זיינען נאָך ניט מסוגל צו דענקען אין באַגריפן פון דער נייער תקופה. איך האָב געוואָלט מאַכן אַ געשעפט מיטן קרן קימת: פאַרקויפן אים מיליאָנען דונאַמען באָדן פאַר אַ האַלב־פונט אַ דונאַם, בתנאי ער זאָל באַלד אָפּצאָלן, און דאָס געלט זאָל גיין פאַר זיכער־קייטס־צוועקן. אָבער דאָרטן איז מען נאָך געוואוינט צום טאַבו (רעגירונג־אַנשטאַלט פאַר דער רעגיסטראַציע פון באָדן־טראַנזאַקציעס), און זיי גלויבן ניט אין נייע דערוועקבונג־סיסטעמען...

עס איז דאָ נאָך אַ געביט, וואָס וועט אויספירן אַ גרויסע ראָל אין זיכער־קייט, אין עליה, אין התישבות, — און דער דאָזיקער געביט איז נאָך גרעסער אַפילו פון דעם נגב, גרעסער פון גאַנץ ארץ ישראל — דאָס איז דער ים. דאָס איז איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע טיילן פון ארץ ישראל, פון דער אידישער מדינה. דאָרטן איז ניטאָ קיין „אונזערס" און „ניט אונזערס", און אַפילו לויט די באַגריפן פון די קרן קימת־לייט דאַרף מען אים ניט

קויפן דורך טאַבו. מען דאַרף נאָר האָבן צוויי זאַכן: שיפן און מאַטראָסן; האָבן מיר עס — דעראָבערן מיר אומענדלעכע שטחים. איך בין ניט זיכער, צי וועלן מיר קענען שיקן מענטשן דורך עזה און מאסמיע — איז דאַרפן מיר האָבן דעם ים אַלס קאָמוניקאַציע־מיטל ניט נאָר מיט דער גרויסער וועלט, נאָר אַפילו מיט געוויסע טיילן פון אונזער אייגן לאַנד. דער דאָזיקער געביט איז אונז נאָך נויטיק פאַר דער עליה; דאָסגלייכן דינט ער אַלס יסוד פאַר קאָלאָניזאַציע. שפּייז ציט מען אַרויס ניט נאָר פון דער ערד, נאָר אויך פון דעם ים. אין געוויינלעכע צייטן האָבן מיר זיך געקענט דערלויבן צו פאַרפרעמדן דעם ים, — איצט אָבער וועלן מיר עס מער ניט טאָן: די ים־קאָמוניקאַציע איז אַ לעבנס־פראַגע פאַר אונזער זיכערקייט: אונזערע קעגנער וועלן זיך באַנוצן מיטן מדבר; מיר — מיטן ים, הגם מיר וועלן ניט מוותר זיין אויפן מדבר אויך.

אַ סך דעראָבערונגען האָבן מיר פאַרנאַכלעסיקט אין די פרידנס־צייטן, — וועט אונז איצט די סכנה פון פאַרניכטונג צווינגען צו טאָן זאַכן, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג געדאַרפט טאָן. עס איז געקומען די צייט פון דעם ים און פון דער לופט: וועלן מיר זיי ניט באַהערשן — וועלן מיר ניט אויסהאַלטן.

דער דאָזיקער פאַרטיי־ראַט — גלייך ווי קיין שום אַנדער עפנטלעכער ראַט — קען ניט באַהאַנדלען די מיליטערישע סטראַטעגיע. דאָס איז די אויפגאַבע פון פאַכלייט און טעכניקער. אָבער דער דאָזיקער ראַט דאַרף העלפן מאָביליזירן די גייסטיקע כוחות, וואָס פאָדערן זיך פאַר דער זיכער־קייט. הייבן הייבט זיך עס אָן פון האַרצן, — מעשה במחשבה תחילה. איידער מען גיסט האַרמאַטן אויף דער פאַבריק — זיינען זיי אויסגעגאָסן אין דעם מוח פון זייער שעפער. די גאַנצע טעכנישע, ווירטשאַפטלעכע, פינאַנציעלע פאַרבאַרייטונג, וואָס פאָדערט זיך איצט פון אונז — נעסטעט קודם כל אין אונזער נשמה. וועט די גאַנצע געזעלשאַפט אונזערע ניט פאַרשטיין און באַ־גרייפן און דערפילן די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע — וועט ניט גע־מאַכט ווערן די געהעריקע אָנשטרענגונג. מיט צוויי מאָנאַטן צוריק האָט קיינער ניט געוואָלט הערן וועגן דעם, אַז די לאַגע איז ערנסט, — אויף דער אויבערפלאַך האָט אַלץ געשיינט רואיק. האָבן מיר פאַרלאָרן אַ סך טייערע צייט. מיט קיין שום תירוץ וועלן מיר ניט פאַרענטפערן און באַרעכטיקן דעם פאַקט, וואָס עס זיינען ניט צוגעגרייט געוואָרן הונדערטער געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן. אונזער אינדוסטרי איז געווען אימשטאַנד אויסצופירן דאָס. האָבן זיך אָבער ניט מאָביליזירט דערצו ניט די אינדוסטריעלער און ניט די אַרבעטער. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז זאָרגן פאַר דער זיכערקייט דאַרפן די „אַנשטאַלטן", עס איז אַן ענין פאַר „עסקנים". איז כל זמן יעדער מאַן און יעדע פרוי, אַלט און יונג, וועלן ניט דערפילן אַז עס איז זייער עסק — וועלן אונזערע פאַרבאַרייטונגען זיין ניט פולקאָם.

מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט זייען קיין פּאַניק אין דעם ישוב, אָבער די דאָזיקע ראַט־סעסיע וועט אויספירן אַ וויכטיקע שליחות, אויב זי וועט אַריבערטראָגן צום ישוב דעם באַוואוסטזיין, אַז די לאַגע איז אַ שווערע און

אַן ערנסטע. איך זאָג: צום ישוב — ניט צו דער פּאַרטיי אָדער צו דער הסתדרות. איצט איז עס ניט קיין ענין פֿאַר דער פּאַרטיי, פֿאַר דער הסתדרות, נאָר פֿאַרן גאַנצן אידישן ישוב, וועלכער ווערט אויפגעפּאָדערט צו פּאַרטיי־דיקן זיין לעבן, עקזיסטענץ, צוקונפט און סוּווערעניטעט. די מערהייט פון ישוב לעבט נאָך אַלץ אין אַ ביטערן טעות. די מערהייט מיינט, אַז מען שיסט „ערגעץ דאָרטן״, — אָבער מאָרגן וועט מען שיסן „ערגעץ דאָ״, אומעטום. די קוילן, וואָס פֿאַלן איצט אין די פֿאָרשטעט פון תל־אביב זוכן ניט דווקא די פינף הונדערט בחורים וועלכע שטייען וואַכנלאַנג צוגעשמידט צו זייערע פּאָזיציעס, — די דאָזיקע קוילן זיינען געווענדעט קעגן יעדן איינעם פון אונז, אָן קיין שום אויסנאַם. יעדער איינער איז אין געפֿאַר און יעדער איינער ווערט אויפגעפּאָדערט, צו מאָביליזירן זיך: דער אַרבעטער אויף דער פֿאַבריק, דער לאַנדווירט אין פעלד, דער באַאַמטער אין זיין ביוראָ — אַלע מוזן זיי איצט אַרבעטן אַנדערש ווי זיי האָבן געאַרבעט פריער. די שפּאַנונג, אין וועלכער עס געפינען זיך די, וואָס שטייען אויפן פייער־פראָנט, דאַרף אָנשטעקן דעם גאַנצן ישוב. אָן דער דאָזיקער שפּאַנונג וועלן מיר דאָסמאָל ניט אויסהאַלטן.

ט׳ באדר ב׳ תש״ח — 1948 .20 .3

# דער צוריקטריט פון אַמעריקע

(אַ דערקלערונג צו דער פּרעסע)

איך האָב היינט געהערט אין ראַדיאָ די דערקלערונג פון דעם אַמעריקאַנער פֿאָרשטייער.* איך האָב נאָך פֿאַרלויפיק ניט באַקומען קיין שום צוגאָב־ידיעות און איך האָב נאָך אויך ניט באַוויזן צו באַראַטן זיך מיט מיינע קאָלעגן. איז דאָס, וואָס איך וועל זאָגן — וועט זיין אין מיין אייגענעם נאָמען.

די אַמעריקאַנער דערקלערונג טרעפט מער די יו־ען — די ווירדע און אויטאָריטעט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע — איידער אונז. די געענדערטע שטעלונג פון אַמעריקע, באַדייט קאַפּיטולאַציע צום טעראָר פון די אַראַבישע באַנדעס, וואָס זיינען באַוואָפנט געוואָרן דורכן בריטישן אויסערן־מיניסטעריום און אַריינגעשמוגלט געוואָרן — אונטער זיין פּראָטעקטאָראַט — קיין ארץ ישראל.

* דער אַמעריקאַנער פֿאָרשטייער האָט דערקלערט, אַז זיין רעגירונג וועט פֿאָרשלאָגן, איבערצוגעבן ארץ ישראל צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן קוראַטאָריום (טראַסטישיפּ).

אָבער די דאָזיקע שטעלונג ענדערט ניט גרונטזעצלעך די לאַגע אין ארץ ישראל און זי דערשיטערט ניט די אויפריכטונג פון דער אידישער מדינה.

די אויפשטעלונג פון דער אידישער מדינה איז פאַקטיש ניט געווען אָפּהענגיק פון דעם יו־ען־באַשלוס פון 29־טן נאָוועמבער, — הגם יענער באַשלוס האָט אַ גרויסן מאָראַלישן און פּאָליטישן ווערט, — נאָר פון אונזער מעגלעכקייט צו אַנטשיידן מיט כוח, דאָ אין לאַנד. מיט אונזער אייגענעם כוח, — אויב מיר וועלן זועלן און אויב מיר וועלן באַווייזן צו מאָביליזירן אים לויט אונזער פולער מעגלעכקייט, — וועט נאָך אויך איצט אַנטשטיין די אידישע מדינה.

דעם 29־טן נאָוועמבער האָב איך זיך ניט באַטייליקט אין די הוראַ־פּייערונגען פון דעם ישוב, און איצט וועל איך ניט זיין קיין שותף צו דער־שלאָגנקייט — אויב די אַמעריקאַנער דערקלערונג האָט אַרויסגערופן אַ געפיל פון דערשלאָגנקייט אין ישוב.

מיר זיינען די, וואָס באַשטימען דעם גורל פון דעם לאַנד. מיר האָבן עס געלייגט דעם פונדאַמענט צו אַ אידישער מדינה און מיר וועלן זיין די, וואָס וועלן זי אויפשטעלן. דער עיקר איז, אַז מיר זאָלן קלאָר וויסן, וואָס מיר ווילן, און אַז מיר זאָלן אומדערשיטערט אָנגיין מיט אונזער ווערק, אַנט־שפּרעכנד דעם היסטאָרישן ווילן פון אונזער פאָלק.

מיר וועלן ניט מסכים זיין צו קיין שום קוראַטאָריום — „טראַסטישיפּ“ — ניט אויף שטענדיק און ניט צייטווייליק און אַפילו ניט אויף אַ ווייל. מיר וועלן ניט נעמען מער אויף זיך קיין שום פרעמדע הערשאַפט — וואָס עס זאָל ניט געשען. מיר וועלן באַשטיין אויף דער מעגלעך שנעלסטער ליקווי־דאַציע פון דער בריטישער הערשאַפט און אויף דער באַלדיקער עוואַקואַציע פון די ענגלענדער פון ארץ ישראל.

און מיר וועלן נאָכמער זאָרגן פאַר דער — זיכערקייט. אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען, מיטלען, מעגלעכקייטן, מענטשן און פאַרמעגן — זיינען גע־ווידמעט דער זיכערקייט.

די אידישע מדינה עקזיסטירט און וועט עקזיסטירן — אויב נאָר מיר וועלן זי פאַרטיידיקן. און די אידישע מדינה וועט אַליין געפינען דעם וועג צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער. מיר האָבן קיינמאָל קיין סיכסוך ניט געהאַט מיט דעם אַראַבישן פאָלק, און אויב די אַראַבער וועלן וועלן שלום — איז צו זיי אויסגעשטרעקט די האַנט פון דער אידישער מדינה.

אונזער פּאָליטיש פּראָגראַם, ווי פאַראַיאָרן און ווי פאַר־צוויי־יאָרן, איז: זיכערקייט, די אידישע מדינה, אידיש־אַראַבישער בונד; און לויט דער אָרדענונג, ווי איך האָב עס אויסגערעכנט.

# עס וועט באַשטימט ווערן
# אַ פאָלקס־פאַרוואלטונג פון 13 מיטגלידער

(פון אַ קאָמוניקאַט)

ד י עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענץ — — —
האָט אָנגענומען פאָלגנדן באַשלוס אין דער פראַגע וועגן דער אָנפירונג פון לאַנד אין דער איבערגאַנגס־צייט: פאַרשלאָגן דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, צו באַשטימען אַ לייטונג פון 13 פערזאָן וואָס זאָל נעמען אויף זיך ביזן 15־טן מאַי די לייטונג פון לאַנד (זיכערקייט,ווירטשאַפט, פאַרשיידענע מלוכה־דינסטן). פאַרלויפיק איז באַשטימט געוואָרן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיסיע פון פינף מיטגלידער, צוזאַמען מיטן פאַרזיצער פון ועד הלאומי; די קאָמיסיע, מיט דער פולער קאָמפּעטענץ פון דער פאַרוואַלטונג, וועט אָנפירן מיט די לויפנדע דרינגענדע ענינים, וואָס געהערן ניט דירעקט צו אַנדערע דעפּאַר־טאַמענטן, ווען די פאָרשטייער פון די אַנדערע אומאָפּהענגיקע באַטייליקן זיך ניט אין דער קאָמיסיע.

— — — עס איז קלאָר, אַז אין איצטיקן מאָמענט איז אומדערלאָזבאַר ס'זאָלן עקזיסטירן צוויי־דריי באַזונדערע און קאָנקורירנדיקע מאַכטן אויף איינע און דיזעלבע געביטן, ווי — זיכערקייט, אַפּראָוויזאַציע, רעגולירונג פון מענטשן־מאַטעריאַל־פראַגן און ד. גל.

אויך דאָס איז קלאָר: דאָס גאַנצע געוויכט פון דער מלחמה און די גאַנצע אָנשטרענגונג פאַר דער מלחמה ליגן אויפן ישוב. די צייט איז קורץ, די ענינים דריקן, און יעדע פאַרגאַכלעסיקונג — אויף אַ וואָך, אויף אַ טאָג, צומאָל אַפילו אויף אַ שעה — קען זיין פאַטאַל.

יעדע אָפּשלעפּונג אין ענינים פון זיכערקייט (און דאָס רוב ישוב־ענינים זיינען איצט פאַרבונדן מיט זיכערקייט) וועט ניט געדולדעט ווערן, ווייל עס קען ברענגען אומגליק און חורבן. די אידישע אַגענץ וועט זיך פון איצט־אָן פאַרנעמען בלויז מיט זאַכן, וואָס זיינען ניט פאַרבונדן מיטן קריג, און אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט זיכערקייטס־ענינים, וועט זיך קאָנצענטרירן אין די הענט פון דער נייער אַנשטאַלט. די דאָזיקע קאָנצענטראַציע איז אַ נויטווענדיקע און דרינגנדע.

פון די „אַלטע גוטע צייטן" האָבן מיר גע'ירש'נט די געוואוינהייט, אָפּ־צולייגן ענינים אויף חדשים און יאָרן. מיר מוזן איצט די דאָזיקע געוואוינהייט אויסרייסן מיטן וואָרצל.

איך וואָרן מיט דער פולסטער ערנסטקייט און טיפסטער זאָרג: יעדער טאָג, וואָס גייט אַדורך אָן דער מאַקסימאַלסטער און קאָנצענטרירטסטער אָנשטרענגונג, איז אַן אומגליק, וואָס קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חורבן.

ווער דער הויפּט־אָרגאַן זאָל ניט זיין — איז קלאָר, אַז די זיכערקייט־לאַגע און די זיכערקייטס־ נויטן זיינען מחייב, אויפצושטעלן אַן איינציקע פאַראַנטוואָרטלעכע מאַכט, וואָס זאָל אָנפירן מיט אַלע זיכערקייטס־ענינים.

כ״ד באדר ב׳ תש״ח — 1948 .4 .4

# זיכערקייטס־רעזשים

(אין דעם זיכערקייטס־קאָמיטעט)

## א.

די דאָזיקע זיצונג איז צונויפגערופן געוואָרן, כדי צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן אַ זיכערקייטס־רעזשים, ווי אויך וועגן די ציווילע זיכערקייטס־אָרגאַנען, וואָס מען דאַרף אויפשטעלן. די פראַגע וועט באַטראַכט ווערן אויף דער סעסיע פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס קומט זיך צונויף אין איניקע טעג אַרום. איך באַטראַכט עס אַלס מיין פליכט צו זאָגן דעם זיכערקייטס־קאָמיטעט — וואָס איך וועל פאַרשלאָגן דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

דער געדאַנק וואָס איז גענומען געוואָרן אַלס פלאַטפאָרם פאַר דעם זיכערקייטס־קאָמיטעט, דאַרף אונז ווייזן דעם וועג, ווי אַזוי צו באַשטימען דעם זיכערקייטס־רעזשים אין די נייע באַדינגונגען. עס זיינען געווען צוויי אויבערשטע אינסטאַנצן אין לאַנד: די אַגענץ, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, און דער ועד לאומי, וואָס האָט רעפּרעזענטירט דעם ישוב. פון פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, זיינען די העגעמאָניע און דעציזיע אין זיכערקייטס־פראַגן געלעגן אין די הענט פון דער אַגענץ. פון שטאַנדפּונקט פון דערווירקלעכקייט איז די זיכערקייט געווען דער לעבנס־וויכטיקסטער ענין פון דעם ישוב; איז געווען קלאָר, אַז צוויי באַזונדערע אינסטאַנצן קענען ניט אָנפירן מיט זיכערקייטס־ענינים, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, איבערצוגעבן די שותפותדיקע קאָמפּעטענץ צו איין קאָמיטעט, — און אַזוי איז אַנטשטאַנען דער זיכערקייטס־קאָמיטעט. דער דאָזיקער געדאַנק דאַרף אונז איצט דינען אַלס וועג־ווייזער אין דער פאַרפעסטיקונג פון דעם זיכערקייטס־רעזשים. מען קען זאָגן: טאָ זאָל עס טאָן דער פאַראַנענער קאָמיטעט; ער רעפּרעזענטירט ווי דעם ישוב, אַזוי די ציוניסטישע באַוועגונג,

און ער לײַדט ניט פון טאָפּלטקייט. און דאָך לעזט דער דאָזיקער פּשוטער ענטפער ניט די פראַגע פון די נייע באַדערפענישן, ווײַל מען קען איצט ניט אָפּשיידן די זיכערקייטס־ענינים פון דעם אַלגעמיינעם לעבן פון ישוב — דעם ווירטשאַפטלעכן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין די פריערדיקע יאָרן איז דער קיום פון דער הגנה געווען די זאָרג פון אַ באַגרענעצטער צאָל מענטשן — די פרײַוויליקע הגנה־מיטגלידער. בלויז ווייניקע זײַנען געווען טיילווייז מאָביליזירט, און נאָר אַ הייפל מענטשן פון אַפּאַראַט האָט אָפּגעגעבן די גאַנצע צײַט פאַר דער הגנה. וואָס אַנ׳אמת — דער הגנה־בודזשעט, לויט די באַגריפן פון דעם נאָענטן עבר, איז ניט געווען קיין קליינער — ער האָט דערגרייכט די סומע פון זעקס הונדערט טויזנט פונט אַ יאָר. — דאָס אַלגעמיינע לעבן פון ישוב, אין דאָרף און אין שטאָט, איז זיך געגאַנגען מיטן געוויינלעכן וועג, אויסער דער שמאָלער סטעזשקע פון דער הגנה. די הגנה האָט זיך ניט געמישט אין דעם גאַנג פון דעם ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. איצט אָבער שטייען מיר פאַר אַ נייער סיטואַציע. עס פירט זיך אַ קריג, און אין אַ חודש אַרום וועלן מיר שטיין פאַר אַ ליידיקן רוים. די רעגירונג צופאַלט זיך, און אין גיכן וועט זי זיך אינגאַנצן אָפּטראָגן פון דאַנען. מיר פירן אַ קריג, און מיר דאַרפן זיך גרייטן צו אַ פיל שווערערן קריג. די זיכערקייטס־ענינים זײַנען דערבײַ ניט מער איזאָלירט אין איינעם פון אונזערע לעבנס־שטעגעלעך — זיי זײַנען איצט פאַרפלאָכטן אין אַלע לעבנס־צווייגן; אין אַלע טאָג־טעגלעכע ענינים; אין דעם עקאָנאָמישן, ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן; אין דעם קיום פון כלל און אין דעם קיום פון פּרט. עס איז מער ניטאָ קיין ווינקעלע, וואָס זאָל זײַן פרײַ פון באַרירונג מיט די זיכערקייטס־ענינים, און עס לאָזט זיך נישט אָרגאַניזירן, לייטן און רעגולירן די זיכערהייט, און ניט גלײַכצײַטיק אָרגאַניזירן, לייטן און רעגולירן דאָס גאַנצע לעבן פון דעם ישוב. עס איז שווער פאָרויסצוזען דעם אומפאַנג און וואוקס פון דעם זיכערהייט־בודזשעט. און וואָס איז שייך דעם מענטשן־מאַטעריאַל — וועלן מיר זיך ניט מער באַנוגענען מיט פרײַוויליקע — מיר וועלן דורכפירן אַ מאַקסימאַלע צוואַנג־מאָביליזאַציע. די פראַגן פון אַפּראָוויזאַציע זענען ניט מער קיין פראַגן פון די זיכערהייטס־כוחות אַליין, נאָר עס איז נוגע דעם גאַנצן ישוב. דאָס קאָמוניקאַציע־פּראָבלעם איז אַ פּראָבלעם פון דעם ישוב, אַלס גאַנצן. די קאָמוניקאַציע איז אַ לעבנס־פראַגע פאַרן ציווילן ישוב. פאַר ירושלים איז עס אַ פראַגע פון לעבן און טויט. אויך אַנדערע געביטן קען מען אָפּשיידן. עס איז איבעריק צוגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר דער קריגס־פירונג איז דער טראַנספּאָרט אַ צענטראַלע פראַגע. דאַרף מען פון איצט אָן האָבן אַ צענטראַלע הערשאַפט איבער דעם מענטשן־מאַטעריאַל, באַשפּייזונג, טראַנספּאָרט־מיטלען, רוי־שטאָף. מיר וועלן אינגיכן מאָביליזירן ניט ווייניקער פון 40,000 פּערזאָן, און מיר דאַרפן גלײַכצײַטיק זאָרגן דערפאַר, אַז די אינדוסטרי און די לאַנדווירטשאַפט זאָל ניט חרוב ווערן; צו דעם צוועק איז אונז נויטיק — ניט אַ זיכערהייט־קאָמיטעט, נאָר — אַ מאַכט.

דאָס איז די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אונזער לעבן, און מיר קענען זיך מער ניט באַנוגענען מיט די עקזיסטירנדיקע אַנשטאַלטן. אין פרידנס־צייטן, ווען די מאַכט איז געווען אין פרעמדע הענט, האָבן מיר זיך געקענט דערלויבן צו האָבן מערערע קאָמפּעטענטע אָרגאַנען אין אונזער אי־נערלעכן לעבן; איצט קען אונז אָבער אַזאַ מין אַנאַרכיע חרוב מאַכן. מיר מוזן האָבן איין איינציקן מאַכט־אָרגאַן, וואָס זאָל באַהערשן אונזער גאַנץ לעבן און זאָל האַלטן אין זיינע הענט — די ווירטשאַפט, דעם טראַנספּאָרט, די פּאָסט, דעם טעלעגראַף, די פּראָדוקציע, די פינאַנצן און דעם מענטשן־מאַטעריאַל, — אַנדערש וועלן מיר ניט אויסהאַלטן.

ווען מיר וואָלטן אפילו ניט געשטאַנען פאַר דער גרינדונג פון אַ יידישער מדינה, וואָלטן מיר געדאַרפט בלויז אין די אינטערעסן פון דער מלחמה אויפ־שטעלן איין אויבערשטן, צענטראַלן מאַכט־אָרגאַן, צו וועלכן עס זאָלן איבער־געפירט ווערן די קאָמפּעטענצן פון די עקזיסטירנדיקע אינסטאַנצן. די דאָזיקע אינסטאַנצן וועלן ניט אויפגעלעזט ווערן, — עס וועלן פאַרבלייבן די אַגענץ־עקזעקוטיווע ווי דער ועד־לאומי. ניט אַלע יידן געפינען זיך אין לאַנד, און ניט דאָס גאַנצע לאַנד געפינט זיך אין אונזערע הענט. אָבער דער נייער מאַכט־אָר־גאַן, וואָס מיר וועלן אויפשטעלן (אין דער אַגענץ־עקזעקוטיווע האָבן מיר אים אַ נאָמען געגעבן „יוד גימל", ווייל זיין פאַרוואַלטונג וועט, וואַרשיינלעך, באַ־שטיין פון 13 פּערזאָן), וועט ניט בילדן קיין צוגאָב צו די פאַראַנענע אינסטאַנצן, נאָר ער וועט מיט זיך פאָרשטעלן דעם העכסטן אָרגאַן, וואָס אַלץ וואָס ער וועט טאָן, וועט זיין אין זיין עקסקלוזיווער קאָמפּעטענץ. אויף פּראָסט לשון: די נייע אינסטאַנץ וועט זיין — די רעגירונג, הגם ביז אַ צייט וועט דער דאָזיקער נאָמען נאָך ניט דערשיינען.

מיטן אויפשטעלן דעם נייעם מאַכט־אָרגאַן וועט בטל ווערן די אינסטאַנץ, וואָס הייסט מ"א (מפקדה אַרצית — לאַנד־קאָמאַנדע). די דאָזיקע קאָמאַנדע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן גרונט פון טאָפּלטן פּאַריטעט: פּאַריטעט צווישן דער יידישער אַגענץ און דעם ועד לאומי, און פּאַריטעט צווישן דער הסתדרות און די ניט־הסתדרותישע טיילן פון ישוב, באַזונדער פון „האיחוד האזרחי" (בירגערלעכער פאַרבאַנד). דער דאָזיקער משונהדיקער צוזאַמענשטעל האָט אָפּגעשפּיגלט די משונה'דיקע אַנטוויקלונג פון דעם ישוב. דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן זיין באַרעכטיקונג. פון איין זייט האָט דער „בירגערלעכער פאַרבאַנד" שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו רעפּרעזענטירן אַלע ניט־הסתדרותישע עלעמענטן; פון דער אַנדער זייט איז דערשינען די „אגודת ישראל" — אַ קערפּערשאַפט, וואָס האָט זיך ניט באַטייליקט ניט אין דער יידישער אַגענץ און ניט אין ועד לאומי און וואָס האָט שוין באַוויזן אַרויסצו־ברענגען פון זיך אַ חלוציש־קאָלאָניזאַטאָרישן קערן. אויב די אגודה־לייט האָבן זיך ניט דערנענטערט צו די ציוניסטישע און ישובישע ראַמען — האָבן זיי זיך אָבער דערנענטערט צו דעם ציוניסטישן און ישובישן אינהאַלט. עס זיינען אויך דערשינען פאָדערונגען פון פאַרשיידענע עדות, אַזוי אַז דער גאַנצער אַלטער פונדאַמענט איז צוזאַמענגעבראָכן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן

אין אַ פיקציע. דער אייגנטלעכער עקזעקוטיווער כוח אין מ״א (לאַנד־קאָמענדע) איז געווען דער רמ״א (ראש מפקדה ארצית — דער הויפּט פון דער לאַנד־קאָמאַנדע), וואָס פלעגט באַשטימט ווערן דורך דער אַגענץ און פלעגט רעפּרעזענטירן די אַגענץ אין דער קאָמענדע. נאָכן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ זיכערהייטס־אָפּטיילונג אין דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ. דער פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע האָט געלייטעט דעם זיכערהייטס־דעפּאַרטמענט, און די ראָל פון רמ״א איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון אינהאַלט — אויף אַזויפיל וויפיל די אַגענץ איז אין דעם נייעם זיכערהייטס־רעזשים רעפּרעזענטירט געוואָרן דירעקט, און ניט ווי פריער — אומדירעקט.

מיט דער פאַרמערונג פון זיכערהייטס־פּראָבלעמען זיינען אויפגעקומען נייע אַנשטאַלטן: די אויסנאַם־קאָמיסיע, די נגב־קאָמיסיע און אַ. ז. וו.

פון אָנהויב פון מיין טעטיקייט, אַלס הויפּט פון דער זיכערהייטס־אָפּטיילונג, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די גרויסע צאָל אינסטאַנצן שעדיקט דירעקט די זיכערהייטס־אינטערעסן. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז אַזעלכע באַשטייענדע זאַכן איז שווער צו פאַרריכטן, און אַז עס איז צוליב די נויטיקע אויסבעסערונגען ניט כדאי אַרויסצורופן סיכסוכים, ווייל וואָס מיר וועלן פאַרדינען מיט די אויסבעסערונגען — וועלן מיר פאַרלירן דורך די סיכסוכים. איך האָב זיך דעריבער באַמיט צו פאַרשטאַרקן אונזערע פאַרבאַרייטונגען אויף דער צוקונפט — מיט דער הילף פון די פאַראַנענע אינסטאַנצן. אונזער איצטיקע לאַגע איז אונז אָבער מחייב דורכצופירן אַ גרינטלעכע רעאָרגאַניזאַציע ניט נאָר פון די זיכערהייטס־אָרגאַנען, נאָר אויך פון אַלע אינסטיטוציעס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין ישוב. עס וועט אויפגעשטעלט ווערן אַן אויבערשטע, צענטראַלע אינסטאַנץ — יוד־גימל — וואָס וועט אַריינגעמען אין זיינע הענט אַלע וויכטיקסטע ענינים פון דעם ישוב. נאָכן 15־טן מאַי וועט די דאָזיקע אינסטאַנץ פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צייטווייליקע רעגירונג.

## ב

### (אַן ענטפער נאָך דער דעבאַטע)

איך אַקצעפּטיר ניט דעם טעזיס, אַז אַ רעגירונג מוז זיך באַשעפטיקן מיט אַלע לויפנדע ענינים און אַז דעריבער דאַרף עקזיסטירן אַ באַזונדער זיכערהייטס־קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט די קריגס־ענינים. — אין קריגס־צייט האָט די רעגירונג בלויז איין אויפגאַבע: צו פירן דעם קריג. און מלחמה־פירונג הייסט ניט — געבן באַפעלן צו די קאָמאַנדירן, נאָר קאָאָרדינירן אַלע פאָלקס־אינטערעסן אויפן וועג צום נצחון: קאָלאָניזאַציע, פּאָסט און טעלעגראַף, מענטשן־מאַטעריאַל, אויסערן־פאַרבינדונגען און אַז״וו. דאָס אַלץ איז אין גדר פון מלחמה־פירונג, און ווער עס וועט אַרויסנעמען די מלחמה־פירונג און וועט זי איבערגעבן צו אַן אָרגאַן, וואָס געפינט זיך אויסערהאַלב דער רעגירונג, וועט דערמיט אויפשטעלן צוויי קעגנגעזעצטע רעגירונגען אָדער

ער וועט די אייגנטלעכע רעגירונג אויסליידיקן פון יעטוועדן אינהאַלט; ער וועט דאַדורך פון די מלחמה־פירער, וואָס זיינען אויסער דער רעגירונג, אַוועקנעמען די מיטלען און אינסטרומענטן, וואָס זיינען נויטיק פאַרן קריג.

ביז איצט — צוליב דרכי שלום — פלעגן מיר שלום־מאַכן מיט כלערליי אַנאָמאַליעס און אַבסורדן אין אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער איצט ווערט אַלץ באַשטימט דורך די מלחמה־נויטן. און מיט אַנאַרכיע קען מען ניט פירן קיין מלחמה און מען קען ניט מנצח זיין אין אַ קריג.

עס האָט זיך דאָ דערוועקט די פראַגע וועגן ספּעציאַליסטן און זייער באַטייליקונג אין דער מלחמה־לייטונג; פאַר טעכנישע ענינים וועלן מיר זיך באַנוצן מיט די עצות פון ספּעציאַליסטן, — אָבער דאָס לעצטע וואָרט וועט שטענדיק געהערן ניט צו די ספּעציאַליסטן, נאָר צו די ציווילע פאָלקס־פאָרשטייער. ניט דער ספּעציאַליסט דעצידירט — מאַכן צי ניט מאַכן אַ קריג. ניט דער ספּעציאַליסט וועט באַשליסן — פאַרטיידיקן אָדער ניט פאַרטיידיקן דעם נגב. דער ספּעציאַליסט וועט בלויז אַרויסזאָגן זיין מיינונג, ווי אַזוי די זאַכן צו מאַכן.

די מלחמה גופא וועט זיך אויך ניט פירן דורך מיליטערישע קאָמאַנדירן, נאָר דורך דער ציווילער מאַכט. דאָס מיליטער וועט אויספירן די באַשלוסן פון דער רעגירונג. עס זיינען דאָ טעכניש־פּראָפעסיאָנעלע פראַגן אין דער קריגס־פירונג, גלייך ווי אין אַנדערע טעטיקייטס־געביטן, — דאַרף מען האָבן עקספּערטן פאַר אַלע צווייגן פון מיליטערישער, אָרגאַניזאַציאָנעלער און אָפּעראַטיווער טעכניק. באַשלוסן ווערן אָבער אָנגענומען ניט נאָר אויפן סמך פון דער מיינונג פון טעכניקער אין פּראָפעסיאָנעלע פראַגן, נאָר אויפן גרונט פון אַן אַלגעמיינער אָפּשאַצונג פון די אומשטענדן פון צייט און פּלאַץ, דאָס הייסט — אויפן גרונט פון אַ פּאָליטישער אויסרעכנונג, — און דאָס טוט די רעגירונג.

אונזער פּאָליטיש פּראָגראַם — ווי ביז איצט, אַזוי ווייטער — באַשטייט פון דריי פּונקטן, און אין דער פאָלגנדער אָרדענונג: זיכערהייט, די יידישע מדינה, יידיש־אַראַבישער בונד.

# וואָס לערנען מיר פון דעם פיר־חדשים׳דיקן געראַנגל?

(אויף דער סעסיע פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט)

אין משך פון די פיר חדשים, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף קעגן אונז — דעם 30־טן נאָוועמבער, 1947 — זיינען געהרג׳עט געוואָרן איבער 900 יידן; די יידן אין דער אַלט־שטאָט פון ירושלים זיינען שוין עטלעכע מאָנאַטן באַלאַגערט; די גאַנצע אידישע ירושלים איז טיילווייז אָפּגעשניטן די גאַנצע צייט; צען טעג איז זי געווען גענצלעך אָפּגעשניטן און איבער איר קאָפּ האָט געשוועבט די סכנה פון הונגער, אַ סכנה וואָס איז נאָך ניט פאַרביי; כמעט אַלע וועגן אין לאַנד זיינען ניט זיכער, און אַ ייד קען ניט אַרויספאָרן אָן לעבנס־געפאַר; אייניקע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אונזערע — אין גליל, עמק הירדן, יהודה און אין נגב — זיינען איבערגעפאַלן געוואָרן; צומאָל זייער שווער, — דורך הונדערטער און זאָגאַר טויזנטער באַנדיטן; אין די דריי שטעט — חיפה, יפו־תל־אביב און ירושלים — הערן ניט אויף די צוזאַמענשטויסן אפילו ביינאַכט; טויזנטער פרעמדע באַוואָפנטע אַראַבער, — מערערע פון זיי — זעלנער און אָפיצירן פון די שכנותדיקע מדינות, — האָבן זיך אַריינגעריסן אין לאַנד, און זייער צאָל האַלט אין איין וואַקסן; זיי קומען איבערהויפּט פון סיריע, איראַק און עבר הירדן, טיילווייז אויך פון מצרים, און זיי קומען — ווייניקסטנס, טיילווייז — באַוואָפנט מיטן געווער, וואָס איז צו די דאָזיקע מדינות געשיקט געוואָרן דורך דער ענגלישער רעגירונג; אַ סך פון די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער, אין שטאָט און אין דאָרף, האָבן פּריוואַט געווער, און ווער עס האָט ניט — באַמיט זיך צו דערווערבן אפילו פאַר איבערגעטריבענע פּרייזן, — 100—120 פונט פאַר אַ ביקס; אויפן וואונטש פון דער רעגירונג געפינט זיך אין לאַנד דער אַראַבישער לעגיאָן; עס איז כלומרשט דאָס מיליטער פון עבר הירדן, אָבער פאַקטיש ווערט דער לעגיאָן אויסגעהאַלטן דורך דער בריטישער אימפּעריע, און דאָס איז די אַמבעסטן אויסגעשטאַטעטע, דיסציפּלינירטע און מושטרירטע אַראַבישע אַרמיי.

*

די רעגירונג אין לאַנד איז פיינטלעך צו אונז. הגם זי צוברעקלט זיך, באַמיט זי זיך נאָך, ערב איר עוואַקואירן זיך, דירעקט און אומדירעקט, צו שטערן דעם ישוב אין זיינע פאַרטיידיקונגס־הכנות. אין קעגנזאַץ צו די יו־ען־באַשלוסן האָט זיך די רעגירונג אָפּגעזאָגט צו באַפרייען דעם 1־טן

פעברואַר דעם תל־אביבער פּאָרט, הגם די בריטישע פּאָליציי און מיליטער האָבן שוין פאַרלאָזט דעם תל־אביבער ראַיאָן; בריטישע שיפן פּאַטרולירן טאָג און נאַכט אין די וואַסערן פון תל־אביב. פּאַקטיש פירט דורך די בריטישע רע־גירונג אַ ים־בלאָקאַדע אויף ארץ ישראל, געווענדעט קעגן די יידן, אין דער צייט, וואָס די יבשה־גרעניצן פון מזרח, צפון און דרום זיינען אָפן פאַר די אַראַ־בישע באַנדעס און אַרמייען. די רעגירונג מאַכט טאַקע רעוויזיעס אויף אויס־צוגעפינען געווער — ווי ביי יידן אַזוי אויך ביי די אַראַבער — און פון מאָל צו מאָל קאָנפיסקירט זי געווער סיי ביי יידן און סיי ביי אַראַבער; צייטנווייז גיט זי מיליטערישע הילף צו יידישע ישובים, און צייטנווייז — צו אַראַבישע, אָבער פאַרטיילן פאַרטיילט זי געווער אויסשליסלעך צווישן די אַראַבער, אין שטאָט און אין דאָרף. די פעסטגעשטעלטע קלאָרע פּאָליטיק פון דער רעגירונג אויפן געביט פון זיכערקייט איז — האַמעווען די יידישע זעלבסטשוץ, און פאַרסירן די אַראַבער אָנצוגרייפן אונז.

אויסער דעם אַלעמען שטייען מיר אויפן געביט פון מלוכה־דינסט פאַר אַ ליידיקן רוים, וואָס האָט זיך געעפנט נאָך פאַרן 15־טן מאַי. אין לאַנד עק־זיסטירט ניט קיין שום עפעקטיווע מאַכט, און די מלוכה־דינסטן צוברעקלען און צופאַלן זיך; עס שטאַרקט זיך דער כאַאָס אין לאַנד און ער וועט דער־גרייכן זיין שפּיץ אין דעם טאָג ווען עס ווערט אָפיציעל אַנולירט די מאַנדאַט־מאַכט — דעם 15־טן מאַי; דאָס לאַנד וועט דאַן זיין אָפן פאַר אַ פולער אָפּענסיווע פון די פיינטלעכע כּוחות. און דעם פיינטס רעזערוון זיינען כמעט אומאויסשעפּ־באַרע. די פּראָפּאָרץ צווישן די ארץ ישראלדיקע אידן און די אַראַבער פון ארץ ישראל און די אַרומיקע לענדער — אָן צפון אַפריקע — איז אומגעפער: 1 קעגן 40; אויסער דעם האָבן די אַראַבער אַ מלוכה׳שן סטאַטוס: זעקס מדינות זיצן אין דער יו־ען, און די זיבעטע — עבר־הירדן — איז אַ פאַרבינדעטע פון ענגלאַנד, — אַ באַדייטנדער טייל פונם געווער פון דעם בריטישן מיליטער ווערט איבערגעפירט צום אַראַבישן לעגיאָן. דאַקעגן, דאָס אָנגעגריפן יידיש פאָלק האָט נאָך פאַרלויפיק קיין שום מלוכה׳שן סטאַטוס, האָט ניט קיין מאַכט, געניסט ניט פון אינטערנאַציאָנאַלער אָנערקענונג, עקזיסטירט בכלל ניט אַלס אַ מלוכה׳שע איינהייט, קען ניט דערווערבן געווער — ווייל געווער פאַרקויפט מען בלויז צו אָנערקענטע רעגירונגען, ווי די אַראַבישע, למשל. קעגן דעם אידישן שטאַטלאָזן פאָלק שטייען 7 סואווערענע אַראַבישע מדינות: לבנון, סיריע עבר הירדן, מצרים, סעודיה, תימן. זיי באַזיצן אַ מער־ווייניק אויסגעשולט מיליטער, און אייניקע האָבן אפילו מיליטערישע לופט־כוחות. מצרים האָט זאָגאַר אַ ים־פלאָט. אַזוי — אין גרונט — זעט אויס די לאַגע, און די דאָזיקע לאַגע שטעלט פאַר אונז אַ גורל־פראַגע, ווי עס איז פאַר אונז ניט געשטאַנען הונדערטער יאָרן —— און אפשר אפילו העכער טויזנט און אַכט הונדערט יאָר.

*

די פראַגע איז ניט: פאַרטיידיקן זיך אָדער אונטערגעבן זיך. מיר האָבן גאָר אַזאַ ברירה ניט. און ווען איך זאָג „מיר" — מיין איך ניט אַלע אידן פון

ארץ ישראל. אַן איינצלנער איד אָדער איינצלנע אידן קענען אָננעמען, אַז זיי האָבן יאָ אַ ברירה, אַז מען קען ניט נאָר פּאַרטיידיקן זיך, נאָר אפילו אונטער־געבן זיך; מיט „מיר״ מיין איך אפילו ניט סתם ציוניסטן, — אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע קען זיך צומאָל באַנוגענען מיט אַ שקל אַליין. איך זאָג דאָס, לגמרי ניט אונטערשעצנדיק דעם ווערט פון דעם שקל, אפילו אין איצטיקן העכסט קריטישן מאָמענט. אָבער דער שקל־צאָלער מוז ניט געהרגעט ווערן פאַרן ציוניזם. אַזאַ זאַך איז אויפן שקל ניט געשריבן און דאָס געהערט ניט צו דער ציוניסטישער דיסציפּלין. דער שקל־צאָלער דריקט בלויז אויס זיין הסכמה צו אַ געוויסער שטרעבונג, לויט ווי ס׳איז פאָרמולירט אין דעם באַזעלער פּראָגראַם, נאָר אָפּגעבן זיין לעבן פאַר דער דאָזיקער שטרע־בונג, מוז ער ניט.

מיט „מיר האָבן קיין ברירה״ מיין איך יענע יידן, — ווי אין ארץ ישראל, אַזוי אין די גלות־לענדער, — וואָס זיינען מסוגל צו לעבן בלויז אויף איין שטייגער: אַ זעלבסטשטענדיק אידיש לעבן אין דעם פאָטערלאַנד. די דאָזיקע אידן — צי זיי זיינען דאָ, אָדער זיי דאַרפן ערשט קומען קיין ארץ ישראל — האָבן קיין ברירה ניט: זיי קענען זיך ניט אונטערגעבן און ווילן זיך ניט אונטערגעבן — ניט דעם מופטי, ניט די פירער פון דער אַראַבישער ליגע, אויך ניט דער רעגירונג פון בעווינען אָדער אַנדערע רעגירונגען, וואָס ווילן געבן זייער האַנט בעווינען. די דאָזיקע יידן מוזן זיך פאַרטיידיקן, מוזן קעמפן פאַר זייער רעכט און פאַר דאָס רעכט פון זייער פאָלק אויף זיין פאָטערלאַנד און אומאָפּהענגיקייט. אַז מען פּרוּווט אַוועקצורייבן פון זיי דאָס דאָזיקע רעכט מיט גוואַלט — פאַרטיידיקן זיי דאָס רעכט מיט זייער גאַנצער קראַפט. פאַר יענע יידן איז עס אַ היסטאָריש רעכט, זכות אָבות, אויך דאָס רעכט פון דורות־לאַנגער חלוצישער שאַפונג, און אויך דאָס רעכט וואָס איז אָנערקענט אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום, און דאָס רעכט וואָס קומט פון יידישע ליידן אין גאָר דער וועלט אין משך פון צענטליקער דורות און אויך פון אונ־זער דור, — פאַר די אַלע יידן איז דאָס דאָזיקע רעכט אַ פראַגע פון לעבן און טויט; און זיי האָבן קיין ברירה ניט: זיי ווילן מיט דעם גאַנצן כוח באַ־שטיין אויף דער דערפילונג פון דעם דאָזיקן רעכט.

די פראַגע ,וואָס שטייט איצט פאַר אונז: ווי אַזוי צו קעמפן פאַרן נצחון, אַזוי אַז ער זאָל פאַרזיכערן דעם פרייען קיום פון אונזער פאָלק, די אומגע־שטערטע אַנטוויקלונג פון זיין ארץ ישראלדיקער שאַפונג, זיין שטאַט־צוקונפט און זיין אינטערנאַציאָנאַלן סטאַטוס.

*

אויף דער לעצטער סעסיע פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אין אויגוסט 1947 אין ציריך, האָב איך געמאַכט אַן אומגעלונגענעם פּאַרזוך. איך האָב געפּרוּווט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און איר באַוואוסטזיין צו דער הנחה, אַז אין דער איצטיקער צייט איז די זיכער־הייט פון דעם ישוב דאָס צענטראַלע, דעצידירנדיקע און אַלץ־באַשטימנדיקע

פּראָבלעם, און אַז די זיכערהייטס־אינטערעסן זיינען די, וואָס זיי און נאָר זיי דאַרפן רעגולירן אַלע אַקציעס פון דער באַוועגונג און פון דעם ישוב — איינ־וויניק און אין דרויסן. — די ציוניסטישע באַוועגונג איז דאָן, ווייזט אויס, ניט געווען גרייט צו הערן אַזעלכע רייד.

איצט דאַרף מען מער ניט איבערצייגן די ציוניסטישע באַוועגונג, און אוודאי ניט דעם ישוב, אַז די לאַגע איז קריטיש און די סכנה גרויס. און דאָך צווייפל איך, צי די ציוניסטישע באַוועגונג, און אַפילו דער ישוב, האָבן שוין געצויגן אַלע קאָנסעקווענצן און צי זיינען זיי גרייט, צוצופּאַסן זייער גאַנצן לעבן צו די באַדערפענישן, וואָס די דאָזיקע לאַגע האָט געשאַפן.

מיר שטייען קעגן דעם אַגרעסיוון אַראַבישן כוח אין לאַנד און אויך קעגן דעם גוואַלדיקן פּאָטענציאַל פון די אַראַבישע מדינות, הינטער וועלכע עס שטייט אַ גרויס־מאַכט אָדער עס שטייען אייניקע גרויס־מאַכטן און ליפערן פּאָ־ליטישע הילף און געווער. ס'איז דעריבער בויטיק די העכסטע כוחות־אָנ־שטרענגונג פון אונזער זייט. די העכסטע אָנשטרענגונג מוז פאַרשקלאַפן (איך זאָג בכוונה דאָס דאָזיקע אומסימפּאַטישע וואָרט) דאָס גאַנצע לעבן פון דעם ישוב, זיין ווירטשאַפט, מענטשן־מאַטעריאַל, טראַנספּאָרט, טעכניק און וויסנשאַפט, פינאַנציעלע מיטלען, מאָראַלישע קראַפט, פּרעסע, געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אויך אַלע אַנשטאַלטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אירע מיטלען און פּאָליטישע השפּעה. — אָן דעם אַלעמען — ווער ווייס צי וועט מען קענען מנצח זיין.

מיר וועלן ניט מנצח זיין מיט מיליטערישן כוח אַליין. אין היינטיקע צייטן ווערט קיין מלחמה ניט געפירט דורך דעם מיליטער אַליין. אַלע מלחמות פון אונזער דור ווערן געפירט דורכן גאַנצן געגעבענעם פאָלק. און אונזער מלחמה איז שווערער פון אַלע אַנדערע מלחמות, ווייל די דאָזיקע מלחמה פירט זיך ניט קעגן דעם יידישן מיליטערישן כוח, נאָר קעגן דעם גאַנצן ישוב, און ווינ־ציקער ווי אין יעדן אַנדערן קריג, קען מען ביי אונז אונטערשיידן צווישן פראָנט און הינטערן פראָנט. יעדער איינער פון אונז, — גרויס אין קליין, מאַן און פרוי, אַלט און יונג, — צי ער וויל, צי ער וויל ניט — איז ער אויפן פראָנט. און די מלחמה איז אונז דערקלערט געוואָרן, הגם מיר זיינען נאָך ניט קיין מדינה, מיר האָבן נאָך ניט קיין אָנערקענטע רעגירונג, מיר קענען נאָך ניט דערוואָרבן געווער, און עס איז ניט שווער אַרויפצולייגן אויף אונז אַ ים־בלאָקאַדע גלייך אַזוי, ווי מען האָט אַרויפגעלייגט אַ יבשה־בלאָקאַדע. יעדער ישוב אונזערער איז אַ גרענעץ־פּונקט און יעדער איינער פון אונז וואוינט אין דער גרענעץ־זאָנע, וועלן מיר אָן אַ טאָטאַלער מאָביליזאַציע און אָן פולער הערשאַפט איבער די רעסורסן פון דעם ישוב, ניט קענען אויסהאַלטן.

מיליטער אַליין — אפילו אַ סך מיליטער — גענוגט ניט. מיר וועלן מאָ־ביליזירן די ווירטשאַפט, דעם גייסט און די מאָראַלישע פאַרפאַנצערטקייט. אַפילו פּראָפעסיאָנעלע מיליטער־לייט האָבן אָנערקענט, אַז די ווערט פונם מאָראַלישן כוח איז ווי צוויי דריטל פונם מיליטערישן כוח. אָבער מיט די צוויי דריטל אַליין קען מען ניט זיגן. מען מוז האָבן אויך דעם דריטן טייל... דאָס

אַלץ צווינגט אונז אויף אַ נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע סיסטעם — פאַרן ישוב און פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג — צוגעפּאַסט צו די מלחמה־אינטערעסן.

די הויפּט־אויפגאַבע פון דער דאָזיקער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט איז, אין דער דאָזיקער ראָם צו אָרגאַניזירן דעם ישוב און די ציוניסטישע באַוועגונג — ניט דוקא לויט דער ציוניסטישער קאָנסטיטוציע און טויזנטער געוואוינהייטן אונזערע, אויך ניט לויט דער פּופּציק יאָריקער טראַדיציע, נאָר אויסשליסלעך לויט ווי עס דיקטירן אונז די פּאַרטיידיקונגס־אינטערעסן. אויב ער וועט האַנדלען אַנדערש — וועט ער פאַרפעלן זיין שליחות און וועט שטעלן אין געפאַר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

*

איך דאַרף זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם, וואָס עס מאַטערט מסתמא יעדן איינעם פון אייך: צי וועלן מיר בכלל אימשטאַנד זיין אויסצוהאַלטן? איך בין מודה, אַז קיין זעלבסטפאַרשטענדלעכע תשובה האָב איך ניט. איך פאַר זיך אַליין בין זיכער, אַז מיר וועלן אימשטאַנד זיין, אָבער איך וועל זיך ניט אונטערנעמען צו דערוויזן עס אַזוי, ווי מען דערווייזט אַ מאַטעמאַטישע טעאָרעמע. איך באַזיץ ניט אַזעלכע באַווייזן, און איך צווייפל, צי אַנדערע באַזיצן זיי. ווען מיר וואָלטן זיך ווענדן צו עקספּערטן־סטראַטעגן און עקאָנאָמיסטן — וואָס קענען ניט דעם ישוב און ווייסן גאָרנישט פון דעם אינערלעכן כוח פון דעם ציוניזם, און מיר וואָלטן זיי געפרעגט: אָט האָט איר דאָ אַ יידישן ישוב פון 650 טויזנט נפשות מיט אַזאַ און אַזאַ צאָל פון מענער און פרויען אין אַ באַשטימטן עלטער; און אָט דאָס איז די לאַנדווירטשאַפט פון דעם ישוב, און דאָס איז זיין אינדוסטרי און זיין פאַרמעגן, און אָט דאָס איז זיין מיליטערישע קענטעניש און זיין מיליטערישע אויסשטאַטונג, און דאָס זיינען זיינע פינאַנציעלע מיטלען; און אָט אַ דאָס איז די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע, פוילן און אַנדערע לענדער, — זי איז גרייט צו העלפן דעם ישוב, אָבער זי איז געצוימט דורך די אַנטשפּרעכנדע רעגירונגען, און אויסער דעם איז זי טויזנטער מיילן ווייט פון ארץ ישראל; — פון דער אַנדערער זייט שטייט אַן אַראַבישער ישוב אין ארץ ישראל, וואָס ציילט אַ מיליאָן מיט הונדערט טויזנט נפשות, און הינטער זיי שטייען נאָך דרייסיק מיליאָן אַראַבער — ניט אויף יענער זייט ים, נאָר אין אַ קאָמפּאַקטן שטח, לענג־אויס די גרענעצן פון לאַנד — און די דאָזיקע דרייסיק מיליאָן האָבן אייגענע מדינות און רעגירונגען און מיליטער און בודזשעטן און האַרמאַטן און אַעראָפּלאַנען און שיפן, און זיי באַקומען נאָך געווער און פּאָליטישע, מיליטערישע און פינאַנציעלע הילף מצד ענגלאַנד, און זיי קענען גאָר לייכט קומען אַהער און אַטאַקירן דעם יידישן ישוב, — ווען מיר וואָלטן די עקספּערטן געשטעלט אָט די אַלע פראַגן, האָב איך מורא, אַז זיי וואָלטן באַלד געענטפערט: ניין, אַזאַ ישוב האָט ניט קיין האָפנונג אויסצוהאַלטן.

און ווען מיר וואָלטן געפרעגט די עקספּערטן, ניט היינט, נאָר מיט פיר־פינף חדשים צוריק, — נאָך דעם ווי מיר וואָלטן זיי איבערגעגעבן די גאַנצע

אינפאָרמאַציע וועגן דעם ישוב און זיין מיליטערישן פּאָטענציאַל, ווי אויך וועגן די אַראַבער און זייער מיליטערישן פּאָטענציאַל און זייערע פאַרבינדונגען מיט די ענגלענדער: צי וועט אַזאַ ישוב קענען אויסהאַלטן עטלעכע חדשים? — בין איך אויך דאָ זיכער אין אַ נעגאַטיוון ענטפער. און אָט זיינען פאַרביי פיר חדשים, און די געשיכטע פון די דאָזיקע חדשים איז מער־ווייניקער באַקאַנט: מיר האָבן אויסגעהאַלטן. און דער מוסר־השכל פון די דאָזיקע פיר חדשים זאָגט עפּעס.

*

דעם 30־טן נאָוועמבער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אַראַבישער אָנגריף קעגן אונז, האָט דער ישוב ניט געהאַט קיין מיליטער; ער האָט בלויז געהאַט לאָקאַלע שוץ־כוחות, אַזעלכע וואָס שוין זיבעצן יאָר פאַרטיידיקן זיי די „פונקטן" קעגן איבערפאַלן. די דאָזיקע כוחות האָבן געהאַט געוויסע לאַנד־פאַרבינדונגען, אָבער כמעט אַלע זענען זיי געווען צוגעשמידט צו זייערע פלעצער. זיי זיינען ניט געווען קיין געהעריק־אויסגעשולטע זעלנער; זיי זענען געווען אפילו ווייניקער פון דאָס, וואָס די „השומר"־לייט זיינען געווען: פּראָפעסיאָנאַליסטן פון זעלבסט־שוץ. דאַקעגן זענען אין דער הגנה־אָרגאַניזאַציע געווען מענטשן, וואָס האָבן געלעבט פון זייער אַרבעט אָדערווירטשאַפט, פלעגן פון זייער פרייער צייט געבן עטלעכע שטונדן אַ וואָך פאַר איבונגען, און אין פאַל פון נויטווענדיקייט זענען זיי געווען גרייט צו פאַרטיידיקן — יעדערער זיין פלאַץ. אויסער דעם איז געווען אַ קליינע פאָרמאַציע — עטלעכע טויזנט פּערזאָן — וואָס איז געווען טיילווייז מאָביליזירט; אויך די דאָזיקע פאָרמאַציע האָט אַ העלפט פון איר צייט אָפּגעגעבן פאַר דער ווירטשאַפט, און נאָר אין משך פון דער צווייטער העלפט צייט פלעגט זי זיך פאַרנעמען מיט מיליטערישע איבונגען; אָבער דער דאָזיקער מיליטערישער כוח איז שטענדיק גרייט געווען צום ערשטן רוף און ער איז ניט געווען געבונדן צו איין פלאַץ. — איך האָב דאָ אין זינען דעם פלמ"ח. עס איז געווען אַן אָנהויב פון נאָך אַ פאָרמאַציע, אויך אַ פּריוויליקע, ניט קיין מאָביליזירטע, וואָס אירע חברים זיינען — טעאָרעטיש — ניט געווען געבונדן צו זייער פלאַץ. זיי האָבן באַקומען מיליטערישע אויסשולונג, און ניט דוקא פאַר לאָקאַלע צוועקן. זיי זיינען געווען באַשעפטיקט אין פאַבריק, אין פעלד, אין געשעפט, — און נאָר אַ טייל פון זייער פרייער צייט פלעגן זיי ווידמען די איבונגען — איין טאָג אָדער צוויי אַ חודש. אויפן הגנה־זשאַרגאָן האָט עס זיך גערופן — חי"ש (חיל־שדה — פעלד־אַרמיי).

דער בודזשעט, וואָס איז געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון די זיכערהייטס־אָרגאַנען, איז געווען גאָר אַ קליינער — ווייניקער פון אַ דריטל פון דעם סכום, וואָס ענגלאַנד גיט אויס אויפן אַראַבישן לעגיאָן. איך קען גאָר־

נישט דערציילן וועגן דער אמוניציע, אָבער יעדער איינער קען זיך לייכט
אָנשטויסן, וואָס פאַר אַן אַמוניציע מיר פאַרמאָגן אין די געגעבענע אומשטענדן.

אָט אין דער דאָזיקער לאַגע איז אויסגעבראָכן, דעם 30־טן נאָוועמבער
1947, דער קריג, וואָס דויערט נאָך ביז היינט און וואָס האָט זיך ניט איבערגע־
ריסן אויף קיין איינציקן טאָג אין די שטעט, וועגן, לאַנדווירטשאַפטלעכע
ישובים — אין דער לענג און ברייט פון לאַנד. און דאָך איז אין משך פון די
פיר חדשים ניט געלונגען דעם שונא, אַריינצודרינגען אין קיין איינציקן
ישוב אונזערן, הגם עס זיינען דאָ שוואַך־באַפעלקערטע, איזאָלירטע פונקטן —
ביי די גרעניצן און אין די מדבריות פון נגב. דער שונא האָט קיין פונקט אונ־
זערן ניט חרוב געמאַכט, און קיין פונקט איז דורך אונז ניט פאַרלאָזן געוואָרן.
וואָס אַן אמת — אין די שטעט, — חיפה, תל אביב און ירושלים, — און איי־
ניקע ראַנד־שכונות, האָבן יידישע איינוווינער פאַרלאָזן זייערע דירות, וואָס
האָבן זיך געפונען אין דירעקטער שכנות מיט די אַראַבישע קוואַרטאַלן, און
האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין ווייטערע געגנדן, ווייל טאָג איין־טאָג אויס,
נאַכט־איין, נאַכט־אויס, ווערן די יידישע פאַרשטעט באַשאָסן פון ביקסן,
קוילנוואַרפערס און מאָרטאַרס, — נאָר טראָץ דעם אַלעמען איז נאָך קיין יידי־
שער קוואַרטאַל ניט איינגענומען געוואָרן; דאַקעגן זיינען דורך אונז איינגענו־
מען געוואָרן אַ סך פיינטלעכע פונקטן. אונזערע שוץ־כוחות זיינען אריינגע־
דרונגען אין אַ סך אַראַבישע ישובים, אפילו אַזעלכע, וואָס געפינען זיך ווייט
פון יידישע ישובים — אין גליל, שומרון, יהודה און אין דעם נגב. אָט האָט
איר אַ רשימה פון אַזעלכע אַראַבישע ישובים: אַראַב־סוקריר, פאַלודזשע,
כאַלסע, סאַלאָמע, יאזור, ביר־אַדאַס, עין־כאַזאַב, כאַוואַסע, בעלעד־על־שייך, נו־
ריס, כפר קנה, שפרעם, סעסע, כאאסאס, כאסיניע, אבו־שושע, קאסטעל, דיר־
איוב און נאָך און נאָך. אונזערע בחורים האָבן געמאַכט אַ תל פון די באַנדעס און
אַ סך אַנדערע אַראַבישע ישובים — פיל מער ווי די, וואָס איך האָב אויסגע־
רעכנט ביי די נעמען — זיינען פאַרלאָזן געוואָרן דורך די צושראָקענע אַראַבער.
אין ירושלים און אויפן וועג צו איר פירט זיך אַ שווערער קאַמף, און הגם
ביז איצט האָט ער זיך געפירט מיט הצלחה, האָט ער זיך נאָך אָבער ניט
פאַרענדיקט; דער וועג צו ירושלים איז נאָך ניט זיכער און עס איז נאָך
ניט פאַרביי די סכנה פאַר דער שטאָט. דאָך איז דער יידישער טייל פון ירושלים
נאָך קיינמאָל, זינט דעם חורבן, ניט געווען אַזוי יידיש ווי איצט. מיר האָבן איצט
אין ירושלים אַ גרויסן קאָמפּאַקטן יידישן בלאָק, וואָס איז, אין גרונט גענומען,
געגליכן צו תל־אביב. ער איז יידיש אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט, באַ־
ווינט דורך און דורך — דורך יידן. אָבער אויסער דעם קאָמפּאַקטן בלאָק
זיינען דאָ אין ירושלים אויך „אינזלען": יידן אין דעם אַראַבישן שטח, און
אַראַבער אין דעם יידישן. אַלע אַראַבישע אינזלען פון דעם יידישן שטח זיינען
פאַרלאָזן געוואָרן דורך די אַראַבער; דאָס זיינען: רוממה, כרם־א־סילה, שייך
באדר, ליפתא און אַנדערע. אָבער קיין שום יידישע שכונה אינערהאַלב דעם
אַראַבישן שטח איז ניט פאַרלאָזן געוואָרן, הגם עס איז שוין צוויי מאָנאַטן, ווי
זיי ווערן אָנגעגריפן ביי טאָג און ביי נאַכט; זיי ווערן אָנגעגריפן ניט דורך אַראַ־

בער אַליין. — פון חיפה איז אויך אַ דריטל פונם אַראַבישן ישוב אַנטרונען געוואָרן. — דער יידישער ישוב איז פון קיין שטאָט ניט אַנטלאָפן.

עס טרעפן איינצעלנע פאַלן, ווען איינצעלנע יידן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָבער דער אידישער ישוב, אַלס אַ גאַנצער, ווי אין דער לאַנדווירטשאַפט, אַזוי אין די שטעט, שטייט פעסט אויפן אָרט. — אין דעם סאַמע איצטיקן מאָמענט פאַרלאָזן די אַראַבער אַסך דערפער אין דעם געביט צווישן תל אביב און זכרון־יעקב. מעגלעך, אַז עס ווערט געטאָן אונטערן דרוק פון די באַנדע־קאָמאַנדירן צוליב אַראַבישע סטראַטעגישע אינטערעסן; זיי עוואַקויִרן פרויען און קינדער און ברענגען אַריין קאַמפּס־גרופּן, — אָבער עס קען אויך געמאָלט זיין, אַז עס ווערט געטאָן פון פחד. ווי עס זאָל ניט זיין — לאָזט זיך גלויבן, אַז אַסך פון די אַראַבישע דערפער וועלן ניט פאַרבלייבן ליידיק און אַז יידישע בחורים וועלן זיי באַזעצן; אין אַ טייל דערפער האָבן זיי זיך שוין באַזעצט.

מיר דאַרפן געדענקען, אַז די אַראַבער האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקן איבערגעוויכט ניט נאָר אין צאָל, נאָר אויך אין אַנדערע זאַכן, און איבערהויפּט אין אַמוניציע. דער אַראַבישער המון אין ארץ ישראל באַזיצט געווער. אידן — אויסער אין דער לאַנדווירטשאַפט — האָבן ניט קיין פּריוואַט געווער. — די אַראַבער האָבן געהאַט נאָך אַ מעלה: איניציאַטיוו; זיי זיינען געווען די אָנגרייפער. זיי קענען זיך שטענדיק אויסקלייבן דעם ישוב, וועלכן זיי באַשליסן אָנצוגרייפן. דאָס איז אַ גוואַלדיקע מעלה. — נו, אויף זייער זייט איז דאָך נאָך אויך געשטאַנען די רעגירונג, — איך מיין — די בריטישע רעגירונג, אויסער די אַראַבישע מדינות. און דאָך האָבן מיר זיך געהאַלטן בכבוד, אין דער צייט, וואָס די אַראַבער האָבן אין א סך ערטער געהאַט מפּלות.

*

דער דאָזיקער פאַקט גיט האָפנונגען אויף שפּעטער, כאָטש מען טאָר ניט מאַכן קיין ווייטגייענדיקע אויספירן. אויב אין פאַרלויף פון פיר מאָנאַטן איז ניט געשען קיין אומגליק, הייסט עס נאָך ניט, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין געפאַר. מען מוז נעמען אין באַטראַכט, אַז דער אַראַבישער פּאָטענציאַל איז נאָר טיילווייז אויסגענוצט געוואָרן. מען נעמט אָן, אַז אין לאַנד געפינען זיך איצט 6־7 טויזנט מיטגלידער פון פרעמדע באַנדעס, אָבער מיט דער צייט קען זייער צאָל וואַקסן ביז צו צענדליקער טויזנטער און מער. און עס זיינען נאָך דאָ רעגולערע אַראַבישע אַרמייען. אין אַ קורצע צייט אַרום וועט אין לאַנד הערשן אַן אָפיציעלע אַנאַרכיע. די בריטישע אַדמיניסטראַציע, כל זמן זי געפינט זיך אין לאַנד — האָט זי נאָך אויף זיך געוויסע פליכטן און זי ווירקט לויט אַ באַשטימטער קאָנסטיטוציע. אָבער נאָכן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און נאָכן איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פון מיליטער, וועט דאָ מער ניט זיין — ניט קיין געזעץ, ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ניט קיין פליכטן. דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט זיך אָנגענומען אַ געזעץ, אַז דאָס בריטישע מיליטער, וואָס וועט פאַרבלייבן אין לאַנד נאָכן 15־טן מאַי (מ׳זאָגט, אַז עס וועט פאַרבלייבן נאָר ביזן 1־טן אויגוסט 1948; איך בין ניט ערב, אַז עס וועט זיך ניט פאַרציִען אויף

אַ יאָר, צוויי יאָר, פינף יאָר), וועט זיין באַרעכטיקט צו האַנדלען, ווי עס וועט געפינען פאַר נויטיק, ניט טראָגנדיק אויף זיך קיין שום אחריות, אַבי נאָר עס זאָל זיין In Good Faith („מיט גוטע כוונות״); און דאָס מיליטער אַליין וועט פסקענען, וואָס איז אַזוינס — „גוטע כוונות״.

עס איז געווען אַ סיכסוך צווישן דער יו־ען און איר עקזעקוטיוו־קאָמיסיע פאַר ארץ ישראל, פון איין זייט, און די בריטישע פאַרטרעטער אין דער יו־ען, פון דער אַנדער זייט, וועגן באַפרייען אַ יידישן פּאָרט נאָכן ערשטן פעברואַר. די בריטישע פאָרשטייער האָבן גע׳טענה׳ט, אַז זיי קענען דערצו ניט מסכים זיין, ווייל מען קען ניט צוטיילן די מאַכט; כל זמן זיי געפינען זיך אין לאַנד דאַרפן זיי רעגירן איבערן גאַנצן לאַנד. — אָבער אַ טעות וועט מאַכן דער, וואָס וועט אָננעמען פאַר זיכער, אַז נאָכן 15־טן מאי וועט באַפרייט ווערן דער פּאָרט פון תל־אביב. דער בריטישער פּלאַן וועט בעלי־ביתעווען אין די וואַסערן פון ארץ ישראל; פון דעם הויז, וואו איך וואוין, אויפן ברעג ים, זע איך, ווי אַזוי אַ בריטישע קריגס־שיף שפּאַצירט אַרום טאָג און נאַכט צווישן תל אביב און יפו. ניט נאָר אויפן ים, נאָר אויך אויף דער יבשה בלייבט איבער מיליטער, וואָס האָט אייגנטלעך קיין שום אַנדער אויפגאַבע, ווי נאָר עוואַקואירן זיך, אָבער עס האָט רעכט צו זאָרגן פאַר אייגענער זיכערהייט, און אין די אינטע־רעסן פון זיכערהייט האָט עס רעכט צו פאַרשליסן דעם תל אביבער פּאָרט, כדי מען זאָל דורך אים ניט אַריינברענגען קיין געווער פאַר יידן, ווייל דאָס געווער קען דאָך שטעלן אין געפאַר דאָס בריטישע מיליטער. פון די זעלבע מאָטיוון אויס, וועט דאָס מיליטער — אויב עס וועט עס געפינען פאַר נויטיק — קענען אפילו איינעמען תל אביב, — און — לית דין ולית דיין. עס איז אויך אָנצו־נעמען, אַז נאָכן 15־טן מאַי וועלן די אַראַבער באַקומען מער פרייהייט אין זייער טעטיקייט. דאַקעגן איז עס ווייט ניט זיכער, אַז מיר וועלן אויך זיין פרייער — צו פאַרטיידיקן און פאַרזאָרגן זיך. דעריבער זאָג איך: אונזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג אין די פאַרגאַנגענע פיר מאָנאַטן דערמוטיקט און דערוועקט כבוד; דאָס יידישע פאָלק און דער ישוב מעגן שטאָלצירן מיטן יידישן פאַר־טיידיקער, — אָבער מיר טאָרן פון דעם ניט מאַכן קיין אויספיר, אַז עס וועט אונז גאָרניט געשען און מען דאַרף זיך ניט זאָרגן.

אין דעם חשבון פון די פיר חדשים האָב איך אָנגעוויזן אויף דערפאָלגן פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער: מיר האָבן ניט פאַרלאָרן קיין פונקטן, עס איז ניט איינגענומען געוואָרן קיין אידישער ישוב. איך דאַרף צוגעבן, אַז מיר האָבן אויך פּאָזיטיווע דערגרייכונגען: עס איז אויסגעוואַקסן אונזער כוח, און ניט נאָר אין כמות. איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף פרטים, און מען טאָר בכלל ניט אַריינגיין אין איינצעלהייטן. איך וויל נאָר זאָגן, אַז אונזער קאַמפּס־כוח איז היינט גרעסער, ווי ער איז געווען אין אָנהויב פון דעם איצטיקן געראַנגל. און הגם אָן אַבסאָלוטער זיכערקייט, — עס איז ניטאָ קיין זיכערקייט אין אַ פּאָליטישן שטרייט, ווי אויך ניט אין אַ מיליטערישן געראַנגל, — זיינען דאָ אויסזיכטן, אַז דער דאָזיקער כוח וועט נאָך וואַקסן און וואַקסן.

פאַר דעם קוואַנטיטאַטיוון וואוקס פון אונזער כוח זיינען דאָ אָביעקטיווע גרענעצן: דער אומפאַנג פונם יידישן ישוב אין לאַנד, ווי אויך די צאָל מענטשן, וואָס דאָס צוזייטע און צושפּרייטע אידישע פאָלק קען אונז שיקן. אָבער דער מענטשן־מאַטעריאַל איז בלויז איינער פון די קריגס־פאַקטאָרן. ניט ווייניקער זיינען וויכטיק — די מיליטערישע אויסשטאַטונג, די פינאַנציעלע מיטלען, די אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע פעסטקייט. מיט דער הילף פון דעם אַלעמען וועלן מיר זיגן. און ווען איך רייד פון נצחון — און איך גלויב אין נצחון — טו איך עס אויפן גרונט פון איין הנחה: אַז דאָס בריטישע מיליטער, אָדער עפּעס ענלעכעס צום בריטישן מיליטער, וועט מיט אונז ניט מלחמה האַלטן, — אַלנפאַלס, ניט מער ווי ביז איצט; דאָס הייסט: עס וועט באַשווערן, באַגרענעצן, צוימען, אָבער וועט ניט מלחמה האַלטן בפועל ממש. אויפן סמך פון דער דאָזיקער הנחה האָב איך די העזה אָפּצופרעגן די אָפּשאַצונגען פון די, וואָס האַלטן זיך פאַר עקספּערטן. — ניט בלויז דער כמות דעצידירט, און אין געוויסע אומשטענדן געהערט בכלל ניט דער כמות צו די אַנטשיידנדיקע פאַקטאָרן, הגם דאָס הייסט ניט, אַז מען מעג עס אין וועלכער עס איז מאָס אונטער־שעצן. מיר מוזן אָבער קלאָר וויסן, אַז נומעריש זיינען מיר שוואַך און אַז אונזער כוח ליגט בעיקר אין אונזער איכותדיקן איבערגעוויכט. עס איז דעריבער אַ פאָרבאַדינג צו אונזער נצחון — די פולע מאָביליזאַציע און עקספּלואַטאַציע פונם דאָזיקן איבערגעוויכט.

*

כדי צו פירן דעם קריג און דערגרייכן אַ נצחון, דאַרפן מיר פינף זאַכן:

א. מאָביליזירן אונזער גאַנצן מענטשן־מאַטעריאַל — לנשק ולמשק (צום געווער און צו דער ווירטשאַפט), אויפן ראַציאָנעלסטן אופן און אין פולן אומ־פאַנג, רעכנענדיק זיך אויסשליסלעך מיט די זיכערהייטס־אינטערעסן.

ב. צוצוגרייטן, פּראָדוצירן און דערווערבן די נויטיקע אויסשטאַטונג, אינקלוזיוו טראַנספּאָרט־מיטלען, פאַר אַלע דריי דימענסיעס — יבשה, ים און לופט, אַנטשפּרעכנד צו די הכנות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן און ווערן נאָך געמאַכט.

ג. אָרדענען און רעגולירן די ווירטשאַפט, די אינדוסטרי, לאַנדווירט־שאַפט, האַנדל, עקספּאָרט און אימפּאָרט, די פאַרטיילונג פון שפּייז־פּראָדוקטן און רוי־שטאָף, אַנטשפּרעכנד צו די באַדערפענישן פון קריגס־צייט, — דאָס אַלץ, כדי אויסצוהאַלטן דעם כמותדיק אַלץ וואַקסנדן מיליטערישן כוח און כדי אָן דערשיטערונגען אויפצוהאַלטן דאָס אידישע עקאָנאָמישע און ווירט־שאַפטלעכע לעבן אין לאַנד — אין די מלחמה־באַדינגונגען.

ד. אויפצושטעלן אין ישוב אַן איינציקע אויבערשטע צענטראַלע מאַכט, וואָס זאָל רעגירן איבער דעם מענטשן־מאַטעריאַל, איבערן מיליטער, ווירט־שאַפט, אינדוסטרי און לאַנדווירטשאַפט, פינאַנצן און אַלע אַנדערע מלוכה־דינסטן אין ישוב און אין לאַנד; די דאָזיקע מאַכט זאָל האָבן פולע און טרייע

אונטערשטיצונג מצד דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער.

ה. ניט באַגרענעצן זיך מיט פאַרטיידיקונגס־טאַקטיק, נאָר אָנצוגרייפן אין דעם געהעריקן מאָמענט לענג־אויס דעם פראָנט, און ניט דוקא אויפן געביט פון דער יידישער מדינה, און ניט נאָר אין די גרעניצן פון ארץ ישראל, נאָר צושמעטערן דעם פיינטלעכן כוח וואו נאָר ער וועט זיך געפינען.

פון די פינף אויסגערעכנטע פונקטן איז נאָר דער צווייטער ניט אינגאַנצן אָפּהענגיק פון אונז אַליין, — ער איז טיילווייז אָפּהענגיק פון פאַקטאָרן, וואָס מיר האָבן אויף זיי ניט קיין שליטה. די אַלע איבעריקע זאַכן זיינען אָפּהענגיק אויסשליסלעך פון אונז אַליין.

די באַזונדערע אויפגאַבע פון דער דאָזיקער סעסיע פון דעם ציוניסטישן אקציאָנס־קאָמיטעט זע איך אין דער אויטאָריטאַטיווער אויספירונג פון דעם פערטן פונקט.

דאַן האָבן מיר פאַר זיך נאָך עטלעכע פּראָבלעמען — מיליטערישע און ציווילע — וואָס מיר דאַרפן זיי ווידמען אונזער אויפמערקזאַמקייט.

*

די פּראָבלעמען זיינען:

א. ירושלים. נאָך תל אביב איז זי די גרעסטע לויט דער צאָל פון אירע יידישע איינוווינער, — און דאָס אַליין מאַכט דעם דאָזיקן פּלאַץ פאַר אַן אויסעראָרדענטלעך וויכטיקן. אָבער ניט בלויז דאָס. אודאי דאַרף מען דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט ניט דערקלערן די באַדייטונג פון ירושלים אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, פון ארץ ישראל און פון דער גאַנצער וועלט. איך בין געווען איינער פון די, וואָס זיינען אין יאָר 1917 גרייט געווען צו אַקצעפּטירן מיט התלהבות די גרינדונג פון אַ יידישער מדינה אין אַ טייל פון ארץ ישראל, — איך בין אָבער געווען אין דער עקזעקוטיווע צווישן דער מינדערהייט, וואָס האָט געשטימט קעגן דער צוטיילונג פון ירושלים.

די באַדייטונג פון ירושלים לאָזט זיך ניט וועגן, מעסטן און ציילן. אויב דאָס לאַנד האָט אַ נשמה — איז ירושלים די נשמה פון ארץ ישראל. דער קאַמף פאַר ירושלים איז אַ דעציזירנדיקער, און ניט נאָר פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט. מען דאַרף ניט נאָר פאַרזיכערן דעם וועג צו ירושלים און באַשיצן אונזערע פּאָזיציעס אינערהאַלב דעם שטאָט, נאָר מען דאַרף בכלל פאַרשטאַרקן דעם גאַנצן סטאַטוס אירן.

ירושלים פאָדערט און זי האָט דאָס רעכט, אַז מיר זאָלן קעמפן פאַר איר. יענע שבועה אויף די נהרות בבל איז מחייב היינט, אַזוי ווי אַמאָל. אַנדערש זיינען מיר ניט ווערט צו טראָגן דעם נאָמען פון פאָלק ישראל.

קודם כל מוזן מיר פאַרזאָרגן די ברענענדיקע באַדערפענישן פון ירושלים: אַ רעזערוו פון שפּייז, וואַסער און ברען־שטאָף אויף אַ משך פון עטלעכע מאָנאַטן. מען קען ירושלים לייכט אויסהונגערן, פאַרדורשטן און פּאַראַליזירן. די דורשט־געפאַר איז אין אַ געוויסער, הגם ניט גענוגנדער, מאָס באַזייטיקט

געוואָרן. די הונגער־געפאַר עקזיסטירט נאָך, און די הצלחה פון דעם היינט־אָנגעקומענעם טראַנספּאָרט דאַרף אונז ניט מאַכן האַפערדיק. דער אָנגריף אויף ירושלים וועט זיך פאַרשטאַרקן. אונזערע שונאים ווייסן, אַז אויב די אידישע ירושלים וועט פאַלן — וועט עס זיין אַ טויט־קלאַפּ פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק. מען דאַרף דערמעגלעכן ירושלים צו האַלטן זיך לאַנג ווי מעגלעך, ווען זי וועט אַפילו זיין באַלאַגערט, גלייך ווי דער באַלאַגערטער קליינער הערצאַישער ישוב אין דער אַלטער שטאָט האַלט זיך שוין עטלעכע מאָנאַטן. דאָס גענוגט אָבער ניט. עס איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז די אידן פון ירושלים זאָלן וויסן, אַז זיי האָבן ניט נאָר שפּייז־פּראָדוקטן, נאָר אויך — אַ צוקונפט, און אַז דער ישוב אין ירושלים וועט וואַקסן און וועט זיך פאַרפעסטיקן. דאָס פאַרפליכטעט אונז, אויפצוהאַלטן אין ירושלים אַלע יענע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, ווי אויך אַלע יענע אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס פּאַסן זיך צו ירושלים און וואָס עס איז ניט דוקא נויטיק אַז זיי זאָלן זיין ערגעץ אַנדערשוואו, הגם זיי קענען זיין ערגעץ אַנדערשוואו. — ווען נאָר עס קען זיין אַ ברירה צווישן ירושלים און אַן אַנדער אָרט — איז ירושלים וויכטיקער. נאָר נאָך איין שטאָט אין לאַנד שטייט ניט אין חשיבות פאַר אונז אַ סך נידעריקער פון ירושלים, — דאָס איז חיפה.

עס איז וויכטיק, אַז ירושלים זאָל האָבן אַ באַזונדערע פאַרוואַלטונג, אַ באַזונדער אַגענץ פאַר ירושלים, באַזונדערע נאַציאָנאַלע פאָנדן פאַר ירושלים, אַ באַזונדער וועד לאומי פאַר ירושלים, אַ באַזונדער פּאַרטיי — אַ ירושלים־פּאַרטיי, אַ פּאַרטיי פון „משוגעים" פאַר ירושלים.

*

דאָס פּראָבלעם פון דעם נגב אונטערשיידעט זיך פון די פּראָבלעמען פון גליל, עמק־יזרעאל, דעם שרון און יעדן אַנדער קאַנט אין לאַנד. אין יעדן אַנדער פּלאַץ אין לאַנד דאַרפן מיר באַשיצן באַשטייענדיקע ישובים; אין נגב אָבער דאַרפן מיר באַשיצן דעם מדבר, דעם ניט־ישוב. דאָס, וואָס מיר רופן נגב, איז אייגנטלעך דער טויער צום נגב, — מיר האָבן זיך פאַר־אַנקערט בלויז אין דעם צפון־טייל פון דעם נגב. עס זיינען דאָ צווישן אונז אַזעלכע, וואָס האָבן שטענדיק חוזק געמאַכט פון אונזער בויאונג־ און שאַפונג־ווערק, ווי פון אַ בטלנ'ישן אויפטו, און איצט שרייען זיי וועגן דעם זיג פון זייער אידעאָלאָגיע — ווייל מיר זיינען דאָך באַשעפטיקט מיט דער מלחמה. דערלויב איך מיר צו באַהויפּטן, אַז די וואַסער־רערן, וואָס מיר האָבן געלייגט אין נגב, ניט נאָר וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר איינעם פון אונזערע וויכטיקסטע ווערק, מיט וועלכע מיר שטאָלצירן אַזוי, נאָר זיי דינען אויך אַלס די איינציקע באַזע פאַר אונזער קריגס־פּאָטענץ אין נגב. אָן די דאָזיקע רערן, וואָלטן מיר זיך בכלל ניט געהאַט אָן וואָס אָנצוהאַלטן אין נגב, און איך צווייפל צי וואָלטן מיר אַפילו געחלומ'ט וועגן פאַרטיידיקן דעם נגב. דוקא די קעמפער אין נגב ווייסן, ווי אָפּצושאַצן דעם ווערט פון די רערן

און פון די איינצלנע פונקטן, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט אין דער דאָזיקער וויסטעניש. אָבער די פאַרטיידיקונג פון דעם נגב איז ניט גלייך צו דער פאַרטיידיקונג פון יעדן אַנדער קאַנט. מיר וועלן אים ניט קענען פאַרטיידיקן, אויב מיר וועלן אים ניט געבן דאָס, וואָס עס פעלט אים: אידן, — אַ סך אידן, אידן באַוואָפנטע מיט ביקסן, גראַנאַטן, קוילנוואַרפער, געפּאַנצערטע אויטאָס און טאַנקען, ווי אויך מיט גראָבאַייזנס, אַקעראייזנס און בוים־מעסערס, כדי זיי זאָלן קענען מאַכן בליען יעדעס אָרט, וואו ס׳איז נאָר דאָ אַ טראָפּן וואַסער, זיי זאָלן קענען בויען אַ ישוב, וואו נאָר ס׳איז דאָ אַ קוואַל פון וואַסער, און זיי זאָלן אין דער גרויסער וויסטע מאַכן וואַקסן בוימער און גרינסן. אויב אונזער ענד־ציל איז אילת — און דאָס איז דער ענד־ציל פון דער נגב־פאַרטיידיקונג — דאַרפן מיר אויפשטעלן אַ ריי ישובים פון אַ נייעם סאָרט, ניט געוויינלעכע, אַנדערע פון די, וואָס זיינען געשריבן אין דעם „שולחן ערוך" פון מיליטערישע אַקאַדעמיעס, נאָר אַזעלכע, וואָס בילדן אַ געמיש פון קאָלאָניסטן און קעמפער, לאַנדווירטן און זעלנער. אַזוי זיינען אויף אונז גוזר די ספּעציפישע געאָגראַפישע, פּאָליטישע און לאַנדווירטשאַפט־לעכע באַדינגונגען פון דעם נגב. אָן מלחמה וועלן מיר דאָ ניט מאַכן קיין קאָלאָניזאַציע, און אָן קאָלאָניזאַציע וועלן מיר ניט זיגן אין דעם נגב.

*

אונזער גאַנצער זיג אין דער דאָזיקער מלחמה איז אָפּהענגיק פון דער גרינדלעכער ענדערונג, וואָס מיר וועלן דורכפירן אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער אידישער באַפעלקערונג און איר פאַרטיילונג צווישן די באַזונדערע טיילן פון לאַנד. עס שיינט מיר, אַז די מלחמה וועט גורם זיין צו גרויסע ענדערונגען אויך אין דער פאַרטיילונג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די מלחמה וועט פּילייכט פאַריכטן דאָס, וואָס אונזער געשיכטע האָט ביז איצט פאַרקריפּלט: מיר האָבן זיך צופיל קאָנצענטרירט אין איינצלנע שטאָ־טישע ישובים אין לאַנד, טראָץ דעם ציוניסטישן גרונד־געדאַנק, אַז דער צוריקקער צום באָדן איז דער זיכערסטער וועג פאַרן צוריקקער צום פאָטער־לאַנד און אומאָפּהענגיקייט. מיר וועלן ניט קענען אָנגיין מיטן קריג, אויב אין די סאַמע טעג פון דער מלחמה וועלן מיר ניט באַפעלקערן דעם גליל העליון און דעם גליל התחתון, דעם גליל המזרחי און דעם גליל המערבי, און די אומגעגנט פון ירושלים, — באַפעלקערן — ווען אפילו קינסטלעך — אויפן מיליטערישן שטייגער. מיר וועלן זיך בכלל ניט קענען האַלטן אין געוויסע טיילן פון לאַנד — אויב מיר וועלן זיי ניט באַפעלקערן מיט אידן.

*

איך קער זיך אום צום פערטן פונקט — די קאָנצענטרירונג פון די זיכערקייטס־ענינים אין איין צענטראַלער אינסטאַנץ. ווי געזאָגט, האָלט איך עס פאַר דער וויכטיקסטער אויפגאַבע פון דער דאָזיקער סעסיע פונם ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט. די עקזעקוטיווע פון דער אַגענץ קען ניט

איבערגעבן אירע קאָמפּעטענצן אויפן דאָזיקן געביט צו אַ נייער קערפּערשאַפט — אָן אַ בפירוש׳דיקער באַפולמעכטיקונג מצד דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט; און — פון דער אַנדערער זייט — אָן אַ נייעם פּאַראייניקטן, צענט־ראלן, קאָמפּעטענטן אָרגאַן קען מען ניט לייטן די זיכערקייטס־ענינים.

נאָך מערערע באַראַטונגען, אונטער אַן אויסערלעכן דרוק — מצד דער עקזעקוטיוו־קאָמיסיע פון דער יו־ען — און אויס מורא פאַר אַ ליידיקן רוים, וואָס וועט געשאַפן ווערן נאָכן ליקווידירן דעם מאַנדאַט, זיינען אונזערע אַנשטאַלטן געקומען צום אויספיר, אַז מען דאַרף אויפשטעלן צוויי נייע אינסטיטוציעס: 1) אַ צייטווייליקער רעגירונגס־ראַט פון 36 אָדער 37 מיטגלידער; 2) אַ צייטווייליקע רעגירונג פון 13 מיטגלידער. אונזערע פאַר־שטייער אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער זיינען — מיט רעכט — באַשטאַנען אויף דעם, אַז מיר זאָלן ניט פאַרשלאָפן די געלעגנהייט און זאָלן באַצייטנס באַשטימען רעגירונגס־אָרגאַנען פאַר דער אידישער מדינה, ווי אויך פאַרשלאָגן זיי דעם צוזאַמענשטעל פון די דאָזיקע אָרגאַנען. אפילו אָן שום פאַרבינדונג מיט די באַשטימונגען פון דער יו־ען, בלויז צוליב דעם חשבון פון זיכערקייט און זעלבסט־פאַרטיידיקונג — וואָלטן מיר אויך געדאַרפט קומען צום זעלבן אויספיר.

מיר האָבן אַ סך פאַרשיידענע אינסטאַנצן פאַר די זיכערקייטס־ענינים, און אַלע האָבן זיי אַ סך פאַרדינסטן. ווען איך וואָלט געשריבן געשיכטע, וואָלט איך געזונגען דיפיראַמבן דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענץ אין ירושלים, דער לייטונג פון דעם ועד לאומי, ווי אויך די אינסטאַנץ, וואָס רופט זיך לאַנד־קאָמאַנדע, און דעם זיכערקייטס־קאָמיטעט — פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן און אויפגעטאָן פאַר דער זיכערקייט פון דעם ישוב און דעם לאַנד. איך וואָלט אויך ניט פאַרגעסן די טעטיקייט פון דער מגבית ההתגיסות און פון דעם אויסנאַם־קאָמיטעט. — אַלע זיינען זיי טעטיק געוועזן און האָבן געהאָלפן אין די זיכערקייטס־ענינים.

אָבער עס איז ניט די צייט איצט צו שרייבן געשיכטע. מיר פירן אַ מלחמה, און מיר האָבן איין איינציקע זאָרג: צו זיגן. אויס דער דאָזיקער נויטווענדיקייט בין איך געקומען צום אויספיר, אַז אַנשטאָט די מערערע פאַרדינסטפולע אינסטאַנצן זאָל אויפגעשטעלט ווערן איין איינציקע איב־סטאַנץ, וואָס זאָל רעגירן איבער אַלע רעסורסן, זאָל רעגולירן די באַ־דערפענישן פון דעם ישוב און זאָל זיי אונטעראָרדענען דעם צענטראַלן, עיקר׳־דיקן ענין — זיכערקייט. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז בכלל ניט וויכטיק, וואָס די יו־ען וועט באַשליסן און וואָס די עקזעקוטיוו־קאָמיסיע וועט טאָן, צי אַ קוואַליפיצירטע מערהייט פון דער יו־ען וועט אַנערקענען אָדער ניט אַנערקענען די רעגירונג און דעם רעגירונגס־ראַט, מוזן מיר — צוליב דער אונז אויפגעצוואונגענער מלחמה — סיי־ווי האָבן אַ צענטראַלע מאַכט, וואָס זאָל געניסן פון דער פולער אונטערשטיצונג פון דער ציוניס־טישער וועלט־באַוועגונג.

אַלץ אין ישוב איז איצט — דירעקט צו אומדירעקט — פאַרבונדן מיט זיכערקייטס־פראַגן. דער פאַבריק־רעזשים, די אַרבעט־פאַרטיילונג, דער טראַנספּאָרט פון עמק קיין חיפה אָדער קיין ירושלים, די אַרבעט פון אַרבעטער אָדער אַרבעטערינס, די פּראָדוקציע־סיסטעמען אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטרי — דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט זיכערקייט. צי זאָל מען דערלויבן אָדער פאַרבאָטן צו באַקן קוכנס פאַרן מאַרק; צי זאָל מען די פאַרטיילונג פון שפּייז־פּראָדוקטן און פון ברען־שטאָף לאָזן פריי אָדער האַלטן אונטער קאָנטראָל; צי זאָל מען קאָנטראָלירן צי ניט קאָנטראָלירן דעם אַרויספאַר פון לאַנד; געבן דער פּרעסע פולע פרייהייט אָדער באַגרע־נעצן זי — אָט אַזעלכע און אַזעלכע זיינען די זיכערקייטס־פראַגן. דאָס אַלץ מוז געלייטעט און באַשטימט ווערן דורך איין מאַכט־אָרגאַן; צוויי אַזעלכע מאַכט־אָרגאַנען — איז דער טייטש: אַנאַרכיע; דריי אַזעלכע: טאָפּלטע און קאַטאַסטראָפאַלע אַנאַרכיע.

מיר וועלן אויפשטעלן איין אויבערשטן, אַנטשיידנדן מאַכט־אָרגאַן, וואָס וועט רעגירן איבערן ישוב, און ניט נאָר אין זיכערקייטס־ענינים — אין דעם ענגן זין פון וואָרט — נאָר אויך איבערן גאַנצן עקאָנאָמישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. די דאָזיקע אינסטאַנץ דאַרף פון דעם ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג באַקומען די פולע קאָמפּעטענץ און זיין — ביז צום נצחון — דער איינציקער הערשער אין לאַנד.

ט׳ בניסן תש״ח — 4. 18. 1948

# די קאָמפּעטענצן פון דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג

(אויף דער ערשטער זיצונג פון דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג — „יוד גימל״)

דערלויבט מיר, צו באַגריסן אייך אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע פון דער אַגענץ און אין נאָמען פון ועד לאומי — די צוויי אַנשטאַלטן, וואָס האָבן — מיט דער באַשטעטיקונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט — באַשלאָסן אויפצושטעלן די פאָלקס־פאַרוואַלטונג.

לויטן באַשלוס וועט די פאָלקס־פאַרוואַלטונג זיין די איינציק קאָמפּע־טענטע אינסטאַנץ אין אַלע ענינים, וואָס זיינען איר איבערגעוויזן געוואָרן: זיכערקייט, קאָמוניקאַציע, אַפּראָוויזאַציע, פּאָליציי, האַנדל און אינדוסטרי, אַרבעט און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, מענטשן־מאַטעריאַל, לאַנדווירטשאַפט, עליה. די פאָלקס־ פאַרוואַלטונג וועט אַליין באַשליסן, צי זאָל זי איבערנעמען אויך בילדונג און געזונטהייטס־וועזן, וואָס פאַרלויפיק פאַרנעמט זיך נאָך מיט

זיי דער ועד לאומי, אָדער ביז צום אויפשטעלן די מדינה וועלן זיי פאַרבלייבן אין רשות פון ועד לאומי.

עס איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ברייטערע אינסטאַנץ — „למד זיין" (זיבן און דרייסיק), וואָס איר צייטווייליקער נאָמען איז נאָך ניט פעסט־געשטעלט געוואָרן — ביז צום 15־טן מאַי, ווען די דאָזיקע אינסטאַנץ וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צייטווייליקער רעגירונג.

די מיטלען פון „יוד גימל" וועלן אין דעם איבערגאַנגס־פעריאָד זיין צונויפגעשטעלט — טיילווייז פון דעם בודזשעט פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע, און טיילווייז — פון קאַמפּיינס און שטייערן, וואָס וועלן זיך מערן און מערן. אַלע אידישע זיכערקייטס־קרעפטן וועלן זיין אונטערוואָרפן דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג.

אויסער אינערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, וועט זיך „יוד גימל" מוזן באַלד פאַרנעמען מיט די דרינגענדע פראַגן, וואָס אין טייל פליסן זיי אַרויס פון דעם קריגס־צושטאַנד, אין טייל — פון דער צעפאַלונג פון דער מאַנדאַט־מאַכט, און אין טייל — פון אונזערע פאַרבאַרייטונגען צום פופצענטן מאַי, ווען די פרעמדע מאַכט וועט זיך געזעגנען אַפּטראָגן פון דאַנען. די ברענענדע פראַגן זיינען: קאָמוניקאַציע, פּאָסט, טעלעגראַף, באַן, אינערלעכער טראַנס־פּאָרט, ברענ־שטאָף, אַפּראָוויזאַציע פאַר די זיכערקייטס־כוחות און פאַרן ישוב, די אָרגאַניזאַציע פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל פאַר דער זיכערקייט און פאַר דערווירטשאַפט — ביז נאָכן קריג.

די פאָלקס־פאַרוואַלטונג וועט זיך מוזן באַלד פאַרנעמען אויך מיט ערנסטע פּאָליטישע פראַגן: דער פאַרשלאַג וועגן וואָפנשטילשטאַנד — לויטן באַשלוס פון דעם זיכערקייטס־ראַט פון דער יו־ען. אויף דעם פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער וועט מען באַהאַנדלען דאָס גאַנצע ארץ ישראל־פּראָבלעם: מבטל מאַכן דעם פּלענום־באַשלוס פונם 29־טן נאָוועמבער, אָדער אים אָפּהאַלטן, אָדער אים פאַרווירקלעכן.

מיט דעם אויפשטעלן די פאָלקס־פאַרוואַלטונג זיינען ניט ליקווידירט געוואָרן די פריערדיקע אַנשטאַלטן. אָבער לויטן באַשלוס פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט וועט זיך קיין אַנדער אַנשטאַלט ניט פאַרנעמען מיט די ענינים וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום „יוד גימל", אַזוי אַז עס וועט ניט זיין קיין דובלירונג.

די אַגענץ־עקזעקוטיווע פאַרבלייבט און עקזיסטירט, קודם כל צוליב דעם וואָס עס דאַרף פאַרבלייבן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. די פראַגע איז — הגם ניט אין אַן אויסשעפּנדער מאָס — דיסקוטירט געוואָרן אויף דער זיצונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט. עס איז באַשלאָסן גע־וואָרן, אַז מיטן אויפשטעלן דעם נייעם אָרגאַן — די „פאָלקס־פאַרוואַלטונג" (וואָס אויב זי וועט מצליח זיין — וועט זי אפשר עפענען אַ נייעם קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק) — זאָלן דאָך אָפּגעהיטן ווערן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אירע אָרגאַנען, און עס זאָל פאַרלויפיק פאַר־בלייבן אויך די כנסת ישראל און אירע אָרגאַנען. די צענטראַלע אויפגאַבע,

וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן נייעם אָרגאַן, איז — די זיכערקייט.

מיר האָבן באַקומען אַ ירושה פון דער הגנה, וואָס איז געוואַקסן אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן. די הויפט־ירושה איז — אַ גאַרניזאָן אין יעדן פונקט, אין יעדן ישוב; אין אַלע געשעענישן ביז איצט האָבן די גאַר־ניזאָנען דערוויזן זייער שלאָגפֿאַרטיקייט. מיר האָבן אויך גע'ירש'נט אַ שטיקל מיליטער, — איבערהויפּט אין פּלמ״ח. און אין אַ געוויסער מאָס אויך אין חי״ש. די הגנה האָט אונז איבערגעלאָזן אַן איבערגעגעבענעם אַפּאַ־ראַט און אַ גייסט פון פרייוויליקייט.

אין די לעצטע מאָנאַטן, צוליב דער מלחמה, וואָס איז אונז דערקלערט געוואָרן, זיינען מיר געווען געצוואונגען צוצוטרעטן צו אָרגאַניזירן עפּעס ענלעכעס צו מיליטער. איך זאָג: ענלעכעס צו מיליטער, ווייל אָן אַן אמת'ער מדינה קען ניט זיין קיין אמת'דיק מיליטער. אָבער מיר וועלן ניט שטיין פאַר אַ גלאַט בלאַט: די ירושה פון דער הגנה איז אַ גאַנץ רייכע, און דעם ווערט פון דער דאָזיקער ירושה האָבן מיר געזען אין די לעצטע פיר מאָנאַטן — סיי דורך פאַרמיידן מפּלות און שווערע דורכפאַלן, און סיי דורך ווערטפולע דעראָבערונגען.

אָבער עס פעלט נאָך אַ סך. עס פעלט געהעריקע דיסציפּלין, ווי עס איז נויטיק פאַר מיליטער; עס פעלט מיליטערישע אָרדענונג; עס פעלט פּלאַנירונג; עס פעלן איבונגען, באַזונדערס — איבונגען פון העכערע קאַטע־גאָריעס.

איך האָב ניט אויסגערעכנט אַלע פעלערן. איך וויל נאָר צוגעבן, אַז די הגנה־פירער ווייסן גוט, וואָס אַלץ עס פעלט נאָך. — — —

י' בניסן תש״ח — 4. 19. 1948

# אַ בריוו צו די מיטגלידער פון דער פֿאָלקס־פֿאַרוואַלטונג

איך האַלט פאַר מיין פליכט, ווידער אונטערצו־שטרייכן די דרינגלעכקייט פון די לעבנס־וויכטיקע אַראַנזשירונגען אויפן געביט פון דער זיכערקייט, ווי אין ענגן, אַזוי אין ברייטן זין פון וואָרט: די מאָביליזירונג פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל און זיין שנעלע אויסשטאַטונג פאַרן פראָנט; די אָרגאַניזירונג פון די ציווילע דינסטן — אַפּראָוויזאַציע, קאָמוניקאַציע, ברען־שטאָף, מענטשן־כוח פאַר דערווירטשאַפט, פינאַנצן און אַ. ז. וו.; די צופּאַסונג פון אונזער גאַנצער ווירקלעכקייט צו די פאָדע־רונגען פון דער מלחמה און דער פאַרטיידיקונג.

עס הערשט איצט אַן איבערטריבענער אָפּטימיזם לגבי די ווערטפולע דעראָבערונגען פון אונזערע זיכערקייטס־כּוחות. דער דאָזיקער נחת־רוח — וואָס איז אוודאי בּארעכטיקט — קען, האָב איך מורא, פאַרשטעלן ערנסטע סכנות — מיליטערישע און פּאָליטישע — וואָס שטייען אונז פאָר אין דער נאָענטסטער צייט מצד דער אַראַבישער ליגע און מצד ענגלאַנד און אירע אָנהענגער. און דערווייל איז דער ישוב ניט גענוג מאָביליזירט, דער מענטשן־מאַטעריאַל איז ניט אָרגאַניזירט, דער טראַנספּאָרט איז ניט אין אָרדענונג, ברען־שטאָף איז ניט פאַרזיכערט אַפילו אויף אַ וואָך, מיר האָבן ניט גענוג אויטאָמאָבילן, מיר האָבן ניט גענוג שפּייז און אַמוניציע פאַר די שוין מאָביליזירטע זיכערקייטס־קרעפטן, און די מאָביליזירטע שטעלן מיט זיך אַפילו ניט פאַר קיין זיבעציק פּראָצענט פון מינימאַלסטן כּוח וואָס מיר מוזן האָבן אין די אָנקומענדע שווערע טעג.

דאָס אָפּלייגן די טעטיקייט פון דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג ביז נאָך דעם צוזאַמענקונפט פון דעם ראַט טראָגט אין זיך, לויט מיין מיינונג, אַן ערנסטע סכנה פאַר דער זיכערקייט און שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם ישוב אין די שווערע טעג, וואָס גייען אויף אונז.

די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס זיינען נאָך פאַרן אויפשטעלן דעם „יוד גימל" ניט געווען צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון קריגס־צייט (און צוליב דעם איז באַשלאָסן געוואָרן, אויפצושטעלן דעם „יוד גימל"), און איצט, נאָכן אויפשטעלן דעם העכסטן אָרגאַן, וועלן זיי אַוודאי ניט אימשטאַנד זיין צו טראָגן דעם יאָך.

איך פאַרשטיי די שוועריקייטן און אינערלעכע פּראָבלעמען ביים אָרגאַניזירן די אַרבעט פון „יוד גימל", און איך שאַץ עס ניט גרינג. אָבער דאָס טאָר בשום אופן ניט פאַרשטעלן די ברענענדיקע אויפגאַבן, פון וועלכע עס הענגען אָפּ אונזער עקזיסטענץ און צוקונפט און וואָס זייער אויספירונג טאָר מען ניט אָפּלייגן אַפילו אויף איין איינציקן טאָג — צוליב וואָס פאַר אַ מאָטיוון עס זאָל ניט זיין; איך מיין: די פולע מאָביליזירונג פון דעם ישוב׳ס מעגלעכקייטן; די רעגולירונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן, פון דעם טראַנספּאָרט און פון מענטשן־מאַטעריאַל — פאַר די באַדערפענישן פון דער זיכערקייט.

ווי איינער פון די, וואָס האָבן ביז איצט געטראָגן דעם יאָך פון דער זיכערקייט, בין איך מחויב, צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו דעם וויכטיקן און פאַטאַלן ווערט פון דעם צייט־פאַקטאָר. יעדער טאָג, וואָס גייט דורך אָן מאַקסימאַלע אָנשטרענגונגען (ניט נאָר פון אונזערע זעלנער, — זיי טוען זייערס) פון דעם גאַנצן ישוב, און קודם כל פון די, וואָס שטייען אין זיין שפּיץ, איז אַ פאַרלוסט, וואָס מען קען גאָר ניט אָפּשאַצן זיינע מעגלעכע שרעקלעכע רעזולטאַטן. די פאָלקס־פאַרוואַלטונג דאַרף, לויט מיין מיינונג, תיכּף צוטרעטן צו דער אָרגאַניזירונג פון די לעבנסוויכטיקע דינסטן: מענטשן־מאַטעריאַל, טראַנספּאָרט, פינאַנצן (צינזן, אַנלייע, קאַמפּיין), ברען־שטאָף, מיליטערישע און ציווילע אַפּראָוויזאַציע און אַ. ז. וו. מאַכט צייטווייליקע (אויב איר קענט

נאָך ניט מאַכן קיין פּערמאַנענטע) אַראַנזשירונגען, אָבער — למען השם — לייגט עס מער ניט אָפּ.

אויך אין דער זיכערקייטס־אָרגאַניזאַציע מוז מען באַלד מאַכן אויסבע־סערונגען, אָבער מען קען עס ניט טאָן ביז עס וועט ניט אָרגאַניזירט ווערן די טעטיקייט פון דער פאַרוואַלטונג.

ערב־פּסח תש״ח — 1948 .23 .4

# אַ ראַדיאָ־רעדע פון ערב־פּסח תש״ח

מיר זיינען דאָס יאָר אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן שוועל פון דער אידישער מדינה, אָבער מיר האָבן נאָך ניט זוכה געווען צו פייערן היי־יאָר דעם יום־טוב פון אונזער נייער פרייהייט, ווייל מיר שטייען נאָך אינמיטן פון דעם פרייהייטס־קריג — שוין אָט דעם פינפטן חודש; — און דער גוראַנגל דויערט נאָך.

וואָס אָן אמת — מיר זעצן זיך היינטיקן אוונט צום סדר — געשטאַרקטע און דערמוטיקטע פון דער שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם ישוב און פון די דער־אָבערונגען און נצחונות פון אונזער מיליטער. מיר האָבן אויך געהאַט שווערע און קאָסטבאַרע פאַרלוסטן, — ס׳איז ניטאָ קיין מלחמה אָן פאַרלוסטן. אָבער מיר זיינען פון קיין פּאָזיציע ניט אָפּגעטראָטן, קיין פּונקט ניט פאַרלאָזן, און דער פיינט איז ניט אַריינגעדרונגען אין קיין שום אידישן ישוב, הגם די אָנפאַלער האָבן אונז איבערגעוואויגן פינף־מאָל־אַזוי־פיל אין צאָל, און צייטנווייז — צען־מאָל־אַזוי־פיל. מיר — דאַקעגן — זיינען אַריינגעדרונגען אין צענדליקער פיינטלעכע פּאָזיציעס — אַפילו אין שטחים דערווייטערטע פון אידישע ישובים; מיר האָבן אַראָפּגעלאָזן טויט־קלעפּ אויפן קאָפּ פון די באַנדעס און זייערע פירער; מיר האָבן דורכגעבראָכן דעם וועג צו דער באַלאַגערטער ירושלים; מיר האָבן איינגענומען אַ סך דערפער, וואו די באַנ־דעס פלעגן זיך קאָנצענטרירן — אין דער אומגעגנט פון ירושלים, און יהודה, אין גליל — און מיר האָבן פולשטענדיק באַפרייט טבריה און חיפה. די הויפּט־שטאָט פון גליל התחתון איז נאָך אַ הפסקה פון הונדערטער יאָרן, צוריק געוואָרן אַ ריין אידישע שטאָט און זי שטייט איצט אונטער דער הערשאַפט פון דער אידישער הגנה; און די הויפּט־פּאָרט־שטאָט אין לאַנד איז ערב פּסח פאַרלאָזן געוואָרן דורך די אַראַבער, נאָכדעם ווי זיי האָבן — לויט דער פאָדערונג פון דער הגנה — געלייגט זייער געווער.

מיר גורטן זיך ערשט אָן — מיר לייגן נאָך ניט אַוועק אונזער געווער, און עס שטייט נאָך אונז פאָר אַ לאַנגער, שווערער און געפערלעכער וועג.

דאָס געפיל פון צופרידנקייט, וואָס אַלע אידן אין דער וועלט האָבן פון די דערגרייכונגען און נצחונות פון אונזער שוץ־אַרמיי, טאָר ניט פאַרשטעלן די שרעקלעכע פּאָליטישע און מיליטערישע נסיונות, וועלכע שטייען אונז פאָר אין דער נעכסטער צוקונפט מצד אונזערע אָפענע און באַהאַלטענע שונאים.

מיר טאָרן אויך ניט פאַרגעסן אונזערע אינערלעכע דעפעקטן — אָרגאַניזאַציאָנעלע, מאָראַלישע, ווירטשאַפטלעכע און אַנדערע — וואָס אַנטפּלעקן זיך ביי אונז פון צייט צו צייט. עס פאָדערט זיך נאָך פון אונז אַ גאָר גרויסע אָנשטרענגונג. פון די ביזאיצטיקע קאַמפן זיינען מיר אַרויס זיגעריש, האָבן מיר אַ פולן גרונט צו גלויבן אין אונזער פולן ענדגילטיקן נצחון, אָבער מיר וועלן עס ניט דערגרייכן גלאַט אַזוי זיך, אָן ליידן און שווערע, דויערנדע קרבנות. מיר דאַרפן זען מיט אָפענע אויגן די שוועריקייטן און געפאַרן, און מיר דאַרפן אַנטדעקן אין זיך די באַהאַלטענע מקורות פון כוח, ווילן (די מלחמה איז דער העכסטער עקזאַמען פאַרן ווילן), איבערגעגעבנקייט און טאַט־פערטיקייט. מיט אונזער פולער קראַפט און שנעלקייט דאַרפן מיר דורכפירן די העכסט־עפעקטיווע מאָביליזאַציע פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל, ווירטשאַפט, וויסנשאַפט, טעכניק, און איבערהויפּט — די מאָראַלישע שטאַנדהאַפטיקייט פון אַלעמען אין ישוב — אָן קיין שום אויסנאַם.

אַלע זיינען מיר אויפן פראָנט — אין דאָרף און שטאָט, אין פאַרוואָרפענע ווינקלען און אין מאַסן־ישובים. די געפאַר לויערט אויף יעדן איינעם פון אונז. עס לויערט אַ דרייפאַכע געפאַר — פון דער יבשה, פון ים און פון דער לופט, און מיר דאַרפן אויסשולן, צוגרייטן און באַוואָפענען יעדן איינציקן איד, אַז ער זאָל שטיין פעסט — אין די אַלע דריי דימענסיעס — און זאָל אויסהאַלטן ביז צום נצחון, ביז עס וועט אויפגעריכט ווערן די אידישע מדינה און עס וועט פאַרזיכערט ווערן דער שלום אין אונזער לאַנד.

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן אין די אויערן פון דער אידישער ירושלים: די גאַנצע משא פון דער מלחמה און אירע שווערע קלעפּ זיינען געפאַלן אויף דיר, ווייל דו ביזט דער ברען־פונקט פון דעם געראַנגל. — פאַל ניט אַראָפּ ביי זיך; דו ביזט געשטאַנען העלדיש, אין שרעקלעכע ליידן, — אין דיינע ליידן איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק מיט דיר; און אונזער וואונדערבאַרע יוגנט, די פאַרטיידיקער און שאָפערן, האָבן געגעבן און וועלן געבן זייער לעבן פאַר דיר. אַ קייט פון פיינטלעכע פּאָזיציעס — פון דיין מערב־זייט און צפון־זייט — ווערט צושטערט און איינגענומען דורך אונזערע קעמפער. מיר וועלן דיך ניט פאַרגעסן, ירושלים — עס וועט ניט פאַרגעסן ווערן אונזער רעכטע האַנט!

כ״ח בניסן תש״ח — 5. 4. 1948

# אַן איבערזיכט פון דער לאַגע

(אויף דער ערשטער זיצונג פון דעם פאָלקס־ראַט, תל־אביב, הויז פון ק. ק. ל.)

רבותי! אין נאָמען פון דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג באַגריס איך די מיטגלידער פון דעם פאָלקס־ראַט, וואָס דער ישוב און די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן זיי באַפולמעכטיקט צו זוכן וועגן, ווי אַזוי אָפּצושטויסן די אַנגריפן פון אונזערע פיינט קעגן דעם ישוב און קעגן דער צוריקאויפלעבונג פון דעם אידישן פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד, ווי אויך ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אונזער נאַציאָנאַל זעלבסטשטענדיק לעבן אין דעם פאָטערלאַנד — ווי אַזוי אויפצושטעלן די אידישע מדינה.

קודם כל, לאָמיר בויגן אונזערע קעפּ און שטיין שטיל צום אָנדענק פון די אומגעקומענע, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן מיט גבורה און אמונה פאַר דער הייליקייט פון דעם פאָטערלאַנד און פאַר דער פרייהייט פון דעם פאָלק.

דער פאָלקס־ראַט וועט שיקן צו די עלטערן פון אונזערע העלדישע פאַרטיידיקער, און באַזונדער צו זייערע מוטערס, דעם אויסדרוק פון פאַר־ערונג פאַר די טייערע אבידות. וועגן די דאָזיקע זין וועט דאָס אידישע פאָלק זאָגן: אשרי יולדתך — גליקלעך איז דיין געווינערין. די דאָזיקע אומגעקומענע זיינען נייע רינגען — רינגען פון צער, כבוד און פראַכט — אין דער קייט פון דער טויזנטער־יאָרן־לאַנגער געשיכטע, וואָס שמידט־צו דעם אידישן פאָלק צו זיין לאַנד.

רבותי! אויף דעם פאָלקס־ראַט און אויף דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן צוויי אויפגאַבן: די זיכערקייט און דאָס אויפ־שטעלן די מדינה. די זיכערקייטס־פראַגע איז ניט קיין נייע פאַרן ישוב. די לעצטע 70 יאָר, זינט עס איז אויפגעקומען דער נייער ישוב, האָט ער געמוזט אַליין זאָרגן פאַר זיין זיכערקייט. אָבער דאָס פלעגט געטאָן ווערן אין אַ רעגירונגס־ראַם — אַ פריינדלעכע צו אומפריינדלעכע, אָבער אַן עקזיסטירנ־דיקע רעגירונגס־ראַם. — די זיכערקייט פון דעם ישוב אין פאַרלויף פון די דאָזיקע צענדליקער יאָרן איז אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך פרייוויליקע — יעדער איינער אין זיין פלאַץ — וואָס זיינען דורכגעגאַנגען עלעמענטאַרע איבונגען און האָבן זיך דערוואָרבן פרימיטיווע אַמוניציע.

די זיכערקייטס־פראַגע, וואָס איז פאַר אונז געשטאַנען דעם לעצטן האַלב־יאָר, אונטערשיידעט זיך וועזנטלעך פון דער זיכערקייטס־פראַגע, ווי אַזוי זי איז געשטאַנען פאַרן ישוב אין משך פון יאָרן. דאַסמאָל איז אונז דער־

קלערט געוואָרן קריג. און דאָסמאָל איז שוין מער ניטאָ אין לאַנד קיין רע־גירונגס־כוח, וואָס זאָל וועלן און אימשטאַנד זיין, איינצוהאַלטן דעם געזעץ און די זיכערקייט פון די בירגער. די נאָך היינט פאַראַנענע רעגירונג, כל זמן זי איז נאָך דאָ, איז זי פיינטלעך און פאַרפאַלגעריש און זי צופאַלט זיך. און די זיכערקייטס־כוחות, וואָס מיר האָבן אויפגעהאַלטן און געפלעגט אין משך פון צענדליקער יאָרן, האָבן ניט געקלעקט פאַר דער איצטיקער געפערלעכער קריגס־צייט. אין דעם שטורם פון מלחמה איז אונז אויס־געקומען אויפצושטעלן עפּעס ענלעכעס צו מיליטער, און נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן אויסצושולן אונזערע קינדער און אויסשטאַטן זיי — זיינען זיי אויפגעפּאָדערט געוואָרן אַרויסצוגיין צום פראָנט און פירן אומאויפהערלעכע קאַמפן.

עס איז שווער אָפּצושאַצן די מאָס פון דאַנקבאַרקייט, וואָס דער ישוב און דאָס אידישע פאָלק זיינען שולדיק דעם פּרימיטיוון, לאָקאַלן, פרייוויליקן הגנה־כוח, וואָס האָט עקזיסטירט די אַלע יאָרן. אָן אים וואָלטן מיר ניט אויסגעהאַלטן ביז היינט. אָבער כדי צו קענען זיך קעגנשטעלן דער נייער אַגרעסיע, דער מלחמה, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם פיינטלעכן רעזשים פון דער מאַנדאַט־רעגירונג און דורך דער אומאויפהערלעכער העצע פון היטלערס תלמידים אין דער אַראַבישער וועלט — האָבן אונז מער ניט געקלעקט יענע שוץ־מיטלען און שוץ־קרעפטן, וואָס מיר האָבן געהאַט פריער. און הגם מיר האָבן ניט באַוויזן צו מאָביליזירן אין דער פולער מאָס דעם מענטשן־מאַטעריאַל, און נאָך ווינציקער פון דעם האָבן מיר באַוויזן אויס־צושולן די מענטשן און צוגרייטן זיי צו די באַדינגונגען פון דעם איצטיקן קריג, זיינען דאָך די רעזולטאַטן פון די ערשטע צוויי שטופּן פון דעם קריג, אין די ערשטע פינף מאָנאַטן — גאַנץ דערמוטיקנד. טראָץ אונזער קליינער צאָל און קנאַפּע פאַרבאַרייטונגען, האָבן מיר ביז איצט קיין שום פונקט אונזערן ניט פאַרלאָרן, און דער פיינט האָט ניט געקענט אַריינדרינגען אין קיין שום ישוב אונזערן. דאַקעגן זיינען אַן ערך הונדערט אַראַבישע ישובים פאַרלאָזן געוואָרן דורך זייערע איינוואוינער. העכער 150 טויזנט אַראַבער האָבן פאַרלאָזן זייערע וואוינערטער און האָבן אויסגעוואַנדערט טיפער אין לאַנד אָדער אין שכנות׳דיקע לענדער.

איך האָב געזאָגט, אַז מיר שטייען ביים סוף פון די ערשטע צוויי שטופּן פון דעם קריג. — די ערשטע שטופּע — ווען אונזערע זיכערקייטס־כוחות זיינען געשטאַנען קעגן די ארץ ישראל׳דיקע אַראַבישע באַנדעס אין די שטעט און אין די וועגן. יענע שטופּע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אונזער פולן נצחון. אונזערע שטאָטישע ישובים זיינען פאַרבליבן גאַנץ, איינגערעכנט ירושלים, הגם זי האָט זייער שווער געליטן; אויף איר האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאַנצער כעס פון די אָנפאַלער, און די רעגירונגס־כוחות האָבן דאָרט געשטערט דער הגנה פון סאַמע אָנהייב פון די אַראַבישע אָנפאַלן, אין אָנהויב חודש דעצעמבער, און ביז צו דעם שרעקלעכן אומגליק אין שייך־דזשעראַך, ווען דאָס בריטישע מיליטער האָט ניט דערלאָזן די אידישע פאַרטיידיקער צו

גיין ראַטעווען דעם טראַנספּאָרט, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען דאָקטוירים, באַרעמהאַרציקע שוועסטער און געלערנטע, וואָס זיינען געפאָרן צו מעדיצי־נישער און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין „הדסה" און אין אוניווערסיטעט. טראָץ די אַלע ביטערע אָנגריפן און טראָץ דער פיינטלעכער שטעלונג פון דער רעגירונג און די מיליטערישע כוחות, איז אַפילו אין ירושלים אונזער לאַגע איצט — אין פּאָליטישן און אַלגעמיינעם זין — אַ סך שטאַרקער און איינגעפונדעוועטער, ווי עס איז געווען די אַלע לעצטע יאָרן. די באַנדיטן־נעסטן ווערן דורך אונז פאַרניכטעט איינער נאָכן אַנדערן. — די אידישע אינזלען אינערהאַלב די אַראַבישע שטאָט־טיילן, ווי ימין־משה, און מקור־חיים, וואָס ווערן אָנגעגריפן טאָג און נאַכט — זיינען ניט פאַרלאָזן געוואָרן, און איך בין זיכער, אַז זיי וועלן ניט פאַרלאָזן ווערן.

עס איז נאָך ניט געווען קיין בולט׳ערער באַווייז פאַר דעם אומצורייס־באַרן בונד צווישן דעם אידישן פאָלק און זיין לאַנד — ווי אין דעם איצטיקן קריג. די געשיכטע האָט איצט דערוויזן, ווער ס׳איז אויף אַן אמת פאַרבונדן מיטן דאָזיקן לאַנד, און פאַר וועמען דאָס דאָזיקע לאַנד איז נאָר אַ לוקסוס, וואָס מען קען אויף אים לייכט מוותר זיין. ביז איצט איז נאָך קיין אידישער פונקט — אפילו דער ווייטסטער, שוואַכסטער און איזאָלירטסטער — ניט פאַרלאָזן געוואָרן. דאַקעגן זיינען דורך די אַראַבער פאַרלאָזן געוואָרן גאַנצע שטעט, ווי טבריה און חיפה — פאַרלאָזן געוואָרן מיט אַ מאָדנער לייכטקייט, באַלד נאָך דער ערשטער מפּלה; עס האָט זיי — די אַראַבער — ניט געדראָט קיין סכנה פון „חורבן און אויסראָטונג. עס איזווירקלעך באַשיינפּערלעך דערוויזן געוואָרן, וועלכעס פאָלק איז אַמטיפסטן פאַרבונדן מיט ארץ ישראל.

מיר דאַרפן אָבער וויסן, אַז מיר האָבן זיך נאָך ניט פאַנאַנדערגעגאַרטלט. מיר גאַרטלען זיך ערשט אָן, טאַ לאָמיר זיך נאָך ניט באַרימען. דער קאַמף האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. מיר שטייען איצט פּיליכט ערב דער סאַמער געפערלעכסטער פּאַזע, מיר וועלן שטיין ניט נאָר קעגן אָרטיקע פּאָגראָם־גרופּן און ניט נאָר קעגן באַוואָפנטע באַנדעס פון די אַרומיקע לענדער, נאָר קעגן אַן אינוואַזיע פון רעגולערע אַרמייען פון די אַראַבישע מדינות. און דערווייל קוקן מיר זיך צו צו אַ גאַר משונה׳דיקער אינוואַזיע: די אינוואַזיע פונעם בריטישן מיליטער. נאָך די דערקלערונגען, וואָס האַלטן זיך אין איין איבערחזר׳ן, וועגן דעם דאַטום פון פאַרענדיקן דעם מאַנדאַט — אין 11—12 טעג אַרום — און וועגן דעם דאַטום פון דער אַבסאָלוטער עוואַקואַציע פון דעם מיליטער, זעען מיר איצט צו אונזער באַוואונדערונג, ווי אַזוי עס שטראָמען בריטישע מיליטערישע פאָרמאַציעס, פול מיט מערדערלעכן וואָפן, אַפילו פון מינים, וואָס מיר האָבן נאָך דאָ ביז איצט אַזוינס ניט געזען.

מיר ווייסן ניט, צי איז עס, ווייל זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם כוח פון דער אידישער הגנה, אָדער ווייל מען דאַרף שטאַרקן די מאָראַל פון די געבראָכענע באַנדעס, אָדער די כוונה איז מכשיר זיין דעם באָדן — דורך אָפּשוואַכן דעם ישוב און די הגנה — פאַר דער אינוואַזיע פון זיי

אַראַבישע אַרמייען. די נעכסטע טעג וועלן עס אויפקלערן. מיר, אלנפאַלס, מוזן זיין גרייט צום סאַמע ערגסטן.

וואָס אַן אמת, טראָץ די באַרימערייען און אוימאויפהערלעכע דראָאונגען מצד די אַראַבישע הערשער, ווייזן זיי דוקא אַרויס סימנים פון וואַקלעניש. מיר ווייסן, אַז די לאַגע פון אייניקע שכנות'דיקע מדינות איז ווייט ניט קיין שטאַנדהאַפטיקע, און זיי קענען זיך ניט דערלויבן אַרויסצושיקן זייערע אַר־מייען פון זייערע לענדער; זייער אינערלעכער רעזשים איז אַ צוטרייסלטער, די מאַכט האַלט זיך אויף אַ קליינער מינדערהייט, וואָס ציט איר כוח פון דער פרעמד; דאָרטן זיינען אויך דאָ אינערלעכע קעגנזאַצן, און ס'איז אַ ספק, צי וועלן זיי באמת קענען שיקן זייער מיליטער קיין ארץ ישראל. אָבער מיר טאָרן זיך ניט פאַרלאָזן אויף די דאָזיקע פּאָליטישע ספּעקולאַציעס, ווי אויך ניט אויף די עקזיסטירנדיקע קעגנזאַצן צווישן די הערשער פון די אַראַבישע לענדער און צווישן פאַרשיידענע פּרעטענדענטן אויף דאָס רעכט צו הערשן. ווען מיר האָבן צו טאָן מיט זיכערקייטס־פראַגן, קענען מיר זיך פאַרלאָזן נאָר אויף זיך און אויפן אויבערשטן.

די וועלט, וואָס איז אָרגאַניזירט אין דער יו־ען, האָט זיך מתחייב געווען צו באַשטימטע אַראַנזשירונגען אין אונזער לאַנד. מיר שאַצן אָפּ די באַ־שלוסן פון דער יו־ען, הגם דאָ און דאָרטן מערקט זיך אַ קלאָרער צוריק־טריט, הגם די באַשלוסן ווערן נאָך ניט פאַרווירקלעכט. דאָס אידישע פאָלק וועט ניט פאַרגעסן דעם חסד פון די 33 פעלקער, וואָס האָבן סוף נאָ־וועמבער 1947 אָנערקענט דאָס רעכט פונם אידישן פאָלק אויף שטאַטלעכע זעלבסטשטענדיקייט און אויף אַ סטאַטוס גלייך צו אַנדערע פעלקער. מיר האָבן זיך אָבער ניט געקענט פאַרלאָזן בלויז אויף די דאָזיקע באַשלוסן און אויף דעם מענטשלעכן געוויסן (וואָס האָט זיך דאַן אַנטפּלעקט און וואָס מיר גלויבן, אַז עס עקזיסטירט נאָך און וועט עקזיסטירן), נאָר קודם כל אויף אונזער אייגענעם כוח.

עס זיינען פאַרבליבן געציילטע טעג ביז צום סוף פון דעם מאַנדאַט. הגם קיינער איז ניט זיכער — טראָץ די דערקלערונגען און טראָץ די געזעצן, אָנגענומענע דורכן בריטישן פּאַרלאַמענט — צי וועט זיך ווירקלעך דער בריטישער מאַנדאַט ענדיקן דעם 15־טן מאַי און צי וועט די איצטיקע מאַכט אַוועקנעמען איר פאַררעטערישע האַנט פון אונזער לאַנד. אויב מען וועט פאַרלענגערן דעם טערמין פון דער בריטישער מאַכט — און עס איז דאָ אַזאַ חשש, וועט מען עס טאָן ניט צו אונזער גונסטן און ניט אין די אינ־טערעסן פון פרידן. דאַרפן מיר זיך גרייטן מיט דער פולער ענערגיע, מיט דער גאַנצער שנעלקייט, מיטן גאַנצן כוח. מיר דאַרפן די נאָענטסטע טעג מאָביליזירן נאָך טויזנטער בחורים פאַרן פראָנט און פאַר דער ווירטשאַפט. די צייט לויפט.

מיר זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ ליידיקן רוים. וואָס אַן אמת — ליידיק נאָר פון איין זייט. די מאַכט, וואָס צופאַלט זיך, וואָס וועט זיך מסתמא סוף־סוף ליקווידירן, שאַפט אַ ליידיקן רוים נאָר פון איין זייט — פון דער

זייט פון די פליכטן לגבי די בירגער און פון דער זייט פון דער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט אַנטקעגן דער וועלט. אָבער וואָס אַנבעלאַנגט דעם רעכט צו רעגירן און דער עצם עקזיסטענץ פון דער מאַכט, וועט ניט אַזוי גיך געשאַפן ווערן אַ ליידיקער רוים. עס בלייבט נאָך אין לאַנד אַ בריטישע מיליטערישע מאַכט, — אַלנפאַלס — אין אַ טייל פון לאַנד. עס זיינען שוין פאַרטיק אין דרוק די דערקלערונגען און די באַפעלן פון מיליטער, וואָס וועט זיך נאָך דער ליקווידירונג פון דעם מאַנדאַט דערקלערן אַלס אומבאַגרענעצטע, אומבאַדינגטע, פאַר קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטלעכע מאַכט אין לאַנד. וואָס אַן אמת — בלויז אין יענע טיילן פון לאַנד, וועלכע זיינען נויטיק אויף אויסצופירן די עוואַקואַציע און נאָר אין די אינטערעסן פון דער זיכערקייט פון מיליטער. אָבער דאָס מיליטער וועט באַשטימען די טיילן, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דער עוואַקואַציע, און דאָס מיליטער וועט באַשטימען, וואָס איז נויטיק פאַר זיין זיכערקייט.

לאָמיר זיך ניט אַרומטראָגן מיט קיין אילוזיעס! מיט דער פאָרמעלער פאַרענדיקונג פון דעם מאַנדאַט, וועט דאָס לאַנד בלייבן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט (זיי זאָגן: ביזן 1־טן אויגוסט, — ווער עס וויל — זאָל גלויבן!) אין אַ לאַגע פון אַבסאָלוטן מיליטערישן קאָנטראָל.

און דערווייל וועט בלייבן אַ ליידיקער רוים — ליידיק פון פליכטן לגבי די בירגער און ליידיק פון מלוכה־דינסטן. — מיר ווייסן ניט, וואָס וועט געשען אויפן פלענום פון דער יו־ען, וואָס אַמעריקע האָט צוריקגערופן נאָך איר צוריקטריט פון דער אונטערשטיצונג פאַר דער אידישער מדינה. אָבער מיט וואָס עס זאָל זיך דאָרטן ניט ענדיקן, מוזן מיר אויפהאַלטן דעם ישוב, מוזן מיר אויפהאַלטן די געזעלשאַפטלעכע דינסטן, אויפהאַלטן באַדינגונגען פאַר דער אַבסאָרבירונג פון צענדליקער טויזנטער עולים, פאַר דער גרינדונג פון נייע ישובים, פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונזער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטרי — אין אַ מעגלעך שנעלן טעמפּאָ. און צי וועט מען דערצו מסכים זיין, צי ניין — מיר מוזן צוגרייטן אַ אידישע מאַכט.

דער פאָלקס־ראַט איז ניט קיין פּאַרלאַמענט, און די פאָלקס־פאַרוואַלטונג איז ניט קיין רעגירונג. עס וועט — גלויבן מיר — איינגיכן אַנטשטיין אַ פרייער פּאַרלאַמענט אין דער אידישער מדינה; ער וועט אַנטשטיין אויפן גרונט פון דעמאָקראַטישע וואַלן פון אַלע בירגער — אידן און אַראַבער (די וואָס וועלן פאַרבלייבן אין דער מדינה). און דאַן וועט אויך אַנטשטיין אַ געוויילטע רעגירונג, וואָס וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך לגבי דער דעמאָקראַטיע פון דער אידישער מדינה.

דער פאָלקס־ראַט און די פאָלקס־רעגירונג שטעלן מיט זיך פאַר די קריגס־קאָמאַנדע, וואָס דאַרף שטיין אויף דער וואַך און ליקווידירן די אַנאַרכיע, וואָס די מאַנדאַט־רעגירונג האָט בייזוויליק אָנגעוואָרפן אויפן לאַנד.

אַלס אַ קריגס־קאָמאַנדע וועלן מיר אפשר ניט קענען אָפּהיטן אַלע מצוות פון דעמאָקראַטיע; מיר וועלן אויך ניט קענען אָפּהיטן אַ סך אַנדערע חשובע און טייערע מצוות. איצט ליגט אויף אונז די איינציקע העכסטע מצוה:

דער קאַמף פאַר אונזער עקזיסטענץ און נאַציאָנאַלער פרייהייט, און דער דאָזיקער קאַמף דאַרף דאָמינירן איבער אַלע אַנדערע אינטערעסן און אַלע אַנדערע מצוות. נאָכדעם, ווי די פאָלקס־פאַרוואַלטונג וועט באַווייזן גליקלעך צו פאַרענדיקן דעם איצטיקן קאָנפליקט — וועט אַנטשטיין אַ פולע, פרייע דע־מאָקראַטיע, וואָס וועט זיין טריי דער פרייער אידישער מדינה.

דער קאַמף, וואָס מיר פירן איצט, איז ניט נאָר אַ מיליטערישער. מיר שטייען אויך פאַר אַ שווערן פּאָליטישן געראַנגל. עס איז ניט קלאָר, ווער איז דער אמת'ער שונא — דער, וואָס אַנטפּלעקט זיך אויפן מיליטערישן פראָנט, צי דער, וואָס דערשיינט אויף דער פּאָליטישער סצענע. ביז איצט איז אונז גוט געגאַנגען אויפן מיליטערישן פראָנט, אָבער דעם פיינט האָט ווייזט אויס, אָפּגעגליקט אויפן פּאָליטישן פראָנט. די באַשלוסן פון די פאַר־אייניקטע פעלקער זיינען נאָך ניט אַנולירט געוואָרן, אָבער זיי זיינען באַ־דייטנד דערשיטערט געוואָרן.

אַ ספּעציעלע סעסיע פון דעם פּלענום פון דער יו־ען איז צונויפגערופן געוואָרן, כדי פונדאַסניי צו באַטראַכטן דאָס ארץ ישראל־פּראָבלעם. דאָס בלויזע צונויפרופן אַזאַ ספּעציעלע סעסיע טראָגט אין זיך אַ רעוויזיע פון די פריערדיקע באַשלוסן. עס דערשיינט, ווי אייך איז באַקאַנט, אַ נייער פאַרשלאַג וועגן „טראַסטיִשיפּ". דער ישוב און די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאַרשלאַג. לויט אונזערע ידיעות, האָבן ניט די פאַרשלאָגער קיין גוטע אויסזיכטן, אַז זייער נייער געדאַנק זאָל אָנגענומען ווערן, נאָר אנשטאָט „טראַסטיִשיפּ" דערשיינט לעצטנס אַ נייער פאַרשלאַג — מיט אַ נייעם, אַטראַקטיוון נאָמען, אָבער אויך אַ ליגנערישן און פאַרפירע־רישן: וואָפנשטילשטאַנד.

איר ווייסט, אַז אין ירושלים איז אין נאָמען פון דעם זיכערקייטס־ראַט פון דער יו־ען אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון 3 קאָנסולן, מיטן בעלגישן קאָנסול אין שפּיץ (די איבעריקע צוויי זיינען — דער פראַנצויזישער און דער אַמעריקאַנער קאָנסול) — מיטן צוועק צו פירן פאַרהאַנדלונגען צווישן די אידן און די אַראַבער. עס קען זיין, אַז עס וועט אַהער קומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער, צו פירן פאַרהאַנדלונגען וועגן וואָפנ־שטילשטאַנד.

ניט מיר האָבן אָנגעהויבן די איצטיקע מלחמה, און ניט צו אונז דאַרף זיין געווענדעט די פאָדערונג, אָפּצושטעלן דאָס פייער. ווען דער הויך־קאָמיסאַר האָט זיך צו אונז מיט עטלעכע וואָכן צוריק געווענדעט מיט אַן ענלעכן פאַרשלאַג, האָבן מיר דערקלערט: אין דעם מאָמענט, וואָס די אַראַבער שטעלן אָפּ זייער פייער אין לאַנד — שטעלט זיך אָפּ אונזער פייער.

אָבער מיט דעם פאַרשלאַג וועגן וואָפנשטילשטאַנד מיינט מען ניט אָפּ־צושטעלן די בלוט־פאַרגיסונג אין לאַנד. דאָס וואָלטן מיר אַלע באַגריסט מיט פרייד. — מיט דעם פאַרשלאַג, וואָס מען טראָגט אונז אונטער, וויל מען פאַרגליווערן דעם איצטיקן צושטאַנד, מען וויל פאַראַליזירן די טעטיקייט פון דעם ישוב אויפן וועג צו זיין אומאָפּהענגיקייט און דער גרינדונג פון

זיין מדינה. מען מיינט נאָך אַ זאַך — אַ האַרבערע און ערנסטערע! צוימען די עליה.

דער פאָלקס־ראַט וועט זיך אָן ספק, פולשטענדיק אידענטיפיצירן מיט דער שטעלונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, — וואָס איז נאָך פריער געווען די שטעלונג פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע און פון ועד לאומי, — אָפּצואוואַרפן יעדן תנאי פאַר וואָפנשטילשטאַנד, וואָס פירט צו דער פּאַראַליזירונג פון אונזער טעטיקייט אויפן וועג צו זעלבסטשטענדיקייט, אָדער וואָס פירט צו דער צוימונג פון דער עליה. מיר וועלן ניט מסכים זיין צו אַ מאַסקירטן וואָפנשטילשטאַנד, וואָס וועט שמידן די הענט פון אונזערע זיכערקייטס־קרעפטן און וועט דערמעגלעכן די שכנות׳דיקע לענדער, אַריינ־צוברענגען אַהערצו באַוואָפנטע כוחות און אָנגרייפן אונז — ווען זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק. מיר האָבן געפאָדערט — און מיר באַשטייען אויף דעם — אַז די תנאים צו וואָפנשטילשטאַנד זאָלן זיין: א) קיין שום פּאָלי־טישער תנאי, אָפּצוהאַלטן אָדער צו באַגרענעצן די עליה, ווי אויך פּאַראַלי־זירן אונזער טעטיקייט פאַר דעם אויפבוי פון דער מדינה; ב) די דער־ווייטערונג פון די פרעמדע באַוואָפנטע באַנדעס און די פאַרמיידונג פון זייער צוריקקער. מיט די דאָזיקע תנאים וועלן מיר אויספּרובירן די פאָרשלעגער — צי מיינען זיי שלום אָדער בייזוויליקע אינטריגע.

און ווייל ס׳איז מעגלעך, אַז מיר שטייען ערב אַ שאַרפער און העכסט־געפערלעכער פאַזע אין דעם מיליטערישן גראַנגל, ווילן מיר זאָגן דעם אַראַ־בישן פאָלק און די אַראַבישע הערשער: אין אַלע אָנגריפן, וואָס זיינען גע־מאַכט געוואָרן קעגן אונז אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן און אויך אין די לעצטע מאָנאַטן, האָט איר זיך איבערצייגט, אַז קיין שום טעראָר, קיין גוואַלד־טאַט און קיינע דראָאונגען וועלן ניט אָפּהאַלטן די אידן פון צו בויען זייער וויסט לאַנד און וועלן ניט אָפּהאַלטן די אידן אין די גלות־לענדער פון צוריק־צוקערן צו זייער פאָטערלאַנד. ווי אַמאָל, אַזוי איצט, ווילן מיר שלום. מיר ווילן נאָר בויען דאָס חרובע לאַנד און לאָזן בליען די וויסטעניש. מיר ווילן ניט, און מיר דאַרפן ניט, נעמען דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געשאַפן. אויפן חשבון פון דער פוסטעניש און וויסטעניש, האָבן מיר מיט אייגענע כוחות געשאַפן — און וועלן אויך ווייטער שאַפן — קוואַלן פון עקזיסטענץ און פרנסה אין דאָרף און שטאָט. און אַזוי ווי מיר האָבן אויפגעלעבט יענע טיילן פון לאַנד, וואָס מיר האָבן קאָלאָניזירט, אַזוי וועלן מיר זיין אימשטאַנד אויפ־צולעבן דאָס גאַנצע לאַנד, — און מיר זיינען גרייט צו אַרבעטן, האַנט־ביי־האַנט מיט די אַראַבישע פעלקער, פאַר דער אויפלעבונג און אויפבליאונג פון דעם נאָענטן מזרח. מיר וועלן זיך ניט רירן פון אונזער פאָטערלאַנד. מיר זיינען שוין זאַט מיט גלות און צושפּרייטקייט! די אידישע עליה און די אידישע קאָלאָניזאַציע וועט זיך איינפאַסן אין דעם תחום פון דעם אידישן פאָטערלאַנד און וועלן ניט איבערשרייטן זיינע גרענעצן, אָבער אינערהאַלב אונזער לאַנד זיינען מיר גרייט צו קאָאָפּערירן מיט די מזרח־פעלקער פאַר דער אויפלעבונג פון דעם גאַנצן נאָענטן מזרח, אויפצוהייבן דעם לעבנס־

סטאַנדאַרט פון זיינע מאַסן, צו פאַרשטאַרקן דעם שלום אין די דאָזיקע לענדער און צוריק צו פאַרוואַנדלען דעם נאָענטן מזרח אין אַ בליענדיקן, געדיכט־באַפעלקערטן צענטער פון קולטור און גרויסער הומאַניטאַרער שאַפונג — ווי ער איז עס געווען אין די אַלטע צייטן.

אָבער אויב איר וועט פּרובירן, אונז צו באַזיגן מיט כוח, טאָ זאָלט איר וויסן, אַז ווען אַפילו די פאַראייניקטע פעלקער, אָדער אַ טייל פון זיי, וועלן זיך צוריקציען אונטערן דרוק פון אייערע דראָאונגען, ווי איניקע פון זיי האָבן זיך שוין צוריקגעצויגן, וועט זיך אָבער דאָס אידישע פאָלק — ניט צוריקציען! מיר וועלן מיט אונזער גאַנצער קראַפט באַשטיין אויף אונזער רעכט צום פאָטערלאַנד און אומאָפּהענגיקייט! מיר זיינען גרייט צו שלום — אַלס גלייכע מיט גלייכע, אַלס אַן אומאָפּהענגיק פאָלק, אַלס אַ פול־באַרעכטיקטער מיטגליד אין דער משפחה פון די פאַראייניקטע פעלקער, אַלס אַ פול־באַרעכטיקטער מיטגליד אין דעם פאַרבאַנד פון די סעמיטישע פעלקער אין דעם מיטעלן מזרח. און וועט עמיצער פּרובירן, און צורויבן פון אונז דאָס דאָזיקע רעכט מיט כוח — וועלן אויך מיר ענטפערן מיט כוח! אויב עס איז נגזר געוואָרן, אַז דאָס ארץ ישראל־פּראָבלעם זאָל פאַרענטפערט ווערן ניט דורך אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהאַנדלונגען, ניט מיט גערעכטע און פּראַקטישע מאָטיוון — ווי מען האָט אין נאָוועמבער פאַריקן יאָר פּרובירט צו טאָן אויף דעם פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער — נאָר דורך דער אַנטשיידונג פון כוח — טאָ וועלן מיר מאָביליזירן און אַקטיוויזירן אונזער פולן כוח, און ער וועט דעצידירן!

רבותי! צום באַדויערן, האָבן אייניקע מיטגלידער פון דעם פאָלקס־ראַט, וואָס וואוינען אין ירושלים, ניט געקענט קומען אַהערצו. דער וועג פון ירושלים קיין תל־אביב איז איצט אָפן נאָר אין דער לופט, און צוליב דעם שלעכטן וועטער האָבן אונזערע פליער ניט געקענט ברענגען זיי אַהערצו. מיר גלויבן, אַז דער דאָזיקער אָפּהאַלט וועט לאַנג ניט דויערן, אָבער היינט האָבן זיי נאָך ניט געקענט קומען, ווי אויך ניט אייניקע מיטגלידער פון דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג, וועלכע האָבן געדאַרפט באַטייליקן זיך אין די פאַרבאַראַטונגען, אויף וועלכע מיר האָבן אויסגעאַרבעט פאַרשלאָגן, געזעצן און באַפעלן, אַלס מאַטעריאַל פאַר די זיצונגען פונם פאָלקס־ראַט. מיר האָבן דעריבער, ליידער, געמוזט אָפּלייגן דעם המשך פון דער זיצונג ביז מאָרגן.

# אם אשכחכם, אַנשי ירושלים!

(אויף דער צווייטער זיצונג פונם פאָלקס־ראַט)

אָויב די היינטיקע לאַגע אין תל־אביב איז עלול צו מאַכן אונז פאַרגעסן, אַז מיר לעבן אין קריגס־צייט, קומט די דאָזיקע ראַט־זיצונג און דערמאָנט אונז, אַז די מלחמה דויערט נאָך. די חברים פון ירושלים, וואָס צוליב זייער אָפּוועזנהייט זיינען מיר געווען געצוואונגען איבערצוטראָגן די זיצונג פון נעכטן אויף היינט, האָבן צו אונזער טיפן באַדויערן אויך היינט ניט געקענט קומען. צוליב דער לאַגע אין גוש־עציון, וואו עס געפינען זיך מערערע פאַרוואונדעטע און עס זיינען נויטיק געווען אַעראָפּלאַנען, צו ברענגען אַהינצו מעדיקאַמענטן, און פון דאָרטן — די פאַרוואונדעטע, איז ניט מעגלעך געווען, שטעלן אַעראָפּלאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון די מיטגלידער פון ראַט און פאַרוואַלטונג, וואָס האָבן געדאַרפט אַריבערקומען פון ירושלים קיין תל־אביב. מיר גלויבן, אַז מאָרגן וועט עס אונז געלונגען דורכצופירן, נאָר זיכער איז עס ניט. מיר לעבן אין אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, — נעכטן איז געווען גוש־עציון, און קיינער ווייסט ניט, וואָס עס קען געשען מאָרגן.

מיר קענען דעריבער, לײדער, ניט צוטרעטן צו דער אַרבעט, — פון די ירושלים׳ער איז אָנגעקומען אַ קאַטעגאָרישע — און גערעכטע — פאָדע־רונג, ניט אָנצוהייבן אונזער אַרבעט אָן זיי. די זאַך איז נוגע 12 חברים — כמעט אַ דריטל פון דעם פאָלקס־ראַט. — מיר וועלן ווידער אָפּלייגן די זיצונג, און ווען דאָס קומען פון די ירושלים׳ער חברים וועט זיין געזיכערט, וועלן מיר אייך צונויפרופן. עס איז זייער פאַרדראָסיק, אָבער עס געשען איצט נאָך פיל שווערערע זאַכן.

# וועלן מיר זיך קעגנשטעלן דער אינוואַזיע?

(אויף אַ זיצונג פון דער פאָלקס־לייטונג)

טעאָרעטיש זיינען דאָ דריי מעגלעכקייטן. די ערשטע מעגלעכקייט: מען פאַרשליסט הערמעטיש אונז און די אַראַבער פון ארץ ישראל, מען שניידט אונזביידן אָפּ פון יעטוועדער הילף, און מען לאָזט דעם פרייען אינערלעכן כוחות־שפּיל צו דעצידירן אין קאַמף. לויט דעם כמות פון געווער און דער צאָל פון מענטשן זיינען מיר הינטערשטעליק אַנטקעגן די אַראַבער, אָבער מיר וועלן זיכער באַהערשן דאָס גאַנצע לאַנד; עס וועט ניט לייכט אָנקומען און מיר וועלן האָבן פאַרלוסטן — עס קענען אַפילו פאַרניכטעט ווערן גאַנצע ישובים אונזערע — אָבער דאָך וועלן מיר פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד און די מאַכט וועט זיין אין אונזערע הענט; עס קען דויערן אַ געוויסע צייט, אָבער עס מוז געשען אַזוי. אָבער — אַזאַ עווענטואַליטעט איז אומגלויבלעך.

עס איז אויך דאָ אַ צווייטע מעגלעכקייט — אַ גאַנץ רעאַלע: מיר פאַרבלייבן אַזוי ווי מיר זיינען, מען וואַרפט אויף אונז אַן אַ בלאָקאַדע, מען לאָזט אונז ניט פאַרגרעסערן די צאָל פון אונזערע מענטשן און אַריינברענגען געווער — און מיר מוזן קעמפן מיט דעם, וואָס מיר פאַרמאָגן; דאַקעגן די אַראַבער קענען ברענגען הילף — יעדע מעגלעכע הילף, — און אין דעם פאַל וועט אונזער לאַגע זיין גאָר־גאָר געפערלעך. איך זאָג ניט, אַז מיר זיינען אָן האָפענונג, אָבער נאָר מיט נסים וועלן מיר בלייבןביים לעבן און נאָר מיט פאַרצווייפלטע, העלדישע מעשים וועלן מיר אפשר פאַרקלענערן די סכנה; רעאַליסטיש גענומען וועט אונזער לאַגע זיין דורכויס אַ געפערלעכע. די אַראַבער וועלן קענען באַהערשן דאָס לאַנד און שטעלן די אידן אויף די קני — אויב ניט נאָך ערגער.

איך האָב ניט אויסגעשלאָסן די דאָזיקע צווייטע מעגלעכקייט, ווייל שטענדיק האָט מיר געשיינט, אַז מיר האָבן טאַקע צו טאָן מיט אונזערע אַראַבישע שכנים, אָבער הינטער זיי שטייט אַ געוויסער פּאָליטישער כוח, וואָס די אַראַבער שטייען צו זיין דינסט און טוען זיין מלאכה. דער דאָזיקער כוח וויל ניט אָדער קען ניט, אַליין מאַכן די מלאכה קעגן דעם ישוב, — און ער דאַרף עס ניט, ווייל די אַראַבער באַדינען אים, — ער דאַרף נאָר שטיין הינטער זייערע פּלייצעס.

אויב ענגלאַנד וועט אויף זיך נעמען די אויפגאַבע, צו בלאָקירן אונז, אָפּשניידן פאַר אונז דעם וועג צו הילף און איבערגעבן אונז, אָט אַזוי ווי

מיר זיינען, צו דער אַראַבישער וועלט, — און לאָמיר אָננעמען, אַז דאָס וועט געמאַכט ווערן מיט דער הסכמה פון אַמעריקע, — דאַן וועט אונזער לאַגע זיין גאָר אַ געפערלעכע.

פראַקטיש דאַרף מען אָבער אָננעמען אַ דריטע עווענטואַליטעט: סיי די אַראַבער וועלן פאַרגרעסערן זייערע כוחות, און סיי מיר. מיר וועלן האָבן אַ שווערן געראַנגל, און ניט אָן פאַרלוסטן. איז האָב איך קודם כל מורא פאַר אונזער מאָראַל; מיר זיינען ביז איצט צופיל געפּיעשטשעט געוואָרן; דער שונא האָט ניט באַוויזן צו פאַרכאַפּן כאָטש איין פּונקט אונזערן. אַוודאי וועלן מיר אויף דעם ניט וויינען, אָבער אַ פאַקט איז, אַז אונזער מאָראַל איז דאַדורך ניט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. מיר זיינען שטאָלץ מיט אונזערע ביזאיצטיקע נצחונות — און מיט רעכט. אָבער אויב מיר וועלן פאַרלירן פּונקטן — און דאָס מוז כמעט געשען — און מיר וועלן האָבן שווערע פאַרלוסטן, האָב איך מורא, אַז אונזער מאָראַל וועט דערשיטערט ווערן. עס געניגט דאָס, וואָס איך האָב היינט געזען אויפן פּנים פון די אַנוועזנדיקע, ווען זיי האָבן געהערט וועגן זיבעציק הרוגים אין גוש־עציון. איך האָב אַפילו מורא פאַרן מאָראַל פון אונזער מיליטער.

און אויב עס שטייט אונז פאָר, צו באַקומען קלעפּ — איך שטעל זיך עס גאָר אַנדערש ניט פאָר — וועט אונזער מאָראַלישער כוח שטיין פאַר אַן עקזאַמען. איך נעם אָן, אַז ער וועט אים אויסהאַלטן, אָבער עס וועט זיין אַ שווערער עקזאַמען, און אין געוויסע פאַלן וועלן זיין שווערע פאַרלוסטן. עס וועט זיין אַ פּאַניק. דאָס געפיל פון מאָראַלישער און מיליטערישער העכערקייט, וואָס האָט אונז דורכגענומען די לעצטע וואָכן, מאַכט מיך ציטערן, ווייל מיר זיינען נאָך ניט דורכגעגאַנגען די שווערע נסיונות.

און אויב באַטראַכטן די לאַגע אַזוי ווי זי איז, ניט „עווענטועל", נאָר אַזוי ווי זי איז, שטייען מיר — אַזוי שיינט מיר — פאַר אַ שווערן געראַנגל. און מיר דאַרפן זיין גרייט צו שווערע פאַרלוסטן, אַפילו צו פאַרלירן ישובים, ווי אויך — מענטשן, און צו שווערע געזעלשאַפטלעכע דערשיטערונגען. איך געדענק נאָך דעם פאַרלוסט פון די פינף און דרייסיק, — איך האָב אין זיינען די רעאַקציע פון דעם ישוב. אין אונזער ישוב ליגן באַהאַלטן רייכע כוחות, אָבער פאַרהאַרטעוועט איז ער ניט. דאָס איז איינע פון אונזערע שוואַכקייטן.

מיר האָבן ביז איצט געהאַט אַן איבערגעוויכט לגבי די אַראַבער, אָבער מיר מוזן באַזונדערס זאָרגן פאַרן מאָראַלישן איבערגעוויכט, וועלכער פעלט נאָך אונז, ליידער.

מיר האָבן נאָך אַ שוואַכקייט — אויסער דער פיזישער: מיר האָבן ניט קיין גענוגענדע שליטה — ווי עס פאָדערט זיך אין קריגס־צייט — אויף אונזערע קאָמאַנדירן און די מיליטערישע איינהייטן. געפינט זיך ערגעץ־וואו אַ לאָקאַלער קאָמאַנדיר — וואָס מיינט, אַז ער פאַרשטייט בעסער פון דער אויבערשטער קאָמאַנדע. ער איז אפשר גערעכט פון לאָקאַלן שטאַנדפּונקט, ער זעט אָבער ניט דעם גאַנצן פּראָגנאָז, פאַרשטייט ער ניט פאַרוואָס — אויס

דעם אַלגעמיינעם חשבון — דאַרף מען טאָן אַזוי און ניט אַנדערש. דאָס איז אַ צווייטע שוואַכקייט. אין דעם אומגלייכן קאַמף צווישן אונז און די אַראַבער, קען פאַר יעדער שוואַכקייט ווערן טייער באַצאָלט.

דאַן דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט די פיזישע פאַקטאָרן, — קודם כל — געווער. אויב מיר וועלן פאַרבלייבן בלויז מיטן געווער, וואָס מיר באַזיצן איצט, וועט אונזער לאַגע זיין געפערלעך. מיר מעגן אָבער אָננעמען, אַז דער הינזיכט וועט זיך אונזער לאַגע פאַרבעסערן, און הגם זי וועט זיין אַ קריטישע, וועט זי אָבער — גלויב איך — ניט זיין קיין געפערלעכע. מיר האָבן שוין גאַנצע אוצרות פון געווער, — מערניט — אין אויסלאַנד. ווען דאָס גאַנצע געווער, וואָס מיר האָבן ערגעץ־וואו, וואָלט זיך געפינען דאָ — וואָלטן מיר געקענט זיין רואיק (הגם אויך דאַן וואָלטן געווען פאַרלוסטן), און אויב אַפילו מצרים און איראַק ווען אַרויסטרעטן קעגן אונז — וואָלטן מיר זיי אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ ניט שוואַכער געמיט.

אָבער עס איז ניט לייכט, באַלד אַריבערצופירן אַהערצו אַלץ, וואָס מיר האָבן דערוואָרבן אין חוץ לארץ. עס זיינען דאָ אויסזיכטן, אַז לפחות אַ טייל פון דעם דאָזיקן פאַרמעגן אונזערן זאָל אָנקומען, — אָבער — ווען? און — וויפל? — דער ענטפער אויף די דאָזיקע צווי פראַגן וועט שפּילן אַ גריסע ראָלע — ניט אין דער ענדגילטיקער אַנטשיידונג, נאָר אין דער צאָל פון אונזערע פאַרלוסטן און אין דער צייט פון דעם קריגס־דויער. ווען עס וואָלט אונז געלונגען צו ברענגען — לאָמיר זאָגן — נאָך פופצן טויזנט ביקסן און עטלעכע מיליאָן קוילן (מיר האָבן ערגעץ־וואו מער פון דעם), ווי אויך האַרמאַטן, באַזוקעס און קריגס־אַעראָפּלאַנען, אויסגעשטאַטעטע מיט האַרמאַטן און מאַשין־געווער און באָמבעס (און דאָס אַלץ האָבן מיר ערגעץ־וואו), וואָלט אונזער לאַגע אינם אָנהויב פון קריג געווען גאָר אַן אַנדערע: מיר וואָלטן געקענט אין אָנהייב פון דער צוקונפטיקער אינוואַזיע אַראָפּלאָזן אַ מעכטיקן קלאַפּ אויף די אַראַבער און אונטערגרייסן זייער מאָראַל. די אַראַבישע אַרמייען וועלן אָבער, ווייזט אויס, מאַכן זייער אינוואַזיע — איידער מיר וועלן דאָ האָבן די דאָזיקע אַמוניציע. וואָס מיר טוען דערווייל — איז צוגרייטן און אויסצושולן פּליערס.

ווען עס וועט קומען די מעגלעכקייט — איך גלויב אַז עס וועט קומען — אַריבערצוברענגען אַהערצו אַ טייל פון דעם שווערן וואָפן, צוזאַמען מיט דער מענטשלעכער באַדינונג (די מענטשן גייען דאָרטן דורך אַ געהעריקע אויס־שולונג), וועלן מיר שטיין פעסט. עס וועט ניט זיין קיין „פּיקניק", ווי עס שטעלט זיך לעצטנס פאַר דער ישוב. עס וועט ניט זיין קיין שפּאַציר. מיר דאַרפן גרייט זיין צו פאַרלוסטן און שווערע דערשיטערונגען. אָבער פון די אויס־זיכטן פון אונזער דינאַמיק, פון דעם וואוקס פון אונזערע כוחות, שיינט אונז אַנטקעגן — דער נצחון.

נאָר אויב מיר האָבן ניט קיין גענוגנדע שליטה אויף די מיליטערישע קרעפטן — האָבן מיר נאָך ווינציקער שליטה אויף דער ציווילער באַפעל־קערונג. אין אַ גאָר גרויסער מאָס וועט דער גורל פון די קאַמפן אַנט־

שיידן ווערן דורך דער מאָס פון אונזער פעאיקייט צו מאָביליזירן די מענשן, וואָס זיינען אונז נויטיק הן פארן פראָנט און הן פאַרן „הינטער דעם פראָנט". ביז איצט איז ניט געווען קיין אויטאָריטאַטיווע אינסטאַנץ — ניט פאַר דער ערשטער אויפגאַבע און ניט פאַר דער צווייטער.

י. י. האָט אייך דערציילט בלויז וועגן די מיליטערישע באַדינגונגען פון די קאַמפן. איר דאַרפט אָבער אויך הערן וועגן די ציווילע באַדינגונגען, פון וועלכע דער גאַנצער קריג איז אָפּהענגיק. איר דאַרפט וויסן פון די פעלערן, ווי אויך — וואָס איז דאָ צו טאָן, כדי מיר זאָלן מצליח זיין. מיר האָבן איצט... טויזנט מענטשן אונטערן וואָפן, און מיר קענען אַריינפירן אין קאַמף נאָך... טויזנט פון די קיבוצים און די קאָלאָניעס, מענטשן מיט געווער; עס זיינען נאָך דאָ... טויזנט פערזאָן, וואָס פאָרמעל זיינען זיי ניט קיין מיליטער־לייט, אָבער מען קען פון זיי שאַפן אַ פיינע אַרמיי. — זיי זיינען באַשטימט, לעת עתה, אַלס לאָקאַלע הגנה. איצט, ווען עס דערנענטערט זיך די אינוואַזיע, וועלן מיר זיי ניט קענען איבערלאָזן אין זייערע היימען, — מיר וועלן זיי אַריינגיסן אין די מיליטערישע פאָרמאַציעס. — פון געוויסע פלעצער וועלן מיר מוזן עוואַקואירן די פרויען און די קינדער, הגם עס איז בכלל ניטאָ קיין אָרט אין לאַנד, וואו די פרויען און די קינדער קענען זיצן זיכער, — ניט אין תל־אביב, כאָטש עס איז כלומרשט ניטאָ קיין מער זיכערער פלאַץ פון תל־אביב.

אַ טייל פון די מענשן וועלן מיר מאַכן באַוועגלעך. מיר האָבן ביז איצט ניט גענוג אויסגענוצט די מעגלעכקייטן, צו פאַרוואַנדלען גרעסערע טיילן פון אונזערע קרעפטן אין באַוועגלעכע איינהייטן. צופיל מענטשן אונזערע זיינען צוגעשמידט צו זייערע ערטער. — — —

נאָך דעם ווי עס וועט אַנטשטיין אַן אויטאָריטאַטיווע מאַכט, וועט זי מאָביליזירן די מענטשן, דעם טראַנספּאָרט און די שפּייז־רעזערוון און וועט זיי אויסנוצן אין די אינטערעסן פון דעם קריג, ווי אויך אין די אינטערעסן פון דעם ישוב, אַלס אַזעלכן. אויב אונזער מענטשן־כוח וועט וואַקסן (און ער וועט וואַקסן!) — סיי פון דער אָרטיקער מאָביליזאַציע און סיי פון דער עליה פון ציפּערן און אייראָפּע — און די פּראָדוקציע אין לאַנד וועט ווייטער אָנהאַלטן — האָבן מיר, לויט מיין מיינונג, אַ שאַנס צו שטיין פעסט און באַזיגן די שונאים.

אונזער מיליטערישער פּאַרטנער איז ניט דאָס אַראַבישע פאָלק אין ארץ ישראל. ווען מען שלאָגט פאָר וואָפנשטילשטאַנד צווישן אונז און די אַראַבער פון ארץ ישראל איז, ווי מען וואָלט פאָרגעשלאָגן וואָפנשטילשטאַנד צווישן דעם אידישן כוח און צווישן אַ טויטן מאַן. דער שטאַרקער אַראַבישער צד — זיינען די אַראַבישע מדינות. דער דאָזיקער שטאַרקער צד וועט דערווייל באַקומען געווער פון ענגלאַנד (און ער באַקומט), ער וועט אויך דערווערבן געווער פון אַנדערע קוואַלן. און אויב אין אַמעריקע איז דאָ עמבאַרגאָ — וועלן זיי קויפן אין אַנדערע לענדער, — מיר וויסן, אַז זיי קויפן אין אַלע לענדער, וואו מיר קויפן. דער דאָזיקער שטאַרקער צד וועט דערווייל נאָכמער

פאַרשטאַרקן זיינע כוחות, ווייל קיינער וועט זיך ניט אַריינמישן אין די ענינים פון אומאָפּהענגיקע מדינות, און מיר וועלן זיין — געצוימט, די עליה וועט זיין געצוימט, דאָס ברענגען געווער וועט זיין געצוימט, און מען וועט נאָך פּיליכט אויך אונזער פּראָדוקציע נעמען אונטער קאָנטראָל. דאָס הייסט: דער שטאַרקער און געפּערלעכער פּאַרטנער וועט האָבן פולשטענדיק פרייע הענט, און מיר וועלן זיין — געצוימט. זע איך ניט דעריבער קיין שום נוצן אין וואָפנשטילשטאַנד צווישן אונז און די אַראַבער פון ארץ ישראל.

אויב דער וואָפנשטילשטאַנד וועט זיין גינסטיק פאַר אונז — וועלן אים די אַראַבער ניט אָפּהיטן, ווייל עס איז ניטאָ קיין קראַפט, וואָס זאָל זיי עפּעס אויפצווינגען קעגן זייער ווילן. — — —

און איך קער זיך אום צו דער עיקר־פראַגע: צי זעען מיר אַ רעאַלע מעגלעכקייט קעגנצושטעלן זיך דער אינוואַזיע?

מיין ענטפער איז: אויב מיר וועלן קענען פאַרגרעסערן דעם מאָביליזירטן מענטשן־מאַטעריאַל — דורך פאַרשטאַרקטער מאָביליזאַציע אין לאַנד און דורך עליה פון אויסלאַנד; אויב מיר וועלן אויסברייטערן די אויסשולונג און פאַרמערן די אויסשטאַטונג — טיילוויז דורך אונזער פּראָדוקציע אין לאַנד און נאָכמער דורך ברענגען אַהערצו פון אויסלאַנד די איינגעקויפטע מאַטעריאַלן, — וועלן מיר זיך קענען האַלטן און אויך מנצח זיין. דאָס וועט אָבער געשען ניט אָן פאַרלוסטן און שווערע דערשיטערונגען — און דערצו דאַרף מען צוגרייטן דעם ישוב.

י׳ באייר תש״ח — 5. 19. 1948

# זיכערקייט און אומאָפּהענגיקייט

(אויף דער צווייטער זיצונג פון דעם פּראָוויזאָרישן מדינה־ראַט, תל־אביב)

מען האָט מיך געבעטן צו רעפערירן וועגן דער איצטיקער לאַגע, הגם דאָס איז ניט געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג. איך וועל דאָס טאָן, אָבער מיט דער פאָרויסזעצונג אַז איך קען זיך פאַרלאָזן אויף אַלע אָנוועזנדע — ניט נאָר די ראַט־מיטגלידער, נאָר אויך זשורנאַליסטן און געסט. מיינע ווערטער וועלן זיין ניט צום פאַרעפנטלעכן, כאָטש איך וועל ניט אַנטפּלעקן קיין סודות.

א) אין דער לופט הערשט פאַרלויפיק דער פיינט. וואָס דאָס באַדייט פאַר תל־אביב, ווייסט יעדער איינער פון די אָנוועזנדע. מיר האָבן אַ גרונט צו גלויבן, אַז די דאָזיקע לאַגע וועט לאַנג ניט דויערן; צום באַדויערן קען

איך ניט באַשטימען קיין דאַטום. די הערשאַפט אין דער לופט גיט דעם פיינט אַ גרויסן איבערגעוויכט, אָבער אונזער באַפעלקערונג האָט זיך ניט איבערגעשראָקן. דער ישוב ברויכט ניט קיין קאָמפּלימענטן, עס איז אָבער אוממעגלעך, ניט צו באַצייכענען זיין פּראַכטפולע האַלטונג. איך האָב דורכ־געלעבט דעם נאַצי־„בליץ" אין לאָנדאָן און איך האָב באַוואונדערט די איבער־מענטשלעכע גבורה, וואָס די לאָנדאָנער האָבן אַרויסגעוויזן אין די שרעקלעכע טעג פון דער אומאויפהערלעכער לופט־באָמבאַרדירונג. איז אָט ווייזן איצט אונזערע מענטשן אַרויס די זעלבע גבורה וואָס די לאָנדאָנער. איך געפין פאַר מיין חוב צו זאָגן, אַז ביי מיין גאַנצן טיפן גלויבן אין דעם ישוב, בין איך איבערראַשט געוואָרן פון דער זעלבסטבאַהערשונג, וואָס אונזער באַפעלקערונג ווייזט אַרויס אין די איצטיקע טעג. איך בין געווען אויפן גאַס בשעת דער ערשטער באָמבאַרדירונג, שבת פאַרטאָג, צומאָרגנס נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. איך האָב געזען די באַפעלקערונג און האָב ניט געפונען קיין שום סימן פון פּאַניק. אויך דער נעכטיקער דערשיטערנדיקער אומגליק האָט גאָרנישט געענדערט, הגם מען דאַרף באַמערקן, אַז אונזערע מענטשן זיינען ניט גענוג פאָרזיכטיק און זיי אונטערשעצן די געפאַר.

ב) מיר האָבן איצט אַ ריי פון פראָנטן, און אויף יעדן פראָנט איז אַן אַנדער סיטואַציע. איך וועל אָנהייבן פון צפון: דער גאַנצער גליל המערבי — איינ־שליסלעך עכו — איז אין אונזערע הענט. אין גליל המזרחי האָבן מיר אויסגע־פונען קאָנצענטרירונגען פון פיינטלעכע כוחות און צוגרייטונגען צו אַן אָפענ־סיווע — האָט אונזער מיליטער איבערגענומען די איניציאַטיוו, האָט אָנגעגריפן דעם שונא און האָט אפילו צוליב דעם איבערגעשריטן די גרעניץ. אביסל צום דרום, אין עמק־הירדן, איז די לאַגע אַ געשפּאַנטע. דאָרטן זיינען טעטיק שטאַרקע געפּאַנצערטע קאָלומנעס פון דעם אַראַבישן לעגיאָן, וועלכע ווערן געשטיצט דורך איראַקישע און סירישע כוחות. זיי לאָזן אין גאַנג אַעראָפּלאַנען, האַרמאַטן, מאַשינען־געווער און טאַנקן. נעכטן זיינען אַהין געשיקט געוואָרן פאַרשטאַרקונגען, אָבער עס פאָדערט זיך נאָך — און איך האָף אַז מיר וועלן זיי שיקן. — אויפן מיטעלן פראָנט הערשט אויסערלעכע רו, אָבער דער שונא גרייט זיך צו אַן אָפענסיווע. לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן, איז קאַוקאַדזשי אויפגעפאָדערט געוואָרן, אַריבערצוגיין מיט זיינע מיליטערישע קרעפטן קיין עבר־הירדן און אָפּצוטרעטן זיין פּלאַץ פאַרן לעגיאָן. דער לעגיאָן דערנענטערט זיך צו ירושלים, און לויט די לעצטע ידיעות האָט ער דערגרייכט שייך־דזשעראַך. ירושלים, די שטאָט איז כמעט אינגאַנצן אין אונזערע הענט, עס איז אויך דורכגעריסן געוואָרן דער וועג צו דער אַלטער שטאָט. מיינע לעצטע ידיעות זיינען פון די מיטאָג־שטונדן, און איך ווייס ניט ווי זעט אויס די לאַגע אין דער שטאָט. — אויפן ראַמלער פראָנט האָבן מיר איינגענומען סאַראָפענד. — סאַראָפענד איז, ווי באַקאַנט, פריער פאַרקויפט געוואָרן דער אידישער

*) נעבן דער אויטאָבוס־סטאַנציע אין תל־אביב זיינען בשעת אַ לופט־אָנגריף געהרגעט געוואָרן 42 מענטשן.

אַגענץ, אָבער די לאַנדאָנער רעגירונג האָט אַנולירט די טראַנזאַקציע, און דאָס בריטישע מיליטער האָט איבערגעגעבן סאַראַפענד צו די אַראַבער. איצט איז סאַראַפענד איינגענומען געוואָרן דורך אונזערע קרעפטן. אונזער אָנגריף אויף ראַמלע גייט ניט פאָרווערטס. אין דרום זיינען ניטאָ קיין ענדערונגען. אין נגב איז די לאַגע געשפּאַנט, — גרויסע פיינטלעכע כוחות שטייען קעגנ־איבער אונזערע כוחות. מיר זעצן פאָר די מאָביליזירונג פון נייע כוחות. מיר נעמען אָן, אַז אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן וועט פאָרקומען אַ באַדייטנדע ענדערונג אין די קרעפטן און מיטלען, וואָס וועלן שטיין צו אונזער דיספּאָזיציע.

דאָס איז די אינפאָרמאַציע, וואָס איך קען איצט אין קורצן איבערגעבן.

מיר דאַרפן איצט באַהאַנדלען „די פאַראָרדענונג וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דער אַדמיניסטראַציע און פון דעם יוסטיץ־וועזן". מיר האָבן באַקומען פאַ־דערונגען — באַזונדערס פון אַמעריקע — מיר זאָלן מעלדן, וואָס פאַר אַ ים־פאָן עס וועט ביי אונז זיין, ווייל עס דאַרפן אַהערצו קומען שיפן, און זיי ווילן טראָגן די פאָן פון מדינת־ישראל, ווען זיי וועלן זיך דערנענטערן צו אונזערע ברעגן. מיר דאַרפן אויך שיקן אונזערע שיפן פון דאַנען, און זיי דאַרפן טראָגן אונזער פאָן. דאָס זעלבע איז נוגע פאָסט־מאַרקעס. מיר דאַרפן אויך אָננעמען 2 קורצע באַשלוסן וועגן ענינים פון אויסנאַם־צושטאַנד און וועגן בודזשעט־ענינים.

איך וויל מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען צום ויכוח.

די ערשטע באַמערקונג וועגן — דעמאָקראַטיע: די צוויי אינסטאַנצן — דער מדינה־ראַט און די ציטווייליקע רעגירונג — זיינען פאַקטיש ניט קיין דעמאָקראַטישע אינסטאַנצן, געוויילטע אין אַלגעמיינע וואַלן, נאָר אַזעלכע, וואָס זיינען אַנטשטאַנען, אַלס רעזולטאַט פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער רעוואָ־לוציע. דיביידע אינסטאַנצן הענגען ניט אָפּ איינע פון דער אַנדערער. אמת, איינע פון זיי — דער מדינה־ראַט — איז אַ געזעצגעבערישע אינסטאַנץ, און די צווייטע — די רעגירונג — אַן עקזעקוטיווע אינסטאַנץ, אָבער די לאַגע איז אַזאַ, דאָס די רעגירונג איז ניט געוויילט געוואָרן דורך דעם מדינה־ראַט, און זי הענגט ניט אָפּ פון אים; ביידע זיינען זיי אַנטשטאַנען אויפן סמך פון באַשלוס פון דעם ועד לאומי — מיט דער באַשטעטיקונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט; זייערע קאָמפּעטענצן ציען זיי דעריבער פון דעם דאָזיקן באַשלוס.

די צווייטע באַמערקונג: מיר לעבן אין קריגס־צייט; די מלחמה פירט זיך ניט נאָר אין די טויערן פון תל־אביב, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד; אונזערע אָנשטרענגונגען, אָרדנונגען און אונזער אויפפירונג זיינען דעריבער אונטער־געוואָרפן צוויי צענטראַלע, וויכטיקע אינטערעסן, וואָס באַשטימען אַלץ: א) זיכערהייט; ב) דאָס אויפשטעלן אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג אנשטאט דעם תוהו־ובוהו, וואָס די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אונז איבערגעלאָזן בירושה. די ביידע זאַכן ווערן ניט געמאַכט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, — זיי פאָדערן שנעלע אַקציעס. מיר טאָרן איצט ניט מדקדק במצוות זיין, — ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין, — אויב נאָר זיי שטערן בסתירה צו די צוויי עיקר־מצוות: זיכערקייט און זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַלץ מוז איצט געטאָן ווערן שנעל, עפעקטיוו, אויפן

אָרט, צומאָל — כהרף־עין. די אַרבעט פאַר זיכערקייט און זעלבסטפאַרוואַלטונג טאָר ניט אָפּגעלייגט ווערן, — מען וויל אונז פאַרניכטן, מוזן מיר ווירקן שנעל.

דער קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, וואָס ווערט אייך פאָרגעשלאָגן, בילדעט אַ געזעצלעכע ראַם פאַר אונזערע ביידע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס צוליב זייער רע־וואָלוציאָנערן כאַראַקטער זיינען זיי ניט הונדערט־פּראָצענטיק דעמאָקראַטיש; דער פּראָיעקט שלאָגט אויך פאָר אַן אָרדענונג, וואָס דערמעגלעכט די באַלדיקע געהעריקע טעטיקייט צום שוץ פון דער מדינה און צו דער אָרגאַניזירונג פון אירע נויטווענדיקע דינסטן.

די אויטאָרס פון דעם דעקרעט ווייסן גוט, אַז עס איז ניט קיין קאָנסטיטוציע פאַר נאָרמאַלע צייטן. דאָס איז אַ קאָנסטיטוציע פאַר אויסנאַם־צושטאַנד. יעדער ישוב שטעלט מיט זיך היינט פאָר אַ פראָנט. אויך די איינוואוינער פון תל־אביב ווייסן שוין, אַז זיי זיינען אויפן פראָנט, — און אויפן פראָנט פירט מען זיך אַנ־דערש ווי אין דער זיכערקייט. אַלץ דאַרף איצט קאָנצענטרירט ווערן אויף די צוויי צענטראַלע אויפגאַבן: זיכערקייט און פאַרפעסטיקונג פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

כ״ב באייר, תש״ח — 1948 .31 .5

# דאָס ערשטע יאָר פון אידישער פרייהייט

(טאָג־באַפעל צו דער גרינדונג פון צבא־הגנה לישראל)

מיט דער גרינדונג פון מדינת ישראל איז די הגנה אַרויס פון אונטערגרונד און איז געוואָרן אַ רעגולערע אַרמיי.

אַן אומגעהויער גרויסן חוב זיינען דער ישוב און דאָס אידישע פאָלק שולדיק דער הגנה אין אַלע פאַזן פון איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, פון די איינצלנע שפּראָצונגען אין די ערשטע גרינדונגס־טעג — אין פּתח־תקוה, ראשון לציון, גדרה, ראש פינה, זכרון יעקב, מתולה; דורך דעם „השומר" פון די חלוצים פון דער צווייטער עליה; דורך דעם אידישן לעגיאָן פון דעם ערשטן וועלט־קריג; די פאַרטיידיקונג פון תל חי; דורך דעם פּערמאַנענטן וואוקס פון דער הגנה־אָרגאַניזאַציע אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות, די גרינדונג פון דער וועכטער־פאָרמאַציע (חיל הנוטרים) און די גע־שעענישן פון 1936—1939; די גרינדונג פון פלמ״ח און חי״ש; דורך דער מאַסן־באַוועגונג פון פרייוויליקע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער גרינדונג פון דער ערשטער אידישער בריגאַדע און ביז צו דעם מעכטיקן גע־

ראַנגל פון דער הגנה אין דער ערשטער העלפט פון דעם איצטיקן קריג קעגן אונז — פון דעם 30־טן נאָוועמבער 1947 ביז צום 31־טן מאַי 1948.

אָן דער דערפאַרונג פון דער הגנה, אָן איר סטראַטעגיע, שלאָגפערטיקייט און קאָמאַנדע, געטריישאַפט און העלדישקייט, וואָלט דער ישוב ניט געקענט ביישטיין דעם שרעקלעכן בלוט־נסיון, פאַר וועלכן ער איז געשטעלט געוואָרן אין די לעצטע זעקס מאָנאַטן, און מיר וואָלטן ניט דערגרייכט די מדינת ישראל. אין דער געשריבענער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק וועט דאָס קאַפּיטל וועגן דער הגנה שיינען מיט פּראַכט און שטאָלץ, וואָס וועלן קיינמאָל ניט פאַרטונקלט ווערן.

איצט עפנט זיך אַ נײַ קאַפּיטל: עס ווערט אויפגעשטעלט די רעגולערע אַרמיי פון מדינת ישראל, די אַרמיי פון פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון פאָלק ישראל אין זיין לאַנד, אַנטשפּרעכנד צום באַפעל פון דער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן „צבא־הגנה־לישראל״.

פון איצט אָן ווערט דעם דאָזיקן מיליטער אָנפאַרטרויט די זיכערקייט פון דעם פאָלק און פון דעם פאָטערלאַנד, און די פרייהייט־מגילה פון מדינת ישראל וועט דינען אַלס וועג־ווייזער פאַר אַלע מיליטערישע כוחות אין ישראל. די מגילה לייענט זיך אַזוי:

„מדינת ישראל וועט זיין אָפן פאַר דער אידישער עליה און קיבוץ גלויות; זי וועט זיך פלייסן צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד לטובת אַלע אירע איינוואוינער; זי וועט זיך באַזירן אויף די יסודות פון פרייהייט, גערעכטיקייט און שלום — ביים ליכט פון דער וויזיע פון די אידישע נביאים; זי וועט אָפּהיטן פולע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע גלייכהייט פון אירע בירגער — אָן אונטערשייד פון גלויבן, ראַסע און געשלעכט; זי וועט פאַרזיכערן פרייהייט פון רעליגיע, געוויסן, שפּראַך, דערציאונג און קולטור; זי וועט באַוואַכן די הייליקע ערטער פון אַלע רעליגיעס; און זי וועט זיין טריי די פּרינציפּן פון דער קאַרטיע פון די פאַראייניקטע פעלקער״.

לערנענדיק, ווי אַזוי מלחמה צו האַלטן, און ברעכנדיק די בייזע, פינסטערע כוחות, וואָס באַמיען זיך חרוב צו מאַכן אונזער עקזיסטענץ, וואוקס און פרייהייט, וועט דאָס אידישע מיליטער טראָגן אין האַרצן די גרויסע וויזיע פון אונזערע נביאים וועגן די טעג, ווען „אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן אַ שווערד, און מען וועט ניט מער לערנען מלחמה״.

דאָס רעגולערע מיליטער אין מדינת ישראל וועט זיין צונויפגעשטעלט פון יבשה־אַרמייען, ים־פלאָט און לופט־פלאָט, אויסער די אַנטשפּרעכנדיקע מיליטער־דינסטן.

די אַלע, וואָס האָבן ביזן 1־טן יוני געדינט אין פאַרשיידענע פאָרמאַציעס און צווייגן און האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון ישוב אין דעם קריג פאַר דער פרייהייט פון ישראל, ווי אויך די אַלע, וואָס וועלן איצט מאָביליזירט ווערן פונדאַסניי, לויטן באַפעל פון דער רעגירונג פון ישראל — וועלן בילדן דעם צבא־הגנה־לישראל.

יעדער זעלנער און יעדע זעלנערין, וואָס דינען אין מיליטער, דאַרף אָפּ־געבן פאָלגנדע שבועה:

„איך שווער און פאַרפליכטע זיך מיט מיין הן צדק, צו זיין טריי דער מדינת ישראל — צו איר קאָנסטיטוציע און אירע געזעצלעכע מאַכט־אָרגאַנען, — אונטערצוואַרפן זיך — אומבאַדינגט און אומבאַשרענקט — דער דיס־ציפּלין פון צבא־הגנה־לישראל, צו פאָלגן און אויספירן אַלע באַפעלן און אָנ־ווייזונגען, וואָס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן דורך די קאָמפּעטענטע קאָמאַנדירן, און צוווידמען אַלע מיינע כוחות און אפילו ברענגען פאַר אַ קרבן מיין לעבן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם פאָטערלאַנד און פון דער פרייהייט פון ישראל״.

די מאָראַלישע און פיזישע שטאַנדהאַפטיקייט פון יעדן זעלנער און קאָ־מאַנדיר, און זיין טרייהייט ביים אויספירן זיינע פליכטן — וועלן מאַכן פון „צבא־הגנה לישראל״ אַ שוץ־מויער פאַרן פרידן פון פאָלק און פון פאָטערלאַנד.

כ״ה באייר תש״ח — 6. 3. 1948

# אַן איבערזיכט פון דער מיליטערישער און פּאָליטישער לאַגע

(אויף דער דריטער זיצונג פון דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט, אין תל־אביב)

איך וועל פאַרזוכן, צו געבן אַ קורצן איבערזיכט פון די דריי פראָנטן — דעם מיליטערישן, פּאָליטישן און אינערלעכן. אַ קורצן — צוליב צוויי טעמים: צוליב מאַנגל אין צייט, און צוליב דעם, וואָס ס׳רוב פון דעם, וואָס איך קען אייך דערציילן — איז אייך באַוואוסט, און דאָס, וואָס איז ניט באַוואוסט — איז גלייכער צו שווייגן וועגן דעם. איך וועל אָנ־הייבן פון דער אַקטועלסטער פראַגע: דער מיליטערישער פראָנט.

די אינוואַזיע פון די אַראַבישע לענדער האָט זיך אָנגעהייבן נאָך פאַרן פאַרענדיקן דעם מאַנדאַט, מיט דער געהיימער הילף און אָפענעם שוץ פון דער מאַנדאַט־רעגירונג. עס איז קיין סוד ניט, אַז די אַריינגעדרונגענע כוחות האָבן באַקומען זייער אַמוניציע — אויב ניט אינגאַנצן, איז אין גרעסטן טייל — פון די הענט פון דער בריטישער רעגירונג. מיר האָבן אויך אַ יסוד אָנצונעמען, אַז די מיליטערישע פּלענער און די מיליטערישע אָנפירונג פון די אַראַבישע כוחות זיינען אויך ניט אָן אַ פעסטן קאָנטאַקט מיט דער פריערדיקער מאַנדאַט־רעגירונג. פאַרן פאַרענדיקן דעם מאַנדאַט איז דאָס געווען מאַסקירט, אַביסל פאַרבאַהאַלטן. אפילו די שכנותדיקע אַראַבישע רעגירונגען האָבן אויף זיך ניט גענומען קיין אָפענע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די באַנדעס, — האָט

די מאַנדאַט־רעגירונג אויך געמאַכט אַן אָנשטעל פון נייטראַליטעט. נאָכן פאַר־ענדיקן דעם מאַנדאַט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענע אינוואַזיע פון רעגולערע אַרמייען, די אַרמייען, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין לאַנד, קומען פון פינף שכנותדיקע מדינות: לבנון, סיריע, עבר־הירדן, איראַק און מצרים. די באַ־פעלקערונג פון די דאָזיקע לענדער איז פערציק מאָל גרעסער אין צאָל פון דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל. דאָס אַליין באַווייזט, ווי קריטיש די לאַגע איז. דערצו דאַרף מען צוגעבן, אַז די אַריינגעדרונגענע אַרמייען זיינען דורך דער בריטישער רעגירונג באַזאָרגט מיט שווערן און מאָדערנעם וואָפן: עראָפּלאַנען, האַרמאַטן, טאַנקען, — און אַלץ מיט אַ בריטישער האַנט.

לויט דעם אָריגינעלן פּלאַן האָט עס געזאָלט זיין אַ בליץ־צוג אויף איינ־צונעמען די יונגע מדינת ישראל. לויט די איבערגעכאַפּטע פּלענער, האָט חיפה געזאָלט איינגענומען ווערן דעם 20־טן מאַי און איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דעם אַראַבישן אָקופּאַנט, תל־אביב און ירושלים האָבן געזאָלט איינ־גענומען ווערן דעם 25־טן מאַי, און אין דעם זעלבן טאָג האָט אַבדאַללאַ גע־דאַרפט אַריין קיין ירושלים און געקרוינט ווערן אַלס קעניג איבער זיין פאַר־ברייטערטער מלוכה.

ווען מיר וואַרפן אַ בליק צוריק אויף דעם, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט די לעצטע דריי וואָכן — אַ קורצער אָבער אַ העכסט־וויכטיקער צייט־אָפּשניט — טאָרן מיר נאָך ניט זאָגן, אַז די סכנה איז פאַרביי. אדרבא, די סכנה וועט נאָך די נעכסטע טעג פילייכט גרעסער ווערן. איצטער איז נאָך צוגעקומען די אָפענע הילף מצד דער פריקער מאַנדאַט־רעגירונג, וועלכע באַטייליקט זיך עפנטלעך אין דער בלאָקאַדע, וואָס די שכנותדיקע לענדער באַמיען זיך אַרויפצולייגן אויף מדינת ישראל. מען האָט אונז אפילו געמאָלדן, וואָס אַן אמת — אומדירעקט (ווייל די פאַרטרעטער פון דער בריטישער רעגירונג, וואָס גע־פינען זיך אין לאַנד, ווייסן ניט, אַז עס עקזיסטירט אַ מדינת ישראל, — זיי ווייסן נאָר, אַז עס זיינען דאָ אידישע שטאָט־פּרעזידענטן, און דער בריטישער קאָנסול אין חיפה האָט זיך געווענדעט צום אידישן שטאָט־פּרעזידענט אין חיפה און האָט אים געבעטן, לאָזן ווייסן וואו מען דאַרף), אַז אויב מיר וועלן איבערחזרן דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן אין אַמאַן (כ"ג באייר ביינאַכט איז די דאָזיקע שטאָט באָמבאַרדירט געוואָרן דורך אונזערע אַעראָפּלאַנען), וועלן די בריטישע לופט־כוחות פאַרניכטן יעדן אידישן אַעראָפּלאַן, וואָס וועט זיך באַווייזן אין די הימלען פון ארץ ישראל, ווייל אַמאַן איז אַ בריטישער לופט־צענטער אין דעם דאָזיקן וועלט־טייל.

איז נאָך דאָ גענוג גרונט, צו זאָרגן פאַר דער צוקונפט. אָבער אויף דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט קוקן מיר מיט ניט ווייניק סאַטיספאַקציע. נעמענדיק אין באַטראַכט די קורצע צייט, פון זינט עס האָט זיך פאַרענדיקט דער מאַנ־דאַט, און די פּאָליטישע און מיליטערישע צילן, וואָס די אָנגרייפנדיקע מדינות האָבן זיך געשטעלט, מעגן מיר זאָגן, אַז אויפן פּאָליטישן געביט האָבן זיי אָפּגע־שניטן גאָר מיאוס, און אויפן מיליטערישן געביט האָבן זיי געהאַט אַ באַ־דייטנדע מפלה. עס איז דורכגעפאַלן דער פינסטערער פּלאַן, צו באַזיגן מדינת

ישראל, אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג, מיט דער הילף פון אַ שווער־באַ־וואָפנטער, שנעלער אינוואַזיע פון צפון, מזרח און מערב. מדינת ישראל האָלט זיך, און דאָס איינגעמען זי איז היינט פיל ווייטער, ווי פאַר־דריי־וואָכן. דאָס מיליטער פון מדינת ישראל האַלט היינט אַ פיל־גרעסערן שטח, ווי פאַר־דריי וואָכן. דער גאַנצער שטח פון דער אידישער מדינה, אין די גרעניצן, וואָס זיינען באַשטעטיקט געוואָרן דורך די פאַראייניקטע פעלקער, איז אין די הענט פון אונזערע אַרמייען, און אייניקע וויכטיקע שטחים, אויסערהאַלב די דאָזיקע גרענעצן, זיינען אויך איינגענומען געוואָרן דורך אונז. איך וועל באַצייכענען נאָר צוויי פון זיי, די סאַמע וויכטיקסטע: דער גליל המערבי און כמעט דער גאַנצער וועג צווישן תל־אביב און ירושלים, אויסער צוויי קליינע אָבער שווערע אָפּשניטן, — שווערע, וויל זיי שטערן נאָך דער קאָמוניקאַציע מיט ירושלים; די גאַנצע געגנט פון שער־הגיא (באַב־על־וואַד) ביז ירושלים, פון ביידע זייטן פון שאָסיי, ווי אויך וויכטיקע טיילן פון דעם שאָסיי אין דער שפלה (פלאַכלאַנד).

די נייע ירושלים, אויסער געציילטע פלעצער, איז אינגאַנצן אין אונזערע הענט. אמת, מיר האָבן געהאַט שווערע פאַרלוסטן אויפן דאָזיקן פראָנט. נאָך אַ העלדישן קאַמף, וואָס וועט אייביק שיינען אין דער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק און זיין מיליטער, איז געפאַלן דער גוש־עציון. און נאָך פיליכט אַ גרע־סערער העלדישקייט איז געפאַלן דער קליינער אידישער ישוב אין דער אַל־טער שטאָט, וואָס איז געווען באַלאַגערט אין פאַרלויף פון עטלעכע מאָנאַטן. די אַלטע שטאָט איז איצט אין די הענט פון דעם שונא.

אויב מיר זאָלן אויף אַ ניכטערן און פראַקטישן אופן אָפּוועגן די כוחות־פאַרהעלטניסן און די לאַגע אויף די פראָנטן, מעג מען זאָגן ניט אָן אויסזיכטן, הגם אָן אַבסאָלוטער זיכערקייט, — אין מיליטערישע ענינים, אפשר נאָך ווינ־ציקער ווי אין פּאָליטישע, טאָר מען ניט ריידן מיט פולער זיכערקייט וועגן דער צוקונפט, אפילו ניט וועגן די נאָענטסטע וואָכן, — אַז גלייך אַזוי, ווי די נייע ירושלים איז כמעט פולשטענדיק אידיש, וועט פיליכט אין דער ניט־ווייטער צוקונפט אויך די אַלטע ירושלים זיין אין אידישע הענט.

איך וועל ניט אויסרעכענען די קאַמפן און די קרבנות, וואָס מיר האָבן געהאַט. די קאַמפן דויערן נאָך. זיי זיינען מער־ווייניקער באַקאַנט יעדן איד אין לאַנד און יעדן צייטונגס־לייענער אין דער וועלט. איך וועל נאָר באַצייכענען דעם שווערן קאַמף, וואָס מיר האָבן אין דעם דאָזיקן קורצן פעריאָד געהאַט אין עמק הירדן. מער ווי דעם כוח פון אונזער מיליטער, דאַרפן מיר מיט פאַרערונג באַצייכענען דעם כוח פון אונזערע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען געשטאַנען אַ סך צייט, ווייניקע אין צאָל, כמעט אָן געווער, אַנטקעגן די שווערע אָנגריפן פון דעם שונא, וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט אַעראָפּלאַנען, האַרמאַטן, טאַנ־קען און פּאַנצער־אויטאָס. די סכנה איז נאָך ניט פאַרביי אין דעם דאָזיקן געביט, אַזוי ווי זי איז נאָך ניט פאַרביי אין קיין שום אַנדער געביט אין לאַנד; אָבער אויך דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע שטחים — אַלנפאַלס, לעת עתה — האָבן מיר די אויבערהאַנט.

גאַנץ באַזונדערס דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף דער עפּאָפּיי, — איינע פון די ווינציקע אַזעלכע אין אונזער געשיכטע, און פיליכט אין דער וועלט־געשיכטע, — די עפּאָפּיי פון ליידן און פון גבורה אין דער אידישער ירושלים. אָפּגעשניטן פון אַלע איבעריקע אידישע טיילן פון דעם לאַנד, אונטערן שווערן שאָטן פון הונגער־געפאַר און דורשט־געפאַר, ווערט זי אומברחמנות׳דיק אוממענשלעך באָמבאַרדירט און באַשאָסן טאָג און נאַכט. מיט אַ חוצפה׳דיקער און ציניקער גרינגשעצונג פון דעם דאָזיקן אָרט, וואָס אויך די קריסטן און מוזולמענער רופן אים — די הייליקע שטאָט, מיט אַ חוצפה׳דיקער און ציניקער גרינגשעצונג פון די אייגנטלעכע הייליקע ערטער — באָמבאַרדירט מען ירושלים און מען באַשיסט זי פון בריטישע האַרמאַטן און אַעראָפּלאַנען, וואָס ווערן באַדינט דורך אַראַבער, וועלכע שטייען אין דינסט פון בעווינס רעגירונג. און די אַנגליקאַנישע קירכע, וואָס טראָגט ניט קיין קליינע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם דאָזיקן ווילדן אָנפאַל אויף ירושלים, שוויגט אַ פיל־באַדייטנדיקן שוויגן. און אַנטקעגן דעם אַלעמען שטייט די דאָזיקע אידישע שטאָט מיט אַן אומפאַרגלייכבאַרער גבורה. די מענטשן פון ירושלים שטייען אַזוי, ווייל זיי ווייסן, אַז הינטער זיי שטייט די גאַנצע מדינת ישראל, אַז די בעסטע בחורים אונזערע פון אַלע עקן לאַנד, וועלן אָפּגעבן זייער לעבן פאַר דער באַפרייאונג פון דער שטאָט, און אַז די אור־אַלטע שבועה פון „על נהרות בבל״ איז ניט סתם אַ רייד אין דער וועלט אַריין, אַז זי ברענט אין האַרץ פון פאָלק און אין האַרץ פון אונזער קעמפנדיקער יוגנט.

צוליב זעלבסטפאַרשטענדלעכע מאָטיוון קען איך נאָך ניט איבערגעבן קיין פּרטים וועגן דער איצטיקער לאַגע. איך קען אויך ניט ריידן מיט זיכערקייט וועגן דעם, וואָס איז עלול צו געשען. אָבער עס זיינען דאָ אויסזיכטן, אַז די באַלאַגערונג פון ירושלים זאָל איבערגעריסן ווערן. אַ פעסטער קאָנטאַקט מיט ירושלים, ניט נאָר דורך דער שמאָלער שאָסיי־ליניע, נאָר אויף אַפּיל ברייטערן שטח, איז געוואָרן איינגעשטעלט דורך אַ לעבעדיקער באַטעריע פון אידישע קעמפער.

אין פאַרלויף פון די דאָזיקע דריי וואָכן האָבן מיר ניט נאָר אויסגעמיטן דעם בליץ־זיג, דעם חורבן פון דער מדינה, וואָס איז שוין „געלעגן אין דער קעשענע״ פון די אַראַבישע רעגירונגען און פון בעווינס רעגירונג, נאָר מיר זיינען כמעט די גאַנצע צייט געווען און מיר זיינען נאָך אַלץ די אָנגרייפער.

נאָך אין אָנהייב פון דעם דאָזיקן קריג האָב איך דערקלערט: הגם דאָס איז פאַר אונז אַ פאַרטיידיקונגס־קריג, — דער קריג איז אונז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן, און מיר פאַרטיידיקן זיך בלויז, — וועלן מיר פירן דעם קריג ניט מיט דעפענסיווע מיטלען, נאָר ווי וויט מעגלעך מיט פּערמאַנענטער אָפענ־סיווע; און אונזער אָנגריף וועט זיך ניט איינשרענקען אין דעם תחום פון דער אידישער מדינה, און אפילו ניט אין דעם תחום פון ארץ ישראל — איצט רע־אַליזירן מיר דאָס.

אונזער מיליטער האָט אויסגעפירט זיינע אויפגאַבן ווי עס באַדאַרף צו זיין. מיר גרייפן אָן דעם דריי־עק. אונזער מיליטער שטייט אין די טויערן פון

דזשענין; ער גרייפט אָן טול־כרם; שכם ציטערט. מיר האָבן אַטאַקירט און איינגענומען דעם גליל המערבי. מיר האָבן אויף יענער זייט גרענעץ אָנגעגריפן סירישע און לבנונישע מיליטערישע כוחות. עס איז געגעבן געוואָרן די ערשטע וואָרנונג צו די פרעמדע כוחות — זיי זאָלן זיך ניט איינשמועסן, אַז די מלחמה וועט זיך פירן בלויז אין תחום פון ארץ ישראל און אירע הימלען. די ערשטע וואָרנונג איז געגעבן געוואָרן צו רבת עמון, ווען די דאָזיקע הויפּט־שטאָט פון אַבדאַללאַ איז דורך אונז באָמבאַרדירט געוואָרן.

איך האָב היינט געלעזן אין די צייטונגען נאָקראַשי־פּאַשאַ׳ס טענה, אַז מיר — ניט ווי די מצרים — האָבן ניט אָנגענומען קיין זיכערקייט־מיטלען אָפּצוהיטן דעם שלום פון די פאַרייניקטע פעלקער. זיי, די מצרים, האָבן באַפוילן זייערע לופט־כוחות, ניט אָנצוגרייפן תל־אביב, ווען גראַף בערנאַדאָט, האָט דאָ געוויילט; מיר אָבער האָבן באָמבאַרדירט רבת־עמון, ווען דאָרטן האָט זיך געפונען דער שליח פון די פאַרייניקטע פעלקער.

דער דאָזיקער געערטער פּאַשאַ איז ניט גאָר פּינקטלעך. מיר האָבן באָמ־באַרדירט רבת־עמון איידער גראַף בערנאַדאָט איז געקומען אַהין. מען האָט זיך אפילו באַמיט, אָפּצוהאַלטן זיין נסיעה אַהינצו, כדי ער זאָל ניט זען דאָס, וואָס דער אידישער לופט־פלאָט האָט אויפגעטאָן אין דעם לאַנד, וועלכעס די אַראַ־בער באַטראַכטן אַלס זיכער. — און דאָס איז געווען בלויז אַן אָנהייב. אין פאַרלויף פון די דאָזיקע דריי וואָכן — ניט נאָר וואָס מיר זיינען בייגעשטאַנען די אָנגריפן אפילו מחוץ די גרענעצן פון דער אידישער מדינה, לויט דער יו־ען, און אפילו מחוץ די גרעניצן פון ארץ ישראל, נאָר אונזער כוח האַלט נאָך אין איין וואַקסן. אָבער אויך אין דער דאָזיקער פראַגע וועל איך ניט קענען איבערגעבן קיין פּרטים.

אין דער דאָזיקער תקופה איז אויפגעקומען דער אידישער לופט־פלאָט. אין דער זעלבער תקופה איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַרן אידישן ים־פלאָט. אונזער כוח וואַקסט באַדייטנד, און אָן אויפהער. עס טאָר אָבער ניט געשאַפן ווערן דער איינדרוק, אַז מיר גאַרטלען זיך שוין פאַנאַנדער. מיר שטייען נאָך ערשט פילייכט אין אָנהייב פון דעם קריג און עס קען זיין, אַז די גרויסע און קריטישע צוזאַמענשטויסן שטייען נאָך אונז ערשט פאַר. און איך חזר דאָ איבער די וואָרנונג, וואָס איך מאַך ביי יעדער געלעגנהייט, אַז מיר זאָלן ניט אונטערשעצן דעם כוח פון דעם שונא. הגם אין דעם רוב צוזאַמענשטויסן האָבן מיר אים געשלאָגן — לאָמיר אים פונדעסטוועגן ניט אָוועקמאַכן מיטן האַנט. דער שונא איז נאָך ניט דערשינגען מיט זיין פולער קראַפט. לאָמיר אויך ניט גרינגשעצן זיין העלדישקייט. לאָמיר ניט דענקען, אַז אויך אין דער צוקונפט, ווי אין געוויסע פאַלן אין דער פאַרגאַנגענהייט, וועט ער דוקא אַרויסווייזן פּחדנות.

מיר זיינען געשטעלט געוואָרן — און ווער ווייס אויף ווי לאַנג — פאַר אַ גאָר קריטישן עקזאַמען. אויך מיר האָבן נאָך ניט מאָביליזירט אונזער גאַנצן כוח (ווי אין ישוב, אַזוי — און נאָכמער — אין דעם אידישן פאָלק), און דער דאָזיקער כוח איז ניט קיין קליינער. כדי מיר זאָלן אויסהאַלטן ביז צום סוף

— און דער סוף מוז זיין אַ פולשטענדיקער נצחון — דאַרפן מיר געפינען וועגן און מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצובורענגען די פולע פּאָטענצן, וואָס זיינען באַ־האַלטן הן דאָ אין ישוב און הן אינם אידישן פאָלק אין גאַר דער וועלט.

*

אויף דעם פּאָליטישן געביט האָב איך נאָך וויניקער צו דערציילן אייך, ווי אויף דעם מיליטערישן. איר ווייסט, אַז די צוויי מעכטיקסטע מדינות אין דער וועלט האָבן אָנערקענט די מדינת ישראל. דאָס איז אַ פאַקט פון טאָפּלטער חשיבות, ווייל די דאָזיקע צוויי מדינות האָבן זייער זעלטן אַ געמיינזאַמע שפּראַך, — האָט עס אַ גאַר באַזונדער ווערט, וואָס זיי האָבן אונז גלייכצייטיק אָנערקענט. אויך לגבי דעם באַשלוס פון דעם פלענום פון דער יו־ען פון 29־טן נאָוועמבער, איז עס געווען אַ גרויסע מעלה, וואָס דוקא אין באַצוג צום אידישן פאָלק און צו ארץ ישראל האָבן די דאָזיקע צוויי רעגירונגען געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך; איז אָט האָבן אויך דאָסמאָל די צוויי גרויסמאַכטן, וואָס פירן אָן מיט דער וועלט, אין אַ גרויסער מאָס געפונען אַ שותפות׳דיקע שפּראַך בנוגע דער אָנערקענונג פון דער מדינת ישראל.

און ווידער — אויך דאָ לאָמיר זיך ניט איינבילדן, אַז מיר זענען שוין געקומען צו אַ צייט פון מנוחה ונחלה. אונזערע אָפענע און באַהאַלטענע שונאים דרעמלען ניט און שלאָפן ניט, און אָפן ווי באַהאַלטן, ציען זיך די דראָטן אין אַ סך הויפּט־שטעט פון דער וועלט — מיט דער כוונה, ניט צו דערלאָזן אָנער־קענען דעם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל. — עס קען אָבער זיין, אַז אין די דאָזיקע שווערקייטן — פּאָליטישע און מיליטערישע — אָן וועלכע מיר שטויסן זיך אָן, ליגט ניט נאָר ביטערקייט, נאָר אויך זיסקייט. מיר ווייסן אַז ניט מיטן גנאָד פון די פעלקער איז געקומען אונזער זעלבסט־שטענדיקייט און ניט פון זייער גוטהאַרציקייט איז אָפּהענגיק איר עקזיסטענץ. גלייך אַזוי, ווי מיר אַליין, מיט אונזער שווייס און בלוט, האָבן געבויט דעם ישוב — פונקט אַזוי, בלויז מיט אונזערע אייגענע אָנשטרענגונגען, האָבן מיר אויפגעשטעלט די מדינה, און מיט אונזערע אייגענע כוחות וועלן מיר זי אויפ־האַלטן אויך אויף ווייטער. הגם מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט מתיאש געווען פון דעם מענטשלעכן געוויסן און מיר האָבן ניט אויפגעהערט און וועלן ניט אויפהערן צו פאָדערן פון דער וועלט דאָס, וואָס עס קומט אונז לעגאַל און גע־רעכטיק, — לאָמיר זיך פונדעסטוועגן ניט אויפהערן איינצוחזרן טאָג און נאַכט, אַז אונזער עקזיסטענץ, פרייהייט און צוקונפט זיינען אָפּהענגיק קודם כל פון אונז אַליין, פון אונזער אָנשטרענגונג, קראַפט און ווילן.

*

עטלעכע ווערטער וועגן דער פראַגע וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויפן סדר היום: דער וואָפנשטילשטאַנד. נאָך אין די טעג פון דער מאַנדאַט־רעגי־

רונג איז אונז פאָרגעשלאָגן געוואָרן — הן דורך דער יו־ען־קאָמיסיע און הן דורכן ענגלישן הויך־קאָמיסאַר — אָפּצושטעלן דאָס פייער. מיר האָבן תיכף ומיד אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, בתנאי אַז אויך דער צווייטער צד זאָל מסכים זיין און עס זאָל אונז פאַרזיכערט ווערן די באַוועגונגס־פרייהייט אין לאַנד. דער צווייטער צד האָט ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אַן ענלעכע פאָדערונג געקומען מצד דעם זיכערהייטס־ראַט פון דער יו־ען. אַלס דער צד, וואָס האָט ניט געוואָלט די מלחמה, און דער צד, וואָס איז זיכער מיט זיינע כוחות — האָבן מיר אָנגענומען די פאָדערונג. דער צווייטער צד האָט זיך ווידער אָפּגעזאָגט — צי פון אייגענעם ווילן, צי אונטער דער העצע און לייטונג פון עמיצן פון דרויסן. דאַן איז געקומען אַן אַנדער באַשלוס: ניט סתם אַ פייער־איבעררייס, נאָר אַזאַ, וואָס איז באַגלייט דורך געוויסע פּאָליטישע באַדינגונגען און דורך אַ באַשטימטער פעסטגעשטעלטער צייט. און דאָ איז עפּעס געשען מיטן פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס איז ספּעציעל צונויפגערופן געוואָרן, כדי פונדאַסניי צו באַהאַנדלען דאָס ארץ ישראל־פּראָבלעם: דאָס אידישע פאָלק האָט דערווייל פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון מדינת ישראל, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און דער ראַטן־פאַרבאַנד אין רוסלאַנד האָבן באַלד אָנערקענט די נייע מדינה — איז דעם פּלענום כמעט ניט פאַרבליבן, וואָס צו באַהאַנדלען; האָט ער געגומען און באַשלאָסן, צו באַ־שטימען אַ פאַרמיטלער, וואָס זאָל זיך באַמיען צו געפינען אַ וועג צו מאַכן שלום צווישן די קעמפנדיקע צדדים — די אידן און די אַראַבער; גראַף בערנאַדאָט איז עס באַשטימט געוואָרן, אַלס פאַרמיטלער, אין נאָמען פון דער יו־ען.

ווען דער זיכערהייטס־ראַט האָט נאָכדעם באַשלאָסן צו פאָדערן אַ פייער־הפסקה אויף 4 וואָכן, האָט מען עס פאַרבונדן מיט דער ראָלע פון דעם יו־ען פאַרמיטלער. אמת, די דאָזיקע פאַרמיטלונג איז ניט דוקא אָפּהענגיק פון דער הפסקה — צי זי וועט זיין, צי ניט. אין אונזער צוזאַמענטרעף מיטן שליח פון די פאַראייניקטע פעלקער, האָט ער אונז בפירוש געזאָגט, אַז ווען אפילו עס וועט ניט זיין קיין פייער־הפסקה, וועט ער זיך באַמיען צו געפינען אַ געמיינזאַ־מע פּלאַטפאָרם פאַר ביידע צדדים. עס פאַרשטייט זיך אָבער, אַז אַ פייער־הפסקה אָדער וואָפנשטילשטאַנד וועט אים שטאַרק באַהילפיק זיין אין זיין שלום־שליחות.

די רעגירונג האָט באַטראַכט די פאָדערונג פון דעם זיכערהייטס־ראַט און האָט באַשלאָסן, אָנצונעמען זי. מיר האָבן געשריבן צום זיכערהייטס־ראַט און געמאָלדן, אַז אונזער רעגירונג פאַרשטייט, דאָס דער באַשלוס אַנטהאַלט פינף העכסט־וויכטיקע פאַר אונז ענינים: א) אַז מיט אָפּשטעלן די פיינטלעכע אַקציעס מיינט מען אויך, אַז עס וועט אָראָפּגענומען ווערן די ים־בלאָקאַדע, וואָס די מצרישע רעגירונג האָט דערקלערט דער מדינת־ישראל; ב) אַז דער פאַר־באָט, אַריינצוברענגען באַוואָפנטע כוחות איז בשום אופן ניט חל אויף דער אי־דישער עליה פון אַלע עלטערס, — דערביי נעמען מיר אויף זיך די באַגרע־ניצונג, ניט צו געבן מיליטערישע אויסשולונג און ניט צו מאָביליזירן אין מיליטער די עולים פון מיליטער־עלטער, אויב אַזעלכע וועלן אַריינקומען

אין פאַרלויף פון די 4 וואָכן; ג) אַז דאָס אָפּשטעלן די פיינטלעכע אַקציעס באַ־דייט, צווישן אַנדערן, צו געבן די פולע מעגלעכקייט צוזשטעלן שפּייז־פּראָדוקטן פאַר ירושלים, ווי אויך צו פאַרזיכערן פרייע באַוועגונג פון ציווילע פּערזאָנען אין די וועגן; ד) אַז די פייער־הפסקה פאַרפליכטעט, צו פאַרגליווערן די מיליטערישע לאַגע אין אַלע איינגענומענע שטחים; דאָס הייסט, אַז אויב, למשל, אַ טייל פון דעם אַראַבישן לעגיאָן געפינט זיך — נאָכן אָפּשטעלן דאָס פייער — אויפן שאָסיי צווישן ראַמאַלאַ און שייך־דזשעראַך, טאָר ער זיך ניט רוקן אין דער ריכטונג פון ירושלים און מיר טאָרן אים ניט פאַריאָגן פון דעם שאָסיי; און דאָס זעלבע אין אַ פאַרקערטן פאַל; אויב מיר געפינען זיך אין גליל המערבי — פאַרבלייבן מיר דאָרט; אונזערע כוחות וועלן אָקופּירן דעם דאָזיקן שטח ביזן סוף פון דעם וואָפנשטילשטאַנד, — זיי וועלן ניט גיין ווייטער צו צפון־זייט, אָבער זיי האַלטן אײן אין זייערע הענט דעם איינגענו־מענעם שטח; ה) אַז דער פאַרבאָט אריינצוברענגען, אין משך פון דער פיר־וועכנטלעכער פייער־הפסקה, געווער אין איינעם פון די פאָלגנדע לענדער: ארץ ישראל, עבר־הירדן, לבנון, סיריע, איראַק, מצרים, סעודיה און תימן — אַנטהאַלט אויך דעם פאַרבאָט איבערצוגעבן געווער, אינערהאַלב יעדן פון די אויסגערעכנטע לענדער, פון די הענט פון אַ פרעמדער מאַכט, וואָס באַזיצט געווער, אין די הענט פון דער רעגירונג פון דעם געגעבענעם לאַנד.

אויף וויפיל ס׳איז אונז באַקאַנט, וועט דער פאַרמיטלער אין נאָמען פון די פאַראייניקטע פעלקער, גראַף בערנאַדאָט, זיין באַפולמעכטיקט צו באַשליסן וועגן די תנאים פון דער פייער־הפסקה, ווי אויך פעסטצושטעלן יעדן פאַל פון ברעכן זי. אויב די פייער־הפסקה וועט קומען, — און זי מוז ניט דוקא קומען אין קורצן, — קען איך אייך פאַרזיכערן, אַז אונזער מיליטער איז געשפּאַנט צום קאַמף, און קיין פראָנט איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ווי אויך קיין אָנגריף אונזערער איז ניט אויסגעמיטן געוואָרן צוליב די הכנות אָדער די דערוואַרטונג פון דער פייער־הפסקה; עס וועט צוליב דעם אויך אויף ווייטער ניט אָפּגע־שוואַכט אָדער אויסגעמיטן ווערן קיין שום אַקציע.

מיר האָבן געהערט, אַז די אַראַבישע מדינות שטעלן בערנאַרדאָטן צוויי תנאים: א) פאַרבאָטן די אידישע עליה; ב) ליקווידירן די אידישע מדינה. אויב דער דאָזיקער קלאַנג איז אַ ריכטיקער, גלויב איך, אַז דער שליח וועט האָבן געענוג שכל הישר, ניט צו נעמען אויף זיך, אונטערצוטראָגן אונז די דאָזיקע נאַרישקייטן פון די אַראַבישע הערשער.

מיר ווילן שטענדיק שלום. מיר האָבן קיין שום סיכסוך מיט די אַראַבישע פעלקער. אָבער אויב דער שלום וועט קומען — וועט ער קומען בלויז דורך מדינת־ישראל, אָפּהיטנדיק איר פולע סואווערעניטעט. ווער עס וועט עס ניט וועלן — וועט זיך אָנשטויסן אָן דעם כוח פון אונזער יונגער מדינה — ביז זי וועט מנצח זיין.

***

און נאָך עטלעכע ווערטער וועגן דעם אינערלעכן פראָנט. — די אידישע מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן ניט כדי צו פירן מלחמה. מדינת ישראל איז

איינע פון די פונקציעס פון דער ציוניסטישער שטרעבונג און ציוניסטישער וויזיע. זי איז אויפגעשטעלט געוואָרן כדי צו רעאַליזירן די ציוניסטישע וויזיע, און איר הויפּט־אויפגאַבע איז אַריבערצוברענגען די צוזייטע און צושפּרייטע אידן און צו בויען דאָס וויסטע לאַנד. פרעמדע כוחות, וואָס מיר האָבן אויף זיי קיין שליטה ניט, האָבן גורם געווען, אַז מדינת ישראל זאָל אויפגעשטעלט ווערן אין דעם פייער פון מלחמה, און אַז אין דעם אָנהייב פון איר עקזיסטענץ זאָלן אירע בעסטע כוחות פאַרווענדעט ווערן אויף דעם מיליטערישן פראָנט. מיר קענען ניט וויסן, וויפיל צייט נאָך, וויפיל וואָכן צי חדשים, וועט די יונגע מדינה געצוואונגען זיין, צו ווידמען אַלע אירע אָנשטרענגונגען, איר כוח, ענערגיע און דאָס בלוט פון אירע זין פאַר דער דאָזיקער מלחמה. אָבער אויך אין דער צייט פון מלחמה איז אויף אונז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויסצופירן אַ גרויס קאָנסטרוקטיוו און רעקאָנסטרוקטיוו ווערק. די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אונז, צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער פאַרפלוכטער ירושה, איבערגעלאָזן חורבן און תוהו־ובוהו אין אַלע מלוכה־דינסטן. איז אונז אויסגעפאַלן, אין דעם סאַמע שטורעם פון קריג, צו רעקאָנסטרואירן די געזעלשאַפטלעכע דינסטן. מיר דאַרפן צוריק שטעלן די פאַרבינדונגען צווישן דעם לאַנד און דער וועלט; דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס די מאַנדאַט־רעגירונג האָט זיך באַמיט בייז־וויליק צוצושטערן: זי האָט געמאָלדן דעם אַלוועלטלעכן פּאָסט־פאַרבאַנד, אַז נאָכן 15־טן מאַי וועט ארץ ישראל אָפּגעמעקט ווערן פון דער וועלט־מאַפּע. מיר קענען זיך ניט באַרימען, אַז דאָס ווינציקע, וואָס מיר האָבן צוריקגע־שטעלט — האָבן מיר געמאַכט בשלמות. און ס׳קען אפילו זיין, אַז ניט נאָר דער קריזיס־צושטאַנד איז שולדיק אין דעם, נאָר אויך אונזער אומפעאיקייט. און דאָך איז בעווינס רעגירונג איר בייזוויליקע אינטריגע ניט געלונגען. פון זינט די מאַנדאַט־רעגירונג האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, עקזיסטירט דאָ פיל מער אָרדענונג, פיל מער רעגולערע און טרייע דינסטן, ווי פריער. עס שטייט נאָך אונז פאַר אַ סך אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט ווערט געמאַכט אין ניט קיין לייכטע באַדינגונגען, אין טעג פון לופט־באָמבאַרדירונגען, אין פראָנט־באַדינגונגען — עס איז ניטאָ אין לאַנד קיין פונקט, וואָס איז ניט פראָנט; די תל־אביבער איינ־וואוינער פילן עס גוט אויף זייער לייב. און דאָך בויט זיך די מדינה; עס ווערן אויסגעפירט ניט נאָר די מדינה־דינסטן, נאָר אויך יענע צוויי צענטראַלע אויפ־גאַבן, וועלכע באַרעכטיקן די עקזיסטענץ פון דער מדינה: עליה און התישבות. דאָ וועל איך ווידער ניט קענען איבערגעבן קיין פּינקטלעכע ציפערן — צו־ליב זיכערקייט־מאָטיוון; איך וועל נאָר זאָגן, אַז אין דעם דאָזיקן קורצן צייט־אָפּשניט זיינען אין לאַנד אַריינגעקומען מער עולים, ווי ווען עס איז אין אַזאַ קור־צער צייט אין אונזערע דורות. מיר גלויבן, אַז דער דאָזיקער שטראָם וועט אַלץ וואַקסן, און סיי עס וועט זיין אַ פייער־הפסקה, סיי עס וועט ניט זיין — וועט אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פון דעם לאַנד אַנטשטיין אַ ניט־קליינע צאָל פון נייע התישבות־פונקטן.

איך וויל נאָך צום סוף מעלדן דעם מדינה־ראַט, אַז ביידע אָרגאַניזאַציעס פון די „פורשים" (אצ"ל און לח"י) האָבן זיך פאַר אונז פאַרפליכטעט זיך צו

אַנטוואָפּענען; דערביי וועלן זיך זייערע חברים, גלייך ווי אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד, מאָביליזירן צו צבא־הגנה־לישראל. איך וויל האָפן, אַז דאָסמאָל וועלן זיי לאָיאַל אויספירן זייער פאַרפליכטונג.

## ב.

## אַ וואָרט צו אַן ענטפער

עס איז שווין שפּעט און מיר וועלן זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין „גע־נעראַל־דעבאַטע". מיר האָבן דאָ געהערט אייניקע רעדעס — אָריגינעלע פאַר די רעדנערס, אַ סימן, אַז עס בלאָזט עפּעס אַן אַנדער ווינט אין לאַנד.

די ראַט־מיטגלידער ווילנער און ד״ר אַלטמאַן האָבן געשטורעמט די נייטראַליטעט, הגם איך האָב זי ניט געפּאָדערט, און קיינער האָט דאָ ניט פאַרטיידיקט די נייטראַליטעט. דאָך וויל איך זאָגן דעם ראַט־מיטגליד ווילנער, אַז מיר ווילן באמת האָבן אַן אַמבאַסאַדע אין יעדער מדינה, אפילו אין ענגלאַנד. אין דער הינזיכט וועלן מיר נאָכפאָלגן ניט דעם ראַט־מיטגליד ווילנער, נאָר דעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס אויך ער האָט אַן אַמבאַסאַדע אין ענגלאַנד. אויך בנוגע דער אָריענטאַציע אויף דער יו־ען, אויף דער וועלט־אחדות און אויפן גלויבן אין דעם מענשלעכן געוויסן — וועלן מיר גיין אין די וועגן פון ראַטנ־פאַרבאַנד, און ניט אין ווילנערס וועגן. יאָ, דער ראַטנפאַרבאַנד איז איינער פון די גרינדער פון דער יו־ען. דער ראַטנפאַרבאַנד זעט אין דער יו־ען אַ גרונט־שטיין אין זיין פּאָליטיק — די פּאָליטיק פון שלום און אחדות אין דער וועלט. ניט ווילנער דאַרף אונז דערמאָנען די, וואָס זיינען אַמאָל געווען קעגן אַ אידי־שער מדינה. מיר זיינען גרייט צו פאַרגעסן די אַלע, וואָס האָבן זיך קעגנגע־שטעלט דער מדינה — טאָ צו־וואָס דאַרף עס דוקא ווילנער אונז דערמאָנען?

איך וויל דאָ ניט רעדן וועגן פּאַספּאָרטן, נאָר איין זאַך דאַרף איך יאָ זאָגן, איך האָב געהערט די העצע־רייד קעגן וויצמאַנס בריטישן פּאַספּאָרט. עס איז מיר ניט קלאָר געווען — צי איז דאָ שנאה צום בריטישן פּאַספּאָרט אָדער צום טרעגער פון דעם דאָזיקן פּאַספּאָרט. איך וויל אָבער זאָגן דעם ראַט־מיטגליד וויינשטיין: יאָ, עס איז אַ מדינה, מדינת ישראל, אָבער עס איז אַ ציוניסטישע מדינה, און קיין איד אין דער וועלט איז ניט פּסול צו זיין אירער אַן אַמבאַסאַ־דאָר און שליח — כל זמן אַנדערע פּסלענען אים ניט. דער פּאַספּאָרט ביי אונז הייסט, אַז דער מענש זאָל זיין אַ איד. לאָמיר די פּראָפּעסיע פון אונטערשיידן צווישן אידן און העברייער איבערלאָזן צו אַסימיליאַנטן און קאָמעדיאַנטן, וואָס טראָגן דעם נאָמען „ליגע פאַר דער באַפרייאונג פון פּאַלעסטינע". פאַר אונז זיינען אַלע אידן קאַנדידאַטן צו זיין צוקונפטיקע בירגער פון מדינת ישראל! און דאָס איז די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער דאָזיקער מדינה. עס איז גאַנץ מערקווירדיק, דאָס אַזעלכע ווערטער זיינען געקומען פון דער דאָזיקער באַנק.

איך וועל זיך ניט אַריינלאָזן אין אַ ויכוח איבער דער טערמינאָלאָגיע וועגן דער שוץ־אַרמיי פון ישראל. עס איז דאָ גענוג געזאָגט געוואָרן, אָבער מען האָט

אונז געפרעגט, פאַרוואָס זיינען ניט דערמאָנט געוואָרן די, וואָס זיינען ניט געווען אין דער הגנה. וועל איך נאָר דאָס זאָגן: מיר ווילן און זיינען גרייט צו פאַרגעסן — איז בעסער אַז איר זאָלט ניט דערמאָנען.

און נאָך אַ באַמערקונג צו אַן אַנגעוויטיקטן ענין, וואָס די ראַט־מיטגלי־דערין בעבאַ אידעלסאָן האָט דאָ דערמאָנט: די מיאוסע דערשיינונגען פון דער לעצטער צייט, באַזונדערס — די רויב־פאַלן. איך וויל דאָ דערקלערן אין נאָמען פון דער רעגירונג, אַז מיר האָבן אָנגענומען אַ קאַטעגאָרישן באַשלוס, צו קעמפן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען קעגן יעטוועדער מיאוסער און דערנידערנדיקער דערשיינונג פון דעם דאָזיקן מין. סיי אַראַבער וועלן מאַכן אַ רויב־אָנפאַל און סיי אידן, סיי עס וועט געראויבט ווערן אידיש פאַרמעגן און סיי — אַראַביש פאַרמעגן — וועלן מיר זיך ניט צוריקציען פון אָנצונעמען די סאַמע שטרענג־סטע מיטלען, כדי אויסצוררייסן די דאָזיקע פּלאָג.

מיר האָבן ניט קיין ידיעות וועגן די געשפּרעכן אין לאָנדאָן. מיר ווילן, אַז עס זאָלן פאָרקומען געשפּרעכן אין יעדער מדינה. מיר וועלן צו קיינעם אין דער נשמה ניט אַריינקריכן. מיר ווילן אויפהאַלטן פריינטלעכע באַציאונגען מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט. מיר ווייסן, אַז עס זיינען דאָ — פריינט, האַלבע פריינט און אויך פיינט. מיר ווילן פאַרבעסערן די באַציאונגען אפילו מיט אַ פיינטלעכער רעגירונג. מיר קלייבן זיך ניט, דערקלערן וועמען עס איז מלחמה. איך בין מסכים מיט ד״ר אַלטמאַן, אַז פּראָפּאַגאַנדע איז אַ וויכטיקע זאַך, הגם דאָסמאָל פאַרלאָז איך זיך אַ סך מער אויף אעראָפּלאַנען און האַרמאַטן — זיי וועלן שוין פּראָפּאַגאַנדע אויך מאַכן. און עס זיינען צווישן אונז ניטאָ קיין חילוקי דעות בנוגע דעם וועזן פון דער אידן־פּאָליטיק פון בעווינס רעגירונג. אָבער קיין מלחמה האָט די דאָזיקע רעגירונג אונז ניט דערקלערט, — זי באַ־מיט זיך צו מאַכן איר מלחמה דורך פרעמדע, געדונגענע. קלייבן מיר זיך אויך ניט דערקלערן מלחמה, ווייל — עס לוינט אונז ניט. ווער עס שלאָגט פאָר, צו דערקלערן ענגלאַנד קריג, מוז וויסן, אַז דערקלערן מלחמה אַ רעגירונג איז איצט אַן ערנסטער ענין. מיר ווילן ניט, אַז אַנדערע זאָלן אונז דערקלערן קריג. — מיר אונטערשיידן אויך צווישן רעזשים און רעזשים. איך בין ניט אַזאַ עקסטרעמער נאַציאָנאַליסט, ווי דער ראַט־מיטגליד ווילנער, וואָס זיין איינצי־קער אינטערעס איז דער נאַציאָנאַלער אינטערעס פון מדינת־ישראל. איך בין זיך מודה און מתודה, אַז איך האָב נאָך אַ מענשלעכן אינטערעס אויך. אָבער עס איז נאָך דאָ דער אינטערעס פון דער מדינה, און דער דאָזיקער אינטערעס פאָדערט, ווי ווייט מעגלעך אויסצובעסערן די באַציאונגען מיט אַלע מדינות פון דער וועלט — ווייל מיר ווילן ניט קיין מלחמה און ווייל מיר דאַרפן זיך ניט צופיל איבערנעמען מיט אונזער גרויסן כוח. מיר ווילן אפילו ניט מלחמה האַלטן מיט דעם מופטיס באַנדעס, און אפילו ניט מיטן כוח, וואָס איז מיליטע־ריש פיל ערנסטער — אַבדאַללאַ. מיר ווילן נאָרמאַלע באַציאונגען מיט אַלע מדינות, זאָגאַר מיט די, וואָס האָבן אונז שלעכטס געטאָן. מיר זיינען דאָ אויך גרייט צו פאַרגעסן. מיר ווילן אָנהייבן אַ ניי קאַפּיטל. אָבער עס איז, נאַטירלעך, אָפּהענגיק ניט נאָר פון אונז, נאָר פון דעם צווייטן צד אויך.

אין נאָמען פון סט״א (סוכנות טלגרפית ארץ־ישראלית — ארץ ישראלדיקע טעלעגראַפן־אַגענטור), גיט מען איבער וועגן די געשפּרעכן פון אונזערע חברים אין אויסלאַנד. איך פאַרלאָז זיך ניט איבעריקנס אויף סט״א. אָבער אויף וויפיל מיר זיינען נאָך מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וואָס אירע מיטגלידער געפינען זיך אויך אין חוץ לארץ, און כל זמן מיר האָבן נאָך דאָ־און דאָרטן ניט קיין אַמבאַסאַדאָרן, ווילן מיר, אַז די עקזעקוטיווע־מיטגלידער זאָלן דינען דער מדינה, און מיר וועלן ניט בודק זיין דעם פּאַספּאָרט פון דעם איד, — עס אינטערעסירט אונז נאָר, צי ער איז אַ געטרייער איד און צי קען ער אויספירן אַ שליחות; מיר וועלן בעטן אַלע — אַן אויסנאַם — אידן פון גאָר דער וועלט, אַז זיי זאָלן אונז העלפן מיט זייער השפעה, פּראָפּאַגאַנדע, פאַרבינדונגען, און אַז זיי זאָלן פאַרבינדן אַלע מדינות מיט מדינת־ישראל, כדי צו שאַפן קעגנזייטיקע נאָרמאַלע באַציאונגען אין מסחר און אַלע אַנדערע פאָרמען פון הילף. דאָס איז ניט „נייטראַליטעט״, עס איז דער גלויבן, אַז מענשן האָבן אַ געמיינזאַמען אינטערעס, און די מענשהייט האָט ניט קיין גרעסערע אינטערעסן, ווי שלום און קעגנזייטיקע הילף צווישן די מדינות. דאָס איז דער פּאָליטישער פונדאַמענט פון מדינת־ישראל. צוליב דעם דאַרף מען פאַרזען רעזשים־אונטערשיידן און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן. יעדער איינער פון אונז קען אין יעדער איינער מדינה געפינען גוטע זייטן אָדער שלעכטע, אָבער דאָס איז ניט נוגע אונז — אַלס מדינה. די מדינה וועט ניט בודק זיין די ציצות פון אַנדערע מדינות. מיר ווילן לעבן מיט אַלעמען בשלום. מיר מוזן אַזוי האַנדלען. מיר מוזן ווייל דאָס איז — מדינת ישראל! אין יעדער מדינה האָבן מיר ערובניקעס, לעבעדיקע משכנות, און מיר ווילן אַז זיי זאָלן עולה זיין; מיר גלויבן, אַז עס וועט טאַקע זיין אַזוי. אַ טייל פון אונזער אידעאַל — דער ציוניסטישער טייל — איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אונזערע טעג; גלויבן מיר, אַז עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן דער צווייטער טייל — דער מענשלעכער, הגם דאָס, ווייזט אויס, אינטערעסירט ניט דעם ראַט־מיטגליד ווילנער. ער איז פאַראינטערעסירט בלויז אין דעם נאַציאָנאַלן אינטערעס. מיר אָבער האָבן אויך אַ מענשלעכן אידעאַל, און ער וועט רעאַליזירט ווערן — אפשר נאָך אין אונזער דור. דאָס איז עס אונזער אָריענטאַציע, און איך שעם זיך מיט איר ניט; מיר וועלן זיך פעסט האַלטן ביי איר, און אויב מען וועט די דאָזיקע אָריענטאַציע רופן מיט אַן אַנדער פרעמדן נאָמען — נייטראַליטעט — וועל איך זיך מיט אים ניט שעמען. דאָס איז אַן אָריענטאַציע אויף דער מענשלעכער אחדות, אויף שלום צווישן פעלקער, אויף אַן אויפריכטיקן ווילן צו לעבן בשלום מיט אַלע פעלקער.

ג׳ בסיון תש״ח — 6. 10. 1948

# אַ ראַדיאָ־רעדע וועגן דער פייער־פויזע

איך דאַרף איבערגעבן דעם פאָלק אַ קורצע מעלדונג אין נאָמען פון דער צייטווייליקער רעגירונג. לויט ווי איר ווייסט פון די צייטונגען, האָט די רעגירונג פון ישראל באַשלאָסן, אָנצונעמען די פאָדערונג פון דעם זיכערהייט־ראַט פון די פאַראייניקטע פעלקער וועגן איבעררייסן אויף אַ משך פון פיר וואָכן די פייַנטלעכע טעטיקייטן אויף אַלע פראָנטן — אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט. די פאָדערונג איז געווען געווענדעט צו אַלע אַראַבישע מדינות, צו מדינת ישראל און צו די אַראַבער פון ארץ ישראל. די פייער־פויזע דאַרף זיך אָנהייבן 10 אַזייגער אינדערפרי — לויטן זייגער פון ישראל — מאָרגן, פרייטיק, ד׳ בסיון תש״ח, 11־טן יוני 1948, און זי דאַרף דויערן פיר וואָכן.

די רעגירונג פון ישראל האָט נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת באַשלאָסן מסכים צו זיין צו דער פייער־הפסקה, הגם זי האָט ניט פאַרזען די דעפעקטן און דיסקרימינירנדיקע תנאים פון דער הפסקה. מיר האָבן מסכים געווען צוליב צוויי הויפּט־מאָטיוון:

א) זינט עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, — צוליב דעם בייזווילליקן אָנגריף פון אונזערע שכנים, וואָס ווערן געהעצט און געשטיצט פון אַ פרעמדן פאַקטאָר, וועלכער איז פאַראינטערעסירט אין אינטריגעס און קריגערייען צווישן דעם אידישן פאָלק און דעם אַראַבישן פאָלק, — האָבן מיר דערקלערט איינמאָל און נאָכאַמאָל, אַז מיר זיינען גרייט אָפּצושטעלן דאָס פייער אין דעם מאָמענט, ווען דער שונא וועט עס טאָן פון זיין זייט.

ב) די מדינת־ישראל, בויענדיק איר צוקונפט אויף דעם שעפערישן און קעמפערישן כוח פון דעם אידישן פאָלק, באַזירט איר אויסערן־פּאָליטיק אויפן גרונט־פרינציפּ פון קאָאָפּעראַציע — אויפן יסוד פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש און קאָאָרדינאַציע — מיט די פאַראייניקטע פעלקער.

מיר, דעריבער, וועלן אָפּהיטן די פייער־פויזע, וואָס איז דערקלערט געוואָרן אויף פיר וואָכן — אויב דער שונא וועט זי מקיים זיין און כל זמן ער וועט זי מקיים זיין.

די רעגירונג פון ישראל וועט אָפּהיטן די הפסקה לאַיאַל און געטריי; עס זיינען שוין אָפּגעגעבן געוואָרן דייטלעכע באַפעלן צו אַלע קאָמאַנדירן פון צבא־הגנה לישראל אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט, אָפּצושטעלן דאָס פייער אין דער באַשטימטער צייט. אַלע אידישע איינוואוינער פון ירושלים, אַלע איינוואוינער פון מדינת־ישראל, אַלע ישובים אין די איינגענומענע געביטן, ווערן אויפגעפאָדערט און פאַרפליכטעט, אָפּצוהאַלטן

זיך פון יעטוועדער טאָט, וואָס זאָל זיין געווענדעט קעגן דער פייער־פויזע.

די אַבסאָלוטע דיסציפּלין, די אחדות פון פאָלק און זיין צונויפשליסונג אַרום זיין געזעצלעכער רעגירונג, וועלן קאַטעגאָריש דיקטירט דורך אונזער זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

די רעגירונג וועט ניט דולדן קיין שום פּרואוו מצד וועמען פון אונז צו ברעכן די פייער־הפסקה און צונישט צומאַכן די פאַרפּליכטונג פון מדינת ישראל לגבי די פאַראייניקטע פעלקער. ווער עס וועט פאַר־זוכן צו ברעכן די מדינה־דיסציפּלין אין איצטיקן מאָמענט — וועט באַ־טראַכט ווערן אַלס פיינט פון פאָלק, און די רעגירונג וועט זיך צו אים באַציִען, ווי צו אַן אינערלעכן שונא אין אַ צייט פון אויסנאַם־צושטאַנד.

די מעלדונג וועגן דער פייער־הפסקה קומט פיר וואָכן נאָך דער אויפ־שטעלונג פון מדינת־ישראל. דער בייזוויליקער אָנגריף מצד פינף שכנות׳דיקע מדינות, וואָס געניסן פון דער אָפענער און מאַסקירטער אונטערשטיצונג פון אַ גרויס־מאַכט, האָט ניט אונטערגעבראַכן, נאָר פאַרשטאַרקט דעם מצב פון דער יונגער מדינה, וואָס סבא ישראל האָט אויפגעשטעלט נאָך אַן איבעררייס פון אַן ערך 1900 יאָר. מיר האַלטן אין אונזערע הענט ניט נאָר דעם שטח, וואָס דער פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט באַ־שטימט פאַר דער אידישער מדינה, נאָר אונזערע מיליטערישע כוחות האָבן דעראָבערט אויך פאַטערלאַנד־שטחים, וואָס געפינען זיך אויסער די יו־ען־גרענעצן. די נייע ירושלים געפינט זיך כמעט אינגאַנצן אין אונזערע הענט. אין פאַרלויף פון די פאַרגאַנגענע פיר וואָכן איז געוואַקסן אונזער כוח אויף דער יבשה, אין דער לופט און אויפן ים. מיר האָבן אין אַ באַדייטנדער מאָס פאַרמיטן דעם תוהו־ובוהו, וואָס די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אונז גע־וואָלט איבערלאָזן בירושה. אין דעם שטורם פון דער מלחמה אָרגאַניזירן זיך די מלוכה־דינסטן; די עליה גייט מיט אַן אַלץ שטאַרקערן טעמפּאָ און זי וועט זיך ניט אָפּשטעלן מיטן איבעררייסן דאָס פייער; דער פאַרנעם פון אויפבוי און פאַרפעסטיקונג וועט פון איצט אָן זיין אַ פיל־גרעסערער.

אַלע שטחים — שטעט און דערפער — וואָס זיינען איינגענומען גע־וואָרן דורך אונזער מיליטער, וועלן פאַרבלייבן אין אונזערע הענט. אין דער צייט פון דער פייער־פויזע וועלן מיר מיט נאָך מער ענערגיע אָרגאַניזירן די מדינה־דינסטן, מיר וועלן פאַרשטאַרקן אונזער ווירטשאַפט אין דאָרף און שטאָט, מיר וועלן אינטענסיפיצירן די עליה און אויסברייטערן די קאָלאָניזאַציע, און מיר וועלן ניט פאַרנאַכלעסיקן די אינטערעסן פון מיליטער. — אין משך פון דריי דורות האָבן מיר אַרויסגעוויזן אונזערע שעפערישע פּאָטענצן. אין די לעצטע זעקס מאָנאַטן האָבן מיר אַרויסגעוויזן אונזער קאַמפס־כוח אין שוץ־קריג, און נאָכמער — אין אָנגריף. מיר שטרעבן שטענ־דיק צו שלום, אָבער מיר האָבן געקענט — און וועט עס נויטיק זיין, וועלן מיר אויך ווייטער קענען — קעמפן, און נאָך מיט אַ שטאַרקערן און מער אויסגעשמידטן כוח.

מיר וועלן אָפּהיטן די פייער־פויזע, אין דער פולער אָנערקענונג פון אונזער גערעכטיקייט און קראַפט, — אויף די ביידע וועלן מיר זיך שטיצן ביז עס וועט פאַרזיכערט ווערן דער שלום פאַר ישראל, און דער אידעאַל פון גאולה וועט ווערן פאַרווירקלעכט.

ט׳ בסיון תש״ח — 6. 6. 1948

# אין די טעג פון דער פייער־פויזע

(אויף אַ זיצונג פון דער רעגירונג)

— — — אונזער פּאָליטיש פּראָגראַם ענדערט זיך ניט; עס אַנטהאַלט דריי פּראָגראַמען: א) זיכערקייט; ב) אידישע מדינה; ג) אידיש־אַראַבישער בונד. און גלייך אַזוי, ווי מיר דאַרפן אויספירן די ערשטע צוויי פּאַראַגראַפן, דאַרפן מיר שטרעבן מיטן גאַנצן כוח, צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דריטן. אין אים ליגט אַ זיכערע גאַראַנטיע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד און פון קיבוץ גלויות; אין אים שטעקט אַ האָפענונג פאַרן גאַנצן נאָענטן מזרח, און אין אַ גרויסער מאָס — פאַר אַ מין ווערטן־איבערשאַצונג אין גאַר דער וועלט. אין דער ראַם פון דעם דאָזיקן פּאָליטישן פּראָגראַם דאַרפן מיר באַטראַכטן אַלע פּאָליטישע פּראָבלעמען.

אָבער די אַלגעמיינע און אַבסטראַקטע ראַם גענוגט ניט. מען דאַרף אויך שטודירן די ענדערונגען אין די באַדינגונגען פון אונזער ווירקלעכקייט, — און ביי זייער שיין דאַרף מען פעסטשטעלן צוויי טעזיסן:

א) די באַשלוסן פון דעם 29־טן נאָוועמבער זיינען געשטאָרבן. אפשר דאַרף מען עס זאָגן אין אַן אַבסאָלוטער פאָרם, אָבער אַזאַ שיינט צו זיין די לעקציע פון דער ווירקלעכקייט. קיין שום וויכטיקער, דעצידירנדיקער פאַקטאָר איז ניט להוט נאָך די דאָזיקע באַשלוסן, און מיר זעען ניט, ווער האָט אין זיי אַ באַזונדער אינטערעס: ניט די יו־ען אַליין, ניט דער זיכער־קייטס־ראַט, ניט אַמעריקע און רוסלאַנד, ניט די קריסטלעכע וועלט, ניט די אַראַבישע וועלט, און ניט דאָס אידישע פאָלק. און אויב קיין שום באַ־דייטנדיקער פאַקטאָר איז ניט פאַראינטערעסירט אין זיי — מעג מען אָננעמען, אַז די באַשלוסן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טויט וואָרט. סיידן אויב די לאַגע אין ארץ ישראל וועט זיך אויסלאָזן מיט רעמי און עס וועט ניט געפונען ווערן קיין שום אַנדער אויסוועג, וועט מען אפשר זאָגן: „אויספירן די באַשלוסן פון 29־טן נאָוועמבער — אַזוי ווי זיי זיינען״.

ב) דער שטריט וועט אַנטשיידן ווערן מיט כוח. דאָס פּאָליטישע פּראָבּלעם פון ארץ ישראל איז איצט אַ מיליטעריש פּראָבּלעם — ווען אַפילו די מלחמה וועט זיך ניט באַנייען, הגם עס איז אַנצונעמען, אַז זי וועט זיך באַנייען; אָבער ווען אַפילו ניט — וועלן דעצידירן די מיליטערישע אויסרעכענונגען.

ביז איצט זיינען געשען דריי זאַכן: א) די אינוואַזיע פון די רעגולערע אַרמייען פון די אַראַבישע מדינות; ב) אונזער פעסט שטיין אַנטקעגן די דאָזיקע רעגולערע אַרמייען; ג) דאָס אַנטלויפן פון די אַראַבער. איך אַליין בין פון דעם אַלעם ניט איבערראַשט געוואָרן. די איינציקע — ביטערע — איבערראַשונג איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס עס האָבן זיך ביי אונז באַוויזן אוממאָראַלישע דערשיינונגען, — אַזעלכע, וואָס איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט: איך מיין דעם מאַסן־רויב, וואָס אַלע קרייזן פון ישוב האָבן זיך באַטייליקט אין אים. איך זע אין דעם ניט נאָר אַ מאָראַלישן פלעק, נאָר אויך אַ האַרבן מיליטערישן דעפעקט.

דאָס שיינט מיר צו זיין אַזוי האַרב, ווייל אַלץ — אונזער גאַנצע עקזיסטענץ — הענגט איצט אָפּ פון אונזער מיליטערישן כוח. אויב מיר זיינען פאַרבליבן ביים לעבן, אויב מיר זיינען אומאָפּהענגיק, אויב אַזאַ גרויסער טייל פון לאַנד געפינט זיך אין אונזערע הענט — האָבן מיר עס אַלץ צו פאַרדאַנקען אויסשליסלעך, אונזער מיליטערישן כוח. און יעדער דעפעקט, וואָס באַווייזט זיך אין אונזער מיליטערישער פעאיקייט, — און אַ מאָראַלישער דעפעקט איז ניט ווייניקער האַרב, ווי אַ פיזישער, — שוואַכט אָפּ די אויסזיכטן פון אונזער קאַמף און נצחון. און מיר מוזן — אין יעדן פאַל — זיין גרייט צו דער באַנייאונג פון דער מלחמה. אָן דער דאָזיקער גרייטקייט וועלן מיר דורכפאַלן אויך אויפן פּאָליטישן פראָנט.

איך ווייס ניט, צי די איצטיקע פייער־הפסקה וועט דויערן 28 טעג; זי קען זיך ענדיקן פריער, און זי קען אויך דויערן לענגער. ווי עס זאָל ניט זיין — די פּאָליטישע אַנטשיידונג וועט ניט פאַלן אין די דאָזיקע 28 טעג.

איך בעט ניט גאָט, אַז די מלחמה זאָל זיך באַנייען. איך קען צו גוט איר צושטערונגס־קראַפט. איך ווייס, וואָס אונזערע ווירטשאַפטן האָבן איבערגעלעבט און וויפל פון זיי זיינען חרוב געוואָרן; איך ווייס, וואָס ירושלים האָט איבערגעלעבט און וואָס פאַר שווערע קלעפּ עס זיינען געפאַלן אויף איר קאָפּ. איך ווייס וויפל מענטשן אונזערע זיינען געפאַלן — און ווער זיינען געווען די געפאַלענע. מיר האָבן פאַרלאָרן די פּראַכט פון אונזער יוגנט. איך צווייפל, צי האָבן מיר אַמאָל געהאַט נאָך אַ טייערערע יוגנט. און איך ווייס ניט, צי נאָך אַ פאָלק אויף דער וועלט האָט אַזאַ וואונדערבאַרע יוגנט. אונזערע מענטשלעכע פאַרלוסטן וועלן ניט געמאָסטן ווערן און ניט געציילט ווערן, זיי וועלן מיט קיין גינגאָלד ניט געשאַצט ווערן. עס זיינען געפאַלן גיגאַנטן — גייסטיקע גיגאַנטן, גרויס אין וויסנשאַפט און פּאָעזיע, געקרוינט מיט דער קרוין פון געניאַליטעט.

און פונדעסטוועגן דאַרפן מיר גרייט זיין צו דער באַנייאונג פון דער מלחמה. אויב ניט — קענען מיר אַלץ פאַרלירן. די באַשלוסן פון דער יו״ען פאַרפליכטן ניט, און לאָמיר זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיי.

⁂

מען דאַרף קודם כל פאַרריכטן די אינערלעכע דורכרייסן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער אַרמיי און אין ישוב. עס איז נויטווענדיק צו פאַרשטאַרקן די מיליטערישע דיסציפּלין, ווי אויך די סובאָרדינאַציע פון אַלע מיליטער־טיילן צו דער מדינה און דער רעגירונג. און מען מוז אויסרייסן מיטן וואָרצל אַזעלכע דערשיינונגען ווי דער רויב אין יפו און אַנדערע ערטער.

כדי מיר זאָלן זיין שטאַרק — דאַרפן מיר זיין ריין, און מיר דאַרפן זיין ציטעריק אויף יעדן ברעקעלע כוח. לאָמיר זיך ניט צופיל פאַרלאָזן אויף אונזער ביזאיצטיקער שטאַנדהאַפטיקייט, לאָמיר ניט זיין צופיל זיכער אין אונזער נצחון. אונזער נצחון ליגט ניט ביי אונז אין קעשענע. מיין גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אונזער נצחון איז פאַרבליבן אין מיין האַרצן אומ־אונטערבראָכן, אָבער ניט יעדער היסטאָרישער שאַנס איז פאַרויס געזיכערט. אַט איז דערשיטערט געוואָרן מיין גלויבן אין אונזער אינערלעכן מאָראַלישן כוח, און אין אַ מלחמה איז מאָראַלישער כוח נאָך מער נויטיק, ווי אין שלום־טעג. דאַרפן מיר אָננעמען ענערגישע און דראַסטישע מיטלען כדי צו פאַר־ריכטן די פעלערן.

— — — ביז איצט האָבן זיך די קאַמפן פאַרענדיקט ניט צו אונזער אומגונסטן — הגם אויך ניט אָן דורכפאַלן. מיר האָבן ניט געהאַט קיין מזל אין לאַטרון, און עס זיינען נאָך פאַרבליבן די צוויי דערנער: לוד און ראַמלע. דאָס איז אַ שווערער פּגם אין אונזער איצטיקער פּאָזיציע. אויב די מלחמה וועט זיך באַנייען — וועט עס זיין אַ מלחמה אויף לעבן און טויט פאַר אונז, ניט פאַר זיי. מיר, אויב מיר וועלן זיגן, וועלן מיר ניט פאַרניכטן דעם מצרישן פאָלק, צי דעם סירישן, — וועלן מיר אָבער דורכפאַלן און פאַלן — וועט מען אונז פאַרניכטן; און דעריבער וועלן מיר זיי ניט דערלויבן צוריק־צוקערן זיך צו זייערע פאַרלאָזטע ערטער.

⁂

— — — די שווערע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר אונז, זיינען — דער נגב און ירושלים.

עס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין נאָמען פון די עקספּערטן, אַז מען דאַרף אונטערשיידן צווישן דעם צפון׳דיקן נגב און דעם דרום׳דיקן נגב, און אַז נאָר דער צפון׳דיקער נגב האָט אַ קאָלאָניזאַטאָרישע צוקונפט. איך וואַרף אָפּ די דאָזיקע מיינונג פון די עקספּערטן, איך בין אַפילו אַן אַפּיקורס און גלויב ניט, אַז זיי זיינען עקספּערטן לגבי דעם נגב. איך נעם אָן, אַז די דאָזיקע עקספּערטן האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין קאַליפאָרניע, אין אונזער עמק־יזרעאל אָדער אין אַנדערע געביטן: דאָס הייסט — זיי זיינען געווען

טעטיק אין די דאָזיקע געביטן און האָבן געלערנט פון דערפאַרונג, ווי מען דאַרף אַרבעטן און דערביי מצליח זיין. ווועלן מיר אָננעמען זייערע עצות אין די געביטן פון זייער טעטיקייט און דערפאַרונג. מיכאל אַנדזשעלאָ האָט מסכים געווען צו דער קריטיק פון דעם שוסטער, וואָס האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז די שיך, וואָס ער מאָלט, זיינען ניט קיין ריכטיקע; אָבער ווען דער שוסטער איז געוואָרן האָפּעדיק און האָט אָנגעהויבן צו קריטיקירן די פּנימער, וואָס מיכאל אַנדזשעלאָ האָט געמאָלט אין זיינע בילדער — האָט אים דער מאָלער געזאָגט: באַנוגן זיך מיט דיינע שיך. די „עקספּערטן", וואָס האָבן גאָרניט געטאָן אין נגב, האָבן ניט געמאַכט קיין סך באַדן־בויערונגען, האָבן ניט געפּרואווט דורכצולייגן וואַסער־רערן, האָבן ניט געפּאָרשט די באָדן־באַדינגונגען, האָבן ניט געפאָרשט די מינעראַלן, האָבן ניט געזוכט קיין אויל — זיינען מיר ניט מחויב אָנצונעמען זייער מיינונג; זייער מיינונג דעצידירט דאָ ניט. ווען זיי וואָלטן אַפילו איינמאָל און צוויי מאָל געפּרואווט און דורכגעפאַלן — וואָלט עס נאָך ניט באַוויזן, אַז אויב מיר וועלן פּרואוון אַ דריטן מאָל און אַ פערטן — וועלן מיר ניט מצליח זיין. בלויז דער, וואָס האָט מצליח געווען — איז אַן עקספּערט, און אים דאַרף מען פאָלגן. אַן עקספּערט, וואָס איז ניט מצליח, איז געגליכן צו יעדן אַנדערן, וואָס איז ניט מצליח. דאָס ניט־מצליח זיין האָט נאָך קיינמאָל ניט געדינט, אַלס קאַטעגאָרישער באַוויז. יעדער דערפאָלג אין אַ נייעם געביט — קומט נאָך אַ ריי פון מיסערפאָלגן. אויך איך בין ניט קיין עקספּערט פאַרן נגב און איך ווייס ניט, צי וועלן מיר מצליח זיין ביים קאָלאָניזירן דעם דרום־טייל פון נגב; איך ווייס אָבער, אַז קיינער קען אויף זיכער ניט זאָגן, אַז מיר וועלן ניט מצליח זיין, ווייל עס זיינען נאָך ניט געמאַכט געוואָרן גענוג עקספּעריםענטן. אַן אַנטשיידענער פאַקט איז, אַז דער נגב איז פּוסט און וויסט. פון דעם דאָזיקן פאַקט ציט מען אַ געאיילטע מסקנה, אַז ער וועט אויך אויף ווייטער פאַרבלייבן פּוסט און וויסט. וויסנדיק, וואָס פאַראַ ענדערונגען עס זיינען געמאַכט געוואָרן אין פאַרשיידענע געביטן אין דער וועלט, זיינען מיר ניט מחויב אָנצונעמען די דאָזיקע מסקנה. פון דעם פאַקט, וואָס דער נגב איז וויסט, דאַרף מען ציען איין זיכערע מסקנה: אויב דער דאָזיקער געביט לאָזט זיך יאָ קאָלאָניזירן און ער וועט זיין אין אונזערע הענט — וועט דאָ אויפקומען אַ אידישער ישוב, וואָס וועט צו זיך ניט האָבן קיין גלייכן אין קיין שום אַנדער אָרט. נאָך איין זיכערן פאַקט קענען מיר ניט פאַרקוקן: אין דעם דאָזיקן געביט געפינט זיך פּילייכט דער רייכסטער קוואַל פון אונזערע נאַטירלעכע אוצרות — דער טויטער ים. און אונז איז דוקא וויכטיק דער דרום־טייל פון דעם טויטן ים (ים המלח) — אַלנפאַלס, אין דעם איצטיקן פּעריאָד. און אין דעם דרום׳דיקן נגב איז דאָ אַ ווינקל, וואָס זיין חשיבות איז אויסער יעדן ספק: אילת. אמת, די אַראַבער זיינען אויך להוט נאָך אילת. זיי שטרעבן צו אַ שותפותדיקע גרענעץ און אַן אומאונטערבראָכענעם שטח צווישן מצרים און עבר־הירדן. אָבער דער דאָזיקער פאַקט מינערט דאָך ניט די וויכטיקייט פון אילת פאַר אונז.

פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט האָט דער נגב קיין שום ערזאַץ. נאָר וואָסער פעלט אים, — און דאָס איז ניט קיין פעלער, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרריכטן...

*

— — — דאָס צווייטע פּראָבלעם איז — ירושלים. דער קאַמף פאַר ירושלים איז געגליכן צום קאַמף פאַר ארץ ישראל, און ניט בלויז צוליב איר היסטאָרישע חשיבות, נאָר אויך צוליב סטראַטעגישע מאָטיוון. דער קאַמף איז ניט בלויז פאַר דעם וועג קיין ירושלים. עס גענוגט ניט צו באַזיצן דעם שאָסיי צווישן תל־אביב און ירושלים, כדי מיר זאָלן זיך קענען פאַר־אַנקערן אין ירושלים. עס איז אַן אומאומטערבראָכענער שטח. עס איז שוין אין דעם איצטיקן קריג דערוויזן געוואָרן, אַז די אידישע ירושלים האָט קיין קיום ניט אָן אַן אומאונטערבראָכענעם שטח, וואָס זאָל זי פאַרבונדן מיט דער אידי־שער מדינה.

— — — וואָס אַנבעלאַנגט דאָס אומקערן די אַראַבער, נעם איך ניט אָן דעם נוסח, אַז מען דאַרף ניט דערמוטיקן זייער צוריקקער, — איך האַלט אַז מען דאַרף פאַרמיידן זייער צוריקקער.

מיר דאַרפן באַזעצן יפו. יפו וועט זיין אַ אידישע שטאָט. מלחמה איז מלחמה; ניט מיר האָבן געוואָלט די מלחמה. ניט תל־אביב האָט מלחמה גע־האַלטן מיט יפו; יפו האָט מלחמה געהאַלטן מיט תל־אביב. דאָס טאָר זיך ניט איבער׳חזר׳ן. מיר וועלן ניט זיין קיין „חסידים שוטים״. אומקערן די אַראַ־בער צוריק קיין יפו איז ניט גערעכטיקייט, נאָר — נאַרישקייט. די, וואָס האָבן געפירט מיט אונז מלחמה — זאָלן זיי טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט — נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרשפּילט. מיר וועלן איצט ניט מאַכן קיין דערקלע־רונגען וועגן דעם, וואָס וועט זיין נאָך דער מלחמה, — עס הענגט אָפּ פון דעם, ווי אַזוי די מלחמה וועט זיך ענדיקן. אָבער דער סוף פון דער מלחמה הענגט אַ סך אָפּ פון דעם, וואָס עס וועט געשען איצט, אין די טעג פון דער פייער־הפסקה. אויב די אַראַבער זאָלן זיך איצט צוריקקערן קיין אַבו־כביר און יפו און עס זאָל זיך באַנייען די מלחמה — וועלן קלענער ווערן די אויסזיכטן צו פאַרענדיקן די מלחמה אַזוי, ווי מיר וואָלטן געוואָלט. מוזן מיר דערווייל פאַר יעדן פּרייז פאַרמיידן זייער צוריקקער.

ניט מיר און ניט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין דער וועלט קענען ניט פאַרגעסן דעם שרעקלעכן פאַקט, אַז דאָ שטייען זיבן הונדערט טויזנט מענטשן קעגן זיבן און צוואַנציק מיליאָן — איינער קעגן פערציק. דער מענטשלעכער יושר איז ניט אויפגעציטערט געוואָרן, ווען זיבן און צוואַנציק מיליאָן האָבן אָנגעגריפן זיבן הונדערט טויזנט, — און דאָס, נאָכדעם ווי זעקס מיליאָן אידן זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן אין אייראָפּע. עס וועט גאָר ניט זיין אַזוי יושרדיק, אויב מען וועט פון אונז פאָדערן אומצוקערן קיין אבו־כביר און יפו די יעניקע, וואָס האָבן אונז געזאָלט פאַרניכטן. זיי האָבן געוואָלט די מלחמה — טאָ זאָלן זיי טראָגן די פאַראַנטוואָרטונג.

— — — מיר ווילן אָבער שטרעבן צו אַ פריינדשאַפטס־בונד צווישן אונז און די שכנות׳דיקע אַראַבישע מדינות. איך ווייס, אַז עס וועט ניט געמאַכט ווערן איינס־צוויי. אָבער פאַרצווייפלען דאַרף מען ניט. די גריכן און די טערקן זיינען געווען פיינט העכער פיר הונדערט יאָר, און נאָך דער לעצטער מלחמה, ווען די טערקן האָבן געזיגט און זיי האָבן אַרויסגעטריבן די גריכן פון אַנאַטאָליע — זיינען זיי געוואָרן פריינד און האָבן געשלאָסן אַ פרידנס־בונד; עס קען אַזוי אויך געשען צווישן אונז און די אַראַבער.

י׳ בסיון תש״ח — 6. 17. 1948

# צו שלום און צו מלחמה

(אויף דער פערטער זיצונג פון דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט)

## א.

די דאָזיקע ראַט־זיצונג קומט פאַר די ערשטע וואָך פון דער פייער־פויזע. אין מיין ראַדיאָ־רעדע צום פאָלק, ערב דער פייער־פויזע, האָב איך איבערגעגעבן די הויפּט־מאָטיוון, וואָס האָבן באַוואויגן די צייטווייליקע רעגירונג, אָנצונעמען די פייער־פויזע, — און ס׳איז ניט נויטיק איבערצו׳חזר׳ן עס. פון זינט עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן די אידישע מדינה און ביז צו דער פייער־פויזע זיינען אַוועקגעגאַנגען פיר וואָכן. די דאָזיקע פיר וואָכן שטעלן מיט זיך פאָר אַן אויסטערלישע, גראַנדיעזע דראַמע, וואָס האָט ניט קיין סך גלייכע צו זיך אין דער אידישער געשיכטע, און פיליכט ניט נאָר אין דער אידישער. אַ יונגע און אַ קליינע מדינה — די יונגסטע אין דער וועלט — איז אין דעם טאָג פון איר גרינדונג אָנגעגריפן געוואָרן דורך פינף שכנות׳דיקע מדינות — אָן אַן אורזאַך און אָן אַ תירוץ, — און די דאָזיקע פינף מדינות זיינען פערציק מאָל אַזוי גרויס. אַ יונגע נאַציע, וואָס ציילט זיבן הונדערט טויזנט מענטשן, ווערט אָנגעגריפן דורך מדינות, וואָס ציילן העכער פון זיבן און צוואַנציק מיליאָן מענטשן און וואָס ווערן געשטיצט דורך איינער פון די גרעסטע אימפּעריעס אין דער וועלט — מיט געווער, געלט, קאָמאַנדירן און פּאָליטישער הילף. די וועלט־געשיכטע ווייסט ניט צו דערציילן וועגן אַ סך אַזעלכע פאַלן, אַז איינער קעגן פערציק זאָל שטיין מיט אַזאַ גבורה און אַזאַ דערפאָלג.

איך וועל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דער עפּאָפּיי פון די ערשטע פיר וואָכן, איך מוז זיך אָבער יאָ אָפּשטעלן — ווען אפילו אין קורצן — אויף דעם פראַכטפולן און פיינפולן קאַמף פון די דאָזיקע פיר וואָכן: דער קאַמף פאַר ירושלים.

די גאַנצע קריסטלעכע און מוזולמענישע וועלט האָט יאָר־הונדערטער געטענה׳ט, אַז די דאָזיקע שטאָט, וואָס איז אין דער היסטאָריע פּאַרהייליקט געוואָרן דורך די נביאים פון ישראל, איז פאַר זיי אויך הייליק געוואָרן, און אויפן סמך פון דער טענה, אַז די דאָזיקע שטאָט איז הייליק פאַר די דריי גרויסע רעליגיעס פון דער וועלט, איז — מיט דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה — באַשלאָסן געוואָרן, צו שטעלן די דאָזיקע שטאָט אונטער אַן אינטער־נאַציאָנאַלן רעזשים. און אָט איז די הייליקע שטאָט, אין משך פון פיר וואָכן, באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די כוחות פון דעם מוזולמענישן מדבר, מיט דער הילף פון בריטישע האַרמאַטן און קאָמאַנדירן; באָמבאַרדירט געוואָרן ווילד, ציניש, וואַנדאַליש, אַכזריות׳דיק, טרעטנדיק מיט די פיס אַלע הייליק־טימער פון דער שטאָט, חרוב געמאַכט שולן, — און די גאַנצע קריסטלעכע וועלט קוקט זיך צו שווייגנדיק. די אַנגליקאַנישע קירכע — וואָס די האַרמאַטן פון איר לאַנד האָבן געטאָן נידערטרעכטיקע מערדערישע מעשים אין דער הייליקער שטאָט — קוקט זיך צו שווייגנדיק; אויך די אַנדערע קירכעס האָבן — געזען, געהערט און געשוויגן. עס איז פאַרגעסן געוואָרן די הייליקייט פון ירושלים, עס זיינען פאַרגעסן געוואָרן די זכרונות, וואָס פאַרבינדן די דאָזיקע שטאָט מיט אַלע גרויסע רעליגיעס. עס האָט זיך געפונען נאָר איין פאָלק, אַ קליין פאַרוואָרלאָזט פאָלק, וואָס הגם עס איז איבערגעלאָזט געוואָרן שוצלאָז דורך דער מאַנדאַט־רעגירונג, וואָס האָט דאָ רעגירט — און עס איז איבערגעלאָזט געוואָרן שוצלאָז צוליב בייזע כוונות — שטייט בלויז דאָס דאָזיקע פאָלק אַליין — אין אומגעהויערע יסורים, אָבער אויך מיט וואונדערבאַרער גבורה — קעגן דער אומאויפהערלעכער באָמבאַרדירונג. און אַזוי איז באַוויזן געוואָרן, פאַר וועמען די דאָזיקע שטאָט איז באמת טייער און הייליק, און פאַר וועמען די הייליקייט פון ירושלים איז ניט מער, ווי פּוסטע און ליגנערישע מויל־מלאכה.

***

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע קאַמפן וויל איך באַצייכענען נאָר איין מיליטערישן אַקט אונזערן — אַן אַקט, וועגן וועלכן אונזער געזעלשאַפט האָט, שיינט מיר, ווייניק געהערט. אויך די ווייניקע, וואָס האָבן יאָ געהערט, האָבן אים ניט גענוג אָפּגעשאַצט, ווייל ער האָט אויסערלעך ניט געגלאַנצט. איך רעד דאָ וועגן די אַקציעס פון אונזער זיבעטער בריגאַדע אויפן פראָנט פון לאַטרון. אין די לעצטע טעג פון חודש מאַי איז די זיבעטע בריגאַדע געשיקט געוואָרן צו אַ פּונקט, וואָס דינט אַלס וועג־פאַרצווייגונג אין דער מערב־ריכטונג פון ירושלים — אויפן פראָנט פון לאַטרון. ניט נאָר ירושלים, די שטאָט, איז אויך אַ ווילדן גרויזאַמען אופן באָמבאַרדירט געוואָרן וואָכנ־לאַנג, — עס איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך, אָפּצושניידן די שטאָט פון דעם אידישן ישוב און פון מדינת־ישראל און לאָזן זי אויסגיין פון הונגער. דער דאָזיקער נידערטרעכטיקער פּלאַן האָט זיך כמעט איינגעגעבן. די מאַנ־דאַט־רעגירונג האָט באַצייטנס געזאָרגט דערפאַר און האָט אויך ווייטער גע־

זאַרגט — דורך אירע קאָמאַנדירן און איר פּרעמדן־לעגיאָן — דער אַראַ־בישער לעגיאָן. די זיבעטע בריגאַדע האָט ניט מצליח געווען מיט איר אַטאַקע — לאַטרון איז דורך אונז ניט איינגענומען געוואָרן, הגם די פּאַנצער־כוחות פון דער בריגאַדע זיינען אַריינגעדרונגען אין דאָרף לאַטרון און האָבן דאָרטן פאַרברענט די פּאָליציי־סטאַנציע. אונזער אינפאַנטעריע האָט אָבער ניט געהאַט גענוג כוח, איינצוהאַלטן דעם אָרט. עס זיינען אָבער איינגענומען געוואָרן צוויי אומבאַקאַנטע דערפער: בית־דזשיל און בית־סוסין. ווען די צוויי דערפער זיינען איינגענומען געוואָרן — נאָך איידער די קאַמפּן ביי לאַטרון האָבן דערגרייכט זייער הויך־פּונקט — איז אונזער הויפּט־קאָמאַנדע אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו שיקן ניט נאָר מער געווער און זעלנער, נאָר אויך פלאַסטער־מאַשינען אויף דורכצולייגן אַ צווייטן וועג קיין ירושלים. אין דער צייט, וואָס עס האָבן נאָך געדויערט די קאַמפּן אַרום לאַטרון, האָבן אונזערע סאַפּיאָרן און אינזשענערן — אונטער דער וואַך און פייער־שוץ פון אונזערע זעלנער — געלייגט אַ נייעם וועג — פּאַראַלעל צום אַלטן שאָסיי, וואָס פירט קיין ירושלים. מיר האָבן דורכדעם דעראָבערט אַ וועג קיין ירושלים, טראָץ דעם, וואָס לאַטרון איז פאַרבליבן אין פרעמדע הענט.

פון זינט דער פייער־פּויזע און ביז היינט צו טאָג האַלט אונזער מיליטער אַ גלייכע, אומאונטערבראָכענע פראָנט־ליניע, וואָס פירט פון ראש־הניקרה (ראס־אל־נאקורא) אין צפון און ביז תל־אביב, און פון תל־אביב דורך די דרום פּונקטן — נען, חולדה, דיר־מוכאסין, קאבאב, בית־דזשיז, בית־סוסין און בית מאכסיר — ביז צו באב־על־וואד (שער הגיא) און ביז צו די טויערן פון ירושלים פון מערב־זייט; פונדאָרטן — מיט דער דרום־ליניע — דירעקט צו תלפיות, און פון צפון־זייט — צו סנהדריה; קורץ: פון דעם לבנונ׳ישן גרענעץ ביז צו דרום און צפון פון ירושלים — אומאונטערבראָכן.

מיר זיינען זיך דאָ צונויפגעקליבן אויפן זעקסטן טאָג פון דער פייער־פּויזע, וועלכע פאַרפליכטעט אונז, גרייט צו זיין צו צוויי זאַכן: צו שלום און צו מלחמה. די אַראַנזשירונגען פאַר שלום פאָדערן פון אונז ניט קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען. מיר זיינען פון אייביק אָן אַ פרידלעך פאָלק. פון זינט מיר האָבן זיך צום דריטן מאָל אומגעקערט צו אונזער פאָטערלאַנד, זיינען אונזערע הענט אויסגעשטרעקט צו שלום מיט אַלע איינוואוינער פון לאַנד און מיט אַלע שכנים אין די אַרומיקע לענדער. פון אונזער זייט וועט געגעבן ווערן יעדע מעגלעכע הילף צום שלום־שליח פון די פאַראייניקטע פעלקער; זעלבסטפאַרשטענדלעך — ניט אַ שלום פאַר יעדן פּרייז. ס׳וועט אפשר ניט אַזוי קלוג זיין, צו שטעלן אונזערע תנאים נאָך איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שמועסן און נאָך איידער עס איז באַוואוסט, צי עס וועלן, בכלל, זיין שמועסן. אָבער כדי צו פאַרשפּאָרן טייערע צייט — סיי דעם שליח פון די פאַראייניקטע פעלקער, סיי די אַראַבישע הערשער און סיי אונז אַליין — וועט זיין בעסער, אַז די וועלט זאָל וויסן, עס זאָלן וויסן די פאַר־אייניקטע פעלקער, עס זאָלן וויסן די אַראַבישע פעלקער — וואָס מיט זיי האָבן מיר קיין שום סיכסוך ניט — און עס זאָלן וויסן זייערע הערשער,

אַז אויב זיי מיינען עס ערנסט מיט די נאַרישקייטן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין נאָמען פון די אַראַבישע הערשער, אַלס פאַרבאַדינגונגען צו די שלום־געשפּרעכן, וועגן דער ליקווידירונג פון מדינת־ישראל אָדער וועגן וועלכן סאיז אַטענטאַט אויף דעם אַבסאָלוטן רעכט פון אידישער עליה קיין מדינת ישראל — וועט זיין גלייכער, אַז דער שליח פון די פאַראייניקטע פעלקער זאָל ניט אויסברענגען זיין צייט אויף דברים בטלים.

מיר זיינען גרייט צו מאַכן שלום, אַלס אומאָפּהענגיקע מדינה, אַלס סואַווערענע נאַציע, וואָס דער ברען־פּונקט פון איר עקזיסטענץ איז די אומגעשטערטע עליה, — אומגעשטערט פון וואָס פאַר אַן אויסערלעכן פאַקטאָר עס זאָל ניט זיין. אַלס אַ מדינה, אַלס גלייכע, זיינען מיר גרייט צו פירן פאַרהאַנדלונגען וועגן שלום. אויב דאָס וועט זיין אַן אמת׳ער שלום, אַ שלום פון גלייכהייט, אַ שלום וואָס וועט זיך באַזירן אויף דעם עיקר אין אונזער אויסערן־פּאָליטיק — קעגנזייטיקייט — זיינען מיר צו אַזאַ שלום גרייט. מיר ווייסן אָבער ניט, צי די אַראַבישע הערשער און זייערע פרעמדע אינסטרוקטאָרן ווילן באמת שלום. עס איז נאָך אפילו ניט קלאָר, צי די פייער־פּויזע וועט דויערן 28 טעג. לויט ווי מיר הערן, קלייבט זיך דאָס בריטישע מיליטער צו פאַרלאָזן חיפה נאָך פאַרן סוף פון דעם איצטיקן מאָנאַט. קיינער פון אונז קען דערפאַר ניט גאַראַנטירן, אָבער עס איז דאָ אַ גרונט אָנצונעמען, אַז עס קען געשען אַזוי. און עס קען זיין, אַז די דאָזיקע עוואַקואַציע זאָל דינען אַלס סיגנאַל פאַר אַ באַנייטן, פלוצימדיקן אָנגריף אויף מדינת־ישראל, באַזונדער — אויף חיפה, — אַן אָנגריף אויף דער יבשה, פון ים און פון דער לופט. מיר דאַרפן זיין גרייט צו דער באַנייאונג פון די קאַמפן; אויב זיי וועלן זיך באַנייען — וועלן זיי זיך צופלאַקערן מיט אַ גרעסערער קראַפט. מיר דאַרפן זיך גרייטן מיט מער מוט, מער אויסשולונג, מער געשפּאַנטקייט, מער קעגנזייטיקע אחריות און מיט אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען נויטיק כדי פאַרצוזעצן די מלחמה און זיגן.

די דאָזיקע מלחמה וועט דעצידירן ניט נאָר וועגן דעם גורל פון דעם לאַנד, נאָר אויך וועגן דעם גורל פון אידישן פאָלק. די פייער־פּויזע פאַרפליכטעט אונז צו צוגרייטן זיך גלייכצייטיק און מיטן פולן כוח צו שלום, ווי צו מלחמה. און מיר קענען זיך ניט פאַרלאָזן אויף קיין שום הילף פון דרויסן. מיר דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף זיך אַליין. איך געפין ניט קיין מער טרעפלעכן אויסדרוק פאַר דער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך, ווי די ווערטער, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק דורך ישעיהו בן אמוץ, — די ווערטער, מיט וועלכע איך וועל שליסן מיין קורצע דערעפענונגס־רעדע: „פאַרוואָס איז רויט אויף דיין קלייד, און דיינע בגדים ווי ביים טרעטער אין אַ קעלטער? איך האָב געטרעטן אַ קעלטער אַליין, און פון די פעלקער איז קיינער מיט מיר ניט געווען... וואָרעם אַ טאָג פון נקמה איז אין מיין האַרצן, און מיין יאָר פון דערלייזונג איז געקומען. און איך האָב מיך אומגעקוקט, און ניט געווען קיין העלפער, און איך האָב מיך געוואונדערט,

און ניט געוועז קיין אונטערלענער; האָט מיך מיין אָרעם געהאָלפן, און מיין גרימצאָרן — ער האָט מיך אונטערגעלענט".

(ישעיהו ס"ג, ב—ח).

ב.

ענטפער

אַ שיינעם דאַנק דעם רב האגער פאַר זיינע באַמערקונגען. וועגן דעם ענין פון טלית ותפילין האָב איך געהערט דאָס ערשטע מאָל. איך פאַרזיכער אים, אַז יעדער זעלנער, וואָס דאַרף אַ טלית ותפילין — וועט זיי באַקומען. דאָס קומט אים, און עס וועלן זיך געפינען מיטלען דערצו, גלייך אַזוי ווי זיי געפינען זיך פאַר אַנדערע זאַכן.

*

עס שיינט מיר, אַז די רעגירונג האָט ניט וואָס צו קלאָגן זיך אויף אַן אומפריינטלעכער קריטיק. סיי די רעגירונגס־מיטגלידער וועלן מסכים זיין צו דער קריטיק, און סיי זיי וועלן ניט מסכים זיין — דוכט מיר, אַז די ווערטער פון קריטיק זיינען געזאָגט געוואָרן מיט אַ גוטער כוונה: נוצן צו ברענגען דער מדינה. איך בין זיכער, אַז די רעגירונגס־מיטגלידער בילדן זיך ניט איין, דאָס אין זייער אַרבעט זיינען קיין פעלערן ניטאָ און אַז עס איז ניטאָ וואָס צו פאַרריכטן — באַזונדערס נאָך אַזאַ קורצער צייט און אין אַזעלכע שטורמישע טעג. און דאָך ווייס איך ניט, צי די קריטיק איז אינגאַנצן אַ גערעכטע. אייניקע זאַכן וועל איך זיך באַמיען בקיצור צו דער־קלערן.

איך וועל אָנהייבן פון די טענות פון דעם ראַט־מיטגליד ב. מינץ, וואָס אייניקע פון זיי זיינען דערשיטערנדיקע — אויב זיי זיינען ריכטיקע. עס גלויבט זיך ניט, אַז אין אונזער מיליטער זאָל אַ זעלנער ניט פריי זיין אין זיין געוויסן און רעליגיע; עס פאַרדריסט מיר, וואָס די דאָזיקע טענות זיינען פריער ניט צוגעשטעלט געוואָרן צו דער נאָמינירטער רעליגיע־קאָמיסיע. זאָל מיר חבר מינץ דערלויבן צו באַמערקן, אַז איך בין געטראָפן געוואָרן פון דעם טאָן פון זיינע רייד. אין דעם דאָזיקן טאָן איז געווען אַ סך פאַרביסנ־קייט. נאָך אַלעמען, זיינען דאָך פאַרביי ניט מער ווי 6 טעג פון דער פייער־פויזע — נאָך זעקס חדשים פון מלחמה. די טענה איז אפשר אַ גערעכטע, איך בין גרייט אָנצונעמען זי, איך נעם אָבער ניט אָן דעם שווערן אָנגריף אויף די קאָמאַנדירן. חבר מינץ דאַרף זייער און זייער געדענקען דעם שפּריכ־וואָרט: „אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו" (זאָלסט ניט אורטיילן דיין חבר — סיידן דו וועסט זיין אויף זיין אָרט), — און זיין אַ קאָמאַנדיר אין דער איצטיקער מלחמה איז ניט פון די באַזונדערס לייכטע און אָנגענעמע זאַכן. אונזער קאָמאַנדיר און אונזער זעלנער האָבן ניט באַקומען צו זייער דיספּאָ־זיציע דאָס, וואָס אַ גוט־איינגעאָרדנטע מדינה קען געבן. מיר זיינען גע־

שטאַנען אַנטקעגן אַ ווילדער, גרויזאַמער אַטאַקע אויף אַ סך פראָנטן. עס איז געווען אַ בלוטיקע מלחמה. מען טאָר אַזוי ניט מקטרג זיין אויף קאָמאַנדירן, מען דאַרף קענען אַריינגיין אין זייער לאַגע, מען דאַרף קענען מלמד־זכות זיין אויף זיי און ניט רעדן אין אַזאַ טאָן — ניט וועגן זעלנער און ניט וועגן קאָמאַנדיר. סוף־סוף — ווער זיינען די דאָזיקע זעלנער און קאָמאַנדירן? — זיינען זיי געגאַנגען מלחמה האַלטן צוליב פּאַרדינסטלעך? — אויך זיי זיינען געגאַנגען אָפּגעבן זייער לעבן אויף קידוש־השם! עס זיינען געווען טרויעריקע צופאַלן, וואָס די ביטערע נויט פון דער מלחמה האָט דערפירט דערצו. איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז די פאָדערונגען זיינען ניט קיין בארעכטיקטע און אַז מען דאַרף זיי ניט אָננעמען; אויף וויפל עס איז מעגלעך אין די מלחמה־באַדינגונגען, וועלן מיר זיך באַמיען צו דערפילן זיי. אָבער דער טאָן פּאַסט זיך לגמרי ניט צום ענין, — מען טאָר ניט רעדן אַזוי וועגן מענטשן, וואָס געפינען זיך אויפן פראָנט.

*

איין באַמערקונג האָט זיך כסדר איבערגע׳חזר׳ט אין די רייד פון כמעט אַלע רעדנער: פאַרוואָס איז ניט צונויפגערופן געוואָרן דער ראַט, צו באַטראַכטן די פראַגע פון דער פייער־פּויזע? עס איז אויך געווען אַ טענה קעגן דער עצם פייער־פּויזע, הגם ניט אַלע קריטיקער האָבן זי קריטיקירט. די פראַגע פון דער פייער־פּויזע — ווי עס האָט מיט רעכט דערמאָנט הער ניר — איז ניט געווען קיין נייע, זי איז דערשינען לאַנג פאַר דער לעצטער ראַט־זיצונג, און עס זיינען אין ראַט דאַן ניט געווען קיין חילוקי־דעות איבער איר; אַלנפאַלס, האָבן מיר ניט געהערט קיין פּרינציפּיעלע מיינונג־פאַרשיידנ־הייטן, הגם עס זיינען, נאַטירלעך, געווען ניואַנסן. אויך אינערהאַלב דער רעגירונג זיינען ניט געווען קיין שום פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות. אַ סך חברים פון ראַט האָבן אַליין פאַרשטאַנען, אַז עס איז שווער עפנטלעך צו באַהאַנדלען אַזעלכע פראַגן, און דעריבער האָבן זיי פאָרגעשלאָגן אַ געשלאָסענע ראַט־זיצונג. אַ געשלאָסענע זיצונג — איז דער טייטש, אַז קיין זאַך זאָל זיך פון דאַנען אַדורכ׳גנב׳ענען. איז דאָך דאָס אויך ניט אַזוי דעמאָקראַטיש: אַנשטאָט 13 אידן וועלן דערפון וויסן 37 אידן. און אויב מען האָט באמת געמיינט אַ געשלאָסענע זיצונג — וואָלט עס נאָר געמאַכט די זאַך מיסטער־יעזער. ווען עס וואָלטן געווען ערנסטע חילוקי־דעות אין דער רעגירונג, וואָלטן מיר געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז עס וועלן זיין טיפע חילוקי־דעות אין דעם ראַט. — איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז אַלע רעגירונגס־מיטגלידער זיינען געווען איינשטימיק בנוגע יעדן באַזונדערן פּרט, אָבער אין אַלגעמיין זיינען קיין מיינונגס־פאַרשיידנקייטן ניט געווען. היינט־נאָך וועט אייך פאָרגעשלאָגן ווערן דער סטאַטוט פון דעם ראַט. דאָ איז דער ראַט אַ סואווערענער און ער וועט באַשליסן — ווען צונויפצוקלייבן זיך און אויף וואָס פאַר אַ שטייגער צו באַהאַנדלען פראַגן. דאָס געהערט צום ראַט, און ניט צו דער רעגירונג.

צו די, וואָס האָבן געהאַט טענות קעגן דער פּראָצעדור, ניט צו דער זאַך אַליין, ווייל איך זאָגן, אַז עס איז שווער מיט זיי מסכים צו זיין. זיי האַלטן, אַז די פייער־פּויזע וועט ברענגען אַ סך שאָדן, — מיר נעמען ניט אָן די דאָזיקע סברה. אמת, מיליטעריש זיינען מיר ניט געווען געצוואונגען צו מאַכן די פייער־פּויזע, אָבער עס איז דערפון ניט אַנטשטאַנען קיין שום מיליטערישער שאָדן. ניין, פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט האָבן מיר ניט וואָס צו באַדויערן די פּויזע. דאָס איז אַ וויכטיקער מאָמענט, ווען מען באַטראַכט די פראַגע מעריטאָריש.

דאָ זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן ספקות וועגן די פאָרגעקומענע שמועסן און וועגן די שמועסן, וואָס דאַרפן נאָך פאָרקומען. מען האָט דערביי שטאַרק איבערגעטריבן מיט דערמאָנען חטאים. מען האָט, למשל, דערמאָנט דעם חטא פון די לאָנדאָנער געשפּרעכן. אייגנטלעך איז עס שייך צו דער אַגענץ־עקזעקוטיווע, און ניט צו דער רעגירונג פון ישראל, אָבער דאָך איז דאָ אַ געוויסע פאַרבינדונג צווישן די דאָזיקע קערפּערשאַפטן. ואת חטאי אני מזכיר: איך, אייער קנעכט, טראָג ניט קיין קליינע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די געשפּרעכן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לאָנדאָן באַלד נאָכן קאָנגרעס. איז קען איך זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט קיין שום שאָדן ניט געהאַט פון די דאָזיקע געשפּרעכן. קיין זאַך איז ניט „פאַרקויפט געוואָרן", און קיינער פון אונז האָט זיך ניט געבעטן ביי בעווינען. אין דעם דאָזיקן פאַל בין איך געווען פיליכט מער פאַראַנטוואָרטלעך פון אַלע אַנדערע. איך בין דאַן אַרויסגערופן געוואָרן קיין לאָנדאָן און האָב געגעבן אַ געוויסן ביישטייער צו די דאָזיקע פּריוואַטע שמועסן. מיינע חברים און אויך איך האָבן געוואוסט, אַז מיר שטייען פאַר אַ קריטישן ברוך מיט ענגלאַנד, האָבן מיר געפילט, אַלס אונזער פליכט, פריער גאָר גרונטלעך צו אונטערזוכן — צי איז דער דאָזיקער ביטערער און טראַגישער ברוך פאַרמיידלעך צי אומפאַרמיידלעך. איך — אפשר ווייניקער פון וועמען עס איז — האָט געהאַט אילוזיעס בנוגע בעווינען און זיין פּאָליטיק, אָבער אויך איך האָב געהאַלטן, אַז מיר מוזן נאָכאַמאָל אויספּאָרשן דעם באָדן — דורך דירעקטע, הגם ניט אָפיציעלע, שמועסן. קיין זאַך איז אין די דאָזיקע שמועסן ניט „פאַרקויפט געוואָרן" און קיין שום פעלער איז ניט באַגאַנגען געוואָרן. עס איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז נאָך דעם דאָזיקן לעצטן פאַרזוך האָבן מיר אין דער איצטיקער לאָנדאָן קיין שום האָפענונג ניט, אַז די טיר איז פאַרשלאָסן. — ניין, עס איז קיין שום שאָדן ניט אַרויס פון יענע שמועסן, און מיר האָבן ניט פאָרויס וואָס מורא צו האָבן פאַר די שמועסן מיטן פאַרמיטלער. וואָס האָבן מיר מורא צו האָבן פאַר זיך אַליין? — איך וויים, אַז מיר דאַרפן זיך שטענדיק באַציען צו פרעמדע מיט „כבדהו וחשדהו", — צו פרעמדע, אָבער ניט צו זיך אַליין. מיר דאַרפן זיך אַליין ניט חושד זיין, און מיר דאַרפן ניט איבערטרייבן מיטן פּחד פאַר שמועסן.

וואָס איז נוגע די באַאָבאַכטער, האָבן מיר געזאָגט: די ענגלענדער קענען ניט זיין צווישן די באַאָבאַכטער, ווייל זיי זיינען ניט נייטראַל, זיי זיינען אין

דעם דאָזיקן קריג אַ צד, ניט ווייניקער פון די אַראַבישע הערשער. און די דאָזיקע טענה אונזערע איז אָנגענומען געוואָרן. אַוודאי באַדויערן מיר, וואָס צווישן די באַאָבאַכטער געפינען זיך ניט שליחים פון געוויסע פעלקער, וואָס זייער פריינטשאַפט איז אונז באַזונדערס טייער, אָבער ניט מיר, נאָר די פאַראייניקטע פעלקער האָבן באַשטימט די באַאָבאַכטער. מיר זיינען ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַראַנזשירונגען פון די פאַראייניקטע פעלקער, — מיר זיינען נאָך — פאַרלויפיק — אַפילו ניט קיין מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער; מיר זיינען נאָר באַשטאַנען אויף דעם, אַז קיין ענגלענדער זאָלן ניט זיין צווישן די באַאָבאַכטער, און מיר האָבן אויסגעפירט.

אודאי טראָגט מיט זיך די פייער־פויזע געוויסע באַגרענעצונגען, אָבער זי באַגרענעצט סיי אונז — סיי אויך דעם צווייטן צד. עס רירט אָן אונזער סואווערעניטעט, ווען מען אונטערזוכט, צי ברענגען מיר אַריין געווער, אָבער אין דער זעלבער מאָס רירט עס דאָך אָן אויך די סואווערעניטעט פון די אַראַבישע מדינות. אין דער צייט פון דער פייער־פויזע וועט זיין אַן אינטער־נאַציאָנאַלע קאָנטראָל, אין אַ צייטווייליקער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטראָל קען מען ניט איינזען קיין אַטענטאַט אויף דער סואווערעניטעט; עס איז אָבער דאָ אַן אַטענטאַט אין די פירושים, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן וועגן עליה־פראַגן. האָבן מיר אָבער די דאָזיקע פירושים ניט אָקצעפּטירט, הגם מיר האָבן אָקצעפּטירט די פייער־פויזע.

(עס קומען אַריין די ראַט־מיטגלידער פון ירושלים: ד"ר אַ. קאַצענעלסאָן און ד"ר א. גראַנאָווסקי).

איך באַגריס די געסט, וואָס זיינען געקומען פון ירושלים. צו מיין באַ־דויערן, זיינען געקומען ניט אַלע חברים פון ירושלים. עס איז היינט אַרויס־געשיקט געוואָרן אַ ספּעציעלער אַעראָפּלאַן, צו ברענגען אַלע ראַט־מיטגלידער פון ירושלים, איז אָבער קאַליע געוואָרן דער מאָטאָר, און דער אַעראָפּלאַן האָט זיך פאַרהאַלטן. איך בין צופרידן צו זען די אָנגעקומענע.

*

איינער פון די ראַט־מיטגלידער האָט זיך אין זיין רעדע אַרויסגעכאַפּט מיט זייער אַ שווערן זאַץ, וואָס אויב ער זאָל זיין ריכטיק, וואָלט מען געדאַרפט איבערגעבן די רעגירונג, — אָדער יענע מיטגלידער אירע, וואָס זיינען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, — צו אַ קריגס־געריכט. ער האָט געזאָגט, אַז מען האָט געקענט איינגעמען ירושלים, נאָר מען האָט עס ניט געטאָן צוליב פאָליטישע טעמים. איך נעם אָן, אַז דער, וואָס האָט דאָס געזאָגט, האָט עס געהערט פון עמיצן. איך קען אים פאַרזיכערן, אַז ער האָט געהערט פלאַפּ־לערייען (ד"ר אַ. אַלטמאַן: איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף עס אויפקלערן — מען האָט געשריבן וועגן דעם אין אַ צייטונג). איך בין אַמאָל געווען אַ זשורנאַליסט און איך באַצי זיך מיט רעספּעקט צו זשורנאַליסטן, אָבער די לעצטע צייט האָבן מיר געלעזן אין די צייטונגען אַ סך נאַרישקייטן. דער

אמת איז אַן אַנדערער: עס איז ניט ווייניק בלוט פאַרגאָסן געוואָרן פאַר דער באַפרייאונג פון ירושלים, און ירושלים איז אין איר גרעסטן טייל איינגענומען געוואָרן און זי איז איצט אין אונזערע הענט. און עס פאַרשאַפט אַ סך צער, ווען נאָך דעם אַלעמען הערט מען דיבורים, וואָס ניט געשטויגן — ניט געפלויגן; די דאָזיקע דיבורים שוואַכן בלויז אָפּ אונזערע קעמפער.

דער ראַט־מיטגליד וויינשטיין קלאָגט זיך, אַז די „הגנה" איז נאָך „אומ־לעגאַל" אין מדינת־ישראל, ווייל עס איז אַנערקענט געוואָרן בלויז צבא־הגנה־לישראל. איך וויל אים דערמאָנען, אַז מיר האָבן אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס לעגאַליזירט אַלץ, וואָס די נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן וועלן טאָן אויפן געביט פון הגנה; די „הגנה", אַלס אַנשטאַלט, איז קיינמאָל ניט געווען אומ־לעגאַל לגבי אונזערע אינסטאַנצן.

איך ווייס ניט צי די אינטערפעלאַציעס פונם ראַט־מיטגליד ניר זיינען שייך צו דער טאָג־אָרדענונג פון דעם ראַט. איך ווייס ניט צי איז ריכטיק דאָס, וואָס ער האָט דערציילט, אַז אַ באַאַמטער האָט פּוגע בכבוד געווען צוויי טשעכאָסלאָוואַקישע זשורנאַליסטן; אַלנפאַלס, באַהעפט איך זיך — אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון דער רעגירונג — צו דער דעפיניציע פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע, אַלס איינע פון די פריינטלעכסטע צו אונז פעלקער און מדינות — פאַר די ענדערונגען און נאָך די ענדערונגען, וואָס זיינען אין איר פאָרגע־קומען. אויב דאָס, וואָס חבר ניר האָט דערציילט, איז אמת, דאַרף מען עס זיכער גענוי אויספאָרשן און ווי געהעריק רעאַגירן אויף דעם.

אין דער איצטיקער ראַט־זיצונג זיינען געווען אייניקע דערמוטיקנדיקע דערשיינונגען. איינע פון זיי איז דאָס, וואָס דער ראַט־מיטגליד ווילנער — פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי — און דער ראַט־מיטגליד וויינשטיין — פון דער רעוויזיאָניסטישער פאַרטיי — רעדן מיטן זעלבן לשון וועגן רוס־לאַנד. אָבער אויף וויפל דער ענין פון אַמבאַסאַדאָרן־אויסטויש צווישן אונז און רוסלאַנד האָט אַרויסגערופן אַ סך מויל־מלאכה, מיין איך אַז דער אויסערן־מיניסטער וועט זיך דאַרפן אויף דעם ברייטער אָפּשטעלן. באַלד נאָכדעם, ווי דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אונז אַנערקענט, האָבן מיר זיך געווענדעט צו מאָסקווע וועגן דעם אויסטויש פון פאָרטרעטער. מיר האָבן זיך געוואונדערט, וואָס מיר האָבן פון דאָרטן ניט באַקומען קיין ענטפער, ביז ענדלעך איז אַהער אָנגעקומען די רוסישע צייטונג „טרוד" און דאָרטן האָבן מיר געפונען אָפּגע־דרוקט אונזער ווענדונג צו רוסלאַנד און דער ענטפער פון מאָלאָטאָוו, אַז ער איז מסכים דערצו. עס איז אויסטערליש, וואָס מיר האָבן ביז איצט ניט באַקומען קיין דירעקטע תשובה. און אפשר איז עס גאָרניט אויסטערליש ווייל די טעלעגראַמעס ווערן געשיקט דורך אַן ענגלישן קאַבעל. מיר האָבן געמאָלדן דער ראַטן־רעגירונג, אַז מיר האָבן איר ענטפער ניט באַקומען. איך קען פאַרזיכערן דעם ראַט, אַז עס איז גאַנץ איבעריק צו דריקן אויף דער רעגירונג, איינצושטעלן און אויפצוהאַלטן פריינטלעכע באַציאונגען מיט ראַטנפאַרבאַנד. דער, וואָס טוט אַזוי, רייסט זיך אין אַן אָפענעם טויער.

אָבער איך האָלט עס פאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז איך זע ניט קיין פּאָליטישע חכמה אין דער באַשמוצונג פון אַנדערע מדינות צוליב אונזער פריינדשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד. מיר זיינען איצט אין אַ שווערן קאָנפליקט מיט דער היינטיקער ענגלישער רעגירונג, און מיר לאָזן ניט דורך קיין געלעגנהייט, צו שטעמפּלען אַלץ, וואָס זי האָט אונז אָפּגעטאָן און וואָס איינער פון די גרויסע זין פון ענגלאַנד האָט אָנגערופן: „די שמוציקע מלחמה פון בעווינס רעגירונג קעגן די אידן". אָבער עס איז גאָר קיין חכמה ניט, צו באַשמוצן די גאַנצע וועלט, אויסערהאַלב דעם ראַטנפאַרבאַנד, און טאָג און נאַכט אָנצוגרייפן אַמעריקע. דאָס הייסט ניט, אַז מיר דאַרפן אַקצעפּטירן אַלץ, וואָס עס טוט ערגעץ וואו אַ באַאַמטער צי אַ רעגירונגס־אַמט אין אַמעריקע. מיר האָבן דאָס רעכט צו קריטיקירן, אָבער וואָס איז עס פאַר אַ חכמה און פאַר אַ יושר און פאַר אַ פאַרשטאַנד צו באַשמוצן? אין דער הינזיכט וויל איך באַצייכענען אַ געוויסן פּראָגרעס מצד דעם קאָמוניסטישן פאַרשטייער. דער חבר ווילנער האָט דערקלערט, אַז ער אַנערקענט דעם פּרינציפּ פון אידישער אחדות און נעמט אָן די אָריענטאַציע אויף די פאַראייניקטע פעלקער. אָבער אויך ער, ווייזט אויס, פאַרגעסט, אַז אַמעריקע איז ניט קיין אומבאַדייטנדער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, אַז זי קען נאָך שפּילן ניט קיין קליינע ראָל אין אויספורעמען דעם גורל פון ארץ ישראל — פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן — און אַז מיר האָבן קיין שום אינטערעס, אַרויסצורופן קעגנזייטיקע שנאה צווישן אונז און אַמעריקע.

עס איז לגמרי ניט קלאָר, צי עס וועלן פאָרקומען געשפּרעכן צווישן אונז און די אַראַבער. אפשר האָט דער אויסערן־מיניסטער פרישע אינפאָר־מאַציע, אָבער איך, פאַר זיך אַליין, בין ווייט פון צו זיין זיכער, אַז עס וועלן זיין שמועסן. איך ווינש דעם גראַף בערנאַדאָט, אַז ער זאָל מצליח זיין אין זיין שליחות, צו פאַרמיטלען און ברענגען צו שלום צווישן אידן און אַראַבער, אָבער איך האָב אַ גרונט צו צווייפלען אין זיין הצלחה, — איך גלויב ניט, אַז מיר וועלן קומען דערצו — ס'זאָלן זיין שמועסן מיט די אַראַבער. נאָר וואָס איך פאַרשטיי ניט, איז דער טאָן פון אייניקע רעדנער, וועלכע עס גייט כלומרשט אינגאַנצן ניט אָן, וואָס די גאַנצע וועלט טראַכט וועגן אונז, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען אימשטאַנד, מלחמה צו האַלטן ניט נאָר מיט דער אַראַבישער וועלט, נאָר כמעט מיט דריי פערטל פון דער גאַנצער וועלט.

*

רבותי, איך גלויב אין דעם אידישן כוח. נאָך העכער אַ יאָר צוריק האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער געפאַר, וואָס עס שטייט אונז פאָר פון אַן אָנגריף מצד די אַרמייען פון די אַראַבישע מדינות. אייניקע, נאָענטע צו מיר מענטשן, האָבן גע'טענה'ט, אַז איך בין אַ פּאַניק־מאַכער. און ווען איך האָב דאָן, לאַנג פאַר דער איצטיקער מלחמה, געזאָגט, אַז איך בין זיכער, דאָס מיר זיינען בכוח אויסצוהאַלטן אַזאַ אָנגריף, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ פאַנטאַזיאָר. איך האָב זיך ניט דערשראָקן — ניט פאַרן טיטל

„פּאַניק־מאַכער" און ניט פאַרן טיטל „פאַנטאַזיאָר". איך האָב געזען די אָנקומענדיקע געפאַר — און איך האָב געגלויבט אין אונזערע באַהאַלטענע כוחות. איך האָב געוואויגן און געמאָסטן און בין געקומען צום אויספיר, אַז מיר וועלן בילדן אַ גרויסן כוח, אויב מיר וועלן מאַכן געהעריקע אָנ־שטרענגונגען. מיין דאָזיקער גלויבן איז ניט דערשיטערט און ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן ביז היינט צו טאָג. די פאַרלאָפענע זעקס מאָנאַטן האָבן עפּעס דערוויזן. אָבער מיט מיין גאַנצן גלויבן — וואָס איז איצט אונזער אַלעמענס גלויבן — ווייס איך, אַז אונזער כוח האָט אַ גרענעץ, און מיר מוזן עס זויסן. איך ווייס, וואו איז דער מקור פון אונזער כוח: ער איז ניט אין ביקס, הגם איך שאַץ זייער אַ ביקס און אַ האַרמאַט און אַן עראָפּלאַן, — אָבער דער מקור פון אונזער כוח איז ניט אין די דאָזיקע כלים, נאָר אין דעם מענטשן. און ווייל איך קען דעם אידישן מענטש, האָב איך געגלויבט, אַז ער וועט אויסהאַלטן. אָבער עס איז דאָ אַ גרענעץ אויך צום דאָזיקן כוח, און דעריבער האָבן מיר אין משך פון די פאַרגאַנגענע זעקס מאָנאַטן באַמיט זיך, ווי וויט מעגלעך, ניט צו פאַרפּלאָנטערן זיך אין אַ מיליטערישן צוזאַ־מענשטויס מיט ענגלאַנד. מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר האָבן אַ פּאָליטישן שטרייט מיט ענגלאַנד — מיר האָבן אים געפירט און וועלן אים נאָך פירן. אָבער מיר האָבן זיך אָפּגעהיט פון אַ מיליטערישן שטרייט מיט איר, — מיר זיינען ניט געווען זיכער, אַז אויך דאָ וועלן מיר זיך קענען האַלטן פעסט. עס געניגט אונז דער מיליטערישער שטרייט מיט די אַראַבישע קעניגן. אויך נאָך דעם דאָזיקן שטרייט זיינען מיר ניט געווען להוט, — די אַראַבישע הערשער האָבן אים אונז אויפגעצוואונגען, — גלייך אַזוי, ווי מיר זיינען ניט געווען להוט נאָכן פּאָליטישן שטרייט מיט ענגלאַנד. בעווין האָט אים אונז אויפגעצוואונגען. ווען עס וואָלט געווען אָפּהענגיק פון אונז, וואָלטן מיר זיך מיט פאַרגעניגן אָפּגעזאָגט פון די דאָזיקע שטרייטן. און מיר יאָגן זיך ניט נאָך נייע פּאָליטישע געראַנגלען — פון קיינעם ניט אָנגעוואָרפענע — מיט מעכטיקע כוחות פון דער וועלט. לויפט ניט! לאָמיר זיך באַנוגענען מיט דעם אויפגעצוואונגענעם קריג און לאָמיר פאַרשטאַרקן אונזער מיליטערישן כוח, — ער איז נאָך ווייט פון זיין מאַקסימום. די אָנשטרענגונג פון דעם ישוב איז נאָך ווייט פון דעם הויך־פונקט. און דאָ ליגט אונזער האָפענונג: מיר קענען נאָך פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן אונזער כוח; עס זיינען נאָך דאָ צו מאַכן אָנשטרענגונגען, וואָס מיר האָבן ניט געמאַכט. און דאָך — פּאַמעלעך! מיר האָבן קיין שום אינטערעס ניט, צו פאַרפּלאָנטערן זיך מיט נאָך פּאָליטישע פאַקטאָרן. און וואָס איז, בכלל, פאַר אַ האָפּערדיקייט אַזאַ, צו לויפן צום קאַמף מיט וועלט־מאַכטן אין מזרח אָדער אין מערב? אַט דערפאַר, ראַט־מיטגליד ווילנער, אָריענטירן מיר זיך אויף די פאַר־אייניקטע פעלקער, און ניט נאָר אויף ווייניקע פעלקער אינערהאַלב די פאַר־אייניקטע פעלקער.

מיר זיינען ניט „נייטראַל". דאָס אידישע פאָלק קען ניט זיין נייטראַל. נייטראַל איז דער, וועמען עס אַרט גאָרניט; אונז אָבער אַרט עס זייער,

צי וועט זיין אַ וועלט פון שלום, פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט, אָדער אַ וועלט פון רשעות, בייזוויליקייט, באַוואָפענונג, פעלקער־פיינטשאַפט, מלחמות. ווער ווייסט, צי וועלן מיר קענען עקזיסטירן אין אַזאַ וועלט. מיטן גאַנצן האַרצן שטרעבן מיר צו וועלט־פרידן. מיר זיינען זיך ניט מיאש: עס מוז ניט דוקא אויסברעכן אַ וועלט־קריג. אויך דער ראַטנפאַרבאַנד האַלט ניט, אַז די מלחמה איז אומפאַרמיידלעך. צו וואָס זשע זאָלן מיר זיך איילן און באַהעפטן זיך מיט איינעם פון די שטרייטנדיקע צדדים? מיר באַהעפטן זיך מיטן פרידנס־ווילן, וואָס איז פיליכט דער טיפסטער גע‌פיל ביי אַלע פעלקער — אויב ניט ביי זייערע הערשער. צוליב דעם דאַרפן און ווילן אונזערן האָבן מיר קיין שום אינטערעס ניט, צו שאַפן קאָנפליקטן מיט גרויסע וועלט־פאַקטאָרן. מיר ווילן, אַז מען זאָל אונז פאַרשטיין — גייען מיר צו די שמועסן, קלערן מיר אויף און גיבן צו פאַרשטיין צום הונדערטסטן מאָל אונזער זאַך — הגם מיר זיינען ניט זיכער, אַז מען וועט אונז טאַקע פאַרשטיין. מיר גלויבן, אַז מיר פאַרטיידיקן אַ גערעכטע זאַך — האָבן מיר ניט מורא צו דערשיינען אומעטום — סיי מען הערט אונז אויס און סיי ניט.

מיר וועלן זיך אָבער ניט פאַרלאָזן אויף אונזערע אויפקלערונגען אַליין. מיר דאַרפן פאַרשטייפן אונזער מיליטערישן כוח. עס איז ניט זיכער, אַז די פייער־פויזע וועט פאַרענדיקן די מלחמה, און מיר האָבן נאָך ניט מאָביליזירט אונזער גאַנצן כוח. בלויז אַ טייל פון אונזער יוגנט איז אויפן פראָנט. בדרך כלל, איז דאָ ניטאָ קיין רוקן — אַלץ איז פראָנט (עטלעכע טעג פאַר דער פייער־פויזע זיינען קינדער דער׳הרג׳עט געוואָרן אין מיטן תל־אביב, ביי זיך אינדערהיים). און דאָך זיינען מיר ניט פולשטענדיק מאָביליזירט. אָבער צוזאַמען מיט דער מיליטערישער אָנשטרענגונג; מיט דער מאָביליזירונג פון אונזער כוח, מיטלען, טאַלאַנטן און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן — דאַרפן מיר זיך אויך באַמיען, צו דערווערבן די סימפּאַטיע פון יעטוועדער מדינה און יעטוועדן פאָלק. אַלנפאַלס, לאָמיר זיי ניט פאַרוואַנדלען אין אונזערע שונאים. דעריבער: חכמים, היזהרו בדבריכם!

*

אַ וואָרט וועגן דער טייערסטער און עמפּינדלעכסטער זאַך: ירושלים. דער ראַט־מיטגליד פּינקס האָט געזאָגט, אַז עס זיינען קאַליע געוואָרן די ברידערלעכע באַציאונגען צווישן די אידן פון ירושלים און די אידן פון מדינת ישראל. איך קען זיך פאַרשטעלן די פאַרביטערונג פון אונזערע חברים פון ירושלים, וואָס האָבן וואָכנלאַנג ניט געקענט קומען אַהער. נאָכמער קען איך זיך פאַרשטעלן, וואָס עס קומט פאָר אין האַרצן פון יעדן אידן אין ירושלים, וועלכער לעבט וואָכנלאַנג אין אַן אומאויפהערלעך באַמבאַרדירטער שטאָט און וועלכן עס דראָט די געפאַר, אָפּגעשניטן צו ווערן פון לאַנד און פאַראורטיילט ווערן אויף הונגער. אָבער עס איז אַן אומזין צו טענה׳ן, אַז ירושלים איז פאַרגעסן געוואָרן. צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער פון אונזערע בעסטע יוגנטלעכע זיינען גרייט געווען אָפּצוגעבן זייער לעבן — און הונדערטער פון

אונזערע בעסטע זין — זעלנער און שאַפערן — האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר ירושלים: אינערהאַלב ירושלים, אויף די בערג פון ירושלים, אין דעם טאָל, ביי שער־הגיא, נעבן לאַטרון; און זיי אַלע זיינען געקומען פון מדינת־ישראל, פון אַלע טיילן פון לאַנד. דאָס איז געווען איינע פון די מעכ־טיקסטע דערשיינונגען אין דער איצטיקער מלחמה. ניט נאָר די פראַנט־לייט זיינען גרייט געווען אָפּצוגעבן זייער לעבן, נאָר אָט באַלד נאָכן איינ־נעמען בית־דזשיז און בית־סוסין — און מיר האָבן ניט באַזיגט לאַטרון — האָבן מיר אָנגעהויבן צו לייגן אַ נייעם וועג קיין ירושלים — דורך פעלזן און שווערע בערג־זייטן — כדי צו קענען ברענגען קיין ירושלים עסנוואַרג, ברען־שטאָף און געווער. מיר האָבן צונויפגענומען אַלע נוצבאַרע דזשיפּן (לייכטע מיליטערישע אויטאָס), כדי שנעל ווי מעגלעך, צו ברענגען עסנוואַרג קיין ירושלים. דער מאַקסימום, וואָס מיר האָבן אויפן דאָזיקן שטייגער געשיקט, האָט ניט געגרייכט אַפילו קיין פינפט־חלק פון די באַדערפעניש. האָבן מיר מאָביליזירט קעמלען און מויל־אייזלען; מיר האָבן אָבער מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך דערשרעקן פאַר די האַרמאַטן־עקספּלאָזיעס און וועלן זיך צולויפן — האָבן מיר באַשלאָסן צו מאָביליזירן טרעגער, וועלכע זאָלן טראָגן דאָס עסנוואַרג אויף זייערע פּלייצעס. 1400 אַרבעטער פון תל־אביב האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק, צו טראָגן — אונטער רעגנס פון שיסערייען — עסן קיין ירושלים. דאָס מיליטער האָט אָבער פאַרבראַקירט די ציווילע טרעגער און האָט מאָביליזירט באַוואָפנטע מיליטערישע טרעגער, און אונטער עקספּלאָזיעס און שיסערייען האָבן אידישע בחורים — צופוס, דורך שרעק־פולע פעלזן, געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס אַביסל עסנוואַרג פאַר די איינ־וואוינער פון ירושלים. אָט דאָס איז עס די „איבערגעריסענע" ברודערשאַפט צווישן מדינת־ישראל און ירושלים? — לויט מיין מיינונג, איז עס איינע פון די וואונדערבאַרע פּרעכטיקע דערשיינונגען פון אונזער צייט, און וואויל איז אונז, וואָס מיר האָבן זוכה געווען דערצו. אמת, ניט דער גאַנצער ישוב האָט זיך אין דעם באַטייליקט, אָבער ניט דער גאַנצער ישוב באַטייליקט זיך בכלל אין די מלחמה־אָנשטרענגונגען.

פאַרלויפיק האָט זיך נאָר אַ טייל פון דעם ישוב איינגעשפּאַנט אין יאָך. די ערשטע האָבן זיך איינגעשפּאַנט די זעלנער, די שאַפערן און די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אויס געווער פאַר אונזערע זעלנער. יענער טייל פון ישוב, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך פון דער מלחמה, איז געווען געטריי ביז צו דער העכסטער מדרגה, געטריי אויף לעבן און טויט. די פאַרלוימדונגען, וואָס מיר האָבן דאָ געהערט, זיינען ניט באַרעכטיקט. די שבועה, וואָס מיר האָבן געשוואָרן „על נהרות בבל", איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי ממשות׳דיק, אמת׳דיק און פאַרפליכטנדיק, ווי איצט; דאָס איז אַ שבועה אויף לעבן און טויט. ירושלים איז ווערט, זי האָט פאַרדינט, אַז מיר זאָלן אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר איר. עס האָט זיך איצט אויסגעשמידט אַ בלוט־און־ליבע־בונד צווישן דער יוגנט — דעם אַוואַנגאַרד פון דעם פאָלק — און אונזער אייביקער

שטאַט. קיין איד האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט די טאַטן פון דער דאָזיקער יוגנט!

*

און אַ וואָרט וועגן אַ געוויסער פּאָליטישער טענה. איינער פון די ראַט־מיטגלידער האָט געפרעגט: פאַר וואָס זאָגן מיר, אַז מיר וועלן אומקערן די איינגענומענע געביטן? — עס איז סתם גערעדט! מיר זאָגן ניט, אַז מיר וועלן אומקערן, און מיר זאָגן ניט, אַז מיר וועלן ניט אומקערן. עס וועט ניט קלוג זיין, צו מעלדן, אַז מיר וועלן עס ניט אומקערן, גלייך ווי עס וועט זיין ניט קלוג, צו זאָגן, אַז מיר וועלן אומקערן. עס איז נאָך ניט געקומען דער מאָמענט פאַר אַזעלכע מעלדונגען. „זאָל דער, וואָס גאַרטלט זיך ערשט אָן, זיך ניט רימען ווי דער וואָס בינדט זיך שוין אָפּ". מיר האָבן נאָך ניט געענדיקט. ניט אַלץ, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט באַזיצן — געפינט זיך אין אונזערע הענט, און ניט אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין אונזערע הענט איז זיכער, אַז עס וועט פאַרבלייבן ביי אונז. מיר וועלן נאָך פּילייכט דאַרפן (איך זאָג „פּילייכט" צוליב פאָרזיכטיקייט) מלחמה האַלטן פאַר יעדן שטיקל ערד — וואָס מיר האַלטן און וואָס מיר האַלטן נאָך ניט. מיר קענען באַפרייען פיל מער פאָטערלאַנד־באָדן, אָבער עס איז נאָך פריצייטיק צו רעדן וועגן דעם, וואָס מיר וועלן טאָן מיט די באַפרייטע שטחים.

מען זאָגט אונז: עס איז ניט גענוג פעסטצולייגן די צוויי פּרינציפּן פון סואווערעניטעט און עליה, — מען דאַרף נאָך צוגעבן דעם פּרינציפּ פון שטח. איך וויל אויף דעם ענטפערן: אַודאי און אודאי איז דער שטח אַ העכסט וויכטיקער ענין, אָבער אַפילו די, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע טענה, האָבן ניט געזאָגט, וואָס איז דער אולטימאַטיווער שטח. ווען די פעלקער פון דער וועלט וועלן אונז רופן און וועלן פרעגן — וועלן מיר זיין גרייט מיט אונזער ענטפער. אויב די אַראַבער וועלן אונז אַנערקענען און וועלן איינשטימען צו רעדן מיט אונז, ווי מיט אַן אומאָפּהענגיקער, סואווערענער מדינת־ישראל — וועלן מיר זיי פאָרויס ניט שטעלן קיין תנאים. און האָט קיין מורא ניט: אויב די מיטגלידער פון דער צייטווייליקער רעגירונג זיינען ניט גענוג טריי דעם פאָטערלאַנד — איז לא אלמן ישראל, — עס וועלן זיך געפינען אַנדערע. וואָס איז שייך מיר, גלויב איך, אַז יעדער שליח פון ישראל וועט זיין טריי. אָבער מען שטעלט ניט קיין באָדן־תנאים, אַלס פאַרבאַדינג צו די פאַרהאַנדלונגען. אויב מען וועט אונז זאָגן: מיר קענען זיך מיט אייך ניט באַגעגענען, מיר אַנערקענען ניט דעם פאַקט פון מדינת־ישראל; אָדער: איר זייט טעראָריסטישע גרופּעס אין ארץ ישראל (ווי איינער אַ פּאַשאַ טענה׳ט) — מיר וועלן מיט אייך ניט פאַרהאַנדלען; אויב מען וועט אונז זאָגן: שטעלט אָפּ די עליה, און דערנאָך וועלן מיר מיט אייך שמועסן, — וועלן מיר מוותר זיין אויף די שמועסן. אָבער מיר וועלן ניט שטעלן קיין באָדן־תנאים, אַלס פאַרבאַדינג, ווייל דאָס וועט פּשוט באַדייטן, אַז מיר זאָגן זיך אָפּ פון פאַרהאַנדלונגען. און מיר טאָרן זיך ניט אָפּהאַלטן פון פאַרהאַנדלונגען

מיט די אַראַבער. מיר האָבן אַפילו בעווינען ניט אָפּגעזאָגט, הגם קיין שום היסטאָרישער ענין בינדט אים ניט מיט ארץ ישראל — וואָס האָט בעווין צו טאָן אין ארץ ישראל? וואָס האָט ענגלאַנד צו טאָן אין ארץ ישראל?

מיר קענען ניט אויפן זעלבן שטייגער זאָגן: וואָס האָבן די אַראַבער צו טאָן מיט ארץ ישראל? — זיי זיינען אונזערע שכנים, דאַרפן מיר זיך באַגעגענען מיט זיי. מיר דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָל צווישן אונז געפונען ווערן אַ געמיינזאַמע שפּראַך, — ווען זי וועט אַפילו ניט זאָפאָרט געפונען ווערן. דאָס איז אויך אַ וועלט־פּראָבלעם: די וועלט וויל שלום, און מיר דאַרפן אויפנעמען דעם דאָזיקן ווילן. אונזערע פיינט אינטריגירן און באַהויפּטן, אַז מדינת־ישראל איז אַ פאַקטאָר אַנטקעגן וועלט־שלום. אָבער עס זיינען פאַראַן אַ סך, — די ערלעכע מענטשן פון אַלע פעלקער, — וואָס זאָרגן באמת פאַרן שלום, און צו זיי מוזן מיר זיך גוט צוהערן. אויב דער שלום איז נויטיק פאַר דער גאַנצער וועלט — איז ער אונז פיל מער נויטיק. און עס איז וויכטיק, אַז עס זאָל זיין שלום אין דעם דאָזיקן טייל פון דער וועלט, אין דער סעמיטישער וועלט.

— — — קודם כל — זיכערקייט. און אין איין שורה מיט זיכערקייט — אונזער מלוכה׳שע זעלבסט־פאַרוואַלטונג. צוזאַמען מיט די ביידע דאַרף זיין אַן אומאויפהערלעכע, אומדערמידלעכע שטרעבונג צו אַ בונד צווישן דעם אידישן פאָלק און דעם אַראַבישן. די אַראַבער זיינען ניט קיין דורכגייער אין דעם דאָזיקן טייל פון דער וועלט; זיי וואוינען דאָ, און מיר דאַרפן געפינען וועגן צו זיי. איך ווייס ניט, צי וועלן מיר איצט דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל אונזערן, אָבער מיר וועלן עס ניט באַשווערן דורך אַרויסשטעלן ניט־נויטווענדיקע פאַרבאַדינגונגען. די באַדן־פראַגע איז, באַטירלעך, איינע פון די וויכטיקסטע. אָן באָדן, אָן שטח, איז ניטאָ קיין סואווערעניטעט און ס׳איז ניטאָ קיין עליה. יעדעס קינד פאַרשטייט עס. אָבער מיר רעדן איצט ניט אויס פאַרויס, צי עס וועט פאַרבלייבן דער שטח פון דעם 29־טן נאָוועמ־בער, צי ניט. איך, פאַר זיך, צווייפל אין דעם. אַלץ געפינט זיך נאָך איצט אין דעם שמעלץ־טאָפּ, און צו דער נייער קאָנסאָלידירונג דאַרפן מיר זיך גרייטן, זייענדיק טריי דער וויזיע פון ישראל, די רעכט פון ישראל, און דער־ביי אויפריכטיק און ערלעך זוכן אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט דער אַראַבישער וועלט. קיינער קען אונז ניט פאַרזיכערן דערפאַלג, אָבער גרייט זיין דערצו מוזן מיר. לאָמיר ניט שאַפן קיין פאַלשן איינדרוק, אַז מיר באַשווערן דאָס זוכן אַ וועג צו שלום.

איך ווייס ניט, מיט וואָס פאַר אַ געדאַנקען און פּלענער עס גייט אַרום גראַף בערנאַדאָט, וואָס איז געשיקט געוואָרן אין נאָמען פון די פאַראייניקטע פעל־קער. מיר פאַרערן די דאָזיקע אינסטיטוציע, דעריבער פאַרערן מיר אויך איר שליח, הגם זיך האַלטנדיק ביים כלל „כבדהו וחשדהו״. מיר וועלן ניט מאַכן קיין שום באַוועגונג, וואָס קען אין די אויגן פון דער וועלט אויסגעטייטשט ווערן, אַלס מלחמה־שטרעבונג. די מיטגלידער פון דער דאָ־זיקער רעגירונג זיינען גרייט און פאַרפליכטעט — ניט ווייניקער פון יעדן

אַנדערן מענטש — צו טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, כדי צו פאַרשטאַרקן אונזער מלחמה־כוח. און ווי וועט זיין צו אונז, אויב מיר וועלן עס ניט טאָן אין די טעג פון דער פייער־פויזע; אָבער גלייכצייטיק דאַרפן מיר מיט דער פולער אויפריכטיקייט מאַכן אַלע באַמיאונגען כדי צו ברענגען דעם שלום.

י״ב בסיון תש״ח — 1948 .19 .6

# פון אַן אונטערערדישער הגנה צו אַ רעגולערער אַרמיי

(פון די פאַרהאַנדלונגען אין דעם ראַט פון מפא״י, תל־אביב)

מיר האָבן נאָך ניט אונזערס דערגרייכט — קענען מיר נאָך ניט פייערן: ניט די אויפריכטונג פון דער אידישער מדינה, ניט די זיכערקייט פון אונזער לעבן און ווערק, אויך ניט די זיכערקייט פון דער צוקונפט פונם אידישן פאָלק. אַלץ שטייט נאָך אונטער געפאַר. דער פיינט שטייט נאָך אין טויער, — אין טויער ממש. דער פיינט רינגלט נאָך אַרום ירושלים, ער שטייט נאָך אין דעם פאָדערגרונט פון תל־אביב — אין ראַמלע, אין לוד, ווי אויך נעבן אַ גרויסער צאָל פון אונזערע לאַנד־ווירטשאַפטן; צענדליקער טויזנטער חיילות פון פינף אַראַבישע מדינות — באַוואָפנטע מיט אוימגעהויערע קוואַנטומס פון עפעקטיווסטן געווער — באַלאַגערן אונז. אונזער אַרבעט איז נאָך ניט פאַרענדיקט — פייערן מיר ניט קיין יום־טובים. מיינע ווערטער וועלן פיליכט פאַרשטערן די שמחה פון די איצטיקע טעג פון דער פייער־פויזע, ווען עס האָבן אויפגעהערט די באָמבאַרדירונגען און באַשיסונגען, ווען פון ירושלים איז אַראָפּגענומען געוואָרן די הונגער־געפאַר און עס האָט אויפגעהערט די טאָג־און־נאַכט־באַשיסונג פון דער שטאָט.

אָבער דוקא אין די איצטיקע טעג פון דער פייער־פויזע, דאַרפן מיר זען די לאַגע אין איר ריַכטיקן ליכט; און דער אמת איז אַכזריות׳דיק און אומ׳ברחמנות׳דיק. מיר דאַרפן אין די איצטיקע טעג זיין געשפּאַנט נאָכמער, ווי אין מלחמה־טעג, ווייל די איצטיקע טעג וועלן ברענגען דאָס, וואָס עס וועט געשען נאָך דער הפסקה. דאָס, וואָס מיר וועלן פאַרשפּעטיקן אין די איצטיקע טעג, וועט זיין פאַרפאַלן — און ווער ווייסט, ווי גרויס די אַבידה קען זיין!

*

איך בין נעכטן געזעסן צען שעה נאָכאַנאַנד מיט קאָמאַנדירן פון אַלע פראָנטן — פון נגב, דרום, די בערג פון ירושלים, ירושלים די שטאָט, עמק־

אילון, תל־אביב, שרון, שומרון, עמק־יזרעאל, עמק בית־שאן, ירדן־טאָל, חיפה, דעם מערב־טייל פון גליל, דעם מזרח־טייל, דעם אונטערשטן און אויבערשטן טייל פון גליל. אין פאַרלויף פון די 10 שעה האָבן מיר געהערט אין דערציילונג, דורכגעפלאָכטן מיט בלוט און יסורים און דורכגעוועבט מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען. עס איז געווען אַן אויספירלעכער באַריכט וועגן דער לאַגע פון אונזערע אַרמייען, וועגן דער צאָל געהרג'עטע, פאַרוואונדעטע און פאַרקריפּלטע; וועגן דורכפאַלן, שטרויכלונגען, דעפעקטן, ווי אויך וועגן דעראָבערונגען און דערגרייכונגען; וועגן דער קוואַליטעט פון דעם שונא אויף יעדן באַזונדערן פראָנט — וועגן די מצרים, וואָס זיינען באַזאָרגט מיט אַ שפע פון שווערן וואָפן; וועגן די איראַקער און די סיריער; וועגן עבר־ירדנים, וואָס זיינען פיליכט די שטאַרקסטע, מוטיקסטע, אויסגעשולטסטע און דיסציפּלינירטסטע צווישן זיי אַלעמען: איינער אַ קאָמאַנדיר פון ירושלים, אַן אַרטילעריע־עקספּערט, האָט אָפּגעשאַצט די צאָל פיינטלעכע האַרמאַטן, וואָס האָבן אָנגעגריפן ירושלים, אויף זעכציק. זיי האָבן אָן אויפהער, טאָג און נאַכט, געהאָגלט מיט פּעגאַזן פון 2, 6, 25, און אין די לעצטע טעג — פון 100 פונט יעדער איינער, און די האַרמאַטן זיינען געווען גלענצנד אָנגעשטעלט און רעגולירט. די אַמוניציע — אַלנפאַלס, אין די ביז־איצטיקע קריגס־אַקציעס אַרום ירושלים — שיינט צו קומען פון אַן אומאויסשעפּבאַרן קוואַל. און אַזוי אויך אין אַנדערע ערטער. דאָס אַלץ איז עלול צוריק צו ווערן טעטיק אין 20 טעג אַרום, אויב ניט נאָך פריער. אַך־און־ווי וועט זיין צו אונז, אויב מיר וועלן ניט זיין געשפּאַנט, אויסגעשטאַטעט און גרייט צום קאַמף — און ניט דוקא אין אַ באַשטימטן דאַטום אין יולי, נאָר יעדע מינוט, ווייל מיר ווייסן ניט, ווען די מינוט וועט קומען.

אונזער עקזיסטענץ, דער גורל פון ציוניזם, דער גורל פון אונזער ווערק, דער גורל פון דעם ישוב, דער גורל פון דער ארץ ישראל'דיקער אַרבעטער־באַוועגונג, דער גורל פון אונזער מענטשלעך־סאָציאַליסטישן אידעאַל — הענגט איצט קודם כל אָפּ פון אונזער מיליטערישן אָרעם, פון זיין קאַמפּס־פעייקייט, אויסשטאַטונג, געשפּאַנטקייט, דיסציפּלין, פייער־קראַפט און גייסטיקער קראַפט. איך ווייס, אַז די דאָזיקע ווערטער זיינען עלול צו טרעפן אין אונזער מאָראַלישן באַוואוסטזיין, אין אונזער גאַנצער דערציאונג, אין אונזער אידיש־מענטשלעך־סאָציאַליסטישער וועלט־אנשויאונג. — עס איז דער ביטערער אמת, ביטער ווי טויט. איך פאַרגעס ניט דעם פאַקט, אַז מיר שטייען פאַר אַ טאָפּלטן קאַמף, אַ מיליטערישן און אַ פּאָליטישן, — אָבער אונזער מיליטערישער כוח וועט דעצידירן אויך אויפן פּאָליטישן פראָנט. אויב מיר וועלן זיך ניט קאָנצענטרירן אין די דאָזיקע ווייניקע צי ניט־ווייניקע טעג (קיינער ווייסט ניט; עס הענגט ניט אָפּ פון אונז, און אפשר אויך ניט פון די אַראַבישע הערשער, וואָס זיינען בלויז געדונגענע) און וועלן ניט טאָן אַלץ וואָס עס לאָזט זיך כדי צו פאַרשטאַרקן דעם מיליטערישן, פיזישן

*

און מאָראַלישן כוח פון אונזער מיליטער — וועלן מיר שטעלן אין געפאַר אונזער נאַקעט לעבן און עקזיסטענץ.

איך וויל זיך ניט צוריקקערן צו דעם קאַפּיטל פון די זעקס מאָנאַטן, און אויך ניט פון די לעצטע פיר וואָכן. די זאַכן זיינען באַקאַנט. און וואָס עס איז ניט באַקאַנט — דאַרף נאָך ניט זיין באַקאַנט.

איר ווייסט וואָס עס האָבן אויפגעטאָן אונזערע וויניקע, יונגע אַרמייען, וואָס זיינען אַנטשטאַנען כמעט דורך־נאַכט, אין דעם סאַמע שטורעם פון דער מלחמה. איך וועל ניט פאַרמינערן די פאַרלוסטן, די העלדישקייט און די דעראָבערונגען פון אונזערע אַרמייען, — איך וועל זיין דער לעצטער, וואָס וועט עס טאָן, — איך האַלט אָבער פאַר מיין חוב, — ניט פאַר דער געשיכטע, וואָס וועט נאָך ערשט געשריבן ווערן, נאָר ווייל די זאַך האָט אַן אַקטועלע באַדייטונג פאַרן מאָרגן, — צו באַצייכענען די גרויסע ראָל, וואָס אונזערע אַרבעטער־ווירטשאַפטן האָבן געשפּילט אין דעם ביזאַיצטיקן שווערן קאַמף און וואָס זיי וועלן נאָך זיכער שפּילן אין דער צוקונפט.

איך רעד ניט וועגן די זין פון די ווירטשאַפטן, וואָס האָבן זיך מאָביליזירט — זיי אונטערשיידן זיך ניט פון אַלע אַנדערע מאָביליזירטע. איך רעד וועגן אונזערע חברים אין ציווילע אוניפאָרמס, ווי איך און ווי אַ סך אַנדערע, וואָס זיצן דאָ, — חברים, וואָס זיינען פאַרבליבן אַרבעטן אין שטאָל, אויפן פעלד, אין גאָרטן — אויף וויפל עס איז מעגלעך געווען — אונטער פּעגאַזן און באָמבעס; דאָס זיינען די עלטערע חברים פון אונזער באַוועגונג — פּופּ־ציקער און אויך זעכציקער, וואָס אַן זייער פעסטער האַלטונג, — ווי אין די פאַרגאַנגענע טעג, אַזוי אויך אין דער צוקונפט, אויב די מלחמה וועט זיך באַנייען, — וועלן מיר ניט אויסהאַלטן.

אין דעם קאַמף מיט די אַראַבער זיינען מיר ניט גלייך: מיר שטייען — איינער קעגן פערציק; וואָלטן מיר עס ניט אויסגעהאַלטן, ווען ניט אונזערע קאָלאָניעס, און קודם־כל אונזערע אַרבעטער־זידלונגען. איך וועל ניט אַוועק־נעמען אייער צייט מיט דערציילונגען וועגן דער האַלטונג פון דער אָדער אַנדער זידלונג, ווי אויך גאַנצע גרופּעס פון זידלונגען — אין עמק־הירדן, אין נגב, דרום, גליל און אַ. ז. וו., — וואָס האָבן פּילייכט ניט קיין סך גלייכע אין דער וועלט־געשיכטע. ניט נאָר די ליבע פון אונזער קאָלאָניסט צו זיין ערד, ניט נאָר די באַקאַנטע ליבע פון דעם שעפער צו זיין שאַפונג — וואָס שטייגט איבער די ליבע פון דעם בעל־הבית צו זיין אייגנטום — נאָר אויך מער פון דעם: די גרויסע היסטאָרישע וויזיע, וואָס באַזעלט אונז שוין זיבעציק יאָר, פון זינט דער גרינדונג פון די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים ביז היינט צו טאָג, — זי האָט עס געשאַפן דעם וואונדער פון אונזער האַלטונג. ווען ניט דער מענטשן־טיפּ פון אונזערע קאָלאָניסטן, ווען ניט די וויזיע, וואָס באַלעבט זיי, וואָס איר האָבן זיי געווידמעט זייער לעבן און וואָס איר האָבן זיי פאַרטיידיקט — ער און זי און זייערע קינדער און די יוגנט, וואָס אַרום זיי, — ווען ניט דאָס אַלץ, וואָלט אונז אפשר ניט בייגע־שטאַנען אונזער מיליטערישער כוח און מיר וואָלטן אפשר ניט אויסגעהאַלטן

ניט אין נגב, ניט אין עמק־הירדן און ניט אין גליל העליון. און ענדלעך — ווען ניט די עפּישע גבורה פון דעם עציון־בלאָק, — הגם עס האָט זיך געענדיקט אַזוי טראַגיש, ווען כמעט אַלע מענטשן פון כפר עציון זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, — ווער ווייסט, צי ירושלים וואָלט פאַרבליבן אונזערע. איך שטרייך עס אונטער, ניט כדי צו טיילן אויסצייכענונגען, — עס איז נאָך ניט געקומען די צייט דערצו. לאָמיר די אַרבעט פון געבן אויסצייכענונגען לאָזן פאַר די געשיכטע־שרייבער. מיר שטייען נאָך אינמיטן קאַמף, און איך ווייס ניט — צי אין אָנהייב, צי ביים סוף. די גאַנצע זאַך האָט נאָך אַן אַקטועלע באַדייטונג, וואָס וועט זיך פאַרשטאַרקן, אויב די מלחמה וועט זיך באַנייען, און מיר מוזן אָננעמען, אַז זי וועט זיך יאָ באַנייען, הגם מיר וועלן מאַכן אָנשטרענגונגען צו דערפירן צו אַן אמת'ן, בכבוד'יקן שלום. עס הענגט אָבער אָפּ — ווי געזאָגט — ניט פון אונז און אפשר אויך ניט פון די אַראַבישע הערשער, וואָס זיינען ניט מער ווי אַ שטעקן אין פרעמדע הענט.

*

אין די איצטיקע טעג פון דער פייער־פויזע שטייען פאַר אונז צוויי אויפגאַבן: צוגרייטן אונזער מיליטער צום קאַמף, און צוגרייטן די זידלונגען צו שטיין פעסט. מיר זיינען ניט געווען קיין קריגס־פאָלק (עס קען זיין, אַז דער אויסדרוק „מיר זיינען ניט געווען" — בלויז אין דער פאַרגאַנגענהייט — איז אַביסל אַ פאַרפירערישער). אָבער מיט זיבעציק יאָר צוריק זיינען מיר אויך ניט געווען קיין קאָלאָניזאַציע־פאָלק... די הונדערטער און טויזנטער יאָרן פון אונזער גלות־לעבן האָבן אונז ניט צוגעגרייט צו קענען בויען אַ לאַנד און אַ מדינה. עס איז ניט קיין לייכטע מלאכה, — די זיבעציק־יאָריקע דערפאַרונג פון אונזער טעטיקייט אין לאַנד — באַווייזט עס. מיר זיינען פאַרפליכטעט געוואָרן צו מאַכן קאָלאָניזאַציע — האָבן מיר געמאַכט. מיר זיינען פאַרפליכטעט געוואָרן צו פאַרטיידיקן זיך — האָבן מיר אויפגעשטעלט די הגנה. מיר האָבן געהאַט דורכפאַלן, מפּלות אין דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט — האָבן מיר געלערנט פון זיי און פאַרריכט די פעלערן; און מיר האָבן נאָך ערשט אַ סך צו לערנען און אויסצובעסערן. מיר האָבן געהאַט דעפעקטן אין דער הגנה — מיר האָבן אָבער ניט מיט וואָס צו שעמען זיך, ניט מיט דער הגנה פון פּתח תקוה, ניט פון ראשון לציון, ניט פון די אַנדערע קאָלאָניעס אין זייערע ערשטע צייטן, ווי אויך ניט מיט דער טעטיקייט פון „השומר" און די פאַרטיידיקער פון תל חי און די אַלע, וואָס זיינען געקומען נאָך זיי — ביז היינט צו טאָג. איך שאַץ ניט גרינג די דאָזיקע פאַרטיידיקער און די שוץ־קראַפט, וואָס זיי האָבן געשאַפן, און דאָך וועל איך זיך דערלויבן פעסטצושטעלן, אַז אויב מיר וועלן ניט אַרויס פון די אַלטע פורעמס און וועלן ניט אָנהייבן פונדאַסניי צו לערנען די דאָזיקע מלאכה, די פאַרשאָלטנסטע פון אַלע מלאכות אין דער וועלט, — עס איז ניטאָ קיין מער פאַרשאָלטענע, אוממענטשלעכע, דעסטרוקטיווע, אויסברענגערישע, פאַרניכטנדע, אין אַלע היינזיכטן פאַרדערבערישע מלאכה, — אויב מיר וועלן ניט לערנען די מלחמה־

מלאכה ביז צום גרונט, וויפל עס לאָזט זיך נאָר אין די נייע באַדינגונגען און באַדערפעניש[ן] און אין די געגעבענע אומשטענדן, — וועלן מיר קיין תקומה ניט האָבן. קיינע באַשלוסן פון די פֿאַראייניקטע פעלקער און קיין שום אָנערקענונג מצד קליינע צי גרויסע מדינות — מעג עס אויך זיין די דע־יורע־אָנערקענונג פון רוסלאַנד אָדער די דע־פֿאַקטאָ־אָנערקענונג פון אַמעריקע — וועלן אונז ניט העלפן, אויב אונזער אייגענער אָרעם וועט אונז ניט ביישטיין. די דאָזיקע מלאכה דאַרפן מיר אויסלערנען אין אַ קורצע צייט, ווייל די צייט און דער פיינט ווירקן ניט לויט אונזער ווילן.

מיר האָבן נאָך ניט אויסגעלערנט דאָס מלחמה־פאַך, — ניט אונזערע זעלנער און ניט אונזערע קאָמאַנדירן. מיר מוזן לערנען אין דעם שטורם פון מלחמה. און לערנען הייסט אויך פֿאַרגעסן פאַרעלטערטע זאַכן, אָפּגעוויינען זיך פון אָפּגעלעבטע געוואוינהייטן. ניט אַלץ, וואָס עס איז גוט געווען אין דער ראָם פון דער הגנה אין אַמאָליקע צייטן, טויג פֿאַר אונז היינט און אין דער צוקונפֿט. די לאַגע איז אַ נייע, די באַדינגונגען — נייע, און די מלחמה — אַן אַנדערע. דאָס, וואָס ס'איז גוט געווען אין דער פֿאַרטיידיקונג פון פתח תקוה, סעדזשערע און תל חי — וועט איצט ניט טויגן פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פון ירושלים, פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פון דעם וועג צו איר און ד. גל., ווי אויך ניט פֿאַר האַלטן זיך אין נגב און פֿאַר דער באַפרייאונג פון דעם גליל. מיר מוזן לערנען נייע טעאָריעס, — טעאָריעס פון אַ רעגולער מיליטער אין אַ מאָדערנעם קריג, וואָס ביז איצט זיינען מיר מיט אַזעלכע זאַכן ניט געפּרואווט געוואָרן.

אין אָנהייב פון דעם איצטיקן קריג זיינען געווען מיליטערישע עקספערטן — גוטע פריינט — וואָס האָבן באַהויפּטעט, אַז מיר באַגייען זיך ניט לויט דער אָנגענומענער מיליטערישער טעאָריע: מיר פֿאַרטיידיקן איזאָלירטע פונקטן און צושפּרייטן אונזערע כוחות, — דאָס איז אין קעגנזאַץ צו יעטװעדער מיליטערישער טעאָריע און פּראַקטיק. די ווירקלעכקייט האָט דערוויזן, אַז זיי זיינען אין פלוג געווען גערעכט אין אַ היפּשער מאָס. נאָכדעם ווי מיר האָבן באַוויזן אין פֿאַרלויף פון העכער פינף מאָנאַטן איינצוהאַלטן יעדן פונקט — זיינען מיר פונדעסטוועגן געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן פון אייניקע ערטער. מיר האָבן פֿאַרלאָזן בית־הערבה, דעם צפון פון דעם טויטן ים, עטרות, נוה־יעקב, נהרים. אַ טאָג צי צוויי פֿאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה איז געפֿאַלן דער עציון־בלאָק, און דעם לעצטן טאָג פֿאַר דער פייער־פויזע האָט דער סירישער פיינט איינגענומען אַ פונקט אינערהאַלב דער אידישער מדינה — משמר הירדן. פונדעסטוועגן, ווען מיר קוקן אויף צוריק, מיר ציילן די פֿאַרלוסטן און מאַכן דעם חשבון פון דעם גאַנצן קריג — איז דער באַלאַנס ניט קיין נעגאַטיווער, — אונזער וועג איז, בכלל, געווען אַ ריכטיקער. אמת, מיר האָבן באַצאָלט אַן אומגעהויער טייערן פּרייז. עס זיינען געפֿאַלן הונדערטער פון אונזערע בעסטע יוגנטלעכע אין לאַנד — אין שטאָט און אין דאָרף; עס זיינען דאָ עלטערן, וואָס האָבן פֿאַרלאָרן זייערע קינדער, און זיי געפינען זיך אין אַלע שיכטן, קרייזן און פּאַרטייען, — זייער ווייטיק איז

גרויס און ער ווייסט ניט פון קיין אונטערשיידן — ניט קיין אידעאָלאָגישע, ניט קיין פּאָליטישע און ניט קיין פּאַרטייאישע; די דאָזיקע קרבנות זיינען דאָס סאַמע שווערסטע אין דעם דאָזיקן קריג. איך וויל ניט אָנרופן קיין נעמען פון יחידים און געבן באַזונדערע אויסצייכענונגען, און דאָן — דערלויבט מיר צו מאַכן איין אויסנאַם. עס קען זיין, אַז דאָס איז בלויז מיינע אַ פּערזענלעכע באַדערפעניש, אָבער איך קען עס ניט — ניט טאָן. איך ווייס ניט, צי דער חבר, וועלכן איך האָב אין זינען, געפינט זיך דאָ; מיינע אויגן האָבן אים נעכטן און היינט געזוכט און ניט געפונען. איך ווייס, אַז אין די ווערטער, וואָס איך וועל זאָגן, איז ניטאָ אַפילו קיין איין טראָפּן פון טרייסט פאַרן פאָטער, וואָס האָט פאַרלאָרן צוויי זין, אָבער זאָגן וויל איך מיין טייערן חבר, שלמה לביא, מיין יוגנט־פריינד, דער גרינדער און איינער פון די גרעסטע ווירטשאַפטן אונזערע, דעם זעער פון דער קיבוציש־קאָלאָניזאַטאָרישער וויזיע אַלס וועג פאַרן פאָלק, — אַלע זיינען מיר מיט דיר אין דיין גרויסן טרויער צום פאַלן פון איין זון דיינעם אין עמק, און דעם צווייטן אין נגב!

לביא איז ניט דער איינציקער. אין דאָרף און אין שטאָט, צווישן אַלע עדות און אַלע קלאַסן האָבן עלטערן זייערע קינדער פאַרלאָרן. ווער קען אויסוויינען דעם ווייטיק און טרויער פון דער מוטער, וואָס האָט איר קינד פאַרלאָרן? — נאָך קיינמאָל אָבער זיינען זין און טעכטער אין ישראל ניט געפאַלן פאַר אַ מער טייערער זאַך און מיט אַ מער ווילִיק האַרץ. וואויל איז צו זייערע געווינערינס!

*

מיר האָבן ניט גרונט חרטה צו האָבן דערויף, וואָס מיר האָבן צוגעשמידט כוחות צו פאַרטיידיקן יעדן באַזונדערן פונקט. מער ווי מיר האָבן אָפּגעהיט די פונקטן — האָבן די פונקטן אונז אָפּגעהיט. דעם טייל פון די אַרבעטער־ישובים אין אונזער שוץ־קריג — איז שווער אָפּצושאַצן. די האַלטונג פון דעם עציון־בלאָק, די זעלבסטפאַרטיידיקונג פון יחיעם און טירת־צבי, פון גשר און די דגניה׳ס, די הילף פון אונזערע ווירטשאַפטן פון מערב־זייט פון ירושלים — קרית־ענבים, מעלה החמשה און אַנדערע, די פייער־פּראָבע פון די נגב־ווירטשאַפטן (איך האָב ניט אויסגערעכנט אַלע די, וואָס פאַרדינען עס) — האָבן ניט אַנטוישט.

אַ גרויסן חוב איז דער ישוב שולדיק די דאָזיקע ישובים — און זייער ראָל איז נאָך ניט פאַרענדיקט.

אין די איצטיקע טעג פון דער פייער־פּויזע דאַרפן מיר שנעל פאַר־פעסטיקן די דאָזיקע ישובים, און קודם־כל — מיט מענטשן און געווער. דער נוצן פון שטיין־פעסטונגען איז צווייפלהאַפט. פעסטונגען, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פון האַרמאַטן, האָבן ניט אויסגעהאַלטן. עס איז אָבער ניטאָ קיין גלייכן צו אַ לעבעדיקער מויער פון מענטשן, וואָס זיינען באַוואָפנט מאַטעריעל און גייסטיק. מדינת־ישראל וועט זיך באַזירן אויפן לעבעדיקן כוח פון אירע

מענטשן, — פון דעם דאָזיקן כוח הענגען אָפּ איר אויפבוי און איר זיכערקייט. און איך וויל זאָגן די חברים פון די אַרבעטער־ווירטשאַפטן, וואָס זיצן דאָ, און צו פיל אַנדערע, וואָס געפינען זיך דאָ ניט, אַז צוליב די אומגעלומפּערטע און אומגליקלעכע מחיצות, וואָס טיילן אונז פונאַנדער אינערהאַלב דער אַר־בעטער־באַוועגונג אין לאַנד, און באַזונדער אין דער הסתדרות, קענען מיר זיך אויך איצט ניט באַגעגענען צוזאַמען, ווי חברים צו ליידן, צו מלחמה, צו אידעאַל און נצחון. צו אַלע חברים אין די אַרבעטער־ישובים — אין קיבוץ המאוחד, קיבוץ ארצי, חבר הקבוצות, מושבי־עובדים, „הפּועל המזרחי", „העובד הציוני" און „אגודת ישראל" — ווענד איך זיך און זאָג: איך האָב זיך אין די לעצטע מאָנאַטן אָפט געטראָפן מיט דעלעגאַציעס פון די דאָזיקע ווירטשאַפטן און קאָלאָניזאַטאָרישע קערפּערשאַפטן. זיי פלעגן קומען מיט פאָדערונגען — ס׳רוב גערעכטע — און ניט שטענדיק איז מעגלעך געווען צו דערפילן זיי. איך האָב געהערט, ווי אַזוי זיי האָבן רעאַגירט, איך האָב אין זייערע אויגן געזען פאַרדרוס, איך האָב אַרויסגעפילט דעם צער און די ספקות אין זייער האַרצן. עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז מען פאַרקוקט זייערע באַדערפענישן און מען שיקט זיי ניט גענוג געווער און מענטשן. ניט אין יעדן פאַל האָב איך זיי געקענט אויפקלערן די לאַגע. און עס שיינט מיר, אַז טראָץ דעם צער און דער אַנטוישונג, האָבן זיי פאַרשטאַנען, דאָס ניט צוליב פאַרנאַכלעסיקונג און גרינגשעצונג זיינען ניט דערפילט געוואָרן זייערע פאָדערונגען. די לאַגע — ווי מיר האָבן געהאַפט — האָט זיך דערווייל גע־ענדערט, און יעדער ישוב וועט באַקומען פאַרשטאַרקונג אין מענטשן און געווער. מיר הייבן דערמיט אָן די פאַרבאַרייטונגען אין די איצטיקע טעג פון דער פייער־פויזע. יעדן אַרבעטער־ישוב וועלן מיר פאַרוואַנדלען אין אַ לעבעדיקע פעסטונג, און אונזערע ישובים וועלן אויפנעמען דאָס, וואָס עס דערוואַרט אונז אין די נעכסטע וואָכן, מיט מער כוח — מענטשן־כוח און פייער־כוח. אויך די ווירטשאַפטן, וואָס מיר דאַרפן ערשט אויפשטעלן, מיט דער גרעסטער שנעלקייט און אין דער גרעסטער צאָל, וועלן באַלד פאַר־פעסטיקט ווערן מיט מענטשן און געווער.

איך וועל זיך נאָך דערלויבן צו זאָגן אַ האַרב וואָרט; איך וועל עס זאָגן בדחילו ורחימו, און ניט אַלס אַ שטראָף־וואָרט פאַר דער פאַרגאַנגענהייט. איך וועל זיך ניט אונטערנעמען צו אורטיילן די חברים פון די פאַרלאָזענע ווירטשאַפטן. איך ווייס, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט. איך ווייס, וואָס דער און־דער ישוב אין עמק־הירדן, און דער־און־דער ישוב אין נגב האָבן דורכ־געמאַכט, איידער די חברים האָבן פאַרלאָזן דעם אָרט. איך וויל נאָר געבן אָנווייזונגען אויף דער צוקונפט: אויב מיר וועלן טאַקע דערפילן אונזערע פאַרפליכטונגען און וועלן צושטעלן געווער און מענטשן, — איך האָף אַז מיר וועלן זיי דערפילן לויט אונזערע מעגלעכקייטן, וואָס וועלן האַלטן אין איין וואַקסן, — וועט פעסטגעשטעלט ווערן אַ כלל (אויך דאָס זאָג איך בדחילו ורחימו, ווייל איך ווייס דעם אכזריות׳דיקן פּשט פון מיינע ווערטער), אַז פון קיין באַלאַגערטן ישוב טאָר קיין לעבעדיקער מענטש, אָן אַ פאַראָרדענונג

פון אויבן, ניט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ! אַזאַ פּאָדערונג פאַרפליכטעט ניט נאָר די, צו וועמען זי איז געווענדעט, נאָר אויך די, וואָס שטעלן זי אַרויס; נאָר אויב די לעצטע וועלן דערפילן זייער חוב — וועלן זיי מעגן פאָדערן, אַז דער אַנדערער צד זאָל אויך דערפילן זיין פליכט. — די פאָדערער וועלן אַלץ טאָן, כדי זיי זאָלן מעגן פאָדערן.

עס זיינען פאַראַן ניט ווייניקווירטשאַפטן, וואָס זיינען אייגנטלעך מער קיין ווירטשאַפטן ניט; די קי זיינען אַרויסגעפירט אָדער געהרג'עט געוואָרן, די הינער־שטייגן זיינען חרוב געוואָרן, די פעלדער ווערן ניט באַאַרבעט, עס איז אוממעגלעך צו באַוואַסערן די גערטנער, — איז דער פּלאַץ בלויז אַ לאַגער, און די מענטשן — פּאַקטיש — ניט מער ווי זעלנער. פרעגן די דאָזיקע חברים מיט רעכט: וואָס פאַר אַ טעם און וואָס פאַר אַ נוצן האָט עס, צו בלייבן אין אַ פּלאַץ אָן אַרבעט און אָן שאַפונג? איז דער ענט־פער: עס איז דאָ אַ טעם, און אַ גרויסער טעם. צומאָל געשעט, אַז איין עקזיסטירנדיקער פּונקט שיצט אַ גאַנצן פראָנט. אַ קליינע, כלומרשט אומ־באַדייטנדיקע פּאָזיציע שפּילט אַמאָל אַ דעצידירנדע ראָל אין אַ גרויסע שלאַכט. ירושלים דאַרף דאַנקבאַר זיין ניט נאָר צו די, וואָס האָבן געבראַכט עסנוואַרג בייגאַכט, אונטער אַ רעגן פון קוילן און פעגאַזן, פון אַרום לאַטרון, און ניט נאָר צו די מיליטערישע פאָרמאַציעס פון פלמ"ח און „נחשון", וואָס האָבן די ערשטע געעפנט דעם וועג קיין ירושלים און ניט נאָר צו דער זיבעטער בריגאַדע, וואָס האָט דורכגעלייגט אַ נייעם וועג קיין ירושלים, — נאָר קודם כל צו די פאַרטיידיקער פון דעם עציון־בלאָק. די גבורים פון דעם דאָזיקן בלאָק, די וואָס זיינען געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד און די וואָס זיינען געפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, האָבן געשיצט ירושלים ניט ווייניקער פון די מיליטערישע איינהייטן, וואָס זיינען לאַנגע חדשים געזעסן אין די טראַנשייען אין ירושלים גופא. — דאָס פאַרלאָזן פון אַ סטראַטעגישן פּונקט איז עלול אומצובריינגען אַ גאַנצן פראָנט. און אונזערע ווירטשאַפטן שטייען נאָך פאַר גרויסע טאָטן אין די קומענדיקע טעג.

*

אַ פּאָר ווערטער וועגן מיליטער בכלל. די עצם עקזיסטענץ פון מיליטער קען זיך אַרויסווייזן צו זיין אַ זאַך אַ ניט־דעמאָקראַטישע, ניט־מענטשלעכע, ניט־ציוניסטישע און ניט־סאָציאַליסטישע, ווייל מיליטער עקזיסטירט כדי צו הרג'ענען און חרוב צו מאַכן. האָבן מיר אָבער קיין ברירה ניט, — אונזערע פיינט ווילן אונז פאַרניכטן, און נאָר מיטן כוח פון מיליטער וועלן מיר צו־ברעכן דעם פיינטס ווילן און זיין מעגלעכקייט צו שעדיקן אונז. און דאָס מיליטער דאַרף אַנטשפּרעכן זיין אויפגאַבע. ניט אַלע מיליטערישע פּראָבלעמען קען מען באַטראַכטן עפנטלעך. דאָס אַליין איז אויך איינע פון די שלעכטע אייגנשאַפטן פון מיליטער, אָט דער פאַקט, וואָס זיינע פראַגן קענען מערסטנ־טיילס באַהאַנדלט ווערן אויף געשלאָסענע זיצונגען פון געצייליטע יחידים — מיט אַלדאָס בייז, וואָס עס שטאַמט דערפון. דאָס איז אָבער אַן אומפאַר־

מיידלעכע נויטווענדיקייט; איז דערוואַרט ניט פון מיר, אַז איך זאָל זיך דאָ אַריינלאָזן אין די פּראָבלעמען פון אויפשטעלן דאָס מיליטער און צוגרייטן אים צו די אַקציעס, וועלכע שטייען אים פאָר, אפשר גאָר בקרוב. איך וועל אָנרירן נאָר אייניקע פון זיי, די וואָס לאָזן זיך באַהאַנדלען עפנטלעך, געזעל־שאַפטלעך. מיליטער שטיצט זיך ניט נאָר אויף קוואַנטום, אויף אויסשטאַטונג, אויף געווער, אויף צוטרוי. אמת, אָן דעם אַלעם קען קיין מיליטער ניט זיין, אָבער דאָס אַליין גענוגט ניט. דער הויפּט־כוח פון מיליטער ליגט אין זיין מאָראַל. אויב מיר האָבן אין די לעצטע מאָנאַטן געקענט שטיין פעסט אַנטקעגן אַרמייען, וואָס האָבן אונז אַריבערגעשטיגן ניט נאָר אין צאָל, נאָר אויך אין אויסשולונג, דערפאַרונג, געווער און קאָמאַנדע, — אין זייער שפּיץ שטייען בריטישע קאָמאַנדירן מיט אַ גרויסער דערפאַרונג פון אייראָפּעאישע מלחמות, — איז עס איבערהויפּט צוליב איין איבערגעוויכט אונזערן — דער מאָראַ־לישער איבערגעוויכט.

קרוב 15 יאָר בין איך געווען אַ מיטגליד פון דער אַגענץ־עקזעקו־טיווע, און די דאָזיקע גאַנצע צייט האָב איך זיך ניט גענומען קיין שום פּאָרטפעל. איך האָב געהאַט דערצו מאָטיוון, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט די פראַגן, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ איצט. — צום ערשטן מאָל האָב איך גענומען אַ פּאָרטפעל נאָכן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס. עס איז מיר אָנפאַר־טרויט געוואָרן דער מלחמה־פּאָרטפעל, אָדער ווי מיר האָבן עס גערופן — דער זיכערקייטס־פּאָרטפעל. דער דאָזיקער פּאָרטפעל האָט געפּאַסט מיר, און איך האָב געפּאַסט אים, וויניקער ווי ווער און ווען עס איז. אָבער איך האָב עס אָנגענומען, ווייל נאָך לאַנג פאַרן קאָנגרעס האָט מיר געשיינט, אַז עס קען אינגיכן קומען צו אַ מיליטערישן צוזאַמענשטויס ניט נאָר מיט די אַראַבער פון ארץ ישראל, נאָר מיט אַלע אַראַבישע מדינות, און אַז מיר מוזן זיך גרייטן. איך האָב גענומען דעם פּאָרטפעל, ניט ווייל איך בין אַ גענעראַל און איך בין באַהאַוונט אין דער מיליטערישער וויסנשאַפט, נאָר ווייל אויך אין מיליטערישע ענינים, ווי אין אַלע אַנדערע, באַשטימען ניט די טעכנישע עקספּערטן — הגם זייער עצה און אינסטרוקציע איז גאָר וויכטיק — נאָר די, וואָס האָבן אַן אָפן אויג און אַ גלייכן שכל. די דאָזיקע אייגנשאַפטן געפינען מיר — מער אָדער וויניקער — ביי יעדן נאָרמאַלן מענטשן.

מיין נייע „קאַריערע" האָב איך אָנגעהייבן פון שטודירן אונזערע הגנה־ענינים, — אַ שטודיום, וואָס האָט געדויערט עטלעכע מאָנאַטן. הגם איך בין צו דער דאָזיקער אַרבעט ניט פרעמד געווען אַלע מיינע יאָרן אין לאַנד, האָבן זיך דאָך געפאָדערט עטלעכע מאָנאַטן ביז איך בין טיף אַריינגעדרונגען אין די פראַגן פון דער הגנה. איך וועל איצט ניט אַרויסברענגען די מסקנות, צו וועלכע איך בין געקומען נאָך דעם דאָזיקן שטודיום. עס איז ניט שייך צו אונזער איצטיקן שמועס און ניט אַלץ מעג מען נאָך פאַרעפנטלעכן. איך וועל זאָגן בלויז דאָס, אַז, הגם איך האָב עס געוואוסט פון פריער, איז מיר דאַמאָלט געוואָרן קלאָר געענוי און קאָנקרעט, אַז מיר האָבן אויף ווען צו שטיצן זיך, ניט ווייל מיר זיינען רייך אין אַמוניציע — און מיר קענען

זיך פאַרלאָזן אויף האַרמאַטן, אַעראָפּלאַנען און קריגס־שיפן; די אַלע זאַכן האָבן עקזיסטירט בלויז אין דער פאַנטאַזיע. אויך זיינען מיר ניט געווען אויסגע־שולט, מיר זיינען ניט געווען קיין ספּעציאַליסטן פון מיליטערישן און טעכנישן שטאַנדפּונקט — איז אויך דאָ דאָס געוואונטשענע געווען מער פון דאָס פאַראַנענע. אָבער דעם עיקר האָבן מיר: דעם מענטשן. מיט זיינע פאַרבאָר־גענע פּאָטענצן, איינשליסנדיק די קאָמפּס־פעאיקייט, פאַלט ניט אַראָפּ אונזער מענטש פון יעדן אַנדערן — ניט נאָר אין די אַרומיקע לענדער, נאָר אויך ניט אין די איינגעאָרדנטסטע און אַנטוויקלטסטע לענדער. איך האָב געוואוסט, אַז אויך אונזערע מענטשן זיינען ניט קיין מלאכים, זיי זיינען בשר־ודם׳ס, מיט אַלע שוואַכקייטן און פעלערן פון אַ בשר ודם; איך האָב אויך געוואוסט, אַז די דאָזיקע פעלערן שפּיגלען זיך אָפּ אין דער טעטיקייט פון דער הגנה, — מערניט — די פעלערן זיינען ביי אונז ניט מער, ווי אין אַנדערע ערטער, ביי אַנדערע פעלקער. אָבער די וויכטיקסטע זאַך, וואָס איז מיר קלאָר גע־וואָרן, איז געווען דאָס, וואָס די אָרגאַניזאַציע, אויסשולונג און רעזשים, וועלכע עקזיסטירן אין דער „הגנה", טויגן מער ניט. מיר ווילן אין דער צוקונפט שטיין, ניט קעגן מער־ווייניקער געשולטע באַנדעס — ווי עס פלעגט געשען אין די פריערדיקע יאָרן — נאָר גאַנץ וואַרשיינלעך קעגן רעגולערע אַרמייען, און דאָס פאָדערט ניט נאָר אַ גאַנץ אַנדער אויסשטאַטונג — אַזאַ, וואָס איז ניט געווען און האָט ניט געקענט זיין ביי דער „הגנה" — נאָר דאָס פאָדערט אויך אַ נייעם אופן פון אָרגאַניזאַציע, אויסשולונג און רעזשים; מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, אויסשולונג און רעזשים — ניט ווייניקער און ניט מער.

*

ניט ווייניק הגנה־מיטגלידער האָבן געדינט אין מיליטער. אייניקע — אין די אידישע רעגימענטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; צווישן זיי — אליהו גאָלאָמב, דוד האַז און אַנדערע, וואָס לעבן נאָך; און אַ סך — אין די אידישע איינהייטן פון דעם בריטישן מיליטער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַזונדערס — אין דער בריגאַדע. אייניקע זיינען געווען פרייוויליקע אין פרעמדע אַרמייען אין די ערשטע און צווייטע וועלט־מלחמות. עס זיינען צווישן זיי געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן און האָבן דערוואָרבן אַ סך קענטעניש — טעאָרעטיש און עמפּיריש. אייניקע פון די דאָזיקע זעלנער האָבן פאַרנומען חשובע פּלעצער אין דער הגנה, אָבער בדרך כלל האָבן די הגנה־מיטגלידער ניט געהאַט קיין מיליטערישע דער־פאַרונג. די הגנה איז געווען ווייט פון אַ מיליטערישן רעזשים, די איבערוויגנדע מערהייט פון אירע חברים האָט ניט באַקומען קיין גענוגנדע מיליטערישע אויסשולונג, און די דערפאַרענע זעלנער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — אָדער זיי זיינען ס׳רוב פאַרבליבן אויסער די רייען פון דער הגנה, אָדער זיי זיינען געווען אינעווייניק, נאָר זיי האָבן ניט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָל. עס האָט עקזיסטירט אַ מין אַנטאַגאָניזם צווישן די עלטערע הגנה־מיט־גלידער און די געוועזענע מיליטער־לייט.

אָבער די לאַגע, פאַר וועלכער מיר זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן, האָט געפאָדערט אויפצושטעלן אַ מיליטערישן כוח, וואָס זאָל מיט זיין אויסשולונג, אָרגאַניזאַציע, אויסשטאַטונג און רעזשים קענען זיך קעגנשטעלן די רעגולערע מיליטערישע כוחות פון די אַראַבישע מדינות.

עס איז ניט לייכט געווען דאָס אויסצופירן. עס איז דאָ אַ טראַדיציע — אַ פּראַקטישע טראַדיציע, מיט וועלכער עס איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך — פון דער הגנה־אָרגאַניזאַציע. ניט אַ רעגירונג האָט אויפגעשטעלט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע — איז זי אָזעלכער ניט געווען אונטערוואָרפן. עס איז געווען אַ פרייוויליקע אַרמיי, וואָס איז אויפגעשטאַנען מיטן אייגענעם כוח און האָט זיך געפירט אַליין און געפירט איר טעטיקייט אין אונטערגרונט. אַט הענגען דאָ פאַר אונזערע אויגן בילדער, און איינס פון זיי איז דאָס בילד פון אליהו גאָלאָמב: ער איז געווען איינער פון די הויפּט־אַרכיטעקטן פון דעם דאָזיקן הגנה־כוח. אין אירע טאָג־טעגלעכע ענינים איז די הגנה פאַקטיש געווען אומאָפּהענגיק. טעאָרעטיש איז די הגנה געווען אונטער דער קאָנטראָל פון די נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן, אָבער אין די באַדינגונגען פון אונטערגרונט האָט די קאָנטראָל עקזיסטירט נאָר בנוגע פּרינציפּיעלע פראַגן. אליהו איז פאַקטיש קיינעם ניט געווען סובאָרדינירט. ער פלעגט באַקומען דירעקטיוון פון זיין אייגענעם געוויסן און פון זיין ציוניסטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און לויט דעם האָט ער געווירקט. אין דער דאָזיקער זעלבסט־פאַראַנטוואָרט־לעכקייט איז געלעגן אַ גרויסער מאָראַלישער כוח, אַ כוח אַ פּאָזיטיווער, אַ שעפערישער, אַ חלוצישער. ווען ניט די דאָזיקע פרייוויליקע הגנה, מיט איר חלוצישן גייסט און פרייער איניציאַטיוו, וואָלטן מיר ניט אויסגעהאַלטן די פינף־אַ־האַלבע מאָנאַטן פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, און ווער ווייסט, צי אַ זכר וואָלט פאַרבליבן פון דעם אידישן ישוב אין לאַנד. אָבער נאָך דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, איז ניט געקומען דער שלום; פאַרקערט — עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינוואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען. דאָס איז געווען פאַראויסצוזען, און צו דער דאָזיקער פייער־פּראָבע האָבן מיר געדאַרפט ריכטן אונזערע מיליטערישע פאַרבאַרייטונגען. די דאָזיקע ענדע־רונג האָט געפאָדערט סיי צושטערונג און סיי אויפבוי: די צושטערונג פון דער פאַרעלטערטער ראַם און דער אויפבוי פון אַ נייער ראַם. די צושטערונג איז דאָ געווען נאָך שווערער פון דעם אויפבוי. אמת, ניט אַלץ האָט מען געדאַרפט צושטערן. פאַרקערט, די הגנה האָט אונז איבערגעלאָזן בירושה טייערע ווערטן, וואָס אויב מיר זאָלן זיי ניט אָפּהיטן און פלעגן און פאַרשטאַרקן — וועט דאָס נייע קיין גרויסן ווערט ניט האָבן; דאָס זיינען: די ווערטן פון פריי־וויליקייט, חלוציזם, טרייע חברישקייט, ציוניסטישער אידעאַל, די ריינקייט פון דעם געווער — ווערטן, וואָס אויף זיי האָט זיך באַזירט די הגנה. אָבער צו דעם אַלעם האָט מען נאָך געדאַרפט צוגעבן מיליטערישע אויסשולונג, מיליטערישן רעזשים, מיליטערישע דיסציפּלין — און אַבסאָלוטע סובאָרדי־נאַציע צו דער העכסטער ציווילער מאַכט אין דער מדינה.

און דאָס איז ניט לייכט געווען. עס איז ניט לייכט געווען אַרויפצולייגן

אַ יאָך פון ציווילער מאַכט אויף דער „הגנה", וואָס איז געווען אַ פּריוואַטע אָרגאַניזאַציע — באַוואויגן דורך פּערזענלעכער אינערלעכער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און זאָרג פאַרן גורל פון דער זיכערקייט אין ישוב. טעאָרעטיש האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שטענדיק געהאַט די קאָנטראָל איבער דער הגנה, אָבער פאַקטיש איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ פיקציע. נאָכדעם ווי די הגנה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיליטער, האָט מען זיך ניט געטאָרט באַנוגענען מיט אַ פיקטיווער קאָנטראָל מצד דער מדינה. מי־ליטער, וואָס איז ניט אַבסאָלוט סובאָרדינירט דער דעמאָקראַטישער מאַכט פון דעם פאָלק — וואַרפט אָן, פריער אָדער שפּעטער, זיין מאַכט אויפן פאָלק און דערפירט צו מיליטערישער אַנאַרכיע.

איז ניט לייכט געווען דער איבערגאַנג פון אַן אונטערגרונט־אָרגאַני־זאַציע — וואָס איז פאַקטיש אָפּהענגיק נאָר פון זיך אַליין — צו אַ רעגולער מיליטער, וואָס שטייט אונטער דער קאָנטראָל פון דער מדינה. מיר האָבן זיך נאָך ביז היינט ניט באַפרייט פון די דאָזיקע שוועריקייטן.

*

איך וויל קודם כל באַרירן אַ זייער דעליקאַטע פראַגע, וואָס פיל האָבן מורא זיך צו איר צוצורירן, ווייל אַרום איר איז געשאַפן געוואָרן זייער אַ שווערע אַטמאָספער. אָבער איך וועל זיך דערפון ניט צוריקציען אַזוי, ווי איך האָב זיך ניט צוריקגעצויגן פון אַנדערע ביטערע און געפערלעכע ענינים, — איך וועל רעדן וועגן דעם ענין פון פלמ"ח.

פאַרן אָנהייב פון דער מלחמה איז פלמ"ח געווען די איינציקע מאָבי־ליזירטע פאָרמאַציע אינערהאַלב דער הגנה. אין דער ראָש פון דער הגנה זיינען געווען נאָך טויזנטער דערפאַרענע און איבערגעגעבענע חברים, וואָס זיינען געווען יעדן מאָמענט גרייט צו יעדן באַפעל פון דער הגנה, אָבער זיי אַלע פלעגן זיין מאָביליזירט נאָר ווען זיי פלעגן זיין נויטיק פאַר אַן אַקציע. יעדער איינער פון זיי פלעגט זיין טאָג־טעגלעך באַשעפטיקט אין זיין אַרבעט, זיין ווירטשאַפט, פאַבריק, ביורא אָדער וואו ס'זאָל ניט זיין, — זיי זיינען ניט געווען פערמאַנענט מאָביליזירט. דער פלמ"ח האָט געבילדעט אַ ניט־גרויסן כוח — סך הכל 2—3 טויזנט מאַן, אָבער ער האָט זיך אונטערשיידעט פון אַלע אַנדערע הגנה־פאָרמאַציעס מיט צוויי זאַכן: א) ער איז געווען פער־מאַנענט מאָביליזירט; ב) אַ העלפט פון זיין צייט איז געווען געווידמעט צו איבונגען (די צווייטע העלפט — צו אַרבעט); איז ער דעריבער געווען דער אַמבעסטן אויסגעשולטער כוח אין דער הגנה און האָט זיך מער דערנענטערט צו דעם טיפּ פון אַ רעגולערן מיליטערישן רעגימענט.

זייענדיק אומלעגאַל האָט ער ניט געקענט באַקומען קיין פולע, העכערע מיליטערישע אויסשולונג, אָבער אין אַ סך הינזיכטן איז ער ניט אָפּגעשטאַנען פון די בעסטע מיליטערישע פאָרמאַציעס. דער דאָזיקער כוח און די געוועזענע זעלנער פון דער אידישער בריגאַדע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן

מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם רוקן־ביין פון אונזערע שוץ־קרעפטן ביז היינט צו טאָג.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט דער פּלמ״ח געפייערט זיין זיבעטן געבורטס־טאָג. ווייל איך ביי דער איצטיקער געלעגנהייט דערפילן אַ חוב, וואָס איך האָב דורכגעלאָזן דאַן, ווען אין דער געזעלשאַפט און אין דער פּרעסע האָט מען דערציילט וועגן דעם גרויסן, פּרעכטיקן קאַפּיטל פון פּלמ״ח. איך וויל באַצייכענען די באַזונדערע פאַרדינסטן פון קיבוץ המאוחד אין דער אויפשטעלונג פון דעם דאָזיקן כוח. ווען ניט דער קיבוץ המאוחד, ווען ניט די פּערמאַנענטע פינאַנציעלע, אָרגאַניזאַציאָנעלע אוןווירטשאַפטלעכע הילף, וואָס ער האָט געגעבן, וואָלט דער פּלמ״ח ניט דערגרייכט דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט. איך וויל אויך דערמאָנען אונזער חבר אליהו גאָלאָמב, וואָס האָט איניצירט דעם פּלמ״ח, האָט אים אויפגעשטעלט, געבויט און איז אַ לאַנגע צייט געווען זיין לעבעדיקער גייסט. דער פּלמ״ח האָט דערגרייכט אַ הויכע שטופע, און ניט אַזוי צוליב זיין קוואַנטיטאַטיוון פאַרנעם, ווי צוליב זיין מאָראַלישן כוח. אין דער פלעגונג פון פּלמ״ח, האָט דער קיבוץ המאוחד אַ גרויסן חלק. אַלע איבעריקע קאָלאָניזאַטאָרישע קערפּערשאַפטן האָבן אין יענע טעג שטאַרק געזינדיקט אַנטקעגן דעם פּלמ״ח. ניט דער קיבוץ הארצי, ניט דער חבר־הקבוצות און ניט די באַוועגונג פון מושבי־עובדים האָבן ניט געגעבן קיין געהעריקע הילף, האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין געהעריקע פאַרשטענדעניש און האָבן ניט געגעבן זייערע ווירטשאַפטן, אַלס באַזעס. ווען דער קיבוץ הארצי און חבר־הקבוצות און די באַוועגונג פון די מושבי־עובדים וואָלטן אין פאַרלויף פון די דאָזיקע 7 יאָר געגעבן זייער פולע אונטערשטי־צונג דעם פּלמ״ח, אַזוי ווי דער קיבוץ המאוחד האָט עס געטאָן, וואָלט דער פּלמ״ח געווען פילפאַך גרעסער. אָבער אויך אין זיינע באַשרענקטע מאָס־שטאַבן האָט דער פּלמ״ח אויפגעטאָן גרויסע זאַכן — אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט פון דעם „מאבק״ — דעם געראַנגל צווישן דעם ישוב און דער ענגלישער מאַכט, און איצט אין אונזער שוץ־קריג. אליהו און דער סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ המאוחד האָבן אַ גרויסן זכות פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַרן פּלמ״ח. און ס׳איז אַ שאָד, וואָס צו דעם אַלעמען מוז מען צוגעבן אַן „אָבער״.

גלייך ווי אין אַ סך אַנדערע געביטן פון אונזער באַוועגונג — האָט אויך דאָ געטראָפן אַן אומגליק. אַנשטאָט איניציאַטיוו און הילף אין דער שאַפונג פון אַ כוח, וואָס זאָל זיין באַהעפט צו זיין ציל און זאָל בילדן אַ חלוצישע מאָביליזירטע פאָרמאַציע צו דער דיספּאָזיציע און אונטער דער קאָנטראָל פון דעם כלל, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו — און ער דויערט נאָך ביז היינט צו טאָג — אויפצושטעלן אַ פּריוואַטע, פראַקציאָנעלע פאָרמאַציע. נאָך ביז אַ קורצער צייט צוריק פלעגן די חברים פון „השומר הצעיר״ רופן דעם פּלמ״ח: דאָס פּריוואַטע מיליטער פון חבר איקס (איך וויל ניט אָנרופן זיין נאָמען). און אַזוי ווי אין זיין צייט איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו דורך די חברים פון סיעה ב׳ (זיי זיינען נאָך דאַן געווען חברים פון דער מפלגת פּועלי

ארץ ישראל — מפא״י — און זיינען געשיקט געוואָרן אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, צו אַרבעטן אין דער אָרגאַניזאַציע פון „הנוער העובד״), צו פאַר־וואַנדלען דעם „הנוער העובד״ אין זייערע אַ פּראָווינץ, גלייך אַזוי איז גע־מאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך — מיט דערזעלבער איבערגעגעבנקייט און עקשנות — צו מאַכן דעם פּלמ״ח פאַר אַ מאָנאָפּאָל פון איין פּאַרטיי, אַ מין מיליטערישע פאָרמאַציע פון דער פּאַרטיי; אין יענע טעג איז נאָך אַפילו קיין פּאַרטיי ניט געווען, — ס׳איז געווען אַ פראַקציע אין אונזער פּאַרטיי. דער דאָזיקער פּאַר־זוך האָט שווער געטראָפן די שלאָגפערטיקייט פון דעם דאָזיקן כוח.

נאָכדעם, ווי עס איז אונז דערקלערט געוואָרן קריג, האָט זיך די לאַגע געענדערט: פּלמ״ח איז מער ניט געווען דער איינציקער מאָביליזירטער כוח. עס איז אויך פאָרגעקומען אַן ענדערונג אינערהאַלב דעם פּלמ״ח. פאַרן קריג פלעגט דער פּלמ״ח זיין פאַרנומען אַ האַלבן חודש מיט איבונגען, און אַ האַלבן מיט אַרבעט. נאָכן אויסברוך פון דעם קריג האָט זיך איבערגעריסן די ווירטשאַפטס־אַרבעט פון די מאָביליזירטע פּלמ״ח׳ניקעס, און זיי זיינען צוגעגליכן געוואָרן צו אַלע אַנדערע מאָביליזירטע: די גאַנצע צייט פאַרן מיליטער. אָבער מאָביליזירט געוואָרן זיינען ניט נאָר חברים פון פּלמ״ח — נאָר אויך טויזנטער, און דערנאָך צענדליקער טויזנטער סתם־יוגנטלעכע. צום פּלמ״ח אַליין זיינען אויך מאָביליזירט געוואָרן טויזנטער נייע מיטגלי־דער, וואָס האָבן באַקומען בלויז מיליטערישע הכשרה. איצט האָבן מיר עטלעכע מאָביליזירטע בריגאַדעס, וואָס זייער גאַנצע צייט און גאַנץ לעבן זיינען הייליק פאַר איין זאַך — איבונגען און מלחמה. דורך דעם איז בטל געוואָרן דער אונטערשייד, וואָס איז פריער געווען צווישן די איינהייטן פון פּלמ״ח און אַנדערע הגנה־איינהייטן. מיטן אויפשטעלן דעם צבא־הגנה־לישראל זיינען אַלע געוואָרן סובאָרדינירט דעם מיליטערישן שטאַב און דער צייט־ווייליקער רעגירונג. די בריגאַדע פון פּלמ״ח — מיט איר גאַנצער פּראַכט־פולער פאַרגאַנגענהייט — איז געוואָרן איינע פון די מיליטערישע בריגאַדעס, און לויטן געזעץ האָט איר סטאַטוס געדאַרפט זיין דער זעלבער, וואָס פון אַלע אַנדערע בריגאַדעס.

אָבער די פראַקציע (דערווייל איז די פראַקציע — נאָכן פאַראייניקן זיך מיטן „השומר הצעיר״ — געוואָרן אַ פּאַרטיי) האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אירע באַמיאונגען, אַנצוואַרפן איר פּאַרטיי־הערשאַפט אויף דעם פּלמ״ח און אָפּצושטעלן אַ טייל פון מיליטער אין באַזונדערע באַדינגונגען, — באַדינגונגען פון פּאַרטיי־מאָנאָפּאָל. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערער אַפּאַראַט מיטן נאָמען — לאַנד־שטאַב, אַן דעם וויסן פון דעם מיליטער און אַן דער באַשטעטיקונג פון דער רעגירונג (און פריער — אַן דער באַשטעטיקונג פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע). אידעאָלאָגיש האָט מען עס דערקלערט דערמיט, וואָס פּלמ״ח דאַרף זיין אַ קלאַסן־אַרמיי; פּאַקטיש אָבער איז די כוונה געווען, צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ פּאַרטייאישע אַרמיי.

*

אַלע מיינע יאָרן בין איך געווען אַ חבר פון דער פּאַרטיי און פון דער הסתדרות און וועל פאַרבלייבן אַלע מיינע יאָרן — אַזוי גלויב איך — אַ חבר פון דער פּאַרטיי און פון דער הסתדרות, און איך בין גרייט צו קעמפן פאַר די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי און הסתדרות, אָבער עס איז דאָ אין ישוב אַ קערפּערשאַפט, וואָס בנוגע איר וועל איך ניט שלום מאַכן מיט קיין שום פּאַרטייאישער אָדער הסתדרות'ישער מחיצה צווישן איד און איד — דאָס איז די אַרמיי. דאָ קען איך ווירקן אַלס איד, און אויסשליסלעך אַלס איד. אין דער אַרמיי בין איך ניט גרייט צו אַנערקענען — ניט די הסתדרות און ניט די פּאַרטיי. און עס איז ניט קיין פראַגע פון מיין פערזענלעכער שטעלונג. אַן אַרמיי עקזיסטירט ניט צוליב דעקאָראַציע — נאָר צוליב זיכער־קייט און זעלבסטשוץ. מיר ווערן אָנגעגריפן ניט אַלס מיטגלידער פון דער הסתדרות אָדער פון אַ פּאַרטיי, נאָר אַלס אידן. די זיכערקייט וועט ניט גאַראַנ־טירט ווערן, אויב מיר וועלן ניט מאָביליזירן אַלע פאָלקס־כוחות. מיר וועלן זיך ניט קענען האַלטן אָן אַן אַלגעמיינער אָנשטרענגונג. אַלע ווערן אויפגע־פאָדערט צו מאָביליזירן זיך. פון יעדן מאָביליזירטן פאָדערט זיך דער מאַק־סימום. יעדן מאָביליזירטן מוזן מיר געבן די סאַמע בעסטע אויסשולונג. דער גאַנצער ישוב ווערט אויפגעפאָדערט צו שטיין הינטער די מאָביליזירטע — וועט יעטוועדע מחיצה אָדער דיסקרימינאַציע אינערהאַלב דער אַרמיי אונ־טערגראָבן די אַלגעמיינע אָנשטרענגונג און וועט שעדיקן די שלאָגפאַר־טיקייט פון דער אַרמיי. נאָכן איבערנעמען דעם זיכערקייטס־פּאָרטפעל און נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיקן מיט די זיכערקייטס־ענינים — האָב איך געוואוסט איין איינציקע זאַך: די זיכערקייט פון דעם ישוב; און אין די גרענעצן פון דער זיכערקייטס־אַרבעט בין איך ניט מסוגל און בין ניט גרייט אונטערצושיידן צווישן פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. איך אַרבעט מיט מיטגלידער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען און איך פיל ניט קיין שום מחיצה, — איך האָף, אַז זיי פילן אויך ניט קיין שום מחיצה. אונזערע פיינט אַנערקענען אויך ניט קיינע מחיצות צווישן אונז און זיי אונטערשיידן ניט צווישן איד און איד. מיר דאַרפן זאָרגן, אויסשליסלעך און אַליין, פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם ישוב, פון ציוניסטישן ווערק, פון דער צוקונפט פון פאָלק.

נאָך דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דער מאָביליזירונג פון צענדליקער טויזנטער מענטשן און דער פאַרוואַנדלונג פון אַן אונטערערדישן פרייוויליקן חיל אין אַ געזעצלעך מאָביליזירטער אַרמיי; און נאָכן אויפשטעלן די מדינה און צבא־הגנה־לישראל, וואָס פאַרפליכטן יעדן מאָביליזירטן צו גיין צו איבונגען און גיין צו יעדן פראָנט, וואוהין ער זאָל נאָר געשיקט ווערן — איז אויסגעשלאָסן, אַז עס זאָלן ניט פאָרקומען מערערע ענדערונגען אין אונזערע שוץ־קרעפטן. און עס זיינען ווירקלעך פאָרגעקומען אַ סך ענדע־רונגען. אין דער דאָזיקער נייער, שווערער און שרעקלעכער אַרבעט פון אויפשטעלן די אידישע אַרמיי און בויען די אידישע זיכערקייט — האָב איך זיך ניט אָנגעשטויסן אָן קיינע פּאַרטייאישע פּראַקטיאָנעלע און קלאַסן־אינטע־

רעסן. אונזער יוגנט האָט זיך אָפּגערופן. דאָס וועלט־אידנטום האָט זיך אָפּ־גערופן. דער ישוב האָט זיך אָפּגערופן. און דער איבערגאַנג פון דער אונטער־גרונט־הגנה צו אַ רעגולערער אַרמיי, וואָס איז סובאָרדינירט דער רעגירונג, איז פאָרגעקומען אָן שוועריקייטן. די קאָמאַנדירן, וואָס זיינען געווען געוואוינט צו טאָן זייער אַרבעט אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָבן אויף זיך מקבל באהבה געווען די נייע אָרדענונג. אָבער אין איין ווינקל ווינקל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שוועריקייט: די פראַקציע, וואָס האָט פריער באַטראַכט דעם פּלמ״ח אַלס אַ פּריוואַט־אַרמיי, האָט זיך מיט אַלע מיטלען באַמיט אָפּצוהיטן דעם מאָנאָפּאָל, און אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון דער זיכער־קייט און דער מדינה, האָט זי דוקא געוואָלט אַרויפלייגן אַ פּאַרטיי־שטעמפּל אויף אַ טייל פון דער אַרמיי.

ווען ניט דאָס, וואָס די זאַך שעדיקט די מלחמה־אָנשטרענגונגען פון דעם ישוב, וואָלט איך איצט ניט אָנגעהויבן די דאָזיקע שווערע מחלוקת. עס פעלן אונז צרות? — אָט מאַכן מיר דאָך שלום מיט דער חרפה פון דער שפּאַלטונג אין דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט ניט קיין שום מאָראַלישע און פּאָליטישע באַרעכטיקונג. אָבער די מאָנאָפּאָליסטישע דאָמינירונג פון איין פראַקציע איבער אַ טייל פון דער אַרמיי, שעדיקט שווער די מלחמה־אָנשטרענגונג, און איך בין איצט ניט מסוגל צו זען קיין שום אַנדער זאַך, אויסער די מלחמה־אָנשטרענגונג. קיינער וועט מיך ניט חושד זיין אין גלייכגילטיקייט לגבי דער אידישער מדינה, אָבער איצט אינטערעסיר איך זיך ניט אַפילו מיט דער אידישער מדינה, ווייל אָן זיכערקייט וועט ניט זיין קיין מדינה, וועט ניט זיין קיין ישוב און ס׳וועט ניט זיין קיין פאָלק ישראל.

פראַקציע־הערשאַפט אין אַ טייל פון דער אַרמיי רייסט אַרונטער די ווירקזאַמקייט פון דער אַרמיי, און דער פאַרזוך צו פאַרוואַנדלען דעם פּלמ״ח אין אַ פּאַרטיי־אייגנטום, טרעפט שווער דעם פּלמ״ח, — איינע פון די בעסטע פאָרמאַציעס פון אונזער אַרמיי. די אַרמיי איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון אינערלעכער גלייכהייט, — און אַנדערש קען גאָרניט זיין. אַפילו אין אַ מדינה און אַ געזעלשאַפט מיט קלאַסן־אונטערשיידן, — אונטערשיידן אין פאַרדינסטן, געהאַלטן, לעבנס־באַדינגונגען, — הערשט אין דער אַרמיי דער פּרינציפּ פון גלייכהייט. אַלע זעלנער באַקומען די זעלבע אוניפאָרמס, דאָס זעלבע עסן, דעם זעלבן געהאַלט, די זעלבע אַרבעט — סיי דער זעלנער קומט פון אַ רייך הויז און סיי ער איז אַ קבצן אין זיבן פאָלעס. דאָס ווערט ניט געטאָן אויס ליבע צו גלייכהייט, נאָר פון דער נויטווענדיקייט, וואָס פליסט אַרויס פון עצם כאַראַקטער פון דער אַרמיי.

אַ זעלנער מוז פאָלגן און געבן אָלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, אָן טראַכטענישן און דיסקוסיעס, אפילו ווען מען הייסט אים גיין גע׳הרג׳עט ווערן. די אַרמיי איז געבויט אויף אומבאַגרענעצטע דיסציפּלין. נעמט מען עס אַוועק — ווערט די אַרמיי פאַרוואַנדלט אין אַ געפערלעכן, הילפלאָזן המון. אַזעלכע שווערע באַדינגונגען קען מען אײַנפירן אין דער אַרמיי בלויז אויפן גרונט

פון חברישקייט און גלייכהייט, און בלויז ווען אַלע באַזונדערע טיילן זיינען סובאָרדינירט דער איין און איינציקער מאַכט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מלחמה־אָנשטרענגונגען און פאַר דער זיכערקייט. עס קען ניט געמאָלט זיין קיין אַרמיי, ווערענס מערהייט איז אונטערגעוואָרפן דער אַלגעמיינער פאָלקס־מאַכט, און זיינס אַ טייל איז אונטערגעוואָרפן אַן אַנדער מאַכט — אַן אָפענער צי אַ באַהאַלטענער.

*

ווען עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן די פאָלקס־פאַרוואַלטונג (וואָס איז באַשטימט געווען, צו דינען אַלס צייטווייליקע רעגירונג, ווען די מדינה וועט אויפגעשטעלט ווערן) זיינען די זיכערקייטס־ענינים אַריבער פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע צו דער פאָלקס־פאַרוואַלטונג, און מיר איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן דער זיכערקייטס־פאָרטפעל. האָבנדיק הינטער זיך שווערע דער־פאַרונגען, האָב איך געשטעלט דריי פאָדערונגען:

א) די גאַנצע אַרמיי איז צבא־ישראל, און נאָר פון ישראל. אַלע טיילן פון דער אַרמיי אין אַלע אירע פאָרמאַציעס האָבן איבער זיך איין בעל־הבית און זיי אונטערליגן איין מאַכט — די מאַכט פון ישראל. די דאָזיקע מאַכט — נאָר זי וועט באַשטימען, וואָס און ווי אַזוי צו טאָן, ווי אַזוי אויפצושטעלן די באַזונדערע איינהייטן און פאָרמאַציעס, ווי אַזוי צו קאָאָרדינירן זיי און ווי אַזוי אויסצופורעמען זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען.

ב) פולשטענדיקע גלייכהייט צווישן די באַזונדערע טיילן — צווישן אַלע רעגימענטן און בריגאַדעס אינערהאַלב דער אַרמיי. דאָ איז אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, דאַרף איך ניט מסביר זיין, אַז גלייכהייט קען ניט זיין קיין פיזישע, עס איז אויך ניטאָ קיין גלייכהייט אין פעאיקייטן. אויך אין דער צוקונפטיקער קאָמוניסטישער אָרדענונג וועלן זיך נאָך מענטשן אונטערשיידן לויט זייערע טאַלאַנטן. דאָס זיינען זאַכן, וואָס געהערן צו די סודות פון דער נאַטור. עס מוז אָבער זיין גלייכהייט אין אַלץ, וואָס הענגט אָפּ פון דער מדינה און דער געזעלשאַפט, און די דאָזיקע גלייכהייט מוז זיין פולשטענדיק און אַבסאָלוט. אויך אין דער אַרמיי איז דאָ אַ זעלנער, וואָס איז מוטיקער און פעאיקער פון אַנדערע, און אַזאַ, וואָס איז ניט אַזוי מוטיק און פעאיק, אָבער אַלע געפינען זיי זיך אין די זעלבע באַדינגונגען, באַקומען די זעלבע אויסשולונג און אויסשטאַטונג און שטייען צו דער דיספּאָזיציע פון דער זעלבער קאָמאַנדע. אַלע דינען זיי איינעם און דעם זעלבן ציל — דעם נצחון.

ג) אין דער אַרמיי ווירקט יעדער איינער לויט אַ דעפינירטער, באַ־גרענעצטער קאָמפּעטענץ, און ניט אַ יחיד און ניט אַ גאַנצע איינהייט קענען פאַר זיך אַליין ווערן בעלי־בתים. אויך אין דעם דריקן זיך אויס די אונטערשיידן צווישן דעם מיליטערישן און דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין אַ דעמאָקראַ־טישער געזעלשאַפט מוז ניט אַ מענטש דוקא אויסגעוויילט ווערן, כדי צו ווערן אַ בעל־השפעה. קיינער האָט ניט אויסגעוויילט איינשטיינען, אַז ער זאָל פעסטשטעלן נייע וויסנשאַפטלעכע געזעצן, אָבער ער האָט זוכה געווען

אַזוי טיף צו באַגרייפן די נאַטור־דערשיינונגען, ווי עס האָט זינט ניוטאָן קיינער ניט זוכה געווען, און ער האָט געלערנט אונזער דור צו זען אויף אַ נייעם שטייגער די נאַטור. די לערער און דערציער פון דער מענטשהייט דאַרפן ניט קיין דיפּלאָמען פון דער מאַכט. די אייגנשאַפטן, וואָס מאַכן זיי פּעאיק פאַר דער דאָזיקער דערהויבענער אויפגאַבע, זיינען אַ מתנה פון רבונו של עולם. אָבער קיינער באַשטימט ניט זיך אַליין, אַלס קאָמאַנדיר אין דער אַרמיי. נאָר די מלוכה־מאַכט קען באַשטימען מענטשן צו אַזאַ שטעלע, און די מאַכט דעפינירט פּינקטלעך די קאָמפּעטענצן פון יעדן איינצלנעם קאָמאַנדיר. אין דער אַרמיי באַקומט דער קאָמאַנדיר אומגעהויערע קאָמפּעטענצן: ווער עס איז סובאָרדינירט מוז אים פאָלגן אָן אַפּעלאַציע; דער קאָמאַנדיר איז באַרעכטיקט אפילו צו שיקן מענטשן צום טויט, — אָן דעם איז קיין אַרמיי ניטאָ. אָבער אַזעלכע קאָמפּעטענצן באַקומט דער קאָמאַנדיר פון דעם דערצו קאָמפּעטענטן מלוכה־אָרגאַן, און בלויז אין די גרענעצן, וואָס זיינען דעפינירט דורך דער פאָלקס־מאַכט, און ניט דורך אַ פראַקציע, אַ פּאַרטיי אָדער אַ בלאָק.

זיבעציק יאָר האָט מען זיך ביי אונז ניט אויפגעפירט אַזוי. די פאַרטיידיקער האָבן זיך אַליין באַשטימט אַלס פאַרטיידיקער. קיינער האָט ניט געקרוינט אליהו גאָלאָמבן, אַלס קאָמאַנדיר. ער איז געווען דער הויפּט פון דער הגנה — מיטן גנאָד פון אויבערשטן, און זיינע חברים האָבן אים אָנערקענט. אָבער עס קען זיך ווייטער אַזוי ניט פירן, — איצט מוז אַ מענטש באַקומען קאָמפּעטענצן, כדי צו זיין אַ קאָמאַנדיר.

*

עס איז קלאָר, אַז אָן די דאָזיקע דריי באַדינגונגען וועט ניט אויפגעשטעלט ווערן קיין אַרמיי און אַז אַזאַ אַרמיי וועט ניט טויגן צום קאַמף. מיר שטייען איצט ניט אַנטקעגן באַנדעס, נאָר אַנטקעגן רעגולערע אַרמייען. און איבער דער פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע דריי פּרינציפּן האָט זיך עס געקערט אַ וועלט. האָט זיך געפירט אַ קאָמפּאַניע פון העצע און פאַרלוימדונגען — מיט דער הילף פון דער פּרעסע און פון שעפּטשענדיקע סודות, איינגערוימט אין אויער. זאָל עס געזאָגט ווערן: אָן אָפענע קאָמפּאַניע אין דער פּרעסע און אין דער געזעלשאַפט איז נאָך ניט פון די ערגסטע זאַכן. שלעכט איז אָבער, ווען עס פירט זיך אויך אַ קאַמף פון מיאוסער שעפּטשעריי, וואָס פאַרשעמט אונזער באַוועגונג. מען באַמיט זיך גייסטיק צו פאַר'סמ'ען אַ טייל פון דער יוגנט, וואָס געפינט זיך אויפן פראָנט, וואָס ווייסט ניט און קען ניט וויסן דעם גאַנצן אמת, און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, דאָס מען וויל אויסהונגערן דעם פלמ״ח, באַ'עולה'נען אים אין קליידונג און אויסשטאַטונג, און נאָך כלערליי אַזעלכע נידעריקע בלבולים.

אינטערעסאַנט: איך זיץ מיט קאָמאַנדירן פון אַלע פאָרמאַציעס — אויך פון פלמ״ח — און עס עקזיסטירט צווישן אונז פולשטענדיקע פאַרשטענדעניש סיי בנוגע די אָפּעראַציעס, וואָס מען דאַרף דורכפירן, און סיי בנוגע אויסבעסערונגען און ענדערונגען אין די בריגאַדעס און אין דער קאָנסטרוקציע

פון דער אַרמיי, וועגן די אַפּראָוויזאַציע־סיסטעמען און אַז. וו. עס זיינען ניטאָ קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן מיר און די קאָמאַנדירן — איינ־שליסלעך די פּלמ״ח־קאָמאַנדירן. אָבער דאָס אַלץ געשעט אין די חדרי חדרים פון שטאָב. אין דרויסן איז אָבער אַנדערש: דאָרטן הערט מען „סודות״ וועגן עולות, צוזאַמענשטויסן און אַנדערע שרעקלעכע מעשים.

מיט דריי חדשים צוריק האָב איך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ ים־אַרמיי. עס האָט מיר געשיינט, אַז אַלע אָנערקענען די דאָזיקע נויטווענדיקייט און אַז קיינער שטעלט זיך ניט קעגן. אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבן צו מאָבי־ליזירן דעם מענטשן־מאַטעריאַל — האָב איך זיך באַלד אָנגעשטויסן איז אַן אָרגאַניזירטער אָבסטרוקציע: עמיצער האָט מורא געהאַט, אַז די ים־אַרמיי וועט אָנרירן דעם מאָנאָפּאָל פון דער פּראַקציע, וואָס הערשט אין פּלמ״ח. איך האָב באַזייטיקט די דאָזיקע שטערונגען, און די, וואָס האָבן פריער ניט געוואָלט הערן פון דער ים־אַרמיי, האָבן זיך איצט אַ לאָז געטאָן צו באַהערשן די דאָזיקע יונגע פאָרמאַציע.

די דאָזיקע חברים מוזן באַגרייפן, אַז עס קען ניט זיין קיין פראַקציע־העגעמאָניע אין די מיליטערישע אָפּטיילונגען. אַלע איינהייטן, אַלע אַרמייען וועלן בילדן אומאָפּטיילבאַרע, גלייכבאַרעכטיקטע — לגבי רעכט און פליכטן — טיילן פון צבא־הגנה־לישראל, און די אַרמיי וועט זיין אינגאַנצן און פול־שטענדיק אונטערגעוואָרפן איין איינציקער מאַכט — דער מאַכט פון דער מדינה; דירעקטיוון און באַפעלן וועלן געגעבן ווערן בלויז דורך דער רעגירונג און די באַרופענע קאָמאַנדירן.

און מען מוז אָפּשטעלן די העצע און די שעפּטשערייען. די אויבערשטע מיליטערישע שיכטן ווייסן דעם גאַנצן אמת, און מיט זיי האָב איך ניט קיינע חילוקי־דעות. די גיפטיקע שעפּטשערייען פאַר׳סמ׳ען אָבער די יונגע אינגלעך, וואָס פירן אַליין אַדורך שווערע און געפערלעכע אויפגאַבן, וואָס געפינען זיך אין ווייטע פלעצער און אין שווערע באַדינגונגען, — די שעפּ־טשערייען פאַרגיפטן זיי און באַשווערן נאָכמער זייער אַרבעט. און זיי האָבן פאַרדינט, אַז מען זאָל זיך איבער זיי ניט איזדיעקעווען!

*

מען האָט מיר געפרעגט: דאַרפן מיר דען ניט האָבן קיין שטורעם־כוחות, וואָס זאָלן דורכגיין ספּעציעלע איבונגען? — זיכער דאַרפן מיר האָבן ספּע־ציעל־געשולטע איינהייטן, און מיר אָרגאַניזירן איצט אַזעלכע; פּרטים וועגן דעם קען איך דאָ ניט איבערגעבן. ווען זיי וועלן אַריין אין אַקציע — וועלן אַלע ווייסן דערפון, און איך גלויב, אַז די דאָזיקע איינהייטן וועלן וואַקסן און וועלן זיך אַלץ מער פאַרפולקאָמען. מיר אָרגאַניזירן זיי אָבער און גרייטן זיי צו, לויט די פאָדערונגען פון דעם קריג, לויט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, און ניט לויט פראַקציאָנעלע און פּאַרטייאישע אינטערעסן, ניט לויט פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס. צווישן פאַרשידענע מיליטערישע איינהייטן זיינען דאָ טעכ־נישע און פּראָפעסיאָנעלע אונטערשיידן; עס קענען אָבער ניט דערלאָזן

ווערן קיין אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע אונטערשיידן. אויב אַ געוויסע אידעאָ־לאָגיע איז גוט פאַר איין פאָרמאַציע — דאַרף זי זיין גוט פאַר דער גאַנצער אַרמיי.

*

איך בין איצט ניט באַהאַוונט אין אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער הסתדרות און איך בין ניט באַרופן צו אורטיילן, צי אַנטשפּרעכט די טעטיקייט פון דער הסתדרות אין איצטיקן מאָמענט די אינטערעסן פון דעם קריג. איך וויל אָבער אונטערשטרייכן, אַז ניט נאָר די ווירקזאַמקייט פון דעם מיליטער און זיין אויסשטאַטונג, נאָר אויך די ווירקזאַמקייט פון דער אידישער ווירט־שאַפט און די אידישע אַרבעט אין לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, געהערן צו די פאַקטאָרן, וואָס וועלן דעצידירן אין דעם קאַמף. די הסתדרות מוז איצט זאָרגן ניט בלויז דערפאַר, אַז עס זאָל אָפּגעהיט ווערן דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון דעם אידישן אַרבעטער; ניט בלויז דערפאַר, אַז אויף דעם אידישן אַרבעטער זאָל ניט פאַלן די גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לאַסט פון דער מלחמה, אַז די לאַסט זאָל פאַלן אויף אַלעמען גלייך, — נאָר זי דאַרף אויך זאָרגן דערפאַר (און איך זע ניט די דאָזיקע זאָרג), אַז עס זאָל וואַקסן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט. איך זע איצט ניט קיין אויפגאַבע פאַר דער הסתדרות, וואָס זאָל זיין וויכטיקער פון דער. מיר פירן אַ מלחמה אויף לעבן און טויט; אַלץ הענגט אָפּ פון איר; ווען איך זאָג אַלץ — מיין איך אַלץ: אונזער לעבן, דאָס לעבן פון אונזערע קינדער; און אַזוי, ווי דער גורל פון דער מלחמה הענגט אָפּ פון דער ווירקזאַמקייט פון דער אַרמיי, איר דיס־ציפּלין, אויסבילדונג, אָפּפערוויליקייט, גייסט — גלייך אַזוי הענגט ער אָפּ פון דער ווירטשאַפטלעכער ווירקזאַמקייט און פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דעם אַרבעטער, און ניט דווקא פון דעם, וואָס אַרבעט דירעקט פאַר די מיליטערישע באַדערפעניש. עס זיינען דאָ טויזנטער אַרבעטער אויסערן פּראָנט, וואָס האָבן ניט קיין קלענערע פאַרדינסטן פון די פּראָנט־זעלנער — דאָס זיינען קודם כל די אַרבעטער פון דער קריגס־אינדוסטריע, וואָס אָן זייער אַרבעט וואָלטן מיר זיך די דאָזיקע חדשים ניט געקענט האַלטן. אָבער ניט בלויז זיי אַליין; אַלע אַרבעטער פון אַלע פאַבריקן און אַלע פעלדער — פון דער פּראָדוקטיוויטעט און ווירקזאַמקייט פון זייער אַרבעט הענגט אָפּ דער גורל פון קריג. איך האַלט ניט, אַז מען דאַרף מיטן כוח פון געזעץ פאַרבאָטן שטרייקן. אויב עס איז דאָ אַן אָרט, וואו מען באַ׳עולה׳ט דעם אַרבעטער, און אויב ער האָט ניט קיין אַנדער ברירה, און אויב עס וועט ניט שווער שעדיקן די מלחמה־אָנשטרענגונג — טאָ זאָל ער שטרייקן. אָבער אין דער צייט פון קריג, מוז מען ביז צום מאַקסימום אויפהייבן די אַרבעטס־פּראָדוק־טיוויטעט. מיר וועלן דאַרפן האָבן אַ סך געצעלטן, שטאָל און אייזן (פאַר געוועהר און פאַנצער און טראַנספּאָרט־כלים), אַ סך עסנוואַרג און שוכוואַרג — און ניט נאָר פאַרן מיליטער, נאָר אויך פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג, — און די דערפילונג פון די דאָזיקע באַדערפענישן הענגט קודם כל אָפּ פון דער אַרבעטס־פעאיקייט און פּראָדוקטיוויטעט פון דעם אַרבעטער.

עטלעכע ווערטער וועגן דער אַרמיי בכלל. עס זיינען אויף דעם דאָזיקן געביט געמאַכט געוואָרן גרויסע זאַכן, און דאָך זיינען מיר נאָך ווייט פון דעם ציל. לאָמיר ניט אונטערשעצן דעם כוח פון דעם שונא — ניט נאָר אין באַצוג צו זיין צאָל און שווערע אַמוניציע, נאָר אויך אין באַצוג צו זיין קאַמפּס־פעאיקייט. דאָס זיינען ניט מער די באַנדעס פון דעם מופטי אָדער קאַוקאַדזשי — דאָס זיינען רעגולערע, אויסגעשולטע, דיסציפּלינירטע אַרמייען, וואָס מיט זייער מוט פאַלן זיי פילייכט ניט פיל אַראָפּ פון אונזערע לייט. זיי קענען מלחמה האַלטן, און זיי טוען עס העלדיש. אונזערע בחורים, וואָס האָבן זיך מיט זיי צוזאַמענגעשטויסן אין דרום און אויפן לאַטרונער פראָנט, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרערן זיי, אַלס זעלנער. און מיר דאַרפן אויף אַ סך געביטן מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען, אַז מיר זאָלן אָנטקעגן זיי ניט הינטערשטעליק זיין מיט אויסשולונג און דיסציפּלין (לײַדער איז ביי אונז ניט אַלץ אין אָרדענונג אויפן דאָזיקן געביט), און ווי ווייט מעגלעך — אויך מיט אַמוניציע.

מיר האָבן איינעם אַ געהיימען וואָפן (אויסער אַנדערע מינים פון געהיים געווער, וועגן וועלכע איך וועל ניט רעדן), וואָס איז פילייכט דער עיקר׳דיקער, וואָס גיט אויסזיכטן אויף נצחון — און מיר דאַרפן אים צעמענטירן. דער דאָזיקער וואָפן געפינט זיך אין אייערע הענט, — אין די הענט פון די, וואָס זיצן דאָ, און די וואָס זיצן דאָ ניט, — און דאָס איז דער — גייסט, וואָס ער וועט דעצידירן אין אונזער איצטיקן קריג. איך זאָג דאָס נאָכדעם, ווי איך פאַרנעם זיך שוין צוויי יאָר אויסשליסלעך מיט מיליטער און געווער — ביקסן און קוילנוואַרפערס און האַרמאַטן און קריגס־שיפן און עראָפּלאַנען. איך ווייס דעם ווערט פון די דאָזיקע זאַכן, וואָס האָבן געשפּילט און וועלן שפּילן אַ ניט־קליינע ראָל. די געשיכטע פון אונזער מיליטערישער אויסשטאַטונג איז פון די וואונדערבאַרסטע און אַנטשיידנסטע זאַכן אין דער געשיכטע פון איצטיקן קריג. לײַדער איז נאָך ניט געקומען די צייט, צו רעדן עפנטלעך וועגן דער דאָזיקער עפּאָפּיי, ווי אַזוי עס איז דעראָבערט געוואָרן, איבער־געפירט און מאַגאַזינירט געוואָרן, פּראָדוצירט און סעגרעגירט געוואָרן דאָס געווער, מיט וועלכן אונזערע בחורים פירן איצט מלחמה — לייכט געווער און שווער געווער און כלערליי אַמוניציע, ווי אויך טראַנספּאָרט־מיטלען, עראָפּלאַנען און קריגס־שיפן. דאָס איז אַ גראַנדיעזע עפּאָפּיי פון איבער־געגעבענער, צניעות׳דיקער, העלדישער און המצאות׳פולער אַרבעט, וואָס פאַלט ניט אַראָפּ פון די באַקאַנטסטע העלדישקייטן פון דער הגנה און צבא־הגנה־לישראל. איך האַלט פאַר מיין חוב, צו באַצייכענען דאָ לפּחות איין נאָמען — פון אַ חברה, וואָס האָט אַ גרויסן חלק אין דער אויסשטאַטונג פון אונזער מיליטער: גאָלדע מייערסאָן. איך וויל אויך בכלל באַצייכענען דעם אָנטייל פון דער פרוי אין די אונטערנעמונגען פון דער הגנה און אין דער איצטיקער מלחמה, — באַזונדערס דעם טייל פון אונזערע מוטערס. מיר וואָלטן ניט געהאַט אַזעלכע זין, ווען מיר האָבן ניט אַזעלכע מוטערס. ווען מיר האָבן ניט אַ מאַמע ווי רחל לביא, וואָלטן מיר ניט געהאַט אַזעלכע קינדער ווי די קינדער פון לביא.

דער גייסט וועט דעצידירן, אָבער ניט איינער אַליין; אָן איבונגען, אָן דיסציפּלין, אָן מאָביליזירטע בריגאַדעס, אָן אַמוניציע און האַרמאַטן און אַעראָפּלאַנען — וועט דער גייסט אַליין ניט ביישטיין. אָבער אַלע האַרמאַטן און אַעראָפּלאַנען וועלן ניט העלפן, אויב מיר וועלן ניט זיין דורכגעדרונגען מיט אַ גייסט, וואָס אַנדערע אַרמייען האָבן ניט אַזעלכן. ביז איצט האָט אונז דער דאָזיקער גייסט געגעבן כוח צו האַלטן זיך, און מיט דעם גייסט וועלן מיר מנצח זיין.

עס ליגט אין אונזערע הענט, — אין די הענט פון דער פּאַרטיי, דער הסתדרות און דעם ישוב — אַלע זיינען מיר פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר. און קודם כל מוז קומען אַן אַנדער גייסט אין דאָס, וואָס מען רופט — לויט מיין מיינונג, אומבאַגרינדעט — רוקן. אין גרויסע לענדער איז דאָ פראָנט און ס׳איז דאָ רוקן. אין אַזאַ ריזיק לאַנד ווי רוסלאַנד איז עס געווען זייער בולט; דער פראָנט האָט זיך פאַרשפּרייט איבער צענדליקער טויזנטער מייל, אָבער עס איז געווען אַ נאָך גרעסערער רוקן, וואָס האָט זיך צוצויגן אויף הונדערטער טויזנטער מייל, וואוהין עס איז ניט דערגאַנגען קיין פרעמד מיליטער, פרעמדער אַעראָפּלאַן, פרעמדער האַרמאַט. אַנדערש איז עס אָבער אין אַזאַ קליין לאַנד ווי אונזערס: דאָ איז ניטאָ קיין פונקט און קיין הויז, וואָס זאָלן ניט זיין — פראָנט. פאַר דער פייער־פּויזע זיינען ביי אונז קינדער געה׳הרג׳עט געוואָרן אין תל־אביב, אין ראשון לציון, אין אַנדערע ערטער, — ווייל ביי אונז איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן פראָנט און רוקן. מיטן באַגריף „רוקן" מיין איך די, וואָס זיינען ניט אין מיליטער. זאָג איך: עס טאָר ביי אונז אין די איצטיקע טעג ניט זיין אַזאַ גייסט ווי דער, וואָס עקזיסטירט אין רוקן, און וואָס לאָזט איבער אונזערע פראָנט־זעלנער נעכט נאָך נעכט אָן שלאָף, און אָפּטמאָל אָן שיך און עסן, בלויז דערפאַר, וואָס מען באַווייזט ניט צו ברענגען עסנוואַרג צו אַ נייעם פראָנט, אָדער דערפאַר, וואָס זייערע שיך זיינען צוריסן געוואָרן אויף די שווערע וועגן פון די ירושלים׳ער פעלזן. עטוואָס פון דעם פראָנט־גייסט מוז דורכדרינגען דעם רוקן. עס טאָר ניט פאַרבלייבן אַזאַ טיפער אָפּגרונט צווישן דער לאַגע אויף די פראָנטן, — וואו אונזערע בחורים און מיידלעך מאַכן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, — און צווישן דעם, וואָס ס׳קומט פאַר אין אַנדערע ערטער. אונזער לאַנד איז קליין, איז ווען אַ זעלנער, וואָס האָט ניט באַקומען קיין שיך און וואָס האָט ניט קיין קאָלדרע, קומט אויף אַן אורלויב־טאָג קיין תל־אביב און זעט די שפע ווי אַזוי מענטשן עסן דאָ אין די רעסטאָראַנען — מוז זיך ביי אים איינברעכן דער גייסט. מיר האָבן אויך דעזערטירן. מיר קענען אַפילו ניט אַלעמען, אָן אויסנאַם, פאַראורטיילן, ווייל אין דער צייט, וואָס פון דעם זעלנער פאָדערט זיך אַלץ, ווייסט ער, אַז זיין פרוי באַקומט ניט דעם מינימאַלן געהאַלט פאַר איר און די קינדער, און דאָס צוליב דעם, ווייל דער ישוב האָט ניט דערפילט זיין פליכט אפילו לגבי דער נאַציאָנאַלער הלוואה.

ביז דער איצטיקער מלחמה איז די „הגנה" באַשטאַנען בלויז פון פריי־וויליקע. קיינער האָט קיינעם ניט געצוואונגען, צו געהערן צו דער הגנה

אָדער צום פּלמ״ח. די בעסטע יוגנט איז געגאַנגען אין פּלמ״ח, האָט געאַרבעט און דורכגעמאַכט איבונגען אין די זידלונגען, — און אין דער אַטמאָספער פון עמק־יזרעאל, עמק־הירדן און דעם נגב — האָט זיך ביי איר אויסגעשמידט אַ ריקזיכטלאָזער גייסט. אָבער ווער ס'האָט ניט געוואָלט, איז ניט געגאַנגען. איצט האָט זיך די לאַגע פולשטענדיק געענדערט. איצט עקזיסטירט אַ צוואַנג־מאָבליזאַציע. צווישן אונזערע מאָביליזירטע זיינען דאָ אַנאַלפאַבעטן, קינדער פון די אָרעמע פאָרשטעט, גאַסן־קינדער, קינדער פון די מזרח־עדות — אַלץ אַזעלכע, אַנטקעגן וועלכע מיר האָבן שטאַרק געזינדיקט. אונזער מיליטער איז דער תמצית פון ישוב, און לויט דער גייסטיקער געשטאַלט פון דעם מיליטער, וועט זיך אויספורעמען דאָס געשטאַלט פון דעם ישוב. דאָס מי־ליטער איז אַנטשטאַנען אין שטורם פון קריג, און נאָך איידער די זעלנער האָבן זיך ווי געהעריק צוגעגרייט, זיינען זיי געשיקט געוואָרן צום פראָנט. אין איינעם פון די אַנטשיידנסטע פראָנטן האָבן זיך אין די לעצטע וואָכן באַטייליקט אויך זעלנער, וואָס האָבן באַוויזן צו זיין אין מיליטער סך הכל צוויי טעג, איבערהויפּט פון די עולים פון ציפּערן. מיר האָבן קיין ברירה ניט געהאַט. ירושלים איז געווען אין געפאַר, און די דאָזיקע מענטשן האָבן זי געראַטעוועט, הגם זיי האָבן מלחמה געהאַלטן ניט אין ירושלים, נאָר אין לאַטרון. אָט איז איצט אַ פייער־פויזע, און עס איז דאָ אַ נויטווענדיקייט און אַ גוטע געלעגנהייט, אַז אונזערע בעסטע קולטורעלע כוחות זאָלן וואָלונטירן פאַר דורכפירן דערציאונגס־אויפגאַבן אין דער אַרמיי.

די פּלמ״ח־לייט האָבן באַוויזן, וואָס עס קענען אויפטאָן אידישע בחורים אפילו ווען זיי זיינען ווייניק אין צאָל און אפילו ווען זיי האָבן כמעט קיין געווער ניט. זיי האָבן מיטגעבראַכט די גבורה פון דעם אידעאַל, וואָס פאַרקערפּערט זיך אין אונזער קאָלאָניזאַציע — די קרוין פון דער ציוניס־טישער שאַפונג אין ארץ ישראל. דער דאָזיקער גייסט דאַרף אָבער געהערן ניט בלויז צו יחידים און ניט בלויז צו איין בריגאַדע, נאָר צו אונזער גאַנצער אַרמיי! — אַלע אונזערע זעלנער זיינען פּעאיק דערצו. מיר האָבן ניט קיין זין פון נביאים, פון איין זייט, און נחותי־דרגה'ניקעס פון דער אַנדערער זייט; מיר האָבן ניט קיין העכערע ראַסע און קיין נידעריקערע. יעדער תימנער אינגל, יעדער קורדישער, אַשכנזישער, און אינגל פון יעדער אַנדערער עדה, איז מסוגל צו דערהויבן זיך צו אַ מדרגה פון העכסטער העלדישקייט — אויב מיר זאָלן אים נאָר געבן דאָס, וואָס מיר האָבן געגעבן די קינדער פון די זידלונגען און די אינגלעך פון פּלמ״ח; אויב נאָר מיר זאָלן זיך מיט אים פאַרנעמען מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט, מיר זאָלן אים לאָזן ווערן דורכגעדרונגען מיט די ווערטן פון אונזער באַוועגונג און מיטן אידעאַל פון אונזער ווערק. יעדער איינער פון זיי איז מסוגל איינצוזאַפּן די דאָזיקע תורה און אין יעדן איינעם ליגן באַהאַלטן גרויסע פּאָטענצן.

אין די איצטיקע טעג פון דער פייער־פויזע דאַרפן מיר זיך גרייטן צו די קומענדיקע טעג; אין דעם דאָזיקן גרייטן זיך, טאָרן ניט פעלן די קולטור־ און דערציאונג־אָנשטרענגונג אינערהאַלב אונזער אַרמיי.

ט״ז בסיון תש״ח — 6. 23. 1948

# די שיף „אַלטאַלענאַ״

(אויף דער פינפטער זיצונג פון דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט, תל־אביב)

א.

רבותי! דער ראַט איז היינט צונויפגערופן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ שווערן און ערנסטן אומגליק, וואָס איז אונז געשען: די אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך אצ״ל, האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו באַגיין אַן אַטענטאַט אויף דער איינהייט און סאָווערעניטעט פון דער מדינה, אויף דער מיליטערישער שטאַנדהאַפטיקייט פון מדינת־ישראל און איר אינטער־נאַציאָנאַלן מצב.

דאָס ביטערע קאַפּיטל וועגן די לאַנג־דויערנדע טעראָר־אַקטן, וואָס ווערן באַגאַנגען דורך די, וואָס טראָגן דעם נאָמען „פּורשים״ (אָפּגעזונדערטע), איז באַקאַנט, און ס׳איז איבעריק זיך אויף דעם אָפּצושטעלן. מיטן אויפשטעלן די אידישע מדינה האָבן מיר געוואָלט און באַמיט זיך, צו פאַרגעסן די פאַר־גאַנגענהייט און דערמעגלעכן אַלע — אַן אויסנאַם — טיילן פון ישוב, צו עפענען אַ ניי קאַפּיטל: באַטייליקן זיך — מיט גלייכע רעכט און פליכטן — אין דעם אויפבוי און אין דער פאַרטיידיקונג פון דער מדינה.

דעם 26־טן מאַי האָבן מיר פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל וועגן דער אויפ־שטעלונג פון צבא־הגנה־לישראל. דאָס איז ניט געווען אַ געוויינלעכער באַפעל וועגן דער אויפשטעלונג פון איינעם פון די מלוכה־דינסטן, נאָר אַ געבאָט פון לעבן און טויט פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מדינה, פאַר דער עקזיסטענץ פון דער האָפענונג פון ישראל. נאָך פאַרן אויפשטעלן די מדינה זיינען מיר בייזוויליק אָנגעגריפן געוואָרן דורך אכזריות׳דיקע שונאים, און נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה זיינען מיר געשטעלט געוואָרן פאַר אַ טאָטאַלער אינוואַזיע פון די אַראַבישע באַוואָפנטע אַרמייען; דאָס קעגנשטעלן זיך דער אינוואַזיע איז געשטאַנען — און שטייט נאָך — אין צענטער פון אונזער לעבן און עקזיסטענץ.

דער פערטער פּונקט פון דעם דערמאָנטן באַפעל פאַרבאָט די אויפשטעלונג און עקזיסטענץ פון אַ וועלכן ס׳איז באַוואָפנט כוח, אויסערהאַלב דעם צבא־הגנה־לישראל. ווידעראַמאָל: דאָס איז אַ פּונקט, וואָס האָט ניט אין זינען די נאָרמאַלע מלוכה׳שע אָרדענונג — הגם דאָס אַליין איז אויך אומגעהויער וויכטיק — נאָר אַ לעבנסוויכטיקן תנאי פאַר אונזער זעלבסטפאַרטיידיקונג: אַנטקעגן אַן אויסערלעכן פיינט קען מען שטיין נאָר מיטן כוח פון אַן איינ־הייטלעכער אַרמיי, וואָס איז אונטערוואָרפן איין רעגירונג און איין אויבער־שטער קאָמאַנדע.

אויפן גרונט פון געזעץ און פון דער אכזריות׳דיקער ווירקלעכקייט האָבן מיר געדאַרפט און געקענט — אָן קיינע שהיות — אויפלעזן די באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציעס פון די „פורשים", אָבער מיר האָבן געהאַנדלט לפנים משורת הדין, ווייל מיר האָבן געוואָלט פאַרלייכטערן זיי די ליקווידירונג פון זייערע באַוואָפנטע כוחות, און דאַדורך שאַפן אַ מילדע אַטמאָספער פאַר זייער אָנשליסן זיך אָן צבא־הגנה־לישראל. איין אָרגאַניזאַציע — לח״י (די „שטערניסטן") — האָט, ווייזט אויס, אַליין באַשלאָסן אויפצולעזן זיך און — אָן באַזונדערע פאַרהאַנדלונגען — אַריינצופירן אירע מיטגלידער אין צבא־הגנה־לישראל. אבער אצ״ל — וואָס לויטן באַשלוס פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, איז מיט אים גע־שלאָסן געוואָרן אַ געוויסער אָפּמאַך — איז ניט געגאַנגען אין די וועגן פון לח״י, האָט געשטעלט תנאים וועגן זיין אונטערוואַרפן זיך דעם געזעץ פון דער מדינה, און האָט ניט דערפילט זיין התחייבות צום ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אַז מיט דער אויפשטעלונג פון דער מדינה וועט ער זיך אַליין אויפלעזן. די רעגירונג האָט ניט מחמיר געווען אין פאַרמעלע ענינים, און ווען ס׳האָט געשיינט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע, — די אויפלעזונג פון דער באַוואָפנטער אָרגאַניזאַציע און די אַנשליסונג פון אירע מיטגלידער פון מיליטער־עלטער, אָן דעם צבא־הגנה־לישראל, — איז דערגרייכט געוואָרן, האָט זי, די רעגירונג, געמאַכט אַ רייַ הנחות. דעם 1־טן יוני האָט דער פירער פון אצ״ל אונטערגעשריבן אַ התחייבות, וואָס אַנטהאַלט, צווישן אַנדערן, פאָלגנדע פונקטן:

א) די מיטגלידער פון אירגון צבאי לאומי (אצ״ל) וועלן זיך מאָביליזירן אין דעם צבא־הגנה־לישראל — אין איינקלאַנג מיט דעם מאָביליזאַציע־דעקרעט פון דער רעגירונג פון ישראל, און וועלן אָפּגעבן די לאָיאַליטעט־שבועה, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי.

ב) אצ״ל וועט איבערגעבן זיין געווער און אַמוניציע צום צבא־הגנה־לישראל, צו דער דיספּאָזיציע פון דער אויבערשטער קאָמאַנדע.

ג) פון אייגענעם פרייען ווילן וועלן אצ״ל און זיין שטאַב איבעררייסן זייער באַזונדערע עקזיסטענץ און טעטיקייט, אַלס אַ מיליטערישע איינהייט אין מדינת ישראל און אין תחום פון דער רעגירונג פון ישראל.

ד) אצ״ל וועט אָפּשטעלן זיין סעפּעראַטע טעטיקייט אויפן געביט פון דערווערבן געווער און מלחמה־אַמוניציע און וועט איבערגעבן אַלע זיינע פאַרבינדונגען אין רשות פון צבא־הגנה־לישראל.

די דאָזיקע פאַרפליכטונגען האָט אצ״ל אויסגעפירט נאָר טיילווייז: העכער טויזנט מיטגלידער זיינע האָבן זיך מאָביליזירט — אין באַזונדערע רעגימענטן — אין צבא־הגנה־לישראל. די התחייבות, איבערצוגעבן דעם צבא־הגנה־לישראל דאָס געווער און די אַמוניציע, איז דערפילט געוואָרן אין גאָר אַ קליינער מאָס; די צוויי הויפּט־פאַרפליכטונגען זיינען בכלל ניט אויסגעפירט געוואָרן: אצ״ל און זיין שטאַב האָבן ניט איבערגעריסן זייער טע־

טיקייט און עקזיסטענץ; די סעפּעראַטע איינקויף־טעטיקייט האָט זיך אויך ניט איבערגעריסן, און די אצ״ל־פאַרבינדונגען לגבי געווער און אַמוניציע זיינען ניט איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון צבא־הגנה־לישראל. אויפן באָדן פון פאַרשוועכן די דאָזיקע פאַרפליכטונגען, אין אַ צייט ווען די מדינה און דאָס פאָטערלאַנד געפינט זיך אין אַ קריטישער לאַגע, זיינען די לעצטע דריי טעג פאָרגעקומען די טרויעריקע געשעענישן פון כפר־ויתקין און תל־אביב.

ברעכנדיק די געזעצן פון דער מדינה, ווי אויך די אייגענע, מיטן פרייען ווילן געגעבענע פאַרפליכטונגען, האָט אצ״ל געבראַכט אין לאַנד אַריין אַ שיף מיט געווער. ווען אַפילו ניט די פייער־פויזע, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך דער יו־ען, וואָלט עס געווען אַ זייער ערנסטע זאַך: קיין מדינה וועט ניט דולדן, אַז פּריוואַטע פּערזאָנען אָדער אַ פּריוואַטע אָרגאַניזאַציע זאָל — אָן דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג — אַריינברענגען אין לאַנד אַפילו דעם סאַמע קלענסטן קוואַנטום פון געווער, און אָפּגערעדט שוין גרויסע צאָלן פון ביקסן און אויטאָמאַטן, ווי אצ״ל האָט עס — לויט זיינע אייגענע רייד — געטאָן.

דאָס ברענגען געווער דורך אצ״ל, וואָס ברעכט זיינע פאַרפליכטונגען און די געזעצן, איז נאָך ערנסטער און געפערלעכער דערמיט, וואָס עס גרייט צו דעם באָדן פאַר אַ בירגער־קריג אין אַ ברייטן מאַסשטאַב. אויסער דעם, איז דאָ אויך געשטערט געוואָרן די אָרדענונג, וואָס די יו־ען האָט איינגעשטעלט און מדינת ישראל האָט גענומען אויף זיך.

ווען דאָס זיכערקייטס־מיניסטעריום האָט זיך דערוואוסט פון דער זאַך, זיינען געגעבן געוואָרן דירעקטיוון צו פאָדערן פון אצ״ל, איבערצוגעבן די שיף דער רעגירונג. אצ״ל האָט אָפּגעזאָגט און האָט דער רעגירונג געשטעלט באַדינגונגען. די רעגירונג האָט זיך ווידעראָמאָל געפירט לפנים־משורת־הדין — דאָסמאָל שוין טאַקע אפשר צופיל (און שולדיק בין איך אין דעם) — און האָט ניט מקפיד געווען אין פאַרמעלע ענינים, אָבי נאָר דערגרייכן דעם עיקר: דאָס איבערגעבן די שיף צו דער רעגירונג. ווען אצ״ל האָט ענדגיל־טיק אָפּגעזאָגט, און עס איז מיר קלאָר געווען מיין פליכט — אָפּצוהיטן די זיכערקייט פון דער מדינה און אויספירן דעם געזעץ (און איך האָב געוואוסט, אַז מען קען עס מאַכן בלויז מיט כוח) — האָב איך נאָך דאָך געבראַכט די פראַגע צו אַ פלענאַר־זיצונג פון דער רעגירונג. נאָך אַ פולער אויסשעפּנדיקער דעבאַטע, איז באַשלאָסן געוואָרן, צו קאָנצענטרירן אויפן פּלאַץ די געהעריקע מיליטערישע כוחות, צו פאַרמיידן דאָס אויסלאָדן די שיף דורך אצ״ל און איבערצונעמען די שיף אין רשות פון דער רעגירונג.

איך באַדויער, וואָס אַ טייל פון די אצ״ל־זעלנער, וועלכע דינען אין מיליטער, האָבן דעזערטירט פון זייערע רעגימענטן און זיינען אַוועק קיין כפר־ויתקין, כדי צו באַטייליקן זיך אין דעם אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג. אמת, דער אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן, ווי נאָר די אצ״ל־לייט זיינען אָפּגע־שטויסן געוואָרן דורכן מיליטער. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן, האָבן אָפּגע־

געבן זייער געווער און אַמוניציע און האָבן זיך שריפטלעך פאַרפליכטעט, אונטערצואוואַרפן זיך דער רעגירונג.

איך וויל באַצייכענען די טאַקטישע און עפעקטיווע האַנדלונג פון אונזער קאָמאַנדיר אין דעם מיטעלן ראַיאָן, — „חבל אלכסנדרוני״ הייסט ער, — וואָס האָט אויסגעפירט זיין מיסיע מיט דער העכסטער געשיקטקייט און מיט אַ מינימאַלער צאָל קרבנות.

די באַדינגונגען פאַר אצ״ל אין כפר־ויתקין זיינען געווען:

א) די אצ״ל־קרעפטן אין כפר־ויתקין שטעלן באַלד אָפּ יעטוועדע פיינט־לעכע אַקציע.

ב) דאָס געווער און די מיליטערישע אַמוניציע, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון די אצ״ל־קרעפטן אין ראַיאָן פון כפר־ויתקין, וועלן אין זייער גאַנצן אומפאַנג איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דעם אָרטיקן קאָמאַנדיר פון צבא־הגנה־לישראל.

ג) אַלע אָפיצירן און זעלנער פון אצ״ל וועלן איבערגעבן זייערע נעמען, אַדרעסן און די איבעריקע נויטיקע דעטאַלן, און די רשימה וועט איבערגעוויזן ווערן צו דער רעגירונג.

ד) נאָכדעם וועט די אָפיצירן און זעלנער פון אצ״ל דערלויבט ווערן צו פאַרלאָזן דעם קאַמפּס־געביט אין ראַיאָן פון כפר־ויתקין און צוריקקערן אַהיים.

ה) די אָפיצירן און זעלנער פון אצ״ל, וואָס זייערע נעמען וועלן זיין אין דער רשימה, וועלן זיך פאַרפליכטן, שטעלן זיך צום מיליטער — ווען זיי וועלן דערצו ווערן אויפגעפאָדערט.

ו) די אָנגעלאָדענע אויטאָמאָבילן וועלן צוריקגעקערט ווערן צו זייערע אייגנטימער — נאָכן אויסלאָדן דאָס געווער.

ז) די געפאַנגענע אצ״ל־ניקעס וועלן באַפרייט ווערן אויף די זעלבע תנאים. די געפאַנגענע, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון אצ״ל, וועלן אומגעקערט ווערן צו צבא־הגנה־לישראל.

דערמיט האָט זיך ווי געענדיקט דער עפּיזאָד פון דעם אצ״ל־אויפשטאַנד אין כפר־ויתקין. אָבער די שיף האָט זיך דערווייל — נאָכן אַראָפּלאָזן די עולים — אַרויסגע׳גנב׳עט פון כפר־ויתקין און איז אָנגעקומען קיין תל־אביב. דאָ, אין תל־אביב, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט, צו אָקצעפּטירן די פאָדערונג פון אונזערע קריגס־שיפן וועגן איבערגעבן זיך אין רשות פון מדינת־ישראל.

דאָן איז ווידער צונויפגערופן געוואָרן אַן עקסטראַ־זיצונג פון דער רעגירונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאָדערן, אַז די שיף, צוזאַמען מיטן געווער, וואָס איז נאָך אויף איר פאַרבליבן, זאָל איבערגעגעבן ווערן צו דער דיספּאָזיציע פון דער רעגירונג; אין קעגנפאַל, וועט קעגן איר אַרויסגעשטעלט איר ווייסט, מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט: איינער פון אונזערע האַרמאַטן ווערן אַ מיליטערישער כוח. די שיף האָט אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג — און

האָט געטראָפן דירעקט אין דער שיף; די שיף האָט אָנגעהויבן ברענען, און אצ״ל האָט זיך געווענדעט צו דער אַרמיי מיט אַ בקשה, צו העלפן אַרויס־צונעמען די פאַרוואונדעטע און ראַטעווען די איבעריקע; די שיף רויכערט נאָך — האַרט ביים ברעג פון תל־אביב.

נאָכן שרעקלעכן בלוט־פאַרמעסט, וואָס די אַראַבישע אַרמייען האָבן אונז אויפגעצוואונגען פאַרן אויפשטעלן די מדינה און נאָכדעם — איז עס איצט דער ביטערסטער נסיון פאַר דער מדינה. די סכנה איז ניט ווייניקער גרויס, ווען זי קומט פון אינעווייניק.

דער איצטיקער אינצידענט האָט זיך וואַרשיינלעך פאַרענדיקט. אמת, אונזער מיליטערישער כוח געניגט, כדי אונטערצודריקן יעדן באַוואָפנטן אַטענטאַט אויף דער מדינה, אויף דער אַרמיי. אָבער מיט דער הילף פון דער אַרמיי אַליין וועט דאָס דאָזיקע בייז ניט אויסגעריסן ווערן. די פאַר־ברעכערישע מעשים פון די „פּורשים" ציען זייער יניקה — ניט אין אַ קליינער מאָס — פון דער אונטערשטיצונג, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן פון פאַרשיידענע זייטן, אויס פאַרשיידענע מאָטיוון. זיינערצייט האָט מען נאָך אפשר געקענט דערקלערן די דאָזיקע אונטערשטיצונג — הגם קיינמאָל ניט באַרעכטיקן זי, — איצט אָבער קען מען איר אַפילו ניט דערקלערן. מיר שטייען אין אַ גוראַנגאל אויף לעבן און טויט. עס איז איצט אַ פייער־הפסקה, אָבער די מלחמה האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. די אַראַבישע אַרמייען געפינען זיך אין די גרענעצן פון אונזער לאַנד, און ירושלים איז אַרומגערינגלט מיט דעם אַראַבישן לעגיאָן און זיינע האַרמאַטן; דער נגב־שאָסיי איז אָקופּירט דורך אַ גרויסער מצרישער אַרמיי; משמר הירדן איז אין די הענט פון דער סירישער אַרמיי; די אינוואַזיע־אַרמייען שטייען אין לאַנד מיט זייער פולער קראַפט, ווי פאַר דער פייער־פויזע, און גרויסע כוחות שטייען נאָך אויף יענע זייטן פון די גרענעצן.

די צוריק־אויפלעבונג פון אינערלעכע באַוואָפנטע כוחות בילדעט אין איצטיקן מאָמענט אַ גאָר ערנסטע געפאַר פאַר דער צענטראַלער זאַך, וואָס איז פיליכט וויכטיקער אַפילו פון דער עקזיסטענץ פון דער מדינה: די זעלבסטשוץ־מעגלעכקייטן פון די אידן אין ארץ־ישראל — פאַר זייער צוקונפט און פאַר דער צוקונפט פון דעם פאָלק. די דאָזיקע געפאַר וועט ניט פאַרשווינדן אויב די אידן פון ארץ ישראל און די אידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן ניט דורכגעדרונגען ווערן מיטן באַוואוסטזיין פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס ליגט אין דער בלויזער עקזיסטענץ פון די „פּורשים"־אָרגאַניזאַציעס; דער אומגליק וואַקסט נאָך אויס אַדאַנק דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער שטיצע, וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס באַקומען מצד פאַרשיידענע ציוניסטישע פאַר־באַנדן, וואָס קלייבן געלט פאַר אצ״ל, הגם די מיטגלידער פון אצ״ל, וואָס האָבן זיך מאָביליזירט אין דער אַרמיי, האָבן באַקומען פון איר פולע אויס־שטאַטונג — גלייך מיט אַנדערע זעלנער, ניט ווייניקער און ניט מער. אויב אַלע טיילן פונם אידישן פאָלק — אין דער ברייטער וועלט און אין לאַנד — וועלן ניט באַגרייפן די געפאַר, וואָס שטעקט אין יעטוועדער מאָראַלישער

אָדער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג פאַר די „פּורשים"־אָרגאַניזאַציעס — וועלן מיר ניט האָבן אויסגעריסן דאָס שלעכטס מיט זיינע וואָרצלען.

פאַרלאָזט זיך ניט אויף דער אַרמיי אַליין. דאָס גאַנצע פאָלק ווערט אויפ־געפאָדערט אויסצובערענען די דאָזיקע וואונד.

ב.

אַן ענטפער

איך האָב אָנגעפאַנגען מיינע רייד וועגן דעם שווערן און ערנסטן אומגליק, וואָס האָט אונז געטראָפן. איך דאַרף איצט מיינע רייד דערגענצן מיט פּרטים וועגן אַ נאָך־גרעסערן אומגליק, וואָס איז נעכטן פאַרמיטן געוואָרן. דעם אָריגינעלן אומגליק האָט מען געקענט פאַרריכטן — און די שנעלע, דעצידירטע מיטלען, וואָס די רעגירונג האָט אָנגענומען, האָבן פאַרריכט אַ סך פון דעם, וואָס אצ"ל האָט אָנגעמאַכט. אָבער דער פאַרמיטענער אומגליק — ווען ער וואָלט ניט פאַרמיטן געוואָרן — ווער ווייסט, צי וואָלט מען אים געקענט פאַרריכטן. עס איז פאַרמיטן געוואָרן אַן אומגליק דאָדורך, וואָס 5000 ביקסן און 250 קוילנוואַרפער זיינען ניט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ טעראָריסטישער כנופיה. ווען דאָס וואָלט ניט פאַרמיטן געוואָרן, וואָלטן די טעראָריסטן געווען אימשטאַנד מיט איין קלאַפּ אומצובערענגען די אידישע מדינה און די פרייהייט פון דעם אידישן ישוב.

איך באַדויער, וואָס הרב בערלין געפינט זיך דאָ ניט. ער האָט פאַר־ענדיקט זיינע ווערטער מיט דער דערקלערונג וועגן דער דעמיסיע פון צוויי „מזרחי"־מיטגלידער פון דער רעגירונג. איך וועל דערגענצן זיינע רייד לשם פּינקטלעכקייט: די „מזרחי"־מיטגלידער האָבן ניט דעמיסיאָנירט, ווען מיר האָבן באַשלאָסן וועגן דער אַקציע אין כפר־ויתקין; די „מזרחי"־מיטגלידער האָבן ניט דעמיסיאָנירט, ווען מיר האָבן נעכטן באַשלאָסן וועגן דער אַקציע קעגן דער שיף. למען האמת באַצייכן איך, אַז זיי בײדע זיינען נעכטן געווען קעגן דעם באַשלוס, אָבער זיי זיינען פאַרבליבן אין דער רעגירונג און האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס פון דער מערהייט, נעמענדיק אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אים. זיי האָבן דעמיסיאָנירט פון דער רעגירונג ערשט היינט, נאָכדעם ווי עס איז ניט אָנגענומען געוואָרן זייער פאָרשלאָג, צו באַפרייען אַלע אַרעסטירטע, און עס איז דאָקעגן באַשלאָסן געוואָרן, צו באַפרייען בלויז די, וואָס זיינען ניט געכאַפּט געוואָרן מיט געווער אין האַנט און זיינען ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן. צוליב דעם דאָזיקן אונטערשייד האָבן זיי דעמיסיאָנירט.

ווען מיר האָבן געהערט דעם רב בערלין, האָבן זיך אַ סך פון אונז דערמאָנט אָן זיינע ווערטער אויף דער לעצטער זיצונג פון דעם ציוניסטישן

אַקציאָנס־קאָמיטעט און עס האָט זיי לייד געטאָן, וואָס עס האָט זיך פון אים היינט געהערט אַן אַנדער קלאַנג: איך בין איינער פון די, וואָס עס האָט זיי לייד געטאָן, און דאָך בין איך זיכער, אַז די כוונה זיינע איז געווען אַ גוטע און אַ ריינע, אַזוי ווי זי איז געווען אין זיין רעדע אין דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. די כוונה פון הרב פישמאַן און הער שאַפּיראָ איז אויך — אָן ספק — אַ גוטע, — זייער כוונה איז לטובת ישראל, גלייך ווי די כוונה פון זייערע אָפּאָנענטן; דער אונטערשייד איז נאָר אין צוגאַנג. איך זע אין דער שרפה פון דער שיף אַ גרויסן אויפטו, ווייל דאָס איז אַ שיף, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די סכנה פון חורבן ישראל.

אָבער אויב עס איז ניטאָ קיין ספק אין זייער גוטער כוונה, איז אָבער דאָ אין די טאָטן פון הרב פישמאַן און הער שאַפּיראָ אַן אָביעקטיווע פּאָליטישע באַדייטונג, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט זייער כוונה; די באַדייטונג איז: אָנשלוס אָן אצ״ל. — אצ״ל האָט דערקלערט, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי צדדים: זיי און די רעגירונג. און די פּאָליטישע באַדייטונג פון דעם, וואָס די ביידע חברים האָבן געטאָן, און באַזונדער — הרב פישמאַן (וועלכער איז מיר זייער טייער — פון זינט איך האָב אים דערקענט אין דער אַגענץ־עקזעקוטיווע — אַלס איד און ציוניסט, און איבערהויפּט אַלס מענטש) — איז: אָנשלוס אָן אצ״ל אין דעם איצטיקן מאָמענט. און דאָ ליגט די געפאַר.

אצ״ל אַליין איז קיינמאָל ניט געווען איבעריקס געפערלעך. אַ כנופיה פון טעראָריסטן איז ניט געפערלעך. זיי קענען ניט שטעלן אין סכנה אַ געזונט פאָלק. עס איז אָבער שטענדיק געווען אַ סכנה, אַז אצ״ל וועט האָבן געהיימע אונטערשטיצער, און ניט צוליב אַ באַשטימטער באַציאונג צו דער מאַנדאַט־מאַכט, נאָר צוליב אינערלעכע מאָטיוון, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו די אָפענע צילן פון דעם טעראָר. ווען אצ״ל וואָלט ניט געוואוסט, אַז ער האָט אַזעלכע אונטערשטיצער, וואָלט ער ניט געוואָגט צו טאָן דאָס, וואָס ער טוט. און דאָס, וואָס „מזרחי" האָט היינט געטאָן — ווען אַפילו מיט די בעסטע כוונות — איז אַ פאַרשטאַרקונג פון אצ״ל, אַ פּרעמיע פאַר זיין נעכטיקער טאָט.

אַזוי ווי אַלע האָבן מיר גוטע כוונות — טאָ לאָמיר זיך קעגנזייטיק ניט משפט'ן; די היסטאָריע וועט משפט'ן יעדן איינעם פון אונז פאַר זיין אויפ־פירונג אין די איצטיקע קריטישע טעג. ס'וועט גוט זיין, אויב אַלע די, וואָס פילן אַזוי מיט דעם אצ״ל און רעכענען זיך אַזוי מיט זיינע געפילן, זאָלן טראַכטן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, זאָלן זיך רעכענען אויך מיטן ישוב און מיט דער מדינה און מיט זייערע חברים אין דער רעגירונג, — זאָלן זיי זיי אַזוי לייכט ניט אָפּשטויסן.

און נאָך אַ וואָרט צום רב בערלין. אויפן גרונט פון מיינע דערעפענונגס־ווערטער האָט ער גע'טענה'ט, אַז די ענינים פון מלחמה און פון זיכערקייט געפינען זיך אין די הענט פון איין מענטש; ער האָט זיך, ווייזט אויס, ניט גוט צוגעהערט צו מיינע רייד. דאָס, וואָס איך האָב דערציילט וועגן דער אַקציע קעגן אצ״ל, איז געווען פונקט דער היפך. איך האָב געזאָגט, אַז די

פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פשרות און ויתורים פאַלט אויף מיר. און מסכים געווען צו ויתורים האָב איך דערפאַר, וואָס דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט מיט אצ"ל געשלאָסן אַן אָפּמאַך, הגם איך פּערזענלעך האָב אים געהאַלטן פאַר אַן אומגליק אָדער אַ פעלער. אָבער די באַשלוסן פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט פאַרפליכטן מיך און יעדן איינעם פון אונז, און מיר מוזן די דאָזיקע באַשלוסן אויספירן. — אויספירן ניט אין גייסט פון די, וואָס זיינען געווען קעגן דעם אָפּמאַך — און איך בין געווען איינער פון די קעגנער — נאָר אין גייסט פון דער מערהייט, וואָס האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַ פּאָזיטיוון. איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב, אָפּצוהיטן געטריי דעם ווילן פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, דעם ווילן פון זיין מערהייט, הגם איך האָב געהאַט אין דער פראַגע אַן אַנדער מיינונג. דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז מיט אַזאַ אָפּמאַך קען מען באַזייטיקן דעם אומגליק און די חרפּה פון דער „פּרישה" (אָפּשיידונג), און אַז אויב אצ"ל וויל חוזר־בתשובה־זיין — דאַרף מען העלפן חוזר בתשובה זיין. איך האָב אין דעם ניט געגלויבט, נאָר וויבאַלד די מערהייט האָט באַשלאָסן אַזוי — איז עס געווען דער ווילן פון דער באַוועגונג און דער כבוד פון דער באַוועגונג. האָב איך זיך געפירט לויט דעם דאָזיקן ווילן, און האָב דעם אצ"ל געמאַכט ויתורים.

אויך ווען איך האָב געדאַרפט אַרויסטרעטן קעגן אצ"ל — האָב איך עס ניט געטאָן לויט מיין פּערזענלעכן באַשלוס, הגם דאָס געזעץ אויטאָריזירט מיך דערצו. איך האָב געוואוסט די ערנסטקייט פון דער לאַגע, און איך האָב ניט געוואָלט, אַז אויסער דעם עצם ענין, זאָל זיך דערוועקן די פראַגע: אויף וואָס פאַר אַ גרונט האָב איך געהאַנדלט אַזוי. איך האָב געבראַכט די פראַגע צו דער רעגירונג. און די רעגירונג האָט די פראַגע באַטראַכט און האָט אָנגענומען באַשלוסן; איך האָב אַלזאָ געהאַנדלט לויט די דאָזיקע באַשלוסן, הגם איך געהער ניט צו די, וואָס האָבן מורא צו נעמען אויף זיך אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך האָב געוואָלט, אַז דאָס מיליטער זאָל באַקומען אַ דייטלעכן באַפעל, צו האַנדלען אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער גאַנצער רעגירונג. פאַרשטייער פון מיליטער האָבן זיך באַטייליקט אין דער זיצונג פון דער רעגירונג, ווען עס איז פאַרגעקומען די גרונט־דעבאַטע; מען האָט זיי געשטעלט פראַגן, און די באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. און לויט די דאָזיקע באַשלוסן האָט דאָס מיליטער געהאַנדלט, — מיט פאַרשטאַנד געהאַנדלט. דאָס מיליטער האָט געקענט פאַרניכטן די דאָזיקע כנופיות, — אָבער דאָס איז ניט געווען דער ציל; דער ציל איז געווען — פאַרמיידן דעם פאַרברעכן, — האָט דאָס מיליטער אָנגעגריפן אַזוי, אַז זיי זיינען געווען געצוואונגען, אונטערצוגעבן זיך און אָפּגעבן דאָס געווער. מיט דעם האָט זיך עס געזאָלט ענדיקן, אָבער עס האָט זיך ניט געענדיקט, ווייל די שיף האָט זיך אַרויסגעשמוגלט, און געהאַנדלט האָט זיך דאָך נאָך אַלעמען וועגן דער שיף און דעם געווער.

איין בילבול מוז איך דאָ אָפּלייקענען: מען האָט געזאָגט, אַז דאָס מיליטער האָט געשאָסן אויף די, וואָס זיינען געשוואומען אין ים. דער היפך איז דער

אמת: פון דער שיף האָט מען געבעטן הילף פון פלמ״ח־לייט, וואָס זיינען געווען אויפן ברעג (די, וואָס אצ״ל האָט אויף זיי געשאָסן, און צוויי פון זיי גע׳הרג׳עט), זיינען זיי צוגעשוואומען צו דער שיף, וואָס האָט יעדע מינוט געקענט אויפגעריסן ווערן, און מיט סכנות נפשות האָבן זיי געראַטעוועט מענטשן פון דער שיף.

איך וועל זיך ניט שטעלן צו אַ קרייץ־פאַרהער פון בעגינען, אָדער פון וועמען עס זאָל ניט זיין — אין בעגינ׳ס שליחות, דאָ אין מדינה־ראַט. איך וויל אייך אָבער זאָגן, אין וואָס ס׳איז באַשטאַנען דער ויכוח. הער ווינשטיין האָט זייער געוואָלט וויסן, ווען האָט זיך די רעגירונג דערקונדיקט וועגן דער שיף: איך האָב זיך דערקונדיקט שבת, ווען עס איז צו מיר געקומען אַ ספּעציעלער שליח, איינער פון די שטאַב־מענטשן, און געמאָלדן, אַז פון אצ״ל האָט מען אים איבערגעגעבן וועגן אַן אָנקומענדיקער שיף מיט געווער, און אַז זיי בעטן, מען זאָל זיי העלפן אויסלאָדן די שיף. האָט מען זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפן איבערגעבן די שיף צו דער רעגירונג, און אצ״ל האָט דאָס אָפּגעוואָרפן. אָט וועגן דעם האָט זיך געפירט דער ויכוח. עס איז, הער פינקס, קיין שום הסכם ניט געווען, וועגן איבערגעבן אַ טייל פון דעם געווער צו אצ״ל פאַר ירושלים אָדער אַ וועלכן עס איז אַנדער אָרט. די רעגירונג איז באַשטאַנען, אַז די שיף זאָל איבערגעגעבן ווערן איר, און נאָר איר. און דאָס האָט אצ״ל ניט געוואָלט טאָן.

ווען עס וואָלט אַפילו ניט געווען פון פריער אַ הסכם מיט אצ״ל וועגן איבערגעבן דאָס געווער צו דער רעגירונג, וואָלט סיי־ווי געווען דער חוב פון דער רעגירונג — וועלכע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער זיכערקייט פון איר לאַנד און פאָלק — איבערצוכאַפּן דאָס געווער מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, און ניט דערלאָזן דערצו, אַז אַ יחיד אָדער יחידים זאָלן הערשן איבערן געווער. ווען די רעגירונג דאָס ניט טאָן — ווער זי פאַרראַטן איר צענטראַלע און עיקר׳דיקע מיסיע — אָפּצוהיטן די זיכערקייט.

הער פינקס — אין נאָמען פון הער בעגין — האָט דאָ געשטעלט אַ מאַסע פראַגן. דער „מנהיג״ פון אצ״ל איז פיליכט אַ וויכטיקע פּערזאָן און אַ הייסער פּאַטריאָט און אַ מעכטיקער קעמפער און אַ גרויסער גענעראַל — איז עס אפשר פאַר עמיצן אַ כבוד, צו רעדן אין זיין נאָמען. איך בין אָבער ניט מחויב, צו ענטפערן אויף די פראַגן פון דעם פירער פון אצ״ל, ווען אַפילו זיי ווערן געפרעגט דורך אַן אַנדערן. איך מוז אָבער ענטפערן אויף פראַגן, וואָס גייען־אָן דעם ראַט. איך האָב ניט געלעזן און ניט געהערט די רעדע פון דעם פירער פון אצ״ל, און עס אינטערעסירט מיך איבערהויפּט ניט צו וויסן, וואָס ער האָט געזאָגט. אָבער דאָס, וואָס איז נוגע צום ענין, און וואָס הער פינקס האָט געקענט פרעגן, אַלס ראַט־מיטגליד, — אויף דעם וועל איך ענטפערן מיט איין זאַץ.

עס איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, און אצ״ל האָט אים געבראָכן פון אָנהייב ביזן סוף. איך האָב דאָ פאַרגעלייענט דעם טעקסט פון דעם אָפּמאַך, וואו עס איז אין קלאָרן פשוטן העברעאיש געשריבן, אַז דאָס געווער און די

אַמוניציע, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון אצ״ל, וועלן איבערגעגעבן ווערן דעם צבא־הגנה־לישראל, צו דער דיספּאָזיציע פון דער אויבערשטער קאָמאַנדע, און אָן קיינע תנאים. ווען אצ״ל וואָלט אַפילו ניט אונטערגעשריבן אַזאַ הסכם, וואָלט ער געמוזט אָפּגעבן דאָס געווער, און די רעגירונג וואָלט געמוזט אין אַלע באַדינגונגען דאָס געווער צונעמען, און אויב נויטיק — איז אַפילו מיט גוואַלד.

איך בין מסכים, אַז ניט אַלעמאָל דאַרף זיך די רעגירונג פאַרנעמען מיטן אויספירן דאָס געזעץ. עס טרעפט, אַז עס איז גלייכער, צוצומאַכן די אויגן. ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן — ווען די רעגירונג שטייט ניט פאַר עטוואָס אַזוינס, וואָס שטעלט אין געפאַר די זיכערקייט פון דער מדינה. אצ״ל האָט געשיקט זיינע מענטשן אין צבא־הגנה־לישראל אָן געווער, — האָבן זיי פון אונז באַקומען געווער, און מיר האָבן זיי דאָן ניט געפרעגט: פאַרוואָס האָט איר ניט געבראַכט אייער געווער? מיר האָבן זיי איינגעשלאָסן אין מיליטער, אָן קיין שום שוועריקייטן, און זיי האָבן גלייך מיט אַלעמען באַקומען געווער. און אין פאַרלויף פון די דאָזיקע דריי וואָכן איז ניט געשען קיין שום זאַך, וואָס זאָל זיי געבן אַ גרונט, צו ברעכן זייער איינפאַכע און קלאָרע פאַרפליכטונג. הער פּינקס! און ווען זיי האָבן געבראַכט אַ שיף מיט געווער — פאַרוואָס האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט, איבערצוגעבן דער רעגירונג די שיף מיטן געווער? — יעדער איינער מוז פרעגן די פּשוטע פראַגע: פאַרוואָס האָבן זיי ניט איבערגעגעבן דאָס געווער דער רעגירונג?!

דער ראַט־מיטגליד וואַרהאַפטיק פרעגט: „וואָס איז דאָ אַזוינס — וואָס איז דער פּחד פאַר אַ באַוואָפנטער מינדערהייט?״ — עס איז אַ גרויסער פּחד, הער וואַרהאַפטיק, אַ שרעקלעכער פּחד. דוכט זיך, אַז איך געהער ניט צו די גאָר גרויסע פּחדנים אין ישראל, אָבער איך האָב זייער מורא פאַר אַ באַוואָפנטער מינדערהייט. צוליב וואָס איז זי באַוואָפנט? צוליב שיינקייט? — יעדע זאַך האָט אַ באַשטימטע אויפגאַבע. געווער איז אַ מיטל צו הרג׳ענען מענטשן — פּשוטו כמשמעו. געווער האָט ניט קיין אַנדערע אויפגאַבן. אַז אָך און וויי צו דער מענטשהייט, וואָס דאַרף פּראָדוצירן אַזעלכע מאָרד־אַר־טיקלען. איז וואָס האָבן געטאָן אָרגאַניזירטע פעלקער? — זיי האָבן איינ־געפירט האַרבע באַגרענעצונגען לגבי האַלטן געווער. און מענטשן, וואָס מען גיט זיי אין די הענט אַריין געווער, מאָרד־מיטלען אויף אומצוברענגען פרעמדע לעבנס — נעמט מען זיי אַריין אין קייטן פון האַרבער דיסציפּלין, מען קליידט זיי אין ספּעציעלע אוניפאָרמס, מען שטעלט איבער זיי קאָמאַנדירן, מען פירט זיי אַריין אין ספּעציעלע לאַגערן אָדער קאַזאַרמעס, מען פאַרפליכטעט זיי צו סאַלוטירן אָפיצירן, און מען מאַכט זיי אָרעם און אָרום כל מיני שוועריקייטן. צוליב וואָס? צוליב דעם, אַז די באַוואָפנטע מענטשן, וואָס מען רופט זיי אַרמיי, זאָלן ניט טאָן מיט זייער געווער דאָס, וואָס ס׳וועט זיי געפעלן צו טאָן, נאָר זיי זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן אַ האַרבער דיסציפּלין, וואָס קיין שום אַנדער מענטש איז איר ניט אונטערוואָרפן. פרעגט הער וואַרהאַפטיק: וואָס איז דער פּחד פאַר אַ באַוואָפנטער מינדערהייט? — עס מוז זיין אַ פּחד! נאָך אַמאָל:

צוליב וואָס איז די מינדערהייט באַוואָפנט? אין וועמענס נאָמען? וואָס וועט זי טאָן מיט איר געווער?

הרב בערלין האָט גערעדט מיט גרויס געפיל קעגן שפיכות דמים. אָט דאָס איז עס: מיר ווילן ניט קיין שפיכות דמים. און אַז עס עקזיסטירט אַ באַוואָפנטע מינדערהייט — מוז זיין שפיכות דמים. זיי האָבן פאַרגאָסן אידיש בלוט — און ניט איינמאָל! עס איז אויך דאָ אַ געפאַר, אַז זיי זאָלן פאַרגיסן ניט־אידיש בלוט, — טאָר מען ניט־אידיש בלוט אויך ניט פאַרגיסן. מיר קענען דאָך ניט — ניט פרעגן: אויף וואָס וואָס דאַרפן זיי 5000 ביקסן? די דאַזיקע ביקסן זיינען געבראַכט געוואָרן ניט פאַרן פאָלק, פאַרן מיליטער, פאַר דער מדינה, — טאָ צו וואָס זיינען זיי געבראַכט געוואָרן? — מלחמה האַלטן מיט די אַראַבער? האָבן זיי דאָך צוליב דעם באַקומען געווער פון אונז, פון דער אַרמיי. און די דאַזיקע רעגירונג צוזאַמען מיט דער דאַזיקער אַרמיי האָבן דוכט זיך דערוויזן אין משך פון די לעצטע זעקס מאָנאַטן, אַז זיי קענען יאָ קעמפן מיט די אַראַבער. די דאַזיקע אַרמיי האָט מלחמה געהאַלטן. איך זאָג ניט, אַז עס זיינען ניט געווען קיין דורכפאַלן — אומעטום טרעפן דורכפאַלן; אַפילו אין אַן אַרמיי, וואָס עקזיסטירט דורות־לאַנג; אַפילו אין אַן אַלטער, רייכער, גרויסער און פעסטער מדינה. אָבער אונזער יונגע אַרמיי האָט אונז פאַרטיידיקט, — און ניט אָן הצלחה; אַביסל דרך ארץ! רעדט ניט מיט אַזאַ טאָן, רעדט ניט וועגן „דאָס צוהוליען־זיך פון סטען־האַלטערס"; די שיף טוט אויס, ווען איר רעדט וועגן אידישן מיליטער! לאָזט ניט פאַנאַנדער די צונג וועגן „סטען־האַלטערס"! די, וואָס האָבן קיינמאָל קיין סטען אין האַנט ניט גענומען צו דער פאַרטיידיקונג פון דעם ישוב, מעגן האָבן אַביסל דרך ארץ צו די „סטען־האַלטערס", וואָס האָבן געראַטעוועט דעם ישוב. אַביסל כבוד, הער וויינשטיין! זיי האָבן איך פאַרטיידיקט, איינשטעלנדיק זייער אייגן לעבן, און זיי וועלן נאָך פאַרטיידיקן! זיי זיינען גרייט דערצו. — טאָ פאַרט פאַרוואָס האָבן יענע מענטשן אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג, איבערצוגעבן זייער געווער צום דאַזיקן מיליטער און זיין רעגירונג? — די רעגירונג שטייט דאָך אין אַ בלוט־געראַנגל מיטן פיינט! די מדינה פירט אַ מלחמה אויף לעבן און טויט, און זי דאַרף האָבן געווער. איז אָט האָבן אידן געבראַכט געווער, — ניט סתם אידן, נאָר אומפאַרגלייכבאַרע „פּאַטריאָטן" און „מוטיקע קעמפער", — טאָ ווי אַזוי זאָלן מיר ניט פרעגן: פאַרוואָס האָבן זיי דאָס געווער ניט אָפּגעגעבן דער מדינה? דריי רעגימענטן, צוזאַמענגעשטעלטע פון אצ"ל־לייט, האָבן געדינט אין דער אַרמיי, וועמען זיי האָבן געשוואָרן לאָיאַליטעט; און פון די דאַזיקע דריי רעגימענטן זיינען אַנטלאָפן אצ"ל־לייט, כדי מיט כוח צו פאַרמיידן דאָס איבערגעבן דאָס געווער צו דער אַרמיי און דער רעגירונג, כדי צו פאַרזיכערן דאָס געווער פאַר אצ"ל. צוליב וואָס? — הער שאַפּיראָ האָט אַריינגעטראָגן אַ קלוגן פאָרשלאַג: לאָזן דער שיף — מיטן געווער — אַוועקשווימען פון לאַנד. אַ שאָד, וואָס הער שאַפּיראָ איז ניט קיין אצ"ל־קאָמאַנדיר און וואָס ער קען ניט אַוועקפירן די שיף. די דאַזיקע שיף האָט נאָך אין כפר־ויתקין באַקומען אַ באַפעל, אָפּצושווימען אין דער מערב־

ריכטונג (דאָס הייסט — דערווייטערן זיך פון ברעג) — האָט זי אָפּגעזאָגט. זי איז געגאַנגען דוקא קיין תל־אביב און איז בכוונה געבליבן שטעקן אין די זאַמדן פון ברעג ים. — אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז ער רעדט ניט אין זיין נאָמען, נאָר אין זייער נאָמען, און ער שלאָגט אונז פאָר, לאָזן דער שיף אַנטלויפן. האָט ער אָבער געטראַכט ביזן סוף וועגן דער סכנה, וואָס שטעקט אין דעם? — צום גליק איז די געשיכטע מיט דער שיף געשען אין די טעג פון דער פייער־פויזע. שטעלט אייך אָבער פאָר, אַז דאָס געשעט ניט אין די טעג פאַר דער פייער־פויזע, און אַט אַזאַ שיף וועט אַרומשפּאַצירן איבערן ים. — אין אַ וואָך אַרום וועט זיך ענדיקן די פייער־פויזע און אונזערע אַרמייען וועלן זיין פאַרנומען — איינע אין אַשדוד, איינע אין לאַטרון און איינע אין דזשענין. און ווען מיר וועלן זיין באַשעפטיקט מיט די אַראַבער וועלן די דאָזיקע העלדן ברענגען 5000 ביקסן, פאַר זיך אַליין. שוין היינט, ווען זיי האָבן נאָך ניט אַזאַ שפע פון געווער, פאַרזוכן זיי צו דיקטירן אונז באַדינגונגען. זיי טוען דאָס מיט דער הילף פון די, וואָס שטיצן זיי — ווער באַוואוסטזיניק און ווער אומבאַוואוסטזיניק, ווי, למשל, הער שאַפּירא, וואָס שטיצט זיי אומבאַוואוסטזיניק, וואָרים מיטן באַוואוסטזיין פאַראַכטעט ער זיי ניט ווינציקער פון מיר. — האָבן זיי אָבער פאַרלויפיק ווייניק געווער, און זייער כוח אויף אָנטאָן שאָדן איז נאָך קליין. ווי אָבער וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען זיי וואָלטן געהאַט 5000 ביקסן און 250 „ברען“־מאַשינען? מיט וואָס פאַר אַ שפּראַך וואָלטן זיי דאַן גערעדט צום ישוב און צום פאָלק און צו דער מדינה? שטעלט איר זיך דען פאָר די געפאַר, וואָס וואָלט דאַן געשוועבט איבער אונזערע קעפּ? — אָט די געפאַר דאַרפן מיר פאַרמיידן! און פאַרמיידן קען מען זי ניט מיט זיידענע הענטשקעס, נאָר מיט כוח. — אָך און וויי צו אונז, וואָס מיר דאַרפן זיך באַנוצן מיט כוח קעגן אידן. אָבער זיבן מאָל מער אָך און וויי צו אונז, וואָס אידן צווינגען אונז, צו באַנוצן זיך אַנטקעגן זיי מיט כוח, וואָס אידן פאַרשוועכן זייערע פאַרפליכטונגען צו אידן! הער שאַפּירא איז דאָס דער, וואָס אויף דער זיצונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט ער אונז מבטיח געווען אין זייער נאָמען, אַז אויב מיר וועלן מיט זיי קומען צו אַ הסכם, וועלן זיי זיך נאָכן אויפשטעלן די מדינה אַנטוואָפענען מיט זייער אייגענעם גוטן ווילן. ניט ווי הער שאַפּירא, בין איך ניט אַזוי זיכער געווען אין דער דאָזיקער הבטחה, עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז זיי האָבן דערנאָך געגעבן זייער הבטחה אויף שריפטלעך און האָבן גע׳חתמ׳עט אויף איר. אָט ליגט דאָ פאַר מיר דער הסכם, אונטערגעשריבן מיט דער אייגענער האַנט פון דעם „גרויסן גענעראַל“. — און דער גענעראַל צוזאַמען מיט זיינע חברים האָבן פאַרראַטן דעם הסכם. און הער וואָרהאַפטיק פרעגט נאָך אַלץ: וואָס איז דער פחד פאַר אַ באַוואָפנטער מינדערהייט? — ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איצט, נאָכדעם ווי דאָס געווער פון דער שיף איז ניט אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, איז ניטאָ אַזוי וואָס מורא צו האָבן (הגם עס איז נאָך איצט אויך פאַראַן אַ גרונט פאַר פחד, ווייל מיט איין ביקס קען מען אויך הרג׳ענען מענטשן); מיר ווילן זיך ניט אַרומדרייען

איבערן לאַנד אין דער באַגלייטונג פון אַ פּערזענלעכער וואַך, — איך שעם זיך מיט דער פּערזענלעכער וואַך. און איך ווייס, אַז די וואַך וועט ניט העלפן: אויב עמיצער וועט וועלן דוקא הרג׳ענען דיך — וועט ער עס אויספירן. מיט איין ביקס קען מען הרג׳ענען עטלעכע מענטשן, און מיט 5000 ביקסן קען מען אויס׳הרג׳ענען אַ גאַנצן ישוב. און אויב דער ציל איז ניט אויס׳הרג׳ענען דעם ישוב — טאָ צו וואָס דאַרף מען 5000 ביקסן? אויב אויף מלחמה צו האַלטן מיט אונזערע פיינט — האָבן דאָך צוליב דעם די אצ״ל־לייט באַקומען געווער פון דער מדינה.

ווירקלעך, מיטן אַוועקנעמען די געווער־שיף פון אצ״ל איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ שרעקלעכער אומגליק. נאָך קיינמאָל האָט דאָס פאַרברענען אַ שיף ניט אויסגעפירט אַזאַ וויכטיקע מיסיע פאַר דער זיכערקייט פון דעם ישוב, ווי דאָס פאַרברענען פון דער שיף פון אצ״ל.

עס איז ניט אַזוי וויכטיק, — הגם אַ געוויסע חשיבות איז אין דעם פאַראַן, — דער פאַקט פון ברעכן די פאַרפליכטונגען פון דער מדינה לגבי די באַדינגונגען פון דער פייער־פויזע. נאָכמער: אין דעם געגעבענעם פאַל איז מיר אַפילו ניט אַזוי וויכטיק די סאוועראַניטעט פון דער מדינה, הגם דאָס איז זיכער גאָר אַ וויכטיקער מאָמענט, וויכטיקער פון דער פייער־פויזע. געגנוג וואָס בעווין אַנערקענט ניט די סאוועראַניטעט פון אונזער מדינה, און נאָקראַשי־פּאַשאַ אַנערקענט ניט, ווי אויך אַנדערע שונאים אונ־זערע. טאָ צו וואָס זאָל זיך נאָך אצ״ל אויך אַנשליסן אָן דעם דאָזיקן כאָר?
— אָבער ניט אין דעם זע איך די הויפּט־געפאַר. די גרויסע געפאַר אין דער טאַט פון אצ״ל באַשטייט אין דעם, וואָס עס האָט געקענט געפערלעך געטראָפן ווערן אונזער שויץ־קראַפט לגבי די אַראַבישע אינוואַזיע־אַרמייען.
— שטעלט אייך פאָר, אַז נעכטן איז ניט געשען דאָס, וואָס עס איז געשען, די שיף איז ניט פאַרברענט געוואָרן און דאָס געווער ניט פאַרניכטעט געוואָרן, נאָר — פאַרקערט — דער אירגון־צבאי־לאומי האָט באַוויזן צוצונעמען דאָס גאַנצע געווער און איבערפירן עס אין זיינע אַרסענאַלן. און איך, למשל, בין ניט קיין רעגירונגס־מיטגליד, איך בין סתם אַ איד, און ווי אַ סתם־איד האָב איך אַביסל שכל אין קאָפּ און איך פרעג זיך אַליין: וואָס איז דאָ געשען?
— עס פירט זיך אַ מלחמה, אצ״ל־לייט זיינען אין מיליטער, און דאָך האָבן זיי פּריוואַט־געווער, — צוליב וואָס? קעגן די אַראַבער? — האָבן זיי דאָך געווער פון דער רעגירונג! — ניין, עס איז קלאָר, אַז דאָס איז צוליב דער פאַרזעצונג פון דעם אינערלעכן טעראָר, כדי צו קענען פּאַגראָמירן אידן, וואָס ווילן זיי קיין געלט ניט געבן, ווי אַזוי עס איז שוין אַמאָל געווען, — זיי האָבן אויך געמאָרדעט אידן, — און איך בין איינער פון די אידן, וואָס ווילן זיך ניט אונטערגעבן דעם טעראָר — פון וועמען עס זאָל ניט זיין, אַ־ין מיין רעגירונג איז ניט פעאיק אָפּצוהיטן מיך און צו פאַרמיידן געווער פון די טעראָריסטן, זי האָט מורא צו קאָנפיסקירן זייער געווער, זי גיט זיך זיי פאַקטיש אונטער. ציִ איך מיינע קאָנסעקווענצן: איך דאַרף מיט מיינע אייגענע כוחות פאַרמיידן דעם פּחד פון טעראָר. — און אין לאַנד זיינען פאַראַן אַ

סך אַזעלכע אידן, וואָס ווילן בשום אופן ניט אונטערגעבן זיך דעם טעראָר פון אצ״ל אָדער פון אַנדערע. זיי זיינען געקנאָטן פון אַ ליים, וואָס גיט זיך ניט אונטער דעם טעראָר. טאָ וואָס וועלן טאָן אַזעלכע אידן? — זיי וועלן אויך זאָרגן פאַר פּריוואַט־געווער. פאַרוואָס קומט עפּעס נאָר אצ״ל פּריוואַט־געווער? פאַרוואָס ניט אויך מיר? מיין זון? מיין חבר? מיר האָבן דאָך אויך אַדרעסן פון געווער, נאָך מיט 40 יאָר צוריק האָבן מיר זיי געהאַט, און מיר ווייסן אויך, ווי אַזוי צו ברענגען שיפן. אַפילו בעווין ווייסט, אַז מיר ווייסן. און ניט נאָר „מיר“ אַליין, ווייל דער ישוב איז ניט אייניהייטלעך. וועט איקס ברענגען געווער און וועט זיך אויפשטעלן אַ פּריוואַט־אַרמיי, און דאַן וועט איגרעק אויך טאָן אַזוי, און נאָר הער שאַפּיראָ וועט ניט טאָן אַזוי, ווייל ער האָט ניט מורא פאַר אצ״ל, וועט ער ניט זאָרגן פאַר פּריוואַט־געווער און פאַר פּריוואַט־מיליטער. איך אָבער געהער צו די פּחדנים און איך האָב מורא פאַר יעדן איינעם, וואָס האַלט אומגעזעצלעך אַ ביקס, און עס זיינען דאָ נאָך אַזעלכע ווי איך, וועלן מיר האָבן פּריוואַטע אַרמייען, מיר וועלן האָבן אַגענטורן צו דערווערבן געווער, מיר וועלן זיין אין אַ צאָל, ווי די צאָל פון פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, און אין דערזעלבער צייט וועלן מיר אויך האָבן שיפן צו טראַנספּאָרטירן געווער. אַזאַ מין אָרדענונג פון אַנאַרכיע וועט ניט זיין קיין בירגער־קריג, — דאָס וועט זיין „ברודערשאַפט“, „אַחדות ישראל“, וואָס אצ״ל׳ס מליצי־יושר בענקען אַזוי נאָך דעם. — איך ווייס, אַז הער שאַפּיראָ וויל עס ניט, אָבער דאָס, וואָס ער וויל טאָן — מוז ברענגען דערצו.

עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס האָבן געהאַט פּריוואַט געווער. עס איז געווען אַ צייט, ווען אין לאַנד האָט עקזיסטירט אַ פּריוואַטער אידישער באַוואָפנטער כוח; עס איז נאָך ניט געווען קיין ועד לאומי, קיין אידישע אַגענץ, קיין שום אַלגעמיינע אינסטיטוציע, וואָס זאָל זאָרגן פאַר דעם שוץ פון דעם ישוב, — איז געווען דאַן „אַ פּריוואַטע איניציאַטיוו“ פון יונגע בחורים, אַרבעטער־חלוצים, וואָס האָבן גענומען אויף זיך די זאָרג פאַר דער שמירה און פאַר דעם שוץ אין די אידישע ישובים. געהיט האָבן זיי ניט דוקא אַרבעטער־ווירטשאַפטן — אַזעלכע זיינען נאָך ניט געווען אין לאַנד — נאָר „בורזשואַזע“ ווירטשאַפטן, ווי אַזוי מען האָט זיי דאַן גערופן. ראָגאַטשעווסקי אין סעדזשערע איז געווען „אַ בורזשוי“, און איך האָב געהיט זיין „פאַרמעגן“. און יחזקאל ניסאנאוו — אויך אַ פּועל־ציוניסט, ווי איך, איז געווען גרייט אָפּצוגעבן זיין לעבן פאַר אַ פּאָר מויל־אייזלען פון זיין בעל־הבית — און האָט טאַקע אָפּגעגעבן זיין לעבן. אַזוי האָבן אויך געטאָן די חברים זיינע, די שומרים. זיי האָבן דאָס געטאָן פון פּריוואַטער איניציאַטיוו, ווייל עס איז ניט געווען קיין געזעלשאַפטלעכע אינסטאַנץ, וואָס זאָל זאָרגן דערפאַר. אָבער ווען עס איז אַנטשטאַנען אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע צום שוץ פונם ישוב — האָבן די שומרים אָפּגעגעבן זייער געווער צום כלל און האָבן זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פונם כלל. און איצט, ווען מיר האָבן אַ מדינה — און די מדינה שיצט דאָס פאָלק, און אצ״ל מאַכט זיך אַ פּריוואַטע אַרמיי און

פאַרזאָרגט זיך מיט פּריוואַט געווער — מיינט איר, אַז אצ״ל וועט האָבן אַ מאָנאָפּאָל אויף באַוואָפנטע כוחות, אויסער דער מדינה? — די אָרדענונג, וואָס איר פאַרטיידיקט זי, הייסט בירגער־קריג, און דער ערשטער רעזולטאַט וועט זיין: דער חורבן פון אונזער מלחמה־אָנשטרענגונג. צוויי זעלנער קענען מלחמה האַלטן אינאיינעם, נאָר מיט איין תנאי: זיי זאָלן פילן, אַז זיי זיינען גלייכע חברים און אַז איינער וועט אָפּגעבן זיין לעבן פאַרן צווייטן. עס קען אָבער ניט געמאָלט זיין, אַז צוויי זעלנער זאָלן צוזאַמען מלחמה האַלטן, ביידע זאָלן אויף די זעלבע באַדינגונגען באַקומען געווער פון מיליטער, און דער־ביי זאָל איינער פון זיי האָבן פּריוואַט, באַהאַלטן געווער, וואָס זיין חבר זאָל דערמיט גאָרניט האָבן צו טאָן. ווען קענען צוויי אַזעלכע מלחמה האַלטן, ווי חברים? — פּריוואַט געווער פאַר אצ״ל אָדער אַן אַנדער טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציע, וועט אומפאַרמיידלעך ברענגען צום צעררייסן אונזער אַרמיי אויף צוויי (און פאַרוואָס נאָר צוויי?) טיילן — מיט קעגנזייטיקן פּחד, קאָנ־קורענץ, סעפּעראַטע באַוואָפנונג. די מלחמה האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. מיר שטייען ערשט אין דער פייער־פּויזע. ניט מיר פאַרלענגערן זי אָדער רייסן זי איבער. מאָרגן קען זי זיך ענדיקן, און מיר וועלן ווידער מלחמה האַלטן. וועלן מיר קענען מלחמה האַלטן — אָן אַן איינהייטלעכער מאַכט, איינהייטלעך מיליטער, שותפות׳דיק געווער, ווען יעדע טעראָריסטישע כנופיה קען טאָן עפנטלעך דאָס, וואָס אצ״ל האָט געטאָן? — זיי האָבן איינגעלאַדן די פּרעסע נאָך איידער די שיף איז אָנגעקומען קיין תל־אביב, כדי צו פּוב־ליצירן זייער העלדישקייט און כדי צו שטעמפּלען די דאָזיקע רעגירונג, וואָס וויל ביי זיי צונעמען זייער געווער פאַר דער מדינה.

אָט אַזוי וועלן מיר מלחמה האַלטן? מאָרגן — איבערמאָרגן וועט זיך די מלחמה פונדאַסניי אויפפלאַקערן, און מיר אַלע — אויך הער פּינקס, אויך הער וויינשטיין און יעדער איינער פון אונז — וועלן דאַרפן אָנקומען צו די דאָזיקע פּלמח׳ניקעס, וואָס איר שאַצט זיי אַזוי גרינג, און מיר וועלן אַלע מתפלל זיין פאַר אַן איינהייטלעכער אַרמיי, ווייל נאָר אַזאַ קען פירן קריג.

אונזער מלחמה־אָנשטרענגונג איז געשטעלט געוואָרן אין סכנה. די אצ״ל־שיף איז עלול אויפצורייסן אונזער מלחמה־כוח. און דאָס מוזן מיר פאַרמיידן. און איך גלויב, אַז דאָס, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן קעגן דער געווער־שיף, איז געווען אַ רעטונגס־טאַט צו פאַרמיידן אַן אומגליק. פאַרן אומגליק איז פאַראַנטוואָרטלעך אצ״ל, און פאַר דער רעטונגס־טאַט — די רעגירונג, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט פאַרפירן דורך פאַלשער רחמנות. איך גלויב אין דעם רחמנות־געפיל פון הרב בערלין, אָבער דאָס איז אַ פאַרפירנדיק געפיל, וואָס איז עלול צו ברענגען צו אַ פיל מער שרעקלעכער שפיכות דמים, ווי די, וואָס איז איצט געווען; יעדער איינער, וואָס זעט דעם מאָרגן, מוז זי פאַרמיידן.

קיינער פון אונז וויל זיך ניט נוקם זיין אין עמיצן. ווען די זאַך וואָלט געוואָרן ליקווידירט, וואָלטן מיר גרייט געווען אַלץ צו פאַרגעסן. איך געהער צו די, וואָס זיינען גרייט צו פאַרגעסן און שענקען — אויב זיי וועלן אויפהערן.

אָבער זיי דאַרפֿן פֿריער אויפֿהערן. און ניט מיט אַן אונטערשריפֿט אויפֿן פּאַפּיר — וואָס וועט האָבן דעם זעלבן ווערט, ווי דאָס פּאַפּיר, וואָס ליגט דאָ פֿאַר מיר — נאָר אויב זיי וועלן פּאַקטיש אויפֿהערן און וועלן איבערגעבן דער אַרמיי זייער געווער און מיליטערישע אַמוניציע, אויב זייערע חברים וועלן זיך מאָביליזירן — אָן קיינע אָפּמאַכן — צוגלייך מיט אַלע אידן. די רעגירונג וועט מיט קיינעם ניט שליסן קיין אָפּמאַכן. אַ מדינה נעמט אַן געזעצן — און די געזעצן פֿאַרפּליכטן אַלע בירגער.

אַ סך הענגט אויך אָפּ פֿון אייך, די גוטוויליקע מענטשן. אויב איר וועט אויפֿהערן צו העלפֿן זיי, אויב איר וועט פֿון זיי פֿאָדערן דאָס, וואָס יעדער איד דאַרף פֿאָדערן — אַז זיי אַלע, גלייכע אין רעכט און פּליכטן, זאָלן זיך שטעלן צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם אידישן פֿאָלק — וועלן זיי פּילייכט אויפֿהערן, פּאַקטיש אויפֿהערן. און דאַן — נאָר דאַן — וועלן מיר פֿאַרגעסן דעם עבר. מיר דאַרפֿן זיך ניט דוקא נוקם זיין. מיר האָבן גענוג אויסערלעכע שונאים.

דאָס איז עס, רבותי. אויף דעם איז באַשטאַנען די רעגירונג. ווען די רעגירונג וואָלט זיך — צוליב פֿאַלשער רחמנות אָפּגעהאַלטן פֿון צו טאָן דאָס, וואָס זי האָט געטאָן, וואָלט זי גורם געווען צו אַ צוזאַמענברוך פֿון אונזער מלחמה־אָנשטרענגונג און פֿון דער מדינה בכלל. זאָל בעסער די שיף פֿאַרברענט ווערן איידער זי זאָל צושטעלן געווער פֿאַר די „פּורשים“. ניט וויניקער פֿון וועמען עס איז, ווייס איך וואָס פֿאַר אַ ווערט עס האָט אַ שיף. איך ווייס אויך דעם ווערט פֿון 5000 ביקסן. און דאָך איז בעסער, וואָס די שיף איז פֿאַרברענט געוואָרן און דאָס געווער פֿאַרניכטעט געוואָרן, איידער עס וואָלט אַריינגעפֿאַלן אין זייערע הענט. אין די הענט פֿון דער רעגירונג וואָלט דאָס געווער געווען אַ ברכה. זיי האָבן אָבער אָפּגעזאָגט, אָפּצוגעבן דאָס געווער דער רעגירונג, איז בעסער אַז עס איז דערטרונקען אָדער פֿאַר־ברענט געוואָרן. געבענטשט זאָל זיין דער האַרמאַט, וואָס האָט געשטורעמט די דאָזיקע שיף. אודאי וואָלט בעסער געווען, ווען מען וואָלט ניט באַדאַרפֿט אָנקומען צו געווער, ווען די שיף וואָלט אונז איבערגעגעבן געוואָרן אַ גאַנצע, אָבער אויף וויפֿל זי איז ניט איבערגעגעבן געוואָרן, איז דאָס בעסטע, וואָס עס האָט זיך געלאָזט טאָן, איז צו דערטרינקען זי.

מען האָט דאָ גע׳טענה׳ט, אַז אַ צייטווייליקע רעגירונג האָט ניט דאָס רעכט צו טאָן דאָס, וואָס זי האָט געטאָן. אודאי איז די דאָזיקע רעגירונג אַ צייט־ווייליקע, און איך האָף, אַז איר וועט פֿון איר אינגיכן פּטור ווערן, — זאָלן מיר נאָר מנצח זיין, וועלן מיר באַלד מאַכן וואַלן, — אָבער ס׳איז ריכטיק, אַז די רעגירונג איז אַ צייטווייליקע. אָבער די דאָזיקע רעגירונג — די קורצע צייט פֿון איר עקזיסטענץ, רבותי, דעצידירט די צוקונפֿט פֿון אונ־זער פֿאָלק פּילייכט אויף הונדערטער יאָרן, אַלנפֿאַלס — אויף צענדליקער יאָרן. די איצטיקע געציילטע מאָנאַטן וועלן דעצידירן אונזער גורל. אויב מיר וועלן אין דער דאָזיקער קורצער צייט, לכל הפּחות — אין דער מלחמה־תקופֿה, באַווייזן צו האַלטן זיך ווי איין מענטש, אונטער איין מאַכט, מיט

אַן איינהייטלעך מיליטער — וועלן מיר זיין אַ קוואַל פון רעטונג און גאולה פאַר אַ סך דורות פון ישראל.

און אויב אַזוי, טאָ זאָל זיך דער ראַט איינגאַנצן צוזאַמענשליסן אַרום דער רעגירונג אין איר קאַמף קעגן די „פורשים" און פולשטענדיק באַשטע־טיקן איר אַקציע, צו פאַרמיידן דעם אומגליק, וואָס איז אונז פאַרגעשטאַנען צוליב דעם אַקט פון אצ"ל; זאָל דער ראַט שטאַרקן די הענט פון דער רע־גירונג אין אירע באַמיאונגען, פאַקטיש צו פאַרזיכערן אַן איינהייטלעכער אַרמיי, איינהייטלעכע דיסציפּלין, איינהייטלעכע מאַכט; אויב דאָס אַלץ וועט פאַרווירקלעכט ווערן — וועלן מיר די „פורשים" שענקען זייערע פריערדיקע חטאים.

דאָס זיינען די פאַרשלאָגן פון דער רעגירונג — אין קעגנזאַץ צו די פאַרשלאָגן פון די הערן וויינשטיין און וואַרהאַפטיק.

י"ז בסיון תש"ח — 6. 24. 1948

# וועגן ירושלים

(אויף דער זעקסטער זיצונג פון דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט, תל־אביב)

איך באַגריס דעם באַגער פון אונזערע ירושלים'ער חברים, אַראָפּצורעדן זיך פון האַרץ. צי האָבן זיי זיך אַראָפּגערעדט ווי עס באַדאַרף צו זיין — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. איך נעם אָן די ווערטער פון דעם ראַט־מיטגליד קאַצנעלסאָן, אַז עס איז געווען אַ פּריווילעגיע, צו לעבן אין די איצטיקע טעג אין ירושלים. די מערהייט צווישן אונז האָט דערצו ניט זוכה געווען. עס איז אָבער ניט קיין גערעכטע טענה, אַז ירושלים איז באַ'עולה'ט געוואָרן. די דאָזיקע טענה, פון איר זייט, באַ'עולה'ט דעם גרויסן זכות פון הונדערטער און טויזנטער, וואָס האָבן איינגעשטעלט און אָפּגעגעבן זייער לעבן אין דעם קאַמף פאַר ירושלים.

אונזערע חברים פון ירושלים — אויב מיר זאָלן אורטיילן לויט זייערע רייד — באַגרייפן ניט, אַז דאָס פּראָבלעם פון ירושלים איז אין גרונט גענומען ניט קיין פּראָבלעם פון אַראָנזשירונגען, אויך ניט קיין פּאָליטיש פּראָבלעם, נאָר עס איז קודם כל אַ פראַגע, צי וועלן מיר האָבן גענוג מיליטערישן כוח: א) איינצונעמען די אַלטע שטאָט; ב) איינצונעמען אַ גענוג ברייטן קאָרידאָר צווישן תל־אביב און ירושלים, וואָס זאָל זיין ניט נאָר אַ וועג, נאָר אַ גאַנצער באַזעצטער, ווירטשאַפטלעכער געביט, וועלכער וועט פאַרבינדן ירושלים מיט די איבעריקע געביטן פון דער אידישער מדינה; ג) צוצוברעכן דעם כוח פון דעם אַראַבישן לעגיאָן אין דעם דרייעק. אָן די דאָזיקע דריי זאַכן קען מען ניט זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ירושלים איז באַפרייט געוואָרן און אַז עס האָט זיך אָפּגעטאָן די סכנה, וואָס שוועבט איבער איר קאָפּ.

אַט דאָס אַלץ מוזן מיר טאָן ניט נאָר אינערהאַלב ירושלים, נאָר איבער־הויפּט אויסערהאַלב ירושלים. טיילוויז ווערט עס געטאָן און וועט נאָך געטאָן ווערן. און די חברים, וואָס האָבן געהאַט די פּריווילעגיע צו לעבן אין די טעג פון דער באַמבאַרדירונג אין ירושלים — דאַרפן דאָס ניט פאַרגעסן.

אָבער בלויז מיט מיליטערישן כוח וועלן מיר ניט פאַרענטפערן אַלע פּראָבלעמען פון ירושלים. נאָכדעם ווי די אידישע אַרמיי וועט באַפרייען דאָס האַרץ פון ירושלים — די אַלטע שטאָט — און וועט איינגעמען די ברייטע שטחים צווישן תל־אביב און ירושלים, וואָס זיינען נאָך ניט אין אונזערע הענט, און וועט צוברעכן דעם כוח פון דעם לעגיאָן, — נאָכדעם אַלעמען וועט אַנטשטיין אַן ערשטקלאַסיק ווירטשאַפטלעך פּראָבלעם: ווי אַזוי צו פאַר־זיכערן אַ געזונטן, אַלץ־וואַקסנדיקן ווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט, ניט נאָר פאַר דעם עקזיסטירנדיקן ישוב אין ירושלים, נאָר אויך פאַר אַ פּערמאַנענטער עליה?

די דריטע פראַגע איז — ווי אַזוי צו פאַרזיכערן גרויסע רעזערוון פון וואַסער, ברען־שטאָף, עסנוואַרג און רוי־שטאָפן פאַר ירושלים, כל זמן עס דויערט די פייער־פויזע.

אַט דאָס זיינען די דריי גרויסע פּראָבלעמען פון ירושלים. וואָס איז שייך דער פראַגע, וועלכע האָט אַזוי אויפגעברויזט אונזערע חברים — די פראַגע פון די אינערלעכע אָרגאַנזשירונגען — טוט מיר לייד פעסטצושטעלן, אַז וואָס מיר האָבן ניט געטאָן, איז זיי אַלץ ניט געפעלן. מיר האָבן באַשטימט איין מענטשן — האָט מען אַפּעלירט; האָבן מיר באַשטימט אַ קאָמיסיע — האָט מען ווידער אַפּעלירט; איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מיליטערישע מאַכט — האָט מען אַפּעלירט; וועלן מיר אויפשטעלן אַ ציווילע מאַכט — וועט מען ווידער אַפּעלירן. איך באַשולדיק ניט די פאַרשטייער פון ירושלים. דער ישוב אין ירושלים איז אַן אייגנאַרטיקער, האָב איך מורא, אַז קיין שום אָרדענונג וועט זיי ניט געפעלן ווערן, באַזונדערס כל זמן מיר וועלן ניט באַהערשן די אַלטע שטאָט און דעם וועג קיין ירושלים און כל זמן דער שונא וועט קענען שטורעמען און באָמבאַרדירן ירושלים.

פאַר דער רעגירונג שטייט אַן ערנסטע פראַגע: צי באַשטימען דוקא אין ירושלים אַ גאָווערנאָר? — אַוודאי דאַרף מען עס טאָן. מען מוז עס טאָן. אָבער געוויינלעך איז שווער אַנצוהענגען אַ גלעקל דער קאַץ אויפן האַלז. הלואי זאָל זיך צווישן אונז געפינען אַ חכם, וואָס זאָל מאַכן אַ פאַרשלאַג — אָננעמבאַר פאַר אַלע איינוואוינער פון ירושלים.

עפּעס האָבן מיר געטאָן. אויב, נאָך אַלעמען, אין אַ לאַגע פון באַלאַגערונג און באָמבאַרדירונג, איז געווען אַ מינימום (און אפשר ווייניקער פון אַ מיני־מום) פון עסנוואַרג, איז עס צו פאַרדאַנקען ניט נאָר די, וואָס האָבן פון אויסער־האַלב ירושלים אָרגאַניזירט דעם טראַנספּאָרט פון עסנוואַרג, נאָר אויך די, וואָס זיינען געווען אינערהאַלב ירושלים. איך וועל דאָ ניט אָנרופן די נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די פאַרטיילונג פון די שפּייז־פּראָ־

דוקטן און האָבן עס געמאַכט מיט טאַלאַנט, מיט איבערגעגעבנקייט און געד טריישאַפט. מען טאָר ניט פאַרמינערן זייערע פאַרדינסטן.

מען דאַרף ניט פאַראיבל האָבן אויף אונזערע חברים פון ירושלים, וואָס זיי האָבן ניט געבראַכט קיין קאָנסטרוקטיווע פאָרשלאָגן. אָבער דער פאָר־שלאָג אויפצושטעלן אַ קאָמיסיע, שיינט ניט צו זיין אַ קאָנסטרוקטיווער. דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך פון אונז אין איצטיקן מאָמענט, איז קודם כל — ערנסטע מיליטערישע צוגרייטונגען איינצונעמען די געביטן, וואָס פירן צו ירושלים, און פולשטענדיק צו באַפרייען די שטאָט. איך האָף, אַז מיר וועלן עס טאָן מיט אונזערע בעסטע מעגלעכקייטן.

מען דאַרף זאָרגן פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון ירושלים. ד״ר גראַנאָווסקי שטייט אין שפיץ פון „חברת־ירושלים״, וואָס איינע פון אירע הויפט־אויפגאַבן איז, ווירטשאַפטלעך צו פאַרפעסטיקן ירושלים; צווישן אַנדערן — פאַרשטאַרקן דעם אוניווערסיטעט, איבערצופירן — אויף וויפל עס לאָזט זיך נאָר — אַלע לערן־ און בילדונגס־אַנשטאַלטן קיין ירושלים, — און ניט ערגעץ אַנדערשוואו, — וואָס פאַר אַ סטאַטוס ירושלים זאָל ניט האָבן. בילדונג און קולטור געהערן צו די „אינדוסטריען״ וואָס זייער פּלאַץ דאַרף זיין אין ירושלים, וואָס עס דאַרף זיי אימפּאָנירן צו זיין אין ירושלים: אידישע וויסנשאַפט, אידישע קולטור, אידישע קונסט — איבער זיי אַלע דאַרף שוועבן דער גייסט פון ירושלים. — אָבער דוקא די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן זיינען שווער ווי קריעת ים סוף. באַשטימען אַ גאָווערנאָר פאַר ירושלים, אָדער אויפשטעלן אַ קאָלעקטיווע אינסטאַנץ פאַר ירושלים, אַזאַ וואָס זאָל זיין אָנ־גענומען ביי אַלע קרייזן אין ירושלים — איז זייער שווער. עס איז נאָך דאָ דער ועד לאומי, עס זיינען דאָ רעשטלעך פון דער אַגענץ, עס זיינען פאַראַן, אַן אַשכנזישער ועד הקהילה און אַ ספרדישער ועד הקהילה און אַ. ז. וו. און אַ. ז. וו. אידן האָבן בכלל ניט ליב קיין מאַכט, און איבערהויפּט — אין ירושלים.

די דרינגענדע זאָרג איז איצט פאַר גרויסע, מאַקסימאַלע רעזערוון. מיר וועלן קיינמאָל ניט באַוויזן צוצוגרייטן צו־גרויסע רעזערוון. אָבער אויב עס וועט זיך באַנייען די מלחמה טאָר מען ניט דערלאָזן, אַז ירושלים זאָל זיך ווידער געפינען אין אַזאַ לאַגע, ווי אין די טעג, ווען ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די מדינה און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אָרגאַניזירטע אינוואַזיע.

די חברים, וואָס וועלן זיך אומקערן קיין ירושלים, דאַרפן איבערגעבן דעם ירושלים׳ער אידישן ישוב, אַז ער איז ניט פאַרגעסן געוואָרן — ניט נאָר אין דיבורים און רעדעס און „התקוה״, נאָר אויך אין דער סאַמע ערנסטער זאַך — אין דער מלחמה. טויזנטער פון אונזער יוגנט גיבן אָפּ זייער לעבן פאַר דער באַפרייאונג און אויסלייזונג פון ירושלים. די אויסדער־ווילטע שטאָט האָט קיין מזל ניט. דוד המלך האָט זיך אויסגעקליבן פאַר אַ הויפּטשטאָט אייינעם פון די שווערסטע ערטער אין לאַנד. און אונזערע דורות האָבן ניט געזאָרגט פאַר אומפּאַסנדיקע פאַרבינדונגען, — פאַרבינדונגען פון באַזעצטע שטחים, — מיט דער הויפּט־שטאָט. עס איז געשען אַ נס — עס איז פאַרבליבן אַ אידישע מערהייט אין ירושלים, און די מערהייט האַלט

אין איין וואַקסן. עס איז אָבער ניט גענוג צו האָבן אַ אידישע מערהייט אינערהאַלב דער שטאָט, — עס איז נויטיק אַ אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע סביבה; עס איז נויטיק אַ וועג קיין ירושלים, וואָס זאָל פון ביידע זייטן זיין באַדעקט מיט אידישע ישובים. מיר טראָגן איצט די שטראָף פאַר דער דאָזיקער פאַרנאַכלעסיקונג, און מיר דאַרפן אין די טעג פון קריג פאַרריכטן דאָס, וואָס מיר האָבן שלעכט געמאַכט אין די טעג פון שלום. איך האָף, אַז מיר וועלן עס טאָן. אַ התחלה איז שוין געמאַכט געוואָרן. מיר הערשן איבער אַ שמאָלן וועג. און מען וועט אים מוזן אויסברייטערן פון צפון און פון דרום, ווי אויך באַדעקן אים פולשטענדיק מיט מיליטעריש־לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים. דאָס וועט געטאָן ווערן, אויב עס וועט פאַרשטאַרקט ווערן אונזער קרינגס־אָנשטרענגונג — אַן אָנשטרענגונג, וואָס די פּירות אירע וועלן מיר עסן אין דער צייט פון קריג, און דער קרן וועט פאַרבלייבן פאַר די טעג פון שלום.

אונזער מיליטערישער כוח — דאָס איז איצט דער אלף און דער תיו פון אונזער עקזיסטענץ און צוקונפט. פון דעם הענגט אָפּ דער גורל פון ירושלים; און דער גורל פון יעדן אַנדער אָרט, הענגט אָפּ פון אונזער מיליטערישן כוח, ווייל די געאָגראַפישע סיטואַציע פון ירושלים איז אַן אַנדערע פון יעדן אַנדער פונקט. די אויסלייזונג פון ירושלים הענגט אָפּ פון דער אויסלייזונג פון דעם וועג קיין ירושלים, און די אויסלייזונג פון דעם וועג באַשטייט ניט נאָר אין זיין דעראָבערונג, נאָר איבערהויפּט אין זיין אויפבוי; סיי די דעראָבערונג און סיי דער אויפבוי פאָדערן אַ מיליטערישן כוח — אַ קעמפנדן און קאָלאָניזאַטאָרישן.

ניט וועגן אַלץ לאָזט זיך און לוינט זיך איצט צו רעדן, ווען אפילו ניט אַלץ ווערט פּובליצירט. אין קריג מוזן מיר אַ סך זאַכן פאַרשווייגן. לאָמיר זיך ניט פאַרנעמען מיט קראַצן וואונדן — לאָמיר בעסער פאַרשטאַרקן אונזער כוח.

איך פאַרשטיי ניט די טענה פון די ירושלימ'ער חברים, אַז עס זיינען איבערן גאַנצן לאַנד ניט מאָביליזירט געוואָרן מענער אין עלטער ביז 45 יאָר. עס איז ניט נויטיק געווען. מיר דאַרפן האָבן אין לאַנד מענטשן צו דער אַרבעט. ירושלים אַליין דאַרף אויך באַקומען אַפּראָוויזאַציע, און די אַפּראָוויזאַציע קומט פון אויסערהאַלב ירושלים. די דאָזיקע אַפּראָוויזאַציע דאַרף מען פּראָדוצירן, זאַמלען, קאָנצענטרירן, אָנלאָדן און טראַנספּאָרטירן. אין דער דאָזיקער אָנשטרענגונג לטובת ירושלים האָבן זיך באַטייליקט אַ סך ישובים, אַ סך בעלי־מלאכה'ס און אַרבעטער — לאַנדווירטן און שאָפערן, גאַראַזש־אַרבעטער, טרעגער און ד. גל. — גאַנץ ארץ ישראל האָט געדאַרפט זאָרגן און האָט געזאָרגט פאַר דער באַשפּייזונג פון ירושלים, און מיר ווילן ניט, אַז מדינת־ישראל זאָל אויסגעהאַלטן ווערן בלויז אויפן חשבון פון דעם גלות־אידנטום. מיר דאַרפן אייגענע פּראָדוקציע, אַרבעט, לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטרי, טראַנספּאָרט, בוי־טעטיקייט, פּאַרטן, — מיר דאַרפן אויפהאַלטן די ווירטשאַפט. און דאָס אויפהאַלטן די ווירטשאַפט דערלויבט אונז ניט, צו

מאָביליזירן דעם גאַנצן מענטשן־מאַטעריאַל פאַר דער מלחמה אַליין. אין ירושלים איז מעגלעך געווען צו מאָביליזירן מער מענטשן פאַר פאַרטיידיקונג און פאַרפעסטיקונגס־אַרבעטן, און מען דאַרף אין דעם ניט אײנזען קיין דיס־קרימינאַציע. לאָמיר ניט שטעלן ירושלים אַנטקעגן דעם לאַנד, און דאָס לאַנד אַנטקעגן ירושלים, — מיר זיינען אַלע אין דעם זעלבן געראַנגל. ירושלים האָט געליטן מער פון אַנדערע ישובים אין לאַנד, — איך וואָלט אָבער ניט געוואָלט, אַז מיר זאָלן פאַרמינערן די פאַרדינסטן פון די ישובים אין עמק הירדן, גליל העליון, אין נגב, אין דער שפלה און א. ז וו., וואָס זיי זיינען אויך געפּרואווט געוואָרן מיט ליידן און גבורה, אבידות און חורבן, און מיר וועלן אויך זיי אייביק געדענקען מיט כבוד און שטאָלץ.

עס איז נאָך אָבער ניט געקומען די צייט צו געבן אויסצייכענונגען. דער עקזאַמען האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, עס וועט זיך נאָך פון אונז פאָדערן אַ טאָטאַלע אָנשטרענגונג — אַ גייסטיקע און אַ פיזישע, אַ ווירטשאַפטלעכע און אַ מיליטערישע. עס זיינען דאָ דעפעקטן אין אונזער אַרבעט — טאָ לאָמיר זיי פאַרריכטן ניט מיט קעגנזייטיק אַמפערן זיך, נאָר מיט אַ געמיינזאַמער אָנשטרענגונג.

*

צו דער פראַגע וועגן ירושלים — צי געפינט זי זיך אינערהאַלב דער אידישער מדינה, צי ניט: איצט עקזיסטירן נאָר פאַקטישע גרענעצן, איבער וועלכע עס געוועלטיקט די אידישע אַרמיי. ביז עס וועט איינגעשטעלט ווערן שלום און עס וועלן — מיטן אינטערנאַציאָנאַלן שטעמפּל און מיט דער הסכמה פון די צדדים — פעסטגעשטעלט ווערן די גרענעצן, רעדן מיר וועגן די גרענעצן פון דער אידישער רעגירונג (פאַרלויפיק, לײדער, אָן דער אַלטער שטאָט) פונקט ווי וועגן תל־אביב, און עס איז ניטאָ קיין שום אונטערשייד צווישן ירושלים און תל־אביב, צווישן חיפה און חניתה און אַסלודזש. אַלע זיינען זיי אין די גרענעצן פון דער אידישער רעגירונג.

ט״ו בתמוז תש״ח — 1948 .22 .7

# געשפאַנט אַנטקעגן די קומענדיקע טעג

(אויף דער עלפטער זיצונג פון דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט, תל־אביב)

רבותי! מיר האָבן ווידעראַמאָל אַ פייער־הפסקה, און דאָסמאָל — אָן אַ פאַרויסבאַשטימטן סוף. און דאָך קען מען ניט זאָגן מיט זיכערקייט, אַז די מלחמה איז ניט עלול צו באַנייען זיך. מען קען דאַקעגן זאָגן אָן קיין שום צווייפל, אַז עס שטייט אונז פאַר אַ שווערער, ערנסטער, פיליכט דעצידירנדער פּאָליטישער געראַנגל. דער אויספיר איז, אַז מיר מוזן קודם כל פאַרבלייבן פול־באַוואָפנט און זיין גרייט און געשפּאַנט צום קאַמף, אויב עס וועט ווידער אויפפלאַקערן די מלחמה. נאָר מיט פולער און וואַקסנדיקער מיליטערישער גרייטקייט וועלן מיר אויסהאַלטן ביידע פראָנטן — דעם מיליטערישן און דעם פּאָליטישן.

און אויף וויפל מיר זיינען ניט זיכער אין אַ נאָענטן שלום, איז נאָך ניט די צייט, צו דערציילן מיט אַלע פּרטים וועגן דעם ביז־איצטיקן מלחמה־קאַפּיטל — ווי אַזוי און מיט וועלכע מיטלען מיר זיינען געקומען צו אונזער איצטיקן מצב, ווי אַזוי האָבן מיר אויסגעהאַלטן, איינצלנע און ווייניקע, כמעט 8 חדשים, צוערשט אַנטקעגן די ארץ ישראל׳דיקע באַנדעס, און דערנאָך אַנטקעגן באַוואָפנטע כוחות, וואָס זיינען אַריינגעדרינגען פון די שכנות׳דיקע לענדער, און צום סוף — נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה — אַנט־קעגן רעגולערע אַרמייען פון אַלע אַראַבישע מדינות.

עס איז ניט קלאָר, צי האָט זיך שוין דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פאַרענדיקט. דאַרפן מיר מער זאָרגן פאַר זיין פאַרזעצונג און געוואונטשענער פאַרענדיקונג, איידער פאַר דער שילדערונג פון די פאַרגאַנגענע אַנטוויקלונגען. איך צווייפל אַפילו, צי זיינען מיר מסוגל — שטייענדיק אין די סאַמע געשעענישן און זייענדיק אַזוי נאָענט צו זיי — ווי געהעריק אָפּצושאַצן אַלץ, וואָס איז פאַר־געקומען אין פאַרלויף פון די דאָזיקע מאָנאַטן.

עס זיינען ביז איצט געווען דריי צייט־אָפּשניטן אין דער דאָזיקער מלחמה. דער ערשטער האָט געדויערט פינף און אַ האַלב חדשים, פון דעם 30־טן נאָ־וועמבער ביז צום 14־טן מאַי; מיר זיינען דאַן געשטאַנען קעגן ניט־רעגולערע כוחות, קעגן באַנדעס. דער צווייטער צייט־אָפּשניט האָט געדויערט 4 וואָכן, פון דעם 14־טן מאַי ביז צום 11־טן יוני, ווען מיר זיינען געשטאַנען קעגן די אַרמייען פון סיריע, לבנון, איראַק, עבר הירדן, מצרים. און צום סוף — די לעצטע צען טעג — פון דעם 9־טן יולי ביז צום 19־טן יולי. אין דער

דאָזיקער לעצטער תקופה איז צוגעקומען נאָך אַ מדינה, סעודיה, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אירע חיילות צו אונז אין לאַנד.

די דאָזיקע דריי צייט־אָפּשניטן דערמאָנען אונז זייער אייניקע קאַפּיטלעך פּן תנ״ך, באַזונדערס פון יהושע און שופטים. גלייך ווי אין אונזערע טעג וואָלטן געשריבן געוואָרן די פאָלגנדע פסוקים: „און עס איז געווען, אַז אַלע מלכים וואָס אויף דער זייט ירדן, אין דעם געבערג, און אין דער נידערונג, און אויף דעם גאַנצן ברעג פון ים־הגדול, אַקעגן לבנון, דער חתי, און דער אמורי, דער כנעני, דער פרזי, דער חוי, און דער יבוסי, האָבן דערהערט, אַזוי האָבן זיי זיך איינגעזאַמלט אינאיינעם, מלחמה צו האַלטן מיט יהושוען און מיט ישראל, מיט איין מויל״ (יהושע, ט, א־ב). — „און דאָס זיינען די מלכים פון לאַנד וואָס יהושע און די קינדער פון ישראל האָבן געשלאָגן... אין דעם געבערג, און אין דער נידערונג, און אין דעם פּלוין, און אויף די אַראָפּגאַנגען, און אין מדבר, און אין דעם נגב... אַלע מלכים, איין און דריי־סיק״ (יהושע, י״ב, ז — כ״ד). עס האָבן זיך בלויז געענדערט די נעמען פון די „מלכים״.

אָבער אין איין הינזיכט איז די איצטיקע מלחמה אַנדערש פון די תנ״ך־מלחמות. דאַן האָבן די קינדער פון ישראל מלחמה געהאַלטן נאָר מיט די איינוואוינער פון לאַנד און מיט שייכן פון שטעט און דערפער, וואָס זיינען געקרוינט געוואָרן מיטן גרויסן און שרעקלעכן נאָמען „מלך״ — מלך ירמות ומלך לכיש ומלך יריחו, מלך עגלון, מלך גזר, מלך דביר. ווען מיר זאָלן זיך אויך איצט באַנוצן מיטן סטיל פון תנ״ך, דאַרפן מיר רופן אונזערע קעגנער מיט די נעמען: מלך בית־סוסין, מלך בית־נבאללה, מלך בית־מחסיר און אַ. ז. וו. — אָבער אויך אַ וויכטיקע זאַך — אויסער די נעמען — האָט זיך געענדערט אין אונזער איצטיקער מלחמה אין פאַרגלייך מיט די תנ״ך־מלחמות. דאָסמאָל האָבן מיר מלחמה געהאַלטן מיט אַלע שכנות׳דיקע לענדער. קיינמאָל אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק האָבן מיר זיך ניט געטראָפן אויפן שלאַכט־פעלד מיט די אַלע שכנים אונזערע צוזאַמען. אונזערע פיינט, וואָס האָבן קעגן אונז מלחמה געהאַלטן די לעצטע וואָכן, זיינען ניט קיין פנים חדשות אין אונזער געשיכטע; מיר האָבן זיך שוין ניט איינמאָל געטראָפן מיט מצרים, מיט אַשור, מיט בבל, מיט אַרם. אָבער קיינמאָל האָבן מיר זיך ניט געטראָפן מיט זיי אַלעמען אינאיינעם. עס איז קיינמאָל ניט געשען אין דער היסטאָריע פון ארץ ישראל, אַז די אַרמייען פון די אַלע לענדער זאָלן אין איינער און דערזעלבער צייט אַריינדרינגען קיין ארץ ישראל. מיר האָבן מלחמה געהאַלטן מיט מצרים באַזונדער, מיט אַשור און בבל באַזונדער, מיט אַרם באַזונדער, מיט עמלק באַזונדער, מיט די כנענים באַזונדער. אָבער דאָס ערשטע מאָל אין אונזער געשיכטע, אַז אַלע די דאָזיקע פעלקער זאָלן זיך צונויפ־נעמען אינאיינעם כדי מלחמה צו האַלטן מיט אונז; אונזער יונגע אַרמיי איז געשטעלט געוואָרן אַנטקעגן אַלע פעלקער פון דעם מיטעלן מזרח און זייערע אַרמייען. אין אונזער גאַנצער געשיכטע, אין משך פון 3500 יאָר, איז נאָך אַזוינס ניט געשען.

עס איז דאָ נאָך אַ פּאַרגלייך צווישן דער איצטיקער מלחמה און די תנ״ך־מלחמות: די מלחמה פון שאול און יהונתן קעגן די פּלשתים. די פּלשתים האָבן דאַן געזאָרגט, אַז „אַ שמיד זאָל זיך ניט געפינען אין גאַנצן לאַנד ישראל, ווארים די פּלשתים האָבן געזאָגט: טאָמער וועלן די עברים מאַכן אַ שווערד אָדער אַ שפּיז... אזוי איז געשען, אַז אין טאָג פון מלחמה האָט זיך ניט געפונען אַ שווערד אין דער האַנט פון דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט שאולן און מיט יונתנ׳ען״ (שמואל א, י״ג, י״ט — כ״ב). — אויך די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אָנגענומען די זעלבע מיטלען, וואָס די פּלשתים, אַז עס זאָל ניט זיין קיין „שמיד״ אין ישראל און עס זאָלן ניט זיין „אַ שווערד און אַ שפּיז״. די יבשה־לופט־ און ים־כוחות פון דער בריטישער רעגירונג האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז ישראל זאָל ניט קריגן קיין געווער פון דרויסן; און די בריטישע פּאָליציי האָט געזוכט און גענישטערט, צי פּראָדוצירן מיר ניט קיין געווער דאָ אין לאַנד. מיר געדענקען נאָך די אונטערזוכונגען, וואָס זיינען אונטערגענומען געוואָרן דורך מעכטיקע מיליטער־ און פּאָליציי־כוחות אין אונזערע זידלונגען, אין אונזערע שולן און בתי־מדרשים, כדי אויסצוגעפינען און קאָנפיסקירן יעדן „שווערד און שפּיז״ אין ישראל. עס זיינען אויך איינגעפירט געוואָרן דראַסטישע געזעצן קעגן מיליטערישע איבונגען, — געמיינט האָט מען דעם אידישן ישוב. איך קען נאָך אין איצטיקן מאָמענט ניט דערציילן, ווי אַזוי, נאָך דעם אַלעמען, האָבן מיר דאָך אויסגעשטאַטעט און באַוואָפנט די כוחות פון ישראל. — די פיינטלעכע אַרמייען האָבן מער קיין שום ספקות ניט אין באַצוג צו דער שרעקלעכער צעשטערונגס־קראַפט פון אונזער מיליטער.

איך ווייס ניט, וויפל פון די, וואָס זיצן דאָ אין זאַל, וואָלטן גרייט געווען מיט 9—10 חדשים צוריק, צו געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, אויב מען וואָלט זיי דאַן געפרעגט, צי גלויבן זיי, אַז דער אידישער ישוב איז אימשטאַנד אויסצוהאַלטן — אָן אויסערלעכער הילף — אַ פּאַראייניקטן אַנגריף מצד אַלע רעגולערע אַרמייען פון די אַראַבישע מדינות.

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט די געשיכטע געגעבן איר ענטפער אין די לעצטע מאָנאַטן — און אויף אַ גאַר אויסטערלישן אופן אין די צען טעג, וואָס צווישן ביידע פייער־הפסקות, הגם דאָס איז נאָך ניט קיין אַנט־גילטיקער, דעצידירנדיקער ענטפער. עס האָט זיך נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט דער עקזאַמען, אָבער דער געגעבענער ענטפער איז אַ צופרידנשטעלנדיקער. מיר זיינען געשטאַנען קעגן דעם פּאַראייניקטן אַנגריף פון אַלע אַראַבישע רעגולערע אַרמייען און מיר זיינען זיי בייגעקומען. מיר זיינען געשטאַנען פון זינט דעם 15־טן מאַי — אויף מאָרגן נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה — און ביזן 11־טן יוני. די פאַרשווערונג, אָדער די איינרעדעניש וועגן אַ בליץ־אָקופּירונג, איז פולשטענדיק דורכגעפאַלן. די פאַרשווערער האָבן אָבער ניט געוואָלט, אָדער זיי זיינען ניט מסוגל געווען, צו אַנערקענען די איבעררעאַשנדעווירקלעכקייט, און ווען דער יו־ען פאַרשטייער האָט פאַר־געשלאָגן, פאַרצוזעצן די פייער־פּויזע, האָט די רעגירונג פון ישראל מסכים געווען, און די אַראַבישע מדינות האָבן אָפּגעזאָגט. עס זיינען געווען אַזעלכע,

וואָס האָבן אין אונזער הסכמה איינגעזען אַ סימן פון שוואַכקייט, און אין דעם אַראַבישן אָפּזאָג — אַ סימן פון זעלבסט־זיכערקייט. די צען טעג — צען גרויסע טעג אין דער אידישער געשיכטע — נאָכן 10־טן יולי, האָבן געגעבן די אַראַבישע פעלקער, זייערע וועג־ווייזער און דער גאַנצער וועלט, דעם בעסטן און באַלערנדיקסטן ענטפער. נאָך דער פאַרשטאַרקטער בלאָקאַדע, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף אונזער לאַנד, כדי עס זאָלן ניט קומען קיין „שווערד און שפּיז" צום פאָלק פון ישראל, האָבן די אַרמייען פון ישראל. נאָך דער פייער־הפסקה, אונטערגענומען אַ גרויסן אָנגריף אויף די צענט־רען פון דעם אַראַבישן כוח אין לאַנד און האָבן געשלאָגן די מלכים פון לוד און ראַמלע, די מלכים פון בית־נאַבאַללא און דיר־טריף, די מלכים פון קולע און מגדל־צדק, די מלכים פון צרעה און אשתאול, די מלכים פון ארטוף און עין־כרם אין דער נידערונג, די מלכים פון חתה און כרתיה אין דרום, די מלכים פון שפרעם און צפורי, די מלכים פון עין־מהיל און כפר־כנה און נצרת און נימרין אין גליל, די מלכים פון לוביה און קרן־חטין (די קרן־חטין, וואו צאלאַח־אַ־דין האָט געשלאָגן די אַרמייען פון די קרייץ־פאַרער) — אַלע דאָזיקע ערטער זיינען דורך אונז איינגענומען געוואָרן אין פאַר־לויף פון די צען טעג, און די אַרמייען פון מצרים און עבר הירדן, פון בבל (דאָס איז איראַק), סיריע, לבנון און קאַאוקאַדזשי זיינען געשלאָגן געוואָרן, פאַרלירנדיק העכער 5000 מאַן. צו דעם שטח, וואָס אונזער מדינה האָט געהאָט פאַר דער פייער־הפסקה, — סיי לויט די גרענעצן, וואָס די יו־ען האָט באַשטימט, און סיי אויסער די גרענעצן, — זיינען אין משך פון די צען טעג צוגעקומען נאָך טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער — אין דרום, אויפן וועג צו ירושלים, אין דער געגנט פון לוד און ראַמלע, אין דרום־זייט פון חיפה, און אין צענטער פון גליל — פון צפון־מערב און פון צפון צו נצרת, איינשליסנדיק נצרת.

איך האָף, אַז עס וועט קומען דער טאָג — ער איז ניט ווייט — ווען עס וועט מעגלעך זיין צו דערציילן מיט אַלע פּרטים די גרויסע, וואונדערבאַרע עפּאָפּיי — ווי אַזוי עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן, ווי אַזוי עס זיינען אָרגאַניזירט, אויסגעשטאַטעט, אויסגעשולט און באַוואָפנט געוואָרן די אידישע כוחות, וואָס האָבן אָט דאָס אַלץ אויפגעטאָן. פאַרלויפיק וועל איך זיך נאָר אָפּשטעלן אויף איין געהיימען כלי־זיין, וואָס האָט אונז מער פון אַלץ גע־האָלפן אויסצוהאַלטן די דאָזיקע אַכט מאָנאַטן און האָט גורם געווען צו אונזערע דעראָבערונגען: דער גייסט פון דעם אידישן מענטש, פון דעם אידישן חלוץ און דעם אידישן קעמפער; דער גייסט פון אידעאַל, פון גלויבן און איבערגעגעבנקייט, וואָס קלאַפּט אין האַרץ פון אונזער יוגנט, אין האַרץ פון אונזערע קאָלאָניסטן און אין האַרץ פון אונזערע אַרמייען; דער גייסט, וואָס מיט זיין הילף האָבן מיר אין משך פון 70 יאָר געבויט אויף וויסטענישן פּי־מענטש און ערד און האָבן געשאַפן ווירטשאַפט, קולטור און אידישן כוח. מיט דער הילף פון דעם דאָזיקן גייסט האָבן מיר ביז איצט געזיגט. און

אויב מיר וועלן ווידער געשטעלט ווערן פאַר אַ מלחמה־פּראָבע, גלויב איך, אַז מיר וועלן ווידער מנצח זיין.

אין דער ערשטער פייער־פויזע, וואָס האָט געדויערט 4 וואָכן, זיינען מיר, פאַרשטייט זיך, ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. די דעראָבערונגען און נצחונות אין די צען טעג פון דער באַנייטער מלחמה זיינען ניט אין אַ קליינער מאָס צוגעגרייט געוואָרן דורך די אָנשטרענגונגען, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין פאַרלויף פון די 4 וואָכן פון דער פייער־פויזע.

*

מיר שטייען איצט אין אַ פייער־פויזע פאַר אַן אומבאַשטימטער צייט. און עס איז אונזער פליכט אויסצושמידן און אויסצובעסערן אונזער כוח פיל־פאַכיק, און ניט נאָר אונזער מיליטערישן כוח. מדינת־ישראל איז אַנטשטאַנען פון אַ מלחמה־שטורם, און נאָך פון פאַר איר געבורט זיינען מ׳ר געווען געצוואונגען אַריינצולייגן אַלע אונזערע כוחות און אַלע אָנשטרענגונגען אין דער זעלבסט־פאַרטיידיקונג קעגן דעם פיינט. אָבער מדינת־ישראל איז ניט אויפגעשטעלט געוואָרן, כדי צו פירן שלאַכטן און קומען צו מיליטערישע דעראָבערונגען. זי איז אַפילו ניט באַרופן בלויז צו פאַרזיכערן דעם שלום און וואוילטאָג פון אירע אייגענע בירגער. אויף מדינת־ישראל איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַן אייגנאַרטיקע מיסיע — אייגנאַרטיק אין דער געשיכטע פון אונזערע צייטן, — אַ מיסיע, וואָס אַן איר האָט די מדינה ניט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג: דאָס פאַרבויען די וויסטענישן אין לאַנד אין קיבוץ־גלויות, — קאָלאָניזאַציע און עליה אין אַ גרויסן מאַסשטאַב — דאָס זיינען די הויפּט־אויפגאַבן פון אונזער מדינה. און אין דער איצטיקער פייער־פויזע — וואָס קיינער ווייסט ניט ווי לאַנג זי וועט דויערן — זיינען מיר באַרופן, צוגלייך מיט דער פאַרשטאַרקונג פון אונזער מלחמה־גרייטקייט, צוצוטרעטן צו דער אָרגאַניזירונג פון אַ מאַסן־עליה און צו אַ ברייטצוגיקער קאָלאָניזאַציע, — צוצוטרעטן סיסטעמאַטיש און מיט אַ מלוכה־פּאַרנעם. די דאָזיקע צוויי אַקציעס זיינען אונז נויטיק, ווי אין דער מיליטערישער, אַזוי אין דער פּאָליטישער הינזיכט.

און נאָך אַ באַמערקונג: דער יו־ען־פּלענום האָט אויסגעקליבן אַ פאַרמיטלער, אויף צו פאַרמיטלען צווישן אונז און די אַראַבער. די צייטווייליקע רעגירונג און דער צייטווייליקער מדינה־ראַט האָבן זיינערצייט פעסטגעשטעלט אונזער שטעלונג צו דעם פאַרמיטלערס פאַרשלאַגן, און מיר האָבן איצט ניט וואָס צוצוגעבן, באַזונדערס נאָכדעם, ווי מיר האָבן אַן איבעריק מאָל דערוויזן אונזערע מיליטערישע פעאיקייטן און האָבן געמאַכט אונזערע נייע טעריטאָריאַלע דעראָבערונגען. אויב עס וועט נגזר זיין, אַז די מלחמה זאָל זיך באַנייען — וועלן מיר זי פאַרזעצן מיט מער בטחון, און קיינער קען ניט פאַרויסזאָגן, ווי ווייט מיר וועלן נאָך אַרויסווייזן אונזער כוח און ווי גרויס אונזערע דעראָבערונגען קענען נאָך זיין. און דאָך, מיט דעם גאַנצן וואוקס פון אונזער גלויבן אין דעם מיליטערישן כוח פון דער אידישער

מדינה, דאַרפֿן מיר זיך אָנכאַפּן אָן יעדן שאַנס, אָן יעדער געלעגנהייט, און, פּיליכט אָן דער הילף פֿון פּאַרמיטלער, דירעקט צו געפֿינען אַ שותּפֿות׳דיקע שפּראַך מיט די אַראַבישע פֿעלקער, — אַ געמיינזאַמע שפּראַך ניט אויפֿן חשבון פֿון אונזערע רעכט, אונזערע שטרעבונגען און דערגרייכונגען, נאָר אויפֿן באַזיס פֿון די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די אומגעהויערע דימענסיעס פֿון דעם מיטעלן מזרח און אין די צוויי סעמיטישע פֿעלקער — אידן און אַראַבער, — אויב נאָר זיי וועלן באַוויזן צו קאָאָפּערירן, אַלס פֿרייע, אומאָפּהענגיקע פֿעלקער, גלייכע און פֿאַרבינדעטע — לטובת דעם דאָזיקן טייל פֿון דער וועלט, און אפֿשר אַפֿילו פֿאַר דעם פֿרידן און פֿאַר דער פֿאַנאַנדערבליאונג פֿון דער גאַנצער וועלט.

נאָר פֿאַרבינדנדיק זיך מיט מדינת־ישׂראל און פֿאָלק־ישׂראל, וועט די אַראַבישע וועלט זיין אימשטאַנד, צו באַפֿרייען זיך פֿון איר אָפֿענער און באַהאַלטענער פֿאַרשקלאַפֿונג און אָפּהענגיקייט פֿון אויסערלעכער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. און נאָר קאָאָפּערירנדיק מיט אונזערע שכנים אין די אַרומיקע לענדער וועלן מיר קענען סטאַביליזירן דעם שלום אין אונזער מדינה און אין אונזער לאַנד. און דער שלום איז ווערט, אַז מיר זאָלן טאָן פֿאַר אים ניט ווייניקער פֿון דעם, וואָס מיר האָבן געטאָן — און וועלן נאָך טאָן אויב עס וועט נויטיק זיין — פֿאַר דער מלחמה.

איך ווייס ניט, צי ס׳איז געקומען די צייט און צי איז דער היינטיקער אַראַבישער דור צוגעגרייט צו אַ אידיש־אַראַבישער קאָאָפּעראַציע אויפֿן גרונט פֿון אַ בונד פֿון גלייכע, — אָבער אין דער דאָזיקער קאָאָפּעראַציע ליגט אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. און נאָכדעם, ווי מיר האָבן דעמאָנסטרירט אונזער כּוח אויפֿן שלאַכט־פֿעלד — פֿאַר די אויגן פֿון פֿריינד און פֿיינט — טאָרן מיר ניט דורכלאָזן קיין שום געלעגנהייט — אויב ס׳זאָל נאָר זיין אַזאַ — כּדי דורך דירעקטע פֿאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבישע פֿעלקער, צו לייגן אַ יסוד פֿאַר אידיש־אַראַבישער קאָאָפּעראַציע, — קאָאָפּעראַציע צווישן מדינת־ישׂראל און די אַראַבישע מדינות.

# מיטן פנים צו די קומענדיקע טעג

(אין אַ שמועס מיט אַקטיוויסטן)

איך וועל אָנהייבן מיט אַ פראַגע, וועלכע וועט אפשר קלינגען אויסטערליש: צי האָבן מיר מנצח געווען אין דער מלחמה? די פראַגע איז אויסטערליש, ווייל עס איז באַקאַנט, אַז מיר האָבן מנצח געווען אין אַלע שטופּן פון דער מלחמה: ווען מיר זיינען געשטאַנען קעגן לאָקאַלע באַנדעס, ווען מיר זיינען באַפאַלן געוואָרן דורך פרעמדע באַנדעס פון די שכנות׳דיקע לענדער, ווען מיר זיינען געשטעלט געוואָרן קעגן רעגולערע אַרמייען פון די אַראַבישע לענדער. מיר האָבן געהאַט איבער־ראַשנדע נצחונות אין די לעצטע צען טעג, ביז דער צווייטער פייער־פּויזע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 5 טעג צוריק. אָבער איך שטעל מיין פראַגע, ווייל דער אמת׳דיקער, דעצידירנדיקער, אָנטגילטיקער נצחון איז נאָר דער נצחון אין דעם לעצטן קאַמף. אַן אַרמיי קען מנצח זיין פון אָנהייב פון דער מלחמה און ביז נאָענט צום סוף, אָבער אויב זי פאַרלירט די לעצטע רונדע — האָט זי אַלץ פאַרלאָרן, און עס ניצן ניט די פריערדיקע נצחונות. כדי מיר זאָלן וויסן צי האָבן מיר מנצח געווען, צי ניט — דאַרף מען וויסן, צי האָט זיך שוין צעפלאָקערט דער לעצטער אַקט, צי ניט. דאָס הייסט, מען דאַרף וויסן, צי איז די איצטיקע פייער־פּויזע דער סוף פון דער מלחמה, צי נאָר אַ צייטווייליקע הפסקה. און אויב דאָס איז בלויז אַ צייטווייליקע הפסקה, האָבן אַלע אונזערע ביזאיצטיקע נצחונות קיין דעצידירנדיקן ווערט ניט, סיידן מיר זאָלן זיין פעאיק און צוגרייטן זיך צו אַ נצחון אין דעם לעצטן אַקט, אויב די מלחמה וועט זיך באַנייען.

עס שיינט, אַז אַ סך מאָטיוון פירן צום אויספיר, דאָס מיר שטייען ביים סוף פון דער מלחמה. די גרויס־מאַכטן זיינען קעגן דער פאַרזעצונג פון דער מלחמה אין אונזער לאַנד. די גאַנצע וועלט — אויף וויפל עס איז דאָ אַ קאָנסאָלידירטער ווילן אין דער וועלט — וויל ניט, אַז די שלאַכטן זאָלן זיך דאָ באַנייען. און דאָס איז דער פשט פון דעם באַפעל, וואָס דער זיכער־קייטס־ראַט האָט אַרויסגעגעבן וועגן אָפּשטעלן דאָס פייער. דוכט זיך, אַז נאָר איין „גרויס־מאַכט״ האָט געשטימט קעגן דעם באַפעל וועגן דער פייער־פּויזע: סיריע.

עס איז דאָ נאָך אַ צווייטער מאָטיוו: עס האָט זיך אַנטפּלעקט די מיליטערישע שוואַכקייט פון די אַראַבישע מדינות, און די, וואָס האָבן זיך אינגאַנצן אָדער אַ סך פאַרלאָזן אויף די דאָזיקע מדינות, האָבן אָנגעהויבן צו צווייפלען,

צי איז עס כדאַי. און עס איז דאָ נאָך אַ מאָטיוו: עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די אחדות צווישן די אַראַבישע מדינות איז ניט גוואַלדיק שטאַרק און זי קען ניט אויסהאַלטן קיין שווערן עקזאַמען, — און אַ מלחמה איז אַ שווערער עקזאַמען.

מען דאַרף אויך ניט גרינגשעצן די שווער־קייטן, וואָס די מלחמה האָט פאַראורזאַכט און פאַראורזאַכט נאָך פאַר אונז. הגם דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געפרייט מיט די נצחונות פון אונזערע חיילות, האָבן מיר אַלע ברייט אָפּגעאָטעמט, ווען די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען האָבן אויפגעהערט צו באָמ־באַרדירן תל־אביב און אַנדערע ערטער, און ווען עס האָט אויפגעהערט די באַשיסונג פון ירושלים.

אָבער עס איז ווייט ניט זיכער, אַז די איצטיקע פייער־פויזע באַדייט דעם סוף פון קריג. ניט אַלע שלום־פאָרשלאָגן, וואָס מען וועט אונז וועלן פאָרלייגן — וועלן מיר קענען אַקצעפּטירן, ווען אפילו די דאָזיקע פאָרשלאָגן זאָלן קומען פון דעם זיכערקייטס־ראַט. עס קען אויך זיין, אַז אין די אַראַבישע מדינות וועלן פאָרקומען אינערלעכע ענדערונגען, און אַן אָפּמאַך, וואָס איין רעגירונג וועט שליסן, וועט געבראָכן ווערן דורך אַן אַנדערער, וואָס וועט ירש׳ענען איר פּלאַץ, אַזוי ווי עס איז געשען מיט דעם איראַקיש־ענגלישן בונד, וואָס בעווין האָט אים צוטרומפּייטערט איבער דער וועלט, און נאָך איידער די טינט האָט אויסגעטריקנט, איז דער גאַנצער אָפּמאַך אַנולירט געוואָרן דורך אַן אינערלעכער איבערקערעניש אין איראַק. און איראַק איז ניט די איינציקע צווישן די אַראַבישע מדינות, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אינער־לעכער וואַקלדיקייט.

עס קען אויך געמאָלט זיין, אַז עס זאָלן זיך פאַרשאַרפן די אינטערנאַ־ציאָנאַלע באַציאונגען און עס זאָל זיך פאַרשטאַרקן די סכנה פון אַ וועלט־סיכסוך, — דאַן וועלן די מלחמה־אינטריגאַנטן אויפן מזרח אויפהייבן דעם קאָפּ. עס זיינען דאָ אויך פאַרשטעלטע זאַכן, וואָס מען קען זיי ניט פאָרויסזען, וואָס שווימען פלוצים אַרויס אויף דעם אויבערפלאַך פון דער געשיכטע און מישן אויס אַלע קאָרטן. עס איז דעריבער ווייט ניט זיכער, אַז די פייער־פויזע איז דער אָנהייב פון שלום. און אויף וויפל עס דעצידירט דער לעצטער אַקט — טאָרן מיר זיך ניט איילן און זיך גרויסן מיט די ביז איצטיקע נצחונות. ביז מיר וועלן ניט זיין גרייט מנצח צו זיין אין דער „לעצטער״ שלאַכט — אויב עס איז דאָ אַ לעצטע — האָבן אונזערע ביזאיצטיקע דער־גרייכונגען קיין ווערט ניט.

אויב די מלחמה וועט זיך אַפילו אינגיכן ניט באַנייען און אויב עס וועט אַפילו דערגרייכט ווערן אַ פאָרמעלער שלום — וועט אַן אַ גענוגנדן כוח אונזער זיכערקייט ניט אויפגעהאַלטן ווערן. אין דעם איצטיקן געבוי פון דער וועלט איז בכלל ניטאָ קיין סטאַבילער און לאַנגדויערנדער שלום.

אָבער ווען מיר זאָלן אַפילו ניט שטיין מיטן פנים צו דער צוקונפט, דאַרפן מיר ניט איבערטרייבן אין דער אָפּשאַצונג פון אונזערע פאַרגאַנגענע נצחונות. מיר האָבן ביז איצט ניט געהאַט קיין דעצידירנדיקן נצחון — ווייל

אין אַ מלחמה דעצידירט בלויז דער נצחון, וואָס ברענגט צו דער פאַר־ניכטונג פון דעם פײנטלעכן כוח. אַזאַ נצחון האָבן מיר געהאַט בלויז קעגן די אַראַבער פון ארץ ישראל. נאָך אין די ערשטע וואָכן פון די „געשעעניש" איז געווען קלאָר, אַז די אַראַבער פון ארץ ישראל וועלן זיך אונז ניט קענען קעגנשטעלן, און אויף דעם דאָזיקן באַשרענקטן געביט האָבן מיר טאַקע געהאַט אַנטשיידנדע נצחונות: די דעראָבערונגען פון טבריה, חיפה, צפת, יפו און די אַראַבישע קוואַרטאַלן פון דער נייער ירושלים (די אַלטע ירושלים האָבן פאַרטיידיקט די ענגלענדער און דער אַראַבישער לעגיאָן). איז געווען קלאָר, אַז די אַראַבער פון ארץ ישראל וועלן זיך ניט קענען פאַרמעסטן מיט אונז אָן אַ ממשות'דיקער אויסערלעכער הילף, אָבער עס איז קיין ספק ניט געווען, אַז די דאָזיקע הילף וועט געגעבן ווערן, און אַז דער קאָנפליקט וועט זיין צווישן אונז און די אַרמייען פון די אַראַבישע מדינות. די דאָזיקע אַרמייען האָבן אַריינגעכאַפּט שווערע קלעפּ, זיי זיינען אָבער ניט פאַרניכטעט גע־וואָרן — זיינען אונזערע נצחונות ניט קיין דעצידירנדע — ניט אין פּאָליטישער און ניט אין מיליטערישער הינזיכט.

און דאָס פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר אונז היינט צו טאָג, איז דאָס זעלבע, וואָס איז פאַר אונז געשטאַנען אין פאַרלויף פון די לעצטע 8 מאָנאַטן און פריער: ווי אַזוי צוצוגרייטן זיך, אַז מיר זאָלן קענען ביישטיין און אויך צו פאַרניכטן דעם כוח פון דעם פיינט און צוצוברעכן זיין ווילן פאַרצוזעצן די מלחמה.

מיליטערישע גרייטקייט — איז נאָך אויך איצט די וויכטיקסטע, צענט־ראַלע פראַגע.

כדי צו פאַרזיכערן דעם נצחון אין פאַל פון דער באַנייאונג פון דער מלחמה, זיינען אונז קודם כל נויטיק די פאָלגנדע זאַכן:

איבערהויפּט — מיליטערישע רעזערוון, וועלכע האָבן אונז געפעלט אין די פריערדיקע שלאַכטן. אונזער גאַנצע אַרמיי איז געווען ממש אויפן פראָנט און האָט געפירט די שלאַכטן. ווען מיר וואָלטן פאַר דער פייער־הפסקה געהאַט עטלעכע בריגאַדעס אין רעזערוו, וואָלט די הפסקה „אויסגעבראָכן" אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען. מיר מוזן איצט זאָרגן דערפאַר, אַז אויב די מלחמה וועט זיך באַנייען, זאָלן מיר האָבן, לכל הפחות, צוויי — דריי בריגאַדעס אין רעזערוו.

מיר דאַרפן האָבן נאָך טאַנקן און האַרמאַטן, ווי אויך נאָך אַ סך אַעראָפּ־לאַנען.

מיר דאַרפן האָבן שטורם־איינהייטן, וועלכע מיר האָבן ניט געהאַט: דעסאַנט־גרופּן און פּאַראַשוטיסטן־גרופּן. עס איז נויטווענדיק, אַז מיר זאָלן זיין אימשטאַנד אַנצוגרייפן דעם פיינט פון הינטער זיינע ליניעס און אַז מיר זאָלן קענען דערשיינען — אומדערוואַרטעט — אין יעדן פּלאַץ.

מיר קענען זיך נאָך איצט ניט פאַרנעמען מיט פּראַקטישע פּראָבלעמען וועגן דער אָרגאַניזירונג פון אונזער מיליטער אין פרידנס־טעג, ווייל פאַר־לויפיק ליגט אויף אונז איין דרינגנדע אויפגאַבע: פאַרזיכערן דעם דעצי־

דירנדן נצחון אין דער איצטיקער מלחמה. דער עיקר'דיקער צוועק פון מיליטער אין פרידנס־צייטן איז ניט מנצח זיין אין מלחמה, נאָר פאַרמיידן דעם אויסברוך פון מלחמה. דאָך דאַרפן מיר שוין איצט זיך קלאָר מאַכן די גרונטלאַגן פון דעם רעגולערן מיליטער אין פרידנס־צייטן, ווייל עס קען דאָך זיין אַז דער סוף פון דער מלחמה איז ניט ווייט.

איך דאַרף אָנהייבן מיט דער ירושה פון דער הגנה, וואָס אַ סך פון אייך קענען זי ניט ווייניקער פון מיר. אויף וויפל איך האָב געקענט, האָב איך זיך באַמיט געגוי אויסצושטודירן דעם דאָזיקן קאַפּיטל — איידער איך בין צוגעטראָטן צו דער זיכערקייטס־טעטיקייט נאָכן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס. איך קען איצט זאָגן אָן אַ גוזמא, אַז אָן דער ירושה פון דער הגנה וואָלטן מיר ניט געקומען צו אונזערע איצטיקע דערגרייכונגען. אין דער לעצטער צייט זיינען געמאַכט געוואָרן גרויסע אָנשטרענגונגען, און איך וועל זיך אויף זיי דאָ ניט אָפּשטעלן; לויט דעם איצט אָנגענומענעם נוסח, וואָלט מען גע־דאַרפט זאָגן: אָנשטרענגונגען, וואָס אַזעלכע זיינען ניט געמאַכט געוואָרן שוין אַ 2000 יאָר. איך האָב קיין שום גרונט ניט, צו פאַרמינערן דעם ווערט פון די דאָזיקע אָנשטרענגונגען, — איך דאַרף אָבער זאָגן, אַז זיי וואָלטן ניט געלונגען, אָדער זיי וואָלטן בכלל ניט מעגלעך געווען — ווען ניט די גע־בענטשטע ירושה פון דער הגנה. עס איז שווער צו דעפינירן דעם חוב, וואָס דער ישוב, די מדינה, דאָס פאָלק, אין אונזערע טעג און אין די צוקונפטיקע דורות, וועלן שולדיק זיין דער הגנה — פון אירע ערשטע טעג און ביזן אויפשטעלן דעם צבא־הגנה־לישראל.

איך דאַרף אָבער צוגעבן: ווען מיר וואָלטן זיך פאַרלאָזן אויסשליסלעך אויף דער דאָזיקער ירושה — וואָלטן מיר געווען פאַרלוירענע.

איך וויל זיך אָפּשטעלן, אין אַ סכעמאַטישער פאָרם, אויף דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אין דער הגנה, ניט פאַרזוכנדיק דערביי געגוי אויסצושעפּן דאָס פּראָבלעם.

א) די הגנה איז געווען אַן אומגעצוואונגענער, פרייוויליקער כוח. דאָס איז אַ פאַקט פון אומגעהויערער וויכטיקייט פאַר מלחמה. דער פרייוויליקער האָט געווייגלעך אַ מאָראַלישן — און במילא אַ מיליטערישן — איבערגעוויכט לגבי זיין אָפּאָנענט, וואָס איז מאָביליזירט לויט אַ באַפעל און אַ גזרה, ווען אַפילו ער איז די גזרה מקבל באהבה.

ב) די הגנה האָט זיך באַזירט אויף חברישע באַציאונגען. אין יעדער אַרמיי איז דאָ אַ סך חברישקייט, און אין אַ גוטער אַרמיי — פיליכט מער ווי אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווייל די מענטשן זיינען דאָרט שותפים אין זייער גאַנץ לעבן, און דער עיקר — זיי זיינען שותפים צו געפאַר. דאָס לעבן פון יעדן זעלנער הענגט אָפּ פון דער אויפפירונג פון זיין חבר. אָבער די חברישקייט, וואָס ווערט אויפגעצוואונגען פון אויבן, לויטן באַפעל פון געזעץ און אָרדענונג, איז ניט גלייך צו דער חברישקייט, וואָס מענטשן שעפּן פון זייער פרייען ווילן און פון אַ געמיינזאַמען אידעאַל, וואָס באַזירט זיך אויף קעגנזייטיקן כבוד, קעגנזייטיקן צוטרוי און געמיינזאַמער טריישאַפט צו אַ

טייערער זאַך. די חברישקייט אין דער הגנה איז געווען אַ טייערער אוצר, וואָס זיין ווערט איז ניט אָפּצושאַצן.

ג) די חברים פון דער הגנה האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גרויסער, כמעט גרענעצלאָזער, איבערגעגעבנקייט צו דער זיכערקייט פון ישוב. דער כוח פון אַן אַרמיי מעסט זיך ניט נאָר מיט דער קוואַליטעט פון איר אויס־שטאַטונג און באַוואָפענונג, נאָר איבערהויפּט מיט דער זעלישער גרייטקייט, צו שטיין אומדערשראָקן ביזן לעצטן מאָמענט. די איבערגעגעבנקייט — שטאַרקער פון טויט — איז איבערגעטראָגן געוואָרן פון דער הגנה צו צבא־הגנה־לישראל.

ד) לאַנד־קענטעניש. ס׳רוב הגנה־חברים האָבן קענען געלערנט דאָס לאַנד ניט פון קורצטערמיניקע פּראָפּעסיאָנעלע איבונגען, נאָר פון לעבנס־דערפאַרונג און פּערמאַנענטע פאָרשונגס־טורן, — און ס׳איז איבעריק אונ־טערצושטרייכן די וויכטיקייט פון דעם אַלעמען פאַר דער מלחמה־פירונג.

ה) די ציוניסטישע אונטערלאַגע פון דער הגנה. די חברים פון דער הגנה האָבן געוואוסט צוליב וואָס זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, צוליב וואָס זיי אַרבעטן און וואָס זיי פאַרטיידיקן — און אויף וואָס זיי זיינען גרייט אָפּצוגעבן זייער לעבן. די דאָזיקע אונטערלאַגע איז געווען די נשמה פון דער הגנה און אין איר איז געלעגן דער יסוד פון דעם כוח פון דער הגנה.

אין דער צייט פון די געשעענישן פון יאָר 1936, האָב איך זיך איינמאָל געטראָפן מיט אַן ענגלישן מיליטערישן עקספּערט — קאַפּיטאַן לידל האַרט — און איך האָב זיך מיט אים באַראַטן וועגן די שיטות פון דער הגנה. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים דערציילן וועגן דער קוואַליטעט פון אונזער מענטשן־מאַטעריאַל. איך האָב אויסגעמאָלט אונזער יוגנט, וואָס דערציט זיך אויף אַרבעט און פרידן, איז איבערגעגעבן דעם אויפבוי און דער שאַפונג און פאַרהאַסט שפיכות־דמים, אָבער איז גרייט מלחמה צו האַלטן ביזן סוף — זאָל מען נאָר אָנרירן זיין שוואַרצאַפּל: דאָס ציוניסטישע ווערק. ווען לידל האַרט האָט עס אויסגעהערט, האָט ער געזאָגט: אויב דאָס דאָזיקע בילד פון אייערע מענטשן איז אויטענטיש — וועט איר האָבן דאָס בעסטע מיליטער אין דער וועלט, ווייל דאָס בעסטע מיליטער איז דאָס, וואָס ווייסט פאַרוואָס עס קעמפט.

דער אידעאַל, וואָס האָט געשפּייזט אונזערע חלוצים, האָט זיי געבראַכט קיין ארץ ישראל, האָט זיי אַקטיוו געמאַכט אין לאַנד, האָט געגעבן אָטעם צו זייער לעבן און צו זייער טויט — אָט אָ דאָס איז די געבענטשטע זאַך, וואָס די הגנה האָט אונז איבערגעלאָזט און וואָס אירע צייכנס האָבן זיך געמערקט אין אַלע נצחונות פון צבא־הגנה־לישראל.

מען טאָר אָבער ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף די דעפעקטן פון דער הגנה, דעפעקטן וואָס האָבן געשטאַמט פון דער עצם־נאַטור פון דער הגנה־ראַם: אַ ראַם פון אונטערגרונט אָדער האַלב־אונטערגרונט. די דעפעקטן זיינען געווען:

א) מאַנגל אין אַמוניציע. די הגנה האָט געוואוסט דעם ווערט פון געווער, אָבער אירע מעגלעכקייטן צו דערווערבן אָדער פּראָדוצירן געווער זיינען געווען זייער באַגרענעצטע, ווי צוליב מאַנגל אין מיטלען, אַזוי צוליב פּאָליטישע באַדינגונגען. אין די הענט פון דער הגנה זיינען געווען ביקסן, אויטאָמאַטן און האַלב־אויטאָמאַטן, קוילנוואַרפער פון 2—3 אינטש און גראַנאַטן.

דאָס דערווערבן, איבערפירן און מאַגאַזינירן געווער — איז געווען איינע פון די העלדישע טאַטן פון די הגנה־לייט, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מסירת־נפש, דערפינדלעכקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלן פלייס. אויך דאָס פּראָדוצירן געווער — אויף אַ פּרימיטיוון אופן — וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט געהערט צו די גלענצנדסטע אויפטוען פון אַ באַשיידענער, געוואַגטער און ענדלאָז־ געטרייער גרופּע מענטשן — אַרבעטער און לייטער. אָבער דאָס דאָזיקע געווער — קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו — האָט קוים געקענט סטייען פאַר דעם קאַמף קעגן רויבער־באַנדעס, אָבער ניט קעגן אַ רעגולערן צי ניט רעגולערן כוח, באַוואָפנט מיט מאָדערנע אָנגריף־מיטלען. ווען איך האָב אין אַפּריל 1947 קאָנטראָלירט די באַוואָפענונג פון דער הגנה, האָב איך געפונען 8720 ביקסן אויף די ערטער — פאַר לאָקאַלער פאַרטיידיקונג, און 1353 ביקסן פאַר לאַנד־פאַרטיידיקונג (פון זיי: 336 אין די הענט פון דעם מרכז; 656 אין די הענט פון פלמ״ח; 361 אין די הענט פון חי״ש). מיר האָבן אויך געהאַט 1900 האַלב־אויטאָמאַטן (785 אויף די ערטער; 424 — אין די הענט פון חי״ש; 130 — פלמ״ח; 561 — צו דער דיספּאָזיציע פון מרכז). קוילנוואַרפער זיינען געווען, בסך הכול, 186 (31 אויף די ערטער; 35 ביי חי״ש; 5 — פלמ״ח; 115 — ביים מרכז). אויטאָמאַטן זיינען געווען 444 (338 אויף די ערטער; 27 —חי״ש; 33 — פלמ״ח; 46 — מרכז). די גאַנצע „שווערע" אַמוניציע — די אַרטילעריע, אַזוי צו זאָגן — איז באַשטאַנען פון 672 צוויי־אינטש־הויביצעס און 96 דריי־אינטש־הויביצעס. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס איז ניט געווען קיין איינציקער האַרמאַט, קיין איינציקער שווערער קוילנוואַרפער, קיין שום געווער קעגן אַעראָפּלאַנען, קיין שום אַנטי־טאַנק־געווער, קיינע פּאַנצערס, עס איז ניט געווען קיין סימן פון אַ לופט־כוח אָדער ים־כוח; עס זיינען אַפילו כמעט ניט געווען קיין קאָמוניקאַציע־מיטלען אויף דער יבשה.

ב) עס איז ניט געווען קיין מיליטערישע אויסשולונג, און עס זיינען ניט געווען — עס האָבן אויך ניט געקענט זיין — קיין געהעריקע מיליטערישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן. עס וועלן נאָך אַמאָל לעגענדאַריש קלינגען די דערציילונגען — אמת׳דיקע דערציילונגען — וועגן דער הגנה, ווי אַזוי זי האָט זיך אַן עצה געגעבן אין די צייטן פון פרעמדער מאַכט, באַזונדערס אין דער תקופה פון דעם ווייסן בוך, און האָט געגעבן טויזנטער חברים מיליטערישע אויסבילדונג, איינשליסלעך — שיס־איבונגען; עס האָבן נאָר ניט געקענט זיין קיין איבונגען מיט שווער געווער. עס האָבן ניט געקענט געמאַכט ווערן קיין מאַנעוורעס, און די אינסטרוקטאָרן זיינען מערסטנטיילס געווען „עקסטערנען", וואָס — אויסער ווייניקע אויסנאַמען (געוועזענע אָפיצירן

פון פרעמדע אַרמייען) — האָבן זיי ניט געקענט דערגרייכן אַן אמתע אָפּי־צערישע אויסבילדונג.

די וויסנשאַפט און קונסט פון מלחמה־פירונג האָבן אין די היינטיקע צייטן דערגרייכט די העכסטע מדרגה; עס האָבן זיך דאָ צונויפגעפלאָכטן די וויסנשאַפטן פון נאַטור, מאַטעמאַטיק, מעכאַניק, געאָגראַפיע, היסטאָריע, פסיכאָלאָגיע, מעטעאָראָלאָגיע, עקאָנאָמיק, לאָקאָמאָציע און א. ז. וו. — אויסער די וויסנשאַפטן פון מיליטער און קריג, אין ענגן זין פון וואָרט. אַן סיסטעמאַטישער בילדונג און פאַרפולקאָמטער אויסשולונג וועט קיינער ניט ווערן אַן אמת׳ער מיליטער־מאַן, און אודאי ניט קיין קאָמאַנדיר. עס פאָדערן זיך צו דעם הויכשולן, ספּעציעלע אַקאַדעמיעס און דערציער — וויסנשאַפטס־לייט, דערפאַרענע מענטשן, וואָס ווידמען זייער גאַנץ לעבן דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער און פאַרפלאָנטערטער לערע. דאָס אַלץ האָט ניט געקענט זיין אין דער הגנה.

ג) עס איז ניט געווען קיין מיליטערישער רעזשים, און די דיסציפּלין איז געווען אַ פעלערהאַפטע, —מען קען זיך אָבער ניט פאַרלאָזן אויף אַן אַרמיי, וואָס האָט ניט קיין אייזערנע דיסציפּלין. מיליטער אָן דיסציפּלין איז געגליכן צו קאָלאָניזאַציע אָן באָדן.

ד) די הגנה איז דערצויגן געוואָרן אויף זעלבסטשוץ, — איבערהויפּט סטאַטישע זעבסטשוץ. אין די צייטן פון פרעמדער הערשאַפט איז די הגנה נאַטירלעכערווייז געווען איינגעשטעלט אויף זעלבסטשוץ אין פאַל פון אַן אָנפאַל מצד באַנדעס — פון רויבער אָדער טעראָריסטן. אין אַ מלחמה אָבער, — אַפילו אין אַזאַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה, ווי אונזערע, — איז דער איינ־ציקער עפעקטיווער וועג — אָפענסיווע. אין זעלבסטשוץ האָט די „הגנה" דערגרייכט רעקאָרדן. די געשיכטע פון טירת־צבי, יחיעם, די פאַרשטעט פון תל־אביב, און באַזונדער די געשיכטע פון דעם עציון־בלאָק — דאָס אַלץ זיינען מעכטיקע עפּאָפּייעס, וואָס ווינציק אַזעלכע זיינען באַקאַנט אין דער געשיכטע פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג. ווען מיר וואָלטן אָבער פאַר־געזעצט די שיטה פון דעפענסיווע — וואָלטן מיר געווען פאַרפאַלענע. נאָך איידער עס איז אַנטשטאַנען דער צבא־הגנה־לישראל, נאָך ווען עס איז געווען די מאַנדאַט־מאַכט אין לאַנד — זיינען מיר אַריבער פון דעפענסיווע צו אָפענסיווע. אַן דעם דאָזיקן איבערגאַנג — ווער ווייסט, צי וואָלטן מיר דערגרייכט די אויפשטעלונג פון דער מדינה און די גרינדונג פון צבא־הגנה־לישראל.

ה) די הגנה איז — ניט ווילנדיק — געווען באַשרענקט צו יבשה־פאַר־מאָציעס און צוגעשמידט צו דער ערד. מיר האָבן ניט געהאַט קיין באַוואָפנטן כוח אין די אַנדערע צוויי דימענסיעס, וואָס בילדן אַ דעצידירנדן פאַקטאָר אין מלחמה — לופט און ים. אין דער לעצטער קאַמפּאַניע האָט אונזער יונגער און קליינער לופט־כוח געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל; אין די געאָגראַפישע באַדינגונגען פון אונזער לאַנד קען זיין, אַז אין דער צוקונפט וועט אַנטשיידן דער ים־כוח. די הגנה האָט זיך אָבער געמוזט באַגרענעצן מיט דעם יבשה־כוח.

ז) פאַר דער הגנה איז געווען פאַרשטעלט דער וועג צו דעם עיקר־ציל פון אַ קריגס־קראַפט — די פאַרניכטונג פון דעם פיינטלעכן כוח. נאַטיר־לעכערווייז פלעגט די הגנה וואַרטן אויפן אָנגריף, און דאַן פלעגט זי פאַריאָגן די אָנגרייפער פון דעם אידישן שטח, וואָס איז געווען אַן אינזל אין אַן אַראַבישן ים.

נאָכדעם, ווי עס האָט זיך פאַרענדיקט די צווייטע וועלט־מלחמה, און די פיינטלעכע פּאָליטיק פון דער מאַנדאַט־רעגירונג האָט זיך ניט געענדערט — איז געווען קלאָר, אַז עס שטייט אונז פאַר, אין דער ניט ווייטער צוקונפט, אַ צוזאַמענשטויס מיט דער אַראַבישער וועלט. היטלערס לעקציע איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען. צווישן היטלערס באַהעלפער האָבן זיך געפונען דער מופטי און זיינע חברים. די הערשער פון מצרים, סיריע, איראַק זיינען אַלע געווען פּראָ־נאַציס, און עס איז קלאָר געווען, אַז זיי דאַרפן טאָן אין ארץ ישראל דאָס, וואָס היטלער האָט געטאָן אין איירּאָפּע: פאַרניכטן דעם ישוב און אויסרייסן אים מיטן וואָרצל.

די פּאָליטיק פון דעם ווייסן בוך, וואָס האָט באַקומען אַ נייעם אָקצעפּט נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט לויט איר מהות געמוזט פירן צו דער „אומ־אָפּהענגיקייט" פון דעם לאַנד, — דאָס הייסט, צו דער אויפשטעלונג פון אַן אַראַבישער מדינה. די דאָזיקע אומאָפּהענגיקייט וואָלט טאַקע ניט געהאַט מער ממשות פון דער אומאָפּהענגיקייט פון די אַראַבער אין די שכנות'דיקע לענדער, אָבער פאַר אידן וואָלט די דאָזיקע פיקטיווע אומאָפּהענגיקייט געווען פילייכט ערגער פון אַ ממשות'דיקער, אַ רעאַלער. ווייל צו דעם אָפּענעם, לאָקאַלן פיינט וואָלט צוגעקומען אַ פיינט אַ פאַרשטעלטער, מיט אַ וועלט־כוח. אָבער אַן אַראַבישע מדינה אין וועלכער עס זאָל זיך געפינען אַ אידישע מינדערהייט — דער קוואַליטאַטיוו און קוואַנטיטאַטיוו שטאַרקער ארץ ישראל'דיקער ישוב — קען ניט געמאָלט זיין, — הייסט עס, אַז עס וועט מוזן אויסברעכן אַ באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס; און ווי עס האָט זיך געלאָזט דענקען — ניט נאָר מיט די אַראַבער פון ארץ ישראל, נאָר מיט דער גאַנצער אַראַבישער וועלט, די אַראַבישע וועלט, דאָס הייסט, — די ליגע, וואָס איז אָרגאַניזירט און געפלעגט געוואָרן דורך דעם בריטישן אויסערן־מיניסטעריום, האָט בעצם ניט געהאַט קיין שום פּאָזיטיוון אינהאַלט, וואָס זאָל פאַראייניקן די פאַרשיידענע אַראַבישע מדינות, סיידן די שותפות'־דיקע פיינטשאַפט צו אידן און ציוניזם. דער עקאָנאָמישער בויקאָט, וואָס די ליגע האָט אַרויפגעלייגט אויפן ישוב אין לאַנד אין דער צייט פון דעם מאַנדאַט — אָן קיין שום קעגן־אינטערווענץ מצד דער מאַנדאַט־רעגירונג, — האָט באַשיינפערלעך געוויזן, וואָס עס שטייט אונז פאַר אין די טעג פון דער פּאָליטישער אַנטשיידונג לגבי דעם גורל פון אונזער לאַנד. מיר האָבן זיך געמוזט גרייטן צו אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס מיט דער אַראַבישער וועלט — האָבנדיק די בריטישע אימפּעריע, אָפן צי פאַרשטעלט, הינטער די אַראַבער. און עס איז געווען קלאָר, אַז מיט די מיטלען, רעזשים און שיטות פון דער הגנה וועלן מיר אַזאַ צוזאַמענשטויס ניט אויסהאַלטן; דאַרף מען זיך

גרייטן צו מלחמה, צו מלחמה ממש, — און מלחמה פאָדערט די העכסטע אָנשטרענגונג פון דעם פאָלק. און העכסטע אָנשטרענגונג איז פראָסט פשוט אַזאַ, וואָס העכער פון איר קען ניט זיין. אָבער אַ פאָלק מאַכט ניט אַזאַ אָנשטרענגונג כל זמן עס פילט ניט די סכנה און זעט ניט דעם גאַנצן אומפאַנג און די גאַנצע ערנסטקייט פון דער סכנה. דאָס איז געווען פיללייכט די שווערסטע זאַך אין אונזערע צוגרייטונגען. ווייל קיין שום אויפקלערונג, — אַפילו אין די פאַרשיידענע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון ישוב, — וועגן דער ערנסטקייט פון דער לאַגע און וועגן דער דראָענדער סכנה פון מלחמה, איז ניט אויפגענומען געוואָרן ערנסט, און עס איז אוממעגלעך געווען צו באַוועגן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און דעם ישוב צו דער נויטיקער אָנשטרענגונג; ערשט מיטן אויסברוך פון די געשעענישן און מיטן גאַנג פון דער מלחמה איז געקומען די דערוואַכונג. צו אונזער גליק האָבן זיך די געשעענישן אַנטוויקלט שטופנווייז: צוערשט האָבן אָנגעגריפן לאָקאַלע באַנדעס; ביסלעכווייז זיינען אַריינגעדרונגען באַוואָפנטע באַנדעס פון דרויסן; די מאַנדאַטאָר־מאַכט האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצופאַלן נאָך פאַר דער ליקווידירונג פון מאַנדאַט, און ערשט אין דעם טאָג, ווען די בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט זיך פונדאַנען אָפּגעטראָגן, האָט זיך אָנגעהויבן די אינוואַזיע פון די רעגולערע אַראַבישע אַרמייען, אויסער דעם אַראַבישן לעגיאָן, וואָס איז שוין דאָ געווען טעטיק פון פריער. אָט אַזוי איז אונז דערמעגלעכט געוואָרן די מאָביליזאַציע פון די כוחות — און די פאַרזאָרגונג פון אַמוניציע, לויט די פּלענער און צוגרייטונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרויס אין די לעצטע יאָרן און וואָס פאַר זייער רעאַליזאַציע האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע, אַלץ־וואַקסנדע הילף מצד דעם ישוב און דער ציוניסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע הילף איז געקומען קוים אין לעצטן מאָמענט — אפשר לויט דער עצם נאַטור פון די די דאָזיקע ענינים, וואָס אונטערשיידן זיך ביי אונז ניט פון דעם מנהג ביי אַנדערע פעלקער. „ביז דער דונער דונערט ניט — צלמ׳ט זיך דער פויער ניט״. די באַהאַלטענע פּאָטענצן פון דעם ישוב האָבן זיך מאָביליזירט שטופנווייז — מיט דעם שטופנווייזן שאַרפער ווערן פון דער סכנה אינערהאַלב און אויסערהאַלב דעם לאַנד.

עס איז נאָך ניט דער גאַנצער אַראַבישער כוח אַריינגעטרעטן אין קאַמף — און מיר ווענלן איינשטעלן אונזער לעבן אויב מיר וועלן זיך איינשמועסן, אַז מיר זיינען אַסעקורירט קעגן אַ מפלה, אויב די מלחמה וועט זיך באַנייען. מיר דאַרפן זיין גרייט צו קעמפן קעגן אַ גרעסערן כוח פון דעם, וואָס מיר האָבן קעגן זיך געהאַט ביז איצט — און ניט נאָר קעגנשטעלן זיך אים, נאָר אָראָפּלאָזן אויף אים אַ צושמעטערנדיקן קלאַפּ.

איך קוק מיט זאָרג אויף דער גייסטיקער אָנטשפּאַנונג, וואָס הויבט אונז אָן צו באַהערשן אין די טריט פון דער פייער־הפסקה. דאָס איז אַ פּריצייטיקע אָנטשפּאַנונג און זי קען אונז טייער קאָסטן. איך ווייס, ווי שווער עס איז דער יאָך, וואָס דריקט אויף אונז, אָבער מיר האָבן קיין ברירה ניט — מיר מוזן זיין געשפּאַנט און מיר מוזן פאַרשטאַרקן אונזער כוח. דער פּאַראַ־

נענער כוח געניגט ניט. און לאָמיר זיך ניט פאַרלאָזן אויף די פריערדיקע נצחונות און ניט זיין זיכער מיט זיי — זיי זיינען ניט געווען קיין פולקאָמע און אודאי ניט קיין דעצידירנדע.

אין דעם סאַמע גאַנג פון דער מלחמה איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נייער מיליטערישער צווייג, וואָס האָט שוין געבראַכט אַ סך נוצן אונזער מלחמה, הגם דעצידירט אין קאַמף האָט ער ניט: די לופט־אַרמיי.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך אין דער וועלט דערוועקט אַ שטאַרקער וויכוח וועגן דעם ווערט פון דער לופט־אַרמיי. עס זיינען דאָ עקספּערטן, וואָס באַהויפּטן, אַז דער לופט־כוח אַליין קען דעצידירן אין קריג. די דערפאַרונג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דערוויזן די קאָלאָסאַלע ווירקזאַמקייט פון דעם לופט־כוח, אָבער זי האָט אויך צונישט געמאַכט די איבערגעטריבענע האָפענונגען פון די חסידים פון דעם דאָזיקן נייעם געווער. אונזער לופט־כוח איז נאָך אין די ווינקעלעך, אָבער עס שטייען אים פאַר וויכטיקע טאַטן, אויב די מלחמה וועט זיך באַנייען — ווען מיר זאָלן אַפילו ניט אַקצעפּטירן די טעאָריע (איך נעם זי ניט אָן) וועגן דער אַלמעכטיקייט פון דעם לופט־כוח.

די פלעגונג פון אַ לופט־אַרמיי איז נויטיק ניט נאָר פאַר מלחמה־צוועקן. די הערשאַפט אין דער לופט איז אונדז נויטיק אין שלום־צייטן ניט ווייניקער ווי אין קריגס־צייטן. פאַר דער טראַדיציאָנעלער אַרמיי פלעגט מען באַ־שטימען בלויז מלחמה־אויפגאַבן, איך בין אָבער זיכער, אַז אונזער אַרמיי דערוואַרטן פּאָזיטיווע אויפגאַבן, ווייל אונזער מיליטער דאַרף זיין איינע פון די הויפּט־כוחות, וואָס וועלן אויספורעמען דאָס געשטאַלט פון דעם פאָלק און וועלן איבערשמעלצן דעם מענטשן־שטויב פון די עולים, וואָס קומען זיך צונויף פון אַלע עקן וועלט און פון אַלע פרעמדע קולטורן — אין דעם שמעלץ־טאָפּ פון דעם אויפלעבנדיקן פאָטערלאַנד. אונזער לופט־כוח האָט אַ קאָלאָסאַלע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע מיסיע: די דעראָבערונג פון דער לופט געהערט צו די העכסטע דעראָבערונגען פון דעם מענטשלעכן כוח — הגם זי שטייט נאָך ערשט ביים אָנהויב פון איר אַנטוויקלונג. די מעלות פון דעם מענטש האָבן דאָ דערגרייכט צו איינעם פון זיינע העכסטע אויסדרוקן. די מדינת־ישראל וועט ניט אויפגעריכט ווערן אויב זי וועט ניט אָניאָגן און ניט אַנטוויקלען די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע דעראָבערונגען, אויב זי וועט ניט בויען איר ווירטשאַפט און קולטור אויף די העכסטע שפּיצן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. די הערשאַפט אין דער לופט געהערט צו די דאָזיקע העכסטע שפּיצן. די בויאונג פון פאַרפולקאָמטע אַעראָדראָמען און די דערוועדבונג פון שנעלע און עפעקטיווע אַעראָפּלאַנען — פון אַלע טיפּן — ניט נאָר פאַר קריגס־צוועקן, נאָר פאַר פרידנס־צוועקן, פאַר די צוועקן פון קאָמוניקאַציע און פאָרשונג — געהערן צו די וויכטיקסטע באַדערפענישן פון דער מדינה. אָבער די דאָזיקע אָרגאַנזשירונגען און טעכ־נישע אויסשטאַטונגען וועלן ניט האָבן קיין ווערט, אויב מיר וועלן ניט דער־ציען אונזער יוגנט צו לופט־גבורה, ווייל אויך אין דער לופט — ווי אומעטום

— איז דער עיקר — דער מענטש. אונזער לאַנדווירטשאַפט איז ניט די שאַפונג פון דער טויטער נאַטור, נאָר אַ פּראָדוקט פון די שעפערישע אָנשטרענגונגען פון אונזערע חלוצים אין דער קאָלאָניזאַציע. דער באָדן בלייבט אויך אין דער צוקונפט — דער פונדאַמענט פון אונזער עקזיסטענץ. די ערד וועט אייביק זיין דער קוואַל פון לעבן און דער יסוד פון דער עקזיסטענץ פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, — דאַרף די דערציאונג צו לאַנדווירטשאַפטלעכער זידלונג שטיין אין צענטער פון דער היינטיקער דערציאונג; אָבער צום אידעאַל פון דער ערד דאַרף מען איצט צוגעבן — דעם אידעאַל פון דער לופט, און אונזער יוגנט דאַרף זיך לאָזן וואַקסן פליגלען און הערשן איבער די אויבערשטע דימענסיעס פון אונזער לאַנד. הערשאַפט אין דער לופט איז אַ פאַרבאַדינג פאַר אונזער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטורעלער זעלבסט־שטענדיקייט. און די אַנטוויקלונג פון אונזערע לופט־כוחות ברעכט זיך אַרויס פון דער זיכערקייטס־ראַם און ווערט אַן אַלגעמיינער מלוכה׳שער געבאָט.

דער סאַמע יונגסטער צווייג אין אונזערע זיכערקייטס־כוחות איז — דער ים־כוח. אויך דעם דאָזיקן כוח אונזערן זיינען אָנגעצייכנט גרויסע טאַטן אויף דעם פעלד פון אונזער זיכערקייט. אונזער געאָגראַפישע און פּאָליטישע לאַגע (מיר זיינען פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט דורך אַראַבישע לענדער, און מיר האָבן ניט קיין צוטריט צו דער גרויסער וועלט — אויב ניט דורך אַן אַראַביש לאַנד — סיידן דורכן ים), שטעלט אַוועק די ים־דעראָבערונג אין צענטער פון אונזערע אַקטועלסטע אָנשטרענגונגען. דער גורל פון דער עליה, דער גורל פון דער ווירטשאַפט, און שוין אָפּגערעדט, דער גורל פון דער זיכערקייט פון אונזער מדינה, הענגען אָפּ פון אונזער מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן אומ־איבעררייסבאַרע קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט אין די ים־צוטריטן. דער ים אונטערשיידט זיך פון דער לופט דערמיט, וואָס — גלייך ווי די יבשה — דינט ער אַלס מקור פון שפּייז און רוי־מאַטעריאַלן; די באַשרענקונג פון דער לאַנדווירטשאַפט בלויז צו דער יבשה שטאַמט פון אומוויסנהייט און פון פאַרשימלטע געוואוינהייטן. דער ים איז אַן אָרגאַנישער טייל פון אונזער לאַנד. אונזער לאַנד איז קליין — און דער ים איז ברייט, כמעט אומענדלעך, און ער איז אָפן און פריי אין זיינע גרויסע ווייטקייטן, אין וועלכע עס זיינען ניטאָ קיין גרענעץ־פּאָסטן, און ער דינט נאָך אַלץ אַלס דער הויפּט קאָמוני־קאַציע־וועג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און ער איז די איינציקע בריק צווישן ישראל און די גלות־לענדער.

צוויי מאָל האָבן מיר זיך פאַראַנקערט אין ארץ ישראל, קומענדיק צו איר פון מזרח, דורך דער יבשה. און איצט קערן מיר זיך צום ערשטן מאָל אום צום פאָטערלאַנד — פון מערב, דורכן ים. מיר וועלן אויף לאַנגע יאָרן ניט איינהאַלטן די יבשה פון דעם פאָטערלאַנד — אויב מיר וועלן ניט דער־אָבערן דעם ים, מיט צענדליקער טויזנטער פישער און שיפער; און איך האָף, אַז ניט נאָר אין דעם שוין פאַר אונז אָפענעם מיטללענדישן ים, נאָר אויך — און אפשר אין דער ניט ווייטער צוקונפט — אין דעם ים־סוף, וועלן מיר וועלן ווידער דערגרייכן אילת.

# אַ פאָן

(פון דער הקדמה צום בוך „די פאָן“ פון מ. נמצא־בי ז״ל)

די מדינה איז די מלוכה־ראַם פון דער נאַציע. אין איר אַנטפּלעקן זיך די פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט, דער קאָלעקטיוועֶר און היסטאָרישער ווילן פון דער נאַציע.

פונקט אַזוי ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, גייען די מדינה און די נאַציע דורך פאַרשיידענע ענדערונגען און מעטאַמאָרפאָזעס, און אין זיי ביידע ווירקן פאַרשיידענע, זיך צוזאַמענשטויסנדע קעגנגעזעצטע און קעגנזייטיק זיך דער־גענצנדיקע כוחות, וואָס הענגען אָפּ פון פאַקטאָרן פון צייט און רוים און ענדערן זיך לויט אינערלעכע און אויסערלעכע אומשטענדן. אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער רעגירונג און אין אירע טעטיקייטס־ליניעס, וואָס ענדערן זיך פון צייט צו צייט, שפּיגלט זיך אָפּ די פאַרענדערלעכע דינאַמישקייט פון דער מדינה און פון דער נאַציע.

אָבער אַ מדינה און אַ נאַציע האָבן זייער סאָלידן פונדאַמענט, וואָס שמידט צוזאַמען אַלע דורות און האַלט צוזאַמען אַלע טיילן פון דער מדינה און פון דער נאַציע, הענגט ניט אָפּ פון די ענדערונגען פון רוים און צייט און בייט זיך ניט לויט דעם גאַנג פון די לויפנדיקע געשעענישן. אָן דער דאָזיקער היסטאָרישער איינקייט און שטאַנדהאַפטיקייט וועט קיין שום מדינה און נאַציע ניט האָבן קיין קיום.

די פאָן פון דער מדינה סימבאָליזירט די דאָזיקע איינקייט און שטאַנד־האַפטיקייט און שטעלט פעסט איר פּערמאַנענטע אידענטישקייט.

די פאָן שטייט העכער פון די זיך־טוישנדיקע רעגירונגען און פון די כוחות אינערהאַלב דער מדינה, וואָס באַקעמפן זיך קעגנזייטיק; די פאָן פאַר־קערפּערט מיט זיך דעם פאַראייניקנדיקן, צעמענטירנדיקן, אַלגעמיינעם, גע־מיינזאַמען און היסטאָרישן פונדאַמענט אין דער מדינה און אין דער נאַציע.

די ציוניסטישע פאָן האָט סימבאָליזירט די שטרעבונג פון דער אידישער מדינה־לאָזער נאַציע — צו פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט און מלוכה׳שער גלייכהייט אין דעם פאָטערלאַנד.

מיט דער אויפשטעלונג פון מדינת־ישראל איז געלייגט געוואָרן דער ערשטער גרונטשטיין צו דער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פון דער אידישער נאַציע אין איר לאַנד.

פופציק יאָר נאָך דעם געבורט פון דער פּאָליטישער ציוניסטישער באַוועגונג, — די פּובליצירונג פון הערצל׳ס „יידנשטאַט“, — איז אויפגע־שטעלט געוואָרן די מדינת־ישראל, און די פאָן פון דער מדינה וועט פון איצט

אָן פאַרקערפּערן ניט קיין שטרעבונג און אידעאַל — נאָר דאָס לעבעדיקע, וואַקסנדיקע היסטאָרישע זיין און ווערן.

גלייכצייטיק מיטן גיסן די נייע מלוכה׳שע פורעמס פאַר אונזער זעלבסט־שטענדיקער עקזיסטענץ, דאַרפן מיר אויך באַשליסן וועגן דער מדינה־פאָן, וואָס זאָל סימבאָליזירן די איינהייט פון ישראל, זיין אייגנאַרטיקייט און זיין זעלבסטשטענדיקע צוקונפט, די גורל־שותפות מיט אַלע דורות — פון דער נאַציאָנאַלער אור־געשיכטע פון פאַר טויזנטער יאָרן ביז צום סוף פון אַלע דורות — די דאָמינירונג פון דעם כלל איבער יעדן טייל און יעדן פּרט, די סאוועראַניטעט פון דער נאַציע און פון דער מדינה איבער אַלע אירע זין און אירע בירגער, טראָץ אַלע ענדערונגען און מעטאַמאָרפאָזעס אין איר אינערלעכן רעזשים און אין איר רעגירונג.

כ׳ בתמוז תש״ח — 1948 .27 .7

# כ׳ תמוז

מיניסטאָרן פון ישראל, קאָמאַנדירן פון אונזערע חיילות, מורי ורבותי!

פונם שפּיץ באַרג פון אַ צוקונפט־זעער האָט הערצל מיט פופציק יאָר צוריק אָנגעזאָגט דאָס קומען פון דעם אידנשטאַט. באַלד נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל, אין יאָר 1897, האָט הערצל פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך די פאָלגנדע אומשטערבלעכע ווערטער: „אויב איך זאָל סומירן דעם באַזעלער קאָנגרעס מיט איין שפּרוך, — צוליב פאָרזיכטיקייט וועל איך עס ניט זאָגן עפנטלעך, — וועט עס זיין: אין באַזל האָב איך געגרינדעט דעם אידנשטאַט. ווען איך זאָל דאָס היינט זאָגן אין דער עפנטלעכקייט — וועט מען אויסבראכן מיט אַ געלעכטער, אָבער אין פינף יאָר אַרום, און ניט שפּעטער, ווי אין פופציק יאָר אַרום, וועלן דאָס אַלע אָנערקענען״.

עס זיינען פאַרביי 50 יאָר — און הערצל׳ס וויזיע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, און צום ערשטן מאָל פייערן מיר דעם אָנדענק פון דעם גרינדער פון דעם פּאָליטישן ציוניזם — אין דער קעמפנדער מדינה פון ישראל.

פאַרוואָס האָט הערצל געגלויבט, אַז ער האָט אין באַזל געגרינדעט די אידישע מדינה? ווייל „די מדינה — ווי הערצל האָט פאַרצייכנט דאָרט אין טאָגבוך — איז באַזירט אויף דער שטרעבונג פון דעם פאָלק צו אַ מדינה״. אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס הערצל האָט געשאַפן, האָט זיך קריסטאַליזירט, באַפּרוכפּערט און אַקטיוויזירט די מדינה־שטרעבונג פון דעם פאָלק. דער דאָזיקער פּשוטער און

טיפער אמת, וואָס דער שעפער פון קאָנגרעס האָט אים באַגריפן, האָט פאַר־ענדערט די גאַנצע אידישע געשיכטע.

הערצל האָט ניט דערפונדן דעם ציוניסטישן געדאַנק, ער האָט אויך ניט אויסגעטראַכט דעם אידעאַל פון אַ אידישער מדינה. די בענקעניש פון דעם אידישן פאָלק נאָך דער באַניאונג פון זיין מלוכה׳שער זעלבסטשטענדי־קייט אין זיין אוראַלט פאָטערלאַנד האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט, זינט אונזער פאָלק איז אַוועק אין גלות, און דריי מאָל אַ טאָג פלעגט יעדער איד מתפלל זיין פאַר שיבת ציון און נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. הערצל איז אָבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה — אַ נשמה פון אַ שטרעבונג צו פאַרווירקלעכונג — אין דעם גלויבן און אין די בענקענישן פון דעם אידישן פאָלק נאָך מלוכה׳שער רעסטאַווראַציע; און געטאָן האָט ער דאָס מיטן ערשטן, אוממיטלבאַרן אויסדרוק־כוח פון אַ צוקונפטס־זעער מיט אָפענע אויגן, מיט דעם טאַלאַנט פון מלוכה׳שער אַרכיטעקטור, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין דער שאַפונג פון קאָנגרעס, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיט דער אַקטיוויזירונג פון די מאַסן — אַלס נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אינסטרומענט.

הערצל האָט ניט געהאַט די זכיה צו זען די פרוכט פון זיין שאַפונג. נאָר זיבן יאָר איז ער געווען אין דינסט פון זיין גרויסער מיסיע — און זיין לעבנס־ליד האָט זיך אינמיטן איבערגעריסן. אָבער דער געבענטשטער קאַנאַל, וואָס הערצל האָט געעפנט פאַר דער מדינה־שטרעבונג פון דעם פאָלק, האָט אונז באַשאָנקען מיט צוויי גרויסע מלוכה׳שע דעראָבערונגען אויפן אינטער־נאַציאָנאַלן פראָנט: די באַלפור־דעקלעראַציע, פון דעם 2־טן נאָוועמבער 1917, און דער יו־ען־באַשלוס וועגן אויפשטעלן אַ אידישע מדינה — פון דעם 29־טן נאָוועמבער 1947. אָן די דאָזיקע צוויי דעראָבערונגען וואָלטן מיר ניט געשטאַנען דאָרט, ווי מיר זיינען איצט.

אָבער דער קאָנגרעס און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זיינען ניט געווען דער איינציקער קאַנאַל, דורך וועלכן עס האָט געשטראָמט די שטרעבונג פון דעם פאָלק צו אַ מדינה.

עטלעכע יאָר נאָך פאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס און פאַר הערצלען האָט זיך געעפנט דער ערשטער קאַנאַל פאַר די שטרעבונגען פון דעם פאָלק און זיינע בענקענישן נאָך דער רעאַליזירונג פון דער גאולה: דער קאַנאַל פון דער קאָלאָניזירונגס־עליה און פון דעם שאַפנדן זיך פאַרווירקלעכנדן חלוציזם.

די בויער פון דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול אין מקוה־ישראל אין יאָר 1869; די פונדאַמענט־לייגער פון דעם ערשטן אידישן דאָרף אין פתח תקוה, וואָס זיינען געקומען פון הינטער די מויערן פון אַלט־ירושלים, צוזאַמען מיט עולים פון אונגאַרן אין יאָר 1878; די ערשטע ביל״ו־חלוצים און זייערע חברים — די גרינדער פון גדרה, ראשון־לציון, זכרון־יעקב און ראש־פינה, — אַלע זיי און די, וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, האָבן דורכגע־בראָכן דעם ערשטן און עיקר׳דיקן, וואַקסנדן און זיך אויסברייטערנדן קאַנאַל פאַר דער מדינה־שטרעבונג פון דעם פאָלק, און אין פאַרלויף פון דריי דורות

פון חלוצישער פראַצע האָבן זיי פאַרענדערט דאָס אויסזען פון דעם פאָטער־לאַנד און האָבן דערפירט צום אויפבלי פון אַ אידישן ישוב, וואָס האָט ניט געהאַט זיין גלייכן אין דער וועלט אין הינזיכט פון פרייהייט, זעלבסטשטענ־דיקייט און מעכטיקייט, — אַ ישוב, וואָס איז פאַראַנקערט אין זיין ערד, ווירטשאַפט, דאָרף, שטאָט, שפּראַך און קולטור, — וואָס איז פאַרוואָרצלט אין זיין ווייטן עבר און באַהעפט צו זיין געגאַרטן עתיד, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך ניט נאָר דעם ווילן נאָר אויך די פעאיקייט צו בויען אַ מדינה, וואָס פאַקטיש בילדעט ער דעם וואקסנדן קערנדל פון דעם אידנשטאַט. אָן דער דאָזיקער בראשית־שאַפונג פון די חלוצים פון עליה און קאָלאָניזאַציע, וואָלט מיר ניט געווען דאָרט, וואו מיר זיינען.

ווען הערצל איז געשטאָרבן, איז נאָך דאָס דאָזיקע חלוצים־ווערק געווען יונג, שוואַך און קליין, און זיינע שפּורן האָבן זיך כמעט ניט געמערקט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

נאָכן טויט פון דעם פאַרגעטערטן פירער — מיט פיר און פערציק יאָר צוריק — ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שטרעבונג צו אַ אידישער מדינה האָט באַקומען אַ טויט־קלאַפּ, ווען דער פּאָליטישער ציוניזם איז געבליבן שטיין פאַר אַ טויטער וואַנט — האָט זיך אויפגעשלאָסן דער ברויזנדיקער קוואַל פון דער צווייטער עליה, וואָס האָט מיט אַ מעכטיקן יוגנטלעכן כוח באַפרוכפּערט דאָס חלוצישע ווערק אין לאַנד; דאַן האָט זיך אויך געעפנט דער דריטער קאַנאַל פאַר דער מדינה־שטרעבונג פון דעם פאָלק, פּאַראַלעל צו דעם קאַנאַל פון דעם שעפערישן חלוציזם — דער קאַנאַל פון דעם אידישן באַוואָפנטן כוח.

אין סעדזשערע, אַ קליין דערפל אין די בערג, איינס פון די פיר איינזאַמע אידישע דערפער אין גליל התחתון, איז העכער פערציק יאָר צוריק פאַר־פלאַנצט געוואָרן דאָס ערשטע קערנדל פון דער אידישער זעלבסטשוץ, וואָס האָט דאַן געהייסן „השומר״. נאָך פאַר דעם „השומר״ פלעגן די זין פון די קאָלאָניעס, דרייסט און מסירת־נפש׳דיק פאַרטיידיקן די יונגע אידישע קאָ־לאָניזאַציע קעגן די אָנפאַלן פון רויבער און באַנדיטן פון דער מדבר, אָבער אַ שטענדיקער אָרגאַניזירטער באַוואָפנטער כוח, מיט דיסציפלין און נאַציאָ־נאַל־מיליטערישע ציל, איז אַנטשטאַנען ערשט אין אָנהויב פון דער צווייטער עליה. און פונדאַסניי האָט זיך געראַנגלט די קייט פון אידישער גבורה אויף דער ערד פון דעם פאָטערלאַנד, די קייט וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין שטאַרקן פון זינט דעם „השומר״, דעם אידישן לעגיאָן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער גרינדונג פון דער הגנה אין די טעג פון תל־חי, דער אויפשטעלונג פון דעם היטער־חיל (חיל־הנוטרים) אין דער צייט פון די געשעענישן פון 1936—1939, דער באַוועגונג פון פּלמ״ח און פרייוויליקער מאָביליזירונג אין די אידישע רעגימענטן און אין דער ערשטער אידישער בריגאַדע אין צווייטן וועלט־קריג — דאָס אַלץ האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער העלדישער, רומפולער פאַרטיידיקונגס־מלחמה פון אונזער מיליטער אין די איצטיקע טעג.

אָן דעם דאָזיקן קאַנאַל פון דער אידישער וואָפן־גבורה, וואָלטן מיר ניט געווען דאָרט, וואו מיר זיינען איצט.

אָט זיי זענען עס די דריי קאַנאַלן, דורך וועלכע עס האָט געשטראָמט די מדינה־שטרעבונג פון אונזער פאָלק, און אַלע דריי האָבן געצויגן די יניקה פון איין אור־אַלטן, ניט־פאַרפירערישן קוואַל: דעם קוואַל פון טריי־שאַפט צו דער אָפשטאַמונג, צום מקור, צו דער היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט פון פאָלק ישראל, — האַרטנעקיקע טריישאַפט, וואָס האַלט זיך ניט צוריק צוליב ליידן, רדיפות, גזירות, גירושים, שחיטות און פאַרניכטונגען, וואָס בויגט זיך ניט אונטער דעספּאָטיזם, גוואַלד, טעראָר — ווי שטאַרק זייער פיזישער כוח זאָל ניט זיין; די אידישע טריישאַפט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די אומצאָליקע מעשים פון קידוש־השם אין דעם מיטלאַלטער ביז צום געטאָ־אויפשטאַנד אין די איצטיקע טעג, און וואָס האָט דערגרייכט דעם היכפּונקט אין דער חלוצישער, פּאָליטישער און מיליטערישער אָנשטרענגונג, אַדאַנק וועלכער מיר האָבן דערלעבט די גרעסטע געשעעניש פון אונזער דור — די געשעעניש פון דעם 14־טן מאַי ד. י., וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַנטשיידנדיקן ווענד־פּונקט אין דער אידישער געשיכטע און אַן אויסער־אָרדנטלעך וויכטיקן מיילן־שטיין אין דער וועלט־געשיכטע.

אונזער דור האָט זוכה געווען צו זיין דער לעצטער צו פאַרשקלאַפונג און דער ערשטער צו גאולה. אָבער לאָמיר ניט זיין באַהערשט פון געפילן פון גאווה. ניט מיט אונזער זכות אַליין האָבן מיר זוכה געווען צו האָבן מדינת ישראל. ווען ניט דער טיפער גלויבן און די אור־אַלטע ירושה פון אידישע דורות, וואָס טראָגן אין האַרצן דעם אידעאַל פון גאולה, און זייערע הערצער זיינען אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן געווען צוגעבונדן מיט פעדעם פון ליבע און בענקשאַפט צום פאָטערלאַנד; ווען ניט די מעשי־בראשית פון אונזערע ערשטע חלוצים און קעמפער אויפן געביט פון עליה און קאָלאָניזאַציע, זעלבסטשוץ און אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק — וואָלט מדינת ישראל ניט אַנטשטאַנען אין אונזער צייט.

אָבער זכות אבות איז ניט דער איינציקער מאָטיוו — פאַרוואָס מיר מוזן זיך פאַרהאַלטן צניעות׳דיק. מדינת־ישראל איז אַנטשטאַנען אין דעם שטורם פון שלאַכטן, ווען מיר זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ טאָפּלטן פּראָבע: אַ פּאָליטישן און אַ מיליטערישן. די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אונז געוואָלט איבערלאָזן אַנאַרכיע — האָבן מיר זיך געשטאַרקט און מיר האָבן איינגעפירט אָרדענונג אין לאַנד; זי האָט אונז געוואָלט פאַרשקלאַפן צו אירע געדונגענע אַראַבער — האָבן מיר זיך געשטאַרקט און האָבן פאַרווירקלעכט אונזער זעלבסטשטענדיקייט און האָבן אויפגעשטעלט די מדינת ישראל.

דער געראַנגל האָט זיך נאָך אָבער ניט געענדיקט. אמת, פון די מיליטערישע שלאַכטן זיינען מיר ביז איצט אַרויס זיגעריש. אָן קיין שום הילף מצד דער יו־ען זיינען מיר געשטאַנען קעגן דער אַראַבישער אַגרעסיע, וואָס האָט זיך באַמיט מיט דער הילף פון דער בריטישער רעגירונג צונישט צו מאַכן די באַשלוסן פון דער יו־ען. מיר האָבן באַוויזן ניט נאָר אָפּצוהיטן דעם

גאַנצן שטח פון דער אידישער מדינה, לויט ווי עס איז אַנגעצייכנט געוואָרן אין די באַשלוסן פון יו־ען־פּלענום, דעם 29־טן נאָוועמבער 1947, נאָר מיר האָבן פאַרגרעסערט דעם שטח, מאַכנדיק אַ סך דעראָבערונגען אויסערהאַלב די אַנגעצייכנטע גרענעצן. די הגנה און דאָס מיליטער האָבן פאַרכאַפּט כמעט אַלע פּיינטלעכע קוואַרטאַלן אין דער נייער ירושלים — רוממה, ליפתא, שייך־באדער, קאַטאַמאָן, אל־בקעה, אַלענביי־קאַזארמעס, מוצאַראַר און נאָך — און ירושלים, אויסער דער אַלט־שטאָט, איז געוואָרן אַ אידישע שטאָט, ווי זי איז עס ניט געווען פון נאָך חורבן בית שני.

מיר האָבן איינגענומען צפת, טבריה, חיפה און עכו, און אונזער מיליטער האָט דעררייכט דעם גרענעץ פון לבנון און גליל המערבי — נאָכדעם ווי עס זיינען איינגענומען געוואָרן אונטערוועגס: אַכזיב, באַצאַ און אַנדערע אַראַבישע. דערפער; מיר האָבן אויך איינגענומען קאַסטעל, בית־מחסיר, סובאַ, סאַריס, מלחה און עין־כרם אין דער אומגעגענט פון ירושלים און אויפן וועג צו שער־הגיא (באַב־אל־וואַד); מיר האָבן איינגענומען בית־דזשיז, בית־סוסין, צרעב און אַרטוף אין דעם ירושלים׳ער קאָרידאָר; מיר האָבן איינגענומען יבנה און קובייבאַ, מאַסמיע און יאַזור, סומייל און זיתא, כאַטאַ און כארטיע — אין דרום; מיר האָבן איינגענומען יפו מיט אירע „טעכטער״: סאלאַמע, יעזור, בית־דגון, סאַפוריע, כפר־אנא, יהודיה; מיר האָבן איינגענומען לוד און ראַמלע, בית־נאַבאַללאַ, ראש־העין, קובאַב און סאלוויט, ברפוליה, ביר־מעון און בורדזש, דעם אַעראָדראָם און די באַן־סטאַנציע אין לוד; מיר האָבן באַפרייט בן־שמן און האָבן דעררייכט מודיעון — דעם געבורט־פּלאַץ פון די חשמונאים; מיר האָבן איינגענומען אין עמק יזרעאל: זרעין נוריס, מזר, בית־שאן און די באַרג־קייטן פון דעם גלבוע; מיר האָבן איינגענומען שפרעם און צפורי, נצרת און כפר כנא, לוביא און חטין — אין צענטראַלן טייל פון גליל; מיר האָבן איינגענומען עין־הוד און דזשאבאַ, טירה און איכזים — אויפן וועג צו חיפה; די לופט־אַרמיי האָט דערלאַנגט שווערע קלעפּ רבת־עמון, דמשק און קאַאיר און אַלע קאָנצענטרירונגען פון דעם פּיינט אין אונזער לאַנד; עס האָט דערביי צוגעהאָלפן אונזער יונגע ים־אַרמיי.

און דאָך קענען מיר זיך נאָך אַלץ ניט איבערנעמען און מיינען אַז מיר האָבן געזיגט. עס דעצידירט בלויז דער נצחון אין דער לעצטער אַנטגילטיקער שלאַכט, און מען קען נאָך ניט זאָגן, אַז אונזערע נצחונות אין די לעצטע שלאַכטן — זיינען געווען נצחונות פון דער לעצטער שלאַכט. קיינער ווייסט נאָך ניט אויף זיכער, צי די צווייטע פייער־פויזע איז דער סוף פון דער מלחמה אָדער בלויז אַ צייטווייליקע פויזע, און אויב מיר ווילן ניט זיין גרייט און געשפּאַנט, באַוואָפנט און צוגעגרייט צום קאַמף אויף דער יבשה, אין דער לופט און אויפן ים, כדי — אויב די מלחמה וועט זיך באַנייען — אַראָפּצולאָזן דעם פּיינט אַ צושמעטערנדן קלאַפּ אין דער לעצטער שלאַכט — וועלן אַלע אונזערע ביזאיצטיקע דעראָבערונגען און נצחונות ניט האָבן קיין באַשטימענדן און דעצידירנדן ווערט. אָבער אויב מיר וועלן האָבן אַ נצחון אין דער לעצטער שלאַכט, קען זיין, אַז עס וועט אונז פאַרשטיין אַ שווערער

פּאַליטישער גערעראַנגל, ווייל אויסער דעם אָפענעם שונא האָבן מיר נאָך אַ סך פיינט, געהיימע און פאַרמאַסקירטע, און זיי וועלן ניט דורכלאָזן קיין שום געלעגנהייט, צו באַרויבן און צו שעדיקן אונזערע רעכט, שאַפונגען און דעראָבערונגען. די טאָט פון דעם 14־טן מאַי וועט ניט פאַרפולקאָמט ווערן כל זמן אונזער מיליטער און רעגירונג וועלן ניט פאַרזיכערן פאַר מדינת־ישראל שלום, זיכערקייט און סואווערעניטעט אין די באַשטייענדע און גע־רעכטע גרענעצן, און כל זמן אונזער פאָלק וועט ניט מאַכן קיין חלוצישע אָנשטרענגונג כדי צו ברענגען אַלע גלות־פאַרשטויסענע צו דעם באַפרייטן פאָטערלאַנד און צו פאַרבויען די וויסטענישן פון אונזער לאַנד. מיר האָבן נאָך פאַר זיך אַ וויטן און אַ שווערן וועג, — און צו אונזער היסטאָרישן ציל — קיבוץ גלויות און גאולה שלמה — וועלן מיר ניט קומען אָן ליידן, אָנ־שטרענגונגען און קרבנות.

מיט מוט און גלויבן קוקן מיר צום מאָרגנדיקן טאָג, מיט וואַכזאַמער געשפּאַנטקייט און פאַרשטאַרקטער גרייטקייט.

הערצל האָט געזאָגט: „די אידן, וואָס וועלן עס וועלן — וועלן דערגרייכן זייער מדינה. און זיי וועלן זי ווערט זיין״. לאָמיר אַלע געטריי דערפילן אונזער חוב — וועלן מיר ווערט זיין אונזער מדינה.

כ״ט תמוז תש״ח — 8. 5. 1948

# די זאָרג פאַר דער משפחה פון דעם זעלנער

(אויף דער זעכצנטער זיצונג פון דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט, תל־אביב)

מיטגלידער פון ראַט! עס איז זייער פאַרדראָסיק, וואָס ביז היינט איז אויף אַ פּראַקטישן און אָנשטענדיקן אופן ניט געלעזט געוואָרן די פראַגע וועגן דער זאָרג פאַר דער משפחה פון דעם זעלנער. עס איז ניט נאָר אַ מאָראַלישע פראַגע און אַן ערן־חוב פאַר דער מדינה, אַז די זין, וואָס זיינען גערופן געוואָרן אָפּצוגעבן זייער לעבן פאַר דער פאַר־טיידיקונג פון אונזער זעלבסטשטענדיקייט — זאָל פאַרזיכערט ווערן אַ פולע, אָנטשפּרעכנדע זאָרג פאַר זייער משפחה. אָבער דאָס איז אויך אַ לעבנס־פראַגע אין מיליטערישער הינזיכט. עס איז שווער צו פאָדערן פון אַ מענטש, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט לייב און לעבן דעם דינסט, וואָס איז אים באַ־שטימט געוואָרן, — אַז ער זאָל אָפּגעבן אַלע זיינע כוחות, צייט און אַפילו דאָס לעבן — ריקזיכטסלאָז, אָן קיין שום תנאי, — און דאָס איז, וואָס דאָס מיליטער פאָדערט פון יעדן זעלנער, — אין דער צייט, ווען ער איז ניט זיכער, אַז די פרוי און קינדער, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזן אינדערהיים, זיינען מער־ווייניקער פאַרזאָרגט. עס זיינען ביז איצט געשען עטלעכע פאַלן פון

האַרבן דיסציפּלין־ברוך אין דער אַרמיי, — און די קאָמאַנדירן, וויסנדיק די סיבות, האָבן כמעט ניט געפונען אין זיך קיין מאָראַלישן אָנהאַלט אָנצוווענדן מיטלען קעגן די דיסציפּלין־ברעכער, ווייל די סיבה איז געווען: הונגער אין דער משפּחה פון דעם זעלנער. ביז איצט האָט זיך געפירט, אַז פריער האָט מען אויסגעפאָרשט, צי נויטיקט זיך טאַקע די משפּחה פון דעם זעלנער אין אונטערשטיצונג מצד דער מדינה, און ערשט דאַן פלעגט מען אויסצאָלן די געהעריקע סכומים. דאָס איז ניט געווען אַנשטענדיק אין באַצוג צום זעלנער, און ניט אַנשטענדיק אין באַצוג צו זיין משפּחה. די רעגירונג שלאָגט פאַר דעם ראַט צו באַשליסן, אַז די משפּחה פון דעם זעלנער זאָל אויטאָמאַטיש באַקומען פאָרויס־באַשטימטע אָפּצאָלן, אָן קיינע אויספאָרשונגען — צי נויטיקט זיך די משפּחה, צי ניט. מיר שלאָגן פאַר פעסטצושטעלן אַ מינימום, וואָס זאָל אויסגעצאָלט ווערן יעדער זעלנער־משפּחה — אַ מינימום פאַר דער פרוי, אַ מינימום פאַר יעדן קינד — אָן אונטערשייד פון דער מאַטעריעלער לאַגע. פאַר דעם דאָזיקן מינימום וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך די מדינה, ווייל די מדינה איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מאָביליזירונג פון דעם זעלנער. דער ראַט דאַרף אָבער אָפּשאַצן דעם פאַרנעם און דעם אומפאַנג פון דעם יאָך, וואָס די מדינה וועט דערמיט נעמען אויף זיך. צוליב פאַרשטענדלעכע מאָטיוון קען איך דאָ ניט איבערגעבן די צאָל פון די מאָביליזירטע און די צאָלן פון די משפּחות פון זעלנער, אָבער עס זיינען ניט קיין קליינע צאָלן, און זיי נעמען אַרום אַ ניט קליינעם טייל פון דעם פאָלק אין לאַנד. דער יאָך איז גרויס, און עס קען זיין אַז ער שטייגט איבער די מעגלעכקייטן פון דער מדינה אין נאָרמאַלע צייטן. אָבער די צייטן זיינען ניט קיין נאָרמאַלע, און מיר זיינען אין קריג, וואָס קיינער ווייסט ניט, ווען ער וועט זיך ענדיקן; דער פינאַנציעלער יאָך פון קריג וועט נאָך וואַקסן. — די רעגירונג איז געקומען צו פאָלגנדע צוויי מסקנות:

א) די פינאַנציעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין באַצוג צו דער משפּחה פון דעם זעלנער פאַלט אויף דער מדינה. די מדינה מוז געפינען די נויטיקע מיטלען, און זי וועט זיי געפינען, גלייך ווי זי געפינט זיי פאַר די מלחמה־באַדערפענישן — סיי דורך אַרויפלייגן שטייערן אויף די בירגער, סיי דורך הלוואות און סיי דורך אַנדערע מיטלען. די דאָזיקע אויפגאַבע, גלייך ווי די אַלגעמיינע אויפגאַבע פון פינאַנסירן דעם קריג, איז ניט קיין לייכטע. אויך די ציפערן פון דעם מלחמה־בודזשעט קען איך דאָ ניט אָנגעבן, אָבער איר וועט זיך קענען אַליין פאָרשטעלן, אַז ער שטייגט איבער אַלץ צו וואָס מיר זיינען געוואוינט אין די ציוניסטישע בודזשעטן. ער שטייגט פילפאַכיק איבער דעם בודזשעט, וואָס דער מדינה־ראַט באַשטעטיקט יעדן מאָנאַט.

צום גליק האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז מיר זיינען ניט איזאָלירט, אַז דאָס אידישע פאָלק גיט אונז הילף. עס איז נאָך אפשר קיינמאָל אַזוי פּראַקטיש ניט דעמאָנסטרירט געוואָרן די איינהייט פון דעם אידישן פאָלק אין גאָר דער וועלט, ווי עס איז געטאָן געוואָרן אין דעם איצטיקן קריג.

כ׳ תמוז האָט תל־אביב געהאַט די געלעגנהייט צו זען עטוואָס פון צבא־הגנה־לישראל און עטוואָס פון אונזער קריגס־אויסשטאַטונג. ווידער אַמאָל, איך קען אייך ניט זאָגן, וויפל מיליאָנען די דאָזיקע אויסשטאַטונג האָט אונז געקאָסט. די דאָזיקע מיליטערישע אויסשטאַטונג איז איינע פון די וואונדער־באַרסטע זאַכן אין דער וואונדערבאַרער עפּאָפּיי פון דער אויפשטעלונג פון אונזער אַרמיי, — און די אויסשטאַטונג איז געמאַכט געוואָרן אין דעם עצם גאַנג פון קריג. כל זמן דאָ איז געווען אַ פרעמדע מאַכט, האָבן מיר ניט געקענט האָבן קיין אַרמיי, — האָבן מיר ביז צו דער איצטיקער מלחמה ניט געהאַט ניט קיין אַרמיי און ניט קיין מיליטערישע אויסשטאַטונג. אַלץ איז געשאַפן געוואָרן אין דעם שטורם פון קריג, און אָן דער הילף פון דעם וועלט־אידנטום וואָלט עס ניט געשאַפן געוואָרן. און ניט נאָר די גרויסע און רייכע לענדער, ווי אַמעריקע, נאָר אויך אין קליינע לענדער, האָט זיך דאָס אידישע פאָלק קיינמאָל ניט אָפּגערופן מיט אַזאַ ברייטער האַנט און אָפן האַרץ און אַזוי בייצייטנס, ווי עס האָט זיך אָפּגערופן דאָס מאָל. דאָס פאָלק האָט ווייזט אויס אַרויסגעפילט די אַנטשיידנדע וויכטיקייט פון דעם צייט־פאַקטאָר אין דעם איצטיקן קריג. מען האָט אין דער דאָזיקער תקופה ניט געקענט ֿאיינאָרדנען קיין שום געלט־זאַמלונג, אויב זי האָט אויף זיך ניט געטראָגן דעם שטעמפל פון זיכערקייט אָדער הגנה. דער קליינער אידישער ישוב אין דרום־אַפריקע האָט אין אַ קורצער צייט צונויפגעזאַמלט פאַר זיכער־קייטס־צוועקן העכער אַנדערטהאַלבן מיליאָן פונט. איך וועל אייך ניט איבער־געבן קיין ציפערן וועגן גרעסערע אידישע ישובים. אין אַלע גלות־לענדער האָט מען זיך אָפּגערופן שנעל און אין דער פולער מאָס, און נאָר אַ דאַנק דעם האָבן מיר געקענט האַלטן דעם פראָנט און פינאַנסירן די מלחמה, וואָס האָט מיט דעם אומפאַנג פון אירע פאָדערונגען איבערגעשטיגן אַלץ, צו וואָס מיר זיינען געווען געוואוינט אין לאַנד.

ב) אויך דער דאָזיקער פּרט, — אמת, אַ לעבנס־פּרט אין דעם קריגס־בודזשעט, — דער אָפּצאָל פאַר דער משפחה פון דעם זעלנער, וועט ניט זיין פאַרזיכערט אויב מיר וועלן דערצו ניט קריגן קיין מיטלען אויך פון אויסער דער מדינה, און מיר צווייפלען כמעט ניט, אַז מיר וועלן באַקומען מיטלען אויך פון אויסער דער מדינה. אָבער צוליב פּאָליטיש־יורידישע באַ־דינגונגען אין איניקע לענדער, באַזונדערס אין די וויכטיקסטע צווישן די לענדער, זיינען מיר געווען געצוואונגען איינאָרדנען זיך אַזוי, אַז די רעגירונג פון ישראל זאָל דירעקט ניט באַקומען קיינע מיטלען פון די געלט־זאַמלונגען, — און איך בעט דעם ראַט, ניט צו פאָדערן פון מיר קיין גענויערע אויפקלע־רונגען, — און דעריבער האָבן מיר געמאַכט אַזוי, אַז צוזאַמען מיט דער דירעקטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער מדינה פאַר דעם געהאַלט פון דעם זעלנערס משפחה, זאָל דער אָפּצאָל געמאַכט ווערן דורך אַ געזעלשאַפט־לעכער קאָמיסיע. די קאָמיסיע וועט זיך אויך קענען באַנוצן מיט געלט פון אויסלאַנד, און מיר זיינען זיכער, אַז עס וועט איר געלונגען צו באַקומען

באַדייטנדע סכומים פון אויסלאַנד, הגם די פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט אַלץ ליגן אויף דער רעגירונג.

עס ליגט אויף אונז נאָך אַלץ אַ פליכט: דער אָפּצאָל פאַר אינוואַלידן, אלמנות און יתומים. עס זיינען ביז איצט געפאַלן בלויז פון מיליטער אַליין העכער 2000 מאַן! אויסער די, וואָס זיינען געפאַלן טויטע, זיינען דאָ עטלעכע הונדערט, וואָס זיינען געבליבן אָן פיס אָדער הענט, און עס ליגט אַ הייליקער חוב אויף דעם גאַנצן פאָלק, צו דערמעגלעכן די אינוואַלידן אַנטשפּרעכנדע אַרבעט און צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון די אלמנות און יתומים פון אונזערע קעמפער. עס רעדט זיך ניט וועגן אַ מין פילאַנטראָפּיע, וועגן קיצבה, נאָר וועגן אַראַנזשירונגען, וואָס זאָלן זיי פאַרזיכערן אַרבעט און פרנסה בכבוד. מען דאַרף זאָרגן און מאַכן פּראָטעזן פאַר די אינוואַלידן, און די טעכניק דערמעגלעכט אונז איצט, צו באַשעפטיקן אַ זעלנער, וואָס האָט פאַרלוירן אַ האַנט אָדער אַ פוס, ביי פּראָדוקטיווער אַרבעט, אַזוי, אַז ער זאָל זיך קענען מפרנס זיין בכבוד. מען דאַרף דאָסגלייכן זאָרגן פאַר די אלמנות, אַז זיי זאָלן קענען — מיט דער הילף פון דער מדינה — שפּייזן בכבוד'יק זיך און די קינדער.

אויף וויפל דאָס דאָזיקע צווייטע פּראָבלעם וועט בלייבן אויך נאָך דער מלחמה, האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אַ באַזונדער אַנשטאַלט, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַלע פראַגן פון אינוואַלידן, ווי אויך אלמנות און יתומים פון זעלנער.

אויך דאָ וועט די מדינה טראָגן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל מיר טוען ניט קיין טובה, נאָר אַ חוב צאָלן מיר די יתומים און די איבעריקע מלחמה־געליטענע, אַ קליינער טייל פון דעם חוב, וואָס לאָזט זיך, בכלל, אָפּ־צאָלן אונזערע קעמפער און פאַרטיידיקער.

ח׳ באב תש״ח — 8. 13. 1948

# ווי אַזוי וועט אויפגעשטעלט ווערן די מדינה

(אויף אַ באַראַטונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון—צ. ס.—התאחדות)

וואָס עס צייכנט אויס אונזער צייט איז דאָס, וואָס דער אידעאַל איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט, אָבער די נייע ווירקלעכקייט האָט זיך נאָך ניט סטאַביליזירט, ניט קריסטאַליזירט. ניט מיר און ניט די וועלט אַרום אונז האָבן זיך נאָך ניט צוגעפּאַסט צו דער נייער ווירקלעכקייט, און די ענדערונג האָט נאָך ניט דעראָבערט איר פּלאַץ אין אונזער געדאַנק און טאַט, און אויך ניט אין דער עקזיסטירנדיקער וועלט־ווירקלעכקייט.

אונזער נייע ווירקלעכקייט האָט אַרויסגעבראַכט צוויי יסודות׳דיקע פאַקטן:

ערשטער פאַקט. עס איז קעגן אונז אונטערגענומען געוואָרן אַ גרויזאַמער אַנגריף מיטן צוועק אויסצורייסן אונזער עקזיסטענץ און צוקונפט — און מיר האָבן באַוויזן אָפּצושטויסן דעם דאָזיקן אַנגריף; אַלנפאַלס, ביז איצט האָבן מיר געהאַט די אויבערהאַנט.

צווייטער פאַקט. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ אידישע מדינה, און אַט עקזיסטירט שוין די דאָזיקע מדינה דריי מאָנאַטן, — און מיר זען ניט קיין שום סימן פון אָפּשוואַכונג אָדער צוטרייסלונג. פאַרקערט: זי ווערט אַלץ שטאַרקער.

אָבער מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז די דאָזיקע צוויי דערפרייענדיקע פאַקטן זאָלן אונז פאַרבלענדן די אויגן; לאָמיר זיך צוקוקן צו זייערע שוואַכע פונקטן.

מיר האָבן נאָך ניט פאַרענדיקט די מלחמה מיט אַן אַנטגילטיקן נצחון. מיר האָבן געהאַט נצחונות, און וואָס לענגער די מלחמה האָט געדויערט, איז אַלץ געוואַקסן די צאָל פון אונזערע נצחונות. אָבער דאָס זיינען אַלץ נצחונות ניט קיין דעצידירנדיקע. דער פיינד שטייט נאָך אין די טויערן פון דער מדינה, און אין אייניקע ערטער — אינערהאַלב די גרענעצן פון דער מדינה.

די פייער־פויזע, וואָס איז אונז אויפגעצוואונגען געוואָרן אין נאָמען פון די פאַראייניקטע פעלקער, איז ניט קיין סטאַנציע אויפן וועג צום שלום. דאָס איז אַפילו ניט קיין וואָפנשטילשטאַנד, נאָר אַ צייטווייליקע הפסקה אין קריג, און אויך דאָס בלויז טעאָרעטיש, ווייל פאַקטיש זעצן די אַראַבער פאָר זייערע אָנפאַלן אין פאַרשיידענע ערטער אין לאַנד, און דער ברוך פון דער פייער־פויזע דורך אונזערע פיינד האָט אין די לעצטע טעג דערגרייכט דעם הויכפּונקט: עס איז אויפגעריסן געוואָרן די וואַסער־שעפּ־סטאַנציע נעבן לאַטרון. דער דאָזיקער אויפרייס איז געווענדעט קעגן דער אידישער ירושלים. ווען די פייער־פויזע וואָלט אַפילו געוואָרן אָפּגעהיט ווי געהעריק מצד אַלע

אַראַבישע מדינות — וואָלטן מיר אויך ניט געקענט שלום מאַכן מיט אַן אומבאַגרענעצטער — אין צייט — פייער־הפסקה. ווייל דער פשט פון דער פייער־הפסקה איז: א) אויסערלעכע קאָנטראָל אויף דער אידישער מדינה, בכלל; ב) קאָנטראָל אויף דער אידישער עליה, בפרט, — און די ביידע זאַכן קענען ניט געמאָלט זיין אויף לאַנג. אויב די פאַראייניקטע פעלקער וועלן ניט אימשטאַנד זיין אָדער וועלן ניט וועלן פאַרזיכערן דעם שלום איז דער מער־ווייניקער נאָענטער צוקונפט — וועלן מיר געצוואונגען זיין צו פרובירן און מאַכן עס מיט אייגענע כוחות. אויב די יו־ען וועט ניט קענען אַרויספירן די פרעמדע אַרמייען פון די גרענעצן פון אונזער מדינה — וועלן מיר זיין געצוואונגען צו פרובירן מאַכן עס אַליין. די דאָזיקע קליינע מדינה וועט מוזן טאָן דאָס, וואָס די פאַראייניקטע פעלקער ווילן ניט אָדער קענען ניט טאָן — און מיר דאַרפן זיין גרייט דערצו.

דעריבער דאַרפן מיר אַלע אונזערע ביזאיצטיקע דערגרייכונגען ניט זען אַלס סטאַביליזירטע און אַנטגילטיקע. דער גורל פון אונזערע דעראָבערונגען הענגט אָפּ פון דעם, וואָס עס קען איצט געשען.

אויך די עקזיסטענץ פון דער מדינה איז נאָך ניט סטאַביליזירט. מיר טאָרן ניט פאַרמינערן די פאַרדינסטן פון די פאַראייניקטע פעלקער, די פאַרדינסטן פון יו־ען־פּלענום פון סוף נאָוועמבער 1947, — אָבער אָן קיין שום גרויסהאַלטעריי און באַרימעריי מעגן מיר פעסטשטעלן דעם פשוטן, אויטענטישן פאַקט, דאָס די אידישע מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן ניט דורך די פאַראייניקטע פעלקער, נאָר דורך אונז אַליין. ווער עס וועט עס באַצייכענען מיט צער, און ווער מיט צופרידנקייט — אָבער די באַצייכענונג וועט זיין אַ ריכטיקע.

די יו־ען האָט ניט געהאַט דעם ווילן, און אפשר ניט די קאָמפּעטענץ, און פיליכט ניט די מיטלען — צו פאַרווירקלעכן איר באַשלוס, און ווען מיר וואָלטן זיך פאַראַנקערט אויסשליסלעך אין די באַשלוסן פון דער יו־ען — וואָלט די אידישע מדינה ניט אַנטשטאַנען, — דאָס לאַנד וואָלט ביז איצט געווען אין אַ צושטאַנד פון אַנאַרכיע, שפיכות דמים און תוהו ובוהו.

די אידן — די אידן פון ארץ ישראל אַליין — האָבן אויפגעשטעלט די מדינה, און זיי האַלטן זי אויף שוין דריי חדשים מיט אייגענע כוחות קעגן דער מעכטיקער פאַרמעסטונג פון אַלע אַראַבישע מדינות; און נאָר ביסלעכוויז דעראָבערט די דאָזיקע מדינה איר פּלאַץ אין דער אַנערקענונג פון דער וועלט. אויך די פעלקער, וואָס האָבן אונז ניט אַנערקענט, ווייסן אַז די אידישע מדינה איז אַ באַשטייענדער און דינאַמישער פאַקט. און דאָך לאָמיר זיך ניט איינשמועסן, אַז די אַרבעט איז פאַרענדיקט.

ניט נאָר וואָס דער אויפבוי פון דער מדינה איז נאָך ניט פאַרפולקאָמט, — נאָך אַ סך יאָרן וועט ער ניט זיין פאַרפולקאָמט, — נאָר איר עצם עקזיסטענץ איז נאָך ניט פאַרפעסטיקט און סטאַביליזירט. עס איז איר נאָך ניט פאַרזיכערט דער שלום, — און דער גורל פון דער מדינה הענגט אָפּ פון דעם גורל פון דעם קריג, — אויב עס וועלן זיך באַנייען די שלאַכטן.

און ניט נאָר דאָס אַליין: מען דאַרף געדענקען, אַז די גרענעצן פון דער מדינה זיינען נאָך אַנטגילטיק ניט דעפינירט און פעסטגעשטעלט געוואָרן — אויף וויפל אַזעלכע זאַכן ווערן אַנטגילטיק פעסטגעשטעלט.

דער אינערלעכער ויכוח וועגן די גרענעצן אַנטשיידעט גאָרניט. מיר דאַרפן שטרעבן דערצו, אַז די גרענעצן זאָלן פעסטגעשטעלט ווערן לויט אַ אידיש־אַראַבישן הסכם — מיר דאַרפן אָבער גרייט זיין, פעסטצושטעלן זיי מיטן כוח פון שווערד, אויב אַן אינטערנאַציאָנאַלער הסכם וועט ניט דערגרייכט ווערן.

איין זאַך איז קלאָר שוין איצט: די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער, פון דעם 29־טן נאָוועמבער 1947, וועגן די גרענעצן — זיינען געמאַכט געוואָרן צו נישט; די אַראַבער, וואָס האָבן אונז אַנגעגריפן, האָבן שווער באַשעדיקט די אויטאָריטעט פון די פאַראייניקטע פעלקער; די יו־ען האָט אָבער ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט רעאַגירן — קומט דעריבער מער ניט אין באַטראַכט די אַנטשיידונג, וואָס מיר זיינען גרייט געווען אָנצונעמען אַלס לעצטע פשרה, אויף וויפל דאָס האָט געזאָלט זיין לויט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך. נאָך דעם אַלעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין לאַנד, אין נאָענטן מזרח און אינערהאַלב די פאַראייניקטע פעלקער, קומט מער ניט אין באַטראַכט יענע אַנטשיידונג — ניט אין באַצוג צו ירושלים, ניט צום וועג וואָס פירט קיין ירושלים, ניט צום גליל און ניט אין באַצוג צו פאַרשיידענע אַנדערע פראָבלעמען.

אַלץ געפינט זיך נאָך אין אַ גרויסער מאָס אין אַ היסטאָרישן שמעלץ־טאָפּ, און קיין זאַך איז נאָך ניט סטאַביליזירט. אָבער ווען אַפילו די גרענעצן און דער אינטערנאַציאָנאַלער סטאַטוס פון אונזער מדינה וועלן ווערן דעפינירט, פעסטגעשטעלט און פאַרזיכערט — וועלן מיר נאָך אַלץ זיין ווייט פון דעם ציל, וואָס צוליב אים איז אויפגעשטעלט געוואָרן די מדינה: קיבוץ גלויות.

עס שיינט מיר, אַלס פונדאַמענטאַלער, צענטראַלער, פירנדער טעזיס אין אונזער וועלט־אַנשויאונג, באַוועגונג און פּאָליטישער ליניע, דאָס די מדינה איז ניט אַ ציל, נאָר אַ מיטל פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניזם. אַ אידישע מדינה פון זיבן צי אַכט הונדערט טויזנט אידן איז ניט דער „קץ", וואָס דורות האָבן געוואַרט אויף אים; עס איז בכלל ניט אַ זאַך, וואָס וועט זיך קענען לאַנג האַלטן.

מיר האָבן דאַסמאָל אויף אַ דערשטוינענדן אופן באַזיגט זעקס אַראַבישע מדינות. מיר האָבן זיי באַזיגט מיט אונזער אינטעלעקטועלן און מאָראַלישן איבערגעוויכט, — און מיט דעם כוח פון דעם דאָזיקן איבערגעוויכט וועלן מיר זיי — גלויב איך — באַזיגן אויך אין דעם קומענדיקן שטאָפּל — אויב עס וועט זיין נאָך אַ שטאָפּל אין קריג. מיר וועלן אָבער ניט קענען בויען אונזער עקזיסטענץ און צוקונפט אויף דער שוואַכקייט פון אַנדערע, אויף דער אָפּהענטיקייט פון דער אַראַבישער וועלט. די אַראַבער וועלן זיך מיט דער צייט אויך אונטערגאַרטלען; אויך זיי וועלן גיין פאָרויס אין טעכנישער און אינטעלעקטועלער הינזיכט.

ווען עס זאָל אַפילו ניט דראָען קיין אויסערלעכע סכנה אַ מדינה וואָס באַשטייט פון זיבן — אַכט הונדערט טויזנט אידן, האָט אַזאַ מדינה ניט קיין אינערלעכע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. זי ענדערט ניט דעם גורל פונם אידישן פאָלק און זי דערפילט ניט די שליחות פון דער אידישער געשיכטע.

די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער מדינה ליגט אין אַ גרויס־צוגיקע עליה און קאָלאָניזאַציע — אַזאַ, ווי עס איז בשום אופן ניט מעגלעך געווען ביז צו דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. דער ויכוח וועגן די צאָלן פון דער עליה, — סיי עס איז אַ ויכוח וועגן צענדליקער טויזנטער, און סיי — וועגן הונדערטער טויזנטער, — איז אַ ויכוח אַ נאַרישער און אַ פּרוכטלאָזער. די באַשטימונג פון מדינת־ישראל איז — קיבוץ גלויות, אָדער — מיט אַנדערע ווערטער — די ליקווידירונג פון די גלות׳ן. מיר, אין אונזער דור, וועלן אפשר ניט דורכפירן די ליקווידאַציע פון גלות־אַמעריקע אָדער גלות־ ראַטנ־פאַרבאַנד, אָבער עס איז ניטאָ קיין שום סיבה און קיין שום מניעה, אַז מיר זאָלן אין דער נאָענטער צייט — נאָך דער מלחמה און מיט דער סטאַביליזירונג פון דער מדינה — ניט ליקווידירן די גלות׳ן פון תימן, פּערסיע, סיריע, איראַק, מאַראָקאָ, טוניס, אַלזשיר, דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, טריפּאָ־ליטאַניע, און נאָך לענדער, וואָס איך וויל ניט אָנרופן ביים נאָמען. דאָס, וואָס עס האָט ניט געקענט דורכפירן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אונטער אַ פרעמדער מאַכט — סיי אַ פיינטלעכע און גלייכגילטיקע און סיי אַ פריינטלעכע — דאָס קען און מוז דורכפירן אַ אידישע מדינה, וואָס שטיצט זיך אויף דער טרייער הילף פון דער גאַנצער אידישער נאַציע אין גאַר דער וועלט, און אין אַ געוויסער מאָס — אויך אויף אינטערנאַציאָנאַלע סימפּאַטיעס.

מיר דאַרפן אויסרייסן פון האַרץ איינבילדונגען און פּסיכאָלאָגישע גע־וואוינהייטן, וואָס זיינען אפשר געווען פאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט אַמאָל, אָבער זיי זיינען ניט מער ווי אַנאַכראָניזמען אין דער נייער תקופה, אין דער תקופה פון דער מדינה. די רעאַליזירונג פון ציוניזם ליגט איצט הויפּט־זעכלעך אויף דער פליצע פון דער מדינה. איך מיין ניט, אַז די מדינה איז אומבאַגרענעצט אין אירע מעגלעכקייטן. קיין שום מדינה איז ניט קיין כל־יכול, אַפילו ניט אַ רייכע און אַ מעכטיקע מדינה, און אַוודאי און אַוודאי ניט אַ קליינע און אָרעמע מדינה, ווי מדינת־ישראל. און מיר קענען ניט פאַרזען די אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן, די איינגעבוירענע פעלערן אונזערע, און די שוועריקייטן וואָס גויים וועלן אונז נאָך פאַראורזאַכן — סיי שלעכטע, און סיי גוטע גויים. מען קען אויך ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דער פינאַנציעלער און עקאָנאָמישער נויט, וואָס די מדינה וועט זיך ברעכן אונטער איר לאַסט, — און ס׳איז קלאָר, אַז די מדינה אַליין, אָן דער הילף פון דעם אידישן פאָלק, וועט ניט קענען רעאַליזירן איר פּראָגראַם. די מדינה וועט מוזן אָנקומען אויך צו אינטערנאַציאָנאַלער הילף. אָבער מיט די אַלע באַגרענעצונגען, וואָס פאַלן אויף אַ מדינה, און גאַנץ באַזונדערס אויף אונזער קליינער, יונגער מדינה, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פיינט און געפאַרן, — איז קלאָר, אַז קיין שום אינסטרומענט קען זיך ניט פאַרגלייכן

מיט דער מדינה אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם ציוניסטישן אידעאַל. די אויפֿשטעלונג פֿון דער מדינה עפּנט מעגלעכקייטן, האָריזאָנטן, וואָס מיר האָבן זיך פֿריער אַפֿילו ניט געקענט פֿאָרשטעלן, און דאָס פֿאַרפּליכטעט אונדז צו אַ נייעם צוגאַנג און צו אַ נייער אויפֿפֿאַסונג אין אַלע אונדזערע באַציאונגען און אונטערנעמונגען.

מיר שטייען נאָך דערוויַיל אויפֿן שוועל פֿון דער מדינה, ווײַל אונדזער עיקר־זאָרג אין איצטיקן מאָמענט איז געווענדעט ניט צום אויפֿבוי פֿון דער מדינה, נאָר צו איר זיכערקייט. דער בודזשעט פֿון דער מדינה איז, דוכט מיר, 700 צי 800 טויזנט פֿונט אַ חודש; דער זיכערקייטס־בודזשעט איז פֿילפֿאַכיק גרעסער. אונדזערע בעסטע כּוחות פֿון דאָרף און פֿון שטאָט זײַנען צוגעשמידט צו די זיכערקייטס־פֿאָרמאַציעס, און זיי וועלן אָן רחמנות בלײַבן צוגעשמידט צו די זיכערקייטס־פֿאָרמאַציעס. איך זאָג די דאָזיקע ווערטער אין דעם פֿולן באַוואוסטזײַן פֿון זייער טראַגישער באַדײַטונג. איך ווייס ניט, ווי לאַנג זיי וועלן בלײַבן צוגעשמידט: וואָכן צי מאָנאַטן. און עס איז נאָך ניט געקומען די צײַט, — אַלנפֿאַלס, פֿאַר מיר — איך בין מודה — איז נאָך ניט געקומען די צײַט, — ערנסט צו טראַכטן וועגן אַנדערע ענינים, אויסער זיכערקייטס־ענינים. איך וועל גערן לערנען פֿון די חברים, וואָס זײַנען ניט אַזוי אָפּגעשטאַנען, ווי איך, און וואָס האָבן שוין זוכה געווען צו פֿאַרטיפֿן זיך אויך אין אַנדערע פּראָבלעמען פֿון דער מדינה און איר צוקונפֿטיקער טעטיקייט. איין זאַך, שײַנט מיר, איז אויך מיר קלאָר: אַז אויך איצט וועלן מיר מוזן אָנקומען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַלס דעם רוקנביין פֿון דער אידישער נאַציע, וואָס באַטייליקט זיך אין דעם אויפֿבוי פֿון דער מדינה און איר פֿאַרטיידיקונג. איך נעם אָבער ניט אָן, אַז עס וועלן ניט פֿאָרקומען קיין ווײַטגייענדיקע ענדערונגען אין די באַציאונגען צווישן דער מדינה און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

איך בין ניט קיין שותּף צו די קינות און טענות, וואָס לאָזן זיך לעצטנס הערן וועגן דעם „צויבער פֿון דער מדינה", וואָס פֿאַרטונקלט כּלומרשט דאָס ליכט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס האָט נאָך ניט גענוג אויפֿגעשײַנט דער צויבער פֿון דער מדינה, און איך האָף אַז איר ליכט וועט זיך שטאַרקן און פֿאַרשפּרייטן. אָן דער הילף פֿון דעם אידישן פֿאָלק וועט די מדינה ניט אויספֿירן אירע אויפֿגאַבן, אָבער די מדינה איז דער זיכערסטער שליסל צום האַרץ פֿון פֿאָלק.

דער כּוח, צויבער און פּאָטענץ פֿון דער אידישער מדינה הענגען ניט ווינציק אָפּ פֿון דעם מצב פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין איר. און די דאָזיקע באַוועגונג איז נכשל געוואָרן אויף אַ טראַגישן, אומגליקלעכן אופֿן. דווקא אין די גרויסע טעג פֿון נסיון — אין די טעג פֿון דער שרעקלעכער שחיטה אין אייראָפּע — האָט זי זיך געשפּאָלטן, און די שפּאַלטונג האָט זיך נאָך פֿאַרטיפֿט ווען עס זײַנען געקומען די גרויסע און שרעקפֿולע טעג פֿון באַפֿרייאונג און פֿון אויפֿשטעלן די מדינה. און הגם עס שײַנט, אַז עס זײַנען איצט ניטאָ קיין פּערספּעקטיוון און קיין האָפֿענונגען, גאַנץ צו מאַכן דעם

ריס — לאָמיר דאָך ניט אַראָפּנידערן די פאָן פון אַרבעטער־איינהייט. דאָס איז די פאָן פון אמת און פון רעטונג. לאָמיר ניט מורא האָבן און לאָמיר זיך ניט שעמען צו זיין „אוטאָפּיסטן". מיר טאָרן זיך ניט אָפּזאָגן פון אַ וויזיע, וואָס טראָגט אין זיך אמת און היסטאָרישע נויטווענדיקייט, אַפילו דאַן ווען זי שיינט ניט צו האָבן קיין אָנשפּאַר אין דער באַשטייענדער ווירקלעכקייט. עס איז ניטאָ קיין באַשטייענדע, פאַרגליווערטע ווירקלעכקייט. מיר האָבן הויך געהאַלטן די פאָן פון דער מדינה — הגם פּראַקטישע מענטשן און די טרעגער פון רעאַליזם האָבן פון אונז חוזק געמאַכט. די אַרבעטער־אחדות איז אַ נויטווענדיקייט — אָן איר איז ניטאָ קיין האָפענונג פאַר דער צוריסענער מענטשהייט. און אַרבעטער־אחדות וועט קומען — אויב עס וועט אָנערקענט ווערן, אַז אחדות בויט זיך ניט אויף „איין שפּראַך און איינע ווערטער"; אַזאַ מין אחדות געהערט צו ראַבאָטן אָדער שקלאַפן. און הגם מיר האָבן אין אונזערע צייטן געזען, ווי אַזוי מען קען פאַרוואַנדלען מענטשן אין ראַבאָטן — קען עס אָבער דאָך לאַנג ניט אָנהאַלטן. אין אַ באַוועגונג פון פרייע מענטשן עקזיסטירן מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, און די אחדות פון אַ פרייער אַרבעטער־באַוועגונג באַזירט זיך אויף אַן אַלגעמיינעם לעבנס־שטייגער און אויף אַ געמיינזאַמען היסטאָרישן אידעאַל. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס די שפּאַלטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — ביי אונז און אין דער וועלט — נעגירן די פרייהייט פון געדאַנק און דיסקוסיע, נעגירן די פרייהייט פון מאַיאָריטעט־אָפּשטימונגען און גיבן זיך אונטער דער דיקטאַטור פון ווייניקע אָדער פון אַ יחיד.

אין אַ ריי ויכוחים, וואָס האָבן זיך געפירט אין דער ארץ ישראל'דיקער אַרבעטער־באַוועגונג, — און דער צענטראַלער ויכוח האָט זיך געדרייט אַרום דער פראַגע פון אויפשטעלן אַ אידישע מדינה, — איז געפאַלן אַן אָנטשיידונג, — און דאָס מאָל ניט פון אַ מערהייט, נאָר פון דער געשיכטע, און אונזערע קעגנער, שיינט מיר, האָבן אָנגענומען דעם פסק דין פון דער געשיכטע.

אָבער די אויפשטעלונג פון דער מדינה האָט געבוירן נייע און פאַרטיפט אַלטע ויכוחים.

אין דעם איצטיקן ויכוח דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דריי אָנפּשרהדיקע פּרינציפּן:

א) אונזער אומאָפּהענגיקייט. די כוונה איז דאָ ניט נאָר צו מלוכה'שער, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט. אומאָפּהענגיקייט הויבט זיך אָן פון האַרץ. אָן מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער אומאָפּהענגיקייט — איז ניטאָ קיין פונדאַמענט פאַר דער מלוכה'שער אומאָפּהענגיקייט. די געפערלעכסטע פאַרשקלאַפונג איז — די גייסטיקע. אַ פאָלק איז ניט זעלבסטשטענדיק — ווען פרעמדע תקיפים דיקטירן אים, ווי אַזוי צו דענקען און לעבן. דאָס הייסט ניט, אַז מיר דאַרפן זיך קריגן מיט יעדן רעזשים, וואָס געפעלט אונז ניט, און מיט יעדן הערשער, וואָס איז ניט מסכים צו אונזער וועג. די היסטאָרישע השגחה פירט יעדן פאָלק, לויט זיין וועג; אָדער יעדעס

פאָלק לענקט די היסטאָרישע השגחה לויט זיין וואונטש — און יעדעס פאָלק וועט גיין אין דעם וועג, וואָס זיין היסטאָריע האָט פאַר אים אויסגעטראָטן.

אומאָפּהענגיקייט הייסט ניט אָפּגעזונדערטקייט. עס איז דאָ אַ קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט צווישן אַלע פעלקער און מדינות. עס איז דאָ אַן אָפּהענגיקייט אַן עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, אויך אַ פּסיכאָלאָגישע. אַזוי ווי עס עקזיסטירט ניט קיין עקאָנאָמישע אויטאַרקיע, גלייך אַזוי עקזיסטירט ניט קיין אינטעלעקטועלע אויטאַרקיע. מען דאַרף לערנען פון אַנדערע פעלקער און מען דאַרף זיך באַנוצן מיט דער קאָלעקטיווער דערפאַרונג פון דער מענטשהייט. עס איז אָבער דאָ אַ גרינטלעכער, פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן לערנען פון אַנדערע און צווישן זיין אונטערגעוואָרפן דער מיינונג פון אַנדערע; עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן אויסניצן די דערפאַרונג פון אַן אַנדערן און צווישן דער פאַרקנעכטונג צו זיין וועג.

ב) פּערזענלעכע פרייהייט. די אַרבעטער־באַוועגונג און די מדינה זיינען ניט קיין רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס און ניט זיי באַשטימען דעם אמת. דער געדאַנק פון דעם מענטש איז ניט סובאָרדינירט צו קיין שום מאַכט, אַפילו ניט צו אַ מערהייט. דער יחיד מעג שטיין קעגן דער גאַנצער וועלט — אויב עס שיינט אים, אַז די וועלט גלויבט אין נאַרישקייטן אָדער פאַלשקייטן. צו דער פרייהייט פון גייסט קען מען ניט שטעלן קיין גרענעצן און צוימען. אַ מענטש מעג נעגירן יעדע אָנגענומענע מיינונג, קריטיקירן יעדן קאָנווענציאָנעלן אמת, און קיין רעגירונג, קיין פּאַרטיי, קיין שום וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט ניט דאָס רעכט צו באַשליסן, וואָס איז אמת און וואָס איז ניט אמת. אַלע נייע אמת׳ן זיינען צוערשט אַנטפּלעקט געוואָרן צו יחידים. מאַכט האָט ניט קיין שליטה אויף האַרץ־זאַכן — ניט אין באַצוג צו וויסנשאַפט און ניט אין באַצוג צו שיינקייט און קונסט.

ג) פרייער אויסוואַל פון פאַרשטייער, דאָס וואָס מען רופט אויפן פּאָליטישן זשאַרגאָן מיטן נאָמען פון דעמאָקראַטיע. דער מענטש איז ניט קיין מיטל, נאָר אַ ציל, און יעדער מענטש איז פריי ווי זיין חבר; זיינע רעכט און זיין טאַט־פרייהייט זיינען באַגרענעצט אויסשליסלעך דורך די רעכט און טאַט־פרייהייט פון דעם אַנדערן. אַלץ, וואָס עס גייט אַרויס פון רשות היחיד און ווערט געטאָן אין רשות הרבים — ווערט באַשטימט דורך דער פרייער אַנטשיידונג פון דער מערהייט — אָן דעם צוואַנג פון דעם תקיף, דעם מאַכט־האָבער. אַ פאָלק, וואָס איז ניט פריי צו קריטיקירן זיינע פאַרשטייער און פאַרבייטן זיי מיט אַנדערע, איז ניט קיין פריי פאָלק, איז אַ נעבעכדיקע סטאַדע, וואָס לעבט מיטן חסד פון פּאַסטוכער־סאַטראַפּן.

פאַר די דאָזיקע דריי ווערטן וועלן מיר קעמפן, אַלס אַרבעטער, מענטשן, אידן, ציוניסטן, און מיר וועלן ניט נאָכגעבן, ווייל עס איז פאַר אונז אַ לעבנס־פראַגע. ווי דער ציוניזם, אַזוי דער סאָציאַליזם וועלן זיך אויסליידיקן פון זייער אינהאַלט און וועלן פעלשן זיך אַליין — אין דעם מאָמענט וואָס אונזער זעלבסטשטענדיקייט, פרייהייט און דעמאָקראַטיע וועלן ווערן באַרויבט אָדער באַשעדיקט.

8. 22. 1948 — י״ז באב תש״ח

# אַ היסטאָרישער איבערברוך

(אויף דער דערעפענונגס־זיצונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט)

א.

מיר מאַכן דורך אַ טיפע רעוואָלוציע, די רעוואָלוציע פון אידישער אומאָפּהענגיקייט, וואָס האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט און וואָס מען קען ניט אויף באַשטימט פאָרויסזען אַלע אירע רעזולטאַטן; זי האָט שוין אָבער באַוויזן אויסצופירן אַ פונדאַמענטאַלע ענדערונג אין אונזער מצב, אין דעם פּאָליטישן גורל פון דעם לאַנד, אין די כוחות־פאַרהעלטענישן אין דעם נאָענטן מזרח, אין דעם זעלבסט־געפיל פון דעם אידישן פאָלק אין גאָר דער וועלט.

די דאָזיקע רעוואָלוציע, אויב זי וועט ניט געשטרויכלט ווערן, וועט מיט זיך פאָרשטעלן אַן איבערברוך, ניט נאָר אין דעם לעבן פון אונזער דור, נאָר אין דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער אידישער געשיכטע. אַזאַ איבערברוך געשעט נאָר איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין לעבן פון אַ פאָלק, און עס קען גרייליך זיין, אַז ער וועט זיך ניט באַשרענקען בלויז מיט דעם תחום פון דער אידישער געשיכטע אַליין. שוין איצט מעג מען זאָגן, אַז די וואונדערבאַרע אויפטוען פון די לעצטע דריי־פערטל־יאָר אין ארץ ישראל שטעלן מיט זיך פאָר ווייט ניט קיין מינדערוואערטיקע געשעעניש אין דער וועלט־פּאָליטיק, — און דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז נאָך ניט פאַרענדיקט.

אַ קליינע, שוואַכע נאַציע, וואָס איז, אויפן גרונט פון די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער, געשטעלט געוואָרן אויפן שוועל פון איר מלוכה׳שער זעלבסטשטענדיקייט, איז בייזוויליק אָנגעגריפן געוואָרן — מיליטעריש און פּאָליטיש — דורך גרויסע און מעכטיקע כוחות — דורך די מדינות פון דער אַראַבישער ליגע, וואָס ווערן געהאָלפן און דיריגירט דורך אַ מעכטיקער אימפעריע, וואָס זיצט אין סאַמע אויבנאָן אין דעם זיכערקייטס־ראַט פון דער יו־ען.

די וועלט־געשיכטע ווייס ניט צו דערציילן וועגן אַ סך אַזעלכע אומגלייכע געראַנגלען, ווי דער געראַנגל צווישן ענגלענדער־אַראַבער פון איין זייט, און די אידן אין זייער לאַנד פון דער אַנדערער זייט. און זיכער זיינען ניט געווען אַ סך פאַלן אין דער געשיכטע פון די פעלקער, אַז אַ קליינע און שוואַכע נאַציע, וואָס איז אָנגעגריפן געוואָרן דורך גרויסע און מעכטיקע כוחות, זאָל זיך האַלטן ניט נאָר מיט מוט און גבורה, ווי מיר האָבן זיך געהאַלטן, נאָר

אויך מיט דערפֿאָלג, און זאָל אַרויס, ווי פֿון דעם מיליטערישן אַזוי פֿון דעם פּאָליטישן געראַנגל, זיגעריש, אַזוי ווי מיר זיינען אַרויס, — ביז איצט, אַלנפֿאַלס.

ווען מיר וואַרפֿן אַ בליק אויף די לעצטע פֿאַרגאַנגענע ניין חדשים — ניין גרויסע, ביטערע, מיט בלוט און ליידן דורכגעזאַפּטע, מיט גבורה און גלאָריע און נצחון באַקרוינטע חדשים — האָבן מיר, יעדער איינצלנער איד, אַ גרונט פֿאַר אַ גרויסער סאַטיספֿאַקציע, אַזוי ווי מיר האָבן עס ניט געהאַט הונדערטער יאָרן, פֿילייכט פֿון זינט די טעג פֿון די חשמונאים, מיט העכער איין און צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק, און אפֿשר אַפֿילו נאָך מער. אונזערע פֿיינד האָבן זיך פֿאַרמאָסטן איבערצולאָזן אונז אַנאַרכיע, פֿאַרשקלאַפֿונג און חורבן — האָבן מיר זיך געשטאַרקט, האָבן איינגעפֿירט געזעץ און אָרדענונג און האָבן איינגעשטעלט אונזער אומפֿאָהענגיקייט.

דער בייזוויליקער אָנגריף פֿון דער ענגליש־אַראַבישער קאָאַליציע האָט אונז ניט אומגעבראַכט, ניט געשטעלט אויף די קני, ניט אָפּגעשוואַכט, ניט דערנידעריקט, — ער האָט דערגרייכט כמעט דעם היפוך פֿון דאָס אַלץ: ער האָט פֿאַרפֿילפֿאַכיקט אונזער כוח, צעמענטירט אונזער גייסט, פֿאַראייניקט אונזער מחנה, פֿאַרשטאַרקט אונזער פּאָטענץ און דערהויבן אונזער אָנזען. ניט ווי אַ שוץ־ישוב, וואָס הענגט אָפּ פֿון פֿרעמדן חסד, נאָר ווי אַ פֿרייע נאַציע, וואָס געוועלטיקט איבערן אייגענעם גורל, שטייען מיר היינט. מיר האָבן פֿאַרווירקלעכט דאָס, וואָס די יו־ען איז ניט אימשטאַנד געווען צו טאָן. מיר זיינען ניט אומדאַנקבאַר און מיר וועלן ניט פֿאַרמינערן די פֿאַרדינסטן פֿון דעם פּלענום פֿון דער יו־ען, וואָס האָט דעם 29־טן נאָוועמבער 1947 באַשלאָסן אויפֿצושטעלן אַ אידישע מדינה אין ארץ ישראל. דער דאָזיקער באַשלוס איז אונז ניט ווייניק בייגעשטאַנען, און ער וועט נאָך פֿילייכט ביישטיין. עס איז אָבער אָן אומאָפּגעפֿרעגטער פֿאַקט, דאָס עס האָט דער יו־ען פֿאַרפֿעלט ווילן צי כוח, איר באַשלוס צו פֿאַרווירקלעכן; עס האָט איר אַפֿילו ניט געסטייעט קיין כוח, אָפּצוהאַלטן די ענגלישע רעגירונג און די אַראַבישע מדינות, וואָס באַלאַנגען צו דער יו־ען, פֿון צו שעדיקן דעם באַשלוס פֿון דער יו־ען און אים צונישט צו מאַכן. אין אונזער קאַמף קעגן די, וואָס שעדיקן דעם ווילן פֿון דער יו־ען, איר כבוד און אויטאָריטעט, איז אונז מצד דער יו־ען קיין שום הילף ניט געגעבן געוואָרן. דער ווילן פֿון דער יו־ען, דער ווילן פֿון 33 מדינות, צווישן זיי — די מעכטיקסטע אין דער וועלט, וואָלט אַנולירט געוואָרן, ווען ניט אונזער כוח, וואָס האָט געקרייצט די פֿאַרשווערונגען פֿון די שעדיקער.

די אידישע מדינה, וואָס איז דורך אונז אויפֿגעשטעלט געוואָרן דעם 15־טן מאַי און איז אויפֿגעהאַלטן געוואָרן דורך אונז, טראָץ דער קאָנצענטרירטער אָפֿענסיווע פֿון זעקס אַראַבישע מדינות, באַוואָפֿנטע און דיריגירטע דורך דער בריטישער רעגירונג — איז די פֿרוכט פֿון דעם ווילן און פּאָטענץ פֿון דעם אידישן פֿאָלק. מיר האָבן אונזער אומאָפּהענגיקייט ניט באַקומען, ווי אַ חסד־גאָב פֿון די הענט פֿון פֿרעמדע, נאָר מיר האָבן זי געפֿלעגט, אויסגע־

פורעמט און איינגענומען מיט אונזערע אייגענע הענט, מיט דעם בלוט פון אונזערע קעמפּער און מיט דער העכסטער אָנשטרענגונג פון אונזער פאָלק.

ווען מיר וואָלטן ניט באַוויזן, אין דעם סאַמע שטורם פון דער מלחמה אויפצושטעלן דעם צבא־הגנה־לישראל — וואָלט ניט אַנטשטאַנען און וואָלט ניט עקזיסטירט די מדינת ישראל.

ביידע, — ווי די מדינה, אַזוי די אַרמיי, — זיינען ניט באַשאַפן געוואָרן פון גאָרניט. די אידישע מדינה האָט עקזיסטירט אין פּאָטענץ לאַנג איידער זי איז געוואָרן אַ פאַקט. די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיטן שוויס פון דריי דורות חלוצים פון ישראל. דאָס גאַנצע חלוצישע ווערק, פון זינט דער גרינדונג פון מקווה־ישראל און ביז היינט, איז געווען אַ פּראָצעס פון בויען די אידישע מדינה; דעם פּערצנטן מאַי ד. י. האָבן מיר בלויז פּראָקלאַמירט אַ באַשטייענדן פאַקט.

מען דאַרף אויך ניט פאַרמינערן דעם זכות פון דער דאָזיקער פּראָקלאַמירונג. עס האָבן זיך פאַר דער דאָזיקער טאַט געפאָדערט ניט ווייניק פּאָליטישע אינטואיציע און פאַרשטאַנד, דרייסטקייט און פאַרויסזעאונג. עס איז לייכט געווען צו פאַרשפּילן די דאָזיקע היסטאָרישע געלעגנהייט, — סיי צוליב היפּער־פאָרזיכטיקייט און צוריקגעהאַלטנקייט, וואָס עס פּרעדיקן די רעאַליסטן — מענטשן אָן אַ וויזיע — און סיי צוליב דעם אומרעאַלן מויל־מאַקסימאַליזם פון די וואָס „זענען מאַקסימאַליסטן מיטן צונג און פאָדערן דאָס פון אַנדערע״, לויט דער שאַרפזיניקער דעפיניציע פון דעם דיכטער.

און דאָך וואָלט דער גרויסער מלוכה־אַקט פון דעם 14־טן מאַי ניט צושטאַנד געקומען, ווען ער וואָלט ניט געהאַט הינטער זיך די לאַנגיאָריקע שעפערישע טעטיקייט פון די, וואָס האָבן געבויט דאָס לאַנד — אין דאָרף און שטאָט, — די טעטיקייט, וואָס האָט פאַקטיש צוגעגרייט די אויפשטעלונג פון דער מדינה; ווען ניט דער פאַקט, וואָס מיר האָבן פאַקטיש אויפגעבויט דעם פונדאַמענט, די ראַם און די רעאַלע מכשירים פאַר דער מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט: באָדן און אַרבעט, לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטרי, דאָרף און שטאָט, שפּראַך און קולטור, שולן און זעלבסטפאַרוואַלטונג־אינסטיטוציעס, ווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, זעלבסט־שוץ און פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ — אָט די אַלע גרונטשטיינער און אינסטרומענטן, וואָס אויף זיי וועט פאַקטיש אויפגעריכט ווערן די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט.

אָבער די אַלע דריי צוזאַמען־גענומען, — דער יו־ען־באַשלוס פון דעם 29־טן נאָוועמבער; די מלוכה׳שע פּאָטענץ, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם ישוב; די דרייסטקייט און פאַרשטאַנד פון דער פּראָקלאַמירונג פון 14־טן מאַי, — וואָלטן אונז ניט געהאָלפן און די אידישע מדינה וואָלט ניט אַנטשטאַנען און וואָלט זיך ניט אויפגעהאַלטן ביז איצט, ווען ניט דאָס, וואָס עס איז אונז געלונגען אויפצוריכטן — כמעט איבער נאַכט — דעם צבא־הגנה־לישראל אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט. טראָץ די אומגעהויערע שוועריקייטן און דעפעקטן, מיט וועלכע עס איז געווען פאַר־

בונדן און ס'איז נאָך פאַרבונדן די אָרגאַניזירונג, אויסשולונג און אויס־שטאַטונג פון דער אַרמיי, האָבן מיר באַוויזן אָפּצושטויסן אַלע פיינדלעכע אָנגריפן, אויסצובררייטערן אונזערע גרענעצן, דורכזעצן און איינגעמען אַ וועג צו אונזער אייביקער הויפּט־שטאָט, אויסצולייזן דעם גרעסטן טייל פון דער נייער ירושלים און צו באַשיצן אונזער אומאָפּהענגיקייט קעגן אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע פאַרשווערונגען. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס האָט מער דערפרייט דעם אידישן פאָלק און געמאַכט אויפציטערן אַלע סטרונעס פון זיין האַרץ — סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און סיי אין דעם ראַטנפאַרבאַנד אין רוסלאַנד, אין די פליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד און אין די געצעלטן פון אָרעמקייט און ליידן אין תימן, אין די צפון געגנטן פון סקאַנדינאַוויע און אין דעם לאַנד פון די גאָלד־גרובן אין דרום־אַפריקע: צי די בשורה פון דער אידישער מדינה, וואָס איז אין אונזערע טעג צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך טויזנטער יאָרן פון פאַרשקלאַפונג, פרעמד־שאַפט און אָפּהענגיקייט, אָדער די גבורה פון צבא־לישראל, וואָס האָט אויפ־געשיינט מיט אור־אַלטן גלאַנץ און מיט יוגנט־פראַכט איבער די בערג פון גליל און די וויסטעניש פון נגב, איבער דער פלאַכקייט פון פלשת און דעם טאָל פון אילון, אינערהאַלב ירושלים און אויף די פעלדער פון לוד און ראַמלע.

מיר האָבן ניט זוכה געווען פון הפקר. צבא־הגנה־לישראל האָט הינטער זיך געהאַט די אידישע זעלבסטשוץ, די הגנה, וואָס איז אַזוי אַלט ווי דער ישוב. פון דער הגנה האָט דאָס מיליטער גע'ירש'ענט די גבורה, דעם גלויבן, די איבערגעגעבנקייט, און ניט אין אַ קליינער מאָס — די מיליטערישע שלאָג־פערטיקייט און ווירקזאַמקייט. ווען ניט די ירושה פון דער הגנה, — אירע חלוצישע ווערטן, איר ארץ ישראל'דיקע דערפאַרונג, אירע געטרייע קאָמאַנ־דירן, — וואָלטן מיר היינט ניט געשטאַנען, וואו מיר שטייען איצט. אָבער ווען מיר וואָלטן זיך פאַרלאָזט אויף דער דאָזיקער ירושה אַליין — וואָלטן מיר געווען פאַרפאַלענע. ווייל דאָס מאָל זיינען מיר געשטאַנען קעגן רע־גולערע אַרמייען, קעגן איניציאירטע שלאַכטן, קעגן כוחות, באַוואָפנטע מיט שווער געווער, מיט האַרמאַטן, טאַנקן, קריגס־אַעראָפּלאַנען — דיריגירטע און אָנגעפירטע דורך פּראָפעסיאָנעלע קאָמאַנדירן; די הגנה אָבער איז געווען געאיבט בלויז פאַר פאַרטיידיקונג קעגן באַנדעס, זי איז געווען אויסגעשולט פאַר לאָקאַלער פאַרטיידיקונג, און באַוואָפנט איז זי געווען מיט לייכט גע־ווער, — אויף מער פון דעם האָבן ניט געסטייעט די מיטלען, און עס זיינען ניט געווען קיין מעגלעכקייטן אונטער דער פרעמדער מאַכט; לאַנגע יאָרן האָבן דער ישוב און די ציוניסטישע באַוועגונג געהאַלטן, אַז מען דאַרף בכלל ניט האָבן מער געווער. גאָר ווייניקע האָבן זיך צוגעהערט צו די וואָרנונגען, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן שוין מער ווי צוויי יאָר וועגן דער ערנסטער סכנה, וואָס לויערט אויפן ישוב מצד דער אַגרעסיע, וואָס קען קומען ניט נאָר פון אינעווייניק, נאָר אויך פון די שכנות'דיקע לענדער, ניט נאָר פון באַנדעס, נאָר אויך מצד אַראַבישע אַרמייען, — און כל זמן דער דונער האָט ניט גע־דונערט, איז ניט געמאַכט געוואָרן קיין געהעריקע אָנשטרענגונג צוצוגרייטן

זיך קעגן דער דאָזיקער סכנה. — און אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, — דעם 30־טן נאָוועמבער 1947, אויף צומאָרגנס נאָך דער יו־ען־אַנטשיידונג, — האָבן מיר געהאַט אַן ערך 2500 פּלמ״ח׳ניקעס, וואָס פלעגן זיין 8—10 טעג אַ חודש אויף איבונגען, און אַן ערך 5000 חי״ש׳ניקעס (חיל־שדה — פעלד־חיל), וואָס פלעגן אָפּגעבן אויף איבונגען 1½ טעג אַ חודש; עס זיינען נאָך געווען הגנה־מיטגלידער, וואָס זיינען געווען געשולט נאָר פאַר לאָקאַלער פאַר־טיידיקונג; באַוואָפנט זיינען זיי געווען — טיילוויז — מיט ביקסן און סטען־אויטאָמאַטן, ווי אויך מיט אַ קנאַפּער צאָל הויביצעס פון אָרטיקער אויס־אַרבעטונג; עס איז ניט געווען קיין סימן פון שווער געווער — ניט האַר־מאַטן, ניט טאַנקן, ניט אַעראָפּלאַנען; עס איז ניט געווען קיין מיליטערישע אויסשולונג אין רעגימענטן און בריגאַדעס, — דאָס אַלץ איז געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך אונטער דער פרעמדער מאַכט.

דעם 14־טן מאַי האָבן מיר פּראָקלאַמירט די מדינה, און אין דעם זעלבן טאָג זיינען אַריינגעדרונגען אין לאַנד די רעגולערע אַרמייען פון מצרים, סיריע און איראַק, — דאָס מיליטער פון עבר־הירדן, — דער אַראַבישער לעגיאָן, אַלס מיליטער פון דער מאַנדאַט־מאַכט, האָט זיך שוין פון לאַנג געפונען אין לאַנד. דעם פופצנטן מאַי, 5:30 אינדערפרי, איז תל־אביב צום ערשטן מאָל באָמבאַרדירט געוואָרן פון „ספּיטפייערס״ — בריטישע קריגס־אַעראָפּלאַנען, וואָס געפאַרבט זיינען זיי געווען אין דעם עגיפּטישן קאָליר, אָבער געפירט זיינען זיי וואַרשיינלעך געווען דורך בריטישע פליער.

ווי אין זיינער צייט די פלשתים, אַזוי האָט די מאַנדאַט־מאַכט געזאָרגט דערפאַר, אַז ווען עס וועט אויסברעכן אַ קריג, זאָל זיך אין די הענט פון ישראל ניט געפינען קיין אַנטשפּרעכנד געווער, אום צו פאַרטיידיקן די עקזיס־טענץ און פרייהייט פון ישראל, און אַלע כוחות פון דער פּאָליציי, מיליטער, לופט־כוחות און פלאָט פון ענגלאַנד זיינען געווען מאָביליזירט און אויסגע־שטעלט, צו פאַרמיידן די צושטעלונג פון געווער פאַר דער אידישער זעלבסט־שוץ און צו קאָנפיסקירן יעדן כלי־זיין, וואָס וועט טראָגן דער אויסערלעכער בלאָקאַדע, אַריינפאַלן אין די הענט פון דער הגנה, אָדער עס וועט פּראָדוצירט ווערן דאָ אין לאַנד. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ ספּעציעלער געזעץ קעגן מיליטערישע איבונגען, וואָס איז געווען געווענדעט אויסשליסלעך קעגן דעם אידישן ישוב, וואָרים די מאַנדאַט־רעגירונג אַליין האָט געשולט און באַוואָפנט די אַראַבישע אַרמייען אין די אַרומיקע לענדער; איינע פון די דאָזיקע אַרמייען — דער אַראַבישער לעגיאָן פון עבר־הירדן, איז טיילוויז באַזעצט געוואָרן אינערהאַלב ארץ ישראל, און באַלד נאָך דער ענדע פון דעם מאַנדאַט און דער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מדינה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינוואַזיע פון די אַראַבישע רעגולערע אַרמייען, איז דער לעגיאָן געווען צווישן די עיקר־כוחות פון דער אַראַבישער ליגע, וואָס האָבן אונז אָנגעגריפן.

ווען עס איז זיך דאָס לעצטע מאָל צונויפגעקומען דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט, זיינען מיר געשטאַנען אינמיטן דעם גרויסן קאַמף, וואָס

האָט זיך דאָן צופלאַקערט אין לאַנד: דער קאַמף, וואָס מיר האָבן איניציאירט, כדי צו געפינען דעם וועג קיין ירושלים, און וואָס גערופן האָבן מיר אים — נחשון. דער דאָזיקער קאַמף האָט געדינט אַלס ווענד־פונקט אין דער איצטיקער מלחמה: מיר זיינען דאָן אַריבער פון דעפענסיווע צו אָפענסיווע, און פון רעאַגירונג צו דער איניציאירטער אַקציע. דאָס איז אונזער ערשטע קריגס־אַקציע, און מיר האָבן מאָביליזירט פאַר איר 1500 מאַן. איך קען אייך נאָך פאַרלויפיק ניט דערציילן, ווי אַזוי מיר האָבן מאָביליזירט און מיט וואָס מיר האָבן באַוואָפנט די דאָזיקע 1500 קעמפער. אַ פרעמדער מיליטע־רישער באַאָבאַכטער, אַ פריינט, אַ שליח פון דער יו־ען — אַ נאָרוועג — וואָס האָט זיך דאָן געפונען אין ארץ ישראל, האָט רעזומירט אונזער לאַגע אַזוי: „די אַראַבער האָבן פאַנצער־כוחות און האַרמאַטן, די אידן האָבן ניט קיין עפעקטיוון ענטפער. די ענגלענדער וועלן אויך נאָך דעם פופצנטן מאַי ניט דערלויבן צו ברענגען דורכן חיפה׳ער פאָרט שווער געווער. דער אַראַ־בישער לעגיאָן שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערנסטע, דעצידירטע געפאַר. די אויפפירונג פון די ענגלענדער איז געצילט מיטצוהעלפן דער פאַרניכטונג פון דעם אידישן ישוב. די אידישע לאַגע איז ערנסטער פון דער לאַגע אין מיין פאָטערלאַנד אין יאָר 1940״.

פרייטיק, דעם 14־טן מאַי, האָב איך אין זאַל פון מוזעאום, אין תל־אביב, דורכגעלעזן די פּראָקלאַמאַציע פון אונזער אומאָפהענגיקייט, און איבערן גאַנצן לאַנד, — עס שיינט מיר, אַז אויך איבער אַלע גלות־לענדער, — איז דורכגעגאַנגען אַ כוואַליע פון באַגייסטערונג, דערהויבונג און פרייד, ווי עס איז שוין זינט הונדערטער יאָרן ניט געווען ביי אונז. אָבער פאַר מיר און פאַר אַ קליינער גרופּע העלפער, וואָס איז געווען טעטיק אויפן מיליטערישן געביט, איז עס געווען אַ טאָג פון אויסערגעוויינלעכע אַנגסטן. באַלד נאָך דער צערעמאָניע פון דער פּראָקלאַמירונג, האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אין גענעראַל־שטאַב — אַן עצה צו האַלטן. פון אַלע עקן לאַנד האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען איוב־בשורות: ידיעות וועגן געפאַנצערטע קאָלומנעס פון דעם לעגיאָן, וואָס באַוועגן זיך אין דער ריכטונג פון די אידישע ישובים, און וועגן פיינדלעכע אַרמיי־קאָנצענטרירונגען פון איראַק, סיריע, מצרים. שלעכטע ידיעות זיינען אָנגעקומען פון נגב. מיר האָבן פאַרויסגעזען די באָמ־באַרדירונג פון תל־אביב — און געהאַט האָבן מיר ניט אַפילו קיין איין איינציקן קאַמפס־פערטיקן קריגס־אַעראָפּלאַן; און אונזער פאַרגעפיל האָט אונז ניט אָפּגענאַרט: עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינוואַזיע פון די רעגולערע אַרמייען פון מצרים, איראַק, סיריע, עבר־הירדן — אויסער דעם אַראַבישן לעגיאָן, וואָס האָט זיך נאָך פון פריער געפינען אין לאַנד, און אויסער די אויסלענדישע באַוואָפנטע באַנדעס, וואָס האָבן גענישטערט אין אַלע טיילן פון לאַנד, באַזונדערס — אין צפון, אין גליל און אין דער געגנט פון ירושלים.

און זיי זיינען אונז ניט בייגעקומען. אמת, מיר האָבן געהאַט שמערצלעכע דורכפאַלן און אַנגסטפולע, טייערע פאַרלוסטן. נאָך אַ מאָנאַטן־לאַנגער דער־הויבענער, העלדישער פאַרטיידיקונג, זיינען געפאַלן די גבורים פון גוש־

עציון — אַ טייל איז געפאַלן, און די איבעריקע זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט; און עס איז געפאַלן די אַלט־שטאָט פון ירושלים — נאָך אַן אומפאַרגעסלעכער הערזאָאישער פאַרטיידיקונג. מיר האָבן דאָ און דאָרט געהאַט נאָך אייניקע דורכפאַלן. מיר האָבן געקעמפט קעגן אַ פיינד, וואָס איז מיט אַ ברייטער האַנט באַוואָפנט געוואָרן מיט דאָס סאַמע בעסטע לייכט און שווער געווער, וואָס ער האָט באַקומען פון דער ענגלישער רעגירונג; מיר האָבן געקעמפט קעגן אַרמייען, וואָס זיינען אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן גע־שולט געוואָרן דורך די בעסטע אינסטרוקטאָרן פון דער בריטישער אַרמיי, קעגן כוחות, וואָס האָבן כמעט אומאויסשעפּבאַרע מענטשלעכע רעזערוון. אונ־זער צאָל־פאַרהעלטעניש צו די אַראַבישע פעלקער, וואָס האָבן אונז דער־קלערט קריג, איז געווען פּינקטלעך — איינער קעגן פערציק. הינטער די אַריינגעדרונגענע אַרמייען זיינען געשטאַנען מדינות מיט אַ לאַנגן מלוכה־סטאַזש, זעלבסטשטענדיקע און מיטגלידער פון דער יו־ען, וואָס האָבן מעכ־טיקע, איינפלוסרייכע פאַרבינדעטע אין דעם ראַט פון די פעלקער. דאָס אידישע מיליטער, וואָס האָט געדאַרפט זיך קעגנשטעלן די דאָזיקע אינוואַזיע־כוחות, האָט זיך ערשט אָרגאַניזירט אין דעם גאַנג פון קריג, און איז אין זיין גרעסטן טייל געשיקט געוואָרן אויפן שלאַכט־פעלד אָן קיין שום מיליטערישער צו־גרייטונג. די מדינה, וואָס איז געשטאַנען הינטער דעם דאָזיקן מיליטער, איז אָקאָרשט אויפגעריכט געוואָרן — 5½ מאָנאַטן נאָכן אויסברוך פון קריג. און הגם די מדינה איז באַלד אַנערקענט געוואָרן דורך די צוויי מעכטיקסטע מדינות אין דער וועלט — די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם ראַטנפאַרבאַנד — האָט זי זיך אָבער אָנגעשטויסן אין דעם אומווילן מצד דעם רוב פון די מערב־מדינות און אין אַן אָפענער פיינדשאַפט מצד ענגלאַנד און אירע סאַטעליטן — אויסער דער דירעקטער מלחמה מצד די מדינות פון דער אַראַ־בישער ליגע.

איך קלייב זיך ניט דערציילן אייך וועגן די קאַמפן און נצחונות פון צבא־הגנה־לישראל פון זינט דער גרינדונג פון דער מדינה און ביז צום אָנהויב פון דער צווייטער פייער־פויזע, — די דאָזיקע קאַפּיטלען פון גבורה און שטאָלץ געהערן שוין דער געשיכטע, און אין זייערע אַלגעמיינע שטריכן זיינען זיי אַלעמען באַקאַנט. די וויכטיקע און אַנטשיידענע פאַקטן, וואָס זיינען געשען הינטער די קוליסן און זיינען נאָך ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן — אויף זיי איז נאָך ניט געקומען די צייט, זיי אַרויסצוברענגען אין דער עפנט־לעכקייט און איך טאָר זיך אויף זיי ניט אָפּשטעלן אַפילו ניט אין דעם דאָזיקן העכסטן, ענגן קרייז.

אָבער ווען איך וואָלט אַפילו געהאַט פרייהייט פון וואָרט, וואָלט איך זיך דאָסמאָל ניט באַנוצט מיט איר, ווייל מיין אויפגאַבע דאָסמאָל איז ניט צו־דערציילן אייך וועגן דעם, וואָס איז געטאָן געוואָרן, נאָר וועגן דער דרינגלעכ־קייט פון דעם, וואָס מען דאַרף טאָן; ניט וועגן די געמאַכטע דעראָבערונגען, נאָר וועגן דער געפאַר, וואָס לויערט אויף זיי — סיי די מיליטערישע דער־אָבערונגען און סיי די פּאָליטישע — ווייל מיר האָבן נאָך ניט אויסגעפירט

אונזער הויפט־אויפגאַבע, די צענטראַלע, די וואָס פון איר הענגט אַלץ אָפּ: פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון דער מדינה, די עקזיסטענץ פון דעם ציוניס־טישן ווערק, אונזער צוקונפט אין לאַנד, אונזער פרייהייט און אַרבעט. מיר האָבן נאָך ניט פאַרפעסטיקט די זיכערקייט פון דער מדינה און האָבן נאָך ניט פאַרזיכערט דעם שלום, — האָבן נאָך דעריבער אַלע אונזערע ביזאיצטיקע נצחונות און דערגרייכונגען קיין דעצידירנדן ווערט, ווייל זייער גורל וועט באַשטימט ווערן אין דער לעצטער שלאַכט, וואָס וועט קומען ווען די מלחמה וועט ווידער אויסברעכן; און אויב מיר וועלן ניט זיגן און דעצידירן אין דער לעצטער שלאַכט — האָט דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן ביז איצט געטאָן, קיין שום ממשות ניט.

י״ט באב תש״ח — 8. 24. 1948

# אַן ענטפער

(אויף דער זיצונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, ירושלים)

ב.

נאָר צוויי־דריי באַמערקונגען, — איך האָב אָבער מורא, אַז זיי וועלן זיין קיין אַנגענעמע באַמערקונגען. דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט זיך דאָסמאָל פאַרזאַמלט אין אַ באַזונדערס ערנסטן מאָמענט, און אין אַזאַ מאָמענט מוז מען זאָגן דעם אמת, ווען ער איז אַפילו ניט באַקוועם.

צוויי זאַכן דערוועקן אין מיר אַ זאָרג אויף דער דאָזיקער זיצונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. איין זאַך איז — די איבערגעטריבענע שמחה און די זיג־טרומייטערייען; די צווייטע זאַך איז — דער סיכסוך, וואָס האָט זיך צווישן אונז אַנטפּלעקט, אַזוי ניט אין צייט.

ביידע זאַכן זיינען אַביסל פריצייטיק, און זיי זאָגן עדות וועגן אַ גע־וויסער בלינדקייט — ניט נאָר ביי אונזער אויסלענדישע חברים, נאָר אויך ביי חברים, וואָס וואוינען דאָ אין לאַנד.

הרב בערלין האָט אויפגעקלערט די געשעענישן פון די לעצטע מאָנאַטן. ער האַלט, אַז עס זיינען געשען נסים. איך וועל מיט אים ניט דיסקוטירן. אויב זיינע ווערטער דאַרפן נאָר אויפקלערן די פאַרגאַנגענהייט — בין איך גרייט מיט זיי שלום צו מאַכן. אָבער אויב זיי דאַרפן דינען אַלס פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט — זע איך אין זיי אַ געפאַר.

יעדער איינער פון אונז איז אַ איד אויף זיין שטייגער. און יעדער איינער פון אונז גלויבט פיליכט אין נסים — אויף זיין שטייגער. אונזער

בלויזע עקזיסטענץ איז אַ נס. און דער גאַנצער ציוניזם איז פול מיט נסים און נסי־נסים. עס איז אָבער דאָ אַ זאַך, וואָס אין באַצוג צו איר טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן אויף נסים, נאָר מען דאַרף מאַכן אַ קאַלטע, אכזריות'דיקע קאַלקולאַציע — דאָס איז מלחמה. און מיר געפינען זיך נאָך אין אַ מלחמה־צושטאַנד.

חבר ג. האָט ניט געקענט מסכים זיין מיט מיר, דאָס די מדינת־ישראל עקזיסטירט לעת עתה בלויז אין פּאַטענץ. ער גלויבט, אַז מדינת־ישראל איז אַ פאַקט. איך וואָלט זיך אויך דאָ ניט אַריינגעלאָזט אין אַ וויכוח, ווען עס וואָלט געווען בלויז אַ טעאָרעטיש־פילאָזאָפישע פראַגע. ניט ווייניקער פון ווען עס זאָל ניט זיין אין דעם דאָזיקן זאָל גלויב איך אין דער מעגלעכקייט פון אַ אידישער מדינה, און מיין דאָזיקער גלויבן האָט זיך אָנגעהויבן ניט דווקא דעם פערצנטן מאַי. און ניט ווייניקער פון חבר ה. בין איך באַגייסטערט פאַר דער מדינה. זינט די צוועלף יאָר ווען ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער מאַנדאַט־סיסטעם איז ענדגילטיק דערשטיקט געוואָרן, ברענט אין מיר דער גלויבן אין דער ציוניסטישער פּאַטענץ, וואָס ליגט באַהאַלטן אין אַ אידישער מדינה — ניט דווקא פון ביידע זייטן פון ירדן און ניט דווקא אין גאַנץ מערב פון ארץ ישראל; איך בין דורכאויס באַגייסטערט פאַר דער דאָזיקער מעגלעכקייט, אָבער די אידישע מדינה איז נאָך ניט קיין פאַרזיכערטער פאַקט, ווייל זי פירט נאָך אַ קאַמף אויף לעבן און טויט פאַר איר עקזיסטענץ.

מען האָט דאָ געפרעגט: צוליב וואָס האָט מען צונויפגערופן די דאָזיקע סעסיע פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט? — און חבר ניומאַן האָט געגעבן אַ ציוניסטישן ענטפער: כדי צו קומען און פרייען זיך צוזאַמען מיט אייך, זען די באַפרייטע ארץ ישראל, די אידישע ירושלים און אַ. ז. וו. — איך וויל זאָגן די חברים ניומאַן און האַרצפעלד און אַנדערע: איר זעט ניט דעם עיקר, איר באַגרייפט ניט, פון וואָס עס הענגט אָפּ אונזער גורל. איר זעט עס ניט אין תל־אביב, אין חיפה, אין יפו, אין לוד און ראַמלע. דער גורל פון דער אידישער מדינה הענגט אָפּ פון דעם, וואָס ס'קומט פאָר אויף יענער זייט פון אירע גרענעצן, אין פלעצער צו וועלכע איר קענט ניט צוקומען: אין דעם עגיפּטישן מיליטער מיט זיינע האַרמאַטן און אַעראָ־פּלאַנען, זיינע ביקסן און טאַנקן; אין דעם איראַקישן מיליטער; אין די אַרמייען פון עבר־הירדן, סיריע, לבנון, איבן סאַוד, אפשר אַפילו פון פּאַקיסטאַן.

מיר האָבן איצט די פייער־פויזע. אָבער ביינאַכט הערט איר נאָך דאָ אין ירושלים שיסערייען און אויפרייסן, — און דאָס איז בלויז אַ שפּילעכל אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס איז עלול צו געשען מאָרגן אָדער אין אַ וואָך אַרום אין נגב, אין דעם ירדן־טאָל, אין גליל, און פילייכט אין דער ניט־ווייטער געגנט פון תל־אביב.

איר וועט דורכפאָרן ראַמלע — וועט איר זיך פרייען, זעענדיק דאָרטן בלויז אידישע זעלנער. איר וועט באַזוכן יאַזור און אַבו־כביר, וואו עס איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געפאַלן י. ח. ברענער, און איר וועט דאָרט ניט טרעפן

קיין איינציקן אַראַבער; מען זעט דאָרטן נאָר אידישע זעלנער — וועט איר זיך פרייען. אָבער, אום גאָטעס ווילן, פרייט זיך ניט, — ווי זאָגן די ענגלענ־דער? — ווי נאַראָנים אין גן־עדן.

עס האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט, און עס זיינען ניט געשען קיין נסים. עס האָבן זיך מאָביליזירט צענדליקער טויזנטער פון די בעסטע און שענסטע אין דעם אידישן פאָלק, פון דער פראַכט פון דער ארץ ישראל׳דיקער יוגנט און פון אונזערע פיינסטע יוגנטלעכע אין די גלות־לענדער — פון פינף און פערציק לענדער! — זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע טאַטעס און מאַמעס, כלות און פרויען, זייערע ווירטשאַפטן און קיבוצים, זייערע שטעט און דערפער — אויך אַ סך הונדערטער, און פיליכט טויזנטער וועלן זיך שוין ניט צו־ריקקערן... — מיר האָבן אויסגעגעבן מיליאָנען פונטן. האַרצפעלד האָט איידגעזאָגט, אַז בן־גוריון ברענגט אויס יעדן טאָג הונדערט טויזנט פונט. — איך וואָלט געווען רואיקער, ווען איך וואָלט אויסגעבראַכט נאָר הונדערט טויזנט אַ טאָג. האַרצפעלדס פאַנטאַזיע איז דאָסמאָל הינטערשטעליק לגבי דערווירקלעכקייט.

אָבער עס איז ניט נויטיק, אַז איך זאָל אייך זאָגן, וויפל גענוי עס קאָסט אונז די מלחמה. מיר האָבן באַקומען אַ סך וויכטיקע הילף פון פאַר־שיידענע לענדער, וואָס איך קען זיי נאָך ניט אָנרופן ביי די נעמען, ווייל מיר וועלן נאָך דאַרפן אָנקומען צו זיי. דאָס גלות־אידנטום האָט זיך באַטייליקט אין אונזערע אָנשטרענגונגען — פיליכט ניט אין אַ גענוגנדיקער, אָבער ניט אין אַ קליינער מאָס, און מיט אַ סך התלהבות. ווען ניט דאָס אַלץ, וואָלטן ניט געשען קיין נסים, — מיט נסים אַליין וואָלטן מיר ניט אויסגעהאַלטן און מיר וועלן ניט אויסהאַלטן, — סיידן מיר זאָלן זען אַ „נס" אין אונזער אייגע־נער אָנשטרענגונג. איך ווייס אָבער ניט, צי די ביזאיצטיקע אָנשטרענגונג וועט אונז ביישטיין אויך אויף ווייטער, — ווערן מיר איצט אויפגעפאָדערט צו דער העכסטער שפּאַנונג און צו אַ פאַרשטאַרקטער שווערער און אכזריות׳דיקער אָנשטרענגונג, — אַזאַ, וואָס מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט געמאַכט. מיט אַזעלכע אויגן דאַרפן מיר איצט זען די זאַכן.

אונזערע אַראַבישע פיינד האָבן ביז איצט געהאַט אַ שווערע מפלה. איך פריי זיך ניט מיט דער דאָזיקער מפלה. ווען מיר וואָלטן געקענט קריגן דאָס, וואָס עס קומט אונז, מיט פרידן און אָן אַן אַראַבישער מפלה — וואָלט איך געווען רואיקער און גליקלעכער. איך קען ניט לעבן מיטן נעכטן, — הגם דער נעכטן דערמוטיקט, פרייט און באַגייסטערט. איך לעב נאָר מיטן מאָרגן און איבערמאָרגן. און איך בין פול מיט זאָרג פאַר דעם דורכפאַל און דערנידערונג פון די אַראַבער. זיי שטייגן אונז איבער אין צאָל פערציק מאָל אַזויפיל — וועלן זיי ניט לייכט אַראָפּשלינגען און פאַרגעסן די מפלה, וואָס זיי האָבן געקריגן פון די הענט פון אַ קליינעם הייפל אידן. עס איז געווען ניט מער ווי אַ מליצה, ווען חבר ג. האָט געזאָגט, אַז דאָ שטייען ניט זיבן הונדערט טויזנט, נאָר 12 מיליאָן אידן. דאָס איז אפשר אַ פאַרשטענדלעכע מליצה אין הינזיכט פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע; עס זיינען אָבער פאַראַן

סיטואַציעס, ווען מען טאָר זיך ניט באַנוצן מיט מליצה, ווייל די מליצה קען זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פּאַסטקע און אַ שטרויכלונג, — דאַרף מען רעדן אין קאַלטער, גענוויגענער פּראָזע. מיר זיינען דאָ ניט צוועלף מיליאָן, און אַפילו ניט קיין דריטל אָדער פערטל פון דעם; מיר זיינען — בלויז זיבן הונדערט טויזנט. מיר געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע, דאָס נאָר אונזער כוח, וואָס געפינט זיך אין לאַנד, וועט דעצידירן. מיר שטייען אין אַ שווערן קאַמף, אַ היסטאָרישן קאַמף, ניט קיין פאַראיבערגייענדיקן, ניט אויף אַ קורצע ווײַלע. און אין דעם קאַמף שטייען ניט צוועלף מיליאָן. אמת, עס זיינען פאַראַן 12 מיליאָן אידן. ווען זיי וואָלטן אַלע געווען דאָ — וואָלט קיינער פון אונזערע שכנים ניט געוואַגט אויפצוהויבן אַ האַנט אויף אונז, — און נסים טרעפן זיך ניט. ווען עס וועט זיך באַנייען דער קאַמף וועלן די צוועלף מיליאָן ניט קומען אַהערצו אויף אָדלער־פליגלען פון אַלע עקן וועלט — און דער קאַמף וועט זיך ווידער צופלאַקערן צווישן אַ הייפל און צווישן צענדליקער מיליאָנען. און די דאָזיקע צענדליקער מיליאָנען אין איין גרויסן, קאָלאָסאַלן, אויסגעגאָסענעם בלאָק, — אין פאַרשיידענע מדינות, אָבער געקניפּט און געבונדן איינע מיט דער אַנדערער. עס איז ניטאָ קיין שום שטערונג פאַר דער קאָמוניקאַציע צווישן איין אַראַבישער מדינה און דער אַנדערער. אויך צו אונז זיינען געקומען אידן פון פאַרשיידענע לענדער — פון אַלע עקן וועלט — און די דאָזיקע פּריווילעגיע, וואָס זיינען געקומען פון אַמעריקע, דרום־אַפריקע, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער, האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין אונזער קאַמף, — אָבער זיי זיינען וויניקע און זיי קענען קומען נאָר דורכן ים, — איז ווען עס וועלן זיך פונדאַסניי צופלאַקערן די שלאַכטן — וועלן מיר ווידער שטיין זיבן צי אַכט הונדערט טויזנט אַנטקעגן צענדליקער מיליאָנען.

מיר ווילן לעבן אין דער דאָזיקער מדינה, מיר ווילן שאַפן אַ פרייע, אויסלייזנדיק פאָטערלאַנד פאַר יעדן איד, וואָס דאַרף און וויל דאָס. און מיר ווילן ניט שטאַרבן אַ העלדן־טויט. אונזער זאָרג איז פאַר דער צוקונפט — און אין דער צוקונפט, פיללייכט אין דער נאָענטער, שטייט אונז פאַר די באַנייאונג פון קריג.

מיר דאַרפן אַריינדרינגען אין דער פסיכאָלאָגיע פון דעם אַנדערן פאָלק, דעם קעגנער. זייער מאָראַלישער מצב איז דערשלאָגן, זייער לעבנס־שטייגער — אַ נעבעכדיקער, אָבער זיי זיינען מענטשן, ווי אַלע מענטשן. איר דאַרפט זיך אַריינטראַכטן אין דער לאַגע פון אַ פאָלק פון 30 צי 40 מיליאָן מענטשן — מיט מלכים, הערשער, פירער, — קענט איר זיך פאָרשטעלן, אַז זיי וועלן לייכט שלום מאַכן מיט דעם דעגראַדירנדיקן פאַקט, דאָס זיבן הונדערט טויזנט אידן האָבן זיי באַזיגט, טראָץ דער הילף, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער בריטישער אימפּעריע, טראָץ אַלע פאַרלוסטן זייערע? — וועלן זיי לייכט שלום מאַכן מיט דער אויפריכטונג פון אַ אידישער מדינה — קעגן זייער ווילן, טראָץ זייער אויפשטאַנד?

עס איז ניט געשען קיין נס. עס איז אָבער געשען אַן אומגעווייגלעכע,

אומדערוואַרטעטע, איבעררעשנדיקע זאַך: זיבן הונדערט טויזנט האָבן באַזיגט דרייסיק מיליאָן. און געשען איז עס דערפאַר, וואָס ביי די זיבן הונדערט טויזנט אידן אין אין די געגעבענע אומשטענדן מער כוח און ווילן, ווי ביי די דרייסיק מיליאָן אַראַבער. מלחמה איז — פאַרמעסטונג פון כוח און ווילן. און איך בין שטענדיק זיכער געווען, אַז אין די זיבן הונדערט טויזנט אידן ליגט באַהאַלטן מער כוח און מער ווילן, — איך שטרייך ווידער אונטער: אין די געגעבענע באַדינגונגען, — ווי אין די דרייסיק מיליאָן אַראַבער. און דעריבער האָבן מיר געזיגט; און אויב אין אַ יאָר צי צוויי אַרום וועלן די אידן איבער־שטייגן די אַראַבער מיט זייער כוח און ווילן — וועלן זיי ווידער זיגן.

עס איז אָבער אַלץ ניט אויף לאַנג. מיר טאָרן זיך ניט איינשמועסן, אַז די אַראַבער וועלן אין פינף צי צען יאָר אַרום בלייבן געגנוי אַזוי, ווי זיי זיינען היינט. מיר דאַרפן האָבן אין זינען, אַז די מלחמה אַליין וועט איבערלאָזן שפּורן אויף די אַראַבער; זי וועט זיי אָנשפּאַנען, ווען אפילו פיליכט ניט מיט דעם זעלבן טעמפּאָ, ווי ביי אונז; עס איז אויסגעשלאָסן, אַז די מלחמה זאָל ניט באַאיינפלוסן די שטימונגען און געדאַנקען פון די אַראַבער. — אין די באַשטייענדע אומשטענדן זיינען מיר שטאַרקער פון די אַראַבער — און עס איז ניט קיין נס. ווער עס האָט אונז געקענט מיט אַ יאָר צוריק האָט געקענט וויסן, אַז פּאָטענציעל — אויב ניט פּאַקטיש — זיינען מיר שוין געווען שטאַרקער פון זיי.

בערך מיט אַ יאָר צוריק (דעם צווייטן אָקטאָבער 1947) האָב איך געזאָגט אין דער אספת הנבחרים אין ירושלים, אַז „מיר האָבן די מעגלעכקייט אָנט־קעגנצושטעלן זיך יעדער עווענטועלער אַגרעסיע, וואָס איז עלול צו קומען פון דאַנען, אָדער אפילו פון די שכנות׳דיקע לענדער, נאָר די דאַזיקע מעגלעכ־קייט איז מער אַ פּאָטענציעלע, ווי אַ פּאַקטישע, און די דרינגענדסטע אויפ־גאַבע, וואָס שטייט פאַר אונז, איז — צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע פּאָטענציעלע מעגלעכקייט אין אַ פּאַקט״. געוויסערמאַסן האָבן מיר עס אויך געטאָן. מיר האָבן מאָביליזירט דעם מענטשן־מאַטעריאַל, די ווירטשאַפט, די וויסנשאַפטס־לייט און די טעכניקער, דאָס גלות־אידנטום. די אַראַבער זיינען היינט ניט אימשטאַנד צו טאָן דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן אין דער לעצטער צייט. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום — אפשר ניט קיין סך יאָרן — וועט זיך די לאַגע ניט ענדערן אויך ביי זיי. און דאָס, וואָס ס׳איז געשען דאָס מאָל, מוז ניט דווקא געשען ווידער אַמאָל. — און נסים וועלן ניט געשען. עס וועט זיין אַ זעלבסטנאַרעריי — אַ געפערלעכע — אויב מיר וועלן זיך צופיל פאַרלאָזן אויף אונזער העכערקייט. די פראַגע פון אונזער זיכערקייט איז אַ פראַגע פון אונזער שנעלן וואוקס, — ברייט־צוגיקן, שנעל־טעמפּאָדיקן וואוקס.

אויך אין דער איצטיקער מלחמה זיינען מיר נאָך ניט זיכער מיט אונזער נצחון, ווייל עס איז ניט זיכער, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט. די פרעמדע אַרמייען שטייען אין די טויערן פון דער מדינה. זיי זיינען נעענטער צו תל־אביב, ווי מיר פונדאַנען. דאָס, וואָס עס איז געשען מיט יפו, קען

געשען מיט תּל־אָביב — אויב מיר ווילן ניט זיין צוגעגרייט. מיר טאָרן זיך ניט איינשמועסן, אַז די אַראַבער זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. פאַרקערט, מיר דאַרפן אָננעמען, אַז זיי פאַרפעסטיקן זיך און פאַרשטאַרקן זייערע כּוחות, און אויב מיר ווילן ניט פאַרזעצן אונזערע אָנשטרענגונגען מיט דער העכסטער שפּאַנונג — קענען זיך די כּוחות־פאַרהעלטענישן ענדערן. אויב מיר ווילן אַפילו פאַרענדיקן די איצטיקע מלחמה מיט אַן ענדגילטיקן, אַנטשיידענדן נצחון — ווילן מיר ניט טאָרן פאַרבלייבן רואיק, ווייל אויך דאַן וועט נאָך אונזער זעלבסטשטענדיקייט ניט זיין סטאַביל און פאַרזיכערט. אונזער נצחון אַליין איז אַ באַאומרואיקנדיקער פאַקטאָר. לאָמיר זיך זען אויפן פּלאַץ פון די אַראַבער, לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אַז מיר זיינען דרייסיק מיליאָן אידן און מיר האָבן זעקס־זיבן אומאָפּהענגיקע מלוכות, וואָס פאַרשפּרייטן זיך איבער אַ שטח — די גרויס ווי האַלב־איראָפּע; און זיבן הונדערט טויזנט אַראַבער פון אַ קליין לאַנד האָבן אונז באַזיגט, — אַזוי לייכט ווילן מיר שלום מאַכן מיט אַזאַ מין בראָך?

אָבער באַזאָרגן אונז דאַרף ניט דאָס, וואָס עס שטייט אונז פאַר אין עטלעכע יאָר אַרום, נאָר — דער מאָרגן. די מדינה, וועלכע מיר האָבן נעכטן אויפגעשטעלט, וויל מען היינט־מאָרגן חרוב מאַכן, און פרעמדע אַרמייען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט ביי אונזערע גרענעצן און אינערהאַלב אונזערע גרענעצן, זיינען מאָביליזירט צוליב דעם דאָזיקן צוועק, — און זיי האָבן זיך נאָך אַלץ ניט צוריקגעצויגן פון דער דאָזיקער פאַרשווערונג זייערער. זיי גרייטן זיך נאָך, און לאָמיר ניט שאַלן פאַר דער צייט, און לאָמיר זיך ניט אָנהויבן צו קריגן צווישן זיך, גלייך ווי קיין שום סכּנה וואָלט אויף אונז ניט געלויערט פון דרויסן. נאָך צופרי, גאָר צופרי צו קריגן זיך צווישן זיך. און צוליב וואָס קריגן זיך? עס איז דאָ כּלומרשט אַ קעגנזאַץ צווישן דער מדינה און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער צד איז — די מדינה, און דער צד, — דער ציוניזם. איז עס ניט אַ פּריצייטיקע פאַנאַנדערטיילונג?

פאַרלויפיק האָט איר פאַר זיך די אידישע מדינה, אַלס אַ מדינה אין קריג. און די אידישע מדינה אין קריג דערוועקט כּבוד — צווישן ציוניסטן און ניט ציוניסטן, אידן און ניט־אידן. אַ סך פון אייך — אפשר מיר אַלע — זיינען איבערראַשט פון אַלץ, וואָס מדינת־ישראל האָט געטאָן אין קריג. איך האָב מורא, אַז אַ סך פון אייך, ווען מ׳פרעגט זיי מיט אַ יאָר צוריק, צי ווילן זיבן הונדערט טויזנט אידן בייקומען אַלע אַראַבישע מדינות, וואָלטן זיי ניט געוואָגט צו געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער.

איר זעט נאָך דערווייל דעם אָנהויב פון דער אידישער מדינה; איר זעט זי אין איר זעלבסט־פאַרטיידיקונג, און איידער איר גייט אָפּשיידן די מדינה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — לאָזט די מדינת־ישראל דערשיינען ניט אַלס קעמפנדע, נאָר אַלס ציוניסטישע מדינה: אַ מדינה, וואָס בויט דאָס לאַנד און אָבסאָרבירט די עליה. איר האָט נאָך ניט געזען די ציוניסטישע פּאָטענצן, וואָס ליגן אין דער דאָזיקער מדינה. איר מיינט, אַז די מדינה איז אימשטאַנד צו מאָביליזירן צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע בלויז פאַרן קריג

און בלויז אויסצובראָגעגען יעדן טאָג הונדערטער טויזנטער פונטן פאַר צו־שטערונגס־צוועקן אויפן שלאַכט־פעלד? — ניט די מלחמה איז דער אינהאַלט און דער ציל פון דער מדינה. די מלחמה איז דער מדינת־ישראל אויפגע־צוואונגען געוואָרן. דער צוועק און די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער אידישער מדינה איז — די פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניזם. איר באַגרייפט נאָך אַלץ ניט, וואָס פאַרא אומגעהויערע מעגלעכקייטן עס ליגן אין דער מדינה אויפן געביט פון לאַנד־אַנטוויקלונג און קיבוץ־גלויות. איר שאַצט ניט אָפּ די פולע קראַפט פון דעם ציוניסטישן פאַקטאָר אין דער מדינה. די זיבן הונדערט טויזנט אידן אין ארץ ישראל זיינען ניט קיין עילויים און ניט קיין וואונדער־קינדער; זיי זיינען אידן ווי אַלע אידן, — און אויב די מדינה האָט אַקטיווירט מעכטיקע כוחות אין דער מלחמה, כוחות פון זיבן הונדערט טויזנט וואָס שטייגן איבער דעם כוח פון דרייסיק מיליאָן, טאָ ווער קען איצט אָפּשאַצן די כוחות, וואָס די מדינה איז אימשטאַנד אַרויסצורופן אין דעם גאַנצן אידישן פאָלק — פאַר קיבוץ־גלויות און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד?

און ווידעראַמאָל — לאָמיר ניט רעדן מיט מליצה. חבר ג. זאָגט: די אידישע מדינה און די ציוניסטישע באַוועגונג זיינען אידענטיש. זיי זיינען ניט אידענטיש. די אידישע מדינה איז אַ מדינה, ווען אַפילו אַ אידישע, און די ציוניסטישע באַוועגונג איז בלויז אַ באַוועגונג, הגם אַ ציוניסטישע, — און אַ מדינה און אַ באַוועגונג זיינען ניט איינס און דאָס זעלבע. מיר דאַרפן זען יעדן איינעם באַזונדער.

מיר, די ציוניסטן פון ארץ ישראל, האָבן שטענדיק געוואוסט, ווי אָפּ־צושאַצן די טאָטן פון די ציוניסטן און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט. מיר האָבן געוואוסט, וואָס עס האָט אויפגעטאָן הערצל, וואָס — בראַנדייס, און וואָס — אַנדערע פראָמינענטע מנהיגים. מיר האָבן אָבער געוואוסט נאָך אַ זאַך: מיר האָבן געוואוסט פון חלוציזם, וואָס אין אים — לויט אונזער מיינונג — ליגט דער טיפער אמת פון דעם ציוניזם און דער סוד פון די „נסים", וואָס זיינען געשען אין די לעצטע זעקס מאָנאַטן. מיר האָבן דאָס ניט אַריינגעטראָגן אין דער ציוניסטישער קאָנסטיטוציע, עס איז ניט קיין ציוניסטישע פליכט, און ווען אַ איד קויפט אויס ערגעץ־וואו אַ ציוניס־טישן שקל, איז ער, גלייך מיט אונז, אַ גלייכבאַרעכטיקטער בירגער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און עס איז גוט אַזוי. אָבער מיר, פאַר זיך אַליין, האָבן געזען דעם תמצית פון ציוניזם אין פערזענלעכער אידענטיפי־צירונג — אויף לעבן און טויט — מיט דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג.

מיר שאַצן אָפּ אַלץ, וואָס די העבראַישע שרייבער אין רוסלאַנד, גאַ־ליציע און אַנדערע לענדער האָבן אויפגעטאָן פאַר דער העבראַישער שפּראַך און איר ליטעראַטור, — אָבער פאַר אונז איז העבראַיש — די שפּראַך פון אונזער לעבן, די שפּראַך פון אונזערע קינדער. אָט דאָס איז פאַר אונז געווען דער ציוניזם, — אַבסאָלוטע אידענטיפיצירונג, אָן קיין שום שייד־וואַנט. און אָט דאָס רופט זיך חלוציזם. דער חלוציזם אין ארץ ישראל האָט ניט

באַלאַנגט דווקא צו אַ באַשטימטער פּאַרטיי אָדער קלאַס. ניט בלויז די מענטשן פון דער אַרבעטס־באַוועגונג זיינען געווען חלוצים, — איך קען אַ סך אידן, ניט קיין אַרבעטער, וואָס זיינען חלוצישע ציוניסטן, ווייל זייער גאַנץ לעבן, קאַפּיטאַל, איניציאַטיוו, משפחה און צוקונפט זיינען פאַרבונדן מיטן ארץ־ישראל׳דיקן ווערק — דאָס ווערק פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. אין דער דאָזיקער אידענטיפיצירונג — אויף לעבן און טויט — מיט דער רעאַליזירונג פון דעם ציוניסטישן ווערק, איז דער קוואַל פון דעם „נס״ — אויב עס זיינען באמת געשען נסים. דער דאָזיקער ציוניסטישער חלוציזם הענגט ניט אָפּ פון די קאָנגרעסן, — מיטן גאַנצן רעספּעקט פאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס און אַלץ וואָס איז מיט אים פאַרבונדן! — דער קאָנגרעס האָט געעפנט אַ ניי קאַפּיטל אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אין דעם ציוניסטישן ווערק, — אָבער חלוצישער ציוניזם הענגט ניט אָפּ פון וואַלן און פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און דווקא ער האָט פּאַקטיש אויסגעפורעמט דאָס ציוניסטישע ווערק, האָט אָנגעפירט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָט מאָביליזירט דאָס פאָלק פאַר ארץ ישראל.

עס קען זיין, אַז אין אַ חודש אָדער דריי חדשים אַרום וועלן מיר אויפהערן צו זיין אַ קעמפנדע מדינה און מיר וועלן ווערן אַ מדינה, וואָס פאַרווירקלעכט דעם ציוניזם. מיר וועלן דאַן דאַרפן אָנקומען צו אַ גרעסערער מאָביליזאַציע און צו אַ פיל־גרעסערער הילף, ווי ביז איצט, ווייל די אידישע מדינה וועט דאַן נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון קיבוץ גלויות, וואָס צוליב דעם איז פאַרגאָסן געוואָרן אידיש בלוט אין דער איצטיקער מלחמה. דער דאָזיקער אידעאַל, וואָס האָט געלויכטן פאַר דער יוגנט, פאַרן ישוב און פאַרן פאָלק, ער האָט עס אין אונז דערוועקט די גבורה קעגנצושטעלן זיך — ווייניקע קעגן פילע.

די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, קיבוץ־גלויות — איז אַ פיל־שווערערע אונטערנעמונג, ווי צו באַזיגן די אַראַבער, — און אָן דעם דאָזיקן אויפטו וועלן מיר לאַנג ניט אויסהאַלטן. אונזער צוקונפטיקע זיכערקייט הענגט אָפּ פון קיבוץ גלויות. מדינת־ישראל וועט ניט עקזיסטירן אָן קיבוץ גלויות. גלייך אַזוי ווי פאַר קיבוץ גלויות איז נויטווענדיק די עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל, איז פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מדינה נויטווענדיק דער קיבוץ גלויות. אונזער ענדגילטיקער נצחון וועט קומען ניט אויפן שלאַכט־פעלד, נאָר אויפן געביט פון עליה און קאָלאָניזאַציע; און דער אויפבוי פון דעם לאַנד און דער קיבוץ גלויות וועלן פאָדערן מיטלען און אָנשטרענגונגען פיל גרעסערע און דויערנדע, ווי די מלחמה — אויב אַפילו די מלחמה וועט זיך ווידער צופלאַקערן. פאַר דער דאָזיקער דויערנדער, מעכטיקער אָנשטרענגונג וועלן מיר ווידער מוזן אָנקומען צום מאָראַלישן כוח, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער איצטיקער מלחמה, — דאָס הייסט: צום חלוצישן כוח.

דער כוח, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די לעצטע מאָנאַטן, ציט זיין יניקה פון די כוחות, וואָס האָבן געגרינדעט פתח־תקוה, דגניה, עין־חרוד

און גבולות. אָן דעם דאָזיקן כוח וועט דאָס אידישע פאָלק ניט מאָביליזירט ווערן.

מיר דאַרפן איצט טאָן דריי זאַכן, וואָס זיינען איין זאַך: זיכערקייט, עליה און קאָלאָניזאַציע. די דריי זיינען איינס, ווייל עס איז ניטאָ קיין זיכערקייט אָן עליה און קאָלאָניזאַציע: מאַסן־עליה און ברייט־צוגיקע קאָלאָניזאַציע; און עס קענען ניט זיין עליה און קאָלאָניזאַציע אָן זיכערקייט. די דאָזיקע דריי וועלן פאָדערן אָנשטרענגונגען אין אַ מאַסשטאַב און אין אַ טעמפּאָ, וואָס מיר זיינען ביז איצט צו אַזעלכע ניט געוואוינט געווען. דער חלוצישער ציוניזם, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער אידישער מדינה, וועט אַרויסרופן צום לעבן די דאָזיקע אָנשטרענגונגען. און דער פאַרזוך, אָפּצושיידן די מדינה פון דעם ציוניזם, איז אַ פאַרזוך אויסצולײדיקן דעם ציוניזם פון זיין אינהאַלט.

מיר האָבן נאָך ניט פאַרענדיקט די ביטערע מלחמה, און די ציוניסטישע באַוועגונג האָט ניט אין איצטיקן מאָמענט קיין אַנדער אויפגאַבע, אויסער מאָביליזירן מיטלען און כוחות פאַר די דריי: זיכערקייט, עליה, און קאָלאָניזאַציע.

ז׳ באלול תש״ח — 9. 11. 1948

# ווי אַזוי וועלן מיר אויפנעמען די קומענדיקע טעג

(אויף אַ צוזאַמענטרעף פון חברים פון קיבוץ המאוחד, חיפה)

מיט וואָס וועלן מיר אויפנעמען די קומענדיקע טעג? עס איז פאַר אונז קיינמאָל ניט געשטאַנען אַזאַ באַדייטונגס־פולע פראַגע, ווייל מיר שטייען אויפן שוועל — אָדער אינערהאַלב — פון אַ היסטאָרישער רעוואָלוציע, וואָס אַזאַ איז פּיליכט קיינמאָל ניט געווען אין דער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק און וואָס איר דערפאָלג הענגט אָפּ פון דעם, ווי אַזוי מיר וועלן אויפנעמען איר מהות און אין וואָס פאַר אַ מאָס מיר וועלן גרייט זיין צו דער נייער ווירקלעכקייט, וואָס זי טראָגט אויף אירע פליגלען. אין מלחמה, ווי אין רעוואָלוציע, קען מען זיגן און מען קען אויך פאַרשפּילן די פּרוכט פון נצחון — אויב מען באַווייזט ניט באַצייטנס אויסצונוצן די מעגלעכקייטן וואָס דער נצחון ברענגט, און מען גרייט ניט צו די כוחות און באַדינגונגען אויסצונוצן דעם נצחון.

מיר דאַרפן, קודם כל, זען, פאַר וועלכער סיטואַציע מיר שטייען אין איצטיקן מאָמענט. חבר דובדבני האָט געפאָדערט, מען זאָל עפענען אַ צווייטן פראָנט — דעם פראָנט פון עליה און קאָלאָניזאַציע, און איז באַשטאַנען אויף

דעם, אַז מיר זאָלן מיט דער פאַרברייטערונג פון דער עליה און קאָלאָניזאַציע ניט וואַרטן ביזן סוף פון דער מלחמה, אַז מיר זאָלן זיך ניט באַנוגענען מיט די באַשרענקטע מאַסשטאַבן פון די איצטיקע טעג. איך אידענטיפיציר זיך מיט זיין פאָדערונג, איך נעם אָבער ניט אָן זיין דעפיניציע פון אַ „צווייטן פראָנט". ביזן סוף פון דער מלחמה האָבן מיר נאָר איין פראָנט, און דאָס איז דער — מלחמה־פראָנט. דאָס זאָגט ניט, אַז ביז דאַן וועט ניט זיין עליה און קאָלאָניזאַציע; אָן די ביידע קען ניט געמאָלט זיין די פאַרזעצונג פון דעם קריג. פאַרוואָס אָפּאָניר איך דער דעפיניציע? ווייל די עליה און די קאָלאָניזאַציע — ביז עס וועט קומען דער שלום — הענגען אָפּ פון די מלחמה־באַדערפענישן און זיינען אונטערגעוואָרפן די מלחמה־באַדינגונגען. מיר דאַרפן זיך איצט פאַרנעמען מיט דער עליה, וואָס איז נויטיק פאַרן קריג, און מאַכן קאָלאָניזאַציע, וואָס פאַרפעסטיקט אונזערע מלחמה־פראָנטן. אין דער צייט פון דער מלחמה וועלן מיר ניט קענען מאַכן קיין אַנדער עליה און אַנדער קאָלאָניזאַציע. אַוודאי איז שווער שלום צו מאַכן מיט אונזער פאַרשקלאַפונג צום קריג און מיט דער פאַרשקלאַפונג פון אונזערע וויכטיקסטע און טייערסטע אינטערעסן צו די פאָדערונגען פון קריג. עס איז אויך שווער שלום צו מאַכן מיטן קריג אַליין. מיר האָבן אָבער קיין ברירה ניט, און כל זמן עס פירט זיך דער קריג, צווינגט ער אונדז אַלץ אויף אַזוי, אַז אַפילו די „צוויי לוחות" פון אונזער לעבנס־אידעאַל — עליה און התישבות — זיינען ניט קיין יוצא מן הכלל. לאָמיר קיין טעות ניט האָבן און ניט מיינען, אַז די פייער־פויזע ענדערט די סיטואַציע, — די פייער־פויזע איז ניט מער, ווי איינער פון די קריגס־מיטלען קעגן אונדז. דער ציל פון יעדן קריג איז צוצוברעכן דעם ווילן פון דעם קעגנער (אויב דער ציל איז ניט די פאַרניכטונג פון דעם פיינד, ווי עס איז געווען היטלערס ציל אין זיין קאַמף קעגן אידן און ווי עס איז דעם מופטיס ציל קעגן אונדז). צוליב דעם דאַזיקן צוועק באַנוצט מען זיך ניט נאָר מיט פיזישע פאַרניכטונגס־מיטלען — ביקסן, אויטאָמאַטן, האַרמאַטן, באָמבערס, טאַנקן, טאָרפּעדאָס, אַעראָפּלאַנען און דאָסגלייכן — נאָר אויך מיט עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע און גייסטיק־מאָראַלישע מיטלען. אויך מיט אַזעלכע מכשירים קען מען דערשיטערן דעם ווילן פון דעם פיינד און זיין קאַמפּס־כוח, און אויף אַזאַ אופן שטעלן אים אויף די קני, דאָס הייסט — אָננעמען דעם ווילן פון דעם קעגנער. די פייער־פויזע, איז איינער פון די מיטלען, צוצוברעכן אונזער ווילן. אמת, די פייער־פויזע איז נוגע ביידע צדדים — סיי אונדז און סיי די אַראַבער. און אַ דויערנדע פייער־פויזע איז עלול אָפּצושוואַכן און דערשיטערן אויך דעם ווילן פון די אַראַבער. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אין דעם איצטיקן קריג זיינען דאָ ניט צוויי, נאָר דריי צדדים, און דער דריטער צד — בעווינס רעגירונג — איז פאַר־אינטערעסירט צוצוברעכן דעם ווילן סיי פון די אידן, און סיי פון די אַראַבער, ווייל די דאָזיקע רעגירונג האָט אונדז פיינט ניט ווייל זי האָט ליב די אַראַבער, נאָר — פאַרקערט — ווייל זי שטרעבט צו פאַרשקלאַפן די אַראַ־בער — אין מצרים, סודאַן, איראַק, סיריע, עבר־הירדן, סעודיה, ליביע און

נאָך און נאָך — פאַר אירע אייגענע צוועקן; זי העצט די אַראַבער קעגן אונז כדי צו פאַרלייכטערן זיך די באַהערשונג פון דעם מזרח, — האָט זי מורא, — און מיט רעכט — אַז אַן אומאָפּהענגיקע און פּראָגרעסיווע מדינת־ישראל קען דינען אַלס באַפרייענדיקער און רעוואָלוציאָניזירנדיקער פאַקטאָר אויך לגבי דער אַראַבישער וועלט, אַז זי קען — דירעקט און אומדירעקט — מיט־העלפן דער פאַרשטאַרקונג פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון די אַראַבישע לענדער; איז ניטאָ קיין בעסערער מיטל פון אַ פייער־פויזע אויף צוברעכן דעם ווילן פון ביידע קעמפנדיקע צדדים — פון די אידן, ווי פון די אַראַבער. מיר מוזן זען אין דער פייער־פויזע די פאַרזעצונג פון דעם קריג קעגן אונז, — און כל זמן עס פירט זיך מלחמה — עקזיסטירט איין פראָנט: דער מלחמה־פראָנט, און דער דאָזיקער פראָנט הערשט איבער אַלץ — אָן קיין שום אויסנאָם. ווייל אין דעם מאָמענט, וואָס אונזער ווילן ווערט גע־בראָכן און מיר גיבן זיך אונטער — איז אויס עליה, אויס התישבות, אויס פרייהייט, אויס אַרבעט, אויס קיבוץ, אויס אידעאַל — אויס אַלץ. מיר ווערן דאַן פאַראורטיילט אויף שקלאַפעריי אָדער פאַרניכטונג. דעריבער מוזן מיר אַלץ קאָנצענטרירן אויף די באַדערפעענישן פון דעם מלחמה־פראָנט, — און די דאָזיקע באַדערפעענישן זאָלן זיין בילכער פון אַלץ. דאָ און דאָרט, — אפשר צוליב די אילוזיעס, וואָס די פייער־פויזע שאַפט, — באַווייזט זיך דער ווילן, אויסצוטאָן זיך פון דעם שווערן יאָך פון קריג, און עס שטאַרקט זיך די נייגונג אָפּצוהיטן די אינטערעסן פון דער ווירטשאַפט, פון דער אינדוסטריע, דעם קיבוץ; די לאַנדווירטשאַפט — אויפן חשבון פון פאַרשטאַרקן אונזער קריגס־כוח. די דאָזיקע נטיה אַנטפּלעקט זיך אַפילו אין די חלוצישסטע טיילן פון אונזער באַוועגונג, און דעריבער איז זי העכסט געפערלעך. מען קען לייכט איבערווינדן פּריוואַטע דעזערציע פון הפקר־יונגען און פּחדנים, —עס איז אָבער ניט לייכט בייצוקומען די געטריייע חלוצישע זאָרג פון מושבים און קיבוצים פאַר די יוגנט־גרופּן, הכשרה־קערנדלעך, עליה־יוגנט און דאָסגלייכן; ליגט אויף אונז דעריבער אַ שווערע אָבער אַ הייליקע פליכט, שווערצומאַכן דאָס האַרץ קעגן זיך אַליין, קעגן אונזערע טייערסטע ווערטן, אום צו פאַר־שטאַרקן אונזער שטורם־קראַפט אויף די פראָנטן און צוצושטעלן דעם נויטיקן מענטשן־מאַטעריאַל פאַר דער אַרטילעריע, פאַר פאַנצער־רעגימענטן, פאַר דעם לופט־פלאָט, פאַר דעם ים־פלאָט און פאַר וויכטיקע דינסטן — ווען עס זאָל אונז אַפילו אויסקומען צו שניידן אין לעבעדיקן פלייש. מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז די פייער־פויזע זאָל אונז פאַרשלעפערן און זאָל פאַר־קלענערן אונזער געשפּאַנטקייט און גרייטקייט.

*

עס איז אָבער פאַקטיש ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן די מלחמה־אינטערעסן און דער פאַרשטאַרקונג פון דער עליה און התישבות. פאַרקערט, אונזער כוח ציט זיין יניקה פון די ביידע. אָן דער עליה אין די ביין מאָנאַטן פון דער מלחמה וואָלט אונזער מיליטערישער כוח ניט דערגרייכט זיינע

איצטיקע דימענסיעס — און ער איז נאָך ווייט פון מאַקסימום; און אָן דער קאָלאָניזאַציע וואָלטן מיר זיך ניט געקענט האַלטן אויף אייניקע פראָנטן. ווען מיר וואָלטן געהאַט די גאַנצע אַרמיי, וואָס מיר האָבן היינט צו טאָג, אָבער דערביי וואָלטן מיר ניט געהאַט אונזערע ווירטשאַפטן אין גליל און אין נגב און אין דער געגנט פון ירושלים — ווער ווייסט, צי וואָלטן מיר זיך דאַן געהאַלטן אַזוי, ווי מיר האָבן זיך געהאַלטן, און צי וואָלטן מיר דערגרייכט דאָס, וואָס מיר האָבן דערגרייכט. אָבער די מלחמה און אירע אינטערעסן באַשטימען איצט דעם כאַראַקטער פון דער עליה און די פּלאַנירונג פון דער קאָלאָניזאַציע, — ביידע מוזן זיי איצט קודם כל באַדינען דעם פראָנט, און מען טאָר ניט טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס שטייט אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון פראָנט. מיר טאָרן ניט אָפּהיטן די אינטערעסן פון דער ווירטשאַפט — אויב דאָס קען אָפּשוואַכן אונזער קריגס־כוח אָדער פאַרהאַלטן זיין פאַרשטאַרקונג. און מיר טאָרן ניט רחמנות האָבן אויף זיך, אויף אונזערע קינדער, אויף אונזערע ווירטשאַפטן, אויף אונזערע סאַמע וויכטיקסטע גיטער — אויב מיר ווילן רחמנות האָבן אויף אונזער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, וואָס פון זיי הענגט אַלץ אָפּ. קודם כל — דער נצחון; נאָר דער נצחון וועט פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון אונזערע קינדער, ווירטשאַפטן, גיטער, אידעאַלן און צוקונפט. און די עליה, וואָס איז אונז איצט נויטיק, איז די וואָס פאַרשטאַרקט באַלד אונזער מיליטערישן כוח; די קאָלאָניזאַציע, וואָס איז אונז נויטיק, איז די, וואָס פאַרשטאַרקט אונזער פּאָזיציע אויף די פראָנטן און העלפט אונז צוצוברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דעם פיינד. אונזער גאַנצער לעבנסשטייגער דאַרף צוגעפּאַסט ווערן צו די מלחמה־באַדערפענישן. מיר דאַרפן זיך באַגנוגענען מיט ווייניק, לעבן באַשיידן, פאַרשטאַרקן די קעגנזייטיקע הילף און נעמען אויף זיך דעם שווערן, אכזריות׳דיקן יאָך פון מלחמה־דיסציפּלין. מיר האָבן זיך ניט דערצויגן אויף דער דאָזיקער דיסציפּלין, און זי איז פאַר אונז אויסערגעוויינלעך שווער, ווייל זי שטייט אין אַ סתירה צו אַלע פרייהייטס־און־שאַפונגס־ווערטן, מיט וועלכע מיר שטאָלצירן אַזוי. אָבער דוקא טריישאַפט צו די דאָזיקע ווערטן פאַרפליכטעט אונז ריקזיכטלאָז זיך אונטערצוואַרפן דער קריגס־דיסציפּלין. — עס איז ניטאָ פאַר אונז קיין אַנדער וועג צום זיג.

*

מיר שטייען אויפן שוועל פון אַ ווענדונג, פון טיפע און ווייטגייענדיקע ענדערונגען, — אויפן שוועל פון א גרויסער רעוואָלוציע, וואָס אַזאַ איז נאָך אין אונזער לעבן ניט געווען. עס קען זיין, אַז זי וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ מפּלה, מיט צושטערונג, מיט חורבן. עס איז דאָ אויך אַזאַ עווענטואַליטעט, און מיר דאַרפן זי זען מיט אָפענע אויגן. אָבער עס קען אויך זיין — און איך האָף, אַז עס וועט אַזוי זיין — דאָס די ווענדונג וועט פאַר אונז עפענען ברייטע היסטאָרישע פּערספּעקטיוון — מענטשלעכע, אידישע, סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוון — און גראַנדיעזע שאַפונגען אויפן געביט פון קאָלאָניזאַציע, וויסנשאַפט, געזעלשאַפט, גייסט, וואָס וועגן אַזעלכע האָבן מיר ביז איצט אפילו ניט געוואַגט צו פאַנטאַזירן.

ווען די דאָזיקע צווי קעגנגעזעצטע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פאַרקומענדיקער רעוואָלוציע, וועט אַנטשיידן ניט בלויז דער מיליטערישער פאַקטאָר. אונזער גאַנצע איצטיקע געשפּאַנטקייט איז איינגעשטעלט אויף אַ מיליטערישן נצחון. אָן אים וועלן מיר אומקומען. אַ מיליטערישער דורכפאַל הייסט פאַר אונז אַ טאָטאַלער דורכפאַל: דער דורכפאַל פון עליה און קאָלאָניזאַציע, דער דורכפאַל פון דער אומאָפּהענגיקייט, — אפשר גאָר פולער פיזישער און מאַטעריעלער אומקום. אָבער אונזער מיליטערישער נצחון — ער אַליין — פאַרזיכערט נאָך אונז ניט אונזער היסטאָרישן באַגער, און ער פירט אונז ניט צו אונזער אידישן און מענטשלעכן ציל. און ניט איין שטרויכלונג ליגט נאָך אויף אונזער וועג.

אויסער דעם מיליטערישן גערענגל, האָבן מיר נאָך אַ פּאָליטישן גערענגל. מיר שטייען ניט נאָר אין קאַמף קעגן די אַראַבישע אַרמייען, נאָר אין אַ געוויסער מאָס קעגן דער גאַנצער וועלט. דאָס איז אַ היסטאָרישער גערענגל צווישן דעם אידישן פאָלק און צווישן זיינע פריינט, אונטערדריקער און באַיקאָטירער. עס איז ניט קיין לאָקאַלער גערענגל, און זיינע וואָרצלען שטעקן ניט נאָר אין דער געגנוואַרט. ישראל פאָדערט איצט קאָמפּענסאַציע פאַר די עוולות פון אַלע דורות; ישראל משפּט זיך מיט אַלע פעלקער, און ענדיקן וועט זיך דער דאָזיקער גערענגל אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן וועג.

אויך אין אונזערע צייטן קומען נאָך פאָר לאָקאַלע מלחמות, וואָס גייען ניט אָן דער וועלט; פעלקער, וואָס געפינען זיך ניט אויפן פלאַץ פון קאַמף, טראַכטן אפילו ניט וועגן דעם, און קיינער מישט זיך ניט אין דעם. אין צענטראַל־אַפריקע געפינען זיך שבטים, וואָס פירן צווישן זיך אומאויפהערלעכע מלחמות, און דער זיגער עסט אויף דעם באַזיגטן — אַלס נצחון־פּרייז, — און קיינער מאַכט ניט דערפון קיין שום ווען. אין מיטלאַלטער פלעגן זיך פירן אומאויפהערלעכע מלחמות אין לאָקאַלן מאַסשטאַב; אַזעלכע מלחמות פלעגן זיך פירן אויך אין די לעצטע דורות. אָבער אין דער דאָזיקער מלחמה, וואָס פאַרמישט אין איר זיינען אידן, און געפירט ווערט זי אין ארץ ישראל פאַר ארץ ישראל — איז כמעט די גאַנצע וועלט אַ „צד". די גאַנצע וועלט איז עמפּינדלעך אין באַצוג צו אידן און אין באַצוג צו ארץ ישראל. און דער קאָנפליקט צווישן אונז און די אַראַבער שטורעמט אויף די וועלט מער ווי די קאָנפליקטן צווישן הונדערטער מיליאָנען הינדוסן און מוזולמענער אין אינדיע און פּאַקיסטאַן, מער ווי דער בירגער־קריג אין כינע, וואו עס לעבט כמעט אַ פערט־חלק פון דער גאַנצער מענטשהייט. די געשיכטע און געאָגראַפיע פון ארץ ישראל, די געשיכטע און געאָגראַפיע פון די אידן האָבן פאַרוואַנדלט אונזער מלחמה אין אַ וועלט־געשעעניש — ווען אפילו בעווין און זיינע בוזעם־פריינט וואָלטן ניט אַריינגעצויגן ענגלאַנד אַלס דירעקטן פאַקטאָר אין דעם דאָזיקן קאָנפליקט; און דער גורל פון ארץ ישראל וועט נישט באַשטימט ווערן דורך אַ מיליטערישער דעציזיע צווישן אידן און אַראַבער (הגם ניט אינגאַנצן אָן דער דאָזיקער דעציזיע). נאָר גאָר וויניקע פעלקער אין דער וועלט האָבן קיין שום אינטערעס ניט אין אידן און אין ארץ ישראל. די געאָגראַפישע פּאָזיציע פון דעם

לאַנד — אין דעם צענטער פון דריי קאָנטינענטן, אויף דעם שייד־וועג פון דער בריטישער קאָמאָנוועלט, אין דעם קרייץ־פונקט פון מזרח און מערב; דער היס־טאָרישער פּלאַץ פון דעם לאַנד אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קול־טור — דער קריסטלעכער און מוזולמענישער, אין דער געשיכטע פון די רע־ליגיעס פון דער מערהייט פון פעלקער אין דער וועלט; די צושפּרייטונג פון אידן איבער די פינף וועלט־טיילן און זייער איינפלוסרייכער אָדער ליידנפולער מצב אין פאַרשיידענע גרויסע און מיטעלע לענדער; דער היסטאָרישער קאָנט־ראַסט צווישן דעם אידנטום און קריסטנטום און דעם איסלאַם, און די ביטערע עקשנות פון די אידן — אפילו די אַסימילאַטאָרן, מ׳שטיינס געזאָגט — אָפּ־צוהיטן זייער אידישע ספּעציפישקייט צווישן די פעלקער, — אַט דאָס אַלץ, ווי אויך אַנדערע פאַקטאָרן, פאַרוואַנדלען דעם רעלאַטיוו־קליינעם סיכסוך צווישן די 700 טויזנט אידן פון ארץ ישראל און צווישן זייערע אַראַבישע שכנים אין אַ געשעעניש, וואָס ברויזט אויף די גאַנצע וועלט; די פאַראייניקטע פעל־קער דיסקוטירן שוין צוויי יאָר דאָס פּראָבלעם פון ארץ ישראל, און ווער ווייס, ווי לאַנג זיי וועלן זיך נאָך דערמיט באַשעפטיקן. און דאָס דאַזיקע פאַרנעמען זיך מיט אונזער גורל איז ניט קיין מינדערוועדטיקער פאַקטאָר; די יו־ען קען אַרויסגעבן אַ פּסק־דין ניט דוקא לויט די רעזולטאַטן פון דעם מיליטערישן געראַנגל אין לאַנד.

*

אויף דער פּאָליטישער אַרענע האָבן מיר געהאַט איניקע וויכטיקע דער־פּאָלגן, אָבער קיין איינציקער דערפאָלג איז ניט געווען קיין פולשטענדיקער. מיר האָבן דערוואָרבן די אונטערשטיצונג פון גרויסמאַכטן. עס איז אויסער צווייפל, אַז די וויכטיקסטע דעראָבערונג אויפן דאָזיקן געביט איז די אונטער־שטיצונג פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איר באַדייטונג איז געווען פונקט אַזוי גרויס, ווי איבערראַשנד; און זינט די אונטערשטיצונג איז אונז געגעבן געוואָרן אין מאַי 1947 אין לייק סוקסעס איז זי געבליבן פעסט און אומדער־שיטערט. אָבער די דאָזיקע נייע ווענדונג האָט ניט געענדערט די לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד. דאָס, וואָס די אידן פון רוסלאַנד זענען מיט 30 יאָר צוריק אָפּגעריסן געוואָרן פון ארץ ישראל, איז געווען דער שווערסטער קלאַפּ פאַר אונזער ווערק אין לאַנד. די דאָזיקע לאַגע באַשטייט אויך איצט, און קיין שום איד קען ניט עולה זיין פון דעם ראַטנפאַרבאַנד קיין ארץ ישראל. עס איז אויך דאָ אַ געפאַר, אַז אויך די טויערן פון אַנדערע מזרח־לענדער זאָלן פאַרשלאָסן ווערן פאַר דער עליה פון אידן. — מיר האָבן באַקומען און מיר באַקומען נאָך הילף אויך פון אַן אַנדער מעכטיקער מדינה — פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. די דאָזיקע מדינה שטיצט אונז שוין 30 יאָר, זינט דער באַל־פור־דעקלאַראַציע. די דאָזיקע דעקלאַראַציע איז פאַקטיש רעדאַגירט געוואָרן ניט נאָר דורך באַלפורן, נאָר אויך דורך ווילסאָנען, דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין יאָר 1922 האָט דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס איינ־שטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס לטובת דער נאַציאָנאַלער היים. די גרויסע פּאַרטייען און כמעט אַלע פּרעזידענטן פון אַמעריקע האָבן שטענדיק אונטער־

געהאַלטן אונזערע שטרעבונגען. אַמעריקע איז אויך געווען די ערשטע, וואָס האָט אָנערקענט מדינת ישראל, הגם ניט דע־יורע, ווי דער ראַטנפאַרבאַנד, נאָר בלויז דע־פאַקטאָ. אָבער אין אַמעריקע, אַזוי ווי אין רוסלאַנד, באַשטימט ניט די באַציאונג צו מדינת־ישראל איר אינערלעכן רעזשים. די הונדערט און פערציק מיליאָן אַמעריקאַנער בירגער האָבן נאָך אַנדערע אינטערעסן — און די דאָזיקע אינטערעסן דעצידירן.

אין די פּאָליטישע דיסקוסיעס רעדט מען מיט גרינגשעצונג וועגן אויל, אָבער אונזער אַרמיי וועט אָן אויל ניט קענען מלחמה האַלטן, וועט בכלל ניט קענען עקזיסטירן. און אויל איז אַ וויכטיקער אַרטיקל אויך פאַרן ראַטנפאַרבאַנד און פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן. ברען־שטאָף שטעלט מיט זיך איצט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע געברויך־אַר־טיקלען אין דעם לעבן פון יעדן פאָלק, און ניט נאָר אין קריגס־צייטן. ברען־שטאָף ברעכט זיך אַרויס פון דער ראַם פון די באַציאונגען צווישן אַמעריקע און ישראל, און אויב מיר וועלן געפינען אויל אין נגב, קען אַמעריקע טראַכטן — לויט מיין מיינונג, ניט ריכטיק — אַז עס איז בעסער, דאָס דער אויל־געביט זאָל זיין אין אַבדאַללאַ׳ס הענט, ווייל אַבדאַללאַ׳ן קען מען אָפּקויפן, אין דער צייט, וואָס אידן לאָזן זיך ניט פאַרקויפן אַפילו פאַר גינגאָלד. מדינות — קליינע און גרויסע — האָבן נאָך אַנדערע אויסרעכענונגען, אויסער דעם חשבון פון ישראל, און אויף דעם וואָגשאָל פון דער וועלט ווערן זיי אַלע געוואויגן. אויף אונזער פּאָליטישן פראָנט ווירקן ניט דוקא לאָקאַלע כוחות און חשבונות, נאָר כוחות־פאַרהעלטעניסן, אינטערעסן־קאָמבינאַציעס און אינטערעסן־קאָנ־טראַסטן פון די פעלקער פון דער וועלט — גרויסע, מיטעלע און קליינע; מיר קענען זיגן אין קריג און שלאָגן אַלע אונזערע פיינט און צוברעכן די אַר־מייען פון עבר־הירדן, סיריע, איראַק און מצרים און אַרויסטרייבן זיי פון לאַנד — און דאָך פאַרשפּילן דעם פּאָליטישן קאַמף, ווייל עס קענען זיך אַנט־קעגן אונז אַוועקשטעלן דעצידירנדיקע פּאָליטישע וועלט־אינטערעסן. מיטן כוח פון אונזער אַרמיי וועלן מיר קענען באַזיגן די אַראַבישע אַרמייען, אָבער עס זיינען דאָ אין דער וועלט כוחות שטאַרקערע פון אונזערע, און זייער השפּעה גרייכט ביז צו ארץ ישראל — ווייל דאָס איז אַ לאַנד, וואָס שטייט אין צענטער פון וועלט־אינטערעס. דאַרפן מיר דערפאַר זאָרגן, אַז אונזער מיליטערישער נצחון זאָל ניט צונישט געמאַכט ווערן אויף דעם פּאָליטישן פראָנט, — און אונ־זער פּאָליטישער אָנשטרענגונג איז אַן אָרגאַנישער טייל פון אונזער אַלגעמיינעם קאַמף. די פראַגע איז — צי וועלן מיר קענען און צי וועלן מיר באַווייזן צו דער־אָבערן די אונטערשטיצונג פון אַ מאַקסימאַלער צאָל מדינות אין דער וועלט, צי וועט אונז געלינגען אָפּצוהיטן, איינצוהאַלטן און פאַרשטאַרקן די אונטערשטי־צונג פון די , וואָס האָבן אונז געהאָלפן ביז איצט, ווי אויך אויסצובעסערן די באַציאונגען מיט די אינדיפערענטע אָדער פיינטלעכע לענדער. מיר טאָרן ניט מותר זיין אויף וואָס פאַר אַ צד עס זאָל ניט זיין אויפן פראָנט פון די וועלט־כוחות.

*

עס איז ניטאָ קיין ערגערע עצה פון דער, וואָס מען גיט אונז, אַז מיר זאָלן
באַטראַכטן די וועלט, אַלס אַ געשפּאָלטענע אין אַלץ און אויף שטענדיק (דאָס
הייסט, ביז נאָך דער דריטער וועלט־מלחמה), און אידענטיפיצירן זיך מיט
איינעם פון די געשפּאָלטענע טיילן. לאָמיר אָננעמען, אַז דער דאָזיקער פּראָג־
נאָז איז אַ ריכטיקער, אַז איינער פון די צדדים — דער מזרח צי דער מערב —
איז פאַר אונז פאַרלאָרן, און עס בלייבט אונז מער ניט איבער, ווי צו אידענטי־
פיצירן זיך מיט דעם צד שכנגד. אָבער וואו איז די זיכערקייט, אַז עס וועט
אונז געלינגען — ניט אין אונזער אידענטיפיצירונג מיט יענעם צד, נאָר אין
דער אידענטיפיצירונג פון יענעם צד מיט אונז ? אודאי איז ניטאָ קיין לייכטע־
רע זאַך, ווי צו פאַרמיאוסן זיך ביי איינעם פון די צדדים, — עס איז ניט שווער
עמיצן צו דערוויזן, אַז מיר זיינען אים אַ פיינט אויף אייביק. עס איז ניטאָ קיין
לייכטערע מלאכה, ווי צו באַשמוצן אַ געוויסע מדינה אָדער אַ ריי פון מדינות
און ציען אויף זיך באַלד זייער שנאה. און עס זענען ביי אונז פאַראַן מענטשן,
וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין דער דאָזיקער מלאכה. אָבער וואו איז די גאַ־
ראַנטיע, אַז, נאָכדעם ווי מיר וועלן איין צד אין דער וועלט פאַרוואַנדלען אין
אונזערן אַ בלוט־שונא, וועלן מיר דערווערבן די פריינטשאַפט און אונטערשטי־
צונג פון דעם אַנדערן צד ? לאָמיר אָננעמען, אַז מיר וועלן ווערן אַ שרעקלעכער
פיינט פון די מזרח־לענדער און מיר וועלן זיי פאַרוואַנדלען אין אונזערע
שאַרפסטע קעגנער, — וואו איז די גאַראַנטיע, אַז צוליב דעם וועלן אונז אַמע־
ריקע און אירע פאַרבינדעטע אונטערשטיצן ? דער פאַקט, וואָס מיר וועלן זיך
מאַכן אַבסאָלוט אָפּהענגיק פון אַמעריקע, פאַרפליכטעט זי נאָך ניט צו קומען
צו אונזער הילף, אויב זי וועט האָבן אַנדערע אויסרעכענונגען, וואָס וועלן זי־
פירן צו העלפן אונזערע קעגנער. אדרבא, דער פאַקט, וואָס מיר וועלן ניט האָבן
קיין שום פריינט אין דער וועלט, וועט פאַרלייכטערן אַמעריקע גרינגצושעצן
אונזערע אינטערעסן און פאָדערונגען און נאָכצוגעבן אונזערע קעגנער, כדי
איבערצוציען זיי אויף איר זייט, — און דאָס אייגענע אויך פאַרקערט. אויב
מיר וועלן זיך לחלוטין אָפּרייסן פון די מערב־לענדער און מיר וועלן שווערן
אייביקע פיינטשאַפט צו אַמעריקע און אירע פאַרבינדעטע — וואו איז די
גאַראַנטיע אַז דער ראַטנפאַרבאַנד און זיינע פאַרבינדעטע וועלן אונטערשטיצן
אונז, און נישט די אַראַבער ? אונז וועלן זיי דאָך שוין סיי־ווי ניט פאַרלירן,
ווייל מיר האָבן קיין ברירה ניט, — לויט די רייד פון געוויסע פּלייסיקע ראַט־
געבער, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי ניט פאַרזוכן צו דערווערבן אויף אונזער חשבון
דאָס האַרץ פון די אַראַבער ?

אָבער איך פרעג אָפּ די גאַנצע זאַך : אויב די וועלט איז געשפּאָלטן — איז
עס פאַרפאַלן ? דאַרפן מיר שוין באַקלאָגן די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניק־
טע פעלקער, הגם סיי דער ראַטנפאַרבאַנד און סיי די סלאַווישע לענדער, סיי
אַמעריקע און די לאַטיינישע לענדער, און סיי די אַנגלאָ־זאַקסן און די מזרח־
פעלקער באַטייליקן זיך נאָך אין איר און באַמיען זיך אויפצוהאַלטן זי ? וואָס איז
עס פאַר אַן איילעניש אַזאַ פון אידן צו פּסקענען וועגן דער אחדות און דעם
שלום אין דער וועלט, און צו זען אין איין טייל — אַ וועלט, וואָס איז פאַר־

פלייצט מיט ליכט און דורכגעזאַפּט מיט ליבע צו אידן, און אין דעם צווייטן טייל — אַ וועלט, וואָס איז כולו חושך און איז דורכגעפּרעסן פון שנאת ישראל?

עס עקזיסטירט אַן עמבאַרגאָ קעגן אונז. איז דען דער פאַקט פון אַן עמבאַרגאָ אין אַ באַשטימטער מדינה אַ גענוגנדער גרונט, צו באַטראַכטן די דאָזיקע מדינה אַלס אַ פאַרפאַלענעם, אייביקן פיינט? אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דאָ אַן עמבאַרגאָ אויף אַרויספירן געווער, און אין דעם ראַטנפאַר־באַנד איז דאָ אַן עמבאַרגאָ אויף דעם אַרויספאָר פון אידן. אודאי איז די עמ־באַרגאָ ניט צו אונזער גונסטן, און מיר בעטן גאָט, אַז זי זאָל בטל ווערן, אָבער געניגנט דען דאָס, כדי ניט צו זען די פינאַנציעלע הילף, וואָס מיר באַקומען פון אַמעריקע — הילף, וואָס אָן איר וואָלטן מיר זיך ניט געקענט האַלטן אין דער דאָזיקער מלחמה? און קענען מיר ניט זען די פּאָליטישע הילף, וואָס מיר באַקומען פון דעם ראַטנפאַרבאַנד? פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן פון דער האָפענונג, אַז די עמבאַרגאָ וועט נאָך אַמאָל — דאָ אָדער דאָרט — בטל ווערן? האָבן מיר דען ניט געזען נאָך גרעסערע ענדערונגען אין דער פּאָליטיק פון די דאָזיקע מדינות — סיי אין באַצוג צו אונז און סיי אין באַצוג צו אַנדערע? איז דען ניט בעסער, אַז אַנשטאָט פּרעדיקן שנאה צו איין צד אָדער צו אַן אַנדערן, זאָלן מיר מאַכן פּערמאַנענטע באַמיאונגען, צו דערוועריבן און פאַר־גרעסערן די פריינטשאַפט און הילף מצד יעדן איינעם פון זיי? — און דאָס איז מעגלעך אויסשליסלעך בתנאי, אַז מיר זאָלן זיך ניט אידענטיפיצירן מיט איי־נעם פון די צדדים, און אַז מיר זאָלן ניט פסקענען — אַלנפאַלס, פאַר דער צייט — אַז די וועלט זאָל זיך שפּאַלטן, און מיר זאָלן זיך ניט אַרומטראָגן מיט ווילדע פאַנטאַזיעס וועגן אַ וועלט, וואָס איין העלפט אירע איז אַ ליכטיקע, און די אַנ־דערע — אַ פינסטערע, איין העלפט איז זיך מוסר נפש פאַר דעם אידישן אויפקום, און די אַנדערע זוכט נאָר וועגן, ווי אַזוי צו פאַרניכטן אונז...

מיר וועלן ניט האָבן קיין שאַנסן צו געווינען אונזער פּאָליטישע קאַמפּאַ־ניע, אויב מיר וועלן ניט האָבן דעם טאַלאַנט, דעם פאַרשטאַנד און דעם ווילן, צו געפינען וועגן צום האַרץ פון די פעלקער, לכל הפחות — צום האַרץ פון די גרויסע פעלקער, וואָס צייכענען אָן די הויפּט־ליניעס פון דער וועלט־פּאָליטיק. יעדע שטערונג צו דער דאָזיקער פּאָליטישער אָנשטרענגונג, יעדער פאַרזוך אַרויסצורופן אינטריגעס צווישן אונז און אַ וויכטיקן טייל פון דער מענטשהייט, איז אַ מעסער־שטאָך אין רוקן פון אונזער פאָלק, וואָס גייט אָפּ מיט בלוט און ראַנגלט זיך פאַר זיין עקזיסטענץ און צוקונפט. דאָס איז גלייכן צו אַ שעדיקונג אין אונזער מלחמה־אָנשטרענגונג, אין דער קאַמפּס־פעאיקייט פון אונזער מיליטער, ווייל די מלחמה־אָנשטרענגונג און די פּאָליטישע אָנשטרענ־גונג זיינען געבונדן און געפלאָכטן איינע מיט דער אַנדערער.

*

אָבער אפילו די דאָזיקע טאָפּלטע אָנשטרענגונג געניגנט ניט, און אויב מיר וועלן אפילו מצליח זיין סיי אויפן מיליטערישן פראָנט און סיי אויפן פּאָליטישן — בלייבט נאָך אַלץ ניט פאַרענטפערט די עיקר־פראַגע: מיט וואָס גייען מיר צו דער צוקונפט?

מיר שטיין אויפן שוועל פון אַ גוואַלטיקן איבערברוך, וואָס אַזעלכער איז נאָך ניט געווען אין אונזער געשיכטע. עס קומט פאָר אַ פונדאַמענטאַלע רעָ־וואָלוציע אין דער אידישער געשיכטע. בדרך כלל, ווייסן מיר גוט, וואָס איז די ריכטונג פון דער רעוואָלוציע. אונזער היסטאָרישער גערעאַנגל קומט פאָר אַרום דריי זאַכן: קיבוץ גלויות, דער אויפבוי פון דעם פאַרוויסטן פאָטערלאַנד, אַר־בעטס־געזעלשאַפט. דאָס זיינען כלומרשט דריי באַזונדערע און פאַרשיידענע זאַכן, אָבער אין דער אמת'ן זיינען עס דריי אויסדרוקן פון איין אידעאַל, וואָס זיין אינהאַלט איז: גאולה שלמה. אונזער מיליטערישער און פּאָליטישער נצחון וועט דורכלייגן אַ וועג פאַר דעם דאָזיקן דרייפאַכן געבאָט — דעם ענדציל פון דער איצטיקער רעוואָלוציע.

דאָ מעג מען פרעגן: וואָס טויגן אונז איצט די דאָזיקע דיבורים און ויכוחים וועגן דעם, וואָס מיר וועלן טאָן נאָך דעם נצחון? איז דען ניט איצט אונזער פליכט, צו קאָנצענטרירן אַלע אונזערע געדאַנקען און כוחות, — אין זייער פולער, אַבסאָלוטער מאָס, — אויף איין איינציקן ציל — דעם נצחון? לאָמיר פריער מנצח זיין — וועלן מיר דאַן באַשליסן, וואָס צו טאָן.

דער ענטפער איז אַן איינפאַכער: די דאָזיקע אויפקלערונג איז נייטיק פאַרן נצחון. מיר וועלן ניט זיגן מיט אונזער פיזישן כוח אַליין. עס זיינען אומ־געהויער וויכטיק די ביקסן, האַרמאַטן, טאַנקן, אַעראָפּלאַנען, באָמבעס, די צאָל פון אונזערע רעגימענטן. אָבער מיט דאָס אַלץ שטייגן אונז די אַראַבער איבער. מיר דאַרפן האָבן אַ גייסטיקן איבערגעוויכט. אַן אַ פיזישן כוח האָט דער דאָזיקער איבערגעוויכט קיין ממשות ניט, אָבער צוזאַמען מיט פיזישן כוח דעצידירט ער, — ער וועגט דאַן מער פון אַ גרעסערן פיזישן כוח. נאָפּאָ־לעאָן פלעגט זאָגן: אין דער געשיכטע הערשן צווייערליי כוחות — דער שווערד און דער גייסט; אין דעם לעצטן סך הכול דעצידירט דער גייסט. און ער האָט געוואוסט, וואָס ער האָט געזאָגט.

ניט בטלנים און וועגעטאַריער זעען אין דעם גייסטיקן און מאָראַלישן אי־בערגעוויכט אַ קאָלאָסאַלן מיליטערישן כוח. און די געשיכטע פון אונזער מלחמה אין די פאַרגאַנגענע 8 מאָנאַטן האָט עס דערוויזן. אויף דער מערהייט פון אונזערע פראָנטן זיינען מיר געשטאַנען ווייניקע קעגן פילע, און אַ לאַנגע צייט — געווערלאָזע קעגן געווער־רייכע, און פונדעסטוועגן האָבן מיר געהאַט די אויבערהאַנט, ווייל אונזער קעמפענדער מענטש האָט גייסטיק אַריבער־געשטיגן דעם אַראַבישן זעלנער. און דער עיקר פון דעם גייסטיקן און מאָראַ־לישן איבערגעוויכט איז דאָס, וואָס דער קעמפער ווייס, פאַרוואָס ער קעמפט און עס איז כדאי צו קעמפן און אָפּגעבן דאָס לעבן דערפאַר. דאָס מעכטיקע געווער פון אידישן זעלנער, דער כוח וואָס שפּאַנט אים און גיסט אין זיינע אָדערן כוח און גבורה, איז דאָס, וואָס ער ווייס אַז ער קעמפט פאַר דער גאולה פון זיין פאָלק, זיין גאולה שלמה. און גאולה שלמה הייסט: קיבוץ גלויות, דער אויפבוי פון דעם פאַרוויסטן לאַנד, חברת עובדים. קיינער פון די דאָזיקע דריי צילן קען ניט געמאָלט זיין אָן אַ מיליטערישן נצחון. אָבער דער נצחון אַליין, סיי דער מיליטערישער און סיי דער פּאָליטישער, פאַרזיכערט ניט

זייער רעאַליזירונג, ער דערמעגלעכט נאָר זייער אָנקום. און זייער אָנקום איז פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע שוועריקייטן — און מען דאַרף וויסן, ווי זיי גובר צו זיין.

איך וועל דאָ אויסרעכענען בלויז אַ טייל פון די שוועריקייטן:

די אַראַבישע סביבה. אפילו נאָך אַ פולשטענדיקן נצחון וועלן מיר נאָך אַלץ לעבן בשכנות מיט די אַראַבישע פעלקער, דאָס הייסט — מיר וועלן לעבן אין אַן אָפּגעשטאַנענער סביבה, וואָס איז באַהערשט פון קראַנקהייטן און נויט, עם הארצות און עקספּלואַטאַציע, ביליקע אַרבעט און אַ נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרד, פעאָדאַלע באַציאונגען און שקלאַפעריי־מנהגים. אין דער דאָזיקער סביבה דאַרפן מיר שאַפן אַ פאַרצווייגטע און אַנטוויקעלטע ווירטשאַפט, באַזירט אויף פולווערטיקער אידישער אַרבעט און אויף אַ הויכן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן ניוואָ; מיר דאַרפן שאַפן אַ געזעלשאַפט אויף יסודות פון פרייהייט און קעגנזייטיקער הילף, אויף הויכע קולטורעלע ווערטן; מיר דאַרפן שאַפן אַן אָרדענונג, געבויט אויף דעמאָקראַטיע, מענטשן־רעכט, בירגערלעכער איז פּאָליטישער גלייכהייט. די געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע אין אונזער לאַנד באַווייזט, ווי שווער די דאָזיקע אויפגאַבן זענען. אמת, עס וועלן פאַרקומען ענדערונגען אויך ביי די אַראַבער, אָבער עס איז ניט אַזוי לייכט אויסצורייסן די געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע טראַדיציעס פון דורות, — ניט מיט אַמאָל און אפילו ניט אין וויניקע יאָרן וועט עס געמאַכט ווערן. אין רוסלאַנד האָט זיך מיט דרייסיק יאָר צוריק אָפּגעשפּילט די ראַדיקאַלסטע רעוואָלוציע אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס האָט געוואַגט און געקלעטערט הויך, ווי קיין שום רעוואָלוציע פאַר איר, און דאָך זיינען נאָך די לעבנס־באַדינגונגען פון די רוסישע מאַסן און אַרבעטער ווייט פון דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון דעם אַרבעטער אין אַמעריקע, און ווער ווייס, ווי לאַנג — וויפל יאָרן און דורות עס וועט נאָך דויערן ביז די רוסישע רעוואָלוציע וועט דערגרייכן איר געגאַרטן ציל.

אַ צווייטע שוועריקייט — די מעכטיקע פּראָדוקטיוויטעט פון אַנטוויקלטע לענדער. פונקט אַזוי ווי די סאָציאַל־עקאָנאָמישע הינטערשטעליקייט אין דער אַראַבישער סביבה וועט פאַלן צו לאַסט אויף אונזער פאַרטגעשריטענער געזעלשאַפט — פונקט אַזוי וועלן מיר זיך אָנשטויסן אויף אַ פאַרקערטער שוועריקייט מצד די רייכע און אַנטוויקלטע לענדער, ווי אַמעריקע, וואָס זייער פּראָדוקטיוויטעט האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון מענטשלעכע מעגלעכקייטן, און מיר וועלן זיך נאָך לאַנג מאַטערן מיט די שוועריקייטן פון קאָנקורענץ קעגן דער מעכטיקער פּראָדוקציע פון די דאָזיקע אַנטוויקלטע לענדער. די לעצטע וועלט־מלחמה האָט אויפגעהויבן די פּראָדוקטיוויטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן צו אַ לעגענדאַרער הויך; אַדאַנק דער פאַרפולקאָמטע־טעכניק, וואָס האַלט זיך נאָך אין איין פאַרפולקאָמען, האָט די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט אין אַמעריקע צו זיך בכלל ניט קיין גלייכן. און מיר, וואָס צוליב דער מאַסן־עליה, וועלן מיר דאַרפן בויען און אַנטוויקלען אַ פאַרצווייגטע אינ־

דוסטריע, וועלן שטיין פאַר דער פראַגע: ווי אַזוי וועלן מיר קענען קאָנקורירן מיטן דאָזיקן קאָלאָסאַלן כוח?

און נאָך אַ שוועריקייט: ווי אַזוי וועלן מיר שלום מאַכן צווישן די אינ־טערעסן פון זיכערקייט, וואָס אפילו נאָכן זיג וועלן זיי איינשליינגען ניט קיין קליינעם טייל פון דער נאַציאָנאַלער ענערגיע און פון דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, און צווישן די אינטערעסן פון עליה און קאָלאָניזאַציע, וואָס וועלן אויף אונז אַרויפלייגן אַ לאַסט, וואָס אַזאַ האָט נאָך קיין שום אַנדער מדינה אין דער וועלט ניט געטראָגן אויף זיך?

עס איז דאָ נאָך אַ שוועריקייט, וואָס איך האָב מורא אַרויפצוברענגען אויף מיינע ליפּן: צי וועלן מיר האָבן גענוג אידן פאַר מדינת־ישראל? מיט צען יאָר צוריק וואָלט אַזאַ מין פראַגע ניט אַרויפגעשוואומען, אָבער נאָך חורבן־היטלער עגבערט זי דעם מוח. פון דעם אייראָפּעאישן אידנטום איז פאַרבליבן אַ קליין רעשטל, און אויף אַ גרויסן טייל פונעם דאָזיקן רעשטל ליגט אַן עמבאַרגאָ. עס האָבן זיך געעפנט די טויערן פון ארץ ישראל — עס זיי־נען אָבער פאַרשלאָסן די אַרויסגאַנג־טויערן אין יענע לענדער פון אייראָפּע, אין וועלכע עס זענען נאָך פאַרבליבן אידישע מאַסן. וועלן זיך אין קורצן עפענען אויך די דאָזיקע טויערן?

און עס זיינען דאָ שוועריקייטן, וואָס ליגן אין דער נאַטור פון אונזער לאַנד. דריי פערטל פון דער מדינה — לויט די גרעניצן פון דער יו־ען — זענען וויס־טער מדבר, אָן רעגן, אָן וואַסער. די וואַסער־קוואַלן זענען איבערהויפּט אין צפון, אָבער די ברייטע, פרייע ערד־שטחים געפינען זיך אין דרום — אין נגב. איך האָב ניט בדעה אויסצורעכענען דאָ אַלע שוועריקייטן, וואָס שטייען אונז פאַר. איך האָב נאָר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז דער נצחון, — ווען אפילו דער פולסטער, סיי מיליטערישער און סיי פּאָליטישער, — וועט נאָך ניט פאַרענטפערן אַלע אונזערע פּראָבלעמען. אויב מיר וועלן זיך אפילו דורכ־ברעכן אַ וועג אין דער פריי, וועט אונזער וועג זיין פול מיט שטערונגען, שווע־ריקייטן און שטרויכלונגען. ווי אַזוי וועלן מיר דאָס גובר זיין? עס שיינט מיר, אַז מיט אַט דיביידע כוחות: מיט וויסנשאַפט און מיט חלוציזם; מיט אַנדע־רע ווערטער: מיט אינטעלעקטועלער איבערגעוויכט און אָנשטרענגונג און מיט אַ גרויסן מאָראַלישן פאַרמעסט.

✽

וויסנשאַפט — איז דער טייטש: די הערשאַפט פון דעם מענטש איבער די נאַטור־דערשיינונגען, נאַטור־כוחות, נאַטור־סודות. דאָס איז די אינטעלעק־טועלע און געדאַנקלעכע פעאיקייט פון דעם מענטש צו אַנטפּלעקן די סודות פון דער נאַטור און שטעלן אירע אַנטדעקטע כוחות אין זיין אייגענעם רשות. מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פון וויסנשאַפטלעכע רעוואָלוציעס — אין דער עפּאָכע פון אַנטפּלעקן דעם אַטאָם — זיין אויסטערלישן צוזאַמענשטעל און זיין מעכ־טיקע פּאָטענץ, וואָס ליגט באַהאַלטן אין זיין שפּאַלטונג און אין זיין אויס־שטראַלונג. קאָלאָסאַלע, כמעט אומבאַגרענעצטע ענערגיע־קוואַלן זענען גע־

שטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דעם מענטש. מיר לעבן אין אַ צייט פון וואונדערבאַרער קפיצת־הדרך — ניט נאָר אין לאַנג־דיסטאַנץ־שמועסן, נאָר אין איינשלינגען וויטקייטן. כעמישע און באַקטעריאָלאָגישע אַנטדעק־קונגען קערן איבער די פונדאַמענטן פון דער לאַנדווירטשאַפט, און די קאָלאָ־סאַלע פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן פון דער פאַרפּולקאָמטער טעכניק עפענען אומגעהויערע פּערספּעקטיוון פאַר דער אינדוסטריע. מיר ווירקן און לעבן אין דריי דימענסיעס: אויף דער יבשה, אין דער לופט, אונטערן וואַסער. זוכנדיק שוץ־פלעצער קעגן דער אַטאָם־באָמבע, הויבט מען זיך אָן צו באַזעצן אין דעם בויך פון דער ערד, און דער מענטשלעכער גייסט ווייסט ניט מער פון צייט־און ־רוים־מכשולים.

מיר זיינען אַנטקעגן אַנדערע פעלקער היגטערשטעליק מיט אונזער צאָל, אונזער צושפּרייטקייט, מיט מלוכה־אייגנשאַפטן, אָבער קיין שום פאָלק אין דער וועלט שטייגט אונז ניט איבער מיט זיינע אינטעלעקטועלע באַגאַבונגען. און מיר זיינען ניט הינטערשטעליק אויפן געביט פון ווינסשאַפט און פאָר־שונג. ביז איצט האָבן מיר צושפּרייט אונזערע גייסטיקע אוצרות אין דער פרעמד; מיר האָבן געהאָלפן אַנדערע פעלקער אין די גרויסע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון דעם 19־טן און פון דעם 20־טן יאָרהונדערט אין פיזיק, כעמיע, מאַטעמאַטיק, ביאָלאָגיע און טעכנאָלאָגיע. עס איז ניטאָ קיין שום גרונט צו האַלטן, אַז דער אידישער וויסנשאַפטלעכער געניוס וועט וואַקסן און בליען אין זיין פאָטערלאַנד ווייניקער, ווי ערגעץ אַנדערשוואו. פאַרקערט, די נייע פרייהייט, וואָס עס וועט פילן דער אידישער מענטש אין זיין מדינה: די נשמה־גאַנצקייט, וואָס וועט אים וואַרעמען אין דער געזעלשאַפט פון זיינע פאָלקס־ברידער; דער כוח, וואָס ער וועט זויגן פון דער אייגענער מוטער־ערד, און די טרייע אונטערשטיצונג, וואָס ער וועט באַקומען פון דער סביבה, וועלכע וועט מיט אים שטאָלצירן — דאָס אַלץ וועט באַפליגלען די וויסנשאַפט פון ישראל און וועט זי אויפהויבן אַלץ העכער און העכער. די מדינת־ישראל וועט ניט דערפילן איר מיסיע, — דאָס עפענען די שאַפונגס־קוואַלן פון לאַנד און די אַבסאָרבירונג פון דער מאַסן־עליה, — אויב זי וועט ניט לאָזן די וויסנשאַפט דאָמינירן איבער אַלע לעבנס־צווייגן; אויב די העכסטע וויסנ־שאַפטלעכע דערגרייכונגען און די סאַמע אַנטוויקלסטע טעכניק וועלן ניט געלייגט ווערן אין יסוד פון דער לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, מלאכה, נאַווי־גאַציע, פליערייַ און הייזער־בוי; אויב עס וועט ניט געגעבן ווערן די מאַקסי־מאַלע אונטערשטיצונג פאַר די וויסנשאַפטלער־טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער, — צו פאַרברייטערן זייערע דערגרייכונגען, ווייל נאָר מיט זייער הילף וועלן מיר קענען אויפהויבן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט; אויסבעסערן און פאַרפיינערן די קוואַליטעט פון אונזער פּראָדוקציע; פאַר־שטאַרקן די פּראָדוקציע; אין אַ פולער מאָס עקספּלואַטירן די נאַטור־אוצרות פון דער ערד, פון די וואַסערן, פון די ימים, פון דער לופט, פון דער שפע פון זונען־שטראַלן; אויסנוצן די קראַפט־שטראָמען פון די ווינטן אין לאַנד, פון די ים־כוואַליעס, פון אַנדערע קוואַלן, וואָס זיינען נאָך פאַרשלאָסן און

וועלן אַנטפּלעקן זייערע סודות צו די נאַטור־פאָרשער. די אָרעמקייט פון אונזער לאַנד, זיין פאַרלאָזנקייט, וויסטעניש, באַציאונגען מיט דער נאָענטער און ווייטער סביבה — דאָס אַלץ וועלן מיר קענען איבערווינדן אויסשליסלעך מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט — אויב מיר וועלן ווידמען אונזערע בעסטע אינטעלעקטועלע כוחות פאַר אירע דעראָבערונגען און דערפינדונגען. אויב מיר וועלן קלעטערן צו אירע העכסטע שפּיצן און מיר וועלן לייגן איר סטעמפּל אויף אַלע אַרבעטן, וואָס מיר וועלן טאָן אין דאָרף און אין שטאָט, אויפן ים, אויף דער יבשה און אין דער לופט.

*

אָבער וויסנשאַפט אַליין גענוגט ניט, — אונזער שליחות וועט ניט אויסגעפירט ווערן אָן חלוציזם. וויסנשאַפט איז — די הערשאַפט פון דעם מענטש איבער דער נאַטור; חלוציזם — די הערשאַפט פון דעם מענטש איבער זיך אַליין. די וויסנשאַפט אַנטפּלעקט די באַהעלטענישן פון די נאַטור־כוחות און באַנוצט זיך מיט זיי פאַר די אינטערעסן פון דער מענטש־הייט — די גוטע און שלעכטע — אָן אונטערשייד! דער חלוציזם אַנטפּלעקט די אוצרות פון מענטשלעכע כוחות, — אוצרות פון גייסט, ווילן און געדאַנק, — באַפרוכפּערט און אַקטיוויזירט זיי פאַר אויסדערוויילטע צוועקן, מאַכנדיק אַ היסטאָרישן און מאָראַלישן אויסוואַל. די וויסנשאַפט איז אַן אינסטרומענט, אַ קאַלאָסאַלער, אַ מעכטיקער, אַ וואונדער־באַוויזנדער, אָבער אַ בלינדער, אַ פאַלגעוודיקער ,כחומר ביד היוצר. דער חלוציזם דיריגירט די מענטשלעכע כוחות, קלייבט פאַנאַנדער, אורטיילט, דעקט־אויף גייסטיקע כוחות פאַר די העכסטע צוועקן. דער חלוציזם פאַראייניקט אינטעלעקטועלן איבערגעוויכט מיט דעם מאָראַלישן איבערגעוויכט און דערהויבט דעם מענטש. דער חלוציזם מאַכט ניט שלום מיט דער ווירקלעכקייט, גיט זיך איר ניט אונטער, בויגט ניט פאַר איר דעם קאָפּ, איז זיך ניט מתיאש, — ער קריטיקירט, רעוואָלטירט, וואַגט, ברעכט דורך נייע וועגן, — דאָס אַלץ, האָבנדיק פאַר די אויגן ווייטע פּערספּעקטיוון און שטרעבונגען צו גאַנצקייט. דער חלוציזם ענדערט די ווירקלעכקייט ניט נאָר פאַר מאָמענטאַנע אינטערעסן, נאָר פאַר די אינטערעסן פון דורות; ניט פאַר דעם וואוילטאָג פון דעם יחיד, נאָר פאַרן פרידן פון דעם כלל; ניט פאַר דער דערהויבונג פון דעם פרט אויפן חשבון פון דעם כלל, נאָר פאַר דער דערהויבונג פון די מאַסן און פון דעם יחיד אינערהאַלב די מאַסן. דער חלוציזם פאַרוואַנדלט דעם וויסנשאַפטס־מאַן אין אַ מענטש פון גייסט און מאַכט יעדן איינעם פאַר אַן אויסדערוויילטן מענטש.

דער חלוציזם אנערקענט ניט די אָנגענומענע איינטיילונג אויף מענטשן אין באַזונדערע, טאַלענטירטע, דענקער, דערפינדער און פירער — פון איין זייט, און אַ גרויסע מאַסע, מענטשן־שטויב — פון דער אַנדערער זייט. אין דעם מענטש, ווי אין דער נאַטור, ליגן באַהאַלטן כוחות און אייגנשאַפטן, וואָס נאָר אַ ברוכטייל פון זיי האָט זיך ביז איצט אַנטפּלעקט. אין דער

מענטשלעכער נשמה, אין דער נשמה פון יעדן מענטש, זיינען דאָ רייכע גרובן און אומענדלעכע אָפּגרונטן פון אינסטינקטן און פאַרלאַנגען, טאַלאַנטן און קראַפט־אוצרות, וואָס לאָזן זיך אַנטפּלעקן, אויפדעקן, אַקטיוויזירן און באַפרוכפּערן. דער סוד פון חלוציזם ליגט אין דער באַפרוכפּערונג פון די אינערלעכע מענטשלעכע כוחות און זייער לייטונג אין דער ריכטונג פון דעם העכסטן צוועק. דער חלוציזם אַנערקענט אויך ניט די טויבע וואַנט, וואָס שיידט כלומרשט אָפּ די גוטע אינסטינקטן פון די שלעכטע. דער חלוצישער מענטש, וואָס לענקט זיינע גייסטיקע כוחות אין דער ריכטונג פון דעם העכסטן צוועק, וואָס אים באַדינט ער און דורך אים ווערט ער דערהויבן, איז מסוגל צו אַקטיוויזירן אויך זיינע „שלעכטע" אינסטינקטן פאַר דעם זעלבן צוועק. מיר האָבן אַ בולטן ביישפּיל פון דעם מיליטערישן לעבן. יעדער מענטש האָט מורא פאַרן טויט, — אָבער אַ נאַר, אַן אידיאָט, וואָס פאַרשטייט ניט, אַז זיין רעטונג הענגט אָפּ פון זיין פעסטן האַלטן זיך צוזאַמען מיט זיינע חברים, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות מנצח צו זיין דעם פיינט, — אַנטלויפט פון פראָנט, ווערט געשטרויכלט און שלעפּט מיט זיינע חברים. דער נאַרישער פּחד מאַכט אים פאַר אַ פּחדן, אַ שוואַכלינג, וואָס פאַלט מערסטנטיילס אַ קרבן פון זיין פּחדנות און ווערט געכאַפּט אין דער פּאַסטקע, פון וועלכער ער איז כלומרשט אַנטלאָפן. אָבער דער פאַרשטענדיקער זעלנער, הגם אויך ער האָט מורא פאַרן טויט, לאָזט זיך צוזאַמען מיט זיינע חברים שטורעמען דעם פיינד און באַזיגן אים, — און אין די מיינסטע פאַלן ראַטעוועט ער זיך פון טויט. זיין פאַרשטאַנד פאַרוואַנדלט זיין פּחד אין מוט און ראַטעוועט אים צוזאַמען מיט זיינע חברים. דער אונטערשייד צווישן דעם מוטיקן און דעם שרעקעוודיקן איז אייגנטלעך דער אונטערשייד צווישן דעם, וואָס גלויבט אין די אייגענע כוחות און אין די כוחות פון זיינע חברים, און צווישן דעם, וואָס גלויבט ניט. איינער באַהערשט דעם עלעמענט פון פּחד, דער אַנדערער — גיט זיך אים אונטער; איינער זוכט אַ שווערן וועג, וואָס איז בעצם אַ גרינגער וועג, און דער אַנדערער — לויפט אין אַ לייכטן וועג, וואָס איז בעצם אַ געפערלעכער. דער חלוציזם ווילט פאַר זיך אויס די ליניע פון דעם שווערסטן ווידערשטאַנד — אום צו דערגרייכן דעם גרעסטן נצחון.

די גבורה געהערט ניט דווקא צו די יחידים — זי איז אַ געשאַנק פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל זיך באַנוצן מיט איר. אין ביידע וועלט־מלחמות האָבן מיר געזען העלדישקייטן פון מאַסן, פון מיליאָנען; ווען ניט דאָס, וואָס עס איז געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן די באַדערפעניש אין מאַסן־גבורה, וואָלטן די דע־פאַקטאָ־העלדן אַליין ניט געוואוסט, אַז עס שטעקט אין זיי אַ גייסט פון העלדישקייט. עס איז ניטאָ אַזאַ הויכקייט, וואָס אַ מענטש זאָל זי ניט קענען דערגרייכן; עס איז ניטאָ קיין שטרויכלונג, וואָס אַ מענטש זאָל זי ניט קענען איבערקומען, — אָט דאָס איז דער פּשוטער, אויסגעפּראוווטער גלויבן פון דעם חלוציזם. און דער אָנהויב פון חלוציזם איז — ניט אונטערגעבן זיך דער ווירקלעכקייט. איבערפורעמען

דאָס לעבן ביים ליכט פון אַ היסטאָרישן אידעאַל — דאָס איז דער געבאָט פון דעם חלוץ.

*

דער חלוציזם איז אַ פּראָדוקט פון דער מענטשלעכער פרייהייט. אַ מענטש וואָס איז ניט פריי, איז ניט אימשטאַנד צו באַהערשן זיך אַליין און צו אַקטיוויזירן זיינע באַהאַלטענע כוחות. די אויפדעקונג פון די חלוצישע אייגנשאַפטן הענגט אָפּ פון זעלבסטבאַהערשונג, אַזאַ, וואָס קען אונטער־דריקן אינסטינקטן און פאַרשטאַרקן אינסטינקטן, וואָס קען פון די טיפעניש פון דער נשמה שעפּן שעפערישע כוחות און העלדישקייט, — און עס איז ניט דענקבאַר זעלבסטבאַהערשונג אָן פרייהייט. אַ מענטש אַ „ראָבאָט" איז ניט צוגעפּאַסט פאַר אַ חלוציש לעבן און פאַר אַ חלוצישער אָנשטרענגונג. אַ „ראָבאָט" לעבט לויט באַפעלן, וואָס ווערן געגעבן פון דרויסן. ער ווייסט נאָר, ווי אַזוי צו פאָלגן און אונטערצוגעבן זיך, — זיין האַרץ, זיינע אינס־טינקטן, זיינע געדאַנקען זיינען ניט אין זיין מאַכט. ראָבאָטן קענען אויפטאָן גרויסע זאַכן — גלייך אַזוי, ווי אַ נשמה׳לאָזע מאַשין, אין די הענט פון אַ טאַלאַנטפולן אינזשינער, קען באַווייזן וואונדער. זיי זיינען אָבער ניט מער, ווי אַ חומר ביד היוצר — זיי אַליין שאַפן ניט. דער חלוץ שאַפט און פורעמט אויס זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיינע חברים. איז די מענטשלעכע פרייהייט — דער ערשטער תנאי פאַר חלוציזם.

דער צווייטער תנאי איז — מענטשלעכע גלייכהייט. דאָרט, וואו עס עקזיס־טירט דיסקרימינאַציע צווישן מענטשן; דאָרט, וואו די שאַפונגס־מעגלעכקייטן זיינען אַ מאָנאָפּאָל אין די הענט פון געציילטע — דאָרט ווערן פאַרשטיקט אין דעגענערירט די שאַפונגס־כוחות, — און די אינערלעכע מענטשלעכע אוצרות, פון וועלכער דער חלוציזם ציט זיין יניקה, טריקענען אויס און פאַרשוואונדן. נאָר אין אַ געזעלשאַפט פון גלייכע, פלייצן אַרויס די באַהאַלטענע קוואַלן פון דעם מענטש־חלוץ און עס אַנטפלעקן זיך זיינע מעגלעכקייטן.

און דער דריטער תנאי — פיליכט דער וויכטיקסטער — איז: מענטש־לעכע געמיינשאַפטלעכקייט, דאָס הייסט — דער גלויבן אין דעם כלל, די צוגעהעריקייט צו דעם כלל און די שטרעבונג צו חלוצישער אחדות.

חלוציזם איז — דינסט פאַרן כלל. דערמיט פאַנגט זיך אָן און דערמיט ענדיקט זיך דער חלוציזם. מערערע טראַגן מיט אומרעכט די פאָן פון דינסט פאַרן כלל. אויך די, וואָס באַרויבן דעם כלל; די, וואָס מאַכן־אָן אינטריגעס צווישן פעלקער; די, וואָס פאַרכאַפּן די מאַכט איבער דער געזעלשאַפט — פאַררופן זיך אויף דינסט פאַרן כלל. שטענדיק וועלן זיי באַגיין דאָס באַ׳עוולה׳־נען און דאָס אונטערדריקן אין נאָמען פון דער זאָרג פאַר די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט. די פּראָבע פאַרן געזעלשאַפטלעכן דינסט — צי מיינט ער די טובה פון דעם כלל און העלפט טאַקע דעם כלל, אָדער ער איז ניט מער, ווי אַ מאַסקע פאַר עגאָאיסטישע, אַנטי־געזעלשאַפטלעכע אינסטינקטן פון יחידים, וואָס גאַרן נאָך מאַכט און כבוד — די דאָזיקע פּראָבע איז אַ פּשוטע:

צי קען די דינסט פון מענטש געהערן צום גאַנצן כלל, דאָס הייסט — צו יעדן איינעם. נאָר דאָס, וואָס עס לוינט זיך און איז ווערט, אַז עס זאָל געטאָן ווערן דורך יעדן איינעם באַזונדער און דורך דעם גאַנצן כלל אינאיינעם — מעג טראָגן דעם נאָמען פון אַ חלוצישער טאַט.

עס גענוגט אַפילו ניט די סוביעקטיווע כוונה פון דעם, וואָס פאַרמעסט זיך צו טאָן לטובת הכלל. די זיכערסטע באַשטעטיקונג צו דער כוונה קענען געבן בלויז מעשים, וואָס קענען דינען אַלס מוסטער פאַרן כלל; אַזעלכע מעשים דאַרפן געהערן צום גאַנצן כלל. ניט נאָר די דינסט פאַרן כלל, נאָר די דינסט דורכן כלל — דאָס איז די העכסטע פּראָבע פון חלוציזם. דער אמת׳ער כלל־דינסט איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט גלויבן און כלל און מיט צוגע־העריקייט צו אים, און אַזאַ גלויבן פאַרפליכטעט צו חלוצישער אחדות. חלוציזם, וואָס גלויבט ניט אין כלל, פאַרלאָזט זיך ניט אויפן כלל, ציט ניט די יניקה פון דעם כלל און איז ניט באַשטימט פאַרן כלל, איז אַ תרתי דסתרי. חלוציזם, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מאַנאָפּאָל פון אויסדערוויילטע, איז ניט מער, ווי באַרימעריי און דעמאַגאָגיע, וואָס פאַרפרעמדט זיך צו דעם עצם מהות און צום שורש פון חלוציזם.

די מאַקסימאַלע אויפדעקונג פון דער באַהאַלטענער פּאָטענץ פון דעם מענטשן, פון זיינע גייסטיקע, מאָראַלישע, פּסיכישע מעגלעכקייטן און פון זיין ווילנס־קראַפט און די אַקטיוויזירונג פון דאָס אַלץ כדי אויסצופירן די העכסטע אויפגאַבע — די העכסטע צונויפמישונג פון דעם אינטעלעקטועלן „פינטעלע־מענטש" מיט דעם מאָראַלישן „פינטעלע־מענטש" — כדי אויפ־צוהויבן דאָס לעבן פון דעם מענטש און פון דער געזעלשאַפט — אָט דאָס איז עס דאָס, וואָס מיר רופן חלוציזם; אָט דאָס איז אונז בייגעשטאַנען אין דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס מיר האָבן ביז איצט דערוועקט אין פאָלק און אין לאַנד, און דאָס וועט אונז ביישטיין — נאָר דאָס וועט אונז ביישטיין — אין דער נאָך גרעסערער רעוואָלוציע, וואָס שטייט אונז פאָר מאָרגן און איבערמאָרגן. דער דאָזיקער חלוציזם הענגט אָפּ פון פרייהייט, גלייכהייט, גלויבן אין כלל און צוגעהעריקייט צום כלל; און אויב מיר מוזן זיך אַנטקעגן דעם מאָרגנדיקן טאָג באַוואָפענען מיט אונזער גאַנצער חלוצישער קראַפט, כדי מיר זאָלן קענען איבערקומען די שוועריקייטן, וואָס וועלן שטיין אויף אונזער וועג, ווען מיר וועלן אַרויסגיין צו די פרייע גרויסע ברייטקייטן — טאָ לאָמיר פאַרשטאַרקן צווישן זיך די מענטשן־פרייהייט, די מענטשן־גלייכ־הייט און די געהעריקייט פון דעם יחיד צום כלל. נאָר אין דער קאָמבינירונג פון די דאָזיקע דריי תנאים, וואָס דערפילן און דערגאַנצן איינער דעם אַנדערן — וועט זיך דורכרייסן מיט זיין גאַנצער קראַפט דער חלוצישער קוואַל מיט אַ פלייצנדיקן אימפּעט וואָס וועט דורכברעכן אַלע צוימען.

דער חלוצישער באַוועגונג אין ישראל איז געשען אַן אומגליק: צוערשט האָט זי זיך געשפּאָלטן אַדאַנק „השומר הצעיר"; דערנאָך — אַדאַנק „הפועל המזרחי", און ענדלעך — אַדאַנק דער סיעה ב׳ פון „קיבוץ המאוחד". אויף אַ צוזאַמענטרעף פון קיבוץ־חברים דאַרף מען זיך ניט אָפּשטעלן אויף דער

פראַקטישער באַדייטונג פון דעם דאַזיקן אומגליק און אַרומרעדן די ביטערקייט און נשמה־חורבן וואָס עס ברענגט מיט זיך. און דאָך זאָל ביי זיך ניט אַראָפּ־פאַלן דער גייסט פון חלוציזם, — ניט דער חלוציזם איז נכשל געוואָרן מיט שפּאַלטונג, נאָר די חלוצים־לאָזיקייט, דער פעלערהאַפטער חלוציזם איז נכשל געוואָרן. אין חלוציזם זיינען אויך פאַראַן שטופן — און נאָר האַלבע חלוצים צי דריטל־חלוצים אָדער פערטל־חלוצים קענען זיך אָפּזונדערן, אָפּשיידן און שפּאַלטן. עס וועט זיך צוליב דעם ניט אויסוועפּן אונזער גלויבן אין די חלוצישע מעגלעכקייטן פון דעם מענטש אין ישראל און פון דעם אידישע אַרבעטער. טאָ לאָמיר ניט צונויפוויקלען אונזער פאָן — די פאָן פון חלוצישער אחדות. כל זמן עס טליען נאָך חלוצישע פונקען אין אונזער גע־מיינשאַפט — איז דאָ אַ האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך צונויפנעמען אינאיינעם, און וואָס מער מיר וועלן פאַנאַנדערבלאָזן דעם חלוצישן ווילן און לאָזן אים אַריינדרינגען אין די ברייטע שיכטן פון אונזער געזעלשאַפט — אַלץ גיכער וועט קומען דער צוזאַמענשלוס פון כוחות.

דעם לעצטן האַלבן יאָר האָבן מיר געזען געשעענישן און ענדערונגען, וואָס האָבן באַצויבערט דאָס פאָלק. מיר האָבן געגלויבט אין די ענדערונגען און מיר האָבן פאָראויסגעזאָגט די געשעענישן — הגם פיל האָבן געלייקנט אין אונזער אמונה און האָבן זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז די געשעענישן קענען ניט פאָרקומען. אונזער גלויבן, אונזער ווילן און אונזערע פאָראויס־זאָגונגען האָבן ניט אַנטוישט. דערווייל שטייען מיר נאָך אין דעם פּאָדערצימער פון דער נייער געשיכטע — דער אויפנאַם־זאַל איז נאָך אָבער פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. איינער פון די שליסלען צו אים איז — אונזער כוח און חלוצישער ווילן. — טאָ לאָמיר פאַרפילפאַכן אונזער כוח; לאָמיר צונויפ־נעמען די פונקען, וואָס זיינען צושפּרייט אומעטום אין אונזער געזעלשאַפט; לאָמיר הויך האַלטן אונזער פילפאַרביקע פאָן, — די פאָן פון חלוציזם, וואָס איז דורכגעוועבט מיט פרייהייט, גלייכהייט און אחדות — אַחדות פון פאָלק און אַחדות פון אַרבעט; לאָמיר טראָגן אין אונזער האַרץ דעם גלויבן אין דעם מענטש — אין דעם יחיד און אין דעם כלל. לאָמיר זיך קלאַמערן אין דער וויזיע פון גאולה שלמה, — מיר וועלן מאָביליזירן פאַר איר די פאָרשונג פון אמת און די טרייהייט פון רעאַליזאַציע, מיר וועלן אויפשטעלן די שעפערישע שותפות פון די מענטשן פון טאַט, און מיר וועלן אויפשטעלן די שאַפונגס־קאָאָפּעראַציע צווישן די וויסנשאַפטלער און פאַרווירקלעכער, — און מיט דער הילף פון דיביידע וועלן מיר גובר זיין אַלע שוועריקייטן.

# װעגן דאָס ספּעציפֿישע אין פּלמ״ח

(אויף אַ צוזאַמענטרעף פֿון די פּלמ״ח־קאָמאַנדירן אין נען)

איך האָב מיט אומגעדולד געװאַרט אויפֿן דאָזיקן צוזאַמענטרעף, װײַל איך האָב געפֿילט אַ נויטװענדיקייט אויפֿצוקלערן צוזאַמען מיט אײַך אַ פֿראַגע, װאָס איז נוגע אײַך — און אין דער זעלבער מאָס איז זי נוגע דער אידישער אַרמײ און דער גאַנצער אידישער מדינה.

איך װייס, אַז עס זײַנען צו אײַך דערגאַנגען קלאַנגען װעגן מײַן שטעלונג. איך בין אָבער ניט זיכער, אַז די זאַך איז אײַך איבערגעגעבן געװאָרן אױ־טענטיש, — האָב איך געפֿונען פֿאַר נויטיק צו לאָזן אײַך הערן מײַנע װערטער דירעקט פֿון מיר, און ניט נאָר לאָזן מיך הערן, נאָר אויך — אַליין צו הערן.

די פֿראַגע, װאָס איך װיל זי אויפֿקלערן, איז: װאָס איז דאָס ספּעציפֿישע אין פּלמ״ח און צוליב װאָס? צי איז דאָ אין דער דאָזיקער ספּעציפֿישקייט אַ מיליטערישער אינטערעס אָדער אַ מדינה־אינטערעס?

פּלמ״ח האָט געבילדעט אַ באַזונדערע אײנהײט אין דער הגנה: מיט זײַן אָרגאַניזאַציע, אויסשולונג, אינערלעכער אָרדענונג. עקזיסטירט נאָך די דאָזיקע ספּעציפֿישקייט אויך איצט — אין צבא־הגנה־לישראל? דאַרף מען זי נאָך האָבן? ברענגט זי נוצן? עס איז ניט נאָר די פֿראַגע פֿון דעם לאַנד־שטאַב פֿון פּלמ״ח. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגע קען מען לײַכט פֿאַרענטפֿערן מיט דעם אָדער מיט יענעם באַפֿעל. אָבער הינטער דער דאָזיקער באַזונדערער רעגולירונג פֿון דער פֿראַגע דאַרף דאָך זיכער זײַן אַ באַזונדערע טענדענץ, אַ באַשטימטע ריכטונג. װאָס איז די טענדענץ? — און איז זי געװאונטשן פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער אַרמײ און פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער מדינה?

די ספּעציפֿישקייט פֿון פּלמ״ח איז אַ מיליטערישע פֿראַגע — די מיליטערישע װירקזאַמקייט, — זי איז אָבער מער װי בלויז אַ מיליטערישע פֿראַגע: דאָס איז אַ מלוכה־פּראָבלעם. האַרמאָנירט איצט די זאַך מיט דער עקזיסטענץ פֿון דער מדינה?

איך האָב זיך אָנגעשטויסן אָן דער דאָזיקער פֿראַגע אין אָנהויב פֿון דער מאָביליזאַציע און די הכנות צום קריג. איר װייסט, אַז איך בין ניט קיין מיליטערישער ספּעציאַליסט און אַז מלחמה איז ניט מײַן פֿאַך. אָבער פֿאַר צװיי יאָרן, אויפֿן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָב איך אויף זיך גענומען דעם זיכערקייטס־פֿאָרטפֿעל אין דער אידישער אַגענץ, װײַל נאָך פֿאַרן קאָנגרעס האָט מיר געשײַנט, אַז מיר זײַנען עלול אײַנגיכן, — איך האָב ניט געװאוסט און ניט געקענט װיסן, װען גענוי װעט דער דאָזיקער „אײַנגיכן״

אָנקומען, — צו־שטיין פּאַר אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס מיט דער אַראַבישער וועלט, און ניט נאָר מיט די אַראַבער פון ארץ ישראל אַליין. מיר זיינען, ווי באַקאַנט, שטענדיק געווען אויסגעשטעלט אויף אָנפאַלן מצד די אַראַבער פון ארץ ישראל, און מיר זיינען געווען מער־ווייניקער גרייט דערצו. אָבער אַריינטראַכטנדיק זיך אין דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער אַראַבישער וועלט נאָכן ווייס־בוך, און אַנאַליזירנדיק די בריטישע נאָך־מלחמה־פּאָליטיק, אונטער דער לייטונג פון בעווין, איז מיר געווען קלאָר, אַז עס שטייט אונז פּאַר אַ צוזאַמענשטויס מיט דער אַראַבישער וועלט, דאָס הייסט — מיט די אַרמייען פון די אַראַבישע מדינות, און אַז דאָס וועט זיין די דעצידירנדיקע געשעעניש אין דעם לעבן פון דעם לאַנד און אין אונזער לעבן.

נאַטירלעכערווייז האָט זיך ביי מיר אין האַרצן דערוועקט אַ טיפע זאָרג, צי וועלן מיר אויסהאַלטן. אַנטקעגן די אַראַבער פון ארץ ישראל האָבן מיר אויסגעהאַלטן, אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז מיר וועלן אויך קענען ביישטיין די כוחות פון די אַראַבישע מדינות, וואָס וועלן אָן קיין שום ספק געניסן פון פּאָליטישער הילף — און פילייכט אויך מאַטעריעלער, צי זאָגאַר מיליטערישער אונטערשטיצונג — מצד ענגלאַנד און אַנדערע. עס האָט מיר געשיינט, אַז דאָס איז דער סאַמע האַרבסטער פאַל, פאַר וועלכן מיר זיינען געשטעלט געוואָרן פון זינט מיר האָבן געוואָגט אָנצוהייבן בויען פונדאַסניי אונזער לאַנד. איך האָב געהאַט שמועסן מיט חברים, וואָס זיינען געווען טעטיק אין דער הגנה. איך האָב זיי געשטעלט אַן איינפאַכע פראַגע: וועלן מיר קענען זיך געגענשטעלן אַן אינוואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען? איך האָב געפרעגט אויך חברים, וואָס געפינען זיך דאָ. די ענטפערס האָבן מיך ניט באַפרידיקט, אַפילו ניט די פּאָזיטיווע ענטפערס. איך האָב געזען, אַז די מענטשן באַגרייפן ניט די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע, אַז זיי זעען ניט דעם גאַנצן אומפאַנג פון פאַרבאַרייטונגען, מיטלען און מאָביליזירונגען, וואָס וועלן זיך פון אונז פאָדערן, אום מיר זאָלן זיך קענען האַלטן. טיילווייז — ווייל זיי האָבן ניט באַגריפן די נויטווענדיקע אויספירן, צו וועלכע די סכנה פאַרפליכטעט. זיי האָבן ניט עמפינדן, אַז מיט די סיסטעמען, מיט דער אָרדענונג, מיטלען און ראַם פון דער הגנה וועלן מיר זיך ניט קענען האַלטן.

אין דער ברייטער געזעלשאַפטלעכקייט האָט מען זיך בכלל ניט אָפּגערופן, הגם איך האָב געפּרואווט אויך דעם ישוב און דער ציוניסטישער באַוועגונג — אין ארץ ישראל און אין אויסלאַנד — אויפקלערן די סכנה. מיינע ווערטער פון וואָרענונג זיינען ניט געוואָרן דערהערט.

*

די נייע לאַגע האָט געפאָדערט אַ סך מיטלען — געלט־מיטלען און מענטשן־מאַטעריאַל. פון דעם ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט זיך געפאָדערט אַן אָנשטרענגונג, וואָס אַזאַ איז נאָך קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרן, אָבער כל זמן עס זענען ניט אויסגעבראָכן די געשעענישן — איז ניט געווען קיין גרייטקייט צו מאַכן די אָנשטרענגונג. גאַנץ באַזונדערס

האָט מיך באַזאָרגט די אינערלעכע לאַגע אין דער הגנה. אויך דאָ איז ניט געווען קיין גענוגענדע געשפּאַנטקייט אַנטקעגן דער נייער סכנה. איך וועל באַצייכענען בלויז איין פאַקט: איך בין געזעסן מיטן הויפּט־שטאַב, איך האָב פאַר אים געשטעלט די פראַגע וועגן צוגרייטונגען צו דער עווענטועלער אינוואַזיע פון די אַרמייען פון די אַראַבישע לענדער און איך האָב געבעטן, פאָרצושלאָגן אַ בודזשעט־פּראָיעקט, וואָס זאָל נעמען אין באַטראַכט די דאָזיקע סכנה. עס איז מיר דערלאַנגט געוואָרן אַ בודזשעט־פּראָיעקט, און איך מיין, אַז עס איז געווען דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פון בודזשעטן, ווען דער פון וועמען מען פאָדערט האָט גע׳טענה׳ט, אַז מען פאָדערט פון אים צו ווינציק און אַז מען דאַרף פאָדערן פיל מער. עס איז מיר צוגעשטעלט געוואָרן אַ יאָר־בודזשעט פון אַ מיליאָן פונט. עס איז געווען טאָפּלט אין פאַר־גלייך מיט פריער, אָבער איך בין געווען געצוואונגען צוריקצושיקן צום שטאַב זיין בודזשעט־פאָרשלאָג; איך האָב אַליין צונויפגעשטעלט אַ פּראָ־ווויזאָרישן בודזשעט פון דריי־אַ־האַלבן מיליאָן פונט און פאָרגעשטעלט אים דער עקזעקוטיווע און דעם קרן קימת (וועלכער האָט זיך פאַרפליכטעט צו באַטייליקן אין די זיכערקייטס־אויסגאַבן), דערקלערנדיק, אַז דער בודזשעט איז אויסגערעכנט נאָר ביז צום אָנהויב פון די געשעענישן; נאָך דעם, ווי די אַראַבער וועלן עפענען זייער אָפענסיווע — קען איך ניט פאָרויסזאָגן, ווי ווערט דאַן אויסזען דער בודזשעט און ווי גרויס עס וועלן דאַן זיין די פינאַנציעלע פאָדערונגען.

און געפאָדערט האָט זיך ניט נאָר אַ פינאַנציעלע אָנשטרענגונג. מען האָט גענייטיקט מאָביליזירן מענטשן. די אַראַבישע אָנגריפן האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 30־טן נאָוועמבער, און אומגעפער צו יענער צייט האָבן מיר אָנגעהויבן מאָביליזירן מענטשן. פאַר נגב האָבן מיר נאָך פריער מאָביליזירט, — צוערשט האָבן מיר מאָביליזירט 80 מאַן, — און דאָס איז געמאַכט געוואָרן נאָך לאַנגע און שווערע דיסקוסיעס. מען האָט געדאַרפט אַרויסרייסן 80 מאַן פון זייערע הכשרה־קערנדלעך, ווייל מיר האָבן באַשלאָסן, אַז די מאָביליזירטע וועלן מער ניט אַרבעטן, נאָר זיי וועלן זיין טעטיק בלויז אַלס זעלנער. און עס זיינען געווען אויך בודזשעט־שוועריקייטן. מיר האָבן פאַרן נגב מאָביליזירט 80 מאַן, און דאַן נאָכאַמאָל 80 מאַן — נאָך פאַרן 30־טן נאָוועמבער.

*

אין דעצעמבער האָבן זיך אָנגעהויבן די אַלגעמיינע מאָביליזירונגען. און דאַן האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן דער פראַגע, וועלכע איך שטעל דאָ צו אייך: צי עקזיסטירט נאָך אַלץ, אין די נייע אומשטענדן, די ספּעציפישקייט פון פלמ״ח? מיר מאָביליזירן נייע זעלנער פאַר פלמ״ח־איינהייטן, און מיר מאָביליזירן נייע זעלנער פאַר אַנדערע איינהייטן; סיי די און סיי די טיילן ניט מער די צייט אויף איבונגען באַזונדער און אַרבעט באַזונדער, אַזוי ווי פלמ״ח פלעגט „אַמאָל" טאָן, נאָר סיי די און סיי די גיבן אָפּ זייער גאַנצע צייט פאַרן מיליטער. וואָס־זשע איז דער אונטערשייד צווישן דעם, וואָס מאָ־

ביליזירט זיך פֿאַר פּלמ״ח, און צווישן דעם, וואָס מאָביליזירט זיך פֿאַר אַן אַנדער איינהייט?

איך האָב די דאָזיקע פֿראַגע געשטעלט אין אָנהויב פֿון די מאָביליזירונגען — און האָב ניט באַקומען קיין ענטפֿער. עס זיינען פֿון דאַן פֿאַרלאָפֿן 10 חדשים — און איך האָב נאָך אַלץ ניט באַקומען קיין צופֿרידנשטעלנדיקן ענטפֿער. איך האָב געהערט כלערליי היסטאָרישע, אידעאָלאָגישע, פּאָליטישע אויפֿקלערונגען, אָבער קיינער האָט מיר ניט פֿאַרענטפֿערט די פּשוטע פֿראַגע: וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דעם נייעם מאָביליזירטן אין פּלמ״ח און דעם נייעם מאָביליזירטן אין אַן אַנדער איינהייט?

אין די טעג פֿון דער הגנה האָט זיך דער חבר פֿון פּלמ״ח אויסגעטיילט מיט דריי זאַכן: 1) ער האָט באַקומען אַ בעסערע אויסשולונג פֿון אַנדערע הגנה־חברים, ווייל אַ העלפֿט פֿון זיין צייט האָט ער געווידמעט די איבונגען; 2) זיין עקזיסטענץ האָט זיך באַזירט אויף אַרבעט און איבונגען, און אַ העלפֿט פֿון זיין צייט איז געווען געווידמעט לאַנדווירטשאַפֿטלעכער הכשרה; 3) ער איז געווען שטענדיק מאָביליזירט, און יעדן מאָמענט איז ער געווען גרייט צו יעדער אַקציע, לויט ווי עס וועט פֿון אים געפֿאָדערט ווערן.

עס זיינען געווען אויך אַנדערע איינהייטן אין דער הגנה, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס אויסגעטיילט: די חי״ש־איינהייטן. דאָס איז געווען אַ קערנדל פֿון אַ באַוועגלעכן כוח, ניט ווי אַלע אַנדערע הגנה־חברים, וואָס זיינען געווען באַשטימט פֿאַר לאָקאַלער פֿאַרטיידיקונג; אויך די חי״ש־איינהייטן האָבן באַקומען אַ לענגערע און בעסערע אויסשולונג אין פֿאַרגלייך מיט די איבעריקע הגנה־חברים, אָבער חי״ש איז געווען פֿאַרנומען מיט איבונגען אַ טאָג אָדער אַנדערטהאַלבן טעג אין חודש, אין דער צייט וואָס פּלמ״ח איז געווען פֿאַרנומען מיט איבונגען 8—12 טעג אין חודש.

אָבער באַלד נאָכן אויסברוך פֿון דער מלחמה, נאָך פֿאַר דער אינוואַזיע, סוף נאָוועמבער, האָבן מיר אָנגעהויבן מאָביליזירן יוגנט אויף גאַנצע טעג, אַזוי ווי זעלנער, און עס איז ניט געווען מער קיין אונטערשייד צווישן מאָביליזירטע פֿאַר פּלמ״ח אָדער חי״ש אָדער אַנדערע איינהייטן. און אויף מיין פֿראַגע, וואָס איז דאָס ספּעציפֿישע אין פּלמ״ח אין די נייע באַדינגונגען, האָב איך קיין ענטפֿער ניט באַקומען.

אין יאָר 1941 איז פּלמ״ח געווען אַן אויפֿטו, אַ חידוש, און ער האָט דערפֿילט זיין שליחות, ווי אין דער וועלט־מלחמה, אַזוי אין די טעג פֿון אונזער געראַנגל מיט די ענגלענדער, — אַ שליחות, וואָס אַנדערע הגנה־איינהייטן האָבן קוים־קוים געקענט אויספֿירן. דאָס יאָר אָבער האָט זיך די לאַגע גרונטזעצלעך געענדערט. עס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן די אַרמיי. יעדער מאָביליזירטער איז פֿאַרפֿליכטעט אָפּצוגעבן זיין גאַנצע צייט פֿאַר מיליטער־דינסט, אַלע באַקומען גלייכע אויסשולונג, אַלע האָבן זיך אין אַ גלייכער מאָס באַטייליקט אין די איבונגען און אין דער מלחמה. עס האָט זיך פֿון אונז געפֿאָדערט אַ נייע אויסשולונג, אַזאַ וואָס זאָל צוגרייטן אונזערע באַוואָפֿנטע כוחות קעגנצושטעלן זיך אַ רעגולערער אַרמיי.

נאָך פאַרן אויסברוך פון די געשעענישן האָב איך געפרעגט אונזערע עקספּערטן: האָבן מיר אין דער הגנה אַן איינהייט, וואָס איז מסוגל קעגנ־צושטעלן זיך אַ רעגולערער אַרמיי? — איך וועל דאָ ברענגען אַן ענטפער, וואָס איך האָב באַקומען פון איינעם אַ קאָמאַנדיר (ער איז אַ פראָנט־קאָמאַנדיר; זיינערצייט איז ער געווען דער געהילף פון דעם הויפּט פון גענעראַל־שטאַב, און מען קען אים ניט חושד זיין, אַז ער איז אַ „פאָלקס־פיינד״, ווי איך בין, ווייל ער געהערט צו דער פאַרטיי פון דער מערהייט פון די דאָ פאַרזאַמלטע).

ער האָט מיר פאַריקן זומער געזאָגט, אַז אין דער הגנה איז ניטאָ קיין איינהייט, וואָס האָט אַן אויסשולונג פון אַ רעגולערער אַרמיי. איך האָב דאַן געפרעגט: און פלמ״ח? — האָט ער מיר געענטפערט: אויך דער פלמ״ח־זעלנער האָט ניט די אויסשולונג פון אַ רעגולערן זעלנער. ער האָט פיליכט אַ פּאַרטיזאַנישע אויסשולונג, וואָס שטייגט איבער אין געוויסע הינזיכטן די אויסשולונג פון דעם זעלנער אין אַ רעגולערער אַרמיי, ער האָט אָבער ניט די פולע אויסשולונג פון אַ זעלנער אין אַ רעגולערער אַרמיי; אויב אַ רעגימענט פון פלמ״ח וועט דאַרפן שטיין אין גלייכע באַדינגונגען אַנטקעגן אַ רעגימענט פון אַ רעגולערער אַרמיי — איז אַ ספק צי ער וועט אויסהאַלטן.

זיין דאָזיקער ענטפער האָט נאָכמער פאַרגרעסערט מיין זאָרג. איך האָב געוואוסט פון אונזער מיליטערישער דערפאַרונג, — ווי פון דער ערשטער, אַזוי פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, — אַז מיר קענען דערציען אַ בעסערן זעלנער אין פאַרגלייך מיט אַ ניט־אידישן זעלנער. איך בין אַליין געווען אַ זעלנער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און איך האָב געדינט אין אַ אידישן רעגימענט צוזאַמען מיט בחורים פון ארץ ישראל, אַמעריקע, ענגלאַנד און אַרגענטינע, — האָב איך געוואוסט, אַז מיר לערנען די מיליטערישע תורה בעסער פון זיי — די גוים. איך האָב געזען אונזערע בחורים אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, און איך ווייס, וואָס זיי האָבן אַלץ אויפגעטאָן אויף די פראָנטן אין אַפריקע, גריכנלאַנד, איטאַליע. און דאָך איז גרויס געווען מיין זאָרג, ווייל מיר האָבן ניט געוואוסט, ווען די מלחמה וועט אויסברעכן און וויפל צייט מיר האָבן אויף צוגרייטונגען. מיר האָבן באַשלאָסן אָנצוהויבן מיליטערישע איבונגען, אויף וויפל דאָס האָט זיך געלאָזן, ווען די ענגלענדער האָבן נאָך רעגירט אין לאַנד. און דאָס בריטישע מיליטער האָט ניט פאַר־לאָזן גענצלעך דאָס לאַנד אויך נאָך דער ענדע פון דעם מאַנדאַט — דעם 15־טן מאַי.

עס איז געווען קלאָר, אַז מיר מוזן אויפשטעלן אַן אַרמיי, ניט ווייל מיר גייען אויפריכטן אַ מדינה, נאָר ווייל מיר שטייען ערב אַ מלחמה. איך ווייס, אַז מערערע האָבן געמיינט, אַז די אַרמיי איז אויפגעשטעלט געוואָרן, אַלס אינסטרומענט פון דער מדינה, — איך וועל זיך ניט אַריינלאָזן אין אַ דיס־קוסיע וועגן דעם, אָבער אין מיינע אויגן עקזיסטירט ניט די מדינה, כל זמן עס פירט זיך די מלחמה. די אַרמיי איז אונז נויטיק געווען פאַר דער מלחמה, פאַר אונזער זיכערקייט, און נאָך איצט איז אונז די אַרמיי נויטיק קודם כל פאַר דער זיכערקייט; ניט די אַרמיי איז איצט אַ טייל פון דער

מדינה — די מדינה איז אַ טייל פון דער אַרמיי. ווייל דער עיקר איז איצט — זיכערקייט, — און עס איז נאָך ניטאָ קיין זיכערקייט.

מיר האָבן באַשלאָסן אויפצושטעלן די אַרמיי. אין דער אַרמיי זיינען פאַראַן דריי הויפּט־דינסטן: יבשה־כוחות, לופט־כוחות, ים־כוחות. אין דער יבשה־אַרמיי זיינען פאַראַן פאַרשיידענע איינהייטן: אינפאַנטעריע, אַרטי־לעריע; דינסטן: אינזשינערן־קאָמאַנדע, טראַנספּאָרט, פאַרבינדונג און אַ. ז. וו. איין איינהייט אונטערשיידעט זיך פון דער אַנדערער מיט איר פּראָפעסיאָנעלער אויפגאַבע. אין דער אינפאַנטעריע זיינען דאָ בריגאַדעס און רעגימענטן, און זיי אונטערשיידן זיך אָרגאַניש און נומעריש. יעדע איינהייט האָט אַ בעזונדער נאָמען אָדער נומער, אַ באַזונדער געשיכטע, — און יעדע איינהייט שטאָלצירט — מיט רעכט — מיט איר געשיכטע, מיט איר טעטיקייט. נעכטן האָבן מיר געזען די בריגאַדע גבעתי. זי איז ספּעציפיש מיט איר אָרגאַניזאַציע, נאָמען, טעטיקייטס־געביט, פאַרגאַנגענהייט. איז אַזאַ אויך די ספּעציפישקייט פון פּלמ״ח?

די אַרטילעריע האָט איר טעכנישע ספּעציפישקייט. אַרטילעריסטן באַנוצן זיך מיט אַ באַשטימט געווער — גייען זיי דורך באַזונדערע איבונגען, אין אונטערשייד פון אַנדערע איינהייטן. ניט דאָס איז ספּעציפיש פאַר פּלמ״ח. די איינהייטן פון פּלמ״ח זיינען גלייך מיט אַלע אַנדערע איינהייטן פון דער אינפאַנטעריע; זיי באַנוצן זיך מיטן זעלבן געווער און מיט די זעלבע מיטלען, ווי אַלע אַנדערע אינפאַנטעריע־איינהייטן.

*

מען זאָגט מיר, אַז דאָ איז אַן אידעאָלאָגישע אָדער פּאָליטישע ספּעציפיש־קייט מיט דעם פאַל „אַלטאַלענאַ״. באַלד נאָכן אויפשטעלן די מדינה האָט זיך אַנטפּלעקט אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מדינה: עס איז געמאַכט געוואָרן אַ חוצפה׳דיקער, הגם נאַרישער, פּאַרזוך, צו רעוואָלטירן קעגן דער קאָמפּעטענץ פון דער מדינה. די אצ״ל־לייט זיינען אַרויסגעגאַנגען פון צוויי פאַלשע פאַראויסזעצונגען: 1) קיינער וועט זיך ניט דערוועגן אַרויסצו־טרעטן קעגן זיי מיט כוח; 2) דאָס פאָלק איז מיט זיי.

אָנגעהייבן האָבן זיי אין כפר־ויתקין, אָבער נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דעם מיליטערישן כוח פון דער מדינה — האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן. און דאַן האָבן זיי אַוועקגעשיקט די שיף קיין תל־אביב, גלויבנ־דיק, אַז „דאָס פאָלק״ אין תל־אביב איז מיט זיי און אַז קיינער וועט ניט דער־וועגן אַרויסצוטרעטן קעגן זיי. אויך די דאָזיקע הנחה האָט זיי אַנטוישט, גלייך אַזוי ווי אין כפר־ויתקין האָט זיי אַנטוישט זייער ערשטע הנחה.

אין תל־אביב איז קעגן אצ״ל איבערהויפּט טעטיק געווען אַן איינהייט פון פּלמ״ח, אָבער דער האַרמאַט, וואָס נאָך מיינע רייד אין דעם מדינה־ראַט האָט מען אים געמאַכט אַזאַ שרעקלעכע רעקלאַמע, איז ניט געווען קיין האַר־מאַט פון פּלמ״ח, און דער מענטש, וואָס האָט געשאָסן פון דעם האַרמאַט און האָט באַזיגט די שיף, איז ניט געווען קיין פּלמ״ח׳ניק.

צי מיינט איר, אַז אָט דאָס איז עס די באַזונדערע אויפגאַבע פון פּלמ״ח?

אייניקע זאָגן: אידעאָלאָגישע ספּעציפישקייט. דער דאָזיקער ענטפער באַזירט זיך אויף אייניקע פּאַרויסזעצונגען, וואָס זענען הונדערט־פּראָצענטיק ריכטיק, און אויף אייניקע, וואָס זענען, לויט מיין מיינונג, ניט מער ווי אַן אַבסורד.

עס איז ריכטיק, אַז קעמפער דאַרפן האָבן מאָראַלישע ווערטן, און אַז מען זיגט ניט בלויז מיט דער הילף פון געווער, נאָר מיט מאָראַלישן כוח פון דעם מענטשן, וואָס וויס פאַרוואָס ער קעמפט. נאָכמער: מיר זיינען ניט קיין אייביקע זעלנער. די מלחמה איז ניט אונזער לעבנס־געבאָט, — זי איז אונז אויפגעצוואונגען געוואָרן — און זי וועט פאַרבייגיין. מיר קעמפן איבערגוואַלד; ווען דער צוואַנג וועט אַריבערגיין — וועלן מיר זיך ווידמען דער עיקר־אויפגאַבע: דעם קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק, דעם אויפבוי פון לאַנד.

עד כאן שטייען מיר צוזאַמען אויף איין פּלאַטפאָרם. „אָן אַן אידעאַל ווערט דאָס פאָלק פאַרווילדעט" — און דאָס מיליטער אויך. די מלחמה איז אַ ביטערע, פאַרשאָלטענע נויטווענדיקייט, אָבער אויך אין מלחמה האָט דער גייסט־מענטש אַ מעלה דערמיט, וואָס ער האָט אַ ציל אין לעבן. אונזער איבערגעוויכט אין באַצוג צו די אַראַבער איז ניט קיין פיזישער, נאָר אַ מאָראַלישער. און אונזער יוגנט דאַרף דערצויגן ווערן צו מאַכן אויפבליען די וויסטעניש, צו בויען דאָס לאַנד, צו לעבן חלוציש. די דאָזיקע יוגנט וועט אויך בילדן דאָס בעסטע מיליטער — ווען עס וועט נויטיק זיין. עד כאן — ריכטיקע הנחות.

וואו הייבט זיך אָן די פאַלשע הנחה? ווען מען זאָגט מיר אַז די דאָזיקע ווערטן זיינען אַ מאָנאָפּאָל פון איין בריגאַדע אין דער אַרמיי, און זיי דאַרפן זיין די ווערטן בלויז פון פלמ"ח, און ניט פון דער אַרמיי. דאָס איז פאַר מיר אַ פּסול'ער געדאַנק — סיי מצד דעם פאַקט און סיי מצד דער טענדענץ.

עס איז ניטאָ אין דער אַרמיי קיין בריגאַדע מיט אַ מאָנאָפּאָל אויף חלוציזם, און מען קען ניט אַרויפברענגען אויפן געדאַנק, אַז איין טייל פון דער אַרמיי זאָל זיך דערציען אויף איין באַשטימטער אידעאָלאָגיע, און די איבעריקע טיילן — אויף אַן אַנדער אידעאָלאָגיע.

איך לייקן, אַז די אָפּשטימונג דעצידירט. איך האַלט ניט פון יחוס. ניט דער נאָמען און ניט די בריגאַדע באַשטימען די מאָס פון דעם זעלנערס חלוצים. די חלוצישע עלעמענטן אין ארץ ישראל זענען ניט אַלע געקומען פון איין קרייז. ניט אַלע זענען זיי זין פון פאַרמעגלעכע, ניט אַלע — זין פון אַרבעטער; ניט אַלע זענען זיי קינדער פון ציוניסטישע עלטערן, ניט אַלע קינדער פון אַסימילאַטאָרן; ניט אַלע שטאַמען זיי פון אַ קרייז פון העברעאיש־רעדנדיקע אָדער פאַרקערט; ניט אַלע קומען זיי פון מזרח, און ניט אַלע פון מערב. איך וואַרף אָפּ קאַטעגאָריש די טעאָריע, וואָס אייניקע פון אונזערע חלוצישע קיבוצים האַלטן פון איר, אַז נאָר דער, וואָס האָט זיך פון קינדוויַז אָן דערצויגן צוזאַמען מיט זיינע חברים־חלוצים, האָט צוזאַמען מיט זיי געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע און צוזאַמען געלעזן פרויד'ס ביכער — איז אַ חלוץ. דער חלוציזם איז פאַרזייט געוואָרן אין אַלע לענדער און אין אַלע קרייזן — אין פּוילן און אין אַמעריקע, אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד, אין גאַליציע און אין

ענגלאַנד — פאַרזייט געוואָרן און אויפגעגאַנגען ; עס זיינען צו אונז געקומען קינדער פון אַסימילאַטאָרן, חסידים, ציוניסטן, עמי־הארצים און סתם קינדער — און זענען געוואָרן חלוצים. און פון די זעלבע קרייזן זיינען אויך אַנדערע געקומען — און זיי זענען ניט קיין חלוצים. און איך האָב די העזה פעסטצושטעלן, אַז עס איז איצט ניטאָ קיין בריגאַדע אין דער אַרמיי — פּלמ״ח צי ניט פּלמ״ח — וואָס אַלע אירע מענטשן זיינען חלוצים — ווי אין אַלגעמיינעם זין, אַזוי אין מיליטערישן — און עס איז ניטאָ קיין איינציקע איינהייט אין דער אַרמיי — אין אַלע אַרמיי־טיילן, אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט — וואָס האָט אין זיך ניט קיין חלוצים.

איך גיי נאָך ווייטער : אפילו וועגן אַן איינצעלנעם באַשטימטן מענטשן וועל איך ניט זאָגן, אַז ער איז כולו חלוץ אָדער כולו ניט־חלוץ. יעדער מענטש האָט צייטן פון אויפשטייג און צייטן פון ירידה, און אַ מענטש איז ניט שטענדיק אַ פּחדן אָדער שטענדיק אַ גיבור און אַ מוטיקער. יעדן מענטשן קען מען מאַכן פאַר אַ מוטיקן ; יעדער מענטש איז מסוגל צו זיין אַ גוטער זעלנער, אַ גוטער חבר. אין מענטשן ליגן באַהאַלטן כלערליי מעגלעכקייטן — און אויב מיר ווילן וויסן, ווי אַזוי צו פלעגן פּאָזיטיווע נייגונגען, וועלן מיר קענען אין יעדן איינעם פאַרפלאַנצן ווערטן פון העלדישקייט און ווערטן פון חלוציזם — אָדער מער, אָדער ווייניקער.

מיר ווילן, אַז אַלע מיליטערישע איינהייטן זאָלן צווישן זיך קאָנקורירן מיט זייער פלייס, גוטן שיסן, אויסגעהאַלטנקייט, פּראָפעסיאָנעלע קענטנישן, — און מיר ווילן ניט, אַז די דאָזיקע אייגנשאַפטן זאָלן געהערן בלויז צו אײן איינציקער איינהייט. דאָס זעלבע ווילן מיר אויך אין באַצוג צו חלוצישע און אידעאָלאָגישע ווערטן.

*

מען זאָגט מיר : מען דאַרף האָבן לאַיאַלע בריגאַדעס. דאַרף איך קודם כל פרעגן : לאַיאַל צו וועמען ? דאָס איז אַן ערנסטע און אַ האַרבע פראַגע. אַן אַרמיי טאָר ניט טעטיק זיין, לויט דעם אייגענעם ווילן. אָך און ווי וועט זיין צו אונז, אויב אונזער אַרמיי, אָדער אַ טייל פון דער אַרמיי, וועט ניט זיין סובאָרדינירט צו די געזעצלעכע אינסטאַנצן, נאָר זיי וועלן האַנדלען אויף אייגענער האַנט. טאָ פון וועמען וועלן די „לאַיאַלע" רעגימענטן באַקומען זייערע באַפעלן ? פון דער העכסטער מיליטערישער קאָמאַנדע — צי פון אַ ספּעציעלער קאָמאַנדע, אויך אַ „לאַיאַלע" ? לאַיאַל צו וועמען ? איז די ספּעציפישקייט פון פּלמ״ח אַ ספּעציפישקייט פון אַ באַזונדערער צוגעהעריקייט, אַנדערש פון דער צוגעהעריקייט פון אַלע אַנדערע מיליטערישע איינהייטן ? — אונזער אַרמיי איז סובאָרדינירט דער רעגירונג, — באַדייט דען די ספּעציפישקייט פון פּלמ״ח, אַז ער איז ניט סובאָרדינירט דער רעגירונג ?

ווי אַזוי שטעלט איר זיך פאָר די מדינת־ישראל, וואָס האָט אַן אַרמיי פון דער גאַנצער מדינה — און אין דער אַרמיי איז דאָ אַ טייל, וואָס אונטערליגט ניט דער מאַכט פון דער מדינה, נאָר אַוועלכער עס איז אַנדער מאַכט ?

קען אַזאַ מדינה אַנטשטיין? קען אַזאַ מין מיליטער אַנטשטיין? וועלן מיר זיך אין אַזעלכע באַדינגונגען האַלטן אין קריג? — לויט מיין מיינונג הייסט עס, אויפצורייסן די מדינה און די אַרמיי גלייכצייטיק.

עס ענדערט זיך גאָרניט, ווען מען זאָגט מיר, אַז די „לאָיאַליטעט" איז צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. איך בין איינער פון די, וואָס זיינען זייער גאַנץ לעבן געטריי דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער ווען איך נעם אויף זיך אַ שליחות אין נאָמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אָדער אין נאָמען פון דער מדינה, פיר איך זי אויס, לויט ווי עס וויל די ציוניסטישע באַוועגונג אָדער די מדינה.

ווער עס האַנדלט אַנדערש — חזר'ט איבער די געשיכטע „אַלטאַלענאַ".

און ווי אַזוי וועט אויסזען די לאַגע אין דער אַרמיי, ווען אַלע וועלן זיך דערוויסן, — און מען וועט דאָך דאָס ניט האַלטן בסוד! — אַז דער אָדער יענער רעגימענט טראָגט אַ באַזונדערע לאָיאַליטעט און אַ באַזונדערע צוגעהעריקייט. וועט דען ניט גערעכט זיין אויך אַן אַנדערער רעגימענט, וואָס וועט פאַר זיך באַשטימען אַ באַזונדער לאָיאַליטעט און אַ באַזונדער צוגע־העריקייט? אויב איינער אַ רעגימענט וועט האַנדלען ניט לויטן ווילן פון דער רעגירונג — וועט דען ניט אַנטשטיין אַ געפאַר, אַז די איבעריקע רע־גימענטן וועלן האַנדלען קעגן אים, און אויף אַזאַ אופן וועלן מיר מיט די אייגענע הענט אָרגאַניזירן אַ בירגער־קריג אינערהאַלב דער אַרמיי?

די מלחמה האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. איר ווייסט אַלע, אַז דער אַראַ־בישער פיינט גרייט זיך מיט דער פולער פּאַרע — ער ברענגט פאַרשטאַר־קונגען פון מענטשן און געווער, און פאַרפעסטיקט זיך. און מיר וועלן דאַרפן אָנקומען — פיליכט אין די נאָענטסטע טעג — צו אַ פיל גרעסערן כוח, ווי מיר האָבן געהאַט ביז איצט; מיר וועלן דאַרפן פאָדערן פון דער רעגירונג, פון דעם פאָלק, — אַ פיל גרעסערע אָנשטרענגונג. וועט דען די אָנשטרענגונג געמאַכט ווערן אויב עס וועט באַקאַנט ווערן, אַז ביי אונז זיינען דאָ צווייערליי מיליטער — אַזאַ, וואָס איז סובאָרדינירט דער רעגירונג, און אַזאַ וואָס אונטערליגט עמיצן אַנדערש — אַ פּאַרטיי, צי אַן אַנדער קערפּערשאַפט? קען דאָס ניט דערפירן צו אונזער פולשטענדיקער מפלה? — און געדענקען דאַרפן מיר, אַז אונזערע אַ מפלה איז ניט גלייך צו אַן אַראַבישער מפלה. די אַראַבער קענען ליידן אַ מפלה, און אפילו אַ פולן צוזאַמענברוך — און דאָך זאָל זייער עקזיס־טענץ ניט דערשיטערט ווערן. זיי וועלן נאָך אַלץ האָבן מצרים, זיי וועלן האָבן סיריע, זיי וועלן האָבן איראַק; מיר קלויבן זיך ניט צוצושטערן די דאָזיקע לענדער, מיר האָבן ניט בדעה צו פאַרניכטן זייערע פעלקער. מיר ווילן נאָר באַזיגן דעם פיינטס אַרמייען — אָבער דאָס מצרישע מיליטער איז בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון דער מצרישער באַפעלקערונג, און דאָס זעלבע איז אויך מיט די איבעריקע אַראַבישע אַרמייען.

אָבער אויב מיר וועלן חלילה געשטרויכלט ווערן און פאַלן — וועלן מיר קיין תקומה ניט האָבן — און מיר טאָרן זיך ניט שאַפן קיין אילוזיעס.

יעדער זעלנער אין אונזער אַרמיי מעג האָבן זיין אידייאישע און פּאַר־

טייאישע צוגעהעריקייט, לויט זיין אייגענעם פרייען אויסוואַל; מען טאָר אָבער ניט אַרויפבּרענגען אויפן געדאַנק, אַז אַ מיליטערישע איינהייט — וועל־כע עס זאָל ניט זיין — זאָל האָבן אַ דיסציפּלין־צוגעהעריקייט אָדער האַנד־לונגס־צוגעהעריקייט צי אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגעהעריקייט צו אַ וועלכער עס איז קערפּערשאַפט אויסער דער מדינה און דער געוויילטער רעגירונג.

די דאָזיקע צעשפּליטערונג באַדייט: די צושטערונג פון דער אַרמיי און די פאַרניכטונג פון דער מדינה.

*

אַפילו נאָך דער מלחמה וועט אַזאַ אַנאַרכיע אין מיליטער פאַראורטיילן די מדינה אויף אונטערגאַנג. אויך נאָך דעם נצחון וועט אונזער מדינה שטיין פאַר שווערקייטן, וואָס אויף זייער גלייכן האָט קיין שום מדינה ניט אָנגע־טראָפן. מדינת־ישראל איז ניט אַנטשטאַנען כדי צו שענקען זעלבסטשטענ־דיקייט אירע בירגער, נאָר כדי צו רעאַליזירן דעם קיבוץ גלויות. און דאָס וועט ניט זיין קיין לייכטע אַרבעט, און ניט נאָר דערפאַר, וואָס מיר זיינען עלול געשטעלט צו ווערן פאַר אַן עמבאַרגאָ אויף ארץ ישראל און אויף אידן. איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן נאָר אויף איין פּרט, וואָס איז אפשר ניט אַזאַ וויכטיקער: דער אידישער טאַלאַנט צוצוברעקלען זיך. אידן האָבן טייערע אייגנשאַפטן, וואָס אַנדערע פעלקער האָבן אַזעלכע ניט. אָן די דאָזיקע אייגנ־שאַפטן וואָלטן מיר ניט אויסגעהאַלטן און וואָלטן ניט דערגרייכט דאָס, וואָס מיר האָבן דערגרייכט. אידן האָבן אָבער אויך פעלערן, וואָס אַנדערע פעלקער האָבן זיי ניט, און איינער פון די דאָזיקע פעלערן איז — אונזער טאַלאַנט צו שפּאַלטן און ברעקלען זיך.

אין אַ חודש צי אין צוויי חדשים אַרום וועלן פאַרקומען וואַלן צו אונזער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אין אַמעריקע דערשיינען ביי די וואַלן בלויז צוויי פּאַרטייען, זעלטן — דריי. אויך אין ענגלאַנד זיינען דאָ צוויי—דריי פּאַרטייען. אין דער גרויסער רוסלאַנד איז ניטאָ מער פון איין פּאַרטיי. ביי אונז וועלן זיין ניט וויניקער פון פופצן פּאַרטייען. די דאָזיקע צוברעקלונג שטאַרקט אונז ניט, זי פאַרשטאַרקט ניט אונזער אַבסאָרבּירונגס־קראַפט, אונזער שאַ־פונגס־ און בויאונגס־קראַפט. דאָס איז אַ גרויסע צרה, וואָס אונזער געשיכטע האָט אונז איבערגעלאָזן בירושה נאָך פון די צייטן פון דעם צווייטן בית־המקדש, און אפשר אַפילו פון דעם ערשטן בית־המקדש. אונזער חלוצישע באַוועגונג האָט זיך באַמיט בייצוקומען די דאָזיקע צרה — איז זי אויך נכשל געוואָרן.

און דאָס איז געווען די גרעבּענטשטע אייגנשאַפט פון דער הגנה. אויסער אַלע אַנדערע מעלות, האָט די הגנה געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט אויפגעהאַלטן אַן אַלגעמיין־אידישע ראַט, אָן אונטערשייד פון פּאַרטייען און קלאַסן. דאָ האָבן זיך חברים געטראָפן, ווי אידן מיט אידן, ניט מער און ניט וויניקער; און דאָס איז געווען איינע פון די קראַפט־קוואַלן פון דער הגנה. די הגנה האָט געהאַט אויך אַנדערע ווערטן, חלוצישע ווערטן, און די אַרבעטער־באַוועג־

גונג האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער הגנה. אָבער מיט דעם אַלעמען האָבן מיר באַוויזן אויפצוהאַלטן אַן איינהייטלעכע אידישע ראָם און דורכדרינגען איר מיט חלוצישע ווערטן און אַלגעמיינע קאָמפּעטענצן.

איצט האָבן מיר אויפגעשטעלט די אַרמיי, און אַן אַרמיי שטעלט מיט זיך פאָר אַ ראָם פון גלייכהייט און איינהייטלעכקייט. אין דעם מאָמענט, וואָס מיר וועלן איינערהאַלב דער אַרמיי אויפשטעלן פּאָליטישע ראַמען און מיר וועלן אין איר אַריינברענגען פּאָליטישע צוגעהעריקייטן פון קעגנערישע קערפּערשאַפטן — וועלן מיר פאַרניכטן די אַרמיי.

אין דער אַרמיי קענען געמאָלט זיין נאָר פּראָפעסיאָנעלע און טעכנישע איינהייטן, אָבער ניט קיין אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע איינהייטן. מיר זיינען אימשטאַנד אין אַלע מיליטערישע אָפּטיילונגען איינצואוואָרצלען חלוצישע ווערטן, וואָס זאָלן פאַרשטאַרקן זייער קאַמפּס־פעאיקייט און פאַרטיפן זייער ציוניסטישן אידעאַל. מיר האָבן אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג איינגעוואָרצלט חלוצישע ווערטן, הגם עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך מיט דרייסיק יאָר צוריק אָפּגעטיילט פון אונז, ווייל זיי האָבן ניט געגלויבט אין אַן איינִיקער און נאַציאָנאַלער ראָם איינערהאַלב דער ציוניסטישער באַוועגונג. איצט האָבן זיי אָנערקענט זייער פעלער און זיי באַטייליקן זיך ניט נאָר אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך אין דער ציוניסטישער לייטונג.

אויב עס זיינען פאַראַן חלוצישע ווערטן — און זיי זיינען פאַראַן — וועלן מיר זיי איינוואָרצלען אין אַלע טיילן פון דער אַרמיי, און ניט בלויז אין באַשטימטע איינהייטן. קערט זיך אויב אַזוי צוריק די פראַגע: וואָס איז די ספּעציפישקייט פון פּלמ״ח?

*

פון דאַנען קומען מיר אויך צו אַ טעכנישער פראַגע, וואָס פליסט אַרויס פון דער פּרינציפּיעלער פראַגע: צו וואָס איז נויטיק אַ באַזונדער לאַנד־שטאַב פון פּלמ״ח? וואָס וועט זיין די באַזונדערע טעטיקייט פונם דאָזיקן שטאַב?

דער לאַנד־שטאַב האָט ביז איצט אויסגעפירט פונקציעס פון אינטענדענטור און האָט געזאָרגט פאַר אַפּראָוויזאַציע פאַר די פּלמ״ח־איינהייטן אין גליל, אין נגב, אין ירושלים. אָבער דער אינטענדענטור־דעפּאַרטמענט פון דעם גענעראַל־שטאַב זאָרגט פאַר אַפּראָוויזאַציע פאַרן מיליטער אין אַלגעמיין, און די פאַרמיטלונג פון דעם פּלמ״ח־שטאַב איז דורכויס אַן איבעריקע.

איצט איז מען שוין מודה: אינטענדענטור — ניט. אַ פּלמ״ח־אָפּטיילונג אין ירושלים וועט באַקומען איר אַפּראָוויזאַציע פון דער אַלגעמיינער אינטענדענטור גלייך ווי אַלע אַנדערע איינהייטן אין ירושלים. מען טענה׳ט אָבער, אַז עס איז נויטיק אַ באַזונדער שטאַב פאַר די פאָלגענדע דריי זאַכן: מענטשן־מאַטעריאַל, אונטערריכט, קולטור. איז פרעגט זיך: פאַרוואָס זאָל דער דעפּאַרטמענט פאַר מענטשן־מאַטעריאַל אין דעם גענעראַל־שטאַב ניט קענען באַדינען די פּלמ״ח־אָפּטיילונגען גלייך אַזוי, ווי ער באַדינט אַלע אַנדערע איינהייטן? און וואָס איז עס פאַר אַ באַזונדער אונטערריכט, וואָס פאָדערט

זיך אין פּלמ״ח און פאָדערט זיך ניט אין די איבעריקע אינפאַנטעריע־בריגאַדעס? אין דעם לופט־חיל פאָדערט זיך אַ באַזונדער אונטעררעכט, וואָס ווערט ניט געגעבן אין ים־פלאָט, צום ביישפּיל, אָדער אין דער אינזשינערן־קאָמאַנדע; אָבער וואָס פאַר אַן אונטעררעכט פאָדערט זיך פאַר דער בריגאַדע פון פּלמ״ח און פאָדערט זיך ניט פאַר דער גבעתי־בריגאַדע? און וואָס איז דער טייטש פון דער קולטור־סעפּאַרירונג?

אַ גרויסער טייל פון פּלמ״ח איז געקומען פון דאָרף און וועט גיין צוריק אין דאָרף, — זאָל ער זיין געבענטשט דערפאַר. פאַרוואָס אָבער זאָלן מיר ניט דערציען אויך די אַנדערע איינהייטן צו קאָלאָניזאַציע? אָט ווייס איך, אַז אין דער אַרמיי אָרגאַניזירן זיך קערפּערשאַפטן פאַר קאָלאָניזאַציע, ווי פון צווישן די הי־געבוירענע, אַזוי פון צווישן די עולים, — און די מערהייט אין פּלמ״ח איז איצט — ניט ווי פאַר דער מלחמה — צוזאַמענגעשטעלט פון יוגנטלעכע, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען אויף הכשרה, נאָר זיינען דורך אונז מאָביליזירט געוואָרן פאַר פּלמ״ח, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, וואָס זיינען מאָביליזירט געוואָרן פאַר דער אַרמיי.

איך ווייס ניט, ווי לאַנג עס וועט נאָך דויערן די מלחמה, און כל זמן די מלחמה־געפאַר איז ניט פאַרביי — שטייט זי אין צענטער פון אונזערע זאָרגן. מיר האָפן אָבער, אַז די מלחמה וועט זיך אַמאָל ענדיקן און די זעלנער וועלן אין זייער גרעסטן טייל באַפרייט ווערן — ווילן מיר, אַז די באַפרייטע זעלנער זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן קאָלאָניזאַטאָרישן כוח, — איז דאַרפן מיר ניט מאַכן די דאָזיקע אָנשטרענגונג אין דער אַרמיי אין אַלגעמיין? און אויב צווישן איך, מער ווי צווישן אַנדערע אָפּטיילונגען, געפינען זיך מענטשן, וואָס זיינען פעאיק פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע — טאָ פאַרוואָס זאָלט איר דאָס ניט טאָן פאַר דער גאַנצער אַרמיי? צו וואָס סעפּאַרירן זיך?

ווען די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדער שטאַב וואָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט בלויז אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע אַנאָמאַליע, וואָלט איך זיך פיליכט מיט דעם ניט באַשעפטיקט. איך בין גרייט שלום צו מאַכן מיט אָרגאַניזאַציאָנעלער אַסימעטריע — אויב זי טראָגט ניט אין זיך קיין שאָדן. אָבער אַז מען באַגרינדעט די באַזונדערע, סעפּאַראַטע אָרגאַניזאַציע מיט פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע מאָטיוון — זע איך אין דעם אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער איינהייטלעכקייט פון דער אַרמיי און פאַר דער גאַנצקייט פון דער מדינה.

# דער מאָרד פון גראַף בערנאַדאָט און קאָלאָנעל סאַראָ

(אויף דער ניינצענטער זיצונג פון דעם ציטווייליקן מדינה־ראַט, תל־אביב)

## א.

עס טוט מיר שרעקלעך לייד, וואָס איך דאַרף היינט אָנהויבן פון דעם טראַגישן, דערשיטערנדן און שענדלעכן טאַט, וואָס עס האָט ביי אונז אָפּגעטאָן אַ באַנדע אויסוואורפן, פּחדנים און נידערטרעכטיקע פאַרשווערער: די דערמאָרדונג פון דעם שליח פון דעם פלענום פון די פאַר־אייניקטע פעלקער, גראַף בערנאַדאָט, און זיין געהילף — קאָלאָנעל סאַראָ. דער שמוציקער פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן פאַריקן פרייטיק אין די גאַסן פון ירושלים דורך אַ קאָמפּאַניע פון מערדער־טעראָריסטן, וואָס האָבן דערמאָרדעט אומבאַוואָפנטע מענטשן, וואָס זיינען צו אונז געקומען מיט אַ מיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער, האָט אונז אַלעמען דערשיטערט ביז צו די טיפענישן פון דער נשמה. יעדער מאָרד, פון וואָס פאַר אַן אָרט עס זאָל ניט זיין קעגן וועמען עס זאָל ניט זיין, טרעפט אונז אין סאַמע פּינטל פון אונזער נשמה — אין דער הייליקייט פון דעם מענטשלעכן לעבן, אין די וואָרצלען פון מענטשלעכער עקזיסטענץ. דער דאָזיקער מאָרד איז אָבער פילפאַכיק־שענדלעכער און דערשיטערנדיקער, ווייל ער איז געריכטעט קעגן דער העכסטער מענטשלעכער אינסטאַנץ פון אונזער צייט — די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער; ווייל ער פּוצט זיך אין כלומרשטן פּאַטריאָטיזם, וואָס איז דורכויס פאַלש, טמא, מוקצה מחמת מיאוס; ווייל פאַקטיש איז דער מאָרד אַ פאַרשווערונג קעגן דעם כבוד און אומאָפּהענגיקייט פון דער יונגער מדינת־ישראל, וואָס ראַנגלט זיך נאָך פאַר איר עקזיסטענץ; ווייל ער פאַר־שוועכט דעם כבוד פון ישראל צווישן פעלקער און פאַרפלעקט מיט ריין בלוט אונזער הייליקע שטאָט ירושלים.

צוזאַמען מיט אַלע קולטורעלע פעלקער באַוויינען מיר דעם טראַגישן טויט פון די שלום־שליחים, וואָס זיינען געפאַלן צווישן אונז, איידער זיי האָבן אויסגעפירט די גרויסע און שווערע מיסיע, וואָס איז אויף זיי אַרויפ־געלייגט געוואָרן אין נאָמען פון די פאַראייניקטע פעלקער.

די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן אונז און גראַף בערנאַדאָט, — חילוקי־דעות ניט קיין לייכטע און ניט אומבאַדייטנדע, וואָס האָבן אויך עקזיסטירט ביים לעבן פון דעם גראַף — און זיינען לידער פאַרבליבן אויך נאָך זיין טויט, — קענען דורכויס ניט פאַרמינערן דעם טיפן רעספּעקט, וואָס מיר

האָבן געפילט צו זיין פּערזענלעכקייט און צו זיין מיסיע, און דעם צער און ווייטיק, מיט וועלכע מיר זיינען דורכגעדרונגען צוליב דעם טראַגישן טויט פון דעם גראַף און זיין געהילף, קאָלאָנעל סאַראָ — אַ טראַגישער און העלדישער טויט פון מענטשן, וואָס זיינען געפאַלן אויף זייער פּאָסטן.

גראַף בערנאַדאָט איז געווען אַ לעבעדיקע און געטרייע אָפּשפּיגלונג פון דעם פאָלק, וואָס איז קליין אין צאָל און גרויס אין קולטור און אַריסטאָקראַטיזם, — דאָס פאָלק, פון וועלכן ער איז צו אונז געקומען.

דאָס שוועדישע פאָלק, גלייך ווי די אַנדערע סקאַנדינאַווישע פעלקער, האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון מאָדערנער מענטשלעכער קולטור, אַדאַנק זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן, אינטעלעקטועלע כוחות, אַרבעטסזאַמקייט און לעבנס־שטרעבונגען. עס איז אַ פאָלק, וואָס גאַרט נאָך פרייהייט און גלייכהייט, פרידן און גערעכטיקייט, וואָס דינט אַלס מוסטער פאַר דער וועלט מיט דעם ניוואָ פון זיין פיזישער און גייסטיקער קולטור, מיט זיין לעבנס־סטאַנדאַרט און בילדונג, מיט זיין געשמאַקפולער לעבנס־אָרדענונג און מיט דער אָנשטענ־דיקייט פון זיינע אינערלעכע און אויסערלעכע באַציאונגען

דאָס אידישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די פולע און געטרייע הילף, וואָס דאָס שוועדישע פאָלק און די שוועדישע רעגירונג האָבן אונז אַרויס־געוויזן אין די שוואַרצסטע און שרעקלעכסטע טעג פון אונזער געשיכטע. אין די טעג פון דער לעצטער וועלט־מלחמה און נאָך איר, ווען דאָס בלוט פון דעם אייראָפּעאישן אידנטום איז געוואָרן הפקר און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט זיינען געקוילעט און פאַרברענט געוואָרן מיליאָנען אידן — מענער און פרויען, אַלט און יונג — האָט שוועדן ברייט געעפנט אירע טויערן פאַר די אידן פון דענעמאַרק, ווען עס האָט געדראָט די נאַצישע פאַרניכטונג; נאָך דער מלחמה האָט די שוועדישע רעגירונג פאַרגעלייגט איר געטרייע הילף פאַר די רעשטלעך פון די לאַגערן, און אַ סך טויזנטער טובערקולאָז־קראַנקע אידן פון דער שארית הפליטה — באַזונדערס פרויען — האָבן גע־פונען אַ געטרייען מקום־מקלט און איבערגעגעבענע מעדיצינישע פלעגונג אין דעם לאַנד פון בערנאַדאָט. מיט עטליכע יאָר צוריק האָב איך באַזוכט שטאָקהאָלם און האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט די אידישע פליטות, — איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די באַגייסטערטע דערציילונגען פון די דאָזיקע פרויען וועגן דער פולער און געטרייער הילף און דער טיף־מענטשלעכער באַציאונג, וואָס איז זיי אַנטקעגנגעטראָגן געוואָרן ניט נאָר מצד דער שוועדישער רע־גירונג, נאָר אויך פון אַלע קרייזן פונם שוועדישן פאָלק — אַרבעטער, פאַברי־קאַנטן, ביוראָ־דירעקטאָרן און בעלי־בתים. אַלע האָבן צו זיי אַרויסגעוויזן אַ באַציאונג פון גוטן ווילן און טיפער מענטשלעכער סימפּאַטיע.

פון דער קעניגליכער פאַמיליע פון דעם דאָזיקן אידעלן פאָלק האָט געשטאַמט גראַף בערנאַדאָט, און די אַלע שיינע זייטן, מיט וועלכע עס איז געבענטשט געוואָרן די דאָזיקע דעמאָקראַטישע קעניגלעכע פאַמיליע, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין דעם לעבן פון שלום־פאַרמיטלער, וועלכן עס האָט צו אונז געשיקט דער פלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער. ער האָט זיך ניט

באַנוגנט מיט דעם געווינלעכן לעבנס־אַרט פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע, — אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן האָט ער געווידמעט הומאַניטאַרער טעטיקייט און איז געוואָרן פּרעזידענט פון דעם רויטן קרייץ. אין די טעג פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט אינוואַלידן — קריגס־געפאַנגענע, און פלעגט וואַנדערן פון איין געפאַנגען־לאַגער צום אַנדערן — אין די לענדער פון די פאַרבינדעטע און אין די לענדער פון דער אַקס — כדי צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די מלחמה־געליטענע; ער האָט אויך זוכה געווען צו זיין דער ערשטער, וואָס האָט געבראַכט די בשורה אַז די היטלעריס־טישע דייטשלאַנד האָט זיך אונטערגעגעבן, הגם ער האָט ניט זוכה געווען צו זיין — ווי ער האָט עס געוואָלט — דער פאַרמיטלער צום פאַרענדיקן די מלחמה. מיר אידן וועלן באַזונדערס געדענקען בערנאַדאָטס אַנטייל אין דער רעטונג פון טויזנטער אידן, וואָס זיינען פאַרבליבן לעבן אין די לאַגערן און האָבן דערנאָך געפונען אַ מקום־מקלט אין שוועדן.

ווען די פאַראייניקטע פעלקער זיינען צום דריטן מאָל געזעסן און באַראַטן זיך איבער דעם ארץ־ישראל־פּראָבלעם, האָבן זיי אויסגעוויילט דעם גראַף בערנאַדאָט, אַלס פאַרמיטלער צווישן דער אָנגעגריפענער ישראל און די אַגרעסיווע אַראַבישע לענדער, און פון דאַן אָן האָט ער געוואַנדערט איבערן מיטעלן מזרח — פון לאַנד צו לאַנד, פון פראָנט צו פראָנט, פון הויפּטשטאָט צו הויפּטשטאָט, איבערהויפּט ציוויל־געקליידעט, אָן פּערזענלעכער וואָך, אויך נאָכדעם ווי אייניקע פון זיינע העלפער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַראַבער, ביז — צו אונזער חרפּה און האַרצווייטיק — אַ מערדער־קויל האָט אים געטראָפן אין האַרצן — אינמיטן ירושלים.

די רעגירונג פון ישראל האָט שוין איבערגעגעבן דעם גראַפס פרוי און דעם שוועדישן קעניג אירע אויסדרוקן פון צער. איך בין זיכער, אַז דער ציטווייליקער מדינה־ראַט, אין נאָמען פון דעם גאַנצן פאָלק, וועט זיך מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ אָנשליסן אָן די דאָזיקע צער־אויסדרוקן, אַז ער וועט אויסדריקן דעם שוועדישן פאָלק און זיין רעגירונג די געפילן פון סימפּאַטיע און טיפן טרויער צום טויט פון גראַף בערנאַדאָט.

צוזאַמען מיט בערנאַדאָטן איז דערמאָרדעט געוואָרן דער פראַנצויזישער קאָלאָנעל סאַראָ — דער דריטער פראַנצויזישער קרבן אין דער פאַרמיטלונגס־מיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

קאָלאָנעל סאַראָ איז געווען ניט נאָר אַ מוטיקער זעלנער, אַ געטרייער און אַן אומדערשראָקענער קעמפער פאַר דער פרייהייט פון זיין פאָלק, וואָס האָט אויך אין דער לעצטער וועלט־מלחמה געליטן פון די נאַציזישע פאַרפאָלגונגען, נאָר ער איז אויך געווען איינער פון יענע גייסט־אַריסטאָקראַטן אין דעם פראַנצויזישן פאָלק, וואָס האָבן מיט סכנת נפשות אויסגעשטרעקט זייער הילף צו אידן אין די געביטן פון דער אָקופּירטער פראַנקרייך און האָבן געראַטעוועט אַ סך אידן פון די נעגל פון די נאַציזישע רוצחים. דער ציטווייליקער מדינה־ראַט וועט אויסדריקן דעם פראַנצויזישן מיליטער און דער פראַנצויזישער רעגירונג זיין אויפריכטיקן מיטגעפיל און זיין צער צום טראַגישן טויט פון

קאָלאָנעל סאַראָ, וואָס איז געפאַלן אויף זיין אינטערנאַציאָנאַלן פּאָסטן אין ירושלים.

לאָמיר זיך אויפשטעלן צום אָנדענק פון די צוויי דערמאָרדעטע.

*

פאַריקן פרייטיק, זייגער זעקס פאַרנאַכט, זיינען אין זיכערקייטס־מיניס־טעריום דערהאַלטן געוואָרן דעפּעשן פון דעם מיליטערישן גאָווערנאָר און פון דעם קאָמענדאַנט פון ירושלים וועגן דעם אומגליק. עס זיינען באַלד אָפּגעגעבן געוואָרן באַפעלן, צו שליסן די גרענעצן אויף דער יבשה און אין דער לופט און צו זוכן די פאַרדעכטיקע. פון דרינגנדע אויספאָרשונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַנטשפּרעכנדע פלעצער, האָט מען געקענט לערנען, אַז אצ״ל האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם דאָזיקן פאַרברעכן און אַז לח״י־לייט האָבן וואַרשיינלעך אויסגעפירט דעם מאָרד. אַ זייגער 4 אינדערפרי, איין שעה פאַר דעם מאָרד, האָבן די לח״י־פירער געמאָלדן זייערע חברים אין ירושלים, אַז לח״י לעזט זיך אויף.

איך האָב איינגעלאַדן מיליטער־קאָמאַנדירן, וואָס אין זייערע איינהייטן דינען זעלנער, וואָס האָבן געהערט צו לח״י, און לויט די פאַרשונגען, וואָס זיינען באַלד דורכגעפירט געוואָרן, האָט מען געקענט קומען צום אויספיר, אַז די קאָמאַנדירן און זעלנער פון לח״י־אָפּשטאַמונג האָבן גאָרניט געוואוסט וועגן דעם דאָזיקן פאַרברעכן; נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם מאָרד האָבן זיי זיך אויפריכטיק און פולשטענדיק אָפּגעגרענעצט פון דער טאַט, און מען דאַרף אָננעמען, אַז זיי וועלן זיך אויך ווייטער פירן לאָיאַל אין באַצוג צו דער מדינה און וועלן אָפּהיטן די לאָיאַליטעט־שבועה, וואָס זיי האָבן געשוואוירן, אַלס זעלנער פון צבא־הגנה־לישראל. אויף דעם גרונט איז געגעבן געוואָרן אַ דירעקטיוו, ניט אָנצורירן די זעלנער — געוועזענע לח״י־מיטגלידער — בשעת די פאַרשטייענדיקע אַרעסטן. גלייכצייטיק איז באַפוילן געוואָרן, צו שליסן די קלובן און צוזאַמענטרעף־לאָקאַלן, וואָס לח״י האָט אין איניקע ערטער געעפנט פאַר די זעלנער.

נאָך באַראַטונגען מיט די מיליטערישע פירער, דער פּאָליציי און דעם מיליטערישן גאָווערנאָר פון ירושלים, וועלכער איז ספּעציעל צוליב דעם געקומען קיין תל־אביב, זיינען געגעבן געוואָרן דירעקטיוון צו דער מיליטערישער פּאָליציי, ציווילער פּאָליציי און דעם מיליטער אין ירושלים, צו אַרעסטירן אַלע מיטגלידער פון לח״י, אַרומרינגלען און פאַרכאַפּן אַלע באַזיסן זייערע, פאַרצוימען דעם וועג צו ירושלים און פון ירושלים, צו פאַרמיידן דאָס אַנטלויפן פון די פאַרדעכטיקע, און ניט צו פאַרהאַלטן די אצ״ל־לייט — אויב זיי וועלן זיך ניט אידענטיפיצירן מיטן מאָרד און וועלן ניט קומען צו הילף צו לח״י; די פאַראַנטוואָרטונג פאַר דער דאָזיקער אַקציע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דעם מיליטערישן קאָמענדאַנט פון ירושלים, אין ענגן קאָנטאַקט מיט דעם מיליטערישן גאָווערנאָר; עס זיינען צו דעם צוועק געשיקט געוואָרן קיין ירושלים פאַרשטאַרקונגען פון מיליטער און פּאָליציי.

אין די אינטערעסן פון דער אַקציע קעגן לח״י איז אין ירושלים דער־קלערט געוואָרן אויסנאַם־צושטאַנד; דאָס מיליטער און די פּאָליציי האָבן אַרומגערינגלט און פאַרכאַפּט די לח״י־באַזיסן — אָן ווידערשטאַנד. אין די הענט פון מיליטער איז אַריינגעפאַלן ניט קיין קליינער קוואַנטום געווער — ביקסן, אויטאָמאַטן, קוילנוואַרפער און אויפרייס־מאַטעריאַלן; עס זיינען אין ירושלים אַרעסטירט געוואָרן 184 מיטגלידער פון לח״י.

לויט ספּעציעלע אָנווייזונגען זיינען אויך אויסגעפירט געוואָרן אַרעסטן אין תל־אביב און אין אַנדערע לח״י־צענטערן אין לאַנד און עס זיינען פאַר־האַלטן געוואָרן 62 פּערזאָן אין תל־אביב, נתניה, שרון־קאָלאָניעס, רחובות, ראשון לציון.

אַלע אַרעסטן זיינען אויסגעפירט געוואָרן אָן פיזישן ווידערשטאַנד פון לח״י און זייערע מיטהעלפער.

נאָך באַראַטונגען מיט אייניקע רעגירונגס־מיטגלידער, — די, מיט וועלכע איך האָב זיך געקענט שטעלן אין פאַרבינדונג פּרייטיק צו נאַכט און שבת־פרי, — האָב איך זיך געווענדעט צום יוסטיץ־מיניסטעריום מיט אַ פאָרשלאָג, באַלד צוצוגרייטן אויסנאַם־פאַראָרדענונגען קעגן טעראָריסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס; לויט די דאָזיקע פאַראָרדענונגען זאָל מען קענען באַשטראָפן ניט נאָר די אַקטיווע טעראָריסטן — דערצו געניגן די עקזיסטירנדיקע געזעצן — נאָר אויך מיטגלידער פון אַ טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע, ווען אַפילו זיי אַליין באַטייליקן זיך ניט אין די טעראָר־אַקטן, ווי אויך זייערע מיטהעלפער, וואָס אונטערשטיצן זיי מיט געלט, צי מיט אַגיטאַציע אָדער אויף אַ וועלכן עס איז אַנדער אופן.

מוצאי־שבת האָט זיך די רעגירונג פאַרזאַמלט אין זיכערקייטס־מיניס־טעריום און האָט געהערט פון מיר אַ גענויען באַריכט וועגן די דורכגעפירטע אַקציעס. די רעגירונג האָט באַשטעטיקט די דאָזיקע אַקציעס און האָט באַשלאָסן ווייטער אָנצוגיין מיט זיי מיט דער פולער ענערגיע ביז עס וועלן אַנטדעקט ווערן די פאַרברעכער און זיי וועלן באַקומען זייער שטראָף און ביז די טעראָ־ריסטישע אָרגאַניזאַציעס וועלן אויסגעריסן ווערן מיטן שורש. דעם זעלבן אָוונט האָט די רעגירונג באַטראַכט דעם פּראָיעקט וועגן אויסנאַם־פאַראָר־דענונגען קעגן טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם יוסטיץ־מיניסטעריום, האָט דעם פּראָיעקט — אין גרונט — באַ־שטעטיקט און האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע פון דריי מיניסטאָרן, ענדגילטיק צו פאָרמולירן אים פאַר דער פאַרעפנטלעכונג אין דער אָפיציעלער צייטונג, אַלס אַן אויסנאַם־צושטאַנד־פאַראָרדענונג. די רעגירונג האָט באַטראַכט די פראַגע, צי איז ניט גלייכער אָפּצולייגן די פאַרעפנטלעכונג פון די פאַראָרדע־נונגען ביז צו דער זיצונג פון דעם מדינה־ראַט און איז געקומען צום אויספיר, אַז מען טאָר ניט אָפּלייגן, מען מוז שנעל האַנדלען און פאַרעפנטלעכן די פאַראָרדענונגען, אויפן סמך פון די רעגירונגס־פולמאַכטן. איצט ברענגט די רעגירונג די פאַראָרדענונגען צום מדינה־ראַט, אַז ער זאָל זיי אַקצעפּטירן

און אַז די פאַראָרדענונגען זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַפעל פון דעם מדינה־ראַט.

די רעגירונג איז זיכער, אַז אין איר ענערגישער אַקציע קעגן די מערדער און זייערע שותפים און אין איר קאַמף קעגן די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס וועט זי האָבן ניט נאָר די פולע אונטערשטיצונג מצד דעם מדינה־ראַט, נאָר זי וועט אויך באַקומען לאַיאַלע הילף מצד יעדן בירגער און איינוואוינער פון מדינת־ישראל און מצד דעם גאַנצן אידישן פאָלק. די דאָזיקע הילף צו דער רעגירונג איז די בירגערלעכע פליכט פון יעדן ערלעכן מענטש.

די רעגירונג האָט אויך באַשלאָסן אויסצוצאָלן 5000 ישראל־פונט צו יעדן איינעם, וואָס וועט מיטהעלפן דער אַנטדעקונג פון די מערדער.

עס וועט ניט העלפן דער אויספאָרשונג, אויב איך וועל אין איצטיקן מאָמענט איבערגעבן פּרטים וועגן איר גאַנג, — וועל איך זיך דעריבער פאַרלויפיק באַגנוגענען מיט דעם, וואָס איך האָב דאָ איבערגעגעבן וועגן דעם ענין — בערנאַדאָט.

איך דאַרף אָבער צוגעבן נאָך אַ קאַפּיטל: די ליקווידירונג פון דעם מיליטערישן סעפּאַראַטיזם פון אצ״ל.

ווען דער מדינה־ראַט האָט באַהאַנדלט די ערשטע פאַרשווערונג, וואָס אצ״ל איז באַגאַנגען קעגן דער סואווערעניטעט און קאָמפּעטענץ פון מדינת־ישראל, אַ קורצע צייט נאָכן אויפשטעלן די מדינה, איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצואוויילן אַ קאָמיסיע פון זיבן מיטגלידער, כדי צו ליקווידירן דעם מיליטערישן סעפּאַראַטיזם און פאַרזיכערן אַן איינהייטלעכע אַרמיי, איינהייטלעכע דיסציפּלין און איינהייטלעכן געזעץ; אויב דאָס אַלץ וועט דורכגעפירט ווערן, וועלן אָפּגעמעקט ווערן די אַמאָליקע פאַרברעכנס פון די טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס, און אויף זייערע חברים, וואָס וועלן אַריינטרעטן אין מיליטער, וועלן חל זיין אַלע רעכט און פליכטן, גלייך מיט די איבעריקע בירגער פון דער מדינה.

די סעפּאַראַציע און דער טעראָריזם האָבן מיט זיך אויך אין די צייטן פון דעם מאַנדאַט פאַרגעשטעלט אַ בייזאַרטיקע קרעץ אויפן גוף פון דעם אידישן ישוב; דער קאָנגרעס און דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט, פון איין זייט, און די אספת הנבחרים און דער וועד לאומי, פון דער צווייטער זייט, פלעגן פון צייט צו צייט אָננעמען שאַרפע און האַרבע רעזאָלוציעס אַנטקעגן זיי און זיי האָבן באַשלאָסן, אויסצוראָמען דאָס דאָזיקע בייז — אפילו מיט פיזישן כוח. אָבער דער פאַקט, וואָס עס האָט דאַן עקזיסטירט אַ פרעמדע מאַכט — אַ פיינטלעכע מאַכט, וואָס האָט אונטערדריקט די אידישע פרייהייט און האָט באַרויבט די אידישע רעכט — דער דאָזיקער פאַקט, מיט זיין עצם זיין, האָט פאַרמיטן די עפעקטיוויקייט פון אונזער קאַמף קעגן דעם טעראָר. דער גאַנצער כוח פון דער פאָליציי, מיליטער, געהיים־פּאָליציי און געריכט האָט זיך געפונען אין די הענט פון דער מאַנדאַט־מאַכט, און דער ישוב איז בעצם געווען הילפלאָז אַנטקעגן דעם טעראָר, הגם דער טעראָר האָט געטראָפן דעם ישוב און דעם ציוניזם פיל שווערער, ווי ער האָט געטראָפן די פרעמדע מאַכט.

דעם קאַמף קעגן טעראָר האָט אויך געשטערט די פאַלשע און שעדלעכע שטעלונג פון געוויסע קרייזן אין ישוב, וואָס צוליב דעם געדעכטן כעס אויף דער אונטערדריקטער מאַכט, ווי אויך צוליב אַנדערע מאָטיוון, האָבן זיי גע־געבן געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע אונטערשטיצונג צו די טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס און האָבן באַשווערט דעם קאַמף פון דעם ישוב און דער ציוניס־טישער באַוועגונג קעגן דעם דאָזיקן אייטערנדיקן בלאָטער.

כדי צו געווינען די געזעלשאַפטלעכע סימפּאַטיע, האָבן די טעראָריס־טישע אָרגאַניזאַציעס אין יענע טעג דערקלערט, דאָס אויב עס וועט אויפ־געשטעלט ווערן די אידישע מדינה, וועלן זיי זיך אויפלעזן, וועלן ליקווידירן דעם טעראָריסטישן אונטערגרונד און וועלן זיך אָנשליסן אָן דעם שוץ־כוח פון דעם כלל.

לײַדער זיינען די דאָזיקע הבטחות ניט געהאַלטן געוואָרן אויך נאָכן אויפ־שטעלן די אידישע מדינה, און די רעגירונג פון ישראל איז געווען געצוואונגען צו באַנוצן זיך מיט קראַפט, כדי צונישט צו מאַכן דעם פּאַרזוך פון אצ״ל אויס־צופירן אַ פאַרשווערונג קעגן דער סואווערעניטעט פון דער מדינה, דורכן ברענ־גען די געווער־שיף. עס האָט אויך ניט געהאָלפן די אויסדריקלעכע פאַרפליכ־טונג, וואָס אצ״ל האָט אויף זיך גענומען קעגנאיבער די שליחים פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אויפצולעזן און ליקווידירן זיך נאָך דער אויפשטעלונג פון דער מדינה. נאָכדעם, ווי צבא־הגנה־לישראל האָט אונטער־דריקט דעם פאַרזוך צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין כפר־ויתקין און תל־אביב — און די אצ״ל־מיטגלידער זיינען געווען געצוואונגען צו אַנטוואָפענען זיך און אַריינצוטרעטן אין צבא־הגנה־לישראל — האָט זיך דער מיליטערישער סעפּאַראַטיזם געפונען אַ מקום מקלט אין ירושלים. סיי אצ״ל און סיי לח״י האָבן זיך פון דאַן אָן געשאַפן סעפּאַראַטע מיליטערישע כוחות אין ירושלים.

אין דער זיבן־קאָמיסיע, וואָס איז נאָמינירט געוואָרן דורך דעם מדינה־ראַט, האָבן זיך געפונען חברים, וואָס האָבן געגלויבט, אַז מיט דער הילף פון אויפקלערונג און איבערצייגונג וועט זיי געלינגען צו דערפירן צו דער ליק־ווידירונג פון די לעצטע פאַרזוכן פון מיליטערישן סעפּאַראַטיזם; די איבעריקע קאָמיסיע־מיטגלידער האָבן אין דעם ניט געגלויבט, זיי האָבן אָבער ניט גע־שטערט די „גלויביקע״, ווייל אַלע ווי איינער האָבן זיי געוואָלט, אויסצומיידן ווי וויט מעגלעך אַן אינערלעכן בלוטיקן קאָנפליקט אין אַ צייט, וואָס עס פירט זיך אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט אויסערלעכע פיינט.

אָבער די גאַנצע איינגעהאַלטנקייט און אַלע אויפקלערונגס־באַמיאונגען זיינען אַוועק מיטן רויך.

ביידע אָפּגעזונדערטע אָרגאַניזאַציעס זיינען כלומרשט גרייט געווען אונ־טערצוואַרפן זיך דער מאַכט פון דעם מיליטערישן גאָווערנער אין ירושלים — אָבער מיט דריי תנאים (אויף די תנאים איז באַזונדערס באַשטאַנען אצ״ל):

א) אַז זיי זאָלן דינען נאָר אין ירושלים און אַז דער הויפּט־שטאַב פון צבא־הגנה־לישראל זאָל ניט האָבן קיין רעכט צו שיקן זיי צו אַ וועלכן עס איז אַנדער פראָנט, אַזוי ווי זי האָט רעכט צו טאָן לגבי יעדער אַנדערער איינהייט

אין צבא־הגנה־לישראל; ב) אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן אַלס באַזונדערע באַטאַ־ליאָנען פון אצ״ל; ג) אַז עס זאָל פאַרזיכערט ווערן פרייהייט צו האַנדלען אויף אייגענער האַנט אין ירושלים, אין פאַל עס וועט געענדערט ווערן דער מלוכה־סטאַטוס פון ירושלים.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די רעגירונג האָט ניט געקענט אָננעמען די דאָזיקע תנאים, וואָס זייער טייטש איז: אָפּיצילע באַשטעטיקונג פון דעם מיליטערישן סעפּאַראַטיזם אין באַשטימטע באַדינגונגען און אַ באַהאַלטענער אָדער מאַסקיר־טער פּאָליטישער אָפּמאַך מיט דער אַרמיי פון סעפּעראַטיסטן; דאָס הייסט: אַ שעדיקונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן און סואווערענעם סטאַטוס פון דער מדינה.

מיט אַ באַזונדער נאָכדרוק דאַרף איך באַמערקן, אַז דער באַשלוס, וועלכן די רעגירונג האָט אָנגענומען לעצטן זונטיק וועגן אצ״ל, האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם מאָרד פון בערנאַדאָט. בלויז צוליב אַ צופאַל איז דער אַנטגיל־טיקער באַשלוס אָפּגעלייגט געוואָרן ביזן לעצטן זונטיק, און די חברים, וואָס האָבן זיך רעזערווירט אַ וואָטום־סעפּאַראַטום, האָבן ניט געענדערט זייער מיי־נונג אויך זונטיק, גלייך ווי דער רוב, וואָס האָט באַשלאָסן אַזוי ווי ער האָט באַשלאָסן, האָט זיין שטעלונג ניט געענדערט די גאַנצע צייט, אומאָפּהענגיק פון דעם מאָרד פון בערנאַדאָט. ווען דער אַנטגילטיקער באַשלוס וואָלט אָנגע־נומען געוואָרן מיט צוויי וואָכן פריער — וואָלט אויך ניט געווען קיין אונ־טערשייד.

ווי עס איז שוין באַקאַנט פון דער פּרעסע, האָט די רעגירונג באַשלאָסן אויפצופאָדערן אצ״ל, אויפצולעזן זיך — אָן קיין שום תנאים — און אָפּצוגעבן זיין גאַנץ געווער דער אַרמיי; גלייכצייטיק זיינען די אצ״ל־מיטגלידער אין מיליטער־עלטער, אויפגעפאָדערט געוואָרן, צו שטעלן זיך און אָנצושליסן זיך אין צבא־הגנה־לישראל, גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער פון דער מדינה.

לויטן באַשלוס פון דער רעגירונג האָט אַ פאַרשטייער פון מיליטערישן גענעראַל־שטאַב, מאָנטיק פרי, איבערגעגעבן צו אַ פאַרשטייער פון אצ״ל פאָל־גענדן אולטימאַטום:

1. אצ״ל אין ירושלים זאָל זיך פאַרפליכטן, אָפּצוהיטן די מדינה־געזעצן, וואָס זיינען נוגע מיליטער, מאָביליזאַציע און געווער.

2. אַלע אצ״ל־מיטגלידער אין מיליטער־עלטער זיינען פאַרפליכטעט אַריינצוטרעטן אין צבא־הגנה־לישראל.

3. דאָס גאַנצע געווער פון אצ״ל זאָל איבערגעגעבן ווערן צו צבא־הגנה־לישראל.

4. יעדער איינער, וואָס וועט זיך אָנשליסן אָן צבא־הגנה־לישראל, וועט אָפּגעבן אַ לאָיאַליטעט־שבועה, גלייך ווי אַלע אַנדערע זעלנער.

5. די אצ״ל־מיטגלידער וועלן זיין גלייך — אין רעכטן און פליכטן — מיט אַלע אַנדערע אידן.

6. אויב איר וועט זיך אין פאַרלויף פון 24 שעה אונטערגעבן: איר וועט אויפלעזן דעם אצ״ל און זיינע באַזונדערע רעגימענטן, איר וועט אָפּגעבן

דאָס געוועהר און וועט זיך אָנשליסן אָן צבא־הגנה־לישראל — וועט קיינער פון אייך ניט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטונג פאַר אַלץ, וואָס איר האָט ביז איצט געטאָן קעגן דעם געזעץ פון ישראל, און די באַציאונג צו אייך וועט זיין ווי צו אַלע אַנדערע אידן.

7. אויב איר וועט צו דער באַשטימטער צייט ניט אויספירן די פאָדערונגען פון דער רעגירונג — וועט די אַרמיי האַנדלען מיט אַלע מיטלען, וואָס שטייען צו איר דיספּאָזיציע".

אצ"ל האָט, ווי באַקאַנט, באַשלאָסן אָנצונעמען — אין 24 שעה — די פאָדערונגען פון דער רעגירונג, האָט איבערגעגעבן זיין געוועהר צו דער אַרמיי, און זיינע חברים שטעלן זיך אינדיווידועל צו דער אַרמיי; אין מיליטער זיינען זיי גלייך מיט אַלע אַנדערע זעלנער, און אויף וויפל עס איז מיר באַקאַנט, זיינען דאָ צווישן זיי גאָר ווייניק דעזערטירן. מיר וועלן קעגן די דעזערטירן אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען, אָבער נאָר פאַר זייער דעזערציע, ניט פאַר זייער טעראָריסטישער פאַרגאַנגענהייט — סיידן זיי וועלן פאַרזוכן ווידער אויפצושטעלן אַן אונטערגרונט־באַוועגונג אָדער אַ פאַרשטעלטן סעפּאַראַטיזם אַזוי ווי עס האָבן געטאָן די, וואָס רופן זיך „חזית המולדת" („פאָטערלאַנד־פראָנט") — פון לח"י־אָפּשטאַמונג.

לאָמיר האָפן, אַז דער קאַפּיטל פון דעם סעפּאַראַטיזם האָט זיך דערמיט פולשטענדיק פאַרענדיקט. אַלנפאַלס, קען איך, אין נאָמען פון דער רעגירונג, פאַרזיכערן דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט און דאָס גאַנצע פאָלק, אַז די צייטווייליקע רעגירונג איז דעצידירט, פון איצט אָן, אין קיין שום פאָרם, ניט צו דערלאָזן מער קיין שום סעפּאַראַטיזם אָדער אומגעזעצלעכע אָרגאַניזאַציע, און מיט אַ פעסטער האַנט אונטערצודריקן יעדע שפּראָצונג פון טעראָר און אויסצורייסן מיטן וואָרצל אַלע איבערבלייבענישן פון די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס — אויב זיי וועלן פּרובירן פאָרצוזעצן זייער עקזיסטענץ, אָפן אָדער פאַרשטעלט. איך האָף, אַז אַלע בירגער פון דער מדינה, אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי און פּאָליטישער אָנשויאונג, וועלן העלפן דער רעגירונג אין אירע דאָזיקע אָנשטרענגונגען.

## ב.

## ענטפער

דער ויכוח איז וועגן דער מדינה, צי דאַרף זי קעמפן קעגן טעראָר און געבן אין די הענט פון דער רעגירונג געזעצלעכע מיטלען דערצו, אָדער זי זאָל לאָזן שאַפן אַזאַ אָרדענונג, אַז די מיטגלידער פון די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס זאָלן האָבן די איניציאַטיוו צו מאָרדן מענטשן און אָנוואַרפן שרעק — אָן קיין שום שטראָף און אָן קעגנמיטלען. די קעגנער פון ווירקזאַמען קאַמף קעגן טעראָר באַנוצן זיך מיט יורידישע פּרינציפּן, וואָס ווערן אָנגערופן מיט שווערע און אָפּשרעקנדיקע אויסלענדישע ווערטער. די פראַגע איז אָבער די: מיר

זיינען געשאַפן געוואָרן פאַרן יורידישן פרינציפ, צי דער יורידישער פרינציפ איז געשאַפן געוואָרן פאַר אונז? יעדער יוריסט ווייסט, אַז עס איז ניט שווער, אויסצואוועבן יורידישע שפּינוועבס, אַלץ צו דערוויזן און אַלץ אָפּצופרעגן. און אויב מיר זאָלן איבערלאָזן אַן אָפן טירל אין געזעץ, וועט אין לאַנד געשאַפן ווערן אַן אָרדענונג, אין וועלכער מערדער־גרופּן, וואָס ריידן כלומרשט אין נאָמען פון דערהויבענע אידייען, וועלן קענען אַלעמען פאַרבלענדן די אויגן, אַריינציען מענטשן, וואָס אָריענטירן זיך ניט צווישן ליגנערישע לאָזונגען און צווישן דעם אמת, און די דאָזיקע וועלן זיי העלפן אין זייער טעטיקייט, וועלן זיי אויסבאַהאַלטן נאָכן אויספירן פאַרברעכערישע מעשים, און די האַנט פון געזעץ און גערעכט וועט זיי ניט דערגרייכן.

זאָל נאָר ד״ר אַלטמאַן ניט פאַרטיידיקן די אינדיווידועלע פרייהייט! וואָס איז עס פאַר אַן אינדיווידועלע פרייהייט, וואָס דערמעגלעכט טעראָריסטן צונויפצונעמען זיך אינאיינעם, כדי צו מאָרדן אומשולדיקע מענטשן! ער טענה'ט, אַז נאָר פּראָפעסיאָנעלע שופטים האָבן יורידישן פּרעסטיזש. עס איז ניט פּינקטלעך. דוקא אין די פאָרגעשריטענע מדינות עקזיסטירן געריכטן, אין וועלכע עס זיצן אַלס ריכטער פּשוטע בירגער, ניט קיין יוריסטן, ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע ריכטער. צו יעדן משפט ווערן איינגעלאַדן 12 סתם־מענטשן, און זיי באַשליסן, צי איז דער באַשולדיקטער שולדיק צי ניט. די דאָזיקע 12 מענטשן רופט מען זשורי, און די פאַכמענישע ריכטער זיינען נאָר טעכניקער, וואָס נאָך דעם פּסק־דין פון דער זשורי דאַרפן זיי זאָגן, מיט וועלכן פּאַראַגראַף זאָל מען זיך באַנוצן כדי אַרויפצולייגן די אַנטשפּרעכנדיקע שטראָף. די זשורי־ריכטער דאַרפן זיין אויסדריקלעך מענטשן אָן ריכטער־פּרעסטיזש, — זיי זיינען מענטשן פון דער גאַס, מענטשן מיט שכל הישר, ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע ריכטער.

די כוונה פון די אַנטי־טעראָר־פאַראָרדענונגען איז אַרויסצורייסן פון אונז די חרפּה פון מערדער־גרופּן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט כלומרשט־דערהויבענע פּאַטריאָטישע אידייען, דערווערבן זיך חברים מיט דער הילף פון פאַלשע לאָזונגען, און זאָגן די דאָזיקע חברים צו: אויב מען וועט אייך כאַפּן, וועט אייך גאָרנישט געשען — מיר וועלן דראָען די ריכטער.

איך וועל ניט אַנטדעקן קיין סוד, אויב איך וועל אייך דערציילן, אַז אַ סך ריכטער און פּאָליציאַנטן אין לאַנד גייען איצט אַרום אָנגעשראָקענע פון טעראָר. ביי אונז, ליידער, איז נאָך ניטאָ קיין זשורי: מענטשן, וואָס פון משפּט צו משפּט טוישט מען זיי. איך האָף, אַז מען וועט עס נאָך אַמאָל אַריינטראָגן אין אונזער געזעצגעבונג. אויך ביי אונז, ווי אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, איז גלייכער, אַז די ריכטער זאָלן זיין מענטשן פון דער גאַס, מענטשן מיט שכל הישר.

אַלס אַן אַמאָליקער סטודענט־יוריסט, ווייס איך, אַז עס זיינען פאַראַן יוריסטן, וואָס קענען דיר פאַרקרימען יעדע זאַך און אויסגעפינען סברות פול מיט פּילפּול און פאַרפּלאָנטערנדיקע פּירושים. איז טאַקע בעסער דער פּשוטער און ערלעכער צוגאַנג פון דעם מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס איז

ניט באַהאַוונט אין די פילע דיקע בענדער פון יורידישער פילפּוליסטיק, — די דאָזיקע ניט־באַהאַוונטקייט איז נאָר אַ שבח פאַר זיי. מען דאַרף קענען דיווירקלעכקייט און מען דאַרף וויסן די פאַקטן — זיי דאַרפן באַשטימען און ניט דער יורידישער פּילפּול.

מיר ווילן איצט אויפרייסן דעם שענדלעכן בלאַטער פון טעראָר, דאַרפן מיר האָבן אַ געריכט, וואָס זאָל ניט מורא האָבן פאַר די טעראָריסטן. אונזערע זעלנער ווילן זיך ניט אָפּשרעקן פאַר סטראַשונקעס, אפילו אויב מען וועט אָנוואַרפן אַ פּחד אויף זייערע פאַמיליעס, ווי די טעראָריסטן פלעגן טאָן ביז איצט. דאָס זײַנען בלויז אויסנאַם־פאַראָרדענונגען, און אויב די טעראָריסטן ווילן זיך אַמאָל איבערצייגן, אַז מיר באַנוגענען זיך ניט מיט שיינע רייד, נאָר מיר האַנדלען און קעמפן קעגן דעם טעראָר אומדערשראָקן — וועט זיין אַ האַפענונג, אַז מיר זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו די דאָזיקע פאַראָרדענונגען.

איך קען דאָ ציטירן פון אַן אויפרוף, וואָס איז נאָר וואָס דערשינען, — ער איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך לח״י, וואָס רופט זיך איצט „חזית המולדת״, און עס שטייט אין אים געשריבן: „ווער עס וועט אונז אָנרירן וועט ניט אַרויס קיין גאַנצער. מיר ווילן אָפּהאַקן די האַנט, וואָס וועט זיך אויפהייבן קעגן אונז״, — און עס קען זיין, אַז עס וועט אָפּגעהאַקט ווערן די האַנט, וועלכע איך האָב אָקאָרשט אויפגעהויבן. מיר ווילן באַשטימען ריכטער, וואָס ווילן זיך פאַר די דאָזיקע סטראַשונקעס ניט אָפּשרעקן. אין די באַדינגונגען פון אונזער ווירקלעכקייט קען דאָס געמאָלט זיין נאָר אין אַ קריגס־געריכט, ווען אפילו זיין מערהייט וועט ניט זיין יורידיש געבילדעט; עס וועט קלעקן, אויב דאָרט וועט זיין איין יוריסט, וועלכער וועט באַלויכטן — אָדער פאַרדונקלען — די מוחות פון די איבעריקע שופטים. דאָס געריכט דאַרף נאָר וויסן, צי איז די טאַט, וואָס איז צו אים געבראַכט געוואָרן, ווירקלעך אַ טעראָר־אַקט; דאָס קריגס־געריכט וועט עס וויסן און וועט ניט מורא האָבן אַרויפצולייגן אַ שטראָף, און ס׳איז גלייכער, אַז דער פאַרדעכטיקטער אין טעראָריזם זאָל זיצן אומזיסט אין טורמע, איידער עס זאָל דערמאָרדעט ווערן אַן אומשולדיקער מענטש. כל־זמן עס ווערן באַגאַנגען טעראָר־אַקטן — מוז מען באַשטראָפן אַלע די, וואָס העלפן די דאָזיקע אַקטן אויסצופירן. צוליב דעם איז נויטיק אַ קלאָר געזעץ און אַן ענערגישער, אומדערשראָקענער ריכטער. נאָכדעם ווי מיר ווילן אויסרייסן דעם טעראָר, ווילן מיר מבטל מאַכן דעם דאָזיקן גאַנצן געזעץ.

כ׳ באלול תש״ח — 9. 24. 1948

# צום פאָלק ישראל

(אַ ראַדיאָ־רעדע צו ראש־השנה)

מיט אַן זאָרג און שווערע פאַרגעפילן דערנענטערן מיר זיך צום שוועל פון דעם נייעם יאָר. אונזער עקזיסטענץ־קאַמף, דער מיליטערישער און דער פּאָליטישער, האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט. די אינוואַזיע־אַרמייען פון אונזערע פיינט געפינען זיך נאָך אַלץ אין אונזער לאַנד, און אונזערע קעגנער אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האַלטן נאָך אַלץ אין איין אין וועבן פאַרשווערונגען אויף אונזער אומאָפּהענגיקייט און אונזערע דעראָבערונגען. אויך ביי אונז אינווייניק איז ניט אַלץ גאַנץ, און די טענדענצן פון צעשטערונג און פון אַנאַרכיע מצד די נאָכפאָלגער פון טעראָר און סעפּאַראַטיזם — פון די טעג פון דער פרעמדער מאַכט — זיינען נאָך ניט געגצלעך אויסגעריסן געוואָרן.

און פונדעסטוועגן — וועט דאָס זיין דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון גלות, וואָס מיר וועלן זיך שיידן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר מיט הערצער איבערפולט מיט דאַנקבאַרקייט און באַוואונדערונג און ברכות — ווייל דאָס איז געווען אַ שפּיץ־באַרג־יאָר אין דער געשיכטע: עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן — ווען אפילו נאָר אין זיין אָנהויב — דער דורות־לאַנגער גאולה־אידעאַל, און עס איז — נאָך טויזנטער יאָרן — אַנטשטאַנען די מדינה פון ישראל, און אַנטשטאַנען איז זי ניט מיט דעם גנאָד פון פעלקער, נאָר מיט אונזער אייגענעם כוח.

די מאַנדאַט־מאַכט האָט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און איבערלאָזן אונז בירושה אַנאַרכיע און תהו־ובוהו. אַ דאַנק דער שעפערישער טראַדיציע, וואָס האָט פון שטענדיק אָן פולסירט אין ישוב, און אַ דאַנק דער טראַדיציע צו פאַרלאָזן זיך בלויז אויף אייגענע כוחות, איז אונז געלונגען איבערצוקומען די דאָזיקע בייזוויליקע פאַרשווערונג: די יונגע רעגירונג פון ישראל האָט איינגעפירט געזעץ און אָרדענונג, האָט צוריק אויפגעשטעלט און באַנייט די מדינה־דינסטן; דאָס געזעץ פון ישראל איז טעטיק אין מדינת ישראל און אין אַלע געביטן, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון אונזער מיליטער, און דאָס העכסטע געריכט פון ישראל האַלט זיין ערן־זיץ אין ירושלים.

מיט דער אויפשטעלונג פון אונזער זעלבסטשטענדיקייט האָט אין פולן פראַכט אויפגעשיינט די גבורה פון ישראל. נאָך אונטער דער מאַנדאַט־רעגירונג — און ניט אַן איר וויסן — האָבן זיך די נאַצי־נאָכפאָלגער צווישן די אַראַבישע פעלקער און די אַראַבער פון ארץ ישראל גענומען גרייטן צו

פאַרניכטן און פאַרטיליקן אונז. צוערשט רויבער־ און פאַרברעכער־באַנדעס פון דעם מופטי, היטלערס פאַרבינדעטן; דערנאָך — פאַרשטעלטע זעלנער פון די שכנותדיקע לענדער, און ענדלעך — רעגולערע אַרמייען פון עבר־הירדן, סיריע, איראַק, מצרים, סעודיה און לבנון, — זיי אַלע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן לאַנד צוצושטערן דעם אידישן ישוב, חרוב מאַכן די מדינה פון ישראל און צונישט צו מאַכן די אייביקע האָפענונג און דאָס שאַפונגס־ווערק פון די צוריקקערער קיין ציון. אַ יונגע אַרמיי פון ישראל, וואָס איז ווי איבער דער נאַכט אויסגעוואַקסען פון דעם געבענטשן באָדן פון דער אידישער הגנה, האָט זיך אָרגאַניזירט, אויסגעשולט און אויסגעשטאַטעט אין דעם סאַמע שטורעם פון דער מלחמה — האָט אָפּגעשטויסן די אַרמייען פון די פיינט, האָט אויף זיי אַראָפּגעלאָזט גרויזאַמע קלעפּ, האָט באַפרייט די ערד פון דער מדינה, האָט דורכגעבראָכן אַ וועג צו דער באַלאַגערטער ירושלים, האָט אויס־געלייזט דעם גרעסטן טייל פון דער אייביקער שטאָט — און האָט אויפגעהויבן דעם נאָמען פון ישראל אין לאַנד און אין דער וועלט אַזוי, ווי ער איז ניט געווען זינט די טעג פון די מכבים. די קאַפּיטלען פון גבורה פון צבא־הגנה־לישראל אויף די בערג פון גליל און אין די וויסטענישן פון נגב, אין גוש־עציון, עמק־הירדן און עמק־יזרעאל, אין צפת און אין חיפה, אין לוד און אין ראַמלע, און איבערהויפּט אינערהאַלב ירושלים, — זיי אַלע וועלן זיך צונויפשליסן מיט די פּראַכטפולע קאַפּיטלען פון תנ״ך פון די טעג פון יהושע בן־נון און דוד המלך.

דאָס יאָר האָבן מיר איבערגעריסן די קייטן, וואָס די פרעמדע מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אויף די טויערן פון אונזער לאַנד, און אונזער פאָטער־לאַנד האָט זיך פריי אויפגעפּראַלט פאַר די, וואָס קערן זיך צוריק קיין ציון. ניט פרעמדע באַשטימען מער די עליה־קוואָטעס פאַר אידן אין זייער לאַנד. יעדער איד אין גלות, וואָס וויל און קען ארויסגיין פון זיין וואוין־לאַנד, איז פריי צוריקצוקערן זיך צום פאָטערלאַנד פון זיין פאָלק און צו געניסן פון אידישער אומאָפּהענגיקייט אין דער מדינה פון ישראל. אונזער לאַנד איז איצט אָפן פאַר אַלע זין פון דעם אידישן פאָלק, וואָס ווילן בויען און אויפ־געבויט ווערן אין אים.

דאָס יאָר זיינען מיר אויך געפּרואווט געוואָרן דורך שמערצלעכע און געפערלעכע אינערלעכע קריזיסן: די אָרגאַניזאַציעס פון די סעפּאַראַטיסטן האָבן אויפגעהויבן זייער האַנט אויף דער סוּווערעניטעט פון דער מדינה און איר אויטאָריטעט, באַלד נאָכן אויפשטעלן די מדינה און אויך אין די לעצטע טעג. מיר זיינען איבערגעקומען די דאָזיקע קריזיסן, מיר האָבן געלאָזט דאָמינירן די העכסטע קאָמפּעטענץ פון דער מדינה, מיר האָבן ליקווידירט דעם מיליטערישן סעפּאַראַטיזם — אויב נאָך ניט גענצלעך, איז אין אַ דע־צידירנדיקער מאָס — און מיר האָבן אויפגעהויבן דעם נאָמען פון דער יונגער מדינה — אינווייניק און אין דרויסן.

דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, האָבן מיר היי־יאָר געשיקט שטענדיקע, אָנערקענטע און קאָמפּעטענטע אַמבאַסאַדאָרן

צו די פעלקער פון דער וועלט. ניט ווי שתדלנים, וואָס דרייען זיך אַרום אין די קאָרידאָרן פון די וועלט־תקיפים, נאָר ווי גלייכבאַרעכטיקטע רעפּרע־זענטאַנטן פון אַן אומאָפּהענגיקער מדינה צו די רעגירונגען פון אַנדערע אומ־אָפּהענגיקע מדינות, זיינען געשיקט געוואָרן די פאָרשטייער פון ישראל.

מיט אַ באַזונדערער אַכטונג וועלן מיר געדענקען די צוויי מעכטיקע מדינות, וואָס האָבן די ערשטע אָנערקענט די רעגירונג פון ישראל — די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם ראַטנפאַרבאַנד; מיר שטאָלצירן דערמיט, וואָס די פאָן פון דער באַפרייטער ציון פלאַטערט אין דיביידע וועלט־הויפּטשטעט — אין מאָסקווע און אין וואַשינגטאָן — און וואָס די פענער פון די דאָזיקע צוויי גרויסע לענדער פלאַטערן צוזאַמען אין מדינת ישראל.

די צוויי גרויס־מאַכטן זיינען ניט געבליבן איינזאַם אין דער אָנערקענונג פון ישראל, און די צאָל פון די פרייהייט־ליבנדע מדינות, וואָס האָבן אנערקענט אונזער יונגע מדינה, וואַקסט פון חודש צו חודש.

ניט נאָר מיטן כוח פון דעם ישוב און פון צבא־הגנה־לישראל האָבן מיר דאָס אַלץ דערגרייכט. אויסער דער מאָראַלישער הילף, וואָס עס האָבן אונז אויסגעשטרעקט די צוויי גרויסע מדינות און אייניקע פון זייערע פאַרבינדעטע, איז אונז בייגעשטאַנען די פּוילע און געטרייע אונטערשטיצונג, וואָס עס האָט אונז געגעבן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פון גאָר דער וועלט, אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי און קלאַס — מאַטעריעלע און גייסטיקע, פיזישע און זעלישע אונטערשטיצונג.

די ערנסטע געפאַר, וואָס האָט געלויערט און לויערט נאָך אַלץ אויפן אידישן ישוב אין ארץ ישראל; די אויפריכטונג פון מדינת ישראל, און די מעכטיקע טאַטן פון צבא־הגנה־לישראל — האָבן אַרויסגעבראַכט פון די טיפענישן פון דער פאָלקס־נשמה ליבע, זאָרג און טיפסטע געטריישאַפט צו ציון, וואָס שיינט אַרויס צום פאָלק מיט אַ ניי ליכט; צו ציון, וואָס גייט אָפּ מיט בלוט און קעמפט פאַר דער פרייהייט און גאולה פון ישראל. פון אַלע גלות־לענדער זיינען געקומען פרייוויליקע אידן, צו קעמפן אין דער אַרמיי פון דער יבשה, לופט און ים; אונזערע מיליטערישע אָנשטרענגונגען, ווי אויך די פּאָליטישע און די קאָנסטרוקטיווע, זיינען מיט גרויס ליבע אונ־טערגעשטיצט געוואָרן און ווערן נאָך אונטערשטיצט דורך די אידישע מאַסן אין גאָר דער וועלט. אָן דער פולער און געטרייער הילף פון דעם פאָלק ישראל וואָלטן מיר איינע אַליין ניט איבערגעקומען די געפאַרן און מיר וואָלטן ניט געשטאַנען דאָרט, וואו מיר שטייען איצט.

מיר שטייען אויפן שוועל פון אַ ניי יאָר, און עס קען זיין, אַז דינאָענטסטע טעג וועלן זיין טעג פון אַנטשיידונגען. עס שטייען נאָך אונז פילייכט פאַר שווערע טעג פון נסיון — סיי אויפן מיליטערישן און סיי אויפן פּאָליטישן פראָנט. לאָמיר באַגעגענען די קומענדיקע טעג ניט מיט אָפּהענטיקייט און מאַכטלאָזיקייט. מיר האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן פּאַטער פון ישראל — און אונזער בטחון האָט אונז ניט פאַרפירט, — גלויבן מיר, אַז ער וועט אונז אויך ווייטער ניט פאַרפירן. אונזער מיליטער וועט אויך להבא — אויב עס

וועט נויטיק זיין — אַראָפּלאָזן צושמעטערנדיקע קלעפּ אויפן קאָפּ פון אונזערע פיינט; מיר וועלן אָבער ניט שפּאָרן קיין שום אָנשטרענגונג אום שנעל צו דערגרייכן אַן אמת׳ן שלום, אַ פעסטן בכבודיקן שלום, וואָס זאָל עפענען אַ נייַ קאַפּיטל אין אונזער יונגער מדינה; אַ קאַפּיטל פון מאַסן־עליה און קיבוץ גלויות, אַ קאַפּיטל פון ברייט־צוגיקער קאָלאָניזאַציע און אינטענסיווער אויפבוי־אַרבעט, אַ קאַפּיטל פון סאָציאַלן פּראָגרעס און עקאָנאָמישן אויפבלי, אַ קאַפּיטל פון נאָרמאַלע שכנים־באַציאונגען און פון קעגנזייטיקער הילף מיט אַלע אַראַבישע פעלקער — צום גונסטן פון שלום און אויפשטייג אין נאָענטן מזרח און אין גאָר דער וועלט.

די רעגירונג פון ישראל שיקט איר ברכה צום נייעם יאָר צו די פאַר־טרויערטע און שטאָלצע עלטערן, פאָטערס און מוטערס, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע טייערע קינדער אין דער מלחמה פאַר אונזער אומאָפּהענגיקייט! צו די טרייע זעלנער און זעלנערינס אין צבא־הגנה־לישראל — אויף דער יבשה, אין דער לופט און אויפן ים; צו אַלע איבערגעגעבענע אַרבעטער, וואָס אַ דאַנק זייער צניעותדיקן פלייס זיינען צוגעגרייט און געשאַפן געוואָרן די כלים פאַר אונזער פאַרטיידיקונג; צו אַלע בירגער פון דער מדינה און אירע בויער; צו די פאַרהאַלטענע אין די לאַגערן אין ציפּערן און צו דער שארית־הפליטה אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע לענדער; צו אַלע אידישע גלותן אין מזרח און אין מערב; צו יעדן מאַן און פרוי פון פאָלק פון ישראל אין אַלע זיינע תפוצות. — הלואי זאָל דאָס קומענדיקע יאָר ניט פאַרשעמען דאָס פאַרגאַנגענע, הלואי זאָל עס ברענגען שלום, אויפבלי און עליה אין מדינת ישראל, און פרייהייט, כבוד, זיכערהייט און פעלקער־ברידער־לעכקייט אין גאָר דער וועלט.

9. 27. 1948 — כ״ג באלול תש״ח

# אַ קאָמבינירטער קאַמף

(אויף דער צוואַנציקסטער זיצונג פון דעם ציטווייליקן מדינה־ראַט, תל־אביב)

רבותי! איך האָב ניט וואָס צוצוגעבן צו די רייד פון דעם אויסערן־מיניסטער. איך וויל נאָר קלאָר מאַכן אייניקע גרונט־הנחות, וואָס די אויסערן־פּאָליטיק פון מדינת ישראל דאַרף זיך, לויט מיין מיינונג, אויף זיי באַזירן.

די ערשטע און עיקרדיקע הנחה איז אַן איינפאַכע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע: עס שטייט אונדז פאַר אַ קאָמבינירטער קאַמף, אַ מיליטערישער און אַ פּאָליטישער; ביידע זייטן פון דעם דאָזיקן קאַמף הענגען אָפּ איינער פון דעם אַנדערן, און עס איז ניט אָנצונעמען, אַז נאָר איינער פון די דאָזיקע צוויי פאַקטאָרן — דער מיליטערישער אָדער דער פּאָליטישער — וועט אַנטגילטיק דעצידירן אין דער איצטיקער צייט.

אין דעם דאָזיקן טאָפּלטן קאַמף דאַרף מען זען צוויי קרייזן פון אינטערעסן, כוחות־פאַרהעלטעניסן און ווידערשפּרוכן: אַ קליינער קרייז פון אינטערעסאַנטן, וואָס באַטייליקן זיך דירעקט אין קאַמף — אידן און אַראַבער; אַ גרויסער קרייז פון דער וועלט, פון די וועלט־כוחות, וואָס אויך זיי, און ניט פון היינט אָן, האָבן אינטערעסן אין ארץ־ישראל און אויך צווישן זיי זיינען דאָ ווידערשפּרוכן.

ווען מיר וואָלטן געשטאַנען נאָר אין דעם ערשטן קרייז, און דער צווייטער קרייז וואָלט בכלל ניט עקזיסטירט, וואָלט דעצידירט דער מיליטערישער פאַקטאָר אַליין. די אַראַבער האָבן געגלויבט, אַז זייער מיליטערישער כוח וועט דעצידירן, — זיי האָבן באַוואוסטזיניק פאַרמאַכט די אויגן אויף דעם גרויסן קרייז. זייער מיליטערישער חשבון האָט זיי אָבער פאַרפירט. אין די שלאַכטן האָבן זיי געהאַט די אונטערהאַנט, און ווען מען וואָלט געלאָזט די מיליטערישע כוחות־פאַרהעלטעניסן אין דעם קליינעם קרייז צו דעצידירן — וואָלטן מיר אויסגעפירט ניט נאָר דעם יו־ען באַשלוס פון דעם 29־טן נאָוועמבער, נאָר מיר זיינען געווען אימשטאַנד, לויט מיין מיינונג, צו פאַרווירקלעכן די גאַנצע בילטמאָר־פּראָגראַם. אָבער דער קליינער קרייז אַליין קען ניט אַנטשיידן, ווייל אין דעם צווייטן, אין דעם וועלט־קרייז, שטויסן זיך צונויף פאַרשיידענע טרייב־קרעפטן, פריינטלעכע און פיינטלעכע, און אָט דאָ שפּילט זיך אָפּ אונדזער פּאָליטישער קאַמף.

עס שיינט מיר, אַז אין דעם איצטיקן צייט־אָפּשניט האָבן מיר אַ גרעסערן פאָרצוג אויפן מיליטערישן פראָנט, איידער אויפן פּאָליטישן, ווייל דער פּאָליטישער כוחות־באַלאַנס איז ניט דורכאויס צו אונדזער גונסטן. דעריבער ווייזט

מיר אויס, אַז מיר קענען זיך ניט פאַרלאָזן בלויז אויפן פּאָליטישן קאַמף, אָבער אויך דער מיליטערישער קאַמף, הגם ער קען זיין צו אונזער גונסטן, וועט ניט איבערוועגן די וואָג־שאָל. עס זיינען פאַראַן אין דער וועלט כוחות, וועלכע וואָלטן דערצו ניט דערלאָזט.

איך וועל זיך קורץ אָפּשטעלן אויף דעם גרויסן קרייז. עס איז דאָ אַ פאַלשע מיינונג, אַז דער דאָזיקער קרייז טיילט זיך פשוט אויף צוויי טיילן: מזרח און מערב. דער מזרח איז אין אַ גרויסער מאָס איינהייטלעך; דער מערב אָבער איז ניט אַזוי איינהייטלעך — איך רייד פון שטאַנדפּונקט פון ארץ־ישראל. פאַר אונז איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד; עס איז אויך דאָ אַן אונטערשייד צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך; עס איז דאָ אפילו אַן אונטערשייד צווישן אַמעריקע און אַמעריקע אַליין, און מיר טאָרן זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון די דאָזיקע אונטערשיידן. מיר דאַרפן זיך געניט אָריענטירן אין די דאָזיקע אונטערשיידן, כדי מיר זאָלן קענען געפינען אונזער וועג אין דעם דאָזיקן כפול־שמונה׳דיקן פּלאָנטער.

מיר שטייען איצט ווידער פאַר דעם פּלענום פון דער יו־ען, פאַר דעם זיכערקייטס־ראַט, וואָס האָט זיך פאַרלויפיק באַשטימט, אַלס אַ גרויסער פאַקטאָר אין באַצוג צום ארץ־ישראל־פּראָבלעם. און מיר דאַרפן זיך פרעגן: צי וועט קומען אַן אנטגילטיקע דעציזיע מצד דעם יו־ען־פּלענום, מצד דעם זיכערקייטס־ראַט? איך צווייפל אין דעם. עס קען זיין, אַז עס וועט זיך געפינען אַ מערהייט פון צוויי דריטל פאַר עפּעס; און אויב עס וועט דערגרייכט ווערן אַזאַ מערהייט, קען זיין, אַז אין איר וועלן זיין סיי אַמעריקע און סיי רוסלאַנד, און עס קען זיין, אַז ניט. לאָמיר אפילו אָננעמען, אַז עס וועט זיין אַ רוב פון צוויי דריטל, און אין דעם דאָזיקן רוב, ווי פאַראַיאָרן, וועלן ווידער זיין אַמע־ריקע און רוסלאַנד — וועט אַזאַ מאַיאָריטעט־באַשלוס ברענגען צו אַנטגילטיקע אַנטשיידונגען דאָ אין לאַנד? — איך צווייפל ווידער. אודאי זיינען די כוחות, וואָס שטייען הינטער אַ מערהייט פון צוויי דריטל אין דער יו־ען אימשטאַנד צו פאַרווירקלעכן יעדן באַשלוס, וואָס זיי נעמען אָן — די פראַגע איז נאָר, צי שטייען די מיליטערישע כוחות הינטער אַ מערהייטס־באַשלוס? אַמעריקע און רוסלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן אָן ספק גענוג כוח אויפצוצווינגען אונז אַלעמען, דאָ אין לאַנד, זייער ווילן, — די כוחות פון דעם קליינעם קרייז וועלן זיך ניט קענען קעגנשטעלן און זיי וועלן זיך מוזן אונטערגעבן. די פראַגע איז אָבער: אין וואָס פאַר אַ מאָס זיינען די גרויסע אין דעם גרויסן קרייז גרייט צו לאָזן אין גאַנג זייערע כוחות, כדי זייער באַשלוס וועגן ארץ־ישראל זאָל אויסגעפירט ווערן? מיר מוזן פּרעציז אונטערשיידן צווישן צוויי גאָר פאַרשיידענע זאַכן: צווישן דער שטעלונג פון די רעגירונגען און די פּאָליטיקער אין דער פראַגע פון ארץ־ישראל און צווישן זייער גרייטקייט צו לאָזן אין גאַנג די כוחות, וואָס שטייען צו זייער דיספּאָזיציע, לטובת דער דאָזיקער שטעלונג; אויב איר ווילט — לאָמיר אונטערשיידן צווישן דער פּאָליטישער שטעלונג פון די פאַרשידענע רעגירונגען און צווישן זייער מי־ליטערישער שטעלונג — אין באַצוג צו ארץ־ישראל.

מיר האָבן צוויי באַלערנדיקע ביישפּילן פון דעם איצטיקן יאָר. ערשטער ביישפּיל: דער יו־ען־באַשלוס פון נאָוועמבער 1947 איז אָנגענומען געוואָרן מיט מער פון צוויי דריטל שטימען, און צווישן די צוויי דריטל זיינען אויך געווען אַמעריקע און דער ראַטנפאַרבאַנד, — און דאָך איז דער באַשלוס ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און די אַראַבער האָבן געוואָגט צונישט צו מאַכן דעם ווילן פון דער יו־ען. און אויב זייער מיליטערישער כוח וואָלט זיי בייגעשטאַנען אויסצופירן דאָס, וואָס זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן צו טאָן — וואָלט קיין זכר ניט פאַרבליבן פונם יו־ען־באַשלוס און אויך פון די אידן אין ארץ־ישראל, און זיכער וואָלט קיין זכר ניט געווען פון מדינת ישראל, און קיינער אין דער יו־ען וואָלט אפילו ניט אַ פּיפּס געטאָן. והראיה: אַז די אַראַבער זיינען אונז בייגעקומען — פאַרלויפיק — אין אַלט ירושלים, האָט טאַקע קיינער דאָס מויל ניט געעפנט אַנטקעגן דער פאַרשוועכונג פון דער הייליקער שטאָט און קעגן דעם ברוך פון די יו־ען־באַשלוסן וועגן דעם באַזונדערן סטאַטוס פון ירושלים. און נישט אויפן סמך פון די יו־ען־באַשלוסן געפינט זיך די נייע ירושלים אין אונזערע הענט.

אַ צווייטער ביישפּיל: אָנהויב חודש מאי האָבן אונז געוואָרנט אייניקע פון די וועלט־תקיפים, — דוכט זיך, אַז מאַרשאַל איז געווען איינער פון זיי, — ניט צו פּראָקלאַמירן די אויפשטעלונג פון מדינת ישראל. עס האָבן זיך געפונען גוטע פריינט, וואָס האָבן אונז געזאָגט, אַז מיר האָבן קיין ברירה ניט און אַז עס איז גלייכער אונטערצוגעבן זיך צו מאַרשאַל׳ס פאָדערונג, — און די דאָזיקע יועצים זיינען דאָך אודאי גערעכט געווען. הינטער מאַרשאַלן איז געשטאַנען אַ מעכטיקע קראַפט, אַזאַ וואָס קיין שום אידישער כוח אין ארץ ישראל און אין דער גאַנצער וועלט וואָלט זיך אים ניט געקענט אַנטקעגנשטעלן. מיר האָבן קיינע אויסזיכטן ניט אין אַ פאַרמעסטונג מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי. און ווען מיר האָבן ניט אָנגענומען מאַרשאַל׳ס מיינונג, האָבן מיר געהאַנדלט אַזוי, ניט ווייל מיר האָבן זיך איינגעבילדעט, אַז אונזער כוח איז גרעסער פון מאַרשאַל׳ס כוח, — מיר זיינען ניט דערגאַנגען ביז צו אַזאַ מין נאַרישקייט, — נאָר ווייל מיר האָבן געצווייפלט — און מיט רעכט — צי איז מאַרשאַל גרייט צו לאָזן אין גאַנג דעם כוח, אין וועמענס נאָמען ער רעדט, כדי צו באַשטיין אויף זיינס, אַז מדינת ישראל זאָל ניט אַנטשטיין. די מדינה איז אַנטשטאַנען טראָץ מאַרשאַל׳ס קעגנערשאַפט, און דער אַמעריקאַנער כוח איז ניט געלאָזן געוואָרן אין גאַנג קעגן אונז. ווען עס וואָלט יאָ אַזוי געשען, וואָלט די מדינה ליקווידירט געוואָרן אין איין אויגנבליק. געשען איז פּונקט דער היפּך: אַמעריקע האָט באַלד אָנערקענט די מדינת־ישראל דע־פאַקטאָ, הגם נאָך ניט דע־יורע.

ווען מיר וואָלטן זיך ניט אָריענטירט צווישן וואָס אַ רעגירונג זאָגט און צווישן וואָס זי איז גרייט און איז מסוגל צו טאָן, וואָלט די אידישע מדינה ניט אַנטשטאַנען. דער טעות פון די, וואָס האָבן אונז געראָטן ניט אויפצושטעלן די מדינה, איז באַשטאַנען ניט אין דעם, וואָס זיי האָבן איבערטריבן אין דער אָפּשאַצונג פון דעם כוח, וואָס שטייט הינטער מאַרשאַל׳ן — דאָ איז ניט

געוועןן קיין שום איבערטרייבונג — נאָר ווייל זיי האָבן ניט געקענט אונטער־שיידן צווישן דאָס, וואָס דער אַמעריקאַנער פּאָרשטייער זאָגט, און צווישן דאָס, וואָס דאָס אַמעריקאַנער מיליטער טוט.

און איצט זיינען מיר ווידער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ פּאָליטישן גע־ראַנגל — אינערהאַלב דעם גרויסן קרייז. טעאָרעטיש זיינען פאַראַן דריי מעגלעכקייטן, ווי אַזוי צו לעזן דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם: 1) אַ אידיש־אַראַבישער הסכם; 2) אַן אַנטשיידונג דורך דער יו־ען און דעם זיכערקייטס־ראַט; 3) אַ מיליטערישע דעציזיע אין דער אידיש־אַראַבישער מלחמה. די ערשטע ·מעגלעכקייט — אידיש־אַראַבישער הסכם — וואָס אין איצטיקן מאָמענט כמעט עקזיסטירט זי ניט, באַדייט: אַ מינימאַליסטישע לעזונג — פון דעם אידישן שטאַנדפּונקט. אויב מיר זאָלן אפילו אַננעמען, — איך צווייפל אין דעם, — אַז אין איצטיקן מאָמענט זאָל געמאָלט זיין אַ אידיש־אַראַבישער אָפּמאַך, איז עס נאָר מיט אַן אַראַבישער הסכמה צום מינימום שבמינימום — און איך ווייס ניט, צי עס וואָלטן זיך געפינען אַ סך אידן, וואָס זאָלן דערצו מסכים זיין.

דורך אַן אַנטשיידונג פון דער יו־ען וואָלטן מיר אָן ספק געקענט באַקומען פיל מער, ווי דורך אַ הסכם מיט די אַראַבער — אין איצטיקן מאָמענט. דאָ דערוועקן זיך אָבער דריי פראַגן — און אַלע דריי זיינען גלייך וויכטיק:

1) אויב די אַראַבער וועלן זיך קעגנשטעלן אַזאַ אַנטשיידונג, — און מען דאַרף אַננעמען, אַז זיי וועלן זיין קעגן, וועט אפילו די אַנטשיידונג וועט ניט זיין — לויט אונזער מיינונג — צו אונזער גונסטן, — מיט וואָס וועט זיך אונטערשיידן דער כוח פון דער דאָזיקער אַנטשיידונג פון דעם כוח פון דער אַנטשיידונג פון דער יו־ען אין נאָוועמבער 1947?

2) צי זיינען פאַראַן אויסזיכטן, דאָס מיט אונזער אויפקלערונג אין דער יו־ען — אפילו מיט דער פלייסיקסטער און געלינגענסטער אויפקלערונג — זאָלן מיר ברענגען דערצו, אַז דער נגב זאָל בלייבן אין אונזערע הענט, אַז מיר זאָלן באַקומען לכל הפחות די נייע ירושלים, אַז מיר זאָלן האָבן אַ גענוג־ברייטן קאָרידאָר צו ירושלים, אַז ראַמלע און יפו זאָלן בלייבן אין דער אידישער מדינה, אַז דער גליל המערבי און דער גליל המרכזי זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אין דער מדינה, אַז דער פּאָרט אין אילת זאָל פאַרבלייבן אונזערער, אַז מיר זאָלן האָבן אַ פרייען און דירעקטן צוטריט צום ים המלח, און אַז חיפה זאָל זיין פריי פון אַ וועלכער עס איז אויסערלעכער קאָנטראָל? — און אויב עס וועט געשען אַ נס און אַזאַ מין החלטה וועט אָנגענומען ווערן מיט אַ מערהייט פון צוויי דריטל — צי וועלן מיר ניט דאַרפן מלחמה האַלטן פאַר דעם דאָזיקן באַשלוס, אַזוי ווי מיר זיינען געווען געצוואונגען דאָס יאָר מלחמה צו האַלטן פאַר דעם נאָוועמבער־באַשלוס?

3) צי איז דאָ אַ גרונט אָנצונעמען, אַז אויב די יו־ען וועט דאָסמאָל באַשליסן, ווי אַזוי זי וועט באַשליסן, וועגן ארץ־ישראל — וועט זי זיך באַנוצן מיט דעם גאַנצן נויטיקן כוח, כדי די דאָזיקע באַשלוסן אויסצופירן? אין

פאַל, אויב זיי וועלן ניט אויסגעפּירט ווערן, וועלן מיר קומען צו דער דריטער מעגלעכקייט: אַ מיליטערישע דעציזיע אין לאַנד. לויט מיין מיינונג, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אין פאַל פון אַ מיליטערישער אַנטשיידונג, זאָל אונז געלינגען איינצונעמען דעם וועג צום נגב און צו אילת און צום ים־המלח, פאַרזיכערן דעם נגב אין אונזער באַזיץ, אויסברייטערן דעם קאָרידאָר צו ירושלים פון צפון און פון דרום, באַפרייען דעם רעשט פון ניי־ירושלים (שייך דזשעראַך, דער אוניווערזיטעט־געביט און „הדסה״) און אויך איינגעמען די אַלטע שטאָט, פאַרכאַפּן דעם גליל המרכזי און דעם גליל המערבי און אויסברייטערן די גרענעצן פון דער מדינה אויך אין אַנדערע ריכטונגען.

טעאָרעטיש עקזיסטירן די דאָזיקע דריי אַלטערנאַטיוועס. פאַקטיש אָבער קען זיך אַרויסשטעלן, אַז די ענינים זאָלן זיין פיל פאַרפּלאָנטערטער און קאָמפּליצירטער ווי מיר קענען זיך עס פאָרשטעלן בלויז מיט אַ לאָגישן אַנאַליז. עס קען טרעפן, אַז ניט אַלע אַראַבער, נאָר בלויז איינער פון די אַראַבישע כוחות זאָל אָננעמען די אַנטשיידונג פון דער יו־ען און זאָל אפילו וועלן קומען צו אַ דירעקטן הסכם מיט אידן. עס קען אויך זיין, אַז באַשטימטע פאַק־טאָרן אין דער יו־ען, נאָכדעם ווי עס וועט זיי געלינגען צו באַקומען די קוואַליפיצירטע מערהייט פאַר זייער פאָרשלאָג, זאָלן דאָסמאָל פאַרזוכן צו באַנוצן זיך מיט מער כוח און מער דרוק אום צו פאַרווירקלעכן דעם באַשלוס.

אַלנפאַלס איז קלאָר, אַז מיר וועלן זיך דורכאויס קעגנשטעלן בערנאַ־דאָטס פּראָגראַם, אַזוי ווי עס האָט שוין דערקלערט דער אויסערן־מיניסטער, און אַז אויך די אַראַבער וועלן זיך קעגנשטעלן — צוליב פאַרקערטע מאָטיוון. בלייבן, הייסט עס, איבער צוויי פּראַקטישע אַלטערנאַטיוועס: צוריק צו נאָוועמבער 1947; דאָס הייסט — אַן אַנטשיידונג פון דער יו־ען אָן אינטער־נאַציאָנאַלן ווילן און כוח צו פאַרווירקלעכונג; אָדער אַ מיליטערישע דעציזיע — אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָדער אַ אידיש־אַראַבישע.

און דערווייל האָבן מיר זיך באַרייכערט מיט אַ נייער דערפאַרונג, וואָס הייסט פייער־פויזע. עס זיינען דאָ אין דער פייער־פויזע צוויי עלעמענטן: דאָס וואָס די יו־ען האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אַן אַנטשיידונג מיט כוח, און דאָס, וואָס עס איז ניט דערלאָזן געוואָרן, אַז אידן אָדער אַראַבער זאָלן אַנטשיידן מיט כוח. עס איז אָבער א ספק, צי טראָגט אין זיך די פייער־פויזע אַ לעזונג — סיי צום גונסטן פון די אידן און סיי פון די אַראַבער. די פייער־פויזע האָט נאָר דערוויזן, אַז אין דעם גרויסן קרייז געפינען זיך אַזעלכע, וואָס זאָרגן דערפאַר, אַז דער אידישער מיליטערישער פאַרצוג — זאָל ניט איבערוועגן די וואָגשאָל. אויב הינטער דער דאָזיקער זאָרג איז די פּאָליטישע שטעלונג פון פאַרשיידענע רעגירונגען, און ניט די מיליטערישע קראַפט, וואָס זיי זיינען גרייט צו לאָזן אין גאַנג — איז עס ניט נויטווענדיק, אַז מיר זאָלן זיך אונ־טערגעבן דער דאָזיקער פּאָליטיק פון פייער־פויזע.

מיר זיינען ניט פריי אין באַנוצן זיך מיט אונזער מיליטערישער קראַפט. אפילו גרעסערע און שטאַרקערע מדינות פון אונז זיינען ניט גאָר פריי אין דער דאָזיקער הינזיכט. אין אונזער היינטיקער וועלט הערשט אַן אַלגעמיינע

קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט. און אַזאַ יונגע און קליינטשינקע מדינה, ווי אונ־זערע, איז פילפאַכיק מער אָפּהענגיק. מיר דאַרפן זיך אָבער ניט אָפּזאָגן פאָרויס און אין אַלע באַדינגונגען פון אונזער רעכט צו באַנוצן אונזער מיליטערישן כוח — אפילו ווען מיר אנערקענען (און מיר מוזן אנערקענען), אַז אונזער פרייהייט אויפן דאָזיקן געביט איז ביז גאָר אַ באַגרענעצטע. עס גענוגט ניט סתם אַ באַפעל פון דרויסן, אַז מיר זאָלן גיין פאַרלירן דעם הויפּט־פאַקטאָר אין אונזער פּאָליטישן געראַנגל — דעם פאַקטאָר פון אונזער מיליטערישן כוח.

מען קען ניט פאָרויסזען אַלע מעגלעכע פּאָליטישע אַנטוויקלונגען. מען קען ניט זאָגן אויפן גרונט פון אַ פאַרגלייך: ווי באַלד פאַראיאָרן האָט די יו־ען באַשלאָסן און האָט דערביי ניט געהאַט דעם כוח און דעם ווילן דעם באַשלוס צו פאַרווירקלעכן — איז אַ ראיה אַז דאָסמאָל וועט אויך אַזוי זיין. עס איז ווייט ניט זיכער, אַז דאָסמאָל וועט אויך אַזוי זיין.

וואָס אַן אמת, די לאַגע אין דעם גרויסן קרייז האָט זיך ניט פיל געענדערט אין פאַרלויף פון דעם יאָר, אָבער די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער ארץ ישראלדיקער ווירקלעכקייט — די אויפשטעלונג פון דער מדינה און די נצחונות פון אונזער מיליטער — האָבן זיך געלאָזט פילן אויך אין באַצוג צו אייניקע פאַקטאָרן אין דעם גרויסן קרייז. און נאָר אין גרונט פון דער זאַך זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע וויכטיקע ענדערונגען. עס לאָזט זיך ניט גלויבן, אַז אַלע צדדים, וואָס באַטייליקן זיך אין דער יו־ען, זאָלן שיקן מיליטערישע כוחות קיין ארץ ישראל, כדי אויסצופירן באַשלוסן פון דער יו־ען. אין דער דאָזיקער הינזיכט איז די לאַגע ערגער אין פאַרגלייך מיט פאַראיאָרן. קען מען דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז איינער פון די צדדים וועט זיך באַנוצן מיט כוח? עס איז שווער אָנצונעמען, אַז דאָס וועט זיין ענגלאַנד אַליין. ווען ענגלאַנד וואָלט געוואָלט און געקענט באַנוצן זיך מיט כוח — וואָלט זי דאָס געטאָן אין פאַרלויף פון דעם איצטיקן יאָר. ענגלאַנד איז אַקטיוו געווען ביי און אין לאַנד מער פון אַ וועלכער עס איז אַנדערער מדינה. זי איז בעצם די, וואָס האָט אָרגאַניזירט די מלחמה קעגן אונז. זי האָט אָן ספק געוואָלט, אַז מיר זאָלן באַזיגט ווערן. און דאָך האָט זי עס געקענט טאָן ניט אַליין, נאָר מיט דער הילף פון געדונגענע אַראַבער. און עס גלויבט זיך ניט, אַז איצט זאָל מען דערלויבן ענגלאַנד אַליין — אָדער זי זאָל וואָגן — צו שיקן מיליטער קיין ארץ ישראל.

גלייך אַזוי גלויבט זיך ניט, אַז אַמעריקע אַליין זאָל דאָס טאָן. אודאי האָט זי גענוג כוח דערצו. אַ קליינער טייל פון איר כוח וואָלט גענוגט, אַז זי זאָל אויפצווינגען איר ווילן אויף אַלע צדדים אין לאַנד. עס איז אָבער מער ווי צווייפלהאַפט, צי וועט אַמעריקע שיקן מיליטער קיין ארץ ישראל — באַזונדערס אויב דער צווייטער טייל אין דער יו־ען וועט זיך ערנסט קעגנשטעלן. טראָץ דער וואַקסנדער שפּאַנונג אין דער וועלט, גלויבט זיך ניט, אַז עמיצער זאָל וועלן אָנהויבן אַ מלחמה צוליב ארץ ישראל, און דעריבער איז ווייט ניט זיכער, אַז די אָנטשיידונג פון דער יו־ען — מיט איר רעאַליזירונגס־קראַפט

— זאָל זיך דאַסמאָל אַ סך אונטערשיידן פון דעם, וואָס עס איז געווען פאַראַיאָרן.

אָט אַזוי שטייען מיר אין אַ כישוף־קרייז — אויסגעלייגט מיט דער פייער־פויזע — און מיר קענען לאַנג ניט פאַרבלייבן אין דעם דאָזיקן קרייז. איך צווייפל אויך, צי די אַראַבער קענען עס טאָן. אָבער פאַר זיי דאַרפן מיר ניט זאָרגן. מיר האָבן ניט איינגעלאַדן זייערע אַרמייען אַהערצו און מיר האָבן זיי ניט געבעטן צו עפּענען אַ קריג קעגן אונז. אָבער מיר קענען בשום אופן ניט אָנהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ. ניט צוליב פינאַנציעלע מאָטיוון, — ווען מיר זאָל אפילו אימשטאַנד זיין צו פינאַנסירן די פייער־פויזע, אומבאַגרע־נעצט — טאָרן מיר דאָס ניט טאָן. די פאָרזעצונג פון דעם סטאַטוס־קוואָ מאַכט צונישט די עצם באַשטימונג פון דער מדינה. מיר האָבן דאָך אויפגעשטעלט די מדינה ניט צוליב דעם פאַרגעניגען פון אומאָפּהענגיקייט (אמת, אַ גוואַל־דיקער פאַרגעניגן), פון וועלכן עס וועלן געניסן די 700 טויזנט אידן, וואָס געפינען זיך אין לאַנד. די אומבאַגרענעצטע פאָרזעצונג פון דער איצטיקער לאַגע באַדייט: שעדיקונג פון דער עליה און פון דער קאָלאָניזאַציע אָדער זייער פולע פאַראַליזירונג. עליה און קאָלאָניזאַציע אין דימענסיעס, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן אונזער היסטאָרישן באַדאַרף — ווי פון דער מדינה, אַזוי פון דעם פאָלק אין די גלות־לענדער — לאָזן זיך ניט פאָרן מיט דער אויפהאַל־טונג פון אַ גרויסער אַרמיי. אָדער די מיליטאַריזירונג פון אונזער מדינה, אָדער עליה און קאָלאָניזאַציע. מען קען ניט אַנטלויפן פון דער דאָזיקער דילעמע. מיר וואָרפן אויך אָפּ די מיליטאַריזירונג צוליב איר אַליין: מיר ווילן ניט אויפשטעלן אין ארץ ישראל אַ שלעכטע צי אַ גוטע אויפלאַגע פון ספּאַרטאַ.

און שטייענדיק איצט פאַר אַ וויכטיקער, פיליכט דעצידירנדיקער, שטופּע אין דעם פּאָליטישן געראַנגל, טאָרן מיר ניט פאַרזען די הויפּט־הנחה, מיט וועלכער איך האָב אָנגעהויבן מיינע רייד: דאָס איז אַ קאָמבינירטער קאַמף. דער פּאָליטישער פאַקטאָר בלייבט ניט אומבעאיינפלוסט פון דעם מיליטערישן פאַקטאָר. לויט דער איצטיקער לאַגע אויף אונזערע פראָנטן, גלויבט זיך ניט, אַז עס וועט זיין אַ געווינטשענע לעזונג — ניט אין גליל, ניט אויפן וועג קיין ירושלים, ניט אין ירושלים און אין דעם נגב. עס איז אַ מיליטערישע סיטואַציע, וואָס קען ברענגען צו פאַרקרימען די פראָנטן, און מען קען ניט האָפן, אַז דער פּאָליטישער פאַקטאָר אַליין זאָל אויסגלייכן די ליניע, — אַלנפאַלס וועט ער ניט אויסגלייכן צו אונזער גונסטן; אונזער כוח און השפּעה אין דעם גרויסן קרייז געניגן ניט דערצו.

עס איז ניט ריכטיק, דאָס אין באַצוג צו אונז פאַרטיילט זיך די וועלט פּשוט אויף מזרח און מערב, וואָס איין צד איז דורכויס פריינדלעך צו אונז, און דער אַנדערער צד איז דורכויס פיינטלעך. עס איז ניטאָ קיין גרעסערע פעלשונג פון פאַקטן, ווי דאָס. גלייך אַזוי ווי מיר דאַרפן זיך ניט חנפה׳נען צו אַ פריינד — דאַרפן מיר זיך פון אים ניט אויסבאַהאַלטן און מיר דאַרפן זיך צו אים ניט פאַרפרעמדן. מיר האָבן פריינד סיי אין מזרח און סיי אין מערב. מיר וואָלטן ניט געקענט פירן אונזער מלחמה ווען ניט די וויכטיקע הילף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אייניקע מדינות אין מזרח

און אין מערב; מיר וואָלטן ניט איינגעאָרדנט אונזערע דינסטן און מיר וואָלטן ניט געקענט אויסבויען אונזער אַרמיי און אויפהאַלטן איר — ווען עס וואָלטן זיך איבערגעריסן אונזערע פאַרבינדונגען מיטן מערב. בלויז דער, וואָס זעט ניט אין דעם אידישן פאָלק אַ ציל פאַר זיך, נאָר בלויז אַ מיטל פאַר איינעם פון די גרויסע צדדים אין דער וועלט, קען אונז פאָר־שלאָגן אידענטיפיצירונג מיט איין צד און פולע פאַרפרעמדונג צום צווייטן צד. אָבער עס דוכט זיך מיר, אַז איך וועל ניט זיין קיין אַפּיקורס אויב איך וועל זאָגן, דאָס דער אינטערעס פון דעם אידישן פאָלק אידענטיפיצירט זיך מיט אַ וועלכער עס איז מדינה און אַ וועלכן עס איז צד אין דער וועלט. אַזאַ אידענטיפיצירונג איז אוממעגלעך — ניט פּראַקטיש און ניט טעאָרעטיש. אַ קליינע נאַציע קען זיך ניט אידענטיפיצירן מיט אַ גרויסער נאַציע — סיידן די קליינע נאַציע זאָל זיך פולשטענדיק פאַרשקלאַפן אָדער די גרויסע נאַציע זאָל באַשטיין פון סאַמע מלאכים. מיר ווילן זיך צו קיינעם ניט פאַרשקלאַפן און מיר גלויבן ניט, אַז מלאכים הערשן ערגעץ־וואו אין דער וועלט. די פעלקער פון דער וועלט האָבן אייגענע אינטערעסן, און הגם מען קען ניט לייקענען, אַז עס איז נאָך דאָ אַ וועלט־געוויסן — און ער שטעלט מיט זיך פאַר אַ פּאָליטישן פאַקטאָר — זיינען דאָך על פּי רוב די דאָזיקע אינטערעסן אַ דעציזידירנדיקער פאַקטאָר אין די פעלקער־באַציאונגען, און עס איז בשום אופן ניט צו דערוואַרטן, אַז דווקא אין באַצוג צו אונז, זאָלן די וועלט־פאַקטאָרן אַלץ וועגן אויפן וואָגשאָל פון גערעכטיקייט אַליין און זאָלן געטריי אָפּרופן זיך אויף אַלע אונזערע פאַרלאַנגען, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אידן.

די ליניע־אויסגלייכונגען, וויניקסטנס די סאַמע וויכטיקסטע, — איך וועל זיי ניט אויסרעכענען, — אויב ניט מיר וועלן זיי מאַכן, וועלן זיי מסתמא בכלל ניט געמאַכט ווערן. איך מיין — געמאַכט ווערן צו אונזער גונסטן. און מיר האָבן ניט קיין גרונט צו גלויבן, אַז מיט דעם פּאָליטישן קאַמף אַליין וועלן מיר זיך פאַרזיכערן וואָס מיר דאַרפן פאַרזיכערן — אין נגב, אויפן וועג קיין ירושלים, אין גליל.

די קאָמיסיע פון די באַאָבאַכטערס האָט באַשטימט, אַז מען זאָל לאָזן פּליסן וואַסער קיין ירושלים. דאָס איז אַ פאַרבאַדינג פון אַ פייער־פּויזע — ניט צו פאַרערגערן די לאַגע פון איינעם פון די צדדים צוליב דער פייער־פּויזע. און עס איז ניט אַרויפצוברענגען אויפן געדאַנק, אַז מיר זאָלן מסכים זיין צו אַ פייער־פּויזע, וואָס וועט פירן צו לאָזן די אידישע ירושלים דאַרשטן, דאָס הייסט — פירן צו פאַרניכטונג אָדער אונטערגעבונג. די אַראַבער האָבן אויפגעריסן די שעפּ־סטאַנציע אין לאַטרון, און ביז היינט צו טאָג לאָזט מען ניט וואַסער שטראָמען דורך דאָנען. מיר האָבן זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער יו־ען — און גלייכצייטיק מיט דעם נייעם וועג, וואָס מיר האָבן איינגענומען און אויסגעטראָטן, האָבן מיר געלייגט נייע וואַסער־רערן, און דאַדורך האָבן מיר געראַטעוועט ירושלים. די רערן, וואָס מיר האָבן געלייגט, געפינען זיך אין דער שאָס־דיסטאַנץ פון דעם לעגיאָנס האַרמאַטן אין לאַטרון, וועלכע קענען יעדן טאָג לאָזן ירושלים אָן וואַסער. אָבער די יו־ען, וואָס האָט זיך

פאַרפּליכטעט צו לאָזן וואַסער שטראָמען קיין ירושלים דורך לאַטרון, האָט ניט געהאַט קיין כוח (אָדער ווילן), אויסצופירן דעם באַשלוס און האַלטן די פאַרפליכטונג.

אַ צווייטער ביישפּיל: די יו־ען־קאָמיסיע האָט גע׳פסק׳נט, אַז מיר האָבן רעכט, אין באַשטימטע שטונדן דורכצופירן טראַנספּאָרטן צום נגב. די מצרים היטן ניט אָפּ דעם יו־ען־באַשלוס — און אונזערע ישובים און אונזער מיליטער אין נגב וואָלטן אויסגעשטאָרבן ווען מיר וואָלטן ניט געפונען קיין אַנדער וועג, ווי אַזוי צו ברענגען אַפּראָוויזאַציע צום נגב. דער דאָזיקער וועג איז אָבער ניט זיכער, און עס איז די פליכט פון די יו־ען־באַאַמטערס, צו פאַרזיכערן אונזערע טראַנספּאָרטן צום נגב און אויב די יו־ען האָט ניט דעם ווילן צי דעם כוח אויסצופירן אירע באַשלוסן און פאַרפליכטונגען — דאַרפן מיר זיך אונטערגעבן דער מאַכטלאָזיקייט פון דער יו־ען?

דער אויספיר, לויט מיין מיינונג, איז קלאָר: מיר טאָרן זיך ניט פאַרלאָזן בלויז אויף דער פּאָליטישער טעטיקייט, און אויך ניט אויף אַ פּאָליטישער אַנטשיידונג, אַפילו אין פאַל פון אַ גינסטיקער אַנטשיידונג. מיר דאַרפן זיין גרייט, אין דעם געהעריקן פּלאַץ און אין דעם אַנטשפּרעכנדן מאָמענט, צו לאָזן אין גאַנג דעם מיליטערישן פאַקטאָר.

ערב ראש־השנה תש״ט — 1948 .3 .10

# ראש־השנה־וואונטשן צו צבא־הגנה־לישראל

מיר שיידן זיך פון יאָר תש״ח — אַ יאָר פון דערהויבנקייט און פון ברכה, וואָס וועט שטענדיק שיינען אין דעם לעבן פון יעדן איינעם פון אונז און וואָס זיין ליכט וועט גלאַנצן אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק ביז צום סוף פון אַלע דורות.

דאָס יאָר האָבן מיר מלחמה געהאַלטן פאַר אונזער פרייהייט — און מיר האָבן געזיגט. אין דעם יאָר איז אַנטשטאַנען די מדינה פון ישראל. אין דעם יאָר איז געשאַפן געוואָרן צבא־הגנה־לישראל.

דריי זיינען זיי די דאָזיקע מעכטיקע אויפטוען — און פון איין קוואַל פליסן זיי אַרויס: דער גייסט פון אויפשטאַנד און פון שאַפונג, דער אומדערשראָקענער גייסט פון סבא ישראל, וואָס גיט זיך ניט אונטער דעם גלות, דעם פרעמדן יאָך, דעם לעבן פון אָפּהענגיקייט און פאַרשקלאַפונג, אַ עקזיסטענץ פון נישטיקייט און אומגליק, — דער גייסט, וואָס שטרעבט אומדערמידלעך און אומדערשראָקן צו באַפרייאונג און צו פאָטערלאַנד, צו באָדן און זעלבסטשטענדיקייט, צו גאולה און האָפערדיקייט.

דער דאַזיקער גייסט, וואָס האָט הונדערטער יאָרן אַרומגעשוועבט און וואָס אין די לעצטע דריי דורות האָט ער זיך פאַרקערפּערט אין די חלוצים און אין די ווערק, וועלכע האָבן באַפרוכפּערט די וויסטענישן פון דעם פאָטערלאַנד און האָבן געבויט אונזער ישוב אין דאָרף און אין שטאָט — האָט געפונען זיין פולן תיקון אין צבא־הגנה־לישראל, אין דעם דאָזיקן גרעסטן וואונדער פון דעם דאָזיקן וואונדערפולן יאָר. כמעט איבערנאַכט, אין דעם סאַמע שטורם פון דער מלחמה, איז אויפגעקומען די דאָזיקע אַרמיי. ניט אינגאַנצן — אַ יש מאין. עס איז איר פאָרויסגעגאַנגען די אונטערגרונט־הגנה, וועלכע האָט איר איבערגעגעבן בירושה פאָטערלאַנד־ליבע, געטריי־שאַפט־גבורה און קאַמפּס־טראַדיציע. אָבער די מאָביליזירונג פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, ניט אויף שטונדן אָדער געציילטע טעג, נאָר אויף אַן אומבאַשטימטער צייט; די פאַרצווייגטע, פאַרפּולקאָמטע אויסשולונג אין כלערליי געווער און כלערליי מיליטערישע פאָרמאַציעס אויף דער יבשה, אין דער לופט און אויפן ים; די פולע אויסשטאַטונג פון אינפאַנטעריע, אַר־טילעריע, מעכאַניזירטע אָפּטיילונגען און פאַנצער־גרופּן — מיט די מערערע דינסטן זייערע; די זיגרייכע מלחמה־פירונג קעגן רעגולערע אַרמייען, אָן דערפאַרונג, אָן פאָרויס־צוגעגרייטע מיטלען, אָן גענוג צייט פאַר צוגרייטונגען — דאָס אַלץ איז פּיליכט דער ערשטער פאַל אין דער מיליטערישער געשיכטע פון אונזערע צייטן אָדער פון אַנדערע צייטן. דער דאָזיקער גאַנצער קאָלאָסאַלער און אויסטערלישער אויפטו איז אין דעם גרעסטן טייל געשאַפן געוואָרן נאָך אין די טעג פון דער פרעמדער מאַכט, וואָס האָט אינטריגירט קעגן אונז און האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו שעדיקן אונזער שוץ־גרייטקייט און אונזערע באַוואָפענונגס־מעגלעכקייטן. שוין אין דעם טאָג פון דער מדינה־פּראָקלאַמירונג זיינען רעגולערע אַרמייען פון מצרים, איראַק, עבר־הירדן און סיריע אַריינגעדרונגען אין אונזער לאַנד, כדי צו פאַר־ניכטן און פאַרטיליקן אונז. און דאָך האָבן מיר זיך מאָביליזירט, געשולט, באַוואָפנט, געקעמפט און — געזיגט.

דער בליץ־קריג, וואָס מען האָט בייזוויליק געגרייט קעגן אונז, איז שענדלעך דורכגעפאַלן, און אַלע אַרמייען פון מצרים און בבל, ארם און עבר־הירדן זיינען געשלאָגן געוואָרן דורך דעם יונגן חיל פון ישראל, און די זיגרייכע פאָן פון צבא־הגנה־לישראל פלאַטערט אין צפת און עכו, חיפה און נצרת, לוד און ראמלע, יפו און ירושלים.

די שלאַכט האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט, און קיינער ווייסט ניט, וואָס עס שטייט נאָך אונז אַלץ פאַר אין דעם נייעם יאָר. אָבער ניט נאָר מדינת־ישראל, נאָר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין גאָר דער וועלט קוקט מיט זיכערקייט, שטאָלץ און פאַרערונג אויף זיין יונגע אַרמיי, וואָס האָט מיט טרייַשאַפט, טאַלאַנט און דערפאָלג אויסגעפירט איר שליחות אין דעם פאַר־גאַנגענעם יאָר — און וועט טריי אויספירן איר שליחות אויך להבא.

די ברכה פונם פאָלק איז געשיקט צו אייך, זעלנערינס און זעלנער אין צבא־הגנה־לישראל: הלוואי זאָל דאָס נייע־יאָר זיין אַ יאָר פון נצחון און שלום;

און די אידישע מדינה, וועלכע איר האָט העלדיש פאַרטיידיקט, זאָלט איר זוכה זיין צו בויען און פאַרפעסטיקן מיט דער פּראַצע פון אייערע הענט; הלוואי זאָלן אַלע פאַרשטויסענע פון ישראל — וואו נאָר זיי זיינען — צוריקקערן שטאָלץ צו זייער לאַנד און צוזאַמען מיט אונז בויען דאָס פאָטערלאַנד — אין נגב און גליל, אויף די בערג און אין פלאַכלאַנד; הלוואי זאָל מדינת־ישראל, אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, באַשענקען אַלע פעלקער פון דער וועלט מיט דער וויזיע פון אונזערע נביאים: „אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הויבן אַ שווערד, און מען וועט ניט מער לערנען מלחמה״.

י״ד בתשרי תש״ט — 1948 .17 .10

# אַ בריוו צו אַ חבר אין פּלמ״ח

טייערער חבר —

איך דאַנק דיר פון טיפן האַרצן פאַר דיין ברכה — „אַ ברכה פון אַ פאַרוואונדעטן פּלמ״ח׳ניק, וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די הייל־אַנשטאַלטן״. זיבנפאַכיק איז מיר טייער די ברכה, ווייל זי קומט פון אַ פאַרוואונדעטן אידישן זעלנער. איך האָף, אַז דו וועסט מיטהעלפן צו דערפירן אונזער שוץ־קריג צו אַ גליקלעכן סוף.

איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין מיליטאַריסט, הגם איך בין געווען אַ זעלנער אין דעם אידישן לעגיאָן; אויך איצט באַטראַכט איך די מלחמה, אַלס די שרעקלעכסטע זאַך אין דער מענטשלעכער געשיכטע — שרעקלעך אין אַלע הינזיכטן. איך ווייס אָבער ניט פון נאָך אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן אין אונזער געשיכטע אויסגעפירט אַמאָל אַ מער מענטשלעכע, מער טייערע, איך האָב ניט קיין מורא צו זאָגן — מער הייליקע שליחות, ווי די וואָס עס פירט איצט אויס צבא־הגנה־לישראל. און גליקלעך ביזטו, וואָס דו האָסט זוכה געווען צו דינען אין דער דאָזיקער אַרמיי.

איך וואָלט זיך באַגנוגנט מיט די דאָזיקע ווערטער, ווען ניט דיין צו־שריפט: „טו אַ טובה און לעז־ניט־אויף דעם פּלמ״ח״. איך גלויב, אַז דו ביזט ניט דער איינציקער אין פּלמ״ח, וואָס האָט אַזאַ וואונטש. — וועל איך זיך באַמיען, אויף ווי ווייט מעגלעך, אויפצוקלערן די זאַך.

קודם כל וויל איך דיר זאָגן, אַז דיין מורא, דאָס עמיצער וויל אויפלעזן דעם פּלמ״ח, איז אַן אַבסורד. איך קען ניט קיין מענטש, וואָס האָט אַזאַ נאַרישן געדאַנק; אויב עמיצער האָט דערציילט דיר און דיינע חברים, אַז איך בין דאָס דער דאָזיקער מענטש — האָט ער דיר דערציילט אַ געשמאַק־לאָזע באָבע־מעשה.

זינט איך בין אין ארץ ישראל בין איך אַביסל נאָענט צו דער הגנה, און זינט עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער פלמ״ח, האָב איך אים באַטראַכט, אַלס דעם טייערסטן צווייג אין אונזער פּאַרטיידיקונגס־פּראָנט. אליהו גאָלאָמב, זכרונו לברכה, דער סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ־המאוחד און פּאַרשיידענע אַנדערע, וואָס האָבן געפלעגט דעם פלמ״ח פון אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן בייטראָג צו אונזער פּאַרטיידיקונג. און אין דעם וויכוח, וואָס איז אויסגעבראָכן אין די טעג פון דער מלחמה, צי זאָלן מיר וואָלונטירן נאָר פאַר די אידישע איינהייטן אין דעם בריטישן מיליטער אָדער אויך פאַרן פלמ״ח — בין איך, — צוזאַמען מיט אליהו גאָלאָמב, געווען צווישן די, וואָס האָבן געפאָדערט אַ מאָביליזאַציע סיי פאַרן פלמ״ח און סיי פאַר דער אַרמיי. איך בין אַרויסגעטראָטן קעגן די, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן דאָס אַרויסשיקן אידישע איינהייטן פון לאַנד מלחמה צו האַלטן מיט היטלערן. עס וואָלט געווען אַן אומגליק און אַ שאַנדע, ווען צווישן די אַרמייען פון דער וועלט, וואָס האָבן צושמעטערט היטלערס הערשאַפט, וואָלטן זיך ניט געפינען אידישע באַטאַליאָנען פון ארץ ישראל. די אידישע בריגאַדע איז געווען אַ קאָלאָסאַלער אויפטו — ווי אין דער הינזיכט פון אונזער פּאָזיציע אין דער מלחמה און אין דער וועלט, ווי אין דער הינזיכט פון די פאַרבינדונגען צווישן דעם ארץ־ישראל׳דיקן ישוב און דעם אידישן גלות בכלל, און צווישן דעם ישוב און דער שארית הפליטה אין אייראָפּע בפרט. און אויך דער פלמ״ח האָט אין די טעג פון קריג און פון אונזער געראַנגל מיט די ענגלענדער אין לאַנד אויסגעפירט אויפגאַבן, וואָס וועלן פאַרבלייבן אַ כבוד און אַ פּראַכט אין דער געשיכטע פון ישוב.

נאָכמער: ווען מיר וואָלטן אין אָנהויב פון איצטיקן קריג ניט געהאַט די געטרייע בחורים (און מיידלעך), וואָס האָבן זיך אויסגעשולט אין דער הגנה און אין פלמ״ח, און ווען ניט די דערפאַרענע זעלנער און אָפיצירן פון דער בריגאַדע און אַנדערע אידישע מיליטערישע איינהייטן — ווער ווייסט צי וואָלטן מיר אויסגעהאַלטן. נאָר מיט דער הילף פון די אַלע, איז אונז געלונגען אויפצושטעלן דעם צבא־הגנה־לישראל און האַלטן דעם פראָנט ביז צו דער צווייטער פייער־פויזע.

איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס פאַרשפּרייטן — זינט עס האָט אָנגעהויבן די איצטיקע מלחמה — צווישן די חברים פון פלמ״ח קלאַנגען, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע „פאַלקס־פיינט״, ווי איך, וואָס ווילן פאַנאַנדערלאָזן דעם פלמ״ח. ניט בלויז דאָס: אַ לאַנגע צייט האָבן זיי זיך אַפילו פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן ליגנערישע קלאַנגען, אַז איך הונגער אויס די פלמ״ח׳ניקעס, אַז מיינע חברים גיבן זיי ניט קיין פינאַנציעלע הילף און דאָס גלייכן. ליידער באַשעפטיקט מען זיך נאָך ביי אונז מיט פאַרלוימדונגען, אַנשטאָט באַשעפטיקן זיך מיט דיסקוסיעס און אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע אויפקלערונגען. איך האָב געהאַלטן, אַז עס איז נידעריקער פון כבוד פון פלמ״ח און פון מיין כבוד, אָפּצולייקענען די דאָזיקע נאַרישע ליגנס.

אײדער די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט פּלמ״ח געציילט אַן ערך צוויי טויזנט און פינף הונדערט מאַן. אין פאַרלויף פון דעם יאָר איז די דאָזיקע צאָל פאַרפילפאַכט געוואָרן. פריער האָט פּלמ״ח געציילט רעגימענטן, איצט ציילט ער בריגאַדעס. בלויז אין דעם לעצטן יאָר האָבן זיך מאָביליזירט פאַר פּלמ״ח מער מענטשן, ווי אין די זעקס יאָר פון זיין עקזיסטענץ — ביז צום קריג. איך בין געוויסערמאַסן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דאָזיקער מאַסן־מאָביליזאַציע אין פאַרלויף פון דעם יאָר, און איך קען דיר פאַרזיכערן, אַז די דאָזיקע בריגאַדעס וועלן ניט אויפגעלייזט ווערן (סיידן אויך די איבעריקע בריגאַדעס פון צבא־הגנה־לישראל וועלן אויפגעלייזט ווערן), און גלייך אַזוי, ווי איך וועל זאָרגן פאַר די איבעריקע מיליטערישע בריגאַדעס אונזערע — אַלס איד, ווי אַלס זיכערקייטס־מיניסטער — וועל איך זאָרגן פאַר די בריגאַדעס פון פּלמ״ח, און עס איז ניט נויטיק, אַז איך זאָל „טאָן אַ טובה״, לויט ווי דו בעטסט. איך האָב געהאָלפן פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן דעם פּלמ״ח ניט כדי צו טאָן עמיצן אַ טובה, גלייך ווי איך האָב קיינעם קיין טובה ניט געטאָן, ווען איך האָב מאָביליזירט אַלע אַנדערע בריגאַדעס פון צבא־הגנה־לישראל. איך האָב געטאָן דאָס, וואָס איך בין געווען פאַרפליכטעט צו טאָן. אויך להבא וועל איך ניט אויפלעזן דעם פּלמ״ח, נאָר פאַרקערט, — איך וועל טאָן וואָס איך וועל נאָר קענען טאָן, כדי צו פאַרשטאַרקן אונזערע מיליטערישע כוחות, און איך וועל זאָרגן דערפאַר, אַז פּלמ״ח און אַנדערע איינהייטן זאָלן באַקומען מאַקסימאַלע מיטלען און מעגלעכקייטן אויף צו דערגרייכן דעם שפּיץ פון שלאָגפעַרטיקייט און צו דינען אַלס מוסטער און ביישפּיל פאַרן גאַנצן צבא ישראל.

ווי איינער וואָס פאַרנעמט זיך די לעצטע צוויי יאָר כמעט אויסשליסלעך מיט דער פראַגע פון אונזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג, ווייס איך ווי אַזוי אָפּצושאַצן די טעטיקייט פון די פּלמ״ח־איינהייטן פאַרן קריג און זייער ווערט אין קריג; איך קען זייער ווערט ניט נאָר אַלס זעלנער, נאָר אויך אַלס חלוצים, און דאָס הייסט ניט, אַז איך דאַרף, צוליב דער דאָזיקער אָפּשאַצונג, מזלזל זיין דעם ווערט פון אַנדערע זעלנער און פאַרמינערן זייערע פאַרדינסטן אין איצטיקן קריג.

פאַרן קריג איז פּלמ״ח געווען די אַמבעסטן אויסגעשולטע בריגאַדע אין די רייען פון דער הגנה, און אין דער ערשטער צייט פון איצטיקן קריג, האָבן זיינע אָפּטיילונגען געשפּילט די ראָל פון אויסדערוויילטע שטורעם־איינהייטן.

מיט דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע איז פאָרגעקומען אַ גרינטלעכע ענדערונג אין דער קאָנסטרוקציע פון דער הגנה און אויך אין דער פּאָזיציע פון די פּלמ״ח־איינהייטן. די פּלמ״חניקעס זיינען ניט מער געווען די איינציקע, וואָס האָבן עטלעכע טעג פון יעדן מאָנאַט געווידמעט די איבונגען. יעדער מאָביליזירטער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע צייט פאַר איבונגען און פאַרן קריג — סיי ער איז געווען אַ נייער מאָביליזירטער פאַר פּלמ״ח און סיי פאַר אַן אַנדער איינהייט — און מיר האָבן איצט אַ היבשע צאָל פון גוט־אויסגעשטאַטעטע און אויסגעאיבטע בריגאַדעס. די אַלטע פּלמ״חניקעס און אויך די זעלנער

און אָפּיצערן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדי־קע ראָל אין דער אויסשולונג פון אונזער אַרמיי. די פּלמ״ח־איינהייטן האָבן זיך אויסגעצייכנט ביים אָפּהיטן די וועגן און אין די דעראָבערונגען אין גליל, די בערג פון ירושלים, אין ירושלים דער שטאָט, אין נגב און אין אַנדערע ערטער, און יעדער פּלמ״חניק האָט אַ גרונט צו שטאָלצירן מיט זיין אָפּטיילונג; אמת, עס טרעפט, אַז די איבערטריבענע און באַנאַלע רעקלאַמע, וואָס ניט־מיליטערישע קערפּערשאַפטן מאַכן פאַרן פּלמ״ח, האָט אַ שלעכטן ביי־געשמאַק, — אָבער פּלמ״ח איז אין דעם ניט שולדיק. קיין פּלמ״חניק — אַלס זעלנער און חבר — טאָר ניט פאַרטושן אָדער פאַרמינערן די פאַרדינסטן און די גרויסע דעראָבערונגען פון די איבעריקע איינהייטן. דער כבוד, וואָס יעדער פּלמ״חניק גיט אָפּ — מיט רעכט — זיין איינהייט, דאַרף ניט געפּלעגט ווערן אויפן חשבון פון פאַרמינערן די פאַרדינסטן פון אַנדערע איינהייטן. יעדער איד און יעדער פּלמ״חניק האָט אַ גענוגנדן יסוד צו שטאָלצירן מיט די גרויסע אויפטוען פון די איבעריקע איינהייטן אין אונזער מיליטער — ניט פאַרמי־נערנדיק זיין פאַרערונג פאַרן פּלמ״ח. מיט אונזערע גראַנדיעזע דערגרייכונגען אין חיפה, אין גליל המערבי, אין עמק הירדן און אַז. וו. מעג שטאָלצירן אויך דער פּלמ״חניק, הגם זיי זיינען דערגרייכונגען פון אַנדערע מיליטערישע איינהייטן. עס זיינען געווען גרויסע אָפּעראַציעס, וואָס זיינען דורכגעפירט גע־וואָרן דורך פּלמ״ח צוזאַמען מיט אַנדערע איינהייטן; צום ביישפּיל די דעראָ־בערונג פון לוד און ראמלע; די אָפּעראַציע „נחשון״, וואָס האָט דורכגעריסן דעם וועג קיין ירושלים און האָט געדינט אַלס ווענד־פּונקט אין דער גאַנצער מלחמה; די שלאַכטן אין דרום; די דעראָבערונג פון „בורמא־וועג״, און נאָך. און עס איז דורכאויס ריכטיק, אַז, ניט מינערנדיק די פאַרדינסטן פון צבא־ישראל, אין אַלגעמיין, און די באַזונדערע פאַרדינסטן פון פאַרשיידענע איינ־הייטן, מעג יעדער איד אין ישראל און אין דער וועלט שטאָלצירן מיט דער טעטיקייט פון די פּלמ״ח־באַטאַליאָנען פון פאַר דער מלחמה, און מיט די אָפּעראַציעס פון די פּלמ״ח־בריגאַדעס אין איצטיקן קריג. און דו מעגסט זיין רואיק און זיכער, אַז עס וועט פּלמ״ח קיין שלעכטס ניט געשען, — פּלמ״ח דאַרף ניט אָנקומען צו אַדוואָקאַטן און צו וועמענס ס׳זאָל ניט זיין „שוץ״. זיינע מעשים ריידן פאַר זיך אַליין.

עס איז אָבער ניטאָ קיין רויך אָן פייער. דאָס, וואָס מען האָט דיר דערציילט וועגן דער אויפלעזונג פון פּלמ״ח — איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך. אָבער מען האָט דיר וואַרשיינלעך עפּעס נ י ט דערציילט, — וויל איך ניט נאָר דערציילן דיר דאָס דאָזיקע „עפּעס״, נאָר אויך געבן צו פאַרשטיין.

איך האָב אין זין דעם לאַנד־שטאַב פון פּלמ״ח און די אויפגאַבן, וואָס ער האָט אויסגעפירט ביז צום אויפשטעלן דעם צבא־הגנה־לישראל. אייניקע חברים אין פּלמ״ח ווילן פאַרזעצן די פריערדיקע אָרדענונג, פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף די גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען צווישן אין פאַרגעקומען: 1) די אויפריכטונג פון מדינת ישראל; 2) די אויפשטעלונג פון צבא־הגנה־לישראל (אנשטאָט דער אונטערגרונט־„הגנה״), — ענדערונגען וואָס האָבן

איבערגעמאַכט דאָס גאַנצע לעבן אין לאַנד, און וואָס דערלאָזן ניט מער צו קאָנסערווירן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען און אָרדענונג, וואָס האָבן עקזיס־טירט אין פּלמ״ח ביז דער מדינה און איידער עס איז אַנטשטאַנען די אַרמיי.

מיר זיינען אַ סך שולדיק דער אונטערגרונט־הגנה; אָן איר וואָלטן מיר ניט געהאַלטן דעם פראָנט אין די ערשטע מאָנאַטן פון קריג און מיר וואָלטן אַזוי לייכט ניט אויפגעשטעלט די אַרמיי. אָבער די סיסטעמען פון דער הגנה און פון פּלמ״ח זיינען געשאַפן געוואָרן אונטער אַ פרעמדער מאַכט — זיינען די מעטאָדן פון דער הגנה און פון פּלמ״ח צוגעפּאַסט געוואָרן צו די באַדער־פעניש פון יענע טעג. עס איז ניט געווען קיין אידישע מאַכט אין לאַנד, און הגם די הגנה איז טעאָרעטיש געווען אונטערגעוואָרפן די „נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן", האָט זי זיך פּאַקטיש געפירט מיט אירע אינערלעכע כוחות; אין איר שפּיץ איז געשטאַנען אַ „לאַנד־קאָמאַנדע", וואָס איז באַשטאַנען אין אַ העלפט פון הסתדרות־חברים, און אין דער אַנדערער העלפט — פון אַנדערע קרייזן. אָבער ניט זי האָט געגעבן די מיטלען און ניט זי האָט רעקרוטירט די מענטשן. די הגנה־חברים פלעגן זיך מעלדן פרייוויליק, און די מיטלען זיינען באַקומען געוואָרן פון פאַרשיידענע קוואַלן. פּלמ״ח איז דאַן פּאַקטיש געווען אַ זעלבסטשטענדיקע איינהייט, און זיין שטאַב האָט איינער אַליין אָנגעפירט כמעט מיט אַלע ענינים פון פּלמ״ח, הגם, גלייך ווי אַלע אַנדערע הגנה־איינהייטן, איז אויך ער געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון די „נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן" אין אַלע אַקציעס פון זעלבסטשוץ און פון דעם אַנטי־בריטישן געראַנגל.

נאָך דער מיליטערישער מאָביליזאַציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אומגעפער מיט אַ יאָר צוריק, האָט זיך די לאַגע גרונטזעכלעך געענדערט; נאָכדעם ווי אין מיטן מאַי איז אויפגעשטעלט געוואָרן די אידישע מדינה און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די שאַפונג פון צבא־הגנה־לישראל, זיינען פונדאַסניי פעסטגעלייגט געוואָרן די פונדאַמענטן און די סיסטעמען פון אונזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג. דאָס מיליטער איז געוואָרן סובאָרדינירט צו איין אינסטאַנץ: צו דער רעגירונג פון ישראל, — און די אָרגאַניזירונג פון דער אַרמיי איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו די אינטערעסן פון קריג, און ניט צו דער טראַדיציע פון דער פאַרגאַנגענהייט. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרשיידענע חיילות: אינפאַנטעריע, אַרטילעריע, לופט־פלאָט, ים־פלאָט, און אַלע זייערע דינסטן. אין דער אינפאַנטעריע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן רעגימענטן און בריגאַדעס, און עס זיינען באַשטימט געוואָרן שטאַבן פאַר די רעגימענטן און בריגאַדעס; אין שפּיץ פון דער גאַנצער אַרמיי איז געשטעלט געוואָרן אַ גענעראַל־שטאַב, וועלכן עס איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די מיליטערישע קאָמאַנדע איבער אַלע אונזערע אַרמייען. אין דעם שטאַב זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרשיידענע דעפּאַרטמענטן פאַר אַלע מיליטערישע באַדערפענישן: אַפּראָוויזאַציע, לייטונג, מענטשן־מאַטעריאַל, אָפּעראַציעס און א. וו. — די אינפאַנטעריע־בריגאַדעס זיינען ניט מער צוגעשמידט צו קיין שום באַשטימטן ראַיאָן, און מען קען זיי איבערפירן פון איין פּלאַץ אויף דעם אַנדערן — לויט די פאָדערונגען פון פראָנט. אַלע בריגאַדעס האָבן דאַן באַקומען — אויף וויפל עס האָט זיך נאָר

געלאַזט — אַ מאָדערנע אויסשולונג פון אַ רעגולערער אַרמיי, וואָס אַזאַ האָט ניט באַקומען קיין שום איינהייט אין דער „הגנה״. עס זיינען נאָך פאַראַן ביז היינט צו טאָג אונטערשיידן צווישן פאַרשיידענע בריגאַדעס. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען אַ בעסערע אויסשולונג — כמעט אַלע פּלמ״ח־בריגאַדעס זיינען אַזעלכע — און עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך ניט פאַרפולקאָמט זייער אויסבילדונג. אינערהאַלב פּלמ״ח זיינען אויך דאָ אונטערשיידן צווישן דִי אַלטע מיטגלידער און די ניי־רעקרוטירטע. די האָבן אַ שלאַכט־טראַדיציע און אַ לאַנג־דויערנדיקע, אינטענסיווע אויסשולונג, און די — ניט. אָבער לויט די מעגלעכקייטן באַמיט זיך דער שטאַב — און דאָס זיכערקייטס־מיניסטעריום — אַז אַלע אינפאַנטעריע־בריגאַדעס זאָלן באַקומען די העכסטע מאָדערנע אויסשולונג, — און די לעצטע מאָנאַטן פאַרצייכענען מיר אַ באַדייטנדיקן פאַרשריט אויפן דאָזיקן געביט. עס עקזיסטירן געמיינזאַמע אָפיצערן־קורסן פאַר אַלע בריגאַדעס; און די אויסשולונג פון די זעלנער און אונטער־אָפיצערן ווערט געמאַכט אינערהאַלב דער בריגאַדע. דער אינס־טרוקטאָרן־דעפּאַרטמענט פון דעם גענעראַל־שטאַב איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דאָזיקע איבונגען, — און גלייך ווי קיין שום אַנדער בריגאַדן־גרופּע נויטיקט זיך ניט אין אַ באַזונדער ביוראָ פאַר אינסטרוקטאָרן און איבונגען — נויטיקן זיך אין דעם ניט אויך די פּלמ״ח־בריגאַדעס.

דער לאַנד־שטאַב פון פּלמ״ח קען אויך ניט — און דאַרף ניט — זאָרגן פאַר דער אַפּראָוויזאַציע פון די פּלמ״ח־בריגאַדעס. אויב אַ פּלמ״ח־בריגאַדע געפינט זיך אין נגב אָדער אין גליל, דאַרף מען איר פאַרזאָרגן די אַפּראָוויזאַציע דורך דעם אַפּראָוויזאַציע־דעפּאַרטמענט פון דעם גענעראַל־שטאַב, גלייך ווי עס ווערן פאַרזאָרגט אַלע אַנדערע בריגאַדעס אין נגב אָדער אין גליל.

דער לאַנד־שטאַב פון פּלמ״ח קען מער ניט געבן קיין אָפּעראַטיווע דירעק־טיוון, מיליטערישע באַפעלן — צו די פּלמ״ח־בריגאַדעס. אונזער אַרמיי איז איצט אָרגאַניזירט אין „פראָנטן״; יעדער פראָנט האָט אַ פראָנט־שטאַב, און דער דאָזיקער שטאַב גיט דירעקטיוון צו אַלע בריגאַדעס, וואָס זיינען אונטער זיין קאָמאַנדע, לויט דעם הויפּט־פּלאַן, וועלכן עס באַשטימט דער גענעראַל־שטאַב פון צבא־הגנה־לישראל. און ווען עס איז דאָ אַ גענעראַל־שטאַב, אַ פראָנט־שטאַב — איז אונמעגלעך — און ניט נויטיק — אַז נאָך אַ שטאַב, — למשל, אַ פּלמ״ח־שטאַב, זאָל אויך געבן דירעקטיוון בשעת דעם קריג.

פונקט אַזוי קען דער לאַנד־שטאַב פון פּלמ״ח ניט רעקרוטירן מענטשן פאַר פּלמ״ח, ווי ער האָט עס געטאָן ביז צו דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע. אין פאַרלויף פון דער וועלט־מלחמה, און ביז פאַראַיאָרן האָט זיך דער פּלמ״ח באַזירט אויף פרייוויליקע רעקרוטירונג פון חלוצישער יוגנט, שול־יוגנט און יוגנטלעכע אַרבעטער, וואָס זיינען געגאַנגען צו מיליטערישע איבונגען און צו אַרבעט אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען. נאָכדעם, ווי די מדינה האָט פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, איז יעדער איינער אין ישראל — פון אַ באַשטימטן עלטער ביז צו אַ באַשטימטן עלטער —

פּאַרפּליכטעט צו מאָביליזירן זיך אויף דער גאַנצער צייט פון קריג. די מאָ־ביליזאַציע ווערט אומעטום דורכגעפירט דורך דעם זיכערקייטס־מיניסטעריום, און אין דעם גענעראַל־שטאַב איז דאָ אַ דעפּאַרטמענט פאַר מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס נעמט אויף אַלע רעקרוטן און שיקט זיי, לויט באַדאַרף, צו פאַרשיידענע איינהייטן: צו די אינפאַנטעריע־בריגאַדעס, צו די אַרטילעריע־איינהייטן, צו דער לופט־אַרמיי, צו דער ים־אַרמיי און צו פאַרשיידענע דינסטן.

דאָס זעלבע איז נוגע אויך דער קולטור־טעטיקייט. די אַרמיי זאָרגט פאַר דערציאונג און פאַרווייליגונגען אין די פאַרשיידענע איינהייטן, און אין יעדער איינהייט זיינען דאָ קולטור־אָפּטיילונגען און קולטור־אָפיצערן, וואָס האַנדלען לויט אַלגעמיינע פּרינציפּן אין אַלע טיילן פון דער אַרמיי. — און עס איז אומדערלאָזבאַר, אַז איין בריגאַדע אָדער אַ גרופּע פון בריגאַדעס זאָלן מאַכן שבת פאַר זיך און זאָלן פירן זייער קולטור־אַרבעט אויסערהאַלב דער אַלגע־מיינער קולטור־נעץ.

מער ווי אין אַנדערע פונקטן, כאַפּן זיך אָן אין דעם דאָזיקן פונקט די אַלע, וואָס באַמיען זיך צו באַרעכטיקן די ווייטערע סעפּאַראַטע עקזיסטענץ פון אַ לאַנד־שטאַב פאַר פּלמ״ח. זיי באַהויפּטן, אַז פּלמ״ח האָט חלוציש־קאָלאָניזאַטאָרישע ווערטן, וועלכע אַנדערע בריגאַדעס האָבן ניט, און כדי אויפצוהאַלטן זיי איז נויטיק אַ באַזונדערע אָרגאַנזשירונג פון דער קולטור־אַרבעט. אויב די אַנהענגער פון אַ סעפּאַראַטן שטאַב ווילן דערמיט זאָגן, אַז די פּלמ״ח־לייט און די פּלמ״ח־איינהייטן בילדן אַ באַזונדערע פּאָליטישע פּאַרטיי אין מיליטער — דאַן איז באַרעכטיקט דער ווילן, צו האָבן אַ באַזונדערן און סעפּאַראַטן אינסטרומענט פאַר דער קולטור־ און דערציאונגס־טעטיקייט אין פּלמ״ח. מענטשן פון אַן אַנדער פּאַרטיי אָדער אומפּאַרטייאישע קענען פאַר זיך ניט פאָדערן דאָס רעכט, צו פירן די קולטור־טעטיקייט פון אַ קעגנערישער פּאַרטיי. יעדע פּאַרטיי האָט אַ רעכט אויף קולטור־אויטאָנאָמיע, און קיין אַנדער פּאַרטיי האָט ניט דאָס רעכט צו שטערן דער דאָזיקער אויטאָנאָמיע, זי קען אויך פאַר זיך ניט פאָדערן קיין שותפות אָדער קאָנטראָל. אָבער אויף וויפל עס איז מיר באַקאַנט, באַהויפּטעט נאָך קיינער ניט (אַלנפאַלס, ניט עפנטלעך), אַז פּלמ״ח בילדעט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, אָדער אַ באַזונדערע אידעאָלאָגישע איינהייט, אָדער אַז מען דאַרף אים פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. אויף וויפל איך האָב די דאָזיקע פראַגע דיסקוטירט מיט די פּלמ״ח־קאָמאַנדירן, וואַרפן זיי קאַטעגאָריש אָפּ דעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן געדאַנק.

*

ווי איינער, וועמען די חלוצישע ווערטן זיינען ניט אַזוי פרעמד — ניט טעאָרעטיש און ניט פּראַקטיש — פאַרער איך דעם חלוצישן גייסט פון אונזער יוגנט און שאַץ זייער הויך אָפּ דעם יסוד, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין דער אָרגאַניזירונג פון פּלמ״ח: דער יסוד פון מיליטערישע איבונגען און לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה. נאָכמער: עס שיינט מיר, אַז אויך להבא דאַרף זיין אַזוי, אַז — אויף וויפל עס לאָזט זיך אין די באַדינגונגען פון

מלחמה און פון שלום — זאָל דאָס זיין דער יסוד אין דער דערציאונג פון אונזער יוגנט. איך האַלט, אַז מען דאַרף לאָזן די חלוצישע ווערטן אַריינדרינגען אין די מיליטערישע בריגאַדעס, און אויף וויפל איך,אַלסבירגער און אַלס זיכערקייטס־מיניסטער, וועל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געשטאַלטונג פון אונזער אַרמיי, וועל איך גיין דעם דאָזיקן וועג. — איך גלויב, אַז דער דאָזיקער וועג וועט מצליח זיין. איך ווייס, אַז ניט יעדער זעלנער וועט ווערן אַ חלוץ, איך בין אָבער זיכער, אַז אין יעדער בריגאַדע, אין יעדער איינהייט געפינט זיך חלוצישער מענטשן־מאַטעריאַל — פאַקטיש און פּאָטענציעל — און איך נעם אָן, אַז אַ דערציערישע טעטיקייט אין חלוצישן גייסט אין דער גאַנצער אַרמיי, אין אַלע — אָן אונטערשייד — איינהייטן, וועט געבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, ווען אפילו ניט אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

איך האַלט ניט, אַז דער חלוציזם געהערט נאָר צו אויסדערוויילטע, אַז ער איז אַ באַזונדערע פּריווילעגיע פון אַ גייסט־אַריסטאָקראַטיע. איך גלויב זייער אין „עמך", אין כלל ישראל און אין רב ישראל, און אויב מיר וועלן פאַרזייען די זוימען פון חלוציזם אין אַלע מיליטערישע איינהייטן, וועלן מיר זוכה זיין צו אַ געבענטשטער גערעטעניש. עס איז ניט נויטיק און ניט באַרעכטיקט, צו באַטראַכטן אַלע אַנדערע בריגאַדעס אַלס ניט־חלוצישע. יעדער איינער, וואָס איז פעאיק און צוגעפּאַסט צו דערציען דאָס מיליטער אויף חלוצישע ווערטן — איז פאַרפליכטעט און דאַרף דאָס טאָן אין נאָמען פון דער גאַנצער אַרמיי — דורך דעם גענעראַל־שטאַב, דורך דעם מיליטערישן קולטור־דינסט — און מען דאַרף ניט אונטערשטרייכן די דאָזיקע טעטיקייט נאָר אין באַשטימטע בריגאַדעס, און מען דאַרף דערצו ניט האָבן קיין סעפּאַ־ראַטן לאַנד־שטאַב פון פלמ"ח. די פלמ"ח־קאָמאַנדירן האָבן מיר ניט איינמאָל דערקלערט, אַז אין אַלץ, וואָס איז נוגע דער דערציערישער טעטיקייט, וואַרפן זיי זיך אונטער דעם אַלגעמיינעם קולטור־דינסט — און איך צווייפל ניט אין דער אויפריכטיקייט פון זייערע דערקלערונגען; נאָר אויב אַזוי — דאַרף מען ניט האָבן קיין באַזונדער שטאַב פאַר דערציערישער טעטיקייט.

אייניקע באַרעכטיקן די עקזיסטענץ פון אַ סעפּאַראַטן פלמ"ח־שטאַב מיט פּאָליטישע מאָטיוון: עס זיינען דאָ די „פורשים" („סעפּאַראַטיסטן") — אצ"ל און לח"י — און הגם זיי האָבן זיך כלומרשט אויפגעלעזט, זעצן זיי פאַקטיש פאָר זייער טעטיקייט אין אונטערגרונט, און קיינער ווייס ניט, צי עס שטייען אונז ניט פאָר אין דער צוקונפט נייע פאַרברעכנס, לויט דעם מוסטער פון „אַלטאַלענאַ" אָדער דעם מאָרד פון בערנאַדאָט, און פיליכט נאָך ערגערע זאַכן. די דאָזיקע מורא איז ניט אומבאַגרינדעט. און עס איז ריכטיק, אַז די פלמ"ח־איינהייטן האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דעם קאַמף קעגן די פורשים, כאָטש אויך אַנדערע איינהייטן האָבן לאָיאַל אויסגעפירט זייער פליכט, ווען זיי זיינען דערצו אויפגעפאָדערט געוואָרן. מען קען זיך פאַרלאָזן אויף פלמ"ח, אויב מען וועט חלילה דאַרפן אָנקומען צו אַ באַוואָפנטן כוח, כדי צונישט צו מאַכן פאַרברעכערישע פאַרשווערונגען פון „פורשים". אָבער דערצו איז ניט נויטיק קיין סעפּאַראַטער שטאַב פון פלמ"ח, — דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם

גענעראַל־שטאַב פון צבא־הגנה־לישראל און פון דער רעגירונג פון ישראל. פאַרקערט, די עקזיסטענץ פון אַ סעפּאַראַטן פלמ״ח־שטאַב פאַר דעם צוועק קען ברענגען אַ גרויסן שאָדן — ווייל דאָס איז עלול צו באַפאַרבן דעם קאַמף קעגן די פורשים מיט אַ פאַרטיי־קאָליר אָדער פראַקציע־קאָליר, און דאַדורך נאָר פאַרשטאַרקן די פורשים און זייערע מיטהעלפער. דער קאַמף קעגן די סעפּאַראַטיסטישע גרופּן דאַרף זיך פירן דורך דער רעגירונג, דורך כוחות, וואָס אונטערליגן דער מדינה, מיט דער הילף פון אַלגעמיינע מיטלען פון דער מדינה.

פון דעם אַלעם לערנען מיר, אַז יעדע בריגאַדע פון פלמ״ח, גלייך ווי די אַלע אַנדערע בריגאַדעס, דאַרף האָבן אַ בריגאַדע־שטאַב, — און אזא שטאַב האָט זי. דער דאָזיקער שטאַב, אונטער דער אויבערשטער קאָנטראָל פון דעם גענעראַל־שטאַב, וועט אָרגאַניזירן שולן און דערציען די בריגאַדע, וועט הייבן איר מיליטערישע שלאַג־פעאיקייט, וועט פאַרטיפן אירע מלוכה׳שע און חלוצישע ווערטן. יעדע בריגאַדע פון פלמ״ח, וואָס וועט זיין אַנגעשלאָסן אָן איינעם פון די פראָנטן, וועט אונטערליגן דעם פראָנט־שטאַב אין אַלע קריגס־אָפּעראַציעס און וועט פון אים זיין אָפּהענגיק אין אַלע ענינים פון אַפּראָוויזאַציע, באַוואָפענונג, אינפאָרמאַציע און ד. גל. — דער מיליטערישער גענעראַל־שטאַב וועט זאָרגן פאַר די בריגאַדעס פון פלמ״ח, גלייך ווי פאַר אַלע אַנדערע בריגאַדעס, מיט צושטעלן מענטשן־מאַטעריאַל, מיט מיליטערישער אויסשולונג, מיט חלוצישער און מלוכהשער דערציאונג, מיט באַשטימען יעדן איינעם זיין פּלאַץ אין דעם פּלאַץ פון לאַנד־זיכערקייט און אז. וו. — בלויז דער גענעראַל־שטאַב, וועלכער איז אין נאָמען פון דער מדינה באַאויפטראַגט מיט די ענינים פון זיכערקייט און מיליטערישערווירטשאַפט, קען און איז קאָמפּעטענט צו באַשטימען די באַזונדערע מיליטערישע אויפגאַבע פון יעדער בריגאַדע, איר באַזונדערע אויסשטאַטונג, אַלע אירע אינערלעכע איינריכטונגען — און אויך איר הכשרה פאַר אַ לעבן פון קאָלאָניזאַציע און שאַפונג אין די צייטן פון שלום; ווייל אויך דערצו פאָדערן זיך מלוכה־פּלאַנירונג און מלוכה־ראַמען.

אַלץ, וואָס לייגט אַרויף אַ פאַרטיי־שטעמפּל אויף מיליטערישער איינהייט, איז פּסול און איז געפערלעך; אַלץ, וואָס פירט צו סעפּאַראַציע, צו אָפּגעשיידקייט, איז שעדלעך; אַלץ, וואָס האָט ניט קיין מיליטערישע נויטווענדיקייט, איז אומדערלאָזבאַר אין דער אַרמיי.

איך וויל זיך איצט ניט פאַרנעמען מיט פאָרשונגען, צי איז פאַר דער אויפשטעלונג פון דער אַרמיי נויטיק געווען אַ באַזונדער פלמ״ח־שטאַב, אויסער דעם אַלגעמיינעם שטאַב פון דער „הגנה״. אין די אונטערגרונט־אומשטענדן איז עס אפשר יאָ נויטיק געווען, — אין אַן איינהייטלעכע אַרמיי אָבער קען ניט געמאָלט זיין אַ סעפּאַראַטע קאָמפּעטענץ. יעדער זעלנער איז סובאָרדינירט דער מדינה, און נאָר דער מדינה. דאָס אַלגעמיינע מיליטערישע געזעץ פאַרפליכטעט אַלע איינהייטן, און מען טאָר ניט אַריינברענגען אין דער אַרמיי די

פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע צעשפּליטערונג, וואָס עקזיסטירט אויסער דער אַרמיי.

אין דער אַרמיי — טראָגט אין זיך אַזאַ צעשפּליטערונג גרויסע געפאַרן. אייניקע חברים אין פּלמ״ח, און אויסער דעם פּלמ״ח, לעבן נאָך מיט די באַגריפן פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה און אַרמיי, און זיי פאַרשטייען ניט, אַז דאָס, וואָס עס איז געווען באַרעכטיקט — און פיליכט נוצלעך — מיט זיבן אָדער נאָך מיט צוויי יאָר צוריק — איז ניט באַרעכטיקט און ניט נוצלעך היינט צו טאָג.

אָט צוליב דעם אַלעם האָט דער הויפּט פון דעם גענעראַל־שטאַב פון צבא־הגנה־לישראל געשיקט צום פּלמ״ח דעם פאָלגנדן באַפעל:

א. אין דעם פּלאַן פון די מיליטערישע כוחות אין דער תקופה פון דער איצטיקער מלחמה, בילדן ניט די דריי פּלמ״ח־בריגאַדעס קיין אַדמיניסטראַטיוו־אָפּעראַטיווע איינהייט. נאָכמער, די צוקונפטיקע מלחמה־אינטערעסן, לויט ווי מען קען זיי איצט פאָראויסזען, פאַרפליכטן אומבאַדינגט, אויפצוהאַלטן יעדע בריגאַדע אין צבא־הגנה־לישראל — איינשליסנדיק די בריגאַדעס פון פּלמ״ח — אַלס זעלבסטשטענדיקע איינהייטן, וואָס זיינען סובאָרדינירט דירעקט צו דער העכסטער קאָמאַנדע כדי צו דערמעגלעכן צו באַוועגן און אַוועקשטעלן יעדע בריגאַדע, לויט די אַלגעמיינע מלחמה־אויסרעכענונגען, אויף יעדן פּלאַץ און צו יעדן מאָמענט, לויט ווי עס וועט זיך פאָדערן.

ב. דער פראָנט־געבוי און די דיספּאָזיציע פון די קעמפנדיקע כוחות, ווי עס קריסטאַליזירט זיך אויס אין רעזולטאַט פון דעם פיינטס לאָקאַציע און פון גאַנג פון קריג, שליסט קאַטעגאָריש אויס יעטוועדע קאָמבינאַציע פון בריגאַדעס, אויסער די, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין דעם פרימערן פּלאַן פאַרן טאָג, ווען די מלחמה וועט זיך באַנייען. יעדע קאָמבינאַציע, וואָס ברעכט זיך אַרויס פון דעם דאָזיקן געבוי, וועט פאַראורזאַכן דובלירונג און צומישונג אין דער פאַראַנטוואָרטונג און אין די קאָמפּעטענצן פון די דריי קאָמאַנדע־שטופן: דער גענעראַל־שטאַב, דער פראָנט־שטאַב און דער פּלמ״ח־שטאַב. די איצטיקע לאַגע פירט צו פאַרשווענדונג אין מענטשן און מאַטעריאַלן, און שעדיקט די ווירקזאַמקייט פון דער אַרמיי אַלס גאַנצע.

דער אויספיר, וואָס פליסט אַרויס פון די באַשטייענדיקע פאַקטן, איז, אַז די פונקציעס, וואָס דער שטאַב פון פּלמ״ח פירט נאָך אויס איצט (1. די רעקרוטירונג און אויפנאַמע פון מענטשן־מאַטעריאַל אין די פּלמ״ח־בריגאַדעס; 2. די אויסבילדונג פון זעלנער און נידעריקע קאָמאַנדירן פאַר פּלמ״ח; 3. די אויפקלערונגס־טעטיקייט און אידעאישע דערציאונג פאַר פּלמ״ח) אין דעם פראָנט־געבוי, פאַרשאַפט דובלירונג און פּלאָנטער אין די קאָמפּעטענצן און פאַראַנטוואָרטונג צווישן דעם גענעראַל־שטאַב און די פראָנט־שטאַבן, און פאַראורזאַכט אומקלאָרקייט אין דער קאָמאַנדע און מיליטער־אַדמיניסטראַציע, ווי אויך אומשפּאָרזאַמקייט אין מענטשן און וואָפן.

און דעריבער זאָלן די דערמאָנטע פונקציעס איבערגעגעבן ווערן צו די אַנטשפּרעכנדיקע דעפּאַרטמענטן און דינסטן פון דעם גענעראַל־שטאַב און פראָנט־שטאַבן.

אַלס איינער, וואָס האָט געהאָלפן אויפשטעלן די בריגאַדעס פון פּלמ״ח און צו מאָביליזירן טויזנטער מענטשן פאַר די דאָזיקע בריגאַדעס, בין איך ניט וויניקער פון וועמען עס איז פאַראינטערעסירט אין זייער ווירקזאַמער עקזיס־

טענץ און איך וועל, לויט מיינע מעגלעכקייטן, טאָן אויך להבא דאָס, וואָס איך האָב געטאָן ביז איצט, כדי צו הייבן זייער מיליטערישע שלאָגפערטיקייט און זייער חלוציש געשטאַלט. לויט מיינע מעגלעכקייטן וועל איך עס טאָן אויך פאַר די איבעריקע בריגאַדעס אין אונזער אַרמיי. קיין שום בריגאַדע פון פלמ״ח וועט ניט אויפגעלעזט ווערן גלייך ווי עס וועט ניט אויפגעלעזט ווערן קיין שום אַנדערע בריגאַדע — כל זמן די זיכערקייטס־סיטואַציע אין מדינת ישראל וועט ניט דערלויבן די רעדוצירונג פון אונזער אַרמיי. און איך בין זיכער, אַז די עקזיסטענץ פון די פלמ״ח־איינהייטן און זייער צוזאַמענשלוס מיט די אַנדערע איינהייטן אין צבא־הגנה־לישראל, וועט זיין אַ ברכה פאַרן פלמ״ח, ווי פאַר די אַנדערע איינהייטן.

איך ווינטש דיר, דו זאָלסט אינגיכן געזונט ווערן, זאָלסט זיך אומקערן צו דיין איינהייט אין פלמ״ח און זאָלסט צוזאַמען מיט דיינע חברים אין פלמ״ח און אין אַנדערע בריגאַדעס מיטהעלפן צו ברענגען א פולן נצחון, כדי איר זאָלט זיך אַלע אומקערן צו חלוציש־שעפערישער אַרבעט, וואָס נאָר אין איר ליגט די אמתע גאַראַנטיע פאַר אונזער צוקונפט.

10. 20. 1948 — י״ז בתשרי תש״ט

# גבורה, פאַרשטאַנד און וויזיע

(צום שלוס פון דעם מאָביליזאַציע־קאַמפּיין)

עס שיינט מיר, אַז עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דעם ישוב און פון ציוניזם, אַז מען זאָל פּראָקלאַמירן די אָפּ־שליסונג און ליקווידירונג פון אַ קאַמפּיין, און טאָן טוט מען דאָס אין אַ צייט, ווען עס זיינען אונז נויטיק אַ סך געלט־מיטלען — מער ווי ווען עס איז. אין דעם דאָזיקן שלוס אַנטפּלעקט זיך די גרויסע, היסטאָרישע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אונזער לאַגע: מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק, וואָס הערשט איבער זיך אַליין, וואָס דאַרף מער ניט אָנקומען צו געלט־זאַמלונגען דורך אַ קאַמפּיין, וואָס דעקט זיינע באַדערפענישן אויף אַ מלוכהשן שטייגער: שטייערן, ציננן, אַנלייען. מיר שליסן אָפּ דעם קאַמפּיין, ווייל מיר זיינען אַרויף אויף אַ העכערן שטאַפּל אין דעם לייטער פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, מיר זיינען אַרויף אויפן שטאַפּל פון מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט.

דאָס הייסט ניט, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועלן מיר אַלץ טאָן מיט צוואַנג: אדרבא, אין דער מדינה וועלן מיר אָנקומען צו פריוויליקייט ניט ווייניקער ווי ביז דער מדינה. אָן דעם גוטן ווילן, אָן איבערגעגעבנקייט, טריי־שאַפט און חלוצישער גרייטפערטיקייט פון דעם פאָלק — וועלן מיר מיט דעם כוח פון רעגירונגס־צוואַנג ווייט ניט פאַרפאָרן. אויך צו שטייער־אָפּצאָל —

וואָס מען קען אויפמאָנען מיט דער הילף פון פּאָליציאַנטן און ריכטער — איז נויטיק דער ווילן פונם פאָלק. ניט נאָר אויפן געביט פון שטייערן, נאָר אויך אויף אַלע געביטן פון מלוכה־לעבן וועלן מיר מצליח זיין בלויז דאַן, ווען דאָס געזעץ און די רעגירונגס־קראַפט וועלן זיך אָנשפּאַרן אויף דעם פאָלקס־ווילן, און אויב די דיסציפּלין וועט זיין ניט קיין אויפגעצוואונגענע מיט גוואַלד, נאָר אַזאַ, וואָס פליסט אַרויס פון צוטרוי, באַוואוסטזיין און איבערגעגעבנקייט פון די מאַסן.

איך האָב געזאָגט, אַז מיר וועלן פון איצט אָן דאַרפן אָנקומען צו פיל מער מיטלען, איידער אין אַ וועלכער עס איז אַנדערער צייט — ווייל דער טייטש פון אַ מדינה איז: גרויסע עליה־מעגלעכקייטן און ברייט־צוגיקע קאָלאָניזאַציע. קיבוץ גלויות און די אויפריכטונג פון דעם פאַרוויסטן לאַנד — דאָס איז דער הויפּט־צוועק פון אונזער מדינה, און מיר וועלן ברויכן אומגעהויערע געלט־מיטלען אום צו ברענגען אין אַ קורצער צייט מאַסן אידן פון די גלות־לענדער און פאַרוואַרצלען זיי אין דעם באַפרייטן פאָטערלאַנד — אין לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריי, ים־אַרבעטן, בוי־אַרבעטן און אין אַלע אַנדערע צווייגן פון פיזישער און גייסטיקער אַרבעט.

דאָס איז אַ גרויסע, היסטאָרישע אונטערנעמונג, וואָס דורות האָבן געוואַרט אויף איר, און וואָס אונזער דור האָט זוכה געווען צו נעמען זי אויף זיך. — הלואי זאָלן מיר זיין ראוי צו דער דאָזיקער גרויסער שעה, און גלייך אַזוי ווי מיר האָבן זוכה געווען צו פאַרענדיקן די געשיכטע פון אונזער פאַרשקלאַפונג — זאָלן מיר זוכה זיין צו רעאַליזירן דעם גרויסן געבאָט פון דער גאולה.

נאָר, הגם אונזערע הערצער זיינען פול מיט דאַנקבאַרקייט פאַר דער גרויסער ענדערונג, טאָרן מיר אויף קיין איין מאָמענט ניט פאַרזען דעם פאַקט, אַז דער געראַנגל פאַר אונזער אומאָפּהענגיקייט האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט. אמת, עס איז פאַר אונז געווען אַ גרויס יאָר, אַ רעקאָרד־יאָר אין דער אידישער געשיכטע, אָבער דער שווערער עקזאַמען, פאַר וועלכן מיר זיינען געשטעלט געוואָרן דעם 30־טן נאָוו. 1947 — צומאָרגנס נאָכן אָננעמען דעם היסטאָרישן יו־ען באַשלוס לטובת דער אויפשטעלונג פון אַ אידישער מדינה — איז נאָך ניט פאַרביי: מיר ווערן נאָך אָנגעגריפן דורך פרעמדע אַרמייען, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין אונזער לאַנד און פאַרמעסטן זיך אויף אונזער פרייהייט און עקזיסטענץ, און לאָמיר זיך ניט נאַרן: זיי זיינען ניט די איינציקע פאַרשווערער קעגן אונז. מיר שטייען אין אַ טאָפּלטן געראַנגל — אַ מיליטערישן און אַ פּאָליטישן, און מיר מוזן זיגן אויף צוויי פראָנטן, ווייל ניט דער מיליטערישער פראָנט אַליין און ניט דער פּאָליטישער פראָנט אַליין וועלן אַנטשיידן דעם גורל פון ארץ ישראל. ביידע פראָנטן זיינען צוזאַמענגעשלאָסן. מיר שטייען אין צוויי קרייזן: אַ קליינער קרייז — דער מיטעלער מזרח, — אין וועלכן עס שטייען מיר און די אַראַבער, און אַ גרויסער קרייז — גאַר די וועלט, וואו עס ווירקן וועלט־כוחות. און הגם ארץ ישראל, ווי עס שיינט, איז דירעקט נוגע בלויז אונז און די אַראַבער — אינטערעסירט זיך אָבער די גאַנצע וועלט מיט ארץ ישראל, און שווערוואָגיקע וועלט־אינטערעסן — פּאָליטישע, סטראַטעגישע,

עקאָנאָמישע און קולטורעלע — טרעפן זיך דאָ און שטויסן זיך צונויף. און צי עס איז גוט, צי שלעכט, אָבער אין דער אַנטגילטיקער באַשטימונג (אויף וויפל עס זיינען דאָ אַנטגילטיקע באַשטימונגען אין פּאָליטישע ענינים) פון דעם גורל פון ארץ ישראל וועלן שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָל — סיי די כוחות פון דעם קליינעם קרייז און סיי די כוחות פון דעם גרויסן קרייז.

מיר טאָרן זיך בשום אופן ניט פאַרלאָזן בלויז אויף איין פראָנט — צי דעם מיליטערישן, צי דעם פּאָליטישן. אַזאַ מין איינזייטיקע אָריענטאַציע קען אונז אומגליקלעך מאַכן. די געשיכטע פון דעם לעצטן יאָר איז אין דער הינזיכט זייער אַ באַלערנדיקע, — און אין דעם יאָר האָבן מיר געהאַט נצחונות און דעראָבערונגען, ווי אויפן פּאָליטישן, אַזוי אויפן מיליטערישן געביט — פיליכט מער ווי ווען עס איז אין דער לאַנגער געשיכטע פון אונזער פאָלק. צוערשט האָבן מיר געזיגט אין דער יו־ען; אמת, מיר האָבן באַקומען ניט אַלץ, וואָס מיר האָבן געוואָלט, אָבער דער פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט דאָך באַשלאָסן מיט אַן אַבסאָלוטער מערהייט, — און אין דער דאָזיקער מערהייט האָבן זיך אויך געפונען די צוויי מעכטיקסטע מדינות פון דער וועלט: די פאַראייניקטע שטאַטן און דער ראַטנפאַרבאַנד, — אַז עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ אידישע מדינה, און אַז די דאָזיקע מדינה זאָל אַנטהאַלטן דעם גרעסטן טייל פון מערב־ארץ ישראל, איינשליסלעך דעם נגב. — מיר וועלן אויך איצט ניט אונטערשעצן דעם גרויסן ווערט פון דעם דאָזיקן באַשלוס — אָבער געבליבן איז דער באַשלוס אויפן פּאַפּיר. ווען עס זיינען אויפגעשטאַנען באַשטימטע כוחות אין דעם גרויסן קרייז און אין דעם קליינעם קרייז, — פון איין זייט גרויסבריטאַניע, און פון דער אַנדערער זייט די אַראַבישע מדינות, — און האָבן זיך באַמיט צונישט צו מאַכן דעם באַשלוס פון דעם יו־ען־פּלענום, איז די פאַראייניקטע פעלקער ניט בייגעשטאַנען זייער כוח און ווילן אויסצופירן דעם באַשלוס. און ווען ניט דאָס, וואָס עס איז אַנטשטאַנען די אַרמיי און עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן מדינת ישראל; ווען ניט דאָס, וואָס מיר זיינען געווען גרייט און פעאיק צו פאַרטיידיקן אונזער אומאָפּהענגיקייט מיט געווער אין האַנט — וואָלט קיין זכר און קיין רמז פון דעם יו־ען־באַשלוס ניט פאַרבליבן.

אָבער אויך בלויז די כוחות־פאַרהעלטענישן פון דעם קליינעם קרייז, — דאָס הייסט, די כוחות־פאַרהעלטענישן צווישן אידן און אַראַבער, — וואָלטן אַליין ניט געוועזן אימשטאַנד איבערצוּוועגן די וואָגשאָל. ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די קליינע און יונגע מדינה קען זיך קעגנשטעלן אַלע אַראַבישע אַרמייען — האָט זיך באַלד אַריינגעמישט דער זיכערקייטס־ראַט, דער עקזעקוטיווער אָרגאַן פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס האָט די קאָמפּעטענץ אַרויפצולייגן סאַנקציעס, און האָט אויפגעצוואונגען די פייער־פּויזע.

צוויי מאָל האָבן מיר אויף זיך גענומען די פייער־פּויזע — ניט צוליב מיליטערישער שוואַכקייט, — קיינער אין דער וועלט וואַרפט אונז איצט ניט פאָר אַזאַ שוואַכקייט, — נאָר ווייל מיר זיינען לאָיאַל צו דער יו־ען און מיר דאַרפן זיין לאָיאַל צו דער יו־ען. עס איז ניטאָ נאָך אַ פאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין מער פון דעם אידישן פאָלק פאַראינטערעסירט אין דעם דערפאָלג

פון דעם געדאַנק און געבאָט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער — די פאַרזיכערונג פון שלום און די אויפהאַלטונג פון געזעץ צווישן די פעלקער. ניט נאָר די עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל, נאָר פיליכט די עצם פיזישע עקזיס־טענץ פונם אידישן פאָלק, די עקזיסטענץ פון דער שארית הפליטה — הענגט אָפּ פון דעם דאָזיקן דערפאָלג. די מאָראַלישע טראַדיציע אונזערע, דער אידעאַל פון אחרית הימים פון אונזערע נביאים, אונזער צעשפרייטקייט איבער דער וועלט, די פּאָזיציע פון ארץ־ישראל אויפן שייד־וועג פון דעם ערד־קוגל — דאָס אַלץ צווינגט אונז אויף לאָיאַליטעט צו דער יו־ען. ניט נאָר די אידישע מאָראַל, נאָר דער אידישער לעבנס־אינטערעס, דער ווייט־זעעוודיקער אינטער־רעס, וואָס באַשרענקט זיך ניט מיט חיי־שעה, נאָר זעט פאַר זיך דעם גורל פון דורות — פאַרפליכטעט אונז אַ פּאָליטיק פון יו־ען. צום באַדויערן, איז אָבער די יו־ען פאַרלויפיק מער אידעאַל ווי ווירקלעכקייט, — אירע מעגלעכקייטן און איר כוח אַנטשפּרעכן ניט שטענדיק איר ווילן און אירע שטרעבונגען.

און נאָכאַמאָל האָבן מיר געזען די אָפּהענטיקייט פון דער יו־ען — דוקא אין באַצוג צו דער פייער־פויזע.

איך וועל זיך דאָ איצט ניט אַריינלאָזן אין דעם אַנאַליז פון דעם מהות און די כוונות פון דער פייער־פויזע. איך וויל בלויז זאָגן, אַז מיר זיינען קאַטע־גאָריש קעגן דער אומענדלעכער פאַרלענגערונג פון דער פייער־פויזע, ווייל מיר גלויבן ניט, אַז אַזאַ פייער־פויזע פירט צו שלום און סטאַביליטעט און פעסטער, אנשטענדיקער לעזונג פון פּראָבלעם. — אָבער אפילו אין דער עצם אָפּהיטונג פון דער פייער־פויזע האָט זיך אויך אַרויסגעשטעלט די אָפּהענטיקייט פון דער יו־ען. איך וויל באַצייכענען בלויז די צוויי בולטסטע ביישפּילן: דאָס לאָזן פליסן וואַסער קיין ירושלים און דער פרייער דורכגאַנג פאַר אידישע טראַנספּאָרטן אין נגב.

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף די דעטאַלן פון דעם געראַנגל אין נגב; ער האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. איך וויל זיך דערווייל באַנוגענען מיט אַ קורצער באַמערקונג: מיר דאַרפן מער ניט אָנקומען צו דער הילף פון דער יו־ען, צו דעם גנאָד און הסכמה פון די מצרים — דער וועג אין נגב איז באַפרייט געוואָרן דורך צבא־הגנה־לישראל, און אונזערע טראַנספּאָרטן זיינען פריי צו גיין און צו קומען אַלע שעהן פון טאָג און נאַכט — צו יעדן פונקט אין נגב. עס שיינט מיר, אַז עס האָבן זיך געביטן די יוצרות: די מצרים דאַרפן איצט אָנקומען צום חסד פון אונזער מיליטער כדי צו גיין פון עזה קיין מג׳דל, פון מג׳דל קיין פאַלודזשע, און פון פאַלודזשע קיין בית־גוברין. אין פאַרלויף פון געציילטע טעג האָבן אונזערע חיילות באַוויזן איבערצורייסן כמעט אַלע מצרישע פראָנט־ליניעס פון דרום צו צפון און פון מערב צו מזרח, און ניט אָן אַ סיבה האָט זיך דער עגיפּטישער פאַרשטייער אין דעם זיכערקייטס־ראַט געבעטן, אַז מען זאָל צואיילן די פייער־פויזע.

אויב די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען האָבן זיך די לעצטע פינף טעג ניט מער באַוויזן אין די הימלען פון תל־אביב אָדער חיפה — איז עס צו פאַרדאַנקען דער איניציאַטיוו, פעאיקייטן, אויסגעהאַלטנקייט און פלייסיקייט פון אונזערע

טרייע פּילאָטן — פון ארץ ישראל און פון חוץ לארץ — וואָס האָבן צעבראָכן דעם לופט־כוח פון דעם פיינט און נגב כמעט אין ערשטן מאָמענט, און האָבן איינגעהאַלטן זייער העגעמאָניע אין דער לופט די גאַנצע צייט. לאָמיר באַערן מיט אויפשטיין דעם אָנדענק פון אונזער לופט־העלד, וואָס איז געפאַלן, צוריק־קערנדיק זיך פון איינע פון זיינע געוואַגטע פליען אין נגב: מרדכי אלון. לאָמיר אויך באַערן דעם אָנדענק פון די אינפאַנטעריע־העלדן, וואָס האָבן אין די דאָזיקע טעג אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר דער באַפרייאונג פון דעם נגב.

אָבער אויך איצט, נאָכדעם ווי אונזער געווער האָט ווידער באַוויזן, וואָס עס קען — און איך בין זיכער, אַז דאָס וועט זיך אַרויסווייזן ווען נאָר עס וועט זיך פאָדערן — דאַרפן מיר געדענקען, אַז דער מיליטערישער פאַקטאָר אַליין וועט ניט דעצידירן; מיר שטייען איצט פּיליכט פאַר אַן אַנטשיידנדיקן פּאָלי־טישן אַקט אין פּאַריז. פאַר אונזער פולן נצחון פאָדערן זיך צוויי זאַכן: גבורה און פאַרשטאַנד — מיליטערישע גבורה און פּאָליטישער פאַרשטאַנד. עס גענוגט ניט די גבורה פון דעם קעמפנדיקן מיליטער — עס איז נויטיק די גבורה פון דעם גאַנצן פאָלק, — די מוטערס און פאָטערס ווערן אויפגעפאָדערט צו אַ פּיליכט־גרעסערער גבורה, ווי די קינדער זייערע. און אויך דער פאַרשטאַנד פאָדערט זיך ניט נאָר פון אונזערע רעפּרעזענטאַנטן און פון די, וואָס פירן אָן מיט אונזער פּאָליטיק, נאָר עס פאָדערט זיך דער קאָלעקטיווער פאַרשטאַנד פון דעם גאַנצן פאָלק — אָפּצושאַצן אומשטענדן, מעגלעכקייטן, סיטואַציעס און באַדינ־גונגען, ניט נאָר אין דעם קליינעם קרייז, אין דעם נאָענטן מזרח, אין די באַצי־אונגען צווישן אונז און אונזערע אַראַבישע שכנים, נאָר אויך אין דעם גרויסן קרייז, אין די באַציאונגען צווישן דעם אידישן פאָלק, וואָס איז פאַרשפּרייט אין גלות און קאָנצענטרירט אין זיין מדינה, און צווישן די כוחות פון דער וועלט.

אָבער אויך די ביידע וועלן ניט גענוגן. מיט גבורה און פאַרשטאַנד וועלן מיר מנצח זיין אין דעם דאָזיקן געראַנגל, אָבער אונזער נצחון איז ניט אַ ציל, נאָר אַ מיטל: אויך נאָכדעם, ווי מיר וועלן דערגרייכן אַ סטאַבילן שלום מיט אונזערע שכנים און מיר וועלן פאַרזיכערן — אויף וויפל עס לאָזט זיך — די גרענעצן פון דער מדינה, וועלן מיר נאָך זיין ווייט פון אונזער ענד־ציל; ווייל מיר האָבן ניט אויפגעשטעלט אַ מדינה פאַר די 800.000 אידן פון ארץ ישראל, נאָר פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק, און דער קיבוץ־גלויות און די צוגרייטונג פון דעם לאַנד פאַר דער אַבסאָרבירונג פון די עולים פאָדערן פון אונז וויזיע — אַן אינהאַלטספולע, טאַט־קרעפטיקע וויזיע פון אַ גרויסער שאַפונג — וואָס וועט פאַרוואַנדלען דאָס דאָזיקע פאַרוויסט און פאַרלאָזן לאַנד — אין אַ מעכטיקן, געדיכט־באַפעלקערטן, קולטור־רייכן אידישן צענטער, וואָס וועט אין זיך פולקאָם פאַרקערפּערן די גאולה־בענקשאַפטן פון לאַנגע דורות.

צוליב אונזער קאַמף אויפן פראָנט און צוליב אונזער גרייטקייט פאַר דער צוקונפט לאָמיר זיך אונטערגאַרטלען מיט די דריי זאַכן: גבורה, פאַרשטאַנד און וויזיע.

# צו דער באַפרייאונג פון נגב

(טאָג־באַפעל)

מיר זיינען היינט באַפוילן געוואָרן אָפּצושטעלן דאָס פייער — און דער וואָך־לאַנגער גערּאַנגל פאַר דער באַפרייאונג פון דעם נגב האָט זיך געענדיקט.

עס איז געווען אַ גרויסע וואָך, אין פאַרלויף פון וועלכער עס איז אין דער געשיכטע פון דעם לאַנד אריינגעשריבן געוואָרן אַ קאַפּיטל פון רום און העל־דישקייט פון צבא־הגנה־לישראל: עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן די בלאָקאַדע פון דעם נגב, עס איז געשלאָגן געוואָרן די מצרישע אינוואַזיע־אַרמיי, עס איז באַפרייט געוואָרן באר־שבע — די שטאָט פון די אבות.

נאָך מיט אַ וואָך צוריק האָט דער פיינט גרינגגעשעצט די באַדינגונגען פון דער פייער־פויזע, און, טראָץ די יו־ען׳ס באַשלוסן, האָט ער געפּרואווט צו פאַרשטעלן אונז דעם וועג צום נגב — דעם וועג צו אונזערע זידלונגען, וואָס מאַכן די וויסטעניש פרוכטבאַר און מאַכן דעם מדבר בליען.

מיט צען טעג צוריק האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די אַריינדרינגלער באַרימעריש געדראָאַט מיט אַן אַלגעמיינעם אַנגריף אויף אונזערע זידלונגען און פּאָזיציעס, איז באַפאַלן אונזער לאַגער אין תל־אל־קונייטרא און אין חירבת־מחז, האָט אַרויסגעלאָזט קעגן אונזערע זידלונגען אין נגב זיינע אַעראָפּלאַנען און האָט געוואָרפן טויט־באָמבעס אויף רוחמה און דורות, און פאַריקן פרייטיק האָט ער באַפוילן, איבערצופאַלן און פאַרניכטן אונזער אַפּראָוויזאַציע־טראַנס־פּאָרט, וואָס איז אַרויס צום דרום — הגם דאָס איז געווען אין הסכם מיט די יו־ען־אַראַנזשירונגען און דערמיט האָט ער פונדאַסניי אַנגעצונדן דעם מלחמה־פייער און האָט אויף אַ שווערן אופן געבראָכן די פייער־פויזע און די אָרדענונג, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די יו־ען־שליחים.

מיר האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם מצרישן אַנגריף, און אין פאַרלויף פון זיבן טעג האָבן אונזערע כוחות געשלאָגן דעם פיינט אויף דער יבשה, אין דער לופט און אויפן ים, האָבן חרוב געמאַכט זיינע ים־באַזעס, האָבן איבער־געריסן זיינע אַפּראָוויזאַציע־און קאָמוניקאַציע־ליניעס, און האָבן אַנגעוואָרפן אַ שרעק און אַ פּאַניק אויף זיינע זעלנער און קאָמאַנדירן.

מיט העלדישע שטורעם־אַנגריפן האָט אונזער מיליטער אַריינגעשטעקט קלינעס אין דעם פיינטס פראָנט, האָט איינגענומען שליסל־פּאָזיציעס אויף די וועגן פון נגב, און האָט דערגרייכט די אור־אַלטע שטאָט פון אונזערע אבות — באר־שבע.

אויס לאָיאַליטעט צו דער אויפפאָדערונג פון די פּאַראייניקטע פעלקער האָבן מיר אָפּגעשטעלט אונזער אַטאַקע, אָבער אונזער דראַנג צו אַן אַנטשיידנ־דיקן נצחון וועט זיך ניט אָפּשטעלן. מיר ווען שטיין געשפּאַנט — מיט פולער קראַפט — צום באַפעל פון דעם פאָלק און דער רעגירונג — ביז די פרעמדע אַריינדרינגלער וועלן דערוווייטערט ווערן פון די גרענעצן פון אונזער לאַנד, און דער אידישער מדינה וועט פאַרזיכערט ווערן אַ געזעכטער, דויערנדיקער שלום.

דער נאָמען פון אונזערע פליער, זעלנער און מאַטראָסן, וואָס זיינען געפאַלן אין דעם דאָזיקן פּראַכטפולן קאַמף, וועט אויף אייביק שיינען אין דער געשיכטע פון אידישער גבורה. — די חיילות, וואָס האָבן זוכה געווען צו באַטייליקן זיך אין די קאַמפן אין דער לופט, אויף דער יבשה און אויפן ים, זאָלן דאָ באַקומען די ברכות פון דעם פאָלק און די אויסדרוקן פון זיין פאַרערונג.

כ"ג בתשרי 1948 — 1948 .26 .10

## צום שלוס פון ערשטן יאָר פון אונזער לופט־אַרמיי

די לופט־אַרמיי איז איינע פון די וואונדערבאַרע לעגענדעס, וואָס זיינען דאָס יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעוואָלוציאָנערערווירקלעכקייט. פון אַ קליינער, באַשיידענער התחלה מיט פאַרזוכן פון ציוויל־פליערייַ, וואָס דוב האָז ז"ל און פנחס רוטענבערג ז"ל האָבן זיך דערמיט פאַרנומען און וואָס איז כמעט ניט אַרויס פון די גרענעצן פון לאַנד, איז אין דעם דאָזיקן וואונדערפולן יאָר אַנטשטאַנען אַ מיליטערישע לופט־קראַפט, וואָס געוועלטיקט אין די הימלען פון ארץ־ישראל און וואַרפט אַן אַ פחד אויף די אַראַבישע לענדער. רבת־עמון, דמשק און קאַהיר האָבן דערשפירט איר געוואַגטן פאַרמעסט נאָך פאַר דער פייער־פויזע, און אין דעם לעצטן קאַמף אין נגב האָט די לופט־אַרמיי אין ישראל צעשמעטערט דעם קאָפּ פון דעם מצרישן פיינט, האָט צעשטערט זיין לופט־באַזע אויפן גרענעץ פון אונזער לאַנד, האָט פאַרניכטעט זיינע אַעראָפּלאַנען, האָט אָנגעוואָרפן שרעק און פּאַניק אויף אַלע זיינע מיליטערישע באַזעס, האָט מיט חרפה פאַריאָגט דעם מופטיס פּופּעט־רעגירונג פון דער באַמבאַרדירטער עזה און האָט פאַרגעברייט דעם פולשטענדיקן צוזאַמענברוך פון די עגיפּטישע אינוואַזיע־אַרמייען.

צוזאַמען מיט דער יוגנט פון ארץ ישראל, האָבן זיך אין דעם אויפבוי פון דער לופט־אַרמיי און אין זיינע געוואַגטע און געפערלעכע אָפּעראַציעס באַטייליקט פרייוויליקע יוגנטלעכע פון אַלע גלות־לענדער, מיט אונזערע בעסטע פליער פון צפון־אַמעריקע, דרום־אַפריקע, ענגלאַנד און קאַנאַדע — אין דער שפּיץ. אין דער לופט־אַרמיי איז פאַרקערפּערט געוואָרן אַן אויסטער־

לישער קיבוץ־גלויות, וואָס פליט אין דער לופט, און עס האָבן זיך אין אים צונויפגעגאָסן אידישע גבורה און ברידערלעכקייט, וואָס וועלן דינען אַלסביישפּיל פאַר דער אידישער יוגנט אומעטום; די אַרמיי איז אַ זיכערער אָנשפּאַר פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק און פון פאָטערלאַנד פון ישראל.

די גרויסע מיסיע פון אונזערע פליער וועט זיך ניט ענדיקן אויך נאָך דעם נצחון, אויך אין די טעג פון שלום. נאָכן ענדיקן די מלחמה וועט זיך מיט פיל מער קראַפט באַנייען דער דראַנג פון אונזערע פערמאַנענטע, אומאויפהערלעכע און אומענדלעכע דעראָבערונגען — די נאַטור־דעראָבערונגען, כדי צו פאַרפעסטיקן דעם וואוקס, פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט און קולטור פון אונזער נאַציע.

אויף דריי נאַטור־דעראָבערונגען וועט זיך באַזירן די צוקונפט פון אונזער אויסגעלייזט פאָטערלאַנד: די דעראָבערונג פון דער ערד און אַלץ וואָס אין איר און אויף איר — אין דער לענג און ברייט פון אונזער לאַנד; די דעראָבערונג פון ים — פון די ברעגן פון אונזער פאָטערלאַנד און ביז צו עק וועלט; די דעראָבערונג פון דער לופט — פון אונזערע בלויע הימלען און ביז צו דער אומענדלעכקייט.

אונזערע חיילות, וואָס פירן די מלחמה אין די דאָזיקע דריי דימענסיעס, וועלן — נאָכן נצחון, אין די טעג פון שלום — פאַרוואַנדלט ווערן אין דעראָבערער פון אַרבעט און קאָלאָניזאַציע, וויסנשאַפט און פּראַקטיק — אין דער לופט, אויפן ים און אויף דער יבשה. און עס וועלן צו זיי צוקומען צענדליקער און הונדערטער טויזנטער עולים, וואָס וועלן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ צוריקקערן פון די גלות־לענדער קיין ארץ ישראל.

דער גרינדונגס־טאָג פון דער פלי־אַרמיי וועט פון איצט אָן געפייערט ווערן, אַלס איינער פון די דעצידירנדיקע, פּראַכטפולע בראשית־טעג אויפן וועג צום נצחון — איבערן פיינט, כל זמן אונזערע פיינט וועלן פאַרזוכן צו שעדיקן אונזער פרייהייט און וואוקס, און איבער די נאַטור־מאַכטן, כל זמן דער מענטש אויף דער ערד וועט אָפּהיטן דעם צלם־אלקים, לויט וועלכן ער איז באַשאַפן געוואָרן.

כ״ה בתשרי תש״ט — 10. 28. 1948

# די דרום־אַקציע

(אויף דער פיר און צוואַנציקסטער זיצונג פון דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט, תל־אביב)

מיטגלידער פון מדינה־ראַט! איך דאַרף אייך דאָ געבן אַ קורצן איבערזיכט פון דער דרום־אַקציע, וואָס האָט זיך געפירט געגנוי אַ וואָך, פון י״ב ביז י״ט בתשרי.

די דאָזיקע אַקציע איז וויכטיק אין פאַרשיידענע הינזיכטן: אין דער הינזיכט פון די יו־ען־קאָמפּעטענצן, אין הינזיכט פון די כוחות־פאַרהעלטעניש אויפן נאָענטן מזרח, אין הינזיכט פון דער צוקונפט פון דעם לאַנד. אין דער דאָזיקער אַקציע זיינען עקזאַמינירט געוואָרן — דער ווערט פון דער פייער־פויזע און אירווירקזאַמקייט, ווי אויך די ווירקזאַמקייט פון דער יו־ען־קאָנטראָל; די אחדות און די ווירקזאַמקייט פון דער אַראַבישער ליגע, די ממשות־דיקייט פון דער עזה־רעגירונג, דער כוח פון דער מצרישער אַרמיי, די שלאָגפערטיקייט פון דער אידישער אַרמיי. מיר מעגן באַהויפּטן, אַז אויסער דעם לעצטן פאַקטאָר — די אידישע אַרמיי — זיינען אַלע דורכגעפאַלן אין דאָזיקן עקזאַמען.

די פייער־פויזע: מיר זיינען געווען קעגן און מיר זיינען איצט אויך קעגן דער פייער־פויזע, — מיר האָבן זי אָבער אַקצעפּטירט, ווייל מיר זיינען דערצו אויפגעפאָדערט געוואָרן דורך דער יו־ען. מיר זיינען געווען און געבליבן קעגנער פון דער פייער־פויזע, ווייל זי לעגאַליזירט געוויסערמאַסן די אינוואַזיע. די אַריינגעדרונגענע אַרמייען באַקומען אַדאַנק דער פייער־פויזע אַ מין אינטערנאַציאָנאַלן סטאַטוס. אין דער דאָזיקער פייער־פויזע ווערן אויסגעגלייכט די אָנגרייפער און די אָנגעגריפענע. די פייער־פויזע פאַרלענגערט, לויט אונזער מיינונג, אומנויטיק די מלחמה, די פייער־פויזע ברענגט שאָדן די אידן, ווי די אַראַבער. זי שטעלט מיט זיך אַבסאָלוט ניט פאָר קיין שלום־מיטל, — מיר האָבן זיך אין דעם איבערצייגט אין פאַרלויף פון אַלע דריי פייער־פויזעס. מיר האָבן אָבער אַקצעפּטירט די פייער־פויזע, ווייל אונזער פאָליטיק באַזירט זיך אויף דער יו־ען. מיר האָבן ניט פאַרקוקט די שוואַכקייט פון דער יו־ען, אָבער נאָר אַ קורצזיכטיקע פאָליטיק קען פאַרזוכן אויסצונוצן די דאָזיקע שוואַכקייט. מיר האַלטן, אַז עס איז אונזער אידישער און מענטשלעכער אינטערעס, צו פאַרשטאַרקן די קאָמפּעטענצן און מעגלעכקייטן פון דער יו־ען. דער טאָג, ווען די יו־ען וועט געבראָכן ווערן — וועט זיין דער שוואַרצסטער טאָג אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און פיליכט איינער פון די טראַגישסטע

טעג אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק. מיר זיינען ניט וויניקער, אָבער אפשר מער, פון אַלע פעלקער אין דער וועלט, פאַראינטערעסירט אין וועלט־פרידן. מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין קאָאָפּעראַציע צווישן אַלע פעלקער; מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין דער הערשאַפט פון געזעץ אין דער וועלט; מיר זיינען פאַראינטערעסירט, אַז אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן זאָלן געלעזט ווערן מיט פרידלעכע מיטלען; מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין דער צוזאַמענאַרבעט פון מזרח און מערב. און היינט צו טאָג וועט זיך ניט געפינען קיין אינגל אין דער וועלט, וואָס זאָל דערקלערן אונזער הסכמה צו דער פייער־פויזע מיט אונזער מיליטערישער שוואַכקייט. מיר האָבן אויף זיך גענומען די פייער־פויזע אויס לאָיאַליטעט צו דער יו־ען — טראָץ איר שוואַכקייט; מיר האָבן אָבער ניט אַקצעפּטירט און וועלן ניט אַקצעפּטירן אַן איינזייטיקע פייער־פויזע. עס איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז די פייער־פויזע, צו וועלכער מיר זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו־גלייך מיט די אַראַבער, איז די גאַנצע צייט און אויף אַלע פראָנטן — אַן איינזייטיקע. עס איז כמעט ניט דורכגעגאַנגען קיין טאָג, אַז די פייער־פויזע זאָל ניט געבראָכן ווערן דורך די פיינטלעכע כוחות: אין דרום, אין צענטער, אין צפון און אין ירושלים. עס איז גענוג, אַז איינער זאָל פאַרברענגען אַ נאַכט אין ירושלים, כדי צו זען און פילן, אַז די פייער־פויזע עקזיסטירט ניט. די אַנגריפן, שיסערייען און באָמבאַרדירונגען מצד דעם פיינט הערן כמעט ניט אויף. די פייער־פויזע ווערט געבראָכן ניט נאָר דורך ניט־אָפּשטעלן דאָס פייער. דער הויפּט־געדאַנק פון דער פייער־פויזע באַשטייט אין דעם, אַז קיין שום צד טאָר פון איר ניט פאַרדינען; קיין צד טאָר ניט פאַרגרעסערן זיין מיליטערישן כוח און טאָר ניט ציען קיין שום מיליטערישן נוצן פון דער פייער־פויזע. די מצרים האָבן אָבער אין די טעג פון דער פייער־פויזע אומאויפהערלעך אַריינגעבראַכט מיליטערישע פאַרשטאַרקונגען פון מצרים, סודאַן און אַנדערע לענדער אין אַפריקע. זיי האָבן אומאויפהערלעך אַריינגעבראַכט געווער; זיי האָבן געצוואונגען די איינוואוינער פון ארץ־ישראל צו מאָביליזירן זיך און צו אַרבעטן ביי באַפעסטיקונגען. ניט נאָר דאָס: זיי האָבן אָפּן, פערמאַנענט געבראָכן איינעם פון די וויכטיקסטע באַשלוסן פון די יו־ען־באַאָבאַכטערס, וואָס אַן אים האָט די פייער־פויזע בכלל ניט געקענט האָבן קיין האַפט.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע פייער־פויזע — דעם 18־טן יולי — איז די סיטואַציע אין דרום געווען אַביסל משונה׳דיק. די מצרים האָבן איינגענומען די פראָנט־ליניע פון מערב צו מזרח — פון מגדל ביז צו בית־גוברין. די ישראל־אַרמיי האָט איינגענומען די ליניע פון צפון צו דרום, אוןביידע ליניעס האָבן זיך געקרייצט אין אַ פּונקט מיטן נאָמען קאַרטיע. ביידע אַרמייען האָבן געקענט איינע דער צווייטער פאַרשליסן דעם וועג, און דער יו־ען באַאָבאַכטער האָט באַשלאָסן, אַז ביידע צדדים וועלן האָבן דורכגאַנג־רעכט פאַר זייערע טראַנספּאָרטן: די מצרים — פון מערב צו מזרח, אויף יענער ליניע, וואָס מיר קרייצן — נאָכמיטאָג; דאָס אידישע מיליטער — פון צפון צו דרום, אויף דער ליניע, וואָס די מצרים קרייצן — פאַרמיטאָג.

די מצרים האָבן ניט אויסגעפירט דעם דאָזיקן באַשלוס און האָבן אונזערע

טראַנספּאָרטן ניט געגעבן קיין פרייען דורכגאַנג. זיי האָבן אַזוי געהאַנדלט צוליב צוויי מאָטיוון:

א) זיי האָבן געהאַלטן, אַז די יו־ען באַאָבאַכטערס ווילן ניט און קענען ניט אויספירן זייער באַשלוס. זיי האָבן געמעגט טראַכטן אַזוי נאָך דעם אַלעם, וואָס איז געשען אין לאַטרון, וואו — אין קעגנזאַץ צו אַן אויסדריקלעכן באַשלוס און צו דעם עצם געדאַנק פון דער פייער־פויזע — האָבן זיך די אַראַבער אָפּגע־זאָגט צו לאָזן וואַסער שטראָמען קיין ירושלים. נאָכמער: זיי האָבן אויפגע־ריסן די שעפּ־סטאַנציע אין לאַטרון, — און די יו־ען האָט גאָרנישט ניט גע־וואָלט — אָדער ניט געקענט — טאָן. אַלע פּאָדערונגען אונזערע, צו לאָזן שטראָמען וואַסער קיין ירושלים דורך דעם נייעם וועג, האָבן ניט געהאָלפן. דאָס האָט האַרט געמאַכט דאָס האַרץ פון די מצרים, און זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז ווען אפילו זיי וועלן ברעכן דעם באַשלוס פון דער יו־ען און וועלן ניט דורכלאָזן דעם טראַנספּאָרט, וועט זיי גאָרנישט געשען — צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס די יו־ען קען באַשליסן, זי קען אָבער די באַשלוסן ניט אויספירן.

ב) די מצרים האָבן געגלויבט, אַז מדינת ישראל און צבא ישראל וועלן ניט וועלן און וועלן ניט קענען אויספירן דעם באַשלוס מיט אייגענע כוחות. זיי האָבן, וואָס אַן אמת, געהאַט אַ געוויסן גרונט דערצו: פון אַלע אַראַבישע אַרמייען, וואָס האָבן מיט אונז מלחמה געהאַלטן נאָכן 15־טן מאַי, איז די מצרישע אַרמיי געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך געקענט באַרימען — הגם נאָר ביז צו אַ געוויסער מאָס — אַז זי איז ניט געשלאָגן געוואָרן דורך צבא־הגנה־לישראל. אַלע אונזערע נצחונות און דעראָבערונגען פון פאַר דער ער־שטער פויזע, און באַזונדערס פון פאַר דער צווייטער פויזע, אין יענע צען היס־טאָרישע טעג, זיינען געווען איבערהויפּט אויפן פראָנט פון דעם לעגיאָן, אויפן פראָנט פון די סירייער און די לבנון־לייט, און אויפן פראָנט פון די איראַקער. די מצרים זיינען ניט געשלאָגן געוואָרן נאָכן 15־טן מאַי. אמת, עס איז זיי גאָרנישט געלונגען אָוועקצונעמען פון אונז, אויסער צוויי פּונקטן אונזערע; זייערע כלומרשטע דעראָבערונגען אין אשדוד, באר־שבע און עזה זיינען געווען דעראָבערונגען פון אַראַבישע ישובים. ווי עס זאָל ניט זיין — זיי זיינען זיכער, אַז דאָס, וואָס עס איז געשען מיט די איבעריקע אַרמייען, וועט ניט געשען מיט זיי, און אַז צבא־ישראל וועט ניט וואַגן צו פאַרטשעפּען זיך מיט זיי. — אויפן גרונט פון די דאָזיקע צוויי פאַרויסזעצונגען האָבן זיך די מצרים, אין פאַרלויף פון דריי מאָנאַטן, אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַשלוס וועגן געבן אַ דורכגאַנג פאַר אונזערע טראַנספּאָרטן צו אונזערע ישובים און צו אונזערע מיליטערישע כוחות אין דרום און אין נגב.

זייער ערשטע פאַרויסזעצונג אין באַצוג צו דער יו־ען — האָט זיך באַ־שטעטיקט. די יו־ען האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט, — איך וועל זיך ניט אונטערנעמען, צו אורטיילן און פעסטצושטעלן, צי צוליב ניט־וועלן אָדער צוליב ניט־קענען, — רעספּעקטירן אירע באַשלוסן און רעספּעקטירן דעם הויפּט־געדאַנק פון דער פייער־פויזע. ניט די מצרים האָבן געפּאָדערט די פייער־פויזע. די יו־ען האָט באַשלאָסן וועגן דער פייער־פויזע, און עס איז ניט קיין פייער־פויזע, אויב מיר באַקומען ניט די מעגלעכקייט, צו פאַרבינדען זיך

מיט אונזערע זידלונגען און מיט אונזערע חיילות אין דרום. — די יו־ען־באַאָבאַכטערס האָבן ניט אויסגעפירט זייער פליכט.

וואָך־איין — וואָך־אויס פלעגן מיר זיך ווענדן צו די יו־ען־באַאָבאַכטערס און פאָדערן, צו דערמעגלעכן אונדז דורכצופירן אונזערע טראַנספּאָרטן צום נגבֿ, און יעדן מאָל פלעגן מיר באַקומען דעם ענטפער: „איר זייט גערעכט, אָבער די אַראַבער לאָזן ניט. מיר וועלן זיך באַמיען”.

מיר האָבן געוואַרט וואָכן, געוואַרט מאָנאַטן, ניט אינגאַנצן אָפּהענטיק געוואַרט: מיר האָבן געפונען אַן אַנדער וועג, ווי אַזוי צוצושטעלן אַפּראָוויזאַציע צו אונזערע פּונקטן אין נגבֿ. מיר האָבן אָבער געהאַט דאָס רעכט, צוצושטעלן די אַפּראָוויזאַציע ניט דורך די וועגן, וואָס מיר האָבן אויסגעפונען, נאָר פשוט — דורך דירעקטע טראַנספּאָרטן. — און ענדלעך האָט געפּלאַצט אונזער געדולד.

פרייטיק, י״ב בתשרי, איז אַרויס אַ טראַנספּאָרט צום נגבֿ, הגם די יו־ען האָט נאָך ניט געקראָגן די הסכמה פון די מצרים. אָבער דאָס איז שוין געווען דריי מאָנאַטן נאָכדעם, ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס וועגן די טראַנספּאָרטן, און העכער דריי מאָנאַטן נאָכן אָנהויב פון דער צווייטער פייער־פויזע. די מצרים האָבן אָנגעגריפן דעם טראַנספּאָרט, און אונזערע לייט זיינען געווען געצוואונגען צוריקצוטרעטן. אייניקע אויטאָמאָבילן אונזערע זיינען דורך די מצרים פאַרברענט געוואָרן. דאַן האָט אונזער אַרמיי באַקומען אַ פאַר־אָרדנונג, צו באַפרייען מיט אייגענע כוחות דעם וועג. און דאָס מיליטער האָט אויסגעפירט די דאָזיקע פאַראָרדנונג.

די אַקציע פון יענער וואָך — פון י״ב ביז י״ט בתשרי — געהערט שוין צו דער געשיכטע, און עס איז איבעריק אָפּצושטעלן זיך איצט אויף פּרטים. איך וועל נאָר מאַכן עטלעכע עיקרדיקע באַמערקונגען. אין די דאָזיקע קאַמפן איז געשטאַנען אַ טייל — אַ קליינער טייל — פון אונזערע מיליטערישע כוחות קעגן דעם כוח פון דער גרעסטער אַראַבישער מדינה, וואָס איז געווען אין אונזער לאַנד. פלאַסטיש גערעדט, וועט גענוג זיין צו באַצייכענען, אַז די צאָל פון די אידן אין ארץ־ישראל, אין פאַרגלייך מיט דער צאָל איינוואוינער אין מצרים, איז — ווי איינער אַנטקעגן פיר און צוואַנציק. אמת, ניט דאָס איז געווען די פּראָפּאָרץ פון די מיליטערישע כוחות. צוליב פאַרשטענדלעכע מאָטיוון וועל איך דאָ ניט ברענגען קיין גענויע ציפערן אָדער גענויע פּראָצענטן, אָבער אין דער דרום־אַקציע האָט זיך באַטייליקט נאָר אַ קליינער טייל פון אונזער אַרמיי, ווייל אונזערע חיילות זיינען געווען און פאַרבליבן צוגעשמידט צו אַנדערע פראָנטן, ווייל אויך דאָרטן זיינען מיר ניט זיכער, און מיר קענען ניט זיין זיכער, אַז עס וועט פּלוצים ניט אויסברעכן אַ שלאַכט — אין קעגנזאַץ צו די באַשלוסן פון דער יו־ען. אויך אויף די אַנדערע פראָנטן האַלטן די פיינטלעכע כוחות אין איין ברעכן די פייער־פויזע. די מצרים — דאַקעגן — האָבן אין דער דרום־אַקציע באַשעפטיקט אַלע זייערע מיליטערישע כוחות, וואָס געפינען זיך דאָ אין לאַנד און וואָס בילדן די מערהייט פון דעם גאַנצן עגיפּטישן מיליטערישן כוח.

פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די פייער־פויזע — דעם 18־טן יולי, איז דער מצרישער כוח אין לאַנד אומאויפהערלעך געשטיגן אין דער צאָל מענטשן

און אין קריגס־מאַטעריאַלן. טראָץ דער כלומרשטער יו־ען־קאָנטראָל, האָט זיך דער שטראָם פון קריגס־מאַטעריאַלן ניט אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. באַזונדערס איז געוואַקסן דער שטראָם פון שווערער אויסשטאַטונג. עס האָט זיך פון דאַן אָן ניט איבערגעריסן די פיבערהאַפטע טעטיקייט ביי באַפעסטיקונגען און קאָמוניקאַציע — און ניט דורך די מצרים, נאָר אויך דורך אַראַבישע מאַסן, וואָס זיינען מאָביליזירט געוואָרן מיט צוואַנג. אין פאַרלויף פון די דאָזיקע דריי מאָנאַטן איז אויך אָנגעקומען אַהערצו פון מצרים ניט קיין קליינע מיליטער־פאַרשטאַרקונג ; אין די מצרישע מיליטערישע כוחות, האָבן זיך מיט דער צייט אויך אָנגעשלאָסן סודאַנישע און סעודישע מיליטערישע כוחות, ווי אויך ניט־רעגולערע אָפּטיילונגען, וואָס דער מופטי האָט זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן אין לאַנד.

אין דער דאָזיקער צייט איז דורך די מצרים געמאַכט געוואָרן דער פּאַר־זוך, אויפצושטעלן די „גאַנצע" פּאַלעסטינע־רעגירונג אין דעם ראַיאָן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט. ניט לאַנג פאַרן אָנהויב פון דער דרום־אַקציע האָט זיך פאַרזאַמלט אין עזה — איינער פון די קאָנצענטראַציע־פונקטן פון דעם מצרישן מיליטער — אַ מין גרינדונגס־ראַט פון די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער און עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ רעגירונג ניט נאָר פאַרן עגיפּטישן און אַראַבישן טייל פון ארץ ישראל, נאָר פאַר דער „גאַנצער" פּאַלעסטינע. די מצרים האָבן געגלויבט, אַז דאַדורך שטאַרקן זיי זייער כוח אינערהאַלב דעם אַראַבישן ישוב, וועלכער וועט גיין צוזאַמען מיטן מצרישן מיליטער, אויב עס וועט ווידער אויסברעכן די מלחמה מיט די אידן.

טראָץ די דאָזיקע פונדאַמענטאַלע פאַקטן, האָבן אונזערע חיילות באַוויזן באַלד דעם ערשטן טאָג אַראָפּצולאָזן אַ צושמעטערנדן קלאַפּ אויפן קאָפּ פון דעם מצרישן מיליטער. קודם כל, איז געווען טעטיק אונזער לופט־חיל. מיט איין קלאַפּ, באַלד דעם ערשטן אָוונט, איז כמעט צובראָכן געוואָרן דער עגיפּטישער לופט־כוח אין לאַנד : עס איז פאַרניכטעט געוואָרן זייער לופט־באַזע אין על־אריש און עס איז צושעדיקט געוואָרן דער גרעסטער טייל פון די באָמבערס און קריגס־עראָפּלאַנען, וואָס די מצרים האָבן דאָרט געהאַלטן. פון יענעם מאָמענט אָן האָט אונזער לופט־אַרמיי באַהערשט די הימלען פון דרום און האָט ניט אויפגעהערט צו באָמבאַרדירן טאָג און נאַכט די צענטרען פון דעם שונא : באר־שבע, עזה, מג׳דל, פאַלודזשע, בית־גוברין, איראַן־סוואודאַן, איראַן־מאַנשיע און אַנדערע פּלעצער, איך זאָג : ער האָט ניט אויפגעהערט צו באָמבאַרדירן טאָג און נאַכט, — דאָס איז ניט קיין מליצה. אונזער לופט־אַרמיי, וואָס האָט נאָך מיט אַ יאָר צוריק בכלל ניט עקזיסטירט און וואָס דעם 15־טן מאַי, ווען די אַראַבישע מדינות האָבן געמאַכט זייער מיליטערישע אינוואַזיע אויף ארץ ישראל, איז זי געווען כמעט הילפלאָז, האָט דאָסמאָל באַוויזן וואונדער. עס איז פאַרניכטעט געוואָרן דער עגיפּטישער לופט־כוח, עס זיינען צושמעטערט געוואָרן די עגיפּטישע חיילות, ווי נאָר זיי זיינען געווען. אומעטום האָט זיי געפונען די שווערע, צושמעטערנדע האַנט פון דער יונגער לופט־קראַפט פון ישראל.

צוזאַמען מיט דער לופט־קראַפט און מיט אירע טריט זיינען געגאַנגען די אינפאַנטעריע און די אַרטילעריע, און באַלד אין די ערשטע שלאַכטן זיינען איבערגעריסן געוואָרן אַלע עגיפּטישע קאָמוניקאַציע־און אַפּראָוויזאַציע־ליניעס. דאָס איז איינער פון די סודות, פיליכט דער וויכטיקסטער סוד פון דעם דאָזיקן נצחון, וואָס האָט איבערראַשט די גאַנצע וועלט.

אין דער דאָזיקער אַקציע זיינען געווען פולשטענדיק צוזאַמענגעשלאָסן אַלע דריי מיליטערישע כוחות אונזערע: די יבשה־אַרמיי, די לופט־אַרמיי און די ים־אַרמיי. און אויב אָנגעהויבן די מצוה האָט אונזער לופט־קראַפט, האָט זי פאַרענדיקט אונזער ים־כוח. ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָבן די מצרים אַנטדעקט דעם סוד, אַז זונטיק, י״ט בתשרי, שוין נאָך דער פייער־פּויזע, נאָכדעם ווי זייערע שיפן האָבן באַשאָסן אונזערע שיפן, וואָס האָבן פּאַטרולירט די אומגעגנט פון עזה, איז דערטרונקען געוואָרן די עגיפּטישע פלאַג־שיף אויפן נאָמען פון קעניג פאַרוק, און, לויט ידיעות פון אַמעריקע, איז אין דערזעלבער צייט דערטרונקען געוואָרן נאָך אַ מצרישע שיף — אַ מינעס־שלעפּערין.

דאָס מיליטער האָט פולשטענדיק אויסגעפירט די אויפגאַבע, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן: באַפרייען דעם וועג צום נגב און פאַרזיכערן באַוועגונגס־פרייהייט פאַר אונזער מיליטער און פאַר אונזער ישוב אין דרום און אין נגב. כמעט אַלע קאָמוניקאַציע־קנופּן אין דרום און אין נגב זיינען אין די הענט פון אונזער אַרמיי. מען קען ניט זאָגן, אַז די גאַנצע מצרישע אַרמיי איז צושמעטערט געוואָרן, אָבער פאַראַליזירט איז זי, און אלנפאלס איז זי אין איר איצטיקער לאַגע ניט פעאיק, אונטערצונעמען אַ וועלכע עס איז אַקציע. אַ גרויסער טייל פון דער עגיפּטישער אַרמיי איז פאַרשפּאַרט אין קליינע אינזלען, אַרומגערינגלטע דורך אונזערע מיליטערישע כוחות, ווי אין פאַלודזשע, איראַק־סווידאַן און איראַק־מאַנשיע. אויך דאָס מיליטער אין מג׳דל איז איצט אָפּגעשניטן פון דער באַזע אין עזה, וואָס איז איצט די הויפּט־באַזע. אונזער מיליטער האָט איינגענומען בית־חנון, וואָס געוועלטיקט איבער ביידע זייטן פון דעם שאָסיי, וואָס פירט פון מג׳דל צו עזה. פאַר דער לעצטער פייער־פּויזע האָבן מיר איינגענומען באר־שבע. — באר־שבע איז פאַר אונז וויכטיק, אַלס דאָס אָרט, פון וועלכן עס הויבט זיך אָן די אידישע געשיכטע, און זי הויבט זיך אָן אויף אַ וועג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אונזערע היינטיקע צייטן: עס הויבט זיך אָן מיט די קאָנסטרוקטיווע באַמיאונגען פון די עברים, צו גראָבן ברונעמער און באַפרוכפּערן די וויסטעניש, און מיט די באַמיאונגען פון די פלשתים צו פאַרשטאָפּן די ברונעמער און פאַראייביקן די וויסטעניש. אָבער באר־שבע איז פאַר אונז וויכטיק ניט נאָר, אַלס היסטאָרישער דענקמאָל, נאָר אַלס אַ פלאַץ, וואָס הערשט איבער איינעם פון די עיקרדיקע וועגן צווישן דעם גאַנצן דרום און מצרים. אונזער מיליטער געפינט זיך אויך אין בית־גוברין, נעבן דער תנ״ך־שטאָט מרשה, אויב עס וועלן ניט קומען קיין ניט־פאָרויסגעזעענע געשעענישן, אויב אַנדערע אַרמייען וועלן ניט קומען צו הילף, אויב עס וועלן זיך אין מצרים ניט

עפענען קיין אומבאַקאַנטע וועגן, מיט דער הילף פון וועלכע עס זאָל געעג־דערט ווערן די לאַגע אין דרום — וועלן אין די הענט פון אונזערע חיילות פּאַקטיש פאַרבלייבן אַלע גרויסע, אומענדלעכע שטחים פון דעם נגב און עס וועט אונז גאָרנישט אָפּהאַלטן פון צוקומען צו אַלע עקן פון דעם נגב.

צום באַדויערן, קענען מיר נאָך ניט באַטראַכטן די אַקציע אַלס אַ פאַר־ענדיקטע. אויך די דאָזיקע אַקציע האָט זיך ניט פאַרענדיקט מיט שליסן שלום, נאָר מיט אַ פייער־פויזע, — ניט קיין סטאַבילע, ממשותדיקע פייער־פויזע — גלייך ווי די פריערדיקע פויזעס.

צוזאַמען מיט דער פאָדערונג, אָפּצושטעלן דאָס פייער, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן נאָכדעם, ווי אונזער מיליטער האָט אויסגעפירט די שליחות, וועלכע איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן, האָט דער זיכערהייטס־ראָט פון דער יו־ען אויך פאָרגעשלאָגן, צוריק צורוקן די פּאָזיציעס צו די פונקטן, ווי זיי זיינען געווען פאַר י״ב בתשרי, אָרגאַנזשירן מעגלעכקייטן פאַר עפעקטיוון קאָנטראָל און פירן פאַרהאַנדלונגען מיט מצרים — דירעקט אָדער דורך אַ פאַרמיטלער — וועגן באַזייטיקן די עקזיסטירנדע צווישן אונז שוועריקייטן. אונזער פאַר־טרעטער אין דער יו־ען האָט אויף דער זיצונג פון דעם זיכערהייטס־ראָט דערקלערט, אַז עס איז בכלל ניט אַרויפצוברענגען אויפן געדאַנק, אַז מיר זאָלן אָפּטרעטן פון די פּאָזיציעס, וואָס אונזער מיליטער האָט פאַרנומען. די דאָזיקע דערקלערונג איז געווען אַן אויטאָריזירטע, זי איז אויך געווען אַ נויטווענדיקע. לויט דער פּאַקטישער זאַכלאַגע, איז בכלל אונמעגלעך צוריק־צושטעלן די פריערדיקע סיטואַציע, אַזוי ווי עס איז געווען י״ב בתשרי: צוליב דעם וואָלטן דאַך די מצרים געדאַרפט מחיה־מתים זיין טויטע. דאָס וואָס עס איז געווען י״ב בתשרי, געהערט שוין צו דער געשיכטע — און וועט זיך מער ניט צוריקקערן. די יו־ען, וואָס איז געווען פאַרפליכטעט צו זאָרגן דערפאַר, אַז מיר זאָלן האָבן אַ פרייען דורכגאַנג, האָט עס ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט טאָן. אונזער מיליטער האָט דורכגעריסן דעם וועג, און אויף וויפיל עס וועט זיין אָפּהענגיג פון אונז, וועט דער דאָזיקער וועג בלייבן פריי און אָפן, ניט נאָר פאַר אונזערע חיילות און פאַר די פאַראַנענע קאָלאָניסטן, נאָר אויך פאַר נייע צענדליקער טויזנטער קאָלאָניסטן, וואָס וועלן לאָזן בליען און וועלן באַפרוכפּערן די ברייטע וויסטענישן אין דעם דאָזיקן טייל פון אונ־זער לאַנד.

דער דאָזיקער גערעַנגל צווישן דעם מיליטער פון ישראל און דעם מיליטער פון מצרים איז אַן אייגנאַרטיקער —— פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. אונזער צוזאַמענטרעף מיט מצרים איז, ווי באַקאַנט, פאַרגעקומען פריער פון אונזערן אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ וועלכער עס איז אַנדער נאַציע. די אידישע געשיכטע הויבט זיך אייגנטלעך אָן אין מצרים, און דער אָנפאַנג אירער איז פאַרבונדן מיט אַ פאַקט, וואָס מיר האָבן זיך מיט אים ניט וואָס צו שעמען: דער ער־שטער איד, וואָס איז געקומען קיין מצרים, האָט געראַטעוועט דאָס דאָזיקע לאַנד פון הונגער און אונטערגאַנג. פון אַלע שכנותדיקע מזרח־פעלקער, וואָס פלעגן זיך קריגן מיט אונז און מלחמה האַלטן קעגן אונז — עמלק,

אמורי, פלשתים, מואַב, עמון, ארם אַשור, בבל — זיינען די מצרים געווען די אַמוויניקסטן אַגרעסיווע, און עס זיינען כמעט ניט פאָרגעקומען קיין מלחמות צווישן אונז און מצרים — אונזער גרויסן שכן פון דרום־זייט.

נאָר נאָכדעם, ווי עס האָט זיך געשפאָלטן די מלכות פון בית־דוד, אין די טעג פון רחבעם,איז געשען, דאָס שישק, דער קעניג פון מצרים, האָט באַ־רויבט דעם בית־המקדש און דאָס הויז פון דעם קעניג רחבעם אין ירושלים.

מיר האָבן געהאַט אַ צוזאַמענשטויס אין די טעג פון דעם קעניג אָסאָ, דער פינפטער פון בית־דוד, מיט די סודאַנער, וואָס דער תנ״ך רופט זיי — כושים; זיי זיינען דערגאַנגען ביז צו מרשה, ניט ווייט פון בית־גוברין, מלחמה צו האַלטן מיט יהודה, און האָבן געכאַפּט אַ מפלה „און אָסאָ און דאָס פאָלק וואָס מיט אים האָבן זיי נאָכגעיאָגט ביז קיין גרר, און עס זיינען געפאַלן פון די כושים, ביז פון זיי איז ניט געבליבן אַ לעבעדיקער; און זיי האָבן גע־נומען רויב זייער פיל, און זיי האָבן געשלאָגן אַלע שטעט רונד אַרום גרר, און האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושלים״ (דברי הימים ב׳—י״ד). דער איינ־ציקער מיליטערישער צוזאַמענשטויס מיט מצרים איז פאָרגעקומען אין די טעג פון איינעם פון די לעצטע מלכים פון בית־דוד — אין די טעג פון יאשיהו און פרעה־נכה. מען דאַרף מודה זיין, אַז דאָסמאָל איז דער קעניג פון יהודה געווען דער אַגרעסאָר, ווייל פרעה־נכה האָט מודיע געווען צו יאשיהו, אַז ער וויל זיך ניט קריגן מיט יהודה און אַז ער גייט מלחמה האַלטן מיט אַשור און כרכמיש אויף דעם טייך פרת. אָבער יאשיהו — לאָיאַל צו זיין בונד, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט אַשור — איז אַרויסגעטראָטן קעגן פרעה־נכה אין מגידו — און איז געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד (מלכים ב׳ כ״ג; דברי הימים ב׳, ל״ה). אויסער די דאָזיקע זעלטענע פאַרפאַלן אין אַ געשיכטע, וואָס איז דריי טויזנט יאָר אַלט, איז די דרום־אַקציע פון סוף תשרי ד. י. דער ערשטער צוזאַמענשטויס פון דעם מיליטער פון ישראל מיט מצרים, און מיר וואָלטן וועלן, אַז ער זאָל אויך זיין דער לעצטער. מיר האָבן ניט קיינע קאָנ־פליקטן מיטן מצרישן פאָלק און מיר האָבן ניט קיין לוסט צו זיין פאַרמעגן. און אויב די מצרים זיינען אַמאָל געווען אומדאַנקבאַר פאַר דער רעטונג, וואָס יוסף האָט זיי געבראַכט, און זיי האָבן געמאַכט אונזערע עלטערן אַרבעטן קאַטאָרזשנע אַרבעטן אין פאַרלויף פון פיר הונדערט יאָר — האָבן מיר זיי שוין פון לאַנג געשענקט די עולה, און אונזערע עלטערן אַליין האָבן רעגולירט דעם חשבון, ווען זיי האָבן אויסגעליידיקט די מצרים, פאַרלאָזנדיק גושן, און ווען עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן די מעשה מיט די מצרישע רייטוואָגנס אין ים־סוף. מיר זעען ניט קיין שום גרונט פאַר אַ קאָנפליקט צווישן אונז און אונזערע שכנים פון דרום־זייט. די, וואָס האָבן געהעצט די מצרים, מלחמה צו האַלטן מיט אונז — האָבן ניט געהאַט אין זינען די טובה פון מצרים אָדער די טובה פון די אַראַבישע פעלקער: זיי האָבן געוואָלט אָפּשוואַכן מצרים און פאַרפלאָנטערן זי אין אַ פרעמדן קאָנפליקט, כדי אָפּצואווענדן איר אויפמערקזאַמקייט פון אירע לעבנס־אינטערעסן אין אַנדערע ערטער. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מלחמה מצד די אַראַבישע מדינות קעגן ישראל, איז די בריטישע פרעסע פול מיט לויב־געזאַנגען פאַר צבא־ישראל און מיט פאַרלוימדונגען און שאָדנפרייד אין באַצוג צו דער מפלה פון דעם מצרישן מיליטער. עס איז אַ גרויסער ספק, צי האָט דער חשובער פּאַשאַ, וואָס שטייט אין שפּיץ פון דער עגיפּטישער רעגירונג, באַדינט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון זיין לאַנד, אָדער ער האָט אויסגעפירט אַ שליחות פון די פיינט פון מצרים, ווען ער האָט פאַרפּלאָנטערט דאָס מצרישע מיליטער אין דער דאָזיקער טרויעריקער אַפּערע אין דרום, אַנשטאָט צו זאָרגן פאַר דער אומאָפּ־הענגיקייט פון זיין לאַנד און זיין באַפרייאונג פון דעם פרעמדן יאָך אין די גרעניצן פון מצרים און ביי די קוואַלן פון דעם נילוס.

מיר שטרעבן צו פריינטשאַפטלעכע, שכנותדיקע באַציאונגען מיט מצרים, און ניט נאָר צוליב די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר צוליב די אינ־טערעסן פון דער צוקונפט. מיר גלויבן און זיינען זיכער, אַז אויך מצרים איז פאַראינטערעסירט אין באַציאונגען פון פרידן און קעגנזייטיקער הילף. מצרים דאַרף נאָך מאכן גרויסע אָנשטרענגונגען — עקאָנאָמישע, קולטורעלע, גע־זעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע — כדי צו פאַרוואַנדלען איר פאָרמעלע אומאָפּ־הענגיקייט, וואָס זי האָט דערוואָרבן אין אונזער דור, אין אַ לעבעדיקן פאַקט; כדי איר גרויס פאָלק, דאָס גרעסטע פון אַלע פעלקער פון דעם מיטעלן מזרח — 18 מיליאָן נפשות — זאָל זיין געזונט, פּראָסט פשוט — געזונט, פריי, פאַר־געשריטן, אויף אַן־אמת זעלבסטשטענדיק, — און כדי מצרים זאָל אָן אויסער־לעכן צוואַנג און אַריינמישונג רעגולירן אירע באַציאונגען מיט אירע שכנים אין ליביע און אין סודאַן.

פרידלעכע באַציאונגען און פריינטשאַפט צווישן ישראל און מצרים וועלן זיין אַ ברכה פאַרביידע פעלקער און ביידע שכנותדיקע לענדער. און מיר ווילן האָפן, אַז נאָך די אומגעלונגענע פאַרזוכן, צו פאַרפּלאָנטערן זיך אין דער דאָזיקער קריגס־אַוואַנטורע — לויט די ביזוויליקע פּלענער פון די געמיינ־זאַמע שונאים פון ישראל און מצרים — וועלן זיך עפענען די אויגן פון די הערן פון מצרים און זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז ניט זיי וועלן האָבן כבוד אויף דעם דאָזיקן וועג, און דאַן וועלן זיי דריקן די האַנט פון ישראל, וואָס איז צו זיי אויסגעשטרעקט פאַר פרידן און שכנים־בונד. דאָס, אַלנפאַלס, איז דער אויפריכטיקער ווּאונטש פון דעם פאָלק פון ישראל און פון דער רעגירונג פון ישראל.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, טאָרן מיר ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויך אויף אַנדערע פראָנטן און אויף אַלץ וואָס עס ווערט זיך אפשר אין פאַרשיידענע ביוראָס, ניט נאָר אין קאַאירא, נאָר אויך אין אַמאַן, באַגדאַד און אַנדערע ערטער. מיר הערן די דונערן פון די האַרמאַטן נעבן פּתח־תקוה, אין עמק. ירושלים האָט נאָך ניט גענאָסן פון איין רואיקער נאַכט. און מיט אונזער גאַנצער שטרעבונג צו שלום, דאַרפן מיר זיין געשפּאַנט און גרייט צו אַלע עווענטואַליטעטן.

ווען מיר האָבן דאָ מיט עטלעכע וואָכן צוריק באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אונזער שטעלונג צום פלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס פאַרזאַמלט זיך איצט אין פּאַריז, האָב איך אויפגעקלערט, אַז אונזער קאַמף איז אַ קאַמ־בינירטער. עס איז ניט בלויז אַ פּאָליטישער קאַמף און ניט בלויז אַ מיליטע־רישער קאַמף, און עס איז ניט אַנצונעמען, אַז איינער פון די צוויי פאַקטאָרן — צי דער מיליטערישער, צי דער פּאָליטישער — וועט קענען אליין איבערוועגן די וואָגשאָל. איז, מיט אַלע אונזערע נצחונות אין דער דרום־אַקציע און מיט דער גאַנצער גרייטקייט אויף אַנדערע פראָנטן, דאַרפן מיר געדענקען, אַז מיר האָבן נאָך אויך אַ פּאָליטישע אַקציע, אַז ניט נאָר די כוחות, וואָס זיינען טעטיק דאָ אַרום אונז, נאָר אויך כוחות ווייטע — וועלן זיך לייגן אויפן וואָגשאָל. די אויסזיכטן און די שוועריקייטן, וואָס זעען זיך אַרויס אויף דעם פּאָליטישן פראָנט, דאַרפן באַזונדער באַהאַנדלט ווערן. דאָסמאָל האָב איך זיך נאָר באַמיט, אַלס זיכערהייטס־מיניסטער, צו רעזומירן בלויז די מיליטערישע אַקציע: מיר האָבן באַפרייט די וועגן כמעט צום גאַנצן נגב־געביט, מיר האָבן פאַר־זיכערט פאַר אונזערע זידלונגען און פאַרן מיליטער באַוועגונגס־פרייהייט, מיר האָבן באַהערשט די לופט, מיר האָבן איינגענומען באר־שבע, בית־גודרין און אַ ריי אַנדערע פונקטן פון סטראַטעגישער און קאָלאָניזאַטאָרישער באַדיי־טונג, מיר האָבן פאַריאָגט די „עזה־רעגירונג", מיר האָבן איבערגעריסן די קאָמוניקאַציע־און אָפּראָוויזאַציע־ליניעס פון דעם פיינט, מיר האָבן געבראַכט אַ מפלה אויפן עגיפּטישן פלאַט, מיר האָבן אַ גרויסן טייל פון דער עגיפּטישער אינוואַזיע־אַרמיי פאַרשפאַרט אין באַלאַגערטע, אויסגאַנגסלאָזע פונקטן, מיר האָבן גרינטלעך געענדערט די כוחות־פאַרהעלטענישן אין דער מלחמה צווישן אונז און די אַראַבישע מדינות.

דער געראַנגל האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, און די געפאַר איז נאָך ניט פאַרביי. פרעמדע אַרמייען שטייען נאָך אין די גרענעצן פון אונזער לאַנד, און מיר זיינען נאָך ווייט פון צו זיין זיכער, — מיר קענען אָבער האָפן, אַז אונזערע נצחונות אין דרום האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַ מער גערעכטן און מער רעאַלן צוגאַנג צו דער נגב־פראַגע; זיי האָבן אויך פאַרשטאַרקט די מעגלעכ־קייטן פאַר אַ שלום צווישן אונז און אונזערע שכנים. ביז עס וועט קומען די אַנטשיידונג און עס וועט קומען דער שלום — דאַרפן אונזערע חיילות שטיין גרייט, — און איך האָף, אַז זיי וועלן ניט אַנטוישן אין דער צוקונפט אַזוי, ווי זיי האָבן ניט אַנטוישט אין דער פאַרגאַנגענהייט.

ב׳ בחשוון תש״ט — 11. 4. 1948

# צו יונגע קאָמאַנדירן

(צום שלוס פון אַ קורס פאַר אָפּטיילונג־אָפּיצערן)

יונגע קאָמאַנדירן,

איר גייט אַרויס פון דאַנען, כדי צו ווערן קאָמאַנדירן אין צבא־הגנה לישראל. דאָס איז אַ גרויסער זכות און אויך אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איר גייט אַרויס צו זיין קאָמאַנדירן אין דער אײנגסטער אַרמיי אין דער וועלט, וואָס איז נאָך אפילו קיין יאָר צייט אַלט, וואָס פילייכט אַכציק פּראָצענט פון אירע זעלנער זיינען אפילו אין דער אונטערגרונט־הגנה ניט געווען, און וואָס דעם גרעסטן טייל פון איר אויסשולונג און אויסשטאַטונג האָט זי דערוואָרבן ערשט נאָך דעם 15־טן מאַי, נאָכן אויפשטעלן די מדינה. און פונדעסטוועגן האָט זיך די דאָזיקע יינגע אַרמיי ניט וואָס צו שעמען אַנטקעגן אַלטע, דערפאַרענע חיילות. הגם אונזער אַרמיי האָט זיך מאָביליזירט, אָרגאַניזירט, אויסגעשולט און באַוואָפנט אין דעם סאַמע שטורעם פון קריג, האָט עס אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון פייער און בלוט מיט דערפאָלג און מיט כבוד. די אָפּעראַציעס „נחשון״, „עשרת הימים״, „שבוע הדרום״, „ששים שעות הגליל״ זיינען קאַפּיטלען פון גבורה און נצחונות און זיי שטעלן שוין מיט זיך פאַר היסטאָרישע דאַטומס. מיר זיינען אָבער נאָך ניט געקומען צו אונזער ענד־ציל — צום אנטגילטיקן נצחון און צו שלום. נאָר איין טייל פון אונזער לאַנד איז גענצלעך באַפרייט געוואָרן — דער גליל. ירושלים איז נאָך טיילוויז באַלאַגערט און ווערט יעדן טאָג באַשאָסן, ריכטיקער — יעדע נאַכט; נאָך ווערן דער שרון און דער שומרון אַנגעגריפן דורכן פיינט, און אפילו דער נגב איז נאָך ניט פולשטענדיק באַפרייט געוואָרן. עס וועבן זיך נאָך מיליטערישע און פּאָליטישע פאַרשווערונגען קעגן אונז, און עס קען זיין, אַז מיר זאָלן נאָך האָבן אַ שווערן וועג דורכצוגיין. אונזער עקזיסטענץ, פרייהייט, אומאָפּהענגיקייט, זיכערהייט, מעגלעכקייטן פאַר עליה און התישבות, די אנטגילטיקע פעסטשטעלונג פון אונזערע גרענעצן — דאָס אַלץ הענגט נאָך אָפּ פון דעם כוח פון צבא־הגנה לישראל. דעריבער טאָרן מיר ניט פאַרבלייבן רואיק און באַנוגענען זיך מיט די ביז איצטיקע נצחונות און דעראָבערונגען. אונזער אַרמיי האָט נאָך ניט פאַרענדיקט איר אַרבעט, און יעדן טאָג מוזן מיר קאָנטראָלירן די ווירקזאַמקייט און עפעקטיווקייט פון דעם דאָזיקן אינסטרומענט פאַר דער גאולה פון ישראל.

*

אונזער אַרמיי האָט אַרויסבאַוויזן טייערע אייגנשאַפטן, באַדייטנדע קריגס־פעאיקייטן און גרייטקייט זיך מוסר־נפש צו זיין — און אין די געציילטע מאָנאַטן פון איר עקזיסטענץ האָט זי שוין באַוויזן אַריינצושרייבן אין דעם בוך פון אונזער געשיכטע קאַפּיטלען פון פּראַכט און גלאַנץ, קאַפּיטלען וואָס

וועלן קיינמאָל ניט אויסגעמעקט ווערן. אָבער צוזאַמען מיט דעם ווייזן זיך אויך אַרויס געוויסע דעפעקטן און פעלערן, וואָס מיר טאָרן ניט פאַרמאַכן אויף זיי די אויגן. דוקא צוליב די טייערע מעלות פון אונזער אַרמיי און די גרויסע פאַראַנטוואָרטונג, וואָס ליגט אויף איר, מוזן מיר אָן רחמנות און אָן רעטוש אויפדעקן אַלע אירע חסרונות און דעפעקטן, און אומאויפהערלעך און ריק־זיכטלאָז זיך באַמיען שנעל און עפעקטיוו אויסצובעסערן.

אין דער ערשטער ריי דאַרף איך באַצייכענען, אַז די דיסציפּלין איז ביי אונז ניט קיין פולקאָמע, ניט קיין גאַנצע — ניט צווישן די זעלנער און ניט צווישן די קאָמאַנדירן, ווי די נידעריקע, אַזוי די הויכע. איך דאַרף אייך ניט געבן צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון דיסציפּלין פאַר אַן אַרמיי, גלייך אַזוי, ווי איך דאַרף אייך ניט געבן צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון לופט פאַר דעם אָטעם. אַן אַרמיי אָן דיסציפּלין איז ניט עפעקטיוו און קען ניט אויספירן די מיסיע, וואָס ווערט אויף איר אַרויפגעלייגט.

איך ווייס, וואָס עס איז די סיבה פון דעם דאָזיקן דעפעקט: אונזער אַרמיי איז יונג און עס האָט ניט קיין מיליטערישע טראַדיציע. פון דער „הגנה" האָבן מיר גערירשנט טייערע, וואונדערבאַרע אייגנשאַפטן, אָבער אַן אונטערגרונט־זעלבסטשוץ איז ניט אימשטאַנד צו אַנטוויקלען מיליטערישע דיסציפּלין, און אין איין טאָג שטעלט מען ניט אויף קיין דיסציפּלינירט מיליטער. מיר האָבן אָבער ניט קיין צייט, מיר קענען ניט וואַרטן, און דאָס, וואָס אַנדערע מאַכן אין פאַרלויף פון אַ דור, דאַרפן מיר אויספירן אין אַ יאָר. די קאָמאַנדירן דאַרפן לאָזן אַריינדרינגען אין דער אַרמיי דעם אינערלעכן באַוואוסטזיין און די אויטאָמאַטישע אייגנשאַפט פון אַבסאָלוטער דיסציפּלין — און זיי וועלן עס קענען טאָן נאָר בתנאי, אַז זיי אַליין זאָלן דינען, אַלס מוסטער, מיט זייער אייגענער דיסציפּלין.

די דיסציפּלין איז נויטיק ניט נאָר אין גרויסע מאָמענטן, בשעת אַ מילי־טערישער אַקציע, נאָר אויך טאָג־טעגלעך, אין באַצוג צו מינדערוויכטיקע ענינים, אין שטרענגן און פּינקטלעכן אָפּהיטן די אָרדענונג און ריינקייט בשעת די איבונגען און אויסער זיי.

*

אין אונזער אַרמיי פעלט דאָס געפיל פאַר שפּאָרזאַמקייט. ניט אין די קעמפנדע איינהייטן און ניט אין די דינסט־איינהייטן איז מען ניט גענוג שפּאָרזאַם אין באַצוג צו עסנוואַרג, ברען־שטאָף, טראַנספּאָרט, צייט און וואָפן. אַ טייער געזעלשאַפטלעך פאַרמעגן, וואָס קומט אונז אָן מיט גרויסע באַמי־אונגען, מיט געלט, און אָפטמאָל — מיט בלוט, ווערט פאַרשווענדעט צוליב אומאָרדנונג און אומפּינקטלעכקייט.

מיר זיינען געווען געצוואונגען אין געציילטע טעג צו מאָביליזירן און אָרגאַניזירן ניט קיין קליינע אַרמיי — לויט אונזער מאַסשטאַב — און עס האָבן זיך געפאָדערט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, אויסצושטאַטן די דאָזיקע אַרמיי, איר באַקליידן, לאָקירן, באַוואָפענען און פאַרזאָרגן איר מיט באַוועגונגס־מיטלען און אַרבעטס־כלים. — מיר זיינען אַ קליין, אָרעם פאָלק,

און די לאַסט, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען, — ריכטיקער: וואָס מען האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט, איז איבער אונזערע כוחות. אָבער די זעלנער און די קאָמאַנדירן שאַצן נאָך ניט ווי געהעריק אָפּ, אויף ווי ווייט מיר מוזן זיך איבונגען. אודאי איז אין די אַלע דאָזיקע פאַרשווענדערייען ניטאָ קיין שלעכטע געצעלט, אין אויטאָ, אין קיך, אין עס־צימער, אין שפּייכלער, אין רייזעס, אין איבונגען, אודאי איז אין די אַלע דאָזיקע פאַרשווענדערייען ניטאָ קיין שלעכטע כוונה, קיין בייזער ווילן, — זיי הענגען אָפּ פון שלעכטע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנזשירונגען, פון ניט גענוגענדער קאָנטראָל.

דער קאָמאַנדיר דאַרף וויסן, אַז די געשיקטקייט פון דער אַרמיי ווערט געמאָסטן ניט נאָר מיט איר קריגס־גרייטקייט און באַגייסטערונג, נאָר אויך מיט איר עפעקטיווער אַדמיניסטראַציע, מיט געהעריקע איינאָרדענונגען און מיט אָפּהיטן טויזנט קליינע פּרטים, פון וועלכע די ווירקזאַמקייט פון דער אַרמיי הענגט אָפּ ניט ווייניקער ווי פון איר גרייטקייט זיך מוסר־נפש זיין. די פאַר־נאַכלעסיקונג פון קלייניקייטן איז עלול אונטערצוגראָבן דעם כוח פון אונזער מיליטער און די מעגלעכקייטן פון אונזער פאָלק, אויסצוהאַלטן דאָס מילי־טער אין אָנשטענדיקע באַדינגונגען. מיט מסירת־נפש אַליין קען מען ניט זיגן. גוטע אָרגאַניזאַציע, אויסגערעכנט ביז צו די קלענסטע איינצלהייטן, בילדעט פּיליכט דעם גרעסטן טייל פון נצחון־זיכערקייט.

איך וועל באַצייכענען בלויז איין פאַקט: דער ווילדער אופן פון פאָרן אויף די וועגן, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט אין אונזער אַרמיי. דער שטאַב האָט פעסטגעשטעלט אַ מאַקסימום פון דערלויבטער שנעלקייט, אָבער ניט די זעלנער און ניט די קאָמאַנדירן היטן אָפּ די פאַראָרדנונג. און דאָס דאָזיקע ווילדע אַרט־פאָרן פאַראורזאַכט אומגליקן — גלייך ווי עס וואָלטן אונז געפעלט אומ־גליקן אויפן שלאַכט־פעלד; די אומגליקס־פאַלן האָבן זיך פאַרמערט אין אַ גרויזאַמער מאָס. אויסער לעבנס־געפאַר, ווערט דערביי אויך פאַרשווענדעט אַ קאָסטבאַר און לעבנס־וויכטיק פאַרמעגן — דאָס פאַרמעגן פון דעם מילי־טערישן טראַנספּאָרט; דאָס איז אפילו מער ווי סתם פאַרשווענדעריי: מיר קענען ניט אַזוי לייכט קריגן די נויטיקע אויטאָמאָבילן, מאָטאָרן און גומע־רעדער, און יעדע באַשעדיקונג פון אַן אויטאָ איז אַ שעדיקונג פון דער קריגס פעאיקייט פון אונזערע מיליטערישע איינהייטן.

*

ניט אַלע מאָל ווייס דאָס מיליטער, ווי אַזוי אָנשטענדיק צו באַגיין זיך מיט דער ציווילער באַפעלקערונג — סיי דער אידישער און סיי דער אַראַבישער. עס זיינען דאָ זעלנער און קאָמאַנדירן, וואָס אין פאַל פון אַ צוואַנג־באַגעגעניש מיט ציווילע בירגער, — אויסנאַם־צושטאַנד, אונטערזוכונגען און ד. גל., — פאַרהאַלטן זיי זיך מיט תקיפות, פון וועלכער עס שמעקט צומאָל מיט טעראָר. איך באַצייכן מיט צופרידנהייט, אַז דאָס זיינען זעלטענע פאַלן, אָבער אפילו זעלטענע פאַלן לאָזן איבער אַ פלעק אויפן מיליטער. דער זעלנער און דער קאָמאַנדיר דאַרפן זיך אָנשטענדיק באַציען, ניט נאָר צום חבר אין מיליטער,

נאָר אויך צו יעדן מענטשן בכלל — צי אַ איד, צי אַן אַראַבער — אפילו בשעת ער דאַרף אים פאַרהאַלטן אָדער אַרעסטירן.

אונזער מיליטער איז ניט הינטערשטעליק אַנטקעגן קיין שום מיליטער אין דער וועלט מיט זיין איבערגעגעבנקייט, קאַמפסגרייטקייט און פעאיקייט צו לערנען און אויסשולן זיך. עס איז אָבער פאָרלויפיק יאָ הינטערשטעליק אַנטקעגן אַ סך אַנדערע אַרמייען — מיט זיטן, דיסציפלין, אָרדענונג, אַדמיניסטראַציע, מיט אָפּהיטן די „קלייניקייטן”, — און דער קאָמאַנדיר דאַרף פאַראַנטוואָרטלעך זיין ניט נאָר פאַר די איבונגען און פאַר אָנפירן מיט שלאַכטן, נאָר אויך פאַר דער פינקטלעכקייט און אָרדענונג אין לאַגער, פאַר דיסציפלין, פאַר דער שיינער באַנעמונג פון זיינע אונטערגעאָרדנעטע, פאַר אָפּהיטן דאָס געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגן, פאַר שפּאָרזאַמקייט אין צייט, ברען־שטאָף, עסנוואַרג, טראַנספּאָרט און דאָס גלייכן. דער קאָמאַנדיר דאַרף זיין אַן אַדמיניסטראַטאָר, אַ קאָנטראָלער, אַ לערער, אַ וועג־ווייזער, אַ שומר, אַ פריינט, אַ חבר און אַזאַ, וואָס טראָגט אויף זיך אַלע זאָרגן פון זיינע זעלנער.

*

און נאָך עפּעס: די אַרמיי איז די איינציקע ראַם אין לאַנד, אין וועלכער עס טרעפן זיך, אַלס גלייכע מיט גלייכע און אין די זעלבע לעבנס־באַדינגונגען, זעלנער פון אַלע גלות־לענדער, עדות, קלאַסן. און דאָ האָבן מיר די איינציקע, ווערטפולע געלעגנהייט, צו פאַרריכטן דעם שווערן, באַאומרואיקנדיקן דעפעקט אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן: די צושפּליטערקייט און די מערערע מחיצות. איך רייד ניט דוקא וועגן דער פאַרטייאישער, אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער צושפּליטערקייט, וואָס אין אַ גרויסן טייל איז זי אַ קינסטלעכע און הענגט אויף אַ האָר; איך רייד דאָס מאָל וועגן אַן אַנדער צוברעקלונג, וואָס קומט פון געזעלשאַפטלעכער, עקאָנאָמישער און עדה־אָפּגעזונדערטקייט, פון טיפע אונטערשיידן אין לעבנס־אַרט און דערציאונג.

טראָץ דעם, וואָס אונזער געזעלשאַפט האַלט הויך און אויפריכטיק די פאָן פון דעמאָקראַטיע און פּאָליטישער גלייכהייט, הערשט נאָך ביי אונז פאַקטיש אַן אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז אָפּגעריסן פון דעם מאַסן־לעבן. אַלע עסקנים פון די פאַרטייען, באַוועגונגען און אַנשטאַלטן, הגם זיי געהערן צו פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע ראַמען, האָבן זיי אין זייער מערהייט באַקומען איינע און די זעלבע דערציאונג, זיי לעזן די זעלבע ביכער, לעבן מער־ווייניקער אין די זעלבע באַדינגונגען, און זיי זיינען אין זייער טאָג־טעגלעך לעבן ווייט פון די מאַסן, וואָס לעבן אין די פאָרשטעט, וואָס פירן אַן אָרימע עקזיסטענץ, וואָס האָבן פיליכט ניט געלערנט און זיי קענען ניט לעזן און שרייבן, וואָס זייער גאַנצער אַרט לעבן איז גרונטזעצלעך אַנדערש פון דעם אַרט לעבן פון די פירנדע שיכטן; עס איז צווישן די ביידע כמעט קיין שום קאָנטאַקט ניט פאַראַן.

דאָס איינציקע אָרט, וואו עס טרעפט זיך די יוגנט פון אַלע — אָן אויסנאַם — שיכטן, איז די אַרמיי. קינדער פון די אַרבעטער־זידלונגען, פון קיבוצים און מושבים, יוגנט פון מיטל־שולן און הויך־שולן, טרעפן זיך דאָ מיט

קינדער פון די פאַרשטעט, מיט „עמך" פון אַלע עדות, וואָס לעזן ניט קיין בוך און קענען בכלל ניט לעזן און שרייבן, — ווערט דאָ געגעבן אַ זעלטענע, אייגנאַרטיקע געלעגנהייט, צו פאַרנייען די ריסן, איבערבריקן די טיפע אונטערשיידן, צו אַמאַלגירן אונזער געזעלשאַפט אין גלייכע און אויסגלייכנדיקע לעבנס־באַדינגונגען, און צו שאַפן אידישע אחדות און ברידערלעכקייט; ניט מיט פראַזן און אידעאָלאָגיע, נאָר פראַקטי״ש, מיט מעשים, דורך אויסראָטן דעם אַנאַלפאַבעטיזם, דורך אויפהויבן די דערציאונג און דאָס אידישע און מענטשלעכע באַוואוסטזיין, — דאָס אַלץ — דורך אַ חברישן אָפּגעבן זיך מיט די אָרימע אינגלעך און מיידלעך; דורך אויפהויבן זייער זעלבסט־ווערט; דורך לערנען זיי, ווי אַזוי אויפצופירן זיך; דורך אַרויסרופן אין זיי קולטור־באַדערפנישן; דורך אַריינציען זיי אין די גרונט־ווערטן פון דער חלוצישער באַוועגונג. און געטאָן זאָל דאָס אַלץ ווערן ניט דורך פילאַנטראָפּישער פון אויבן אַראָפּ־קוקעריי, ניט דורך גמילות חסדים, נאָר דורך באַציאונגען פון קאַמףּ־חברישקייט, — חברישקייט פון געווער און געפאַר. — דער קאָמאַנדיר האָט דאָ אַ פּרוכטבאַרע, דערציערישע אויפגאַבע. ער דאַרף זאָרגן דערפאַר, אַז אונזערע אינגלעך און מיידלעך זאָלן באַקומען פון מיליטער ניט נאָר אויסשולונגביים באַנוצן זיך מיט געווער, אין מלחמה האַלטן, אין אָרדענונג, ריינקייט און דיסציפּלין; ער דאַרף אויך זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס לעבן אין דער אַרמיי זאָל זיי אינערלעך באַרייכערן, זאָל צוברעכן די מחיצות פון געזעלשאַפט און עדה, זאָל אויפהויבן זייער קולטורעלן און מאָראַלישן ניוואָ — אַזוי, אַז ווען ער וועט פאַרלאָזן, ווען די צייט וועט קומען, די אַרמיי, זאָל ער אַרויס אַלס אַ בעסערער איד און אַ בעסערער מענטש. דער קאָמאַנדיר איז פאַראַנטוואָרטלעך ניט נאָר פאַר דער מיליטערישער אויסשולונג פון דעם זעלנער, נאָר אויך פאַר זיין גייסטיקער געשטאַלטונג. גלייך אַזוי, ווי דער קאָמאַנדיר דאַרף זאָרגן פאַר דעם זעלנערס מאַטעריעלער שפּייז, דאַרף ער זאָרגן פאַר זיין גייסטיקער און קולטורעלער שפּייז. אַ דערצויגענער, פאַרשטענדיקער און געבילדעטער זעלנער שטייגט איבער דעם אומדערצויגענעם, קולטורלאָזן זעלנער — ווען אפילו זיי אונטערשיידן זיך ניט מיט זייער פיזישן כוח און מוט.

*

מיר שטייען פאַר אַן אייגנאַרטיקן מיליטערישן פּראָבלעם: מיר זיינען ווייניק, און אונזערע שונאים — אַ סך. אין דעם איצטיקן קריג זיינען מיר געשטאַנען — זיבן־אַכט הונדערט טויזנט אידן קעגן זעקס פיינט, וואָס ציילן דרייסיק מיליאָן נפשות. אויב עס שטייען אונז פאַר מלחמות אויך אין דער צוקונפט — און קיינער קען ניט זאָגן, אַז זיי שטייען ניט פאַר — וועלן מיר ווידער זיין אין דעמזעלבן מצב, — ווען אפילו אונזער ישוב וועט פאַרגרעסערט ווערן — און ער וועט פאַרגרעסערט ווערן, ער האַלט אין איין פאַרגרעסערט ווערן. אָבער ווען אפילו דער ישוב וועט פאַרגרעסערט ווערן צווייפאַך, דרייפאַך, פירפאַך — וועלן מיר מוזן שטיין ווייניקע קעגן פילע, ווייל עס איז ניטאָ קיין שום אָביעקטיווע מעגלעכקייט, אַז מיר זאָלן זיך אַמאָל נומעריש אויסגלייכן מיט אונזערע צוקונפטיקע אַקטועלע און פּאָטענציעלע פיינט. און די

צאַל — ווי אייך איז באַקאַנט — איז אַ גרויסער מיליטערישער פאַקטאָר, צו מאָל — אַן אנטשיידנדער. מיט וואָס זשע האָבן מיר זיך געהאַלטן ביז איצט און מיט וואָס וועלן מיר זיך האַלטן אין דער צוקונפט? — אויסשליסלעך מיט אונזער קוואַליטאַטיוון איבערגעוויכט, מיט אונזער מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן איבערגעוויכט.

דאָס איז די גרויסע, ווערטפולע ירושה, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער אידישער געשיכטע, אידישער דערציאונג, אידישע לײדן, אידישע אידעאַלן; לײדן פון געפּײניקטע און געיאָגטע, אַרויסגעטריבענע און געקוילעטע דורות; אַ טויזנטער יאָרן אַלטע אַלגעמײנע דערציאונג, דאָס שטענדיקע לערנען אין די געצעלטן פון תורה; אור־אַלטע אידעאַלן פון אונזערע נביאים און חכמים. — צו די אַלע פּראָפעסיאָנעלע און טעכנישע קעגנשטאַנדן, וואָס מיר דאַרפן לערנען פון פרעמדע אַרמייען, — איבונגען און אָרגאַניזאַציע, אַפּראָוויזאַציע און קאָמוניקאַציע, לאָקאַציע און דיספּאָזיציע, — דאַרפן מיר צוגעבן די אום־אויפהערלעכע הויבונג און פאַרפאָלקאָמונג פון אונזערע מאָראַלישע און אינטעלעקטואַלע אייגנשאַפטן — ביז צום גרענעץ פון אונזערע מעגלעכקייטן. ניט־ווילנדיק וועט אונזער מיליטער שטענדיק זיין קליין אין צאָל, עס מוז אָבער זיין דאָס בעסטע צווישן די בעסטע — סיי אין פּראָפעסיאָנעל־טעכנישער הינזיכט און סיי אין מאָראַליש־אינטעלעקטועלער הינזיכט. אונזער לאַגע פאַר־פליכטעט אונז דערצו — אונזערע אייגנשאַפטן דערמעגלעכן דאָס אונז. דאָס הייסט, אַז מיר דאַרפן זאָרגן ניט נאָר פאַר פיזישע איבונגען, פאַר אויסגעהאַלטנ־קייט, פאַר דער פאַרשפּיצונג פון אונזערע חושים — די חושים פון זען און הערן, פאַר דער פאַרשטאַרקונג און פאַרשנעלערונג פון אונזער באַוועגלעכ־קייט, פאַר געשיקטקייט אין באַנוצן מעכאַנישע כלים, פאַר קענען באַגיין זיך מיט דעם פאַרפולקאָמסטן, סאַמע מאָדערנעם געווער, פאַר צוגעוויינען זיך צו עפעקטיווער אָרדענונג און מוסטערהאַפטער דיסציפּלין, פאַר גרויסער ערו־דיציע אין דער געשיכטע פון מלחמה אין ישראל און אין דער וועלט, אין אַלטע צייטן און אין די היינטיקע טעג, אינטערנאַציאָנאַלע מלחמות און בירגער־קריג, מלחמה פון באַפרייאונג און רעוואָלוציע, — און דאָס אַלץ וויסן ניט מעכאַניש, נאָר אַנאַליזירנדיק, באַגרייפנדיק די אינערלעכע, פערזענלעכע, געזעלשאַפט־לעכע, פּאָליטישע און טעכנישע פאַקטאָרן; שטודירנדיק דעם קשר צווישן דער מיליטערישער אויסשטאַטונג און צווישן דער אינדוסטריעלער פּאָטענץ פון דער נאַציע — אין לאַנדווירטשאַפט, אין דער אינדוסטריע, אויפן ים און אין דער לופט; אויסנוצנדיק אַלע וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע דערפינדונגען אין אויסשטאַטונג און באַוואָפענונג, — מען דאַרף, זאָג איך, זאָרגן ניט נאָר דערפאַר, ווייל דאָס אַלץ אַליין גענוגט ניט. אין דער אונטערשטער שורה מאַכן די מלחמה ניט דער טאַנק און ניט דער האַרמאַט און ניט דער קריגס־אַעראָפּ־לאַן, נאָר דער מענטש מאַכט זי, דער מענטש, וואָס באַנוצט זיך מיט די אַלע כלים און לאָזט זיי אין גאַנג. און אין דעם קעמפנדן מענטש דעצידירט ניט דער כוח פון די מוסקולן און די טעכנישע געשיקטקייט — הגם אויך זיי זיינען וויכטיק ביז גאָר — נאָר עס דעצידירט זיין גייסט, זיינע אינטעלעקטועלע און

זעלישע כוחות, זיין בילדונג און פאַרשטאַנד, זיין ווילנס־קראַפט, זיין פליי־סיקייט, זיין געטריישאַפט, זיין ניט אָפּשרעקן זיך פאַר קיין שום שוועריקייט און געפאַר, זיין שעפערישע איניציאַטיוו, — עטוואָס אַזוינס, וואָס איז גייסטיק און דערהויבן און איז פאַרשטעקט אין די באַהעלטענישן פון דער נשמה — וואָס איז שטאַרקער פון טויט.

דאָס איז דאָס פיינטעלע מענטש, דער צלם־אלהים אין דעם מענטשן, די אינערלעכע מאָראַלישע פעסטקייט וואָס דינט, אַלס העכסט געווער אין די טעג פון מלחמה, גלייך, ווי עס דינט אַלס שאַפונגס־קוואַל אין די טעג פון שלום.

אונזערע מענטשן האָבן געקעמפט מיט אַזאַ גבורה אין טירת־צבי, גוש־עציון, יחיעם, און די זידלונגען פון עמק־הירדן, אין נגב, — ניט ווייל זיי זיינען געווען אויסגעשולט בעסער פון די זעלנער, וואָס זיינען געשטאַנען קעגן זיי, ניט ווייל זיי זיינען געווען מער דערפאַרן פון זייערע פיינט און אויך ניט דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען בעסער באַוואָפנט — נאָר ווייל זיי זיינען מענטשן מיט גייסט, וואָס האָבן געוואוסט פאַר וואָס זיי פירן קריג. זיי זיינען העלדיש געשטאַנען און העלדיש געפאַלן, ווייל זיי האָבן פאַרטיידיקט זייער לעבנס־שאַפונג און זייער לעבנס־אידעאַל; זיי האָבן מלחמה געהאַלטן פאַר אַן אידעאַל, וואָס עס איז כדאי צו לעבן און כדאי צו שטאַרבן פאַר אים. אויב אונזער אַרמיי — אין צוגאָב צו איר אויסשולונג און מאָדערנע אויסשטאַטונג — וועט זיין געבויט אויך אויף די אינטעלעקטועלע פעאיקייטן פון דעם מענטשן און אויף די חלוצישע ווערטן פון אונזער אויסלייזנדיקער און באַפרייענדיקער באַוועגונג; אויב אונזערע זעלנער וועלן דערצויגן ווערן אויף אַ היסטאָרישן אידעאַל, וואָס זאָל אויספילן זייער גאַנץ וועזן — נאָר דאַן וועלן זיי קענען שטיין קעגן פילע, אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען ביז איצט.

*

און דאָ ליגט דער שווער־פונקט פון דעם קאָמאַנדירס פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט אין זיין גרויסער מיסיע. אַסך אויפגאַבן ליגן אויף די קאָמאַנדירן: אויסשולן די זעלנער, לערנען מיט זיי אָרדנונג און דיסציפּלין, לערנען ווי מלחמה צו האַלטן, זאָרגן פאַר זייערע אינטערעסן און פאַר זייערע באַקוועמ־לעכקייטן. דאָס אַלץ זיינען לעבנס־פראַגן, אָבער דער קאָמאַנדיר וועט ניט ווערט זיין דעם נאָמען זיינעם און זיין שליחות, אויב ער וועט ניט זיין מער פון דאָס. דער אמתער קאָמאַנדיר איז נאָר דער, וואָס איז מסוגל צו דינען, אַלס מוסטער, וואָס דערציט מיט דעם עצם זיין, מיט זיין באַנעמען זיך, מיט זיין אויפפירונג, מיט זיין לעבנס־אַרט, מיט זיין באַציען זיך צו מענטשן — סיי העכערע פון אים קאָמאַנדירן און סיי נידעריקערע פון אים זעלנער אָדער ציווילע בירגער, מיט זיינע מאָראַלישע אייגנשאַפטן, מיט זיין ברייטער ביל־דונג און טיפן פאַרשטאַנד, וועלכע באַגלייטן זיינע באַשלוסן, מיט דעם גלויבן און איבערגעגעבנקייט, וואָס קוועלן פון אים אַרויס, מיט די חלוצישע ווערטן זיינע. אַ מענטש דערציט ניט מיט באַפעלן און אויפקלערונג, — אַן אַרמיי קען אָן דעם ניט אויסקומען, אָבער דאָס אַליין גענוגט ניט: עס דערציט דער לעבעדיקער ביישפּיל, דער לעבנס־ביישפּיל פון דעם מוסטער־מענטש, וואָס

פאַרקערפּערט דעם אידעאַל, פאַר וועלכן עס איז כדאי צו לעבן און צו שטאַרבן. בלויז אַלס אַ לעבדיקערביישפּיל פון געטריישאַפט צו די גרויסע ווערטן, פאַר וועלכע עס פירט זיך די מלחמה, וועט דעם קאָמאַנדיר ברענגען די פאַרערונג, ליבע און פולע סובאָרדינאַציע פון זיינע זעלנער; אַזאַ ביישפּיל וועט אויך אויפשליסן ביי די זעלנער די קוואַלן פון העכסטער גבורה, וואָס ליגן באַהאַלטן אין דער נשמה פון יעדן מענטשן. אונזער געהיימער וואָפן איז — דעם מענטשנס דערהויבענער גייסט. כל זמן עס וועט אונז דראָען די געפאַר פון מלחמה, וועלן מיר דאַרפן אָנקומען צום דאָזיקן געהיימן וואָפן; דער אידעאַלער קאָמאַנדיר וויס, ווי אַזוי מיט זיין לעבנס־מוסטער צו געבן אין די הענט פון זיינע זעלנער דעם דאָזיקן וואָפן.

✽

אונזער צוקונפט — די צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק — וועט ניט אויפגעריכט ווערן אויפן שווערד. מיר ווילן די מלחמה ניט פאַרוואַנדלען אין אַ אידיש פאַך. די איצטיקע מלחמה האָט מען אונז אויפגעצוואונגען, האָבן מיר געמוזט מלחמה האַלטן פאַר אונזער אומאָפּהענגיקייט און פאַר דער באַפרייאונג פון אונזער לאַנד — און מיר וועלן מלחמה האַלטן כל זמן עס וועט אונז דראָען אַזאַ מין געפאַר. מיר וועלן אָבער ניט בויען אונזער צוקונפט אויף דער אַרמיי. די צוקונפט פון ישראל וועט אויפגעריכט ווערן נאָר אויף שאַפונג און אַרבעט, אויף קאָלאָניזאַטאָרישע ווערק אין דאָרף און שטאָט, אויף דעם בוי פון אינ־דוסטריע, לאַנדווירטשאַפט און ים־ווערק, אויף דעראָבערונגען פון וויסנשאַפט און טעכניק, אויף דער אַנטוויקלונג פון ליטעראַטור און קונסט; דער אידעאַל, וועלכן מיר וועלן איבערגעבן דער יוגנט אין די צוקונפטיקע דורות, וועט זיין דער אידעאַל פון די נביאים פון ישראל — דער אידעאַל פון ערלעכער אַרבעט, דער אידעאַל פון גערעכטיקייט און פרידן, דער אידעאַל פון ברידערלעכקייט און מענטשלעכער פרייהייט. די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, צו וועלכער מיר וועלן שטרעבן, קען מען דעפינירן אין דריי ווערטער: „ואהבת לרעך כמוך“! דאָס איז דער געבאָט, וואָס איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין אונזער לעבן, און מיר וועלן אים פאַרטיידיקן קעגן יעדער פיינטלעכער פאַרשווערונג. פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אונזער פרייהייט אין דעם פאָטער־לאַנד און פון דעם אידעאַל פון אונזערע נביאים, וועלן מיר אַרויסציען אונזער שווערד — ווען עס וועט נויטיק זיין, און די יוגנט, וואָס וועט געבן דאָס לעבן פאַר די דאָזיקע ווערטן — וועט קיינמאָל ניט באַזיגט ווערן.

און אייך, יונגע קאָמאַנדירן, ווינטש איך, אַז איר זאָלט זיין פאַר אייערע זעלנער אַ מוסטער פון שיין־גייסט, וועט איר דורך דעם זיין ראוי צו דער גרויסער און שווערער מיסיע פון זיין קאָמאַנדירן אין צבא־הגנה־לישראל.

י״א בחשון תש״ט — 11. 13. 1948

# אַן אַרמיי צו פאַרטיידיקן און צו בויען

(אויף אַ פּאַראַד פון נח״ל*).

פון דעם סאַמע אָנהויב פון אונזער נייער קאָלאָניזאַציע זיינען די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע און די הגנה באַהאַפטן איינע מיט דער אַנ־דערער. מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר געפייערט דעם זיבעציק־יעריקן יובילײ פון דעם ערשטן פּאַראַקער אין דעם ערשטן אידישן דאָרף אין אונזערע דורות — דער ערשטער פּאַראַקער פון די גרינדער פון פתח־תקוה. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע אַקטן אין דער נייער אידישער געשיכטע, אַן אַ פירנדן ביישפּיל און אַן אַ פריערדיקער דערפאַרונג, אַן אונ־טערשטיצונג און דערמוטיקונג מצד באַוועגונגען און פּאַרטייען, בלויז פון אינערלעכער התעוררות פון געוואַגטע מעפּילים, נייע וועגן־פּלאַסטערער, איז אַ קליינע צאָל יונגע לייט פון צווישן די מויערן פון אַלט־ירושלים און פון דעם גלות פון דער וייטער אונגאַרן, אויפגעשטאַנען און אַוועק בויען אַ אידישן דאָרף אויף די מיט זומפּן און פיבער פאַרפּלייצטע ברעגן פון דעם טייך ירקון. די כוונה פון די גרינדער פון דעם דאָרף איז געווען, צו עפענען מיט זייער בראשית־שאַפונג אַ נייע האָפענונג פאַרן אידישן פאָלק — די האָפענונג פון אַ פאָטערלאַנד און אומאָפּהענגיקייט פאַרן פאָלק, וואָס איז צושפּרייט אין דער פרעמד און איז אָפּהענגיק פון פרעמדן חסד. די בויער פון פתח־תקוה האָבן געוואָלט זיין רואיקע ערד־אַרבעטער, וואָס לעבן אויף זייער אַקער־אייזן, — האָבן זיך אָבער קעגן זיי צובושעוועט די מדבר־מענטשן און די שומרים פון וויסטעניש, און די נייע קאָלאָניסטן זיינען געווען געצוואונגען צו נעמען זיך פאַרן ביקס, כדי צו פאַרטיידיקן זייער לעבן, זייער אַרבעט און זייער דאָרף. דאָס זעלבע איז שפּעטער געשען מיט די גרינדער פון ראשון־לציון, גדרה, זכרון־יעקב און ראש־פינה, און באַזונדער מיט די קאָלאָניסטן פון מתולה, וואָס פלעגן אָפט און שווער אָנגעגריפן ווערן דורך זייערע שכנים.

די טעכנישע מאַכט, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט אין לאַנד, איז געווען מאַכטלאָז און אומפעאיק אָפּצוהיטן די זיכערהייט. דאָס לאַנד איז געווען ווילד־הפקרדיק, עס האָט געהערשט אַנאַרכיע, בלוטיקע קאַמפן צווישן שכנותדיקע דערפער — אויך אינערהאַלב דעם אַראַבישן ישוב — און צוזאַמענשטויסן צווישן בעדואינער און פעלאַכן, פלעגן זיין אָפטע דערשיינונגען, און די מאַכט פלעגט זיך ניט אַריינמישן און ניט שטערן. אויך די אידישע קאָלאָניעס —

*) נח״ל: נוער חלוצי לוחם — קעמפנדע חלוצישע יוגנט.

די דאָן נאָך וויניקע און יונגע — האָבן זיך ניט געקענט פאַרלאָזן אויף דער רעגירונג, און זיי האָבן געמוזט פאַרזאָרגן מיט אייגענע כוחות די זיכערהייט און דעם פרידן.

די דאַזיקע זאָרג האָט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ שטענדיקער, פעס־טער אָרגאַניזאַציע ערשט אין די טעג פון דער צווייטער עליה — פון יאָר 1904 און ווייטער. די צווייטע עליה האָט באַטראַכט די אַרבעט, און איבערהויפּט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט, אַלס דעם פּרימערן און עיקרדיקן מיטל אין דעם אויפבוי פון פאָטערלאַנד און דער אומאָפּהענגיקייט — און האָט זיך געווידמעט דער שאַפונג פון אַ אידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל דערנאָך ווערן אַן אַרבעטס־פאָלק. די דאַזיקע עליה האָט אָבער אויך אַנערקענט די נויטווענדיקייט פון אַ אידישן שוץ־כוח, אַלס אָרגאַנישער באַגלייטער פון דער קאָלאָניזאַציע און פון דער אַרבעט — און עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „השומר". די שמירה אין די אידישע קאָלאָניעס איז דאַן געווען איבער־הויפּט אין די הענט פון פרעמדע שומרים — אַראַבער אָדער טשערקעסן, און נאָר ווען עס פלעגט זיין אַן אמת׳ער איבערפאַל, פלעגן זיך די קאָלאָניסטן אַליין פאַרטיידיקן. דער „השומר" איז געווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע — באַשטימט פאַר שמירה און הגנה — וואָס איז געווען אָנגעזען אין די אידישע ישובים. די מיטגלידער פון „השומר" האָבן זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע — אָפּשליסנדיק זיך אין אַזאַ מין מיליטערישער אָרגאַ־ניזאַציע און אָפּהיטנדיק האַרבע מיליטערישע דיסציפּלין. דאָס איז געווען די ערשטע אידישע באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין לאַנד, נאָך אַ הפסקה פון איבער דרייצן הונדערט יאָר, פון זינט אידיש מיליטער, אונטער דער אָנפירונג פון בנימין פון טבריה, האָט צוזאַמען מיט די פּערסן (אין יאָר 614) מלחמה געהאַלטן קעגן די ביזאַנטינער מושלים. — דער „השומר" איז ניט געווען קיין אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע, הגם ער האָט ניט געהאַט קיין געזעצלעכן סטאַטוס און איז ניט געווען אַנערקענט דורך דער טערקישער רעגירונג. ער האָט געהאַנדלט עפנטלעך, אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון קאָלאָניע־שומרים, און האָט — לויט דעם מנהג פון יענע צייטן — אָפן געטראָגן געווער, גלייך ווי עס פלעגן דאָס טאָן די בעדואינער און די פעלאַכן, הגם דאָס איז ניט געווען גאַנץ געזעצלעך.

אין דער אָרגאַניזאַציע „השומר", וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט 42 יאָר צוריק, איז שוין געווען פאַרקערפּערט דאָס ערשטע קערנדל פון צבא־הגנה־לישראל. גלייך ווי די גאַנצע צווייטע עליה, האָבן אויך די גרינדער פון „השומר" באַטראַכט די אַרבעט, אַלס דעם הויפּט־אינסטרומענט אין אויפבוי פון פאָטערלאַנד, און גלייכצייטיק האָבן זיי איינגעזען, אַז אַ באַוואָפנטער אידי־שער כוח איז אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַר דער זיכערקייט פון דער אַרבעט און פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער מיסיע פון די אַרבעטער און קאָלאָניסטן. זיי האָבן זיך אָבער ניט באַגרענעצט מיט שמירה און הגנה: דער „השומר" האָט ניט געוואָלט, אַז זיינע חברים זאָלן לעבן נאָר אויפן געווער — אַזאַ לעבן קען דעמאָראַליזירן און דעגענערירן דעם מענטשן, — האָט ער גע־

שטרעבט צו דער צונויפפּאַרונג פון דעם אַרבעט־ און קאָלאָניזאַציע־לעבן מיטן לעבן פון שמירה און הגנה און ער פלעגט באַשעפטיקן זיינע חברים — אַמאָל ביי שמירה און אַמאָל ביי אַרבעט; ער האָט אויך געגרינדעט שומרים־דערפער: תל־עדשים אין עמק יזרעאל, תל־חי און כפר־גלעדי אין גליל העליון.

— ב —

אין די טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געגרינדעט געוואָרן דער אידישער לעגיאָן, וואָס האָט געדינט אין אַלענביי׳ס אַרמיי און האָט מלחמה געהאַלטן פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ ישראל פון דעם טערקישן יאָך. אויסער די אידישע באַטאַליאָנען פון ענגלאַנד, וואָס זיינען געווען צונויפגעשטעלט איבערהויפּט פון לאָנדאָנער אידן, פרעמדע בירגער, וואָס זיינען מאָביליזירט געוואָרן קעגן זייער ווילן און וואָס אין זייער שפּיץ זיינען געשטאַנען זאב זשאַבאָטינסקי און דזשעימס ראָטשילד, איז דער לעגיאָן באַשטאַנען אין זיין מערהייט פון פריוויליקע, וואָס האָבן זיך מאָביליזירט פון זייער אייגענעם גוטן ווילן, כדי מלחמה צו האַלטן פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ ישראל. די דאָזיקע פריוויליקע זיינען געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און פון ארץ ישראל (אַ געוויסע צאָל פריוויליקע זיינען געקומען אויך פון אַרגענטינע). די פריוויליקע פון ארץ ישראל זיינען אין זייער גרעסטן טייל געווען לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, און אין זייער שפּיץ זיינען געשטאַנען אליהו גאָלאָמב, רחל ינאית (בן־צבי) און דוד האַז; אָן זיי האָט זיך אָנגעשלאָסן משה סמילאַנסקי פון רחובות. אין שפּיץ פון די פריוויליקע אין אַמעריקע זיינען געשטאַנען צוויי ארץ־ישראלדיקע עמיגראַנטן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל דורך דזשעמאַל פּאַשאַ אין אָנהויב פון דער מלחמה, און די פירער פון פועלי־ציון אין אַמעריקע — נ. סירקין, ח. זשיטלאָווסקי, פּ. רוטענבערג און אַנדערע. דעם קערנדל פון די פריוויליקע אין אַמעריקע האָבן געבילדעט די חברים פון „החלוץ", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין אַמעריקע אין אָנהויב פון דער מלחמה, און די שטרעבונג פון די פריוויליקע איז געווען, ניט נאָר מלחמה צו האַלטן פאַר דער באַפרייאונג פון דעם לאַנד, נאָר אויך צו באַטייליקן זיך אין זיין אויפבוי נאָכן קריג. מערערע פון די אַמעריקאַנער זעלנער, וואָס האָבן געדינט אין לעגיאָן, האָבן זיך נאָכן קריג באַזעצט אין לאַנד און זיינען געווען צווישן די בויער פון דער הסתדרות און פון דער נייער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע.

די וואָלונטירונג אין ארץ ישראל איז געווען כמעט דורכאויס אַ פּראָדוקט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אַרבעטס־געדאַנקען. דער געדאַנקען־גאַנג פון די לעגיאָן־וואָלונטערן האָט דאַן אויסגעדריקט ש. יבנאלי, וואָס איז אַליין געווען איינער פון זיי, אין די פאָלגנדע ווערטער: „נאָר דורך דער שאַפונג פון דעם עפנטלעכן אידישן נאַציאָנאַלן כוח — דעם אידישן לעגיאָן — וועלן מיר דורכלייגן דעם וועג, עפענען דעם טויער און צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער גאולה,

דאָס הייסט: פאַר דער אמתער דעראָבערונג פון דעם לאַנד, וואָס וועט קומען דורך אַרבעט. אין דער וואָלונטיר־באַוועגונג זעען מיר די פאַרקערפּערונג פון דעם פאָלקס־ווילן. מיר גלויבן, אַז אידישע מאַסן וועלן מיטאַמאָל אָנהויבן שטראָמען פון די גלות־לענדער, כדי מלחמה צו האַלטן פאַר דאָס רעכט צו בויען אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר זייער פאָלק. — אין דעם איצטיקן וועלט־היסטאָרישן מאָמענט רופן מיר דאָס פאָלק, צו פאַרווירקלעכן זיין שטרעבונג דורך אַ גרויסע טאַט, וואָס מיט אַזעלכער איז עס ניט געפּרואווט געוואָרן פון זינט זיינע לעצטע געמאַכטע פאַרזוכן, מלחמה צו האַלטן פאַר זיין לאַנד. מיר האָבן דאָסמאָל צו טאָן, ניט מיט אַ באַוועגונג פון שקל־קויפער, נאָר מיט אַ באַוועגונג פון חלוצים, וואָס זיינען עולה קיין ארץ ישראל צום געווער. ניט אַ קאָמפּאַניע פון די , וואָס האַלטן דרשות פאַרן פאָלק און אָנשטאָט דאָס פאָלק, נאָר ממש אַ פאָלק, וואָס איז גרייט צו פאַרטיידיקן זיינע רעכט פאַרן פּרייז פון זיין לעבן, אַ פּרייז, וואָס אויף דער היסטאָרישער בערזע ווערט זיין ווערט קיינמאָל ניט דעוואַלוּאירט. יעדער איינער פון די קעמפער וועט זיך אין פאַרלויף פון זיין מיליטער־דינסט פאַרבינדן מיט ארץ ישראל מיט אַן אומצורייסבאַרן בונד. טויזנטער און צענער טויזנטער פון אונזערע יונגע לייט וועלן זיך באַקענען מיטן לאַנד. איבער צענדליקער און הונדערטער שטעט און דערפער, חרובע און באַזעצטע, וואָס אַ אידישער פוס האָט זיי ניט באַטראָטן אין משך פון יאָרן, וועלן זיך פאַרשפּרייטן די זעלנער פון דעם אידישן לעגיאָן — און איבער זיי וועט פלאַטערן די אידישע פאָן. זיי וועלן אַרויף אויף די בערג פון שומרון און פון גליל, זיי וועלן אַראָפּנידערן צום פלאַכלאַנד פון ירדן, זיי וועלן רוען אין גלעד, אין בשן און אין חורן, זיי וועלן זיך באַקענען מיט יעדן באַרג און בערגל, מיט יעדן טייך און טייכל — זיי וועלן מיט זייערע אייגענע אויגן זען אַלע באַאַרבעטע און ניט־באַאַרבעטע ערד־שטחים אין אונזער לאַנד. דער אידישער לעגיאָן וואָלונטירנדיק פאַר מיליטער־דינסט, וואָ־לונטירט גלייכצייטיק פאַר דער אויפלעבונגס־אַרבעט אין אונזער לאַנד. — מיט דער שאַפונג פון אַ אידישן קעמפנדיקן לעגיאָן, וועט אויך געשאַפן ווערן אַ אידישער אַרבעטס־לעגיאָן. איינס הענגט אָפּ פון דעם אַנדערן. — נאָך דעם רוף עולה צו זיין און וואָלונטירן פאַרן מיליטער, וועט פון אונז אַרויס דער רוף עולה צו זיין און נעמען אין האַנט אַריין דעם האַמער און דעם גראָבאייזן, דורכצוּלייגן וועגן, באַאַרבעטן די ערד — יעדער אידישער זעלנער אין דעם אידישע לעגיאָן פאַרווירקלעכט דעם משיח־געדאַנק".

רחל ינאית, וואָס האָט דאָן געפאָדערט, אַז אויך פרויען זאָלן דינען אין מיליטער, האָט די זעלבע זאַך אויסגעדריקט אין קורצע ווערטער: „מיר גייען פון דער אַרבעט דורך געווער צו דער אַרבעט!" דאָס איז אויך געווען דער לאָזונג פון „השומר": „מיטן וועג פון כוח — צו דער אַרבעט", — נאָכן געוועזער־באַטאַליאָן אויפן פראָנט שטעלט זיך אויס דער אַרבעטס־באַטאַליאָן הינטער דעם פראָנט".

די דאָזיקע שטרעבונגען פון די פרייוויליקע האָבן געבראַכט רעזולטאַטן, און די אידישע לעגיאָנערן האָבן זיך נאָך דער מלחמה און דער אויפלעזונג

פון די באַטאַליאָנען געפונען צווישן די, וואָס האָבן געבויט דעם עמק־יזרעאל, דעם עמק־חפר און דעם גליל; זיי האָבן אויך געבילדעט די באַוועגנדע קראַפט אין דער אָרגאַניזירונג פון דער הגנה און אין אַלע אירע אונטער־נעמונגען אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות.

— ג —

אין דער דאָזיקער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז די הגנה ניט געווען, ווי אין די טעג פון „השומר", אין די הענט פון פּראָפעסיאָנאַליסטן, וואָס האָבן זיך מיט דעם ספּעציעל אָפּגעגעבן, נאָר זי איז געוואָרן אַן אָרגאַ־נישער טייל פון דעם לעבן אין דאָרף. יעדער קאָלאָניסט איז פּאַקטיש געווען אַ הגנה־מענטש, און פון זיין פרייער צייט, נאָך דער אַרבעט אויפן פעלד צי אין שטאַל אָדער אויפן הויף, פלעגט ער אויסטיילן שטונדן פאַר געווער־איבונגען. ביז צו דער אויפשטעלונג פון דעם וועכטער־חיל (חיל־הנוטרים), אין די אומרואיקע יאָרן 1936—39, האָט אין לאַנד ניט עקזיסטירט קיין פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון פאַרטיידיקער, וואָס ווידמען זייער גאַנצע צייט פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע. די הגנה איז געווען אַריינגעפלאָכטן אין דעם לעבן פון די קאָלאָניסטן — אין מושבה, אין קיבוץ, אין מושב — און אין דעם לעבן פון די אַרבעטער, באַאַמטע און אַנדערע — אין שטאָט.

אַ געוויסע צייט, באַלד נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דער איינ־פירונג פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד, האָט מען אפילו געמיינט, אַז עס וועט בכלל ניט מער נויטיק זיין אַ באַזונדערע אידישע הגנה, ווייל דאָס לאַנד געפינט זיך איצט אונטער אַ ליבעראַלער, פריינטלעכער און עפעקטיווער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט זיך מתחייב געווען מיטצוהעלפן אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר דעם אידישן פאָלק אין זיין לאַנד. אָבער די געשעענישן פון תל־חי און דער פּאָגראָם אין ירושלים אין 1920 האָבן דערוויזן, אַז מען קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף אַ פרעמדער מאַכט — ווען זי טראָגט אפילו מיט זיך גוטע בשורות און הבטחות. די פאַרטיידיקער פון תל־חי זיינען געווען מענטשן פון דער התישבות, און די פאַרטיידיקער פון ירושלים זיינען געווען אַרבעטס־מענטשן און שילער.

אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט זיך די הגנה פאַר־ברייטערט און האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד און כמעט אַלע קרייזן אין ישוב. פּאַקטיש איז די הגנה געווען די איינציקע אידישע ראַם, אין וועלכער מען האָט זיך ניט געטיילט אויף קלאַסן, עדות און פּאַרטייען — און אין דער דאָזיקער היניזיכט איז זי געווען דורכאויס ענלעך צו צבא־הגנה־לישראל. איר אויפגאַבע איז געווען, צו שיצן יעדן איד און יעדן אידישן ישוב — און אירע רייען זיינען געווען פאַר אַלעמען גלייך אָפן. און אין די רייען פון דער הגנה פלעגן זיך טאַקע באמת טרעפן צוזאַמען אידען פון פאַרשיידענע עדות און קעגנערישע פּאַרטייען, זיי פלעגן זיך טרעפן אין טיפער און געטרייער

שוץ־חברישקייט. עס איז ניט געווען אין לאַנד נאָך אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַזוי דערציִען צו אידישער אחדות. — דער רוב בנין און רוב מנין פון דער הגנה איז באַשטאַנען פון מענטשן פון אַרבעט און קאָלאָניזאַציע. און דאָס איז ניט קיין צופאַל — וואָרעם דער מענטש, וואָס פלאַנצט אַליין דעם בוים און אַקערט אַליין די ערד און בויט מיט זיינע אייגענע הענט דאָס הויז, וועט מיט זיין אייגענעם קערפּער שיצן די פּרוכט פון זיין אַרבעט און שאַפונג. און וועט די דאָזיקע אויפגאַבע ניט איבערגעבן צו פרעמדע.

די פאַכמענישע מעגלעכקייטן פון דער הגנה — אין הינזיכט פון אויס־שולונג און אויסשטאַטונג — זיינען געווען באַגרענעצט אין די יאָרן פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע: די הגנה איז געווען אַן אומלעגאַלע. מען האָט געקענט אויסשולן יחידים און קליינע גרופּן — עס איז אָבער אונמעגלעך געווען אויסצושולן באַטאַליאָנען, און אפילו ניט ראָטעס; די קאָלעקטיווע אויסשולונג אין דער הגנה איז דערגאַנגען בלויז ביז צו אָפּטיילונגען. די דאָזיקע שווערע באַגרענעצונגען זיינען, נאַטירלעך, אויך חל געווען אויף דער באַוואָפענונג. מיר האָבן געקענט פּראָדוצירן און קריגן לייכט געווער: ביקסן, אויטאָמאַטן און לייכטע הויביצעס, עס איז אָבער דורכאויס אונמעגלעך געווען צו דערווערבן שווער געווער: האַרמאַטן און שווערע הויביצעס, און אודאי ניט טאַנקן, קריגס־אַעראָפּלאַנען און ד. גל. — עס איז אונמעגלעך געווען צו שאַפן אַ לופט־ און אַ ים־קראַפט. די ראָם האָט געניגט נאָר פאַר די באַדערפענישן פון דער הגנה אין יענע צייטן — לאָקאַלע זעלבסטשוץ, איבערהויפּט קעגן באַנדעס. צו אַזאַ זעלבסט־שוץ זיינען די קאָלאָניסטן געווען צוגעגרייט, אויך פאַרזעצנדיק די גאַנצע צייט די אַרבעט אין זייער ווירטשאַפט.

פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה זיינען געמאַכט געוואָרן די ערשטע פאַר־זוכן, אויפצושטעלן אַ מין באַוועגלעכע מיליטערישע פאָרמאַציע — פעלד־גרופּעס (פו״ש — פלוגות שדה), דאָס הייסט — גרופּעס, וואָס זיינען ניט דוקא צוגעבונדן צו זייער פּלאַץ; זיי באַקומען פעלד־אויסשולונג צו קענען האַנדלען אין גרעסערע איינהייטן, און זיי זיינען באַשטימט פאַר ראַיאָן־פאַר־טיידיקונג אָדער אפילו לאַנד־פאַרטיידיקונג. אויך די דאָזיקע פו״ש־איינהייטן זיינען באַשטאַנען איבערהויפּט פון קאָלאָניסטן, בעיקר קיבוצניקעס און מושב׳ניקעס, און אַרבעטס־מענטשן, וואָס האָבן נאָר אַ קליינעם טייל פון זייער אַרבעטס־צייט אויסגעטיילט פאַר די איבונגען.

— ד —

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר געמאַכט געוויסע פאָרטשריטן אין דער רעקרוטירונג פון שוץ־כוחות און אין דערווערבן מיליטערישע דער־פאַרונג.

די דערנענטערונג פון דעם נאַציִשן שונא צו די צוטריטן פון לאַנד אין דעם נאָענטן מזרח האָט געבראַכט צו שטאַרקערער צוזאַמענאַרבעט צווישן

אונזערע שוץ־כּוחות און דעם בריטישן מיליטער — טראָץ דער פייַנטלעכער פּאָליטיק פון דעם ווייס־בוך. מיט דער הילף פון דער בריטישער קאָמאַנדע זייַנען דאָן אין דער ראַם פון „הגנה" — וואָס איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אומ־לעגאַל — אויפגעשטעלט געוואָרן באַזונדערע שטורעם־גרופּעס (פּלמ"ח), וואָס האָבן באַקומען אַן אינטענסיווע אויסשולונג אין שעדיקונגס־אַרבעטן און וואָס זייַנען געווען באַשטימט צו שעדיקן דעם פייַנט, אויב עס וועט אים געלינגען אַרייַנצודרינגען אין לאַנד.

אויך די דאָזיקע גרופּעס זייַנען ניט געווען מאָביליזירט אויף זייער גאַנצער צייַט בלויז פאַר איבונגען, — זיי האָבן צונויפגעפּאָרט אינאיינעם איבונגען און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט. אַ טייל פון זייער צייַט איז געווען געווידמעט אַרבעט און לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה, און אַ טייל — אינטענסיווע מילי־טערישע איבונגען, וואו דעם ערשטן פּלאַץ האָבן פאַרנומען שעדיקונגס־אַרבעטן, פּאַטרולירונג און פיזישע פאַרהאַרטונג. דאָס איז געווען די ערשטע הגנה־אייַנהייט, וואָס פלעגט אָפּגעבן כּמעט צוויי וואָכן אין חודש פאַר איבונגען און איז געווען יעדן מאָמענט גרייט אויסצופירן די אַרויפגעלייגטע אויף איר אויפגאַבן; זי האָט געהערט צו די אַמבעסטן אויסגעשולטע הגנה־אייַנהייטן, אויסער דער אַרמיי. אויך אין דעם פּלמ"ח זייַנען די איבונגען און דאָס הגנה־לעבן פאַקטיש געווען באַהאָפטן מיטן לעבן פון אַרבעט און קאָלאָניזאַציע.

נאָך אַ שריט פאָראויס אין דער אויסשולונג און אין דער קאַמפּס־פעאיקייט פון אונזערע שוץ־כּוחות איז געמאַכט געוואָרן מיט דער אויפשטעלונג פון די מיליטערישע אייַנהייטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. די דאָזיקע אייַנהייטן זייַנען אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער ראַם פון דעם בריטישן מיליטער, זיי האָבן אָבער געהאַט ניט קיין קנאַפּע אינערלעכע אויטאָנאָמיע און זיי זייַנען געשטאַנען אין אַ פּערמאַנענטן, אינטענסיוון קאָנטאַקט מיט דער „הגנה". דער הויפּט־פּונקט פון די דאָזיקע אייַנהייטן איז געווען די אידישע בריגאַדע (חי"ל: חטיבה יהודית לוחמת), וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון דער וועלט־מלחמה, אַ דאַנק דער פּערזענלעכער אַרייַנמי־שונג פון ווינסטאָן טשוירטשיל און אַ דאַנק די אומאויפהערלעכע, עקשנות'דיקע באַמיאונגען פון משה שערטאָק — לייטער פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אין דער אידישער אַגענץ. אין די דאָזיקע אייַנהייטן איז אונז דערמעגלעכט געוואָרן אַ פילזייטיקע מיליטערישע אויסשולונג — אין קעמפנדיקע אייַנהייטן און דינסט־אייַנהייטן, ווי אויך אין אַרטילעריע, פלאָט און לופט אייַנהייטן.

צום ערשטן מאָל האָבן טויזנטער זין אונזערע באַקומען אַן אָפענע און כּמעט פולע מיליטערישע אויסשולונג (אין דעם בריטישן פלאָט און אין דער לופט־אַרמיי האָבן זיך אונזערע רעקרוטן אָנגעשטויסן אויף געוויסע באַגרע־נעצונגען), אין לייכט־געווער, ווי אין שווער־געווער, און ניט נאָר אין אָפּ־טיילונגען, נאָר אויך אין ראָטעס, באַטאַליאָנען און אפילו אין אַ גאַנצער בריגאַדע.

בלויז קורצזיכטיקע צווישן אונז זייַנען דאָן אַרויסגעטראָטן קעגן דער וואָלונטירונג פון די ארץ־ישראל־אידן אין די מיליטערישע אייַנהייטן, וואָס

דינען אויסערהאַלב די גרענעצן פון ארץ־ישראל, ווייל דאָס שטעלט כלומרשט אין געפאַר אונזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג אינערהאַלב דעם לאַנד. עס איז געווען אַ פאַלשע אויפפאַסונג. קיין שום זאַך פון אַלץ, וואָס איז ביז דאַן געטאָן געוואָרן, האָט אַזוי ניט פאַרסירט און פאַרשטאַרקט אונזער שוץ־גרייטקייט, ווי דער וואָלונטירונגס־אַקט פון פינף און צוואַנציק טויזנט בחורים און מיידלעך פון ארץ־ישראל, וואָס האָבן זיך אַנגעשלאָסן אָן די אידישע אייג־הייטן אין דעם בריטישן מיליטער.

דאָס איז ניט געווען דער איינציקער פּאָזיטיווער מאָמענט אין דער דאָזי־קער וואָלונטיר־אַקציע. די דאָזיקע וואָלונטירונג איז סיי ווי געווען אַן עלע־מענטאַר געבאָט: וואָלונטירונג פאַר דער מלחמה קעגן היטלערן. מיר וואָלטן דורות־לאַנג ניט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן זיך פאַר חרפה און בושה, ווען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה וואָלטן זיך די אידן פון ארץ־ישראל ניט באַטייליקט ווי עס באַדאַרף צו זיין, צוזאַמען מיט די פאַרבינדעטע (ענגלאַנד, רוסלאַנד, אַמעריקע), אין דער פאַרניכטונג פון דער נאַצישער מאַכט. די אידן פון אַלע לענדער זיינען באַרויבט געוואָרן פון זייער רעכט, מלחמה צו האַלטן אַלס אידן קעגן דעם שרעקלעכסטן שונא, וואָס איז ווען עס איז אויפגעשטאַנען קעגן אידישן פאָלק אין דער וועלט. הונדערטער אידן זיינען געצוואונגען געווען מלחמה צו האַלטן, אַלס אַנאָנימען — אַלס אַמעריקאַנער, ענגלענדער, רוסן — אָבער די מיליאָנען אידן, וואָס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן דורך היטלערס תלינים, זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אַלס אידן. זיי זיינען געוואָרן פאַרברענט, געקוילעט, געהאָנגען, לעבעדיק־באַגראָבן — אויסשליס־לעך צוליב דעם, וואָס זיי זיינען געווען אידן. אָבער קיינע פון די נאַציעס, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן קעגן היטלערן, האָט ניט געלאָזט די אידן אין זייערע וואוין־לענדער מלחמה האַלטן אַלס אידן, אין אידישע איינהייטן, אונטער אַ אידישער פאָן. דער דאָזיקער גרויסער און איינציקער זכות איז גע־געבן געוואָרן נאָר צו די אידן פון ארץ ישראל — און מיר וואָלטן געזינדיקט קעגן די זעקס מיליאָן, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן דורך די נאַציס; מיר וואָלטן געזינדיקט קעגן די הונדערטער טויזנטער אידישע זעלנער אין די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע; מיר וואָלטן געזינדיקט קעגן דער אידישער גע־שיכטע, אויב מיר וואָלטן זיך ניט אָנגעכאַפּט אָן דער דאָזיקער איינציקער געלעגנהייט, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו די אידן פון ארץ־ישראל — צו אידן אין זייער פאָטערלאַנד — מלחמה צו האַלטן קעגן היטלערן — אַלס אידן. די אידישע איינהייטן, וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן אין דעם מדבר פון צפון־אַפריקע, אויף די גריכישע אינזלען, אין פראַנקרייך און איטאַליע און אַנדערע פלעצער קעגן די נאַצישע האָרדעס, האָבן אויסגעפירט אַ הייליקע שליחות פון דער אידישער מאַרטיראָלאָגיע און האָבן נקמה גענומען — כאָטש טייל־וויז — פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון אידישע מאַסן — ניט נאָר אין אונזערע צייטן, נאָר אויך אין אַלע דורות.

— ה. —

די אידישע איינהייטן אין דער וועלט־מלחמה זיינען געווען וויכטיק אויך צוליב נאָך אַ מאָטיוו: דער צונויפֿגעטרעף צווישן דער קעמפנדער ארץ־ישראל און צווישן די אידן פון די גלות־לענדער און די שארית הפליטה. פון שטענדיק אָן פלעגט ארץ ישראל שיקן שלוחים צו די גלות־לענדער, אַלס אַ המשך צו די „משולחים", וואָס פלעגן אין אַמאָליקע דורות קומען אין די גלות־לענדער דאדורך שאַפן אַ לעבעדיקן בונד צווישן דעם פאָלק און דעם לאַנד. די נייע שליחותן האָבן געהאַט אַ דערציערישע באַדייטונג. זיי האָבן געבראַכט צום פאָלק אין די גלות־לענדער די בשורה פון דעם ציוניסטישן ווערק אין דער ערשטער פאַזע פון זיין פאַרווירקלעכונג. דאַסמאָל איז דעם גלות־אידנטום געגעבן געוואָרן אַ געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך ניט מיט שליחים, וואָס זייער כוח איז אין זייער צונג — אין אויפקלערונג, פראָפּאַגאַנדע, דערציילונג, אי־בערצייגונג — נאָר מיט דעם ווערק אַליין, מיט איינעם פון זיינע העכסטע אויסדרוקן: די קעמפנדע ארץ־ישראל. — נאָר דער, וואָס האָט באַזוכט די לאַגערן פון דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד און עסטרייך, קען אָפּשאַצן די באַדייטונג פון זייער באַגעגעניש מיט די אידישע זעלנער פון ארץ ישראל, מיט די בריגאַדע־לייט. דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן אויך וועגן די באַ־געגענישן צווישן די אידישע מאַסן אין אייראָפּע און צווישן אונזערע זעלנער אין אונזערע איינהייטן אין די יאָרן פון דער מלחמה און נאָך איר. איך בין צופעליק געווען אין ניו־יאָרק, ווען עס זיינען אַהינצו געקומען זעקס זעלנער פון איינעם פון די באַטאַליאָנען, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אידישער בריגאַדע — די צוויי מיליאָן ניו־יאָרקער אידן האָבן נאָך קיינמאָל אַזאַ יום־טוב ניט געהאַט. די דאָזיקע באַגעגעניש האָט די אידן געגעבן אַ געפיל פון גלייכ־הייט, פון אַן אויסגעגלייכטן רוקן, פון אַ געשטיגענעם זעלבסט־ווערט, פון גלויבן אין דעם אייגענעם כוח. די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אַ סך געגעבן אויך די בריגאַדע־לייט, וואָס מערערע צווישן זיי זיינען, אַ דאַנק דער אַרמיי, דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן געקומען אין באַרירונג מיט דעם גלות־אידנטום.

עס איז אָבער בכלל שווער, אין אַ פולער מאָס אָפּצושאַצן, וואָס אַלץ די אידישע איינהייטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן געגעבן פאַר אונזער זעלבסט־פאַרטיידיקונג אין דער איצטיקער מלחמה. נאָך איידער מיר זיינען געווען זעלבסטשטענדיק, ווען עס איז נאָך געווען די מאַנדאַט־מאַכט אין ארץ ישראל, זיינען מיר אָנגעגריפן געוואָרן דורך מיליטערישע באַנדעס פון די שכנותדיקע לענדער, און אויף צומאָרגן נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון אונזער אומאָפּהענגיקייט, דעם 15־טן מאַי, זיינען קיין ארץ ישראל אַריינגעדרונגען רעגולערע אַרמייען פון פינף שכנותדיקע מדינות. מיר האָבן געהאַט טויזנטער חברים־דערצויגענע אין דער הגנה, חי״ש גרופּעס און פלמ״ח — וואָס האָבן געוואוסט, ווי צו קעמפן קעגן באַנדעס; מיר האָבן אָבער ניט געהאַט קיין מילי־טער, וואָס זאָל האָבן באַקומען מיליטערישע אויסשולונג און קריגס־דערפאַ־רונג פון רעגולערע אַרמייען.

פינף און אַ האַלב חדשים — פון אָנהויב דעצעמבער ביז מיטן מאַי — זיינען מיר געשטאַנען אין קאַמף, האַבנדיק איבער זיך אַ פרעמדע מאַכט אין לאַנד, וואָס האָט אונז ניט געלאָזן פריי שולן זיך און באַוואָפּענען זיך, און אין דעם טאָג פון דער מדינה־פּראָקלאַמירונג זיינען מיר אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ קאָלעקטיוון אָנגריף פון אַלע אַראַבישע מדינות. ווי אַזוי האָבן מיר אויסגעהאַלטן דעם דאָזיקן עקזאַמען און ווי אַזוי זיינען מיר געגאַנגען פון איין נצחון צו דעם אַנדערן? ווי אַזוי איז אויפגעשטעלט, אָרגאַניזירט און אויסגעשולט געוואָרן צבא־הגנה־לישראל, וואָס האָט אַרויסבאַוויזן די דאָזיקע גאַנצע גבורה? — דריי שותפים זיינען געווען צו דער דאָזיקער טאַט: א) די דערפאַרונג און איבערגעגעבנקייט פון די הגנה־מיטגלידער אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן, פון זינט דעם „השומר" און ביז צו צבא־הגנה־לישראל; 2) 2—3 טויזנט פּלמ"ח'ניקעס, וואָס האָבן באַוויזן צו באַקומען אַ בעסערע אויסשולונג איידער די איבעריקע הגנה־מיטגלידער; ג) טויזנטער זעלנער און אָפיצירן, וואָס האָבן געדינט אין אידישע איינהייטן, און באַזונדער אין דער אידישער בריגאַדע, און האָבן דערוואָרבן אַ קריגס־מיליטערישע דערפאַרונג און אַדמיניסטראַטיוו־טעכנישע אויסשולונג אין די קעמפנדיקע איינהייטן און אין די דינסט־איינהייטן. אָן די דאָזיקע זעלנער און אָפיצערן — ווער ווייס, צי וואָלטן מיר אימשטאַנד געווען, אויפצושטעלן דעם צבא־הגנה לישראל אין אַזאַ קורצער צייט און אין אַזעלכע שטורמישע טעג. אונזער וואָלונטירונג אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ניט קיין קליינעם חלק אין דער רעטונג פון דעם ישוב און אין אונזערע ביז־איצטיקע דערגרייכונגען; זי האָט אויך אַ לייבן־טייל אין דער אויסשולונג און צוגרייטונג פון צבא הגנה לישראל.

— ו —

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דעם ישוב זיינען מיר דאָס יאָר אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַן עקזיסטענץ־ און פרייהייטס־קריג. עס איז אונז מערערע מאָל אויסגעקומען צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אָנגריפן פון דרויסן — דאָס יאָר זיינען מיר געשטעלט געוואָרן פאַר אַ טאָטאַלן קריג. — אַלץ איז אונטערגעוואָרפן און מאָביליזירט געוואָרן פאַר די קריגס־אינטערעסן: מענטשן־מאַטעריאַל, ווירטשאַפט, קאַפּיטאַל, וויסנשאַפט; ווייל אַלץ איז געשטעלט געוואָרן אין געפאַר. און כל זמן דער שלום איז ניט פאַרזיכערט — וועט איבער אונז הערשן דאָס געבאָט פון קריג, דער אינטערעס פון דער מלחמה. די מלחמה איז אָבער ניט קיין צוועק פאַר זיך. מיר וועלן ניט לעבן אויף מלחמות — אפילו ניט אויף מלחמה־נצחונות. מיר האָבן אויך די איצטיקע מלחמה ניט געוואָלט, מען האָט זי אונז אויפגעצוואונגען, — מער נישט, מיר האָבן זיך ניט צוריקגעצויגן, און איך גלויב, אַז מיר וועלן

זיך קיינמאָל ניט צוריקציען. און אַז מיר האָבן מלחמה געהאַלטן — האָבן מיר געזיגט, און איך גלויב, אַז אויב מיר וועלן געצוואונגען זיין ווידער מלחמה צו האַלטן — וועלן מיר ווידער מנצח זיין. מיר זיינען אָבער ניט איינגעשטעלט, ניט אויף מלחמות און ניט אויף נצחונות. נאָך גיבן מיר פּריאָריטעט צו די אינטערעסן פון מיליטער און קריג, און מיר וועלן ניט שפּאָרן קיין שום זאַך, וואָס וועט נויטיק זיין פאַרן נצחון. אָבער דער נצחון איז בלויז אַ מיטל, ניט קיין ציל. דער ציל איז: בנין הארץ, לאַנד, קיבוץ גלויות און אַ לעבן פון פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט און גלייכהייט.

די אַרמיי האָט באַפרייט דעם נגב און דעם גליל, אָבער איינהאַלטן דעם נגב און דעם גליל וועלן מיר ניט נאָר מיטן מיליטערישן כּוח אַליין. מיר האָבן געקעמפט פאַר אונזער לאַנד, כּדי עס צו בויען און פון אים ווערן אויפגעבויט. אונזער אַנטשיידנדער נצחון וועט קומען נאָר מיטן כּוח פון עליה און קאָלאָני־זאַציע.

אויך נאָכן איינשטעלן פרידן אין לאַנד, וועלן מיר דאַרפן האָבן מיליטער. כּל זמן עס וועט פון דער וועלט ניט פאַרשווינדן די געפאַר פון מלחמה, און אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט הויבן אַ שווערד — וועט אויף אונז ליגן דער חוב צו פאַרזיכערן דעם שלום פון אונזער לאַנד מיטן כּוח פון אונזער געווער. מעגלעך, אַז מיר וועלן אַריינטראָגן ווייט־גייענדע ענדערונגען אין געבוי פון אונזער אַרמיי און אַז צבא־הגנה־לישראל וועט זיך גרונטזעצלעך ענדערן נאָכן קריג. אַ מדינה, וואָס איז קודם כּל באַשטימט צו אַבסאָרבירן אַ מאַסן־עליה און פאַרבויען די וויסטעניִשן פון לאַנד, וועט ניט קענען פּערמאַנענט אויסהאַלטן אַ גרויסע רעגולערע אַרמיי. אין פרידנס־טעג וועט מען ניט דאַרפן אויסהאַלטן אַ גרויסע אַרמיי, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז מיר וועלן קענען פאַרקלענערן אָדער אָפּשוואַכן אונזער מיליטערישע פּאָטענץ — אויך נאָך דעם, ווי עס וועט קומען דער שלום. אונזער זיכערהייט וועט זיך באַזירן ניט נאָר אויף כּוח, נאָר אויך אויף אַ פּאָליטיק פון שלום און פריינטשאַפט מיט אונזערע שכנים. אַ רעגירונג פון ישראל, וואָס וועט ניט מאַכן קיין פּערמאַנענטע און ענערגישע באַמיאונגען צו פאַרשטאַרקן די באַציאונגען פון גוטער שכנה־שאַפט צווישן אונז און די אַראַבישע מדינות, וועט פאַרלייקענען איר לעבנס־פליכט און וועט איינשטעלן דאָס לעבן פון פאָלק. אַ אידיש־אַראַבישער בונד איז ניט סתם אַ שיינער לאָזונג פאַר דער ווייטער צוקונפט, נאָר אַ רעאַלע און נאָענטע עווענטואַליטעט. נאָכמער: עס איז אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַר דעם אידישן, ווי פאַר דעם אַראַבישן פאָלק. אָן דעם דאָזיקן בונד וועלן די אַראַבישע מדינות ניט דערגרייכן זייער ווירקלעכע זעלבסטשטענדיקייט און וועלן ניט ווערן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אומאָפּהענגיק פון פרעמדע גרויס־מאַכטן. אויך ישראל וועט ניט זיין זיכער אָן דעם דאָזיקן בונד, און אויך איר עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג וועט זיין טאָרמאָזירט, אויב זי וועט ניט אויפהאַלטן קעגנזייטיקע באַציאונגען מיט די פאַרשיידענע מדינות. און דאָך, אפילו נאָכ־דעם, ווי דער שלום וועט אויפגעריכט ווערן און אָ פריינטשאַפט־בונד מיט

די שכנים וועט געשלאָסן ווערן, וועט נאָך אַלץ ליגן אויף מדינת ישראל די פליכט פון פערמאַנענטער און עפעקטיווער גרייטקייט צו זעלבסטפאַרטיידיקונג.

צוויי שווערע שטרויכלונגען וועלן שטיין אויפן וועג צו דער דאָזיקער גרייטקייט: א) דער היסטאָרישער פאַקט, דאָס מדינת ישראל וועט שטענדיק זיין פיל קלענער פון אירע עווענטועלע קעגנער; ב) דער שווער־פונקט אין די אָנשטרענגונגען פון דער מדינה וועט אומבאַדינגט ליגן אין דער אַבסאָרבירונג פון דער עליה און אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד.

אין דעם איצטיקן קריג האָבן מיר אויפגעשטעלט די אַרמיי פאַרן פרייז פון דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, און מיר האָבן מאָביליזירט כמעט אַלע די, וואָס זיינען פעאיק צו טראָגן געווער. די ביידע זאַכן קענען ניט געמאָלט זיין אויף לאַנגע צייטן. מיר וועלן בייקומען די צוויי דערמאָנטע שטרויכלונגען נאָר דאַן, ווען מיר וועלן, פון איין זייט, געפינען אַ וועג, ווי אַזוי צו געבן דער אַרמיי די העכסטע מאָדערנע אויסשולונג און די אַנטשפּרעכנדע מיליטערישע אויסשטאַטונג, אַזוי אַז די העכסטע קוואַליטעט פון דער אַרמיי זאָל קאָמפּענסירן איר פאַרקלענערטע קוואַנטיטעט; און אויב עס וועט אונז, פון דער צווייטער זייט, געלינגען אויסצושולן דאָס גאַנצע פאָלק, אין אַלע עלטערס, וואָס זיינען ראוי צו טראָגן געווער, און דאַדורך שאַפן די נויטיקע רעזערוון, און דערביי זיי ניט אָפּרייסן — איבער דער מאָס — פון דער לויפנדער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט.

— ז. —

די צענטראַלע טענדענץ אין דער צוקונפטיקער קאָנסטרוקציע פון דער אַרמיי וועט זיין — די מאַקסימאַלע צונויפשמעלצונג פון עפעקטיווער ווירטשאַפט; אין שפּיץ פון דער אַרמיי וועלן שטיין פּראָפעסיאָנאַלן־ספּעציאַליסטן. דאָס וועט קומען צום אויסדרוק, ווי אין דער דערציאונג פון דעם יונגן דור, אַזוי אין דער געשטאַלטונג פון דעם לעבן פון כלל. בלויז ווייניקע וועלן זיי־ ווייט מעגלעך זיך צוריקציען פון דעם ציווילן לעבן און וועלן זיך גענצלעך ווידמען דער מיליטער־דינסט — אויף דער יבשה, ים און לופט. די דאָזיקע ווייניקע וועלן אויסגעקליבן ווערן פון צווישן די, וואָס וועלן זיך אויסצייכענען מיט זייערע טאַלאַנטן, מיט פאָדערונגען פון העכסטער פאַכמענישער ספּעציאַליזירונג, פון קאָמאַנדירונג און קריגס־פירונג; עס וועלן זיך פאָדערן מוסטערהאַפטע, אויסדערוויילטע מענטשן.

אויסער דער דאָזיקער באַשרענקטער, אויסדערוויילטער גרופּע מענטשן, וואָס וועלן זיך גענצלעך ווידמען דער מיליטערישער טעאָריע און פּראַקטיק, וועט מען דאַרפן יעדן אינגל און מיידל לערנען, ווי אַזוי צו האַלטן געווער און שטיין אין קאַמף; יעדער מאַן און יעדע פרוי — אין דעם עלטער ביז 50 אָדער 55 יאָר — וועלן זיין פאַרפליכטעט צו באַטייליקן זיך — אין פאַל פון נויטווענדיקייט — אין שוץ־דינסטן; אין פרידנס־צייטן וועט מען זיי אַרויסנעמען פון זייער ציווילן לעבן בלויז אויף קורצטערמיניקע איבונגען, איין מאָל אַ

יאָר, אומגעפּער לויט דעם סיסטעם, וואָס איז אָנגענומען אין דער שווייץ און וואָס וועט צוגעפּאַסט ווערן צו די ספּעציעלע באַדינגונגען פון מדינת ישראל.

אַ פּאָלקסטימלעכע שוץ־אַרמיי, וועמענס מיליטערישע אויסשולונג וועט זיך אָנהויבן פון דעם סאַמע אינגסטן שול־עלטער, אַלס אָרגאַנישער טייל פון דער אַלגעמיינער דערציאונג, און וועט זיך ציען דורך אַלע דערוואַקסענע יאָרן, זייענדיק פולשטענדיק פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון אַרבעט און ווירטשאַפט; אין שפּיץ פון דער אַרמיי וועלן שטיין פּראָפעסיאָנאַלן־ספּעציאַליסטן. נאָר אַזאַ מין אָרדענונג וועט אַנטשפּרעכן די אינטערעסן פון אויפבוי און זיכערהייט פון אונזער מדינה.

אָבער די זיכערהייט פון דער מדינה וועט זיך באַזירן ניט נאָר און אויסשליסלעך אויף די מיליטערישע שוץ־כוחות. די וועגן פון אונזער קאָלאָניזאַציע וועלן באַשטימען די זיכערהייט פון דער מדינה ניט ווייניקער ווי די סיסטעמען פון דער מיליטער־קאָנסטרוקציע. נאָר אַ קאָמפּאַקטע לאַנווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע לענג־אויס די גרענעצן — אַ ווירטשאַפטן־קייט אין צפון, אויפן ברעג ים, לענג־אויס דעם ירדן, אין די וויסטעניש פון דעם נגב — וועט דינען אַלס זיכערסטער שוץ צו פאַרזיכערן דאָס לאַנד קעגן אָנגריפן פון דרויסן. ניט קיין טויטע שטיין־פעסטונגען, נאָר אַ מענטשן־מויער, וואָס לעבט, אַרבעט און שאַפט — די איינציקע מויער, וואָס ציט זיך ניט צוריק און ווערט ניט געטראָפן פון פיינטלעכע כלי־משחית — איז אומשטאַנד אָפּצוהיטן די גרענעצן פון אונזער לאַנד.

מיר האָבן באַפרייט דעם נגב און דעם גליל; דעם גליל — אינגאַנצן; דעם נגב — אין גרעסטן טייל. און עס זיינען דאָ אויסזיכטן צו באַפרייען ווייטערע טיילן. מיר האָבן זיי אָבער נאָך ניט באַזעצט — ניט דעם נגב און ניט דעם גליל. עס גענוגט ניט אַרויסצוטרייבן דעם פרעמדן אַריינדרינגלער — מיר דאַרפן אַריינברענגען דעם אידישן קאָלאָניסט. אַ זיכערע דעראָבערונג קומט בלויז דורך אויפבוי. אין דעם נגב האָבן מיר בלויז אַ שמאָלן, שיטערן פּאַס פון זידלונגען, און איין קליינעם ווינקל — אין דעם צפון־מערבדיקן נגב. דאָס גאַנצע לאַנד פון אדום, פון באר־שבע ביז צום ים־המלח, דער גאַנצער שטח פון דער ערבה — זיינען פוסט און וויסט. אָן אַ נעץ פון ישובים אין די דאָזיקע שטרעקעס — איז אונזער פאַראַנקערן זיך אין נגב ניט זיכער. די דאָזיקע ישובים וועלן מוזן נויטיקערווייז פאַראייניקן אין זיך בוי־קאַפּאַציטעט און שוץ־קאַפּאַציטעט. אין דעם נגב וועט דורכאויס אויספּרובירט ווערן די רעאַליזירונגס־קראַפט פון דעם ציוניזם. — דאָ ליגן באַהאַלטן אומגעהויערע מעגלעכקייטן, וואָס האָבן צו זיך ניט קיין גלייכן אין קיין שום אַנדער געביט אין לאַנד. דער נגב וועט ניט קאָלאָניזירט ווערן אין אַ יאָר, דאָס איז אַן אַרבעט פאַר דורות: די אַמעליאָראַציע פון דעם באָדן, באַוואַסערונג, וועג־לייגונג, טיף־בויערונג, שטאָט־בוי, קאָמוניקאַציע, — און אויב מיר וועלן דערגיין ביז אילת — אויך שיפעריי און פישעריי. אָבער די ערשטע שריט מוז מען מאַכן שנעל ווי מעגלעך.

אונזערע פּאַרפּאָסטנס אין נגב דאַרפן פאַרבלייבן מיליטערישע. מיר וועלן נאָך לאַנג דאַרפן פאַרטיידיקן דעם דאָזיקן געביט מיט דעם כוח פון אונזער געווער, אָבער אַ מיליטערישער פּאַרפּאָסטן אַליין גענוגט ניט: וואו נאָר עס איז מעגלעך צו לאָזן שטראָמען וואַסער דורך רערן אָדער וואו נאָר עס געפינט זיך אַ נאַטירלעכער קוואַל, דאַרף מען באַלד גרינדן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונג פון זעלנער.

אויך דעם גליל וועלן מיר ניט איינהאַלטן בלויז מיט מיליטערישן כוח. לענג־אויס דער גרענעץ פון לבנון דאַרף מען אויפשטעלן אַ קייט פון מילי־טעריש־לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים; לענג־אויס דעם ים־ברעג פון ראש־הנקרה ביז צו עכו — אַ ריי פון פישער־דערפער. און אויך אויף דער שטרעקע פון גוש־חלב ביז צו שפרעם דאַרף מען אויסבויען אַ וואַנט פון אידישע ישובים.

אָט דאָס איז די גרויסע אַרבעט, וואָס שטייט־פאַר דער אידישער יוגנט באַלד נאָכן שלום פון דער מלחמה — אויב זי וועט אינגיכן אָפּגעשלאָסן ווערן; אויב דער שלום וועט זיך פאַרהאַלטן — דאַרף מען דאָס טאָן נאָך פאַרן שלום; מערנישט — נאָכן שלום וועט מען דאַרפן די אַרבעט פאַרשטאַרקן.

די מלחמה־אינטערעסן האָבן נאַטירלעכערווייז באַהערשט אונזער גאַנץ לעבן; מיר זיינען געצוואונגען געווען מפקיר צו זיין ווירטשאַפטן און אונטער־נעמונגען, שטודיומס און קאָסטבאַרע אַרבעטן, כדי צו מאָביליזירן אונזער קריגס־כוח — און ביז צום אָנטגילטיקן נצחון וועלן די דאָזיקע אינטערעסן דאָמינירן איבער אַלץ, אָן קיין שום אויסנאָם.

אָבער אויך אין שטורעם פון קריג וועלן מיר ניט פאַרגעסן דעם ציל, צוליב וועלכן מיר קעמפן, און מיר וועלן אָפּהיטן די קערנדלעך פון אונזער ווירטשאַפט, אונזער שאַפונגס־פעאיקייט, אונזער קאָלאָניזאַטאָרישע פּאָטענץ און די זידלונגען, וואָס מיר וועלן גרינדן אין די סאַמע טעג פון דער מלחמה — כדי באַלד נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה זאָלן מיר זיך קענען לאָזן מיט אַ שטור־רעם, מיט אַ גרויסן שעפערישן פאַרנעם, צו דער פאַרברייטערונג פון אונזער קאָלאָניזאַציע אין דרום און צפון, אין מזרח און מערב.

— ח. —

דאָס איז די ספּעציעלע אויפגאַבע פון די זידלונגס־קערנדלעך, וואָס זיינען מאָביליזירט אין נח״ל — די פאַראייניקונג פון אויסשולונג און מיליטערישער קאַפּאַציטעט מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה און התישבות. דאָס איז ניט קיין נייער געדאַנק: באַוואוסטזיניק און ניט באַוואוסטזיניק האָבן זיך פּאַקטיש געהאַלטן ביי דער דאָזיקער אידייע אַלע כוואַליעס פון אונזער קאָלאָניזאַציע, אָנהויבענדיק פון די גרינדער פון פתח־תקוה און ראשון־לציון, דורך „השומר״, „הגנה״ און פלמ״ח — ביז צו נח״ל. די אומשטענדן האָבן זיך אין פאַרלויף פון די זיבעציק יאָר געענדערט, די פאַרווירקלעכונגס־סיסטעמען זיינען פון צייט צו צייט צוגעפּאַסט געוואָרן צו די זיך־באַנייענדיקע אינטערעסן און

באַדינגונגען; יעדער נייער דור האָט געלערנט פון דעם פריערדיקן — פון זיינע דערגרייכונגען און דורכפאַלן צוגלייך — און האָט צוגעגעבן עפּעס אויך פון זיך.

יעדער איינער אין זיין צייט האָט געגלויבט, אַז ער זאָגט דאָס לעצטע וואָרט, אַז ער איז געקומען צום שפּיץ באַרג. דאָס לעבן אָבער שטייט ניט פאַרגליווערט, און דער „השומר״, די הגנה און דער פּלמ״ח זיינען געווען בלויז שטאַפּלען אויף דעם לייטער פון אונזערע פאַרשריטן. און אַלע האָבן זיי זיך איצט צונויפגעגאָסן אין צבא־הגנה לישראל, וואָס האָט געירשנט די אידייִ פון „השומר״ — די פאַראייניקונג פון הגנה און התישבות. אויך נח״ל איז נאָך ניט „דאָס לעצטע וואָרט״ אין דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער טענדענץ אין אונזער קאָלאָניזאַציע. ווייל וואָס עס איז אונז נויטיק פאַר דעם קאַמף פון אונזער עקזיסטענץ און וואוקס איז ניט נאָר נוער חלוצי לוחם (נח״ל), נאָר עם חלוצי לוחם — ועובד (אַ חלוציש פאָלק, וואָס קעמפט — און אַרבעט). ביז עס וועלן זיך ענדערן די פונדאַמענטן פון דער וועלט און עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן דער אידעאַל פון די נביאים וועגן אחרית הימים, ווען „אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הויבן קיין שווערד״, וועט זיך די גאַנצע אומה, פון קליין ביז גרויס, פון מאַן ביז פרוי, מוזן אָפּגעבן מיט בויען דאָס לאַנד אין פאַרטיידיקן עס. אויפבוי און פאַרטיידיקונג — דאָס איז די אויפגאַבע פון נח״ל, וואָס מען דאַרף פאַרוואַנדלען אין דער אויפגאַבע פון גאַנצן צבא־הגנה־לישראל, און דערנאָך — פון גאַנצן פאָלק ישראל.

ט״ז בחשוון תש״ט — 11. 18. 1948

# די רעהאַביליטאַציע פון די באַפרייטע זעלנער

(אויף דער אַכט און צוואַנציקסטער זיצונג פון דעם צייטווייליקן מדינה־ראַט)

געערטער ראַט! אין נאָמען פון דער רעגירונג וויל איך אָפּגעבן איניקע מעלדונגען — מיליטערישע און פּאָליטישע. אונזער מיליטער, וואָס, ווי עס שיינט, אַנטוויקלט זיך עס, בדרך כלל, מער־ווייניקער נאָרמאַל, ליידט נאָך אויך פון געוויסע קינדער־קראַנקהייטן און פון געוויסע שוואַכקייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע אַנטשפּרעכן ניט מער די נייע באַדינגונגען אין מדינת ישראל. אַ סך פון די דאָזיקע אַנאָמאַליעס זיינען שוין באַזייטיקט געוואָרן, איי־ניקע האָבן מיר נאָך ניט באַוויזן צו באַזייטיקן, און איינע פון די לעצטע איז דאָס, וואָס פון מאָל צו מאָל פלעגט מען מאַכן ניט־געזעצלעך־באַשטעטיקטע מאָביליזאַציעס, לויט דעם מאָמענטאַנעם אינטערעס, און באַזונדערס פון צווישן אַלטע „הגנה״־חברים פון אויסער־מאָביליזאַציע־עלטער. אמת, דאָס פלעגט געטאָן ווערן ניט סתם פון בייזוויליקייט, נאָר צוליב דרינגענדע בעדערפענישן

פון פאַרשיידענע ראַיאָנען אין שווערע מאָמענטן. די זאַך האָט אָבער שווער געטראָפן מענטשן, וואָס זיינען איבער דעם מאָביליזאַציע־עלטער, און עס האָט זיך באַקומען, אַז דוקא די, וואָס האָבן זיך אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן פרייוויליק געווידמעט דער הגנה, ווערן איצט מיסבאַהאַנדלט, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע בירגער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פאַרביטערונג — אַ באַ־רעכטיקטע — אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, און באַזונדערס אין ירושלים. דער גענעראַל־שטאַב האָט אויסגעאַרבעט אייניקע פאָדערונגען, וואָס זאָלן קאָרעגירן די זאַך. פאַריקע וואָך האָט די רעגירונג אויסגעאַרבעט די פאָר־שלאָגן און האָט זיי באַשטעטיקט. איך וויל דאָ איבערגעבן די הויפּט־קאָרעק־טיוון.

פון איצט אָן וועט קיין קאָמאַנדיר, אין קיין פלאַץ און קיינע באַדינגונגען, ניט טאָרן מאָביליזירן מענטשן, וואָס אונטערליגן ניט קיין מאָביליזאַציע־רוף פון דער רעגירונג אָדער פון דעם ציטווייליקן מדינה־ראַט; אַלע די, וואָס זיינען ביז איצט מאָביליזירט געוואָרן ניט אויפן גרונט פון געזעץ, וועלן בקרוב באַפרייט ווערן. אָבער כדי מיר זאָלן זיין אימשטאַנד צוצושטעלן דער אַרמיי דעם נויטיקן מענטשן־מאַטעריאַל, און כדי ווי ווייט מעגלעך ניט אָנצו־רירן דעם מינימום פון מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס פאָדערט זיך פאַר דער ווירט־שאַפט, האָט די רעגירונג, לויטן פאַרשלאַג פון דעם שטאַב, באַשלאָסן אויפ־צושטעלן רעזערוו־קאַדרען (עתודות־מילואים לוחמות, און פאַרקירצט: עמ״ל); אין די דאָזיקע קאַדרען וועלן דינען נאָר מענער פון די פאָלגענדע צוויי קאַ־טעגאָריעס:

א) די רעקרוטן אין עלטער פון 18 ביז 40, וואָס אונטערליגן פולשטענדיק דעם מאָביליזאַציע־באַפעל, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן צוליב ווירטשאַפט־לעכע אָדער אַנדערע מאָטיוון — אויסער געזונטהייטס־מאָטיוון — און וואָס זייער באַפרייאונג איז ניט קוועסטיאָנירט געוואָרן אָדער וועט ניט קוועסטיאָ־נירט ווערן דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס וועט איצט באַשטימט ווערן.

ב) מענער אין עלטער פון 40 ביז 45 יאָר, אויסער די, וואָס וועלן באַפרייט ווערן צוליב געזונטהייטס־מאָטיוון אָדער וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע מאָטיוון.

פון די עמ״ל־מאָביליזירטע וועט איין טייל דינען אין מיליטער ניט מער ווי 4 טעג אין חודש; אַ צווייטער טייל — ניט מער ווי 6 טעג אין חודש, און אַ דריטער טייל — ניט מער ווי 14 טעג אין חודש.

נאָכדעם, ווי עס וועט אויסגעפירט ווערן די עמ״ל־מאָביליזאַציע, וועט מען פאַר קיין שום פּרייז ניט טאָרן מאַכן קיינע עקסטרא־מאָביליזאַציעס.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן די פאַרערונג פון דער רעגירונג פאַר אַלע אויסגעצייכנטע הגנה־חברים, וואָס, אויסער זייער געטרייער אַרבעט אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם ישוב און דעם לאַנד, האָבן זיי אויסגעפירט וויכטיקע לעבנס־אויפגאַבן אין דער איצטיקער מלחמה; זיי האָבן דאָס געטאָן לפנים משורת הדין און אַלס אַ צוגאָב צו די פליכטן, וואָס פאַלן אויף אַלע בירגער פון דער מדינה. איך בין זיכער, אַז מיר וועלן נאָך אַמאָל געפינען די פּאַסיקע געלעגנהייט, אויסצודריקן די

פאַרערונג פון דעם פאָלק צו אַלע אויסגעצייכנטע חברים פון דער הגנה, וואָס צוליב זייער עלטער אָדער אַנדערע סיבות דינען זיי ניט אין צבא־הגנה לישראל.

*

מיר ווייסן נאָך ניט, צי איז דער שלום נאָענט אָדער ניט. מיר ווילן טאָן אַלץ, וואָס העננגט אָפּ פון אונז, כדי ווי ווייט מעגלעך דעם שלום צו דערנענטערן, און מיר דאַרפן זיך גרייטן פאַר דער צוקונפט; דאָס הייסט, ניט פאַר דער צו־קונפט פון דער אַרמיי, נאָר פאַר דער צוקונפט פון די זעלנער נאָכן קריג און פאַר דער צוקונפט פון די זעלנער, וואָס וועלן זיך באַפרייען איידער די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

אין דער ערשטער ריי: די זאָרג פאַר די אינוואַלידן. מיר האָבן עטלעכע הונדערט זעלנער, וואָס האָבן אין דער מלחמה פאַרלוירן אַ האַנט אָדער אַ פוס, און עס זיינען אויך געווען פאַלן פון פאַרלירן ביידע הענט אָדער ביידע פיס. מיר האָבן אָנגענומען מיטלען, כדי אַריבערצופירן אַהערצו איינע פון די סאַמע מאָדערנע פּראָטעזן־פאַבריקן אין דער וועלט. עס איז שוין געקומען צו אונז איינער פון די גרעסטע פּראָטעזן־ספּעציאַליסטן, און מען האָט שוין באַוויזן אויסצופּערטיקן פּראָוויזאָרישע פּראָטעזן פאַר איניקע זעלנער. מען אַרבעט שוין אַ סך אויס שטאַנדהאַפטיקע פּראָטעזן. לויט דער ביז איצטיקער קליינער דערפאַרונג שיינען צו זיין אויסזיכטן, אַז אַלע פוס־אַמפּוטירטע וועלן מיט דער הילף פון פּראָטעזן צוריק דערוועררבן די פעאיקייט צו גיין און צו אַרבעטן.

גלייכצייטיק ווערן געמאַכט פאַרבאַרייטונגען צוצוגרייטן די דאָזיקע אינ־וואַלידן פאַר פּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס, כדי זיי זאָלן זיך קענען דערנערן פון אייגענער אַרבעט.

איינע פון די גרעסטע פּראָבלעמען, פיליכט דאָס סאַמע גרעסטע, וואָס וועט שטיין פאַר מדינת־ישראל, ניט נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צוקונפט פון די זעלנער, נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיטן גאַנצן ישוב, און איבערהויפּט מיט דער וואַקסנדער עליה — און מיר האָפן אַז מיטן שליסן דעם שלום וועט זיך די עליה פאַרשטאַרקן און וועט שטראָמען מיט אַן אומגעהויערער קראַפט, — איז דאָס פּראָבלעם פון שכון (הויזונג). נאָך דער מלחמה וועט דאָס אפשר זיין אונזער צענטראַל פּראָבלעם. אָבער דאָס איז אויך אַ פּראָבלעם לגבי די באַ־פרייטע זעלנער. עס זיינען דאָ צענדליקער טויזנטער זעלנער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין אייגענע דירה אין ארץ ישראל — דאָס זיינען נייע עולים, וואָס באַלד נאָך זייער קומען אַהערצו זיינען זיי אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי, און זיי האָבן ניט קיין אייגן ווינקל. עס זיינען אויך פאַראַן זעל־נער, וואָס האָבן געהאַט אַ דירה, נאָר זיי האָבן זי פאַרלאָזט ווען זיי האָבן זיך מאָביליזירט; אויך זיינען דאָ יונגע זעלנער, וואָס איידער זיי זיינען געגאַנגען אין דער אַרמיי, האָבן זיי געוואוינט צוזאמען מיט די עלטערן, אָבער דערוויילע זיינען זיי אויסגעוואַקסן, און נאָך דער מלחמה וועלן זיי דאַרפן האָבן אַן אייגן ווינקל. דער דאָזיקער פאַקט — וועט שטעלן די רעגירונג פאַר אַ גאָר שווער פּראָבלעם, און מיר דאַרפן שוין באַלד אָנהויבן צו זאָרגן דערפאַר, ווייל עס קען זיין, אַז פיל זעלנער זאָלן זיך באַפרייען נאָך פאַרן שלוס פון דער מלחמה.

מיר מוזן שוין איצט באַפרייען הונדערטער, און דערנאָך פילייכט טויזנטער, פאַר נויטווענדיקע אַרבעטן: אין די פּרדסים, אויף דער ערד, אין דער אינ־דוסטרי. און איינע פון די גרעסטע שוועריקייטן איז — מאַנגל אין דירות. ביז מיר וועלן ראַדיקאַל לעזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם דורך אַ מעכטיקער בוי־אַקציע מיטן ציל אויפצושטעלן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער נייע דירות, וועלן מיר מוזן די ערשטע צייט אָנקומען צו פּאַליאַטיוון: פאַרוואַנדלען רעגירונגס־געביידעס — און פּראָוויזאָרישע וואוינונגען פאַר באַפרייטע זעלנער. ביוראָ־געביידעס — אין פּראָוויזאָרישע וואוינונגען פאַר באַפרייטע זעלנער. מיר וועלן דאַרפן פאַרזיכערן פאַר באַפרייטע זעלנער פּריאָריטעט אויף באַקו־מען אַרבעט דורך די אַרבעטס־אַמטן, אין יעדן רעגירונגס־אַנשטאַלט, אין יעדער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע. די מאָביליזירטע, וואָס האָבן געהאַט שטענדיקע באַשעפטיקונג — אין דער אינדוסטרי, לאַנדווירטשאַפט, פאַרט, ביוראָען, פּאָסט און אז. וו. — וועלן מיר פאַרזיכערן דאָס רעכט צוריקצוקערן צו זייער פריערדיקן אַרבעטס־פּלאַץ, אָפּהיטנדיק דערביי זייערע אינטערעסן, לויט די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די אַרבעטס־באַדינגונגען אין לאַנד אין דער צייט פון דער מלחמה.

עס זיינען אויך פאַראַן זעלנער, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי ניט באַזיצנדיק קיין פאַך, אָדער אַזעלכע, וואָס צוליב געזונטהייטס־מאָטיוון האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן זייער פאַך, — וועלן מיר דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז אַזעלכע פאַכלאָזע זאָלן קענען באַקומען פּראָפעסיאָנעלע הכשרה, לויט יעדן איינעמס אייגנשאַפטן און צוגעפּאַסטקייט, נאָך אַן אַנטשפּרעכנדער אונטערזו־כונג — אַ פּסיכאָטעכנישע און ד. גל. — אַזוי אַז נאָכן דינען אין דער אַרמיי זאָל דער באַפרייטער זעלנער קענען זיין אַ נוצלעכער בירגער, וואָס וועט זיך דערנערן מיט דער אַרבעט פון זיינע הענט און מיט זיין שאַפונג אין מדינת־ישראל.

די, וואָס האָבן צוליב זייער מאָביליזאַציע, איבערגעריסן זייער שטודיום, וועלן דאַרפן באַקומען אַ מעגלעכקייט צוריקצוקערן צו די לימודים. אויב זיי זיינען נאָך שילער פון מיטל־שול, דאַרף מען זיי פאַרלייכטערן די עקזאַמענס, נעמענדיק אין אַכט דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן געדינט אין מיליטער. סטודענטן פון הויכשולן וועלן באַקומען הילף, וואָס וועט זיי דערמעגלעכן די פאָרזעצונג פון זייערע לימודים; פאַר די מער פעאיקע וועלן מיר באַשטימען סטיפּענדיעס, אַזוי ווי מיר האָבן שוין איינמאָל געטאָן — נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר וועלן אויך געבן הלוואות פאַר דער קאָנסטרוקטיווער איינאָרדנונג פון זעלנער אין עקזיסטירענדע קאָאָפּעראַטיוון אָדער אין ספּעציעל פאַר זיי גע־גרינדעטע קאָאָפּעראַטיוון; מיר וועלן פאַר זיי אויך אויפשטעלן וואַרשטאַטן און וועלן זאָרגן פאַרן פאַרקויף פון זייער פּראָדוקציע.

און דאַן קומט דאָס וויכטיקסטע: אַ גרויסן טייל — אפשר דעם גרעסטן — פון די זעלנער וועלן מיר דאַרפן מכשיר זיין פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָ־ניזאַציע. מיר האָבן די לעצטע וואָכן בייגעוואוינט די היסטאָרישע אַקטן פון באַפרייאונג און דעראָבערונגען, וואָס אונזער אַרמיי האָט דורכגעפירט איז

דרום און אין צפון, אין נגב און אין גליל. מיר וועלן זיך אָבער ניט קענען באַנוגענען מיט מיליטערישער באַפרייאונג. די דאָזיקע באַפרייאונג וועט האָבן אַ באַשטייענדן ווערט נאָר אויב עס וועט אונז געלינגען אין אַ קורצער צייט צו באַלעבן די וויסטע ערטער און באַזעצן די פאַרלאָזטע ערד־שטחים. און די וואָס האָבן באַפרייט, וועלן זוכה זיין — אויב נאָר זיי וועלן דאָס וועלן — צו זיין די, וואָס וועלן באַזעצן און בויען. עס וועט אויך נויטיק זיין אַ ברייטע, וואַרעמע אויפקלערונגס־אַרבעט, באַזונדערס צווישן די נייע עולים, וואָס געפינען זיך אין דער אַרמיי, סיי פון אייראָפּע און סיי פון קאַנאַדע, אַמעריקע, דרום־אַפריקע און אַרגענטינע, ווי אויך צווישן די שטאָטישע יוגנטלעכע פון ארץ ישראל; מען וועט זיי דאַרפן רופן, אַז זיי זאָלן שוין פון איצט אָן גרייטן זיך צו לעבן אין לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען, צי דורך אָנשליסן זיך אָן עקזיסטירנדיקע ווירטשאַפטן — קיבוצים, מושבים, קאָאָפּעראַטיווע דערפער און אז. וו. — אָדער דורך גרינדן ספּעציעלע זעלנער־זידלונגען. די טעריטאָריאַלע דעראָבערונגען און באַפרייאונגען וועלן ניט זיין געזיכערט, כל זמן מיר וועלן ניט באַווייזן אויפצושטעלן אַ גרויסע און געדיכטע קייט פון ישובים, און באַזונדערס זעלנער־ישובים, אויף די גרענעצן פון נגב, אין צפון, אויפן ברעג־ים, אין ירושלימער קאָרידאָר, אין דער געגנט פון צפת און אין אַלע אַנדערע געביטן, וואו מען דאַרף פאַרשטאַרקן די זיכערהייט דורך געדיכטער קאָלאָניזאַציע.

עס וועלן נויטיק זיין גרויסע אָנשטרענגונגען ,סיי פון דער מדינה און סיי פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק. די מיטלען, וואָס וועלן נויטיק זיין דערצו, וואַרפן ממש אָן אַ פחד. אָבער די, וועלכע ווייסן ווי גרויס עס איז די אָנשטרענגונג, וואָס די אידישע מדינה און דאָס אידישע פאָלק אין די גלות־לענדער האָבן געמאַכט פאַר דער פירונג פון דער מלחמה, וועלן זיך ניט אָפּשרעקן פאַר די קאָלאָסאַלע סכומים, וועלכע וועלן נויטיק זיין פאַר אַ פיל־מער וויכטיקער און פרוכטבאַרער זאַך: פאַרן אויפבוי פון דעם לאַנד.

מיר האָבן שוין אַ געוויסע דערפאַרונג אויפן געביט פון איינאָרדענען באַפרייטע זעלנער. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען באַפרייט געוואָרן אַן ערך 25 טויזנט זעלנער. אמת, ניט אַלע האָבן זיי זיך געניצט אין הילף. 7—6 טויזנט זעלנער האָבן זיך צו קיינעם ניט געווענדעט און האָבן זיך איינגעאָרדענט אַליין אָדער זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע ווירטשאַפטן, צו זייערע אַרבעט־פּלעצער, אָן קיין שום געזעלשאַפטלעכער הילף. אַן ערך פון 18 טויזנט זעלנער האָבן זיך געווענדעט צום רעהאַביליטאַציע־אַמט, וואָס איז דאַן אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער אידישער אַגענץ — און אַלע האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט. עס איז געבליבן נאָר אַ קליינע צאָל — 150 — פון שווערע סאָציאַלע פאַלן. אָבער די טויזנטער זעלנער, וואָס האָבן געדינט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינען אַלע איינגעאָרדנט געוואָרן אין פּראָדוקטיווע אַרבעטן. דאָס האָט דאַן אָפּגעקאָסט אַן ערך 10 מיליאָן פונט: 4 מיליאָן — פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן, 3 מיליאָן — פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, 2 מיליאָן — פון באַנק־הלוואות, 1 מיליאָן פון די אָפּשפּאָרונגען פון די זעלנער אַליין. עס

איז קלאָר, אַז דער אומפאַנג וועט איצט זיין אַ פּיל גרעסערער, ווי צוליב דער פּיל גרעסערער צאָל זעלנער, אַזוי צוליב די פּרייזן, וואָס זיינען באַדייטנדיק געשטיגן. מען נעמט אָן, אַז פאַר דער קאָלאָניזירונג פון אַ זעלנער וועלן זיך איצט פאָדערן פון דריי ביז פיר טויזנט פונט; דאָס הייסט, יעדע טויזנט זעלנער וועלן קאָסטן דריי־פיר מיליאָן פונט; און איך גלויב, אַז עס וועלן זיין צענדליקער טויזנטער, וואָס וועלן וועלן און פאָדערן קאָלאָניזאַציע. עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע גאַנצע גרויסע לאַסט פון פּלאַנירונג און רעאַליזירונג וועט ניט קענען פאַלן נאָר אויף די פּלייצעס פון דעם זיכערהייטס־מינסטעריום, — די גאַנצע רעגירונג וועט זיך דאָ מוזן איינשפּאַנען, און איבערהויפּט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום, אָבער אויך די מיניסטעריומס פאַר אַרבעט, האַנדל און אינדוסטרי, לאַנדווירטשאַפט, קאָמוניקאַציע. אָבער אָן דער הילף — גרויסע הילף — פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, וועט אפילו די רעגירונג ניט אויסהאַלטן די גאַנצע שווערע משא. צום גליק, איז אונז איין זאַך פאַרזיכערט פאַר דער קאָלאָניזירונג פון צענדליקער טויזנטער: ערד; און עס וועט וואַרשיינלעך אויך זיין גענוג וואַסער. עס וועלן זיך אָבער פאָדערן פאַנטאַסטישע סכומים פאַר דער דאָזיקער מעכטיקער אונטערנעמונג פון באַזעצן זעלנער אויפן באָדן, שוין אָפּגערעדט פון דער קאָלאָניזירונג פון די דערוואַרטעטע צענדליקער און הונדערטער טויזנטער נייע עולים. עס איז געקומען די צייט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג, אַז דאָס אידישע פאָלק, און אויך אונזער רעגירונג און דער מדינה־ראַט זאָלן זיך אָנהויבן ערנסט צוגרייטן צו דער דאָזיקער ריזיקער אונטערנעמונג פון שכון און קאָלאָניזאַציע.

*

די דריטע באַמערקונג, וואָס איך וויל דאָ מאַכן, איז אויפן פּאָליטישן געביט. ווי עס איז אייך באַקאַנט, האָט דער זיכערהייטס־ראַט אָנגענומען דעם 4־טן נאָוועמבער אַ ריי באַשלוסן. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אונזער אויסערן־מיניסטער געלאָזט אין פּאַריז הערן זיין וואָרט, און איך האָב כמעט גאָרנישט וואָס צוצוגעבן צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן די פראַגן, וואָס שטייען איצט אויף דער טאָג־אָרדנונג אין זיכערהייטס־ראַט, ווי אויפן פּלענום פון די פאַראייניקטע פעלקער. איך וויל נאָר מאַכן צוויי באַמערקונגען: איינע צו דעם באַשלוס פון דעם 4־טן נאָוועמבער, און איינע צו דעם לעצטן באַשלוס פון דעם 16־טן נאָוועמבער.

צוליב פאַרשטענדלעכע מאָטיוון מעלדן מיר ניט וועגן די באַוועגונגען פון אונזער אַרמיי. איך וויל דאָ אָבער מודיע זיין, אַז די קרעפטן, וואָס מיר האָבן געשיקט פאַר י״ב בתשרי תש״ט, ערב דעם פאַרזוך, וואָס מיר האָבן געמאַכט צו עפענען דעם וועג צום נגב, אַז די צוגאָב־כוחות, וואָס מיר האָבן געשיקט צו הילף צו אונזערע פאַראַנענע קרעפטן, כדי דורכצורייסן דעם וועג, וואָס די מצרים — אין קעגנזאַץ צו די יו־ען באַשלוסן און צו די פייער־פויזע באַדינגונגען — האָבן אָפּגעשלאָסן — אַז די אַלע דאָזיקע צוגאָב־קרעפטן האָבן זיך לאַנג צוריקגעקערט צו זייערע פריערדיקע פּלעצער אויף די פאַרשיידענע

פראָנטן און האָבן פאַרנומען זייערע פריערדיקע פּאָזיציעס. אונזערע קרעפטן אין דעם גאַנצן נגב זיינען איצט די זעלבע, וואָס זיינען דאָרטן געווען פאַר דעם 14־טן אָקטאָבער, און זיי אַלע וועלן דאָרטן פאַרבלייבן, אָפּצוהיטן דעם נגב, קעגנשטעלן זיך — ווען נויטיק — אַן עווענטועלער נייער אינוואַזיע פון די מצרים און שיצן דאָס אידישע ירושלים קעגן אַן אַנגריף־געפאַר פון דרום, מצד די מצרישע כוחות, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט פון רפיח.

*

און נאָך אַ באַמערקונג וועגן דעם זיכערהייטס־ראַט. אין די באַשלוסן פון דעם 16־טן נאָוועמבער האָט זיך געהערט אַ נייער טאָן, וועלכן מיר נעמען גערן אָן. ווי עס ווייזט אויס, איז אַ טייל פון די זיכערהייטס־ראַט־מיטגלידער געקומען צום אויספיר, אַז די פייער־פויזע איז ניט דער וועג צום שלום; פאַר־קערט, זי איז בלויז עלול די מלחמה צו פאַרציען, און די דאָזיקע פאַרציאונג איז ניט לטובת די אידן און ניט לטובת די אַראַבער. דער זיכערהייטס־ראַט האָט אייערנעכטן אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס איז נאָך ניט אַזאַ פעסטער, אָבער ער זאָגט אָן אַ געוויסן איבערברוך אין די באַגריפן פון דעם זיכערהייטס־ראַט בנוגע דעם פּראָבלעם פון מלחמה און שלום אין ארץ ישראל. דעם 16־טן נאָוועמבער האָט דער ראַט באַשלאָסן צו פאָדערן פון די צדדים, זיי זאָלן צוטרעטן צו פאַר־האַנדלונגען — דירעקט אָדער דורך פאַרמיטלער — ניט וועגן אַ פייער־פויזע, נאָר וועגן וואַפנשטילשטאַנד, אַלס דעם ערשטן שריט צו אויטענטישן שלום. מיר באַגריסן דעם דאָזיקן באַשלוס; די רעגירונג פון ישראל איז גרייט צוצו־טרעטן צו פאַרהאַנדלונגען מיט אַלע אַראַבישע מדינות אָדער מיט יעדער איינער, וואָס וועט קומען צום אויספיר, אַז עס זיינען מער ניטאָ קיין אויס־זיכטן צו באַזיגן ישראל אָדער איינצונעמען אונזער לאַנד. מיר וועלן מעלדן די פאַרמיטלער און דעם זיכערהייטס־ראַט, אַז מיר זיינען גרייט צו פירן פאַר־האַנדלונגען און אַז מיר האַלטן דעם דאָזיקן וועג, אַלס דעם איינציקן, וואָס קען דערנענטערן דעם שלום צווישן אונז און די אַראַבישע מדינות. מיר באַ־ציען זיך ניט ערנסט צו די באַרימערישע דיבורים פון פאַרשיידענע אַראַבישע פּאָליטיקער וועגן פאַרזעצן דעם קריג קעגן אונז.

מיר האָבן אַ גרונט אָנצונעמען, אַז אַ גרויסער טייל פון די אַראַבישע פעלקער זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די איצטיקע מלחמה, וואָס האָט זיך געפירט קעגן דער אויפשטעלונג פון מדינת־ישראל און קעגן איר עקזיסטענץ, איז דורכגעפאַלן, און אַז קיין שום גוטס שטייט ניט פאַר די אַראַ־בישע מדינות פון איר פאַרזעצונג. מיר זיינען איבערצייגט, אַז עס זיינען ניטאָ קיין וועזנטלעכע קעגנזאַצן צווישן די אינטערעסן פון מדינת־ישראל און פאָלק ישראל און צווישן די גערעכטע אינטערעסן פון די אַראַבישע פעלקער, פון אַלע אונזערע שכנים. מיר זיינען צופרידן מיטן דאָזיקן איבערברוך אין דעם זיכערהייטס־ראַט, וואָס האָט אָנערקענט, אַז עס האָט געשלאָגן די שעה, צו באַוועגן די צדדים, שלום צו מאַכן. מיר פון אונזער זייט וועלן געבן דער יו־עז און דעם זיכערהייטס־ראַט פולע הילף און אונטערשטיצונג אין זייער דאָזיקן נייעם וועג.

# אַ פּאָליטישע איבערזיכט

(אויף דער נײַן און צוואַנציקסטער זיצונג פון דעם ציטווייליקן מדינה־ראַט).

— א. —

רבותי! איך פאַרשטיי, אַז די איניציאַטאָרן פון דער איצטיקער זיצונג האָבן מער געוואָלט, אַז די רעגירונג זאָל הערן זיי, איידער זיי זאָלן הערן די רעגירונג. — וועל איך מקצר זיין. און איך האָב ווירקלעך ניט וואָס צו זאָגן, סיידן מאַכן איייניקע, קורצע באַמערקונגען. איך גלויב, אַז אַלע ראַט־מיטגלידער האָבן געלעזן דעם ענטפער פון דער רעגירונג צום פאַרטרעטער פון דער יו־ען וועגן די באַשלוסן פון דעם זיכערהייטס־ראַט. איך דאַרף נאָר געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער דאָזיקער בריוו איז ניט צוגעשטעלט געוואָרן צום ראַט, איידער ער איז געשיקט געוואָרן צו דער יו־ען. בשעת דער פּראַקטאַגי־קער זיצונג פון דעם ראַט איז נאָך ניט געווען דער באַשלוס פון דער רעגירונג, הגם די רעגירונג האָט זיך ספּעציעל פאַרזאַמלט דאָנערשטיק פרי, כדי אָנצו־נעמען אַ באַשלוס אין דער דאָזיקער פראַגע. מיר האָבן אָבער געוואַרט אויף צוויי שליחים פון פּאַריז, און זיי זיינען געקומען ערשט אין די נאָכמיטאָג־שטונדן, אַזוי אַז צו דער זיצונג פון דעם מדינה־ראַט איז נאָך ניט גרייט געווען דער באַשלוס. די זיצונג פון דער רעגירונג איז פאַרגעקומען אין אָוונט, און דערנאָך איז געשיקט געוואָרן דער ענטפער.

איך זיינען באַקאַנט די הויפּט־פונקטן פון דעם בריוו:

א) מיר האָבן אויסגעדריקט אונזער סאַטיספאַקציע פון דער שטעלונג פון דעם זיכערהייטס־ראַט וועגן אויפפאָדערן די צדדים, צו פירן פאַרהאַנדלונ־גען וועגן שלום און וואַפנשטילשטאַנד.

ב) מיר האָבן געמאָלדן דאָס, וואָס איך האָב נאָך פריער איבערגעגעבן אויף דער ראַט־זיצונג, אַז דאָס מיליטער, וואָס איז אַריין אין נגב נאָך דעם 14־טן אָקטאָבער, איז פאַקטיש פון דאָרטן צוריקגעצויגן געוואָרן; ניט אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַשלוס פון דעם זיכערהייטס־ראַט, אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט.

ג) מיר האָבן געמאָלדן אונזער קעגנערשאַפט צו דער פאָדערונג צו נייטראַליזירן דעם נגב און פאַרלאָזן באר־שבע.

ד) מיר האָבן געמאָלדן, אַז מיר זיינען גרייט אָפּצוטרעטן פון דעם ים־פאַס פון עזה, בתנאי אַז צווישן אונז און די יו־ען־באַאָבאַכטערס זאָלן רעגו־לירט ווערן די זיכערהייטס־פראַגן אין יענעם געביט.

אויף וויפיל עס איז אונז באַקאַנט, האָבן אונזערע פריינט און סימפּאַטיקער אין דער יו־ען אויפגענומען אונזער ענטפער מיט צופרידנהייט. דאָס בריטישע

אויסערן־מיניסטעריום און די אַראַבישע מדינות זיינען געווען אַנטוישט פון אונזער ענטפער, — זיי האָבן געהאָפט אויף אַ גראָבן און שאַרפן „ניין”, וואָס זאָל זיי פאַרלייכטערן די באַשולדיקונגען און העצע קעגן מדינת־ישראל. עס דוכט מיר, אַז אויך די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין לאַנד און אין אויס־לאַנד האָט אויפגענומען דעם ענטפער פון דער רעגירונג מיט סימפּאַטיע; בלויז דריי ציימונגען האָבן רעאַגירט מיט כעס: „חירות”, „על המשמר” און „המשקיף”; מיר וועלן דאָ זיכער הערן זייערע טענות.

איך דאַרף נאָך צוגעבן עטלעכע ווערטער וועגן דעם, וואָס עס איז פאָר־געקומען פון דאַן ביז איצט. די פאַרהאַנדלונג אין דעם יו־ען־פּלענום איז אייך באַוואוסט פון די ציימונגען. די הויפּט־פּונקטן זיינען: די אַמעריקאַנער אָפּ־גרענעצונג פון די בריטישע פאָרשלאָגן, הגם ניט אויס פולער קעגנערשאַפט; די אויסטראַלישע פאָרשלאָגן, וואָס טרעטן אַרויס אַ סך שאַרפער קעגן בער־נאַדאָטס פאָרשלאָגן און די בריטישע פאָרשלאָגן; די שטעלונג פון ראַטנפאַר־באַנד און אוקראַינע, וועלכע פאָדערן אויסצופירן די אויטענטישע באַשלוסן פון 29־טן נאָוועמבער, 1947.

אין פאַרלויף פון דער לעצטער וואָך האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען צווישן אונז און די יו־ען־באַאָבאַכטערס, ווי אויך צווישן אונזערע דעלעגאַטן אין פּאַריז און דעם פאַרמיטלער. מען האָט פון אונז געפאָדערט:

א) ביי אונזער מיליטער אין נגב זאָלן דורך די באַאָבאַכטערס איינגעפירט ווערן קאָנטראָל־פּונקטן און קאָנטראָלערן, וואָס זאָלן אָפּהיטן דעם סטאַטוס־קוואָ. — מיר האָבן די דאָזיקע פאָדערונג אָפּגעוואָרפן. מיר האָבן נאָר מסכים געווען, אַז אין הסכם מיט די באַדינגונגען פון דער פייער־פּויזע, זאָלן די באַאָבאַכטערס אַכטונג געבן אויף דער דעמאַרקאַציע־ליניע, וואָס צווישן אונז און די מצרים, נעבן עזה; אין די איבעריקע טיילן פון נגב האָבן ניט זיי באַאָבאַכטערס וואָס צו קאָנטראָלירן די באַוועגונגען פון אונזער אַרמיי, גלייך ווי עס איז איבעריק אין אַלע אַנדערע טיילן פון דעם לאַנד.

ב) מיר זאָלן פאַרלאָזן באר־שבע, און עס זאָלן אַהינצו קומען אַ מצרישער גאָווערנער און מצרישע פּאָליציי — ניט מיליטער, נאָר פּאָליציי. מיר האָבן זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט דער דאָזיקער פאָדערונג, און באר־שבע גע־פינט זיך אין אונזערע הענט.

ג) די דריטע זאַך איז: די פּאַלודזשע־„קעשענע”. מיר זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו איינס פון די צוויי: אָדער דערלויבן דעם מצרישן מיליטער, אַרויסצוגיין פון דאָרט, אָדער דערלויבן טראַנספּאָרטן מיט שפּייז און רפואות, אַריינצוגיין אַהין. מיר האָבן דערלויבט, אַריינצופירן רפואות, און מיר האָבן אפילו געהאָלפן דערביי. צו אַלע אַנדערע זאַכן האָבן מיר ניט מסכים געווען. מיר האָבן דערקלערט, אַז מיר ווילן פאַרהאַנדלען וועגן דעם ענין פון דער „קעשענע” נאָר מיט די מצרים און נאָר אויב זיי וועלן מיט אונז פירן פאַר־האַנדלונגען — דירעקט אָדער דורך אַ פאַרמיטלער — וועגן שלום און וואָפן־שטילשטאַנד. אָבער כל זמן דאָס מצרישע מיליטער פירט קעגן אונז אַ קריג, קענען מיר ניט פאַרהאַנדלען ניט וועגן באַפרייען דאָס דאָזיקע מיליטער פון

פאַלודזשע און ניט וועגן אַפּראָוויזירן אים. עס קען זיין, אַז אין דעם דאָזיקן פּונקט וועלן מיר דערגיין צו אַ שווערן קאָנפליקט מיט די יו־ען פאַרטרעטער, און די פראַגע קען דערגיין אויך צום זיכערהייטס־ראַט. פאַרלויפיק האָט מען זיך צו אונז ניט געווענדעט וועגן אָפּטרעטן פון דעם ים־פאַס צווישן עזה און דיר־סונייד. — איך וויל נאָך צוגעבן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער לאַגע אין נגב: מיר זעצן פאָר אונזערע פאַרפעסטיקונגס־אַרבעטן אין נגב; גלייכצייטיק פאַר־שפּרייטן מיר זיך, ווי ווייט מעגלעך; אונזער מיליטער האָט שוין דערגרייכט קורנאָוו, סדום און עין־חוצב אין דער ערבה. אויף וויפיל עס וועלן אונז סטייען כוחות, מיטלען, טראַנספּאָרט און אז. וו., וועלן מיר גיין צו אילת, ועד בכלל.

— ב. —

עגטפער.

איך דאַרף בעטן אַנטשולדיקונג פון מיקוניסן, וואָס, אויסרעכענדיק די צייטונגען, וועלכע זיינען ניט געווען צופרידן פון דעם רעגירונגס־ענטפער צו דער יו־ען, האָב איך פאַרגעסן צו דערמאָנען „קול העם“ — „די דעמאָקראַ־טישע צייטונג פון די ברייטע מאַסן“ — וואָס אין זייער נאָמען רעדט מיקוניס.

וויינשטיין צווייפלט, צי איז נויטיק געווען צונויפצורופן די דאָזיקע זי־צונג. נאָכן אויסהערן די רעדעס פון דער אָפּאָזיציע־קאָאַליציע — פון ריפטין, וויינשטיין, אַלטמאַן און מיקוניס — בין איך אויך געוואָרן אַ שותף צום דאָזיקן צווייפל. די זיצונג איז צונויפגערופן געוואָרן, לויט דער פאָדערונג פון די ראַט־מיטגלידער. די רעגירונג האָט זי ניט געהאַלטן פאַר נויטיק, נאָכדעם. ווען פון איין זייט, האָט זי באַקאַנט געמאַכט איר שטעלונג דורך די רעדעס פון אירע רעפּרעזענטאַנטן אין פּאַריז, און פון דער אַנדערער זייט — דורך דעם בריוו און דורך מיין רעדע אויף דער פאַריקער זיצונג פון דעם ראַט. אָבער וויבאַלד מיר האָבן דערהאַלטן אַ פאָדערונג פון ראַט־מיטגלידער, האָבן מיר אַראַנזשירט אַ געשלאָסענע ראַט־זיצונג, כדי די חברים זאָלן קענען רעדן אין פולער פרייהייט, און אויב עס וועט נויטיק זיין — זאָלן מיר אויך קענען רעדן אין פולער פרייהייט. — איך דאַרף זאָגן דעם אמת: די רעדעס פון דער אָפּאָ־זיציע האָבן מיך אַנטוישט. איך האָב געמיינט, אַז די פאַרטרעטער פון דער אָפּאָזיציע־קאָאַליציע וועלן דאָ לאָזן הערן זאַכן, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון צו זאָגן עפנטלעך, כדי ניט צו שעדיקן די מדינה־אינטערעסן. — צו מיין פאַרוואונדערונג, האָבן זיי דאָ גאָרנישט געזאָגט, אפילו ניט דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין זייערע צייטונגען. — איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע טענות, וואָס זיינען דאָסמאָל געבראַכט געוואָרן קעגן דער רעגירונג. מיקוניס פרעגט אַ קשיא, פאַרוואָס האָט די רעגירונג ניט געזאָגט, אַז די אריינדרינגלער דאַרפן פאַרלאָזן אונזער לאַנד, אזוי ווי עס האָבן דאָס געזאָגט — נעכטן צי אייערנעכטן — די פאַרטרעטער פון ראַטן־פאַרבאַנד? — אודאי זיינען מיר דאַנקבאַר דעם ראַטן־פאַרבאַנד פאַר די דאָזיקע ווערטער. אין דער

דאָזיקער רעגירונג זיצן אָבער מענטשן, וואָס ניט אַלעמאָל וואַרטן זיי אויף אַ גוט וואָרט פון דעם ראַטן־פאַרבאַנד, און עס טרעפט, אַז זיי פאַרלויפן דעם וועג: די עוואַקואירונג פון די אינוואַזיע־אַרמייען האָט אבא אבן געפאָדערט מיט צווײ וואָכן צוריק אין פּאַריז.

הער מיקוניס פּרעדיקט סואווערעניטעט, אומאָפּהענגיקייט, עקספּאַנסיע און פאַרוואָרצלונג. זיינען מיר אַלע זייער צופרידן, וואָס הער מיקוניס איז געקומען דערצו. הגם עס וואונדערט מיך, וואָס עס פעלט אים אזוי וויט דער זין פון הומאָר און ער פילט ניט, ווי לעכערלעך עס איז, דאָס ער פּרעדיקט אונז אַזעלכע זאַכן. מיר האָבן ניט געדאַרפט דאָס דאָזיקע פּרעדיקן אויך ווען הער מיקוניס האָט נאָך ניט געגלויבט אין סואווערעניטעט און אומאָפּהענגיקייט, אין עקספּאַנסיע און פאַרוואָרצלונג. מיר האָבן געמאַכט פאַרזוכן צו פאַראַנקערן זיך אין דעם נגב, ווען אַ אידישער נגב איז נאָך ניט געווען אין דעם פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, וועמען הער מיקוניס רעפּרעזענטירט. ער האָט אונז געמאָלדן, אַז ער איז ניט מותר אויף קיין פּוס־טראַט ערד פון נגב, — בין איך צופרידן צו הערן דאָס פון אים; איך וואָלט אָבער געוואָלט וויסן, צי איז ער גרייט מותר צו זיין אויף אַ פּוס־טראַט ערד אין גליל, אין יפו, אין דעם ירושלימער קאָרידאָר, אין ירושלים. אויך די דאָזיקע פראַגן שטייען אויף דער טאָג־אָרדענונג. אַ שאָד, וואָס מיר האָבן פון אים ניט געהערט קיין פּיפּס וועגן די געביטן, וואָס ליגן אויסערהאַלב דעם נגב. ניט שוין זשע האָט ער, וואָס איז אַזוי פאַנאַטיש איינגעגלויבט אין דער סואווערעניטעט און אומאָפּהענגיקייט פון ישראל, נאָך קיין מיינונג ניט, בלויז דערפאַר, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט נאָך אין די דאָזיקע פראַגן קיין מיינונג ניט ארויסגעזאָגט? הער מיקוניס האָט פאַראיבל אויף אונזער נאַאיווע רעגירונג, וואָס גלויבט, אַז דער אַמעריקאַנער גוי איז בעסער פון דעם ענגלישן גוי. ווייזט אויס, אַז הער מיקוניס גלויבט, דאָס אַלע גויים זיינען ענלעך איינער צום אַנדערן. אויף וויפיל אונז איז באַ־קאַנט, מאַכט הער מיקוניס אונטערשיידן צווישן איין גוי און דעם אנדערן. אונזער רעגירונג אונטערשיידעט יאָ צווישן גוי און גוי. ווען זי זעט אַ שלעכטן גוי, וויל זי ניט, אַז דער צווייטער גוי זאָל אויך זיין אַזוי שלעכט, און אַז זי זעט דאָס ער איז אַביסל בעסער — פרייט זי זיך, ווייל זי גלויבט ניט, אַז אַלע גויים מוזן זיין שלעכטע. עס זיינען דאָ אונטערשיידן צווישן גויים, גלייך אַזוי ווי זיי זיינען דאָ צווישן מענטשן בכלל.

אומאָפּהענגיקייט פּרעדיקט אויך חבר ריפטין. איך אַנערקען, אַז ריפטין האָט אַן אייגענע שטעלונג אין זייער וויכטיקע פראַגן, ווי עליה, למשל, און התישבות. דאָ וועט ער ניט פאָלגן קיינעם, וואָס וועט נעגירן אידישע עליה און התישבות. איך צווייפל אָבער, צי ריפטין איז דער מענטש, וואָס איז ראוי צו פּרעדיקן אונז אומאָפּהענגיקייט אויפן פּאָליטישן געביט. פון ווען אָן איז ער עס געוואָרן אַזאַ חסיד פון אידישער אומאָפּהענגיקייט, פון אַ אידישער מדינה? — עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אידישער אומאָפּ־הענגיקייט — פאַראַיאָרן, פאַר צוויי־יאָרן, פאַר צען יאָר און מער. ריפטין און זיינע חברים האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דעם דאָזיקן קאַמף — ביז זיי האָבן

פאַראיאָרן באַקומען דערצו אַ היתר. — איך בין צופרידן, וואָס ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיקן היתר, אָבער ער איז ניט באַרופן צו פרעדיקן אונז אומאָפּהענגיקייט, גלייך אַזוי ווי מיקוניס דאַרף אונז ניט פרעדיקן קאָלאָני־זאַציע אין נגב. — ריפּטין האָט נאָך אַ טענה: די רעגירונג פירט אָן איינזייטיקע פּאָליטיק. — איז עס ניט אַ פאַרזוך, צו פסלענען די רעגירונג מיט זיין אייגענעם מום?

די אָפּאָזיציע אונזערע איז ניט קיין איינהייטלעכע. יעדער איינער פון די שותפים האָט אַן אַנדער שורש. איך וואָלט וועלן אויסגעפינען דעם שורש פון ריפּטינס אָפּאָזיציע. — זיין אָפּאָזיציע נעמט זיך פון דער „איינזייטיקער" פּאָליטיק פון דער דאָזיקער רעגירונג. ריפּטין איז פון די, וואָס ריידן פאַרשטעל־טערהייט. מיט 25 יאָר צוריק האָבן זיך צווישן מיר און ריפּטין געפירט דיס־קוסיעס וועגן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע. איך בין געווען פאַר דעמאָקראַטיע, און ער פאַר דיקטאַטור. היינט איז ער פאַר דעמאָקראַטיע, — ניט דערפאַר, וואָס ער האָט געענדערט זיין מיינונג, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געטוישט זיין האָטעל: דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל גערופן דיקטאַטור, רופט ער היינט דעמאָקראַטיע. די באַדייטונג פון ווערטער איז ניט מער ווי אַן אָפּגערעדטע זאַך, און וויבאַלד עס איז ערגעץ דאָרטן אָפּגערעדט געוואָרן, אַז פון איצט אָן זאָל זיך דיקטאַטור רופן דעמאָקראַטיע — האָט זיך ריפּטין אונטערגעגעבן און ער רעדט אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע. מיט דער דאָזיקער פאַרשטעלטער שפּראַך באַנוצט זיך אויך ריפּטין ווען ער רעדט וועגן דער „איינזייטיקער" פּאָ־ליטיק פון דער רעגירונג. די דאָזיקע רעגירונג איז, ווי באַקאַנט, קעגן דער איינ־זייטיקער פּאָליטיק, וועלכע עס פרעדיקט מיקוניס. זי וויל זיך ניט אידענטי־פיצירן מיט קיין צד און זי שטרעבט — ווי ווייט מעגלעך — צו פאַרשטענ־דיקונג און פריינטשאַפט מיט אַלע מדינות. זי נעמט אויף זיך ניט, בודק צו זיין די ציצות פון אַנדערע רעגירונגען — צי זיינען זיי גוטע, צי שלעכטע; צי זיינען זיי ווירקלעך זעלבסשטענדיק, צי ניט. די רעגירונג האַלט ניט, אַז דאָס געהערט צו אירע אויפגאַבן אָדער צו אירע קאָמפּעטענצן. לויט איר מיינונג, איז דאָס די אויפגאַבע פון די פעלקער, וואָס ווילן זיך אויס אַזעלכע רעגירונגען, אָדער וואָס נעמען אויף זיך זייער קאָנטראָל.

אונזער רעגירונג שטרעבט צו פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבער. איך אַליין ווייס ניט פון קיין אַראַבישער מדינה, וואָס זאָל זיין באמת זעלבסשטענדיק. און איך קען ניט קיין איינצעלנעם אַראַבער, וואָס זאָל זיין ביי זיך אין האַרצן זעלבסשטענדיק. יענע אַראַבער, וואָס ריפּטין שלאָגט אונז פאָר זיך אויף זיי צו שטיצן, צווייפל איך, צי אפילו ער קען זיך אויף זיי נאָך היינט שטיצן. עס איז דאָ אַן אַנדערער, וואָס שטיצט זיך אויף זיי, און זיי שטיצן זיך אויף אַן אַנדערן. זיי זיינען ניט זעלבסשטענדיק. דער הענגט אָפּ פון דעם, און יענער הענגט אָפּ פון יענעם. איך וויל ניט אָנרופן קיין נעמען, הגם די זיצונג איז אַ געשלאָסענע, ווייל עס זיינען דאָ זאַכן, וואָס זיינען בגדר פון אַ קריגס־סעקרעט אין באַצוג צום ראַט. מיר האָבן קאָאָפּערירט מיט פאַרשיידענע מדינות, אין מזרח און אין מערב, כדי צו דערווערבן געווער. מיר האָבן ניט

בודק געווען זייערע ציצות. איך צווייפל, צי כאָטש איינע פון זיי איז זעלבסט־שטענדיק אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט, אָבער דאָס אינטערעסירט אונז ניט. אונזער פריינטשאַפט מיט זיי האָט געבראַכט נוצן. און מיר ווילן געפינען אַ פאַרשטענדיקונג — אויף ווי ווייט עס לאָזט זיך — מיט אַלע מדינות אין דער וועלט; ריפּטינען וועל איך זאָגן: אויך מיט אַמעריקע. איך ווייס ניט, צי איז ער ווייניקער פון אונז פאַראינטערעסירט אין דער הילף פון אַמעריקע. איך קען זיך ניט אָפּגעבן מיט פאַרשונגען, צי די אָדער יענע מדינה אונטער־דריקט ווערמען ס'איז. איך הער אַזעלכע אָנקלאַגעס קעגן אַלע גרויסע און מיטעלע מדינות צוגלייך. און מיר זוכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט אַמעריקע, ווי מיט דעם ראַטן־פאַרבאַנד; מיט בעלגיע, ווי מיט טשעכאָסלאָוואַקיע, — און מיר ווילן זיך ניט אַריינלאָזן אין אונטערזוכונגען, צי איז בעלגיע זעלבסט־שטענדיק, צי ניט, און צי איז טשעכאָסלאָוואַקיע זעלבסטשטענדיק צי ניט — בעלגיע און טשעכאָסלאָוואַקיע עקזיסטירן אָט אַזוי ווי זיי גייען און שטייען — און מיר ווען זיין פריינט מיט זיי. מיר וועלן זיך ניט באַגנוגענען און מיר ווילן ניט אַן איינזייטיקע אָריענטאַציע, איך קעגנזאָג צו ריפּטינען וואָס — גליך ווי מיקוניס — וויל ער אַן איינזייטיקע אָריענטאַציע; מערנישט, אויף זיין פאַרשטעלטן לשון רופט ער אונזער פּאָליטיק, וואָס זוכט פריינטשאַפט מיט אַלע צדדים, איינזייטיקע פּאָליטיק. — מיר פאַרערן די, וואָס שטיצן אונזער פאָדערונג צום נגב, און מיר פאַרערן די, וואָס שטיצן אונזער פאָדע־רונג צום גליל. מיר האָבן ניט בדעה צו פאַרלאָזן ניט דעם נגב און ניט דעם גליל; אָבער די דאָזיקע איינזייטיקע אונטערשטרייכונג מצד די רעדנער, וואָס דערמאָנען אונז נאָר דעם נגב — איז פאַרדעכטיק אין אונזערע אויגן.

אייניקע חברים פון מדינה־ראַט — דר. אַלטמאַן, הער וואַרהאַפטיק, דר. קאַצנעלסאָן, חבר גראַבאָווסקי — האָבן פאַראיבל געהאַט, וואָס מיר האָבן זיי אין אייניקע פראַגן געגעבן ניט גענוג אינפאָרמאַציע. רבותי, אפשר איז עס ניט דיפּלאָמאַטיש, אפשר דאַרף אַ רעגירונגס־מענטש ניט רעדן אַזוי, אפשר דאַרף ער מאַכן אַן אָנשטעל אַז ער ווייס אַלץ, נאָר צוליב געוויסע מאָטיוון קען ער דאָס ניט דערציילן; איז בין איך ניט קיין דיפּלאָמאַט און איך זאָג אייך פשוט: די זאַכן, וועגן וועלכע איר האָט גערעדט, זיינען מיר ניט באַקאַנט. איך קען אייך ניט צושטעלן קיין אינפאָרמאַציע, וועלכע איך באַזיץ ניט, און איך קען ניט מאַכן קיין אָנשטעל, אַז איך ווייס, נאָר איך קען ניט דערציילן.

דער ראַט־מיטגליד וואַרהאַפטיק האָט געטענהט: מען האָט געמאָלדן אין נאָמען פון דעם פרעמיער, אַז עס פירן זיך פאַרהאַנדלונגען. — ער איז ניט פּינקטלעך: איך האָב געזאָגט צו צוויי אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן, אַז עס פירן זיך ניט קיין פאַרהאַנדלונגען, — אַז עס קומען פאָר שמועסן. איך האָב אויס־דריקלעך אונטערשטראָכן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין פאַרהאַנדלונגען; איך האָב אויך ניט געזאָגט, אַז אין אַ מאָנאַט צי אין צוויי אָרום וועט זיין שלום. איך האָב געזאָגט: אויב אַמעריקע וועט וועלן שלום, און אויב זי וועט וועלן באַ־קומען דערצו די אונטערשטיצונג פון ראַטן־רוסלאַנד און פון פראַנקרייך, קען זיין, אַז אין אַ מאָנאַט אָדער צוויי זאָל געשלאָסן ווערן שלום. אויב אַמעריקע

וועט ערנסט זאָגן צו די אַראַבער, אַז זיי זאָלן ליקווידירן די אינוואַזיע און אַנערקענען מדינת־ישראל, קען געמאָלט זיין, אַז עס זאָל קומען דער שלום אין אַ חודש אָדער אין צוויי חדשים אַרום.

דאָס איז געווען אַ מין אַגיטאַציע פון מיין זייט צו אַמעריקע — און דאָס איז מיין פליכט. איך מיין ניט, אַז מען דאַרף פירן אַגיטאַציע פאַרן מדינה־ראַט. איך האָב בפירוש געזאָגט: עס זיינען ניטאָ קיין פאַרהאַנדלונגען, און איך קען ניט איבערגעבן קיין אינפאָרמאַציע וועגן פאַרהאַנדלונגען, וואָס פירן זיך ניט, וואָס איך — אַלנפאַלס — ווייס ניט פון זיי.

אויך חבר גראַבאָווסקי האָט פאַראיבל געהאַט, וואָס איך האָב ניט געמאַכט קיין פולן איבערזיכט איבער די געשעעענישן פון די לעצטע וואָכן. אָבער די געשעעענישן פון די לעצטע וואָכן נויטיקן זיך ניט אין קיין איבערזיכט, זיי האָבן אַליין אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון זיך, — יעדער איינער פון אייך ווייס עס. איך האָב נאָר צוגעגעבן אייניקע זאַכן, וואָס זיינען ניט געווען אין אַלגעמיין באַ־קאַנט און וואָס ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט צו פובליקירן זיי. איך האָב דאָ, אין אַ געשלאָסענער זיצונג, איבערגעגעבן, ביז ווי ווייט מיר האָבן דער־גרייכט אין נגב — און מיין אונטערשטרייכונג וועגן דער געשלאָסענער זיצונג איז געווענדעט צו די רעדאַקטאָרן, וואָס געפינען זיך דאָ, אַז זיי זאָלן די זאַך ניט פאַרעפענטלעכן. די איבעריקע זאַכן, וואָס זיינען לעצטנס געשען, האָבן וועגן זיך אַליין דערציילט דער גאַנצער וועלט און דער געשיכטע.

מען האָט דאָ געפרעגט: וואָס איז מיט דער פאַרמיטלונגס־קאָמיסיע? — איך ווייס ניט. עס איז דאָ אין פּאַריז אַ פאָרשלאַג אַזאַ און מען באַטראַכט אים. עס פּאַסט אפשר ניט — לויט דער מיינונג פון די ראַט־מיטגלידער — פאַר אַ פּרעמיער צו זאָגן „איך ווייס ניט". איך בין מיין גאַנץ לעבן געווען אַ פּשוטער איד, און אז איך ווייס ניט, זאָג איך: איך ווייס ניט, — אפילו ווען איך דאַרף עס זאָגן, זייענדיק אַ פּרעמיער. רוסלאַנד באַשטייט אויף די באַשלוסן פון דעם 29־טן נאָוועמבער; איר ווייסט, ווי אזוי עס זעען אויס אונזערע גרענעצן, לויט די דאָזיקע באַשלוסן. צי וועט רוסלאַנד אויך באַשטיין אויף דער איינשליסונג פון דעם גליל און פון יפו אין אונזער מדינה — ווייס איך ניט.

איך וואָלט וועלן פרעגן דעם הער מיקוניס, צי מעגן מיר באַשטיין אויף דער פאָדערונג פון דעם גאַנצן גליל — איידער גראָמיקאָ האָט וועגן דעם אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אין פּאַריז? הער מיקוניס האָט אונז אויף איינער פון די ראַט־זיצונגען געלערנט, אַז נאָר דער נאַציאָנאַלער אינטערעס דאַרף איבער אונז דיריגירן; וויל איך אים פרעגן: וואָס דיריגירט איבער אים אין דער פראַגע פון גליל? אָדער פיליכט איז מיקוניס אויך אין דער דאָזיקער פראַגע — ווי אין אַלע אַנדערע — ניט זעלבסטשטענדיק? איך האָב צו אים קיין טענות ניט, וואָס ער איז ניט זעלבסטשטענדיק, — עס וואונדערט מיך נאָר, וואָס ער מיינט, אַז מיר זיינען אַזוי נאַאיוו, דאָס מיר זאָלן דאַרפן אָנקומען צו זיינע עצות אין הלכות זעלבסטשטענדיקייט.

דעם דר. אַלטמאַן האָט מען שוין אַמאָל אויפגעקלערט, וואָס און ווער איז פאַר אונז די יו־ען. איך וואָלט וועלן וויסן, ווי אַזוי צווינגט מען אויף דער

יו־עז די דעפענסיווע, וואָס דר. אַלטמאַן פאָדערט ? ווי מאַכט מען דאָס ? — מען האַלט אַ שטאַרקע רעדע ? מען האָט דאָרטן געהאַלטן שטאַרקע רעדעס. ווען איך פאַרגלייך די רעדע פון אבא אבן מיט די רעדעס פון די, וואָס האָבן אַ מאָ־נאָפּאָל אויף שטאַרקע רעדעס, דוכט מיר, אַז ער האָט ווירקלעך געהאַלטן אַ שטאַרקע רעדע. אויך דער אויסערן־מיניסטער האָט געהאַלטן ניט אַזאַ שוואַכע רעדע אָבער ווען מען שלאָגט פאָר, צו צווינגען דער יו־עז, אַריבערצוגיין צו דעפענסיווע — וויל איך פאַרשטיין דעם פירוש המלות. ווען מען צווינגען — דענעמאַרק, אַמעריקע, אוקראַינע, אורוגוואַי?—מיר קענען צו זיי האַלטן רעדעס, און זיי וועלן הערן, און דאָך וועלן זיי ניט וועלן אָנקומען צו אַ דעפענסיווע. מיט וואָס וועלן מיר זיי צווינגען ? אונזערע ווערטער זיינען ניט געזאָגט געוואָרן מיט חוצפה, אָבער זיי זיינען געזאָגט געוואָרן מיט זעלבסטווירדע, מיט דעם באַוואוסטזיין פון אונזער גערעכטיקייט, אויך מיטן באַוואוסטזיין, אַז מיר שטעלן מיט זיך עפּעס פאָר, אַז מיר עקזיסטירן ניט אויף צדקה און אויף חסד ; אָבער צווינגען דער יו־עז אַריבערצוגיין צו דעפענסיווע — פאַרשטיי איך ניט, וואָס דאָס באַדייט.

און נאָך עפּעס צום קאַפּיטל פון דער יו־עז. אַלע מאַכן איצט חוזק פון סאַנקציעס און פרעגן אונז, וואָס איז דער פחד פאַר סאַנקציעס. — פחד איז ניט פון די פּאָפּולערע זאַכן, און פונדעסטוועגן טרעפט, אַז איך האָב מורא ; איך שלאָג אויך אַנדערע פאָר, אין באַשטימטע פאַלן מורא צו האָבן — אויב זיי האָבן אַליין ניט מורא. אודאי איז מוט מער פּאָפּולער — און מיט רעכט. עס איז דאָ אַ טיפע דעפיניציע פון איינעם אַן אוראַלטן חכם וועגן מוט. ער זאָגט : דער טייטש פון מוט איז — געגנוי צו וויסן, פאַרוואָס מורא צו האָבן און פאַרוואָס ניט מורא צו האָבן. עס זיינען דאָ זאַכן, וואָס מען דאַרף פאַר זיי מורא האָבן, און עס זיינען דאָ זאַכן, פאַר וועלכע מען דאַרף ניט מורא האָבן. און איך זאָג אייך : דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרוואָס מורא צו האָבן, הגם עס זיינען אויך פאַראַן זאַכן, וואָס דאָס אידישע פאָלק דאַרף פאַר זיי ניט מורא האָבן. עס דאַרף מורא האָבן און ניט טאָן זאַכן, וואָס קענען פאַרערגערן זיין לאַגע, אויז עס דאַרף ניט מורא האָבן פאַר קיין זאַך, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר אונזער גאולה און עקזיסטענץ. גיין קיין ארץ־ישראל, באַזעצן ארץ־ישראל, מלחמה האַלטן פאַר ארץ־ישראל — דאָס אַלץ דאַרף דאָס אידישע פאָלק טאָן, ווען עס איז אפילו פאַרבונדן מיט געפאַר, און זאָגאַר — מיט לעבנס־געפאַר. ניט נאָר אין דער איצטיקער מלחמה זיינען געפאַלן טייערע קינדער אונזערע — זיי זיינען געפאַלן אויך פאַר דעם קריג. זיי זיינען אויך געפאַלן אין דער שמירה, אין דער התישבות — אָבער פאַר אַזעלכע זאַכן דאַרף מען ניט מורא האָבן. ווייל אויב מיר וועלן דאָס ניט טאָן — וועלן מיר קיין קיום ניט האָבן. דעריבער דאַרפן מיר זיך ניט אָפּשרעקן פאַר ליידן, קדחת, פאַר גע׳הרג׳עט ווערן, — אויב מיר וועלן דאָס ניט טאָן, וועט זיין ערגער. עס זיינען אָבער פאַראַן זאַכן, פאַר וועלכע מען דאַרף מורא האָבן. זאַכן, וואָס קענען אונטעררייסן אונזער זיכערהייט און אונזער צוקונפט — פאַר זיי דאַרף מען מורא האָבן, און עס איז גלייכער זיי ניט צו טאָן. און מען דאַרף קענען אונטערשיידן.

איך ווייס ניט, וואָס פאַרשטייט מען אונטערן וואָרט סאַנקציע. אונזער פריינט מיקוניס האָט ניט קיין מורא פאַר סאַנקציעס פון דעם זיכערהייטס־ראַט; ער איז דאָרטן אַ בעל־הבית און ער קען אַרויפלייגן זיין וועטאָ. מיר אָבער האָבן ניט קיין וועטאָ־רעכט. נאָך דעם אַלעמען — האָב איך ניט קיין מורא פאַרן באַשלוס פון דעם זיכערהייטס־ראַט; איך וואָלט ניט וועלן, אַז דער דאָזיקער ראַט אָדער דער יו־ען־פּלענום זאָלן אונז שטעמפּלען אָפיציעל, אַלס אַן אַגרעסיווע מדינה. עס קען זיין, אַז אויך דאַן וועט זיך דער זיכערהייטס־ראַט ניט אַריינמישן — אָבער עס איז דאָ עמיצער אַזעלכער, וואָס קען זיך אַריינמישן אפילו אָן סאַנקציעס פון דעם זיכערהייטס־ראַט, — און פּילאַטן, ניט עגיפּטישע און איראַקישע פּילאָטן, נאָר אַזעלכע, וואָס קענען גוט די מלאכה, אַזוי ווי אונזערע בעסטע פּילאָטן, און אפשר נאָך בעסער; און הגם מיר האָבן ניט וואָס צו שעמען זיך מיט אונזערע זעלנער, ווייס איך, אַז עס זיינען דאָ אין דער וועלט בעסערע זעלנער, און איך וואָלט ניט וועלן טרעפן זיך מיט זיי אין דער איצטיקער שטופע פון אונזער אנטוויקלונג. מיר זיינען דורכאויס ניט פאַראינטערעסירט צו געבן מיסטער בעווינען אַ הכשר אָדער אַן אויסרייד, אַריינצומישן זיך אין אונזער מלחמה מיט בריטישע מיליטערישע קרעפטן. עס גענוגט אונז זיין פאַרשטעלטע אַריינמישונג, און מיר דאַרפן ניט זיין אָפענע אַריינמישונג. מיר זיינען ניט פאַראינטערעסירט, אַז מען זאָל אונז שטעמפּלען אַלס אַגרעסאָרס און אַלס ברעכער פון יו־ען־באַשלוסן, און דאָ־דורך עמיצן צו פאַרלייכטערן, אַריינצומישן זיך אויף אַ מער עפעקטיוון אופן, ווי ער האָט דאָס געטאָן ביז איצט.

אַ פּאָר ווערטער צו דער פראַגע פון הער אָסטער: פאַרוואָס האָב איך ניט דערמאָנט ירושלים? אָסטער האָט אַליין געענטפערט אויף זיין פראַגע: עס איז שוין אָנגענומען געוואָרן דורך דעם מדינה־ראַט און דורך דער רעגי־רונג אַ באַשלוס וועגן ירושלים, איז טאַקע דעריבער ניט נויטיק איבערצוחזרן עס נאָכאַמאָל.

הער אָסטער פרעגט אויך אַן ערנסטע פראַגע: פאַרוואָס פירן מיר ניט איבער די רעגירונגס־אַמטן קיין ירושלים? — וואַרשיינלעך גלויבט ער, אַז עס גענוגט נאָר אַ באַשלוס. איך וויל פעסטשטעלן, אַז ווען מיר וואָלטן אפילו באַשלאָסן, וואָלטן מיר ביז איצט ניט געקענט איבערפירן די אַמטן, פּשוט צוליב דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין וועג צו ירושלים. מען קען ניט איבערפירן די רעגירונג צו אַן אָרט, מיט וועלכן מען קען זיך ניט פאַרבינדן. מיר ווילן ניט אַ אידישע „עזה־רעגירונג״! — זאָל אים וואויל באַקומען, דעם מופטי, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ רעגירונג, וואָס אונזער מיליטער האָט אויסגעלאַכט און פאַריאָגט אין געציילטע טעג. — איידער מיר וועלן אַריבער־פירן די רעגירונג, דאַרפן מיר דורכלייגן אַ זיכערן וועג קיין ירושלים, און איך האָף, אַז אינגיכן וועלן מיר האָבן אַזעלכן. עס איז ניט אַזוי איינפאַך: מען דאַרף איינעמען די גאַנצע געגנט אַזוי, אַז דער וועג קיין ירושלים זאָל זיין אויסער דעם פייער־מרחק פון דעם פיינט. און דאָס טוען מיר.

און צום סוף נאָך אַ באַמערקונג. הער ווייַנשטיין, מיט זיין טיפער פּאָלי־טישער חכמה, האָט אונז געלערנט, וואָס עס איז אַזוינס פּאָליטיק; ניט נאָר שמועסן מיט דיפּלאָמאַטן, נאָר — קאַקטייל! און ער וויל וויסן, וואָס האָבן מיר גערעדט אויפן קאַקטייל מיט פרעמדע פּאָליטיקער, און פאַרוואָס — וויל ער וויסן — דערלאַנגען מיר ניט קיין „דאָקומענטן" וועגן די שמועסן. איך בין אייניקע מאָל געווען אויף קאַקטיילס. איך בין זיך מודה ומתודה, אַז מיין פּרנסה, אַלס רעגירונגס־מיטגליד, ברענגט מיך פון מאָל צו מאָל צו אַ קאַק־טייל — אָבער איך האָב נאָך וואַרשיינלעך ניט גענוג אויסשטודירט די הינטער־פּיסלעך פון אַ קאַקטייל. — אין מיין נאַאיוויטעט האַלט איך, אַז פּאָליטיק מאַכט מען אויף אַ גאַנץ אַנדער שטייגער. איך וועל דעם הער ווייַנשטיין געבן אייניקע ביישפּילן: מיר זיינען דאָ געזעסן מיט זעקס צי מיט זיבן וואָכן צוריק, פאַר דער עפענונג פון די פאַרהאַנדלונגען אין פּאַריז, איידער דער אויסערן־מיניס־טער איז אַפּגעפאָרן, און מיר האָבן געוואוסט, אַז צווישן די פאַרשיידענע פראַגן, וואָס וועלן באַהאַנדלט ווערן אויף דעם יו־ען־פּלענום, וועלן זיין צוויי טעריטאָריאַלע לעבנס־פראַגן — איינע וועגן דעם נגב, און די צווייטע — וועגן דעם גליל, — די צוויי עיקרדיקע געביטן, איבער וועלכע עס פירט זיך אַ גרויסע מחלוקת. מיר האָבן געפּרואווט אין פּאַריז גיין אויפן וועג פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע — מיט קאַקטייל און אָן קאַקטייל, מיט „דאָקו־מענטן" און אָן דאָקומענטן. אָבער די דאָזיקע רעגירונג האָט זיך ניט פאַרלאָזן אויף קאַקטייל און דאָקומענטן — און האָט געטאָן נאָך עפּעס, כדי מען זאָל אין דער וועלט פאַרשטיין, אַז דער נגב און דער גליל געהערן צו אונז — סיי עס וועט זיין און סיי עס וועט ניט זיין קיין באַשלוס פון דער יו־ען וועגן דעם. און זעט נאָר: אָן קאַקטייל און אָן אַ דאָקומענט — זיינען דער נגב און דער גליל אין אונזערע הענט. די רעגירונג גלויבט, אַז אויף אַזאַ שטייגער מאַכט מען פּאָליטיק. דאָס זעלבע איז אויך מיט ירושלים. ניט אַ באַשלוס דאַרף מען דאָ האָבן און ניט אַ פּראָקלאַמאַציע, ווי הער אָסטער וואָלט געוואָלט, נאָר אַ וועג דאַרף מען לייגן און דעם קאָרידאָר דאַרף מען איינעמען.

הער ווייַנשטיין וויל אונז אַנטדעקן אַ טיפן סוד: מיליטער! — איך קען אים פאַרזיכערן, אַז אַביסל פון דעם דאָזיקן סוד ווייסט די רעגירונג אויך. זי האָט אויך געטאָן עפּעס ביים אויפשטעלן די אַרמיי; מען דאַרף אָבער אויך וויסן, ווי אַזוי אָפּצוהיטן די אַרמיי פון אַ דורכפאַל. ביז איצט האָט אונזער אַרמיי ניט געהאַט קיין דורכפאַלן. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז קיינמאָל, אין קיינע אומשטענדן, קען אונזער אַרמיי ניט האָבן קיין דורכפאַלן. מיר זיינען ניט קיין כישוף־מאַכער. גרעסערע אַרמייען פון אונזערער האָבן געליטן מפּלות, אַרמייען וואָס האָבן באַוויזן העלדנטאַטן, און דערנאָך זיינען זיי געוואָרן גע־שטרויכלט. די רעגירונג דאַרף וויסן, ווי אַזוי אויסצונוצן דעם מיליטערישן כוח, און ווען ס'איז נויטיק געווען האָט אונזער רעגירונג געוואוסט, ווי אַזוי צו טאָן דאָס — און לגמרי ניט אָן דערפאָלג. זי דאַרף אָבער גלייכצייטיק זאָרגן און אָפּהיטן די אַרמיי פון אַ מפּלה. אויך דאָס אָפּהיטן פון אַ מפּלה — גלייך ווי דער זיג — קומט ניט פון זיך אַליין. אויב אונזער אַרמיי איז נאָך

ניט געשטרויכלט געוואָרן איז עס דערפאַר, וואָס די דאָזיקע רעגירונג ווייס, ווען מורא צו האָבן פאַר זאַכן, וואָס מען דאַרף פאַר זיי מורא האָבן, הגם אין די קעפּלאַך פון די צייטונגען קלינגען צו מאָל די דאָזיקע זאַכן זייער שיין.

נאָך אַ וואָרט צו גראַבאָווסקי און צו אַנדערע. אין אונזער בריוו צו די פאַרשטייער פון דער יו־ען רעדט זיך ניט וועגן אַ סימבאָלישן צוריקטריט, נאָר וועגן אַ ווירקלעכן צוריקטריט אויפן שמאָלן ברעג־פּאַס נעבן עזה ביז צו ביר־סונייד. מיר האָבן מסכים געווען צום דאָזיקן צוריקטריט מיט אַ געוויסן תנאי פון אַן אָפּגערעדטער אַראַנזשירונג אין זיכערהייטס־ענינים. חבר מי־קוניס! דער דאָזיקער געביט געפינט זיך ניט אין דער אידישער מדינה. ער געהערט צו דער אַראַבישער מדינה (ש. מיקוניס: און דאָך האָט מען ניט געדאַרפט צוריקטרעטן), — דאָס איז ניט אין נגב, חבר מיקוניס, דאָס איז אין פּלשת. איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ תנאי: אַז מיר זאָלן דאָרטן — אין הסכם מיט די יו־ען־באַאָבאַכטערס — מאַכן זיכערהייטס־אַראַנזשירונגען. איך ווייס ניט, פאַרוואָס האָבן זיי זיך ניט אָנגעכאַפּט אָן אונזער הסכמה און פאַרוואָס זיי פאָדערן ניט אונזער צוריקטריט פון יענעם פּאַס. פיליכט וועלן זיי דאָס פאָדערן מאָרגן; מיר וועלן האַלטן וואָרט.

מיר וועלן פאָרזעצן אונזער ניט־איינזייטיקע פּאָליטיק און וועלן זוכן פאַרשטענדיקונג מיט אַלע מדינות, ניט בודק זייענדיק די ציצות זייערע. מיר זיינען ניט גאָטס סטראַפּטשעס. עס איז דאָ אַ האַר איבער דער געשיכטע. אייניקע רופן דאָס „השגחה“, אַנדערע — „דיאַלעקטישע אַנטוויקלונג“. מיר וועלן, חבר ריפטין, זיין זעלבסטשטענדיק, מיר וועלן אַליין אָננעמען אַ שטע־לונג און מיר וועלן זאָרגן קודם כל פאַר זיך אַליין. ווייל עס איז ניטאָ קיין איינציקע מדינה אויף דער וועלט, וואָס זאָל זאָרגן אונזער זאָרג. אויב מיר אַליין וועלן פאַר זיך ניט זאָרגן, וועלן אונזערע בעסטע פריינט ניט זאָרגן פאַר אונז. זיי האָבן אייגענע דאגות. אַ ביסל וועלן זיי אונז העלפן — ווער מער, ווער ווייניקער — אָבער די פולע, טרייע זאָרג פאַר אונזער עקזיסטענץ און פאַר אונזער לעבנס־וועג — ליגט נאָר אויף אונז.

און דעריבער: ניט איינזייטיקע פּאָליטיק, נאָר אָריענטאַציע אויף אַלע פעלקער; ניט זיצן און וואַרטן אויף אַ נייע וועלט־מלחמה, שפּעקולירנדיק אויף דעם, וואָס אונזער צד וועט זיגן און מיר וועלן זיין אויפן פערד. מען קען ניט וויסן, ווער עס וועט מנצח זיין, און אויב אַ געוויסער צד וועט מנצח זיין איז נאָך אַ ספק, צי וועלן מיר זיין אויפן פערד, אָדער פיליכט וועלן מיר שוין בכלל ניט זיין. עמיצער קען זיגן, אָבער דערווייל וועלן אַלע אידן פאַרטיליקט ווערן, אויב דאָס איז מעגלעך.

אונזער ביזאַיצטיקע פּאָליטיק ענדערט זיך ניט: מיר זיצן אין נגב — און טרעטן ניט אָפּ. דאָס איז אַ געביט פון דער אידישער מדינה, און דעריבער האָבן מיר אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג פון די יו־ען־פאַרמיטלער; ניט נאָר, וואָס מיר זיינען ניט אָפּגעטראָטן, נאָר פאַרקערט: מיר האָבן זיך נאָכמער פאַרשפּרייט. און אויף וויפיל עס וועט זיך לאָזן, וועלן מיר זיך ווייטער פאַר־שפּרייטן ביז מיר וועלן קומען קיין אילת.

אַט אַזוי מאַכן מיר אונזער פּאָליטיק. נאָר די רעגירונג פון דער מדינה האָט געשאַפן די באַדינגונגען פאַר אַזאַ פּאָליטיק. אויך להבא וועט די דאָזיקע רעגירונג פירן איר פּאָליטיק ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים, און מעשים זיינען ניט אַזוי לייכט, ווי פּראָקלאַמאַציעס. די דאָזיקע רעגירונג וועט האַנדלען געוואַגט — ווען עס וועט נויטיק זיין, און וועט האַנדלען מיט פאָרזיכט — ווען עס וועט זיך פאָדערן פאָרזיכטיקייט. מיר דאַרפן האָבן סיי פאָרזיכטיקייט און סיי העזה. מען דאַרף נאָר קענען אָריענטירן זיך אין צייט און רוים. די רעגירונג וועט אָנגרייפן אין דעם פּלאַץ און אין דעם מאָמענט, ווען עס וועט נויטיק זיין אָנצוגרייפן. און זי וועט ניט אָנגרייפן, אַז מען וועט ניט דאַרפן אָנגרייפן. דאָס איז ניט קיין פּראָקלאַמאַציע וועגן צוקונפטיקע אינטריגעס פון דער רעגירונג. דאָס איז די פּאָליטיק פון דער רעגירונג פון זינט זי איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט פינף חדשים צוריק. אין די דאָזיקע פינף חדשים האָט די רעגירונג פאַרווירקלעכט איר פּאָליטיק דורך מעשים. און די מעשים זיינען באַקאַנט — הגם די דערמאָנטע פיר צייטונגען באַלויכטן די מעשים אויף זייער אייגענעם שטייגער. — איך בין זיכער, אַז אפילו די לעזער פון די דאָזיקע פיר צייטונגען ווייסן דעם אמת, וואָס זייערע צייטונגען באַמיען זיך צו פאַרלייקענען. און איך ראַט יעדער רעגירונג, וואָס וועט קומען אויפן פּלאַץ פון דער איצטיקער — און איך האָף, אַז אינגיכן וועט קומען אויף איר פּלאַץ אַ געוויילטע רעגירונג — אַז זי זאָל גיין אין דעם דאָזיקן וועג.

כ"ו בחשוון תש"ט — 1948 .28 .11

# צוויי דאַטומס

(אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ).

היינטיקע וואָך האָבן מיר צו פאַרצייכענען 2 דאַטומס: 29־ער נאָוועמבער — דער טאָג פון דעם יו־ען־באַשלוס וועגן אויפשטעלן אַ אידישע מדינה אין אַ געטיילטער ארץ־ישראל; 30־ער נאָוועמבער — דער אָנהויב פון דעם אַראַבישן קריג קעגן אונז.

ביידע דאַטומס האָבן אַ טיפע פּאָליטישע באַדייטונג, און מען קען ניט באַטראַכטן איינעם אָן דעם אַנדערן.

די יו־ען האָט ניט געהאַט ניט די מיטלען און ניט דעם ווילן אויסצופירן איר באַשלוס, איז ביי אונז דעריבער געוואָרן אַ מין מאָדע גרינגצושעצן די יו־ען. איך ריזיקיר מיט אומפּאָפּולאַריטעט, איך וועל אָבער זאָגן, אַז דער 29־ער נאָוועמבער איז געווען אַ גרויסער טאָג.

איך בין ניט געווען מיט די, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די פאַראייניקטע פעלקער וועלן אונז אויפשטעלן די מדינה, ווייל עס איז געווען קלאָר, אַז מיר

וועלן דאַרפן אַליין אויפשטעלן די מדינה. נאָכמער, עס איז קלאָר געווען, אַז אויב מיר וועלן אָנגעגריפן ווערן — וועלן מיר זיך מוזן פאַרטיידיקן, און אויב עס וועט אונז פאַרפעלן כוח — וועלן מיר פאַלן.

און פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט גרינגשעצן ניט דעם ווערט פון דעם יו־ען־באַשלוס און ניט די יו־ען אַליין. די דעציזיע, וואָס דער יו־ען־פּלענום האָט אָנגענומען דעם 29־טן נאָוועמבער, איז געווען אַ וויכטיקער סיי פון אידישן און סיי פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט.

העכער 30 נאַציעס — מערסטנס אַזעלכע, וואָס האָבן קיינע באַזונדערע אינטערעסן אין ארץ־ישראל — האָבן דעצידירט לטובת דער אויפשטעלונג פון אַ אידישער מדינה און האָבן דאַדורך דערוויזן, אַז עס איז נאָך דאָ אַ וועלט־געוויסן און אַז עס איז נאָך דאָ אַן אָנהאַלט פאַר היסטאָרישער גערעכטיקייט אפילו אין באַצוג צו אַ פאָלק, וואָס די וועלט האָט אים באַעולט אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן. און הגם עס איז אונז געגעבן געוואָרן ניט אַלץ, וואָס מיר האָבן געפאָדערט — לאָמיר ניט זיין אומדאַנקבאַר. אין דער פּרינציפּיעלער אַנטשיידונג מצד דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון דער וועלט לטובת אַ אידישער מדינה — ליגט ניט ווייניק דערמוטיקונג און קרעפטיקונג פאַר אונז.

און מען קען אויך ניט פאַרזען דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן אַספּעקט. עס איז אַ ווערטפולער פאַקט, וואָס אין דעם באַשלוס וועגן אויפשטעלן אַ אידישע מדינה זיינען רוסלאַנד און אַמעריקע געגאַנגען צוזאַמען. עס איז אויך מערק־ווירדיק, וואָס די בריטישע דאָמיניאָנס זיינען ניט נאָכגעגאַנגען ענגלאַנד און האָבן געשטימט אין איינעם מיט אַמעריקע און רוסלאַנד פאַר אַ אידישער מדינה; צוזאַמען מיט זיי האָבן אויך געשטימט פאַרשיידענע מיטלע און קליינע מדינות פון מזרח און פון מערב. דאָס באַווייזט, אַז עס איז נאָך ניט פאַרלאָרן געגאַנגען די האָפענונג פון דער יו־ען צו פאַראייניקן די מענטשהייט און צו פאַרזיכערן דעם שלום.

לכתחילה האָבן מיר זיך געוואונטשן, אַז די יו־ען זאָל פאַרווירקלעכן איר באַשלוס, אָבער בדיעבד דאַרף אונז ניט פאַרדריסן, וואָס די אידישע מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן ניט מיטן זכות פון די פאַראייניקטע פעלקער, נאָר מיט אונזער ווילן און מיט אונזער כוח, און וואָס ניט אַן אינטערנאַציאָנאַ־לער כוח האָט זיך קעגנגעשטעלט דער אַראַבישער אינוואַזיע, נאָר צבא־הגנה לישראל.

די היסטאָרישע השגחה פון דעם פאָלק ישראל, — וואָס יעדער איינער וועט זי באַגרייפן לויט זיין איבערצייגונג און זיין גייסט, ווער פון רעליגיעזן, און ווער פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, — האָט די גרינדונג און פאַר־טיידיקונג פון מדינת ישראל אַרויפגעלייגט אויף אונז, און ניט אויף דער יו־ען, ניט אַמעריקאַניש און סאָוועטיש מיליטער, נאָר אידיש מיליטער האָט זיך קעגנגעשטעלט די אַריינדרינגלער און אָפּגעשטויסן זיי. די צוקונפטיקע דורות וועלן שטאָלצירן מיטן דאָזיקן פאַקט; נאָר הגם די פאַראייניקטע פעלקער זיינען אונז צו הילף ניט געקומען, וועלן מיר ניט פאַרמינערן דעם זכות פון

זייער באַשלוס פון דעם 29־טן נאָוועמבער. מיר האָבן אין דעם דאָזיקן באַשלוס געפונען אַ מאָראַלישע אונטערשטיצונג פאַר אונזער מלחמה — און מיר זיינען פול מיט פאַרערונג פאַר דער יו־ען.

דער צווייטער דאַטום — דער 30־ער נאָוועמבער — איז זיינער צייט פאַרביי כמעט אומבאַמערקטערהייט. אין דער גרויסער פרייד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם ישוב — און דעם גאַנצן אידישן פאָלק — צוליב דעם יו־ען־באַשלוס, האָט מען ניט באַמערקט, אַז עס האָט זיך געעפנט די מלחמה קעגן דעם ישוב. דער מאָרד פון די זיבן אידן אין דעם טאָג פון דעם 30־טן נאָוועמבער איז ווי פאַרטושט געוואָרן אין דער יום־טובדיקער שטימונג פון דעם ישוב, און אפילו ווען דער אַראַבישער אויספיר־קאָמיטעט האָט צומאָרגנס, דעם ערשטן דעצעמבער, פּראָקלאַמירט אַ דריי־טאָגיקן אַלגעמיינעם שטרייק, האָט נאָך דער ישוב אַלץ ניט געוואָלט אָנערקענען די ערנסטקייט פון דער סיטואַציע. אויף דער ערשטער זיצונג פון דעם זיכערהייטס־קאָמיטעט, וואָס איז צושטאַנד־געקומען יענע וואָך, פינף טעג נאָך דעם יו־ען־באַשלוס, ווען עס האָבן זיך פאַרמערט די אַראַבישע אָנפאַלן, האָב איך פאָרגעשלאָגן שטראָף־אַקציעס קעגן די אַראַבישע אָנפאַלער — און דער זיכערהייטס־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען געווען רעפּרעזענטירט אַלע שטרעמונגען, פון מפ״ם ביז צום איחוד אזרחי, האָט איינשטימיק אָפּגעוואָרפן מיין פאָרשלאָג. זיי האָבן געגלויבט, אַז די אַראַבישע איבערפאַלן זיינען צופעליקע און מען דאַרף זיי ניט נעמען ערנסט. היינט ווייסט יעדער איינער, אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן דעם 30־טן נאָוועמבער, און אַז דאָס, וואָס ס׳איז געשען יענעם טאָג און די שפּעטערדיקע טעג, איז ניט געווען קיין צופאַל. אָבער אַ גאַנץ לאַנגע צייט האָבן זיך ברייטע קרייזן אין ישוב אָפּגעהאַלטן פון אָנערקענען די ערנסטקייט פון דער סיטואַציע, און דאָס האָט ניט ווייניק געשעדיקט דער מאָביליזירונג פון איגזערע כוחות.

די מיליטערישע אַקציעס פון דער הגנה און פון צבא־הגנה לישראל, פון דאַן ביז היינט, געהערן שוין דער געשיכטע. און עס איז דאָ אַ ריזיקע, אַז אַ דאַנק די דעראָבערונגען און די נצחונות זאָל זיך אונז פאַרדרייען דער קאָפּ און מיר זאָלן ווידער ניט זען די ערנסטקייט פון אונזער לאַגע. איך מיין ניט דעם מאָמענטאַנעם, פאַריבערגייענדיקן מצב, — איך מיין די ערנסטקייט פון אונזער מצב אויף לאַנגע צייטן. אויב אפילו די מלחמה זאָל זיך איינגיכן ענדיקן און עס זאָל קומען דער שלום — וועלן נאָך לאַנגע יאָרן לויערן אויף אונז סכנות (כאַפּט מיך נאָר ניט ביים צונג און מאָנט ניט פון מיר דעם שלום, אויב ער וועט ניט אַזוי גיך קומען)). אויך נאָכן שלום וועט זיך אונזער לאַגע ניט ענדערן. אַזוי ווי דער באַשלוס פון דער יו־ען האָט פאַר אונז ניט פאַרמיטן די מלחמה — גלייך אַזוי וועט אונזער זיכערהייט ניט גאַראַנטירט ווערן בלויז מיטן שליסן שלום־אָפּמאַכן מיט די אַראַבישע פעלקער. מיר שטרעבן און וועלן שטרעבן צו שלום — אָבער אויך דאַן וועט אונזער זיכערהייט שטיצן זיך אויסשליסלעך אויף אונזער כוח.

עס זיינען דאָ צווישן אונז פיל אַזעלכע, וואָס שעצן גרינג דעם כוח פון פיינט. זיינען דען ניט געשטאַנען זיבן הונדערט טויזנט אידן קעגן דרייסיק מיליאָן אַראַבער — און האָבן זיי בייגעקומען? איך וואָרן קעגן דעם דאָזיקן אויבערפלעכלעכן אָפטימיזם. איך באַציִיכן מיט צופרידנהייט, דאָס דוקא איז דער אַרמיי פילט זיך ניט די דאָזיקע גרויסהאַלטעריי, וואָס פילט זיך אין דער געזעלשאַפט און אין דער פרעסע. איך ווייס ניט ווייניקער פון אַנדערע, אַז ביז איצט האָבן מיר געהאַט די אויבערהאַנט, און אויב עס וועלן זיך אין קורצן באַנייען די שלאַכטן — וועלן מיר זיכער ווידער האָבן די אויבערהאַנט. אָבער באַדינגונגען קענען זיך ענדערן.

בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך געוואוסט, אַז טערקיי וועט באַזיגט ווערן. איך בין געווען עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה אין טערקיי און איך האָב דאָרט געזען די מלוכה־צופוילקייט, אפילו נאָך דער רעוואָלוציע פון די יונג־טערקן. און די טערקישע אימפעריע איז געפאַלן. און דוקא נאָך דער מלחמה, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז עס איז שוין געקומען דער סוף פון דער מלוכה פון „דעם קראַנקן מענטש", איז דערשינען אַ גרויסער טערקישער פירער, מוסטאַפאַ קעמאַל, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן אַ נייעם גייסט אין דעם טערקישן פאָלק, און אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט זיך די באַזיגטע טערקיי דערמוטיקט און האָט באַזיגט איר היסטאָרישן פיינט — גריכנלאַנד, וועלכע איז געשטיצט געוואָרן דורך ענגלאַנד און פראַנקרייך — די מעכטיקע זיגערינס אין דער וועלט־מלחמה.

לאָמיר אויך קיין מאָמענט ניט פאַרגעסן דעם גרונטזעצלעכן פאַקט, אַז מיר שטייען ווייניקע קעגן אַ סך. דער דאָזיקער היסטאָרישער פאַקט וועט אין גרונט ניט פאַרשווינדען, און אויב מיר וועלן ניט פאַרזיכערן אַ שנעלן און אינטענסיוון וואוקס פון אונזער ישוב דורך אַ פאַרשטאַרקטער עליה, וואָס זאָל גיין אין גרויסע דימענסיעס, אויב מיר וועלן אויך ניט אויפהאַלטן קיין עפעקטיוון מיליטערישן כוח, וואָס זאָל שטיין געשפּאַנט פאַר יעדער נויטווענדיקייט — וועלן מיר ניט ביישטיין אונזערע שונאים.

פאַריקע וואָך זיינען אין איין טאָג געקומען 5000 עולים, — לאָמיר נאָך ניט זען דערין אַ גרויסע עליה. מיר מוזן די נאָענסטע יאָרן פאַרצווייפאַכן און פאַרדרייפאַכן דעם ישוב. און עליה הייסט ניט ברענגען צו פירן אידן קיין ארץ ישראל — די עליה־ווייען הויבן זיך אָן ערשט נאָכדעם ווי די עולים קומען קיין ארץ־ישראל.

דאָס מיליטער האָט באַפרייט דעם נגב און דעם גליל — אָבער מיטן כוח פון מיליטער אַליין וועלן מיר די איינגענומענע שטחים ניט איינהאַלטן. — אין פאַרלויף פון זיבעציק יאָר האָבן מיר אויפגעשטעלט 300 זידלונגען. כדי צו אָבסאָרבירן די מאַסן־עליה, וואָס וועט אָנהויבן צו שטראָמען, דאַרפן מיר פון איצט אָן אויפשטעלן 300 זידלונגען יעדע צוויי־דריי יאָר. די מיליטערישע דעראָבערונגען וועלן פאַרבלייבן אין אונזערע הענט נאָר דאַן, ווען מיר וועלן פאַרבויען די שטחים, וואָס דאָס מיליטער האָט באַפרייט, און מיר וועלן בויען אין אַ שנעלן טעמפּאָ.

די היסטאָרישע און געאָגראַפישעווירקלעכקייט פון אונזער עקזיסטענץ דיקטירט אונז צוויי זאַכן: פאַרטיידיקונג און אויפבוי. אונזער זיכערהייט און פרידן וועלן אויפגעריכט ווערן נאָר דאַן אויב מיר וועלן מכשיר זיין און אויפשטעלן אין אונזער לאַנד אַן אַרבעטנדיק און קעמפנדיק פאָלק.

ה׳ בכסלו תש״ט — 7. 12. 1948

# כביש הגבורה

דער שאָסיי, וועלכן מיר עפענען היינט, פאַרקערפּערט אין זיך די העכסטע אָנשטרענגונג פון אונזער מלחמה פאַרן פאָטערלאַנד און אומאָפּהענגיקייט, ווייל מיט אים איז פאַרבונדן דאָס קאַפּיטל פון טראַגישסטער און פּראַכטפולסטער גבורה זינט מיר זיינען געצוואונגען געוואָרן צו שטעלן זיך צום קאַמף קעגן אונזערע פיל פיינט — דאָס קאַפּיטל פון געראַנגל פאַר ירושלים.

דער דאָזיקער געראַנגל איז דער ברען־פּונקט פון אונזער באַפרייאונגס־קאַמף, וואָס דויערט שוין העכער אַ יאָר אין גאַנצן לאַנד. דער דאָזיקער געראַנגל האָט זיך געפירט און פירט זיך ניט נאָר אין אונזער אייביקער שטאָט און איר נאָענטער אומגעגנט, נאָר איבערהויפּט פאַר דעם וועג צו ירושלים. פון דעם גורל פון דעם דאָזיקן וועג הענגט אָפּ דער גורל פון אונזער הויפּט־שטאָט.

די דריטע באַזעצונג פון פאָלק ישראל אין זיין פאָטערלאַנד אין אונזערע דורות קומט פאָר אויף אַ פאַרקערטן שטייגער ווי די ערשטע און צווייטע באַזעצונג: ניט פון מזרח צו מערב, נאָר פון מערב צו מזרח, און ניט פון מדבר צום ים, נאָר פון ים צום מדבר. פון די דריי טיילן פון לאַנד — באַרג, טאָל און פלאַכלאַנד — האָבן מיר זיך צוערשט באַזעצט אין טאָל, און ערשט שפּעטער אין פלאַכלאַנד און כמעט גאָרניט אין די בערג, אויסער ירושלים, וואָס האָט צו זיך געצויגן אַ אידישן ישוב אין אַלע דורות און פון אַלע לענדער; די דאָזיקע ציאונג האָט פאַרוואַנדלט ירושלים, שוין הונדערט יאָר, אין אַ אידישע שטאָט, אין אַ שטאָט מיט אַ גרויסער און וואַקסנדיקער אידישער מערהייט — נאָך אַ סך יאָרן פריער, ווי ס׳האָבן זיך באַוויזן אויסזיכטן פאַר אַ אידישער מערהייט אין גאַנצן לאַנד.

דער דאָזיקער וועג פון אונזער באַזעצונג אין דעם פאָטערלאַנד אין אונזערע טעג, האָט געפירט דערצו, אַז די אידישע ירושלים איז געבליבן אָפּגעריסן פון אונזערע קאָלאָניזאַציע־צענטערן אין דאָרף און שטאָט, ווייל מיר האָבן זיך באַזעצט איבערהויפּט אין דעם ברעג־טאָל, אין עמק־יזרעאל און אין די ירדן־טאָלן פון צפון־זייט פון כנרת און פון דרום־זייט. אין נאָרמאַלע צייטן האָט זיך די סכנה פאַר דער אידישער ירושלים ניט אַרויסגעפילט, און

אַ שטונדע־לאַנגע רייזע צווישן ירושלים און תל־אביב האָט קיין ראָלע ניט געשפּילט — כל זמן דער וועג איז געווען זיכער. אָבער ווען עס איז אויס־געבראָכן דער קריג און אונזערע פיינט פון ארץ־ישראל און פון די שכנותדיקע לענדער האָבן זיך אונטערגענומען צו פאַרטיליקן אונז — האָט זיך אַנטפּלעקט די טויט־געפאַר פאַר ירושלים, און פון אַלע שווערע קלעפּ, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָפּ פון אונזערע ישובים אין פאַרלויף פון דער מלחמה, האָט ירושלים באַקומען די מייִנסטע קלעפּ. דער פיינט האָט געוואוסט, אַז די לייכטסטע זאַך פאַר אים און די געפערלעכסטע זאַך פאַר אונז איז אַראָפּצולאָזן אויף אונזער קאָפּ דעם קלאַפּ פון באַזיגן און צושטערן די אידישע ירושלים; דאָס איז לייכט, ווייל ירושלים איז ווייט פון די צענטערן פון דעם אידישן כוח און איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן — פון צפון, דרום, מזרח און מערב — דורך קאָמפּאַקטע, געדיכט־באַפעלקערטע, דרייסטע, דאָרפישע און שטאָטישע אַראַבישע ישובים, וואָס אַלע וועגן זייערע — פון צפון, דרום און מזרח — פירן קיין ירושלים, אין דער צייט, וואָס אידן האָבן אין איינציקן וועג — פון מערב — און אויך ער גייט כמעט אינגאַנצן דורך אַן אַראַבישער געגנט, פון אבו־כביר נעבן תל־אביב און ביז צו ליפתא און רוממה נעבן ירושלים. ניט אָן אַ קלוגן סטראַטעגישן חשבון האָט דער שונא פון דעם ערשטן מאָמענט אָן קאָנצענטרירט זיינע כוחות כדי אָפּצושניידן ירושלים פון תל־אביב און פון די עמקס און כדי צו דעזאָרגאַניזירן די אידישע קאָמוניקאַציע דורך דעם איינ־ציקן וועג קיין ירושלים.

די אָנגריפן האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער צייט פון דער מאַנדאַט־מאַכט, אין דעצעמבער 1947, און אַלע הבטחות פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, אָפּצוהיטן די באַוועגונגס־פרייהייט אויפן שאָסיי תל־אביב — ירושלים, זיינען ניט געהאַלטן געוואָרן; נאָך איידער די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, איז ירושלים געווען באַדראָט פון הונגער, אויסער דער דראָאונג פון שווערד. נאָך לאַנג פאַר דער אויפשטעלונג פון דער אידישער מדינה, איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז אויב מיר וועלן מיט די אייגענע כוחות ניט דורכברעכן דעם וועג קיין ירושלים און מיר וועלן ניט איינגעמען גענוג שטחים פון ביידע זייטן פון דעם וועג — וועט ירושלים שטיין פאַר אַ חורבן, און אונזער מלחמה אין לאַנד וועט פיליכט שטיין פאַר אַ פולשטענדיקן דורכפאַל.

נאָך דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינוואַזיע פון די רעגולערע אַראַבישע אַרמייען קיין ארץ־ישראל, איז דער גאַנצער צאָרן פון דעם פיינט געווענדעט געוואָרן קעגן דער הויפּט־שטאָט פון ישראל. אַזוי ווי אין די טעג פון דעם נביא:

„דער מלך פון בבל שטעלט זיך<br>„ביי דער שיידונג פון וועג,<br>„ביים אָנהויב פון ביידע וועגן,<br>„צו טרעפן מיט כישוף;<br>„ער שאָקלט מיט פיילן

„ער פרעגט ביי דעם תרפים
„ער קוקט אין אַ לעבער.
„אין זיין רעכטער האַנט איז דער גורל אויף ירושלים
„אָנצושטעלן שטורעמבעק,
„צו עפענען דאָס מויל מיט רציחה,
„אויפצוהויבן דעם קול אין געשריי,
„צו שטעלן שטורעמבעק אויף די טויערן,
„אָנצושיטן אַן ערדוואַל,
„צו בויען אַ באַלעגער־מויער״. (יחזקאל כ״א, כ״ו—כ״ז).

אין אונזערע איצטיקע טעג האָט זיך אַן דעם מלך בבל אָנגעשלאָסן מלך רבת־בני־עמון. די שיצער פון ישראל און זיין מיליטער, זיינע סאַפּיאָרן און אינזשינערן, זיינע קעמפער און אַרבעטער האָבן זיך פאַראייניקט, כדי צו נישט צו מאַכן די פּלענער פון בבל און רבת־עמון; זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין טאָל און אין פלאַכלאַנד און אין דעם געבערג, האָבן געשלאָגן די אינוואַזיע־אַרמייען, האָבן צויאָגט די פיינט, האָבן באַפרייט דעם גרעסטן טייל פון ירושלים און האָבן דעראָבערט אַ פרייען, ברייטן דורכגאַנג פון תל־אביב — דורך דעם טאָל, דעם פלאַכלאַנד און דעם געבערג — צו ירושלים.

מיט דער דעראָבערונג פון דעם דאָזיקן פרייען דורכגאַנג, האָט זיך אָנגעהויבן, נאָך אין די ערשטע טעג פון אַפּריל, דער אַנטשיידענער איבערברוך אין אונזער באַפרייאונגס־קריג: דער איבערגאַנג פון פאַרטיידיקונג צו אָנגריף. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די אָפּעראַציע „נחשון״, וועלכע איז אַרויס פון דער דאָזיקער געגנט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט איינגעמען די אַראַבישע חולדה און דיר־מוכייזין, און האָט זיך פאַרענדיקט מיט פאַרכאַפּן דעם הויכן באַרג קאַסטעל, נעבן ירושלים, וואו ס'איז געפאַלן דער אַראַבישער מיליטערישער פירער עבד־אל־קאַדר אל־חוסייני — פּיליכט דער איינציקער קעמפער, וואָס די אַראַבער האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן. ירושלים האָט פריי אָפּגעאָטעמט — אָבער ניט אויף לאַנג. נאָך דער מיליטערישער אינוואַזיע פון די שכנותדיקע לענדער איז ירושלים ווידער באַלאַגערט געוואָרן, און די שווערסטע קלעפּ זיינען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויפן קאָפּ פון אונזער הויפּט־שטאָט. אַ ווילדע, גרויזאַמע, אומאויפהערלעכע באַשיסונג פון בריטישע האַרמאַטן, אָנגעשטעלטע און געצילטע דורך בריטישע קאָמאַנדירן און אינסטרוקטאָרן, האָט זיך געצויגן טאָג און נאַכט. 1813 יאָר נאָכדעם ווי ביתר איז געפאַלן, איז ירושלים ווידער באַלאַגערט געוואָרן דורך פיינט. עס איז כמעט קיין שום מעגלעכקייט ניט געווען, צו דערלאַנגען דער הויפּט־שטאָט דירעקטע הילף. ירושלים איז אַרומגערינגלט מיט בערג, און אַלע בערג זיינען אין די הענט פון דעם פיינט; ניט נאָר אין די הענט פון די פיינטלעכע אַרמייען, נאָר אויך אין די הענט פון דער פיינטלעכער באַפעלקערונג. דאָס פיינטלעכע מיליטער האָט ניט נאָר אַרומגערינגלט די בערג פון ירושלים פון אַלע זייטן, נאָר איז אויך צוגעקומען ביז צום האַרץ פון פלאַכלאַנד — לאַטרון און אילון.

דאָ, אין עמק אילון, איז דורך דעם יונגן צבא־הגנה לישראל, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן, אונטערגענומען געוואָרן די ערשטע אַטאַקע אויף דעם פיינטס פעסטונגען אין לאַטרון. צוערשט האָט אַטאַקירט די זיבעטע בריגאַדע — אַ יונגע בריגאַדע, וואָס דער גרעסטער טייל פון אירע זעלנער זיינען ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אַראָפּ פון שיף, וועלכע האָט זיי געבראַכט פון ציפּערן קיין ארץ ישראל. — דער פּאַנצער־חיל פון דער בריגאַדע האָט געקעמפט העלדיש, איז אַריינגעדרונגען אין דעם דאָרף לאַטרון און האָט אים פאַרברענט, ער איז אָבער מיט אַ סך קרבנות אָפּגעשטויסן געוואָרן צוריק — דורך דעם מערדערישן פייער פון דעם פיינטס מערערע האַרמאַטן.— נאָך דער זיבעטער בריגאַדע האָט זיך אויף לאַטרון געלאָזט מיט אַ שטורעם אַ העלדישע פלמ״ח־בריגאַדע, אָבער אויך זי איז צוריקגעשטויסן געוואָרן מיט ניט ווייניקע קרבנות, און די פיינטלעכע פעסטונג, וואָס האָט אונז פאַרשפּאַרט דעם וועג צום שער־הגיא, איז געבליבן אין די הענט פון דעם אַראַבישן לעגיאָן; די שטאָט ירושלים איז געבליבן באַלאַגערט. אין דער שפּיץ פון די דאָזיקע אַטאַקעס — ווי פון דער זיבעטער בריגאַדע, אַזוי פון דער פלמ״ח־בריגאַדע — איז געשטאַנען דער באַליבטער אַמעריקאַניש־אידישער קאָמאַנדיר דוד מיכאל מאַרקוס, וואָס איז דאָ געווען באַקאַנט מיטן נאָמען סטאָן; ער האָט ניט זוכה געווען בייצוואוואוינען די באַפרייאונג פון ירושלים — די לעצטע נאַכט פאַר דער ערשטער פייער־פויזע איז ער געפאַלן אין די בערג פון ירושלים.

אין די קאַמפן אַרום לאַטרון זיינען מיר — שיינט עס — דורכגעפאַלן, אָבער די דאָזיקע קאַמפן האָבן געראַטעוועט ירושלים נאָך איידער עס איז געקומען די ערשטע פייער־פויזע, וואָס האָט געלאָזט ירושלים פריי אָטעמען אין פאַרלויף פון פיר וואָכן.

אונזער אָנגריף אויף לאַטרון האָט געצוואונגען דעם פיינט, אַריבערצופירן אַ באַדייטענדן טייל פון זיינע כוחות פון ירושלים צום פלאַכלאַנד (שפלה), און דאַדורך איז פאַרלייכטערט געוואָרן די גרויזאַמע באַלאַגערונג פון דער הויפּט־שטאָט, און די אידן פון ירושלים האָבן געקענט אויסהאַלטן ביז ס׳זיינען אַריבער די טעג פון צאָרן. אָבער די דאָזיקע שלאַכטן האָבן געהאַט נאָך וויכטיקערע רעזולטאַטן: זיי האָבן אונז איבערגעלאָזט אַ נייעם, פרייען וועג — פון דעם ים־ברעג, דורך דער שפלה, ביז צו ירושלים. די זיבעטע בריגאַדע האָט ניט איינגענומען לאַטרון, זי האָט אָבער מיט צוויי אַטאַקעס — אין סוף חודש מאַי — איינגענומען בית־ג׳יז און בית־סוסין, און די פלמ״ח־בריגאַדע האָט איינגענומען צרעה — דער געבורטס־אָרט פון שמשון; אַזוי איז איינגענומען געוואָרן דער וועג פון שרעק און פון גבורה, דער וועג וואָס רופט זיך „בורמא״, — דער וועג אויף דורכצופירן אויסגעלייזטע, דער וועג וואָס האָט אויסגעלייזט ירושלים. מיט בלוט און שוויס, מיטן בלוט פון אונזערע טייערע — יונגע און דרייסטע קעמפער, און מיטן שוויס פון געטרייע אַרבעטער־חלוצים פון ישראל — איז געלייגט געוואָרן דער דאָזיקער וועג. שפּעטער איז דער וועג געקערט געוואָרן אין אַ נייער ריכטונג, און אָנשטאָט אַ פּראָווי־

זאַרישן וועג פאַר אַן אויסנאַם־צייט, האָבן מיר איצט אַ געפלאַסטערטן, פעסטן וועג, אַרום וועלכן עס וועלן וואַקסן זידלונגען, וואָס וועלן ווי אַ לעבעדיקע בריק פון מענטשן און געוויקסן באַהעפטן די אידישע צענטערן פון ווירטשאַפט און כוח אין מדינת־ישראל מיט דער הויפּט־שטאָט פון דער מדינה — ירושלים.

צבא־הגנה־לישראל וועט היינט לאָזן הערן די ווערטער פון דעם נביא אלישע — ענדערנדיק דעם נוסח פון ניין אויף יאָ: „דאָס איז דער וועג, און דאָס איז די שטאָט. גייט מיר נאָך, און איך וועל אייך פירן" (מלכים ב׳, ו—י״ט).

ווען מיר עפענען היינט דעם וועג פון גבורה און גאולה, לאָמיר דערמאָנען מיט טיפער דאַנקבאַרקייט די טויזנטער קעמפער און אַרבעטער — די באַטאַ־ליאָנען פון אינפאַנטעריע און פאַנצער און אַרטילעריע, די סאַפּיאָרן פון דער אינזשינערן־קאָמאַנדע, די וואַסער־רערן־לייגער, די אַרבעטער פון „סולל־בונה", די אַרבעטער פון ירושלים און תל־אביב און די מוטיקע שאָפערן פון אַלע עקן לאַנד — וואָס האָבן זיך אַלע צוזאַמען באַטייליקט אין דער דאָזיקער מלחמה־אָנשטרענגונג און קאָלאָניזאַציע־אָנשטרענגונג, וואָס וועט פאַרבלייבן אויף אייביקן אָנדענק אין דער געשיכטע פון דער באַפרייטער ציון.

דער דאָזיקער שאָסיי איז אַן עדות פון דער גבורה פון אידישער מלחמה און אַרבעט, וואָס האָט געזיגט און וועט זיגן.

ב׳ בטבת תש״ט — 1949 .3 .1.

# קיבוץ־גליות אין דער אַרמיי

(אויף אַ צוזאַמענטרעף פון די גח״ל *־זעלנער, אין דעם „יום־קיבוץ־גליות")

עס איז נאָך ניט געקומען די צייט, צו רעזומירן און אָפּצושאַצן די דער־גרייכונגען און אויפטוען פון צבא־הגנה־לישראל אין אונזער באַפרייאונגס־קריג. אונזער קריג האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט. מיר שטרעבן צו שלום מיט אונזערע שכנים, מיט אַלע שכנים, און מיר זיינען גרייט דערצו יעדע שעה און יעדע רגע, אָבער כל זמן אונזערע שכנים זאָגן זיך אָפּ צו פירן שלום־פאַרהאַנדלונגען און זיי האַלטן אין איין דראָען אונזער זיכערהייט און דער גאַנצקייט פון אונזער מדינה — וועלן מיר בלייבן גרייט און געשפּאַנט צום קריג. און ביז נאָך דער לעצטער און אַנטגילטיקער שלאַכט, לאָמיר זיך ניט איילן מיט מאַכן סך הכלען. מען טאָר ניט פאַרגעסן דאָס טיף־קלוגע וואָרט פון אונזערע אורעלטערן: „זאָל דער וואָס גורט זיך ערשט אַן זיך ניט רימען ווי דער וואָס בינדט זיך שוין אָפּ".

אפילו נאָכן שלום פון דער מלחמה — און מען קען ניט זאָגן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין אויסזיכטן פאַר אַ שלום אינגיכן — צווייפל איך, צי מיר, די וואָס

*) גח״ל: גיוס־חוץ־לארץ — די מאָביליזאַציע אין חוץ־לאַרץ.

שטייען אין סאַמע מיטן פון די געשעענישן און זיינען אַזוי נאָענט צו די האַנדלונגען, וועלן זיין אימשטאַנד צו געבן אַן אָביעקטיווע און טרעפלעכע אָפשאַצונג; עס שיינט מיר, אַז עס איז גלייכער איבערצולאָזן די דאָזיקע ניט־לייכטע אַרבעט פאַר די וואָס וועלן קומען נאָך אונז. עס זיינען אָבער פאַראַן אייניקע אויסערגעוויינלעכע פאַקטן, וואָס מען קען באַטראַכטן שוין איצט, ניט מורא האָבנדיק, אַז די צוקונפטיקע פאַקטן וועלן ענדערן זייער מהות און זייער ווערט. אויף איינעם פון דידאָזיקע פאַקטן וויל איך זיך דאָ אָפשטעלן: אויף דער באַטייליקונג פון די גלות־לענדער אין דעם באַפרייאונגס־קריג פון ישראל.

אָן דעם אידישן ישוב, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין פאַרלויף פון די לעצטע זיבעציק יאָר; אָן דער נייער קאָלאָניזאַציע אין דאָרף און שטאָט; אָן די טעריטאָריאַלע באַזעס, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט אין אַלע טיילן פון לאַנד; אָן דער אינדוסטרי און האַנדווערק, וואָס מיר האָבן געפלעגט און אַנטוויקלט אין די לעצטע דרייסיק יאָר, און באַזונדערס זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה; אָן די גרענעץ־זידלונגען אין גליל העליון, אין עמק הירדן, אין דער געגנט פון ירושלים, אין נגב; אָן חלוצישער אַרבעטסזאַמקייט אין דער לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטרי, בוי־אַרבעט, טראַנספּאָרט, ים און לופט; אָן די וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע דערגרייכונגען פון אונזערע אַלגעמיינע און פּראָפעסיאָנעלע דערציאונגס־אַנשטאַלטן אין לאַנד; אָן דער אָרגאַניזאַציע, דערפאַרונג און דערגרייכונגען פון דער „הגנה" אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן; אָן דער ווירטשאַפטלעכער, אָרגאַניזאַציאָנעלער און פינאַנציעלער פּאָטענץ פון אונזערע וואַקסנדע ישובים, וואָס האָבן צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געציילט ווייניקער פון זעכציק טויזנט נפשות, און צום אָנהויב פון אונזער איצטיקער מלחמה האָבן זיי דערגרייכט די צאָל פון זעקס הונדערט און פופציק טויזנט, — קורץ: אָן דעם נומערישן, ווירטשאַפטלעכן און טעריטאָריאַלן וואוקס פון דעם ישוב אין לאַנד און אָן זיינע חלוצישע אייגנשאַפטן, וואָלטן מיר ניט אויסגעהאַלטן, וואָלט די אידישע מדינה ניט אַנטשטאַנען און צבא־הגנה־לישראל וואָלט ניט עקזיסטירט. דער אידישער ישוב אין לאַנד איז געוועזן דער אַוואַנגאַרד פונם פאָלק — סיי אין דער אויפבוי־אַרבעט, סיי אין דעם גערַאַנגל און סיי אין דער מלחמה. אָבער צו זיינע גרויסע דערגרייכונגען אין משך פון די זיבעציק יאָר, און באַזונדערס אין דעם לעצטן יאָר, איז דער ישוב געקומען ניט בלויז מיט אייגענע כוחות. דער אויפבוי פון דעם ישוב איז פון שטענדיק אָן געוועזן אַ שותפות — צווישן דעם פאָלקס־אַוואַנגאַרד אין דעם פאָטערלאַנד און צווישן דעם גאַנצן אידישן פאָלק אין די גלות־לענדער. אָן דער הילף, אונטערשטיצונג און פאַרבינדונגען פון דעם גאַנצן פאָלק וואָלטן מיר דאָס אַלץ ניט דערגרייכט; און נאָך קיינמאָל האָט זיך ניט אַנטפּלעקט דער טיפער בונד צווישן דעם אידישן פאָלק און זיין לאַנד ווי אין דעם לעצטן וואונדערבאַרן יאָר. און איר, די גח"ל־לייט אין צבא־הגנה־לישראל, זייט די לעבעדיקע, די בולטע אַנטפלעקונג פון דעם דאָזיקן טיפן און וואונדערבאַרן בונד. פון איבער פופציק

לענדער אין אַלע ערד־טיילן — אייראָפּע, אַזיע, אַמעריקע, אַפריקע און אויסטראַליע — פון אַלע עדות און שבטים פון דעם צוזייטן און צעשפּרייטן פאָלק, פון אַלע שיכטן און קלאַסן, זיינען געקומען פרייוויליקע צו צבא־הגנה־לישראל. די טיפע פאַרבונדנקייט פון דעם פאָלק ישראל צו זיין לאַנד אַנערקענט ניט די וועלט־צוטיילונג אויף מזרח און מערב ; אין אונזער אַרמיי געפינען זיך פרייוויליקע פון די מזרח־לענדער און פון די מערב־לענדער, — אַלע די לענדער האָבן אין אונזער אַרמיי אַריינגעגאָסן אומדערפאַרענע ווי דערפאַרענע קעמפער, — יונגע לייט, וואָס האָבן קיינמאָל דעם טעם פון מלחמה ניט פאַרזוכט, און קעמפער מיט סטאַזש — פון אַלע סאָרטן וואָפן — וואָס האָבן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה געקעמפט קעגן דעם נאַצישן פיינט, וואָס אויך ער האָט פאַראייניקט דעם מזרח און דעם מערב. די וואָלונטיר־באַוועגונג אין די גלות־לענדער האָט געגעבן אַ וויכטיקן ביישטייער ניט נאָר קוואַנטיטאַטיוו, נאָר אויך קוואַליטאַטיוו. אייניקע פון אונזערע פאַרפולקאָמסטע דינסטן וואָלטן בכלל ניט אַנטשטאַנען, ווען ניט די פאַכלייט, ספּעציאַליסטן, וואָס זיינען צו אונז געקומען פון פאַרשיידענע לענדער, און איבערהויפּט פון צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע, טשעכאָסלאָוואַקיע און פראַנקרייך. איך וועל בלויז דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם פאַרערטן קאָמאַנדיר מיכאל דוד מאַרקוס, וועלכער איז דאָ געווען באַקאַנט מיטן נאָמען סטאָן ; ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון די, וואָס האָבן דורכגעריסן דעם וועג קיין ירושלים נאָך פאַר דער ערשטער פייער־פויזע, און איז געפאַלן טויט אויף די בערג פון ירושלים. עס איז גאָר ניט אָפּצושאַצן דעם ווערט פון די אויסלענדישע פרייוויליקע ביים אויפבויען אונזער יונגן לופט־כוח און זייער באַטייליקונג אין די מערערע אַנטשיידנדע לופט־אָפּעראַציעס. אויב מיר געוועלטיקן איצט איבער די הימלען פון ישראל, אויב אונזערע פליער זיינען אימשטאַנד אַראָפּצולאָזן שווערע קלעפּ אויף אַלע פיינטלעכע קאָנצענטראַציעס — איז עס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די אידישע פליער פון חוץ־לארץ, וואָס האָבן אונז געבראַכט זייער גרויסע און רייכע דערפאַרונג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער טייל פון די אויסלענדישע פרייוויליקע איז ניט קליין אויך אין די איבעריקע פאָרמאַציעס — אינפאַנטעריע, אַרטילעריע, ים־פלאָט, טראַנספּאָרט, סאַפּיאָרן, מעדיצינישער דינסט און אַלע אַנדערע מיליטערישע דינסטן, — און ניט ווייניק אויך אין דער געווער־פּראָדוקציע און אויסשטאַטונג. דאָס איז פיליכט אונזער באַשיידנסטער דינסט, און אונזער געזעלשאַפט האָט פון אים גאָר קנאַפּ געהערט, אָבער ווי באַשיידן, אַזוי וויכטיק און עפעקטיוו איז ער.

אין צבא־הגנה־לישראל האָט זיך פאַרקערפּערט דער גרויסער היסטאָרישער אידעאַל, וואָס האָט באַלעבט און אויפגעהאַלטן דאָס אידישע פאָלק אין גלות, וואָס צוליב אים פירן מיר דעם איצטיקן קריג און וואָס צוליב אים האָבן מיר אויפגעשטעלט די מדינת ישראל : דער אידעאַל פון קיבוץ־גליות. און דעריבער, ווי צופרידן מיר זאָלן ניט זיין מיט דער באַטייליקונג פון די גלות־לענדער אין צבא־הגנה־לישראל, זיינען מיר נאָכמער צופרידן מיטן אויסברוך פון דער עליה און מיט איר וואוקס אין משך פון יאָר. זינט ס'איז אויפגעשטעלט

געוואָרן די מדינת ישראל, אין מיטן מאַי, מיט קנאַפּע אַכט מאָנאַטן צוריק, זיינען אין לאַנד אַריינגעקומען העכער הונדערט מיט זעקס טויזנט עולים. אין די לעצטע פיר מאָנאַטן אַליין זיינען אַריינגעקומען איבער צוויי און זיבעציק טויזנט. און דאָס איז נאָר אַ קליינע התחלה.

עס שטייען נאָך אונז פאַר אַ סך שוועריקייטן — אינערלעכע און אויסער־לעכע. אונזערע שונאים — דוקא צווישן די אַראַבישע פעלקער — האָבן זיך ניט מיאש געווען פון פלאַן אומצושטירצן מדינת ישראל און איר אַרמיי. מיר וועלן נאָך פיליכט דורכגיין שווערע עקזאַמענס אין אונזער טאָפּלטן געראַנגל — דעם מיליטערישן און דעם פּאָליטישן. די שוועריקייטן זיינען אָבער ניט נאָר פון דרויסן. ווער נאָך ווי די עולים, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין דעם דאָזיקן גרויסן יאָר אין לאַנד, ווייסן וועגן די שווערע אַבסאָרבירונגס־ווייען. מיר שטייען פאַר אונטערנעמונגען, וואָס קיין שום מדינה אין דער וועלט האָט אַזעלכע ניט געוואוסט: מיר דאַרפן אַבסאָרבירן אַן עליה, וואָס איז פילפאַך־גרעסער פון דעם פאַראַנענעם ישוב אין לאַנד. מיר דאַרפן פאַרבויען וויסטע־נישן, וואָס זיינען פילפאַך־גרעסער פון דעם באַזעצטן שטח. די געביטן, וואָס אונזער אַרמיי האָט באַפרייט אין נגב און אין גליל, וועלן מיר קענען אויפ־האַלטן ניט מיטן כוח פון דער אַרמיי, נאָר מיט מיליאָנען קאָלאָניסטן. די גרענעצן פון אונזער לאַנד וועלן פאַרזיכערט ווערן ניט מיט אינטערנאַציאָ־נאַלע באַשלוסן און פרידנס־טראַקטאַטן, נאָר מיט אַ קייט פון זידלונגען — פון בויער און שיצער — וואָס וועלן צונויפקייטלען אונזער לאַנד פון איין עק צום אַנדערן.

דער קליינער קיבוץ־גליות אינערהאַלב צבא הגנה לישראל — די קעמ־פענדע חברישקייט פון די זין פון דעם פאָטערלאַנד און די זין פון די גלות־לענדער — האָט אין דעם גרויסן און אַלטן בוך פון אונזער געשיכטע אריינ־געשריבן א נייעם און וואונדערבאַרן קאַפּיטל — אַ קאַפּיטל וועגן דער גבורה פון ישראל אויפן שלאַכט־פעלד — וואָס וועט פיליכט שטיין אין איין שורה מיט די גרויסע און פראַכטפולע קאַפּיטלען פון דער גבורה פון ישראל אין די טעג פון יהושע בן־נון, פון די מלכים פון יהודה און פון די חשמונאים.

פון אייראָפּע זיינען צו אונז געקומען פרייוויליקע פון איין און צוואַנציק לענדער: איטאַליע, בולגאַריע, בעלגיע, גריכנלאַנד, דייטשלאַנד, האָלאַנד, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, יוגאָסלאַוויע, נאָרוועגן, ענגלאַנד, עסטרייך, פּוילן, פראַנקרייך, רוסלאַנד, רומעניע, שווייץ, שוועדן, שפּאַניע.

פון אַמעריקע — פון פערצן לענדער: צפון־אַמעריקע, אורוגוואַי, אַרגענ־טינע, בראַזיל, טשילי, מעקסיקע, ניקאַראַגואַ, עקוואַדאָר, פּאַנאַמאַ, פּערו, קובאַ, קאָסטאַ־ריקאַ, קאָלומביע, קאַנאַדע.

פון אפריקע — פון צען לענדער: דרום־אַפריקע, אַלזשיר, אַביסיניע, טוניס, טריפּאָליטאַניע, מצרים, מאַראָקאָ, קאָנגאָ, קעניע, ראָדעזיע.

פון אַזיע — פון פינף לענדער: אינדיע, בורמאַ, טערקיי, כינע, תימן.

עס זיינען אויך געקומען פרייוויליקע פון אויסטראַליע און ניו־זילאַנד: צוזאַמען: 52 לענדער.

אָבער כדי צו פֿאַרווירקלעכן אונזער אידעאַל — דעם אידעאַל פֿון פֿולן קיבוץ־גלויות, וואָס צוליב אים זיינען מיר געוואָרן אַריינגעצוואונגען אין איצ־טיקן קריג, וועט זיך פֿאָדערן אַ גרעסערע און מער דויערנדע גבורה: די גבורה פֿון פּיאָנערן פֿון אַרבעט, התישבות, וויסנשאַפֿט און אויפֿבוי, וואָס וועלן פֿרוכט־באַר מאַכן די וויסטעניש, וועלן באַהערשן די נאַטור־מאַכטן, וועלן לאָזן שטראָ־מען וואַסער צום מדבר, וועלן באַדעקן די בערג פֿון ישראל מיט וועלדער, וועלן צונויפֿזאַמלען די נדחי ישראל פֿון אַלע עקן וועלט, וועלן בויען דערפֿער און שטעט פֿאַר די מיליאָנען צוריקגעקערטע, וועלן הערשן איבער די ימים פֿון דעם לאַנד און זיינע הימלען און וועלן איינפֿירן שלום און וואוילשטאַנד, פֿרייהייט און גערעכטיקייט אין מדינת ישראל.

און פּונקט אַזוי ווי עס האָט ניט פֿאַרפֿירט אייער קאַמפּס־גבורה, — פּונקט אַזוי וועט ניט אַנטוישן אייער שעפֿערישע קראַפֿט.

ו׳ בטבת תש״ט — 1949 .7 .1

# די נגב־אַקציע

(אין זיכערהייטס־קאָמיטעט).

די נגב־אַקציע, וואָס פֿאַרענדיקט זיך היינט, גלייך אַזוי ווי די דרום־אַקציע, מיט צוויי מאָנאַטן צוריק, איז צווישן אַנדערן פֿאַראורזאַכט געוואָרן דורך דעם אָפּזאָג פֿון די מצרים, אויסצופֿירן די פֿאַראָרדענונגען פֿון די יו־ען־באַאָבאַכטערס. לויט דער פֿאָדערונג פֿון דעם זיכערהייטס־ראָט פֿון דעם 16־טן נאָוועמבער, האָבן ביידע צדדים, מיר און די מצרים, געדאַרפֿט אָנהייבן שלום־פֿאַרהאַנדלונגען. די מצרים האָבן זיך צוערשט צוריקגעהאַלטן, נאָר פֿאַר זיין רייזע קיין אַמעריקע האָט אונז באַנטש געמאָלדן, אַז די מצרים זיינען מסכים צו פֿירן פֿאַרהאַנדלונגען; דערביי האָט ער אונז געבעטן, אַז מיר זאָלן מסכים זיין צו אַ שטופּנווייזער עוואַקואַציע פֿון דעם מצרישן מיליטער פֿון פֿאַלודזשע. מיר האָבן מסכים געווען בתנאי, אַז ביידע זאַכן זאָלן געמאַכט ווערן פּאַראַלעל — די שטופּנוויזע עוואַקואַציע און די פֿאַרהאַנדלונגען וועגן שלום, דאָס הייסט — מיר וועלן דערלויבן די ערשטע שטופּע פֿון עוואַקואַציע, און באַלד דערנאָך וועלן זיך אָנפֿאַנגען די פֿאַרהאַנדלונגען. מיטן פֿאָרשריט פֿון די פֿאַר־האַנדלונגען וועט קומען אַ צווייטע שטופּע פֿון דער עוואַקואַציע.

אַ יו־ען־באַאָבאַכטער האָט אונז דאַן איבערגעגעבן אַ נייע פֿאָדערונג פֿון די מצרים: אַז אין דער ערשטער שטופּע זאָלן זיי עוואַקוירן אַ העלפֿט פֿון זייער אַרמיי. מען האָט אונז ניט אינפֿאָרמירט, וויפֿיל זעלנער געפֿינען זיך אין פֿאַלודזשע — האָבן מיר ניט מסכים געווען. מיר האָבן פֿאָרגעשלאָגן, אַז

אין דער ערשטער ריי זאָל מען אַרויספירן די פאַרוואונדעטע און עס זאָל זיך אָנהויבן דער משא־ומתן. אויב די פאַרהאַנדלונגען וועלן פאַרגעזעצט ווערן — וועט קומען די צווייטע שטופע פון דער עוואַקואַציע.

באַנטש האָט געהאַלטן, אַז אונזער שטעלונג איז אַ ריכטיקע און אַ גע־רעכטע. אָבער נאָך דעם אַפּאַר פון באַנטש האָט אונז איבערגעגעבן דער יו־ען־באַאָבאַכטער, ריילי, אַ נייע מצרישע פאָדערונג, וואָס האָט פאַקטיש באַדייטעט, אַז זיי האָבן חרטה אויפן גאַנצן ענין. די מצרים האָבן געמאָלדן, אַז אַלס פאַרבאַדינגג צו די שלום־פאַרהאַנדלונגען זעען זיי די אויספירונג פון די זיכערהייטס־ראַט־באַשלוסן פון דעם 4־טן נאָוועמבער וועגן אונזער צוריק־טריט צו די פראָנט־ליניעס פון פאַר דער דרום־אַקציע אין אָקטאָבער און אונזער עוואַקואַציע פון באר־שבע. עס איז באַקאַנט, אַז אין אונזער ענטפער צום זיכערהייטס־ראַט האָבן מיר אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע פאָדערונגען (הגם די אָפּאָזיציע־צייטונגען אין לאַנד האָבן דערציילט דעם היפּך דערפון). מיר האָבן שריפטלעך געמאָלדן דער יו־ען, אַז אין דער נייער פאָדערונג פון די מצרים זעען מיר אַן אָפּזאָג צוצוטרעטן צו שלום־פאַרהאַנדלונגען און אַ צוריק־ווייזונג פון די זיכערהייטס־ראַט־באַשלוסן פון דעם 16־טן נאָוועמבער; מיר מוזן זיך דעריבער איבערלאָזן פרייהייט פון טאַט, כדי צו פאַרשנעלערן דעם שלום און כדי צו פאַרטיידיקן אונזערע שטחים אין נגב.

די מיליטערישע אַקציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן דעם 23־טן דעצעמבער און דעם 7־טן יאַנואַר, האָט דערגרייכט ביידע צילן אין איינעם: 1) די מצרים, וואָס זיינען געשלאָגן געוואָרן דורך אונזערע מילי־טערישע כוחות, האָבן געמאָלדן וועגן זייער גרייטקייט צו רעדן מיט אונז וועגן שלום; 2) דער גאַנצער נגב איז באַפרייט געוואָרן פון מצרישן מיליטער. מיר האָבן אָפּגעשטויסן די אינוואַזיע־כוחות פון ביר־אַסלודזש און אודזשאַ־אל־כאַ־פיר ביז אַריבער דער גרענעץ; דער שאָסיי פון באר־שבע ביז צו דער גרענעץ פון מצרים איז אינגאַנצן אין אונזערע הענט, און אַרום און אַרום געפינט זיך ניט מער קיין מצרישער זעלנער. אונזער אַרמיי איז דערגאַנגען ביז צו אל־אריש און אַבו־אַגילאַ אין דעם האַלב־אינזל סיני.

די דאָזיקע אַקציע איז געווען פאַרבונדן מיט אומגעהויערע שוועריקייטן פון טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע. דער איינציקער וועג צום דרום פון נגב איז מיטן שאָסיי באר־שבע — אל־אודזשא, אָבער דער דאָזיקער שאָסיי איז געווען אין די הענט פון דעם מיצרישן מיליטער. מיר האָבן געמוזט דערפינדן נייע טראַנספּאָרט־וועגן אין די מדבריות, וואו עס האָט קיינמאָל ניט געטראָטן קיין אייזערנער רייטוואָגן. דאָס האָט געפאָדערט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט ביים פירן מאַטעריאַלן און צורעכט מאַכן די זאַמדן, אַז טאַנקן זאָלן דאָרטן קענען דורכגיין. די צייט איז געווען קורץ, און מיר האָבן ניט געקענט באַווייזן דורכ־צולייגן אַ וועג אין די זאַמדן — האָבן מיר די זאַמדן באַדעקט מיט אייזערנע נעצן. אין דער דאָזיקער אַקציע האָבן די סאַפּיאָרן־קאָמאַנדע און די טראַנס־פּאָרט־קאָמאַנדע געשפּילט אַ דעצידירנדע ראָלע.

גוואַלדיקע שוועריקייטן זיינען אויך געווען מיט אַפּראָוויזאַציע. די שלאַכטן האָבן זיך דאָסמאָל געפירט אין פעלצער, וואָס זיינען אַמווייטסטן פון אונזערע באַזעס. מיר האָבן געמוזט צושטעלן ריזיקע קוואַנטומס פון עסנוואַרג, ברען־שטאָף און אַמוניציע אויפן פאַל טאָמער וועלן אָפּגעשניטן ווערן אונזערע קאָמוניקאַציע־ליניעס. מיר האָבן דעריבער געמוזט סעקוועסטרירן אַ סך ציווילע אויטאָמאָבילן — הגם אין לאַנד האָט מען ביזן לעצטן מאָמענט ניט געוואוסט וועגן דער אַקציע. דער טראַנספּאָרט פון דער אַפּראָוויזאַציע איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, ווייל פון צפון־זייט איז דאָ אַ שאָסיי נאָר ביז צו בריר. פון בריר ביז צו סעד, אויפן שאָסיי עזה — באר־שבע, איז דער וועג געווען אַ שלעכטער. עס איז אויך גראד געגאַנגען אַ גוס־רעגן אין די טעג, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר דער אַקציע, און דער גאַנצער שטח איז געווען אַ פאַרפּלייצטער. מען האָט געמוזט שלעפּן די אויטאָמאָבילן מיט טראַקטאָרס, אָבער אויך דער טראַקטאָר האָט ניט געקענט דורכגיין.

די מצרים זיינען געווען אויסערגעוויינלעך גוט פאַרפעסטיקט, און מיר האָבן געוואוסט, אַז אָן אַן איבערראַשונג וועלן מיר זיי ניט בייקומען. מיר האָבן געמאַכט אַ פסיידאָ־אָנגריף אויף עזה, כדי אָפּצוציען אַהינצו מצרישע כוחות פון נגב. אָבער אויך אויפן עזה־אָפּשניט האָבן די מצרים געהאַט גרויסע כוחות, באַוואָפנטע מיט טאַנקן און שווערע האַרמאַטן. נאָכדעם ווי מיר האָבן איינגענומען עטלעכע פאַרפּאָסטנס אין דער געגנט פון עזה איז אונז אַנטקעגן געקומען אַ באַדייטנדע פאַרשטאַרקונג פון מצריש מיליטער, און אונזער 13־ער רעגימענט — איינער פון די בעסטע — איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דעם הויפּט־כוח. דער רעגימענט האָט געמוזט אָפּטרעטן מיט שווערע פאַרלוסטן: 13 געהרג׳עטע, 25 פאַרוואונדעטע, 0־ פאַרלאָרן־געגאַנגענע.

די שלאַכטן נעבן עזה האָבן געדויערט 4 טעג, און די מצרים האָבן געגלויבט, אַז אונזער ציל איז — עזה. אונזער עיקר־אַקציע, קעגנאיבער אודזשאַ, איז איינמאָל אָפּגעלייגט געוואָרן, ווייל אין דעם באַשטימטן טאָג איז פּלוצים אַראָפּ אַ שווערער רעגן אין דער געגנט פון באר־שבע. אויף צומאָרגנס האָבן מיר אַטאַקירט און באַלד איינגענומען אַל־אודזשאַ, דערנאָך — ביר־אסלודזש, — און דער שאָסיי איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די מצרים. אַ גרויסער טייל פון דעם פיינטלעכן מיליטער איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, און אַ טייל איז אַנטלאָפן. צווישן די געפאַנגענע געפינען זיך עטלעכע הויכע אָפיצערן. זיי האָבן אונז געזאָגט, אַז עס איז זיי אפילו אויפן געדאַנק ניט אַרויף, אַז מיר וועלן אָנגרייפן פון מזרח־זייט, ווייל דאָרטן איז ניטאָ קיין דורכגאַנג, און דער געביט איז אַ זאַמדיקער און פעלזיקער.

דריי טעג נאָכן אָנהויב פון דעם אָנגריף זיינען מיר אַריבער די גרענעץ פון סיני, און אויף צומאָרגנס האָבן מיר דערגרייכט אַבו־אַדזשילאַ — אַ קרייץ־פונקט, פון וועלכן עס פאַרצווייגן זיך די וועגן קיין איסמאַאיליע — צו דרום, אל־אריש — צו מערב, רפיח — צו צפון־מערב, באר־שבע — צו צפון־מזרח.

נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרכאַפּט אבו־אַדזשילאַ איז ביי די מצרים פאַר־בליבן נאָר איין קאָמוניקאַציע־ליניע: די באַן־ליניע. אָבער אונזערע עראָפּלאַ־נען האָבן דערפאָלגרייך אַטאַקירט אויף די מצרישע באַן.

אונזער מיליטער איז געגאַנגען פאָראויס אין דער ריכטונג פון אַל־אַריש און איז געקומען ביז צום מצרישן אַעראָדראָם.

גלייכצייטיק האָבן אונזערע כוחות אין צפון פון נגב אַטאַקירט די „קעשענע" פון פאַלודזשע. מיר האָבן געלאָזן אין גאַנג האַרמאַטן און קריגס־עראָפּלאַנען. איינער פון אונזערע רעגימענטן האָט זיך דורכגעריסן צו איראַק־מאַנשיע. ער האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַ שווערער קאָנטער־אַטאַקע מצד דעם מצרישן מיליטער אין פאַלודזשע, און מיר האָבן געהאַט שווערע פאַרלוסטן. עס זיינען געטראָפן געוואָרן אַן ערך 120 זעלנער, און פון זיי אַן ערך 70 — גע׳הרג׳עטע. די מצרים האָבן צוריק פאַרנומען איראַק־מאַנשיע. אָבער מיר האָבן פאַרגעזעצט די באַלאַגערונג, און פאַלודזשע איז דורך אונז ווייטער באַשאָסן געוואָרן.

די האַלטונג פון די מצרים אין פאַלודזשע דערוועקט כבוד. זייער אָפּראַ־וויזאַציע גייט אויס ווי אַ ליכט, זייער לאַגע איז אַ פאַרצווייפלטע — און דאָך גיבן זיי זיך ניט אונטער.

אין דער נגב־אַקציע האָבן זיך באַטייליקט אַלע דריי אָרעמס פון אונזער מיליטער: די אַטאַקע האָט זיך אָנגעהויבן פון ים און פון דער לופט. אונזער פלאָט האָט באַשאָסן דעם מצרישן ברעג — און הגם עס זיינען געווען טעטיק מצרישע וויט־שיסנדיקע ברעג־באַטעריעס, זיינען אונזערע שיפן ניט גע־טראָפן געוואָרן. — אונזער פלאָט האָט אונטערגענומען פאַטרול־רייזעס ביז צו די ברעגן פון פאָרט־סאַאיד, און האָט זיך ניט אָנגעשטויסן אויף מצרישע שיפן.

אונזער לופט־קראַפט האָט געמאַכט אַ תל פון דעם מצרישן לופט־כוח און האָט אים כמעט פאַראַליזירט. בלויז איין מאָל זיינען דערשינען 6 פיינטלעכע עראָפּלאַנען — נעבן פאַלודזשע; איינער פון זיי איז אַראָפּגעשאָסן געוואָרן, צוויי — געטראָפן, און דריי זיינען אַנטלאָפן. נאָכדעם ווי מיר האָבן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט אַראָפּגעשאָסן עטלעכע עראָפּלאַנען — איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער מצרישער לופט־כוח.

די מצרים האָבן דאַקעגן געקעמפט מיט אַ גרויסן כוח אויף דער יבשה.

אויף יענער זייט גרענעץ, אין דעם געביט פון סיני, זיינען מיר געשטאַנען פאַר אַ געפאַר פון אַ צוזאַמענשטויס מיט די בריטישע כוחות, וועלכע געפינען זיך דאָרטן; אונזער מיליטער האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג צוריקצוקערן זיך פון אַבו־אַדזשילאַ מיטן צוועק איינצונעמען רפיח און דאַדורך אָפּצושניידן דאָס מצרישע מיליטער אין עזה.

נעבן רפיח איז דאָ אַ קרייז־אַרטיקע נעץ פון שאָסייען. איינער פון די שאָסייען פאַראייניקט רפיח מיט אודזשאַ; ער געפינט זיך ניט אין אונזער געביט — ער שניידט איבער די גרענעץ צווישן אונז און סיני, און אין דער פאָרם פון אַ האַלבן בויגן דערגייט ער ביז צו רפיח.

ווען אונזער אַרמיי איז אָפּגערופן געוואָרן פון יענער זייט גרענעץ, האָבן מיר איר פאַראָרדנט, אַז אויב עס וועט איר — צוליב דער אַקציע קעגן רפיח — אויסקומען אַריבערצוגיין דעם אודזשאַ־רפיח־שאָסיי אין דעם מצרישן שטח — זאָל עס געטאָן ווערן. די מצרים זיינען אָבער געווען זייער פּאַרפּעסטיקט און זייער שטאַרק אויף דער ליניע עזה־רפיח, און הגם מיר האָבן פאַרכאַפּט עטלעכע פאָרפּאָסטנס, איז אונז ניט געלונגען, אָפּצושניידן עזה און איינצונעמען רפיח. די מצרים האָבן דאָ געקעמפט מיט גרויס פאַרביסנקייט, זיינען געווען באַוואָפנט מיט אַ מאַסע שווער געווער און זייער פייער איז געווען אויסערגעוויינלעך עפעקטיוו.

היינט, צוויי אַזייגער בייטאָג, דאַרפן זיך אָפּשטעלן די קאַמפן. היינט וועט זיך אין ניו־יאָרק פאַרזאַמלען די קאָמיסיע פונם זיכערהייטס־ראַט כדי פעסטצושטעלן דעם פאַקט — צי איז דער באַפעל וועגן דער פייער־פויזע אויסגעפירט געוואָרן צי ניין. די מצרים האָבן געמאָלדן, אַז „אויב די פייער־פויזע וועט ווירקלעך אויסגעפירט ווערן דעם פינפטן יאַנואַר, וועט די רעגירונג פון מצרים גרייט זיין צו פאַראָרדענען אירע פאָרשטייער, צוצוטרעטן באַלד צו פאַרהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון ישראל וועגן אויספירן די באַשלוסן פון דעם זיכערהייטס־ראַט פון דעם 4־טן און 16־טן נאָוועמבער 1948".

די דאָזיקע מעלדונג איז אונז דורך דער יו־ען איבערגעגעבן געוואָרן נאָך דער צייט, וואָס די מצרים האָבן באַשטימט. די פאַרשפּעטיקונג איז פאַר־אורזאַכט געוואָרן דורך דעם, וואָס די מצרישע מעלדונג איז געשיקט געוואָרן פון קאַיר צו דער יו־ען אין ניו־יאָרק; די יו־ען האָט זי איבערגעוויזן פון ניו־יאָרק צו אירע פאַרטרעטער אין חיפה, און ביז זי איז דערגאַנגען צו אונז, איז אַריבער די צייט, וואָס די מצרים האָבן באַצייכנט. די יו־ען האָט אונז דאַן געפרעגט, צי זיינען מיר גרייט אָפּצושטעלן דאָס פייער דעם 6־טן נאָוועמבער, און מיר האָבן געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, בתנאי אַז מיר זאָלן באַצייטנס באַקומען אַ מעלדונג פון דער מצרישער רעגירונג, אַז אויך זי איז גרייט אָפּצושטעלן דאָס פייער צו דער זעלבער צייט און צוטרעטן צו פאַרהאַנדלונגען. די קאָנטאַקט־שוועריקייטן צווישן אונז און די מצרים האָבן אָפּגעלייגט די קעגנזייטיקע הסכּמה אָפּצושטעלן דאָס פייער — ביז היינט, צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג.

מיט דער מצרישער הסכּמה אָפּצושטעלן דאָס פייער איז געגעבן געוואָרן די ערשטע דעקלאַראַציע פון אַן אַראַבישער מדינה וועגן שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט דער רעגירונג פון ישראל. די דאָזיקע מעלדונג האָט אַלזאָ אַ פּאָליטישע באַדייטונג, וואָס ברעכט זיך אַרויס פון דער ראַם פון אַ לאָקאַלן קאָנפליקט. ביז איצט האָבן אַלע אַראַבישע מדינות גע׳טענה׳ט, אַז זיי ווילן ניט אָנערקענען די מדינת־ישראל און זיינען ניט גרייט צו קיין שום משא־ומתן. איז אָט איצט געקומען מצרים, די גרעסטע, אַראַבישע מדינה, און האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז זי איז גרייט צו פירן פאַרהאַנדלונגען. אמת, זי האָט דערמאָנט די באַשלוסן פון 4־טן נאָוועמבער, וועלכע פאָדערן צוריקצו־

טרעטן צו די פריערדיקע פראָנט־ליניעס און צו פאַרלאָזן באר־שבע, אָבער זי האָט אויך דערמאָנט דעם באַשלוס פון 16־טן נאָוועמבער, וועלכער אַנט־האַלט ניט די דאָזיקע פאָדערונגען און וועלכער פאַרפליכטעט אויסדריקלעך אָנצוהייבן פאַרהאַנדלונגען וועגן שלום. עס איז קלאָר, אַז עס קומט בכלל ניט אין באַטראַכט, אַז מיר זאָלן צוריקטרעטן צו די פריערדיקע ליניעס און אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן באר־שבע; פאַקטיש פאַרבלייבט גילטיק דער באַשלוס פון דעם 16־טן נאָוועמבער, וועלכער פאַרפליכטעט צו אַ משא־ומתן וועגן וואָפנ־שטילשטאַנד און שלום.

כל זמן דער משא־ומתן האָט זיך ניט אָנגעהויבן, איז ניטאָ קיין זיכער־קייט, אַז דאָס וועט צושטאַנדקומען; אָבער די עצם דעקלאַראַציע ציגט אַן איבערברוך, און אויב דער משא־ומתן וועט פאָרקומען, וועט עס פּילייכט זיין אַ גרונטזעצלעכער איבערברוך. פאַרלויפיק קענען מיר באַצייכענען, אַז די צוויי הויפּט־צילן פון דער אַקציע זיינען דערגרייכט געוואָרן: 1) די באַ־פרייאונג פון דעם גאַנצן נגב; 2) די פאַרשנעלערונג פון די אונטערהאַנדלונ־גען וועגן שלום.

# אַנשטאָט אַ סך הכול

(אַריינפיר צום בוך „ממאורעות למלחמה" * פון יוסף אוליצקי)

די געשיכטע פון דער הגנה, וואָס ווערט דערציילט אין דעם דאָזיקן בוך, איז באַשרענקט אין רוים און אין צייט. דאָ ווערט ניט דערציילט די געשיכטע פון דער הגנה אין לאַנד בכלל, נאָר בלויז אין איין ראַיאָן: תל־אביב און איר אומגעגנט. און דאָ איז ניט די געשיכטע פון דער הגנה פון זינט איר אַנטשטיי־אונג — פון די טעג פון תל־חי און ווייטער, נאָר פון אַ קורצן פעריאָד — פינף אַ האַלבע חדשים: פון סוף נאָוועמבער 1947 ביז צום 14־טן מאַי 1948,— פון צומאָרגנס פון באַשלוס פון יו־ען־פלענום וועגן דער אויפשטעלונג פון אַ אידישער מדינה און ביז צום טאָג פון פראָקלאַמירן די מדינה.

אָבער פון דעם גורל פון דער הגנה אין דעם דאָזיקן באַגרענצטן געביט און אין דעם דאָזיקן קורצן צייט־אָפשניט איז געווען אָפהענגיק דער גורל פון דעם אידישן ישוב. דער ראַיאָן פון תל־אביב האָט געדינט אַלס צענטער פון דעם אידישן כוח אין לאַנד. דער תל־אביבער מענטשן־מאַטעריאַל האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן ניט נאָר תל־אביב און איר אומגעגנט, נאָר אַלע טיילן פון לאַנד, און די תל־אביבער יוגנט איז געשיקט געוואָרן אין יענע טעג צו די דערפער פון גליל, די וויסטעניש פון דעם נגב און די בערג פון ירושלים — די סאַמע עמפּפינדלעכסטע, געפערלעכסטע פלעצער. עס איז אוממעגלעך געווען אויפ־

*) פון די געשעענישן צו מלחמה.

צוהאַלטן די קאָמוניקאַציע און פּאַרטיידיקן די איזאָלירטע פּונקטן אין דעם גליל העליון און די אומגעהויערע שטחים פון דעם דרום אָן דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון תל־אביב, — און די באַשיצונג פון תל־אביב האָט באַדייטעט — באַשיצן דעם ישוב און דאָס לאַנד. דער פּעריאָד, וועלכן עס באַהאַנדלט דאָס דאָזיקע בוך, איז געווען אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד פון פרעמדער מאַכט צו אידישער זעלבסטשטענדיקייט, פון אונטערגרונט־הגנה צו צבא־הגנה־לישראל, און פון פּאַרטיידיקן זיך קעגן באַנדעס — צו קריג מיט רעגולערע אַרמייען. די געשעענישן — פּאָליטישע און מיליטערישע — וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט נאָך דעם 14־טן מאַי 1948, זיינען געווען מער דראַמאַטישע און רייכער אין רעזולטאַטן איידער די הגנה־אַקציעס אין די פינף און אַ האַלבע חדשים פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה; מיר וואָלטן אָבער ניט צוגעקומען צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה און צו דער אויפשטעלונג פון צבא־הגנה־לישראל, ווען ניט דאָס, וואָס די הגנה — אין באַדינגונגען פון אונטערגרונט און קעגנאַיבער אַ פרעמדער און מערסטנטיילס פיינטלעכער מאַכט — האָט באַוויזן פעסט צו האַלטן דעם פראָנט און אין דעם סאַמע גאַנג פון פּאַרטיידיקונג, זאַמלען נייע כוחות, אויסשטאַטן זיי, אויסשולן און צוגרייטן זיי צום אַנטשיידענדן היסטאָרישן געראַנגל — די פּאַרמעסטונג מיט די אַראַבישע אַרמייען.

די מעכטיקע אַקציעס פון צבא הגנה־לישראל נאָך דער אינוואַזיע האָבן ווי פאַרטונקלט די הגנה־אויפטוען פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה — און דאָס איז פאַרשטענדלעך. די וועלט־געשיכטע ווייס ניט פון אַ סך ביישפּילן פון קאַמפן פון ווייניקע קעגן פילע, ווי דער קאַמף פון דער יונגער מדינת־ישראל. די 61 טעג פון שלאַכטן צווישן צבא־הגנה־לישראל און די אַראַבישע אַרמייען (די ערשטע צוויי אַקציעס אין פאַרלויף פון 37 טעג, פון דעם 14־טן מאַי ביזן 11־טן יוני און פון דעם 9־טן יולי ביזן 18־טן יולי — קעגן אַלע אַראַבישע אַרמייען צוזאַמען, — אין צפון, מזרח און דרום. — די לעצטע דריי אַקציעס, אין משך פון 24 טעג, קעגן איינצעלנע פיינט: צוויי מאָל קעגן דעם מצרישן מיליטער — די דרום־אַקציע, פון דעם 15־טן ביזן 22־טן אָקטאָבער, און די נגב־אַקציע פון דעם 23־טן דעצעמבער ביזן 7־טן יאַנואַר; און איינמאָל, פון דעם 22טן אָקטאָבער ביזן 31־טן אָקטאָבער — קעגן קאַוקאַדזשי, אין גליל) האָבן געענדערט דעם גורל פון לאַנד, און ניט אין אַ קלייניער מאָס — דעם גורל פון דעם גאַנצן נאָענטן מזרח; זיי האָבן אויסגעבריייטערט די גרענעצן פון מדינת ישראל אין צפון, מזרח און דרום; זיי האָבן אונז געגעבן אַן אויסגאַנג צום ים־סוף און האָבן פאַרזיכערט און פאַרפעסטיקט אונזער צוטריט צו ירושלים. מיט איייניקע אייגנשאַפטן אָבער פאַלט ניט אַראָפּ די האַלטונג פון דער הגנה אין משך פון די $5\frac{1}{2}$ מאָנאַטן פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, אַנטקעגן די אַקציעס פון צבא־הגנה־לישראל: מיט גבורה, איבערגעגעבנקייט און פריייוויליקייט. אין דער געשיכטע פון דער הגנה, פון זינט די תל־חי־טעג, זיינען אַריינגעשריבן געוואָרן אַ סך גבורה־

קאַפּיטלען, וואָס וועלן אויף אייביק פאַרבלייבן אין זכרון פון דעם אידישן פאָלק: אין די יאָרן 1920, 1929, 8—1936; אין די טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער קיינמאָל האָט זיך פון דער הגנה ניט געפאָדערט אַזאַ הויכע, געשפּאַנטע אָנשטרענגונג, ווי אין דעם פּעריאָד פון איבערגאַנג פון דער מאַנדאַט־מאַכט צו דער אידישער מדינה, און קיינמאָל האָט אַזוי ניט געגלאַנצט די גבורה פון דער הגנה און איר אויסטערלישע אָרגאַניזירטקייט, ווי אין די דאָזיקע טעג פון אַנטשיידונג.

ניט פאַרמינערנדיק מיט גאָרנישט דעם היסטאָרישן, פּאָליטישן און מי־ליטערישן ווערט פון די אָפּעראַציעס פון צבא־הגנה־לישראל אין די 61 טעג פון זיינע מעכטיקע טאָטן, שיינט מיר, אַז אונזערע זיכערהייטס־כוחות האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ פון זייער מאָראַלישער העלדישקייט דוקא אין די 5½ מאָנאַטן פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה און צבא־הגנה־לישראל. יעדער איינער, וואָס וויל באַגרייפן דעם „נס" פון דער מדינה, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין פלאַם־פייער און אין שטורעם פון שלאַכטן, אין דעם פּאָליטישן און אַדמיניסטראַטיוון תוהו־ובוהו, וואָס די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אונז איי־בערגעלאָזן, ווען דער גאַנצער אידישער ישוב איז געווען אויסגעשטעלט אויף הונגער, שווערד און באָמבאַרדירונגען — וועט גאָרנישט פאַרשטיין, אויב ער וועט ניט קענען לערנען דעם קוואַל, פון וועלכן דער אידישער ישוב האָט געשעפּט זיין העלדישקייט און פעסטקייט אין די גרויסע און ביטערע טעג פון „ערב מדינה" — די אומלעגאַלע הגנה, וואָס האָט פאַרגעברייט די האַלטונג פון ישוב אין די גורל־טעג פון נסיון און האָט אָנגעזאָגט די בשורה פון דער אַנטשטייאונג פון צבא־הגנה־לישראל, וואָס האָט געבראַכט דעם פאָלק זעלבסט־שטענדיקייט און כבוד.

די גאַנצע וועלט איז געווען איבערראַשט און באַצויבערט פון דער האַל־טונג פון דער אינגסטער אַרמיי אין דער וועלט, וואָס איז אַנטשטאַנען ווי איבערנאַכט, — איר האַלטונג קעגנאיבער דער אינוואַזיע פון רעגולערע אַר־מייען פון זעקס אַראַבישע מדינות און אירע גלענצענדע דעראָבערונגען אין דעם טאָל פון ברעג ים, אין די צוגאַנגען פון ירושלים, אין די וויסטענישן פון דעם נגב און אין די בערג פון גליל. די טאָטן פון דער דאָזיקער יונגער אַרמיי וועלן זיכער פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער מיליטערישער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט און וועלן זיך אָנשליסן אָן די פּראַכטפולסטע קאַפּיטלען פון דער אידישער געשיכטע. אָבער דאָס דאָזיקע מיליטער איז ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, נאָר איז אַרויסגעוואַקסן פון די הגנה־כוחות, וואָס האָבן זיך אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן געגרייט און זיינען געשטאַנען אין אַ פייער־פּראָבע און בלוט־פּראָבע, און וואָס אין די לעצטע מאָנאַטן פון דער מאַנדאַט־מאַכט האָבן זיי מכשיר געווען זיך און דעם ישוב צו דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דעם 14־טן מאַי.

די הגנה האָט ניט פאַרמאָגט די מיטלען, וועלכע זיינען שפּעטער געגעבן געוואָרן דעם צבא־הגנה־לישראל. ביז צו די לעצטע 5—6 וואָכן פון דער

מאַנדאַט־מאַכט האָט די הגנה ניט געהאַט קיין איינציקן האַרמאַט. דער ים איז געווען אונטער אַן עפעקטיווער בלאָקאַדע פון דעם בריטישן פלאָט, און צו־שטערער־שיפן פון דער מאַנדאַט־רעגירונג האָבן אומאויפהערלעך פּאַטרולירט די ברעגן פון תל־אביב און חיפה. ווען עס האָבן זיך סוף נאָוועמבער אָנגע־הויבן די געשעענישן, זיינען געווען אין לאַנד — לויט ווי עס האָט מיר געזאָגט דער הויך־קאָמיסאַר — ניט ווייניקער פון פינף און זיבעציק טויזנט בריטישע זעלנער, אויסגעשטאַטעטע און באַוואָפנטע אויפן בעסטן אופן — אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט; אויסער דעם זיינען נאָך געווען טויזנטער בריטישע און אַראַבישע פּאָליציאַנטן, און דערצו נאָך אַ גרענעץ־וואַך, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז אַראַבער, און דאָס אַלץ אויסער דעם אַראַבישן לעגיאָן, וואָס איז אין זיין גרעסטן טייל געווען לאָקירט אין לאַנד.

אין דער צייט, וואָס די רעגירונג האָט פאַרמאַכט די אויגן אויף דער אינוואַזיע פון באַוואָפנטע באַנדעס פון סיריע און איראַק, — און דער הויך־קאָמיסאַר האָט מיר דערקלערט, אַז „ער איז ניט אימשטאַנד" צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די אַראַבישע באַנדעס, — זיינען די אויגן פון דער פּאָליציי און פון דער אַרמיי געווען אָפן און האָבן געזוכט „דאָס אומלעגאַלע געווער" פון דער אידישער זעלבסטשוץ. אין יעדע טעג איז געווען כמעט אויסגעשלאָסן ניט נאָר צו ברענגען דורך קאָנטראַבאַנדע געווער פאַר דער הגנה פון אויס־לאַנד, נאָר אויך דאָס איבערפירן געווער פון איין פּונקט צו דעם אַנדערן איז געווען פאַרבונדן מיט אומגעהויערע שוועריקייטן און מיט געפאַרן, און עס האָט זיך געפאָדערט דערצו גרענעצלאָזע מסירת־נפש מצד אַלע די, וואָס האָבן געהאַט דערמיט אַ שייכות: די אַרבעטער פון די געווער־וואַרשטאַטן, די מאַגאַזינערן, די שאָפערן און די חברים פון דער הגנה, באַזונדערס — חברות פון דער הגנה, וואָס פלעגן איינשטעלן זייער לעבן ביים איבערפירן געווער פון די באַהעלטענישן צו די באַשטימונגס־פּלעצער.

די הגנה האָט געהאַט אַ פאַראָרדענונג, אָפּצוהאַלטן זיך פון פאַרפלאָנטערן זיך מיטן בריטישן מיליטער, ווייל עס איז געווען קלאָר אַז די העכסטע פּראָבע וועט ערשט קומען נאָכן ליקווידירן דעם מאַנדאַט — ווען מיר וועלן געשטעלט ווערן דירעקט קעגן דער אינוואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען. די הגנה איז אויך געווען פאַרפליכטעט אָפּצוהאַלטן זיך — ווי ווייט מעגלעך — פון פּאַ־נאַנדערצובלאָזן דאָס פייער. מיר האָבן געדאַרפט געווינען צייט און גרייטן זיך צום אַנטשיידענדיקן פאַרמעסט. טראָץ דעם, וואָס מיר זיינען געווען אַ מינדערהייט אפילו אין פאַרגלייך מיט די אַראַבער פון ארץ ישראל אַליין, איז אפילו אויף קיין רגע ניט געווען קיין ספק, אַז אויב מיר וועלן בלייבן פּנים אל פּנים נאָר מיט די אַראַבער פון ארץ ישראל — איז ניטאָ קיין שום מורא און קיין שום געפאַר פאַר אונזער עקזיסטענץ.

און הגם די הגנה איז געבליבן טריי צו איר טראַדיציע — ניט אָנצו־גרייפן און ניט צו פאַרטשעפּען, ווייל זי האָט באַדינט אַ ישוב, וואָס האָט שטענ־דיק געשטרעבט צו שלום און געזוכט צוזאַמענאַרבעט מיט זיינע שכנים —

איז די הגנה, נאָך אויך פאַר דער אַנטשטייאונג פון צבא־הגנה־לישראל, ניט געגאַנגען אין דעם וועג פון דעפענסיווע — אין פאַל ווען עס איז איר אויפ־געצוואונגען געוואָרן אַ קאַמף, נאָר זי פלעגט שטורעמען די צענטרען פון די באַנדעס, כדי זיי צוצושטערן און פאַרניכטן; דערביי פלעגט די הגנה געניי אונטערשיידן צווישן רואיקע און פאַסיווע אַראַבישע ישובים און צווישן אַגרעסיווע, אָדער אַזעלכע וואָס פלעגן מיטאַרבעטן מיט די באַנדעס.

דער אַנגריף אויפן ישוב אין פאַרלויף פון די 5½ מאָנאַטן פון פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, איז ניט געקומען אומדערוואַרטעט, און די הגנה איז געווען גרייט דערצו; זי האָט אויך געהאַט אַ פאַרטיקן טעטיקייטס־פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן לאַנג פאַרן אויסברוך פון די „גע־שעענישן". דאָס איז ניט געווען דער פּלאַן, לויט וועלכן עס האָט געהאַנדלט צבא־הגנה־לישראל. די אינוואַזיע פון די רעגולערע אַרמייען פון די אַראַבישע לענדער האָט, נאַטירלעך, פאַרפּליכטעט צו אַ גאַנץ אַנדער פּלאַן, — אַזאַ, וואָס די הגנה וואָלט ניט געקענט רעאַליזירן; עס האָבן זיך אויך געפאָדערט אַנדערע מלחמה־כלים, — וואָס זיינען ניט געווען און האָבן ניט געקענט זיין אין די הענט פון דער הגנה כל זמן דאָ האָט זיך געפונען אַ פרעמדע מאַכט. אָבער נאָך לאַנג פאַר די געשעענישן האָט די הגנה אויסגעאַרבעט אַ טעטיקייטס־פּלאַן, וואָס האָט זיך אונטערשיידט פון די הגנה־פּלענער פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, — אַ פּלאַן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די באַדינגונגען און דיווירקלעכקייט פון דעצעמבער 1947 — מאַי 1948, דאָס הייסט — דאָס לעצטע האַלבע יאָר פון דער מאַנדאַט־מאַכט. דער עיקר־אונטערשייד צווישן דעם דאָזיקן פּלאַן און די אַלע פריערדיקע פּלענער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאַסמאָל איז לגמרי פון חשבון אויסגעשלאָסן געוואָרן די מאַכט, אַלס אַ כוח וואָס איז באַרופן צו שיצן דעם אידישן ישוב. — פון יאָר 1920 ביז צו 1938 האָט זיך דער שוץ פון דעם ישוב באַזירט אויף דער פאַראויסזעצונג, דאָס די אַדמיניסטראַציע פון לאַנד איז פאַרפּליכטעט צו זאָרגן פאַר דער זיכערהייט און צו שיצן דעם ישוב אַנטקעגן אַראַבישע אָנפאַלן, — מערנישט די אידישע ישובים אַליין דאַרפן זיך קענען אַליין פאַרטיידיקן ביז עס וועט אָנקומען די הילף פון דער רעגירונג. אָבער דער לעצטער פּלאַן פון דער הגנה, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אין דער צייט פון דעם ווייסן בוך, האָט אינגאַנצן אויס־געשלאָסן עווענטועלע הילף מצד דער רעגירונג. דער רעגירונגס־פאַקטאָר האָט געשיינט אין בעסטן פאַל צו זיין נייטראַל, אויב ניט פיינטלעך און שטע־רעריש. דער „פּלאַן" האָט אויך פאַראויס אָנגענומען, אַז דער ישוב איז עלול אָנגעגריפן צו ווערן ניט נאָר דורך די אַראַבער פון ארץ־ישראל, נאָר אויך דורך פרעמדע באַנדעס, וואָס וועלן אַריינדרינגען פון די שכנותדיקע לענדער, מיט־נעמענדיק פון דאָרטן אויסשטאַטונג און געווער. דער פּראַקטישער הויפּט־אויספיר פון דער נייער פאַראויסזעצונג איז געווען דאָס, וואָס עס גענוגט ניט צו פאַרזיכערן לאָקאַלן שוץ פאַר יעדן איינציקן „פּונקט" — אין דאָרף און אין שטאָט — נאָר מען דאַרף אויך פאַרזיכערן די קאָמוניקאַציע צווישן די ישובים, די עלעקטרי־ליניעס, דאָס וואַסער און די עקאָנאָמישע מקורות פון

דעם אידישן ישוב; דאָס הייסט — ניט נאָר לאָקאַלע פאַרטיידיקונג, נאָר פאַרטיידיקונג פון גאַנצן געביטן.

אויף אַזאַ אופן איז דאָס לאַנד פאַרטיילט געוואָרן אויף גרעסערע און קלע־נערע און נאָך קלענערע געביטן (גליל, נפה, איזור), אַלס טעריטאָריאַלע הגנה־איינהייטן, און אויך די הגנה־מיטגלידער (דער מענטשן־מאַטעריאַל) איז פאַרטיילט געוואָרן, לויט דעם עלטער און אויסשולונג, אין 1) וואַך־חיל (חיל־משמר: חי״ם), אין דעם עלטער פון 26 ביז 40 יאָר און נאָך עלטער, פאַר לאָקאַלער, סטאַטישער פאַרטיידיקונג, און 2) פעלד־חיל (חיל־שדה: חי״ש), אין אַ אינגערן עלטער, פאַר טעריטאָריאַלע פאַרטיידיקונג. צו די צוויי זיינען צוגעקומען די שטורעם־אָפּטיילונגען (פּלמ״ח) — דער איינציקער מאָביליזיר־טער כּוח, וואָס איז געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון דער הגנה טאָג און נאַכט, לויט דער ערשטער פאָדערונג, וואָס זיינע מענטשן האָבן באַקומען די סאַמע בעסטע אויסשולונג, וועלכע איז נאָר מעגלעך געווען פאַר דער אַנטשטיי־אונג פון צבא־הגנה־לישראל.

די ערשטע אויפגאַבע פון דער הגנה איז געווען — זיכערהייט פאַר יעדן אידישן ישוב און פאַר די קאָמוניקאַציע־וועגן פון דעם ישוב; אָבער אין די אינטערעסן פון דער זיכערהייט פון דעם ישוב האָט זיך די הגנה ניט באַגנוגנט מיט דעפענסיווע מיטלען. דער כּוח פון דער הגנה, און באַזונדערס חי״ש און פּלמ״ח, איז געווען איינגעשטעלט אויף אָפענסיווע־האַנדלונגען קעגן די צענטערן פון די באַנדעס אין דאָרף און אין שטאָט; און אין אַ ריי פון אַזעלכע אַקציעס, וואָס זיינען אונטערגענומען געוואָרן נאָך פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן דער קריגס־גייסט, דער גייסט וואָס האָט שפּעטער באַזעלט דעם צבא־הגנה־לישראל און האָט אים געבראַכט די נצחונות און די דעראָבערונגען.

אין די דאָזיקע אָפענסיווע־אָפּעראַציעס איז דורכגעריסן געוואָרן דער וועג קיין ירושלים (אָפּעראַציע „נחשון") — אין אָנהויב אַפּריל, עס איז איינ־גענומען געוואָרן כּמעט גאַנץ ניי־ירושלים, עס זיינען באַזיגט געוואָרן די באַנ־דעס אין חיפה, יפו, טבריה און צפת, און די הגנה האָט באַהערשט די דאָזיקע צענטערן נאָך איידער די מאַנדאַט־רעגירונג האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די באַמיאונגען פון דער הגנה — וואָס האָבן געפאָדערט א סך פאַרשטאַנד און איינגעהאַלטנקייט — אָפּצוהאַלטן זיך פון סכסוכים מיטן בריטישן מיליטער, זיינען געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג דורך די דאָזיקע דעראָבערונגען.

די אויפגאַבע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער הגנה אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד צווישן דעם 30־טן נאָוועמבער 1947 און דעם 14־טן מאַי 1948, איז פולשטענדיק אויסגעפירט געוואָרן: אַלע אידישע פונקטן זיינען פאַרבליבן אין אונזערע הענט ביז צו אַ טאָג אָדער צוויי טעג פאַר דער איינ־וואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען; די אידישע קאָמוניקאַציע איז ניט איבער־געריסן געוואָרן, הגם זי איז ערנסט געשטערט געוואָרן — טראָץ די אויס־דריקלעכע צוזאָגן פון דער רעגירונג, אַז כּל זמן די ענגלענדער זיינען אין לאַנד, וועט אָפּגעהיט ווערן די זיכערהייט אויף די וועגן. נאָך אין די ערשטע

מאַנאַטן פון די „געשעעניש ן" זיינען הגנה־כוחות אַריינגעדרונגען אין אַגרע־סיווע אַראַבישע ישובים, — צווישן זיי אויך דערפער, וואָס געפינען זיך ווייט פון אידישע ישובים. — פון ירושלים, יפו און חיפה האָבן די אַראַבער אָנגע־הויבן צו אַנטלויפן באַלד אין אָנהויב פון די געשעענישן: אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער. וואָס שטאַרקער די געשעענישן — אַלץ מער אַראַבער זיינען אַנטלאָפן; עס זיינען געלאָפן אויך בעדואינער און פעלאַכן, און דאָס אין אַ צייט, וואָס קיין שום אידישער ישוב איז ניט פאַרלאָזט געוואָרן, אפילו ניט איזאָלירטע און ווייט־ליגנדע פונקטן. און טראָץ דער פיינטלעכער פּאָליטיק און פּראַקטיק פון דער צופאַלנדיקער מאַכט, איז דער ישוב בשלום דערגאַנגען צום גרויסן און אַנטשיידנדן טאָג אין דער אידישער היסטאָריע: צום 14־טן מאַי 1948. נאָכמער: דער ישוב איז אַריין אין דער אידישער מדינה מיט אַ צוגאָב: חיפה, יפו, טבריה און די נייע ירושלים, — זיי אַלע אין אידישע הענט. דאָס איז געווען די אַרבעט פון דער הגנה.

ווי אַזוי און מיט וואָס האָט זיך די הגנה געהאַלטן אין דעם דאָזיקן גורל־דיקן פּעריאָד?

ביז צום אויסברוך פון די געשעענישן האָט די הגנה געהאַט בלויז ביקסן, האַלב־אויטאָמאַטן אויטאָמאַטן, קוילנוואַרפער, הויביצעס פון 2 אינטש און פון 3 אינטש, רעוואָלווערן, גראַנאַטן און מאָלאָטאָוו־פלעשער. דאָס דאָזיקע געווער איז געווען פאַרטיילט אין די פונקטן — פאַר לאָקאַלער פאַרטיידיקונג; אין די ראַיאָנען — פאַר חי"ש; פאַר באַוועגלעכער פאַרטיידיקונג — פלמ"ח; אין די שטעט — פאַר כלערליי באַדערפנישן; אין צענטער — פאַר לאַנד־באַדערפנישן.

מיט דעם דאָזיקן קנאַפּן געווער איז נאָך אויך שווער געווען צו באַנוצן זיך, ווייל מען פלעגט אים מוזן האַלטן אין שטרענג־מאַסקירטע באַהעלטענישן; עפענען אַזאַ באַהעלטעניש איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות, גלייך ווי עס איז געווען געפערלעך איבערצופירן דאָס געווער פון איין אָרט צום אַנדערן. די געווער־זוכונגען אויף די וועגן — וואָס פלעגן געמאַכט ווערן אין קעגנזאַץ צו די הבטחות, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן דער אידישער אַגענץ — האָבן געשטעלט אונטער אַ שווערער געפאַר דעם אידישן טראַנספּאָרט, פון וועלכן עס איז געווען אָפּהענגיק די עקזיסטענץ פון דעם ישוב. עס זיינען געווען ניט ווייניק פאַלן, ווען די בריטישע פּאָליציי פלעגט זיך שטעלן אָפן אויף דער זייט פון די אַראַבישע פּאַגראָמשטשיקעס און פלעגט דירעקט שטערן דער הגנה.

פרעגט זיך: ווי אַזוי זשע האָט זיך די הגנה געהאַלטן? — אין דעם דאָזיקן בוך וועט דער לעזער געפינען דעם ענטפער. דער ענטפער איז: מיט קרבנות־גרייטקייט, איבערגעגעבנקייט און גבורה פון טויזנטער חברים און חברות פון דער הגנה; קרבנות־גרייטקייט און איבערגעגעבנקייט אָן אַ גרענעץ און אָן קיין שום אָפּצאָל — ניט מאַטעריעלער אָפּצאָל און ניט אַ פּרעמיע פון לויב אָדער ראַנגע. אויסער אַ קליינעם אַפּאַראַט, וואָס האָט געאַרבעט אויף געהאַלט, זיי־נען אַלע הגנה־מיטגלידער געווען טעטיק אַלס פרייוויליקע; זיי האָבן עס

געטאָן באַשיידן, אין הייליקער אַנאָנימקייט, וואָס ווייס ניט פון קיין לויב־געזאַנגען, אויסצייכענונגען, פּובליקאַציעס, ערן־טיטלען, געזעלשאַפטלעכע דאַנקבאַרקייט; זיי האָבן עס געטאָן, דערפילנדיק אַן אינערלעכע געוויסן־פליכט, אַ הייליקע פליכט, פאַר וועלכן אַ מענטש גיט אָפּ זיין לעבן פּשוט און צניעותדיק, אַלס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַלס אַ נאַטירלעכער עקזיס־טענץ־געבאָט, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט סאַטיספאַקציע און וואַרט ניט אויף קיין אָפּצאָל — ניט קיין מאַטעריעלן און ניט קיין גייסטיקן. דאָס איז געווען די ספּעציפישקייט און דער כּוח, דער יסוד פון דער גבורה און פון די נצחונות פון דער הגנה: פרייוויליקייט — טריי ביז צום סוף — אָן אַ תּנאַי, אָן אַן אַנטשעדיקונג און אָן אַ פּרייז.

די אָרגאַניזאַציע פון דער הגנה איז געווען אַ בונד פון פרייוויליקע, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיט זייער אויפגאַבע אויף לעבן און טויט, זיינען גע־שטאַנען אויף דער וואַך טאָג און נאַכט, אין דאָרף און אין שטאָט; און צום דאָזיקן בונד האָבן אויך געהערט זעכצניאָריקע אינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געדינט, אַלס לויפער און פאַרבינדער; צו אים האָבן אויך געהערט מענטשן אין עלטער פון 50 און העכער, וואָס פלעגן שטיין אין דער פייער־ליניע — אומדערמידלעך און אומאויפהערלעך.

צבא הגנה לישראל, וואָס איז געווען טעטיק ניט אין באַדינגונגען פון אונטערגרונט און וואָס הינטער אים איז געשטאַנען אַן אַנערקענטע און מער־ווייניקער אָרגאַניזירטע רעגירונג, האָט איבערגעשטיגן די הגנה מיט אויס־שולונג, אויסשטאַטונג, אָרגאַניזאַציע און פיזישע און מאַטעריעלע ווירק־זאַמקייט. אָבער אפילו צבא הגנה לישראל און קיין שום אַנדער אַרמיי אין דער וועלט האָט ניט איבערגעשטיגן די הגנה מיט קרבנות־גרייטקייט און אי־בערגעגעבנקייט. און דעם דאָזיקן גרויסן פאַרמעגן, וואָס די הגנה האָט אונז איבערגעלאָזן, דאַרף מען אָפּהיטן ניט נאָר, אַלס אַ טייערן אָנדענק פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַלס שטענדיקן דערציערישן ווערט, אַ זעלטענעם, אומ־שאַצבאַרן, רעזולטאַט־פולן ווערט. ביים ליכט פון דעם דאָזיקן ווערט דאַרף מען דערציען די יוגנט, דאָס פאָלק און צבא־הגנה־לישראל. — דאָס איז דאָס פאַרמעגן פון פרייוויליקייט, פון איבערגעגעבענער טריישאַפט צום זי־כערהייטס־דינסט און צום אויפבוי פון פאָטערלאַנד.

נאָכן אויפשטעלן די מדינה האָבן מיר געשאַפן נייע אינסטרומענטן און אָרגאַנען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אונזער גאולה־אידעאַל, אָבער די דאָזיקע אינסטרומענטן וועלן ניט האָבן קיין ווערט אויב מיר וועלן ניט אויפ־האַלטן און פאַרטיפן די חלוצישע פרייוויליקייט — די נשמה פון דער הגנה.

און די חברים פון דער הגנה — אויך די, וואָס צוליב פאַרשיידענע אומ־שטענדן קענען זיי מער ניט דינען אין די זיכערהייטס־אָרגאַנען פון דער מדינה — וועלן פון איצט אָן האָבן אַ וויכטיקע באַשטימונג: לאָזן דעם הגנה־גייסט ווירקן אין אַלע אונטערנעמונגען פון דער מדינה און איינפירן די אייגנשאַפטן פון פרייוויליקייט — אין דער יוגנט, אין פאָלק, אין צבא הגנה לישראל.

טבריה, ז׳ בניסן תש״י — 1950 .25 .3

# וועגן די זין, וואָס זיינען געפאַלן

זיי אַזוי גוט און גיב איבער אַלע חברים פון דער קבוצה מיין הייסן דאַנק פאַר דער טייערער מתנה „כנרת בימי מבחן״ *). נאָכדעם ווי דו ביזט אַוועק־געגאַנגען, איבערלאָזנדיק מיר דעם בוך, בין איך געזעסן און געלעזן דעם גאַנצן אָוונט. און איך בין טיף דערשיטערט, גלייך ווי איך וואָלט צום ערשטן מאָל געהערט וועגן דער מלחמה פון ישראל און וועגן די וואונדער־קינדער, וואָס האָבן זיך מיט אַן איינערלעכן שטורעם און מיט אַ פריידיקן שאַלן זיך געלאָזן צו דער עקדה, וואָס האָבן מיט אומשולדיקער, באַשיידענער גבורה איינגעשטעלט זייער לעבן — פאַר דער פרייהייט פון דעם פאָטערלאַנד און פון דעם פאָלק, וועלכע זיי האָבן אַזוי ליב געהאַט.

אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק זיינען מיר ניט באַקאַנט גבורה־רעקאָרדן און מענטשן־פראַכט, מער דערהויבן פון די, וואָס האָבן זיך אַנט־פּלעקט אין דעם לעבן און טויט פון די זמירס און דן׳ס און גור׳ס און זייערע מערערע חברים אין ירדן־טאָל, אין עמק־יזרעאל, אין די הויכקייטן פון גליל, אין די וויסטעניש פון דעם נגב, אין די בערג פון ירושלים, אין חיפה און אין תל־אביב. זייערע קורצע, וואונדערבאַרע לעבנס־קאַפּיטלען פון אַרבעט, לער־נען, שפּילן און שלאַכטן — זיינען ווי אויסגעטאָקטע אין אַ וואונדערלעכער לעגענדע אין דער פאַנטאַזיע פון אוראַלטע זעער און פּאָעטן, און עס גלויבט זיך קוים, אַז זיי אַלע זיינען קינדער פון אַ נאָענטער, לעבעדיקער ווירקלעכ־קייט, און אַז אָט דאָ, נעבן אונז, צווישן אונז, אין אונזערע טעג — האָבן זיי געלעבט, געשטיפט, געווירקט און אַרויפגעשטיגן ביז צום העכסטן שפּיץ פון דער גבורה פון מענטש אויף דער ערד, — אָט די אַלע טייערע זין און טעכטער, וואָס מיר האָבן זיי געקענט פון קינדוויַיז אָן.

פאַרשטעלט פון פרעמדע אויגן, און אפשר באַהאַלטן פון זיי אַליין, זיינען אין די דאָזיקע יונגע לייבן פון ישראל געווען פאַרבאָרגן אוצרות פון אומשולד און רייץ, גבורה און ליבע, צאַרטקייט און מוט, — און אפשר האָבן נאָר די מאַמעס אַליין געהאַט אַ בלאַסע אַנונג דערפון. און ווען עס איז געקומען דער גרויסער, ביטערער און אַנטשיידענער מאָמענט — האָבן די איינגלעך אויפגע־שטורעמט מיט מוט, און פון דער פאָטערלאַנד־עקדה האָט אַראָפּגערונען זייער ריין בלוט, זייער בליענד לעבן איז פאַרשניטן געוואָרן אין זייער ערשטן שפּראָץ, און זייער יוגנט־שיין איז אויסגעלאָשן געוואָרן — צוליב דער פריי־הייט פון ישראל...

---

*) „כנרת אין טעג פון נסיון״.

אָבער דער גלאַנץ פון זייער גבורה וועט לעבן אייביק און די פּראַכט פון זייער יונג־פאַרשניטן לעבן וועט אַריבערלייכטן פאַר די קומענדע דורות.

„אַ סך און רייך זיינען געווען די האָפענונגען", וואָס די מאַמע האָט גע־פלעגט, „אָבער אויפן אָרט פון אַלע אירע האָפענונגען איז געבליבן בלויז אַ קופּע שטיינער".

ניין, ניט נאָר קופּעס שטיינער, טייערע מאַמעס, וואָס איר האָט פאַרלאָרן אייער קינדער־קרוין.

איך וועל ניט דערוועגן צו טרייסטן אַ מוטער, וואָס האָט איר קינד פאַר־לאָרן. איך ווייס: עס איז ניטאָ קיין טרייסט צו אָוועקגענומענעם און פאַר־שוואונדענעם לעבנס־פּראַכט. ווער קען עס אַראָפּרעדן דעם וויטאָק פון אַ מאַמע, ווער קען עס פאַרזיסן דעם צער פון איר טרויער און ווער קען היילן איר גרויסן בראָך — ווען, מיט איר אומשולדיקער עניוות און גייסטיקן מוט, באַהאַלט זי דאָס אפילו אויס פון פרעמדע אויגן? אָבער די דאָזיקע ליבהאַר־ציקע זין, וואָס זיינען געפאַלן, האָבן איבערגעלאָזן מער ווי קופּעס שטיינער. זיי האָבן אונז איבערגעלאָזן אַ לעבעדיקע און אומשטערבלעכע ירושה: אַ ירושה פון געשטאַלטן, — געשטאַלטן לויכטנדע, דערציערישע, אויפשטייגנדע און דערהויבענע. די דאָזיקע געשטאַלטן וועלן פאַרבלייבן און וועלן שטראַלן מיט אַ וואונדערבאַר ליכט אויך נאָכדעם, ווען קיינער פון אונזער דור וועט שוין מער ניט זיין ביים לעבן.

פון איבער דער געשטאַלט פון די טייערע אינגלעך און מיידלעך וועלן אַרויסלייכטן די געשטאַלטן פון די עלטערן. די דאָזיקע שטראַלנדע יונגע לייבן פון ישראל זיינען ניט געבוירן געוואָרן פון פעלזן און פון דעמבעס. לייביכעס און לייבן זיינען געווען זייערע עלטערן, אויסדערוויילטע פרויען און דער־הויבענע מענער, און די דאָזיקע טייערע עלטערן — זיי האָבן עס געגעבן זייער דור און זייער פאָלק די זמיר׳ס און דן׳ס און גור׳ס און נאָך אַ סך אַזעלכע, וועמענס ביינער ליגן באַהאַלטן איבערן גאַנצן לאַנד און אויך אין די טיפענישן פון ים. פאַריתומט זיינען געוואָרן מאַמעס, טאַטעס, זייג־קינדער, געליבטע, שוועסטער און אויך חברים און חברות.

ניט פאַריתומט איז אָבער דער דור, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע קינדער און אַזעלכע עלטערן.

ווי הייליק איז די ערד, וואָס די פיס פון די דאָזיקע קעמפער פון ישראל האָבן געטראָטן אויף איר!

---

טייערע חברים, אין דעם בוך, וואָס איר האָט אַרויסגעגעבן, צאַפּלט אַ לעבן פון גבורה, און פון די זאַכן, וואָס ווערן דאָרט דערציילט, רוישט אַרויס עפּעס אַזוינס, וואָס איז טייערער פון לעבן און שטאַרקער פון טויט.

יישר כוחכם.

אייער טרייער חבר

דוד בן־גוריון.

# די כראָנאָלאָגיע פון די געשעענישן

## נאָוועמבער 1947

29 דער באַשלוס פון דער יו־ען וועגן אויפשטעלן א אידישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל.

30 אַראַבישע אָנפאַלן אויף די וועגן. — 7 אידן דערמאָרדעט.

## דעצעמבער 1947

1 דער אַראַבישער העכסטער קאָמיטעט פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־שטרייק אויף 3 טעג.

2 אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס פאַרברענען דעם אידישן האַנדלס־צענטער אין ירושלים.

2—7 אָנפאַלן אויף אידישן טראַנספּאָרט אין דרום.

אומרוען אין געמישטע קוואַרטאַלן אין תל־אביב — יפו און אין ירושלים.

8 אַ מאַסן־אָנגריף אויף שכונת־התקוה (תל־אביב) ווערט אָפּגעשטויסן.

די ענגלענדער ראַטן די אידן צו פאַרלאָזן דעם נגב.

9—16 אָנפאַלן אויף אידישן טראַנספּאָרט קיין ירושלים און צום נגב.

אָנפאַלן אויף איינצעלנע ישובים: נגבה, בן־שמן.

פּאָגראָם אין ירושלים; באַזונדערס — אין דער אַלטער שטאָט.

אָנפאַלן אויף פאַרשטעט אין תל־אביב, אין חולון און אין חיפה.

שטראָף־אַקציעס פון דער הגנה: אין כאַרטיע (נעבן נגבה), אין חיפה, אין טירה און אין בעלעד־אל־שייך.

17—29 די אָנפאַלן אויפן טראַנספּאָרט פאַרשפּרייטן זיך אויך איבערן גליל.

אָנגריפן אויף איזאָלירטע ישובים: נבטים, חלוצה, כפר־יעבץ.

שלאַכטן אין די פאַרבויטע געביטן אין ירושלים, תל־אביב און חיפה.

עס פאַרשטאַרקט זיך דאָס אַנטלויפן פון די אַראַבער פון ירושלים, חיפה און יפו.

די הגנה גרייפט אָן צענטערן פון די באַנדעס אין קאַזאַזע, כאַסאַס, אויפן שאָסיי פון ראַמאַלאַ.

די העפּלה ווערט פאַרגעזעצט (די שיפן: „לא תפחידונו״, „29־ער נאָוועמבער״).

30 מאַסן־מאָרד פון אידישע אַרבעטער אין די ראַפינעריעס אין חיפה (39 הרוגים).

## יאַנואַר 1948

1—8 עס פאַרשטאַרקן זיך די אָנפאַלן אין ירושלים.

עס איז אָנגעגריפן געוואָרן בית־אשל אין נגב.

די העפּלה ווערט פאַרגעזעצט („האומות המאוחדות״).

9 אַ סירישע באַנדע פון יענער זייט גרענעץ האָט אָנגעגריפן דן און כפר־סולד.

10 11 הרוגים נעבן גן־יבנה. רמת־רחל נעבן ירושלים אין אָנגעגריפן.

11 די הגנה האָט אויפגעריסן די בריק פון בנות־יעקב, כדי ניט צו דערלאָזן אן אינוואַזיע.

עס איז אָנגעגריפן געוואָרן כפר־אוריה; איילנדיק צו הילף האָט די הגנה אונטערוועגס איינגענומען בית־פאר.

12—15 אין גליל זיינען איבערגעפאַלן געוואָרן: דן, כפר־סולד, להבות הבשן.
עבד־אל־קאדער חוסייני האָט אָנגעגריפן דעם גוש־עציון.
די אַלטע שטאָט אין ירושלים איז באַלאַגערט.
שטראָף־עקספעדיציעס פון דער הגנה אין די שטעט.

16 אַן אָפּטיילונג פון דער הגנה — 35 מענטשן — איז אינגאַנצן אומגעקומען, איילנדיק צו הילף צו גוש־עציון.

17—25 עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער דרוק אויף אונזערע טראַנספּאָרט־גרופּן, וואָס גייען קיין ירושלים. שלאַכטן אויפן קאַסטעל־באַרג.
אָנגריפן אין יאַזור.
אַ מיליטעריש־אָרגאַניזירטע באַנדע האָט אָנגעגריפן יחיעם.
שטראָף־אַקציעס פון דער הגנה קעגן באַנדעס־צענטרען אין תל־אריש, שפרעם, תמרה, בית־דגון, יפו.
אס הויבט זיך אָן אַ מאַסן־אַריינדרינגונג פון די קעמפער פון דער אַראַבישער „באַפרייאונגס־אַרמיי".

## פעברואַר 1948

1—12 די צאָל פון די אַריינגעדרונגענע קעמפער פון דער „באַפרייאונגס־אַרמיי" דערגרייכט ביז צו פינף טויזנט.
נאָך 500 אַריינדרינגלער קומען אָן קיין טובאַס.
די ענגלענדער עוואַקואירן זיך פון דעם „דרייעק".
עס שטאַרקט זיך דער דרוק אויף די טראַנספּאָרטן קיין ירושלים.
אָנפאַלן אויף דעם הויז פון קרן־קימת אין בית־דגון.
שלאַכטן אין חולון, אין בית־ים און אין ירושלים.
די מאַכט־אָרגאַנען שלאָגן פאָר צו נייטראַליזירן די אַלטע שטאָט אין ירושלים.
די יאָרגענג 19—23 ווערן מאָביליזירט.
די העפּלה ווערט פאַרגעזעצט („ל"ה"; „ירושלים הנצורה").

13 קאָנטער־אַטאַקעס פון דער הגנה אויף אַלע פראָנטן: בית צפפה, יאַזור, דזשעבעליע, פעדזשא, חיפה.

14—15 שלאַכטן אין ירושלים און אין צפת. שטראָף־אַקציעס קעגן די באַנדעס אין סאַסאַ.
די מאָביליזאַציע פון די יאָרגענג 24—25.
הונדערטער אַראַבישע „קעמפער" דרינגען נאָך אַלץ אַריין אין לאַנד.

16—17 אַ מאַסן־אָנגריף אויף טירת־צבי ווערט אָפּגעשטויסן מיט גרויס דערפאָלג. שטראָף־אַקציע אין בית־שאן. די יאָרגענג 26—35 מאָביליזירט.

18 אַן אָנגריף אויף רמת־רחל. אַ מאַסן־מאָרד אין אַ טראַנספּאָרט צום הר הצופים.

19—29 שלאַכטן אין די שטעט; איבערהויפּט — אין חיפה און ירושלים.
די אַראַבער האַלטן נאָך אין איין אַנטלויפן.
אָנפאַלן אויף טראַנספּאָרטן קיין ירושלים, אין גליל און אין דרום.
בריטישע פּאָגראָמשטשיקעס קאָאָפּערירן מיט די אַראַבער: טייוול־מאַשינען זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן קיין ירושלים („פּאַלעסטיין־פּאָסט" און בן־יהודה־גאַס). 50 הרוגים.

דער מאָרד אין „היוצק״־פאַבריק נעבן תל־אביב — נאָכדעם ווי בריטישע זעלנער האָבן אַנטוואָפנט די שוץ־גרופּע און האָבן זי מפקיר געווען צו אַן אַראַבישן המון, וואָס האָט זיך דאָרט פאַרזאַמלט.

די העפּלה ווערט פאָרגעזעצט („בונים ולוחמים״).

מענית און מגדל ווערן אָנגעגריפן.

## מערץ 1948

1—13 שלאַכטן איבער דעם טראַנספּאָרט (נעבן סריס); שלאַכטן אין חיפה; אַן אָנפאַל אויף רמת־נפתלי.

4 אַ שלאַכט נעבן עטרות (17 הרוגים).

6 אַ הגנה־אָנגריף אויף ביר־אַדאַס.

11 עס זיינען אַטאַקירט געוואָרן די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין ירושלים. עס איז צושטערט געוואָרן אַן ענלעכער פאַרזוך אין חיפה.

12 אַ מאַסן־אָנפאַל אויף דעם הויז פון קרן־קימת אין בית־דגון.

14 די הגנה ברעכט זיך דורך אַ וועג צו גת. אויפגעריסן פאַלודזשע.

קאָנטער־אַטאַקעס מצד דער הגנה אין יפו, עין־ראזאַל, גשר, דזשענין.

18 עס ווערט אָנגעגריפן אַ טראַנספּאָרט־גרופּע אויפן וועג צו הר־טוב. — הר־טוב איז באַלאַגערט.

19 אָנגריפן אויף מגדל, עין־חרוד, מקור־חיים; שטראָף־אַקציע קעגן עכו.

20—25 שלאַכטן אין חיפה. עס ווערן אָנגעגריפן המעפיל, הר־טוב, ניצנים און סעדזשערע.

עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער דרוק אויפן טראַנספּאָרט. טראַנספּאָרט־גרופּן אויפן וועג קיין ירושלים ווערן אָנגעגריפן אין שער־הגיא און אין סובאַ; אַ שווערער אָנגריף אויף אַ טראַנספּאָרט קיין עטרות.

26 אַ גרויסע טראַנספּאָרט־גרופּע פון דער הגנה, וואָס איז געגאַנגען קיין כפר־עציון, ווערט אָנגעגריפן אויפן צוריקוועג קיין ירושלים, פאַרפעסטיקט זיך אין נבי־דניאל און ווערט באַלאַגערט.

די אַלטע שטאָט אין ירושלים איז באַלאַגערט.

28 אַ טראַנספּאָרט־גרופּע קיין יחיעם איז שווער אָנגעגריפן געוואָרן (42 הרוגים). דער גליל המערבי איז אָפּגעשניטן.

די העפּלה ווערט פאָרגעזעצט („יחיעם״).

אידישע כוחות גרייפן אָן סאַנדאַלע און יבנה.

נבה־יעקב ווערט אָנגעגריפן.

## אַפּריל 1948

1—4 אַ שלאַכט מיט אונזערער אַ טראַנספּאָרט־גרופּע נעבן חולדה (17 הרוגים). ירושלים איז באַלאַגערט.

בית־אלפא און חפצי־בה ווערן אָנגעגריפן.

עס אָרגאַניזירט זיך די אָפּעראַציע „נחשון״: 1500 מאַן גייען אַרויס איינצונעמען דעם וועג קיין ירושלים.

3 קאַסטעל און סובאַ זיינען איינגענומען געוואָרן דורך אונזערע כּוחות. אונזערע אַק־ציעס אין חיפה.

5 די „נחשון״־אָפּעראַציע ווערט פאַרגעזעצט: די אַראַבישע חולדה און דיר־מוחזין זיינען דורך אונז איינגענומען געוואָרן.

דער שטאַב פון חאסאן סאלאמע אין ראַמלע איז ליקווידירט געוואָרן דורך אַ הגנה־איבערפאַל.

6 די „נחשון״־טראַנספּאָרט־גרופּע ברעכט דורך דעם וועג קיין ירושלים.

5—14 דער משמר־העמק־געראַנגל ענדיקט זיך מיטן דעראָבערן די אַראַבישע דערפער פון דער אומגעגנט.

8 דער קאַסטעל גייט איבער פון האַנט צו האַנט. אויפן קאַסטעל איז גע׳הרג׳עט געוואָרן עבד־אל־קאַדר חוסייני.

9 אָנגריפן אויף להבות־הבשן אין גליל און אויף כפר־דרום אין נגב.

10 דער קאַסטעל איז ווידער אין אונזערע הענט.

11 מיר האָבן איינגענומען דעם דאָרף קאָלאָניע נעבן ירושלים.

12 די העפלה ווערט פאַרגעזעצט („טירת צבי״).

12—16 דער געראַנגל איבער רמת־יוחנן, — שלאַכטן מיט די דרוזן. מיר נעמען איין הושע און קאסייר.

13—16 די אָפּעראַציע „נחשון״ ווערט פאָרגעזעצט. צוויי ריזיקע טראַנספּאָרט־גרופּן קיין ירושלים.

די הגנה ליקווידירט דעם איראַקישן לאַגער אין נחל שורק (וואדי סעראר).

13 אַ בלוטיקער איבערפאַל, נעבן שייך דזשערייך אין ירושלים, אויף אַ גרופּע פון מעדיצינישן פּערסאָנאַל, וואָס איז געפאָרן צום הר־הצופים. עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן צענדליקער דאָקטוירים, באַרעמהערציקע שוועסטער און אוניווערזיטעט־מיטאַרבעטער; צווישן אַנדערע איז דער׳הרג׳עט געוואָרן דער דירעקטאָר פון „הדסה״ — דר. ח. יאַסקי.

אַן אָנגריף אויף גוש־עציון.

15 די הגנה דעראָבערט דעם תל־ליטווינסקי־לאַגער (אין יהודה) און די דייטשישע דערפער וואַלדהיים און בית־לחם (אין גליל).

16 דער זיכערהייטס־ראַט פאָדערט וואָפנשטילשטאַנד.

18 עס פאַרזאַמלט זיך די פאָלקס־פאַרוואַלטונג.

די הגנה דעראָבערט טבריה. די אַראַבער, מיט דער הילף פון דער בריטישער רעגי־רונג, עוואַקואירן זיך פון שטאָט.

20—23 די אָפּעראַציע „הראל״: מיר האָבן איינגענומען בית־סוריק, בית־אַכסאַ, און שאַאפאַט, — מיר האָבן זיי אָבער פאַרלאָזן נאָך דעם דורכפאַל פון אונזער אָנגריף אויף נבי־סמואל.

מיר האָבן איינגענומען די פּאָליציי־געביידע אין אַבו־גאָש.

אַ ריזיקע טראַנספּאָרט־גרופּע איז אויפן וועג קיין ירושלים אָנגעגריפן געוואָרן נעבן סריס.

שלאַכטן אין ירושלים.

24 די הגנה האָט דעראָבערט חיפה. — אַן אַראַבישער אָנגריף אויף בית־רחל.

25 אצ״ל האָט אַטאַקירט מאַנשיע נעבן יפו. — מיר האָבן איינגענומען שייך־דזשעראַך.

26 אונטערן דרוק פון די ענגלענדער האָבן מיר פאַרלאָזן שייך דזשעראַך (אין ירושלים).

24—28 אין גליל המערבי האָט די הגנה איינגענומען: בעלעד־א־שייך, כאַוואַסע, יאַגור, דאמאן; אין גליל המזרחי: די פאָליציי־געביידע אין צמח, נהריים און דעם לאַגער פון ראש־פינה.

28 די הגנה האָט דעראָבערט תל־אריש, סאקיע, היריע; יפו איז אָפּגעשניטן. מיר האָבן פאַרלאָזן תל־אריש.

## מאַי 1948

1—5 די הגנה דעראָבערט סאלאמע און יאַזור.

3 די ענגלענדער פאַרטיידיקן יפו און צווינגען צו פאַרלאָזן יאַזור.

4 אצ״ל האָט דעראָבערט דאָס אַראַבישע דאָרף יהודיה.

1—10 אַן אָפּענסיווע פון דער הגנה אין גליל המזרחי: זי נעמט איין עין־זיתון, ביריה, דעם פראָנט־אָפּשניט פון טבריה און ראש־פינה, די פעסטונג אין צפת.
עס ווערן אָנגעגריפן די ישובים אין גליל: דן, דפנה, מעין־ברוך, כפר־סולד, רמת־נפתלי.

10 די הגנה דעראָבערט צפת. די אַראַבער אַנטלויפן.

1—5 די הגנה דעראָבערט דעם קוואַרטאַל קאטאמאן אין ירושלים.

4—6 די הגנה דעראָבערט אַקיר און קאַטראַ אין דרום.

10 מיר האָבן פאַרנומען די וואַסער־סטאַנציע סריס.

11 מיר האָבן פאַרנומען בית־מחסיר.

12 מיר האָבן איינגענומען אין דרום: באַשיט, בית־דרס, סאוואפיע, בטני, ברקא.

12—13 שלאַכטן אין דעם ראַיאָן פון לאַטרון: מיר האָבן דעראָבערט דעם „ראַדאַר״. קאַאוקאַדזשי געפינט זיך אין לאַטרון.

12 יפו האָט זיך אונטערגעגעבן צו די כוחות פון דער הגנה.

12—13 מעכטיקע אַראַבישע כוחות האָבן אָנגעגריפן און באַזיגט דעם גוש־עציון.

13 מיר האָבן איינגענומען די אַראַבישע כפר־סבא.

14 מיר האָבן איינגענומען אין גליל המערבי: א־זיב, סאַמאַריע, באַצאַ.
אין נגב האָבן מיר איינגענומען בריר.
עס איז פראָקלאַמירט געוואָרן די מדינת־ישראל.

11—15 פאַרניכטונגס־אַקציעס און דעראָבערונגען אין גליל און אין עמק; מיר האָבן פאַרנומען: בית־שאן, ביטאט, אם־אל־זינאת.

13—17 עס זיינען אָנגעגריפן געוואָרן: אין נגב — כפר־דרום און נירים; אין צפון — דן; אין עמק־הירדן — גשר.
עס פאַלן נהרים און צמח. הר־טוב איז פאַרלאָזן געוואָרן. אַ דרוק אויף נוה־יעקב און אויף דער אַלטער שטאָט.

14 מיר האָבן פאַרלאָזן נוה־יעקב און עטרות.

14—15 אונזערע אָנגריפן און דעראָבערונגען אין ירושלים. מיר האָבן איינגענומען אבו־שושא און אל־קובאַב.

15 עס האָט זיך פאַרענדיקט דער בריטישער מאַנדאַט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינוואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען.
מצרישע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט תל־אביב.

16—15 מיליטערישע קאָלומנעס פון מצרים, סיריע, עבר־הירדן און איראַק האָבן זיך פאַראויסגערוקט צו די אַראַבישע געביטן אין ארץ־ישראל.

17 אונזער מיליטער האָט איינגענומען נבי־יושע און תל־אל־קאדי אין גליל. מיר האָבן אויפגעריסן די בריק אויפן ליטאַני. גרופּן פון אונזער אַרמיי זיינען אָנגעקומען קיין ירושלים.

19—18 מיר האָבן איינגענומען דעם הר־ציון און דורכגעריסן זיך צו דער אַלטער שטאָט. עס איז ווידער איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג מיט ירושלים. — עס איז געפאַלן שייך־דזשראַך.

19 אונזער מיליטער האָט פאַרנומען סאראפענד.

24—19 יד־מרדכי איז אָנגעגריפן געוואָרן און געפאַלן. אונזער מיליטער איז אריינגעדרונגען אין דעם געביט פון סיריע.

20 מיר האָבן פאַרלאָזן שער־הגולן און מסדה. דגניה האָט אָפּגעשטויסן אַן אַטאַקע פון די סיריער.
בית־יוסף אין עמק־הירדן און בית־אשל אין נגב זיינען אַטאַקירט געוואָרן.

21 מיר האָבן פאַרלאָזן בית הערבה. — נגבה און בית־אשל ווערן אָנגעגריפן.
אַ אידישע אַטאַקע אויף דער פּאָליציי־פעסטונג אין איראַק־סואידאן איז דורכגעפאַלן.

22 אונזער מיליטער האָט איינגענומען קאַברי, האָט פאַרזיכערט די קאָמוניקאַציע מיט יחיעם און האָט דערגענצט די פאַראייניקונג פון גליל המערבי.

23 מיר האָבן איינגענומען די סטאַנציע ראש־הנקרה אין צפון.
מיר האָבן איינגענומען טאַנטורע.

24 עס איז אָנגעגריפן געוואָרן עין־ורד (אין שרון). — מיר האָבן צוריק דעראָבערט צמח, שער־הגולן און מסדה.

25 אונזער מיליטער האָט אַטאַקירט לאַטרון און איז אָפּגעשטויסן געוואָרן.
עס איז אַטאַקירט געוואָרן נגבה.

26—22 רמת־רחל גייט איבער פון האַנט צו האַנט און בלייבט ענדלעך אונזערע.
עס שטאַרקט זיך דער דרוק אויף דעם הר־הצופים און אויף דער אַלטער שטאָט.
דער „ראַדאַר", וואָס מיר האָבן געהאַט איינגענומען, איז געפאַלן.
עס זיינען אַטאַקירט געוואָרן סאַראַפענד און כפר־אוריה.

28—27 אונזער מיליטער, וואָס האָט אַטאַקירט לאַטרון און איז אָפּגעשטויסן געוואָרן, האָט איינגענומען בית־דזשיז און בית־סוסין און אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אונזער מיליטער אין ירושלימער קאָרידאָר.
די אַלטע שטאָט אין ירושלים האָט זיך אונטערגעגעבן צו די אַראַבער.
גאולים (אין שרון) איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם שונא און צוריק באַפרייט געוואָרן.
אונזער מיליטער האָט איינגענומען כפר־זרעין אין עמק.

29 מיר האָבן איינגענומען כפר־קאָפרע און מאחארקא אין דרום. — די מצרים זיינען אַריין אין אשדוד און אַטאַקירט געוואָרן דורך אונז. — דער מצרישער מאַרש צום צפון איז אָפּגעשטעלט.

30 מיר האָבן איינגענומען ראש־העין (נעבן פתח־תקוה) און מאזאר אויפן באַרג גלבוע.
30—31 באַנייט די שלאַכטן נעבן לאַטרון. די ערשטע טראַנספּאָרטן זיינען דורכגעגאַנגען דורכן „בורמא״־וועג.
31 מיר האָבן איינגענומען מגדו און די פּאָליציי־סטאַנציע אין לאַדזשון (אין עמק). — איינגענומען נוריס (גלבוע).
טאָג־באַפעל אויפצושטעלן צבא־הגנה־לישראל.

## יוני 1948

1—2 דער אָנגריף פון צה״ל אויפן מצרישן קאָרפּוס אין אשדוד איז דורכגעפאַלן.
1—5 מיר האָבן איינגענומען ארנא, דזשעלמא, מוקיבלע. מיר האָבן אָנגעגריפן דזשענין און אָפּגעטראָטן.
די סיריער האָבן אָנגעגריפן דעם גליל העליון.
4 עס איז אָפּגעשטויסן געוואָרן אַן אָנגריף מצד דעם ים אויף תל־אביב.
5 מיר האָבן איינגענומען יבנה און קקון.
6 עס איז געפאַלן מלכיה.
7 עס איז געפאַלן ניצנים. מיר האָבן פאַרנומען אשדוד און געצוואונגען געוואָרן אָפּצוטרעטן.
8 אַ שלאַכט איבער לוביע.
9 דורכגעפאַלן אַן אַטאַקע אויף לאַטרון.
10 די סיריער האָבן איינגענומען משמר־הירדן. — עין־גב און רמת־נפתלי שטויסן אָפּ אַטאַקעס. — גזר איז געפאַלן און צוריקגענומען געוואָרן. אונזער מיליטער האָט געהאַט אַ דורכפאַל אויפן בערגל 69 (אין דער שפלה).
11 געפאַלן די פּאָליציי־סטאַנציע פון ראש־הנקרה. — מיר האָבן איינגענומען בארווא (גליל), פקוע (גלבוע). אַ שלאַכט איבער סעדזשערע.
11 מיר האָבן איינגענומען דזשוליס און דזשוסיר (דרום). אונזער אַטאַקע אויף דער פּאָליציי פון איראַק־סואידאן איז דורכגעפאַלן. — מיר האָבן איינגענומען די פּאָליציי־סטאַנציע פון אַסלודזש (נגב). יהודיה (געווען אין די הענט פון אצ״ל) איז געפאַלן. — די מצרים האָבן פאַרכאַפּט דעם קנופּ־פּונקט פון איראַק־סואידאַן.
11 די ערשטע פייער־פּויזע (ביז צום 8־טן יולי איינשליסלעך).
12 עין־גב און כפר־סולד האָבן אָפּגעשטויסן פיינטלעכע אַטאַקעס.
24 שלאַכטן אין בארווא (גליל המערבי).
27—29 שלאַכטן אין שרון הצפוני און אויפן כרמל.

## יולי 1948

1—6 שלאַכטן אויפן כרמל.
9 פאַרענדיקט די ערשטע פייער־פּויזע. באַנייט די שלאַכטן.
9 אָפּגעשטויסן אַ מצרישן אָנגריף אויף נגבה — באר־טוביה.
10—11 דורכגעפאַלן אונזער אָנגריף אויפן סירישן בריק־קאָפּ אין משמר־הירדן.
10—13 מיר האָבן איינגענומען לוד און ראמלע און זייער אומגעגנט: ענבה, גמזו, וויל־

העלמע, אַעראָדראָם פון לוד, יהודיה, כאַדוטאַ, ראַנטיע, א־טירא, קולא, דיר־טרף, בית־נאבאללא, מגדל־צדק און ראש־העין. מיר האָבן איינגענומען סובא און צרעה.

10—17 מיר האָבן פאַרלאָזן כפר־דרום. — אַטאַקעס אויף די מצרישע ליניעס. — מיר האָבן איינגענומען בית־אַפאַ און איראַק־סואידאַן — און געצוואונגען געווען אָפּצוטרעטן. באַפרייט דעם בלאָק פון כפר־מנחם. מיר האָבן איינגענומען תל־א־סאפו.

10—19 מיר האָבן איינגענומען דעם גליל־התחתון: מאלול, שפרעם, אַבילין, צפורי, עילות, בלאָק לוביע — כפר־קאַנאַ.

נצרת האָט זיך אונטערגעגעבן. געפאַלן פקוע. מיר זיינען אָפּגעטראָטן פון גלבוע.

15—19 אונזערע לופט־כוחות באָמבאַרדירן די אַראַבישע הויפּט־שטאָט.

18—19 מיר האָבן איינגענומען כאטא און כאַרטיע און איבערגעשניטן די מצרישע ליניע מאדזשדאל — בית־גוברין. די מצרים האָבן אַטאַקירט און זיינען דורכגעפאַלן; זיי האָבן זיך פאַרשאַנצט פון דרום צו כאַרטיע.

דורכגעפאַלן אונזער אַטאַקע אויף כוליקאַט און די פּאָליציי־סטאַנציע פון איראַק־סואידאַן.

19 די צווייטע פייער־פויזע (אומבאַגרענעצט אין צייט).

22 די מצרים האָבן פאַרשפּאַרט דעם דורכגאַנג צום נגב.

24 מיר האָבן איינגענומען דעם קליינעם „דרייעק" אויפן כרמל.

## אויגוסט 1948

4—8 שלאַכטן אין ראַיאָן פון ביר־אַסלודזש. — טראָץ די פאַראָרדענונגען פון דער יו־ען פאַרהאַלטן די מצרים דעם דורכגאַנג צום נגב.

## סעפּטעמבער 1948

1 שלאַכטן נעבן מנרה אין גליל. געפאַלן אונזערער אַ פאָרפּאָסטן.

7 מיר האָבן צוריקגענומען דעם פאָרפּאָסטן פון די הענט פון קאַאוקאַדזשיס כוחות.

14 די מצרים האָבן אַטאַקירט תל־קוניטרה (פון צפון צו רוחמה).

22 אַ טראַנספּאָרט, אין באַגלייטונג פון יו־ען פאַרשטייער, איז אויפן וועג צו לאַטרון אַטאַקירט געוואָרן דורכן לעגיאָן.

24 דער שונא האָט איינגענומען דעם פאָרפּאָסטן 219 נעבן דאָרף מודיעין. — אונזער מיליטער האָט אים צוריקגענומען.

## אָקטאָבער 1948

2—9 שלאַכטן אין נגב. די מצרים אַטאַקירן קוניטרה און מחז. — די פאָרפּאָסטנס גייען איבער פון האַנט צו האַנט און בלייבן אונזערע. — גת, רוחמה און דורות זיינען באַשאָסן און באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די מצרים.

15 די מצרים אַטאַקירן אַ טראַנספּאָרט צום נגב. — געעפנט די דרום־אָקציע („מבצע יואב"). — מיר האָבן באָמבאַרדירט מצרישע אַעראָדראָמען. — איבערגעשניטן די מצרישע ליניע צווישן איראַק־מאַנשיע און בית־גוברין. — מיר זיינען אַריינגעדרונגען

אין בית־חנן און מיר האָבן איבערגעשניטן די מצרישע פראָנט־ליניע צווישן עזה און דעם צפון.

16 דורכגעפאַלן אונזער אַנגריף אויף איראַק־מאַנשיע.

17 מיר האָבן איינגענומען דעם פאָרפּאָסטן 113 (קנופּ־פּונקט פון איראַק־סואידאַן).

18 מיר האָבן איינגענומען קאוכאבא און בית־טימא. — דורכגעפאַלן אונזער אַטאַקע אויף כוליקאַט.

19 איינגענומען בית־דזשאמאל און ביר־אַל־האווא. — באַהערשט די בערג פון יהודה (בית־ נאטיף ; ראַס־אבו־אמאר). — דורכגעפאַלן אונזער אַנגריף אויף דעם מצרישן פאָרפּאָסטן אין כאַרטיע. — מיר זיינען אַריינגעטראָטן אין אַ ים־שלאַכט מיטן מצרישן פלאָט.

19—20 איינגענומען כוליקאט און דורכגעריסן דעם וועג צום נגב. — דורכגעפאַלן דער אַנגריף אויף דער פּאָליציי פון איראַק־סואידאַן.

21 מיר האָבן איינגענומען באר־שבע.

22 איינגענומען זאכארין, באנא, קאדנע. — דערטרונקען 2 מצרישע קריגס־שיפן. — קאַאוקאַדזשי אַטאַקירט מנרה און נעמט איין דעם פאָרפּאָסטן שייך־עבד.

23 איינגענומען זאכאריע, אגור. — מנרה אָפּגעשניטן פון אונז.

26—27 איינגענומען בית־גוברין. — די מצרים פאַרלאָזן ניצנים, אשדוד, חממה. — אונזערע כוחות פאַרפעסטיקן זיך אין די דאָזיקע ערטער.

28 איינגענומען קובייבא (אין יהודה).

29 איינגענומען דווימע (אין דרום).

30—31 קאַאוקאַדזשיס כוחות פאַריאָגט פון גליל. אונזער מיליטער איז אַריינגעדרונגען אין לבנון.

## נאָוועמבער 1948

5 מיר האָבן איינגענומען מאדזשדאל און בערבערע און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צו יד־מרדכי.

9 מיר האָבן איינגענומען די פּאָליציי־פעסטונג פון איראַק־סואידאַן.

10 די מצרים האָבן פאַרלאָזן דעם דאָרף איראַק־סואידאַן, בית־אַפּאַ און דעם פאָרפּאָסטן כאַרטיע.

24 מיר האָבן געעפנט דעם וועג צו סדום ; מיר האָבן פאַרנומען כארנאוו און עין־חאַסאָב.

## דעצעמבער 1948

5—8 מיר האָבן אָפּגעשטויסן מצרישע אַטאַקעס.

17 מיר האָבן געעפנט דעם שאָסיי באר־שבע — אודזשא.

23 געעפנט די נגב־אַקציע. אונזערע לופט־כוחות באָמבאַרדירן די מצרישע פּאָזיציעס : אונזער פלאָט האָט באַשאָסן עזה.

26 אַ שלאַכט איבער אודזשא.

27 אונזער פלאָט האָט אַראָפּגעלאָזן אַ דעסאַנט און באַשעדיקט פּאָזיציעס אין רוקן פון פיינט ביי אל־עריש. — מיר האָבן פאַרנומען אודזשא.

28 דורכגעפאַלן אונזער אָנגריף אויפן „טאַש" פון פאַלודזשע.
29 אונזערע כוחות האָבן דעראָבערט אבו־אַדזשילא אויף יענער זייט גרענעץ און זיינען פאָראויסגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון אל־אריש.

## יאַנואַר 1948

1 ים־שלאַכט. דער מצרישער פלאָט איז אַנטלאָפן.
2 אונזערע קרעפטן האָבן פאַרלאָזן די מצרישע טעריטאָריע.
4 מיר זיינען געגאַנגען פאָרויס אין דער ריכטונג פון רפיח.
7 באַפרייט דער גאַנצער נגב. — פייער־הפסקה.

## וואפנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן.

2.24.1949 אונטערגעשריבן דער וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט מצרים.
3.23.1949 אונטערגעשריבן דער וואָפנשטילשטאַנד אָפּמאַך מיט לבנון.
4.3.1949 אונטערגעשריבן דער וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט עבר־הירדן.

*